# שמועל גאָרדאָן



# די אײביקע מאַ[illegible]





שמואל גאָרדאָן

# די אייביקע מאָס

ראָמאַן, דערציילונגען

מאָסקווע
פֿאַרלאַג
„סאָוועטסקי פּיסאַטעל“
1979

С (Евр) 2

דער אַוטאָר פונעם בוך „די אייביקע מאָס“ שמועל גאָרדאָן איז איינער פון די באַדײַטנדיקסטע און אייגנאַרטיקסטע קינסטלער פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור. דער שרײַבער פאַרמאָגט זײַן אייגענעם, באַזונדערן סטיל, אַ רײַכע בילדערישע שפּראַך. ער דרינגט טיף אַרײַן אין דער פּסיכאָלאָגיע פון די העלדן. פאַר גאָרדאָנס שאַפונג איז באַזונדערס אייגנטימלעך דער אינערלעכער מאָנאָלאָג, דער דין־וועכעזשבן, וואָס עס גיבן זיך אָפּ די העלדן, בלײַבנדיק אויג־אף־אויג מיט זיך אַליין. דאָס מאַכט נאָך מער אָנשוילעך און עמעסדיק די אָפּשפּיגלונג פון דער רעאַלערווירקלעכקײַט.

אַ וויכטיק אָרט פאַרנעמען אין שמועל גאָרדאָנס ווערק עטישמאָראַלישע פּראָבלעמען. די דאָזיקע פּראָבלעמען זײַנען אויפגעשטעלט אין צענטער פון זײַן נײַעם בוך „די אייביקע מאָס“. אויסער דעם ראָמאַן אונטערן זעלבן נאָמען זײַנען אין בוך אײַנגעשלאָסן די דערציילונגען „דעם באַלשעמס געסל“, „די איינציקע“, „ליכט“, „מעכילע“ און אַנדערע.

שמועל גאָרדאַן איז באַוווּסט ווי אַ שרײַבער מיט אַ באַזונדערן כוש פאַר דער הײַנטצײַטיקײַט. זײַנע ביכער „צווישן אַזאָווער און שוואַרצן“, „פּאַטריאָטן“, „מילכאָמע־צײַט“, „ביראָבידזשאַנער טוישווים“, „פּרילינג“ און אַנדערע, די רײַזע־בילדער „שטעטלעך“ גיבן אַ בוילעט בילד פון אונדזער לעבן אין מעשעך קימאַט פון אַ האַלבן יאָרהונדערט.

די מערהײַט ווערק פון שמועל גאָרדאָנען זײַנען איבערגעזעצט אין רוסיש און ברייט באַקאַנט דעם אַלפאַרבאַנדישן לייענער.

© *Издательство «Советский писатель», 1979 г.*

Г $\frac{70303-088}{083(02)-79}$ 220—79 4702200000

# די אייביקע מאָס

ראָמאַן

# קאַפּיטל איינס

אַנגעפאָרן זיך א טאָג אף דער זון איבער די דערפער, האָט צירל אף צוריקוועגס ניט איבעריקס געאײַלט זיך ארויסקלײַבן פון וואלד. אפילע דאָרט, ווו ער איז געווען שיטערלעך און ניט געהאט מיט וואָס צו באשיצן פון דער בלענדנדיקער זון, האָט צירל אויך ניט אונטערגעטריבן דאָס פערדל, נאָר געלאָזט, עס זאָל גיין, וויאזוי ס'האָט זיך אים געגלוסט. זי האָט הײַנט ניט וואָס צו יאָגן זיך אזוי אהיים. פריִער ווי צו נאכט וועט כאָנע פון זאוואָד ניט קומען. אין די לעצטע טעג פון כוידעש פארהאלט מען זיך דאָרט שטענדיק איבעריקע עטלעכע שאָ. פאר איר, צירלען, וואָס האָט אויך צו טאָן מיט א פּלאַן, און מיט א גאנץ היפשן נאָך דערצו, איז כאָנעס פארהאלטן זיך סאָף כוידעש אף דער ארבעט א שטיקל אָנלערנונג, אז זי זאָל ניט דארפן די לעצטע טעג יאָגן פון זיך די נעשאָמע. דערווײַל האָט נאָך ניט געטראָפן, אז זי זאָל אף א דרײַ־פיר טעג פריִער ניט געווען האָבן געמאכט דעם פּלאַן, צומאָל אים אפילע איבערגעשטיגן, און אומזיסט קלערט עמעצער, אז דאָס קומט איר לײַכט אָן. זי ווייסט נאָך ניט, ווען פון זיי קומט עס אָן שווערער, — די, וואָס ארבעטן אפן צוקער־זאוואָד, צי איר, וואָס האָט צו טאָן מיט סטראכירן דעם שטעטלשן און דאָרפישן אוילעם. ארומשלעפּן זיך מיטן פערד־און־וועגעלע אזא לאנגן זומער־טאָג, ווי הײַנט, איבער די דערפער, אָנעסן זיך מיט שטויב און זיך אָנריידן ביז הייזעריק צו ווערן — געבן איטלעכן צו פארשטיין, פארוואָס לוינט אים זיך פארסטראכירן, וואָס האָט ער דערפון, און פויעלן, אז יענער זאָל סאָפּקאָלסאָף אײַנגיין אף דעם, — איז עפשער נאָך שווערער, ווי אָפּשטיין א טאָג בא דער מאשין. ביז ניט לאנג צוריק האָט זי אויך געארבעט אפן זעלבן צוקער־זאוואָד, ווו עס ארבעט איר כאָנע, ווייסט זי עס. זי וואָלט נאָך איצט אויך דאָרטן געארבעט, ווען ניט דער נײַער שעף פון דער סטראכיר־אינספּעקציע, זײַוול יעווסייעוויטש האנפּט. צירל קאָן ביז איצט ניט פארשטיין, וואָס האָט אָט דער פרעמדער יונגערמאן, זײַוול האנפּט, וועלכן מע האָט פון ערגעץ ווײַט ארויפגעשיקט צו זיי אין שטעטל, דערזען אין איר אזעלכעס, וואָס ער איז אזוי צוגעשטאנען, אז זי זאָל אריבערגיין צו אים אין קאָנטאָר. פונוואנען האָט ער עס גענומען, ניט קענענדיק זי לאכלוטן, אז זי איז ווי געבוירן פאר דער דאָזיקער ארבעט, און האָט זי נאָכדעם, ווי זיי האָבן זיך באקאנט בא דעם לערער כעסינען, מאמעש די גאס ניט גע־

לאָזט דורכגיין, געקומען אפילע א פּאָר מאָל צו איר אהיים. ער האָט זי אזוי לאנג צוגערעדט און אײַנגערעדט, ביז ער האָט זי סאָפּקאָלסאָף „אריַינגענארט”. עס פאַרדריסט זי אָבער ניט.

די שטעטלעך און דערפער, מיט וועלכע צירל האָט צו טאָן, ליגן מערסטנטייל אף יענער זײַט וואלד. ווי אזוי זי זאָל זיך ניט אָנהאָרעווען פאָרן טאָג, נאָר קוים פאָרט זי אריַין אין אָט דעם גרויסן געדיכטן וואלד, פונוואַנען מע זעט ערטערווײַז קימאַט ניט ארויס דעם הימל, פאַרגעסט זי אין דער היץ, אינעם שטויב, וואָס האָט זיך נאָכגעיאָגט נאָך איר איבער די דאָרפישע וועגן. כאָנע זאָל ניט געווען יעדעס מאָל, ווען זי לאָזט זיך אין וועג, אזוי ציטערן איבער איר און ניט איבערטראכטן דערבײַ גאָט ווייסט וואָס, וואָלט זי אף צוריקוועגס אהיים זיך שטענדיק געשלעפּט דורכן וואלד, ווי זי שלעפּט זיך דורך אים איצט: אָפּגעלאָזט די לייצעס און אינגאנצן נאָכגעגעבן דעם פערדל — ווי אים האָט זיך געגלוסט, אזוי איז עס זיך געגאנגען.

אופגעהערט פילן איבער זיך א באלעבאָס, האָט דאָס פערדל גענומען זיך אָפּטער אָפּשטעלן און געשפּאנט דערנאָך אזוי, ווי עס זאָל זיך געווען פארוועטן מיט דער סאָפּטאָגיקער זון, וואָס האָט זיך פאַרפּלאָנטערט צווישן די הויכע קרוינען פון דיביימער: באַ וועמען פון זיי וועט לענגער גע־דויערן דאָס ארויסקלײַבן זיך פון וואלד. צירלען וואָלט ניט געארט, זי זאָל אָנקומען אין שטעטל צו דער נאכט, ווען כאָנע וועט שוין זײַן אין שטוב, און זי זאָל ניט דארפן האָבן צו טאָן מיט אָנהאָדעווען די אויפעס און מיט באגיסן דאָס גערטנדל, זי האָט ניט ליב זיך אייסעקן מיט דער ווירטשאפט און וואָלט געווען צופרידן, ווען כאָנע הערט אויך אוף האָבן דערמיט צו טאָן. פאַרלאנגען עס אָבער פון אים וועט זי ניט. צײַטנווײַז איז זי אים אפילע מעקאנע, וואָס ער איז שטענדיק מיט עפּעס פארנומען, וואָס נאָך דער ארבעט אפן זאוואָד האָט ער אויך באַ וואָס זיך צו פאַר־געסן. כאָנע האָט זיך אזוי ארײַנגעטאָן אין דער באלעבאטישקײַט, אז ער באמערקט, דאכט זיך, ניט, ווי זי פּײַניקט זיך, אז פון זינט זי איז מיט עט־לעכע וואָכן צוריק געווען אין דער גרויסער שטאָט באַם באַרימטן פּראָ־פעסאָר און יענער האָט אָפּגענומען באַ איר דאָס לעצטע שטיקל האָפע־נונג, וועלכע זי האָט נאָך געהאט, פאָרנדיק צו אים, געפינט זי זיך אין שטוב קיין אָרט ניט.

— וויאָ! — האָט צירל מיטאמאָל גענומען אונטערטרײַבן דאָס פערדל. — וויאָ, גאָלובטשיק! — און שטײַף, ווי באַם פאָרן אראָפּ־בארג, אָנגעצויגן די לייצעס.

ווען דאָס פערדל האָט, אָפּלויפנדיק א שטיקל וועג, געוואָרפן א בליק אף זײַן אָנטרײַבערן, ווי ס'זאָל פרעגן, צי מעג עס שוין ווידער שפּאנען מיט א לאנגזאמען געמאָסטענעם טראָט, איז צירל שוין געווען אזוי ארײַנ־געטאָן אין דורכקוקן די סטראַכיר־פּאפּירן, אז זי האָט ניט גלײַך באַ־מערקט, ווי פון צווישן די ביימער איז ארויס איר אנטקעגן א מענטש, פירנדיק נאָך זיך א וועלאָסיפּעד. צירל האָט אים באמערקט ערשט דעמלט, ווען דאָס פערדל האָט זיך פריילעך צעהירזשעט און שטיין געבליבן.

— זיַוול יעווסייעוויטש? — דאָס, וואָס צירל האָט אין סאַמע געדיכ־טעניש פון וואלד באַגעגנט אומגעריכט דעם שעף אירן, איז גאָר ניט געווען אַזוינס, וואָס זאָל זי קאָנען פאַרווונדערן, און דאָך האָט זי זיך מאָדנע פאַרלוירן. צירל האָט געצילט אויסבאַהאַלטן פון אים די פאַר־לוירנקייט אירע מיט דער באַזונדערער רויִקייט און גלײַכגילטיקייט, מיט וועלכער זי האָט אים געפרעגט:

— ווּהין האָט איר זיך עס אויסגעקליבן אַזוי שפּעט, כאַווער האַנפּט?

— קיין וועדמעדאָוועקע.

צירל האָט אים פאַרכידעשט אָנגעקוקט:

— איך בין דאָך הײַנט דאָרטן געווען.

— איך ווייס, אַז איר זײַט דאָרט הײַנט געווען, כאַווערטע דובראָווינע. איך דאַרף אָבער אַהין צום פּאַרזיצער פון דאָרף־סאָוועט.

עס געדענקט זיך איר ניט, אַז זיַוול זאָל ווען־ניט־איז זיך געווען ווענדן צו איר לויטן פאַמיליע־נאָמען. אפילו באַם פאָטער־נאָמען האָט ער זעלטן־ווען זי אָנגערופן, נאָר, ווי מע איז געוווינט רופן איינער דעם אַנדערן בײַ זיי אין שטעטל, בלויז באַם נאָמען: צירל. וואָס זשע איז אים הײַנט עפּעס אײַנגעפאַלן זי אָנרופן כאַווערטע דובראָווינע? זאָל זײַן, אַז דערפאַר, וואָס אָנשטאָט ווענדן זיך צו אים, ווי אַלעמאָל — זיַוול יעווסייעוויטש, האָט זי אים אָנגערופן כאַווער האַנפּט?

— איך בין דאָ ערגעץ, פאַרנדיק דורכן וואלד, אַרוף אויף אַ צוויאַק צי אויף אַ שטיקל גלאָז און דורכגעלעכערט די שינע פונעם וועלאָסיפּעד. — האַנפּט האָט עס אַ זאָג געטאָן אַזוי, פונקט זי זאָל זײַן דער שעף פון דער קאָנטאָר און ער דער אַגענט, און ער דאַרף זיך פאַר איר באַרעכטיקן, פאַרוואָס ער איז פּלוצעם געבליבן שטעקן אין וועג. — כ'האָב מוירע, אַז כ'וועל מיט אַזאַ שינע ווײַט ניט פאַרפאָרן.

— וועט איר מאָרגן זיך אַראָפּכאַפּן אַהינצו.

— מאָרגן מוז איך זײַן אין אַלעקסייעווקע. כ'קלײַב זיך פון לאַנג שוין אַהין, — זיַוול האָט אָנגענומען דאָס פערדל פאַרן צוים און אָפּגעפירט דאָס וועגל טיפער אין שאָטן. — איצטער זעט איר כאַטש, סאַראַ העזעק איך האָב דערפון, וואָס כ'האָב אײַך, ווי איר רופט עס, אַריבערגענאַרט צו זיך. כ'זאָל געווען נעמען אַ מאַנספאַרשוין אויף אײַער אָרט, און באַ־לאַנים האָבן, דאַכט זיך, ניט אויסגעפעלט, וואָלט מיר געווען אַ סאַך פּאַ־שעטער. כ'וואָלט פּראָסט און פּאַשעט אָפּגענומען באַ אים דאָס פערד־און־וועגעלע און אים אָפּגעשיקט אַהיים אויף מײַן וועלאָסיפּעד. מיט אַ פרויענ־צימער, ווי איר פאַרשטייט אַליין, קאָן איך זיך דאָך אַזוי ניט באַגיין.

— כ'האָב דאָך אײַך גלײַך געהאַט געזאָגט, אַז איר וועט נאָך כאַראָטע האָבן אויף שידעך. נאָר אַזאַ אַכזערטע, איך זאָל אײַך לאָזן קיין וועדמע־דאָוועקע צופוס, בין איך נאָך ניט. נעמט, ביטע, דעם דורכגעלעכערטן וועּ־לאָסיפּעד אײַערן און זעצט זיך מיט אים אַרײַן אין וועגל. איך וועל זיך ווי־ניט־איז דערקלײַבן אַהיים צופוס. ס'איז שוין ניט ווײַט. אַ קילאָמע־טער פיר מיסטאַמע, ניט מער. — און צירל איז פלינק אַרויסגעשפּרונגען פון וועגל.

— זעט, כ'האָב ביז אהער גאָר ניט געוווּסט, אַז איר האַלט מיך פֿאַר אַזאַ אַכזר.

וואָס איז עס הײַנט מיט אים? עפּעס איז ער גאָר ניט ענלעך אויף זיך. צי דען האָט ער זיך ווידער שוין אויף איר באַליידיקט? זי האָט דאָך דער־מיט לאַכלוטן גאָרניט געמיינט. זי ווייסט דען ניט, אַז ווען זײַוול זאָל געווען באַגעגענען דאָ אַנשטאָט איר אַ סטראַכיר־אַגענט — אַ מאַנצבל, וואָלט ער אויך ניט אָפּגענומען בײַ אים דאָס פֿערד־און־וועגעלע און גע־הייסן יענעם שפּאַנען אַהיים צופֿוס? זי ווייסט דען ניט, אַז זײַוול יעווסייע־וויטש געהערט ניט צו די, וואָס ווי עפּעס, נוצן זיי טייקעף אויס די לאַגע, וואָס זיי פֿאַרנעמען? אַפֿילו דעמלט, ווען זײַוול באַפֿוילט אַמאָל עמעצן, באַקומט זיך בײַ אים אויך, ווי ער זאָל יענעם אײַנבעטן. שולדיק דערין, דאַכט זיך צירלען, איז דאָס קאָל זײַנס — אַ ביז גאָר רויִקס און אַ שטילס. זי האָט קיינמאָל ניט געהערט, ער זאָל העכערן אויף עמעצן די שטים. און נאָך מער שולדיק אין דעם, דאַכט זיך איר, איז דער ווייכער, ליכטיקער בליק זײַנער פֿון די אויגן. און בלויז דערפֿאַר, ווײַל זי קען אים פֿאַר אַזעלכן, האָט צירל אים אָפּגעטראָטן איר פֿערד־און־וועגעלע. ביז וועדמע־דאָווקע איז פֿונדאַנען פֿאָרט דאָך בײַ די עלף־צוועלף קילאָמעטער.

— נו, אויב איר האַלט מיך שוין יאָ פֿאַר אַזאַ שלעכטן, — האָט זײַוול זיך אָנגערופֿן צו איר שמייכלענדיק, — וועל איך אַרופֿלייגן דעם אינוואַ־לידנעם וועלאָסיפּעד מײַנעם צו אײַך אויפֿן וועגעלע אַזוי, אַז איר זאָלט ניט האָבן דאָרט ווו צו זיצן, ט'איר שוין בעמיילע מוזן שפּאַנען צוזאַמען מיט מיר אַהיים צופֿוס. קיין וועדמעדאָווקע וועט מיר, אַפּאָנעם, שוין אויסקומען זיך אַראָפּכאַפּן אַן אַנדערשמאָל. כ'ווייס ניט, ווי איר, נאָר איך האָב זייער ליב גיין צופֿוס, איך מיד זיך דערפֿון קיינמאָל ניט אײַן. ס'איז בלויז ניטאָ קיין צײַט דערויף. איך זאָל האָבן פֿרײַע צײַט, וואָלט איך מיסטאַמע יעדן טאָג זיך דורכגעשפּאַצירט הין־און־צוריק דאָ בײַ אײַך אין וואַלד. אַ קילאָמעטער דרײַסיק, ווי מיינט איר, וועט עס אויסמאַכן?

— כ'האָב אים קיינמאָל ניט געמאָסטן.

— און כ'ווייס פֿאַרוואָס.

צירל האָט פֿאַרכידעשט אויסגעדרייט צו אים דעם קאָפּ.

עס זײַנען דורך היפּשע עטלעכע רעגעס, ביזוואַנען זײַוול האָט זיך אָפּגערופֿן און דערבײַ מאָדנע שטיל, ווי ער זאָל עס פֿאַרטרויען זיך אַליין:

— איר האָט פּאַשעט ניט געהאַט מיט וועמען גיין מעסטן.

צירל האָט נאָך מער פֿאַרוווּנדערט אַ קוק געטאָן אויף זײַוולען און איז געבליבן שטיין.

— איך האָב אײַך ניט פֿאַרשטאַנען.

זײַוול האָט זי אָנגענומען אונטער דער האַנט:

— איך בין דאָך ניט קיין בלינדער, צירל, — צוגעדריקט שטײַפֿער צו זיך איר האַנט, האָט ער נאָך שטילער אַרויסגעבראַכט, — איך האָב עס שוין לאַנג באַמערקט. און איר ווייסט עס...

— אוי, דער וועלאָסיפּעד וועט זיך באלד אראָפּגליטשן! — און צירל האָט, דערפילנדיק אף איר געזיכט דעם הייסן אָטעם פון זײַנע שעפּטשענדיקע ליפּן, האסטיק באפרײַט איר האנט פון זײַנער.

פון דעם, ווי צירל האָט זיך א לאָז געטאָן צום וועגל מיטן אויסרייד, אז דער וועלאָסיפּעד וועט זיך באלד אראָפּגליטשן, און ווי האסטיק זי האָט עס א כאַפּ געטאָן די לייצעס און זיי אָנגעצויגן, כאָטש דאָס פערדל האָט אין ערגעץ ניט אָפּגעקערט, איז זיך רויק געגאנגען מיטן זעלבן פּאמעלעכן טראָט, האָט זײַוול פארשטאנען, אז ער איז זיך נאָרוואָס אליין פארלאָפן דעם וועג. צו פרי, זעט אויס, האָט ער איר געגעבן אָנצוהערן וועגן דעם געשפּרעך, וועלכן ער האָט זיך געקליבן מיט איר האָבן און צו וועלכן ער האָט פון א צײַט שוין זיך געגרייט, שיר ניט פונעם טאָג, ווען ער האָט בא איר געפּויעלט, זי זאָל אריבערגיין ארבעטן צו אים אין דער קאָנטאָר.

— איר האָט מוירע, דאָס פערדל זאָל ניט אנטלויפן, וואָס איר האלט עס אזוי צו? — האָט זײַוול געפרעגט און מיט א ברייטן שפּאן אריבערגעיאָגט דאָס וועגעלע, פארצאמענדיק מיט זיך דעם וועג. — איצט, דאכט מיר, קאָנט איר שוין זײַן רויק, אז דאָס וועגעלע וועט פון אײַך אין ערגעץ ניט אנטלויפן.

מיט אָט דעם ייִנגלש שטיפערישן פארלויפן דעם פערדל דעם וועג, אז ס'זאָל אים נאָכגיין פּוסטריט, איז זײַוול אויסן געווען זאָגן דער מיטאָמאָל אנשוויגן געוואָרענער און אומעטיקלעך־פארטראכטער צירלען, אז זי האָט ניט מער וואָס מוירע צו האָבן. ער וועט צו דעם איבערגעריסענעם געשפּרעך זיך שוין אזוי גיך ניט אומקערן, און אויב זי וויל, קאָן זי עס ביכלאל אָנעמען פון זײַן זײַט פאר א שפּאס און פארגעסן. דער איינציקער געשפּרעך, וואָס קאָן צווישן זיי איצט אָנגיין, קאָן זײַן נאָר א זאכלעכער, אזא, אף וועלכן זי מוז זיך אָפּרופן.

און דער שעף פון דער מעלוכישער סטראכיר־אינספּעקציע זײַוול יעווּרסייעוויטש האנפט האָט פארפירט דעם דאָזיקן זאכלעכן געשפּרעך מיט דער אָנגעשטעלטער פון זײַן קאָנטאָר, דער סטראכיר־אגענטן צירל איסאַקאָוונע דובראָווינע. נאָר ווי זײַוול האָט זיך ניט באמיט ארויסווײַזן פאר צירלען, אז אויסער דעם, וואָס זי האָט באוויזן הײַנט אופטאָן, גייט אים מער קיין זאך ניט אָן, איז צירל סײַווי ניט געווען אינגאנצן זיכער, צי הערט ער, וואָס זי דערציילט אים. איר ווײַזט זיך ווידעראמאָל אויס, אז עפּעס איז ער הײַנט ניט דער, וואָס שטענדיק. זי האָט פון דער ערשטער רעגע, דערזעענדיק אים שטיין מיטן וועלאָסיפּעד אפן וועג, עס געהאַט באמערקט. זי האָט בלויז ניט געוווּסט, אז זי האָט דערצו וועלכע־ניט־איז שײַכעס. האָט ער אליין זיך ארויסגעגעבן.

דאָס, וואָס זײַוול האָט איר דאָ הײַנט געזאָגט, איז ניט געווען פאר צירלען אינגאנצן קיין נײַס. צירל האָט פון א צײַט שוין באמערקט, אז זײַוול פארקוקט זיך אָפט אף איר. ס'האָט זי אָבער איבעריקס ניט געכיידעשט. זי איז געווינט דערצו, מע זאָל זיך אף איר פארקוקן. זי קאָן נאָר ניט פארטראָגן, ווען עמעצער זאָגט איר ארויס זײַן פארכידעשטקײַט אף א קאָל. הערנדיק עס צומאָל פון עמעצן, ווײַזט זיך צירלען אויס, אז אינעם באוווּנדערן איר שיינקײַט ליגט פארבאָרגן א מיטלײַד צו איר. זײַוול האָט,

קענטיק, זיך גלײַך געהאַט אָנגעשטויסן, ווי דערווידער דאָס איז איר. אלנפאלס פאר דער גאנצער צײַט, וואָס זיי קענען זיך, האָט זי פון אים קיין וואָרט נישט געהערט ניט וועגן איר שיינקײַט, ניט וועגן דעם, אז צו אכט און צוואנציק יאָר זעט זי נאָך אַלץ אויס ווי א יונג מיידל, וואָס הייבט ערשט אָן זיך פאַנאַנדערבליִען, ווי זי האָט עס וויפל מאָל געהערט פון אנדערע. איז פארשטייט זי טאקע ניט, וואָס איז מיט אים הײַנט אזעל־כעס געשען, וואָס ער האָט געפונען פאר נייטיק אויך ארויסווײַזן צו איר זײַן מיטלײַד. אין דער געוואגטקײַט, מיט וועלכער זײַוול האָט זי פלוצעם געהאַט אָנגענומען אונטער דער האנט און שטײַף א דריק געטאָן זי צו זיך, איז געווען עפעס אזוינס, וואָס האָט איר ניט ווילנדיק דערמאָנט אין אלעקסיי ניקאָלײַעוויטשן — אינעם בלאָנדן קורצזיכטיקן אינזשעניער פו־נעם צוקער־זאַוואָד.

דאָס זײַטיקע שטעגל, אף וועלכן זיי זײַנען ארוף זיך אויסבאהאלטן פון דער נאָך אַלץ בלענדנדיקער סאָפּטאָגיקער זון, וואָס האָט זיי באגעגנט מיט איר פלאם אינעם האלב־אויסגעהאקטן שטיקל וואלד, איז געווען אזוי שמאָל, אז איר האנט האָט א פּאָר מאָל זיך אָנגעשטויסן אומגערן אין זײַנער. ווען זײַוול זאָל זי איצט געווען ווידעראמאָל אָנעמען אונטערן אָרעם און צודריקן צו זיך, וואָלט עס איר, מעגלעך, שוין ניט אזוי פאר־וווּנדערט. דאָס מאָל אָבער וואָלט זי שוין ניט געזוכט קיין אויסרייד אף צו באפרײַען זיך פון אים, נאָר וואָלט אים פּאָשעט געזאָגט, אז ער האָט אין איר א גרויסן טאָעס, זי איז ניט פון די, פאר וועמען ער נעמט זי, אפּאָנעם, אָן, און זאָל ער ניט מיינען, אז וויבאלד ער איז דער שעף פון דער קאָנטאָר, דער באלעבאָס, ווי מע רופט עס, איז מעג ער זיך, הייסט עס, אלץ דערלויבן. אויב עס געפעלט אים ניט, ווי זי פירט זיך מיט אים אוף, איז קאָן ער זי נאָך הײַנט באפרײַען פון דער ארבעט. זי האָט ניט דערפאר וואָס מוירע צו האָבן. מער ווי איין טאָג וועט זי קיין ארבעטס־לאָזע ניט זײַן. גיכער פון אַלץ וואָלט זי מיסטאמע געגאנגען ארבעטן אף דער מיל, און עפשער זיך אומגעקערט צוריק אפן צוקער־זאַוואָד. נו, טאַ־קע. פאר וועמען האלט ער זי, זײַוול, וואָס ער דערלויבט זיך אזעלכעס? פאר א לײַכטזיניק ווײַבעלע, מיט וועלכער מע קאָן זיך אונטערשפּילן? פון אָט דעם שטילן באָכער, וועלכער איז לאכלוטן ניט ענלעך אף אלעקסיי ניקאָלײַעוויטשן, האָט זי עס זיכער ניט דערוואַרט.

איצט איז שוין פאר צירלען קיין צווייפל ניט, אז זײַוול האָט זיך אין ערגעץ ניט געקליבן פאָרן, אז די געשיכטע מיט דער דורכגעלעכערטער שינע האָט ער לעכאטכילע צוגעטראכט. ער האָט פּאָשעט זי דאָ אונטער־געהיט. אפילע ווי׳אזוי זי ארויסצונארן פון וועגל, אז זי זאָל אים אין גאַר־ניט קאָנען כוישעד זײַן, האָט ער אויך, זעט אויס, פאַרפריִער דורכגע־טראכט.

אין צירלען האָט געברויזט. דאָס ווידערגעפיל, וואָס האָט זי ארומגע־כאפּט צו דעם גייענדיקן באנאנד מיט איר זײַוולען, איז זיך אין איר אזוי צעוואקסן, אז זי האָט שוין ניט געקאָנט זיך דעם אנטקעגנשטעלן. צירל האָט זיך ניט קעגנגעשטעלט דעם אפילע דעמלט, ווען דאָס אופגעברויזטע ווידערגעפיל האָט זי גענומען צוגרייטן דערצו, אז זי זאָל זיך איבעריקס

ניט ווונדערן, אויב אָט דער שטילער באָכער מיט די ליכטיקע אויגן וועט באלד צובינדן דאָס פערד־און־וועגעלע דאָ ערגעץ צו א בוים, מע זאָל עס ניט ארויסזען, און מיטן אויסרייד גיין קלײַבן פּאַזעמקעס צי שוואָמען פּאַרלייגן איר זיך פּאַרטיפערן מיט אים אין וואלד.

די הייסע סאָפּטאָגיקע זון האָט געהאַט צו דורכמאַכן נאָך א שטיק הימל, ביז ס׳וועט זיך ענדיקן די דעליאַנקע און ס׳וועלן זי ווידער פאַר־צאַמען דעם וועג די הויכע קרווינען פונעם געדיכטן וואלד. נאָר צירל איז מיט דער שמאָלער זײַטיקער סטעזשקע, וואָס האָט אויסבאַהאַלטן פון דער היץ, שוין מער ניט געגאַנגען. זי איז צוריק ארויף אפן העל־באַזונטן אײַנ־געפּאָרענעם וועג, מיט וועלכן ס׳האָט באַדאַכט געשפּאַנט דאָס פערדל, וואָרפנדיק פון מאָל צו מאָל א בליק דאָס אף צירלען, דאָס אף דעם דער־ווײַטערטן זײַוולען, ווי ס׳זאָל זיך געווען אָנשטויסן, אז צווישן די צוויי שווײַגנדיקע מענטשן איז עפּעס זיך פּאַרלאָפן.

ווען דער וועג איז צוריק ארײַן אין געדיכטן וואלד און פונעם גרויסן קײַלעכיקן הימל איז ווידער שוין פאַרבליבן א שמאָל פּאַסיקל, איז פון צירלען אף קיין רעגע ניט אָפּגעטראָטן דער בלאָנדער קורצזיכטיקער אינזשעניער פונעם צוקער־זאַוואָד, ווועמען זי האָט מיטאַמאָל געדאַנקלעך דערזען פאַר זיך אינעם כּוישעך פון אירע צוגעשלאָסענע אויגן באַם ארוי־בערגיין פון דער באַשאָטנטער סטעזשקע אף דער באַזונטער דעליאַנקע. וואָס ווײַטער, אלץ מער האָט אלעקסיי ניקאָלײַעוויטש פאַרשטעלט מיט זיך פון איר זײַוולען, און צירלען האָט זיך אָנגעהויבן דאַכטן, אז דאָס ווידערגעפּיל, וואָס האָט זי ארומגעכאַפּט און לאָזט זי פון זיך ניט אָפּ, איז פון סאַמע אָנפאַנג געווען ניט אַזוי צו זײַוולען, ווי צו דעם אינזשע־ניער, וואָס האָט זי עטלעכע מאָל באַגלייט אהיים פון דער צווייטער וואַכ־טע. ס׳איז נאָך ניט דורך אַזויפיל צײַט, אז זי זאָל קאָנען אלץ פאַרגעסן פון דעם, וואָס איז דעמלט געשען. זי איז אָבער געווען זיכער, אז דאָס ווידערגעפּיל, וואָס אלעקסיי ניקאָלײַעוויטש האָט דעמלט בא איר איבער־געלאָזט מיט זײַנע רייד, וועלכע ער האָט יעדעס מאָל מיט איר פאַרפירט און וועלכע האָבן זיך געענדיקט דערמיט, וואָס אין איינעם פון די שפּע־טע אָוונטן האָט ער זי פּלוצעם שטײַף ארומגעכאַפּט און גענומען זי קושן, האָט זיך בא איר פאַר דער צײַט שוין לאַנג אויסגעוועפּט. איז אָבער גע־נוג געווען, אז זײַוול זאָל מיט זיך געווען איר מיט עפּעס דערמאָנען אין יענעם אָוונט, אז אין איר זאָל פונסנײַ אופּברויזן דאָס זעלבע ווידערגע־פּיל און זיך ניט לאָזן צאַמען.

צירל איז שוין איצט ניט זיכער, צי זײַוול וואָלט ניט פאַרפירט דאָ הײַנט מיט איר דעם זעלבן געשפּרעך, וואָס דער אינזשעניער, — אז זיי זײַנעןביידע ווי געבוירן איינער פאַרן צווייטן, אז ס׳איז א ווילדקײַט און אן אומזין זיך פּײַניקן א גאַנץ לעבן בלויז דערפאַר, ווײַל זי האָט מיידל־ווײַז געמאַכט ניט קיין באַדאַכטן שריט, — און צי וואָלט דער דאָזיקער געשפּרעך זייערער זיך ניט געענדיקט ווי מיטן אינזשעניער, ווען זי באַ־פּרײַט ניט באַצײַטנס איר האַנט פון זײַוולען און טוט זיך ניט א וואָרף צום וועגעלע מיטן אויסרייד, אז דער וועלאָסיפּעד וועט זיך באלד אראָפּ־גליטשן. דערמיט, וואָס זי האָט אים גלײַך איבערגעשלאָגן, — צירל סאָ־

פעקט זיך שוין קימאט ניט דעריץ, — איז זי אים פארלאָפן דעם וועג, ניט דערלאָזט, ער זאָל אויך ארויסוויַיזן מיטלײַד צו איר איבער דעם, וואָס כאַנע, וועלכער פאסט איר גיכער פאר א טאטן, איז געוואָרן איר מאן.

וואָס וואָלט זי אים דערויף געענטפערט, ווען ער באוויַיזט עס איר ארויסזאָגן, ווייסט צירל דערוויַיל אליין ניט. זי ווייסט בלויז, אז זי וואָלט עס אים קיינמאָל ניט מוכל געווען. ס׳קאָן דאָך ניט זיַין, אז דער לערער נאפטאָלע כעסין, דער איבערגעגעבענער פריַינט זייערער, וואָס העלפט זיַיוולען זיך פאנאנדערקליַיבן אין די מאטעמאטישע פארגעבונגען, וואָס מע שיקט אים צו, דעם סטודענט פונעם הינטער־אויגיקן פינאנציִעלן אינ־סטיטוט, אז נאפטאָלע דאווידאָוויטש, בא וועמען זי האָט זיך באקאנט מיט זיַיוולען, זאָל ניט געווען אים דערציילן, וויאזוי איז געשען, וואָס זי, צו וועלכער עס האָבן זיך געשאדכנט די שענסטע באָכערים ניט נאָר פון זייער שטעטל, איז געוואָרן כאָנע דעם אלמענס וויַיב. זיַיוול האָט די זעלבע געשיכטע געקאָנט הערן ניט נאָר פונעם לערער. ניטאָ דער מענטש בא זיי אין שטעטל, וואָס זאָל ניט געווען עס וויסן, און קיינעם האָט ניט געוואונדערט, וואָס זי האָט כאסענע געהאט פאר כאָנען, גליַיך ווי אנדערש וואָלט עס ניט געקאָנט גאָר זיַין. ווען צו עמעצן דאָ אין שטעטל זאָל גע־ווען דערגיין, וואָס עס האָט אין יענעם אָוונט זיך דערלויבט דער אינ־זשעניער פונעם צוקער־זאוואָד און היַינט דער שעף פון דער סטראַכיר־קאָנטאָר, וואָלט יענער זיך אָפגעזאָגט עס צו גלייבן. ער וואָלט דאָס פּאָ־שעט ניט געקאָנט באגריַיפן.

און וואָס וואָלט אף דעם אלעם געזאָגט זייער איבערגעגעבענער פריַינט נאפטאָלע כעסין? ער שטעלט זיך ניט פאָר, — האָט זי ניט איין מאָל גע־הערט פון אים, — אז נאָך די אלע אומגליקן, וואָס מע איז אויסגעשטאנען, קאָן זיך געפינען דאָ איצטער אזעלכער, וואָס זאָל פארשאפן דעם אנדערן לייד. ווען עס באגעגנט זיך אים דאָ אזעלכער, איז ווייסט ער אליין ניט, וואָס וואָלט ער מיט אים געטאָן. ער וואָלט אים פון שטעטל פארטריבן, אין כײַרעם אריַינגעלייגט. צירל שטעלט זיך אָבער ניט פאָר, אז דער לע־רער זאָל פאר אזעלכעס געווען איבעריקס שטרענג שטראָפן זיַיוולען. נאפטאָלע וואָלט געפּרוווט לינדערן אין אירע אויגן זיַיוולס שולד דערמיט, וואָס דעם דאָזיקן באָכער איז, צום גליק, שוין ניט אויסגעקומען זיַין אף דער מילכאָמע, זען די רעציכעס, איז פארשטייט ער ניט, מעגלעך, אז מיט אזעלכע, ווי צירל און כאָנע, וואָס זיַינען אלפּי־נעס געבליבן לעבן, און מיט אזעלכן, ווי ער, נאפטאָלען, וואָס איז אויך אלפּי־נעס געבליבן לעבן, דארף מען זיך אנדערש אופירן. כעסין וואָלט געוויס געהאט גרויס אג־מעסנעפעש דערפון, ווען דאָס אלץ זאָל געווען צו אים דערגיין. צירל וועט אים אָבער דאָס קיינמאָל ניט דערציילן, ניט אים, ניט כאָנען. נאָר זיַיוול יעוסייעוויטשן וועט זי פּאָשעט וואָרענען: אויב ער וועט כאָטש מיט איין וואָרט מעוואַיעש זיַין אין אירע אויגן כאָנען, וועט זי גליַיך אוועק פון דער ארבעט, און ווען זי זאָל אים ניט באגעגענען, זיַיוולען, וועט זי אריבער אף דער אנדערער זיַיט גאס, ווי זי טוט עס באם באגעגענען זיך מיט אלעקסיי ניקאָליַיעוויטשן.

— כאָווער האנפּט! — צירל האָט אַרויסגענומען פון אונטערן וועלאָסי־פּעד דאָס רענצל, האָט אָפּגעזוכט אינעם אויסגעבעטן היי די פליאַגע וואָ־סער און איבערגעכאַזערט: — כאָווער האנפּט, — געבנדיק אים דערמיט אָנ־צוהערן, אַז ער איז פאַר איר בלויז דער שעף פון דער קאָנטאָר, ווו זי אַרבעט. מיט דער זעלבער זאַכלעכקייט, מיט וועלכער זי האָט אים אָנגע־רופן בא דעם פאַמיליע־נאָמען, האָט זי פאַרגעזעצט, — צו וואָס זאָלט איר אָפּלייגן די געסיִע אייערע קיין ווערדמעדאָווקע. וויבאַלד איר דאַרפט דאָרטן, ווי איר זאָגט, זיך בייטיק זען מיטן פּאָרזיצער פון דאָרף־סאָוועט, זעצט זיך אויף און פאָרט צו. פאַר מיר האָט איר ניט וואָס צו זאָרגן. פאַר א שאָ צייט בין איך אין שטעטל. געבליבן א פאָר קילאָמעטער, ניט מער.

— איר מיינט עס טאַקע ערנסט? — זיַיוול האָט נאָך אַלץ ניט גע־קאָנט באַנעמען, וואָס איז מיט איר אַזעלכעס געשען, וואָס ער הערט זי אויף צו דערקענען. האָט ער א שמיץ געטאָן דאָס פערדל מיטן צווייַגל, מיט וועלכן ער האָט אָפּגעטריבן פון זיך די קוים באַמערקבאַרע איינגע־געסענע פליגעלעך, וואָס זיַינען פון צייַט צו צייַט אָנגעפלויגן אַפּן וועג פון דער סאַמע געדיכטעניש פון וואַלד, און שוויַיגעוודיק נאָכגעגאַנגען די לענגלעך אויסגעצויגענע שאָטנס פון די איַינדרעמלענדיקע רעדער. נאָכ־דעם ווי צירל האָט אים דיַיטלעך געגעבן אָנצוהערן, אַז ער זאָל זי פאַר־לאָזן, — זי איז צוליב דעם גרייט דערקלייַבן זיך אהיים צופוס, — האָט זיַיוול מער קיין וואָרט ניט אַרויסגעבראַכט ביזן סאַמע אַרויספאָר פון וואַלד, פונוואַנען עס האָט זיך שוין געזען דער שטעטלשער שאָסיי.

און דאָך: ווען האנפּט זאָל אַפילע געוועזן עס אַלץ פאַרויסזען, און דערביַי וויסן ניט בלויז דאָס, וואָס עס וואָלט אים געקאָנט דערציילן וועגן צירלען מיט כאָנען יעדער איינער דאָ אין שטעטל, נאָר אויך אַלץ, וואָס עס האָט געוווּסט וועגן אָט דעם פאָרפאָלק זייער נאָענטסטער און איבער־געגעבנסטער פריַינט נאַפטאַלע כעסין, וואָלט זיַיוול מיסטאָמע אויך ניט געקאָנט זיך בייַקומען, אַז ער זאָל זי דאָ היַינט ניט אונטערהיטן.

א זומער צייַט האָט זיַיוול האנפּט אַרויסגעקוקט אַף דער דאָזיקער באַ־געגעניש, אַרויסגעקוקט פונעם ערשטן טאָג, ווי זי איז אָנגעקומען צו אים אַרבעטן. ער האָט זיך נאָר ניט געריכט, אַז אים וועט אויסקומען אַזוי לאַנג וואַרטן, אַז ער וועט אַליין עס אָפּלייגן פון טאָג אַף טאָג, כאָטש ער האָט יעדעס מאָל געוווּסט, אין וועלכע שטעטלעך און דערפער זי פאָרט און מיט וועלכע וועגן זי פאָרט. און געוויס האָט ער זיך ניט גע־ריכט, אַז די באַגעגעניש, צו וועלכער ער האָט אַזוי לאַנג זיך געגרייט און וועלכע איז ענדלעך פאָרגעקומען אין א צוויי כאַדאָשים אַרום, ווי ער האָט זיך באַקאַנט מיט צירלען, וועט זיך ענדיקן דערמיט, אַז זי וועט אים פון דער ערשטער רעגע געבן צו פילן, אַז ער איז פאַר איר בלויז אַן אָנפירער פון אַן אַנשטאַלט, אין וועלכן זי איז באַשעפטיקט, און אַז בלויז וועגן דער אַרבעט קאָן גיין צווישן זיי א רייד. ער איז דאָך אָבער ניט קיין בלינדער! זי וועט אים מיט איר אופירן זיך דאָ היַינט ניט איַינ־שמועסן דאָך, אַז זי האָט אין זיַין אָנוועזנהייַט זיך קיינמאָל ניט פאַר־לוירן, זיך קיינמאָל ניט געררויטלט, ניט אַראָפּגעלאָזט פאַרשעמט די אויגן, אַז אים האָט זיך דאָס אַלץ פאַשעט און פראָסט אויסגעוויזן. און אַז צירל

פּײַניקט זיך דערפֿון, וואָס זי איז מיט עטלעכע יאָר צוריק זיך צונויפֿגע־גאַנגען מיטן קליינוווּקסיקן, עטוואָס אײַנגעהויקערטן כאַנען, וואָס איז מיסטאָמע אין צוויי מאָל עלטער פֿון איר, און זי קאָן זיך עס איצט ניט מוחל זײַן, און אַז צירל וואָלט זיך ניט איבעריקס ווערן, עס זאָל זיך אָפּזוכן אזעלכער, אין וועמען זי זאָל קאָנען זיך פֿאַרליבן און יענער זאָל זי אוועקפֿירן פֿונדאַנען, דאָס האָט זיך אים, זײַוולען, אויך נאָר אויסגע־וויזן? עמעס, ער האָט זי, דאַכט זיך, קיינמאָל ניט געטראָפֿן אַליין אַרומ־שפּאַצירן, נאָר שטענדיק מיט איר כאַנען און דערבײַ געהאַלטן אים אונ־טער דער האַנט, ווי זי זאָל מוירע האָבן, אַז מע קאָן אים באַ איר אָפּנע־מען.

מערסטנטייל האָט זײַוול זיי געטראָפֿן שפּאַצירן אין דער באַגלייטונג פֿונעם לערער. אָט ער, נאַפּטאָלע דאַווידאָוויטש כעסין, איז, זעט אויס, טאַקע ווירקלעך אַ בלינדער, אויב ער האָט ביז איצט ניט באַמערקט דאָס, וואָס איטלעך איינעם וואַרפֿט זיך גלײַך אין די אויגן, אַז צירל מיט כאַנען זײַנען ניט קיין פּאָר און קאָנען ניט זײַן קיין פּאָר. און אַז אויב צירל איז ביז איצט זיך מיט אים ניט פֿאַנאַנדערגעגאַנגען, איז עס בלויז פֿון ראַכ־מאָנעס צו אים. נו, ווי פֿאַרשטייט עס ניט דער קלוגער, ווײַטזעעוודיקער כעסין, אַז דאָס קאָן זיך אַזוי לאַנג ניט ציִען. צי דען האָט דער לערער טאַקע ווירקלעך גאָרניט אײַנגעזען אין דעם, וואָס ער, זײַוול, ווי נאָר ער האָט זיך באַקאַנט מיט צירלען, איז ער גלײַך צוגעשטאַנען צו איר, אַז זי זאָל איבערגיין צו אים אַרבעטן. אַלנפֿאַלס, זי, צירל, האָט דאָך געוויס געדאַרפֿט זיך עס אָנשטויסן. שוין דערפֿון אַליין, ווי ער האָט אַף איר געקוקט, האָט זי געקאָנט זיך עס אָנשטויסן.

אַרופֿגעפֿאָרן אַפֿן שטעטלשן שאָסיי, האָט דאָס פֿערדל זיך געגעבן אַ ריס פֿון די האָלאָבליעס, אַז צירל האָט עס קוים אײַנגעהאַלטן.

— זײַוול יעווסייעוויטש, ווו זאָל איך איבערלאָזן אײַער וועלאָסיפּעד, אין קאָנטאָר, צי פֿאַרשפּאַרן אים אין שטעטלכל? — האָט געפֿרעגט צירל, האַלטנדיק אָנגעצויגן די לייצעס.

דאָס פֿערדל האָט געוואָרפֿן אַ זײַטלדיקן בליק אַפֿן דערבײַשטייענדיקן זײַוולען, וואָס האָט געקאָנט באַטײַטן: „פֿאַרשטייסט דען, באָכער, אַליין ניט, אַז זי וויל ניט, מע זאָל אײַך זען צוזאַמען אַרײַנקומען אין שטעטל?"

זײַוול האָט אַראָפּגענומען דעם וועלאָסיפּעד פֿון וועגל און אַ שמיץ געטאָן מיטן צווײַגל דאָס פֿערדל:

— וויאָ, גאָלובטשיק!

ווען צירל האָט, זיצנדיק אין וועגעלע, זיך אומגעקוקט אַף הינטער, איז זײַוול שוין געווען ווײַטלעך פֿון איר.

— ווהין האָט איר זיך עס געלאָזט צו דער נאַכט אַף אַ דורכגעלע־כערטן וועלאָסיפּעד, זײַוול יעווסייעוויטש? טאַקע קיין וועדמעדאָווקע? — האָט צירל אים נאָכגעשריִען.

זײַוול האָט אַ מאַך געטאָן צו איר מיט דער האַנט, ווי ער זאָל זי רופֿן מיט זיך. אין אַ ווײַלע אַרום האָט דער אָוונטיקער וואַלד אים אינגאַנצן שוין אויסבאַהאַלטן פֿון איר.

אף יענער זײַט דעליאנקע, ווו זײַוול האָט זיך באַגעגנט מיט צירלען, איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פונעם וועלאָסיפּעד, אים אָנגעשפּאַרט אין א הויכן דעמב און, א מידער, ווי נאָך א לאַנגן שווערן וועג, זיך א וואַלגער געטאָן אונטער די נידעריק אַראָפּהענגענדיקע צווײַגן אפן ווייכן גראָז.

פונעם טונקל־בלויען הימל האָט שוין א פּאָר מאָל א ווונק געטאָן צו אים פון צווישן די צווײַגן א בלייכער שטערן, דערמאָנט, אז ס׳איז צײַט זיך אומקערן אהיים. צירל קאָן אוואדע קלערן, אז ער האָט זיך אומגע־קערט אהער אויסמעסטן דעם וואלד. ווער לאָזט זיך אָבער אין אזא שטילן זומערדיקן אָוונט מעסטן א וואלד איינינקער אליין?..

ווו קאָן זי איצט זײַן? גיכער פון אלץ שפּאַצירט זי מיסטאמע שוין אַרום מיט איר כאָנען, האלט אים, פאַרשטייט זיך, ווי שטענדיק, פעסט אונטער דער האנט, ער זאָל, אפאָנעם, מיינען, אז זי האָט טאַקע ווירקלעך מוירע, מע זאָל אים בא איר ניט אָפּנעמען. פרויען ווייסן, וויאזוי צו פאַרבלענדן דעם מאַן די אויגן. בא דער זײַט גייט כעסיך און דערציילט זיי עפּעס. נאָר צירל הערט ניט. זײַוול איז אין דעם זיכער. זי שפּאַצירט און קוקט זיך די גאַנצע צײַט אום, צי זעט מען ניט עמעצן פאָרן אף א וועלאָסי־פּעד. ס׳קאָן דאָך ניט זײַן, אז די הײַנטיקע באַגעגעניש מיט אים זאָל פאַר איר גאָרניט באַטײַטן.

פאַר אים, אלנפאלס, באַטײַט זי פיל מער, ווי ער האָט אליין זיך דערוף געריכט.

## קאַפּיטל צוויי

דורכן אָפענעם פענצטער, וואָס גייט אַרויס צו דער גאַס, איז אַרײַנ־געפלויגן א קינדערשע פּילקע און האָט שיר ניט געטראָפן אין שפּיגל, בא וועלכן ס׳איז געשטאַנען צירל און פאַרקעמט די טונקל־קאַשטאַנעווע האָר, וואָס האָבן זיך ווי געבעטן בא איר, זי זאָל זיי פאַרפלעכטן אין א צאָפּ און ניט אויסבאַהאלטן זיי אונטער א דאָרפיש־בלימלדיק טיכל, ווי אונ־טער א פּאַריק, קעדיי זי זאָל אין פאַרגלײַך מיט כאָנען ניט אויסזען אזוי מיידלש־יונג.

— מומע צירל, קערט אונדז אום די פּילקע. דאָס האָבן ניט מיר זי אַרײַנגעוואָרפן, דאָס האָט כאַימקע דעם קירזשנערס זי אַרײַנגעוואָרפן צו אײַך אין פענצטער.

— מיר האָבן ניט געוואָלט זיך מיט אים פירן, האָט ער אַרויסגעכאַפּט בא אונדז די פּילקע און גענומען מיט איר שפּילן אין פוטבאָל.

צווישן די קינדער, וואָס זײַנען געשטאַנען אנטקעגניבער באַם פענצ־טער און, איבערשלאָגנדיק איינס דאָס אנדערע, זיך פאַרענטפערט, האָט צירל דערזען פריידקעלען, טײַבע דער שאָכנטעס מיידעלע. זי איז געשטאַ־נען אָן א זײַט און געשוויגן, גלײַך זי זאָל זיך פילן שולדיק מער פון אלעמען.

— פריידעלע, קום אהער.

צירל האָט זוף קלאָר, אייגנטלעך, אליין ניט געוווּסט, פאַרוואָס האָט זי

אזוי ליב באקומען אָט דאָס דארינקע מיידעלע מיטן קלײַנדיקן פּענעמל. ניט געוועז בא איר, דאכט זיך, קיין גרעסער פארגעניגן, ווי אוועקזעצן פריידקעלען לעבן זיך אפן גאנעק און פארפּירן מיט איר א רייד צומאָל ווי מיט א דערוואקסענער, וואָס פארשטייט און באנעמט אלץ.

אנומלטן האָט זי געוואָלט מיטנעמען פריידקעלען מיט זיך. דאָס דאָרף, וווּהין צירל האָט זיך געקליבן דעמלט פאָרן, ליגט באַם סאמע וואלד. ארום־און־ארום לאָנקעס מיט הויכן גראָז. נאָר טײַבע האָט ניט אָפּגעלאָזט פריידקעלען. ס'איז צוליב דעם אפילו אויסגעבראָכן א קריג צווישן טײַבען מיט איר מאן, געדאליען. „אז איך הייב זי ניט אָן צו פארשטיין, — איז צו צירלען דערגאנגען פונעם אנטקעגנּיבערדיקן שכיינעסדיקן הויף טײַבעס אויסטײַנען זיך מיט געדאליען, — וויבאלד זי איז אזוי איבער־געגעבן צו קינדער, ווי דו זאָגסט, און זי האָט זיי, ווי דו זאָגסט, אזוי מעסוקן ליב, הײַנט פארוואָס, זאָג מיר, זאָל זי ניט האָבן קיין אייגענע קינדער? זי איז, אויב איך האָב ניט קיין טאָעס, מיט א וואָך צי מיט צוויי, דאכט זיך, ייִנגער פון מיר. און דאָס, וואָס דו ביסט מיטאמאָל גע־וואָרן אזא אָפּטער ארײַנגייער אהינצו און שטעלסט זיך אזוי אײַן פאר איר...”

וואָס האָט די שאָכנטע אים דאָרטן נאָך געהאט געזאָגט און וואָס האָט איר דערויף געענטפערט געדאליע, האָט צירל ניט געהערט און ניט גע־וואָלט הערן. נאָר אז די שאָכנטע איז ניט איבעריקס צופרידן פון דער פרײַנטשאפט צווישן פריידקעלען און איר, צירלען, האָט זי פון לאנג שוין באמערקט. ווי נאָר טײַבע פלעגט דערזען איר טעכטערל צוזאמען מיט צירלען, האָט זי גלײַך געפונען אן אויסרייד ארײַנצורופן דאָס קינד אין שטוב. דערבײַ איז עס גוטאָן געוואָרן אזוי, אז צירלען האָט וואָס אמאָל גענומען זיך אלץ מער דוכטן, אז טײַבע איז זי אין עפּעס כוישעד. דאָס איז דאָך גאָר שוין אן אומזין. נארישער קאָן שוין ניט זײַן. זיי ווינען אין שכיינעס ניט ס'ערשטע יאָר. איז וואָס גאָר פלוצעם... וואָס האָט עס טײַבע אזעלכעס באמערקט, אז זי זאָל מיטאמאָל עפּעס אײַנזען אין דעם, וואָס איר געדאליע גייט אָפּט צו זיי ארײַן? זי גלייבט אים ניט, צי וואָס, אז ער פארזיצט זיך צומאָל בא זיי צוליבן לערער, מיט וועמען געדאליע, פּונקט ווי איר כאָנע, האָט ליב זיך ארײַנלאָזן אין לאנגע געשפּרעכן? צי דען קלערט טײַבע, אז געדאליע פארזיצט זיך בא זיי צוליב עמעצן אנדערש, און אז דאָס איינציקע, מיט וואָס זי קאָן אײַנהאלטן לעבן זיך געדאליען, וועלכער האָט ליב דאָס טעכטערל מער ווי דאָס לעבן, איז ניט דערלאָזן, אז פריידקעלע זאָל זיך נאָענט באפרײַנדן מיט דעם „עמעצן אנדערש” — מיט איר, הייסט עס, צירלען? וואָס א פרוי קאָן זיך צומאָל אויסווײַזן, בא־זונדערס ווען מע ווערט, אָט ווי טײַבע, שפּעט א מאמע...

געדענקענדיק עס אלץ, האָט צירל, צורופנדיק פריידקעלען, ניט ווילנ־דיק זיך ארומגעקוקט, צי שטייט ניט ערגעץ דערבײַ טײַבע.

— פארוואָס זשע ווילסט איר ניט שפּילן מיט כאַימקען? — האָט צירל, ארויסרוקנדיק זיך ביז האלב פונעם פענצטער, געפרעגט פריידקעלען. — כאַימקע איז דאָך א גוט ייִנגעלע.

— ער איז א גרויסער שטיפער, — האָט זיך אָפּגערופן א פּוקקע מייי־

דעלע און פארשעמט זיך אויסבאהאלטן הינטער פריידקעלען. — ער לאָזט אונדז ניט זיך שפּילן.

— אלע ייִנגלעך זײַנען גרויסע שטיפערס, — האָט זיך געלאָזט הערן א דין קעלעכל פון א מיידעלע מיט צוויי בלאָנדע צעפּלעך, — מירן מיט אים מער קיינמאָל זיך ניט פירן.

— כאַימקע איז ניט שולדיק. די פּילקע איז אָפּגעשפּרונגען פון דער וואנט און אליין ארײַנגעפלויגן אין פענצטער. ס'איז ניט אומיסטן.

— פארשטייט זיך, אז ער איז ניט שולדיק, — צירל האָט געשמייכלט צו פריידקעלען, וועלכע האָט זיך אײַנגעשטעלט פארן קירזשנערס ייִנגל.

— פארוואָס איז ער אנטלאָפן, אויב ס'איז ניט אומיסטן? — האָט זיך ווידער געלאָזט הערן מיט איר דין קעלעכל דאָס מיידעלע מיט די בלאָנ־דע צעפּלעך.

— ווײַל ער האָט זיך דערשראָקן, — האָט אים פארענטפערט פרייד־קעלע, — אלע האָבן זיך דערשראָקן.

— נאַט אײַך, קינדער, די פּילקע און שפּילט זיך...

צירל איז נאָכדעם לאנג ניט אָפּגעגאנגען פונעם פענצטער. זי איז גע־שטאנען און געקוקט, ווי די קינדער, אויסשטעלנדיק זיך אין א קרײַז, ווארפן איבער איינס דעם אנדערן די פּילקע, זיך צוגעהערט צו זייערע הילכיקע קעלעכלעך, וואָס האָבן אָנגעפילט דעם אָוונט מיט קינדערשער זאָרגלאָזער פרייד, און אָפּגעווישט מיטן ברעג טיכל אן אָנגעלאָפענע טרער.

כאָנע האָט שוין ניט איין מאָל זי געטראָפן שטיין אָט אזוי־אָ באַם פענצטער אָדער זיצן אפן גאנעק און אומעטיק פארטראכט נאָכפאָלגן נאָך די קינדער, וואָס שפּילן זיך דערנעבן אף דער גאס. צוזעענדיק עס, פלעגט כאָנע ווידער און ווידער פארפירן מיט איר איינע און די זעלבע רייד, וואָס גייען צווישן זיי שוין פון ווען אָן, אז זיי זאָלן צופאָרן אין שטאָט און נעמען דאָרט אין קינדערהויז א קינד אף צו דערציִען.

נאָר קוים האָט כאָנע פארפירט מיט איר דעם דאָזיקן געשפּרעך, האָט צירל אים גלײַך איבערגעשלאָגן. ביזוואנען זי האָט ניט געהאט פארלאָרן נאָך אינגאנצן די האָפענונג, האָט זי ניט געוואָלט דערפון הערן. אירע ביידע אומגעבראכטע עלטערע שוועסטער זײַנען פונקט צו נײַן כאדאָשים נאָך דער כאסענע געוואָרן מאמעס. די גאָר עלטערע שוועסטער האָט אפילע געהאט א צווילינג. בא כאָנען זײַנען אויך געווען קינדער. ער האָט באוויזן שוין זײַן א יאָר צײַט א זיידע. ס'איז אָבער ניט לאנג צוריק אָנ־געקומען א טאָג — צירל האָט דעם דאָזיקן זוניק־פראָסטיקן טאָג אויך פאר־געדענקט אפן גאנצן לעבן — און צונישט געמאכט אלע אירע באווײַזן, מיט וועלכע זי האָט ביז אהער געטרייסט די גאנצע צײַט אי זיך, אי כאָ־נען. דער בארימטער פּראָפעסאָר פון דער גרויסער שטאָט, צו וועמען זי האָט זיך ענדלעך דערשלאָגן, האָט אָפּגענומען בא איר דאָס לעצטע שטיקל האָפענונג.

— עס טרעפן, פארשטייט זיך, ניסים, — האָט ער, געניי באטראכטנדיק זי, געזאָגט, — נאָר מיר איז דערווײַל ניט אויסגעקומען צו הערן, אז מע זאָל האָבן קינדער נאָכדעם, ווי מע איז אנטלאָפן פון אונטער דער ביקס,

אָפּגעשטאַנען נאַקעט א מעסלעס ביזן האַלדז אין קאַלטן וואַסער און דריטהאַלבן יאָר נאָכאַנאַנד אָפּגעלעגן אין א נאַסן פינצטערן קעלער, וואַרטנדיק איטלעכע רעגע אפן טויט. מיר, אַלנפאַלס, איז אַזוינס נאָך ניט אויסגעקומען דערוויַיל צו הערן.

די קינדער, וואָס האָבן זיך געשפּילט אַנטקעגנאיבער אף דער גאַס, זיַינען מיטאַמאָל זיך צעלאָפן, נאָר צירל איז פונעם פענצטער ניט אָפּגעגאַנגען. זי איז געשטאַנען און צוגעקוקט, ווי ס׳בליצן איינציקוויַיז אוף אין דער אָוונטיקער טונקלקיַיט די שיַיבלעך אין די היַיזער. באַם שאָכן ליַיכט זיך שוין אויך. אף וועמען טומלט עס דאָרט אַזוי טיַיבע? זאָל זיַין, אַז אף גדאַליען? נו, אויב גדאַליע איז שוין אין דער היים, וועט כאָנע מיסטאַמע אויך באַלד קומען. ס׳איז שוין טאַקע, אייגנטלעך, ציַיט אויך. נעכטן אין דער שאָ איז ער לאַנג שוין געווען אין דער היים. גדאַליע קאָן אוואַדע וויסן, פאַרוואָס פאַרהאַלט זיך איר כאָנע היַינט אַזוי לאַנג. זי וועט אָבער ניט גיין פרעגן. זי פילט דאָך, אַז די שכיינע איז ניט גערן, זי זאָל גיין צו זיי. טיַיבע קוקט אף איר אַזוי אויך שוין גאַנץ קרום. ניט אַנדערש, ווי מע האָט זי אָנגערעדט אף איר. אומעטום, זעט אויס, זוכן זיך אָפּ אַזעלכע, וואָס האָבן עפּעס א באַזונדער פאַרגעניגן פון אָנריידן איינעם אפן אַנדערן, פון צעקריגן איינעם מיטן צווייטן, כאָטש זי הייבט ניט אָן, צירל, צו וויסן, וואָס, אַשטייגער, האָט מען געקאָנט אָנריידן אף איר און ווער האָט עס געקאָנט אָנריידן אף איר? נו, בעפּיירעש טאַקע? זאָל זיַין, אַז דאָס האָט דער אינזשעניער זיך מיט איר אַזוי צערעכנט פאַרן פּאַטש, וואָס זי האָט אים דעמלט באַנאַכט אַראָפּגעלאָזט? אַלעקסיי ניקאָליַיעוויטש האָט זי א פּאָר מאָל געזען גיין פון דער אָוונטיקער וואַכטע מיט גדאַליען און איינמאָל אפילע געזען זיי ביידן גיין געאַרעמט. ס׳איז געווען, געדענקט זיך איר, שטאַרק גליטשיק, האָט גדאַליע זי אונטערגעהאַלטן. אויב אַלעקסיי ניקאָליַיעוויטש איז פון די, וואָס גיבן אַזעלכעס באַלד איבער, האָט ער, דאַרף מען זיך אָנשטויסן, עס איבערגעגעבן טיַיבען שוין גאָר־גאָר אַנדערש. אָבער גדאַליע איז דאָך וויַיט שוין ניט אין דעם עלטער, אַז טיַיבע זאָל זי כוישעד זיַין. ער איז דאָך קימאַט אין איינע יאָרן מיט כאָנען. און ווי קאָן טיַיבען ביכלאַל קומען אַזוינס אפן זינען... צירל האָט, ווי פאַרביַיגייענדיק, א פרעג געטאָן איינמאָל כעסינען, צי ווייסט ער ניט, פאַרוואָס בלאָזט זיך אף איר די שכיינע.

— דאָס וויַיזט זיך דיר, טאָכטערקע, אויס, וואָס קאָן זי האָבן צו דיר? נאָר א מענטש איז זי, ווי מיר שיַינט, א פאַרביטערטער. — און אַזוי ווי ער וואָלט גליַיך כאַראָטע געהאַט, וואָס ער האָט אף איר אַזוינס געזאָגט, האָט נאָכפאָלגע, וועלכער האָט אין איטלעכן געזוכט און געזען בלויז דאָס גוטע, זי גענומען פאַרענטפערן, — אָבער ניט אף דיר, טאָכטערקע. אף דער וועלט איז זי דערצאָרנט, און זי האָט פאַרוואָס צו זיַין אף איר דערצאָרנט. איַי, וועסטו דאָך פרעגן, נו און איך, און דו, און דיַין כאָנע האָבן ניט פאַרוואָס צו זיַין פאַרביטערט? זיַינען דאָך ניט אַלע מענטשן גליַיך. נעם, לעמאָשל, דעם מאַן אירן. ער האָט, דאַכט זיך, אויך פון וואָס צו זיַין פאַרביטערט, און דאָך...

גדאַליע דער קעסל־הייצער — א הויכער, קרעפּטיקער מאַנצבל מיט

א פּאָר גרויסע שוואַרצע אויגן אונטער געדיכטע ברעמען — איז, פּונקט ווי כאָנע, ניט קיין היגער. ער איז אויך אַראָפּגעקומען אַהער פון אַן אַנדער שטעטל. כאָנע — אַפּן אַנדערן יאָר פון דער מילכאָמע, געדאַליע — אין אַ האַלב יאָר אַרום שוין נאָך דער מילכאָמע.

...ווען כאָנע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין דער באַהעלטעניש — אין דעם פאַרוואַקסענעם פון אויבן מיט מאָך און גראָז טיפן קעלער, — האָט ער געוווּסט, אַז ער האָט אַף גאָרער וועלט שוין קיינעם ניט. אין דער זעלבער ליימיקער גרוב הינטער דער ווינטמיל, פונוואַנען מע האָט פון אייביק אָן גענומען ליים אַף צו באַשמירן ערעוו שאַבעס און יאָמטעוו די דילן און פּריזבעס, האָט מען צוזאַמען מיטן גאַנצן שטעטל דערשאָסן אויך זײַן ווײַב מיט די קינדער און מיטן יאָריקן אייניקל — אַ מיידעלע מיט ווייצענע הערעלעך. כאָנע האָט אַ טאָג פאַר דער שכיטע זיך אַרויסגעגאַנוועט פון געטאָ אין אַ דערבײַיִקן דאָרף עפּעס אויסבײַטן. צוריק אין שטעטל האָט ער זיך שוין ניט אומגעקערט. באַטאָג האָט ער זיך אויסבאַהאַלטן אין וואַלד...

דאָס, וואָס עס איז זיך אין יענע טעג פאַרלאָפן בײַ געדאַליען אין שכייעסדיקן שטעטל — אַז אומקערנדיק זיך אַהיים, וועט ער קיינעם פון זײַניקע שוין ניט טרעפן, — האָט דער סאָלדאַט געדאַליע זיך דערוווּסט שוין נאָך דער מילכאָמע. האָט ער, ווי אַ סאַך אַנדערע, וואָס האָבן זיך אומגעקערט אַהיים — ווער פון פראָנט, ווער פון דער עוואַקואַציע — און קיינעם פון זייערע ניט געטראָפן — אַלץ איבערגעלאָזט און איז פון דאָרט אַרויסגעפאָרן.

דער איינציקער, ווער ס׳האָט ניט געכידעשט, וואָס געדאַליע האָט אין אַ קורצער צײַט אַרום, ווי ער האָט זיך דאָ באַזעצט, אָפּגעזוכט זיך אַ ווײַבל, איז געווען נאַפּטאָלע כעסין.

— דערפון, וואָס אַ מענטש האָט נאָכן גרויסן אומגליק אַזוי גיך פונסנײַ כאַסענע געהאַט, דרינגט נאָך ניט אַרויס, אַז ער האָט שוין אַלץ פאַרגעסן, צי ער וויל עס אַלץ פאַרגעסן. — צירל געדענקט שוין ניט, אין שײַכעס מיט וואָס דער לערער האָט עס זיי איינמאָל אַ זאָג געטאָן, — דאָס, וואָס עס איז זיך מיט אונדז פאַרלאָפן, קאָן מען ניט פאַרגעסן. דער מענטש איז ניט אימשטאַנד אַזעלכעס צו פאַרגעסן. צווישן אונדז אָבער און געדאַליען איז דאָ אַ שטיקל כילעק. אים איז פּאָרט עטוואָס לײַכטער אַריבערטראָגן דעם אומגליק, איידער אונדז. געדאַליע איז ניט געבליבן די ראָצכים אַזאַ באַלכויווו, ווי מיר. מע זעט עס אַרויס פון זײַנע אָרדענס און מעדאַלן. פאַראַן פאַר וואָס אים צו מעקאַנע זײַן.

— וואָס זײַנען מיר שולדיק, — האָט אים כאָנע דערויף געענטפערט, — אַז מיר זײַנען מיט אײַך צו יענער צײַט שוין געווען אין דעם עלטער, ווען מע האָט אין דער אַרמיי ניט גענומען, און דעם וועג צו די פּאַרטיזאַנער אין וואַלד האָבן מיר אויך ניט געוווּסט.

— כ׳מאַך דערמיט, כאָלילע, דען עמעצן שולדיק? איך זאָג עס אַנטקעגן דערויף, וואָס צווישן אונדז און געדאַליען איז פּאָרט אַ שטיקל כילעק. אײַנגאַנצן זיך גלײַכן צו אים קאָנען מיר ניט. ער איז געווען אַ סאָלדאַט.

נאפּטאָלע כעסין, וועמען צירל האָט, שטייענדיק נאָך אַלץ באַם אָפענעם פענצטער, פּלוצעם דערזען גיין אַהער, האָט איר דערמאָנט, אַז אין דער דאָזיקער שאָ, ביפראַט אין אַזאַ מעכיַיעדיקן אָוונט, ווי היַינט, שפּאַצירן זיי אינדריַיען פון לאַנג שוין אַרום. ס׳איז אָבער סאָף כוידעש, און נאַפּטאָלע דאַווידאָוויטש, כאָטש זי קוקט אַף אים, ווי אַף אַ טאַטן, און ער, ווי ער זאָל עס פילן, רופט זי טאָכטערקע, איז נאָך דערוויַיל ניט אין דעם על־טער, אַז זי זאָל אים דאַרפן אונטערזאָגן, פאַרוואָס האָט ער זי מיט כאַ־נען ניט באַגעגנט היַינט אין סעדל, ווו ער טרעפט זיי געוויינלעך אַרומ־שפּאַצירן. עפּשער איז עפּעס געשען, וואָס ער גייט אַהער? סטאַם אַזוי, וויסנדיק פאַרפריַער, אַז ער וועט כאַנען נאָך אין שטוב איצט ניט טרעפן, וואָלט דער לערער זיך אַהער ניט געשלעפּט. צי גייט ער ניט צופעליק נאָכפרעגן זיך באַ איר וועגן זיַין טאַלמיד, וועמען ער העלפט זיך פאַנאַנ־דערקליַיבן אין די צוגעשיקטע מאַטעמאַטישע פאַרגעבונגען? דער לערער האָט געקאָנט מיט אים אָפּריידן זיך טרעפן היַינט אין אָוונט, און יענער איז ניט געקומען, באַאומרויִקט עס אים, וואָרעם נאַפּטאָלע כעסין איז פון די מענטשן, וואָס אויב ער בינדט זיך צו עמעצן צו, איז עס מיט ליַיב און לעבן. און אַז זיַיוול האָט נויסע־כיין געוואָרן באַם לערער, האָט צירל באַ־מערקט נאָך דעמלט, ווען כעסין האָט זי באַקאַנט מיט אים. אַפּאַנעם, אַז אַזוי איז עס טאַקע. ניט דערוואַרט זיך אַף זיַין טאַלמיד, האָט כעסין ניט געהאַלטן פאַר קיין טירכע צוגיין אַהער זיך דערוויסן, צי איז מיט זיַיוו־לען, כאָלילע, גאָרניט געשען, וואָס ער האָט אים נישט געטראָפן ניט אין קאָנטאָר און ניט אין דער היים. פאַרשטייט זי אָבער ניט, ווי קומט עס, אַז איר שעף, דער ביז גאָר אַקוראַטער און פּינקטלעכער זיַיוול יעווסייעוויטש האַנפּט, זאָל באַציַיטנס ניט געוואָרן וואָרענען כעסינען, אויב זיי האָבן אָפּגערעדט זיך היַינט באַגעגענען, אַז ער קליַיבט זיך פאָרן קיין וועדמעדאָווקע. זי האָט ניט געזען, אַז זיַיוול זאָל זיך געוואָרן שטאַרק איַילן אַהין. צירל איז ביז איצט נאָך ניט זיכער, צי האָט ער ביכלאַל גע־דאַרפט אַהין פאָרן. קיין סאָד דערפון, וואָס זי האָט באַגעגנט זיַיוולען אין וואַלד, האָט זי ניט וואָס צו מאַכן. דאָך וועט זי כעסינען, פון וועמען זי האָט ניט קיין סוידעס, ווי זי האָט ניט קיין סוידעס פון איר כאַנען, וועגן דער היַינטיקער באַגעגעניש אירער מיט זיַיוולען ניט דערציילן.

— אַ גוט־אָוונט דיר, טאָכטערקע, — האָט נאַפּטאָלע, צוקומענדיק נע־ענטער, זיך אָנגערופן מיט זיַין עטוואָס הייזעריקלעך קאָל, — וואָס זיצ־סטו עפּעס אין דער פענצטער?

— כ׳ווייס טאַקע אַליין ניט. קומט, ביטע, אריַין אין שטוב. כ׳וועל גיין אָנצינדן די שיַין.

— צוליב מיר האָסטו ניט וואָס אָנצוצינדן די שיַין, — האָט נאַפּטאָלע זי אָפּגעשטעלט, — כ׳בין זיך היַינט אַזוי אויך גענוג אָנגעזעסן אין שטוב, ווילט זיך כאַפּן אַ ביסל פרישע לופט. וואָס זאָגסטו עפּעס, סאַראַ אָוונט ס׳איז היַינט, האַ? קיין גרעזל טוט ניט אַ שאָרך. זע, און אווו איז דאָס דיַין כאַנע?

— ער איז נאָך ניט געקומען פון זאַוואָד.

— איז שטייסטו, הייסט עס, און קוקסט ארויס אף אים?

— אף וועמען דען, נאפטאָלע דאווידאָוויטש, האָב איך צו ארויסקוקן?

— אבי כ'האָב געמיינט, כ'וועל אים שוין טרעפן אין דער היים. דער זייגער איז דאָך שוין באלד ניַין. אפּאָנעם, אז מיטן פלאן איז בא זיי דאָס מאָל גאָר ניט וואזשנע, וויבאלד סע קומט אויס זיך אזויפיל פארהאלטן אף דער ארבעט.

— ס'איז בא זיי קימאט יעדן כוידעש אזוי. און וואָס זאָל מען טאָן, אז ס'איז פאָרט א גרויסער דויכעק אין מענטשן. דעם פלאן דארף מען אָבער מאכן. און מע מאכט. איר ווייסט, וויפל מענטשן עס פעלן אויס אפן צוקער־זאוואָד? און ווו זאָל מען זיי נעמען, אז די יוגנט האלט זיך דאָ ניט איַין? מע לויפט אין שטאָט.

— נו, ניט אלע. נו, אָט דו, אשטייגער. צי דו קלײַבסט זיך שוין אויך אנטלויפן אין שטאָט?

— איַי, נאפטאָלע דאווידאָוויטש, — צירל האָט פארשעמט אראָפּגעלאָזט די אויגן, ווי זי זאָל צום ערשטן מאָל געוועזן הערן אזוי ריידן וועגן זיך. — נו, וואָס פאר א יונגע בין איך? מיר איז דאָך ס'אכט־און־צוואנציקסטע שוין.

און כאָטש כעסין האָט עס געוווּסט, געדענקט אפילע דעם טאָג פון איר געבוירן, ווי זי זאָל אים ווירקלעך געוועזן זיַין אן אייגענע טאָכטער, פונדעסטוועגן האָט ער אָן דעם מינדסטן שפּאס א מאך געטאָן צו איר מיט דער האנט:

— גיי שוין גיי. דאָס טראכסטו אף זיך פּאַשעט אויס. ווער וועט דיר גלייבן, אז דיר איז אכט און צוואנציק יאָר? זעסט, קיין איַינהאָרע ניט, אויס, אויב א סאך... נו, גוט, גוט, איך שוויַיג... זאָג מיר נאָר בעסער, טאָכטערקע, האָסט נאָך ניט קיין כאראָטע, וואָס דו ביסט אריבערגעגאנגען פונעם צוקער־זאוואָד אין דער סטראכיר־קאָנטאָר?

— אנטקעגן וואָס פרעגט איר עס מיך אלעמאָל? — צירל האָט דערפילט, ווי זי נעמט זיך רויטלען, און אָפּגעקערט דעם קאָפּ פון דעם לערערס קלוגע, דורכדרינגלעכע אויגן.

— איך פרעג עס דיך אלץ אנטקעגן דעם, וויַיל דיַין כאָנע, ווי איך זע, איז ניט גאָר צופרידן פון דעם שידעך.

— פונוואנען נעמט איר עס? — צירל האָט זיך באמיט ניט ארויסצוויַיזן פארן לערער איר פארלוירנקיַיט. — כאָנע האָט עס מיר קיינמאָל ניט געזאָגט.

— און פאר מיר, זעסטו, האָט ער זיך ניט איין מאָל באקלאָגט, אז ווען דו לאָזסט זיך איבער די דערפער, איז ער אין איינע שרעק, ער ווייסט ניט וואָס איבערצוטראכטן.

— א־א, — האָט צירל לײַכט אָפּגעטעמט, ווי זי וואָלט איבערגעקומען א סאקאָנע, — נו, וועמען גיי איך אָן? פארן וואלד איז דאָך איצט ניטאָ וואָס מוירע צו האָבן. זע, וואָס שטייט איר די גאנצע צײַט הינטערן פענצטער? איר זוכט פרישע לופט, איז האָט איר עס בא אונדז אין הויף וויפל איר ווילט. קומט ארײַן. די קאליטקע איז אָפן.

צירל האָט ארויסגעטראָגן דעם לערער א בענקל פון שטוב און אליין זיך אָנגעשפּארט אינעם ברייט צעוואַקסענעם בארנבוים, וואָס האָט איינע פון זײַנע געדיכטע באַהאַנגענע צווײַגן פאַרוואָרפן אפן שינדל־דאַך.

— ווייסט, וואָס כ׳וועל דיר זאָגן, טאַכטערקע, — האָט זיך אָנגערופן נאַפטאָלע, טיף אײַנגעטעמענדיק אין זיך די פרישע קילקײַט, וואָס איז געגאַנגען פון די באַגאָסענע בייטן אין גערטנדל, — אז איך קום אַרײַן צו אײַך, ווילט זיך מיר נאָכדעם ניט אוועקגיין. אויסער אײַך האָב איך דאָך, אייגנטלעך, קיינעם ניט.

— איז עפּשער וואָלט איר זיך גאָר אריבערגעקליבן צו אונדז? איר וועט אונדז ענג ניט מאַכן.

— עס גייט דען דערין, וואָס איך האָב, כאָלילע, ניט ווו צו זײַן? ווייסט, וואָס כ׳וועל דיר זאָגן, טאָכטערקע? וואָס שענער און בעסער ס׳איז די דירע, אלץ שטאַרקער לאָזט זיך פילן דער אומעט. צײַטנווײַז גיט ער מיך אזוי א נעם ארום, אז איך געפין זיך קיין אָרט ניט.

— ס׳איז דערפאַר, וואָס איר זײַט אליין, — צירלען איז אויסגעקומען מאָדנע, וואָס זי דאַרף עס געבן צו פאַרשטיין א מענטשן, וועלכער איז מער ווי אין צוויי מאָל עלטער פון איר און מיט וועמען זי מיט איר כאָנען האַלטן זיך אָפּטמאָל אַן אייצע. צירל האָט אָבער פאַרגעזעצט, ניט זײַענ־דיק זיכער, צי כעסין הערט זי. זײַן פּאָרטראַכטער בליק איז געווען גע־ווענדט ניט צו איר, נאָר צו דעם זיך האַסטיק דורכגעטראָגענעם שטערן, וואָס איז פאַרשוווּנדן, ניט דערפליִענדיק צום האָריזאָנט. — איך פאַרשטיי, ס׳איז ניט אזוי לײַכט פאַרגעסן, אז מע איז געווען שוין אי א טאַטע, אי א זיידע. מע קאָן דען אזוינס פאַרגעסן? דערמאָנט זיך אָבער, נאַפטאָלע דאַווידאָוויטש, וואָס איר האָט אַנומלטן געזאָגט וועגן געדאַליען. קאָלזמאַן א מענטש לעבט, האָט איר געזאָגט, טאָר ער זיך ניט אונטערגעבן...

— אוואדע טאָר ער זיך ניט אונטערגעבן. נאָר איך וועל שוין, אפּאָ־נעם, אזוי אָפּשטופּן דאָס בינטל יאָרן, וואָס ס׳איז מיר נאָך פאַרבליבן. צו צוויי און זעכציק יאָר איז שוין שפּעטלעך פאַרפירן פונדאָסנײַ א לעבן. הערסטו, טאָכטערקע, ניטאָ קיין גרעסער גליק אף דער וועלט, ווי זײַן א לערער. א גאַנץ לעבן אָפּזײַן צווישן קינדער! און צווישן קינדער קאָן מען ניט זײַן עלנט. שלעכט איז נאָר, וואָס כוץ דעם טאָג איז נאָך פאַראַן די נאַכט. וואָס וואָלט איך געטאָן, ווען כ׳זאָל ניט געווען האָבן אײַך לעבן זיך? ס׳איז א גרויס גליק, וואָס איך האָב זיך וווהין ארײַנכאַפּן, ווען עס באַפאַלט מיך דער אומעט. אָט בין איך אָפּגעזעסן א ביסל בא דיר, און כ׳בין שוין אַן אנדער מענטש. כ׳קאָן שוין גיין אהיים, — כעסין האָט זיך אופגעהויבן פון בענקל. — ס׳איז שוין טאַקע, אייגנטלעך, צײַט גיין אהיים.

— וואָס אײַלט איר זיך אזוי? באַלד וועט קומען כאָנע, וועלן מיר אָפּעסן צוזאַמען וועטשערע און זיך א ביסל דורכשפּאַצירן פאַרן שלאָף.

דאָס קינדערשע געוויין, וואָס האָט מיטאַמאָל פאַרבלאָנדזשעט אהער פון א נאָענטער שטוב, האָט מיט זיך אוועקגעפירט צירלען פונעם באַרנ־

בוים, בא וועלכן זי איז געשטאנען, צו דעם הארבסטיקן טשערעט אונטערן בריקל און פון דאָרט אין דער ווײַטלעכער שטאָט צום בארימטן פּראָפעסאָר, וועלכער האָט אָפּגענומען בא איר דאָס לעצטע שטיקל האָפענונג.

דאָס קינד איז אנשוויגן געוואָרן, נאָר דער אָוונט האָט ניט אומגעקערט צירלען די פריִערדיקע רויִקע שטילקײַט, ער האָט איר געבראכט צו טראָגן א שווערע נאָגנדיקע בענקשאפט, פון וועלכער ס'איז ניט זיך אויסצובאַהאלטן. זי קאָן אלץ ניט איַינשטילן אין זיך דעם ניגן פון דער וויגליד, מיט וועלכער די יונגע מוטער האָט דאָ ערגעץ אין א נאָענטער שטוב פארשלעפערט איר קינד, און וועלכן זי, צירל, האלט איצט אין איין איבערזינגען אים אין זיך מיט פארמאכטע ליפּן. קיינער אין דער וועלט, איז זי זיכער, איז נאָך קיינמאָל ניט געווען קיינעם אזוי מעקאנע, ווי זי, צירל, איז אין די דאָזיקע מינוטן מעקאנע אָט דער יונגער מוטער, און אין קיינעם, איז זי זיכער, האָט ניט געברענט נאָך אזוי אף עמעצן דער צאָרן, ווי ער ברענט איצט אין איר אף די, וואָס האָבן זי באשטראָפט מיט דער גרעסטער שטראָף פאר א פרוי — מיט פארשליסן אף אייביק איר מוטערטראכט. צירל באהאלט ניט אויס איר געמיט פון כעסינען. ער קאָן עס זען אינעם בליק פון אירע אויגן, דערפילן אינעם זיפץ, וואָס כאפּט זיך בא איר אומגערן ארויס.

— עפּעס פארהאלט ער זיך הײַנט, דאכט מיר, דײַן כאָנע, לענגער ווי אלעמאָל.

— הא?

— כאָנע, זאָג איך, פארהאלט זיך עפּעס הײַנט זייער לאנג, — נאָפּטאָלע האָט זי לײַכט אָנגערירט בא דער האנט, — הער נאָר, טאָכטערקע, ביזוואנען איז דער שיר זיך אזוי צו פײַניקן? דו פארגעסט, אפּאָנעם, אז ס'האָט געקאָנט ביכלאל זיך ענדיקן דערמיט, אז ס'זאָל ניט בלײַבן אפילע קיין זייכער פון אונדז. וואָס איז פאראן דאָ צוריידן? בלײַבן אן אקאָרע אפן גאנצן לעבן איז אוודע א גרויסער אומגליק. ביסט דאָך אָבער, ווי זאָגט מען עס, ניט קיין באסיעכידע בא גאָט. פאראן א סאך אזעלכע, ווי דו, כאָטש זיי איז ניט אויסגעקומען, ווי דיר, אָפּשטיין אין דער קעלט קימאט א מעסלעס אין וואסער און דריטהאלבן יאָר ניט זען די ליכטיקע שײַן. פארשטיי איך דיך טאקע ניט, פארוואָס זאָלסטו ניט פאָלגן כאָנען און טאָן, וואָס אנדערע טוען. מע נעמט א קינד אף דערציִען, מיט דער צײַט ווערט עס ווי אן אייגנס. מיילע, פריִער, אז דו האָסט נאָך געהאט א האָפענונג, איז פארשטיי איך. אָבער איצטער, נאָכדעם ווי דו ביסט געווען בא אזא בארימטן פּראָפעסאָר און ער האָט דיר געזאָגט... איז דאָך ביכלאל שוין ניט שײַעך. זאָלסט אָבער געווען פאָלגן כאָנען, וואָלסטו זיך שוין פון לאנג אופגעהערט פײַניקן. מיינסט, טאָכטערקע, איך זע ניט?

דאָס אָנגעבויגענע צווײַגל, וואָס האָט זי פאַרשטעלט פון נאפטאָלעס שארפן בליק, האָט זיך מיטאמאָל ארויסגעגליטשט פון אירע הענט און אנטפּלעקט פאר אים אירע פול־פארטרערטע אויגן. נאָר צירל האָט פארן אָפּגעשפּרונגענעם צווײַגל זיך צוריק ניט אָנגעכאפּט. זי איז צוגעגאנגען צום פארקנדל און א זאָג געטאָן, ווי צו זיך:

— מירן דאָך אָבער מוזן צוליב דעם אריבערפאָרן אין שטאָט.

— פארוואָס עפּעס?

ניט געפינענדיק זיך אויך דאָ קיין אָרט, האָט צירל זיך אומגעקערט צוריק צום בארנבוים, זיך ווידער אָנגעכאפּט פארן זעלבן צווײַגל און שטיל ארויסגעבראכט:

— איך מיינט, איך האָב ווייניק וועגן דעם געקלערט? מע טאָר אָבער ניט פארגעסן, טײַערער פרײַנט אונדזערער, אז קוים נעמען מיר א פרעמד קינד, טאָר דערפון קיינער ניט וויסן. אין שטאָט איז אזוינס, פארשטייט זיך, מעגלעך. אין שטאָט ווייסט מען אפילע אָפט ניט, ווער עס וווינט מיט דיר אף איין שטאָק. אין א שטעטל אָבער, אפילע אין אזא גרויס, ווי אונדזערס, ווייסט יעדער איינער, וואָס סע טוט זיך באם צווייטן. אין שטעטל איז אזא זאך ניט אויסצובאהאלטן, אויב מע זאָל אפילע ארויספאָרן אף א שטיקל צײַט. מע וועט זיך באלד אָנשטויסן וואָס און ווען. צוליב כאָנען טאָר איך עס ניט טאָן. בייזע צינגער, ווי איר ווייסט, פעלן נאָך דערווײַל אין ערגעץ ניט אויס. זיי וועלן דאָך כאָנען ניט ארויסלאָזן פון מויל, זיך וויצלען איבער אים.

— יאָ, בייזע צינגער פעלן, צום באדויערן, ניט אויס...

— און וועגן דעם קינד אליין, אויב מע גייט שוין דערוף אײַן, דארף מען דאָך אויך א טראכט טאָן, — האָט צירל פאָרגעזעצט אראָפּריידן זיך פון הארץ. — אין א שטעטל זײַנען קיין סודעס ניטאָ. און פונוואנען ווייס איך, אז סע קאָן זיך ניט געפינען אזא, וואָס זאָל אויסזאָגן דעם קינד, ווען ס׳וועט א ביסל אונטערוואקסן, אז ניט איך בין זײַן מאמע און ניט כאָנע איז זײַן טאטע?..

— אין דעם, זעסטו, טאָכטערקע, גלייב איך שוין ניט. יאָ, דו ווייסט, אז דײַן שעף האָט אין זינען דיר איבערגעבן די קאָנטאָר?

דאָס אָנגעבויגענע צווײַגל האָט מיט א טומל זיך ארויסגעריסן דאָס מאָל פון אירע הענט.

— האנפּט פאָרט דען אוועק?

— דערווײַל ניט, נאָר מיט דער צײַט וועט ער, פארשטייט זיך, אוועקפאָרן. די געגנט, שטעל איך מיר פאָר, איז ניט אזוי רײַך מיט מענטשן, וואָס האָבן הויכע בילדונג, אז זי זאָל האנפּטן איבערלאָזן אין שטעטל. די געגנט וועט אזא איינעם, ווי זײַוול, אריבערנעמען צו זיך, נאָך איידער ער וועט פארענדיקן דעם אינסטיטוט. דער באָכער, דארף איך דיר זאָגן, וועט ווײַט אוועקגיין. בא אים איז אַ אָפּענער קאָפּ. ער קאָן זיך שוין פרײַ באגיין אָן מײַנע קאָנסולטאציעס, און ביכלאל איז ער א ווילער באָכער. דו ווייסט, וואָס ער האָט מיך געבעטן? איך זאָל דיך צוגרייטן צו די עקזאמענעס אין פינאנציעלן טעכניקום.

— אזוי גאָר? פונוואנען האָט ער עס גענומען, אז איך קלײַב זיך גיין לערנען? — צירל האָט אָפּגעווענדט פון כעסינען די אויגן, ווי זי זאָל ניט זײַן אינגאנצן זיכער, אז זיי וועלן זי באלד ניט ארויסגעבן. — כ׳מיין, אז ווען עס זאָל האלטן דערבײַ, וואָלט איך ווי־ניט־איז אליין געטראָפן צו

איך דעם וועג. ניין, טאקע. פונוואנען האָט ער עס מיטאמאָל גענומען, אז איך קלײַב זיך גיין לערנען?

— און פארוואָס זאָלסטו טאקע ניט גיין זיך לערנען?

— איר לאכט, אפאָנעם, פון מיר, נאפטאָלע דאווידאָוויטש, אין מײַנע יאָרן...

— דאָס זאָגסטו וועגן זיך? — האָט כעסין זיך צעלאכט. — ווייסט, וויפל איך בין אלט געווען, ווען כ'ביך אָנגעקומען אין אינסטיטוט? צוזאמען מיט מיר זײַנען אָנגעקומען פיל עלטערע נאָך פון מיר — טאטעס פון קינדער איז מען שוין געווען, און גאָרניט. מע האָט זיך ניט געשעמט זיצן מיט יונגווארג אף איין באנק. אין אונדזערע צײַטן איז א ביזאָיען, אז מע לערנט זיך ניט. אָבער לערנען זיך... שאַ. מיט וויפל, אשטייגער, מיינסטו, איז זײַוול עס יינגער פון דיר?

— דאָס, זעט איר, נאפטאָלע דאווידאָוויטש, גייט מיר שוין לאכלוטן ניט אָן.

— איך פארשטיי, אז דאָס גייט דיר ניט אָן, איך זאָג עס בלויז אנטקעגן דעם, וואָס ער איז ניט אף קיין סאך יינגער פון דיר. א יאָר פירפינף און צוואנציק דארף אים זיכער שוין זײַן. ווי מיינסטו?

שטייענדיק אזוי באם בוים, האָט זיך צירלען פלוצעם אויסגעוויזן, אז פארבײַ געדאליעס שטיבל איז דורכגעגאנגען זײַוול. ס'איז אָבער ניט אריבער נאָך אזויפיל צײַט, ווי זי האָט זיך מיט אים צעשיידט אין וואלד, אז ער זאָל שוין האָבן באוויזן צוריקקומען פון ווערמעדאָוועקע. דאָך האָט צירל שוין ניט אָפגעקערט דעם בליק פונעם שטיבל.

— און שוין לאנג, אז איר האָט פאר מיר די דאָזיקע נײַס? — צירל האָט, דאכט זיך, אליין ניט געהערט, וואָס זי פרעגט. זי איז מיט איר גאנצן ווען געווען אף דער אנדערער זײַט גאס.

— וועלכע נײַס? — האָט כעסין פארוואונדערט איבערגעפרעגט.

— נו, אז איר קלײַבט זיך מיך ארײַנגעבן אין טעכניקום און מאכן דערנאָך פאר א באלעבאָסטע פון דער סטראכיר־קאָנטאָר. איך אליין האָב שוין דאָ אינגאנצן קיין דייע ניט, וואָס איר האָט ניט געפונען פאר בייטיק מיך אפילע פרעגן וועגן דעם? אליין, אָן מיר, הייסט עס, אלץ ארומגערעדט.

קלאָר, אז דאָס שפאסט זי. נאפטאָלע זעט דען ניט, אז דאָס אלץ, וואָס ער האָט איר געזאָגט, איז פאר צירלען פון לאנג שוין קיין נײַס ניט. נאפטאָלע איז אפילע זיכער, אז האנפט האָט עס איר געזאָגט נאָך פריִער ווי אים. נאָר וויבאלד זי רעדט מיט אים וועגן דעם אין א שפאס, האָט ער אויך געענטפערט אין א שפאס:

— פארוואָס האָבן מיר זיך מיט דיר ניט אויסגעצייצעט פארפריִער, פרעגסטו? איז דער טערעץ, אז מיסטאם ביסטו פונקט דעמלט ניט געווען, ווי מע זאָגט איצט בא אונדז, צו האוזע. נו, און פרעגן דײַן כאָנען איז דאָך סטאם ניט שײַעך. מיר ווייסן פארפריִער, אז ער וועט זאָגן ניין. זע, אָן גייט ער דאָך, דײַן כאָנע. מירן אים טאקע באלד פרעגן. כ'מעג שווערן, אז ער איז אונטערן גלעזל. עפעס האָט ער זיך הײַנט צו יאָמטעוודיק צעזונגען.

# קאַפּיטל דרײַ

פֿונוואַנען האָט זיך גענומען צו דעם קליינוווקסיקן, עטוואָס אײַנגעהויקערטן, ניט איבעריקס קרעפּטיקן און קימאַט אינגאַנצן גראָוון כאַנע ביני־קינען, וועלכער האָט זיך ניט געקאָנט אויספּיײַנען ניט מיט דער שטים, ניט מיטן געהער, אַזאַ היסלײַוועס, איזאַ מעסוקענע נעטיִע צום זינגען, אַז ער האָט קיין טראָט ניט געקאָנט מאַכן אָן נעגינע, ניט באַמערקנדיק עס אָפּט גאָר אין זיך, ווי מע באַמערקט ניט, אַשטייגער, דאָס אַרײַנעטעמען און אַרויסעטעמען די לופֿט, צי דאָס פּאָכן מיט די הענט בייסן גיין, — האָט ער אַליין ניט געוווּסט. עס האָט זיך אים פֿון זיך אַליין געזונגען, אָן אַ שום פֿאַרוואָס און אָן אַ שום פֿאַרוואָס. אַפֿילו דאַן, ווען ער איז געלעגן אין קעלער, האָט ער זיך אויך ניט געקאָנט אינגאַנצן באַפֿרײַען דערפֿון. ווי ער האָט זיי ניט געשטיקט אין זיך, די ניגונים, האָבן זיי פֿון מאָל צו מאָל זיך פֿאַרט אַרויסגעריסן, און ער האָט זיי נאָכדעם לאַנג ניט געקאָנט פֿאַרטרײַבן צוריק אין זיך און פֿאַרשפּאַרן אַף זיבן שלעסער, ווי מע קאָן צומאָל לאַנג ניט פֿאַרנאַרן פֿונעם הויכן פֿרײַען הימל די פֿאַנאַנדערגעפֿלויגענע טויבן צוריק אין טויבנשלאַק. פֿאַרטרײַבן די ניגונים צוריק אין זיך האָט אים געהאָלפֿן צירל מיטן אָנשטעלן אַף אים אירע גרויסע דערשראָקענע אויגן און מיטן ציטער פֿון אירע שעפּטשענדיקע ליפּן. און פּונקט ווי פֿאַר צירלען, ווען זי איז אַרויס פֿון דער באַהעלטעניש און צום ערשטן מאָל, נאָך אַזויפֿיל צײַט, דערזען פֿאַר זיך דעם הימל, איז די גרעסטע פֿרייד אין די דאָזיקע רעגעס געווען — דאָס קאָנען זיך אויסוויינען הויך אַף אַ קאָל, אַזוי איז פֿאַר כאַנען געווען — דאָס קאָנען אַרויסלאָזן פֿון זיך אַף דער פֿרײַ די פֿאַרשטיקטע ניגונים, וואָס האָבן פֿון אים געשפּאַרט. קיין איין ליד אָבער האָט ער קימאַט קיינמאָל ניט דערזונגען ביזן סאָף, און ניט בלויז דערפֿאַר, ווײַל ער האָט ניט געוווּסט אַלע ווערטער, נאָר ווײַל איין ליד האָט אונטערגעיאָגט די אַנדערע, ניט געלאָזט זיך לאַנג פֿאַרהאַלטן, פּונקט זיי זאָלן מעסוקענערווײַז ערגעץ אײַלן. אויסער דעם, האָט כאַנע געזונגען אַלע לידער אַף איין נוסעך: האָפּערדיק און פֿריילעך. אַפֿילו דער סאַמע אומעטיקער ניגן האָט זיך אויך בײַ אים אַזוי אַרויסגעזונגען.

— הער נאָר, טאָכטערקע, ווי ער האָט זיך עס, קיין אײַנהאָרע, צעקעלכלט, — האָט כעסין זיך אָנגערופֿן צו צירלען, וואָס איז אויך שוין געשטאַנען לעבן אים באַם שטאָכעטנעם פֿאַרקנדל און זיך אײַנגעקוקט אין דער אָוונטיקער טונקלקײַט, אַהין, וווּ זי האָט אַ ווײַלע פֿריִער געהאַט געזען זיך דורכשפּאַצירן, ווי איר האָט זיך אויסגעוויזן, זײַוולען, און פֿונוואַנען ס'האָט זיך איצט דערנעענטערט כאַנעס מונטער געזאַנג.

צירל איז אַרויס כאַנען אַנטקעגן, אים אַרומגעכאַפּט, ווי זי זאָל זוכן בײַ אים אַ שוץ, אַליין ניט וויסנדיק נאָך קלאָר פֿון וועמען.

— וואָס עפּעס אַזוי שפּעט? — האָט זי, טוליענדיק זיך צו אים, געפֿרעגט מיט אַן אָפּגעהאַקטן אָטעם און געקוקט אַף איר כאַנען מיט פֿאַרבעפּלטע אויגן. — אַזוי לאַנג האָסטו זיך נאָך קיינמאָל ניט פֿאַרהאַלטן.

— האָסט שוין פּאָשעט פאַרגעסן. פּאַריקן כוידעש, דערמאָן זיך, בין איך אַפילע געבליבן נעכטיקן אויפן זאַוואָד.
— באַ אײַך איז דאָך דעמלט געווען אַן אַוואַריע.
— אַז מע האַלט שמאָל מיטן פּלאַן, מיינסטו, איז ניט קיין אַוואַריע? נאָך אַ מין אַוואַריע!
— און אַ סאַך פעלט אײַך נאָך אויס צום פּלאַן? מאָרגן איז דאָך שוין דער דרײַסיקסטער, דער לעצטער טאָג פון כוידעש.
— אײַ, טאָכטערקע, טאָכטערקע, זעסט ניט, לויט אים נאָך, אַז אים קומט מאַזלטאָוו? — האָט זיך געלאָזט הערן פון הויף נאַפּטאָלע. — לויטן כאַזאָנעווען זײַנעם האָסטו באַדאַרפט זיך אָנשטויסן, אַז ניט נאָר מע האָט אויסגעפּילט דעם פּלאַן, נאָר מע האָט אים גאַנץ פײַן איבערגעשטיגן און ס׳וועלן זײַן פּרעמיאַלנע. האַ, כאַנע, געטראָפן?
— צירל, — האָט כאַנע, באַגריסנדיק זיך מיטן לערער, אויסגערעדט דעם ווײַב, — ווי באַהאַלטסטו עס פון מיר אויס, אַז מיר האָבן הײַנט אַזאַ גאַסט?
— דאָס מיינט איר מיך? וויפל איז אָן ערעך, אַז מיר האָבן זיך ניט געזען? אַ מעסלעס איז שוין דאָ?
— באַ מיר, כאַוועך נאַפּטאָלע, זאָלט איר וויסן זײַן, זײַט איר שטענ־דיק אַן אָנגעלייגטער גאַסט. כ׳זאָל געווען וויסן, אַז כ׳וועל אײַך דאָ הײַנט טרעפן... די קראָם איז שוין געוויס צוגעמאַכט, האַ, צירל?
— צו וואָס דאַרפסטו אין קלייט? פאַר אַזעלכע שיקורים, ווי דו און נאַפּטאָלע דאַווידאָוויטש, וועט זיך אין שטוב נאָך מיסטאָמע אויך עפּעס אָפּזוכן. מע מוז דען דערלאַנגען צום טיש נאָר בראַנפן? און ווישניק איז שלעכט? וווהין ביסטו עס אַוועק? — האָט צירל נאָכגעשרִיען דעם מאַן, וואָס האָט זיך געלאָזט מיט דער שמאָלער סטעזשקע אין גערטנדל. — האָסט דאַרט ניט וואָס צו קוקן. איך האָב אָנגעפּאַיעט אַלע דײַנע בייטן און אָנגעהאָדעוועט אַלע דײַנע אויפעס. גיי בעסער וואַש זיך אײַן, און מירן זיך זעצן צום טיש. נאַפּטאָלע דאַווידאָוויטש איז שוין באַ אונדז אַ רעכט שטיקל צײַט און געוויס באַוויזן זיך אויסהונגערן.
— נאַפּטאָלע דאַווידאָוויטש, טאָכטערקע, עסט ניט צו דער נאַכט, מע זאָל אים אַפילע מעכאַבעד זײַן מיט כ׳ווייס אַליין ניט וואָס. און צווייטנס, איז מיר שוין לאַנג צײַט גיין אַהיים.
— וואָס האָט איר אַזעלכעס אָנגעוווירן אין דער היים, נאַפּטאָלע דאַ־ווידאָוויטש, וואָס איר אײַלט זיך אַזוי? די עקזאַמענעס אין שול האָבן דאָך מיט אַ וואָכן צוויי נאָך צוריק זיך פאַרענדיקט.
— נאַפּטאָלע דאַווידאָוויטש, טאָכטערקע, זיצט קיינמאָל ניט אָן אַרבעט. אַפילע אין געטאָ, ניט פאַר הײַנט געדאַכט, אַז איך בין געווען, איז אויך ניט געווען דער טאָג, איך זאָל ניט אַרײַנקוקן אין קיין ביכל, צי עפּעס ניט פאַרנאָטירן, ווי איך טו עס, ווי דו ווייסט, איצט. כ׳פאַרשרײַב אַלץ, אי דאָס, וואָס כ׳האָב געזען מיט די אייגענע אויגן, אי דאָס, וואָס מע דערציילט מיר, וואָרעם ס׳וועט דורכגיין אַ צען־פופצן יאָר און מע וועט אָנהייבן זיך פאַרגעסן. אַזוי איז שוין דער מענטש. און ווי קאָן מען לאָזן פאַרגעסן דאָס, וואָס דו מיט דײַן כאַנען האָבן מיר דערציילט?

— און איר האָט עס אַלץ פֿאַרשריבן?

— און ווי קאָן מען אַזױנס ניט פֿאַרשרײַבן? דאָס װאָלט דאָך געװען דער גרעסטער כּעס.

— װעגן װאָס אַמפּערט איר זיך עס דאָרט אַזױ? — האָט, אומקערנדיק זיך פֿון גערטנדל, געפֿרעגט כאַנע. — דער כאַװער נאַפּטאָלע פֿאַרשטײט דען אַלײן ניט, אַז אָן אַ בוירײַ פּרי האַגאָפּען װעלן מיר אים פֿונדאַנען ניט אַרױסלאָזן, ביפֿראַט, אַז ס'איז דאָ לעקאָװעד װאָס צו מאַכן אַי אַ בוירײַ פּרי האַגאָפּען, אַי אַ שעהאַקל נײַע בידוואָרע[1].

— דעהײַנע? — כעסין האָט אַרײַנגענומען אין פֿויסט דעם שפּיציקן אונטערשטן קין, װי אַן אױסגעכאָװעט בערדל, מיט װעלכן ער איז זיך מעיאַשעװ באַ אַ שװערן איניען.

— דער סאָף איז גוט. איר האָט דאָך אַלײן געזאָגט, אַז סע קומט מיר מאַזלטאָװ.

שוין אַלײן דערפֿון, װאָס, קומענדיק מאָרגן פֿון דער אַרבעט, װעט זי טרעפֿן כאַנען אין שטוב און זי װעט זיך ניט דאַרפֿן אומדרײען אָן אָװנט, אָט װי הײַנט, צװישן פֿיר װענט, ניט געפֿינענדיק זיך קײן אָרט פֿון אומעט, האָט צירל, װי אַ גליקלעך קינד, אַ פּליעסקע געטאָן מיט די הענט:

— װאָס? טאַקע געמאַכט דעם פּלאַן?

— ניט נאָר געמאַכט, נאָר אים איבערגעפּילט, און װײסט אַף װיפֿל? אַף גאַנצע דריטהאַלבן פּראָצענט. דערצו פֿאַרגעס ניט, אַז מיר האָבן נאָך אין אונדזער רעשוס מאָרגנדיקן טאָג. אַלנפֿאַלס הונדערט דרײַ פּראָצענט, מײן איך, װעלן מיר דעם כּוידעש האָבן. פֿרעג איך דיך, פֿאַסט פֿאַר אַזאַ מאַזלטאָװ װישניק? נו זאָג אַלײן?

— ערגער זיך נאָר ניט, מײַן מאַן. אַז כ'װעל רעכט אַ זוך טאָן, װעט זיך מיסטאַמע אָפּזוכן אַ ביסל בראַנפֿן אױך. גײ װאַש זיך שוין אײַן, גרױסער טרינקער מײַנער.

נאָכן אַנדערן גלעזל האָט כאַנע, צװױנטשנדיק זיך און אַלעמען, אַז ס'זאָל זײַן שטיל און רויִק אַף דער װעלט, מע זאָל מער קײנמאָל ניט װיסן פֿון קײן צאָרעס און אומגליקן, זיך װי דערמאָנט:

— טרעף נאָר, צירל, װעמען איך האָב, גײענדיק אַהײם, באַגעגנט? דעם נאַטשאַלניק דײַנעם, זײַװול יעװסײעװיטש. עפּעס האָט ער מיר אױסגעזען אַ ביסל צעטראָגן. דורכגעגאַנגען און מיך אַפּילע ניט באַמערקט. כ'װײס, געדאַרפֿט אים עפּשער אָפּשטעלן? און װײסטו, װוּ כ'האָב אים באַגעגנט? ניט װײַט פֿונדאַנען. כ'האָב אַפּילע געמײנט, אַז דאָס גײט ער פֿון אונדז.

— אַ מאָשל. װאָס האָט ער אַהערצו צו גײן? — באַ צירלען האָבן גענומען פֿלאַמען די באַקן, און מיטן אױסרײד, אַז זי גײט פֿאַרקאָכן טײ, איז זי אַרױס אין קיך.

איצט האָט זי שוין זיכער ניט װאָס צו צװײפֿלען, אַז דער, װעמען זי האָט געזען זיך דורכשפּאַצירן דאָ פֿריִער פֿאַרבײַ געדאַליעס הויף, איז געװען זײַװול. װיִאַזױ איז עס צו איר גלײַך ניט דערגאַנגען, אַז ער װעט אַף אַ װעלאָסיפּעד, אַפּילע מיט ניט קײן דורכגעלעכערטער שינע, צו דער

[1] אַ בראָכע איבער װײַן און איבער װאַסער (בראַנפֿן).

נאכט־צו ניט לאָזן זיך קיין ווערמעדאָווקע — פּופּצן קילאָמעטער אַהין, פּופּצן קילאָמעטער צוריק? איצט האָט זי שוין ניט וואָס צו סאַפּעקן, אַז זײַוול האָט אין ערגעץ ניט געדאַרפט פֿאָרן און אַז מיט זײַן וועלאָסיפּעד האָט גאָרנישט ניט געטראָפן.

דאַכט זיך, נאָכדעם ווי זי האָט מיט דער גאַנצער אויפֿירונג אירער הײַנט אים געגעבן, זײַוועלען, דײַטלעך אָנצוהערן, אַז סע גייט איר לאַכ־לוטן ניט אָן, וואָס ער קלערט וועגן איר, און אַז זי קלײַבט זיך ניט גיין אים דערווײַזן, אַז זי האָט מיט וועמען צו גיין מעסטן דעם וואַלד, האָט ער געדאַרפט דאָך פֿאַרשטיין, אַז זי וועט קיין איין טאָג ניט בלײַבן מער אַרבעטן בײַ אים אין קאָנטאָר, אויב ער וועט ווען־ניט־איז ווידער פֿאַר־פֿירן מיט איר דעם זעלבן געשפּרעך, וואָס הײַנט. איז ווי קומט עס, ער זאָל אינעם זעלבן אָוונט זיך דערלויבן דורכשפּאַצירן זיך אַנטקעגן אירע פֿענצטער, באַגעגענען כאַנען און זיך מאַכן, אַז ער האָט איר ניט באַ־מערקט. טרעפֿט זי אים נאָך איין מאָל זי אונטערהיטן אין וואַלד צי זיך אַרומדרייען, ווען כאַנע איז נאָך אויפֿן זאַוואָד, אַנטקעגן אירע פֿענצטער, גייט זי גלײַך אַריבער אַרבעטן אויף דער מיל. כאַנען וועט זי גאָרניט דער־ציילן, פּונקט ווי זי האָט אים גאָרניט דערציילט וועגן אַלעקסיי ניקאָלײַע־וויטשן, וואָס איז נאָכן פּראַסק, וועלכן זי האָט אים דאָן דערלאַנגט, גלײַך אָפּגעשטאַנען פֿון איר. צו וואָס פֿאַרשאַפֿן כאַנען האַרצווייטעק, קאַרג האָט ער זיך אָנגעליטן אויף זײַן לעבן? אָבער פֿון נאַפּטאָלע דאַווידאָוויטשן, אויב איר וועט אויסקומען איבערגיין אויף אַן אַנדער אַרבעט, וועט זי דאָס ניט אויסבאַהאַלטן. ניין, דאָס האָט זיך איר, פֿאַרשטייט זיך, אויסגעוויזן, אַז דער לערער האָט באַמערקט, ווי זי האָט זיך גענומען רויטלען, ווען כאַנע האָט מיטאַמאָל פֿאַרפֿירט אַ רייד וועגן האַנפֿטן, און אַז דער לערער האָט דערבײַ אַ קוק געטאָן אויף איר מיט אַ בליק, וואָס האָט געקאָנט באַטײַטן, אַז ער ווייסט עטוואָס מער פֿון דעם, וואָס זי וואָלט אים געקאָנט דערציילן. ניין, ווען נאַפּטאָלע דאַווידאָוויטש זאָל געווען עפּעס וויסן צי זיך האָבן אַפֿילע אָנגעשטויסן, וואָלט ער עס פֿון איר ניט פֿאַרלייקנט, נאָר באַ־צײַטנס געזאָגט. דער זעלבער נאַפּטאָלע דאַווידאָוויטש, וועלכער האָט זי באַקאַנט מיט זײַוועלען און געהאַלטן אים אַלץ אין איין לויבן, וואָלט דער ערשטער געפֿאָדערט פֿון איר, אַז זי זאָל טייקעף זיך געזעגענען מיט דער סטראַכיר־קאָנטאָר און זיך אומקערן צוריק אויפֿן צוקער־זאַוואָד אָדער גיין אַרבעטן אויף דער מיל.

דורך דער אָפֿן געבליבענער טיר פֿונעם צימער איז וואָרט אין וואָרט דערגאַנגען צו צירלען אין קיך די רייד, וועלכע ס'האָבן פֿאַרפֿירט צווישן זיך באַם טיש כאַנע מיטן לערער.

— ווי קומט עס טאַקע, פֿאַרשטיי איך ניט, — האָט כאַנע פֿאַרגעזעצט, האַלטנדיק אין צעקײַען דעם ניט אַראָפּגעשלונגענעם ביסן, — וואָס אַזאַ, ווי זײַוול, זאָל בײַ הײַנטיקע צײַטן ניט זײַן נאָך קיין כאַסענעגעהאַטער? ער וואָלט דאָך געקאָנט, ער זאָל וועלן, נעמען דאָס שענסטע און בעסטע מיידל.

— און וואָס, ליבער כאַנע, וועט ער אָנווערן, אַז ער וועט כאַסענע האָבן אין אַ פּאָר יאָר אַרום, ווען ער וועט ענדיקן דעם אינסטיטוט?

— זאָגט עס ניט. גיט זיך נאָר, כאָוועטר נאַפּטאָלע, א דערמאָן, ווי איז געווען פריִער. אויב האָב איך ניט קיין טאָעס, זײַנען מיר מיט אײַך אין זײַוולס עלטער שוין געווען טאַטעס פון קינדער. זעט אויס, ער איז א גרויסער איבערקלײַבער, דער סטודענט אײַערער. ער ווייסט ניט, אז דער, וואָס קלײַבט לאַנג איבער, דער פּאַקט זיך אָפּטער פון אלץ אַרײַן.

— מיר שײַנט, מײַן ליבער כאַנע, אז איר קלײַבט זיך אים ריידן א שידעך. איז זאָגט שוין פאַר ווּעמען, אויב ס'איז ניט קיין סאָד, און כ'וועל עס אים טייקעף איבערגעבן. צי איר האָט מוירע אַנווערן דאָס שאַדכאָנעס און ווילט זיך אַליין מיט אים דורכריידן? — כעסין האָט זיך צעלאַכט מיט זײַן דריבנעם גוטמוטיקן געלעכטער.

צי ניט צו איר, צירלען, איז געווען געווענדט אָט דאָס געלעכטער זײַנס, וואָס האָט זיך געלאָזט אויסטײַטשן: קינד איינס, וואָס דו ביסט. האָסט געמיינט, כ'וועל זיך ארויסכאַפּן פאַר כאַנען מיט אַן איבעריק וואָרט, וואָס דו ביסט ארויסגעלאָפּן פון טיש? ווייסטו דאָך זייער גוט, אז איך האָב זיך ניט וואָס צו היטן, זײַוול האָט מיר דערוויַיל נאָך גאָרניט געזאָגט אַזוינס, אז איך זאָל עס דאַרפן אויסבאַהאַלטן פון דײַן כאַנען. האָסט דען גלײַך ניט פאַרשטאַנען, אז דאָס ווערטלען מיר זיך פּאַשעט?

פון די ווײַטערדיקע רייד זייערע, וואָס איז דערגאַנגען צו צירלען אַהערצו אין קיך, איז ניט געווען צו זען, אז כאַנע זאָל זיך פּאַשעט ווערטלען. צירלען האָט בכלל זיך שוין אויסגעוויזן, אז כאַנען גייט טאַקע אָפּאַנעמעסן אָן, וואָס זײַוול איז נאָך א באָכער. זי ווייסט בלויז ניט, צי נעמט זיך עס בא כאַנען דערפון, וואָס זײַוול יעווסייעוויטש האַנפּט איז דער שעף פון דער קאָנטאָר, אין וועלכער זי אַרבעט, און דערמיט אַליין האַלט כאַנע אים פאַר זייערן א שטיקל קאָרעוו, צי כאַנע האָט דערבײַ גאָר אַן אַנדער מייַך, אז ער איז דערמיט גאָר אינגאַנצן עפּעס אַנדערש אויסן.

— אומזיסט, נאַפּטאָלע דאַווידאָוויטש, מאַכט איר אַזוי לײַכט אַוועק מיט דער האַנט דאָס שאַדכאָנעס. הײַנטיקע יאָרן איז שאַדכאָנעס ניט דאָס, וואָס פאַר דער מילכאָמע, א שטיקל צוגאָב צו דער פּאַרנאָסע, א זאַך, מיט וואָס מע דאַרף זיך שעמען. פאַרקערט. איר ווייסט כאָטש, וויפל מיידלעך מיט יונגע אַלמאָנעס קוקן ארויס אויף א שאַדכן?! — כאַנע איז זיך וואָס ווײַטער, אלץ מער פאַנאַנדערגעגאַנגען, ניט געלאָזט דעם לערער א וואָרט ארײַנשטעלן. — און וויפל מיידלעך, און פײַנע מיידלעך, בלײַבן אָפּט פאַרזעסן איבער דעם, וואָס ס'זײַנען ניטאָ קיין שאַדכאָנים! פרעגט מײַן צירלען, זי פאָרט ארום איבער די דערפער און שטעטלעך, וועט זי אײַך זאָגן. און בא אונדז אין שטעטל, מיינט איר, וואָלט א שאַדכן ניט געהאַט וואָס צו טאָן? איך קאָן אײַך באַלד מאַכן א כעזשבן. און אין שטאָט, מיינט איר, איז אַנדערש? מיר קומט אויס, ווי איר ווייסט, זײַן אין שטאָט גאַנץ אָפּטלעך, איז ווייס איך, וואָס איך זאָג. און באָכערים, מיינט איר, בלײַבן ניט פאַרזעסן?

— הערט, — האָט כעסין אים ענדלעך אָפּגעשטעלט, — עפּשער וואָלט איר פאַרלאָזט דעם זאַוואָד און געעפנט דאָ א קאָנטאָר, וואָס זאָל באַזאָרגן די געגנט אונדזערע מיט שאַדכאָנים? זעט נאָר, כאַנע, אז צירל זאָל אײַך

ניט פארלויפן דעם וועג און ניט ארויסכאפּן בא איַיך אלע איַיערע מיצ־וועס. איך לאָך ניט. מיר האָט זי שוין היַינט געדערט א שידעך. איר גלייבט ניט? צירל, ווו ביסטו עס דאָרט? קום נאָר, טאָכטערקע, זיַי אזוי גוט, אהער.

אריַינגעקומען אין צימער, האָט צירל געטראָפן איר כאָנען זיצן באם טיש, ווי א מענטשן, וואָס האָט קיין שום שיַיכעס ניט צום געשפּרעך, וועלכער האָט זיך דאָ אָקאָרשט געפירט.

— אנו, טאָכטערקע, זיַי א בעריע און טרעף, וועגן וואָס האָבן מיר זיך דאָ מיט דיַין כאָנען שיר ניט צעאמפּערט? — נאפטאָלע האָט געקוקט אף צירלען, ווי אף א באליבט קינד, וועלכעס סע גלוסט זיך א קניפּ טאָן אין בעקל. — קנייטש ניט, טיַיערינקע, דעם שטערן, וועסט סיַיווי ניט טרעפן. וועגן שאדכאָנעס האָבן מיר זיך געאמפּערט, צי דארף מען, הייסט עס, היַינטיקע ציַיטן ווידער אָנקומען צו שאדכאָנים.

— און צו וואָס האָט איר זיך דערעדט? — האָט צירל געפרעגט.

— אז מיר טרינקען אָפּ טיי, — איז כאָנע פארלאָפן כעסינען דעם וועג, — און גייען זיך א ביסל דורך אף דער פרישער לופט.

צווישן די איינצלנע פענצטער, וואָס האָבן זיך נאָך געלויכטן אין שטעטל און זיך איבערגעוווּנקען מיטן היימיש אויסגעשטערנטן הימל, איז אויך געווען דאָס עקסטע פענצטער פון געדאליעס שטיבל. צירל האָט ווי פאַרגעפילט, אז, פארביַיגייענדיק דעם שאָכנס שטיבל, וועט איר ארומכאפּן און שוין פון זיך ניט אָפּלאָזן דעם גאנצן וועג דאָס זעלבע פיַינפולע געפיל, וואָס איז איר פלוצעם באפאלן היַינט אין אָוונט, ווען זי איז געשטאנען באם אָפענעם פענצטער, אונטער וועלכן ס׳האָט צוזאמען מיט אנדערע קינדער זיך געשפּילט פריידקעלע. און אז דער זעלבער אומע־טיק־הארבסטיקער רויש פון טשערעט, וועלכער האָט צוזאמען מיטן גע־פאלענעם קאָל פון דעם פּראָפעסאָר זיך געהאט אריַינגעמישט אינעם פריילעכן געפילדער פון די זיך שפּילנדיקע קינדער, וועט זיך אויך איצט אריַינמישן און פארטויבן די רייד פון איר כאָנען מיטן לערער, האָט צירל אויך ווי פאָרגעפילט. דאכט זיך, אז דער געשפּרעך, וואָס זיי פירן צווישן זיך, האָט מיט עפּעס א שיַיכעס צו איר...

די גרינע גאס, מיט וועלכער זי מיט כאָנען פלעגן באגלייטן כעסינען אהיים, ווען ער איז זיך בא זיי צומאָל שפּעט פארזעסן, איז שוין א לענ־גערע ציַיט געווען דורכויס צעגראָבן: מע האָט דאָרט געביטן די טרויבן פון דער וואסערלייטונג. דערקליַיבן זיך צו דער שול, ווו אין שכיינעס־דיקן הויז האָט געוווינט נאפטאָלע כעסיך, האָט מען געקאָנט בלויז מיט די שמאָלע, זיַיטיקע געסלעך. און כאָטש זיי האָבן שוין ניט איין מאָל ארויסבאגלייט דעם לערער מיט אָט די הינטער־ארומיקע געסלעך, ווו יעדעס שטיבל און יעדעס גערטנדל איז געווען צירלען באקאנט, האָט איר אָבער היַינט דער זעלבער וועג אויסגעזען אי אינגאנצן פרעמד, אי מע־סוקן לאנג. ס׳האָט זיך איר שוין אָנגעהויבן דוכטן, אז זיי האָבן אין דער פינצטער זיך אראָפּגעשלאָגן פון וועג און פארקראָכן אין א געסל, וואָס פירט אין פעלד. דאָס ווינטל, וואָס איז געקומען זיי אנטקעגן און א רויש

געטאָן א ווײַלע מיט די אויסגעמאַטערטע פון דער באַטאַגיקער היץ ביימ־לעך אין די סעדלעך, האָט פאַרשמעקט מיט פרישן היי.

גייענדיק איבערן געסל, האָט נאַפּטאָלע א טײַטל געטאָן מיט דער האַנט אף א לויכטנדיק פענצטערל, וואָס האָט ארויסגעקוקט פון א נידעריק ארומגעצאַמט הייפל.

— נו, — האָט כעסין זיך אָנגערופן מיט א מין באַזונדער גאַדלעס, טײַטלענדיק אַלץ נאָך מיט דער האַנט, ווי ער זאָל אַנטדעקן פאַר זיי עפּעס ביז גאָר וויכטיקס, — און אַזוי זיצט ער אָפּ אָוונט נאָך אָוונט איבער די ביכער, ווי אַן עמעסער אילוי. אומזיסט, כאַנע, די טירכע אײַערע. ביז דער באָכער וועט ניט ענדיקן דעם אינסטיטוט, ט׳איר בא אים מיט אײַער שאַדכאָנעס קיין האַלבע מיצווע אויך ניט פאַרדינען.

צירל האָט פון אָנפאַנג ניט אינגאַנצן נאָך באַנומען, אף וועמען ווײַזט זיי עס אָן נאַפּטאָלע און וועגן וועמען רעדט ער. זי האָט אינגאַנצן פאַר־געסן, אַז אינעם דאָזיקן טויבן געסל וווינט האַנפּט.

— עפּשער אים א רוף טאָן, האַ?

— צו וואָס? — האָט צירל שטיל און פאַרלוירן געפרעגט.

— כ׳ווייס? בא מיר, טאָכטערקע, ווי דו האָסט געזען, האָסטו קיין מיצ־ווע ניט פאַרדינט, און איך בין אין גרויסן סאָפּעק, צי דו וועסט פאַרדינען. איז עפּשער בא אים... איז וואָס, זאָל איך אים ארויסרופן?

איבער דעם האַלב אראָפּגעלאָזטן פאָרהענגל האָט זיך א וויג געטאָן א שאָטן און גענומען זיך פאַנאַנדערוואַקסן. צירל האָט שטײַף אָנגענומען כאַנען אונטער דער האַנט און איז מיט אים האַסטיק אָפּגעגאַנגען פונעם פאַרקנדל.

אין עטלעכע מינוט ארום זײַנען זיי שוין געווען אף דער הויפּט־גאַס, וואָס איז זיי געגאַנגען אַנטקעגן מיט צוויי רייען שלאַנקע טאָפּאָלן.

## קאַפּיטל פיר

דעם רעגנמאַנטל, וואָס צירל האָט מיטגענומען מיט זיך אין וועג, איז איר אויסגעקומען אָנטאָן, ווען זי האָט דערוף זיך שוין אינגאַנצן ניט געריכט, כאָטש דער נידעריק אראָפּגעהאַנגענער הימל איז נאָך אַלץ געווען צו ענג פאַר די אָנגעלאָפּענע וואָלקנס, — פון ענגשאַפט זײַנען זיי גע־קראָכן איינע אף די אַנדערע, פאַרוואַנדלענדיק זיך אין הויכע מעשונעדיקע בערג. נאָר דער נעפּל, וואָס די וואָלקנס האָבן געבראַכט מיט זיך צו טראָגן, איז צו ענדע טאָג שוין ניט געווען אַזאַ געדיכטער — ער האָט שוין אפילע א פּאָר מאָל דורכגעלאָזט דורך זיך אף א ווײַלע די זון צו דעם אומעטיק־דרעמלענדיקן וואַלד.

דער רעגן, וואָס האָט אף צוריקוועגס, ווען צירל האָט זיך אף אים שוין ניט געריכט, זי באַגעגנט, איז אויך געווען אַן אומעטיק־דרעמלענ־דיקער, קוים וואָס מע האָט אים געהערט. די שטילע, פּאַמעלעך פאַלנ־דיקע טראָפּנס האָבן מיט זיך ארײַנגעבראַכט אין סאָפּטאָגיקן וואַלד א קלעפּיקע וואַרעמקײַט, ווי זיי זאָלן געווען פאַלן אף אָנגעגליטע שטיינער און זיך פאַרוואַנדלען אין דאַמף. וואָס שטילער און צוריקגעהאַל־

טענער ס'איז געגאנגען דער רעגן, אַלץ האָסטיקער האָט זיך געטראָגן דאָס פּערדל, געצײַלט וואָס גיכער זיך ארויסקלײַבן מיטן וועגל פון דער ביי־מער־געדיכטעניש אַפן ברוקירטן שאָסיי. און מיטאַמאָל האָט דאָס שטילע, אומעטיק־דרעמלענדיקע רעגנדל געגעבן א פּלייץ, אַז מע האָט פאַר זיך גאָרנישט ניט געזען. עס זײַנען דורך עטלעכע מינוט, און פון אונטער די רעדער האָבן גענומען פּאַנאַנדערפּליִען אין אַלע זײַטן שטיקער צע־גוואַדזשעטע ערד. ס'האָט איר בעפּיירעש אָפּגעגליקט, צירלען, וואָס דער שלאַקסרעגן האָט זי פאַרכאַפּט שוין אין וואַלד און ניט אין סאָלדאַטאָווקע, פונוואַנען זי פאָרט. דער פאָרזיצער פונעם דאָרטיקן קאָלווירט איוואַן איוואַנאָוויטש סנעגין וואָלט זי ווידער, אָט ווי דעמלט, פאַרהאַלטן און ניט געלאָזט זי פאָרן, ביז ס'וועט זיך ניט אויסלײַטערן, זי איז אין דעם זיכער, און ווער ווייסט, וויפל צײַט וואָלט איר דאָרט אויסגעקומען איבער־וואַרטן דעם רעגן. דערווײַל איז ניט צו זען, אַז דער הימל זאָל זיך נעמען לײַטערן, דאַכט זיך, ער ווערט גאָר שוואַרצער.

זי איז בעפּיירעש א כאַכאָמע, וואָס זי האָט זיך הײַנט ניט פאַרהאַלטן און באַצײַטנס זיך געלאָזט פאָרן אַהיים. זי וואָלט דאָך סײַווי אין ערגעץ ניט געבליבן נעכטיקן, ס'זאָל אַפילע געווען גיין א מאַבל. זי האָט שוין איינמאָל געלאָזט זיך אײַנריידן און געבליבן נעכטיקן אין דער פּרעמד, טאַקע אין דער זעלבער סאָלדאַטאָווקע. איוואַן איוואַנאָוויטש האָט זי בע־שום־אויפן ניט געלאָזט פאָרן, און ס'איז טאַקע ווירקלעך געווען א סאַקאָנע זיך לאָזן אין אַזא געוויטער.

אינמיטן דער נאַכט, ווען דער געדיכטער כוישעך האָט נאָך אַלץ גע־האַלטן אין אופּבליצן מיט העלע, ביז בלינד צו ווערן, פײַערן און פאַר־טויבט דעם אַרום מיט זײַנע מעכטיקע דונערס, האָט מען אָנגעקלאַפּט צו דעם קאָלווירטניק, באַ וועמען איוואַן איוואַנאָוויטש האָט זי באַשטאַט אַף נאַכטלעגער.

אינעם ארײַנגעקומענעם מאַנצבל אין די פאַרבלאָטיקטע שטיוול און אינעם פּיטש־נאַסן ברעזענט איבערן קאָפּ האָט זי קוים דערקענט איר כאַ־נען. פרעגן אים, וואָס איז געשען, האָט זי ניט געהאַט וואָס. ס'איז גענוג געווען א קוק טאָן אַף זײַנע קינדעריש־גליקלעכע אויגן, וואָס האָבן זיך געלויכטן אַף זײַן דערשראָקענעם פּאָנעם, אַז זי זאָל זיך אָנשטויסן, וואָס האָט אים אין אַזא געוויטער אַראָפּגעבראַכט אַהער האַלבע נאַכט.

וואָס עס זאָל ניט געווען מיט איר דעמלט געשען — ס'זאָל איר אַפילע געווען אויסקומען זיך שלעפּן דאָן א גאַנצע נאַכט אינעם געוויטער אונטער בליצן און דונערן, — וואָלט כאָנע ניט געקאָנט האָבן צו האַנפּטן קיין טײַ־נעס, לעמײַ האָט ער זי געלאָזט פאָרן. איר האָט דאָך דעמלט ארויסבאַ־גלייט פון דער היים א ריינער בלויער הימל מיט א העל־צעשײַנטער זון. ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן, אַז סע קאָן פּלוצעם אויסברעכן אַזא געווי־טער? אָבער הײַנט איז פון סאַמע באַגינען געווען צו זען, אַז ס'וועט זײַן א רעגן. ווען כאָנען זאָל דאָס מאָל אויסקומען זי גיין זוכן, — און אין דעם, אַז כאָנע וואָלט זיך אַוועקגעלאָזט זי זוכן, ווען זי קערט זיך ניט אום צו דער נאַכט אַהיים, האָט צירל קיין רעגע זיך ניט געקווענקלט, — וואָלט ער אין אַלץ, פאַרשטייט זיך, געמאַכט שולדיק זיכוולען, כאָטש כאָנע ווייסט, אַז

זיַוול האָט זי נאָך קיינמאָל ניט געצווּנגען אין ערגעץ פאָרן, אויב זי האָט ניט געקאָנט, און טאָמער איז אין דעם געווען א גרויסע נויט און ס'איז ניט געווען קיין אנדערער, וועמען צו שיקן, איז זיַוול אליין געפאָרן. אויב שוין מאכן עמעצן שולדיק, וואָס זי האָט אין אזא וועטער זיך געלאָזט אין וועג, איז קאָן כאָנע בלויז זי. ער וועט זי שוין אָבער ניט איבערמאכן, קיינער וועט זי שוין ניט איבערמאכן. פון קינדוויַיז אוף איז זי געווינט: קוים האָט זי פארפריַער אָנגעמערקט פאר זיך עפּעס אַן ארבעט, מוז זי עס צו דער ציַיט מאכן. זי איז ניט געווינט אָפּלייגן אף מאָרגן דאָס, וואָס זי האָט אָנ־געמערקט פאר זיך אף היַינט. און כאָנע ווייסט עס. נו, וואָס פאר א ווער־דע האָט אָט דאָס וויקן זיך איצט אונטערן רעגן אנטקעגן דעם, וואָס זי פאָרט אהיים מיט א רויִקן קאָפּ, עס הענגט ניט איבער איר, ווי מע זאָגט עס, קיין בארג.

ווי דער רעגן האָט ניט געשמיסן אין פּאָנעם, ניט געלאָזט עפענען די אויגן, האָט צירל, דערנעענטערנדיק זיך צום זעלבן אָרט, ווו זי האָט מיט עטלעכע טעג צוריק געטראָפן זיַוולען, ארויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון אונ־טער דעם אויסגעווייקטן קאַפּיושאָן. ניין, זי האָט זיך ניט גערעכט אים דאָ איצט טרעפן. דאָס וואָלט דאָך פּאָשעט שוין גאָר געווען נאריש און קינ־דעריש פון זיַין זיַיט, און זי וואָלט עס פון אים ניט אויסבאהאלטן. זי וואָלט עס אים זיכער געווען אזוי געזאָגט.

דאָס וועגעלע האָט שוין געלאָזט הינטער זיך די דעליאנקע און זיך דערנעענטערט צום ארויספאָר פון וואלד. ס'האָט זיך שוין ארויסגעזען צווישן די אויסגעווייקטע ביימער דער פארגאָסענער שטעטלשער שליאך, נאָר צירל האָט זיך אלץ נאָך ארומגעקוקט, אליין ניט באנעמענדיק, וואָס איז מיט איר געשען, פונוואנען איז איר מיטאמאָל באפאלן אָט דער שווע־רער נאָגנדיקער אומעט, וואָס לאָזט זי ניט אָפּ. צי דען, וויַיל זי האָט אים דאָ היַינט ניט באגעגנט? דאָס וואָלט דאָך אָבער געווען שוין אינגאנצן נאריש פון איר זיַיט.

שיר ניט אין דער זעלבער רעגע, ווי זי האָט ארופגעצויגן אפן קאָפּ דעם קאַפּיושאָן, אויסבאהאלטנדיק זיך אונטער אים פונעם ווינט, וואָס האָט אפן שליאך זיך אויסגעדרייט צו איר און מוירעדיק געשמיסן אין פּאָנעם, איז דאָס פערדל געבליבן פלוצעם שטיין, און ניט פון אָרט.

צירל האָט אופגעציטערט:

— כאָנע? דו? — זי האָט געקוקט אף אים, ווי זי זאָל אלץ נאָך ניט גלייבן, אז דאָס האָט כאָנע פארצאמט איר דעם וועג, און דערשראָקן געפרעגט: — וואָס איז געשען?

— וואָס זאָל געשען? ס'איז גאָרנישט ניט געשען. איך האָב, גייענדיק פון דער ארבעט, זיך אריַינגעכאפּט אהער אין קראָם איבערוואַרטן דעם רעגן, ערשט איך זע, דו פאָרסט, — מיט איין שפּרונג איז כאָנע שוין געזעסן לעבן איר אף דער קעלניע. — גיב מיר נאָר אָקאָרשט די לייי־צעס. ניאָ, גאָלובטשיק, היַידאַ! — און אונטערטריַיבנדיק דאָס פערדל, געמו־מען עס מוסערן, פונקט ווי דאָס פערדל זאָל געווען זיַין שולדיק אין דעם, וואָס צירל האָט אין אזא וועטער זיך געלאָזט פאָרן און וואָס דער שלאקסרעגן האָט זי פארכאפּט אונטערוועגנס.

נו, טאקע. נו, פונוואנען האָט זיך צו איר געטומען אָט די זיכערקייט, אַז זי וועט אַף צוריקוועגס אָנטרעפן אַף זיַוולען?! כאַנע שטעלט זיך גאָר ניט פאָר, ווי גליקלעך זי איז, וואָס זי האָט אים באגעגנט און וואָס ער זיצט איצט לעבן איר. ס'איז שוין אין איר גאָרניט פארבליבן פון דער שווערער נאָגנדיקער בענקשאפט, וואָס האָט מיטאמאָל זי געהאט אזוי ארומגעכאפט אין וואלד.

אריַינעמענדיק צו זיך אינעם ברייטן ברעזענטענעם רעגנמאנטל כאַנען, האָט צירל אים געטומען אויספרעגן, וואָס הערט זיך אין דער היים, גלײַך זי וואָלט דאָ ווער ווייסט וויפל צײַט ניט געוועזן.

— די איינציקע נײַס, וואָס כ'האָב דיר צו זאָגן, — האָט כאַנע זיך אָנגערופן, — איז דאָס, אַז איך פאָר מאָרגן אין שטאָט. מיר האָבן העכער א כוידעש צוריק אָפגעגעבן רעמאָנטירן די דינאמאָ, און ווי אין וואסער ארײַן. שיקט מען מיך זיך דערוויסן, וואָס איז געשען, און אויב מע האָט זי נאָך ניט פאריכט, איז זאָל איך זיי דאָרט אונטערטרײַבן.

— אַף לאנג פאָרסטו?

— אַף א טאָג דרײַ־פיר מינאסטאמע. עפשער וואָלסטו זיך אויך דורכגעפאָרן מיט מיר אַף די עטלעכע טעג אין שטאָט? — ער האָט זי צארט ארומגענומען. — מיט נאפטאָלען האָב איך זיך שוין דערעדט. ער וועט אכטונג געבן אַף די הינער. באגיסן דאָס גערטנדל נאָך אזא רעגן וועט מען ניט דארפן. נו, איז וואָס, צירעלע? כ'מיין, אַז זיַוול יעווסייעוויטש וועט דיך ניט פארהאלטן. נאפטאָלע וועט זיך דורכריידן מיט אים.

— נאפטאָלע האָט אים ניט וואָס צו בעטן. זיַוול יעווסייעוויטש וואָלט מיך אזוי אויך אָפגעלאָזט. בין איך אָבער גראדע אין די טעג שטארק פארנומען. ס'האָט זיך בא מיר אָנגעקליבן א וועלט מיט ארבעט. דו ווייסט דאָך, אַז כ'האָב פײַנט זיך פארלאָזן אַף די לעצטע טעג, ווי בא אײַך דאָרט אַפן צוקער־זאוואָד.

...ניט צום ערשטן מאָל באגלייט צירל ארויס איר כאַנען אין דער ווײַטלעכער געגנטלעכער שטאָט, און כאַנע פארהאלט זיך דאָרטן אַף עטלעכע טעג מער ווי ער האָט גערעכנט. נאָר קיינמאָל האָט זי, פארבלײַבנדיק אליין, זיך ניט געפילט אזוי איינזאם און איז ניט געווען אזוי אומרויִק, ווי דאָס מאָל. שוין אינעם זעלבן טאָג, ווי זי האָט ארויסבאגלייט כאַנען, האָט זי פארדראָסן, וואָס זי איז ניט מיטגעפאָרן מיט אים אַף די עטלעכע טעג. האנפט וואָלט זי דאָך זיכער אָפגעלאָזט. ער ווייסט זייער גוט, אַז זי וועט אים מיטן פלאן ניט אונטערפירן, ביפראט אַז ביז ענדע כוידעש איז נאָך דאָ גענוג צײַט.

צירל פארשטייט נאָך, אייגנטלעך, אליין ניט, וואָס איז מיט איר הײַנטיקס מאָל אזוינס געשען, וואָס פון זינט כאַנע איז אוועקגעפאָרן, טוט זי אלץ, אַז זי זאָל ניט דארפן זיצן אין קאָנטאָר. און מע האָט זי אין די דאָזיקע טעג טאקע קנאפ וואָס דאָרטן געזען. פארכאפט מיט זיך אינדערפרי די נייטיקע פאפירן, האָט זי אײַנגעשפאנט דאָס וועגעלע און זיך געלאָזט אין וועג. זי וואָלט דערבײַ אליין ניט געקאָנט זיך ענטפערן, אפילע מוירע געהאט זיך דערוף פארטראכטן, פארוואָס האָט זי אין אָט די טעג זיך צוגעקליבן אלץ אזעלכע קאָלווירטן, וואָס ליגן ווײַטלעך, אַף יענער

זײַט װאַלד, און פּאַרװאָס נעמט איר אַזױ הילכיק שלאָגן דאָס האַרץ, װען זי דערנענטערט זיך צו די צװײ צונױפֿגעװאַקסענע בײמער באַם װעג.

פֿאַרבײַפֿאָרנדיק דאָס דאָזיקע אָרט, טרײַבט צירל אונטער דאָס פֿערדל, װי זי זאָל דערמיט װעלן דאָ עמעצן דערװײַזן, אַז עס גײט איר לאַכלוטן ניט אָן, צי זײַװל היט זי דאָס מאָל װידער אונטער, צי נײן, און פֿרײַער פֿון אַלץ זיך אַלײן עס דערװײַזן. װירקלעך, װאָס קאָן איר אָנגײן, דער אַכט־און־צװאַנציקיאָריקער כאַסענעגעהאַטער צירלען, װאָס האָט איר צו זאָגן דער יונגער באָכער, װעלכער האָט נאָכדעם, װי ער האָט זי אַנומלטן דאָ אונטערגעהיט, אױפֿגעהערט זי אײנגאַנצן צו באַמערקן? אַפֿילע דעמלט, װען אים קומט אױס אױף דער אַרבעט זיך װענדן מיט עפּעס צו איר, קערט ער אָפּ די אױגן און פֿאַרשטײט ניט דערבײַ, אַז דערמיט גיט ער זיך נאָך מער אַרױס. דאַכט זיך, אַז אין דער קאָנטאָר האָט מען עס באַמערקט, מעגלעך זיך אַפֿילע אָנגעשטױסן. פּאַרװאָס קריכט זי די לעצטע טעג קימאַט ניט אַראָפּ פֿון װעגל, האַלט אַלץ אין אײן אַרומפֿאָרן, דערצו אין די סאַמע װײַטע דערפֿער פֿון ראַיאָן. זײַװל, אַלנפֿאַלס, איז צירל זי־כער, האָט געװיס זיך עס אָנגעשטױסן, און איז, פֿאַרשטײט זיך, צופֿרידן, װאָס, אַרײַנקומענדיק אין צימער, װוּ זי אַרבעט, טרעפֿט ער זי ניט זיצן בײַ איר טישל און דאַרף זיך ניט היטן, ער זאָל זיך מיט עפּעס ניט אַרױס־געבן פֿאַר די, פֿאַר װעמען ער איז פֿרײַער פֿון אַלץ אָן אָנפֿירער פֿונעם אַנשטאַלט, אין װעלכן זײ אַרבעטן, און ניט סטאַם אַ יונגער באָכער, װי ער האָט זיך פּלוצעם אַנטפּלעקט פֿאַר איר.

און װײַל צירל האָט בלױז אַזױ שױן אױף אים געקוקט, געזען אין אים אַ באָכער, װאָס זוכט איר צו געפֿעלן װערן, איז זי איטלעכס מאָל, באַ־זונדערס נאָך כאַנעס אװעקפֿאָרן אין שטאָט, געװען זיכער, אַז אױף צוריק־װעגס, אומקערנדיק זיך פֿון די דערפֿער אַהײם, װעט זי אונטער אײנעם פֿון די בײמער דערזען זײַװלען דאָ שטײן. דאָס מאָל װאָלט זי אים שױן געענטפֿערט עטװאָס אַנדערש װי דעמלט. זי װאָלט אים געזאָגט: אױב ער װיל, זי זאָל אױך װײַטער אַרבעטן אין קאָנטאָר, איז זאָל זי פֿון אים מער קײנמאָל ניט הערן אַזעלכע רײד. ס'איז דאָך פּאָשעט װילד צו קלערן, אַז זי קאָן זיך אַמאָל לאָזן מיט אים גײן מעסטן דעם װאַלד. זי האָט מיט װעמען צו גײן. זי קאָן אים זאָגן נאָך האַרבער, אױב ער װעט זי דערצו דערפֿירן, זאָגן אים אַזױ, אַז ער זאָל עס דערנאָך לאַנג געדענקען, אָט װי דער אינזשעניער פֿונעם צוקער־זאַװאָד. ביז איצט, אַז יענער באַגעגנט זי, לאָזט ער זיך פֿון איר שיר ניט לױפֿן, װי ער זאָל זיך היטן פֿון אַ קלאַפּ.

װי שפּעט צירל זאָל אין די דאָזיקע טעג זיך ניט אומקערן פֿון װעג, טרעפֿט זי באַ דער שטוב כעסינען. דאָס האָט כאַנע אים פֿאַרן פֿאָרן, פֿאַרשטײט זיך, געבעטן אַרײַנקומען, ס'זאָל איר ניט זײַן אַזױ אומעטיק, זי זאָל האָבן, מיט װעמען זיך דורכשפּאַצירן פֿון אָװנט אין סעדל. אַלײן װעט זי דאָך, װײסט כאַנע, ניט גײן. און עפּשער, טוט צירל טײלמאָל אַ טראַכט, האָט דעם צו לערערס אָפּװאַרטן אױף איר יעדן אָװנט גאָר אַ שײַכעס זײַװל? נאָפּטאָלע דאװידאָװיטש האָט אַ פּאָר מאָל שױן פֿאַרפֿירט מיט איר אַ רײד װעגן אים, אָבער אַלץ װעגן זעלבן, אַז באַ דעם באָכער איז אַן אָפֿענער קאָפּ, ער װעט װײַט אַװעקגײן. עפּשער דערצײלט ער עס

איר אנטקעגן דעם, אז זי זאָל אים פרעגן, פאַרוואָס האָט זײַן טאַלמיד אופגעהערט מיטאַמאָל אַרײַנקומען אין סעדל? ס׳איז איר טאַקע מאָדנע. קימאַט דאָס גאַנצע שטעטל שפּאַצירט דאָרט אַרום פון אָוונט, בלויז אים, זײַוולען, האָט זי פאַר דער לעצטער צײַט דאָרט קיין איין מאָל ניט באַגעגנט. וואָס וואָלט איר דערוף געענטפערט דער ליבער נאַפּטאָלע, צי עפּשער האָט בלויז זי, איינע, עס באַמערקט?

— א גרויסע נאַרישקײַט טאַקע געווען, וואָס איך בין ניט געפאָרן מיט כאַנען.

צום ווײפלטן מאָל שוין הערט עס צירל פון זיך, כאָטש זי ווייסט, אז דאָס איז ניט מער ווי אַן אויסרייד אויף אָפּצונאַרן זיך אַליין. זי פאַרשטייט דען אַליין ניט, אַז ווען זי זאָל אַפילו געווען מיטפאָרן מיט כאַנען, וואָלט זי נאָכדעם אַלצייַנס פאַרפירט מיט אים דעם זעלבן געשפּרעך, וועלכן זי קלײַבט זיך שוין זינט עטלעכע טעג מיט אים פירן — וועגן אַריבערגיין אויף אַן אַנדער אַרבעט. וואָס עפּעס פּלוצעם? ס׳איז איר פּאַשעט דערעסן זיך אַרומשלעפּן איבער די קאָלווירטן, וועט זי אים זאָגן. קיין איבעריקן כיישעק גיין צוריק אויפן צוקער־זאַוואָד האָט זי ניט. בלײַבט איבער די מיל. און עפּשער זאָלן זיי גאָר אַריבערפאָרן אין שטאָט? דאָס וואָלט עפּשער ביכלאַל געווען דאָס סאַמע גלײַכסטע. ער זעט דען ניט, כאַנע, וואָס עס טוט זיך אַרום, אַז אין שטעטל איז קיין העלפט שוין אויך ניט פאַרבליבן פון די, וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון דער עוואַקואַציע. און די, וועלכע פאָרן אַרויס, לאָזן דאָ איבער אַ ביסל בעסערע און שענערע דירעס, ווי בא זיי איז.

וויי־וויי, וואָס עס פּלעגט זיך דאָ אָפּטאָן אַמאָליקע יאָרן, אַז עמעצער איז אַרויסגעפאָרן, — טוט צירל זיך דערבײַ אַ דערמאָן, — קינד־און־קייט פּלעגן קומען יענעם אַרויסבאַגלייטן, ווי דעם סאַמע נאָענטסטן מענטשן, כאָטש ביז דעם איז יענער קנאַפּ וואָס עמעצן אָנגעגאַנגען. קיינעם האָט זיך עפּעס ניט געגלייבט, אַז מע צעשיידט זיך טאַקע אַפּאַנעמעסן. דער, וואָס איז שוין געזעסן מיט די בעבעכעס אויף דער פור, האָט אויך דערין ניט געגלייבט, אים האָט זיך אויך אויסגעוויזן, אַז ס׳איז ניט אויף לאַנג, אַז ער וועט זיך נאָך אומקערן און מע וועט ווידער לעבן צוזאַמען, ווי ביז אַהער. און דערמיט געהאָלפן אי זיך, אי יענעם אַראָפּקײַקלען אַ שווערן שטיין פון האַרצן. איצט איז דאָס אַרויספאָרן פון שטעטל געוואָרן אַ געוויינלעכע זאַך. מע דאַרף זיך פון ערגעץ ניט אויסוואָרצלען, ווי מע פּלעגט פריִער זאָגן. מע הייבט זיך אויף און מע פאָרט, און קיינעם, אויסער איר מיט כאַנען, וווּנדערט עס שוין, דאַכט זיך, גאָרניט, אַפילו נאַפּטאָלע דאַווידאָוויטשן, וועלכער קאָן אויך ניט, פּונקט ווי זיי, צוזען, ווי עס ווערט אַלץ שיטערער און שיטערער אין שטעטל. מעגלעך, אז נאַפּטאָלע דאַוויידאָוויטש איז גערעכט.

— ווען מיר זאָלן אויך געווען זײַן אין דער עוואַקואַציע, — האָט ער נאָך מיט אַ צײַט צוריק איר געהאַט געזאָגט, — וואָלטן מיר אויך געקוקט אויף דעם עטוואָס אַנדערש. די עוואַקואַציע, אַפּאַנעם, האָט יעדן פון עפּעס אַנטוויינט און יעדן צו עפּעס צוגעוווינט, צוגעוווינט דעם אויילעם דערצו, אַז אומעטום איז זײַן היים און ניט זײַן היים, אַז הײַנט איז ער דאָ און

מאָרגן דאָרט, און ס׳איז ניטאָ וואָס צו מאכן דערפון איבעריקס קיין וועזן. נו, און גיין יענעם אָפּריידן, ער זאָל ניט פאָרן, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אומגעקערט און דערזעט מיט די אייגענע אויגן, וואָס איז געוואָרן פון זײַן היים, איז דאָך אוואדע און אוואדע ניט שײַעך.

טשיקאווע. אָט זיי, אשטייגער, זי מיט כאָנעץ, וואָלט כעסין אויך ניט אָפּגערעדט, ווען ער זאָל זיך פּלוצעם דערוויסן, אַז זיי קלײַבן זיך ארויס־פאָרן? און אַז עס קאָן בא זיי דערצו דערגיין, סאָפּעקט זי זיך שוין קימאט ניט. וואָס קאָן זי אָפּשטעלן? די בענקשאפט? נו, אוואדע וועט זי בענקען, און וויאַזוי נאָך בענקען! זי ווייסט פאַרפריִער, אַז ווו זי זאָל ניט זײַן און ווי גוט איר זאָל דאָרט ניט זײַן, וועט זי אלציינס מוירעדיק ציִען אהער, זי וועט דאָרט אויסגיין פון בענקשאפט. נו, און די, וואָס זײַנען ארויסגע־פאָרן פונדאנען, בענקען דען ניט צוריק אהער? דערווײַל האָט עס אָבער נאָך קיינעם ניט אָפּגעהאלטן, ווי דאָס פלעגט צומאָל טרעפן מיט אייניקע פאר דער מילכאָמע. ווײַזט אויס, אַז אין לעבן איז צוגעקומען עפּעס אַזוינס, וואָס וועגט אריבער אָט די בענקשאפט. צײַטנווײַז דערפילט צירל דאָס זעלבע אויך אין זיך, און זי קאָן דעמלט בעשום־אויפן ניט פארשטיין איר כאָנעץ, וועלכער איז פּונקט ווי נאפטאָלע און געדאליע ניט קיין היגער, נאָר אַן אָנגעפאָרענער גאָר פון אַן אנדער שטעטל, וואָס האלט אים דאָ אַזוי צו, וואָס ער וויל אפילע ניט הערן דערפון? מוירע האָבן, אַז זיי קאָ־נען אין שטאָט בלײַבן אָן ארבעט, איז דאָך געוויס ניטאָ וואָס. כאָנע זאָגט דאָך אליין, אַז אַף שריט און טריט הענגען דאָרט מעלדונגען, אַז מע לאדט אײַן אַף ארבעט אפילע אַזעלכע, וואָס האָבן אינגאנצן קיין פאך ניט אין דער האנט. און ווו צו ווינען וואָלטן זיי מיט דער צײַט אויך געקראָגן. אפן גאס בלײַבט קיינער ניט. זי ווייסט ניט, נאָר מעגלעך, ווען זיי באַזעצן זיך אין שטאָט, וואָלט זי נאָכגעגעבן כאָנעץ און גענומען א קינד אַף דער־ציִען. אויב ניט אײַלן און ווי געהעריק זוכן, קאָן מען מיסטאמע אויסקלײַבן אין די קינדערהײַזער א קינד, וואָס זאָל א ביסל זײַן ענלעך אויב ניט אַף איר, איז אַף כאָנעץ. נאפטאָלע דאווידאָוויטשן, אויב זיי וועלן פונדאנען ארויספאָרן, וועלן זיי, פארשטייט זיך, מיטנעמען מיט זיך, אים דאָ ניט איבערלאָזן. פאר די עטלעכע יאָר, וואָס ער האָט זיך דאָ באַזעצט, האָבן זיי זיך מיט אים אַזוי באפרײַנדעט, אַז ער איז זיי געוואָרן מער ווי אַן אייגענער. קומט ער ניט צומאָל א טאָג צי צוויי, לויפן זיי אים זוכן.

אָפּהאלטן זי דערפון, אַז זי זאָל פארפירן מיט כאָנעץ, ווען ער וועט זיך צוריקקערן פון שטאָט, א רייד וועגן דעם און באשטײן דערוף, אַז זיי זאָלן, ווי א סאך אנדערע, ארויספאָרן פונדאנען, וואָלט איר געקאָנט בלויז דאָס, ווען זי געפינט אויס אין זײַוולען כאָטש עפּעס ענלעכס מיטן אינ־זשעניער פונעם צוקער־זאוואָד. זײַוול שטעלט זיך גאָר אפילע ניט פאָר, ווי זי וואָלט עס דעמלט דערפרייט. וויפל מאָל שוין, אשטייגער, וואָלט אלעקסיי ניקאָלײַעוויטש אַף זײַוולס אָרט, ביפראט נאָך ווען דער אינזשע־ניער ווייסט, אַז כאָנע איז אין קאָמאנדירונג, זי געוועזן אונטערגעהיט אין וואלד, צי געפונען אַן אויסרייד אַף צו ארײַנכאפּן זיך צו איר פון אָוונט אהיים. און דער, זײַוול, גלײַך ס׳זאָל גאָרניט געווען געשען, גלײַך ער זאָל איר דעמלט גאָרניט געווען געזאָגט. איר הייבט זיך אפילע אָן דוכטן,

אז ווען זי הערט אויף קומען אף דער ארבעט, וואָלט ער עס ניט באלד באמערקט. מעגלעך, ער וואָלט געווען אפילע צופרידן, ווען זי גייט אוועק פון דער ארבעט.

גאָט ליבער, וואָס קומט מיט איר פאַר, וואָס זי טראַכט אזוי ווענן דעם... צי דען האָט זי זיך פארליבט אין אָט דעם יונגן באָכער, וואָס ווי נאָר זי פאָרט אריַין אין וואלד, אזוי נעמט זי אים דאָרט ארומזוכן, קוקט זיך אויס די אויגן, צי היט ער זי דאָ ערגעץ ניט אונטער, און אין אָוונט, שטייענדיק באַם פענצטער, נעמט איר אזוי מאָדנע שטארק קלאפן דאָס הארץ, ווען איר וויַזט זיך מיטאמאָל אויס, אז זי האָט אים געזען פאַר־בייַגיין. נאפטאָלע דאווידאָוויטש האָט געוויס שוין באמערקט, ווי, שפּאַ־צירנדיק מיט אים אין סעדל, בלאָנדזשען אום אירע אויגן, ווי זי ציטערט אוף, ווען זיי גייען פארביַי דאָס שטיבל, וואָס קוקט ארויס פון הינטער דעם נידעריקן פארקנדל מיט די האלב־פארהאנגענע פענצטער... צי דען האָט זי זיך ווירקלעך פארליבט אין אָט דעם זיַוולען? ניין, זי קאָן אין דעם ניט גלייבן. דאָס זיַינען אלץ פּאָשעטע נארישקייַטן. יאָ, נארישקייַטן. זי האָט ליב איר כאָנען, ווי פריִער, שטארקער נאָך, ווי פריִער, בלויז אים האָט זי ליב און וועט ליב האָבן! כאָנע ווייסט עס. און זייער טריַיער, איבערגעגעבענער פריַינט, נאפטאָלע דאווידאָוויטש כעסין, ווייסט עס אויך. און ער האָט געוויס פארזיכערט אין דעם זיַוולען, אויב יענער האָט מיט אים פארפירט ווענן דעם א רייד.

גאָט ליבער, ווי קאָן זי גאָר אנדערש טראכטן ווענן דעם אלץ נאָכדעם, וואָס זי מיט כאָנען זיַינען דאָ אויסגעשטאנען. דאָס וואָלט דאָך געווען... ער האָט אָבער פאָרגעפילט, כאָנע, אז מיט איר קאָן זיך אזעלכעס פאַר־לויפן. ווי קאָן זי פארגעסן, ווי?אזוי אָט דער מענטש האָט זיך עס בא איר ניט געהאט געבעטן, זי געוואָרנט, אז ס'איז אן אומזין, זיי זיַינען ניט קיין פּאָר, ער איז שוין געווען א זיידע, און זי האָט נאָך אפילע ניט באוויזן האָבן א כאָסן. נאָר זי, צירל, — איינמאָל ניין, זי האָט אים ליב. אויסער אים, האָט זי מער קיינעם ניט אף גאָרער וועלט. ער איז פאַר איר אלץ...

ס'איז ניט געווען נאָך ביז אהער דער טאָג, אז זי זאָל כאראָטע האָבן, וואָס זי האָט אים דעמלט ניט געפאָלגט. זי איז די אלע יאָרן, וואָס זי איז זיַין וויַיב, געווען מיט אים גליקלעך, און איז איצט אויך מיט אים גליק־לעך. אן אומזין איז געווען בלויז דאָס, וואָס זי האָט ניט געפאָלגט כאָנען און געביטן די ארבעט — איבערגעגאנגען פונעם צוקער־זאוואָד אין דער סטראכיר־קאָנטאָר. פארוואָס האָט זי כאָנע דאן אזוי אָפּגערעדט? צי דען איז ער ביז איצט נאָך ניט זיכער אין איר און ער דערלאָזט דעם געדאנק, אז צווישן איר און דעם יונגן זיַוול האנפטן קאָן זיך עפּעס פארקניפּן? קיינמאָל ניט! קיינמאָל ניט!!! זי מוז זיך סאָפּקאָלסאָף דורכריידן מיט זיַוו־לען. ער האָט דאָך איר דעמלט אין וואלד אליין געהאט געזאָגט, אז ער איז ניט קיין בלינדער. ווי?אזוי זשע האָט ער עס ביז איצט ניט באמערקט, ווי פילדיַיטיק מע קוקט זיך איבער אין דער קאָנטאָר, ווען ער ווענדט זיך צו איר, און ווי פון די דאָזיקע בליקן נעמט זי פארשעמט זיך רויט־לען, ווי א מיידעלע. ער פארגעסט, וויַיזט אויס, דער גרויסשטאָטישער באָכער, אז ער איז אין א שטעטל, און אז אין א שטעטל האלטן זיך לאנג

ניט איין קיין סוידעס. ס'וועט זיך געוויס אָפּזוכן אַזעלכער, וואָס וועט עס אָפּטראָגן כאַנעך.

דורכריידנדיק זיך וועגן דעם אַלץ מיט זיוולען, וועט זי, מעגלעך, פון אים ניט אויסבאַהאַלטן, אַז פאַרנדיק דורכן וואַלד, האָט זי יעדעס מאָל אים דאָרט געזוכט, געגאַרט אים דערזען און מוירע געהאַט אים דערזען...

אָט דאָס מוירע האָבן פאַר זיוולען שטאַמט געוויס דערפון, וואָס ער איז ניט ענלעך אַף קיינעם פון די, פון וועמען איר איז וויפל מאָל אויס־געקומען הערן וועגן איר יונגקייט און שיינקייט. זיוול וועט זי פאַר־שטיין, און אַף דעם וועט זיך אַלץ ענדיקן, און אויב צוליב דעם וועט זיין נייטיק, זי זאָל אוועקפאָרן פונדאַנען, וועט זי אוועקפאָרן. און ווייט. זייער ווייט. קאָן זיין, אַז דאָס איז גאָר צום בעסערן. דאָ אין שטעטל, ווייסט זי פאַרפריער, וועט זי קיין מוטער ניט ווערן, און ניט אַזוי צוליב כאַנען, ווי צוליבן קינד אַליין טאָר זי דאָ דערוף ניט איינגיין. אין שטאָט אָבער אַז זי וועט זיין... כאַנע אירער, און דאָס ווייסט צירל אויך פאַרפריער, וועט אין שטאָט לאַנג ניט איינזיצן. עס וועט דורך אַ יאָר, צוויי, און ער וועט זיך צוריק אומקערן אַהער. נאָר דעמלט וועט זי שוין ניט האָבן וואָס צו ציטערן, אַז עמעצער וועט ווען־ניט־איז קאָנען זאָגן דעם קינד, אַז עס איז ניט זייערס. זי וועט צוליב דעם זוכן אַזוי לאַנג אין די קינדערהיי־זער, ביז עס וועט זיך פּאָרט אָפּזוכן אַ קינד, וואָס וועט מיט עפּעס זיין ענלעך אַף איר אָדער אַף כאַנען.

און מיטאַמאָל האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז נאָך אָט דעם אַלעם, — נאָכ־דעם ווי זי האָט, פאַרנדיק דורכן וואַלד, איטלעכס מאָל געריכט זיך אים דאָרט באַגעגענען און אַרויסגעקוקט דערויף, און נאָכדעם ווי זי האָט, ווי איר האָט זיך געדאַכט, געניי דורכגעטראַכט, וויאַזוי זיך מיט אים צו האַלטן, וויאַזוי און וועגן וואָס מיט אים צו ריידן, — אַז נאָך אָט דעם אַלעם איז זי גאָר אינגאַנצן ניט גרייט צו דער דאָזיקער באַגעגעניש.

דערפילט האָט עס צירל, ווי נאָר זיוול איז אומגעריכט איר אַנגעקער־מען אַנטקעגן.

## קאַפּיטל פינף

דאָס, וואָס צירל האָט באַגעגנט זיוולען ניט אין וואַלד, נאָר אין אָט דעם ווייטלעכן דערפל, וווהין זי פאַרפאָרט זייער זעלטן און ווהין, ווי זיוול ווייסט עס, זי האָט ביכלאַל ניט קיין שטאַרקן כיישעק צו פאָרן, איז פאַר איר געווען נאָך מער אומגעריכט. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס זיינען נאַרישקייטן. פונוואַנען האָט זיוול געקאָנט וויסן, אַז זי וועט אַהער פאַר־קערעווען, ווען זי אַליין האָט אינדערפרי נאָך ניט געוווּסט, אַז זי וועט דאָ היינט זיין? ס'איז איר אינגאַנצן אַרויס פון קאָפּ, אַז זי האָט זיך אַף היינט צונויפגערעדט מיטן פאָרזיצער פונעם היגן קאָלווירט, וועלכן זי האָט יענע וואָך באַגעגנט אין ראַיאָן, אַז זיי זאָלן צוזאַמען זיך דורכגיין איבערן דאָרף. דערמאָנט האָט זיך צירל וועגן דעם, ווען זיוול איז שוין גאָר אין קאָנטאָר ניט געווען. נו, פאַרשטייט זיך, אַז ס'איז נאַרישקייטן. זי וואָלט דאָך זיכער באַמערקט, ווען ער פאָרט איר נאָך.

זיַיוול האנפט, ווי ער זאָל געווען דערפילן, אין וואָס צירל איז אים כוישעד, האָט געיַילט איר ארויסוויַיזן זיַין פארווונדערונג, וואָס זי איז ביכלאל היַינט אונטערוועגנס.

— איר האָט זיך דאָך געקליבן היַינט ארבעטן אין קאָנטאָר, — האָט זיַיוול זיך אָנגערופן צו צירלען, ארופרוקנדיק עטוואָס העכער דעם אראָפּ־געגליטשטן כאָמוט אפן געהאָרכזאמען „גאָלובטשיקן", — וואָס איז בא איַיך פּלוצעם געשען, וואָס איר האָט זיך געלאָזט אין וועג?

צי איז ער זי צופעליק ניט כוישעד אינעם זעלבן, אין וואָס זי איז אים שיר ניט כוישעד געווען אין דער רעגע, ווען זי האָט אים אומגעריכט דאָ דערזען, וואָס ער קוקט אזוי אף איר?

— ס'איז גאָרניט געשען. — זי האָט זיך באמיט ארויסבאהאלטן פון אים, ווי דאָס הארץ אונטערן קאָפּטל פארשלאָגט איר דעם אָטעם. — איך האָב זיך פאָשעט דערמאָנט, אז איך דארף דאָ היַינט זיַין. דער פאָרזיצער פור־נעם היגן קאָלווירט, אנטאָן פעטראָוויטש, האָט מיר צוגעזאָגט, אז ער וועט זיך דורכגיין צוזאמען מיט מיר איבערן דאָרף פון שטוב צו שטוב. כ'ווייס ניט פארוואָס, נאָר אין ערגעץ קומט מיר ניט אָן אזוי שווער דאָס סטראָ־כירן, ווי דאָ. אין קאָנטאָר ווייסט מען, אז איך בין אוועקגעפאָרן אהער. איַיך האָב איך שוין ניט געקאָנט זאָגן, איר זיַינט ניט געווען אין קאָנטאָר און קיינער האָט ניט געוווּסט, ווו איר זיַינט.

— איך האָב ניט געהאט מיט וועמען איבערצוגעבן אהין, אז איך פאָר אוועק, — האָט זיַיוול ווי זיך פארענטפערט פאר איר, — מיר האָט זיך צופעליק געמאכט קיין וועדמעדאָוווקע א מאשין, כ'האָב דאָרט אנומלטן איַינגעהאנדלט פאר אונדזער קאָנטאָר א פערד, בין איך געקומען עס אָפּ־נעמען. אָט שטייט ער, דער קראַסאַוועץ.

באם גאנעק פון דער קאָלווירטישער קאָנטאָר איז געשטאנען צוגעבונדן א הויכער אָגער מיט א ברוינער גלאנציקער פעל און מיט גאדלעס געקוקט אפן איַינגעשפּאנטן „גאָלובטשיקן", וואָס איז צוגעפאָרן נעענטער און זיך פאָרגעשטעלט פאר אים מיט זיַין שטילן געלאסענעם הירזשען, וואָס האָט געזאָלט, אָן ערעך, באטיַיטן: „לאָמיר זיך באקאנען און ווערן פריַינט". דאָס הירזשען פונעם אָגער איז געווען פול מיט גאדלעס: „וווהין קריכסטו? זעסט אליין ניט, אז דו ביסט מיר ניט קיין גליַיכן?!" דאָס גאדלעסדיקע איבער־נעמען מיט זיך האָט ארויסגעקוקט פון זיַינע גרינע פלאמיקע אויגן.

— ווי האלט איר, ער איז ווערט דאָס געלט, וואָס מיר האָבן פאר אים באצאָלט?

— איך בין אף דעם א קנאפּע מייוונטע, זיַיוול יעווסייעוויטש.

— איך וואָלט עס ניט געזאָגט. איר מיינט, איך זע ניט, ווי איר באגייט זיך מיט גאָלובטשיקן און ווי גאָלובטשיק איז איבערגעגעבן איַיך. און א באלעכיַי וועט זיך קיינמאָל ניט צובינדן צו קיין מענטשן, וועלכער פאר־שטייט אים ניט. כ'ווייס ניט, ווער איז מער איבערגעגעבן און טריַיער דעם מענטשן, א הונט צי א פערד. מיר דוכט זיך, אז א פערד. טפרו, דוטשע, — זיַיוול האָט קוים איַינגעהאלטן דעם אָפּגעבונדענעם אָגער, וואָס האָט ניט געקאָנט זיך דערווארטן די מינוט אף צו אויספּיַינען זיך פאר זיַין ניַיעם באקאנטן. — גיט נאָר א קוק, ווי ער גלאָצט עס מיט די אויגן און ווי ער

שטשירעט עס מיט די ציין, ער איז, קענטיק, ניט צופרידן, וואָס מע האָט אים געקרוינט מיט אזא נאָמען. איך פארשטיי אויך ניט, פארוואָס האָט מען עס נאָך דער מילכאָמע גענומען געבן די הינט און די פערד, וואָס זײַנען אזוי איבערגעגעבן דעם מענטשן, אזעלכע פאסקודנע נעמען. העלפט מיר צוקלײַבן פאר אים א מער לײַטישערן נאָמען. בוראן, אשטייגער, געפעלט אײַך? — מיט איין לײַכטן שפרונג איז זײַוול שוין געזעסן אפן אָגער, אָנבייגנדיק זיך עטוואָס פאָרויס, ווי אנטקעגן ווינט. — איר ווערט זיך דאָ נאָך לאנג פארהאלטן?

„פארשטייט זיך, אז ס׳איז נארישקײַטן. פונוואנען האָט ער געקאָנט וויסן, אז איך בין דאָ? פונוואנען? ער איז דאָך ארויסגעפאָרן פון שטעטל, לאָזט זיך אויס, א סאך פריִער נאָך פון מיר. עמעצער אין וועדמעדאָווקע האָט אים געקאָנט איבערגעגעבן, אז מע האָט מיך געזען פארקערעווען אהער. אליין דער פאָרזיצער פון קאָלווירט האָט עס אים געקאָנט זאָגן. ער האָט מיך פונקט געהאט געטראָפן, ארויספאָרנדיק פון דאָרף. איז זײַוול געקומען פון דאָרט אהער צו רײַטן...״

— כ׳ווייס ניט, — האָט צירל שטיל געענטפערט און נאָך מער דערפילט, אז זי איז ניט גרייט צו דער באגעגעניש, אף וועלכער זי האָט די אלע טעג, וואָס כאָנע איז ניטאָ אין דער היים, ארויסגעקוקט, און אז זי האָט שרעקלעך מוירע פאר אזא באגעגעניש.

— אויב איך וועל אײַך דאָ זײַן נייטיק, איז גיט מיר צו וויסן. איכ׳ל זײַן אין וועדמעדאָווקע. כ׳האָב נאָך דאָרט ניט אלץ דערליידיקט. כ׳וועל פרווון בא זיי עפעס אראָפּדינגען פארן פערד. יאָ, וויִאזוי רעכנט איר פאָרן אף צוריק? דורך וועדמעדאָווקע, גלייב איך. ס׳איז דאָך דער סאמע קירצסטער וועג.

צירל האָט ניט באוויזן אים ענטפערן, ווי זײַוול איז שוין געווען ווײַטלעך. דער אָגער, ווי ער זאָל נאָך אלץ דארפן דערווײַזן זײַן רײַטער, אז ער האָט זיך אין אים ניט געניארט און ער האָט אים ניט מער וואָס צו אויספרווון, האָט זיך געטראָגן אין א האסטיקן גאלאָפּ איבער דער לאנגער דאָרפישער גאס, איבערלאָזנדיק הינטער זיך א זוניק־שטויביקן נעפל. ווען דער נעפל איז אין א ווײַלע ארום פארשוווּנדן, איז צוזאמען מיט אים אויך פארשוווּנדן דער רײַטער. נאָר צירלען האָט זיך אלץ נאָך אויסגעדוכט, אז זי זעט אים, זי זעט, ווי ער טראָגט זיך איבער דער ווײַט, ווי לײַכט עס וויגט זיך אין זאָטל זײַן שלאנקער קערפער, דערבײַ האָט זי שוין עטלעכע מאָל זיך געכאפּט, אז זי פארגלײַכט אים מיט כאָנען.

צוריק אהיים איז צירל געפאָרן מיטן מער ווײַטערן וועג, וואָס מײַדט אויס דאָס גרויסע צעוואָרפענע דאָרף וועדמעדאָווקע, און איבער דעם איז זי אָנגעקומען צום וואלד פארנאכטלעך.

איצט ווייסט צירל שוין אף זיכער: איר באגעגעניש מיט זײַוולען, אף וועלכער זי האָט די אלע טעג ארויסגעקוקט און פון וועלכער זי איז הײַנט אליין אנטלאָפן, וועט שוין מער קיינמאָל ניט פאָרקומען. און דאָס האָט צירלען געפרייט. ס׳האָט גאָר אנדערש ניט געקאָנט זײַן. צי דען פארשטייט עס ניט זײַוול? דאכט זיך, דערמיט אליין, וואָס זי קערט זיך אום אהיים מיט אָט דעם דאָזיקן פיל ווײַטערן וועג, וויסנדיק, אז ער וואַרט

אף איר אין ווערמעדאָווקע, גיט זי אים קלאָר און דײַטלעך צו פֿילן, אַז ס'האָט פֿאַר דער צײַט זיך בײַ איר גאָרניט געענדערט, זי איז די זעלבע, וואָס דעמלט, ווען ער האָט זי אונטערגעהיט אין אָט דעם זעלבן וואַלד. לאַכלוטן די זעלבע. זי האָט אַ מאַן, און פֿאַר איר איז עס אַלץ, און שוין, יאָ, און שוין! צירל האָט זיך בעפּייִרעש ניט גערעכנט, אַז זי זאָל אַזוי לײַכט זיך קאָנען בײַקומען, זיך אַפֿילע קיין רעגע ניט פֿאַרטראַכט, ווען זי האָט, אַרויספֿאָרנדיק פֿון דערפֿל, גענומען אף רעכטס, אָנלייגנדיק דערמיט עטלעכע איבעריקע קילאָמעטער.

דאָ, אין וואַלד, קאָן זי שוין פֿאָרן שטילער, ניט טרײַבן אַזוי דאָס פֿערדל, וואָס האָט אויסגעדרייט צו איר דעם קאָפּ, ווי עס זאָל געוועזן פֿרעגן, וואָס איז געשען, פֿון וועמען איז זי עס אַזוי אַנטלאָפֿן? דאָס זעלבע פֿרעגן בײַ איר די רעדער פֿונעם וועגל, וואָס וויקלען אָן אף זיך די לאַנגע אויסגעצויגענע שאָטנס. נאַרישקײַטן, זי איז פֿון קיינעם ניט אַנטלאָפֿן. זי אײַלט פּאַשעט אַהיים, די נאַכט זאָל זי ניט פֿאַרכאַפּן אין וועג. זי איז שוין דאָ אַמאָל געפֿאָרן בײַנאַכט דורכן וואַלד, און דעם גאַנצן וועג האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז פֿון הינטער דיביימער ציִען זיך צו איר פֿון אַלע זײַטן אויסגעשטרעקטע הענט...

דער דורכזיכטיקער בלויער הימל איבערן וואַלד האָט זיך נאָך ניט אינגאַנצן צעשיידט מיט די לעצטע שטראַלן פֿון דער אויסגייענדיקער זון, וואָס האָבן זיך פֿאַרפּלאָנטערט צווישן די קרוינען. האָט צירל אָפּגעלאָזט די לייצעס, און דאָס פֿערדל האָט זיך געלאָזן געשפּאַנט איבער דער אויסגעשפּרייטער נעץ פֿון די שאָטנס.

אָפּגעפֿאָרן אַזוי אַ שטיקל וועג, האָט צירל זיך געגעבן אַ שטעל אוף און אַ שמיץ געטאָן דאָס פֿערדל מיט דער בײַטש.

— הײַדאַ, הײַדאַ, גאָלובטשיק! זעסט, ס'נעמט רעכט טונקלען. פּראָווען דאַטשע וועסטו שוין בײַ מיר מאָרגן. דעם גאַנצן טאָג וועסטו בײַ מיר מאָרגן גאָרניט טאָן. מיר וועלן מיט דיר מאָרגן אין ערגעץ ניט פֿאָרן, ס'האָט זיך בײַ מיר אָנגעקליבן אַ וועלט מיט אַרבעט אין קאָנטאָר. פּאַשאַל, פּאַשאָל, טײַערינקער. זע נאָר, די נאַכט זאָל אונדז ניט אָניאָגן! — אומגעריכט פֿאַר זיך אַליין האָט זיך בײַ איר אַרויסגעכאַפּט. — און עפּשער שטייט אונדז גאָר מאָרגן פֿאָר זיך אינגאַנצן צעשיידן? — ס'האָט זי פֿאַרקלעמט דאָס האַרץ, ווי ס'זאָל איר פֿאָרשטיין זיך שיידן מיט אַ נאָענטן, ליבן פֿרײַנט.

דער געדאַנק, וואָס איז איר מיטאַמאָל געקומען אַפֿן זינען, אַז מאָרגן וועט זי, מעגלעך, פֿאַרלאָזן אף שטענדיק די סטראַכיר־קאָנטאָר, איז שוין פֿון איר ניט אָפּגעטראָטן. זי ווייסט דערווײַל בלויז ניט, צי זײַוול וועט איר פֿאָרלייגן אָנגעבן אַ מעלדונג, אַז ער זאָל זי באַפֿרײַען פֿון דער אַרבעט, צי זי אַליין וועט עס באַצײַטנס טאָן. אַזוי צי אַנדערש, נאָר נאָכדעם, ווי זי איז זיך הײַנט אי מיט אים, אי מיט זיך אַליין באַגאַנגען, קאָן זי דאָרט ניט בלײַבן אַרבעטן און טאָר ניט בלײַבן דאָרטן אַרבעטן. איז צוליב וואָס זאָל זי עס אָפּלייגן?

און אויב ער וועט זי מאָרגן באַגעגענען, גלײַך צווישן זיי איז זיך הײַנט גאָרניט פֿאַרלאָפֿן? אַלציינס קאָן עס שוין גאָר ניט ענדערן! זי דאַרף

נאָר געפינען אַן אויסרייד אַף אָנצוגעבן א מעלדונג. נו, ס׳איז איר שווער ארומצופאָרן, וועט זי אָנשרײַבן.

— וויאָ, גאָלובטשיק. הײַדאַ! ס׳נעמט צופאַלן די נאכט!

אז זי דאַרף ביכלאַל ניט צוטראַכטן קיין שום אויסרייד! זי וויל ניט, און שוין! קיינער קאָן זי ניט פארהאַלטן. און אויב זײַוול וועט דאָך צו־שטיין צו איר און פרעגן, ווען איר ענדלעך דערהערן דאָס, וואָס עס איז אים פאר אים שוין לאנג קיין סאָד ניט, וועט זי אים ענטפערן, אז זי קלײַבט זיך אריבערפאָרן אין שטאָט. כעסין איז אן איידעס. ער איז ניט איין מאָל בײַגעווען, ווען זי האָט פארפירט א רייד וועגן דעם מיט איר כאָנען. דאָס מאָל וועט זי שוין פון כאָנען ניט אָפּטרעטן. זאָל ער זיך נאָר צוריקקערן פון דער קאָמאנדירונג. ער האָט נאָך, דאכט זיך, קיינמאָל ניט געזאמט זיך אזוי לאנג ווי הײַנטיקס מאָל. א באלאַנעס פון א מענטשן זיך וואלגערן אין דער פרעמד. מער לאָזט זי אים ניט פאָרן אין קאָמאנ־דירונגען. פאראן אפן זאוואָד עטוואָס יינגערע פון אים. דאָס מאָל וועט זי אים שוין ניט דערווידערן. ער וויל ניט פארלאָזן אַף שטענדיק דאָס שטעטל, בלויז אַף א קורץ שטיקל צײַט, איז זאָל זײַן אזוי. אָבער ארויס־פאָרן מוזן זיי, אויב ער וויל, ווי ער זאָגט, זי זאָל ווערן א מאמע. דאָס איז שוין אן אויסרייד פאר כאָנען.

— טפררו, גאָלובטשיק, שטיי נאָר א רעגינקע!

ניין, ס׳האָט זיך איר ניט אויסגעוויזן. זי הערט דײַטלעך דעם אָפּהילך פון פערדישע טלאָען. גאָלובטשיק האָט, קענטיק, עס אויך שוין דערהערט. ער האָט א דריי געטאָן דעם קאָפּ אַף הינטער און זיך פריילעך צעהיר־זשעט, ווי באַם באגעגענען זיך מיט אן אלטן באקאנטן.

צי דען רײַט עס טאקע זײַוול? צירל האָט זיך ניט געריכט, אז דאָס זאָל זי אזוי דערפרייען, זי שיר ניט פארוואנדלען אַף א רעגע אין א גליקלעך פארליבט מיידל. נאָר אין א רעגע ארום האָט זי שוין געהאט אָנ־געצויגן די לייצעס און געטריבן דאָס פערדל צום שטעטלשן שליאך, וואָס האָט שוין א פאָר מאָל א בלענד געטאָן פון צווישן די ביימער אין דער ארופבארגיקער ווײַט.

— ניאָ, גאָלובטשיק! ניאָ!

צירל האָט שוין געפילט הינטער זיך דעם הייסן אָטעם פונעם צעהיצטן אָגער, נאָר זי האָט זיך אלץ נאָך ניט אומגעקוקט, און ווען זײַוול האָט זי אָנגעיאָגט, האָט צירל אים פארכידעשט געפרעגט:

— דאָס זײַנט איר גאָר? און איך האָב געמיינט, אז איר זײַנט פון לאנג שוין אין דער היים.

— פארוואָס זײַנט איר ניט געפאָרן דורך וועדמעדאָווקע? — און נאָך שטילער: — איך האָב דאָרט אַף אײַך געוואַרט.

צירל האָט אראָפּגעלאָזט די אויגן:

— כ׳ווייס אליין ניט, — איר האָט אויך ווי פארפעלט לופט. — כ׳האָב, ארויספאָרנדיק פון דאָרף, ניט גלײַך באמערקט, אז דאָס פערדל האָט זיך גענומען רעכטס.

זײַוול איז ארויסגעשפּרונגען פונעם זאָטל און א שטיקל וועג שוויַגנ־דיק געגאנגען אזוי צופוס בא דער זײַט פונעם וועגל, פירנדיק נאָך זיך פאַרן צײַמל דאָס נאָך ניט אינגאנצן אָפּגעקילטע פערד.

— מיט וואָס האָט זיך געענדיקט אײַער דורכגיין זיך איבערן דאָרף צוזאמען מיטן פאָרזיצער פון קאָלווירט? באוויזן א סאך אופטאָן?

שוין דערפון אליין, ווי זײַוול האָט עס זי געפרעגט און זיך פארקוקט אף די אויסגעלאָשענע קרוינען פון די ביימער, האָט צירל פארשטאנען, אז ווייניקער פון אלץ גייט אים איצט אָן, מיט וואָס האָט זיך געענדיקט איר נעמען זיך הײַנט צוהילף דעם פאָרזיצער פון קאָלווירט, אז ניט צו־ליב דעם, ער זאָל עס זי פרעגן, האָט ער ביז אזוי שפּעט זיך פארהאלטן אין וועדמעדאָווקע, און פון דאָרט, ער זאָל באווײַזן זי נאָך פארכאפּן אין וועג, זיך געטראָגן אהער אזוי, אז ער קאָן זיך נאָך אלץ ניט אָפּעטעמען. צירלען דאכט זיך אפילע, אז זײַוול הערט זי גאָרניט. ער איז אָבער פאר איר פאַרט דאָך דער אָנפירער פון דער קאָנטאָר, אין וועלכער זי איז דערווײַל נאָך באשעפטיקט, האָט זי פאָרגעזעצט אים דערציילן, ווי־אזוי עס איז בא איר מיט אנטאָן פעטראָוויטשעס הילף דורכגעגאנגען די סטראכירונג, און דערבײַ געמאָסטן אלץ מיטן אויג, וויפל האָט זי נאָך צו פאָרן דורכן וואלד.

אפן שטעטלשן שאָסיי, אז זיי וועלן ארוף, האָט זי שוין ניט וואָס מוירע צו האָבן. זי ווייסט פארפריער, אז דאָרט וועט איר הײַנטיקע באַ־געגעניש מיט זײַוולען, פון וועלכער זי איז געהאט אנטלאָפן און וועלכע האָט דאָך זי אָנגעיאָגט, אויסזען שוין אינגאנצן אנדערש! זי וועט אפילע ניט זײַן ענלעך אף דער ערשטער באגעגעניש זייערער דאָ אינעם זעלבן וואלד, וואָס פון איר האָט זיך אלץ אָנגעהויבן און דערפירט זי, צירלען, דערצו, אז זי האָט אלץ אָפּטער, ווי־אזוי זי האָט זיך ניט געווערט מיט זיך, גענומען פארגלײַכן זײַוולען מיט כאָנען.

אין רעכטן מיט כעזשבן, וואָס זי האָט אים געמאכט — וויפל קאָלוויר־טישע הויפן האָט זיך איר אײַנגעגעבן פארסטראכירן און וויפל באטרעפט ארום־און־ארום די סומע, אף וועלכער מע האָט זיך פארסטראכירט, — איז צירל אנשוויגן געוואָרן. זי האָט נאָרוואָס ווידעראמאָל דערלאָזט, אז זײַוול זאָל מיט זיך פארשטעלן פון איר כאָנען, און קאָן זיך ניט בײַקומען, אז זי זאָל אופהערן זייביידן פארגלײַכן צווישן זיך. דאָס איז דאָך... צירל ווייסט אליין ניט, ווי־אזוי דאָס אָנצורופן. ווי טאָר זי גאָר דערלאָזן דערצו? ס'קומט אויס, אז ניט זי, נאָר ער, כאָנע, האָט זיך דאן בא איר געבעטן ראכמים, זי זאָל זיך מיט אים צונויפגיין, און ניט ער האָט עס זי דעמלט פון דעם אָפּגערעדט. און ווי־אזוי אָפּגערעדט! נו, איז וואָס, אז ער איז קיי־מאט אין צוויי מאָל עלטער פון איר? ער האָט עס דען דעמלט פון איר אויסבאהאלטן, ניט געזאָגט איר, אז אים פאסט גיכער צו זײַן אירער א טאטע, ווי א מאַן?! צי זי האָט ניט געזען, אז זי איז שיר ניט אף א גאנצן קאָפּ העכער פון אים, און אז ער הויקערט זיך א ביסל. דאָך האָט זי אים ליב באקומען. און ווי־אזוי ליב באקומען! ס'איז געווען רייַנער עמעס, ווען זי האָט אים געזאָגט, אז זי וועט זיך א מײַסע אָנטאָן, אויב ער וועט פאר איר ניט כאסענע האָבן. און איצט האָט זי אים דען ניט ליב, ער איז איר

איצט דען ווייניקער טײַער? נו, איז וואָס, אַז זײַוול איז ייִנגער, העכער, שלאַנקער, שענער?..

ס'איז, פאַרשטייט זיך, ווילד צו עמעצן האָבן טײַנעס, וואָס זײַוול פאַר־שטעלט מיט זיך פון איר אָפּט כאָנעץ. נאָר אויב שוין יאָ מאַכן עמעצן שולדיק אין דעם, וואָס עס קומט מיט איר אַ לענגערע צײַט שוין פאַר און וואָס עס פאַסט גיכער פאַר אַ יונג מיידל און ניט פאַר איר, דער אכט־און־צוואַנציקיאָריקער כאַסענעגעהאַטער צירלען, איז וואָלט זי געמאַכט דערין שולדיק דעם טרײַען און איבערגעגעבנסטן פרײַנט זייערן נאַפּטאָלע דאַווידאָוויטש כעסינען. דאָס האָט, אייגנטלעך, ער מיט דעם ניט קאָנען זיך אָנלויבן, סאַראַ גאָלדענער באָכער דער זײַוול איז, מיט זײַן איבערנעמען זיך נאָכאַנאַנד מיט אים זי אומבאַמערקט צוגעגרייט דערצו, אַז זי זאָל ניט ווילנדיק אים נעמען פאַרגלײַכן מיט כאָנען. ווען נאַפּטאָלע דאַווידאָ־וויטש זאָל עס געוועזן פאָרויסזען, וואָלט ער זי זיכער ניט געוועזן באַקאַנט מיט זײַן טאַלמיד.

ווען וואָס האָט זיך עס זײַוול אַזוי פאַרקלערט, וואָס ער האָט ניט באַמערקט, ווי זי איז אײַנמיטן מאַכן אים דעם כעזשבן מיטאַמאָל אַנשוויגן געוואָרן? ער האָט זיך עפּשער פאַרקלערט, ווי־אַזוי אָנהייבן מיט איר דעם געשפּרעך, אַז ער זאָל זיך ניט פאַרענדיקן, ווי דענסטמאָל?

ס'איז איר אליין שוין געוועזן מאָדנע, וואָס זי האָט זיך לאַכלוטן ניט פאַרוווּנדערט, ווען זײַוול האָט אָנגעהויבן דעם געשפּרעך זײַנעם מיט איר שיר ניט ווי דעמלט.

— איר וועט ניט דערווידערן, אויב איך וועל צובינדן דעם אָגער צום וועגל? איך בין זיך אַף אים הײַנט אַזויפיל אָנגעריטן, אַז סע ווילט זיך פון אים פּאַשעט אַ ביסל אָפּרוען.

אָט פּונקט אַזוי האָט ער זי דענסטמאָל געבעטן, זי זאָל אים דערלויבן אַרופלייגן דעם וועלאָסיפּעד צו איר אַפן וועגל. דאַן אָבער איז צו איר נאָך אַזוי קלאָר ניט דערגאַנגען, ווי איצט, אַז מיט דער דאָזיקער אויפירונג איז ער אויסן געוועזן, זי זאָל פאַרגעסן, אַז ער איז דער אָנפירער פון דער קאָנטאָר, אין וועלכער זי איז באַשעפטיקט, נאָר זען אין אים בלויז אַ יונגן, שיינעם, שטאַלטנעם באָכער, וואָס האָט זיך אין איר פאַרליבט און ער קלײַבט זיך עס מער פון קיינעם ניט אויסבאַהאַלטן. זײַוול האָט זיכער דערוואַרט, אַז צירל וועט אים אַרופנעמען צו זיך אין וועגל, צוליב דעם, אייגנטלעך, איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פונעם אָגער און אים צוגעבונדן פון הינטן צום וועגעלע. צירל האָט זיך געהאַט אַפילע אַ רוק געטאָן, גע־מאַכט אים אַן אָרט לעבן זיך און ניט געקאָנט באַגרײַפן, וואָס האַלט זי אָפּ, זי זאָל אים פאָרלייגן זיך אַרופזעצן. צי דען האָט זי פאַר זיך אליין זיך דערשראָקן? טרויט זיך אליין ניט אָן?

ענדלעך האָט זי זיך אָפּגערופן:

— כ'האָב מוירע, אַז מירן מיט אַזאַ פאָרן ביז מאָרגן אויך זיך ניט דערשלעפּן.

— איר אײַלט זיך? — דאָס קאָל איז בא אים נאָך אַלץ געוועזן, ווי סע זאָל דעם אויספּעלן לופט.

אָפּגעפּאָרן אַזוי פּאַוואָלינקע נאָך אַ שטיקל צײַט, האָט צירל זיך ווידער אָנגערופן:

— ס׳ווערט צו ביסלעכווײַז שוין נאַכט.

— האָב ניט מוירע. ביסט מיט מיר.

ס׳האָט זיך איר אויסגעוויזן, צי ער האָט איר ווירקלעך געזאָגט „דו״?

די טונקלקײַט פונעם צופאַלנדיקן אָוונט האָט זיך שוין דערקליבן צו די אייבערשטע צווײַגן פון די ביימער און וועט באַלד אַרײַנעמען אין זיך די קרוינען. נאָר זײַוול, ווי ער זאָל דאָס אַלץ ניט באַמערקן, איז ווײַ־טער געגאַנגען מיטן זעלבן פּאַמעלעכן טראָט און געשוויגן.

צוקוקנדיק זיך, ווי זײַוול שפּאַנט באַ דער זײַט, האָט צירל ניט ווילנ־דיק אַ שמייכל געטאָן: ער גייט אַזוי, ווי ער זאָל אָפּנעמעסן זײַן פּאַר־נומען מיט אויסמעסטן דעם וואַלד. איבעריקס קיין סאַך צו מעסטן איז אים שוין ניט פאַרבליבן. די צוויי צונויפגעוואַקסענע ביימער באַם וועג זײַנען שוין פאַרבליבן אַף הינטער. צי דען וועט ער דעם גאַנצן וועג גיין אַזוי און שווײַגן, איר גאָרניט זאָגן? ער וועט איר דאָך אָבער דערמיט ניט אײַנריידן, אַז ער האָט זיך געטראָגן אַהער ווי אַ וויכער בלויז צוליב דעם, ער זאָל האָבן אַף וועמען איבערצולאָזן אַף אַ שטיקל צײַט דאָס פערד און זיך קאָנען דורכגיין אַ ביסל צופוס... צירל האָט אופגעהערט אַליין זיך דערקענען. זי האָט ניט דערוואַרט, ס׳זאָל איר אַזוי אָנגיין, וואָס עס האָט איר צו זאָגן אָט דער באָכער, און זי זאָל אַזוי גארן, אַז ער זאָל עס איר זאָגן. זי האָט אײַנגעהאַלטן גאָלובטשיקן, וואָס האָט אַ פּאָר מאָל שוין געפּרוּווט אַ לויף טאָן, און ניט צוגעקוקט זיך שוין מער, ווי די אָוונטיקע טונקלקײַט פאַרקלײַבט זיך אַלץ העכער און העכער צו די זיך לײַכט־וויגנדיקע קרוינען. זי האָט זיך געמאַכט אַפילע פאַרגעסן, אַז כאָנע קאָן הײַנט קומען צו פאָרן, און טאָמער טרעפט ער זי ניט שפּעט אין אָוונט אין דער היים, וועט ער זיך לאָזן זי זוכן און אומגעריכט זי דאָ באַגעגע־נען מיט זײַוולען. נאָר דאָס גייט איר איצט ניט אָן. קיין זאַך גייט איר איצט ניט אָן. זי קאָן וועגן קיין זאַך איצט ניט קלערן, וועגן קיינעם ניט טראַכטן. זײַוול האָט מיט זיך אַלץ און אַלעמען פון איר פאַרשטעלט. דאַכט זיך, עס גייט איר שוין אַפילע ניט אָן, וואָס וועט ער איר זאָגן. זי וויל בלויז הערן זײַן שטים, זען זײַן מענעריש שטײַף געזיכט מיט די ווייכע ליכטיקע אויגן. פאַרוואָס שווײַגט ער? עפּשער וואַרט ער, אַז זי זאָל די ערשטע אָנהייבן דעם געשפּרעך, וואָס מוז צווישן זיי סאָפקאַלסאָף פּאָר־קומען? צי דען וואַרט ער טאַקע דערויף? ער פאַרשטייט דען אָן דעם ניט, וואָס וועט זי אים זאָגן? און וואָס קאָן זי אים נאָך זאָגן, אויסער דעם, אַז זי האָט אַ מאַן און דאָס באַטײַט פאַר איר אַלץ, און אַז צווישן איר און אים, זײַוולען, קאָן גאָרניט זײַן און וועט ניט זײַן? און וועגן דעם דאַרפן זיי זיך הײַנט איינמאָל פאַר אַלעמאָל דערריידן. זײַוול איז דאָך ניט אַלעקסיי ניקאָלײַעוויטש. נאָכדעם, ווי זי וועט אים דערציילן, וויאַזוי זי איז זיך צונויפגעגאַנגען מיט כאָנען, ווער און וואָס איז ער פאַר איר, וועט זײַוול אַליין איר זאָגן, אַז ער דאַרף זיך מיט איר מער ניט באַגעגענען. זי וועט ניט אויסבאַהאַלטן פון זײַוולען, אַז איר איז עס עפּשער שווערער

נאָך פון אים. אָבער זי קאָן אַנדערש ניט. און טאָר אַנדערש ניט. זי האָט צוגעמאַכט די אויגן, און, א מידע, נאָך א לאַנגן הייסן טאָג זיך שלעפּן אַף דער זון איבער די דערפער, האָט זי ווי דורכן שלאָף זיך צוגעהערט צו זייַוולס טריט, וואָס אָט האָבן זיי זיך דערווייַטערט און אָט זיך ווידער דערנעענטערט... מיטאַמאָל האָט זי דערפילט, ווי דאָס וועגעלע גליטשט זיך אַרויס פון אונטער איר און צוויי קרעפטיקע הענט נעמען זי שטייַף אַרום. ס'איז געשען אַזוי אומגעריכט, אַז זי האָט אפילו ניט באוויזן זיך אָנכאַפּן פאַר די לייצעס.

— זייַוול יעווסייעוויטש, וואָס טוט איר... איך בעט אייַך... לאָזט מיך אָפּ, זייַוול יעווסייעוויטש... כ'וועל שרייַען... נו, איך בעט אייַך...

וואָס מער זי האָט זיך געווערט, זיך געפּרוּווט באַפרייַען פון זייַנע הענט, אַלץ שטאַרקער האָט ער זי צוגעדריקט צו זיך און לייַכט, ווי זי זאָל אינגאַנצן ניט האָבן קיין וואָג, זי אָפּגעטראָגן ווייַטער פונעם וועגל.

— זייַוול יעווסייעוויטש...

זי האָט זיך דערפילט בא אים אַף די הענט אַזוי קינדערש אומבאַהאָלפן, אַז ס'האָט איר שוין ניט געקלעקט קיין קויעך אָפּוועגדן דאָס געזיכט פון זייַנע אָנגעגליטע ליפּן, וואָס האָבן פיבערדיק געזוכט איר מויל, אירע אויגן, די אויערן־לעפּלעך, דעם האַלדז, און, צודריקנדיק זי צו זיך אַזוי, אַז ס'האָט איר דעם אָטעם פאַרשלאָגן, געשעפּטשעט:

— ביסט מייַנע. נאָר מייַנע, און וועסט אַלעמאָל זייַן מייַנע. דו הערסט, מייַנע! כ'האָב דיך ליב... דו הערסט, איך האָב דיך ליב, כ'האָב דיך זייער, זייער ליב. מירן אוועקפאָרן פונדאַנען! ווייַט, זייער ווייַט... יאָ, טייַערע מייַנע?..

ס'האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז אָט פאַלט זי אַראָפּ, און זי האָט ניט ווילנדיק אים אַרומגעכאַפּט מיט ביידע הענט פאַרן האַלדז.

— טייַערע מייַנע...

זי איז געווען צו אָפּגעשוואַכט, אַז זי זאָל זיך ווערן, ווען זייַנע אָנגעגליטע פיבערדיקע ליפּן האָבן זיך מיטאַמאָל דערקליבן צו איר שטייַפער יונגער ברוסט.

— איר הערט, עמעצער פאָרט אַהער... — און זי האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון זייַנע הענט.

אין א ווייַלע אַרום האָבן זיי שוין ביידע געזעסן, אַז עס איז דאָס וועגל, פון וועלכן זייַוול האָט זי א האַלב־דרעמלענדיקע אומגעריכט א כאַפּ געטאָן צו זיך אַף די הענט און זי אָפּגעטראָגן א שטיק וועג. ווי צונויפגערעדט, האָבן די פערד הילכיק זיך צעהירזשעט איבערן וואַלד. ס'איז אויסגעקומען, אַז „גאָלובטשיק" וויל דערמאָנען האָנפּטן, וואָס האָט הייַנט געזאָגט: „פון אַלע באַלעכאַים איז א פערד דער סאַמע טרייַסטער און איבערגעגעבנסטער פרייַנט דעם מענטשן". איז ווי נאָר ער האָט דערפילט, „גאָלובטשיק", אַז זייַן אָנטרייַבערן דראָעט א געפאַר, איז ער געקומען גלייַך צו לויפן. דער אָגער, וואָס איז א צוגעבונדענער פון הינטן צום וועגל געהאָרכזאַם נאָכגעגאַנגען, האָט מיט זייַן הירזשען ווי באַרויקט „גאָלובטשיקן": „האָב ניט מוירע, ס'וועט מיט דייַן באַלעבאָסטע גאָרניט גע־

שען. מײַן רײַטער איז פֿון די מענטשן, וועלכע מע קאָן זיך אָנ־טרויען".

און צירל האָט זיך אים אָנגעטרויט, ניט ארויסגעכאַפּט איר האַנט פֿון זײַנער, ווען ער האָט זי ווידער צוגעצויגן צו זיך און, פֿאַרכלינענדיק זיך פֿונעם אייגענעם אָטעם, זי גענומען קושן און שעפּטשען:

— זאָג, האָסט מיך ליב? נו זאָג, איך בעט דיך...

— וואָס זאָל איך דיר זאָגן?

— אז דו ביסט מײַנע. בלויז מײַנע.

— איך האָב א מאַן.

— צו וואָס זאָגסטו עס מיר?

— איך האָב א מאַן, — האָט צירל עטוואָס העכער, אז זי זאָל עס אויך דערהערן, איבערגעכאַזערט.

— דו האָסט דאָך אים ניט ליב. דו קאָנסט אים ניט ליב האָבן. ניין, ניין! דו האָסט אים ניט ליב.

— ווער האָט עס אײַך געזאָגט? כעסין האָט ניט געקאָנט עס אײַך זאָגן. קיינער האָט ניט געקאָנט עס אײַך זאָגן.

— איך זע אליין. איך בין ניט קיין בלינדער. דו קאָנסט אים ניט ליב האָבן.

— איך פֿאַרוועך אײַך אזוי ריידן. כ'זאָל פֿון אײַך מער עס קיינמאָל ניט הערן. ער איז מײַן מאַן, און איך האָב אים ליב. איר הערט? איך האָב אים ליב. ער איז מײַן מאַן!

זיצנדיק מיט זײַוולען שוין אין וועגעלע, וואָס האָט זיך געטראָגן אנט־קעגן דער ליכטיק־אופגעגאַנגענער לעוואָנע, האָט צירל זיך אָנגערופֿן, אליין ניט גלייבנדיק נאָך אינגאַנצן אין דעם, וואָס זי זאָגט:

— מאָרגן גיב איך אָן א מעלדונג.

— ווהין?

— מאָרגן גיב איך אָן א מעלדונג! — האָט זי שוין מיט מער זיכערקײַט ארויסגעבראַכט.

— וואָס פֿאַר א מעלדונג? וווהין א מעלדונג? איך פֿאַרשטיי ניט, טײַע־רע, וועגן וואָס דו רעדסט. — ער האָט זי א קער געטאָן צו זיך, און ווי ער זאָל צום ערשטן מאָל דערזען אזוי נאָענט און בוילעט איר בלענדנ־דיקע שיינקײַט, ניט געקאָנט אָפּווענדן פֿון איר דעם בליק. אין א רעגע ארום האָט זיך אים אויסגעוויזן, אז די מיטאמאָל שטיין געבליבענע לע־וואָנע האָט זיך אויך פֿאַרקוקט אף צירלען און קאָן אויך שוין ניט, פּונקט ווי ער, אָפּווענדן פֿון איר דעם בליק. די לעוואָנע האָט צוליב איר זיך העלער צעשײַנט, גלײַך זי זאָל אויך, אָט ווי ער, צום ערשטן מאָל זען אזא בלענדנדיקע שיינקײַט. אין דער דערבײַ זיצנדיקער צירלען איז אלץ ווי אויסגעמאָסטן. זײַוול איז קימאט זיכער, אז צו דער פֿרישער צאַרטער הויט פֿון איר געזיכט, צו אירע זאַפֿטיקע ליפּן, צו די עטוואָס פֿאַרבויגענע אף ארופּצו לאַנגע וויִעס, וואָס וואַרפֿן אָפּ א שאָטנדל אף אירע דין־אויס־געשניצטע נאָזלעכער, האָט זיך נאָך קיינמאָל ניט צוגערירט קיין אויסער־לעכע, זײַטיקע פֿאַרב. פֿונעם מינדסטן צורירן זיך מיט א זײַטיקער פֿאַרב

וואָלט זיכער עפּעס פאַרלוירן געגאַנגען פון דעם, אין וואָס עס באַשטייט איר באַזונדערע שיינקייט, וועלכע האָט אים פון ערשטן אויגנבליק, באַם באַקאַנען זיך מיט איר באַם לערער, שוין פון זיך ניט אָפּגעלאָזט. בײַ דער שיַין פון דער מיטפאַרנדיקער לעוואָנע לויכטן צירלס גרויסע טונקל־בלויע אויגן מיט אַ סוידעספּול פּיַערל, און דער שלאַנקער האַלדז — מיט דער זעלבער פּערלמוטער־ווײַסקייט, וואָס אירע צוויי שורעס ציין.

וויפל מע זאָל אים ניט דערציילן און ווי מע זאָל ניט געבן עס אים צו דערקלערן, וועט ער סײַווי קיינמאָל ניט קאָנען באַנעמען, וויאַזוי איז זי פאַרט געוואָרן כאָנעס פרוי. וויאַזוי האָט דערלאָזט איר גרויסער פרײַנט, ווי זי רופט אים, נאַפּטאָלע דאַווידאָוויטש כעסין, אַז אָט די שיינהייט זאָל ווערן די פרוי פון אַ מענטשן, וואָס, שוין אויסער אַלעם איבעריקן, פּאַסט ער איר בלויז צו זײַן אַ טאַטע, אַ היפּש באַיאָרטער טאַטע... אַזוינס איז זיך זעלטן אַפילע פאַרלאָפן אין די צײַטן, ווען די עלטערן, ווי ער האָט געהערט דערציילן, פלעגן אליין צוזוכן פאַר זייערע טעכטער מענער און ווייניקער פון אַלץ איז דערבײַ אָנגעגאַנגען די עלטערן, צי וועט געפעלן זייערע קינדער דער שידעך.

דער בליק, מיט וועלכן זײַוול האָט איצט געקוקט אויף צירלען, האָט געהאַט אין באַטײַט: „אַלציינס וועסטו זײַן מײַנע. אַנדערש קאָן עס ניט זײַן. קער ניט אָפּ פון מיר די אויגן. זעסט, איך בין יונג, פול מיט קרעפטן. הייס מיר, וועל איך דיר מיט די הוילע הענט דעם שטאַרקסטן דעמב אַרויס־רײַסן מיט די וואָרצלען. דאָס לעבן הייבט זיך פאַר מיר ערשט אָן. לאָמיר עס, טײַערע, אָנהייבן צוזאַמען“.

— איז וועמען, פאַרשטיי איך ניט, קלײַבסטו זיך עס אָנגעבן אַ מעל־דונג?

— אײַך.

— מיר? — זײַוול האָט געזוכט איר האַנט לעבן זיך, איר קליינע, קילע האַנט, וועלכע ער האָט באַרוואָס געהאַלטן אין זײַנער, און ניט געפונען. — און וועגן וואָס איז די מעלדונג?

— איר זאָלט מיך באַפרײַען פון דער אַרבעט.

— וואָס?

— מיר פאָרן פונדאַנען אַרויס. מיר קלײַבן זיך פון לאַנג שוין אַרויס־פאָרן פונדאַנען.

— וועסט אין ערגעץ ניט פאָרן!

— קיינער קאָן מיך ניט פאַרהאַלטן. אין צוויי וואָכן אַרום מוזט איר מיך באַפרײַען!

— וועסט אין ערגעץ ניט פאָרן... איך וועל דיך אין ערגעץ ניט אָפּ־לאָזן. דו הערסט? איך וועל דיך אין ערגעץ ניט אָפּלאָזן! — און ווי ער זאָל מוירע האָבן, אַז דאָס, וואָס זי האָט אים דאָ אָקאָרשט געזאָגט, קאָן באַלד געשען, אַז ער קאָן זי באַלד פאַרלירן, האָט זײַוול זי שטײַף אַרומ־געכאַפּט און, פאַרלירנדיק אויף אַ רעגע דעם גלײַכגעוויכט, זיך אַראָפּגעגע־גליטשט מיט איר פון דער קעלניע אויפן אײַנגעלעגענעם היי.

צירל האָט אָפּגעקערט דאָס געזיכט פון זײַנע שעפּטשענדיקע ליפּן, אים א שטויס געטאָן פון זיך און, א כאַפּ געבנדיק דאָס דערבײַליגנדיקע בײַטש־שטעקל, אראָפּגעשפּרונגען אפן פולן גאנג פונעם וועגל.

— טפּררו! — זײַוול איז ארויסגעשפּרונגען גלײַך נאָך איר. ער האָט צוגעבונדן דאָס פאנאנדערגעיאָגטע פערדל צו א בוים און זיך געלאָזט אף צוריק צו דער שטיין געבליבענער צירלען.

דערזען זי אנטקעגן זיך מיטן בײַטש־שטעקל אין דער האנט, האָט זײַוול פון אומדערוואַרטקײַט געמאכט א טראָט צוריק, נאָר באלד זיך צע־לאכט:

— אף וועמען האָסטו זיך עס פארמאָסטן מיט דער בײַטש?

— אף דעם, ווער עס וועט עס פארדינען.

— עפּשער אף מיר?

— אויב איר וועט עס פארדינען... — און א סאך שטילער, ווי זי זאָל עס געוועזן אָנטרויען בלויז זיך אליין, צוגעגעבן. — אין דעם, וואָס עס איז זיך הײַנט פארלאָפן, בין איך איינע שולדיק... בלויז איך... מער וועט עס מיט מיר קיינמאָל אין לעבן ניט געשען. קיינמאָל ניט... — און אף א קאָל, גלײַך ווי אויסער אים, זײַוולען, איז דאָ נאָך עמעצער פאראן, וואָס דארף עס הערן, קימאט אויסגעשריִען: — קיינמאָל ניט!

— צירל.

— איך בעט עס אײַך פארגעדענקען. — און א שמיץ געטאָן מיט דער בײַטש איבערן דרעמלענדיקן גראָז בא אירע פיס.

— צירל, ס׳איז דאָך גאָר ניט געשען. צי דען האָסטו געקלערט, אז איך האָב געהאט עפּעס א מיין. כ׳האָב פּאָשעט פארלאָרן דאָס גלײַכגע־וויכט און, אראָפּגליטשנדיק זיך פון דער קעלניע אין וועגל, ניט ווילנדיק זיך אָנגעכאַפּט אָן דיר. ווי האָסטו געקאָנט גאָר אזוינס טראכטן, צירל? קום, זעץ זיך ארײַן, און מירן פאָרן.

— איך וועל מיט אײַך ניט פאָרן.

— ווילסט גיין צופוס?

— איך קאָן גיין צופוס אויך, אָבער...

— אָן מיר, ווילסטו זאָגן?

— יאָ, אָן אײַך.

דאָס, וואָס צירל האָט אים קיין איין מאָל ניט דערווידערט, וואָס ער ווענדט זיך צו איר די גאנצע צײַט אף „דו", האָט צוריק אומגעקערט זײַוו־לען די זיכערקײַט אין זיך, אז זי וועט סאָפּקאָלסאָף זײַן זײַנע, און ער האָט עס פון איר ניט אויסבאהאלטן, אָפּענטפערנדיק איר:

— איך וועל בא דיר ניט נעמען קיין שום מעלדונגען. איך וועל דיך אין ערגעץ ניט אָפּלאָזן.

ער האָט אָפּגעבונדן דעם אָגער פונעם וועגעלע און מיט איין שפּרונג זיך ארופגעכאַפּט אף אים.

ווען זײַוול איז שוין געווען היפּש אָפּגעפאָרן, — קוים, וואָס מע האָט שוין געהערט דעם אָפּהילך פונעם אָגערס טלאָען, — האָט צירל זיך ארײַנ־געזעצט אין וועגעלע און אָנגעצויגן די לייצעס.

# קאפיטל זעקס

צוווארטן מיט דער נײַס, ביז געדאליע, וואָס איז נאָרוואָס געקומען פון דער באנאכטיקער וואכטע, וועט זיך אײַנוואשן און זעצן זיך צום טיש, האָט טײַבע שוין ניט געהאט קיין געדולד. עס האָט זי ניט געלאָזט רוען. זי האָט עס געמוזט אים גלײַך ארויסלייגן:

— וועסט מיר מיסטאמע באלד ווידער זאָגן, אז איך זע אין יענעם נאָר דאָס שלעכטס, און אלץ דערפאר, וואָס כ׳האָב אָנגערירט דעם קאָוועד פון אײַער באסמאלקע. זי איז דאָך בא אײַך אלעמען א צאדייקעס, א סייפער־טוירע, לעהאוודל, אין אָרן־קוידעש. גאָט באהיט זאָגן אף איר א קרום וואָרט.

געדאליע האָט אויסגעדרייט צו איר דאָס אָנגעזייפטע פּאָנעם:

— וואָס האָט שוין ווידער דאָרט בא אײַך געטראָפן? זיך ווידער שוין צעקריגט? אוי, טײַבע!..

— כ׳האָב זיך דען מיט איר ווען־ניט־איז געקריגט, וואָס דו זאָגסט? איך בין דאָך אָבער ניט מעכוייעוו זיך קושן מיט איר אין די פּיסקעס. כ׳האָב פײַנט, אז מע מאכט זיך פאר א צנוע. וואָס כאפּסטו זיך שוין צום האנטעך? האָסט דאָך נאָך ניט אָפּגעוואשן די זייף פון פּאָנעם. זע, פּולע אויערן מיט זייף. זשאלעוועסט א ביסל וואסער, צי וואָס? נאָר אף כאָנען, זעסטו, איז מיר א גרויסער ראכמאָנעס, כאָטש צוריקגערעדט איז ער עס ווערט! ס׳האָט זיך אים פארוואָלט א יונג ווײַבל מיט א שיין פּענעמל. ער מיינט, אז ער איז בא איר א בעניאָכיד!

— טײַבע!

— וואָס טײַבע? דו הער פריִער אויס, וואָס טײַבע האָט דיר צו דער־ציילן, נאָכדעם וועסטו שוין שרײַען טײַבע! אוי, האָסט מיר מיט דײַנע קוילעס, דאכט מיר, אופגעוועקט פריידקעלען. — זי איז צוגעגאנגען צו דער צוגעמאכטער טיר און זיך אײַנגעהערט.

געדאליע האָט אופגעהאנגען דעם האנטעך און איז אף די שפּיץ פינגער ארויס אין קיך. אין א ווײַלע ארום איז ארײַן אהין טײַבע. זי האָט אָנגעצונדן דעם גאז און צוגעשטעלט אף דער פּליטע אופזידן טיי. דאָס געלב־לעך־בלויע פײַערל, וואָס האָט זיך ארויסגעריסן פון אונטערן טשײַניק, איז געווען מיט עפּעס ענלעך אפן פײַערל פון טײַבלס טיף ארײַנגעזעצטע אויגן, וואָס אָט האָבן זיי אופגעפלאמט און אָט זיך אויסגעלאָשן אף איר צעקנייטשטן פּאָנעם.

פאר די עטלעכע רעגעס, וואָס טײַבע איז געשטאנען הינטער דער טיר און זיך צוגעהערט, צי געדאליע האָט מיט זײַן געשריי ניט אופגעוועקט פריידעלען, האָט זיך בא איר ווי געענדערט דאָס קאָל. ס׳האָט זיך אין דעם שוין ניט געפילט אזוי די פארביטערטקײַט, מיט וועלכער זי האָט געהאט אָנגעהויבן דערציילן.

— כ׳וועל דיר זאָגן דעם ריינעם עמעס, — זי האָט קלענער געמאכט דאָס פײַער אונטערן טשײַניק און פאָרגעזעצט, — איך וואָלט אליין ניט געגלייבט, ווען כ׳זאָל עס ניט געזען זען מיט די אייגענע אויגן.

— וואָס האָסטו געזען? — האָט געדאליע זי איבערגעשלאָגן.

— דו קאָך זיך גאָר ניט. דו הער בעסער. שוין דער דריטער צי דער פערטער טאָג, ווי די קלייט אונדזערע, ווי דו ווייסט, איז אַף א שלאָס. ס׳איז דאָרט א רעוויזיע. וועסט באלד ווידער זאָגן, אז איך זע נאָר אין יענעם דאָס שלעכטס. גלאט אין דער וועלט אריַין אָבער מאכט מען ניט קיין רעוויזיע אַף א גאנצענער וואָך.

— בעקיצער!

— ווילסט בעקיצער, קאָן איך דיר עס מאכן בעקיצער. דו זאָג מיר נאָר, אין וועלכער סמענע ארבעט די וואָך כאָנע?

— אין דער באנאכטיקער, ווי איך. וואָסי?

— איז הער. בעקיצער, וויבאלד די קראָם איז אַף א שלאָס, איז גייט מען אין סעלפאָ[1], און בא מיר איז פּונקט אויסגעגאנגען היַינט די זאלץ. איַינגעקויפט, וואָס כ׳האָב געדארפט, לאָז איך מיך צו דער טיר. ערשט מיטאמאָל דערזע איך דורכן פענצטער צירלען. מיין איך דאָך, זי גייט אהער, אין קלייט, ערשט ניין, זי פארקערעוועט גאָר צום טיַיך. ס׳איז שוין געווען רעכט טונקל. וואָס האָט זי צו דער נאכט צו טאָן באַם טיַיך?

— אָט דאָס איז גאָר?

— דו הער, וואָס מע דערציילט דיר. מיר איז עפּעס ניט געפעלן דאָס ארומקוקן זיך אירס, ווי זי זאָל זיך פון עמעצן אויסבאהאלטן.

— מער האָט זיך דיר גאָרניט אויסגעוויזן?

— מיר האָט זיך גאָרנישט ניט אויסגעוויזן, געדאליע. כ׳האָב אלץ געזען מיט די אייגענע אויגן, געזען, ווי אין א מינוט פינף ארום, און אויך ווי אויסבאהאלטנדיק זיך פון עמעצן, האָט ער זיך אראָפּגעלאָזט צום טיַיך, און מע איז צוזאמען אריַין אין דער פארלאָזענער שטאל, וואָס לעבן בריקל.

— ווער איז עס דער ער?!

— און אליין שטויסטו זיך ניט אָן? דער נאטשאלניק אירער, זיַיוול האנפט. ווערט מיר שוין די זאך, ווי זאָל איך דיר עס זאָגן... כאָנע איז דאָך אונדז ניט קיין פרעמדער, פאָרט אן אייגענער.

געדאליע האָט געגעבן א רוק אָפּ פון זיך דאָס עסן, אז דער טעלער איז שיר ניט אראָפּגעפאלן פון טיש:

— ווען האָסטו באוויזן עס שוין צעפּויקן?

— ווען האָט דיַין וויַיב, מאן מיַינער, ביכלאל עפּעס צעפּויקט? נאָר ווער ס׳זאָל צעפּויקן אָט אָ־דאָס, וואָס כ׳האָב דיר דערציילט, איז שוין גראדע יאָ פאראן. אווראָם ניסאָנאָוויטש איז אויך געווען דערביַי. כ׳האָב לויט אים געזען, אז ער וועט ניט מאכן דערפון קיין סאָד, דער אורעמל.

— וועלכער אווראָם ניסאָנאָוויטש, וועלכער אורעמל?

— ס׳הייסט, וועלכער? דער אינזשעניער איַיערער, וואָס האָט זיך א נאָמען געגעבן אלעקסיי ניקאָליַיעוויטש און מיינט, אז דערמיט...

— פונוואנען האָסטו עס מיטאמאָל גענומען, אז אלעקסיי ניקאָליַיעוויטש הייסט אווראָם ניסאָנאָוויטש? פון דעם, וואָס ער כאפּט א ביסל דעם אָנבליק פון א יידן?

---

[1] דאָרפישער קאָאָפּעראטיוו.

— א מאָשל. כ׳האָב דען דיר ניט דערציילט? האָסט מיסטאמע שוין פארגעסן. דעם קירזשנערס קרויווע, וואָס איז געווען דאָ אנומלטן צוגאסט, איז מיטן אינזשעניער איַיערן, לאָזט זיך אויס, פון איין שטאָט, און נאָך פון וואָס פאר א שטאָט, פון זשיטאָמיר, וואָס איז געווען קימאט א ייִדישע שטאָט, זי האָט זיך דאָרט מיט אים צוזאמען געלערנט אין א ייִדישער שול.

— ווי קאָן עס זיַין?

— און פארוואָס קאָן עס ניט זיַין? ער איז דאָך שוין ניט אזוי יונג. ניין, דו הער נאָר. ער האָט זיך דאָך געמאכט, אז ער הייבט זי ניט אָן צו קענען און וויסן. זי האָט אים, אפּאָנעם, זאָגט ער, מיט עמעצן איבערגעפּלאָנטערט. ווי געפעלט עס דיר? ווי דו ווילסט זיך, נאָר איך מוז עס דערגיין. איך וועל מיט אים בעקיוון א רעד טאָן אף ייִדיש. שאַ, דו האָסט דאָך עפּעס באקאנטע אין דער קאָנטאָר. גיב דאָרט אף טשיקאַוועסט א פרעג, וויִאזוי שרײַבט ער זיך אין דער אנקעטע?

— נו, יאָ, עס גייט מיר טאקע שטארק אין לעבן, צי איז ער א ייִד, צי ניט קיין ייִד. דער איקער איז, א מענטש זאָל מען זיַין, כאָטש דעם עמעס געזאָגט, איז מיר ניט איבעריקס צום הארצן דער, וואָס שעמט זיך מיט אייגענע טאטע־מאמע, וויל ניט, מע זאָל וויסן, ווער ער איז, גיט זיך ארויס פאר אן אנדערן, טראכט זיך צו אן אנדער נאָמען.

— איך האָב אזעלכע מענטשן פּאָשעט פיַינט. און ווייסט, וואָס כ׳וועל דיר זאָגן? אלע האָבן אזעלכע מענטשן פיַינט, און ס׳איז פאראן פארוואָס... געווען בא אונדז אין דער געטאָ איינער א...

— כ׳פארשטיי אָבער ניט, — האָט געדאליע זי אָפּגעשטעלט, — וואָס פאר א שייַכעס האָט עס צו דעם, וואָס דו האָסט מיר געוואָלט זאָגן.

— אָט וועסטו זען, אז סע האָט יאָ א שייַכעס. איַיער אלעקסיי ניקאָלײַעוויטש איז אריַין אין סעלפּאָ עפּעס קויפן און באגלײַך מיט מיר גערעדט פון אלץ, וואָס כ׳האָב דיר דערציילט. כ׳האָב אים דאָרט איבערגעלאָזט. נאָר אז איך בין שוין געווען וויַיט אָפּגעגאנגען פון דער קלייט, האָב איך דערזען עמעצן זיך אונטערגאנגווענען צו דער שטאָל. ווער, מיינסטו, איז עס געווען? פארשטייט זיך, אז אוורעמל, דער אינזשעניערל איַיערער. א באלאָנעס פון א מענטשן גיין יענעם נאָכקוקן... נו, וואָס וועסטו איצטער זאָגן אף דער צאדייקעס דיַינער, האַ? א סוואָרע, אז די געשיכטע, וואָס מע דערציילט דאָ וועגן דעם פּאָליציַאנט, איז געווען א ביסינקעלע אנדערש, ווי די צאדייקעס אליין דערציילט וועגן דעם. נאָר מיַין אייסעק! ס׳איז מיר אָבער א גרויס ראכמאָנעס אף כאָנען. ס׳איז דאָך א שטעטל. ווי פירט מען זיך עס אוף אזוי?

— זאָג דעם עמעס, — געדאליע האָט אָנגעכאפּט זיך מיט ביידע הענט פארן טיש ווי אף אומוואלגערן אים, — ווען האָסטו שוין באוויזן עס צעפּויקן?

— הער, וועסט מיר אופוועקן דאָס קינד. נאָר דער לערער וואָלט עס געמעגט וויסן. זאָל ער עפּענען כאָנען די אויגן. גיי אָבער מאך יענעם זעענדיק, אז יענער וויל אליין גאָר זיַין א בלינדער.

— איך פֿרעג דאָך דיך עפּעס! דו האָסט עס שוין עמעצן דערציילט?! — אונטער געדאַליעס טריט האָט שווער א סקריפּע געטאָן דער דיל.

גאָר אינגאַנצן אומגערעכט איז זי ניט, פֿארשטייט זיך, טײַבע. מע דאַרף טאַקעווירקלעך זײַן א בלינדער, מע זאָל ניט זען, אַז צירל מיט כאַנעס זײַנען ניט קיין פּאָר. אָבער טײַבע זײַנע, וואָס כאַזערט עס אים צום וויפֿלטן מאָל שוין איבער, ווייסט דאָך, אַז כאַנע איז דערינען ניט שולדיק, אַז ער האָט זיך ניט געיאָגט, ווי זי זאָגט, נאָך קיין שיין פּענעמל. ער האָט זיך דאָך מיט טרערן אין די אויגן געבעטן בא איר ראַכמים, אַז זי זאָל ניט באַגיין די נאַרישקײַט, ניט נייטן אים דערצו. אָבער אַז צירל איז פּאָרט ניט אָפּגעשטאַנען פֿון אים, זיך געשוואָרן, אַז זי וועט זיך א מײַסע אָנטאָן, טאָמער האָט ער פֿאַר איר ניט כאַסענע. וואָס האָט ער געזאָלט טאָן? איז ווי עפּנט זיך עס בא טײַבען דאָס מויל אַרויסברענגען אַזעלכעס, זאָגן, אַז כאַנע איז ווערט, זי זאָל זיך באַגיין אַזוי מיט אים, זײַן יונגע יעפֿאַס־טויאַר.

און עפּשער איז אָט דאָס אַלץ גאָר געווען ניט אַזוי, ווי טײַבען האָט זיך אויסגעוויזן? — טוט געדאַליע ווידעראַמאָל א קלער בא זיך און רוקט זיך דערבײַ אָפּ פּונעם ווײַב, וואָס האָט אין שלאָף קימאַט אינגאַנצן זיך אַראָפּגעגליטשט צו אים אָפּן קישן. — פֿאַראַן דאָך מענטשן, וועלכע זעען אין יעדער זאַך דאָס, וואָס זיי גלוסט זיך דערזען, און דערהערן אינעם געזאָגטן דאָס, וואָס זיי גלוסט זיך דערהערן. זײַן טײַבע איז אויך פֿון די. ער האָט עס איר שוין ניט איין מאָל געזאָגט. וויפֿל האָט ער געהאַט פֿון איר אויסצושטיין נאָכדעם, ווי עמעצער האָט איר איבערגעגעבן, אַז מע האָט אים געזען שפּעט אין אָוונט גיין פֿון דער אַרבעט אונטער דער האַנט מיט צירלען. וואָס האָט זי אים נאָר ניט אָנגערעדט דעמלט אָף צירלען און נאָך אין דער אָנוועזנהײַט פֿון פֿריידקעלען... ווי דערצאָרנט מע זאָל ניט זײַן אָף עמעצן און ווי פֿאַרבלענדט מע זאָל ניט זײַן פֿון דערצאָרנטקײַט, דאַרף אָבער כאָטש איין וואָר וואָרט זײַן אין דעם, וואָס מע זאָגט וועגן יענעם. ווי עפּנט זיך עס בא טײַבען דאָס מויל ריידן אַזוי וועגן צירלען? צירל האָט זיך געיאָגט נאָך כאַנעס אַשירעס, וואָס זי איז צו אים אַזוי צוגעשטאַנען, ער זאָל פֿאַר איר כאַסענע האָבן? ווייסט דאָך טײַבע, אַז כאַנעס גאַנצע אַשירעס, ווען ער איז צוזאַמען מיט צירלען אַרויסגעקראָכן פֿון זייער באַהעלטעניש, איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער איז געווען רײַך מיט יאָרן, קימאַט אין צוויי מאָל עלטער פֿון איר.

דאָס איינציקע, אין וואָס געדאַליע וואָלט עפּשער געקאָנט נאָכגעבן זײַן טײַבען... נאָר פֿונוואַנען ווייסט טײַבע, אַז כאַנע איז ניט געגנוג באַשטאַנען אָף דעם, אַז ער איז צירלען ניט קיין פּאָר? פֿונוואַנען קאָן טײַבע עס וויסן, אַז זי האָט גאָר דעמלט נאָך געוווינט אין אַן אַנדער שטעטל? און וואָס מאַכט זי דעם אָנשטעל, אַז איר גייט אָן כאַנע, אַז זי האָט ראַכמאָנעס אָף אים, בייס איר גייט גאָר אָן צירל, מאַכן צונישט אין זײַנע אויגן די צאַדייקעס, ווי טײַבע רופֿט זי. איצט האָט ער, געדאַליע, שוין מער ניט וואָס צו סאָפּעקן, אַז אָט דער עמעצער, וואָס האָט איבערגעגעבן טײַבען, אַז מע האָט אים געזען שפּעט אין אָוונט גיין אונטער דער האַנט מיט צירלען, איז ניט קיין אַנדערער, ווי דער אינזשעניער זייערער פּונעם

צוקער־זאוואָד אַלעקסיי ניקאָלײַעוויטש. געדאַליע האָט זיך קוים אײַנגע־האַלטן, ער זאָל ניט אויפוועקן טײַבען און זי פרעגן: „נו, און מיט וואָס האָט זיך פאַרענדיקט אַלעקסיי ניקאָלײַעוויטשעס שאַדכענען זיך צו ציר־לען, האָט ער דיר אויך דערציילט?"

צי ניט פון דעם זעלבן אַלעקסיי ניקאָלײַעוויטשן שטאַמט אויך דאָס, וואָס טײַבע האָט אים מיט אַ צײַט צוריק נאָך געהאַט דערציילט און עס איז הײַנט ווידעראַמאָל דערמאָנט? וויאַזוי איז מען עס אַזוי פאַרבלענדט, אַז מע זאָל אין דעם גלייבן? דאָס גאַנצע שטעטל ווייסט דאָך, אַז דער פּאָ־ליציאַנט, וועלכער האָט, פירנדיק דאָס לעצטע בינטל ייִדן צו דער גרוב, אַראָפּגעשטויסן צירלען פונעם בריקל איבערן טײַך און געלאָזט זי אויס־באַהאַלטן זיך אינעם טשערעט, איז ניט קיין היגער, און אַז ביז יענעם טאָג און נאָך יענעם טאָג האָט צירל און קיינער ניט אין שטעטל אים דאָ מער ניט געזען. איז ווי עפּנט זיך עס בײַ טײַבען דאָס מויל צו זאָגן, אַז צווישן צירלען מיטן פּאָליציאַנט איז, אַפּאָנעם, פּאָרט עפּעס געווען, ווי־באַלד ער האָט זי אויסגעטיילט פון אַלעמען און געשאָנקען איר דאָס לעבן?

טראַכטנדיק וועגן דעם אַלץ, האָט געדאַליע זיך ניט געקאָנט אײַנהאַלטן און אָפּ אַ קאָל זיך אויסגעזידלט.

— גאָט איז מיט דיר, געדאַליע, — האָט טײַבע אַ דערשראָקענע זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, — ס'האָט זיך דיר עפּעס געכאָלעמט?

ער זאָל מיטן געשריי זײַנעם, וואָס האָט אים פאַנאַנדערגעשפּאַרט די ברוסט, ניט אויפוועקן פריידקעלען, האָט געדאַליע זיך אָפּגערופן בלויז מיט אַ באַרויִגעזדיקן ברומען פון אַ מענטשן, וועלכן מע וועקט פון זיסן שלאָף. לאַנג ליגן אַזוי מיט צוגעמאַכטע אויגן און פאַרפּרעסטע ליפּן, ער זאָל מיט גאָרנישט ניט אַרויסגעבן, אַז ער איז וואַך, איז געדאַליען ניט אויסגעקומען. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט ער ווידער דערהערט טײַבעס לײַכטן אונטערכאָרכלען, און ער האָט ניט געדאַרפט שוין אײַנהאַלטן אַזוי אין זיך דעם שווערן אָטעם. ער האָט געקאָנט שוין ווידער ליגן מיט אָפּע־נע אויגן און זיך אומקערן צו דעם, בײַ וואָס ס'האָט אים אָפּגעשטעלט מיט איר וועקן די דערשראָקענע טײַבע. און אָפּגעשטעלט האָט ער זיך בײַ דעם, אַז ער קאָן אַנדערש ניט, ער מוז זיך אַרײַנמישן, קאָלזמאַן ס'איז נאָך ניט שפּעט, קאָלזמאַן מע האָט נאָך אין שטעטל ניט אָנגעהויבן זיך שושקען און טײַטלען מיט די פינגער... ניט שטענדיק טרעפט דער שטיין אין דעם, אין וועמען מע וואַרפט אים. דער אינזשעניער האָט זיך פאַר־מאָסטן אָף צירלען, און טרעפן וועט ער שטאַרקער פון אַלץ אין כאָנען...

שוין עטלעכע יאָר, ווי געדאַליע האָט אויסגעטאָן דעם שינעל, נאָר אַ סאָלדאַט איז ער פאַרבליבן אָפן גאַנצן לעבן. ער וועט קיינמאָל ניט אײַ־בערלאָזן יענעם אין געפאַר, ער זאָל אָפילע ווייסן, אַז דער שטיין, וואָס מע האָט געוואָרפן אין יענעם, וועט טרעפן אין אים... נאָר עפּשער זאָל ער זיך פריִער אויסרייצן מיטן לערער, בעטן אים, ער זאָל זיך דורכריידן מיט כאָנען, אים עפענען די אויגן? ניין, ניט מיט כאָנען און ניט מיט צירלען, נאָר מיטן טאַלמיד זײַנעם, מיט זײַוול האַנפּטן, זאָל ער זיך דורכ־ריידן. ביזוואַנען ס'איז נאָך ניט שפּעט.

אז טײַבע וועט קײנעם ניט איבערגעבן דאָס, וואָס זי האָט אים דער־צײלט, אין דערין קאָן ער, גערדאַליע, זײַן זיכער. און אז דער אינזשעניער זאָל ניט וואגן דעם א פּיפּס טאָן, דאָס נעמט ער אויך אף זיך. און אויב אוורעמל, ווי טײַבע רופט אים, האָט שוין באַוויזן עס עמעצן דער־צײלן, עס פאַנאַנדערגעפּויקט שוין אין שטעטל?

שטיל, ער זאָל ניט אופוועקן דאָס ווײַב, איז גערדאַליע אראָפּ פון גע־לעגער און אף די שפּיץ פינגער ארויס אין קיך. די צוויי גראָבע מאַ־כאָרקע־ציגארן, וועלכע ער האָט אויסגערײכערט אײנעם נאָכן אנדערן, האָבן ניט דערנעענטערט דעם שלאָף, נאָר, דאכט זיך, אים נאָך מער דער־ווײַטערט. האָט גערדאַליע ארופגעוואָרפן אף זיך דאָס רעקל און האלב אן אָנגעטאָנענער זיך צוגעזעצט פאר דער שטוב אפן גאנעק.

ווי מעסוקן לאנג און מעסוקן שטארק עס פארהאלט זיך אײנעם מענטשן דאָס דורכגעלעבטע, — האָט א טראכט געטאָן וועגן זיך גערדאַליע, — ס׳באַ־זעצט זיך אין אים אזוי טיף, ניט אויסצוואָרצלען. וויפל יאָר איז שוין אוועק, ווי ער האָט, אָפּטרעטנדיק פון פינסק, זיך געשלעפּט, אן אויסגע־מאטערטער פון דער מעסוקענער היץ, איבער די אָנגעגליטע לוניִנעצער זאמדן אָן א טראָפּן וואסער אין דער פליאגע אף צו באנעצן די צעשפּאָל־טענע פּון דאָרשט פארשמאכטע ליפּן. ביז איצט נאָך, ווי נאָר ער דרייט אָפּ דאָס קרענטל פון דער וואסערלייטונג, לעבט אין אים באלד אוף יענער ווײַטער זומער־טאָג. ער קאָן ניט צוזען, ווי סע גייט פארלוירן דאָס וואסער, וואָס טוט א פלייץ פונעם קראַן. ביז איצט נאָך דרייט ער אָפּ דאָס קרענטל פון דער וואסערלייטונג לאנגזאם און פּאָרזיכטיק און אײַלט זיך וואָס גי־כער עס פארדרייען, ווי ער זאָל ציטערן, עס זאָל ניט פארלוירן גיין קיין איין טראָפּן. ביז איצט נאָך, ווי דאָרשטיק ער זאָל ניט זײַן, קוויקט ער אפּריִער גוט אָן דאָס אויג מיטן קרישטאָל־ריינעם אָנגעגאָסענעם וואסער אין גלאָז, איידער ער טראָגט עס צו צום מויל. און דאָס וואסער טרינקט ער קײנמאָל ניט אויס אין איין אָטעם, נאָר לאנגזאם, ווי א מענטש, וואָס ווייסט די ווערט פון יעדן טראָפּן; דאָס וויפלטע יאָר שוין, ווי ער דאַרף זיך שוין מער ניט אויסבאהאלטן פונעם באנאכטיקן הימל באם פארײכערן א ציגאַר, נאָר ביז איצט, בײסן פארײכערן באנאכט א ציגאַר, לעבט אוף אין אים דער סוידעספּולער אויסגעשטערנטער הימל פון יענע נעכט. ער האָט אופגעלעבט אין אים אויך איצט. גערדאַליע איז זיך דורכגעגאנגען מיט זײַן בליק איבער דעם באנאכטיקן שטעטלשן הימל, און ווי אף צו באַרוּיקן אים, גערדאַליען, אז מע באהאלט פון אים גאָרניט אויס און אז ער האָט ניט וואָס צו זוכן צווישן די שטערן קיין פרעמדע פארדעכטיקע פּײַערלעך, טוט קיין שטערן ניט קיין פינקל אין דער הייך. א הימל מיט שלעפעריקע שטערן הענגט אראָפּ איבערן שלעפעריקן שטעטל.

אין די דאָזיקע רעגעס וואָלט גערדאַליע וועלן האָבן לעבן זיך פריידקע־לען. ס׳איז עפּשער נאָך צו פרי דערציילן איר וועגן דער ווערט פון א געוויינלעכן טראָפּן וואסער און וואָס איז אזוינס האָבן איבער זיך א שטילן רוּיִקן הימל. פריידקעלע זאָל אָבער געוועזן זײַן איצט לעבן אים, וואָלט ער אף זיכער איר עס אלץ דערציילט.

אינעם אנטקעגנדיקן פענצטער בא כאָנען האָט א לויכט געטאָן א בלוי־

פּיִערל פון אַן אָנגעריבן שוועבעלע און זיך גלײַך אויסגעלאָשן. דאָס האָט כאָנע, קענטיק, פאַרייכערט. ער ווייסט שוין עפּעס, וואָס אים שלאָפט זיך ניט?.. געדאַליען האָט א צי געטאָן צום פענצטער. אויב ער וועט דערזען כאָנען זיצן אין קיך, וועט ער צו אים אָנקלאַפּן.

ניט דערגייענדיק צום פענצטערל עטלעכע טריט, האָט געדאַליע זיך אומגעקערט. נאָר צוריק אַפן גאַנעק האָט ער זיך שוין ניט צוגעזעצט. אין א ווײַלע ארום איז ער ארײַן אין שטוב און זיך צוגעלייגט. ער דאַרף טאַקע באַגינען ניט אופשטיין צו דער ארבעט, די וואָך ארבעט ער, ווי כאָנע, אין דער צווייטער וואַכטע, אָבער אויסרוען זיך נאָך אזא האָרעוואַניע, ווי אָפּשטיין א וואַכטע לעבן די אײַנגעהייצטע קעסלען, מוז ער דאָך. ער וועט פּרווון אײַנשלאָפן, ליגן מיט צוגעמאַכטע אויגן און וועגן גאָרנישט ניט טראַכטן. אין לעצטן פאַל וועט ער טראַכטן וועגן גאָר זײַטיקע זאַכן, נו אָט, אשטייגער, וועגן דעם פילם, וואָס מע האָט די טעג באַוויזן בא זיי אין זאַוואָדישן קלוב.

טײַבען זײַנער האָט געדאַליע, אופּכאַפּנדיק זיך פון שלאָף, שוין לעבן זיך אַפן געלעגער ניט געטראָפן. דורך די פאַרמאַכטע לאָדנס האָבן זיך געצויגן בלויִלעך־זוניקע סטענגעס שטויב.

— טײַבע, וויפל איז דאָס דער זייגער? טײַ־בע! פריידקעלע! וואָס, גאָר קיינער ניטאָ? טײַ־בע!

געדאַליע איז אַראָפּ פון בעט און צעעפנט ברייט די צוויי האַלבע לאָדנס פאַר דער זון, וואָס האָט זיך גלײַך ארײַנגעריסן אין צימער מיט אַלע אירע שטראַלן און געמאַכט ליכטיק אין איטלעכן ווינקל. א בליק געטאָן צו פריידקעלען אין אַלקערל און אינעם שכיינעסדיקן צימער, האָט געדאַליע, פאַרכאַפּנדיק מיט זיך פון דער קיך דעם וועקזייגער, זיך צוריק ארײַנגעוואַלגערט אין בעט. ס'איז, לאָזט זיך אויס, נאָך גאָר ניט אזוי שפּעט, ווי ער האָט געמיינט. ער קאָן נאָך א ביסל ליגן. און אויב ער וועט אײַנשלאָפן, איז אויך אָן סאַקאָנעס. פריידקעלע וועט אים ניט לאָזן לאַנג ליגן. שטיל, די מאַמע זאָל ניט זען, וועט זי זיך אונטערגאַנווענען צו אים און נעמען ארײַנשעפּטשען אין אויער: „טאַטע, שטיי אוף... טאַטע, שטיי אוף...” ער וועט בעקיוון ניט עפענען לאַנג די אויגן, זיך מאַכן, אַז ער שלאָפט. מיטאַמאָל וועט ער זי א כאַפּ טאָן מיט ביידע הענט, צודריקן זי שטײַף־שטײַף צו זײַן ברוסט און ארײַנשעפּטשען איר אינעם וואַרעמען ראָזעווען אויערל: „פריידקעלע, איך בין אוף... פריידקעלע, איך בין אוף...”

ער האָט זיך אופגעכאַפּט פונעם אייגענעם קאָל, וואָס האָט ארײַנגע־שריִען צו אים פונעם קישן: „טאַטע, שטיי אוף... טאַטע, שטיי אוף”. גע־דאַליע האָט האַסטיק געעפנט די אויגן, נאָר אויסער דעם שטול מיטן וועקזייגער אף אים, האָט ער בא דער בעט קיינעם ניט געטראָפן.

דער וועקזייגער האָט מיט זײַן רעגלמעסיקן טיק־טאַק ווידער גענומען אים פאַרשלעפערן, אָבער דאָס מאָל האָט געדאַליע זיך שוין ניט געלאָזט. ווי נאָר דער גרויסער ווײַזער וועט זיך צונויפגיין מיטן קלענערן — דאָס באַטרעפט פונקט זיבעצן מינוט, — נעמט ער זיך אָנטאָן.

וווּהין זײַנען עס טײַבע מיט פריידקעלען אוועק, וואָס זיי זאַמען זיך אזוי לאַנג? אַפן מאַרק? נאָר טײַבע האָט קיינמאָל ניט מיטגענומען מיט

זיך דאָס קינד אפּן מארק. זאָל זײַן, אז זי האָט דאָס מאָל... אָף איר איז עס צו גלייבן. אויב זי האָט פריִער געטאָן אלץ אָף צו דערוווּיטערן פריידקעלען פון צירלען, וועט זי דאָך איצט שוין אינגאנצן ניט צולאָזן פריידקעלען צו איר. האָט זי, הייסט עס, מיטגענומען מיט זיך דאָס קינד אפּן שטויביקן טומלדיקן מארק, אז פריידקעלע זאָל זיך, כאַסוועכאָלילע, ניט באַגעגענען מיט צירלען.

די ווײַזערס פונעם זייגער זײַנען פון לאנג זיך שוין צונויפגעגאנגען און באוויזן זיך ווידער היפּש דערווײַטערן איינער פונעם צווייטן, נאָר געדאליע האָט זיך אלץ נאָך ניט אָנגעטאָן. ער איז ווידער געלעגן מיט אָפענע אויגן, ווי אָנהייב נאכט, נאָר איצט האָט ער געטראַכט שוין ניט אזוי וועגן כאָנען מיט צירלען, ווי גופע וועגן זיך, וועגן זיך און טײַבען. טײַבע זײַנע זאָגט, אז מע דארף זײַן א בלינדער, מע זאָל ניט זען, אז כאָנע מיט צירלען זײַנען ניט קיין פּאָר. נו, און ער מיט טײַבען זײַנען דען א פּאָר? מע דארף דאָך, אויב אזוי, אויך זײַן א בלינדער, אז מע זאָל עס ניט זען, כאָטש זי איז ניט אָף אזויפיל עלטער פון אים, ווי כאָנע פון צירלען. און אופוואַרפן אים, אז ער האָט זיך געיאָגט נאָך א שיין פּענעמל, קאָן מען, דאכט זיך, אוואדע און אוואדע ניט. ווי אזוי פארשטייט עס ניט טײַבע, אז דאָס זעלבע, וואָס האָט צונויפגעפירט כאָנען מיט צירלען, די שרעקלעכע איינזאמקײַט נאָכן גרויסן בראָך, האָט צונויפגעפירט אויך אים מיט איר? און ווער ווייסט, ווי און מיט וואָס וואָלט זיך עס בא זיי נאָכדעם פארענדיקט, ווען ניט פריידקעלע. און דאָס האָט טײַבע גלײַך געהאט דערפילט. ווי אזוי אָבער פילט זי ניט, אז צוזאמען מיט זײַן צובינדן זיך אלץ מער און מער צו פריידקעלען ווערט אלץ שוואכער און שוואכער זײַן צוגעבונדנקײַט צו איר, צו טײַבען, און דערווײַטערן דערווײַטערט זי אים פון זיך ניט מיטן פריצײַטיק צעקנייטשטן פּאָנעם, וואָס מאכט זי שיר ניט אין צוויי מאָל עלטער פון אים, און אויך ניט מיט דער אָפּגעלאָזנקײַט אירער, נאָר מיט דער פארביטערטקײַט, מיט זען אין יענעם בלויז דאָס שלעכטס. ווי געניט זי האָט אָט דאָס אויסבאהאלטן פון אים, ביז ער איז געוואָרן איר מאַן.

סארא מאָדנער מענטש עס איז, פונדעסטוועגן, נאפטאָלע כעסין. ס'זעט אויס, ווי די צײַט וואָלט אים גאָרניט אָנגעלערנט. אָף אלץ און אָף אלעמען זוכט ער צו געפינען א זכוס. „טײַבע אײַערע, — האָט נאפטאָלע אים געזאָגט, ווען ס'איז געקומען וועגן דעם צו רייד, — איז געווען אין א פּאשיטישן גענעם, דאָרט, ווו ס'האָט געוועלטיקט בלויז דאָס בייזע. דער מענטש איז אזוי שוין באשאפן, אז ער זאפּט אײַן אין זיך דאָס, וואָס ער האָט פאר זיך. פארשטעלט מען פון אים דאָס גוטע, זאפּט ער אײַן אין זיך דאָס בייזע. ס'איז ווי א שווער כאלאַס, פון וועלכן ס'איז נאָכדעם ניט אזוי לײַכט זיך צו באַפרײַען. מענטשן זײַנען פארשיידענע. בא איינעם גייט עס דורך גיכער, בא א צווייטן לענגער, בא א דריטן גייט עס צומאָל אינגאנצן ניט דורך". נו, און ער, געדאליע, האָט פאר די פיר יאָר מילכאָמע זיך ווייניק אָנגעזען אזוינס, וואָס ס'איז ניט איבערצודערציילן? פארוואָס האָט ער זיך ניט אָנגעשטעקט, ניט אײַנגעזאפּט אין זיך דאָס שלעכטס? און ער אליין, נאפטאָלע דאווידאָוויטש, וואָס איז געווען אין

געטאָ, ווו מענטשן זײַנען געפאַלן, ווי די פליגן, האָט אײַנגעזאַפּט אין זיך בלויז דאָס שלעכטס?

אין איין זאַך איז דער לערער זיכער געווען. גערעכט. געדאַליע נעמט עס פון זיך. ער ווייסט ביז איצט ניט, צי האָט ער ווען־ניט־איז ווירקלעך ליב געהאַט זײַן טײַבען. אויב יאָ, איז עס בײַ אים זייער גיך דורך, ווי דאָס גייט דורך בײַ א סאַך אַנדערע. טשיקאַווע, די קינדער, וועלכע טאַטע־מאַ־מע פלעגן אַמאָליקע יאָרן כּאַסענע מאַכן, ניט אָנפרעגנדיק זיך צומאָל אפילו בײַ זיי, האָבן ביכלאַל געוווּסט וועגן ליבע? זיי האָט, אפּאָנעם, פּאַ־שעט פאַרקניפּט אַפּן גאַנצן לעבן די טרײַהײַט און איבערגעגעבנקײַט איינער צום אַנדערן. די דאָזיקע טרײַהײַט און איבערגעגעבנקײַט, וואָס פאַרבײַט מיט זיך די ליבע, האָט ער, ווי פיל אַנדערע, געיאַרשנט פון זײַנע עלטערן, פּונקט ווי זיי האָבן עס געיאַרשנט פון זייערע עלטערן. דאָס זעלבע, איז געדאַליע קימאַט זיכער, האַלט אויך אָפּ צירלען, זי זאָל ניט פאַרלאָזן כּאָנען. נאָר וווּנדערן זיך, וואָס זי האָט זיך פאַרליבט אין אַ יונגן און פּײַנעם זײַוול האַנפּטן, איז לאַכלוטן ניטאָ וואָס. קאָן זײַן, אַז דאָס, וואָס טײַבע האָט אים נעכטן דערציילט וועגן צירלען, האָט כּאָנע נאָך עס פריִער געהאַט באַמערקט, נאָר ער מאַכט זיך ניט זעענדיק, ווײַל ער גלייבט, אַז דאָס וועט בײַ איר דורכגיין. די טרײַהײַט און איבערגע־געבנקײַט, וואָס זי האָט געיאַרשנט פון די עלטערן, וועט איבערוועגן אין איר. ס'קאָן אפילו זײַן, אַז כּאָנע, ווען צירל זאָל עס אים וועלן דערציילן, וועט ער גאָר ניט וועלן עס אויסהערן, פּונקט ווי ער האָט ניט געוואָלט מיסטאָמע אויסהערן, ווען זי האָט אים דערציילט די געשיכטע מיטן אינ־זשעניער, וועלכע זי האָט אָנגעטרויט בלויז אים איינעם, געדאַליען.

וועגן דעם, וויאַזוי און מיט וואָס האָט זיך פאַרענדיקט יענער באַנאַכ־טיקער שפּאַציר, האָט אַלעקסיי ניקאָלײַעוויטש, זעט אויס, קיינעם ניט דערציילט. נאָר וועגן צירלס נעכטיקן שפּאַציר מיט זײַוולען דאָס וועט ער שוין געוויס צעטראָגן איבערן שטעטל.

צי דען וואָלט טײַבע, ווען אַלעקסיי ניקאָלײַעוויטש לאָזט זיך ניט אַראָפּ נאָך זיי צום טײַך, געגאַנגען זיי נאָכקוקן?

בלויז פונעם געדאַנק אַליין, אַז זײַן טײַבע האָט עס געקאָנט טאָן, רײַסט זיך אַרויס בײַ געדאַליען אַ זידלוואָרט, פון וועלכן ער אַליין דערשרעקט זיך.

אומזיסט אָבער קלערט אַלעקסיי ניקאָלײַעוויטש, אַז דאָס וועט אים גלאַט דורכגיין. זײַוול האַנפּט איז ניט פון די, וואָס וועלן אים פאַרשווײַגן. ער, געדאַליע אַליין, וועט זײַן דער ערשטער, וואָס וועט זאָגן זײַוולען, פון וועמען שטאַמט עס, ווער האָט עס צעפּויקט. ער וועט בייטן זײַן טײַ־בען, אַז זי זאָל עס באַשטעטיקן. אים וווּנדערט פּאַשעט אַף זײַוולען. צי דען, אויב ער האָט באַמערקט, אַז דער אינזשעניער קוקט זיי נאָך, האָט ער אים גלאַט אַזוי אָפּגעלאָזט. ער, אַף זײַוולס אָרט, וואָלט זיך מיט יענעם אַ ביסל אַנדערש באַגאַנגען. ער וואָלט בײַ אים עטלעכע כּאַדאָשים נאָכאַ־נאַנד אַרומגעגאַנגען דערנאָך אַ פאַרבאַנדאַזשירטער. ער, געדאַליע, איז געוועזן און פאַרבליבן אַ סאָלדאַט, און אַ סאָלדאַט דאַרף מען ניט לערנען, וויאַזוי זיך באַגיין מיט אַזעלכע...

ס׳האָט א סקריפּע געטאָן די דרויסן־טיר.

— טײַבע, דו? — האָט געדאַליע, אופהייבנדיק עטוואָס דעם קאָפּ פון קישן, הילכיק געפרעגט.

— וואָס, דו ליגסט נאָך? ס׳איז דאָך שוין גרויסער טאָג. — דאָס קאָל אירס, וואָס איז דערגאַנגען צו אים פון פירהויז, איז געווען פון א שטאַרק פארהאָרעוועטן מענטשן, וועלכער קאָן זיך נאָך אלץ ניט אָפּעטעמען. האָט ער שוין ניט וואָס זי צו פרעגן, ווו איז זי געווען. פון מאַרק קומט זי שטענדיק א פארסאָפּעטע פון דעם שווערן קויש, וואָס זי ברענגט צו שלעפּן, אליין ניט וויסנדיק, צוליב וואָס קויפט זי אײַן אזויפיל, גלײַך זי וואָלט יעדעס מאָל זיך וועלן באַזאָרגן אף א גאַנצן כוידעש.

אין צימער איז מיט א פארפאַליעט פּענעמל און שײַנענדיקע אייגעלעך ארײַנגעלאָפן פריידקעלע. זי האָט אָנגעכאַפּט דעם פאָטער פאר די אויסגעשטרעקטע הענט און גענומען אים שלעפּן פון בעט, צוזינגענדיק דערבײַ, ווי שטענדיק, ווען זי וועקט אים:

— טאַטע, שטיי אוף... טאַטע, שטיי אוף...

— אָט באַלד שטיי איך אוף, אָט באַלד שטיי איך אוף, — האָט געדאַליע געהאָלפן איר צוזינגען, אראָפּגליטשנדיק זיך אלץ נידעריקער און נידעריקער פונעם קישן. — אָהאָ, סאַראַ שטאַרקע דו ביסט, קיין אײַנהאָרע ניט. וועסט דאָך מיך באַלד אינגאַנצן אראָפּשלעפּן פון בעט. דערלאַנג מיר, טעכטערל, דאָס אָנטאָן. אָן ליגט עס אפן שטול... נו, און פארוואָס דערציילסטו מיר ניט, ווו ביסטו עס געווען א פרימאָרגן?

— איך בין געגאַנגען מיט דער מאַמען אפן מאַרק.

— כ׳האָב מיך טאַקע אזוי זיך פאָרגעשטעלט.

— וואָס האָסטו זיך, טאַטע, פאָרגעשטעלט?

— גאָרניט... און וואָס האָט איר אזעלכעס דאָרט אפן מאַרק אײַנגעהאַנדלט? זע, גיב נאָר א קוק אף די הענטלעך. אין וואָס האָסטו זיי עס אזוי אײַנגעריכט?

פריידקעלע האָט באַטראַכט אירע הענטלעך, ווי זי וואָלט ביז אהער ניט געווען באַמערקט די טונקל־רויטע פלעקן אף זיי, און אונטערשפּרינגענדיק, זיך א דריי געטאָן:

— דאָס איז פון ווײַנשל, די מאַמע האָט געקויפט א פולן קויש מיט אָט אזעלכע־אָ ווײַנשל, — זי האָט באַוויזן אף אירע פויסטלעך. — די מאַמע וועט הײַנט פּרעגלען וואַרעניע.

— גיי, טעכטערל, וואַש זיך דערווײַל אײַן און זאָג דער מאַמען, אז איך רוף זי.

— טײַבע, — האָט ער זיך אָנגערופן צום ווײַב, שטייענדיק שוין אָן אָנגעטאָנענער, — אויב דער אלעקסיי וועט דיך וועלן ארויסשטעלן פאר אן איידעס, אז דו האָסט אויך זיי ביידן געזען, זאָלסטו זאָגן, אז ס׳איז שעקער וועקעזעוו. דו הערסט?

טײַבל האָט אָנגעשטעלט אף אים אירע האַלב־אויסגעלאָשענע אויגן:

— אָט צוליב דעם האָסטו מיך גערופן? איך זע, אז די צאַדייקעס לאָזט דיך ניט רוען. ווי איז אָבער, אז איך האָב זיי פאָרט געזען?

— דו האָסט גאָרנישט ניט געזען, — האָט געדאַליע זי איבערגעשלאָגן

מיט זײַן הילכיקער שטים. — דו הערסט? גאָרנישט ניט. אלץ, וואָס אָט דער אוורעמל, ווי דו רופסט אים, דערציילט, זאָלסטו זאָגן, איז גאָלע ליגן. שעקער ווע׳קעזעוו.

— ווע׳סטו מיר באלד הייסן זאָגן, אז דאָס, וואָס ער האָט דיך געזען גיין אונטער דער האנט ווי א פארליבט פאָרל מיט דער צאַדייקעס, איז אויך א ליגן?

— דאָס האָט ער דיר דערציילט?

— א דײַגע דיר ווער. נו, און אז ער?

— אָט ווער ס׳איז פאר דיר פונקט ווי אָנגעמאָסטן. איר וואָלט געווען א פאָרל פון גאָט. זע, טײַבע, זאָלסט מיר מיט דײַן שלעכטקײַט צו מענטשן ניט אוועקפאַטערן פריידקעלען.

— ביסט זיך ניט אויסגעשלאָפן צי אופגעשטאנען אף דער לינקער זײַט? טײַבע דײַנע איז גאָר ניט אזא נאָך, ווי דו טראכסט וועגן איר. פרעג בא וועמען דו ווילסט, — זי האָט זיך שטיל צעוויינט, באהאלטנדיק דאָס פריצײַטיק געעלטערטע און צעקנייטשטע געזיכט אין די הענט. און אין אָט די רעגעס האָט זי דערמאָנט גדאליען אין דער אלטיטשקער מאמען זײַנער פריײַטיקצונאכטס באם ליכט־בענטשן. ניט אָפנעמענדיק די הענט פון פּאָנעם, האָט טײַבע מיט א פארוויינט קאָל געטײַנעט:

— דו מיינסט טאקע, אז איך בין אזא? די צײַט האָט מיך געמאכט פאר אזא, אז איך זאָל זיך שעמען זײַן א גוטע. פרעג מענטשן, וועסטו הערן, צי האָב איך עמעצן געטאָן שלעכטס... נו, אוואדע וועל איך זאָגן, טאָמער פארופט זיך אָט דער ניקאָלײַעוויטש אף מיר, אז אלץ, וואָס ער דערציילט, איז גאָלע ליגן, שעקער ווע׳קעזעוו. איך האָב גאָרניט געזען און גאָרניט געהערט. איך וואָלט עס אָן דיר אויך געוווען אזוי געזאָגט. איך האָב אָט דעם אווראָם ניסאָנאָוויטשן פונקט אזוי ליב, ווי דו, נאָך עפשער מער. כ׳האָב זיך מיט אזעלכע אלעמאָל געהאלטן פונדערווײַטן...

## קאפיטל זיבן

אָן אנדערשמאָל מיסטאם וואָלט גדאליע זיך איבעריקס ניט פאר־טראכט, פארוואָס עפּעס האָט כאָנע אין דער צײַט פונעם איבערײַס זיך ניט ארײַנגעכאפּט צו אים אין דער קעסל־הייצונג זיצן א ביסל און זיך דורכ־שמועסן, ווי ער טוט עס געוויינלעך, בייס זיי ארבעטן אין איין וואכטע. דאָס אָבער, וואָס כאָנע איז הײַנט ניט פארגאנגען צו אים, האָט בלויז געקאָנט באטײַטן, אז ער, גדאליע, האָט, אפּאָנעם, פארשפּעטיקט פאר־לויפן אלעקסיי ניקאָלײַעוויטשן דעם וועג. יענער, זעט אויס, האָט שוין באוויזן איבערגעבן די נײַס, וואָס ער האָט נעכטן אונטערגעקוקט, עמעצן פון די, בא וועמען עס דארף לאנג ניט געדויערן, אז עס זאָל פאנאנדער־געטראָגן ווערן איבערן שטעטל, דערבײַ אזוי איבערגעאנדערשט, אז דער, וואָס האָט זי צעפּויקט, זאָל זי נאָכדעם אליין ניט דערקענען. טאָמער וועט זײַוול דאָך דערגיין, פונוואנען שטאמען עס די קלאנגען, — גדאליע שטעלט זיך ניט פאָר, אז אזא יונג מיט ביינער, ווי זײַוול האנפּט, זאָל יענעם פאר אזעלכעס פארשווײַגן, — וועט דער אינזשעניער, דארף מען

פאַרשטיין, זיך פאַרופן אױף טײַבען, אַז פֿון איר שטאַמט עס. גײ נאָכדעם פאַרענטפער זי, אויב אי כאַנע, אי דער לערער, אי, מעגלעך, אויך זײַוול ווייסן, אַז צווישן טײַבען און צירלען איז פֿון לאַנג שוין דורכגעלאָפן א שוואַרצע קאַץ.

ערשט איצט באַנעמט געדאַליע, סאַראַ פּאַרזען ס'איז געווען פֿון זײַן זײַט, וואָס ער האָט אויסבאַהאַלטן די דאָזיקע נײַס פֿונעם לערער. כעסין וואָלט עפּשער עפּעס צוגעטראַכט, קאָלזמאַן ס'איז נאָך געווען ניט שפּעט אויסהיטן כאַנען פֿון דעם שווערן שטײַן, מיט וועלכן אוּורעמל ניסנס האָט זיך פאַרמאָסטן אױף צירלען, נאָר וועלכער וועט פֿריִער פאַר אַלץ און שטאַרקער פֿון אַלץ טרעפֿן אין כאַנען. דער לערער וואָלט אים געוויס געראָטן, ער זאָל אָפּזוכן דעם אינזשעניער און זיך מיט אים מענטשלעך דורכריידן. אָבער נאָכדעם, ווי צירל האָט אים דערציילט וועגן יענעמס צושטיין צו איר, איז ווי קאָן ער, געדאַליע, זיך מענטשלעך דורכריידן מיט אים? אויב יאָ, איז בלויז ווי א סאָלדאַט. ער וועט אים פּאַשעט וואָרענען: איין פּיפּס אויב ער טוט, איז כּוץ דעם, וואָס ער וועט בא אים עפּענען מיטן קאָפּ די טיר, וועט דער גאַנצער זאַוואָד און דאָס גאַנצע שטעטל וויסן, ווי‏אַזוי און מיט וואָס האָט זיך דעמלט פאַרענדיקט זײַן באַגלייטן צירלען פֿון דער אָוונטיקער וואַכטע. אָט פֿון דעם נעמען זיך דאָך די אַלע קלאַנגען, וועלכע ער פאַרשפּרייט בישטיקע וועגן ·איר. דאָס רעכנט ער זיך מיט איר אַזוי אָפּ. און נאָך וועט ער אים וואָרענען, ער זאָל ניט אויס־רעכענען אױף טײַבען נעמען זי פאַר אַן איידעס. יאָ, זי איז טאַקע אויך געווען נעכטן אין סעלפּאָ, זי האָט אָבער גאָרניט געזען. ס'איז שעקער וועקעזעוו דאָס אַלץ, וואָס ער דערציילט. ער גלייבט ניט? איז זאָל ער זי אַליין גיין פרעגן. און אויב אוּורעמל ניסנס וועט אים בעטן זאָגן, וואָס גייט עס אים אַזוי אָן, וואָס ער מישט זיך אַרײַן, וועט ער אים דערופֿ ענט־פערן, ווי דער עמעס איז, אַז ער איז געווען א סאָלדאַט און פאַרבליבן א סאָלדאַט, און א סאָלדאַט וועט ניט בלײַבן שטיין אָן א זײַט, ווען מע באַפאַלט דעם, וועלכער קאָן זיך נאָך אַליין איינגאַנצן ניט באַשיצן. יאָ, כאַנע נייטיקט זיך, מע זאָל אים העלפֿן זיך באַשיצן אויך פֿון אַזעלכע, ווי אָט דער אוּורעמל ניסנס.

צי האָט ער אָבער, געדאַליע, ניט פאַרשפּעטיקט פאַרלויפֿן אָט דעם ניקאָלײַעוויטשן דעם וועג?

אַלציינס אָבער מוז ער זיך מיט אים הײַנט זען. און וואָס גיכער. דערי־בער איז געדאַליע געקומען אַפֿן זאַוואָד מיט עטלעכע שאָ פאַר דעם, ווי די צווייטע וואַכטע זײַנע איז צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. נאָר וויפֿל ער האָט ניט אַרומגעזוכט דעם אינזשעניער איבערן זאַוואָד, האָט ער אים אין ערגעץ ניט געקאָנט געפֿינען, אָט ווי אין וואַסער אַרײַן. גיין אים ווידער זוכן, נאָכדעם ווי ס'איז שוין געווען דער הודאָק פאַר דער צווייטער וואַכ־טע, איז דאָך ניט שײַעך. ער קאָן ביכלאַל ניט איבערלאָזן די אײַנגעט־הייצטע קעסלען אָן אן אופזיכט מער ווי אױף פינף־צען מינוט אפילע דעמלט, ווען די ווײַזערס אין די מאַנאָמעטערס הערן אויף אַרומשפּרינגען הין־און־צוריק, נאָר האַלטן זיך בא איינער און דער זעלבער אַטמאָספער. נאָר סײַווי האָט געדאַליע ניט אופגעהערט אַרומזוכן אַלעקסיי ניקאָלײַע־

וויטשן. ער האָט ברייט צעעפנט די טיר פון דער קעסל־הייצונג, ער זאָל זען פאַר זיך דעם גאַנצן זאַוואָדישן הויף.

אָנשטאָט דעם אינזשעניער האָט גדאַליע דערזען פּלוצעם אין הויף כאַנען. אַן אַנדערשמאָל וואָלט ער אים זיכער אַ רוף געטאָן. נאָר איצט, נאָכדעם ווי כאַנע האָט אויסגעמיטן זיך אַרײַנכאַפּן צו אים בײַסן איבער־רײַס, איז גדאַליע געווען אַפילו צופרידן, וואָס יענער האָט פאַרקערעוועט ניט אַהער, נאָר צו זיך אין צעך, פּונקט ווי ער איז געווען צופרידן; וואָס אים האָט זיך אײַנגעגעבן, כאָטש זיי ווינען אַ שטוב לעבן אַ שטוב, אויסמײַדן זיך באַגעגענען אין דער היים הײַנט מיט כאַנען... ניין, אָט דאָס קאָן שוין גדאַליע זיך ניט מוחל זײַן! וואָס איז עס פּלוצעם פאַר אַן אויסבאַהאַלטן זיך! און נאָך פון וועמען?! פון כאַנען, פון זײַן נאָענטסטן פרײַנט, וועלכער נייטיקט זיך איצט אין אים? אַן עכטער סאָלדאַט, פאַר וועלכן ער האַלט זיך, פירט זיך אַזוי?

אַרײַנגעוואָרפן אונטער די זיך הייצנדיקע קעסלען עטלעכע סאַווקאָווע לאָפּעטעס אַנטראַציט און צוגעוואַרט, ביז די ווײַזערס אין די מאַנאָמע־טערס האָבן זיך צוריק באַרויִקט, האָט גדאַליע זיך אַרײַנגעכאַפּט צו כאַ־נען אין צעך. און כאָטש גדאַליע האָט זיך דאָרט פאַרהאַלטן אַ ביסל לענגער פון פינף־צען מינוט, האָט ער דערווײַל אין קיינעם ניט באַמערקט דאָרט עפּעס אַזוינס, אַז ער זאָל קאָנען זאָגן שוין ענדלעך אויף זיכער, אַז ער האָט ניט וואָס צו יאָגן זיך אַזוי מער נאָכן אינזשעניער, און אַז אים וועט אויסקומען איצט פירן מיט יענעם שוין גאָר אַן אַנדער אַרט גע־שפּרעך, דעהײַנע, ער זאָל פאַר אַלעמען אין די אויגן דאַרפן מעלדן, אַז אין דעם, וואָס יענער האָט דערציילט, איז ניטאָ קיין וואָרט עמעס, ער האָט עס אַלץ אויסגעטראַכט, און זאָל ער פאַר אַלעמען אין די אויגן בעטן בײַ ציר־לען, אַז זי זאָל אים פאַרגעבן. אַלנפאַלס, פאַר דער צײַט, וואָס גדאַליע איז אין צעך, האָט קיינער אַפילו מיט קיין ווונק אים ניט געגעבן אָנצו־דײַטן, אַז מע האָט דאָ געוואָרט אויף אים, ווײַל אויב ניט בײַ אים, בײַ כאַ־נעס נאָענטסטן פרײַנט, איז בײַ וועמען נאָך קאָן מען דערגיין, צי ס׳איז טאַקע עמעס אָט דאָס, וואָס מע דערציילט וועגן כאַנע דעם נאַלאַדטשיקס יונג ווײַבל.

לאָזנדיק זיך גיין צו כאַנען, וועלכער האָט זיך געייסעקט אינעם צווייטן עק פונעם לאַנגן צעך בײַ אַ טאָקער־וואָרקשטעל, האָט גדאַליע בעקיוון זיך אָפּגעשטעלט לעבן איין אַרבעטער, לעבן אַ צווייטן און פאַרפירט דער־בײַ מיט יעדן פון זיי אַ געשפּרעך וועגן גאָר זײַטיקע זאַכן, וואָס האָבן לאַכלוטן ניט צו טאָן מיטן זאַוואָד, אַ געשפּרעך, וועלכער הייבט זיך שטענדיק און אומעטום אָן מיט די גאָרניט זאָגנדיקע און פילזאָגנדיקע: „וואָס מאַכט מען?" און „וואָס הערט זיך?". ס׳קאָן דאָך ניט זײַן, אַז אויב ס׳איז אַהערצו שוין דערגאַנגען יענע נײַס, זאָל מען אים דערויף ניט ענט־פערן, ווי מע ענטפערט געוויינלעך אין אַ שטעטל: „און אַליין ווייסט איר ניט, וואָס בײַ אונדז הערט זיך?" צי „נו, ווי געפעלט אײַך עפּעס די לעצטע נײַס?" און עפּשער, — טוט גדאַליע בײַ זיך אַ קלער, — ווײַל טאַקע מע ווייסט, אַז ער איז כאַנעס אַ נאָענטער פרײַנט, באַהאַלט מען פון אים אויס דאָס, וואָס אַ צווייטן אויף זײַן אָרט וואָלט מען זיכער געוועזן דער־

ציילט? ווער וויל עס זײַן דער ערשטער אַף אָנצוזאָגן יענעם אַ שלעכטע בסורע? איז טאַקע גאַנץ מעגלעך, אַז כאַנע ווייסט נאָך גאָר דערפֿון דער־ווײַל ניט. געדאַליע האָט קיינמאָל ניט געהערט פֿון כאַנען, ער זאָל מיט עמעצן אין צעך זיך געוווּן האָבן צעקריגט. איז ווער וויל עס פּאַר גוטס צאָלן יענעם מיט שלעכטס, כאָטש געדאַליע ווייסט, אַז אַזעלכע געפֿינען זיך נאָך אויך.

ווי געדאַליע האָט זיך ניט צוגעקוקט צו כאַנען, האָט ער אויך אין אים גאָרניט באַמערקט אַזוינס, וואָס זאָל אַרויסרופֿן דעם מינדסטן כשאַד, אַז ער ווייסט שוין עפּעס. פּאַר געדאַליען איז געשטאַנען דער זעלבער שטענדיק פּאַרטאָגנענער כאַנע מיט די אונטערשמייכלענדיקע אויגן, וועל־כער האָט זיך פֿריילעך אונטערגעזונגען בײַ דער אַרבעט. געדאַליען וועט ער אָבער דערמיט ניט נאַרן. ער קען כאַנען ניט דאָס ערשטע יאָר, ווייסט ער: פֿון דעם, וואָס כאַנע זינגט זיך פֿריילעך אונטער, איז נאָך ניט גע־דרונגען, אַז אים איז אופֿגעלייגט אַפֿן האַרצן. מיט כאַנען טרעפֿט צומאָל פּאַרקערט. און דערפֿאַר האָט געדאַליע אויך מיט אים אָנגעהויבן דעם געשפּרעך זײַנעם מיט די גאָרניט זאָגנדיקע:

— וואָס הערט זיך עפּעס?

— וואָס האָסטו געוואָלט זאָל זיך הערן? — האָט כאַנע איבערגעפּרעגט, אוועקלייגנדיק דעם גרויסן ענגלישן שליסל אַפֿן ווערקשטעל, און גענומען אויסווישן מיט פּאַקליע די אײַנגעריכטע הענט.

— כ׳ווייס, — געדאַליע האָט ווידער אַ בליק געטאָן אַף כאַנען, נאָר שוין אָן יענעם פּאַרדאַכט, מיט וועלכן ער האָט אַ ווײַלע פֿריִער זיך צו אים צוגעקוקט, — איך האָב געמיינט, וויבאַלד האָסט זיך ניט אַרײַנגעכאַפּט אינעם איבעררײַס צו מיר אין מײַן פּאַלאַץ, האָט מיסטאָמע עפּעס פּאַסירט.

— אויסער דעם, וואָס איך אייסעק זיך שוין דעם אַנדערן טאָג מיט אָט דעם ווערקשטעל, וועלכן מע האָט שוין פֿון לאַנג געמעגט אַרויסוואַרפֿן, איז בײַ מיר גאָרניט געשען, — ער האָט גענומען דעם פּאַנאַנדערגעשרויפֿטן שליסל, נאָר אים גלײַך צוריק אַוועקגעלייגט. — איז דערפֿאַר, וואָס איך האָב זיך צו דיר הײַנט ניט אַרײַנגעכאַפּט, ביסטו עס געקומען צו גיין? מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב נעכטן צי אייערנעכטן אויך פֿאַרפֿעלט זײַן בײַ דיר. הער, איך זע דאָך נאָך דיר, אַז דו ביסט געקומען מיקויעך עפּעס. נו, איז זאָג שוין.

— האָסט געטראָפֿן. איך האָב זיך אַרײַנגעכאַפּט אַ קוק טאָן, אפֿשער וועל איך דאָ טרעפֿן דעם אינזשעניער, אַלעקסיי ניקאָלײַעוויטש. אַ טאָג, אַז איך זוך אים אַרום און קאָן אים אין ערגעץ ניט געפֿינען.

— כ׳זאָל געוווּן וויסן, אַז דו זוכסט אים אַזוי אַרום, וואָלט איך דיר געקומען אָנזאָגן. ער איז געוווּן דאָ בײַ אונדז אין צעך מיט אַ שאָ צוויי אָן ערעך צוריק און איז מיסטאָמע שוין אַוועק אַהיים. וואָס דאַרפֿסטו עס אים אַזוי?

— מיר איז ניט גאָר געפֿעלן, ווי סע פֿירט זיך אויף דער מיטלסטער קעסל. עפּעס הודזשעט ער מאָדנע.

קוים האָט געדאַליע דערהערט, אַז אַלעקסיי ניקאָלײַעוויטש איז דאָ הײַנט געוווּן, האָט ער שוין מער ניט אָפּגעפֿירט דעם בליק זײַנעם פֿון

כאַנען. צוקוקנדיק זיך איצט צו אים, איז גדאַליען פּלוצעם אַרוף אױפן זינען אַ מאָדנער ווילדער געדאַנק: צי וועט כאַנע ניט געפינען דאָ היינט בא זיך אין קעשענע פונעם רעקל אַ צעטעלע, וווהין ער דאַרף זיך אַראָפּ־כאַפּן, אויב ער וועט, קומענדיק פון דער אוונטיקער וואַכטע, ניט טרעפן דאָס ווייבל זיינס אין שטוב. גדליה האָט שוין ניט געקאָנט אָפּטרייבן פון זיך דעם דאָזיקן געדאַנק, כאָטש ער האָט אים מיט יעדער רעגע אויסגעזען אַלץ ווילדער און אומגעלומפּערטער. אַלעקסיי ניקאָלײַעוויטש איז ניט אַזאַ נאַר נאָך, אַז ער זאָל זיך וועלן אויסגעבן. ער קאָן אָבער אָנשרייבן דאָס צעטעלע אַזוי, אַז קיינער זאָל נאָכדעם ניט דערקענען, אַז ס׳איז זיין אַרבעט. ס׳האָט בא אים אַ ווערדע. און קעגן דעם אייגענעם ווילן זיינעם כאַפּט זיך בא גדאַליען פּלוצעם אַרויס:

— וואָס מאַכט צירל? — גדאַליען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז כאַנע האָט איצט עפּעס אַנדערש אַ קוק געטאָן אױף אים, אַ קוק געטאָן מיט אַ שטיקל כשאַד, האָט ער גלייך צוגעגעבן: — מיין פרײדקעלע האָט זיך עטלעכע מאָל נאָכגעפרעגט בא מיר אױף דיין צירלען, פאַרוואָס זעט מען זי ניט.

— מיין צירל איז נאָך באַגינען אוועקגעפאָרן מיט איר נאַטשאַלניק אין עטלעכע דערפער.

אָט דער כאַנע איז דאָך טאַקע, ווי טייבע זאָגט, אינגאַנצן שוין אַ בלינ־דער. אַליין שטויסט ער זיך ניט אָן, פאַרוואָס איז עס זיוול געפאָרן צוזאַ־מען מיט צירלען, און ווי גדאַליע דערמאָנט זיך איצט, איז עס ניט ס׳ערשטע מאָל בא זיי. ווי רויִק און קינדערש איינגעגלייבט אין זיין צירלען ער האָט עס אים אַ זאָג געטאָן: „זי איז אוועקגעפאָרן מיט איר נאַטשאַלניק אין עטלעכע דערפער״. כאַנע גייטיקט זיך, דאַכט זיך, ניט, מע זאָל אים דאַרפן דערמאָנען, אַז זיוול איז עטוואָס ייִנגער פון אים און אַז דער וועג צו יענע דערפער ציט זיך דורך אַ געדיכטן טיפן וואַלד. גדאַליע דאַרף אַפילו ניט אָפּקערן די אויגן, אַז ער זאָל דערזען, ווי צירל לאָזט זיך אַראָפּ צום אָוונטיקן טייך און אַ ווײַלע שפּעטער, אַרומקוקנדיק זיך אין אַלע זייטן, לאָזט זיך אַהין אַראָפּ אויך זיוול, און ביידע פאַר־קלייבן זיך אין דער פוסטער האַלב־כאָרעווער שטאַל... וויאַזוי האָט עס צירל געקאָנט דערלאָזן, אַז זי זאָל זיך פאַרקלייבן מיט אַ באַכער אין דער זעל־בער שטאַל, וווהין די דײַטשן האָבן אַ טאָג פאַר דער שכיטע צונויפ־געטריבן דאָס גאַנצע שטעטל ייִדן און פון דאָרט זיי אוועקגעפירט צו די פאַרגרייטע גריבער אױף יענער זייט טײַך? זי, צירלען, האָט מען דאָך אויך, באַגלייך מיט אַלע ייִדן פון שטעטל, אַרויסגעפירט פון דער זעלבער פאַר־לאָזענער שטאַל. זאָל זיין, אַז צירל זאָל עס שוין האָבן אַלץ פאַרגעסן? ער קאָן עס ניט גלייבן. ניט אַנדערש ווי זיין טייבען האָט זיך עס פּאַשעט אויסגעוויזן, זי האָט זיי פּאַשעט איבערגעפּלאָנטערט מיט אַן אַנדער פּאָרל. גדאַליע קוקט אױף כאַנען און דערזעט מיטאַמאָל פאַר זיך, ווי אַלעקסיי ניקאָלײַעוויטש לאָזט זיך אויך אַראָפּ צום טײַך און מיט שטילע טריט פון אַהינטער־אַרום דערנעענטערט ער זיך צו דער כורווע. און דאָ קומט אַרוף גדאַליען אױפן זינען נאָך אײנער אַ ווילדער און אומגעלומפּערטער גע־דאַנק, פון וועלכן ער קאָן זיך ניט באַפרײַען, — אַז באַלד וועט אַרײַנקומען אַהער אין צעך אַלעקסיי ניקאָלײַעוויטש און אוועקשיקן כאַנען אין וואַלד

באַגעגענען צירלען. זאָל כאָנע זען דאָס, וואָס ער, אוורעמל ניסנס, האָט שוין פון א לענגערער צײַט פריִער געהאַט געזען, אויסבאַהאַלטנדיק זיך דאָרט ערגעץ הינטער א בוים... און אַז אוורהם ניסאַנאָוויטש, וואָס האָט אַפּאָנעם, די גאַנצע צײַט געזוכט, וויאַזוי זיך צעצאָלן מיט צירלען, האָט געקאָנט נאָכקוקן נאָך זיי אין וואַלד, איז האָט ער ניט, גדליע, איבערריקס וואָס צו סאָפּעקן. און אויב דער אינזשעניער האָט עפּעס באַמערקט און דערווײַל גיט צעפּויקט נאָך וועגן דעם, איז עס מיסטאָמע בלויז דערפאַר, ווײַל ער האָט ניט געהאַט וועמען צו נעמען פאַר אַן איידעס. איצט אָבער, ווען ער ווייסט, אַז ער האָט אַף וועמען זיך צו פאַרופן...

— יאָ, — האָט כאָנע זיך ווי דערמאָנט, — מײַן צירל וויל זיך אומקערן צוריק אַפן זאַוואָד אָדער גיין אַרבעטן אַף דער מיל. זי האָט שוין אַפילע אָנגעגעבן א מעלדונג דעם נאַטשאַלניק אירן.

— וואָס עפּעס פּלוצעם? — האָט גדליע, ניט אַרויסווײַזנדיק באַזונדערס זײַן פאַרכידעשונג, געפרעגט.

— ס'איז איר, זאָגט זי, שווער זיך אַרומשלעפּן נאָכאַנאַנד איבער די דערפער. לאָזט ער זי אָבער ניט אָפּ.

— ווער לאָזט זי ניט אָפּ?

— נו, האַנפט.

— וואָס הייסט, ער לאָזט זי ניט אָפּ? — צי דען זעט כאָנע אויך אין דעם גאָרניט אײַן? ס'איז אָפּגעגאַנגען א רעגע, אַז עס זאָל זיך באַ אים ניט אַרויסכאַפּן: „גוואַלד, ווי איז מען עס אַזוי בלינד?״

— ער האָט איר אומגעקערט די מעלדונג.

— און זי האָט צוגענומען?

— וואָס האָט זי געזאָלט טאָן, אַז ער לאָזט זי פאָרט ניט אָפּ?

— הער זיך אײַן, כאָנע...

גדליע איז ניט געווען דער מענטש, וואָס האָט געקוקט אַפן לעבן אײַנגאַנצן מיט אָפענע אויגן, גלײַך ער זאָל דערמיט וועלן בעקיוון עפּעס ניט דערזען, בעקיוון עפּעס פאַרשטעלן פון זיך פון דעם, וואָס קומט פאָר אַרום אים, אָבער אין קיין שום פאַל ניט דערפאַר, ווײַל ער וויל דערמיט זיך אויסבאַהאַלטן, אָפּגיין אַן א זײַט, ניט קומען צוהילף יענעם, וואָס נייטיקט זיך אין זײַן הילף, ביפראַט, אַז דער, וועמען עס דראָעט א געפאַר און וועלכער נייטיקט זיך אין זײַן הילף, איז דאָס מאָל געווען כאָנע.

דאָס איינציקע, פאַרוואָס גדליע איז דאָך מיטאַמאָל אַנשוויגן געוואָרן און וואָס האָט אים אָפּגעהאַלטן, אַז ער זאָל מער קיין וואָרט ניט אַרויסברענגען פון דעם, וואָס ער האָט זיך געקליבן אים זאָגן, — איז געווען בלויז דאָס, וואָס ער איז ניט געווען נאָך גענוג זיכער, אַז ער האָט פאַרשפּעטיקט פאַרלויפן דעם אינזשעניער דעם וועג. ווי דערווידער יענער איז אים ניט געווען, פונדעסטוועגן האָט גדליע, וואָס האָט אין דעם אינזשעניערס אופירונג אײַנגעזען פּאָשעט פּאַכדאָנעס, און פּאַכדאָנים אייַדער זיי הייבן אוף אַף עמעצן די האַנט, האָט ער ניט איין מאָל באַמערקט, קוקן זיי זיך פריִער גוט אַרום, זיי זאָלן האָבן זיך ווּ אויסצובאַהאַלטן, — דאָך דערלאָזט דעם געדאַנק, אַז דער אינזשעניער האָט, מעגלעך, נאָך ניט באַוויזן וואַרפן דעם פאַרגרייטן שטיין, וואָס איז געצילט אין צירלען, נאָר

וואָס וועט פריִער פון אַלץ שטאַרקער פון אַלץ טרעפן אין כּאַנען, און אַז ער, געדאַליע, וועט נאָך פונדעסטוועגן באַוויַיזן אַרויסשלאָגן דעם שטיין פון יענעמס הענט. ווען געדאַליע זאָל ניט געווען אויסרעכענען דערויף, ווען ער זאָל געווען האָבן אינגאַנצן פאַרלוירן די האָפענונג, אַז ער האָט נאָך ניט פאַרשפּעטיקט אָפּווענדן די געפאַר פונעם קינדערש פאַרגלייבטן אין דעם מענטשן כּאַנען, וועלכער איז פאַרבליבן אַזאַ אויך נאָכדעם, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען פון די, וואָס האָבן זיך אויך געהאַט אָנגערופן מיטן נאָמען מענטש, און וועלכער באַהאַלט זיך ניט אויס מיט זײַן צוגעלאָזנקייט און גוטסקייט, ווי עס באַהאַלטן זיך דערמיט אויס אייניקע זײַנע, געדאַ־ליעס, באַקאַנטע, גלײַך זיי זאָלן אײַנזען אין דעם א שוואַכקייט, וואָס מע דאַרף אין זיך בײַקומען, וואָלט ער ניט געוואַרט, ביז עמעצער, א צווייטער, וועט אָפּטראָגן כּאַנען די נײַס. ביפראַט, אַז די נײַס וועט שוין זײַן, ווייסט ער פאַרפריִער, ווייניק וואָס ענלעך אַף דער, וועלכע טײַבע האָט אים געבראַכט צו טראָגן.

פון קינדוויַיז אויף ווייסט געדאַליע: ניטאָ קיין שרעקלעכערס און שווע־רערס, ווי ברענגען צו טראָגן יענעם א שווערע בסורע. און אויב געדאַליע נעמט עס פּאַרט אַף זיך, איז עס דערפאַר, ווײַל ער וויל, אַז מע זאָל כּאַנען ניט איבערגעבן די נײַס מיט א געפיל פון מיטלײַד און ראַכמאָנעס, אין וועלכער עס ליגט אָפּטמאָל באַהאַלטן א שטיקל פרייד פאַר זיך, כאָטש דער, וועמען מע האָט איבערגעגעבן די נײַס, איז א מענטש, וואָס האָט קיינמאָל ניט געטאָן יענעם קיין שלעכטס.

— נו, איך הער דיך,— האָט כּאָנע זיך ווידער אָנגערופן צו געדאַ־ליען,— האָסט, דאַכט זיך, געוואָלט מיר עפּעס זאָגן.

— און אַליין ווייסטו ניט?

— וואָס ווייס איך ניט?

— אַז ער האָט ניט קיין רעכט זי ניט אָפּלאָזן. דאָס האָט מען, אויב דו געדענקסט, א קורץ שטיקל צײַט פאַר דער מילכאָמע געקאָנט ניט אָפּלאָזן יענעם פון דער אַרבעט. און אויב יענער איז אַליין אוועק, אים אפילע מישפּעטן. איצט איז אַן אַנדער צײַט. אויב דו ווילסט וויסן, איז פאַר צירלען טאַקע ניט קיין געשעפט זיך אַרומשלעפּן, ווי א באַלעגאָלע, איבער די וועגן. פרעג נאַפּטאָלע דאַווידאָוויטשן, וועט ער דיר אויך זאָגן דאָס זעלבע.

— אָט דאָ, זעסטו, האָסטו שוין גראַדע א טאָעס. נאַפּטאָלע האַלט גאָר, אַז זײַוול איז גערעכט, וואָס ער לאָזט זי ניט אָפּ. זײַוול, זאָגט ער, וועט מיט דער צײַט זי מאַכן פאַר זײַנער א פאַרטרעטערן, און ווען ער וועט אוועקפאָרן פונדאַנען, וועט ער זי איבערלאָזן אָנשטאָט זיך פאַר א באַלעבאָסטע פון דער קאָנטאָר.

— כעסין איז זיכער אין דעם?

— אַז ער וועט זי מאַכן פאַר א באַלעבאָסטע פון דער קאָנטאָר?

— אַז זײַוול וועט אוועקפאָרן פונדאַנען?

— וואָס קאָן אים דאָ אָפּהאַלטן, אויב ער קאָן אַרויספאָרן אין שטאָט?

— און וואָס זאָגט דערויף דײַן צירל?!

— וואָס זאָל זי זאָגן, אַז ער נעמט ניט אָן בא איר די מעלדונג? זי וועט דאָך ניט ווארפן די ארבעט, מע זאָל דערנאָכדעם זאָגן, אַז מע קאָן זיך אָף איר ניט פארלאָזן, זי איז ניט קיין דיסציפּלינירטע. כ'ווייס, כ'וועל בעטן דעם כאווער נאַפטאָלען, ער זאָל זיך מיט אים דורכריידן.

— נאַפטאָלע דאַווידאָוויטשן האָסטו ניט וואָס צו בעטן. ווייסט דען אַליין ניט, אַז ער איז פארליבט אין זײַן טאַלמיד, און דער, וואָס איז פאַר־ליבט, דער איז, ווי מע זאָגט עס, בלינד. זײַוול האָנפּט איז פאַר אים שיר ניט קיין מאַלעך.

— אַז ער איז אָבער פאָרט אַ ווילער באָכער.

— און מיר, זעסטו, איז ער ניט איבעריקס געפעלן.

— ווער? זײַוול? וואָס האָסטו אין אים אַזעלכעס דערזען, וואָס ער האָט דיר אופגעהערט מיטאַמאָל געפעלן?

און ווירקלעך. מיט וואָס איז אים זײַוול טאַקע ניט געפעלן? דערמיט, וואָס ער האָט זיך פארליבט אין צירלען, און זי, ווי מע דאַרף זיך אָנ־שטויסן, האָט זיך פארליבט אין אים? וואָס פארא טײַנעס קאָן מען האָבן צו אַ יונגן באָכער, וועלכער האָט זיך אײַנגעליבט אין אַ יונג שיין ווײַבל, וואָס איז קימאַט אין איינע יאָרן מיט אים? און צו איר, סאָפּקאָלסאָף, וואָס פארא טײַנעס קאָן מען האָבן? כאָנע פּאַסט איר פאָרט גיכער פאַר אַ טאַטן. אײַ כאָנע האָט זי וועגן דעם געוואָרנט... זי איז אָבער געווען דעמלט צו יונג, אַז זי זאָל עס קאָנען פאָרויסזען. דעמלט, ווען זי האָט אים גע־שראָקן, אַז זי וועט זיך אַ מײַסע אָנטאָן, טאָמער האָט ער פאַר איר ניט כאַסענע, האָט זי ווירקלעך געגלייבט, אַז זי האָט אים ליב. גערדאַליע האָט אין דעם קיינמאָל קיין רעגע ניט געסאָפּעקט. אָבער איצטער... איז עפּ־שער טאָר ער גאָר זיך ביכלאַל אין דעם ניט ארײַנמישן? אײַ סע טוט אים ווײי דאָס האַרץ פאַר זײַן פּילגעליטענעם פרײַנט... די איינציקע טײַנע, וועלכע ער קאָן האָבן צו זײַוולען, איז דאָס, וואָס ער פארגעסט, אַז ס'איז אַ שטעטל. וו׳אַזוי האָט עס צירל אים ניט דערמאָנט, זי ווייסט דאָך עט־וואָס מער און בעסער פון אים, וואָס איז אַזוינס אַ שטעטל. צי ס'איז בא זיי אוועק אַזוי ווײַט, אַז דאָס גייט זיי שוין קלאַל ניט אָן, זיי האָבן ניט מער וואָס צו אויסבאַהאַלטן זיך, מאַכן אַ סאָד דערפון, וואָס מע פאָרט צוזאַמען אין וואַלד, וואָס מע לאָזט זיך צוזאַמען אַראָפּ צום אָוונטיקן טײַך?.. ס'קאָן דאָך אָבער ניט זײַן, אַז זײַוול זאָל ניט וויסן, וואָס איז זיך פארלאָפן מיט כאָנען און צירלען און ווער איז אַזוינס צירל איצט פאַר כאָנען... און דאָס, וואָס זײַוול וויל וועגן דעם ניט וויסן, מאַכט זיך דערפון פארגעסן, קאָן גערדאַליע אים שוין ניט מויכל זײַן. ניטאָ קיין גרעסערע זינד, ווי פארשאַפן ווײי מענטשן, ביפראַט אַזעלכע, וואָס זײַנען אַזויפיל אויסגעשטאַנען.

— מיט וואָס איז ער מיר ניט געפעלן, פרעגסטו? — האָט גערדאַליע זיך אָפּגערופן און זיך ווידער אַ ווײַלע פארטראַכט. — כ'ווייס, אייגנטלעך, אַליין ניט. נאָר עפּעס איז ער מיר ניט גאָר צום האַרצן... איז זאָגסטו, אַז דער אינזשעניער איז דאָ געווען און איז מיסטאַמע שוין אוועק אַהיים? אַבי איך זוך אים נאָך אַלץ ארום. כ'האָב אים זייער נייטיק געדאַרפט זען.

געדאליע האָט מיט זײַנע ברייטע און שווערע טריט פאַרלאָזט דעם רווישיקן צעך, פילנדיק הינטער זיך כאָנעס פאַרכידעשטע בליקן.

באַם סאַמע אַרויסגאַנג האָט געדאַליע פּלוצעם דערזען פאַר זיך דעם בלאָנדן קורצזיכטיקן אַלעקסײ ניקאָלײַעוויטשן. פון אומגעריכטקײַט האָט ער שיִר ניט אויסגעשריִען: „אַז מע דערמאָנט דעם גאַלעך...״

— זעט, און איך זוך אײַך דעם גאַנצן טאָג הײַנט אַרום!

— ס׳האָט עפּעס פּאַסירט?

— באַזונדערס ניט, נאָר איך האָב צו אײַך אַ וויכטיקן איניען.

— איך הער אײַך.

— אָבער ניט אין דרויסן. ס׳איז ניט קיין געשפּרעך אַף איין פוס, ווי מע זאָגט עס. קומט אַרײַן צו מיר אין דער קעסל־הייצונג. איר וועט שוין פאַררייבס אַ קוק טאָן, וואָס איז דאָרט מיטן מיטלסטן קעסל, וואָס עס הודזשעט אַזוי.

— איצט קאָן איך ניט...

— איז ווען זשע? כ׳האָב צו אײַך זייער אַ וויכטיקן איניען, אַלעקסײ ניקאָלײַעוויטש.

— גוט. כ׳וועל זיך שפּעטער אַ ביסל אַרײַנכאַפּן צו אײַך.

ס׳איז דורך העכער אַ שאָ. דער אינזשעניער האָט זיך אַלץ נאָך ניט באַוויזן. דאַכט זיך, אין דעם, וואָס געדאַליע האָט אים געזאָגט, איז ניט געזאָגט געוואָרן גאָרניט אַזוינס, אַז אַלעקסײ ניקאָלײַעוויטש זאָל זיך אָנ־שטויסן, וועגן וואָס קלײַבט ער זיך מיט אים ריידן. און אַרויסגעוויזן עס פאַר אים מיט עפּעס האָט ער, דוכט זיך, אויך ניט. אַזוי צי אַנדערש, נאָר אַרײַנגיין אַ קוק טאָן, וואָס איז מיטן קעסל, דאַרף ער דאָך סאָפּ־קאַלסאָף.

אין אַ קנאַפּער שאָ אַרום ענדיקט די אַנדערע וואַכטע די אַרבעט. דער אינזשעניער קלערט, אַפּאָנעם, אויב ער האָט זיך אָנגעשטויסן, וואָס פאַר אַן איניען געדאַליע האָט צו אים, אַז דערמיט, וואָס ער וועט ניט קומען, וועט ער אויסמײַדן דעם דאָזיקן געשפּרעך, איז האָט ער אָבער אַ גרויסן טאָעס. ער וועט צוגיין צו אים אהיים.

— איז וואָס פאַר אַן איניען האָט איר צו מיר?

זײַוול מיט צירלען האָבן, פאַרשטייט זיך, ניט געקאָנט הערן, ווי אַלעקסײ ניקאָלײַעוויטש איז זיי נאָכגעגאַנגען, — האָט געדאַליע אַ קלער געטאָן, — באַ אים זײַנען ביז גאָר שטילע טריט, גלײַך ער וואָלט אַ גאַנץ לעבן זיך פאַרנומען מיט נאָכגיין יענעם אומבאַמערקט.

געדאַליע האָט אליין נאָך ניט באַנומען, פאַרוואָס האָט ער באַ דעם אינזשעניערס אַרײַנשלײַכן זיך צו אים אהער געלאָזט אָפן דאָס טירל פון־נעם אייוועלע. דער אָפּשײַן פונעם פלאַם־פײַער האָט געמאַכט נאָך בלאָנ־דער, קימאַט ווי פון קופּער, אַלעקסײ ניקאָלײַעוויטשעס לענגלעך גע־זיכט מיט די קורצזיכטיקע אויגן הינטער די גראָבע ברילן־גלעזלעך. געַ־דאַליע האָט עס באַנומען ערשט דעמלט, ווען ער האָט פאַריגלט הינטערן אינזשעניער די טיר, געבנדיק דערמיט ווי צו וויסן, אַז דער געשפּרעך, וואָס ער האָט מיט אים, איז ניט אַף קיין צוויי־דרײַ מינוט, און אַז ביז יענער וועט אים ניט אויסהערן, וועט ער אים פונדאַנען ניט אַרויסלאָזן.

— מיטן קעסל, אלעקסיי ניקאָלײַעוויטש, וועלן מיר זיך דערגאָך פאַר־נעמען, און אויב מירן הײַנט ניט באַווײַזן, וועלן מיר עס אָפּלייגן אַף אַן אַנדער מאָל. מיט קיין אוואַריע דראָעט עס ניט דערווײַל. איך האָב צו אײַך אַן אַנדער איניען. כ׳וועל ריידן מיט אײַך אָפֿן, ווי א סאָלדאַט.

— צו וואָס וואָרנט איר מיך עס?

— איך וועל ריידן מיט אײַך ווי א סאָלדאַט, — האָט געדאַליע איבער־געכאַזערט, — און באַ א סאָלדאַט, כ׳ווייס ניט, צי איר ווייסט עס, איז אָדער־אָדער, נאָר ער טרעט קיינמאָל ניט אָפּ. איז אָט וויל איך וויסן, ווע־מען האָט איר שוין באַוויזן צעפּויקן?

— איך פֿאַרשטיי אײַך ניט.

— וועמען, פרעג איך, האָט איר שוין באַוויזן צו דערציילן, — געדאַ־ליע האָט ברייטער צעעפֿנט דאָס ביז ווײַס אָנגעגליטע טירל פֿון דעם אייוועלע און זיך ווידער געשטעלט באַ דער פֿאַריגלטער טיר.

— ווער זײַנט איר, וואָס איר דערלויבט זיך אַזוי ריידן מיט מיר? ווער?! פֿאַרגעסט ניט, אַז איך בין דער פֿאַרטרעטער פֿונעם הויפּט־אינ־זשעניער פֿונעם זאַוואָד! איר פֿאַרשטייט צי ניין?! — זײַן דין קעלעכל האָט זיך אַרויסגעריסן מיט א צופּײַף. דאָס פּאָנעם האָט זיך נאָך מער צעפּלאַמט.

געדאַליע האָט די שטים ניט געהערט. זי האָט מיט איר צוריקגע־האַלטנקײַט דערמאָנט א פּרוזשינע, וועלכע מע האָט נאָך שטאַרקער צונויפֿגעקוועטשט און דערמיט איר צוגעגעבן מערער קראַפֿט.

— דוכט מיר, אלעקסיי ניקאָלײַעוויטש, אַז איך האָב אײַך שוין גע־זאָגט, ווער איך בין. און איך פֿאָדער פֿון אײַך, ווי א סאָלדאַט, איר זאָלט מיר זאָגן, וועמען האָט איר שוין באַוויזן איבערגעבן די אויסגעטראַכטע נײַס אײַערע. דאָס שמעקט דאָך מיט פֿאַראַט. און איר ווייסט, ווי מע באַ־גייט זיך מיט פֿאַרעטער?

דאָס פֿײַער אונטער די קעסלען האָט ווי בעקיוון זיך מיטאַמאָל שטאַר־קער צעפֿלאַקערט, אָט־אָט וועט דער פֿלאַם אַרויסשפּרינגען פֿונעם איי־וועלע.

— עפֿנט די מינוט די טיר.

— כ׳האָב אײַך, דאַכט מיר, שוין געזאָגט, אַז כ׳וועל אײַך פֿונדאַנען ניט אַרויסלאָזן, ביז איר וועט מיר ניט זאָגן, וועמען האָט איר שוין באַ־וויזן אָנריידן אַף זײַוול יעווסייעוויטש האַנפֿטן און אַף דער סטראַכיר־אַגענטן פֿון זײַן קאָנטאָר, אַף צירל דובראָווינע.

— איז אָט וואָס פֿאַר אַן איניען איר האָט צו מיר...

— און אַליין, נעבעך, האָט איר עס ניט פֿאַרשטאַנען?

— איך האָב אָבער ניט געוווּסט, אַז דאָס גייט אײַך אַזוי אָן.

— יאָ, מיר גייט עס אָן.

— האָט איר דאָך, אויב אַזוי, געקאָנט עס פֿרעגן באַ אײַער אייגן ווײַבל. זי האָט, פּונקט ווי איך, דאָס אַלץ געזען און...

— מײַן טײַבע האָט גאָרניט געזען, — האָט געדאַליע אים איבער־געשלאָגן.

— ניין, טײַערער, אײַער ווײַבל האָט אַלץ געזען.

— מײַן טײַבע האָט גאָרניט געזען, — האָט געדאַליע אים ווידער אָפּ־געשטעלט, — פאַרגעדענקט עס. זי האָט גאָרניט געזען!

— אַך, אַזוי גאָר, — דער שמײכל, מיט װעלכן אַלעקסײ ניקאָלײַעװיטש האָט עס געזאָגט, איז באַלד פאַרשוווּנדן פון זײַנע דינע ליפּן. — איר וועט מיר עפּשער נאָך הייסן זאָגן, אַז אײַך האָב איך אויך קײנמאָל ניט גע־טראָפן שפּאַצירן שפּעט אין אָוונט מיט אָט דער צירלען?

— דאָס, זעט איר, װעל איך אײַך ניט פאַרװערן. אויב איר ווילט, קאָן איך עס באַלד אין אײַער אָנוועזנהײַט אַפילו זאָגן איר מאַן. ער אַרבעט אויך אין דער צווייטער וואַכטע. איר מיינט, איך האָב זיך גלײַך ניט אָנגעשטויסן, ווער האָט עס איבערגעגעבן מײַן טײַבען און וואָס האָט איר דערבײַ געהאַט אין זינען? מײַן טײַבע איז נאָך אָבער ניט אַזאַ, ווי איר מיינט. זאָגן אײַך דעם עמעס? ווען איר האָט זיך אַזוי שטיל אַרײַנגעשלײַכט אַהער, האָב איך אַ קלער געטאָן בײַ זיך: אויב איר זײַט געוועזן אויף דער מילכאָמע, זײַט איר געוויס געוועזן אַן אויסשפּירער, וואָ־רעם אַזעלכע שטילע טריט, ווי בײַ אײַך, זײַנען מאַמעש אַ גליק פאַר אַן אויסשפּירער. נאָר איך, זעט איר, וואָלט אײַך קײנמאָל ניט מיטגענומען מיט זיך אין אויסשפּיר. איז אָט וואָס, אוּוראַם ניסאַנאָוויטש...

מיט דעם אָנרופן אַלעקסײ ניקאָלײַעוויטשן בײַ זײַן עמעסן נאָמען איז געדאַליע ניט געוועזן אַזוי אויסן דערמאָנען דעם אינזשעניער, ווער זײַנען געוועזן זײַנע טאַטע־מאַמע, און אים אויסוואַרפן, לעמײַ ער האָט געביטן זײַן נאָמען און זײַן טאַטנס נאָמען ביז צום אינגאַנצן ניט דערקענען. גע־דאַליע איז מער אויסן געוועזן אים דערמיט צו זאָגן, אַז אַזעלכע, ווי ער, זײַנען געגליכן צו אַ צווײַג, וואָס נאָכדעם ווי זי האָט זיך אָפּגעריסן פון איר בוים, איז ווילן זי שוין קײן אַנדערע, אַפילו דער פרי־ערדיקער אײגענער בוים אירער, ניט קענען.

— ניט אײַער דײַגע, ווי־אַזוי איך האָב געהײסן און ווי־אַזוי איך הײס. פאַר וועמען איך וויל, פאַר דעם גיב איך זיך אַרויס. אײַך געפעלט פאַר־בלײַבן אַ ייִד, איז פאַרבלײַבט זיך אַ ייִד...

— מיר געפעלט זײַן דער, ווער איך בין, און כ׳וועל זיך קײנמאָל ניט אַרויסגעבן פאַר קײן אַנדערן. ניט איך וועל עס, ניט איך וויל עס. און ניט איך דאַרף עס.

— הערט, איר וועט מיך סאָפּקאָלסאָף אַרויסלאָזן פונדאַנען?! איך האָב ניט קײן צײַט צו שטײן דאָ מיט אײַך און פּלאַפּלען.

— איך פּלאַפּל ניט, אוּוראַם ניסאַנאָוויטש, איך וואָרן אײַך צום לעצטן מאָל. אויב איר וועט עמעצן כאָטש אַ פּיפּס טאָן וועגן צירלען, וועט איר האָבן צו טאָן מיט מיר. אין דעם מעגט איר זײַן זיכער. איך, אַז איך לאָז אַראָפּ אַ פּאַטש, איז ער עטוואָס שווערער פון צירלס. האָט עס אַף יעדנ־פאַל פונדעסטוועגן אין זינען.

— און אויב איך האָב שוין באַוויזן עמעצן דערציילן? — האָט דער אינזשעניער געפרעגט, אָפּגייענדיק נעענטער צו דער אָפּגעריגלטער טיר.

— וועט איר אַזוי גוט זײַן מעלדן פאַר אַלעמען אין די אויגן, אַז ס׳איז שעקער וועקעזעוו, אַז איר האָט עס אויסגעטראַכט, געוואָלט זיך דערמיט אָפּרעכענען מיט צירלען פאַר דעם פּאַטש, וואָס זי האָט אײַך אַראָפּגעלאָזט.

— נו, און אויב איך וועל אײַך דערציילן, אז איך האָב מיט עטלעכע טעג צוריק זיי צופעליק געטראָפן ביידן אין וואלד? זיי האָבן מיך ניט געזען. זיי זײַנען געווען פארנומען מיט זיך, געזעסן אין וועגל ווי כאָסן־קאלע. איך האָב צו דער צײַט באוויזן זיך ארונטערכאפּן הינטער א בוים. דאָס וועט איר מיר אויך הייסן זאָגן, אז ס׳איז שעקער וועקעזעוו?

— יאָ. און ביכלאל וואָלט איך אײַך אייצען אופהערן נאָכקוקן נאָך יענעם. פארנעמט זיך דערמיט, מיט וואָס איר דארפט זיך פארנעמען. איצט טוט, ביטע, א קוק דעם קעסל,— געדאליע האָט אים אָנגעוויזן אפן מיטלסטן קעסל, וואָס האָט געהודעט, ווי ער זאָל וועלן זיך באפרײַען פון די ארומגעגארטלטע רייפן.

...עס איז דורך א וואָך, און נאָך א וואָך, נאָר דערווײַל האָט נאָך געדאליע ניט אפן זאוואָד, ניט אינעם שטעטל פון קיינעם ניט געהערט ריידן עפּעס אזוינס, אז ער זאָל קאָנען כוישעד זײַן דעם אינזשעניער, אז יענער האָט פארגעסן וועגן זייער געשפּרעך אין דער קעסל־הייצונג. קענטיק, אז אלעקסיי ניקאָלײַעוויטשן האָט זיך גוט פארגעדענקט דער צעבור־שעוועטער פלאם־פײַער אונטער די קעסלען, דאָס ביז ווײַס־אָנגעגליטע, אָפּענע טירל פונעם אייוועלע, און ער האָט פארשטאנען, אז מיט געדאליען שפּילט מען זיך ניט... ס׳איז אָבער ניט געווען קימאט דער טאָג, טײַבע זאָל צו אים ניט צושטיין, אז ער זאָל זיך דורכריידן מיט כאָנען, אים עפּענען ענדלעך די אויגן. זי וואָלט זיך אליין דורכגעשמועסט מיט אים, קאָן אָבער כאָנע קלערן, אז דאָס רעדט זי אים בעקיוון אָן אף ציר־לעכן. זי וועט זיך דאָך ניט פארופן אפן אינזשעניער, אים ארויסשטעלן פאר אן איידעס, וויבאלד געדאליע האָט איר אָנגעזאָגט, אז זי האָט גאָר־ניט געזען און גאָרניט געהערט... שעקער וועקעזעוו איז דאָס אלץ.

— גוואלד אָבער געשרײַען,— האָט זי ווידעראמאָל און ווידעראמאָל אײַנגעטײַנעט מיט געדאליען,— כאָנע איז דאָך אונדז ניט קיין פרעמ־דער. זאָגסט דאָך אליין, אז ער איז דיר דער סאמע נאָענטסטער פרײַנט דאָ, איז ווי באגייט מען זיך עס אזוי מיט א פרײַנט, ווי עפּנט מען עס אים ניט די אויגן, קאָלזמאן ס׳איז נאָך ניט שפּעט? ס׳איז דיר שווער, איז רייד זיך דורך מיטן לערער. זאָל ער זײַן דער רופע. קארג האָט ער זיך נעבעך אָנגעליטן, כאָנע, בייס די דײַטשן, דארף ער נאָך האָבן דעם דאָ־זיקן אומגליק?

— איך פארשטיי ניט, וואָס, אייגנטלעך, ווילסטו? — האָט געדאליע איר שוין ניט איין מאָל דערוף געענטפערט. — כ׳זאָל ארײַנקריכן מיט די שטיוול צו יענעם אין הארצן, זיך ארײַנמישן אין דעם, אין וואָס מע טאָר זיך גאָר צומאָל ניט ארײַנמישן. ביסט דאָך מיסטאמע אויך געווען אמאָל א יונגע און אויך געווען מיסטאמע אין עמעצן פארליבט.

— איז דעריבער?

— גאָרניט. איין זאך איז אָפּנעמען בא אזא, ווי אורעמל, דעם כיישעק צעפּויקן איבערן שטעטל די נײַס, וואָס ער האָט צו דערציילן, אז מע זאָל זיך נאָכדעם שושקען הינטער כאָנעס פּלייצעס, טײַטלען אף אים מיט די פינגער, און דאָס, דאכט מיר, האָב איך באזאָרגט. אורעמל, ווי דו זעסט, האָט אײַנגענומען שטומעניש. אָבער ארײַנמישן זיך אין דעם, וואָס דו

פארלאנגסט פון מיר, דאָס, זעסטו, איז צו אַן אײדעלע זאַך. אויב שוין יאָ זיך דורכריידן, איז ניט מיט כאַנען, נאָר מיט צירלען, כאַטש וואָס קאָן עס שוין געבן, אויב זי איז, ווי דו זאָגסט, פארקאַכט אינעם באַ־כער.

— גוואלד געשריִען, איך טײַנע מיט אים אײנס, ער זאָל עפענען כאַ־נען די אויגן, עס זאָל ניט זײַן פאר אים אזוי אומגעריכט דאָס, וואָס עס וועט פריִער צי שפּעטער סײַווי צו אים דערגײן, און ער זאָרגט זיך גאָר וועגן צירלען מיט זײַוולען, טאָמער, הייסט עס, שפּילן זיי שוין א ליבע. וואָס דען שפּילן זיי, א געט? נו גוט, אָבער דעם לערער קאָנסטו דער־ציילן אָט דאָס, וואָס כ׳האָב געזען מיט די אײגענע אויגן? נאפטאָלע כע־סין ווייסט בעסער פון אונדז, ווו מע מעג זיך יאָ אַרײַנמישן און ווו מע טאָר זיך ניט אַרײַנמישן.

טײַבע איז אזוי לאנג צו אים צוגעשטאנען, ביז געדאליע האָט זיך סאָפקאָלסאָף ארויסגעכאפּט פארן לערער, אז זײַן טאלמיד, זײַוול האנפט, איז אים ניט איבעריקס צום הארצן.

— מיט וואָס, אשטייגער? — האָט כעסין געפרעגט.

— ניט אזוי פירט מען זיך אוף אין א שטעטל. ער איז דאָ בא אונדז, אויב איך האָב ניט קיין טאָעס, דאָך ניט פון נעכטן. איז אײנס אוועק. און, צווייטנס, באגייט מען זיך ניט אזוי מיט מענטשן, וועלכע זײַנען אזויפיל אויסגעשטאנען.

און אז דער לערער האָט נאָך אלץ ניט פארשטאנען, וואָס פאר א שײַכעס האָט צו דעם אלעם, וואָס געדאליע האָט אים געגעבן אָנצוהערן, זײַוול האנפט, האָט געדאליע ניט אויסבאהאלטן פונעם לערער קיין וואָרט דערפון, וואָס טײַבע האָט אים דערציילט. פארענדיקט האָט ער דערמיט, אז ער וואָלט פונקט, ווי נאפטאָלע דאווידאָוויטש, ניט געגלייבט, ווען טײַבע זאָל זיך ניט געוועזן שווערן מיט פריידקעלעס געזונט, אז זי האָט עס אלײן געזען. און דערציילן נאפטאָלע דאווידאָוויטשן, וואָס באַ־טײַט פאר טײַבען פריידקעלעס געזונט, איז דאָך זיכער איבעריק, מע קען זיך ניט פון נעכטן. דער לערער ווייסט גוט אָן אים, וואָס פאר אַן איבערגעגעבענע מאמע טײַבע איז. גלאט אין דער וועלט ארײַן וועט זי מיט פריידקעלעס געזונט זיך ניט שווערן.

— און דאָך, זעט איר, גלייב איך ניט דעריין. דאָס הייסט איך גלייב, אז אײַער טײַבע האָט געזען, ווי צירל מיט זײַוולען האָבן זיך אראָפּגע־לאָזט צום טײַך, און אז זי האָט זיי געזען ארײַנגיין צוזאמען אין שטאל, גלייב איך אויך, נאָר אז צווישן צירלען מיט זײַוולען האָט דאָרט געקאָנט זיך עפּעס פארלויפן, אָט אין דעם, זעט איר, ליבער געדאליע, גלייב איך שוין גראדע ניט.

— סטאם אָבער אזוי, נאפטאָלע דאווידאָוויטש, ווי איר פארשטייט, וועט א יונגער באָכער זיך ניט פארשפארן מיט א יונג שיין ווײַבל.

— פונוואנען ווייסט אײַער טײַבע, אז זיי האָבן זיך דאָרט פאר־שפּארט? און איך, זעט איר, בין אינגאנצן זיכער, אז דאָס האָט צירל אים געפירט ווײַזן די שטאל, אין וועלכער די דײַטשן האָבן געהאט פאר־שפּארט די יידן פון שטעטל פארן ארויספירן זיי צו דער גרוב, און דאָס

אָרט אינעם טשערעט אונטערן בריקל, ווו זי האָט זיך אויסבאהאלטן. איך ווייס, אז זיַוול האָט זי ניט איין מאָל וועגן דעם געבעטן, און זי האָט עס אלץ אָפּגעלייגט. ס׳איז פאר איר, דארף מען פארשטיין, ניט אזוי פּאָשעט פויעלן בא זיך גיין אהינצו, כאָטש ס׳איז פון דעמלט שוין דורך ניט איין יאָר. פאר איר אָבער איז עס ווי דאָס וואָלט ערשט נעכטן געווען.

— אָט וועגן דעם, זעט איר, נאפּטאָלע דאווידאָוויטש, האָב איך ניט א טראכט געטאָן. עפּשער איז עס טאקע ווי איר זאָגט. אָבער... — געדאַליע האָט זיך פארטראכט און ענדלעך דערציילט כעסינען אויך דאָס, וואָס עס האָט אים דערציילט אין דער קעסל־הייצונג דער אינזשעניער, אז ער האָט זיי ביידן, צירלען מיט זיַוולען, געטראָפן אין וואלד זיצן אין וועגל ווי כאָסן־קאַלע. — מעגלעך, — האָט געדאַליע דערבײַ צוגעגעבן, — אז אלעקסיי ניקאָלײַעוויטש האָט דאָס אויסגעטראכט. אף אים איז עס צו גלייבן. ער האָט שוין פון לאנג אף איר א הארץ. צירל האָט דאָך עס אוואדע אײַך דערציילט.

— מיקויעך וואָס?

— נו, וויאזוי דער אינזשעניער איז צו איר צוגעשטאנען און זי האָט אים אויסגעפּאטשט.

— א־א... נו, אוואדע האָט זי מיר דערציילט. — כעסין האָט עס ארויס־געזאָגט אזוי, אז בא געדאַליען זאָל ניט בלײַבן דער מינדסטער סאָפעק, אז ער האָט ניט ארויסגעגעבן קיין סאָד, וועלכן צירל האָט פארטרויט בלויז אים. דער לערער האָט ניט געהאט אף איר קיין שום פאריבל, וואָס געדאַליען האָט זי עס יאָ אָנגעטרויט און אים ניט. ער פארשטייט דען אליין ניט, אז דאָס, וואָס מע טרויט אָן איינעם, טרויט מען צומאָל ניט אָן א צווייטן, כאָטש דער צווייטער איז יענעם עפּשער נעענטער. און אוואדע איז ניטאָ וואָס צו פאריבל האָבן אף איר דערפאר, וואָס ניט אלץ דער־ציילט זי אים. בא יעדן איינעם איז פאראן מיסטאמע אזוינס, וואָס ער באהאלט עס אויס ניט בלויז פון יענעם, נאָר אָפּטמאָל אפילע פון זיך אליין... — זיַוול איז אָבער ניט אוורעמל, ווי אײַער טײַבע רופט אים, זיַוול וועט זיך אזוינס קיינמאָל ניט דערלויבן.

— פארוואָס, נאפּטאָלע דאווידאָוויטש? פארגעסט ניט, אז ער איז פאָרט א יונגער באָכער, און אז א יונגער באָכער בלײַבט איבער אליין מיט אזא יונג שיין ווײַבל, ווי צירל...

— צירל אָבער, מײַן פרײַנט, איז אויסגעוואקסן אין א שטעטל, און דאָס, ווי איר ווייסט, האָט עפּעס וואָס צו זאָגן. א שטעטלש מיידל איז פון קינדווײַז אוף געוווינט דערצו, אז מע קוקט איר נאָך פון יעדן גאנעק, פון יעדן פענצטער, און דאָס קאָן מען מיט דער האנט ניט אוועקמאכן. און ווידער ווייס איך, אז צירל איז מיט לײַב־און־לעבן איבערגעגעבן איר כאָנען, זי איז אים א געטרײַ ווײַב. און דאָס, וואָס איר זאָגט, כאווער געדאַליע, אז זיַוול איז א יונגער באָכער און וואָס ער איז אראָפּגעקומען אהער צו אונדז ניט פון קיין שטעטל, נאָר פון א שטאָט, ווו מע קוקט אף דעם הײַנטיקע צײַטן א ביסל אנדערש, איז ווועל איך זיך דורכשמועסן מיט אים, געבן אים אָנצוהערן, אז א שטעטלשער טײַך און א שטעטלשער

וואלד האָבן אויגן און אויערן. זײַוול איז א לײַטישער באָכער. אז כ׳וועל אים דערציילן, וויאזוי כאָנע האָט די צוויי יאָר, וואָס ער איז אָפּגעלעגן מיט צירלען אין באהעלטעניש, אָפּגעהיט איר מיידלשע ריינקײַט, געווען צו איר ווי א טרײַער איבערגעגעבענער פּאָטער, דעמלט ווען צירל, זי האָט עס מיר אליין דערציילט, האָט נאָך דעמלט געגאַרט אים האָבן פאר א מאַן, וועט זײַוול אליין פארשטיין, וואָס האָט ער צו טאָן און ווי דאַרף ער זיך ווײַטער אופירן.

— כ׳האָב אָבער מוירע, נאפטאָלע דאווידאָוויטש, אז ס׳איז שפּעט צו כאַפּן שוין אף צוריק. בא זיי איז א הייסע ליבע, זאָגט מײַן טײַבע.

— ליבע, כאָווער געדאַליע, איז נאָך ניט דאָס סאַמע העכסטע און דאָס סאַמע שטאַרקסטע אינעם מענטשן. פאראַן אַזוינס, וואָס וועגט אינעם מענטשן אַלץ אַריבער. נאָר ווי דאָרט זאָל ניט זײַן, איז גלײַכער, מיין איך, אז כאָנע זאָל וועגן דעם אַלץ, וואָס איר האָט מיר דאָ הײַנט דערציילט, ביכלאַל ניט וויסן. אָט ווען איר קאָנט עס נעמען אף זיך...

— איך האָב עס שוין גענומען אף זיך, נאפטאָלע דאווידאָוויטש.

## קאַפּיטל אכט

פון דער זײַטיקער, קימאַט אינגאַנצן פארוואַקסענער סטעזשקע, מיט וועלכער געדאַליע האָט זיך פארקליבן אַלץ טיפער אין וואַלד, האָט ער ניט אופגעהערט נאָכשפּירן נאָך דעם שכיינעסדיקן אײַנגעפּאַרענעם וועג, ניט אַרויסלאָזנדיק אים אף קיין רעגע פון אויג. דאָס גיין אהער די גאַנצע צײַט פאָרזיכטיק און געהיט, אז קיין פויגל זאָל אים ניט אַרויסזען, דאָס צופאַלן שיר ביט צו דער ערד מיט א פארטײַעטן אָטעם, ווען אים האָט זיך אויסגעוויזן, אז פון הינטער דיביימער איז עמעצער אַרויס אפן וועג, האָט זיך וויניק וואָס אונטערשיידט פון זײַן אויסבאַהאַלטן זיך, בייס ער פלעגט גיין אין אויסשפּיר, כאָטש ער האָט איצט ניט געהאַט וואָס מוירע צו האָבן, אז עמעצער קאָן פלוצעם הינטערווײַלעכס אָנפאַלן אף אים, אז איבער זײַן קאָפּ קאָנען מיטאַמאָל נעמען פײַפן קוילן. און טאַפּן מיט די הענט דעם כוישעך, ווי באַם גיין אין אויסשפּיר, איז אים איצט אויך ניט אויסגעקומען. אפילע צו אָוונט איז געווען גאַנץ ווײַטלעך. די זון האָט נאָך ניט פארנומען פון וואַלד אַלע אירע שטראַלן. און ביכלאַל דאַכט זיך אים, אז אָט דאָס גיין אַזוי ווײַטער געהיט און פאָרזיכטיק איז סטאַם שוין איבעריק. אַזוי טיף וועט דער אינזשעניער זיך ניט פארקלײַבן. גיי־כער פון אַלץ האָט טײַבען זיך פּאָשעט אויסגעוויזן, אז אַלעקסיי ניקאָ־לײַעוויטש האָט מאָדנע פארדעכטיק זיך אַרומגעקוקט באַם אַרײַנגיין אין וואַלד, און געמאַכט דערפון אַן אויספיר, אז ניט אַנדערש ווי ער האָט דערבײַ עפּעס פארטראַכט. מאַלע וואָס עס דאַכט זיך צומאָל אויס. עפּשער האָט ער אָפּגערעדט מיט א מיידל זיך באַגעגענען און וויל ניט, אז עמע־צער זאָל דערפון וויסן? צווישן די מיידלעך אפן זאַוואָד וועט זיך זיכער געפינען אַזאַ, וואָס וואָלט אײַנגעגאַנגען זיך דורכשפּאַצירן מיט אים איבערן וואַלד... נאָר אז טײַבע האָט פּאָרט איבערגעלאָזט אין אים א

שטיקל כשאַד צו דעם אינזשעניערס פאַרקלײַבן זיך הײַנט אַהער... ביכלאַל איז אים, געדאַליען, אַפילע אַפן געדאַנק ניט אַרוף, ווען ער איז אַרויס פון שטוב, אַז ער וועט פאַרקריכן אַהער. ער איז פּאַשעט אַרויס זיך אַ ביסל דורכשפּאַצירן איבערן שטעטל, און אַזוי טאַקע האָט ער געזאָגט זײַן טײַבען, ווען זי האָט אים געפרעגט, וווהין האָט ער זיך עס מיטאַמאָל געלאָזט גיין. ער האָט זיך דאָך גאָר געקליבן צורעכט מאַכן דאָס שטעטעלכל.

אויסער דעם שטעלעכל האָט געדאַליע געהאַט אויך אַנדערע שטוביקע אַרבעט. עס האָט אָף אים געוואַרט פרײדקעלעס צעבראָכן וועגעלע, ער האָט איר צוגעזאָגט עס הײַנט פאַריכטן. האָבן אָבער די געסלעך אים אַליין אַרויסגעפירט צום וואַלד, און ער האָט פּאַשעט ניט געקאָנט זיך בײַקומען, אַז ער זאָל ניט אַרוף אָף דער קימאַט אײַנגאַנצן פאַרוואַקסענער סטעזשקע, וואָס באַגלייט דעם שכײנעסדיקן אײַנגעפאַרענעם וועג, אָפּמאַכנדיק דערבײַ מיט זיך, אַז ווי נאָר ער דערקלײַבט זיך צו יענעם־אַ בוים, קערט ער זיך גלײַך אום צוריק. און אַזוי האָט ער אָפּגעמאַכט מיט זיך שוין עטלעכע מאָל, אויסקלײַבנדיק צוליב דעם יעדעס מאָל אַן אַנדער בוים.

ווי גוט וואָלט געווען, האָט אַ טראַכט געטאָן בײַ זיך געדאַליע, ווען ער זאָל נאָך אַזאַ הייסן זומערדיקן טאָג אָפּשטיין בײַ די פלאַם־פּײַערדיקע קעסלען זיך אַ וואַלגער טאָן דאָ אינעם הויכן זאַפטיקן גראָז און וועגן גאָרניט קלערן, ליגן פּאַשעט אַזוי מיטן פּאָנעם צו דער בלויער הייך און קוקן אָף די פאַרבײַשווימענדיקע געקרײַזלטע וואָלקנדלעך. ער וועט, דאַכט זיך, טאַקע באַלד אַזוי טאָן. אַלעקסיי ניקאָלײַעוויטש, אויב ער איז, ווי טײַבע זאָגט, אַוועק אין וואַלד, האָט ער מיסטאָמע שוין פון לאַנג זיך אומגעקערט צוריק. און ביכלאַל איז עס ייִנגלש, וואָס ער מישט זיך, געדאַליע, אַרײַן. צירל האָט אַ מאַן. געדאַרפט געווען, ווי טײַבע זאָגט, אים סאָפּקאָלסאָף עפענען די אויגן. איז געדאַליע אָבער ביז איצט נאָך ניט זיכער, אַז ס׳איז טאַקע אַזוי, ווי טײַבע האָט אים דעמלט געהאַט דערציילט. עפשער איז גערעכט דער לערער — צירל האָט געפירט זײַוועלען ווײַזן די שטאָל, פונוואַנען מע האָט זי אַרויסגעפירט צו דער גרוב, און דעם טשערעט אונטערן בריקל, וווּ זי האָט זיך אויסבאַהאַלטן... נו, און דאָס, וואָס דער אינזשעניער האָט אים געזאָגט אין דער קעסל־הייצונג, אַז ער האָט אַנומלטן צופעליק געטראָפן דאָ פאָרן צירלען מיט זײַוועלען און זיי זײַנען געזעסן אין וועגל אַרומגענומען ווי אַ פאַרליבט פּאָרל, האָט יענער עס געקאָנט פּאַשעט אויסטראַכטן. אָבער ווי געדאַליע איז ניט געווען בײַ זיך זיכער, אַז ער האָט שוין ניט ווײַטער וואָס צו גיין און זיך אויסבאַהאַלטן, דאָך האָט ער פאָרגעזעצט דעם וועג.

ביין, איצטיקס מאָל האָט זיך געדאַליען שוין ניט אויסגעדוכט, אַז עמעצער האָט זיך באַוויזן אָפּן וועג. דער מענטש, וועלכן ער האָט דערזען, האָט זיך אַרויסגעגעבן מיט זײַנע ברילן. עס האָט זיך אין זיי אָפּגעלויכטן דער פלאַם פון דער פאַרגייענדיקער זון. געדאַליע האָט זיך נאָך נידעריקער אײַנגעבויגן און אײַנגעהאַלטן דעם אָטעם.

ס׳האָט זיך דערהערט אַ לײַכטער שאָרך פון רעדער. אין עטלעכע

מינוט ארום האָט זיך באוויזן אַן אײַנגעשפּאַנט וועגל. נאָך איידער גערדאַ־ליע האָט דערקענט אין דער אָנטרײַבערן, וואָס איז געזעסן האַלב צו אים מיט דער פּלייצע, צירלען, האָט ער דערזען ארויסלויפן פון צווישן די ביימער מיט ברייט צעשפּרייטע הענט אַלעקסיי ניקאָלײַע־וויטשן.

ניט אזוי לײַכט איז אָנגעקומען גערדאַליען זיך צו צווינגען, אַז ער זאָל ניט ארויס פון זײַן באהעלטעניש צווישן די נידעריק־אראָפּהענגענ־דיקע צווײַגן און מיט איין שפּרונג, ווי בייסן גיין אין אויסשפּיר, זיך ארופוואַלגערן מיט דער גאַנצער שווערקײַט זײַנער אַף אוורעמלען. נאָר גרייט איז ער געווען דערצו. אים האָבן אָפּגעטיילט פונעם וועגל בלויז עטלעכע שפּאַן. דורך דעם געדיכטן צווײַגן־געפלעכט האָט גערדאַליע נאָכ־געשפּירט נאָכן אינזשעניער, וואָס האָט אָנגעכאַפּט דאָס פערד פאַרן צײַמל, און זיך באַמיט ניט דורכלאָזן קיין איינציק וואָרט.

— א גוטער העלף דיר, צירל.

— וויאָ, גאָלובטשיק!

— נו, הערט זיך אוף אַף מיר בלאָזן. מיר זײַנען דאָך געווען מיט אײַך פרײַנט, און מיט א פרײַנט...

— אנטשולדיקט, — האָט צירל אים האַסטיק איבערגעשלאָגן, — איך האָב קיין צײַט ניט.

— מיט א פרײַנט באַגייט מען זיך ניט אזוי, אויב מע וויל ניט, ער זאָל פון א פרײַנט ווערן א פײַנט. איר קאָנט מיך אויסהערן?

— לאָזט אָפּ דאָס פערדל!

— איך מיין, אַז כ׳דאַרף אײַך ניט דערקלערן, ווי קום איך איצט אַהער. איר פאַרשטייט עס אליין גאַנץ גוט. איך בין ווי א פאַרליבט ייִנגל ארויס אײַך באַגעגענען. איר זעט, איך שעם זיך עס אײַך ניט זאָגן. איר וועט מיר, גלייב איך, דערלויבן אונטערפאָרן מיט אײַך א ביסל, — ער האָט זיך פאַרמאָסטן ארײַנצושפּרינגען אין וועגל.

צירל האָט אים אָפּגעשטויסן פון זיך, און אַז דער אינזשעניער האָט ווידער אָנגעכאַפּט דאָס פערדל פאַרן צײַמל, האָט צירל אופגעהויבן אַף אים דאָס בײַטש־שטעקל.

אַלעקסיי ניקאָלײַעוויטש האָט ארויסגעכאַפּט פון אירע הענט דאָס בײַטש־שטעקל און עס פאַרוואָרפן הויך אַף א בוים.

— איך האָב געוואָלט זיך דורכריידן מיט אײַך מיט גוטן. פאַרגעסט ניט, אַז איך האָב זייער א סאַך אײַך וואָס צו זאָגן, און זייער וויכטיקס. עפּשער וועט איר מיך פונדעסטוועגן פאָרט אויסהערן? — ער האָט אָפּגע־פירט דאָס וועגעלע אָן א זײַט פון וועג.

וויפל גערדאַליע האָט זיך ניט אײַנגעקוקט, האָט ער שוין איצט גאָר־ניט געזען. נאָר צו אים איז, ווי פריִער, אויך איצט דערגאַנגען פון דאָרט קימאַט איטלעכס וואָרט. דער אינזשעניער האָט איצט גערעדט עטוואָס שטילער, אָבער מער זיכערער.

— מיינט ניט, צירל, אַז כ׳האָב פאַרגעסן יענעם פּאַטש... איך בין ניט פון די, וואָס פאַרגעסן אַזעלכעס...

— כ׳האָב אײַך דען געבעטן, אַז איר זאָלט עס פאַרגעסן?

— איך האָב אָבער פּײַנט צו בלײַבן אַ באַלכויוו. אַ כויוו, אַז מע קומט, דאַרף מען אים אָפּגעבן.

— איר קלײַבט זיך עפּשער אָפּגעבן מיר דעם פּאַטש?

— פאַר װעמען האַלט איר מיך? אַזאַ יונג װײַבל װי איר נײטיקט זיך ניט, מע זאָל איר דאַרפן אונטערזאָגן, װי אַזוי זיך צעצאָלן מיט אַ כויוו.

— אויסוואורף!

— און דאָס איז אַלץ, װאָס דו האָסט מיר צו זאָגן?! איצט, טײַערינקע, הער מיך אויס און באַשטים אַליין, װאָס קלײַבסטו אויס. כ׳זאָל דערציילן דײַן מאַן, װי אַזוי דו האָסט זיך אײַן אָוונט פאַרשפּאַרט מיט דײַן געליבטן אין דער פאַרלאָזענער שטאַל באַם טײַך, צי עס פּונדעסטוועגן אויסבאַהאַלטן פון אים?

— איר לײַגט!

— אַך, אַזוי גאָר? איך לײַג? װי איז אָבער, אויב ס׳זײַנען פאַראַן אײדעס! און װײסט איר װער? די פרוי פון אײַערן זײער אַ נאָענטן באַקאַנטן, פאַר װעמען איר האָט זיך אויסגעפּײַנט, אַז איר האָט מיך געפּאַטשט. זי האָט אויך געזען, װי איר האָט זיך ביידע אַראָפּגעלאָזט צום טײַך...

װאָס האָט צירל אים דערויף געענטפערט, האָט גדליה ניט געהערט. דאַכט זיך, זי האָט געוויינט.

— און דאָס איז װײַט נאָך ניט אַלץ, װאָס כ׳האָב צו דערציילן דײַן מאַן. מיט אַ װאָכן דרײַ צוריק האָב איך דיך געזען דאָ פאָרן מיט דײַן געליבטן. איר האָט מיך ניט געקאָנט באַמערקן: איך האָב באַצײַטנס באַװיזן זיך אויסבאַהאַלטן הינטער אַ בוים. כ׳האָב אָבער אַלץ געזען.

— װאָס האָט איר געזען? װאָס האָט איר געקאָנט זען, אויסוואורף איר אײנער? װאָס?!

— איך קלער ניט, אַז מיר זאָל אויסקומען אונטערזאָגן דײַן כאָנען, װאָס קאָן זיך פאַרלויפן אין אָוונטיקן װאַלד צווישן אַ יונגן באָכער מיט אַ יונג שײן װײַבל. דײַנער איז ניט אַזאַ נאַר, ער זאָל עס אַליין ניט פאַרשטײן. און איצט קלײַב אויס... כ׳מײן, אַז פאַר דיר איז אַ סאַך גלײַכער, אַז דאָס זאָל בלײַבן אַ סאָד. איך שווער דיר, אַז קײנער װעט זיך װעגן דעם ניט דערוויסן. קײנער!... איך האָב דיך ליב... כ׳װעל זיך געטן מיט מײַן װײַב... טײַערע...

די פאַרטײַעטע שטילקײַט, װאָס איז איצט דערגאַנגען צו גדליהן פון יענער זײַט װעג, איז געװען פול מיט געהײמעניש. צי דען איז צירל, װעלכע האָט מיט אַזאַ סינע און עקל אָנגערופן דעם אוורעמלען אויסוואורף, נידערטרעכטיקער נעפעש... צי דען איז זי אײַנגעגאַנגען אויף דעם אויסוואַל, װאָס ער האָט איר געמאַכט, אויב זי וויל, אַז דאָס אַלץ, װאָס ער האָט איר דערציילט, זאָל בלײַבן אַ סאָד? די פאַרדעכטיקע שטילקײַט האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן, זי האָט געפּלאַצט, נאָך אײדער צו גדליהן איז דערגאַנגען צירלס פאַרשטיקט געשריי.

מיט אײן שפּרונג איז גדליה שוין געװען אויף יענער זײַט װעג, לעבן

דעם צוגעבונדענעם װעגעלע, װוּ צירל האָט אינעם הויכן גראָז זיך געראַנגלט מיט אוּוראָם ניסאָנאָװיטשן.

דערזען פאַר זיך מיטאַמאָל דעם קעסל־הייצער, האָט דער אינזשעניער זיך האַסטיק אופגעהויבן און פאַרלוירן געזוכט, װוּ צו אויסבאַהאַלטן זיך פונעם מענטשן, פון װעלכן ס'האָט געשלאָגן אַ היץ, װי פון די זודיקע קעסלען.

— איך זאָל ניט דאַרפן אײַך נאָכלויפן, — האָט געדאַליע, האַרט צו־גייענדיק צום אינזשעניער, צוריקגעהאַלטן געזאָגט, — איז גיט מיר, זײַט אַזוי גוט, אײַערע ברילן. כ'װעל זיי אײַך דערנאָך אומקערן. איך זע, אַז איר װילט, איך זאָל זיי אײַך אַליין אויסטאָן.

אָן די ברילן האָט אַלעקסיי ניקאָלײַעװיטש אינגאַנצן זיך געענדערט. דאָס ביז בלוט צעגראַבלטע פּאָנעם איז געװוען ניט צו דערקענען, עלטער אױף היפּשע עטלעכע יאָר. די גרינבלעכע שװאַרצאַפּלען זײַנען אומגעלאָפן הין־און־צוריק, װי מע זאָל זיך נאָך זיי נאָכיאָגן און זיי האָבן ניט הינטער װאָס זיך אויסצובאַהאַלטן.

געדאַליע האָט געהאָלפן צירלען זיך אופהייבן פונעם גראָז. זי האָט פאַרשעמט זיך אָפּגעקערט פון אים און טיפער פאַרוקט דאָס קאָפּטל מיט די אָפּגעשפּרונגענע קנעפּלעך אינעם קליידל...

— זעץ זיך אויף און פאָר דיר רויִק אַהיים. זײַ זיכער, קיינער װעט נישט װיסן ניט פון דעם, װאָס ער האָט דיר דאָ הײַנט געזאָגט, און ניט פון דעם, װאָס דאָ איז זיך הײַנט פאַרלאָפן. און ביכלאַל האָסטו ניט פאַר אים װאָס מוירע צו האָבן. פאָר, פאָר. איך װעל דיך אָניאָגן. איך דאַרף זיך דאָ נאָר אַ ביסל דורכשמועסן מיטן דאָזיקן פאַרשװינדל...

װען דאָס שאָרכען פון די רעדער פונעם װעגל איז שוין קוים דער־גאַנגען אַהער, האָט געדאַליע מיט איין האַנט אַ כאַפּ געטאָן אוּורעמלען פאַר דער ברוסט, אים אַ הייב געטאָן און קוים זיך באַהערשט, אַז ער זאָל אים ניט אַ שלײַדער טאָן, נאָר אָװעקשטעלן צוריק אויף די פיס, אָבער אַזוי, אַז דער פאַרשוין זאָל אין גאַנצן לײַב דערפילן די האַרטקײַט פון דער ערד.

— איך האָב אײַך, דאַכט מיר, געװאָרנט, אַז איך בין אַ סאָלדאַט. צי דען האָט איר שוין באַװיזן עס פאַרגעסן? און װען אַ סאָלדאַט באַגעגנט זיך מיט אַ סוינע... יאָ, איר זײַט פאַר מיר אַ סוינע. איר הערט, אוּוראָם ניסאָנאָװיטש, אַ סוינע!

— איך פאַרשטיי ניט, — האָט דער אינזשעניער הילפלאָז געפּינטלט מיט די גרינבלעכע אויגן, װאָס האָבן געהאַלטן אין איין זוכן הינטער װאָס זיך אויסבאַהאַלטן, — װאָס גייט עס אײַך אַזוי אָן? פאַרװאָס האָב איך זיך געמאַכט ניט זעענדיק, װען כ'האָב אײַך שפּעט באַנאַכט געטראָפן שפּאַצירן...

— גוט, װאָס האָסט מיר דערמאָנט איצט װעגן דעם. װייסט, אוּורעמל, איך האָב אויך ניט ליב בלײַבן יענעם אַ באַלכויװ. אַ כויװ דאַרף מען צאָלן, ביפּראַט װען מע איז שולדיק אַ כויװ אַזעלכן װי דו, — און גע־דאַליע האָט מיט דער גאַנצער קראַפט אַראָפּגעלאָזט אוּוראָם ניסאָנאָ־װיטשן אַ פּראַסק איבער דער באַק, נאָר ניט געלאָזט אים אומפאַלן. —

און איצט לאָמיר זיך פאַרפּריִער מיט דיר דערריידן. אַלץ, וואָס דו האָסט דאָ היינט געזאָגט, כ'האָב אַלץ געהערט, איז שעקער וועקעזעוו. דו ווייסט עס זייער גוט אַליין. געדענק. טאָמער גיסטו נאָכאַמאָל עמעצן אַ פּיפּס וועגן דעם, וועט דער גאַנצער זאַוואָד און דאָס גאַנצע שטעטל וויסן, פאַרוואָס איז באַ דיר אַזוי צעדראַפּעט דאָס פּאָנעם און פאַרוואָס אַזאַ אופגעפּלאַמטע באַק. פאַר איין טאָג גייט אַזוינס ניט דורך און פאַר קיין וואָך אויך ניט. און נאָך וועגן איינס לאָמיר זיך איצט איינמאָל פאַר אַלעמאָל דערריידן. די גלייַכסטע זאַך וואָלט, פאַרשטייט זיך, געווען, ווען דו פאַרנעמסט זיך ביכלאַל פונדאַנען. נאָר קאַלזמאַן ביסט נאָך דערוויַיל דאָ, איז אייצע איך דיר זיך האַלטן וואָס ווייַטער פון דער קאָטעלניע, ווען איך בין דאָרט. עפּשער קאָנסטו מיר פונדעסטוועגן ענטפערן, פונוואַנען נעמען זיך אַזעלכע אָורעמלעך, ווי דו, האַ?!

גערדאַליע האָט ניט געוואָלט, אַז דער אינזשעניער זאָל אַזוי שווער אומפאַלן, ווען ער האָט אים אַ שטויס געטאָן פון זיך. אַ ליגנדיקן האָט ער אים צוגעוואָרפן די ברילן, ברייט איבערגעשפּרייַזט איבער אים און, ניט אומקוקנדיק זיך מער אין זייַן זייַט, זיך געלאָזט אַניאָגן צירלען, וואָס האָט געוואַרט מיטן וועגל אַף אים.

אַרייַנגעשפּרונגען אין וועגעלע, האָט גערדאַליע אַ טרייַב געטאָן דאָס פערדל, וואָס האָט זיך אומגעקוקט אַף אים, ווי ס'זאָל האָבן אים וואָס צו זאָגן, און פאַטערלעך צאַרט אַ גלעט געטאָן צירלען איבערן קאָפּ.

— כ'האָב זיך מיט אים וועגן אַלץ דערעדט. קאָנען האָסטו ניט וואָס צו דערציילן. און ס'איז דאָך, אייגנטלעך, טאַקע ניטאָ וואָס צו דערציילן. איז צו וואָס זאָלסטו אים מעצאער זייַן?

— איר האָט אַלץ געהערט? — האָט צירל, אַרייַנצי׳ענדיק נאָך טיפער דעם קאָפּ אין די אַקסלען, שטיל געפרעגט.

— און אַז כ'האָב געהערט, איז ווייס איך ניט, אַז דער נעפּעש האָט דאָס אַלץ אויסגעטראַכט?

— איר ווייסט, פאַרוואָס איך בין געגאַנגען מיט זייַוולען צום טייַך און מיר זייַנען אַרייַן אין דער פאַרלאָזענער כורווע?

— איך ווייס. דער לערער האָט מיר דערציילט.

— נאַפטאַלע דאַווידאָוויטש ווייסט שוין אויך וועגן דעם? — האָט זי, קוים אייַנהאַלטנדיק די טרערן, געפרעגט.

— נו איז וואָס? דאָס האָב איך אים דערציילט.

— איר?

— פונוואַנען, הייסט עס, ווייס איך? — גערדאַליע האָט זיך אַ רעגע פאַרקלערט און באַלד געענטפערט. — טאַקע פון דעם אינזשעניער, בלויז פון אים ווייס איך עס. נאָר דער לערער האָט לאַכלוטן אין דעם ניט געגלייבט. און איך האָב אויך אין דעם ניט געגלייבט. קאָנסט זייַן רויִק. מער וועט אָט דער אָורעמל קיינעם עס ניט דערציילן. דו הערסט, צירל? קיינעם ניט.

צירל איז צוגעפאַלן צו גערדאַליען ווי אַ קינד און הויך אַף אַ קאָל זיך פאַרגאַנגען אין אַ געוויין.

## קאפּיטל נײַן

אזוי מעשונע לאַנג האָט נאָך די לעוואָנע, דאכט זיך צירלען, קיינמאָל ניט פאַרהאַלטן זיך בײַ זייער פענצטערל. די לעוואָנע קוקט אַרײַן אַהער צו זיי, ווי זי זאָל זיך ריכטן, אז הײַנט דאַרף דאָ געשען עפּעס זייער וויכטיקס, גייט זי ניט אָפּ, שטייט אַלץ און וואַרט. צירל אָבער איז דער־ווײַל נאָך ניט זיכער, אז הײַנט וועט עס ענדלעך געשען. גיכער פון אַלץ וועט אויך די הײַנטיקע נאַכט מיט זיך גאָרניט ברענגען פאַר איר און זי וועט מאָרגן ווידער זיך פּײַניקן, פאַרוואָס האָט זי ביז איצט נאָך ניט דערציילט דעם מאַן דאָס, וואָס זי האָט אַפילו קיין איין שאָ ניט געטאָרט פון אים אויסבאַהאַלטן. וו׳אַזוי האָט זי עס דערלאָזט, אז בײַ איר זאָלן זײַן סוידעס פון כאָנען?

אײַנגאַנצן אָבער קיין סאָד,— פאַרענטפערט זיך צירל פאַר זיך,— דאַרף עס פאַר כאָנען ניט זײַן. שווער צו גלייבן, אז איר כאָנע זאָל זיך ניט האָבן אָנגעשטויסן, פאַרוואָס זי האָט וויפל שוין מאָל פאַרפירט מיט אים א רייד וועגן דעם, אז זי וויל אַריבערגיין אַף אַן אַנדער אַרבעט. ער האָט, אַפּאָנעם, ניט געוואָלט עס אַרויסווײַזן פאַר איר, צי וואָס...

צירל ליגט מיט אָפענע אויגן, טוט זיך ניט קיין ריר, זי זאָל ניט אויפוועקן כאָנען.

די פולע לעוואָנע, ווי אַן אָנגעגאָסענע מיט מילך, האָט זיך נאָך מער דערנעענטערט צום פענצטערל, פאַרכאַפּט מיט איר העלער ליכט דאָס גאַנצע צימערל און קוקט איצט אַף איר, אַף צירלען, ווי זי זאָל איר וועלן זאָגן: „וואָס ערגערסטו זיך אַזוי? ס׳איז דאָך גאָרניט פאַרלאָפן דערווײַל נאָך אַזעלכעס, אַז זאָלסט וועגן דעם דאַרפן דערציילן דעם מאַן. צו וואָס זאָלסטו אים פאַרשאַפן איבעריקע ליידן? דיר דאַרף מען דאָך ניט דערציילן, וויפל אָט דער מענטש האָט זיך אָנגעליטן אַף זײַן לעבן...”

אייגנטלעך, איז צווישן איר מיט זײַוולען טאַקע גאָרניט געשען נאָך דערווײַל אַזעלכעס, אַז זי זאָל זיך דערפון דאַרפן אַזוי פּײַניקן... און דאָס, וואָס שיר ניט איטלעכס מאָל, אונטערוועגנס קומט איר זײַוול אָן אַנטקעגן, איז זי דאָך אויך ניט שולדיק. צירל פילט אָבער, ווי מיט יעדעס מאָל, וואָס זיי באַגעגענען זיך אין וואַלד, פאַרלירט זי אַלץ מער די זיכערקײַט אין זיך, ווײַל מיט יעדעס מאָל נעמט זײַוול אַלץ מער פאַרשטעלן מיט זיך כאָנען. און פאַר דעם האָט זי א סאַך מער מוירע, ווי דאָס, וואָס אַלעקסיי ניקאָלײַעוויטש, אָדער ווי צירל רופט אים איצט שוין אויך, אוורעמל, וועט צעפּויקן איבערן שטעטל, אז ער האָט זי שפּעט אין אָוונט געזען זיך אַראָפּלאָזן מיט זײַוולען צום טײַך און זיי האָבן זיך דאָרט פאַרקליבן אין דער פאַרלאָזטער שטאַל...

פאַרוואָס האָט זי אויך דאָס אויסבאַהאַלטן פון כאָנען, געמאַכט דער־פון א סאָד? כאָנע, איז צירל זיכער, וואָלט איר גאָרניט געוועזן געזאָגט, ווען ער זאָל וויסן, אז דאָס האָט כעסין אַליין זי געבעטן. נו, וו׳אַזוי זשע האָט זי געקאָנט אים אָפּזאָגן? צירל פאַרשטייט בלויז ביז איצט ניט, צו וואָס האָט ער עס באַדאַרפט? זאָל זײַן, אז דער לערער האָט עפּעס באַ־מערקט און דערמיט, וואָס ער האָט זי געשיקט ווײַזן זײַוולען דאָס בריקל

איבערן טײַך און די שטאָל, איז ער אויסן געווען געבן זײַוולען צו דערפילן, וווּ ער געפינט זיך, ער זאָל, הייסט עס, וויסן אַף ווײַטער, וויאַזוי זיך אויפירן צווישן אַזעלכע, ווי צירל, ווי כאָנע, ווי ער, דער לערער? צי ניט אין שײַכעס דערמיט האָט נאַפּטאָלע דאַווידאָוויטש איר דערבײַ אַ זאָג געטאָן, אַז אײַנהיטן דעם מענטש אינעם מענטשן, זיך אײַנשטעלן און אָנעמען זיך פאַר דעם איז איינע פון די גרעסטע, אויב ניט די גרעסטע מיצווע אַף דער וועלט? איז האַלט, קומט אויס, דער לערער, אַז זײַוול איז אויך פון די, וואָס נייטיקן זיך, מע זאָל פאַרהיטן אין אים דעם מענטשן? צי האָט ער דערמיט ניט געמיינט אויך שוין זי?..

„עפשער האָסטו דײַן כאָנען מער ניט ליב? דאַן איז גלײַכער, אַז זאָלסט עס מער ניט אָפּלייגן, נאָר זאָגן עס אים איצט, טאַקע שוין”.

מאָדנע, זי האָט דאָך נאָך קיין אויג ניט צוגעמאַכט, בלויז באַהאַלטן אין קישן דאָס פּאָנעם פון דער לעוואָנע. זי האָט אָבער פּאָרט דײַטלעך קלאָר דאָס אַלץ נאָרוואָס געהערט. און כאָטש אין פענצטערל האָט שוין איצט אַרײַנגעקוקט אַ בלייכער הימל מיט אויסגעבלייכטע שטערן, האָט צירלען זיך נאָך אַלץ ניט געגלייבט, אַז זי איז ניט געווען די גאַנצע צײַט אויף, אַז באַהאַלטנדיק דאָס פּאָנעם אין קישן, איז זי אומבאַמערקט אײַנגעשלאָפן.

אונטער כאָנען האָט שווער אַ סקריפּע געטאָן דאָס בעט. צירל האָט אים דערזען ליגן מיט אָפענע אויגן.

— שלאָפסט גאָר ניט? — האָט זי שטיל געפרעגט.

כאָנע האָט זיך געגעבן אַ כאַפּ אויף, ווי אַ מענטש, וועלכן מע האָט פאַרשפּעטיקט אויפוועקן באַצײַטנס צו דער אַרבעט, און טיף אָפּגעזיפּצט.

— מיר האָט זיך הײַנט ווידער שוין געכאָלעמט דאָס זעלבע. מעשוגע צו ווערן פון דעם.

איבערדערציילן עס צירלען האָט כאָנע ניט באַדאַרפט. שוין דאָס וויפלטע יאָר, ווי אָט דער זעלבער, קימאַט אַלציינער כאָלעם טרעט ניט אָפּ אויך פון איר, פּונקט ווי אָן זײַן אַרײַנרײַסן זיך צו זיי אָפּט אין שלאָף קאָנען זיי ביסלעכווײַז נעמען פאַרגעסן דאָס, וואָס מע קאָן ניט פאַרגעסן, זיי זאָלן אַפילע לעבן אייביק.

וויאַזוי ער זאָל בא יעטווידן איינעם פון זיי זיך ניט אונטערשיידן מיט עפּעס, אָט דער זיך אָפּט איבערכאַזערנדיקער כאָלעם, נאָר אָנהייבן הייבט ער זיך בא ביידן אָן פון איינס און דעם זעלבן, פון דעם, אַז איידער מע איז צו זיי געקומען און צום צווייטן מאָל פאַרנומען פון שטוב, האָבן זיי שוין עטלעכע וואָכן צי כאַדאָשים באַוויזן זײַן אַף דער פרײַ. זיי האָבן שוין געהאַט באַלד פאַרגעסן, אַז זיי זײַנען צוויי זומערס מיט קימאַט דרײַ ווינטערס אָפּגעלעגן אין אַ קעלער און פאַר דער גאַנצער צײַט קיין איין מאָל ניט געזען אין דער פולער שײַן ניט די זון, ניט די לעוואָנע. אין די שטאָקפינצטערע נעכט, ווען טימאָפּיי וואַסיליעוויטש און קסעניע אַנדרייעוונע, וואָס האָבן זיי אויסבאַהאַלטן בא זיך, פלעגן צומאָל זיי אַרויסלאָזן פון קעלער אָן עטעם טאָן אַ ביסל מיט פרישער לופט און פאַרייִנס שוין זיך אַרומוואַשן, האָבן זיי אַפילע קיין שטערנדל ניט געזען זיך לויכטן אין דער פולער שײַן. און אָט זײַנען זיי ענדלעך אַף דער פרײַ. אינגאַנצן אַף

דער פּריַי. און אַרויסגעלאָזט האָט מען זיי ניט פונעם קעלער, ווו זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן, נאָר פון אַ גרויסער ליימענער גרוב, אָן אַרומגעצאַמ־טער מיט רייען שטעכיקן דראָט.

דאָס ווײַטערדיקע, נאָכן באַפרײַען זיי, האָט זיך שוין יעדן איינעם געכאָלעמט פאַרשיידן: אים, כאָנען, — אַז ער איז ווידער אַ טאַטע פון דערוואַקסענע קינדער, און איר, צירלען, — אַז זי איז נאָך גאָר אַ יונג מיידל און אין איר זײַנען פאַרליבט אַלע ייִנגלעך פון שטעטל.

אין שטעטל האָט זי, אַרויסגייענדיק אויף דער פּריַי, געטראָפן אַלע אירע אייגענע און נאָענטע. זיי האָבן זיך אויך, אָט ווי זי, אויסבאַהאַלטן בא באַקאַנטע פּויערים אין די קעלערס. מע האָט זיי אויך אַרויסגעלאָזט אויף דער פּריַי פון דער זעלבער ליימענער גרוב. קיינער אָבער פון די, וועמען זי באַגעגנט, וויל ניט, מע זאָל מיט אים פאַרפירן אַ רייד וועגן דעם, וואָס איז געווען, דערמאָנען, ווו איז ער געווען, פונוואַנען האָט ער זיך אומגעקערט צוריק צו זיך אַהיים, צו זײַנע אייגענע. און דאָס זעלבע פאַרלאַנגען זיי פון איר, זי זאָל אויך אויפהערן זיך דערמאָנען, וואָס איז זי ביזן באַפרײַען אויסגעשטאַנען. קוים איז געשען דער גרויסער נעס און מע איז געבליבן לעבן, מע איז ווידער אויף דער פּריַי, איז דאַרף מען זיך פרייען... איז פרייט זי זיך, צירל, באַגלײַך מיט אַלעמען.

און דאָ גייט זיך בא זיי ביידן ווידער צונויף דער כאָלעם, און כאָנע האָט ווידער ניט וואָס איבערצודערציילן צירלען. זי האָט מען דאָך אויך, פונקט ווי אים, נאָכדעם ווי זי איז אָפּגעווען אַ צײַט שוין אויף דער פּריַי, פּלוצעם ווידער פאַרנומען פון דער היים. אָבער שוין ניט ווי דאָס ערשטע מאָל, מיט אויטאָמאַטן און הינט, נאָר העפלעך, גלײַך מע זאָל זי געווען פאַרבעטן אין געסט. איר האָט מען אויך, פונקט ווי אים, צוגעזאָגט, אַז מע וועט זי לאַנג ניט פאַרהאַלטן. מע דאַרף נאָר בא איר אויסקלאָרן עפּעס אַ קלייניקײַט און מע וועט זי גלײַך אָפּלאָזן אַהיים.

און וועגן דעם, אַז מע האָט אים פאַרטריבן ניט צוריק אין קעלער, ווו ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן מיט איר, נאָר אין דער ליימענער גרוב, דאַרף ער איר אויך ניט איבערדערציילן. זי האָט מען דאָך אויך אַהין פאַרטריבן. אַלעמען, מיט וועמען זי איז דאָ פריִער געזעסן און וועמען זי האָט דאָ נאָך געהאַט געטראָפן, האָט מען פון לאַנג שוין אַרויסגעלאָזט און קיינעם פון זיי צוריק מער אַהער ניט געבראַכט. אַלע זײַנען אויף דער פּריַי, און וועגן איר האָט מען פאַרגעסן, און זי האָט ניט וואָס צו האָפן, אַז זי וועט ווען־ניט־איז אַרויסגיין פונדאַנען. צוויי מאָל, קענטיק, לאָזט מען פונדאַ־נען ניט אַרויס.

מער פון אַלץ האָט ביידן געוווּנדערט אין אָט דעם כאָלעם ניט אַזוי די קימאַט זעלבע איינצלהײַטן, ווי דאָס, וואָס מע האָט זיי צוריק פאַר־טריבן אין גרוב שוין נאָכדעם ווי מע האָט זיי פון דאָרט איינמאָל אַרויס־געלאָזט און זיי זײַנען אַ שטיק צײַט אָפּגעווען אויף דער פּריַי. און פונקט ווי צירל, וואָס האָט פאַר די אַלע יאָר נאָך קיין איין מאָל ניט געזען אין אָט דעם כאָלעם עפּעס דערפון, וואָס איז זיך מיט איר פאַרלאָפן, ביז מע האָט זי אַרויסגעלאָזט צום ערשטן מאָל אויף דער פּריַי — ניט די שטאָל, פון וועלכער מע האָט זיי צוזאַמען מיטן לעצטן פאַרבליבענעם בינטל

יידן געפירט צו דער גרוב, ניט דאָס בריקל, פונוואַנען מע האָט זי אַראָפּגעשטופּט אין טײַך, — אַזוי האָט דער זעלביקער כאַלעם אויך אויסבאַהאַלטן פון כאַנען, דעם איינציק פאַרבליבענעם יידן פון זײַן אומגעבראַכטן שטעטל, דאָס אַרומוואַגלען איבערן וואַלד, ביז ער האָט זיך צופעליק אָנגעשטויסן אַף זײַן רעטער, אַפן קאַלווירטניק טימאָפיי וואַסיליעוויטשן, בא וועמען אין קעלער ער האָט זיך באַקאַנט מיטן גערעטעוועטן מיידל פונעם שכיינעסדיקן אומגעבראַכטן שטעטל, מיט צירלען.

דער דאָזיקער כאַלעם, וואָס טרעט ניט אָפּ פון איר און כאַנען שוין דאָס ווײַפּלטע יאָר, האָט ניט אופגעהערט וווּנדערן צירלען אויך נאָכדעם, ווי זי האָט געהערט שוין פון אייניקע, אַז ענלעכס פּאַסירט קימאַט מיט יעדן, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט שטעכיקן דראָט. פון נאַפּטאָלע דאַווידאָוויטשן, אַז ס׳איז געקומען וועגן דעם צו רייד, האָט זי אויך געהערט דאָס זעלבע. מיט אים באַגייט זיך אָט דער בייזן אָנגעשיקטער כאַלעם פונקט ווי מיט זיי. אים האָט זיך אויך נאָך קיין איין מאָל ניט געכאַלעמט, וויאַזוי מע האָט אים פאַרשפּאַרט אין געטאָ, פון געטאָ פאַרטריבן אין לאַגער, וואָס איז ער דאָרט אויסגעשטאַנען, נאָר שטענדיק וועגן דעם, וויאַזוי מע האָט אים אין אַ שטיקל צײַט אַרום, נאָכדעם ווי מע האָט אים פון דאָרט אַרויסגעלאָזט און ער האָט באַוויזן שוין זײַן אַף דער פרײַ, פּלוצעם צוריק פאַרנומען אַהין... אויך דאָס ווײַטערדיקע כאַלעמט זיך אים פונקט ווי זיי: אַלע, מיט וועמען ער איז געווען צוזאַמען אין לאַגער און מיט וועמען מע האָט אים אַרויסגעלאָזט, זײַנען פאַרבליבן אַף דער פרײַ. קיינעם פון זיי, בלויז אים איינעם, האָט מען ווידער פאַרנומען פון שטוב, פאַרטריבן צוריק אַהין, פונוואַנען מע האָט אים מיט אַ צײַט צוריק געהאַט אַרויסגעלאָזט און אינגאַנצן אָן אים פאַרגעסן.

— ווי איר ווייסט, — האָט דער לערער, דערציילנדיק עס איינמאָל בא זיי אין שטוב, דערבײַ צוגעגעבן, — פיר איך אַ מין פּינקעס. פאַרשרײַב אַהין אַרײַן אַלץ, וואָס איז זיך פאַרלאָפן בייס דער מילכאָמע מיט אַזעלכע, ווי מיר. צווישן די, וואָס זײַנען פאַרשריבן אין מײַן פּינקעס, איז דאָ אויך איינער, וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט דער געסטאַפּאָ, און ניט איין מאָל. נאָר דעם דאָזיקן מענטשן, כ׳האָב בעקיוון עס אים געפרעגט, האָט זיך קיין איין מאָל ניט געכאַלעמט די טורמע, בלויז דער לאַגער, אַז מע האָט אים ווידער אַהין פאַרנומען נאָכדעם, ווי ער איז שוין געהאַט פון דאָרט אַרויס און געווען אַ שטיקל צײַט אַף דער פרײַ. מיט עפּעס, פאַרשטייט זיך, דערקלערט זיך עס, וואָס אונדז כאַלעמט זיך אַלעמען, דאָס ווײַפּלטע יאָר שוין, קימאַט איינס און דאָס זעלבע, נאָר פאַר מיר איז עס דערווײַל נאָך אַ סאָד, אַ גרויסער סאָד.

נאָר אויב צירל און כאַנע וואָלטן געקאָנט יעדעס מאָל איבערדערציילן, וויאַזוי און מיט וואָס האָט זיך אָנגעהויבן בא זיי אָט דער בייזאָנגעשיקטער כאַלעם, וואָלט אָבער קיינער פון זיי ניט געקאָנט ענטפערן, מיט וואָס און וויאַזוי האָט ער זיך פאַרענדיקט. דאָס איינציקע, וואָס צירלען פאַרגעדענקט זיך, ווען זי כאַפּט זיך אויף, — אַז זי איז אין די דאָזיקע מינוטן געגליכן צו אַ מענטשן, וואָס זיצט אַף אַן אויסגעשפּאַנטן

וואָגן, וועלכער טראָגט זיך מעסוקענערווײַז בארג־אראָפּ און ער איז ניט אימשטאנד אים אָפּצושטעלן. דאָס אריבערגיין, נאָך אָט דעם כאָלעם, פון שלאָף אין וואָר געדויערט בא איר שטענדיק מעשונע לאנג, וויאזוי זי באמיט זיך ניט עס אונטערטרײַבן מיט האלטן וואָס ברייטער צעעפנט די אויגן. אָבער אָנפירן מיט דעם, וואָס סע קומט פאָר מיט איר אין די דאָזיקע מינוטן, פארטרײַבן פון זיך אָט דאָס אלץ, וואָס שווימט ארויס בא איר פון ערגעץ טיף און טראָגט זיך בוילעט דורך פארבײַ איר, קאָן זי ניט. און דאָס זעלבע, ווייסט זי, קומט איצטער אויך פאָר מיט כאָנען. ער ליגט מיט אָפענע אויגן און וואַרט, ביז דער כאָלעם וועט אים אינ־גאנצן אָפּלאָזן פון זיך. און ווען כאָנע וועט זיך אינגאנצן באפרײַען פון אים, וועט ער איר, ווי שטענדיק, מיסטאמע זאָגן, אז ס'איז ניט אזא סאָד, ווי דאָס מאכט דערפון נאפּטאָלע דאווידאָוויטש. ס'איז א סאך פּאָשעטער. דער מענטש דערזעט אין שלאָף דאָס, וועגן וואָס ער האָט געטראכט באטאָג. און בא אזעלכע, ווי ער און צירל, איז דאָך ניטאָ דער טאָג, זיי זאָלן ניט טראכטן דערפון, וואָס איז זיך מיט זיי ניט אזוי לאנג נאָך צו־ריק פארלאָפן. אפילע ווען אים באפאלט די נעגינע, פארגעסט ער אויך ניט וועגן דעם...

— איך האָב שטארק געשריִען פון שלאָף? — האָט כאָנע זי געפרעגט, ניט א ריר געבנדיק מיט קיין אייווער, ווי ער זאָל ביז איצט נאָך פילן אין זיך דעם מוירעדיקן ווייטעק פון די קלעפּ, וואָס ער האָט געכאפּט באם דערנעענטערן זיך צום ארויסגאנג פון דער ארומגעצאמטער גרוב.

— האָסט ביכלאל ניט געשריִען.

— און איך האָב געמיינט, אז דאָס האָב איך דיך אופגעוועקט מיט מײַן גוואלדעווען. מע האָט מיך אזוי געמיימעסט... פארוואָס שלאָפסטו ניט?

— כ'ווייס אליין ניט, עפּעס שלאָפט זיך מיר ניט הײַנט.

— מאך צו, טײַערינקע, די אויגן און טראכט וועגן גאָרניט, וועסטו זען, אז וועסט אנשלאָפן ווערן. ס'וועט דאָך שוין באלד נעמען טאָגן און מע וועט דארפן אופשטיין צו דער ארבעט...

— איך דארף הײַנט אין ערגעץ ניט גיין, — צירל האָט עס ארויסגע־בראכט זייער שטיל, ווי זי זאָל עס דערווײַל אָנטרויען בלויז זיך.

— הײַנט איז, דאכט מיר, מיטוואָך, ניט זונטיק.

— איך וועל מער אהין ניט גיין. און פרעג מיך ניט פארוואָס! פרעג מיך ניט פארוואָס! — האָט זי קימאט אויסגעשריִען און אָפּגעקערט דאָס פּאָנעם.

— נו גוט, כ'וועל דיך ניט פרעגן. אָבער ווי ווארפט מען עס די אר־בעט און מע וואָרנט ניט באצײַטנס? דו האָסט דאָך ניט איבערגעלאָזט דעמלט די מעלדונג, נאָר זי צוגענומען אף צוריק... איז ווי וועט זײַן?

ער איז א קינד! אינגאנצן דאָך א קינד! ער שטויסט זיך נאָך ביז איצט, דאכט זיך, גאָר ניט אָן. זי האָט דאָך אים אזוי קלאָר געגעבן אָנ־צוהערן. צי דען דערוואַרט ער פון איר, זי זאָל עס אים ארויסזאָגן מער אָפענער... נאָר דאָ האָט אין איר מיטאמאָל א פלייץ געטאָן אזא שטראָם ווארעמקײַט צו כאָנען, אז זי איז ניט אימשטאנד געווען אים צאמען אין

זיך. דאָס הארץ האָט גענומען אזוי שלאָגן, אז אָט־אָט וועט עס ארויס־שפּרינגען...

זי האָט זיך אופגעזעצט, אָנגעשפּארט דעם קאָפּ אין ווענטל פון בעט און אומגעריכט פאר זיך אליין א פאל געגעבן צו כאַנען און, פיבערנדיק מיטן גאנצן לײַב, זיך צוגעדריקט צו אים.

— ווײי איז מיר, כאָנינקע, דו ווייִנסט?!

כאַנע האָט זיך ניט א ריר געטאָן, ווי אין אים וואָלט מיטאמאָל אלץ אָפּגעשטאָרבן.

— גלייבסט מיר ניט, טײַערער, אז צווישן אונדז איז גאָרניט גע־ווען? — זי האָט אויסגעווישט אים די צוגעשלאָסענע אויגן מיט אירע אי־בערגעטריקנטע ליפּן און נאָך שטײַפער זיך געטוליעט, ווי זי זאָל אינ־גאנצן וועלן ארײַנוואקסן אין אים. — ווילסט, וועל איך דיר אלץ דער־ציילן.

— מע דארף ניט.

— ניין, ניין, כ'מוז דיר אלץ דערציילן...

פונעם פענצטערל זײַנען אין דער אשיקער גרויקײַט פון קאַיאָר פאר־שווונדן די לעצטע אויסגעבלייכטע שטערן, ס'האָבן שוין עטלעכע מאָל זיך געלאָזט הערן פונעם שטעלעכל אין הויף די הייזעריק געוואָרענע הענער, נאָר כאַנע איז אלץ נאָך געלעגן ווי פריִער, זיך ניט א ריר גע־טאָן, גלײַך ער זאָל מוירע האָבן, אז פונעם מינדסטן ריר קאָן אין אים זיך ווידער אָפּרופן דער מאָדנער שרעקלעכער ווייטעק, וואָס האָט אים געהאט דורכגענומען אף דורך און דורך און איז איצט אויך ניט אָפּגע־טראָטן, בלויז זיך אויסבאהאלטן אין אים ערגעץ טיף־טיף, און היט אים פון דאָרט אונטער. ס'האָט אים אויסגעפּעלט לופט צו עטעמען, נאָר ער האָט מוירע אויסשטרעקן די האנט עפענען דאָס פענצטערל, ער זאָל דערמיט ניט ברענגען אין באוועגונג דאָס קנײַלעכל אין אים, וואָס איז אזוי ווי ארומגעשטעקט מיט שארפע נאָדלען.

פון וועמען האָט ער עס געהערט, אז באפרײַען זיך פון א ווייטעק קאָן מען בלויז דורך נאָך א גרעסערן ווייטעק? יאָ, ער האָט זיך שוין דערמאָנט. דאָס האָט אים געזאָגט דער ציין־דאָקטער, וואָס האָט אנומלטן זיך געפּאָרקעט מיט א נאָדל בא אים אין צאָן... כאַנע שליסט שטײַפער צו די אויגן, ער זאָל דערזען, ווי די נאָדל שרויפט זיך ארײַן אין לעבע־דיקן פלייש, און דורך דעם שטארקער דערפילן דעם אומדערטרעגלעכן ווייטעק. כאַנע לאָזט ניט ארויס פון די שטײַף־צוגעשלאָסענע אויגן דעם אָוונטיקן וואלד. זײַוול יאָגט אָן צירלען, בינדט צו דעם אָגער צו איר וועגעלע. דער ווייטעק, וואָס דארף אים באפרײַען פונעם קנײַלעכל מיט די ארומגעשטעקטע נאָדלען, ווערט שטארקער, אומדערטרעגלעכער, נאָר כאַנע שטילט אים ניט אײַן, ער גייט פוסטריט נאָך זײַוולען, וואָס האָט ארופגעכאַפּט צירלען צו זיך אף די הענט און טראָגט זי אָפּ וואָס ווײַטער פון וועג, שעפּטשענדיק איר נאָכאנאנד, אז ער האָט זי ליב...

צו וואָס האָט צירל באדארפט עס אים אלץ דערציילן? ער זאָל איר גלייבן, אז זי באהאלט פון אים גאָרניט אויס? ער האָט דאָך אָבער גע־קאָנט זי איבערשלאָגן!.. נאָר ער האָט זי ניט אָפּגעשטעלט, און צירל האָט

עס זיכער אופגענומען, ווי ער זאָל מיט זײַן שווײַגן זיך בעטן בא איר, זי זאָל אים אלץ געגוי דערציילן. ער האָט זי ניט אָפּגעשטעלט אפילע דעמלט, ווען זי האָט אים דערציילט וועגן דעם אינזשעניער...

— פאַרוואָס שווײַגסטו? נו, זאָג כאָטש עפּעס, — האָט צירל זיך געבעטן בא אים. — איך ווייס, אז איך בין שולדיק קעגן דיר, זייער שולדיק.

— האָסט זיך מיט גאָרניט פאַרשולדיקט פאַר מיר. ביסט אין קיין זאַך ניט שולדיק.

און אייגנטלעך איז עס דאָך אזוי, ס׳איז פּאָשעט געשען דאָס, אף וואָס ער האָט די אלע יאָרן זיך געריכט. ער ווייסט בלויז ניט, צי וואָלט ניט געווען פאַר אים גלײַכער, ווען דאָס אלץ זאָל געווען טרעפן פריִער אָדער עפּשער א ביסל שפּעטער. נאָר קוים איז עס שוין געשען, האָט ער מער ניט וועגן דעם וואָס צו קלערן. ענדלעך איז ער איבערגעקומען דאָס סאַמע שרעקלעכסטע, וואָס האָט אים דערוואַרט. דעם, וועלכער ווייסט שוין די שטראָף זײַנע, איז פאַרט לײַכטער, ווי יענעם, וועלכער וואַרט נאָך אף דעם...

— זאָג כאָטש עפּעס, — צירל האָט קוים אײַנגעהאַלטן די טרערן.

נו, וואָס זאָל ער איר זאָגן? דערמאָנען זי, ווער איז שולדיק דעריך, וואָס זיי זײַנען געוואָרן מאַן און ווײַב? ער איז דאָך אָבער ניט קיין יונגער באָכער, וואָס זאָל ניט געווען פאַרשטיין, אף וואָס גייט ער אײַן און מיט וואָס קאָן זיך עס ענדיקן.

— לאָמיר ארויספאָרן פונדאַנען.

— נאַרעלע, וועסט פון זיך אין ערגעץ ניט אנטלויפן, ווײַבאַלד דו האָסט אים ליב...

— איך האָב קיינעם ניט ליב! — האָט זי פאַרשטיקט אויסגעשריִען. — איך האָב ליב בלויז דיך. בלויז דיך... בלויז דיך... — זי האָט זיך ווידער א ציִ געטאָן צו אים, פיבערנדיק מיטן יונגן הייסן לײַב. — איך בעט דיך, לאָמיר אריבערפאָרן אין שטאָט. מירן דאָרט נעמען א קינד אף דערציִען. א מיידעלע וועלן מיר נעמען. מאַך אזוי, אז מיר זאָלן וואָס גיכער ארויספאָרן פונדאַנען...

און ס׳איז געבליבן: אינעם נאָענטסטן זונטיק פאָרט כאָנע צו אין שטאָט א קוק טאָן, ווי האַלט דאָרט מיט קויפן זיך אן אייגן שטיבל. הײַנט נאָך גיט זי אָן זײַוול האנפטן א מעלדונג, און אין צוויי וואָכן ארום קומט זי אָן ארבעטן אף דער מיל.

## קאַפּיטל צען

ארויס פון וואָקזאַל, איז כאָנע שטיין געבליבן, פּונקט ער זאָל צום ערשטן מאָל אראָפּפאָרן אהער, אין אָט דער פאַנאַנדערגעוואָרפענער געגנטלעכער שטאָט, און ווייסט ניט, וווּהין זאָל ער זיך פונדאַנען לאָזן. אז ער האָט ניט וואָס צו גיין אף דער בײַליגנדיקער גאַס זיך נאָכפרעגן, צי פאַרקויפן זיך דאָרט ניט קיין הײַזער, איז ער לאַכלוטן זיכער. ער קען די דאָזיקע גרינע לאַנגע גאַס ניט ערגער ווי די גאַסן און געסלעך בא זיך אין שטעטל. ווען ער קומט ניט אהער צו פאָרן, איז לאָזט ער זיך פון

וואָקזאַל שטענדיק מיט איר. דאָ, אַף דער גאַס, געפֿינען זיך די רעמאָנט־מעכאַנישע ווארשטאַטן, מיט וועלכע ער האָט צו טאָן שוין פֿון א לענגע־רער צײַט. אָפּטער פֿון אַלץ שיקט אים אַהין דער צוקער־זאַוואָד, ווען עס פֿעלט אויס צו א ווערקשטעל א נײַטיקע דעטאַל, וואָס איז ניט צו קריגן אין שטעטל. וואָס עמעס, איז עמעס. ער האָט זיך פֿון די ווארשטאַטן נאָך קיינמאָל ניט אומגעקערט מיט ליידיקן, ווי דאָס טרעפֿט גאַנץ אָפֿטלעך מיט אַנדערע, וועלכע מע קאָמאַנדירט אַהינצו. מיט וואָס האָט ער עס אַזוי אויסגענומען אין די ווארשטאַטן, וואָס מע גייט אים דאָרט אַלעמאָל אַנטקעגן, ווייסט ער אַליין ניט. עפּעס האָט מען אין אים מיסטאָמע אײַנגעפֿונען, וואָס ער האָט שיר ניט פֿונעם ערשטן מאָל דאָרט נויסעכיין גע־ווען. עפּשער מיט זײַן קאָנען זיך האָפֿערדיק מאַכן, ווען ס'איז ניטאָ פֿון וואָס צו זײַן פֿריילעך. אין קעלער, ווו ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן מיט צירלען, איז זיכער ניט געווען פֿון וואָס צו זײַן האָפֿערדיק. דאָך פֿלעגט ער אומבאַמערקט פֿאַר זיך אַליין אָפּט נעמען זינגען און ניט קאָנען גוי־ווער זײַן אין זיך די נעגינע. אָבער וויבאַלד ער האָט הײַנט ניט צו טאָן מיט די ווארשטאַטן, האָט ער ניט וואָס צו שלעפּן זיך מיט אָט דער גאַס, וואָס איז קימאַט דורכויס א נײַע. די עטלעכע הײַזער, וועלכע זײַנען אַרויס גאַנץ פֿון דער מילכאָמע, דערלעבן דאָרט, דאַרף מען זיך מעשאַער זײַן, זייערע לעצטע טעג. מע וועט דאָך ניט האַלטן קיין כיבאַרעס צווישן שפּאָגל־נײַע מויערן. און אין צענטער שטאָט האָט ער דאָך אוואַדע און אוואַדע ניט וואָס צו גיין זיך נאָכפֿרעגן. ער זוכט דאָך ניט קיין דירע צו דינגען. קוים פֿאַרקויפֿט ער אין שטעטל די אייגענע שטוב, איז וויל ער זיך אײַנשאַפֿן אויך אין שטאָט אַן אייגן שטיבל מיט א הויפֿל דערבײַ, און ניט לעבן מיט יענעם אין שכיינעס. און קוים אַזוי, האָט ער ניט וואָס צו שטיין דאָ ווײַטער און קלערן. מע דאַרף א זוך טאָן אין די געסלעך.

אַריבערגעגאַנגען דעם ברוקירטן בײַוואָקזאַל־פּלאַץ, לאָזט זיך כאָנע אַראָפּ מיט די אויסגעקרישלטע ציגלנע טרעפּ אונטער דער בריק און פֿאַרקערעוועט פֿון דאָרט אין די געדרייטע און פֿאַרפּלאָנטערטע געסלעך.

די זון, וועלכע כאָנע האָט באַם אַרויסשטײַגן פֿון צוג איבערגעלאָזט אַף יענער זײַט וואָקזאַל, האָט שוין באַוויזן אים אָניאָגן, פֿאַרקלײַבנדיק זיך אַלץ העכער און העכער אינעם דורכזיכטיק־אויסגעבלויטן הימל, נאָר דערווײַל האָט נאָך כאָנע ניט באַגעגנט אין די געסלעך קיין איין שטיבל, וואָס זאָל אים זײַן צום האַרצן, ס'זאָל אים א צי טאָן אַרײַנגיין א קוק טאָן, און באַגעגנט האָבן זיך אים אי פֿיל גרעסערע, אי שע־נערע פֿון זײַנס. ער האָט אָבער אין איטלעכס פֿון זיי אָפּגעזוכט א כיסאָרן: דאָ איז דאָס געסל צו א שמאָלס, דאָרט גייען די פֿענצטער אַרויס ניט אַהין, דער הויף איז ניט קיין הויף, דאָס שטעלעכל ניט קיין שטעלעכל. כאָנע האָט אָבער ניט דורכגעלאָזט קיין איינעם פֿון די באַלעבאַטים, וועלכע ער האָט געטראָפֿן שטיין אין דרויסן, אַז ער זאָל אים ניט פֿרעגן, צי קלײַבט זיך ניט יענער פֿאַרקויפֿן די שטוב, און דער־בײַ ניט אויסבאַהאַלטן זײַן צופֿרידנקײַט, וואָס יענער גיט פֿאַרכידעשט א קנייטש אַף דעם מיט די אַקסלען. בלויז פֿון איר איינער, פֿון צירלען, דאַרף בלײַבן א סאָד אָט דער צופֿרידענער שמייכל זײַנער, ווען ער דער־

הערט פון יענעם אָנבאָטן א מעשונע־ווילדע פרײַז און אָפּטער פון אלץ, ווען ער דערהערט, אז יענער טראַכט גאָר אפילו ניט פון פאַרקויפן די שטוב.

און כאָטש כאַנע האָט פון סאַמע אָנפאַנג פאַרשטאַנען, אז אויך אין די געסלעך האָט ער ניט וואָס צו טאָן — סײַווי גלייבט ער ניט, אז ער וועט פאַרלאָזן דאָס שטעטל, טאַקע אפּאַנעמעסן זיך געזעגענען מיט דער שטעטלשער שטוב זײַנער און קויפן אין שטאָט אַן אַנדערע, — פאַרפעלט ער אָבער ניט קיין איין געסל. ער האַלט אַלץ אין איין גיין און גיין איבער זיי, ווייסנדיק פאַרפרי̇ער, אז ס׳איז אומזיסט און אומנישט. אים פאַרדריסט אָבער ניט, וואָס ער איז געקומען הײַנט אַהער צו פאָרן. ער האָט עס געטאָן צוליב צירלען, און פאַר צירלען איז אים קיין זאַך ניט שווער. נאָר ווי פאַרשטייט זי עס ניט, אז פון זיך קאָן מען ניט אַנטלויפן, אז פון זיך איז ניטאָ וווהין צו אַנטלויפן...

ווי איבערקלײַבעריש כאַנע איז ניט געווען און ווי ער האָט ניט גע־זוכט אין יעדעס שטיבל קיין כיסאָרן, האָט זיך פונדעסטוועגן ענדלעך אָפּגעזוכט א שטוב צווישן די, וועלכע פאַרקויפן זיך, וואָס האָט אים פאַר־נאַרט צו זיך און ער איז אַרײַן זי אָנקוקן. געגנוי באַטראַכט די צימערן, דעם הויף, האָט כאַנע זיך אַרײַנגעלאָזט מיטן באַלעבאָס אין א געשפּרעך, וואָס האָט אי יאָ א שײַכעס, אי ניט קיין שײַכעס צו דעם, נאָך וואָס ער איז אַהער אַרײַן. ער וואָלט וועלן, הייסט עס, וויסן, פאַרוואָס פאַרקויפט יענער די שטוב. און צולעצט, אז כאַנע האָט שוין ניט געהאַט מער מיט וואָס זיך צו ווערן קעגן זיך, ס׳איז אים אונטערגעגאַנגען אי די שטוב, אי דאָס אָרט, אי דער מעקעך, האָט ער פאַרפירט מיטן באַלעבאָס א רייד וועגן בײַטן זיך, וואָרעם אויב די איינציקע זאַך, פאַרוואָס יענער פאַר־קויפט די שטוב, איז דאָס, וואָס ס׳האָט אים א ציִ געטאָן אויף דער עלטער צוריק אין דאָרף, איז עפּשער וואָלט ער זיך געביטן מיט אים. און אז יענער האָט אים דערויף געענטפערט מיט א שמייכל, וואָס דער איינצי־קער באַטײַט דערפון, א סוואָרע, איז, פאַר וועמען, אייגנטלעך, האַלט ער עס אים, ער איז נאָך, דאַכט זיך, באַם זינען, האָט כאַנע אים גענומען אויסמאָלן דאָס שטעטל זײַנס אַזוי, גלײַך קיין שענערס און בעסערס איז ניטאָ אויף דער וועלט, ער האָט דאָרט אַלץ, וואָס אין א דאָרף, און מיט דער צײַט וועט ער דאָרט האָבן אויך אַלץ, וואָס ער האָט דאָ אין שטאָט, נאָר אָן דעם טומל, מיטן יאָגעניש, מיטן שטופּן זיך אין די אויטאָבוסן אויף דערשטיקט צו ווערן. כאַנע האָט ניט געוואַרט, ביז יענער וועט אים פרעגן: „וויבאַלד אײַך איז דאָרט אַזוי געפעלן, הײַנט פאַרוואָס זשע ווילט איר פון דאָרט אַרויספאָרן?״ און איז אַליין פאַרלאָפן יענעם דעם וועג: „אויף דעם, ליבער פרײַנט מײַנער, זײַנען פאַראַן א סאַך סיבעס, וואָס ניט יעדן ווערסטו עס גיין דערציילן״.

גופע פאַר כאַנען זײַנען אָט די אַלע סיבעס, פאַרוואָס צירל איז דאָס מאָל אַזוי צוגעשטאַנען, זיי זאָלן זיך אַריבערקלײַבן אין שטאָט, שוין גאָרניט אַזעלכע, אז מע זאָל צוליב דעם דאַרפן אַלץ וואַרפן — די שטוב, דעם זאַוואָד, זיך שיידן מיטן ליבן נאָפּטאָלע כעסינען, מיטן איבערגעגע־בענעם פרײַנט זייערן געדאַליען... ער פאַרשטייט זי ניט. ער האָט דאָך

איר גאָרניט געזאָגט אַזוינס, ווען זי האָט אים דערציילט וועגן זיך און זײַוולען, אַז זי זאָל זיך סאָפּעקן, צי איז ער ניט כּוישעד, אַז זי באַהאַלט פון אים עפּעס אויס, אַז ניט אַלץ האָט זי אים געזאָגט, צי דאָס, וואָס זי האָט אים געזאָגט, איז געווען ניט אינגאַנצן אַזוי, נאָר עטוואָס אַנדערש. ער האָט דאָך איר אויך גאָרניט געזאָגט אַזעלכעס, ס'זאָל איר פּלוצעם קאָנען אײַנפאַלן, אַז ער סאָפּעקט זיך, צי איז זי אים פאַרבליבן טרײַ, איבערגעגעבן, ווי ביז אהער. דאָס איינציקע, לויט איר, מיט וואָס זי קאָן עס אים, קומט אויס, דערווײַזן, איז מיטן אַרויספאָרן פון דאַנען. צירל דאַרף אים אָבער גאָרניט דערווײַזן! ער גלייבט איר, אַז זי איז אים געווען און פאַרבליבן אַן ערלעך איבערגעגעבן ווײַב... און אויב דאָס אַרויספאָרן פון דאַנען נעמט זיך בא איר דערפון, וואָס זי איז ניט זיכער, צי פאַרבלײַבנדיק אין שטעטל, וועט זי ניט קאָנען בײַשטיין קעגן דעם יונגן שיינעם זײַוולען, איז עס דאָך קינדעריש... פון זיך אַליין קאָן מען אין ערגעץ ניט אַנטלויפן. און כאָטש אַלעם, איז אין שטאָט, ווו קיינער קוקט דיר ניט נאָך, פיל שווערער בײַשטיין קעגן זיך... כאַנע פאַרשטייט, אַז צירל זאָרגט זיך בלויז וועגן אים. זי מיינט, ער האָט זיך דעמלט צעווײנט פונעם ווייטעק, וואָס זי האָט אים פאַרשאַפן. ניין, ער האָט זיך צעוויינט דערפון, וואָס ער האָט צום ערשטן מאָל אַזוי דערפילט זײַן שולד קעגן איר. ניט זײַוול האָט זיך געשטעלט צווישן איר און אים, נאָר ער, כאַנע, האָט זיך געשטעלט צווישן איר, דער יונגער צירלען, און דעם יונגן זײַוולען...

טראַכטנדיק איצט וועגן דעם, אַרומבלאָנקענדיק נאָך אַלץ איבער די געסלעך, וווּנדערט זיך כאַנע אַף זיך אַליין. ער געפינט ניט אין זיך יענע סיבע, וועלכע ער וואָלט געדאַרפט פילן צו אַ מענטשן, וואָס האָט זיך אַרײַנגעריסן אין זײַן לעבן און עס צערודערט, וועלכער האָט זיך פאַרמאָסטן אַף דעם סאַמע טײַערסטן און הייליקסטן, וואָס ער, כאַנע, פאַרמאָגט, און וואָס אָן דעם פאַרלירט פאַר אים דאָס לעבן די מינדסטע ווערט. עפּשער נעמט זיך עס בא אים דערפון, וואָס ער איז קימאַט זיכער, אַז ווען ער רעדט זיך דורך מיט זײַוולען, דערציילט אים אַלץ אויס... ניין, זיך דורכריידן מיט זײַוולען דאַרף ניט ער, ניין. בעטן געדאַליען? געדאַליע איז אָבער דער מענטש, וואָס קאָן זיך דורכריידן מיט זײַוולען, ווי ער האָט זיך דורכגערעדט מיט דעם אוורעמלען... דער איינציקער, וועמען ער וואָלט געקאָנט בעטן, איז דער לערער, ביפראַט אַז אויך פאַר נאַפּטאָלע דאַווידאָוויטשן איז עס שוין, פּונקט ווי פאַר געדאַליען, מער ניט קיין סאָד. געדאַליען קען אַוודע כידעשן, וויאַזוי האָט ער עס, כאַנע, זיך גלײַך ניט אָנגעשטויסן, פאַרוואָס האָט ער דעמלט אין צעך גערעדט אַזוי מיט אים וועגן האַנפטן. נו, פונוואַנען האָט ער זיך געזאָלט אָנשטויסן, אויב ער האָט וועגן דעם באַכער קיינמאָל קיין שלעכטס ניט געהערט? אַ סימען, אים איז אַפילע אַפן געדאַנק ניט געקומען, ווען ער האָט ניט ווײַט פון דער שטוב דערזען אַנומלטן שפּעט אין אָוונט זײַוולען, אַז דאָס קאָן האָבן עפּעס אַ שײַכעס צו צירלען.

כאַנע זאָל וועלן אונטערהאַקן אין זיך דעם גלויבן אין צירלס ערלעכקײַט און איבערגעגעבנקײַט צו אים, וואָלט ער מיסטאָמע געקאָנט זיך

נאָך עפּעס דערמאָנען אַזוינס, וואָס ער האָט פּריִער צוגעגעבן גאָר אַן אַנדער באַדײַט, ניט דאָס, וואָס איצט, ווי דעהײַנע, צירלס פּאַרופֿן זיך, אַז האַנפּט וויל זי בעשום־אויפֿן ניט אָפּלאָזן פֿון דער אַרבעט. צירל זאָל געוועזן דאַן אַפּאַנעמעסן וועלן אַוועקגיין, ווען זי האָט אָנגעגעבן האַנפּטן די מעלדונג... נאָר כאַנע וויל וועגן דעם ניט קלערן. ער וויל ניט וועגן דעם אַלץ וויסן מער, ווי צירל האָט אים דערציילט. ער גלייבט איר, ווי ביז אַהער, און דאָס איז פֿאַר אים איצט דאָס סאַמע נייטיקסטע אַף ניט צו דערלאָזן צו זיך גאָרנישט ניט אַזוינס, וואָס קאָן מיט עפּעס אונטער־האַקן אין אים זײַן פֿאַרגלייבטקײַט אין איר. בעעמעס, ווען צווישן צירלען מיט זײַוואולען זאָל געווען ווײַט פֿאַרגיין, וואָלט זי דאָך אים ניט געבעטן, כאַנען, ער זאָל לעמאַנהאַשעם צוגיין אין קינדערהויז און זיך דאָרט געבוי דערוויסן וואָס און ווען, און פֿאַריינס טאַקע אַ קוק טאָן, צו ווען פֿון די קינדער ליגט אים מער דאָס האַרץ. זי וויל אַ מיידעלע, זי וועט זיך מיט אים אָבער איבעריקס ניט שפּאַרן, האָט צירל אים געזאָגט, אויב בא אים וועט דאָרט מער נויסעכיין זײַן עמעצער פֿון די ייִנגעלעך. אָט דאָס אײַנגיין אירס מיטאַמאָל — נעמען אַ קינד אַף צו דערציִען — האָט דאָך וואָס צו זאָגן ניט בלויז אים. ס'האָט וואָס צו זאָגן אויך זײַוואולען!..

ווען צירל האָט פֿאַר זײַן פֿאָרן אַהער ווידער פֿאַרפֿירט מיט אים אַ רייד וועגן דעם, איז געווען געוויס איבעריק ווידעראַמאָל דערמאָנען, אַז עס זײַנען דאָ אַף דער וועלט זייער שלעכטע מענטשן. אים, אַלנפֿאַלס, דאַרף מען עס זיכער ניט דערמאָנען, און דאָך גלייבט ער ניט, אַז עס זאָל זיך אָפּזוכן אין שטעטל אַזאַ, בא וועמען עס זאָל זיך עפּענען דאָס מויל דערציילן דעם קינד, וואָס זיי וועלן נעמען, אַז ער מיט צירלען זײַנען ניט זײַנע עמעסע עלטערן, און זיי זאָלן צוליב דעם דאַרפֿן שוין איצט אַרויספֿאָרן פֿונדאַנען. ביז דאָס קינד וועט ניט אונטערוואַקסן, האָט דאָך צירל ניט וואָס מוירע צו האָבן דערפֿאַר, אַ קינד פֿון אַן אַנדערהאַלבן־צוויי יאָר וועט מען דאָך ניט גיין דערציילן, ווער און פֿונוואַנען עס איז. ער זאָל ניט געוועזן זײַן אין אַזאַ עלטער, כאַנע, וואָלט ער, מעגלעך, גענומען אַן אייפּעלע אין וויגל. אָבער בא אַזאַ עלטער זיך גיין פֿאַרפֿירן מיט אַן אייפּעלע... און אויסער דעם, וויל ער כאָטש באַוויזן דערלעבן נאָך אַ שטיקל נאַכעס...

דאָס קינדערהויז, וווהין כאַנע האָט, אַרויסקלײַבנדיק זיך פֿון די געסלעך אין דעם אונטערשטן טייל שטאָט, זיך געלאָזט דערנאָך גיין, געפֿינט זיך אַף אַ שטילער זײַטיקער גאַס, וואָס שנײַדט זיך אַרײַן מיט אירע לעצטע הײַזער אין אָפּענעם פֿעלד. כאָנע איז דאָרט שוין עטלעכע מאָל געוועזן בייס זײַנע קאָמאַנדירונגען אַהער, געשטאַנען באַם נידעריקן פֿאַרקנדל און זיך צוגעקוקט צום קליינוואַרג. ווען די עלטערע דערציִערן, אַ הויכע מיטליאַריקע פֿרוי, איז דאָס ערשטע מאָל צו אים צוגעגאַנגען און געפֿרעגט, צי האָט ער דאָ ניט עמעצן, וואָס ער שטייט און קוקט זיך אַזוי לאַנג צו, האָט ער דערפֿילט, ווי אַ טרער האָט זיך אַ קײַקל געטאָן בא אים פֿון אויג. די דערציִערן האָט עס מיסטאַמע באַמערקט, וואָרעם דאָס אַנדערע מאָל האָט זי אים שוין ניט געפֿרעגט, וואָס ציט אים אַזוי אַהער, נאָר זיך באַגריסט מיט אים, ווי מיט אירן אַלטן באַקאַנטן... דער

בליק אירער, וועלכן ער האָט דערבײַ אַף זיך אופגעכאפּט, האָט אים ווי געפרעגט: „איר מיינט, אַז די עטלעכע עלטערע מענטשן, וואָס איר האָט געטראָפן שטיין באַם פּאַרקנדל, האָבן דאָ עמעצן? זיי זײַנען די זעלבע געוועזענע טאַטעס און געוועזענע זיידעס, וואָס זײַנען, ווי איר, גע־בליבן אָן קינדער און אָן אייניקלעך...״

פונדאַנען ביזן קינדערהויז האָט ער נאָך א גאַנץ היפּשן מעהאַלעך, און מיד פון אומשלעפן זיך א האַלבן טאָג אַף דער היץ איז ער אויך שוין גאַנץ היפּש, האָט כאָנע, אַנטרעפנדיק אַפּן וועג א סקווערל אינמיטן שטאָט, פאַרקערעוועט אהין און זיך צוגעזעצט א ביסל אָפּרוען אין שאָטן. אײַלן זיך האָט ער סײַווי ניט וואָס. ביזן צוג איז אים פאַרבליבן א וועלט נאָך מיט צײַט, און צוגיין אין קינדערהויז איז גלײַכער, ווען עס פאַלט אָפּ די היץ און מע פירט ארויס דאָס קליינוואַרג נאָכן באַטאָגיקן שלאָף זיך שפּילן אַף דער פרישער לופט. פאַרן קליינוואַרג איז זונטיק א טאָג ווי אַלע טעג, מע לייגט זיי דאָרט זונטיק אויך אײַן שלאָפן אין אָט די דאָזיקע שאָען, מע דערלאָזט ניט, זיי זאָלן אויספירן, וואָס זיי ווילן, ווי אָט דאָס קליינוואַרג דאָ אין סקווערל, — הערן ניט און פאָלגן ניט די עלטערע.

צווישן די, וואָס האָבן פאַרנומען אינעם סקווערל די בענק און גיבן אכטונג אַף די קינדער, האָט כאָנע ניט באַמערקט קימאַט קיין איין יונגן מענטשן, כאָטש ס׳איז הײַנט זונטיק, א רו־טאָג, נאָר דורכויס עלטערע לײַט, פונקט ווי די אַלע קינדער, וואָס שפּילן זיך דאָ, האָבן ניט קיין טאַטע־מאַמעס, נאָר בלויז זיידעס מיט באָבעס. איז האָט ער ניט, כאָנע, וואָס צו וווּנדערן זיך, וואָס דער באַיאָרטער מאַנצבל מיטן אײַנגעשלאָ־פענעם קינד אין וועגעלע, וועלכער האָט זיך צוגעזעצט צו אים אַף דער באַנק, האָט אים אָנגענומען פאַרן זיידן פונעם מיידעלע, וועלכעס האָט זיך געשפּילט דערבײַ אין זאַמד. וויפל וואָלט איצט אַלט געווען דאָס ליבע אייניקל זײַנס, רייזעלע? זי וואָלט שוין האָיאָר געווען אין דריטן קלאַס. זעט אויס, אַז ער וועט צוליבן צירלען קינד נאָכגעבן און סאָפקאָלסאָף טאַקע אריבערפאָרן מיט דער צײַט אהער. אים שרעקט ניט די שטאָט, ווי זי האָט געשראָקן דעם טאַטן זײַנעם אַלעווהאַשאָלעם, וואָס האָט, ווי כאָנען געדענקט זיך, אַלע זײַנע יאָרן זיך געריסן אין שטאָט. און וואָס האָט ער, כאָנע, צו מוירע האָבן פאַר איר?! אָן ארבעט וועט ער דאָ קיין איין טאָג ניט בלײַבן. די רעמאָנט־מעכאַנישע װאַרשטאַטן וועלן אים די ערשטע אויסכאַפּן. און פאַר צירלען וועט זיך אויך געפינען וואָס צו טאָן. לעמײַ זאָל ער זאָגן, די שטאָט האָט מיט וואָס צו אויסנעמען, נאָר אים האָט עפּעס קיינמאָל ניט געצויגן זיך באַזעצן אין שטאָט, און דער־בײַ ניט געלייקנט, אַז אים איז געפעלן אין שטעטל, ער איז צו דעם צו־געוווינט, האָט עס ליב ווי דאָס לעבן. ער איז אָבער קיינמאָל ניט געווען פון די, וואָס עסן זיך אָפּ דאָס האַרץ, ווען עמעצער פאַרלאָזט עס, און אויך ניט פון די, וואָס זאָלן זיך שטעלן יענעם אײַנריידן, מע זאָל ניט ארויספאָרן. צוליב צירלען איז ער גרייט צו פאַרטויבן אין זיך די בענ־קעניש, וואָס וועט אים נאָכגיין און מיסטאָמע ניט אָפּלאָזן פון זיך, ווי יעדן איינעם, וואָס האָט זיך ארויסגעקליבן פון שטעטל, כאָטש ער, כאָנע,

וועט זיך קאָנען אראָפּכאפּן אהין, ווען נאָר ער וועט וועלן. ס׳איז סאכאקל זעקס שאָ פֿאָרן פונדאנען אהינצו מיטן באן.

נו, גוט. ער גיט נאָך צירלען, און זיי פֿאָרן אריבער אהער, ווערן שטאָטישע. און ווײַטער וועט זײַן אזוי: אין אזא זוניקן טאָג, ווי הײַנט, וועלן זיי זיך פֿארקלײַבן מיט זייער אַנדערהאלבן־צווייאָריקן קינד אהער צי אין אן אנדער סקווערל, און עס וועט זיך שפּילן לעבן זיי אין זאמד, ווי אָט דאָס כּיעסדיקע מיידעלע מיטן קורצן צעפּל. ווער עס וועט ניט פֿארבײַגיין, וועט אָנעמען צירלען פֿאר דער מוטער פונעם קינד און אים, כּאָנען, פֿאר דעם זיידן. דאָס מאכט אים ניט אויס. ער ווייסט דאָך אָבער פֿארפריִער, אז לאנג אזוי קאָן עס ניט אָנהאלטן. זיי קלײַבן זיך דאָך ניט מאכן אין שטאָט קיין סאָד דערפון, אז זיי זײַנען מאן און ווײַב... ווי וועט מען דעמלט קוקן אף אים און אף איר? וואָס וועט מען דעמלט ריידן וועגן אים און איר? צירל איז דאָך ניט די פרוי, פֿארבײַ וועלכער מע זאָל פֿארבײַגיין און זי ניט באמערקן. אזא שיינהײַט, ווי צירל, האָט ער נאָך דאָ ניט באגעגנט און וועט ניט באגעגענען, און ער ווייסט ניט, צי איז בּיכלאל פֿאראן נאָך ערגעץ אזא. ער האָט ניט פֿאר וועמען מוירע צו האָבן, אז ער זאָל זי דארפֿן ארויסגעבן פֿאר זײַנער א שוועסטער, ווי דאָס האָט געטאָן אווראָם־אָווינו מיט דער מוטער סאָרע. מע וועט דאָך אָבער פֿאָרט וועלן דערגיין, ווי קומט עס, וואָס אזא צירל איז געוואָרן זײַן ווײַב. אין שטעטל וועט זיי וועגן דעם קיינער ניט פרעגן. אלע ווייסן עס און פֿארשטייען עס. אָבער אין שטאָט אז זיי פֿאָרן אריבער... צירל דארף דאָך עס פֿארשטיין.

מיט וואָס נאָך קאָן ער זי אָפּריידן, אז זיי זאָלן ניט ארויספֿאָרן פון שטעטל, וואָס דער גאנצער מיין אירער דערפון איז, ווי ער שטויסט זיך אָן, ער זאָל זען, אז זי איז אים געבליבן די זעלבע טרײַע און איבערגע־געבענע צירל ווי געוועזן. אנדערש וואָלט זי זיך דאָך ניט צעשיידט מיט זײַוולען. ער פֿארלאנגט אָבער ניט, כּאָנע, פון איר, זי זאָל עס אים דער־ווײַזן. פֿאר אים איז געוועזן גענוג שוין דאָס, וואָס זי האָט פֿאר זײַן פֿאָרן אָנגעגעבן האנפטן א מעלדונג און אין צוויי וואָכן ארום גייט זי אריבער ארבעטן אף דער מיל. און עפּשער וועט צו יענער צײַט אלעקסיי ניקאָ־לײַעוויטש שוין ניט זײַן אפן זאוואָד און צירל וועט זיך קאָנען אומ־קערן צוריק צו זיך אין צעך, פונוואנען זײַוול האָט זי געהאט אריבער־געגנארט. כּאָנע ווייסט ניט, פונוואנען שטאמט עס, נאָר שוין עטלעכע טעג, ווי מע שמועסט אפן זאוואָד, אז דער אינזשעניער קלײַבט זיך אוועק־פֿאָרן. ווען צירל זאָל אים, כּאָנען, ניט געווען דערציילן וועגן דעם, וואָס עס איז זיך ניט לאנג צוריק פֿארלאָפֿן אין וואלד, וואָלט ער, פונקט ווי אלע, ניט געוווסט, אז דער אינזשעניער פֿארלאָזט דעם זאוואָד איבער געדאליען. א קוק טאָן אף אוורעמלס צעשלאָגן פּאָנעם, איז ניט שווער זיך אָנשטויסן, אז מיט אזעלכע, ווי געדאליע, שפּילט מען זיך ניט.

ווי ענלעך און פֿארשיידן עס זײַנען צווישן זיך זײַנע צוויי בעסטע פֿרײַנט, דער קעסל־הייצער געדאליע און דער לערער נאפטאָלע. געדאליע קאָן זיך אויך שטארק צובינדן צו מענטשן, זיי ליב האָבן מיט לײַב־און־לעבן, נאָר קריגט ער, כּאָלילע, עמעצן פײַנט, איז זאָל גאָט אויסהיטן. גע־

דאליע באהאלט דאָס פון יענעם ניט אויס. ווען עס קומט צו דעם, זאָגט ער וועגן זיך: „איך בין א סאָלדאט, און קיינער קאָן אזוי ניט ליב קריגן און פײַנט באקומען ווי א סאָלדאט".

נאפטאָלע כעסין קאָן ניט זאָגן, ווי געדאליע, וועגן זיך, אז פונקט אזוי שטארק, ווי ער קאָן ליב באקומען, אזוי שטארק קאָן ער אויך פײַנט קריגן, כאָטש ער האָט זיך אָנגעזען אף זײַן לעבן ניט ווייניק שלעכטס. כאָטש איז זיכער, אז ווען כעסין זאָל געווען דעמלט בײַזײַן אין וואלד, וואָלט ער ניט דערלאָזט, אז געדאליע זאָל זיך אזוי באגיין מיטן אינזשעניער. כעסין וואָלט באשטראָפט דעם אינזשעניער מיט רייד, ווײַל אין ווערטער, האלט נאפטאָלע דער לערער, ליגט די גרעסטע קראפט, און ער, געדאליע, האלט, אז דער גרעסטער פעלער, וואָס ער איז ווען־ניט־איז באגאנגען אין לעבן, איז געווען דאָס, וואָס ער האָט זיך באנוצט מיט ווערטער דעמלט, ווען ער האָט זיך באדארפט נוצן מיטן פויסט. פון דער דאָזיקער שוואכקײַט זײַנער, וועלכע ער האָט געיארשנט פון זײַן טאטן, — אײַנזען בלויז אין ווערטער די גרעסטע קראפט פונעם מענטשן, — האָט ער זיך ענדלעך און אף אלעמאָל באפרײַט.

— דאָס אייניקל אײַערס איז אנטלאָפן, — האָט כאָנע דערהערט, ווי דורכן שלאָף.

קענטיק, אז דער מאנצבל, וואָס האָט אף קיין טראָט ניט אָפּגעלאָזט פון זיך דאָס וועגעלע מיטן שלאָפנדיקן קינד, האָט אים אָנגענומען א ביסל פאר א טויבלעכן, וואָרעם אויסער דעם, וואָס ער האָט אים שיר ניט ארײַנגעשריִען אין אויער, האָט ער אים נאָך דערצו א טאָרקע געטאָן בא דער האנט, אָנווײַזנדיק אפן פוסטן בערגל זאמד, וווּ ס'האָט זיך א ווײַלע פריִער געשפּילט דאָס כּיעסדיקע מיידעלע מיטן קורצן צעפּל.

— ס'איז ניט מײַנס, — האָט כאָנע עטוואָס פארלוירן געענטפערט, אָפּ־שטעלנדיק דערבײַ אין זיך דעם ניגן, וואָס האָט זיך אין אים צעזונגען מיט דוויקעס, ווי שטענדיק, ווען ער לאָזט זיך ארײַן אין באטראכטן דעם סיידער פון דער וועלט, אין דעם זין פונעם מענטשנס לעבן...

— און וועלכעס איז אײַערס? — האָט דער מאנצבל אים אָנגעוויזן אפן קליינוואַרג, וואָס האָט זיך געשפּילט בא דער קלומבע.

— איך האָב ניט קיין אייניקלעך. — און ווען יענער האָט אים אָנגעג־קוקט ווי דעם סאמע געשטראָפטן מענטשן, ווײַל וואָס קאָן זײַן געשטראָפּ־טער בא אזא עלטער, ווי ניט האָבן קיין אייניקלעך, האָט כאָנע צוגעגעבן עטוואָס שטילער, — געווען בא מיר אן אייניקל, א מיידעלע — א גאָלד, איר וואָלט איצט שוין געגאנגען דאָס צענטע יאָר. און וויפל איז אײַערס, קיין אײַנהאָרע ניט, אלט?

— אָ, ער איז שוין בא אונדז א גרויסער. הײַנטיקן דאָנערשטיק ווערט אים מיט מאזל גאנצע עלף כאדאָשים. דאָס איז דעם זון מײַנעמס, וועלכער ווױנט מיט אונדז. כ'האָב נאָך צוויי אייניקלעך, זאָלן מיר געזונט זײַן, פון דער טאָכטער. זי איז ניט הי, ווױנט ווײַטלעך פונדאנען, אין טאמבאָוו, זי איז בא מיר א פעדאגאָג.

— מײַן יִינגערע טאָכטער, אײַערער צו לענגערע יאָר, האָט זיך אויך געקליבן זײַן א לערערן. — מיט וואָס האָט דער דאָזיקער אומבאקאנטער

אים א צי געטאָן אזוי צו זיך, וואָס ער האָט מיטאמאָל פאר אים אזוי זיך צערעדט וועגן די קינדער, וועגן אייניקל, וואָלט כאָנע מיסטאמע זיך אליין ניט געקאָנט דערוף ענטפערן. עפשער דערפאר, ווײַל ער האָט אינעם דערבײַזיצנדיקן מאנצבל דערפילט א מענטשן, וואָס קערט זיך נאָך ניט אָפּ, ווי פיל אנדערע, פון דעם, וואָס איז זיך ניט לאנג צוריק פארלאָפן אַף דער וועלט, און ווילן ניט, מע זאָל זיי דערפון דערמאָנען. זיי ווילן עס פארגעסן.— די טאָכטער מײַנע האָט שוין געהאט אָנגעגעבן די פאַ־פירן אין אינסטיטוט... גיי ריכט זיך אַף אזא שרעקלעכן בראָך...— און, ווי ניט ער, נאָר עמעצער אן אנדערער, האָט ער פלוצעם הילכיק א זאָג געטאָן:— סארא ווונדערלעך שיינער טאָג עס איז הײַנט!

דער אומבאקאנטער, וועמען כאָנע האָט שוין איינמאָל אָפּגעפירט אָן א זײַט פון דעם, וואָס ער האָט אים געהאט דערציילט, מיט זײַן געבן א פרעג, וויפל איז אלט דאָס אייפעלע אין וויגל, האָט זיך שוין איצט ניט געלאָזט אָפּפירן פונעם געשפּרעך, וואָס איז צווישן זיי אָנגעגאנגען, מיט כאָנעס געבן אינמיטן די רייד א זאָג: „סארא ווונדערלעך־שיינער טאָג עס איז הײַנט!..״ פון פארלוירנקײַט, פון ניט וויסן, מיט וואָס קאָן ער טרייסטן א מענטשן, וועלכער איז בא אזא עלטער געבליבן אָן קינדער, אָן אייי־ניקלעך, האָט דער מאנצבל אים א פרעג געגעבן וועגן זעלבן, וועגן וואָס מע פרעגט זיך נאָך אלץ נאָך בא אזעלכע, ווי כאָנע:

— פארוואָס האָט איר זיך ניט עוואקויִרט?— און אז כאָנע זאָל עס ניט אופנעמען ווי א שולד, וואָס מע ווארפט אים אוף, האָט דער זיידע פונעם אייפעלע אין וויגל זיך אליין עס פארענטפערט.— אז וועמען האָט געקאָנט קומען אפן זינען, אז עס קאָן זיך ווען־ניט־איז אזעלכעס פאר־לויפן! אָן א פארוואָס, אָן א פארוואָס נעמען און אומברענגען אומשולדיקע מענטשן, אויסהארגענען דאָ בא אונדז אין שטאָט אלע ייִדן... איר זײַט, קאָנטיק, ניט קיין היגער. כ׳האָב אײַך דאָ עפּעס קיינמאָל ניט געזען אין סקווערל.

— איך בין פון א שטעטל, ניט שטארק ווײַט פונדאנען. איר וועט פרעגן, ווי קומט עס, וויבאלד איך האָב זיך ניט עוואקויִרט, וואָס איך בין לעבן געבליבן? אן אוקראַיִנישע מישפּאָכע האָט מיך אויסבאהאלטן בא זיך. אײַנגעשטעלט צוליב מיר דאָס אייגענע לעבן. פאראן נאָך, זעט אויס, גוטע מענטשן אַף דער וועלט.

— געוויס זײַנען פאראן.— און ווי ער זאָל אין כאָנעס בליק געוועזן אויסלייענען: „און צו וועמען געהערט איר? פארוואָס האָט איר קיינעם ניט אויסבאהאלטן בא זיך?״, געצײַלט גלײַך צוגעבן:— מיך האָט גאָט אויסגעהיט צו האָבן דעם דײַטש איבער זיך. איך האָב געהאט מיט אים צו טאָן אפן פראָנט. אײַער עלטער, ווי איך פארשטיי, האָט מען נאָך דעמלט ניט באוויזן מאָביליזירן. גאָר אַף קיין סאך זײַט איר מיסטאמע ניט עלטער פון מיר. איך בין ערשט הײַנטיקן ווינטער אוועק אַף פענסיע.

— און איך האָב נאָך צו פענסיע קימאט גאנצע דרײַ יאָר. איר קוקט, וואָס איך זע אויס אזוי אלט?

— ניין, פארוואָס. איז ארבעט איר נאָך, הייסט עס?

— פאַרשטייט זיך. און כ׳קלײַב זיך ביכלאַל ניט אוועקגיין צו זעכציק יאָר אַף פּענסיע. איכ׳ל נאָך באַווײַזן זיך אָנשפּילן אין די סעדלעך אין דאָמינאָ.

— זאָל אײַך גאָט העלפן. קיין שטאָלגיסער, שטויס איך מיך אָן, זײַט איר דאָך ניט. איז פאַרוואָס טאַקע ניט אָפּאַרבעטן נאָך אַ פּאָר יאָר, אויב די אַרבעט איז ניט אַזאַ שווערע ווי בא אונדז, שטאָלגיסער.

— אָבער גאָר קיין לײַכטע איז זי אויך ניט. איך בין אַ נאַלאַדטשיק.

— און איך האָב געמיינט...

— אַז איך בין אַ שוסטער צי אַ שנײַדער?

— ניין, אָבער ניט קיין מעטאַליסט. און אַז אַ נאַלאַדטשיק איז ניט פון די לײַכטע אַרבעטן, דאָס ווייס איך, און קיין רויִקע איז זי אוודאי אויך ניט.

— באַזונדערס איצטער. כ׳ווייס ניט, ווי איז בא אײַך דאָ אַף די זאַ־וואָדן, נאָר בא אונדז אַפן צוקער־זאַוואָד האָבן די דײַטשן אַלץ אַרויס־געפירט, איבערגעלאָזט בלויז דאָס אַלטווארג, צעבראָכענע און צעקאַ־ליעטשעטע מאַשינעס, און גיי מאַך, אַז ס׳איז ניט צו קריגן קיין דעטאַלן. כ׳ווייס גאָר ניט, ווי וואָלטן מיר אַרויסגעקראָכן, ווען עס זאָלן אונדז ניט קומען צוהילף אײַערע רעמאָנט־מעכאַנישע וואַרשטאַטן. איך בין דאָרט אַ גאַנץ אָפטער גאַסט, גוט זיך אײַנגעגעסן זיי אין די ביינער. נאָר הײַנט בין איך אַהער געקומען ניט אין אַ קאָמאַנדירונג. איך בין געקומען, ווי מע זאָגט עס, אַ טאָפּ טאָן דעם וואָגן מיקויִעך אַ דירע.

כאָנען האָט זיך גראָדע געוואָלט וויסן, וואָס, אַשטייגער, וועט אים ענטפערן אָט דער צופעליקער נײַער באַקאַנטער זײַנער, ווען ער וועט אים דערציילן, פאַרוואָס זוכט ער אין שטאָט אַ דירע. ער האָט זיך אָבער גלײַך פאַרכאַפּט, געזאָגט, אַז די דירע איז ניט פאַר אים.

— דאָס זוך איך פאַר דער פּלעמעניצע מײַנער, וועלכע וווינט צוזאַ־מען מיט מיר. זי איז באַלד נאָך דער מילכאָמע אַריבערגעפאָרן צו מיר פון אַן אַנדער שטעטל. ס׳איז שוין עטלעכע יאָר, ווי זי האָט כאַסענע געהאַט. נאָר קיין קינדער האָבן זיי ניט. בא וועלכע דאָקטוירים איז דער מאַן אירער ניט אויסגעווען שוין מיט איר, אָנגעשפּאַרט צו די גרעסטע פּראָפעסאָרן, זיך מיט גאָרניט גערעכנט, גרייט געווען אַלץ פון זיך אויס־טאָן, בלײַבן, ווי מע זאָגט עס, אין איין העמד, אַבי זי זאָל ניט לײַדן. ער האָט זי זייער ליב. און ס׳איז פאַראַן, פאַר וואָס זי אַזוי ליב האָבן. איך רייד שוין ניט דערפון, וואָס זי איז אַ גאָלדענער מענטש, אַן איבער־געגעבענע, אַ טרײַע. זי איז דערצו נאָך אַ שיינהײַט, וואָס ס׳איז ניט צו געפינען. איר מעגט עס מיר גלייבן. איר קאָנט זיך פאָרשטעלן, אַז דער פּאַליציאַנט, וואָס האָט זי געפירט מיט אַלע יידן פון שטעטל צו דער גרוב, האָט ניט געקאָנט בײַשטיין קעגן איר שיינקײַט און זי געראַטע־וועט. ער האָט זי אַראָפּגעשטופּט פונעם בריקל אין טײַך, אינעם טשע־רעט. עס איז געווען טיף אין אָסיען. קימאַט אַ מעסלעס איז זי אָפּגע־שטאַנען אײַנגאַנצן אַ נאַקעטע, קאָן מען זאָגן, אין קאַלטן וואַסער. מיט איין וואָרט, זי האָט ניט קיין קינדער, און אַ קינד וויל זי, אַז ס׳עקט זיך איר מאַמעש דאָס לעבן. איז געבליבן, אַז זיי נעמען אַ קינד אַף דער־

ציִען. פאראַן דאָך מיסטאמע קינדערלעך, וואָס זײַנען געבליבן אָן טאטע־מאמע.

— אוואדע זײַנען פאראַן.

— יאָ, — זעצט כאַנע פאַר אָפּוועגדן פון זיך דעם כשאד, אז דאָס דער־ציילט ער וועגן זיך, נאָר ער באהאלט דערבײַ ניט אויס, אז אים גייט ביז גאָר אָן, וואָס וועט אים יענער אָפּ דעם אלץ ענטפערן. — זאָגט אָבער די פלעמעניצע, אז צוליב דעם מוזן זיי אריבערפאָרן אין שטאָט. אין א שטאָט, זאָגט זי, קאָן מען יאָרנלאנג וווינען אין איין הויז און ניט וויסן אפילע, ווער איז דײַן שאָכן. אין שטעטל אָבער ווייסט יעדערער, וואָס סע טוט זיך באם אנדערן. האָט זי מוירע, אז עס קאָנען זיך געפינען אזעלכע, וואָס וועלן אויסזאָגן דעם קינד, ווען ס׳וועט אונטערוואקסן, אז זי איז ניט זײַן עמעסע מאמע.

— און איר גלייבט, אז עס קאָנען זיך בא אײַך געפינען אזעלכע שלעכטע מענטשן?

— מיר גלייבט זיך עס אויך ניט. כ׳האָב עס איר וויפל מאָל שוין גע־זאָגט, נאָר קאווירן, אז סע קאָן זיך ניט אָפּזוכן אזעלכער, וועל איך ניט. סע טרעפט דען ניט, אז זייער ווילע און זייער לײַטישע מענטשן ווערן מיטאמאָל ניט צו דערקענען. איך האָב באגעגנט אזעלכע, געקענט אזעלכע פארשוינדלעך. דערצו איז די זאך נאָך דערינען, וואָס דער מאן אירער וויל ניט ארויספאָרן פון שטעטל, ניט דערפאר ווײַל ער איז עס אזוי מעסוקן פארליבט אין דעם, אז ער קאָן עס ניט פארלאָזן, צי ער האָט פײַנט די שטאָט. ער פארשטייט גאנץ גוט, אז אין שטאָט וואָלט אים עפשער געווען בעסער ווי אין שטעטל צי אין דאָרף. ער איז אָבער פון די מענטשן, וואָס האָבן ליב צו זיצן אָפּ אַן אָרט. ניט ארומשפרינגען, ווי אנדערע, הין־און־צוריק. אין שטעטל האָט ער אן אייגן שטיבל מיט אן אייגן שטיקל ווירטשאפט, ביידע זײַנען ניט שלעכט אײַנגעאָרדנט. דער מאן אירער איז אויך א נאלאדטשיק, ארבעט מיט מיר צוזאמען אפן צר־קער־זאוואָד. זי איז א סטראכיר־אגענט. איז גיי נעם און וואַרף עס אלץ אוועק. ס׳איז ניט אזוי פּאָשעט. איך פארשטיי אים. די באלעבאָסטע איז אָבער פאַרט זי. ער האָט זי זייער ליב.

— האָט איר צוגעזוכט דאָ שוין עפּעס פאר אײַער פלעמעניצע?

— דעם עמעס געזאָגט, האָב איך ניט איבעריקס געזוכט. כ׳מיין ניט, אז זיי זאָלן הײַנט־מאָרגן זיך נעמען פאקעווען. דערווײַל איז דאָך זיכער ניטאָ נאָך וואָס מוירע צו האָבן, — כאַנע האָט זיך געווענדט ניט אזוי צו דעם באיאָרטן מאנצבל, ווי גופע צו זיך. — נו וואָס פארשטייט א ברעקל קינד? אָט, אז ס׳וועט אונטערוואקסן, וועט עפשער דעמלט האָבן א זין אריבערפאָרן אין שטאָט, און אויב יאָ שוין ארויספאָרן, איז אין א גרע־סערער שטאָט, ווי דאָ. ניט אזוי?

דאָס אייפּעלע אין וויגל האָט זיך אופגעכאפּט און באלד געגעבן וועגן דעם צו הערן מיט אן אקשאָנעסדיקן געוויין. דער מאנצבל האָט פאָרזיכ־טיק ארײַנגערוקט די האנט אונטער דעם ראָזעוון פּיקייעוון צודעקל און לײַכט אָפּגעטעמט. די געפאר, וואָס האָט אים געדראָעט — איבערטאָן

דאָס איינגיקל און בייטן די ווינדעלעך, — האָט אים דאָס מאָל אויסגעמיטן. האָט ער מיט א מין באַזונדער פאַרגעניגן אַרויסגעבראַכט:

— דאַנקען גאָט, טרוקן. איז וואָס האָסטו געמאַכט אַזעלכע גוואַלדן? און הונגעריק, יאַטל, דאַרפסטו נאָך אויך ניט זײַן. איז שלאָף. א־א, ליו־ליו. — ער האָט גענומען לײַכט אונטערהוידען דאָס וויגל, און אַז דאָס קינד איז אַנשוויגן געוואָרן, האָט ער זיך אָנגערופן צו כאַנען, וואָס האָט זיך שוין געקליבן גיין:

— נו, און א קינד אַף צו דערציִען האָט אײַער פּלעמעניצע זיך שוין צוגעקליבן אין די קינדערהיימען?

— זי איז נאָך דערווײַל דאָרט ניט געווען, זי האָט מיר עס דערווײַל אָנגעטרויט, מיך געבעטן, אַז ווען כ׳וועל זײַן אין שטאָט, זאָל איך צוגיין אַהין און זיך דורכריידן דאָרט מיט די דערציִערנס. פאַריינס שוין, הייסט עס, זאָל איך א קוק טאָן, ווער פון די קינדער איז מיר מער צום האַרצן, אַז איך זאָל איר קאָנען אונטערזאָגן, ווען ס׳וועט האַלטן דערבײַ. איך פאַרשטיי דאָך, אַז איר ווילט זיך, ווי יעדער מוטער, אַז דאָס קינד זאָל מיט עפּעס זײַן ענלעך אַף איר. דאָס איז אָבער ניט אַזוי פּאָשעט, וואָרעם אַזא שיינהײַט, ווי מײַן פּלעמעניצע...

אָט דאָס, וואָס ער האָט זיך אַזוי צערעדט מיטן דאָזיקן מענטשן, וועלכן ער ווייסט אַפילע ניט, ווי מע רופט אים, נעמט זיך, אַפּאָנעם, בלויז דערפון, וואָס ער איז שוין פּאָשעט אַלט, און עלטערע מענטשן, אַז זיי קומען זיך צונויף, מעג מען זײַן, ווי זיי ביידע, אַשטייגער, ווילד־פרעמדע צווישן זיך, קאָנען זיי ניט זיצן און שווײַגן. זיי מוזן זיך צע־ריידן, און ביז מע רעדט זיך גוט ניט אָן, גייט מען זיך ניט פאַנאַנדער. נו, טאַקע. צוליב וואָס דערציילט ער דאָס אַלץ אויס דעם אומבאַקאַנטן? נאָר כאָנע קאָן זיך שוין ניט אָפּשטעלן. אים דאַכט זיך פונדעסטוועגן, אַז דעם דאָזיקן מענטשן גייט יאָ אָן דאָס, וואָס ער דערציילט אים. איז זעצט כאָנע פאָר זיך אויסריידן, דערציילט אים דערבײַ אויס אַזוינס, וואָס ער האָט נאָך עס קיינמאָל ניט אַרויסגעבראַכט אַף א קאָל, נאָר גע־טראָגן אין זיך. ער וואָלט עס זיך איצט אויך ניט געווען דערלויבט, ווען ער רעדט ניט וועגן זיך, ווי וועגן א צווייטן.

— מיר שײַנט, אַז מער פון אַלץ האַלט אײַן דעם מאַן אירן אין שטעטל, לאָזט אים ניט אַריבערפאָרן אין שטאָט דאָס, וואָס דאָס ווײַב איז בא אים אַזא שיינע. זעט אויס, ער האָט שטאַרק מוירע פאַר דעם.

— און אין שטעטל, אויב זי איז, ווי איר זאָגט, אַזא שיינהײַט, דאַרף ער פאַר דעם ניט מוירע האָבן?

כאָנע האָט זיך פאַרטראַכט, און ניט ווײַל ער האָט ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן דערויף יענעם, נאָר צי גיט ער זיך דערמיט ניט אַרויס, האָט ער אָנגעהויבן ניט זיכער:

— איר פאַרשטייט, א שטעטל איז ניט קיין שטאָט, אין א שטעטל איז גאָר עפּעס אַנדערש. ביזוואַנען מע איז, פאַרשטייט איר מיך, נאָך א דאָרטיקער, איז פּירט מען זיך אוף ווי טאַטע־מאַמע האָבן אַמאָליקע יאָרן זיך דאָרט אופגעפירט. צי האָט מען זיך יאָ ליב, צי ניט ליב, נאָר מע איז טרײַ איינער דעם צווייטן, טרײַ און איבערגעגעבן, אָבער אַז מע פאָרט

ארויס פון שטעטל... און פאר דעם, ווי איך שטויס מיך אָן, האָט דער מאַן אירער א ביסעלע מוירע. ס׳איז עפשער, וועט איר זאָגן, נארישקייטן. מעגלעך, ביפראט נאָך, אז איך ווייס, אז זי וועט אים אומעטום בלייבן טריי, כאָטש דער מאַן אירער איז ניט פון די שיינע שטאלטנע מאנצבלען, און איז דערצו אפילע היפשלעך עלטער פון איר. בלייבן טריי און איבער־געגעבן איינער דעם צווייטן איז א יערושע־זאך. פון זיך אליין, ווי סע זאָגט אונדזער שטעטלשער לערער, קומט עס ניט.

ווי א מענטש, וואָס דארף זיך אפריער גוט מעיאשעוו זיין מיט זיך, איידער ער זאָגט עס ארויס אף א קאָל, האָט דער זיידע פונעם אייפעלע ניט געאיילט זיך אָפּרופן, אויסגעווארט א רעכטע ווײַלע. נאָר ווען כאַנע האָט זיך אופגעהויבן פון באנק גרייט זיך לאָזן גיין, האָט דער מאנצבל אים אָפּגעשטעלט:

— הערט זיך איין, אז איר וועט זיין דאָרט, איז בעט די דערציערנס, זיי זאָלן אייך ווייזן דאָס יינגעלע, בא וועמען די עלטערן האָבן זיך אנומלטן דערטרונקען. די גאנצע שטאָט האָט דערמיט געקאָכט. א מאשין איז ארייַנגעפאלן אין טייַך. דער שאָפער איז, קענטיק, געווען אונטערן גלעזל, און די מאשין האָט אפן פולן גאנג דורכגעבראָכן די פּאַרענטשע פון בריק און פליוך אין וואסער. וועמען ס׳האָט זיך איינגעגעבן ראטע־ווען, וועמען ניט. דעם יינגעלעס עלטערן, וואָס האָבן געווינט אינעם שכיינעסדיקן הויז פון מיר, האָט זיך ניט איינגעגעבן ראטעווען און זיי האָבן איבערגעלאָזט אן אכטכאדאָשימדיק קינד. זייער א פיין יינגעלע, כ׳האָב עס עטלעכע מאָל געזען, די עלטערן זיינע פלעגן דאָ מיט אים אָפּט ארומשפאצירן אין סקווערל. איצט דארף עס שוין מיסטאמע אלט זיין בא אן אָנדערהאלבן יאָר. נאָך א גליק, וואָס ס׳איז געווען ניט זונטיק און זיי האָבן דאָס קינד ניט מיטגענומען מיט זיך, ס׳איז געווען אין די יאסליעס. די עלטערן פונעם יינגעלע זיינען ניט געווען קיין היגע, האָבן דאָ קיינעם ניט געהאט. זיי האָבן, ווייזט אויס, ביכלאל קיינעם ניט, וואָ־רעם ס׳איז דורך שוין באלד א יאָר און קיינער האָט זיך דערווייל נאָך ניט אָפּגערופן. איר זאָלט זען, סארא כיעסדיק יינגעלע דאָס איז. באַרינקע רופט מען אים. איך בין דאָרט ניט לאנג צוריק געווען. געבראכט אים א פאָר שפּילעכלעך, — זייענדיק זיכער, אז פאר כאָנען וועט עס זיין וויכטיק, האָט ער צוגעגעבן. — דאָס יינגעלע איז א יידישס. אייער פלעמעניצע וויל דאָך מיסטאמע, אז דאָס קינד זאָל זיין א יידישס.

כאַנע האָט זיך א רעגע פארקלערט.

— כ׳וועל אייך ניט זאָגן, אז ניט, נאָר מיר שייַנט, אז זיי גייט עס באזונדערס ניט אָן, אלנפאלס מיר האָבן זיי עס ניט געזאָגט. און ווי האָט די פלעמעניצע מיינע געקאָנט מיר אזעלכעס זאָגן, אויב רוסישע מענטשן האָבן איינגעשטעלט צוליב איר דאָס לעבן? איז האלט איר, אז זיי האָבן קיינעם ניט, ס׳איז קיינער ניט פארבליבן? נו, יאָ, הייַנטיקע צייַטן איז עס בא אונדז, יידן, ניט קיין זעלטנהייט.

— פונוואנען, אייגנטלעך, קאָנען זיך בא זיי אָפּזוכן אייגענע, אז זיי זיינען בייס דער מילכאָמע געווען אין א רומענישן לאגער? עמעס, דאָרט,

ווי מע דערציילט, האָט מען ניט צעשאָסן די יידן, ווי אין די דײַטשישע לאַגערן, מע האָט זיי פּאַשעט געלאָזט אויסגיין פון הונגער און קעלט.

די זון האָט שוין געהאַלטן באַם זעצן זיך. כאַנע האָט זיך אופגעהויבן, זיך פרײַנטלעך געזעגנט מיט זײַן נײַעם שטאָטישן באַקאַנטן, וועלכן ער קאָן אין אָט די שאָען דאָ שטענדיק טרעפן אַרומשפּאַצירן מיטן וועגעלע, און אַוועקגעײַלט צום קינדערהויז.

אַפּאָנעם, אַז די צוויי דערציִערנס, וועלכע כאַנע האָט געטראָפן זיך שפּילן מיטן קליינוואַרג, זײַנען פון לאַנג שוין געווווינט דערצו, אַז אין מעשעך פון טאָג זאָל באַם נידעריקן פּאַרקנדל פונעם גרינעם אַרומגעצאַמטן הויף שטענדיק עמעצער שטיין פון די, וואָס האָבן, פּונקט ווי ער, כאַנע, ניט דאָ, ניט ערגעץ אַנדערש־וווּ ניט קיין קינד, ניט קיין אייניקל און וועלכע גלײַכן זיך צו צו אַ בוים מיט אָפּגעהאַקטע צווײַגן. אַף אים אָבער, דוכט זיך כאַנען, קוקן די דערציִערנס אַנדערש, באַזונדערס די מער עלטערע, מיטן מעליק־ווײַסן געזיכט און מיט די פּײַכטלעך־וואַרעמע אויגן פון אַ יונגער מוטער. עפּעס קוקט זי אַלץ אַף אים, ווי זי זאָל אים כוישעד זײַן, אַז ער האָט דאָ עמעצן, נאָר באַהאַלט עס אויס, כאָטש כאַנע האָט איר שוין איינמאָל, ווען זי האָט אים געפרעגט, וועמען האָט ער דאָ, געהאַט געענטפערט דאָס זעלבע, וואָס ער האָט דאָ געהערט פון אַנדערע, אַז ער איז אַ בוים מיט אָפּגעהאַקטע צווײַגן, בייס אינדערעמעסן האַלט ער זיך ניט פאַר אַזעלכן. ער האָפט נאָך צו ווערן אַ טאַטע. און ווער ווייסט, עפּשער וועט ער נאָך דערלעבן צו זײַן אַ זיידע?

צום פּאַרקנדל, באַ וועלכן כאַנע איז געשטאַנען און אַרײַנגעקוקט אין הויף צו די קינדער, האָט זיך דערנענטערט אַ הויכער עטוואָס אײַנגעהויקערטער מענטש מיט אַ שניי־ווײַסן קאָפּ האָר.

כאַנע האָט אים דערקענט נאָך פונדערווײַטן. איטלעכס מאָל, ווען כאַנע קומט אַהער, טרעפט ער אים דאָ שטיין, דעם דאָזיקן אַלטן, און שטענדיק אָן אַ זײַט, אָפּגעזונדערט פון אַלעמען, גלײַך ווי זײַן ווייטאָג וואָלט געווען דער גרעסטער ווייט, זײַן בראָך — דער גרעסטער בראָך. דער אַלטער האָט מיט זײַן שטיין אָפּגעזונדערט ווי געגעבן דאָ אַלעמען צו פילן, אַז דער צאַראַס ראַבים[1] איז פאַר אים ניט קיין מינדסט פּיצל טרייסט אַף אײַנשטילן אין זיך די טײַנעס צו דער וועלט און צום באַשעפער פון דער וועלט. די קינדערלעך, וועלכע דער אַלטער האָט דאָ געטראָפן זיך שפּילן, זײַנען ניט געווען פאַר אים, ווי פאַר די אַלע אַנדערע, וואָס קומען אַהער, אַ שטיקל נאַכעס פון דערפילן זיך אַף די פאַר שאָ פאַר אַ זיידן פון לעבעדיקע אייניקלעך, נאָר אַ ווינט, וואָס האַלט אונטער אין אים דאָס צעפלאַמטע פײַער, לאָזט עס ניט אויסגיין.

דער אַלטער האָט אַ שאָקל געטאָן צו כאַנען מיטן קאָפּ און אָפּגעגאַנגען אָן אַ זײַט, זיך אָנגעשפּאַרט באַם זעלבן סטויפּיקל פונעם פּאַרקנדל, ווי אַלעמאָל.

— מע האָט מיר געזאָגט, — האָט כאַנע אָפּגעשטעלט די עלטערע דערציִערן, — אַז באַ אײַך אינעם קינדערהיים געפינט זיך דאָס יינגעלע, באַ

[1] די ליידן פון אַ סאַך.

ווען די עלטערן זײַנען אומגעקומען אין אווטאָבוס, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון בריק.

בא דער דערציִערן האָט איבערגעכאַפּט דער אָטעם:

— זײַנט איר ניט צופעליק באַרינקעס זיידע?

— קעדיי ווערן ווידער א זיידע, מײַן ליבע פרוי, דאַרף מען אפריִער ווערן באַנײַס א טאטע.

— באַרינקע, קום נאָר אהער, האָב ניט מוירע. קום, קום. — די דערציִערן האָט צוגערופן צו זיך דאָס יִינגעלע, וואָס האָט זיך געשפּילט אין פּילקע מיט אַן עטוואָס עלטער פון זיך מיידעלע.

דער נײַער היגער באַקאַנטער זײַנער, מיט וועמען כאַנע האָט הײַנט גערעדט אין סקווערל, האָט ניט איבערגעטריבן: דאָס יִינגעלע איז בעפּייִרעש א פּײַנס, און כאָטש בא אים זײַנען ניט ווי בא צירלען בלוילעכע אויגן, נאָר שווארצע, און דאָס פּענעמל פּארמאָגט ניט צירלס כיין־גריבלעך, נאָר מיט עפּעס איז עס פאָרט ענלעך אף צירלען... צירל וויל דאָך אָבער נעמען אַף דערציִען א מיידעלע. זי האָט עס אים ניט איין מאָל געזאָגט, ווען ס'איז געקומען וועגן דעם צו רייד.

— און ווער איז דאָס מיידעלע? — האָט כאַנע געפרעגט, אָנווײַזנדיק אפן דארן מיידעלע, וואָס האָט געוואָרט אף באַרינקען, האַלטנדיק פעסט צוגעדריקט צו זיך די גרויסע בלוי־רויטע פּילקע.

— דאָס איז מארינאָטשקע. זי איז שוין בא אונדז דאָס דריטע יאָר. זי האָט דאָ אויך קיינעם ניט.

— און ערגעץ אנדערש ווו?

— ווער קאָן עס וויסן? דערווײַל האָט זיך נאָך אף איר קיינער ניט נאָכגעפרעגט. זייער א טײַער קינד, א שטילס, א צארטס... אנטקעגן וואָס פרעגט איר זיך עס אזוי נאָך?

— ווי וואָלט איר געקוקט דערוף, ווען מיר זאָלן דאָס דאָזיקע מיידעלע ווען, אשטייגער, נעמען אף דערציִען?

— איך האָב גלײַך דערפילט, אז איר קומט אהער ניט גלאט אזוי... איך פארשטיי, אז איר ווילט נעמען א קינד ניט פאר זיך, נאָר פאר דער טאָכטער מיסטאמע צי פאר דער שנור... — נאָר דאָ האָט די דערציִערן זיך דערמאָנט. — איר זײַט דאָך אויך, ווי אָט דער אלטער, פון די, וואָס זײַנען געבליבן אָן קיינעם. איז פאר וועמען ווילט איר עס נעמען א קינד?

— פאר דער פלעמעניצע מײַנער, — האָט כאַנע געענטפערט, — זי איז נאָך א יונג ווײַבל, זייער א יונגס און ניט שלעכט באַזאָרגט. אי זי, אי דער מאן ארבעטן, פארדינען גאנץ פּײַן, האָבן אן אייגן שטיבל מיט אן אייגן שטיקל ווירטשאפט.

אויסגעהערט עס, האָט די דערציִערן זיך אָנגערופן:

— דאָס אלץ איז טאקע זייער גוט און פּײַן, אָבער ניט דאָס איז דער איקער באַם נעמען א קינד אף דערציִען. דער סאמע איקער איז, וויִאזוי לעבן צווישן זיך מאן און ווײַב.

— וועגן דעם, זעט איר, האָט איר ניט וואָס צו זאָרגן. איר קאָנט זיך אָנפרעגן בא יעדן איינעם בא אונדז אין שטעטל.

— זײַט איר גאָר ניט קיין היגער?.. אײַך געפעלן, ווי איך זע,ביידע, אי דאָס ייִנגעלע, אי דאָס מיידעלע. זיי זײַנען טאקע ביידע זייער ווילע קינדער, צוגעלאָזענע, מילדע, צארטע...

— שײַעך, ווי קאָנען ניט געפעלן אזעלכע קינדער. אָבער אויסקלײַבן דארף זי דאָך, די פלעמעניצע מײַנע. איך בין דאָך איר ניט מער ווי א פעטער. איך וועל זי אין דער נאָענטסטער צײַט צושיקן אהער. און עפשער וועלן מיר קומען צוזאמען. כ׳זאָל נאָר ניט פארגעסן, ווי זיי הייסן. ווי, זאָגט איר, רופט מען דאָס מיידעלע, מארינאָטשקע?

און ווי ער זאָל ווירקלעך מוירע האָבן, אז ער קאָן פארגעסן, ווי מע רופט די ביידע קינדער, האָט כאָנע, פאָרנדיק אהיים, אלץ אָפטער מיט־געזונגען מיט די רעדער פונעם אונטערשפּרינגענדיקן וואגאָן, וואָס האָבן געהאלטן אלץ אין איין ארויסזינגען: באָ־ריִנ־קע, מאַ־רי־נאָטש־קע, באָ־ריִנ־קע, מאַ־רי־נאָטש־קע...

## קאפּיטל עלף

דעם פילם, אף וועלכן זײַוול קלײַבט זיך הײַנט אין אָוונט גיין, האָט ער שוין איין מאָל געזען, זײַענדיק אָנומלטן אין שטאָט. ער האָט זיך אָבער אים מיט גאָרנישט ניט פארגעדענקט. קענטיק, עס איז פון יענע בילדער, וואָס פארגעסן זיך באלד. צוויי מאָל גיין עס זען קאָן מען, אפּאָ־נעם, בלויז דאן, ווען ס׳איז ניטאָ זיך ווו אהינטאָן פון אומעט, וואָס באַ־פאלט צומאָל אומגעריכט, ווי ער איז אים הײַנט באפאלן, ניט אָפּלאָזנדיק פון זיך אף קיין רעגע. דאָס איינציקע, וואָס זײַוול וואָלט וועלן, אז די בילדער, וועלכע וועלן זיך פארבײַטראָגן אפן עקראן, זאָלן אף דעם דאָ־זיקן שטיקל צײַט אים דערווײַטערן פון זיך, ניט לאָזן זיך אָפּגעבן אזוי מיט זיך, מאכן אים פארגעסן אין זיך.

נאָר צו אָוונט איז אלץ נאָך ווײַטלעך. די זון איז נאָך ניט אָפּגעגאנ־גען אינגאנצן פונעם פענצטערל, בא וועלכן ער שטייט און קוקט ארויס צום שטילן געסל. ווי מעשונע לאנג עס ציט זיך הײַנט דער טאָג! זײַוולען ווײַזט זיך אויס, אז זונטיק איז דער לענגסטער און שווערסטער טאָג פון דער וואָך. און געוואָרן איז ער פאר אים אזא, פון זינט צירל איז אָנגע־קומען צו אים ארבעטן. ער האָט פאָרויסגעזען, אז אזוי וועט זײַן. ער האָט אָבער ניט דערוואוּסט, אז דערפון, וואָס ער וועט אין די רו־טעג ניט זען זיך מיט צירלען, ניט אָנטרעפן זי אין קאָנטאָר, ניט באגעגענען זי מיטן פערד־און־וועגעלע אין וואלד, וועט ער אין אָט די רו־טעג זיך פילן אזוי איינזאם. און געוויס האָט ער ניט דערוואוּסט, אז די זונטיקס וועלן איבערלאָזן נאָך זיך אין אים אזא מאָדנע פוסטקײַט. פון דער ערשטער וואָך אָן, וואָס צירל איז באשעפטיקט בא אים אין דער סטראכיר־קאָנ־טאָר, האָט ער פײַנט באקומען דעם זונטיקדיקן טאָג. ער איז זיכער דער איינציקער מענטש דאָ אין שטעטל, וועלכער קוקט אף אים ניט ארויס, נאָר וויל אים וואָס גיכער אריבערקומען, וואָס גיכער ארויסבאגלייטן, כאָטש סע פעלט אים ניט אויס קיין ארבעט מיט וואָס צו פארפילן דעם רו־טאָג. ער האָט אויך הײַנט מיט וואָס אים צו פארפילן. שוין די אנדערע

וואָך, ווי עס וואַרטן אַף אים די אַנאַליטיש־געאָמעטרישע און פּאָליטעקאָנאָמישע פאַרגעבונגען, וואָס ער האָט דערהאַלטן פונעם הינטער־אויגיקן אינסטיטוט און צו וועלכע ער האָט זיך נאָך ניט צוגעריכט. און אין קאַנטאָר באַ זיך, ער זאָל זיך אַראָפּכאַפּן, וועט ער אויך געפינען ניט ווייניק וואָס צו טאָן. זײַוול ווייסט אָבער פאַרפריִער, מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיקן, אַז פאַר וועלכער אַרבעט ער זאָל זיך איצט ניט נעמען, וועט ער דערמיט סײַווי ניט באַפרײַען זיך פונעם נאָגנדיקן אומעט, וואָס איז אים נאָך, דאַכט זיך, ביז הײַנט אין קיין איינעם פון די דרײַ־טעג אַזוי שווער ניט באַפאַלן. זײַוול האָט געפּרוווט פאַרטרײַבן פון זיך אָט דעם אומעט מיט אוועקלאָזן זיך אינדערפרי רײַטן איבער וואַלד און פעלד, אַנטרויענדיק זיך אײַנגאַנצן דעם אָגער.

פונעם איינציקן שמיץ, וואָס זײַוול האָט אים דערלאַנגט, האָט דער אָגער זיך ווי אָנגעשטויסן, אַז ער דאַרף דעם רײַטער אָפּפירן וואָס ווײַטער פונעם שטעטל, וואָס לענגער אים דאָרט ערגעץ פאַרהאַלטן, און אַז דערמיט היט ער אויס זײַן באַלעבאָס פונעם ניט באַדאַכטן שריט, וועלכן ער וואָלט, זײַענדיק אין שטעטל, געקאָנט הײַנט מאַכן.

אַף צוריקוועגס האָט זײַוול שיִער ניט געמאַכט דעם דאָזיקן ניט באַדאַכטן שריט, פון וועלכן ער האָט זיך הײַנט ביז אַהער אויסגעהיט מיטן פאַרקלײַבן זיך ווײַט אויסערן שטעטל. באַם אַרויספאָרן פון וואַלד, — ס'איז שוין געווען ווײַט נאָך האַלבן טאָג, — האָט זײַוול ווידער זיך אַזוי אַרײַנגעלאָזן אין זיך, אַז ער האָט ניט באַמערקט, ווי דאָס פערד האָט גענומען רעכטס און זיך אַ טראָג געטאָן אַרופצו מיט דער גאַס, וווּ עס וווינט צירל. זײַוול האָט עס באַמערקט, ווען ס'האָט זיך שוין אַרויסגעוויזן פון צווישן די טאָפּאָלן באַם טראָטואַר דער רויטגעפאַרבטער דאַך פון איר שטוב מיטן דרעמלענדיקן פליוגער.

מעגלעך, — זײַוול איז שוין איצט קימאַט זיכער דערין, — אַז ווען כאָנע זאָל געווען זײַן אין דער היים, וואָלט ער, זײַוול, ניט אַ צי געטאָן אַזוי דאָס פערד פאַרן צײַמל און עס פאַרקערעוועט אַזוי האַסטיק אַף צוריק. ער וואָלט צוגעריטן צו דער סאַמע שטוב און אומבאַדינגט אָנגעקלאַפּט אַהין. זײַוול איז קימאַט אויך זיכער, אַז ער וואָלט כאָנען מיט צירלען איבעריקס דערמיט ניט פאַרוווּנדערט, ער וואָלט זיי גלײַך געוועזן געזאָגט, וואָס האָט אים געבראַכט צו זיי. ער איז ניט געקומען אין געסט, ער איז געקומען מיקויעך אַן איניען, זייער אַ וויכטיקן איניען, וועלכן ער קאָן ניט אָפּלייגן אַף מאָרגן, ער דאַרף אים דערליידיקן הײַנט. אומבאַדינגט הײַנט! מאָרגן וועט ער דערויף ניט האָבן קיין צײַט. ער דאַרף מאָרגן אינדערפרי אַרויספאָרן אין ראַיאָן און וועט זיך דאָרט מיסטאַמע פאַרהאַלטן עטלעכע טעג. ער איז געקומען זיך דורכריידן וועגן דער מעלדונג, וואָס צירל האָט אים נעכטן סאָף טאָג אַרײַנגעטראָגן און, קיין וואָרט ניט זאָגנדיק, זי אַוועקגעלייגט אים אַפּן טיש.

ווען זײַוול האָט זי נעכטן געוואָלט אַרײַנרופן צו זיך אין קאַבינעט און דורכריידן זיך מיט איר אויג־אַף־אויג, — וואָס איז פּלוצעם אַזעלכעס געשען, וואָס זי האָט ווידעראַמאָל אָנגעגעבן אַ מעלדונג, — איז צירל אין קאָנטאָר שוין ניט געווען. זי איז געגאַנגען אַהיים מיט דער נײַער מיטאַר־

בעטערן פונעם פלאַנעוון אַפּטייל — א יונג מיידל מיט גרויסע קיילעכ־דיקע אויגן, וועלכע זי לאָזט פאַרלאָרן אַראָפּ, ווען ער ווענדט זיך מיט עפּעס צו איר. אירישע רופט מען זי.

פון זינט זיַיוול האָט אָנגעהויבן באַמערקן, אַז דאָס מיידל וויל אים געפעלן ווערן, — און דאָס האָבן, דאַכט זיך, אָנגעהויבן באַמערקן אויך אַנדערע אין קאָנטאָר, — האָט ער אויסגעמיטן זי איבערלאָזן אַף אַן איבע־ריקער שאָ נאָך דער אַרבעט, ווי ער טוט עס צומאָל מיט איינִיקע מיט־אַרבעטער, באַזונדערס סאָף כוידעש, בייסן צונויפשטעלן דעם כוידעש־לעכן באַריכט. זיַיוול האָט פאַרשטאַנען, אַז צירל איז בעקיוון אַרויס פון קאָנטאָר צוזאַמען מיט אירישען, ווײַל אין דער אָנוועזנהײַט פון אָט דעם מיידל, וואָס קוקט מיט כשאַד אַף יעדער פּרוי, וועלכע קאָן אים געפעלן, האָט זי געוווּסט, וועט ער זי ניט אָפּרופן. שוין דערפון אַליין איז אים גלײַך געוואָרן קלאָר, אַז דאָס מאָל וועט צירל זיך ניט לאָזן איבעריידן און וועט ניט אָפּנעמען אַף צוריק די מעלדונג, ווי דענסטמאָל. ניין.

אָבער ווי פאַרשטייט עס ניט צירל, אַז ער וועט זי ניט אָפּלאָזן? ער קאָן זי ניט אָפּלאָזן! ער קאָן זי ניט אָפּלאָזן!!! זי איז פאַר אים אַלץ. זי איז זײַן ערשטע און איינציקע ליבע, זײַן ערשטע און איינציקע עמעסע ליבע. און צירל ווייסט עס. און אויב זי באַהאַלט ביז איצט נאָך אויס פון איר כאַנען, אַז ער, זיַיוול, איז אויך איר ערשטע און איינציקע עמעסע ליבע, און פאַר כאַנען איז ביז איצט נאָך פאַרבליבן א סאָד דאָס אַלץ, וואָס איז זיך פאַר די דאָזיקע כאַדאָשים פאַרלאָפן צווישן אים, זיַיוולען, מיט צירלען, איז וועט ער, זיַיוול אַליין, עס אים אַנטפּלעקן. ער מוז זיך מיט אים סאָפּקאָלסאָף דורכריידן. וויפל קאָן מען עס זײַן בלינד?!

הײַנט אָבער, ווען זיַיוול טרעפט כאַנען אין דער היים, וואָלט ער מיט אים דעם דאָזיקן געשפּרעך נאָך ניט פאַרפירט. ער וואָלט אים בלויז געבעטן פועלן בא צירלען, אַז זי זאָל אָפּנעמען צוריק די מעלדונג.

איז אָבער כאַנע פונקט אַוועקגעפאָרן.

אומזיסט איז ער, זיַיוול, נעכטן כוישעד געווען די באַלעבאָסטע, בא וועמען ער איז אַף קוואַרטיר, אַז אָט דאָס קליינוווּקסיקע בלאָנדע וויַיבל מיט די ליכטיקע, עטוואָס פאַרזשמורעטע אויגן, וועלכע אַרבעט מיט כאַ־נען אין איין צעך אַפן צוקער־זאַוואָד, איז עפּעס גאָר אַנדערש אויסן געווען מיט איר קומען אים נעכטן אין אָוונט אָנזאָגן, אַז צירלס מאַן קלײַבט זיך אין שטאָט. זיַיוול האָט פון פאַרלוירנקײַט פּאַשעט פאַרגעסן אין יענער מינוט, אַז ער האָט מיט א פּאָר טעג צוריק אַליין געבעטן די באַלעבאָסטע, — טאָמער וועט זי דערהערן, אַז עמעצער פון די באַקאַנטע פאָרט אין שטאָט, זאָל זי אים גלײַך געבן צו וויסן. בא אים זײַנען אויס־געגאַנגען די ראַזיר־מעסערלעך, וואָס דאָ איז עס ניט צו קריגן. איז אָבער כאַנע ניט פון די באַקאַנטע, וועמען ער וועט גיין בעטן.

און אומזיסט איז ער הײַנט כוישעד געווען די באַלעבאָסטע, אַז זי איז גאָר עפּעס אַנדערש אויסן געווען מיט איר קומען אים איבערפרעגן, ווען זי האָט געשיקט דאָס עלטערע מיידל קויפן באַצײַטנס בילעטן אַף דעם הײַנטיקן פילם, צי זאָל מען פאַר אים, זיַיוולען, נעמען בלויז איין בילעט.

סאַראַ מאָדנער טאָג עס איז הײַנט! נאָכאַנאַנד ווי סע דאַכט זיך איס אַלץ אויס. נו, פונוואַנען קאָן וויסן די באַלעבאָסטע, ווער איז פאַר איס צירל, און וואָס אַזױנס איז פאַר איס צירל, און אַז ער האַלט דעם גאַנצן טאָג אין איין טראַכטן וועגן איר? ווען די באַלעבאָסטע זאָל אַפילו געווען עפּעס באַמערקן, וואָלט זי בלויז צוליב דעם אַליין, זי זאָל ניט אָנווערן אַזאַ שטילן און רויִקן קוואַרטיראַנט, ווי ער, זיך געמאַכט דערפון ניט וויסנדיק. און ווידער, ווייסט ער, אַז די באַלעבאָסטע זײַנע איז ניט פון די, וואָס זאָלן זיך גיין צוהערן און צוקוקן, וואָס סע טוט זיך אין שטעטל. אויב זי ברענגט איס שוין יאָ אַמאָל אַ נײַס, איז גיט זי די דערבײַ גלײַך צו, אַז וואָס מע זאָל איר ניט דערציילן און ניט זאָגן, איז גלייבט זי דערין, ס׳מעג איר עס זאָגן און דערציילן דער סאַמע אָנגעטרויטער מענטש, נאָר אַף נײַן און נײַנציק הונדערטלעך, ווײַל טיילמאָל טרעפט, אַז גראַדע אָט דאָס איין הונדערטל וועגט אַריבער די נײַן און נײַנציק פּראָצענט. די באַלעבאָסטע האָט געגנוג דײַגעס אָן דעם, אַז זי זאָל זיך צוקוקן צו איס און צירלען. זי איז געבליבן אַ יונגע אַלמאָנע מיט צוויי קינדער. דער מאַן איז אומגעקומען אַף דער מילכאָמע. דאַרף מען אַ טראַכט טאָן וועגן זיך. יעדעס מאָל, ווען זי קומט אַרײַן צו איס אין צימער, כאַפּט זי אַ קוק אַף זיך אינעם שפּיגל, ווי זי זאָל זיך אָן איבעריקס מאָל ווען איבער־צײַגן, אַז זי האָט נאָך ניט אינגאַנצן פאַרשפּילט איר לעבן. דער באַלע־באָסטע האָט, אַפּאָנעם, פאַרוווּנדערט, וואָס ער האָט באַשטעלט אַ בילעט בלויז פאַר זיך, וואָרעם זי האָט איס עטלעכע מאָל געזען גיין אין קינאָ מיט נאַפּטאָלע דאַווידאָוויטשן. הײַנט אָבער, ווייסט זײַוול, וויבאַלד כאָנע איז ניטאָ אין דער היים, וועט כעסין גיין אין קינאָ מיט צירלען. ער היט זי אָפּ, דאַכט זיך, נאָך מער, ווי דער מאַן אירער. צי ניט פון איס, זײַוו־לען, היט ער עס זי אַזוי אָפּ?

סאַראַ מעשונע־מאָדנע געדאַנקען עס קריכן איס דעם גאַנצן טאָג הײַנט אין קאָפּ...

ווו וועלן דאָרטן זיצן נאַפּטאָלע כעסין מיט צירלען, שטעלט זיך זײַוול אָן ערעך פאָר. צירל זאָל איס נאָכדעם ניט באַשולדיקן, זײַוולען, אַז ער פאַרגעסט, וואָס איז אַזוינס אַ שטעטל, וועט ער אין צושויער־זאָל צו זיי ניט צוגיין. זי האָט ניט וואָס מוירע צו האָבן דערפאַר. אָבער ניט זען זיך הײַנט מיט איר איז איבער זײַנע קויכעס. ער מוז זי זען. ס׳איז עפּשער גלײַכער, וואָס זי איז ניט אַליין, נאָר מיט כעסינען. נאָכן סעאַנס, ווען מע וועט נעמען אַרויסלאָזן פון זאָל, וועט ער פּלוצעם אויסוואַקסן פאַר זיי בא דער טיר, ס׳זאָל זיך באַקומען, אַז ער האָט זיך מיט זיי באַגעגנט אינגאַנצן צופעליק און אומגעריכט. ער זאָל זיי ניט אָנווערן פון אויג, בייס זיי וועלן אַרײַן אין זאָל, האָט ער געבעטן די באַלעבאָסטע, אַז זי זאָל איס נעמען אַ בילעט אין דער סאַמע לעצטער ריי. אַף יעדן פאַל, די באַלעבאָסטע האָט עס איס גאָר ניט געפרעגט, האָט ער זיך פאַרופן אַף דעם, אַז ער ווייסט ניט, צי וועט ער אויסזיצן ביזן סאָף, וואָרעם ער האָט דעם פילם שוין איין מאָל געזען, ער דאַרף זיך איס נאָר דערמאָנען, און פון דער לעצטער ריי איז גרינגער אַרויסצוגיין, מע זאָל דערמיט די אַנ־דערע ניט שטערן.

פון ווען אָן, ווי ער איז געקומען צו רײַטן, ווי ער דרייט זיך אום איבערן צימער, איבערן הויף, און צו אָוונט איז אַלץ נאָך ווײַטלעך. די זון פאַרגייט הײַנט מעשונע לאַנגזאַם, ווי מיט גוואַלד.

ענדלעך האָט א פינקל געטאָן אינעם נאָך אַלץ ליכטיקן הימל א בלייַ־כער שטערן, נאָך אים א צווייטער, און כאָטש זײַוול האָט געוווּסט, אַז דעם פילם וועט מען הײַנט דעמאָנסטרירן אינעם זומערדיקן קינאָ־טעאַ־טער און אַז ביז ס'וועט ניט ווערן רעכט טונקל, איז ניטאָ וואָס צו גיין אַהין, דאָך האָט ער זיך מער קיין רעגע ניט פאַרהאַלטן אין שטוב. ער האָט אוועקגעשפּאַנט מיט ברייטע האַסטיקע טריט, ווי ער וואָלט זיך סאָפּקאָלסאָף באַפרײַט פון דעם זונטיקדיקן נאַגנדיקן אומעט, וואָס האָט אים הײַנט אַזוי שווער אַרומגעכאַפּט, און האָט מוירע, אַז ער זאָל אים צוריק ניט אָניאָגן.

בא דער קאַסע פון דער לענגלעכער הילצערנער געבײַדע מיטן הויך אַרומגעצאַמטן גרינעם פּאַרקן האָט זײַוול געטראָפן א לאַנגע ריי. נאָך צוויי־דרײַ שפּאַן ווען ער מאַכט, האָט ער דאָ הײַנט ביכלאַל ניט וואָס צו טאָן. אים וואָלט אויסגעקומען פאַרקויפן עמעצן דעם בילעט און זיך אומ־קערן אַהיים, וואָרעם באַפרײַען זיך פון אירישען, ווע‏מען ער האָט דערזען שטיין אין דער ריי, וואָלט ער ניט געקאָנט שוין. זי וואָלט ניט געפרעגט, צי ער האָט א בילעט צי ניין, זי וואָלט, דערזעענדיק אים, סײַווי גענומען צוויי בילעטן — פאַר זיך און פאַר אים, — זיי זאָלן זיצן אינייענעם. זי האָט שוין איינמאָל אָפּגעטאָן מיט אים אַזעלכעס. זי זוכט אַלץ א געלעגנהײַט, אַז מע זאָל זיי זען צוזאַמען. און דאָס ווייסט שוין זײַוול: אין א שטעטל, אַז מע דערזעט א באָכער מיט א מיידל איין מאָל און א צווייט מאָל צוזאַמען, האָט עס דאָ ביז איצט נאָך א סאַך וואָס צו זאָגן. פאַרן דאָזיקן מיידל מיט די גרויסע קײַלעכדיקע אויגן, וואָס באַמיט זיך אים געפעלן ווערן, דאַרף ער זיך היטן. דערוויסט זי זיך עפּעס וועגן אים און צירלען...

דאָס מאָל האָט אים אָפּגעגליקט מיט איר: ווען ער איז אָנגעקומען, איז זי געשטאַנען צו אים האַלב מיט דער פּלייצע און ניט באַוויזן אים באַמערקן. זײַוול איז האַסטיק אַרונטער אונטער די נידעריק אַראָפּהענ־גענדיקע צווײַגן פונעם הויכן ברייט צעוואַקסענעם דעמב, אַף וועלכן עס פאַרקלײַבן זיך שטענדיק עטלעכע כעוורע און קוקן פון דאָרט מיט א באַ־זונדער מין פאַרגעניגן די פילמען. זײַוול איז קימאַט זיכער, אַז קיינער פון די כעוורע וואָלט ניט געביטן זײַן אָרט אַפן בוים אַפן בעסטן פּלאַץ אין זאַל. און עס באַפאַלט אים מיטאַמאָל א כיישעק אָפּגעבן עמעצן פון דער ריי זײַן בילעט, און ווי נאָר מע וועט נעמען ווײַזן דעם בילד, אַרופּ־קלעטערן צו די כעוורע אַפן בוים, אַף דער סאַמע העכסטער צווײַג. קיי־נער דאַרף עס אים ניט זאָגן, ער פילט אַליין, אַז אין אים איז נאָך פאַר־בליבן א סאַך יינגלשקײַט. צירל האָט עס געוויס אין אים באַמערקט. צײַטנווײַז טראַכט ער, אַז איר איז גראָדע געפעלן אָט די דאָזיקע פאַר־שײַטע יינגלשקײַט אין אים.

פונעם טומל, וואָס האָט זיך מיטאַמאָל אופגעהויבן בא דער קאַסע, האָט זײַוול זיך אָנגעשטויסן, אַז מע האָט, קענטיק, שוין אויסגעפאַרקויפט אַלע

בילעטן. פארשטייט ער ניט, פארוואָס גייט זיך ניט פאנאנדער די ריי, אף וואָס ווארט מען? אירישע גייט אויך ניט אָפּ פון דער קאסע. אף עפּעס מיסטאמע ריכט זי זיך. זי דאַרף זײַן שטארק אן אײַנגעאקשנטע, פאר־טראכט זי וואָס־ניט־איז, וועט זי דערפון ניט אָפּטרעטן. אים איז דאָס דאפקע געפעלן אין איר, און אין דער זעלבער צײַט שרעקט עס אים אָפּ. זײַוול איז זיכער, אז ווען אָט דאָס מיידל פונעם פלאנעוון אָפּטייל זאָל געוועז וויסן, אז ער קלײַבט זיך הײַנט גיין אין קינאָ, וואָלט זי באַ־צײַטנס געקויפט בילעטן און ניט אָפּגעלייגט אף דער לעצטער מינוט. צירל, פארשטייט זיך, האָט געוויס באצײַטנס גענומען בילעטן, און ער האָט דאָ ניט מער וואָס צו שטיין און ארויסקוקן אף איר. אלציינס וואָלט ער דאָך צו איר ניט צוגעגאנגען, ווען זי באַווײַזט זיך איצט דאָ. צירל וואָלט אים באגעגנט מיט א בליק פון א מענטשן, וואָס זעט אים צום ערשטן מאָל, און זיך טייקעף אָפּגעקערט, ווי אנומלטן אין סעדל, ווען ער האָט זי אין אָוונט געטראָפן שפּאצירן מיט כאָנען. זי איז דורך פאר־בײַ, ניט אָפּשטעלנדיק זיך קיין רעגע אפילע, בלויז א שאָקל געטאָן צו אים מיטן קאָפּ, וואָס האָט באדארפט, אפּאָנעם, באטײַטן: „איר פארגעסט זיך, ווו איר געפינט זיך. הערט אוף קומען אהער”.

און פונקט אזוי, ווי ער וואָלט ווירקלעך געוועזן עס דערהערט דעמלט פון איר, האָט זײַוול גענומען אויסמײַדן דאָס סעדל, ווו עס קלײַבט זיך צונויף פון אָוונט דאָס שטעטל כאפּן פרישע לופט, זיך דורכריידן איינער מיטן צווייטן, ווי מע וואָלט יאָרנלאנג זיך ניט געזען. און ווען ער פלעגט פון מאָל צו מאָל דאָך פארקערעוון אהין, האָט ער ארומגעשפאצירט מיט די זײַטיקע סטעזשקעס, זיך געהאלטן דערווײַטערט פון דער אלייע, ווו ער האָט געקאָנט זיך אָנשטויסן אף צירלען, צוליב וועמען ער איז גע־קומען און פון וועמען ער דאַרף זיך אויסבאהאלטן, פירן א שפּיל, אז ער זאָל זי זען און זי אים ניט. הײַנט האָט ער דאָרט ניט פון וועמען זיך אויסצובאהאלטן און מיט וועמען צו פירן די דאָזיקע שפּיל. אין די אָוונטן, ווען מע דעמאָנסטרירט א נײַעם פילם, זעט מען קימאט קיינעם ניט ארומשפאצירן איבער דער אלייע, עס זײַנען פרײַ די בענק.

ווי יינגלש פונדעסטוועגן ער פירט זיך דאָ הײַנט אוף! אים איז דאָך שוין דאָס זעקס־און־צוואנציקסטע יאָר, און ער איז אן אָנפירער פון א ראיאָנער סטראכיר־קאָנטאָר. נו, וואָס איז ער געקומען אהער צו לויפן אף א גאנצער שאָ פריער? און וואָס קאָן זײַן מער לײַכטזיניקער, ווי שטיין פון ווען אָן אונטער די צווײַגן פון אָט דעם בוים און מוירע האָבן ארויסגיין פון דאָרט? פון אירישען, וויבאלד עס זײַנען אויסגעפארקויפט די בילעטן אין קאסע, האָט ער דאָך שוין איצט ניט וואָס אויסצובאהאלטן זיך. קומט אויס, אז ער באהאלט זיך דאָ איצט פון צירלען. סארא קינ־דערשע שפּיל ער פירט מיט איר!

אירישע גייט נאָך אלץ ניט אָפּ פון דער צוגעמאכטער קאסע. אף וואָס ווארט זי? זײַוול האָט זיך מיטאמאָל דערפילט מאָדנע שולדיק פאר אָט דעם מיידל, ניט וויסנדיק אליין מיט וואָס. ער האָט פאר איר, דאכט זיך, מיט גאָרנישט ניט ארויסגעוויזן, אז ער טיילט זי אויס פון די אנדערע מיידלעך אין קאָנטאָר. נאָר עפּעס קוקט זי אף אים א לענגערע צײַט

שוין, ווי ער וואָלט זײַן שולדיק דערין, וואָס זי איז ביז איצט נאָך אַלץ אַליין, דעמלט ווען אַנדערע אין איר עלטער זײַנען שוין מאמעס. ווען זיך וועט ער דאָך ניט זאָגן, אַז ער איז אַ בלינדער! קוים האָט ער באַמערקט, אַז זי באַמיט זיך אים געפעלן ווערן, קומט אָף דער אַרבעט שיר ניט יעדן טאָג אין אַן אַנדער קליידל, אין אַן אַנדער קאָפּטל און פאַרגעסט ניט, ווען ער גייט דורך, אַרויסשטעלן פון אונטער דעם טישל, באַ וועלכן זי זיצט, אירע שיינע שלאַנקע פיס, האָט ער באַדאַרפט איר גלײַך זאָגן אָפן: „טײַערינקע מײַנע, איר זײַט זייער אַ ווויל מיידל. מעגלעך, ווען איך באַגעגן זיך מיט אײַך פריִער. אָבער איצט...״

און וואָס וואָלט ער איר געענטפערט, ווען זי פרעגט אים, וואָס האַלט אים איצטער אָפּ? ער וועט דאָך ניט גיין איר דערציילן, ווער איז שולדיק אין דעם, וואָס איצטער... אָט ווען זי, אירישע, גיט אים אָן אַ מעלדונג! קיין איבעריקע רעגע וואָלט ער זי ניט פאַרהאַלטן. אויב אָט דאָס מיידל וועט ניט קאָנען זיך בײַקומען, וועט זיך עס, אַפּאַנעם, ענדיקן דערמיט, וואָס ער וועט איר אַליין אונטערזאָגן, אַז זי זאָל אָנגעבן אַ מעלדונג. קיין אַנדער אויסוועג זעט ער ניט. און פאַר צירלען איז דאָ אַן אַנדער אויסוועג? ווען ער איז זיכער, אַז ער איז ניט די ערשטע און איינציקע ליבע אירע, וואָלט ער ניט צוריקגעבראַכט די מעלדונג. און דאָ האָט זײַוול זיך דערמאָנט, אַז ער האָט ניט איר מעלדונג מיט זיך. ער האָט זי איבערגעלאָזט אין קאָנטאָר. און אָן דער מעלדונג האָט ער ניט מיט וואָס זיך צו באַרעכטיקן פאַר צירלען, פאַרוואָס האָט ער זי אָפּגעשטעלט. און ניט אַזוי פאַר צירלען, ווי פאַר כעסינען, וואָס וועט זי באַגלייטן פון טעאַטער ביז דער סאַמע שטוב, וויבאַלד זי איז אָן כאַנען. נאַפּטאָלע דאַווידאָוויטש כעסין האָט אים געגנומען מיטאַמאָל עפּעס צו אָפּט איבערכאַזערן, מיט וואָס עס שיידט זיך אויך איצט נאָך אונטער אַ שטעטל פון אַ שטאָט. ניט אַנדערש, ווי כעסין וויל אים אָנשטעקן מיט אָט דער שטעטלדיקײַט, וואָס איז אים, זײַוולען, ווײַט און פרעמד, און, ניט ווילנדיק, ניט באַמערקנדיק, שטעקט ער זיך מיט איר ביסלעכווײַז אָן. וואָס דען, אויב ניט אָט די שטעטלדיקײַט האָט אים געצווונגען איצט צו לויפן אין קאָנטאָר נאָך דער מעלדונג?

אומגעקערט האָט ער זיך פון דאָרטן עטלעכע מינוט פאַר דעם, ווי מע האָט אָנגעהויבן אַרײַנלאָזן אין טעאַטער. זײַוול איז געשטאַנען אין דער טונקל, עטוואָס פונדערווײַטן, און נאָכגעפאָלגט נאָך יעדן, וואָס האָט זיך דערנעענטערט צום אַרײַנגאַנג. דערווײַל האָט ער צירלען נאָך ניט געזען. ס׳איז שוין דער אַנדערער קלונג, נאָר צירלען זעט מען נאָך אַלץ ניט. און אָט איז דער דריטער קלונג. ציריל מיטן לערער האָבן פאַרשפּעטיקט, צי עפּשער קלײַבן זיי זיך ביכלאַל ניט גיין הײַנט אַהער און זײַנען געבליבן אין דער היים?

מע האָט אויסגעלאָשן די שײַן. אין דער קינאָ־בודקע האָט אַ רויש געטאָן דער אַפּאַראַט, ווי ס׳וואָלט מיטאַמאָל אַ גאַס געטאָן אַ געדיכטער רעגן. זײַוול גייט ניט אַרײַן. ער האָט נאָך צײַט. דערווײַל ווײַזט מען דאָרט דעם קינאָ־זשורנאַל. עס גייען דורך נאָך עטלעכע לאַנגע מינוטן. ניין, זי וועט ניט קומען. אומזיסט וואַרט ער.

אומגעריכט האָט ער דערזעען לעבן זיך אירישען.

— פאַרוואָס שטייט איר עפּעס דאָ און גייט ניט אַרײַן? — האָט זײַוול, ניט וועלנדיק זיך אַרויסגעבן פאַר איר, אַז ער האָט זי געזען שטיין בײַ דער קאַסע, געפרעגט.

— כ׳האָב ניט קיין בילעט.

— נעמט מײַן בילעט.

— איר שפּאַסט.

— נעמט, נעמט.

— איר מיינט עס טאַקע ערנסט?

— סאַראַ מאָדנע איר זײַט. נעמט און גייט אַרײַן.

— און איר, זײַוול יעווסייעוויטש? — אירע גרויסע קײַלעכדיקע אויגן האָבן געקוקט אויף אים מיט קינדערשער פאַרליבטקייט. נאָך איין רגע, אויב ער פאַרהאַלט זיך, וועט זי אים שוין ניט אָפּלאָזן פון זיך.

— וועגן מיר זאָרגט ניט. איך וועל זיך אַרופּקלײַבן צו אָן יענע יאַט־לעך אויפן בוים. פון דאָרט זעט מען בעסער, ווי פון זאַל, — ער האָט אָנגע־קלאַפּט אין דער צוגעמאַכטער טיר. — איך האָב דאָס בילד שוין איין מאָל געזען.

זײַוול איז ווידער צוגעגאַנגען צו דער העל באַלויכטענער בודקע, גע־שטאַנען דאָרט אַזוי אַ ווײַלע, צוהערנדיק זיך צום רויש פון דער אַפּאַראַ־טור, און זיך געלאָזט גיין פונדאַנען מיט ברייטע פעסטע טריט פון אַ מענטשן, וועלכער איז זיכער בײַ זיך, אַז קיין זאַך קאָן אים שוין מער ניט אָפּשטעלן. נאָר ווען ער איז אַרויף אויף דער גאַס, ווו עס ווױנט צירל, איז ער שוין געגאַנגען פיל שטילער און צוריקגעהאַלטענער. ער האָט זיך אָפּטער געבומען אַרומקוקן, כאָטש ער האָט, גייענדיק אַהער, דערווײַל נאָך קיינעם ניט באַגעגנט. די עטלעכע עלטערע לײַט, וועלכע ער האָט אינעם שוואַך־באַלויכטענעם שכיינעסדיקן געסל געטראָפן זיצן פאַר די הײַזער, איז געוויס ניט אָנגעגאַנגען, אויב אפילו עמעצער פון זיי האָט אים דער־קענט, וווּהין ער גייט אין [אָ]ט דער אָווונטיקער שאָ. וואָס לאַנגזאַמער ער איז געגאַנגען, אַלץ האַסטיקער האָבן זיך דערנעענטערט צו אים די צוויי באַלויכטענע פענצטערלעך צווישן די הויכע טונקעלע טאָפּאָלן.

ניט דערגייענדיק עטלעכע טריט, איז זײַוול געבליבן שטיין, זיך צו־געהערט. עפּעס איז דאָך מיסטאָמע געשען, וואָס צירל איז פאַרבליבן אין שטוב, איז אים דורכגעלאָפן אַ געדאַנק, אָן וועלכן ער האָט זיך גלײַך אָנגעכאַפּט, ווי ער זאָל זוכן פאַר זיך אַ באַרעכטיקונג, וואָס ער איז געקו־מען אַהער שיר ניט צו לויפן. כאָטש האָט נאָך ניט געקאָנט זיך אומקערן פון שטאָט, דער צוג קומט אָן פון דאָרטן טיף אין דער נאַכט. עפּשער איז זיך עפּעס פאַרלאָפן מיט נאַפטאָלע דאַווידאָוויטשן און ער האָט ניט געקאָנט אַרײַנגיין נאָך איר? אַלץ קאָן טרעפן, ביפראַט בײַ אַזאַ עלטער. אָבער דעמלט וואָלט צירל ניט געזעסן איצט בײַ זיך, זי וואָלט געווען בײַם לערער און ס׳וואָלטן זיך בײַ איר ניט געלויכטן די פענצטער. ווען מיטן לערער זאָל געווען, כאָלילע, עפּעס פּאַסירן, וואָלט ער, זײַוול, דאָך אויך געוווּסט וועגן דעם.

און פארוואָס קאָן ניט זײַן, אַז סײַ צירל, סײַ כעסין האָבן ביכלאַל ניט געהאַט הײַנט קיין כיישעק גײן זען דעם פילם? זײַוולען וווּנדערט, וואָס דער דאָזיקער געדאַנק איז צו אים געקומען אַזוי שפּעט. ער אַליין גייט דען אַף אַלע בילדער? און עפּשער האָבן זיי, פּונקט ווי ער, שוין געזען דעם פילם? זיי כאַפּן זיך דאָך פון צײַט צו צײַט אויך אַראָפּ אין שטאָט.

נאָר דאָס אַלץ גייט אים שוין איצט ניט אָן. ער וויל איצט בלויז וויסן: צירל איז אַליין, צי באַ איר זיצט דער לערער? ער זאָל איצט צו איר אָנקלאַפּן, צי וואַרטן, ביז כעסין וועט אַוועקגיין? נאַפּטאַלע דאַווידאָוויטש קאָן זיך אָבער באַ איר פאַרזיצן, ביז ס'וועט זיך ענדיקן דער קינאָ־סעאַנס און דער אוילעם וועט אַ שאָט געבן איבער די גאַסן. דעמלט וועט ער, זײַוול, דאָך ניט אָנקלאַפּן שוין צו איר.

ווי עמעצער וואָלט אים הינטערווײַלעכס אונטערגעשטויסן, האָט זײַוול זיך דערנעענטערט צום פענצטערל. פאַרזיכטיק און גיך, זײַן שאָטן זאָל זיך לאַנג ניט פאַרהאַלטן אַף דעם באַלויכטענעם אַראָפּגעלאָזטן פאַר־הענגל, האָט ער אַ בליק געטאָן אין צימער. קיינעם ניט דערזען דאָרט, האָט זײַוול שוין מער דרייסטער אַרײַנגעקוקט אין פענצטערל. ער האָט צוגעוואַרט אַ לענגערע ווײַלע, נאָר אין צימער האָט זיך נאָך אַלץ קיי־נער ניט באַוויזן. ער האָט אַ פּרוּוו געטאָן די פענצטער. זיי זײַנען געווען צוגעמאַכט, נאָר ניט פאַרקייטלט. ס'קאָן ניט זײַן, אַז צירל זאָל געווען ערגעץ אַוועקגיין און פאַרגעסן אויסלעשן די שײַן און צוקייטלען די פענצטער. דאָס איז ניט ענלעך אַף איר. זיי אַרבעטן צוזאַמען ניט פון נעכטן, און ער האָט קיינמאָל ניט באַמערקט, אַז זי זאָל זײַן צעשטרייט. מיסטאַמע איז זי אין קיך.

זײַוול האָט זיך אַרומגעקוקט. קיין לעבעדיקן מענטשן ניט צו זען אין גאַס, פּוסט און שטיל אַרום־און־אַרום. נאָר איטלעכע רעגע קאָן עמע־צער אָנקומען. ס'איז דאָך נאָך פרי. ער האָט אָנגעטאַפּט אין דער איי־בערשטער קעשענע פונעם רעקל צירלס אַקוראַט צונויפגעלייגטע מעל־דונג און לײַכט אָנגעקלאַפּט אין פענצטערל. קיינער האָט זיך ניט אָפּגעע־רופן. דאַן האָט ער אָנגעקלאַפּט שטאַרקער. זי זאָל געווען זײַן אין קיך, וואָלט זי דאָך זיכער דערהערט. עס קאָן אָבער פאָרט ניט זײַן, אַז זי זאָל געווען ערגעץ אַוועקגיין און פאַרגעסן אויסלעשן די שײַן און צוקייטלען די פענצטער. מיסטאַמע איז זי אין הויף, באַגיסט די בייטן אין גערטנדל אָדער קאָרמעט די אויפעס.

וועגן כאָנעס שוואַכקײַט — פאַרפירן אין הויף באַ זיך אַ גאַנצע באַלע־באַטישקײַט — האָט זײַוול געוווּסט. נאַפּטאַלע כעסין האָט עס אים דער־ציילט. און וועגן דעם, אַז צירלען איז עס דערווידער, אַז זי וואָלט אַלץ אָפּגעגעבן אומזיסט, אַבי ניט האָבן דערמיט צו טאָן, האָט אים אויך דער־ציילט דער זעלבער נאַפּטאַלע דאַווידאָוויטש, וועלכער איז, ווי זײַוולען דאַכט זיך, מער אַף כאָנעס זײַט, ווי אַף צירלס.

אין גאַס האָבן זיך דערהערט טריט. זײַוול האָט זיך האַסטיק אומגעע־קוקט. עמעצער האָט געאײַלט אַהער. זײַן לאַנגער שאָטן איז מיט יעדער רעגע געוואָרן אַלץ גרעסער, ס'איז שוין פאַר אים ענג געוואָרן דער ברוק,

ער האָט זיך ארופגעכאַפּט אף די הײַזער, געגליטשט זיך איבער זיי, צודעקנדיק מיט זיך די ווענט ביז די סאמע דעכער. דאָס גייט, קענטיק, דער הויכער מעגושעמדיקער געדאַליע. ער וועט שיין אויסזען, אויב געדאַליע וועט אים טרעפן דאַ שטיין אונטער צירלס פענצטער, ווען כאַ־נע איז ניטאָ אין דער היים. ער האָט, פארשטייט זיך, מיט וואָס זיך פארענטפערן. ער איז געקומען זיך דורכריידן מיט איר וועגן דער מעלדונג, וואָס זי האָט אָנגעגעבן. ער האָט אפילע צוגעגרייט שוין פאר יענעם אַן ענטפער, פארוואָס איז ער געקומען איצט און ניט אָפּגעלייגט עס אף מאָרגן. נאָר דאָס איז שוין געווען ניט נייטיק. דער שאָטן איז מיטאמאָל פארשווּנדן.

און דאָ האָט אים ווידער ווי עמעצער אונטערגעשטויסן און געצווּנ־גען אָנקלאַפּן אין דער צוגעמאַכטער קאַליטקע פון הויף. אויסגעוואַרט א רעכטע ווײַלע, האָט ער ווידער אָנגעקלאַפּט, דאָס מאָל א סאך שטאַרקער, זײַענדיק אינגאַנצן שוין זיכער, אז אין שטוב איז קיינער ניטאָ. זעט אויס, זי האָט זייער געאײַלט און אין אײַלעניש קאָן מען פארגעסן אין א סאך וויכטיקערס, ווי אויסשליסן די שײַן און צוקייטלען די פענצטער.

וווּ קאָן זי זײַן? סאַרא ייִנגלשע פראַגעס ער פארגיט זיך. און ווען ער ווייסט, וווּ זי איז, וואָלט ער זי געגאַנגען זוכן? ער וועט אָבער נאָך צוּוואַרטן. ביזוואַנען ס'האָט זיך ניט געענדיקט דער קינאָ־סעאַנס, האָט ער, אייגנטלעך, ניט וואָס מוירע צו האָבן, אז עמעצער קאָן אים דאָ טרעפן. ער מוז זיך מיט איר הײַנט זען. בא אים איז דעם גאַנצן טאָג א געפיל, אז טאָמער זעט ער זי הײַנט ניט, איז פארלירט ער זי אף שטענ־דיק, — א נארישער ייִנגלשער געדאַנק, פון וועלכן ער קאָן זיך ניט בא־פרײַען. ער וועט פונדעסטוועגן נאָכאמאָל פּרוּוון אָנקלאַפּן אין פענצטער און אין דער קאַליטקע. זײַוול האָט ניט באַוויזן די האַנט נאָך אויסשטרעקן, ווי פון יענער זײַט קאַליטקע האָבן זיך דערהערט צירלס לײַכטע טריט.

— ווער איז עס?

— איך.

— ווער?

זײַוולען האָט ניט געווּנדערט, וואָס צירל האָט איבערגעפרעגט. ער האָט אליין ניט דערקענט די מיטאמאָל הייזעריקלעך געוואָרענע שטים זײַנע.

— נו, איך.

— כּאווער האנפּט?

— עפנט, ביטע, אויף אף א רעגע.

די קאַליטקע איז נאָך אלץ געבליבן צוגעמאַכט. בא זײַוולען איז געווען אַן אײַנדרוק, ווי צירל זאָל זיך דאָרט מיט עמעצן באַראַטן — עפענען צי ניט עפענען. נאָר ווער, אויסער דעם לערער, קאָן דאָרט בא איר איצטער זײַן, און פאר כעסינען האָט ער אויך מיט וואָס זיך צו באַרעכטיקן, אז אים זאָל ניט אויסקומען דערהערן פונעם לערער: ווי־אַזוי איז ער עס אוי־ווער געווען אף דעם אלץ, וועגן וואָס ער האָט מיט אים וויפל מאָל גע־רעדט, ווי נעמט ער עס און קומט אין אָוונט צו צירלען, ווען דער מאַן איז ניטאָ אין דער היים, ביפראַט אלע ווייסן, אז כאַנע איז נעכטן אָוועק־

געפאָרן אין שטאָט און אַז דער צוג קומט אָן פון דאָרט טיף אין דער נאַכט? זײַוול האַלט צירלס מעלדונג אין דער האַנט, ווי אַ דורכלאָז־שײַן, וואָס גיט דאָס רעכט אַרײַנגײן אַהער.

— וואָס האָט פּאַסירט, זײַוול יעווסייעוויטש?

אי מיט דעם, וויאַזוי זי האָט עס אים געפרעגט, און אי מיט דעם, וואָס זי האָט געעפנט די קאַליטקע פון טויער בלויז עטוואָס און איז צו אים ניט אַרויס, נאָר געבליבן שטיין אין הויף, האָט צירל אים געגעבן צו דערפילן, — און זײַוול האָט דאָס גלײַך פאַרשטאַנען, — אַז זי ווייסט, נאָך וואָס ער איז איצט אַהער געקומען, און אַז אומזיסט קלערט ער, אַז זי וועט זיך דאָס מאָל ווידער לאָזן אײַנריידן.

— עפּשער וועט איר מיר פונדעסטוועגן דערלויבן אַרײַנגײן?

— ניין, ניין.

— איך דאַרף זיך אָבער נייטיק מיט אײַך דורכריידן.

— כ׳פאַרשטיי ניט. פאַראַן דערויף אַ קאָנטאָר. ס׳וועט גאָרניט געשען, אויב איר וועט עס אָפּלייגן אויף מאָרגן. אַ גוטע נאַכט.

— איך מוז זיך הײַנט מיט אײַך דורכריידן.

— נו, איך הער אײַך.

— איז דערלויבט מיר אַרײַנגײן.

— ניין, ניין. דאָס ניט.

— צירל...

— גייט אָפּ. לאָזט מיך צומאַכן די קאַליטקע. וואָס טוט איר? דער מאַן דאַרף אָט־אָט אָנקומען.

נאָר זײַוול איז שוין געווען אין הויף און אליין פאַריגלט הינטער זיך די קאַליטקע.

— טײַערע מײַנע...

— איר זײַט באַם זינען? די מינוט גייט שוין אַוועק. נו, איך בעט אײַך. עמעצער פון די שכנים קאָן יעדער מינוט אָנקומען. נאַפּטאָלע דאַ־ווידאָוויטש קאָן אָנקומען. נו, איך בעט אײַך.

— קיינער וועט איצטער ניט קומען. אַלע זײַנען אין קינאָ.

זײַוול האָט זי נאָך קיינמאָל ניט געזען שטוביק־היימיש אָנגעטאָן. דער לײַכטער סאַראַפאַן האָט צוגעגעבן צו איר שיינקײַט די פרישקײַט פון אַ קינד, וואָס האָט זיך נאָרוואָס אויפגעכאַפּט פון שלאָף און ס׳איז אומעגלעך בײַצושטיין, מע זאָל עס ניט נעמען אויף די הענט און זיך ניט אָנטעמען מיט אָט דער פאַרשיקערנדיקער פרישקײַט. צירל האָט דערפילט אויף זיך זײַן באַגײַסטערט־פאַרנעפּלטן בליק. זי האָט זיך אָפּגעקערט פון אים, פאַרשפּיליעט דעם סאַראַפאַן ביזן סאַמע האַלדז און ביז די שפּיץ פינגער פון די הענט אַראָפּגעקאַטשעט די ברייטע אַרבל.

— וואָס זשע שטייט איר און שווײַגט? — האָט צירל, ניט לאָזנדיק אים דערנעענטערן זיך, געפרעגט. — איר האָט דאָך געוואָלט מיט מיר וועגן עפּעס זייער וויכטיקס דורכשמועסן זיך.

— איך וואַרט, איר זאָלט מיך פונדעסטוועגן פאַרבעטן אין שטוב.

— דאָס איז לאַכלוטן ניט נייטיק. זאָגט, נאָך וואָס זײַט איר געקו־מען? — זי איז נאָך ווײַטער אָפּגעגאַנגען פון אים, ווי זי זאָל דערוואַרטן,

אז איר וועט באלד אויסקומען אנטלויפן, ווי דעמלט, באַגעגענענדיק אים אין וואלד, און האָט מוירע, אַז זי וועט ניט באַוויזן אַריבערלויפן אין שטוב און פאַרקריכן זיך הינטער די טיר.

— צירל...

— איך הער אײַך.

— איך האָב דיר צוריק געבראַכט די מעלדונג, — זײַוול האָט איר אויסגעשטרעקט דאָס אַקוראַט צונויפגעלייגטע פּאַפּיר. — איך האָב דיך געזוכט לעבן טעאַטער, געוואָלט עס דיר דאָרט אָפּגעבן.

צירל האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. זײַוול האָט ניט געקאָנט אָפּקערן די אויגן פון איר. ס'איז דאָך א ווילדקייט, האָט ער, ווערנדיק פאַרבלענדט פון איר שיינקייט, ווידער, צום וויפלטן מאָל שוין, א טראַכט געטאָן וועגן דעם, אַז עס לאָזט זיך ניט באַנעמען, אַז אַזא שיינהייט זאָל זײַן די פרוי פון א מענטשן, וואָס איז אין צוויי מאָל עלטער פון איר, פון א מענטשן, וואָס הויקערט זיך און איז אַף א גאַנצן קאָפּ נידעריקער פון איר, גרייכט זי קוים ביזן אַקסל. זײַוול קוקט אַף איר מיט די באַגײַסטערט־פאַרנעפּלטע אויגן, און סע דוכט זיך אים, אַז דאָס אַלץ נעמט זיך דערפון, וואָס זי אַליין ווייסט נאָך ניט, ווי שיין זי איז, און אַז ער, זײַוול, איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט עס איר אַנטפּלעקט. זי האָט אים אָבער דעמלט גלײַך געהאַט איבערגעשלאָגן, ניט געוואָלט מער הערן דערפון, פאַרווערט אים ווען־ס'ניט־איז ריידן מיט איר וועגן דעם.

— צו וואָס האָסטו אָנגעגעבן די מעלדונג? דו ווייסט דאָך, אַז כ'וועל דיך ניט אָפּלאָזן.

— אויב וועגן דעם זײַנט איר געקומען, זײַוול יעווסייעוויטש, איז האָט איר זיך אומזיסט מאַטריעד געווען. איך וועל די מעלדונג צוריק ניט נעמען, און איך בעט אײַך, גייט אוועק. צי איר ווילט, מיר זאָלן זיך מיט אײַך צעקריגן...

— כ'וואָלט אָבער וועלן פונדעסטוועגן וויסן, וואָס איז פּלוצעם געשען?

— ס'איז גאָרניט געשען. כ'וויל זיך אומקערן צוריק אַפן זאַוואָד.

— ס'איז דאָך ניט עמעס, צירל. ניט דערפאַר ווילסטו אוועקגיין. דער־לויב זיך מיר צוזעצן, איך וועל זיך לאַנג ניט פאַרהאַלטן.

פון די באַגאָסענע בייטן אין גערטנדל איז געגאַנגען א פרישע פײַכט־לעכע קילקייט. דאָס אָוונטיקע ווינטל האָט זיך שטיל געשפּילט מיט די בלעטער פונעם אַקאַציע־בוים, אונטער וועלכן עס זײַנען אַף דער פראָסט צונויפגעשלאָגענער באַנק געזעסן צירל מיט זײַוולען און געשוויגן. בא ביידן איז געווען דאָס געפיל פון צוויי נאָענטע מענטשן, וואָס האָבן זיך צוגעזעצט אַף א ווײַלע פאַרן צעשיידן זיך.

צירל האָט אויסגעדרייט צו אים דאָס געזיכט, אירע ליפּן האָבן לײַכט א ציטער געטאָן. זי האָט אים געוואָלט דערמאָנען, אַז ער האָט איר צוגע־זאָגט זיך לאַנג ניט פאַרהאַלטן, אַז ער וועט די מינוט אוועקגיין, נאָר אין דער זעלבער רעגע האָט זײַוול זי א ציי געטאָן צו זיך, ארומגעכאַפּט און, פאַרכלינענדיק זיך פונעם אייגענעם אָטעם, גענומען זי קושן.

— זײַוול יעווסייע...

— ביסט מײַנע. דו הערסט מיך? ביסט מײַנע. אינגאַנצן מײַנע.

— גאָט מײַנער, וואָס טוט איר מיט מיר... איר האָט דאָך מיר צוגע־זאָגט... כ'בעט אײַך, גייט שוין אַוועק... איך וועל אופהייבן א טומל... זײַוול יעווסייעוויטש...

אין איר שטים האָט זיך שוין ניט געפילט יענע זיכערקײַט אין זיך, מיט וועלכער זי האָט אים באַגעגנט און וואָס וואָלט געקאָנט זיך אים קעגנשטעלן. זײַוול האָט אליין געפונען אין זיך די קראַפט, וואָס זאָל אים ניט לאָזן זיך צוריקן צו די פאַרשפּיליעטע קנעפּלעך פון איר לײַכטן סאַראַפאַן, אונטער וועלכן ס'האָט געפּיבערט איר יונג הייס לײַב, און זי לאָזן זיך באַפרײַען פון זײַנע שטײַפע מענערשע הענט.

מיט קימאַט צוגעמאַכטע אויגן האָט צירל זיך אופגעהויבן פון באַנק און א וואַקלענדיקע זיך אָנגעשפּאַרט אָן בוים. באַלד נאָך איר האָט זיך אויך אופגעהויבן זײַוול. ער איז זיך דורכגעגאַנגען מיט צוריקגעהאַלטענע טריט צווישן די בייטן פונעם גערטנדל און האָט זיך אָפּגעשטעלט אַנט־קעגן צירלען.

— ווילסט, וועלן מיר אוועקפאָרן פונדאַנען אף אוראַל, צו מײַנע על־טערן. איך בין בא זיי אַן איין־און־איינציקער. זיי וועלן זיך דערפרייען מיט דיר, ווי מיט מיר. פאַרשטיי, מײַן טײַערע, אז ס'איז אן אומזין צו לעבן מיט א מענטשן, וועלכן מע האָט ניט ליב, וואָס איז עלטער פון דיר אין צוויי מאָל, וואָס איז...

— איך האָב אײַך וויפל מאָל שוין געזאָגט, אז איך פאַרוועך אײַך אזוי ריידן. ער איז מײַן מאַן. און פאַר מיר איז דאָס אַלץ.

— דו האָסט דאָך אים ניט ליב!

— פונוואַנען נעמט איר עס, וואָס איר רעדט וועגן דעם אזוי?..

— דו קאָנסט אים ניט ליב האָבן!

— גאָט מײַנער...

— דו קאָנסט אים ניט ליב האָבן! — ער האָט זיך א וואַקל געטאָן ווי אף אומפאַלן. צירל האָט אים אונטערגעשטעלט אירע אויסגעשטרעקטע הענט. זײַוול האָט זיי אָנגעכאַפּט, אַרומגעוויקלט זיי אַרום זײַן האַלדז און איר צוגעמאַכט די אויגן מיט די אָנגעגליטע ליפּן.

— מע דאַרף ניט... גאָט מײַנער, וואָס טוט איר מיט מיר?

— דו ביסט מײַנע, מײַן ערשטע און איינציקע ליבע. האָב ניט מוירע פאַר מיר, טרוי זיך מיר אָן... צירל, טײַערע.

זי האָט געפילט, ווי ס'פאַרלאָזן זי די קויכעס. זי וויל אים עפּעס זאָגן און קאָן ניט.

— האָב ניט מוירע פאַר מיר. טרוי מיר אָן. איך וועל דאָס לעבן אָפּ־געבן פאַר דיר, — ער האָט ווי א ליב שלאָפנדיק קינד זי צאַרט און לײַכט א נעם געטאָן צו זיך אף די הענט, זי אַרײַנגעטראָגן אין שטוב און ווי אַן אויסגעהונגערט אייפעלע צוגעפאַלן צו איר קײַלעכיקער שטײַפער ברוסט, וואָס האָט זיך אַרויסגעגליטשט פונעם פאַנאַנדערגעשפּיליעטן סאַראַפאַן.

צירל האָט געעפנט די אויגן און זיי באַלד צוריק פאַרשלאָסן. דאָס גאַנצע לײַב האָט דורכגענומען א מאָדנע צערטלעכקײַט, וואָס איז געגאַנ־

גען פון זײַנע הענט, אין וועלכע ער האָט שטײף אַרײַנגענומען איר ברוסט, פון זײַנע אָנגעגליטע ליפּן.

— עמעצער קלאַפּט...

— דאָס ווײַזט זיך דיר אויס. דאָס קלאַפּן אַזוי אונדזערע הערצער. הערסט? — ער האָט עטוואָס דערווײַטערט פון איר דאָס פּאָנעם און אַ קוק געטאָן אויף איר מיט די פאַרנעפּלט באַגײַסטערטע אויגן. — סאַראַ שיינע דו ביסט... ווען דו ווייסט, סאַראַ שיינע דו ביסט... איך וויל בלויז איינס. דאָס קינד אונדזערס זאָל זײַן ענלעך אויף דיר.

זײַוול האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס איז פּלוצעם אַזעלכעס געשען, וואָס צירל האָט אים אַ שטויס געטאָן פון זיך, גענומען האַסטיק פאַרשפּיליען די קנעפּלעך פונעם סאַראַפאַן און אַזוי שטרענג געזאָגט אים:

— גייט שוין אַוועק!

— איך האָב דיך מיט עפּעס באַליידיקט?

— גייט שוין אַוועק! — זי האָט באַהאַלטן דאָס פּאָנעם אין די הענט. — איך וועל זיך עס קיינמאָל ניט מוחל זײַן.

ער האָט זיך צוגעזעצט צו איר אויפן בעט.

— וואָס וועסטו זיך קיינמאָל ניט מוחל זײַן, צירל, טײַערע? וואָס דו האָסט מיך ליב באַקומען?

זי האָט ניט אָפּגענומען די הענט פונעם געזיכט. אירע אַקסלען האָבן געציטערט.

— איך וועל זיך עס קיינמאָל ניט מוחל זײַן. איך בעט אײַך. גייט די מינוט אַוועק, און פאַרגעסט, וואָס איז דאָ הײַנט צווישן אונדז געווען.

— ס'איז דאָך, אייגנטלעך, גאָרניט געווען.

— פאַר אײַך איז עס גאָרניט, — זי האָט זיך מיטאַמאָל געביטן אין פּאָנעם. — איר ווייסט, נאָך וואָס מײַן מאַן איז געפאָרן אין שטאָט? ער איז געפאָרן אָנקוקן אַ דירה.

— איך פאַרשטיי ניט.

— מיר פאָרן אין דער נאָענטסטער צײַט אַריבער אין שטאָט. איר ווילט, מיר זאָלן זיך מיט אײַך צעשיידן ווי פרײַנט? איז שרײַבט מיר שוין אונטער די מעלדונג, אַז איך זאָל פון מאָרגעדיקן טאָג ניט דאַרפן מער קומען אין קאָנטאָר. מיר דאַכט, אַז איך וועל מאָרגן ניט קאָנען קוקן אײַ־רישען אין די אויגן. איר ווייסט כאָטש, ווי אָט דאָס מיידל איז פאַרליבט אין אײַך? וואָס קוקט איר אַזוי אויף מיר? דאָס איז פאַר אײַך אַ סאָד?

ניין, פאַר זײַוולען איז עס לאַנג שוין ניט קיין סאָד. ער פאַרשטייט בלויז ניט, פאַרוואָס האָט צירל איצט פאַרפירט אַ רייד וועגן אירישען. זעט אויס, אים וועט פאָרט אויסקומען אונטערזאָגן אָט דעם מיידל, אַז זי זאָל אָנגעבן אַ מעלדונג, ווײַבאַלד זי קאָן מער ניט אויסבאַהאַלטן אין זיך אירע טרוימערישע אויסזיכטן און ניט געפונען קיין אַנדערע, וועמען עס צו פאַרטרויען, ווי צירלען. צי ניט דערפאַר האָט צירל זיך מיטאַמאָל צו אים אַזוי געענדערט, ווײַל זי האָט אין דער דאָזיקער מינוט זיך דערמאָנט אינעם מיידל? פון דעם אַלץ האָט ער געזאָגט צירלען בלויז איינס:

— גיב איר איבער, זײַ אַזוי גוט, אַז זי זאָל זיך פאַרליבן אין עמעצן אַן אַנדערן, און זאָג איר פאַרייִנס שוין אויך פאַרוואָס.

— איך רייד דאָך מיט אײַך ערנסט.

— און איך ענטפער דיר, דאכט מיר, ערנסט. און די מעלדונג דײַנע וועל איך דיר ניט אונטערשרײַבן.

— ווי איר ווילט. געדענקט אָבער, אז איך וועל אין די צוויי וואָכן אין ערגעץ ניט פאָרן. איך וועל זיצן נאָר אין קאָנטאָר, און אויב פאָרן, איז נאָך מיט עמעצן, זאלבעצווייט... זײַוול יעווסייעוויטש, גייט אָפּ. איר הערט? איך וועל אופהייבן א טומל...

זי איז צוגעגאנגען צום פענצטער און עס ברייט צעפראלט. אין צימער האָט זיך ארײַנגעריסן דאָס פרישע אָוונטיקע ווינטל.

— פארוואָס טרײַבסטו מיך פון זיך? ווייסט דאָך אלציינס זײַן מײַנע, בלויז מײַנע... — נאָר א געפיל איז בא אים געווען, ווען ער איז ארויס, אז ער פארלירט זי.

צירל איז געשטאנען באם פענצטער און נאָכגעקוקט, ווי זײַוול דער־ווײַטערט זיך, ווי זײַן שאָטן באגלייט אים נאָך איבערן ברוק. זי האָט פארטראכט: אויב ער קוקט זיך באלד אום אהער...

און זײַוול האָט זיך אומגעקוקט.

צירל האָט אין דעם זעלבן אויגנבליק אראָפּגעלאָזט דאָס פארהויבענע פאָרהענגל.

## קאפיטל צוועלף

נאפטאָלע כעסין איז געווען ניט אליין. בא אים איז עמעצער געזעסן. נאָר צו זײַוולען איז עס דערגאנגען שוין נאָכדעם ווי ער האָט אָנגע־קלאפּט, און ניט עפענען די טיר, ווען ער האָט דערהערט פון צימער דעם לערערס גאסטפרײַנטלעכן „ביטע, קומט ארײַן", האָט זײַוול שוין פּאָשעט ניט געקאָנט, כאָטש דער לערער וואָלט זיך אַף זיכער ניט אָנגעשטויסן, אז דאָס האָט ער צו אים אָנגעקלאפּט און באלד אנטלאָפן.

די יונגע, עטוואָס פולבלעכע פרוי, וועלכע זײַוול האָט געטראָפן בא כעסינען, איז אים געווען אינגאנצן אומבאקאנט. ס'איז אָבער גלײַך געווען צו זען, אז זי איז ניט קיין היגע, אז זי איז פון א גרויסער שטאָט, און זײַוול האָט א קלער געגעבן בא זיך, אז מיסטאמע איז עס א נײַ־צוגע־שיקטע לערערן.

— וואָס זײַנט איר, פרײַנט מײַנער, געבליבן שטיין בא דער טיר? — האָט כעסין, אופהייבנדיק דעם קאָפּ פונעם גרויסן קאָנטאָרסקע בוך, וואָס איז געלעגן פאר אים, זיך געווענדט צו דעם ארײַנגעקומענעם זײַוולען. — זײַט באקאנט. דאָס איז מײַנע א געוועזענע שילערן בלומע וועגער. וויפל זאָגסטו, בלימעלע, איז שוין, אז מיר האָבן זיך ניט געזען? טאקע נײַן יאָר, הא?

— יאָ, נאפטאָלע דאווידאָוויטש. באלד נײַן יאָר.

— הער נאָר, ווי סע לויפט די צײַט. נו, יאָ, ס'איז דאָך שוין אָט זעקס יאָר, ווי די מילכאָמע האָט זיך געענדיקט. און דער דאָזיקער יונגערמאן, בלימעלע, איז דער באלעבאָס, אזוי צו זאָגן, פון אונדזער ראיאָנער סטראַ־כיר־קאָנטאָר, זײַוול האנפט, אויך מײַנער א געוועזענער שטיקל טאלמיד.

איר וועט מיר פאַרצײַען, איך דאַרף דאָ נאָך עפּעס פאַרשרײַבן פון דעם, וואָס דו האָסט מיר, בלימעלע, דערציילט. כ׳האָב מוירע, טאָמער פאַר־שרײַב איך עס ניט באַלד, איז קאָן איך דערפון דערנאָך עפּעס פאַר־געסן. — כעסין האָט זיך ווידער אָנגעבויגן איבער דעם גרויסן אָפענעם בוך, איבער וועלכן זײַוול האָט אים ניט איין מאָל געטראָפן זיצן, און ניט געײַלט, ווי ער זאָל צייכענען די ׀אויסיַעס, געגומענע שרײַבן.

איצט איז זײַוול געווען אַפילע צופרידן, וואָס ער האָט געטראָפן דעם לערער ניט אַליין. ער איז אָבער נאָך אַלץ געווען אַזוי אַרײַנגעטאָן אין דעם, וואָס האָט אים געבראַכט אַהער צו טראָגן און וועגן וואָס ער האָט זיך געקליבן ענדלעך פאַרפירן הײַנט אַ רייד מיטן לערער, אַז ווען די נײַע באַקאַנטע זײַנע, בליומע, אין וועמען ער האָט, ער ווייסט אַליין ניט פאַרוואָס, געפּרוווט אויסגעפינען ענלעכס מיט צירלען, וואָלט זיך צו אים איצט געווענדט, וואָלט ער מיסטאַמע ניט געהערט. נאָר דאַכט זיך, אַז די פרוי, וועלכע דער לערער רופט קינדעריש פאַרצויגן „בלימעלע״, איז אויך אינגאַנצן אַרײַנגעטאָן אין זיך, זי האָט אַפילע ניט באַמערקט, ווי ער האָט פאַרהאַלטן אַף איר זײַן בליק.

ווײַזט אויס, ער וועט שוין איצט אין יעדער יונגער מיידער פרוי זוכן ענלעכס מיט צירלען... און פונקט ווי ער האָט הײַנט אין אָוונט, טרעפנדיק אירישען בײַ דער קאַסע פון טעאַטער, אַ טראַכט געטאָן וועגן איר און זיך, אַז ווען ער באַגעגנט דאָ ניט צירלען, וואָלט ער זיך, מעג־לעך, פאַרליבט אין אָט דעם ווילן איבערגעגעבענעם מיידל, האָט ער דאָס זעלבע אַ טראַכט געטאָן איצט וועגן בליומען, וואָס איז געזעסן לעבן אים. זי איז בעפּיירעש זייער אַ פײַנע. בײַ איר איז אַ ליב פּאָנעם און שיינע הענט. זײַוול ווייסט אָבער: ווי אַזוי אָט די ליבע מיידע בליומע זאָל אים ניט געווען געפעלן, וואָלט ער צוליב איר זיך קיינמאָל אַזוי ניט באַ־גאַנגען מיט אַלגען, ווי ער איז זיך מיט איר באַגאַנגען נאָך דעם, ווי ער האָט דאָ באַגעגנט צירלען, — אופגעהערט ענטפערן אַף אירע בריוו, זי קימאַט שוין פאַרגעסן, פּונקט ווי ער וואָלט ביז דאַן זיך ניט געווען גע־כאַווערט מיט איר גאַנצע צוויי יאָר און ביידנס עלטערן וואָלטן ניט גע־האַלטן זיי פאַר כאָסן־קאַלע.

זײַוול האָט קיינמאָל ניט געלייקנט פון צירלען, אַז בײַ אים איז געווען אַ מיידל אַלגע, וואָס איז אים געווען געפעלן, און אויב ער האָט געקאָנט זיך מיט איר אַזוי לײַכט צעשיידן, איז עס ניט דערפאַר, ווײַל אים איז אין איר שוין פון אַ צײַט געווען עפּעס דערווידער, ניט ווויסנדיק ביז איצט נאָך אַף קלאָר מיט וואָס, נאָר ווײַל ער האָט דערפילט, אַז אַלגע איז ניט זײַן ערשטע און עכטע ליבע. זײַן ערשטע און עכטע ליבע איז צירל, און ער קלײַבט זיך עס מער ניט אויסבאַהאַלטן פון נאַפטאַלע דאַווידאָ־וויטשן, פאַר וועמען צירל איז טײַערער און ליבער פון אַן אייגענער טאָכטער.

וואָס וועט אים דערויף ענטפערן כעסין, ווייסט זײַוול פאַרפריער. נאָר אים גייט איצט מער אָן, וואָס, אַשטייגער, וואָלט אים געענטפערט נאַפ־טאַלע דאַווידאָוויטשעס געוועזענע שילערן, ווען זײַוול דערציילט איר אויס אַלצדינג אַזוי, ווי ער האָט, גייענדיק אַהער פון צירלען, זיך גע־

קליבן דערציילן עס דאָ הײַנט זייער ביידנס געוועזענעם לערער. זײַוו־לען װײַזט זיך אויס, אז בליומע וואָלט דערוף געענטפערט דאָס זעלבע, וואָס ער, זײַוואָל, האָט שוין וויפל מאָל און אויך הײַנט געזאָגט צירלען, אז דאָס, וואָס זי איז זיך צונויפגעגאנגען מיט כאָנען, איז פּאַשעט גע־ווען אן אומזין און ס'איז ניט צו באַנעמען, וויאזוי האָט עס כאָנע פון סאמע אָנפאנג ניט פארשטאנען און דערלאָזט דערצו. און נאָך א גרעסע־רער אומזין איז דאָס, וואָס זיי זײַנען ביז איצט נאָך מאן און ווײַב, און אז זי, בליומע, פארשטייט באגלײַך מיט אים ניט, וואָס פאר א שײַכעס האָט דאָס צו דעם, וואָס דאָ איז ניט קיין שטאָט, נאָר א שטעטל.

און ער האָט אויך ניט וואָס צו סאָפּעקן: ווען צווישן אים און כעסי־נען גייט אוועק א רייד וועגן אָט דעם אלץ אין בליומעס אָנוועזנהײַט, וואָלט בליומע אים ניט איבעריקס דערווידערט, זײַוואָלען, אז זייער לערער טרײַבט שטארק איבער מיט זײַן וועלן פאָרשטעלן יעטווידן איינעם דאָס שטעטל, ווי דאָס טײַערסטע און הייליקסטע אָף גאָרער וועלט, וואָס מוז פארהיט ווערן, מיט זײַן איבערנעמען זיך מיטן שטעטלדיקן מענטשן, מיט זײַן ברענגען שיר ניט יעדעס מאָל, ווען עס קומט דערצו צו רייד, כאָנען מיט צירלען פאר א בײַשפּיל אָף אראָפּצונעמען זיך פון זיי א מוסטער פון איבערגעגעבנקײַט און טרײַהײַט. וואָס וואָלט געזאָגט דער זעלבער נאפּטאָלע כעסין, ווען ער דערוויסט זיך, וואָס איז זיך הײַנט אין אָוונט פארלאָפן צווישן אים, זײַוואָלען, מיט צירלען, אז צירל האָט געקאָנט זײַן שוין הײַנט זײַנע, און אויב דאָס איז ניט געשען, איז עס ניט דערפאר, ווײַל זי איז ניט קיין טרײַע און איבערגעגעבענע, נאָר ווײַל ער, זײַוואָל, איז אויך, ווי זי פאר אים, איר ערשטע און איינציקע עמעסע ליבע.

— איר האָט מוירע, אז איר וועט מיר שטערן, וואָס איר זיצט און שווײַגט די גאנצע צײַט? — האָט כעסין, ניט אָפּווענדנדיק די אויגן פון די דײַטלעך פארשריבענע שורעס אין בוך, זיך אָנגערופן צו ביידן. — איך בין ניט פון די לערער, דארפסט עס געדענקען, בלימעלע, וואָס האלטן זיך באם קלאל, אז אין קלאס דארף אלע מאָל זײַן שטיל. מיר שטערט ניט, ווען אין קלאס איז צומאָל א ביסל טומלדיק.

ווי נאפּטאָלע דאווידאָוויטש האָט ניט פארזיכערט, אז זיי וועלן אים ניט שטערן, זיי זאָלן אפילע ריידן אפן פולן קאָל, אז ער האָט ליב, ווען ארום אים טומלט זיך א ביסל, דאָך האָבן זיי זיך איבערגעזעצט אפן דיוואן, וואָס איז געשטאנען אינעם אנדערן ווינקל צימער. נאָר אויך דאָ האָבן זיי ניט פארפירט צווישן זיך קיין געשפרעך, ווי דאָס טרעפט צומאָל מיט מענטשן, וועלכע זײַנען ארײַנגעטאָן אין זיך און ווילן ניט, מע זאָל זיי שטערן פארבלײַבן אליין מיט זיך.

דער דאָזיקער אײַנדרוק, וועלכן בליומע האָט אף אים געמאכט, האָט געשטערט זײַוואָלען, אז ער זאָל דער ערשטער פארפירן מיט איר א רייד, העלפן איר דערמאָנען זיך, ווו און ווען ער האָט זי אים געקאָנט זען, וואָס זי האָט מיטאמאָל גענומען זיך צו אים אזוי צוקוקן. ער, אלנפאלס, געדענקט ניט, אז ער זאָל זי האָבן ערגעץ־ווו באגעגנט, אויב אפילע זי איז פון דער זעלבער שטאָט, פונוואנען ער איז געקומען אהער צו פאָרן.

— איר זײַנט, קאָנטיק, ניט קיין היגער, ניט פון אונדזערע מעקוימעס.

זײַוולען האָט פֿאַרכידעשט, וואָס בליומע האָט עס אים ניט געפֿרעגט, נאָר עס אים געזאָגט, דערבײַ מיט דער פּולער זיכערקײַט. און ווײַל בליומע האָט זיך צו אים געווענדעט, ווען ער האָט זיך ווידעראַמאָל געהאַט שוין פֿאַרטראַכט, אין וואָס באַשטייט די באַזונדערקײַט, וואָס שיידט אונטער א שטעטלדיקן פֿון א שטאָטישן, וואָס דער לערער, ווי זײַוולען דאַכט זיך, מאַכט דערפֿון א ווענז, איז ער פּאַשעט נײַגעריק געווען אויסצוהערן, לויט וועלכע סימאָנים האָט אָט די פֿרוי דערקענט אין אים, אַז ער איז ניט קיין היגער. ער האָט דאָך מיט איר, אייגנטלעך, נאָך קיין וואָרט ניט אויסגערעדט.

— איר האָט ניט קיין טאָעס, — האָט זײַוול געענטפֿערט, ניט אָפּווענדנדיק דעם בליק פֿון אירע גרויסע אומעטיק־פֿאַרטראַכטע אויגן, — איר וועט מיר אַנטשולדיקן, נאָר מיר איז פּאַשעט טשיקאַווע, פֿון וואָס, אַשטייגער, האָט איר געגומען, אַז איך בין ניט קיין היגער?

— אײַך ווונדערט עס? איך בין דאָך אויסגעוואַקסן אין א שטעטל, ניט ווײַט טאַקע פֿונדאַנען, און א מענטשן פֿון אונדזערע מעקוימעס וועל איך באַלד דערקענען, כ׳זאָל אים אַפֿילע באַגעגענען בא אונדז אין בריסעל.

— איר זײַט דען ניט קיין...

— שרעקט אײַך ניט. איך בין ניט קיין אויסלענדערן און קלײַב זיך ניט ווערן קיין אויסלענדערן. ס׳האָט זיך בא מיר אַזוי געמאַכט, אַז איך בין בייס דער מילכאָמע פֿאַרוואָגלט געוואָרן קיין בעלגיע. כ׳האָב דאָרטן כאַסענע געהאַט. נאָר כ׳וועל זיך סײַווי אומקערן צוריק אַהער. כ׳ווייס, ס׳איז ניט אַזוי פּאַשעט. בא מיר זײַנען צוויי קינדערלעך, נאָר כ׳וועל זיך אומקערן. און מעגלעך, אַז גאָר אינגיכן. איר ווייסט, וואָס מיר האָט זיך אויסגעוויזן, ווען איר זײַנט אַרײַנגעקומען? אַז איך האָב אײַך געזען אין בוכענוואַלדער לאַגער. נאָר יענער, אויב ער לעבט, וואָלט איצט געווען פֿיל עלטער פֿון אײַך. עפּשער איז עס געווען אײַערער א ברודער?

— איך האָב ניט קיין ברידער.

און ווי זי וואָלט נאָך אַלץ ניט גלייבן, אַז זי זעט ניט פֿאַר זיך דעם דיריגענט פֿונעם ייִדישן אָרקעסטער, וואָס פֿלעגט מעקאַבל־פּאָנעם זײַן מיט פֿריילעכע כאַסענע־ניגונים, ווי דאָס האָבן באַפֿוילן די דײַטשן, די אָנגעפּראָפּטע עשעלאָנען, האָט בליומע צוגעגעבן נאָך סימאָנים:

— מיר געדענקט זיך, אַז ער איז געווען פֿון די מײַרעווניקעס. דאַכט מיר, אַז פֿון לוצק. און איר פֿונוואַנען זײַנט?

— פֿון ווײַט. פֿון אוראַל. געהערט פֿון אַזאַ שטאָט, ווי סווערדלאָווסק?

— איר קלערט, זעט אויס, אַז איך וווין אין אויסלאַנד, האָב איך שוין אַלץ פֿאַרגעסן.

— איך זאָג עס ניט.

— און ווי קומט איר פֿון סווערדלאָווסק אַהער? סווערדלאָווסק איז דאָך א קראַך, גרעסער מיסטאַמע פֿון בריסעל.

— צופֿעליק. ווען איך בין געקומען קיין מאָסקווע אויף דער ווינטערדיקער סעסיע אינעם הינטער־אויגיקן פֿינאַנציעלן אינסטיטוט, ווו איך לערן זיך, האָב איך זיך דאָרט באַקאַנט מיטן פֿאַרוואַלטער פֿונעם היגן געגנטלעכן פֿינאַנציעלן אָפּטייל, און ער האָט מיך, ווי מע זאָגט עס, אַרײַ־

בערגענארט אהער, מיך באשטימט דאָ פאַר דעם שעף פון דער ראיאָנער סטראַכיר־קאָנטאָר. עס פאַרדריסט מיך ניט. פאַרקערט. — ער האָט אליין ניט געוווּסט, צו וואָס האָט ער עס, דערציילנדיק איר וועגן זיך, גע־פרעגט, צי וועט זי דאָ נאָך לאַנג זיך פאַרהאַלטן.

— ניין, מאָרגן פאָר איך שוין אָפּ. כ׳וואָלט נאָך נעכטן אוועקגעפאָרן. אפּאָנעם, אַז קיין ניסים טרעפן ניט, כאָטש מיט מיר האָט יאָ געטראָפן אַ נעס, כ׳בין געווען אין גרוב און געבליבן לעבן. פאַר דער צײַט, וואָס איך בין הי, בין איך אויסגעווען קימאַט אין אַלע אַרומיקע שטעטלעך, גע־האָפט, עפּשער וועל איך פאָרט געפינען עמעצן פון מײַנע נאָענטע. ס׳איז ניט געווען דאָ, דאַכט מיר, דאָס שטעטל, ווו כ׳זאָל ניט האָבן קיין אייי־גענע. קיינער פון זיי איז ניט פאַרבליבן. אַלעמען אומגעבראַכט. אין איט־לעך שטעטל, ווו איך בין געווען, האָב איך געטראָפן אַ גרוב. כ׳האָב זיך דאָ פאַר דער צײַט געענוג אָנגעוויינט. מיטאַמאָל דערוויס איך זיך, אַז בא אײַך דאָ וווינט מײַן געוועזענער לערער, מײַן ליבער נאַפטאָלע דאַווי־דאָוויטש. אים האָט אָפּגעגליקט. אַ יאָר פאַר דער מילכאָמע איז ער אַריבערגעפאָרן פון אונדז אין אַ שטעטל, ווו עס האָבן בײַס דער מיל־כאָמע באַלעבאַטעוועט די רומענישע פאַשיסטן, און ער איז אָפּגעקומען בלויז מיט זיצן פאַרשפּאַרט אין געטאָ און אין זייערן אַ לאַגער. דער־הערט, אַז נאַפטאָלע דאַווידאָוויטש לעבט, איז ווי קומט מען זיך ניט זען? און בא נאַפטאָלע דאַווידאָוויטשן האָב איך זיך אומגעריכט דערוווּסט דאָס, צוליב וואָס איך בין, אייגנטלעך, געקומען אַהער צו פאָרן פון בריסעל.

בלומע האָט מיטאַמאָל אופגעציטערט. דאָס פּאָנעם איז געוואָרן בלייך, די ליפּן — בלוי.

זײַוול האָט זי אָנגענומען פאַר דער האַנט און דערשראָקן שטיל גע־פרעגט:

— וואָס איז מיט אײַך?

בלומע האָט צוגעמאַכט די אויגן:

— ס׳וועט באַלד איבערגיין. מיט מיר טרעפט עס אָפּט. איך דערזע זיך פּלוצעם שטיין בא דער אָפענער גרוב... כ׳האָב איצט דערזען פאַר זיך אונדזער שאָכן צעמאַכן דעם קירזשנער. נאַפטאָלע דאַווידאָוויטש האָט מיט זײַן זיצן אַזוי איבערגעבויגן איבער דעם גרויסן אָפענעם בוך, ווי איבער אַ געמאָרע, מיר איצט דערמאָנט אין אים. צעמאַך דער קירזשנער איז געווען אַ פרומער ייִד. איר קאָנט זיך פאָרשטעלן, ווי פרום דער דאָ־זיקער מענטש איז געווען, אויב מע האָט מיט אים גאָרניט געקאָנט מאַכן, אַז ער זאָל אַרבעטן שאַבעס. מע האָט אים אָבער געהאַלטן אין אַרטעל, ווײַל ער איז געווען אַ גאָלדענער באַלמעלאָכע, איינער אין שטעטל... אַז די דײַטשן זײַנען געקומען אונדז פאַרנעמען צו דער גרוב, האָבן זיי צעמאַכן געטראָפן זיצן אין טאַלעס־און־טפילין, פאַרטיפט אין אַ סייפער. צעמאַך האָט זיך ניט אופגעשטעלט, די יאַרמלקע ניט אַראָפּגענומען. אַז מיר זײַנען אַרויס פון שטוב און פאַרבײַגעגאַנגען זײַן פענצטער, האָבן מיר דערזען צעמאַכן זיצן אין טאַלעס־און־טפילין. נאָר דער קאָפּ זײַנער מיטן שעלראָש אויפן שטערן איז געווען אָפּגעטיילט פון קערפּער באַזונ־דער און געלעגן אויפן פאַרבלוטיקטן סייפער.

בלומע האָט זיך האסטיק אופגעהויבן, נאָר זיך באלד צוריק אוועק־געזעצט.

— כ'האָב עס אײַך ניט באַדאַרפט, פארשטיי איך, דערציילן. נאפטאָלע דאווידאָוויטש לעבט אין גרויסן טאָעס. נו, צו וואָס פארשרײַבט ער דאָס אלץ, וואָס איך האָב אים פאר אײַער קומען געהאט דאָ דערציילט וועגן זיך? צו וואָס? נו, וועמען גייט עס איצט שוין אָן? מענטשן ווילן וואָס גיכער פארגעסן. בא אונדז פילט זיך עס באזונדער. איך בין נאָך דער מילכאָמע געוועזן ניט בלויז אין בריסעל. ווייס איך עס, — זי האָט אופגעהויבן אף אים אירע געדיכט־שווארצע אומעטיקע אויגן. — איך האָב זיך הײַנט דערוווּסט, אז דאָ איז פאראן א ווײַבל, וואָס מע האָט אויך געפירט צו דער גרוב און זי איז געבליבן לעבן. צירל, האָב איך געהערט, רופט מען זי. מע זאָגט, זי איז זייער א שיינע, און דאָס האָט זי געראטעוועט. איר וואָלט מיך געקאָנט באקאנען מיט איר? מיר ווילט זיך ניט פארשווערן נאפטאָלע דאווידאָוויטשן מיט אן איבעריקן גאנג. מיר זײַנען זיך מיט אים הײַנט אזוי אויך גענוג דאָ אָנגעגאנגען. איך האָב צו אײַער היגער שיינהײַט אן איניען, וועגן וועלכן איך דארף זיך מיט איר נייטיק דורכריידן. איר וועט מיך צונויפירן מיט איר, אויב, פארשטייט זיך, איר קענט זי?

זײַוול האָט פארכידעשט זי אָנגעקוקט. נאָר איידער ער האָט נאָך באוויזן אויסקלאָרן פאר זיך, צי האָט בלומע צופעליק זיך געווענדט דערמיט צו אים, ווײַל ער האָט זיך איר פונקט אין דער דאָזיקער מינוט געמאכט אונטער דער האנט און די איינציקע סיבע איז טאקע בלויז דאָס, וואָס זי וויל אײַנשפאָרן איר געוועזענעם באיאָרטן לערער אן איבעריקן גאנג, צי ביז זײַן ארײַנקומען איז שוין דאָ געווען א רייד וועגן אים, און בלומע האָט בעקיוון פארפירט איצט דעם דאָזיקן געשפרעך וועגן צירלען, האָט זיך דערהערט כעסינס רויִקע שטים:

— וויאזוי זאָל ער זי ניט קענען, אז זי ארבעט בא אים אין קאָנטאָר? כ'האָב דען דיר ניט געזאָגט, אז זי איז א סטראכיר־אגענט און זײַוול האנפט איז דאָרט דער עלטסטער? — כעסין האָט זיך אויסגעדרייט צו זיי מיטן גאנצן קערפער, ניט ארויסלאָזנדיק אלץ די פען פון דער האנט, געגעבן דערמיט צו וויסן, אז ער קלײַבט זיך נאָך דערווײַל ניט צומאכן דעם בוך, ער האָט נאָך פיל־פיל וואָס ארײַנצושרײַבן הײַנט אהין. צוקוקנדיק זיך צו כעסינען, האָט זײַוול ניט געסאָפעקט, אז דער לערער האָט גאָרניט דורכגעלאָזט דערפון, וואָס ס'האָט אים דאָ הײַנט דערציילט זײַן געוועזענע שילערן. און דאָס האָט זײַוולען ניט געוווּנדערט. אים האָט געכידעשט אין נאפטאָלע כעסינען, וואָס איז אליין געווען פארשפארט הינטער שטעכיקן דראָט און געהאט געפילט אף זיך די פראָסטיקע קעלט פון דער פארמאָסטענער בלאנקענדיקער האק איבערן קאָפּ און וואָס האָט זיך אזויפיל אָנגעזען און אָנגעהערט פון דעם, וואָס עס זײַנען אויסגעשטאנען בײַס דער מילכאָמע אזעלכע, ווי צירל, ווי זײַן געוועזענע שילערן בלימעלע, וועמענס געשיכטעס ער שרײַבט ארײַן אין דעם דאָזיקן גרויסן בוך מיט די שווארצע טאָוולען, — וויאזוי האָט עס נאפטאָלע דאווידאָוויטש געקאָנט נאָך דעם אלעם פארהיטן אין זיך אָט די גוטסקײַט,

וואָס שטראַלט ארויס פון זײַנע לויטערע אויגן, א גוטסקײַט, מיט וועלכער ער וויל אַלעמען אָנשטעקן, די גאַנצע וועלט, דאַכט זיך.

— דו קלערסט, אפּאַנעם, בלימעלע, אַז דײַן לערער איז שוין גאָר־גאָר אַן אַלטיטשקער, איאָ?

— כאַלילע, נאַפּטאַלע דאַווידאָוויטש.

— מיין ניט, קינד מײַנס, אַז וויבאַלד איך בין געווען אַרײַנגעטאָן אינעם שרײַבן, האָב איך ניט געהערט, וועגן וואָס איר האָט דאָ גערעדט? בא א לערער, זאָלסטו ניט פאַרגעסן, איז א באַזונדער געהער.

— בא אונדז זײַנען דען געווען סוידעס?

— גיי שוין, קינד מײַנס. וואָס פאַרא סוידעס קאָנען בא אײַך ביכלאַל זײַן פון מיר? איך מיין עס אַנטקעגן דעם, וואָס דו ווילסט מיר פאַרשפּאָרן אַן איבעריקן גאַנג. דאַרף איך דיר זאָגן, אַז ס׳איז ניטאָ, שײַנט מיר, דער אָוונט, איך זאָל זיך ניט אַרײַנכאַפּן, אויב איך בין נאָר ניט פאַרנומען, צו כאָנען מיט צירלען. דאָס האָב איך צוליב דיר דורכגעלאָזט דעם הײַנ־טיקן אָפּדערנאַכט. צירל האָט געוויס געקאָנט עפּעס איבערקלערן, ביפּראַט אַז ס׳איז הײַנט זונטיק און דערצו נאָך קינאָ. איך געדענק ניט, זי זאָל וועןניט־איז גיין אַליין אין קינאָ. טאָמער איז כאָנע פאַרנומען, גייען מיר זאַלבעצווייט. זעט,— כעסין האָט זיך געגעבן א דריי אויס צו זײַוולען,— פאַרוואָס זײַנט איר ניט געגאַנגען הײַנט אין קינאָ?

— איך האָב, זײַענדיק אַנומלטן אין שטאָט, שוין געזען אָט דאָס בילד. — און אַז כעסין זאָל ניט נעמען אים פאַנאַנדערפרעגן וואָס און ווען, האָט זײַוול גלײַך צוגעגעבן: — איר האָט גאָרניט אָנגעווירן דער־פון, וואָס איר זײַנט ניט געגאַנגען אים זען. ס׳איז פון יענע פילמען, וואָס ווי נאָר מע צינדט אָן אין זאַל צוריק די שײַן, אַזוי פאַרגעסט מען אים באַלד.

— עפּשער וועט איר, זײַוול, זיך אויך דורכשפּאַצירן מיט אונדז צו צירלען? איך ענדיק דאָ דערשרײַבן נאָך א צוויי־דרײַ שורעס, און מיר גייען.

זײַוול האָט ניט געהאַט וואָס מוירע צו האָבן, אַז צירל קאָן אין זײַן אָנוועזנהײַט, צופעליק צי ניט צופעליק, זיך אַרויסכאַפּן, אַז ער איז פון אָוונט שוין הײַנט בא איר געווען, דאָך האָט ער זיך אָפּגעזאָגט מיטגיין מיט זיי, זיך פאַרופן אַף דעם, אַז קוים גייט מען צו יענעם ניט סטאַם אַזוי אין געסט, נאָר מיט אַן איניען, איז ניט שטענדיק וויל יענער, אַז ס׳זאָל זײַן דערבײַ א דריטער.

— ווי האַלט איר? — האָט זײַוול זיך געווענדט צו בליומען.

— מעגלעך, איר זײַנט גערעכט. און וואָס זאָגט איר, נאַפּטאַלע דאַ־ווידאָוויטש?

— זעסטו, כ׳האָב זיך גאָר דערוף ניט פאַרטראַכט. נו אויב אַזוי, וועל איך דיך בלויז באַקאָנען מיט איר און אײַך איבערלאָזן אַליין.

— איר פאָרט שוין הײַנט אַוועק? — האָט געפרעגט זײַוול.

— ניין, כ׳פאָר מאָרגן באַטאָג.

— וועט איר זיך מאָרגן מיט איר זען. ווייסט איר גאָר וואָס? וויבאַלד איר האָט צו איר אַן איניען...

— און א וויכטיקן איניען.

— איז זאָג איך אײַך צו באפרײַען מאָרגן צירלען ביז האלבן טאָג פון דער ארבעט. כ׳ווייס ניט, צי ס׳האָט פאר אײַך א זין גיין צו איר איצט.

— ס׳איז דאָך ניט אזוי שפעט.

— פונדעסטוועגן...

— ווייסט, בלימעלע, וואָס כ׳וועל דיר זאָגן,— האָט זיך ארײַנגעמישט דער לערער,— ס׳איז בעפיירעש א געדאנק עס אָפלייגן אף מאָרגן. מיט אזעלכע איניאָנים, ווי בא דיר, גייט מען ניט צו יענעם באנאכט...

— איר זײַנט זיכער, נאפטאָלע דאווידאָוויטש, אז דאָס איז טאקע זי?

— כ׳קלער אזוי. כ׳וואָלט דיר געקאָנט געבן איבערלייענען, וואָס איז דאָ בא מיר וועגן דעם פארשריבן, נאָר צו וואָס? וועסט אליין זיך דורכ־ריידן מיט איר, וויבאלד ביסט צוליב דעם, ווי דו זאָגסט, אראָפּגעקומען אהער,— כעסין האָט אָפּגעלייגט אָן א זײַט דאָס הענטל־פען, נאָר דעם בוך ניט צוגעמאכט.— כ׳האָב געהערט, בלימעלע, ווי דו האָסט דאָ געזאָגט זײַוולען, אז אומזיסט און אומנישט פארנעם איך זיך מיט פארשרײַבן דאָס, וואָס איז זיך מיט אונדז פארלאָפן בייס דער מילכאָמע, אז קיינעם גייט עס שוין איצט ניט אָן.

— יאָ, מײַן טײַערער לערער, יאָ. אזוי איז עס. אף דער גאנצער וועלט איז איצט אזוי. מע וויל וואָס גיכער דערפון פארגעסן. אונדז אליין, דוכט זיך מיר צײַטנווײַז אויס, ווילט זיך עס פארגעסן.

— דאָס ווײַזט זיך דיר, קינד מײַנס, טאקע בלויז אזוי אויס. דער ווייטעק לאָזט זיך שטענדיק פילן א סאך שטארקער נאָכן קלאָפּ, וואָס מע כאפּט, ווי בייסן קלאָפּ. די וועלט וואָלט קיין קיום ניט געהאט, ווען זי פארגעסט, וואָס איז זיך מיט איר פארלאָפן. זי קאָן עס ניט פארגעסן! נאָר ווען איך טו בא זיך א טראכט וועגן די, צו וועמען עס וועט ארײַנ־פאלן דער דאָזיקער פינקעס מײַנער, איז מאטערט מיך דער געדאנק, צי וועלן זיי ניט אופּוואַרפן אונדז דאָס זעלבע, וואָס איך האָב, זײַענדיק ניט לאנג צוריק אין שטאָט, געהערט פון איינעם א יידישן יונגנמאן, וואָס איז אן ערעך אין איין עלטער מיט אײַך, זײַוול,— אין כעסינס ווארעמע אויגן האָט זיך געענדערט דער בליק, ווי בא א מענטשן, וועלכן ס׳איז פלוצעם באפאלן א שנײַדנדיקער ווייטעק.— דערמיט, האָט ער מיר גע־זאָגט, וואָס מע איז געגאנגען געהאָרכזאם און נאָכגיביק צו די גריבער, האָט מען אף אלע צײַטן דערנידעריקט אונדזער פאָלק אין די אויגן פון דער וועלט.

— און וואָס האָט איר אים דערוף געענטפערט?— האָט געפרעגט זײַוול, וועמען ס׳איז קיינמאָל ניט געקומען אפן זינען זאָגן אזעלכעס, און ער האָט דאָך ניט איין מאָל זיך אויך געהאט פארטראכט וועגן זעלבן און עס ביז איצט ניט געקאָנט נאָך אלץ באנעמען. ווײַל ווירקלעך, אויב מע ווייסט, אז דאָס איז שוין דער סאָף, אז ס׳איז ניטאָ שוין וואָס צו פארלירן, איז פארוואָס זאָל מען נאָכגיביק אונטערשטעלן די ברוסט, גע־האָרכזאם ארונטערלייגן זיך אונטערן מעסער? פארוואָס?

און ווען כעסין האָט זיך ניט אָפּגערופן, ווי ער זאָל ניט געווען דער־הערן, האָט זײַוול העכער איבערגעפרעגט:

— ס׳איז דאָך מיסטאמע פאַראַן דערויף אַן ענטפער?

— געוויס איז פאַראַן. איך אָבער האָב דערווײַל נאָך דעם פולן ענט־פער ניט געפונען. יעדער איינער, ווען כ׳האָב וועגן דעם געפרעגט, ענטפערט דערויף פאַרשיידן, און יעדן ענטפער טראָג איך אַרײַן אהער אין בוך. בייס דו האָסט מיר, בלימעלע, דערציילט וועגן זיך, האָב איך די גאַנצע צײַט געהאַט אין זינען דיך עס צו פרעגן. דו ביסט דאָך די, וואָס איז געלעגן שוין אין גרוב, — ער האָט זיך בידעריק אָנגעבויגן צו דער פאָרטראַכטער בליומען. — עפּשער קאָנסטו אויף דעם ענטפערן? ניט מיר! פאַר זיך האָב איך דעם ענטפער. דו העלף מיר געפינען דעם פולן ענט־פער פאַר די, וואָס וועלן קומען נאָך אונדז און וועלן זיך פאַרגעבן די זעלבע פראַגע, וועלכע מע פאַרגיט שוין אונדז איצט. דער, וואָס האָט דאָס אליין ניט דורכגעמאַכט, ווי דו, דעם, פאַרשטיי איך, איז עס שווער צו באַנעמען. אפילו דעם, וואָס איז געווען אין גרוב, שטעל איך זיך מיר פאָר, איז עס אויך ניט אַזוי פּאָשעט צו באַנעמען. קעדיי אַרומכאַפּן דאָס אַלץ און געבן דערויף אַ פולן ענטפער, דאַרף מען, אַפּאָנעם, זײַן אַ גרוי־סער, גאָר אַ גרויסער שרײַבער, און איך, ווי דו ווייסט, בין דאָך ניט מער ווי אַ געוויינלעכער לערער פון מאַטעמאַטיק. דערמיט אָבער, וואָס איך שרײַב אַרײַן אהער אַלץ, וואָס כ׳האָב אליין זיך אָנגעזען און זיך אָנגע־הערט וועגן יענער צײַט פון אַזעלכע ווי דו, ווי צירל, ווי כאַנע, העלף איך אים צו, דעם גרויסן שרײַבער, וואָס וועט קומען און דערציילן וועגן אונדז דעם גאַנצן עמעס. ס׳איז אונדזער כויוו, בלימעלע, קאָלזמאַן מיר לעבן, פאַרשרײַבן אַלץ, וואָס מיר ווייסן וועגן אָט דער שרעקלעכער צײַט. וואָס אָן ער׳עך וואָלסטו געענטפערט דעם דאָזיקן יונגנמאַן, ווען דו דער־הערסט פון אים דאָס זעלבע, וואָס איך?

בליומע איז געזעסן מיט צוגעמאַכטע אויגן. ווען זי האָט זיי גע־עפנט, האָט זײַוולען זיך אויסגעגעבן, אַז זי קוקט אויף אים און אויף דעם לערער, פּונקט ווי זי זאָל זיי ניט דערקענען, און אַז ניט צו זיי, נאָר צו זיך אַליין זײַנען געווענדט אירע רייד:

— ניין, דער, וואָס איז געשטאַנען בא דער גרוב, קאָן אויך אויף דעם ניט ענטפערן, ווײַל ער איז דעמלט געווען ניט ער, נאָר אַן אַנדערער. ווען איך האָב דערזען פאַר זיך די גרוב און דערהערט פון דאָרט די געשרייען פון די פאַרוווּנדעטע, איז צו מיר מיסטאמע דערגאַנגען, אַז מע וועט מיך, פּונקט ווי אַלעמען, באַלד צעשיסן. אָבער באַנעמען, אַז כ׳וועל באַלד זײַן טויט און וועל שוין מער קיינמאָל ניט זען די זון, וואָס האָט אַראָפּגעשײַנט פון הימל, דאָס גראָז, ניט זען שוין מער מײַנע טאַטע־מאַמע, מײַנע ברידערלעך און שוועסטערלעך, דאָס האָב איך ניט געקאָנט, ווײַל איך בין דעמלט געווען ניט איך. די אָנגעשטעלטע ביקס האָט אין מיר אַלץ פאַרפרירט, אַלץ אין מיר אָפּגענומען, מיך געמאַכט אינגאַנצן פאַר אַן אַנדערער. כ׳ווייס ניט, צי דאָס איז געקומען בלויז פון איינע שרעק, צי די ביקס האָט אין זיך אַ פאַרבאָרגענע קראַפט, וואָס איידער זי נעמט אָפּ דאָס לעבן בא דעם מענטשן, וועלכער שטייט פאַר איר מיט

הוילע הענט, מאכט זי אים פארפרױער שוין פאר אויס מענטש, ווײַל ווײלכער מענטש, וואָס איז באַם זינען, וועט, שטייענדיק מיט דער פּלייצע צו דער אָנגעציילטער ביקס, צומאכן מיט די פינגער פון די הענט די אויגן און אויערן, ווי באַם אונטערטוקן זיך אין וואסער. דאָס איינציקע, וואָס די ביקס קאָן ניט אָפּנעמען בא דעם מענטשן ביז דער לעצטער רעגע, איז די האָפענונג אף א נעס, אנדערש וואָלט דאָך דער פארמישפּטער צום טויט זיך ניט געשטעלט גראָבן אליין פאר זיך א קייווער. די האָפענונג אף א נעס האָט געלעבט אין אונדז ניט נאָר ווען מע האָט באפוילן זיך אונדז אויסטאָן און מיר זײַנען נאקעטע געגאנגען צו דער גרוב, נאָר אויך דעמלט, ווען מיר האָבן זיך פארשטאָפּט מיט די פינגער די אויערן, מיר זאָלן ניט הערן דעם קנאל פון די ביקסן, און צוגעמאכט די אויגן, מיר זאָלן ניט זען, ווי מיר וועלן פאלן...

— כ'האָב אָבער אויך געהערט און ניט איין מאָל געלייענט וועגן אזעלכע, וואָס האָבן מיט די הוילע הענט זיך געוואָרפן אף די באוואָפנטע מערדער, — האָט זיך אָנגערופן זײַוול. — צי דאָס האָבן די לעבעדיקע נאָכדעם צוגעטראכט וועגן די טויטע, אז מע זאָל וועגן זיי ניט זאָגן דאָס זעלבע, וואָס דער יונגערמאן האָט אנומלטן געזאָגט נאפטאָלע דאווידאָוויטשן?

— קיינער האָט עס ניט צוגעטראכט. עס זײַנען געווען אויך אזעלכע. בא אונדז אין שטעטל איז געווען איינע אזא. קיילע האָט מען זי גערופן. איר האָט זי געדארפט קענען, נאפטאָלע דאווידאָוויטש. איר עלטער מיידל, פאַליע, האָט זיך געלערנט מיט מיר אין איין קלאס. ווען מע האָט קיילען געהייסן זיך אויסטאָן און גיין צו דער גרוב, האָט זי געכאפּט א הויפן זאמד און א שאָט געטאָן דעם דײַטש אין די אויגן. דאָס האָט זיך צו איר אומגעקערט דער מענטש, אָבער בלויז אף געציילטע רעגעס, ווײַל ווען זי איז געשטאנען מיט אונדז בא דער גרוב, האָט זי באגלײַך מיט אנדערע פארשטאָפּט מיט די פינגער די אויגן און אויערן און ווילד געשריִען, אליין ניט ווויסנדיק וואָס.

בליומעס אומעטיקע געדיכט שווארצע אויגן זײַנען געוואָרן נאָך שווארצער. אָט־אָט וועט פון אונטער די שווארצאפּלען זיך ארויסכאפּן א פלאם־פײַער.

— איך וועל עס, פארשטייט זיך, אלץ פארשרײַבן, — האָט געזאָגט כע־סיך, — אָבער איך מיין ניט, אז דאָס איז שוין דער ענטפער. ווען די ביקס זאָל האָבן איבערן מענטשן אזא קויעך, ווי דו זאָגסט, איז ווי וואָלטן סאָל־דאטן מילכאָמע געהאלטן, געגאנגען אין אטאקע, זיך געשלאָגן ביזן לעצטן?

— מיך וווּנדערט, נאפטאָלע דאווידאָוויטש, אז איר זאָלט אזעלכעס פרעגן. א סאָלדאט, ווען ער גייט זיך שלאָגן, האָט דאָך א ביקס אין דער האנט. און וואָס האָבן מיר געהאט? הויל־נאקעטע זײַנען מיר דאָך געשטא־נען אנטקעגן זייערע אָנגעשטעלטע אווטאָמאטן און קוילנוואַרפערס, — און מיט אימפּעט, אין איין אָטעם, ארויסגעבראכט: — אויב איר שרײַבט ארײַן אין אײַער בוך אלץ, וואָס קאָן צוניץ קומען דעם שרײַבער, וועלכער וועט זיך נעמען דערציילן וועגן אונדז, ווען מיר וועלן שוין ניט זײַן, און פּרווון

געפינען אף אלץ אן ענטפער, איז שרײַבט אַרײַן אויך דאָס, וואָס איך וועל אײַך באַלד דערציילן.

זי האָט זיך פאַרטראַכט א לענגערע ווײַלע און מיטן זעלבן אימפעט פאַרגעזעצט:

— אין לאַגער, ווו איך בין געווען...— און ווי זי זאָל ערשט איצט באַמערקן, אַז אויסער דעם לערער איז אין צימער אויך דאָ נאָך זײַוול, האָט בליומע, אָנווײַזנדיק אף אים, שוין מיט ווייניקער אימפּעט זיך אָנגערופן צו כעסינען: — איך וועל אָבער מוזן, קעדיי זײַוול זאָל אויך פאַרשטיין, וועגן וואָס דאָ גייט, איבערדערציילן אים איינקורצן דאָס, וואָס איר האָט וועגן דעם פאַרשריבן בא זיך. איז אָט. נאָכדעם, ווי איך בין א לײַכט פאַרוווּנדעטע אַרויסגעקראָכן פון אונטער די הארוגים אין גרוב, האָט מיך עטלעכע וואָכן אויסבאַהאַלטן בא זיך אן אַלטיטשקע פּויערטע, וועלכע איך האָב ביז דאַן קיינמאָל אין די אויגן ניט געזען. ווען ס׳איז געוואָרן א סאַקאָנע מיך האַלטן ווײַטער בא זיך, האָט זי מיך אָפּגעפירט צו אירער א באַקאַנטער אין שטאָט. פאַראַן אף דער וועלט גוטע מענטשן, א סאַך מער נאָך ווי מיר מיינען. צופעליק האָב איך זיך אין איינעם א טאָג אַרײַנגעפּאַקט בײַס אן אָבלאַווע, און מע האָט מיך אָפּגעשיקט קיין דאַכאַו. איצט וועל איך אײַך דערציילן דאָס, וואָס איר האָט נאָך ניט פאַרשריבן, אויב איר ווילט זיך דערקלײַבן צו דעם פולן ענטפער אף דער פראַגע, וואָס פּײַניקט, ווי איך ווייס, ניט נאָר אײַך. אין לאַגער בא אונדז האָבן זיך געפונען א סאַך קריגסגעפאַנגענע פון פאַרשיידענע לענדער. געווען דאָרטן ענגלענדער, פראַנצויזן, אַמעריקאַנער, יוגאָסלאַוון, בעלגיער און ווער נאָר ניט. דאָס זײַנען געווען אָפיצערן און סאָלדאַטן, וואָס האָבן ניט איין מאָל געזען שוין דעם טויט אין די אויגן. יעדן טאָג האָט מען אונדז אַלעמען, די מענער און פרויען, געטריבן אף אַרבעט, נאָר אין באַזונדערע קאָלאָנעס. אין איינעם א טאָג האָט מען אונדז, פרויען, איבערגעלאָזט אַרבעטן אין דער זאָנע. צי די אַרבעט אין דער זאָנע איז געווען א דרינגענדע, צי ס׳איז ניט געווען קיין קאָנוואָי, דער שוואַרציאָר ווייסט זיי... אין לאַגער פלעגט אַזעלכעס טרעפן, ניט איבעריקס אָפט, אָבער ס׳פלעגט טרעפן. פאַר אונדז איז עס געווען א גליק, ביפראַט אַז דער טאָג איז געווען א קאַלטער, א רעגנדיקער, מיט א ווינט נאָך דערצו. דעם גאַנצן טאָג האָט געהאַלטן אין איין גיסן און גיסן. סאָף טאָג האָט מען געבראַכט צו טרײַבן די מענערשע קאָלאָנע פון דער אַרבעט, נאָר אין דער זאָנע האָט מען זי ניט אַרײַנגעפירט. מע האָט זי געלאָזט שטיין אונטערן רעגן פון יענער זײַט טויערן. מיטאַמאָל דערהערן מיר, ווי דער קאָנוואָי גיט אָפּ א קאָמאַנדע דער קאָלאָנע, אַז מע זאָל זיך לייגן אין דער נעץ און אָפּוויזען הינטערווײַלעכס זעכציק שפּאַן. און די קאָלאָנע קריגסגעפאַנגענע, אין וועלכער עס זײַנען געווען סאָלדאַטן און אָפיצערן, וואָס האָבן ניט איין מאָל געזען דעם טויט אין די אויגן, האָבן געהאָרכזאַם און נאָכגיביק זיך אויסגעצויגן אין דער בלאָטע און געפּויזעט; און אַזוי עטלעכע מאָל. דרײַ־פיר הונדערט מאַן איז געווען מיסטאַמע אין דער קאָלאָנע, און קאָנוואָירט האָט זיי א קליין הײַפל פאַשיסטן. א צען־פופצן פאַשיסטן, ניט מער. נאָר בא זיי זײַנען געווען אויטאָמאַטן. אָט וואָס פאַר א קראַפט עס האָט אין זיך

די ביקס אויך אפילע פאר אזעלכע, וואָס האָבן ביז דעם אליין געהאַט צו טאָן מיט א ביקס... וואָס פאר א ווערט האָט, דאכט זיך, געהאַט בא דער קאָלאָנע פארניכטן די צען־צוואנציק קאָנוואָירן. דאָך האָבן זיי געהאַרכזאם פאַרגעזעצט פּויזען, ווײַל זיי האָבן אויך ניט געוואָלט פארלירן די האָפענונג אף א נעס. אָט איז אײַך מײַן ענטפער אף דעם, וואָס איר האָט מיך גע־פרעגט.

— איך פארשטיי דיך ניט, בליומע. האָסט ניט געהערט וועגן די אופ־שטאנדן אין די געטאָס, אין די לאַגערן?

— און דער יונגערמאַן, וואָס האָט זיך אײַך באַגעגנט, מיינט איר, האָט ניט געהערט וועגן דעם אופשטאנד אין ווארשעווער געטאָ און סאָביבאָרער לאַגער?

בליומע איז ניט געבליבן ווארטן, ביז כעסין, וועלכער פארלאָזט זיך שוין ניט אינגאנצן אף זײַן זיקאָרן, וועט דאָס אלעס, וואָס זי האָט אים אָקאָרשט דערציילט, ארײַנטראָגן צו זיך אין בוך. זי האָט זיך גענומען געזעגענען.

— איז פאָרסטו, הייסט עס, בלימעלע, טאקע מאָרגן אוועק?

— יאָ, מײַן טײַערער נאפּטאָלע דאווידאָוויטש.

— וועסט מאָרגן, קלער איך, נאָך ארײַנכאַפּן זיך צו מיר.

— באשטימט... נאָר אף יעדן פאל... מאלע וואָס סע טרעפט זיך...— זי האָט צארט ארומגענומען דעם לערער און זיך מיט אים צעקושט.

— און אף לאַנג פאָרסטו?

— איך דענק, אז ניין. נאָר ווער קאָן וויסן? זייער פיל איז אָפּהענגיק, ווי כ׳האָב אײַך געזאָגט, פון אײַער צירלען. נאָר אזוי צי אנדערש וועל איך זיך אומקערן. פון דעם, וואָס מיר וועט זאָגן אײַער צירל, איז בלויז אָפּהענגיק, צי וועל איך זיך אומקערן מיטן מאַן אָדער אליין.

זעט אויס, אז זיי האָבן ביידע פארגעסן אין אים, אין זײַוולען, וועלכער איז געשטאנען בא דער זײַט און ניט אָנגעהויבן באנעמען, וואָס פאר א שײַכעס האָט צירל צו דעם, צי וועט די דאָזיקע פרוי זיך אומקערן פון בריסעל מיטן מאַן צי אָן דעם מאַן. נאָר אומדערווארט פאר זיך אליין האָט זײַוול, ווען בליומע האָט, געזעגענענדיק זיך, אים אויסגעשטרעקט די האנט, פארהאלטן איר האנט אין זײַנער.

— איך גיי אויך מיט אײַך,— און צו נאפּטאָלע דאווידאָוויטשן:— איך וועל זיך באלד צוריקקערן. איר וועט זיך דאָך מיסטאמע נאָך אזוי גיך ניט לייגן שלאָפן?

— מע דארף מיך ניט באגלייטן,— האָט בליומע אָפּגעשטעלט זײַוו־לען,— איך שטיי דאָ אײַן ניט ווײַט, אין האָטעל.

— דער מאַן דײַנער איז דאָך בא דיר געבליבן אין בריסעל. איז וואָס האָסטו מוירע, אז זײַוול וועט דיך באגלייטן? איר האָט ניט איבעריקס וואָס צו אײַלן זיך, זײַוול, איך וועל הײַנט נאָך לאַנג זיצן.

— איך דארף זיך מיט אײַך זייער נייטיק דורכריידן.

— כ׳ווייס אָבער ניט, זײַוול, צי וועל איך אײַך דאָס מאָל קאָנען מיט עפּעס העלפן.

גייענדיק אהער, האָט זײַוול קיין רעגע ניט געסאָפּעקט, אז דער לערער

האָט נאָך עפּשער פריִער פון אים זיך דערוווּסט וועגן דער מעלדונג, וואָס צירל האָט נעכטן אָנגעגעבן. האָט אים ניט געכידעשט, וואָס דער לערער האָט זיך גלײַך אָנגעשטויסן, וואָס איז עס פאַר אַן איניען, וועגן וועלכן ער דאַרף זיך מיט אים אַזוי נײטיק דורכריידן. זײַוול האָט אָבער ניט דערוואַרט, אַז כעסין זאָל אים אַזוי ענטפערן.

## קאַפּיטל דרײַצן

שוין שטייענדיק לעבן דעם האָטעלכל, וואָס האָט געפינקלט צו דער גאַס מיטן טונקעלן לעמפּל באַם ארײַנגאַנג, האָט זײַוול זיך מיטאַמאָל אָנגערופן צו בליומען:

— ווייסט איר וואָס, אויב איר האָט כיישעק, קאָנען מיר זיך איצט דורכגיין צו צירלען. זי ווױנט ניט שטאַרק ווײַט פונדאַנען.

— ביטע, איך בין גרייט... ס׳איז אָבער ניט צו שפּעטלעך אַ ביסל?

— ניין. דער אוילעם, ווי איך זע, איז ערשט געקומען פון קינאָ. עס לויכט זיך נאָך קימאַט בײַ אַלעמען, און איר ווייסט, וואָס כ׳האָב באַ־מערקט? זומער ליגט מען זיך אין שטעטל אַ סאַך שפּעטער שלאָפן, ווי אין שטאָט. ס׳איז ניט בלויז דערפאַר, ווײַל מע מאַטערט זיך דאָ ווייני־קער אָן פאַרן טאָג. אין שטאָט וועט זיך פּאַשעט קיינער ניט אוועקזעצן אף דער גאַס כאַפּן פרישע לופט און אָפּזיצן, ווי דאָ, ביז טיף אין דער נאַכט.

— איז האַלט איר, אַז ס׳איז ניט שפּעט נאָך? — האָט בליומע אים איבערגעפרעגט, עלעהיי ניט זי, נאָר ער איז עס דער, וואָס איז אויסגע־וואַקסן אין אַ שטעטל און ווייסט, וויִאַזוי זיך דאָ צו פירן. — נו, אויב אַזוי, איז לאָמיר טאַקע גלײַך צוגיין. צו וואָס עס אָפּלייגן אַף מאָרגן? — זי האָט אָנגענומען זײַוולען אונטער דער האַנט, ווי וועלנדיק אים דערמיט זאָגן, אַז ער זאָל זיך סאָפּקאָלסאָף אופהערן פירן ווי אַ קליינשטעטלדיק באָכערל, וואָס שפּאַצירט צום ערשטן מאָל אין לעבן מיט אַ מיידל און איז די גאַנצע צײַט פאַרנומען בלויז דערמיט, וויִאַזוי עס אויסצובאַהאַלטן פון אַ זײַטיק אויג, וויִאַזוי אײַנצוהיטן די שטרעקע צווישן אים און איר און דערבײַ נאָכפּאָלגן נאָך די הענט, זיי זאָלן באַ אים זײַן רעכט פאַרוקט אין די קעשענעס אָדער באַלעבעסלדיק פאַרלייגט אַף הינטן, אַז זיי זאָלן, כאָלילע, צופעליק ניט אָנרירן זיך אָן אירע. און, גאָט באַהיט, אַרויסברענגען אַף אַ קאָל כאָטש איין וואָרט פון דעם, וואָס אים ווילט זיך זי פרעגן און איר זאָגן.

צי האָט בליומע ווירקלעך אַזוי געקלערט וועגן אים, צי זײַוולען האָט זיך געדוכט, אַז זי קאָן אַזוי קלערן, נאָר ענדערן איצט עפּעס אין זײַן אופירן זיך מיט איר, אַז זי זאָל צוריק דערפילן אין אים, ווי באַ זייער באַקאַנען זיך מיט כעסינען, אַ גרויסשטאָטישן מענטשן, האָט זײַוול ניט געקאָנט אפילע נאָכדעם, ווי זי האָט אים גענומען אונטערן אָרעם און איז געגאַנגען מיט אים אַזוי איבער דער הויפּט־גאַס, וואָס איז נאָך געוועזן אוף. צווישן די פאַרבײַגייער, וועמענס בליקן ער האָט אַף זיך גע־פילט, וועט זיך געוויס עמעצער אָפּזוכן, וואָס וועט צו דער נײַס, וואָס

ער האָט צו דערציילן וועגן דעם שטילן און באַשיידענעם שעף פון דער סטראַכיר־קאָנטאָר, — אַז ער האָט אים שפּעט אין אָוונט געזען שפּאַצירן אונטער דער האַנט מיט ניט קיין היגן מיידל, — נאָך צוגעבן אַזוינס, וואָס קאָן אײַנגאַנצן דערווײַטערן פון אים צירלען. און וועגן דעם האָט זי־וויל האַנפּט, נאָך אַלץ דערלאָזנדיק, אַז בליומע זאָל אים פירן אונטער דער האַנט, ניט אופגעהערט זיך צו פאַרטראַכטן.

די ערשטע, וואָס וועט אופכאַפּן אָט די נײַס, וועט זײַן, פאַרשטייט זיך, אירישע. און די ערשטע, צו וועמען זי וועט קומען מיט אָט דער נײַס, וועט זיכער זײַן צירל. זי־וויל פאַרשטייט ניט, וואָס האָט צירל גע־פונען אין אָט דעם מיידל, וואָס זי האָט געגומען מיטאַמאָל זיך מיט איר כאַווערן? ס'איז טאַקע א סאַך גלײַכער, וואָס בליומע וועט זיך הײַנט זען מיט צירלען. ער שטעלט זיך פאָר, ווי־אַזוי מע וואָלט מאָרגן באַגעגנט בליומען אין דער קאָנטאָר, ווי־אַזוי מע וואָלט זיך דאָרט איבערגעוווּנקען.

פאַרטראַכטנדיק זיך וועגן דעם אַלץ, האָט זי־וויל זיך שיר ניט אָנגע־רופן צו זיך אַף א קאָל: „אוי, סאַרא קליינשטעטלדיקער דו ביסט! ווי קומט עס גאָר צו דיר?״

נאָר אויך נאָכדעם, ווי ער האָט עס זיך שיר ניט געזאָגט אַף א קאָל, האָט ער ניט געקאָנט בײַקומען אין זיך אָט די קליינשטעטלדיקײַט, וועל־כע ער האָט וואָס אַמאָל, אַלץ מער אין זיך אַנטפּלעקט.

ווען בליומע טוט אים איצט, אַשטייגער, א פרעג, וועגן וואָס האָט זי אָקאָרשט דערציילט, וואָלט ער איר אויסער דעם, אַז פּאַריזש, ווו זי איז ניט לאַנג צוריק געוועזן צוגאַסט בא אירער א באַקאַנטער, איז א גרויסע און שיינע שטאָט, איר מער גאָרניט געקאָנט זאָגן, כאָטש ער האָט ניט דורכגעלאָזט, דאַכט זיך, קיין איין וואָרט ניט דערפון, וואָס זי האָט אים דערציילט וועגן פּאַריזש, און ניט דערפון, וואָס זי האָט אים ביז דעם געהאַט דערציילט וועגן בריסעל. און ווי־אַזוי האָט ער געקאָנט מער פאַר־געדענקען, אַז ער איז גאָר געווען אַרײַנגעטאָן דערין, מיט וואָס פאַר אַן איניען גייט עס איצט בליומע צו צירלען, און וואָס פאַר א שײַכעס קאָן צירל האָבן דערצו, צי וועט בליומע זיך אומקערן פון בעלגיע צוריק אַהיים מיטן מאַן, צי אָן דעם מאַן? און ווידער: אויב ס'איז א סאָד, איז פאַרוואָס האָט בליומע פאַרפירט אין זײַן אָנוועזנהײַט א רייד וועגן דעם בא נאַפּטאָלע דאַווידאָוויטשן?

ווען זיי זײַנען אַרויס פון כעסינען, האָט זי־וויל דערוואַרט, אַז בליומע וועט עס אים באַלד אַנטפּלעקן. זי האָט דאָך ניט געקאָנט ניט באַמערקן, ווי פאַרכידעשט ער האָט זיי ביידן אָנגעקוקט, בייס ער האָט עס דער־הערט פון איר. עפּשער האָט זי דערוואַרט, האָט זי־וויל דערנאָך א קלער געטאָן בא זיך, אַז ער זאָל עס בא איר פרעגן. ווייסט זי דאָך, אַז זי איז אים אַליין פאַרלאָפן דעם וועג. זיי האָבן ניט באַוויזן א טראָט נאָך צו מאַכן, האָט זי אים געגומען דערציילן וועגן די בריסעלער און פּאַריזשער גאַסן און פּלעצער. ער האָט עס אופגעגומען, ווי זי זאָל אים דערמיט וועלן זאָגן: „איר האָט מיך ניט וואָס צו פרעגן, כ'וועל אײַך סײַווי דערוף גאָרניט ענטפערן...״ ער ווייסט אַליין ניט פאַרוואָס, נאָר שטייענדיק שוין מיט איר באַם אַרײַנגאַנג אין האָטעלכל, האָט זיך אים מיטאַמאָל אויס־

געוויזן, אַז זי וויל זיך מיט אים נאָך ניט צעשיידן, שטייט און וואַרט, אַז ער זאָל זי פאַרהאַלטן. און ווידער איז געשען דאָס זעלבע. זי איז אים ווידער פאַרלאָפן דעם וועג מיט איר נעמען דערציילן זײַטיקע זאַכן. און ווען זײַוול האָט, צוקומענדיק נעענטער צו צירלס הויז, פונדעסטוועגן געפּרוּווט פאַרפירן מיט בליומען א רייד וועגן צירלען, איז בליומע אָפּגעקומען בלויז דערמיט, וואָס זי האָט אים געפרעגט, צי איז צירל טאַקע ווירקלעך אַזאַ שיינע, ווי זי האָט זיך וועגן דעם אָנגעהערט. ס׳איז אויסגעקומען, פונקט ווי זי זאָל גיין איצט צו צירלען בלויז א קוק טאָן אויף איר שיינקייט.

— אָך, יאָ, — האָט זײַוול זיך אָנגערופן, גלײַך ער זאָל ערשט איצט זיך דערמאָנען וועגן דעם, — איך וועל מיט אײַך צו איר ניט ארײַנגיין. כ׳וועל צוּוואַרטן אין דרויסן, — און אַז בליומען זאָל עס ניט כידעשן און זי זאָל עפּעס אַנדערש ניט איבערטראַכטן, האָט ער עס איר דערקלערט דערמיט, וואָס מע לעבט אין א שטעטל, פאַרגעסנדיק דערבײַ, אַז ניט ער, נאָר זי שטאַמט פון א שטעטל און אַז ס׳איז נאָך ניט דורך אַזויפיל צײַט, אַז זי זאָל האָבן שוין פאַרגעסן, וואָס איז אַזוינס א שטעטל. — בא אונדז איז דאָ ניט אָנגענומען, אַז א יונגערמאַן זאָל אין אַזאַ שפּעטער אָוונטיקער שאָ גיין אין געסט צו א יונג ווײַבל, בייס אַלע ווייסן, אַז דער מאַן איז ניטאָ אין דער היים.

— איר גייט דאָך אָבער ניט אַליין, איר גייט דאָך מיט מיר.

— אַלצייינס.

— איר ווייסט, זײַוול יעווסייעוויטש, — בליומע איז געבליבן שטיין, — איך וועל באַלד אופהערן גלייבן, אַז איר זײַנט אַהער ארויפגעקומען פון א שטאָט און נאָך פון אַזאַ גרויסער שטאָט, ווי סווערדלאָווסק. איר זײַנט דאָך שוין באַלד מער קליינשטעטלדיקער פונעם סאַמע קליינשטעטלדיקסטן. איר וועט מיר אַנטשולדיקן, נאָר ווי מיר שײַנט, איז נעמט איר זיך נאָך דערמיט איבער, ווי אייניקע אָנגעפּאַרענע ייִדן, וואָס מאַכן נאָך די בעלגיער, גייען אויס, אַז מע זאָל זיי אָננעמען פאַר עכטע בעלגיער. ס׳העלפט אָבער ניט. סײַווי דערקענט מען, ווער ס׳איז אַן עכטער און ווער סע מאַכט נאָך. און ווייסט איר, לויט וואָס מע דערקענט עס? לויט דעם, וואָס מע כאַפּט איבער די מאָס. איר וועט מיר אַנטשולדיקן, נאָר איר כאַפּט אויך איבער די מאָס מיט וועלן זיך ארויסגעבן פאַר אַן עכט שטעטלדיקן מענטשן.

— פונוואַנען האָט איר עס גענומען? דערפון, וואָס איך פאַרגעס ניט, אַז דאָ איז ניט סווערדלאָווסק?

— אַנטשולדיקט, איך פאַרשטיי ניט דעם כילעק.

איצט האָט זײַוועלען זיך געוואָלט איר זאָגן, אַז ער וועט, דאַכט זיך, באַלד אופהערן גלייבן, אַז זי שטאַמט פון א שטעטל, נאָר געזאָגט האָט ער איר בלויז:

— אויב איר האָט שוין באַוויזן עס פאַרגעסן, איז פרעגט בא נאַפטאָלע דאַווידאָוויטשן, וועט ער אײַך דערמאָנען.

— נאַפטאָלע דאַווידאָוויטש איז זייער א ליבער און טײַערער מענטש,

ער איז אָבער אַ ביסל אָפּגעשטאַנען פון דער צײַט. כ׳האָב עס אים אפילו געזאָגט. ער לעבט מער מיטן נעכטן ווי מיטן הײַנט.

— איר האָט אַ טאָעס.

— איר מיינט אַזוי?

— און אַ גרויסן טאָעס.

נאָך איידער זײַוול האָט דערזען, אַז די פענצטער, הינטער וועלכע ער איז פון אָוונט הײַנט געשטאַנען, לויכטן זיך איצט ניט, איז ער שטיין געבליבן. ס׳האָט אים אויסגעפּעלט אָטעם אַף דורכצומאַכן די עטלעכע טריט.

— עפּשער אָנקלאַפּן? — האָט ער ניט זיכער געפרעגט, צוגייענדיק נאָענט צום פענצטער, ווי ער זאָל דורך דער שויב ווען דערהערן צירלס שטעמען.

— וואָס רעדט איר? כ׳האָב דאָך אײַך אָבער געזאָגט, אַז ס׳איז שוין שפּעטלעך. הײַנט ווער פון אונדז קען בעסער דאָס שטעטל? — בליומע האָט אים ווידער גענומען אונטער דער האַנט. — נאָר מיר שײַנט, אַז איר האָט זיך אויך דערוף געריכט. איר האָט זיך ניט וואָס צו פאַרענטפערן פאַר מיר. איר האָט פּאַשעט ניט געהאַט מיט וועמען זיך דורכשפּאַצירן אין אַזאַ וווּנדערלעכן אָוונט, האָט איר אײַנגעלאַדן מיך.

דאָס איז זי אים ווידער שוין פאַרלאָפן דעם וועג, אַז ער זאָל זי ניט פאַנאַנדערפרעגן, פאַרוואָס דאַרף זי עס אַזוי נייטיק זיך זען מיט צירלען, צי זי איז אים טאַקע אָפּגענומען כוישעד, אַז ער איז געגאַנגען מיט איר אַהער, ווײַל אים האָט זיך געוואָלט מיט איר דורכשפּאַצירן? אים וואָלט ניט איבעריקס געוווּנדערט, ווען זי טוט אים דערבײַ אַ פרעג מיט אָט דעם זעלבן שפּאַסיקן טאָן: ווי איז זי אים געפעלן? פאַר אים איז אַלנפאַלס ניט געווען אינגאַנצן אומדערוואַרט, ווען זי האָט מיטאַמאָל אַ פרעג געטאָן:

— ווי קומט עס, וואָס איר האָט ביז אַהער נאָך ניט כאַסענע געהאַט? כאַסענע האָבן דאַרף מען אין די יונגע יאָרן, פאַר דרײַסיק.

— אויב אַזוי, — האָט ער זיך באַמיט איר ענטפערן אינעם זעלבן שפּי־לעוודיקן טאָן, — האָב איך נאָך אין רעזערוו קימאַט גאַנצע פיר יאָר.

— דאָך מיין איך, אַז ניט דאָס האַלט אײַך אָפּ. כאָטש איר ווילט אָנ־גיין פאַר אַ שטעטלשן, נאָר כאַסענע האָבן, קלער איך, ווילט איר פונ־דעסטוועגן פאַר אַ שטאָטישער. ניט אַזוי? ווען איר באַגעגנט דאָ אָבער נאָך אַזאַ, ווי צירל...

נו קלאָר, אַז כעסין האָט, ריידנדיק מיט זײַן גאַסט וועגן צירלען, דערמאָנט דערבײַ אויך אים, זײַוולען. און אויב אפילו נאַפּטאָלע דאַווי־דאָוויטש האָט מיט קיין וואָרט זיך ניט אַרויסגעכאַפּט פאַר איר וועגן דעם, וועגן וואָס, ווי זײַוול איז איצט שוין זיכער, דער לערער שטויסט זיך פון לאַנג שוין אָן, האָט זײַוול זיך אַליין אַרויסגעכאַפּט פאַר איר מיט זײַן שווער אָפּגעהאַקטן אָטעם, בייס ער האָט צווישן די טונקל־גרינע טאָפּאָלן דערזען דעם פליוגער אָפן דאַך, מיט זײַן בלײַבן שטיין אונטער די אויסגעלאָשענע פענצטער, און איצט מיט זײַן פאַרלוירנקייט, פון וועל־כער בליומע האָט אים אַרויסגעפירט מיט איר זאַכלעכער פראַגע:

— איז וויאַזוי דערריידן מיר זיך? איר וועט צירלען צושיקן צו מיר אין האַטעל, צי איך זאָל קומען צו אײַך אין קאָנטאָר?

— ווי אײַך איז באַקוועמער. נאָר מיר דאַכט, אַז ס׳וואָלט געווען גלײַכער, איר זאָלט זיך מיט איר באַגעגענען ניט אין קאָנטאָר.

— באַ מיר אין האָטעל, הייסט עס. ביטע.

— איז לאָמיר באַשטימען די צײַט. צען אַזייגער איז פֿאַר אײַך ניט צו פֿרי נאָך?

— איר קלערט, אַפֿאָנעם, אַז אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט זײַנען אַלע קאַפּיטאַליסטן. איך שטיי אויף צו דער אַרבעט, ווען גאָט אַליין, ווי מע פֿלעגט זאָגן אַמאָל באַ אונדז אין שטעטל, שלאָפֿט נאָך. איך פֿאַרזיכער אײַך, אַז כ׳וועל זי לאַנג ניט פֿאַרהאַלטן. איך דאַרף נאָר באַ איר עפּעס אויסקלאָרן.

— ווי איך פֿאַרשטיי, — זײַוול האָט געפּרוווט אָנהאַלטן דעם געשפּרעך, אַף וועלכן זי אַליין האָט אים איצט אַרופֿגעפֿירט, — איז עס מיסטאַמע זייער וויכטיקס.

— פֿאַר מיר אַלנפֿאַלס איז עס זייער און זייער וויכטיק.

— אויב ס׳איז ניט קיין סאָד...

— ווי זאָל איך אײַך זאָגן... מיר וואָלט זיך ניט געוואָלט, אַז אויסער כעסינען זאָל עס דערווײַל דאָ נאָך עמעצער וויסן. נאָר ווײַבאַלד נאַפּטאָלע דאַווידאָוויטש האָט אײַך גערופֿן, איר זאָלט מיטגיין מיט אונדז, הייסט עס, אַז ער טרויט אײַך אָן, און וועמען עס טרויט אָן מײַן לערער, דעם טרוי איך אויך אָן.

— איך גיב אײַך מײַן ערן־וואָרט, אַז...

— אָט דאָס, זעט איר, איז שוין אינגאַנצן איבעריק, — האָט בלױמע אים איבערגעשלאָגן, — באַליידיקט זיך נאָר ניט אַף מיר. איך טרוי זעלטן ווען אָן מענטשן, וואָס ווי עפּעס, אַזוי נעמען זיי דיר גלײַך זיך שווערן, גיבן דיר גלײַך אַן ערן־וואָרט. איר האָט ניט וואָס צו באַרעכטיקן זיך. איך פֿאַרשטיי אַליין, אַז איר זײַט ניט פֿון די, אַנדערש וואָלט דאָך נאַפּטאָלע דאַווידאָוויטש אײַך ניט געהאַלטן פֿאַר זײַנעם אַ טאַלמיד.

זי האָט פֿאַרלאַנגזאַמט דעם טראָט, גערעדט שטילער, מיט אַן אָפּגעשוואַכט קאָל:

— איבערדערציילן אײַך פּונדאָסנײַ, וויאַזוי איך האָב זיך אַרויסגעקליבן פֿון גרוב און וואָס איך האָב איבערגעלעבט בייס דער מילכאָמע, בין איך פּאָשעט ניט בעקויעך. מיר גלייבט זיך צײַטנווײַז אַליין ניט, אַז דאָס איז געשען מיט מיר. צײַטנווײַז דאַכט זיך מיר אויס, אַז ניט איך גיי אום איבער דער ערד, נאָר אַן אַנדערע... נאַפּטאָלע דאַווידאָוויטש האָט עס אַלץ פֿאַרשריבן באַ זיך אין בוך, און איר וועט עס קאָנען דאָרט באַ אים איבערלייענען. אײַך וועל איך דערציילן אײנקורצן בלויז דאָס, וואָס האָט אַ שײַכעס צו מײַן מאַן און צירלען, כאָטש איך בין נאָך ניט אינגאַנצן זיכער, צי דאָס איז טאַקע זי, יענע וווּנדערלעכע שיינהײַט, וועגן וועלכער ס׳האָט מיר דערציילט מײַן מאַן און אַף וועלכער כ׳האָב זיך נאָכגעפֿרעגט אין די דערבײַיקע שטעטלעך, — זי האָט אויפֿגעהויבן אַף זײַוולען אירע

אומעטיקע שווארצע אויגן. — זי איז טאקע אזא שיינהייט, אז ס׳איז ניטאָ צו איר קיין גלייכן?

דאָס מאָל האָט זיַיוול שוין ניט געענטפערט בליומען, ווי פריִער, אז ער ווייסט ניט, צי ס׳איז ווען־ניט־איז ביכלאל געווען אף דער וועלט נאָך אזא שיינהייט. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אז בליומע וואָלט געוועוען צו־פרידן, ווען ער נעמט פארמינערן אין אירע אויגן צירלען, אין וועמען, ווי ער שטויסט זיך אָן, עס איז געווען פארליבט בליומעס מאן. מעגלעך, אז צווישן זיי איז זיך אפילע עפּעס וויכטיקס פארלאָפן, און דאָס איז, קענטיק, דער סאָד, וואָס זי קלייַבט זיך אים, זיַיוולען, פארטרויען. האָט ער איר דערויף גאָרניט געענטפערט, עלעהיי ער האָט פארהערט.

בליומע האָט אים ניט איבערגעפרעגט. ס׳האָט געזאָלט באטייַטן, אז ניט דאָס איז נאָך דער סאמע איקער, וואָס זי האָט אים צו פארטרויען. איר ארומקוקן זיך האָט זיַיוול אופגענומען, ווי זי זאָל אים וועלן דער־מיט זאָגן, אז דאָ איז ניט דאָס אָרט, זי זאָל אים נעמען עס אויסדער־ציילן, מע רעדט ניט וועגן אזעלכעס בא אָפענע טירן צי גייענדיק אָט אזוי איבער דער גאַס. אין לעצטן פאל איז כאָטשבי ערגעץ צוזעצן זיך, מע זאָל זיי ניט זען. און צוזעצן זיך, זיי זאָלן דערפילן, אז זיי זיַינען בלויז אינצווייען, איז געווען דאָ ווו. זיי זיַינען געגאנגען פארביַי דעם סעדל, וואָס האָט געגרינט אונטער דער ארויסגעשווומענער לעוואָנע מיט זיַין ניט נאטירלעך העל־גרינער פארב.

— איר האָט ניט קעגן, — האָט זיַיוול זיך אָנגערופן צו איר, — מיר זאָלן זיך דאָ צוזעצן א ביסל?

אין סעדל האָבן זיי שוין קיינעם ניט געטראָפן. פריַי אלע בענק, אלע סטעזשקעס. ס׳האָבן זיך שוין אויך געקליבן מאכן נאכט די ביימער, פאר־וויגנדיק זיך מיט א שטילן רויש פון די בלעטער.

— איידער איך נעם אייַך דערציילן, — האָט בליומע זיך אָנגערופן, צוזעצנדיק זיך מיט זיַיוולען אף דער באנק, וואָס איז געשטאנען אונטער א צעוואקסענעם בוים, — וויל איך אייַך בעטן, אז איר זאָלט זיך, כאָלילע, ניט ארויסכאפּן פאר צירלען, ווען ס׳וועט קומען וועגן דעם צו רייד, אז דאָס, וואָס כ׳וועל אייַך באלד אָנטרויען, איז זיך פארלאָפן מיט מיר און ניט מיט מיַינער א באקאנטער. פארוואָס וועל איך זיך ארויסגעבן פאר אן אנדערער, ווען כ׳וועל דערציילן וועגן דעם אלץ צירלען, וועט איר באלד אליין פארשטיין... ווי איך האָב אייַך שוין געזאָגט, וועט איר אויך וועגן דעם, וואָס איז זיך מיט מיר פארלאָפן נאָכדעם, ווי מע האָט מיך געכאפּט בייס אן אָבלאווע און אָפּגעשיקט אין לאגער און פון דאָרט אף א שאכטע אין דער בעלגישער שטאָט שארלערוא, קאָנען איבערלייענען אין נאָפּ־טאָלע דאווידאָוויטשעס פינקעס, ווי ער רופט דעם בוך, וווהין ער פאר־שרייַבט אלץ. אין שארלערוא אף דער שאכטע האָב איך זיך באקאנט מיט מיַין מאן. סערגיי, דער מאן מיַינער, איז אויך געזעסן אין א לאגער. צוויי מאָל איז ער פון דאָרט אנטלאָפן, מע האָט אים ביידע מאָל געכאפּט, מוי־רעדיק געשלאָגן און פארשיקט אף שווערער ארבעט אין די שאכטעס. פריִער קיין ליעזש, דערנאָך קיין שארלערוא. דער באָכער, סערגיי וואסי־

ליעוו הייסט ער, האָט זיך אין מיר פאַרליבט. מיר איז ער אויך געווען געפעלן, ער איז אַ פֿײַנער, אַ שטאַלטנער, אַן איבערגעגעבענער...

— ער האָט געוווסט, אַז איר זײַנט אַ ייִדישע?

— ער זאָגט, אַז יאָ, און כ'מיין, אַז ס'איז אַזוי. מיט איין וואָרט, ווען מע האָט באַפרײַט בעלגיע, זײַנען מיר מיט אים אײַנגיכן געוואָרן מאַן און ווײַב. מיט דער צײַט בין איך געוואָרן אַ מאַמע פֿון צוויי קינדערלעך... איר וועט מיך פרעגן, פאַרוואָס האָבן מיר באַלד נאָך דער מילכאָמע זיך ניט אומגעקערט צוריק אהיים? ס'איז וועגן דעם צו דערציילן און דער־ציילן. טויזנט איין נאַכט. דאָס קאָן פאַרשטיין בלויז דער, וואָס איז דאָרטן געווען. איך זאָג עס ניט אַנטקעגן זיך. איך האָב ניט געהאַט וואָס מוירע צו האָבן, כאָטש מע האָט מיך אויך געשראָקן, אַז ווי נאָר איך וועל זיך אומקערן, וועט מען מיך פאַרשיקן קיין סיביר אויף קאַטאָרגע, אויב ניט ערגער נאָך, ווי מע טוט עס, קלוימערשט, מיט אַלעמען, וואָס זײַנען בײַס דער מילכאָמע געווען אין אָקופּאַציע און געאַרבעט דאָרט אויף די זאַוואָדן און פאַבריקן. איבערריידן אָבער דעם מאַן מײַנעם, אַז ער זאָל זיך ניט צוהערן צו דעם, וואָס מע דערציילט און מע שרײַבט אין די דאָרטיקע גאַזעטן, אַז וויבאַלד ער האָט זיך, ווי ער זאָגט, מיט גאָרניט פאַרזינדיקט, האָט ער ניט וואָס מוירע צו האָבן אומקערן זיך אהיים, האָב איך אים בעשום־אויפן ניט געקאָנט. ער וועט זיך אומבאַדינגט אומקערן אהיים, האָט ער מיך פאַרזיכערט, אָבער ניט איצט. מע דאַרף צוּוואַרטן אַ פּאָר יאָר. איר וועט זאָגן, נעמט מען און מע קערט זיך אום אַליין? ס'איז ניט אַזוי פּאַשעט. און וווּהין לאָזט מען זיך מיט צוויי ברעקלעך קינדער אויף די הענט? כ'וועל דאָך ניט פאָרן צו זיך אין שטעטל, ווו מע האָט אַלעמען אויסגעהאַרגעט. כ'פאַרשטיי, אַז אָן אַ דאַך וואָלט מען מיך מיט די קינ־דער ניט איבערגעלאָזט... איך וואָלט מיסטאָמע אַזוי געטאָן, ווען כ'זאָל ניט געווען גליַיבן מײַן מאַן, אַז מירן אין אַ יאָר צי צוויי אַרום זיך אומקערן אהיים. זאָל אײַך גאָט אויסהיטן פאַרזוכן ווען־ניט־איז דעם טאַם פון זײַן אין דער פרעמד, איר זאָלט אפילע דאָרט האָבן אַ פּאַלאַץ. קיין זאַך מאַכט ניט אַזוי אַלט דעם מענטשן, ווי דאָס בענקען אהיים. איך קאָן אײַך גאָר ניט איבערגעבן, וויאַזוי מײַן מאַן האָט די גאַנצע צײַט געבענקט נאָך זײַן קאָבעליאַקע. איך בין דאָרט די טעג געווען. ס'איז לעבן קרע־מענטשוק. אַ גאַנץ גרויס שטעטל. נאָך וואָס בין איך אהין געפאָרן, וועט איר באַלד הערן.

זי האָט זיך אופגעהויבן.

— לאָמיר זיך דורכגיין אַ ביסל. מיר איז אַזוי לײַכטער דערציילן.

ווען זיי זײַנען אַרײַן טיף אין דער אַלייע, פונוואַנען אויסער עטלעכע טונקעלע שטערן איבער די קרוינען פון די ביימער האָט מען מער גאָר־ניט געזען, האָט בליומע, איבערכאַפּנדיק אָפּט דעם אָטעם, פאָרגעזעצט:

— אַז איך האָב ניט באַוויזן שוין זײַן קיין פרומע, ווי מײַנע טאַטע־מאַמע, פאַרשטייט איר דאָך אַליין, און כ'ווייס ניט, צי מײַנע עלטערן, ווען זיי זאָלן געווען בלײַבן לעבן, וואָלטן נאָכדעם, וואָס איז זיך מיט אונדז פאַרלאָפן אויף דער וועלט, געגלייבט אין גאָט. נאָר צו יזקער האָב איך די אַלע יאָרן, וואָס איך בין געווען אין בריסעל, קיין איין מאָל ניט

פארפעלט. דאָס האָט ניט צו טאָן מיט פרומקייט... ס'האָט צו טאָן מיט גאָר עפּעס אנדערש... מיט איין וואָרט, הײַנטיקן פּייסעך, ס'איז אויסגע־פאלן פונקט זונטיק, דער מאַן האָט ניט געאַרבעט, האָט ער מיך באגלייט אין שול. מיר קומען צו דער שול, פארצאמט אונדז מיטאמאָל א ווײַבל דעם וועג און באפאלט מײַן מאַן מיט ווילדע געשרייען: מערדער, רע־צייעך, גאזלען, פּאשיסט...

ארום אונדז איז געוואָרן אַן אַנגעלאָף פון מענטשן. שווארץ די גאַס. מײַנער זאָל ניט געווען אנטלויפן, וואָלט דאָס ווײַבל אים די אויגן אויס־געדראפּעט, אַף שטיקלעך אים צעריסן.

דערהערט, אז דאָס איז מײַן מאַן, האָט דאָס ווײַבל זיך ארופגעלאָזט אַף מיר:

— וו:אזוי האָט איר געקאָנט כאסענע האָבן פאַר א פּאָליצ:יאַנט? שוין גייט אוועק פונדאנען. מע טאָר דאָך אין אײַערע דאלעדאמעס ניט שטיין!

און דאָס ווײַבל נעמט דערציילן:

— אז די דײַטשן זײַנען ארײַן צו אונדז קיין קאָבעליאקע, איז ער מיט זײַן שיינעם שטיפפאָטער, אויסגעריסן זאָל ער ווערן, אויב ער לעבט ערגעץ, געוואָרן פּאָליציייסקע הינט. ס'איז נאָך אזא רעצייעך, ווי זײַן באַט־קאָ, אַף דער וועלט ניט געווען...

פון אָנפאנג האָב איך געקלערט, אז דאָס ווײַבל האָט אים מיט עמעצן איבערגעפּלאָנטערט. ס'איז דאָך דורך שוין ניט איין יאָר. קוים אָבער האָב איך דערהערט, אז זי איז אויך פון קאָבעליאקע... כ'זאָל ניט געווען זײַן קיין מאמע, וואָלט איך זיך מיסטאמע דאָס לעבן גענומען. פרעגט ניט, וואָס מיט מיר האָט זיך אָפּגעטאָן. מײַנע טאטע־מאמע זאָלן געווען לעבן און וויסן, וועמען האָב איך צוגעלאָזט צו מײַן לײַב, ווער איז דער פאָטער פון זייערע אייניקלעך... איר וועט זאָגן, פונוואנען האָב איך געזאָלט און געקאָנט עס וויסן?...

— ווירקלעך...

נאָר בליומע, האָט זײַוול געפילט, וואָלט ניט דערהערט, ווען ער זאָל עס איר אפילע געווען זאָגן הויך אַף א קאָל. זי האָט זיך ווידער צוגע־זעצט, איבערגעוואַרט, ביז דער שטורעם אין איר האָט זיך עטוואָס גע־שטילט, און מיט א שטים, וועלכער עס פעלט נאָכאנאנד אויס לופט, ארויס־געבראכט:

— וו:אזוי האָב איך זיך דערקליבן אהיים און מיט וואָס פאַר א האַרץ בין איך ארײַנגעפאלן אין שטוב, קאָנט איר זיך פאָרשטעלן. גייענדיק צו זיך, האָב איך אנדערש ניט געטראכט, אז כ'וועל גלײַך נעמען די קינדער און אוועק מיט זיי אין דער סאָוועטישער געזאנדשאפט, מע זאָל אונדז די מינוט אָפּשיקן אהיים. און כ'וואָלט אזוי געטאָן, ווען איך זאָל ניט געווען טרעפן דעם מאַן אין שטוב. ער האָט זיך געשטעלט בא דער טיר, כ'זאָל ניט קאָנען אוועקגיין, און זיך אָנגערופן:

— הער מיך פר:ער אויס, נאָכדעם וועסטו טאָן, ווי דו פארשטייסט.

און אָט וואָס איך האָב פון אים דערהערט.

א קורצע צײַט פאַר דעם, ווי די דײַטשן זײַנען ארײַן צו זיי אין קאָ־בעליאקע, האָט סערגייס שטיפפאָטער זיך אומגעקערט פון טורמע. ער איז

געוועז פארמישט אין א געשלעג, שיקערערהייט געפלעט עמעצן דעם קאָפּ. אויסער דעם, וואָס ער איז געווען א שיקער, איז ער ביכלאל געווען זייער א שלעכטער מענטש. סערגייס מוטער האָט זיך עטלעכע מאָל געוואָלט מיט אים פאנאנדערגיין, נאָר מוירע געהאט. ער האָט זי געשראָקן, אז ער וועט זי דערהארגענען. ווען עס זײַנען אריַין די דײַטשן, איז ער גלײַך אוועק זיי דינען, געוואָרן א פּאָליציאנט. סערגייען, דעם מאַן מײַנעם, האָט ער געגנייט ווערן א פּאָליציאנט, אים געדראָעט מיט דער געסטאפּאָ, טאָמער זאָגט ער זיך אָפּ. אינגיכן האָט מען סערגייס שטיפפאָטער געמאכט פאר אן עלטסטן און צוזאמען מיט נאָך עטלעכע פּאָליציאנטן אוועקגעשיקט אין וויניצער געגנט. סערגיי איז אויך געווען צווישן זיי. ער האָט געקלערט אפן וועג אנטלויפן, נאָר דער שטיפפאָטער האָט ניט אראָפּגענומען פון אים קיין אויג, נאָכגעשפּירט נאָך זײַן יעדן טראָט.

איך בין, ווי איר פארשטייט אליין, דערבײַ ניט געווען, איך גיב עס אײַך אלץ איבער אזוי, ווי מיר האָט עס דערציילט דער מאַן.

אין ראיאָן, וווהין מע האָט זיי געבראכט צו פירן, האָט סערגיי זיך דערוווּסט, אז מע האָט זיי געשיקט אהער אויסראָטן די ייִדן פון די ארומיקע שטעטלעך און דורכפירן אָבלאוועס אין די דערבײַיקע דערפער, צי באהאלטן זיך דאָרט ניט אויס קיין ייִדן און פארטיזאנער. דער אָרטיקער פּאָליציי, ווי סע זאָגט סערגיי, האָבן די דײַטשן ניט אומעטום אָנגעטרויט, און דערפאר פלעגן זיי אָפטמאָל אָף דורכפירן די דאָזיקע אקציעס אראָפּברענגענע פּאָליציאנטן פון אנדערע ערטער.

וויאזוי האָט געהייסן דאָס ערשטע שטעטל, וווהין מע האָט זיי געשיקט פארניכטן די ייִדן, געדענקט שוין ניט סערגיי. ער געדענקט בלויז, אז עס איז געווען ווײַט פון וויניצע, אז אין שטעטל איז געווען א טײַך, איבערן טײַך — א בריקל, און אף יענער זײַט בריקל — א גרויסע ליימיקע גרוב.

סערגייען מיט נאָך איינעם א פּאָליציאנט האָט מען געשטעלט היטן די שטאַל, אין וועלכער מע האָט צונויפגעטריבן די ייִדן פון נאָך צוויי שטעטלעך. פונדאנען האָט מען זיי גרופּעסווײַז געפירט צו דער גרוב און דערשאָסן. פארוואָס האָט מען גראדע אים, סערגייען, געמאכט פאר א וועכטער בא דער שטאַל, געווען דאָך צווישן די פּאָליציאנטן פיל עלטערע פון אים? כ'האָב אים געפרעגט. זאָגט ער, אז ער האָט געוואָרנט דעם שטיפפאָטער זײַנעם, וואָס איז געווען איבער אלעמען דער עלטסטער, אז ער וועט ניט שיסן. זאָל מען טאָן מיט אים, וואָס מע וויל. איך גיב אײַך איבער דאָס, וואָס מײַן מאַן האָט מיר דערוף געענטפערט.

יעדעס מאָל, ווען מע איז געקומען נאָך א נײַער גרופּע, האָט זיך געשפּארט צום ארויסגאנג א יונג בילד־שיין מיידל, נאָר סערגיי האָט זי איטלעכס מאָל אָפּגעשטויסן צוריק. פון דעם, וואָס ער איז ניט צווישן די, וואָס צעשיסן, נאָר שטייט בא דער שטאַל, וועט סײַווי קיינער ניט בלײַבן לעבן, האָט ער געטראכט. און פון דעם, וואָס ער וועט עפענען די שטאַל און הייסן די מענטשן לויפן, וועט סײַווי קיין איינער פון זיי זיך ניט ראטעווען. וווהין לויפן, אז מע איז פון אלע זײַטן ארומגערינגלט מיט קוילנוואָרפער און ביקסן. אָבער דאָס דאָזיקע מיידל וועט ער זיך פּרווון

ראַטעווען. ער שווערט זיך, אַז ער האָט דערבײַ קיין שום שלעכטס ניט געהאַט אין זין איר צו טאָן.

אַז מע איז געקומען נאָך דער לעצטער פאַרבליבענער גרופּע, וועלכע סערגיי מיטן צווייטן פּאַליציאַנט האָבן אויך געדאַרפט באַגלייטן, האָט סערגיי באַוויזן אַ שעפּטשע טאָן דעם מיידל, אַז ווען מע וועט אַרויף אויפן בריקל, זאָל זי אַראָפּשפּרינגען אין טײַך און זיך דאָרט באַהאַלטן אין טשערעט. טאָמער וועט ער נעמען שיסן, זאָל זי ניט מוירע האָבן. ער וועט שיסן ניט אַהין, ווו דער טשערעט. ער האָט איר אָנגעזאָגט, זי זאָל ניט אַרויס פון טײַך, זי זאָל וואַרטן דאָרטן אויף אים. ער וועט נאָך איר קומען און זען זי אויסצובאַהאַלטן בײַ עמעצן. סערגיי איז ניט געווען זיכער, ווי ער זאָגט, צי דאָס מיידל האָט אים געהערט, באַנומען, וואָס ער האָט איר געזאָגט, ווײַל ווען מע איז אַרויף אויפן בריקל, איז ניט געווען צו זען, אַז זי זאָל זיך קלײַבן שפּרינגען. נאָך צוויי־דרײַ שפּאַן, און אַלץ איז פאַרפאַלן. האָט מײַן מאַן זי אַליין אַראָפּגעשטויסן פון בריקל, און ווען ס׳האָט זיך דערהערט אַ שווערער פּליוך אין וואַסער, האָט ער גענומען שיסן אין טײַך. ווען דער שטיפפאָטער איז געקומען צו לויפן זיך דערוויסן, וואָס איז געשען, האָט סערגיי אים געענטפערט, אַז אַ פרוי פון דער קאָלאָנע האָט זיך אַרײַנגעוואָרפן אין טײַך, נאָר ער האָט באַוויזן זי צו דערשיסן. ער האָט אַליין געזען, ווי זי איז אַראָפּ צום גרונט, און אָנגעוויזן דעם שטיפפאָטער די וואַסערגרוב אין סאַמע מיט פון טײַך.

באַנאַכט, ווען די טויט־שיקערע פּאָליציאַנטן זײַנען געשלאָפן, האָט סערגיי זיך אַרויסגעגאַנוועט פונעם שטעטלשן קלוב, ווו זיי זײַנען אײַנגעשטאַנען, און זיך געלאָזט צום טײַך. ער האָט נאָך ניט באַוויזן זיך אַרײַנכאַפּן אינעם זײַטיקן געסל, ווי ער האָט דערהערט הינטער זיך טריט. אים האָט אָנגעיאָגט דער איין־אויגיקער פּאָליציאַנט, מיט וועמען ער איז אינדערפרי געשטאַנען בײַ דער טיר פון שטאַל, אין וועלכער עס זײַנען געווען פאַרשפּאַרט די ייִדן.

— הער אויס, — האָט דער פּאָליציאַנט אָפּגעשטעלט סערגייען, — מיין ניט, אַז אויב איך בין מיט איין אויג, האָב איך גאָרנישט ניט באַמערקט. כ׳האָב אַלץ געזען. כ׳האָב געזען, ווי דו האָסט אַראָפּגעשטופּט פונעם בריקל דאָס מיידל, וואָס איז געגאַנגען פון רעכטס אין דער לעצטער ריי, און וויאַזוי דו האָסט געשאָסן ניט אַהין, ווו זי האָט זיך אויסבאַהאַלטן. כ׳האָב זיך גלײַך אָנגעשטויסן, אַז דאָס האָסטו זי איבערגעלאָזט פאַר זיך. ווייסט, כ׳האָב נאָך קיינמאָל אין לעבן ניט געזען אַזאַ שיינע ייִדישקע. האָב ניט מוירע. איך וועל דיך ניט אַרויסגעבן. מירן גיין צו איר צוזאַמען, אָבער איך וועל זײַן דער ערשטער.

אָפּלייקענען, זאָגן, אַז דאָס האָט זיך יענעם אַלץ אויסגעוויזן, וואָלט סערגיי געשטעלט דערמיט אין געפאַר ניט אַזוי זיך, ווי דאָס מיידל, וואָס האָט געוואַרט אויף אים אין טשערעט. דער איין־אויגיקער וואָלט זי גלײַך געפונען. האָט סערגיי אים געענטפערט:

— גוט. איך גיי דערויף אײַן. זאָג מיר פונדעסטוועגן, פאַרוואָס האָסטו מיך באַלד ניט אַרויסגעגעבן?

— דאָס וועל איך דיר זאָגן נאָכדעם. דו דערלאַנג מיר פריִער דײַן ייִדישקע...

ווען זיי זײַנען צוגעקומען צום טײַך, האָט סערגיי געהייסן יענעם צוווארטן אפֿן ברעג, און אַליין איז ער אַרונטער אונטערן בריקל — און אין טשערעט. דאָס וואַסער איז געווען קאַלט ווי אײַז, טיפֿער אָסיען שוין געשטאַנען. און דאָרט, ווו דער טשערעט, איז דאָס וואַסער ערטערווײַז דערגאַנגען ביזן האַלדז. סערגיי האָט ניט דורכגעלאָזט, ווי ער דערציילט, קיין איין קאַמיש, געקראָכן אַף אַלע פֿיר, געזוכט, געניששטערט, געגעבן דעם מיידל סימאָנים, אַז דאָס איז ער, געבעטן ניט מוירע האָבן פֿאַר אים, נאָר קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופֿן. זעט אויס, זי האָט זיך ניט דערוואַרט אַף אים, און עפּשער האָט זי אים ניט אינגאַנצן געטרויט און אַליין אַרויס פֿון טײַך. מע וועט זי דאָך זיכער כאַפּן. ווו וואָלט ער זי אויסבאַהאַלטן, ווען ער טרעפֿט זי דאָן, האָט ער אַליין ניט געוווּסט, און ניט וועגן דעם האָט ער געטראַכט אין יענער מינוט. קוים האָט ער זי געראַטעוועט פֿון גרוב, וועט ער אַלץ טאָן, אַז זי זאָל לעבן בלײַבן. גוטע מענטשן זוכן זיך אומעטום אָפּ. גיכער פֿון אַלץ איז זי טאַקע אַוועק צו זיי. מיסטאָמע האָט זי דאָ ערגעץ אין די דערפֿער באַקאַנטע, וואָס וועלן זי אויסבאַהאַלטן.

אין דעם, אַז דער איין־אויגיקער פּאָליציאַנט, וואָס וואַרט אַפֿן ברעג, וועט אים אַרויסגעבן, האָט סערגיי ניט געצווייפֿלט. ער וועט אים נאָך עפּשער הײַנט אַרויסגעבן. מע וועט אים געוויס שיסן. די דײַטשן וועלן ניט קוקן דערויף, וואָר איז זײַן שטיפֿפֿאָטער. און דאָס מיידל וועט מען געפֿינען. מע וועט זוכן און נישטערן אין אַלע הײַזער, אין אַלע לעכער.

אַרויסגעקראָכן פֿון טײַך, האָט סערגיי זיך אָנגערופֿן צו זײַן באַגלייטער:

— קוים זי אָפּגעזוכט. גיי. זי איז אַף יענער זײַט בריקל...

ווי נאָר דער איין־אויגיקער איז אַרויף אַפֿן בריקל, האָט סערגיי אים דערשאָסן.

די דײַטשן האָבן ניט איבעריקס געגלייבט אין דער געשיכטע, וואָס מײַן מאַן האָט זיי דערציילט, בייס מע האָט אים פֿאַרהאַלטן ניט ווײַט פֿונעם בריקל, אַז שוין אַ לענגערע צײַט, ווי ער שפּירט נאָך נאָכן דאָזיקן פּאָליציאַנט, ער איז אים כוישעד, אַז ער באַגעגנט זיך מיט פּאַרטיזאַנער. און ווי נאָר ער, סערגיי, האָט דערזען, אַז יענער גאַנוועט זיך אַרויס באַנאַכט פֿון קלוב, איז ער אים נאָכגעגאַנגען. אין געסל, ניט ווײַט פֿון טײַך, האָט עמעצער שוין אַף אים געוואַרט. דער פּאָליציאַנט האָט יענעם עפּעס איבערגעגעבן. סערגיי האָט זיי געוואָלטביידן פֿאַרהאַלטן, נאָר יענער, דער פּאַרטיזאַן, האָט באַוויזן צו אַנטלויפֿן, און די קויל האָט געטראָפֿן אינעם פֿאַרעטער, וואָס האָט אויך געוואָלט אַנטלויפֿן.

ווען ניט דער שטיפֿטאַטע זײַנער, וועלכער האָט טרײַ געדינט די פֿאַשיסטן, וואָלט מען סערגייען געוויס צעשאָסן, און אַזוי איז ער אָפּגעקומען דערמיט, וואָס מע האָט אים פֿאַרשיקט אין אַ לאַגער. נו און וואָס איז געווען מיט אים ווײַטער, האָב איך אײַך שוין, דאַכט מיר, דער־

ציילט. פון לאגער איז ער אנטלאָפן, מע האָט אים געכאפּט, מוירעדיק געשלאָגן, און צולעצט אים אוועקגעשיקט קיין בעלגיע ארבעטן אין די שאכטעס. פריִער קיין ליעזש, דערנאָך קיין שארלערוא, ווו מיר האָבן זיך באקאנט.

איך דערצייל עס אײַך אלץ אינקורצן. מיר האָט ער עס דערציילט מיט אלע פּינקטלעכקייטן, וויִאזוי עס זעט אויס דאָס שטעטל, דער טײַך, דאָס בריקל איבער אים, די שטאָל... צוליב וואָס, ווערט איר פרעגן?

נאָר זיִוול האָט זיך אליין שוין אָנגעשטויסן, צוליב וואָס און נאָך וואָס איז בלּיומע געקומען אהער צו פאָרן, און ער האָט עס איר גע־זאָגט.

— יאָ, וועגן דעם, און אויב איר ווילט וויסן, איז ניט אזוי צוליב זיך. וואָס קאָן איך שוין דאָ ענדערן? כ׳וועל זיך דאָך ניט אָפּזאָגן פון מײַנע קינדער, ווײַל כ׳האָב זיך דערוווסט, אז זייער פאָטער איז געווען בא די דײַטשן א פאָליציִאנט. דאכט מיר, וויפל איך בין אויסגעשטאנען, איז ניטאָ צו מיר קיין גלײַכן. שטראָפט מיך נאָך גאָט דערמיט. זעט אויס, אז אָן צאָרעס האָט דאָס לעבן קיין טאם ניט. זאָגט מיר, ווי קאָן איך איצט בלײַבן אין בריסעל, אז די יידן האָבן זיך דאָרט פון מיר אָפּגעזאָגט, ווילן מיך ניט קענען און וויסן, קיין מאגע־אומאסע מיט מיר ניט האָבן, כאָטש נעם און לויף, וווהין די אויגן טראָגן. בין איך אוועק אין אונדזער געזאנדשאפט, דערציילט, ווי די זאך איז, און געבעטן מיך לאָזן צופאָרן אף א פּאָר וואָכן אהיים. פון מײַן קומען אהער, ווי איר פארשטייט איצט אליין, איז געווענדט, אז מײַנע קינדער זאָלן האָבן א טאטן. ער אליין, דער מאן מײַנער, איז באשטאנען, איך זאָל ארויפפאָרן אהיים. אויב יענץ מיידל לעבט, האָט ער מיר געזאָגט, און זי איז גרייט דערציילן אלץ אזוי ווי ס׳איז געווען, איז קערט ער זיך גלײַך אום אהער. זאָל מען אים דערנאָך מישפּעטן. אים שרעקט עס ניט. דעריקער, ער זאָל קאָנען דער־ווײַזן, אז זײַנע הענט זײַנען ריין... איצט איז אלץ געווענדט פון אײַער צירלען. אויב דאָס איז ווירקלעך זי...— בלּיומע איז אנשוויגן געוואָרן. זי איז אין דער דאָזיקער רעגע געווען געגליכן צו א כולילע, וואָס האָט מוירע, אז דער דאָקטער ווערט באלד בא איר אָפּנעמען דאָס לעצטע שטיקל האָפענונג.

— און וואָס האָט אײַך דערויף געזאָגט כעסין? ער דאַרף דאָך מער־ער וויסן.

— ער סאָפּעקט ניט, זאָגט ער, אז דאָס מיידל, וואָס מײַן מאן האָט געראטעוועט, איז צירל.

— איך בין אויך זיכער, אז דאָס איז זי. און ווי איך פארשטיי, ווערט איר דאָך וועלן, וויבאלד איר זײַט שוין דאָ, זען די שטאָל, דעם טײַך, דאָס בריקל, דעם קאמיש, זען דאָס אלץ מיט די אייגענע אויגן. ווייס איך אָבער ניט, צי ווערט זיך אײַך אײַנגעבן זי אײַנבעטן, אז זי זאָל צוגיין מיט אײַך אהין. אזויפיל יאָר שוין אדורך פון דעמלט, נאָר ביז איצט קאָן צירל נאָך ניט פארבײַגיין אָט די אלע ערטער. איך האָב זי איינמאָל קוים־קוים אײַנגעבעטן, און ניט אזוי איך, ווי נאפטאָלע דאווידאָוויטש, מיך פירן אהין. צירל האָט מיר דעמלט אלץ באוויזן, אלץ דערציילט...

אויב איר ווילט, קאָנען מיר זיך באַלד דורכגיין צום טײַך, און איך וועל אײַך דאָרט אַלץ ווײַזן. כ׳זאָג ניט ענדגילטיק, אַז ניט, מעגלעך, אַז צירל וועט צוגיין מיט אײַך, נאָר זיכער אין דעם בין איך ניט...

## קאַפּיטל פֿערצן

ס׳האָט זיך שוין געהערט דאָס שטילע מורמלען פֿונעם טײַכל אין דער נידער, דער לײַכטער רויש פֿונעם טשערעט אונטערן בריקל, ווען בלומע איז געבליבן מיטאַמאָל שטיין און, ניט זאָגנדיק קיין וואָרט, זיך געלאָזט האַסטיק גיין צוריק. זײַוול האָט זיך אומגעקוקט. וועמען האָט זי עס דאָ פּלוצעם דערזען, וואָס זי האָט זיך געלאָזט קימאַט לויפֿן? די גאַס איז אינגאַנצן דאָך א פּוסטע, אויסער זיי ביידן איז מער קיינער ניטאָ. אַפֿילע קיין פֿענצטער לויכט זיך שוין ניט. עס פֿינקלען בלויז אַראָפּ פֿונעם שוואַרצן הימל ווײַטע טונקעלע שטערן.

— וויאַזוי האָט איר עס געקאָנט?!..— בלומע האָט עס שיר ניט אויסגעשריִען צו זײַוולען, ווען ער האָט זי געפּרוווט אָפּשטעלן, אָנעמענדיק זי אונטער דער האַנט.— גאָט מײַנער, וויאַזוי האָט עס נאָפּטאָלע דאַווידאָוויטש פֿאַרגעסן און דערלאָזט דערצו? וויאַזוי האָט איר געקאָנט אַזעלכעס טאָן?! גאָט מײַנער!

— וואָס האָב איך ניט געטאָרט טאָן? — האָט זײַוול פֿאַרלוירן געפֿרעגט.

— גאָט מײַנער, וויאַזוי האָט איר געקאָנט פֿאַרלאַנגען פֿון איר, אַז זי זאָל גיין אײַך באַווײַזן די שטאָל, פֿונוואַנען מע האָט זיי געפֿירט צו דער גרוב? פֿאַר די טעג, וואָס איך בין איצט געווען בא זיך אין שטעטל, בין איך עלטער געוואָרן אַף עטלעכע יאָר. בא אונדז אין שטעטל איז אויך פֿאַראַן א טײַך און אַף יענער זײַט טײַך א גרוב, ווו מע פֿלעגט פֿרײַטיק נעמען ליים אַף צו שמירן די דילן. בא יענער גרוב האָט מען אונדז צעשאָסן. כ׳האָב זיי נאָרוואָס געזען. זיי זײַנען געשטאַנען מיט פֿאַרהויבענע הענט... פֿירט מיך אָפּ אין האָטעל.

זײַוול האָט זי שטײַפֿער אָנגענומען אונטער דער האַנט און פֿאַרגיכערט דעם טראָט.

— איך וועל ניט גיין אַהין!— איר קאָל האָט געציטערט.— איך קאָן ניט גיין אַהין! איך דאַרף ניט, מע זאָל מיך פֿירן אַהין.— זײַוולען האָט זיך געדוכט, אויב ער וועט זי ניט פֿאַרזיכערן, אַז קיינער קלײַבט זיך מיט גוואַלד זי ניט פֿירן אַהין, וועט זי באַלד נעמען שרײַען. ער האָט אָבער ניט געקאָנט צוזוכן קיין ווערטער, וואָס זאָלן קאָנען זי אײַנשטילן.

— איך פֿאַרלאַנג פֿון איר גאָרניט,— האָט בלומע פֿאַרגעזעצט מיטן זעלבן ציטערדיקן קאָל,— איך וויל זי בלויז פֿרעגן, צי וועט זי גיין אַפֿן געריכט אײדעס זאָגן, אַז אַלץ איז ווירקלעך געווען אַזוי, ווי מײַן מאַן האָט מיר עס דערציילט, אַז ער האָט אײַנגעשטעלט דאָס לעבן זי צו ראַטעווען, אַז זײַנע הענט זײַנען ניט אין בלוט... מער פֿאַרלאַנג איך פֿון איר גאָרניט. איך וועל פֿון איר ניט אויסבאַהאַלטן, ווי איך האָב פֿריִער

געקלערט, ווער דער דאָזיקער פּאַליציאַנט איז, אַז מיר זײַנען מאַן און ווײַב.

לויט דער שטים, לויטן גאַנג, לויט אַלץ האָט זיך געפילט, אַז בליומע ווערט מיט יעדער רגע מער זיכערער בײַ זיך, אַז אירע קינדער וועלן ניט דאַרפֿן זיך צעשיידן מיט זייער טאַטן. זי סאָפּעקט קימאַט שוין ניט, אַז פּונקט ווי סערגיי האָט געראַטעוועט צירלען פֿון טויט, וועט צירל ראַטעווען סערגייען פֿון בלײַבן אין דער פֿרעמד, וואָס פּאַר אים איז עס, ווי ער זאָגט, שרעקלעכער פֿונעם טויט. און זי גלייבט אים, בליומע, זי זעט און פֿילט עס.

— איידער איך בין געקומען אַהער צו אײַך, בין איך צוגעפֿאָרן קיין קאָבעליאַקע, געוואָלט פֿאַרייניקן זיך זען מיט דער שוויגער, מיט סערגייס מוטער, לעבט זי שוין אָבער ניט... זײַענדיק דאָרט, האָב איך פֿון קיינעם ניט געהערט, מע זאָל זאָגן וועגן מײַן מאַן עפּעס שלעכטס. אָט וועגן דעם שטיפֿטאַטן זײַנעם דערציילט מען זיך אָן מוירעדיקע זאַכן. ער איז געווען טויזנט מאָל ערגער פֿון אַ וואַלד־גאַזלען. און וועגן דעם, אַז ער האָט געגנייט סערגייען ווערן אַ פּאָליציאַנט, האָבן מיר דאָרט עטלעכע מענטשן געזאָגט, און אויב מע וועט דאַרפֿן, וועלן זיי גיין זאָגן איידעס.

ווי מיינט איר, — בליומע האָט פֿאַרהאַלטן אויף אים איר בליק, — צירל וועט גיין זאָגן איידעס? איך קען זי דאָך אינגאַנצן ניט. רעדט זיך דורך מיט איר. כ'האָב געבעטן נאַפּטאָלע דאַווידאָוויטשן, אַז ער זאָל זיך מיט איר דורכשמועסן. איך פֿאַרלאַנג דאָך פֿון איר גאָרניט. בלויז זײַן אַן איידעס און דערציילן דעם עמעס.

— איר האָט אונדז ניט וואָס צו בעטן. זײַט זיכער, צירל וועט טאָן אַלץ, אויב אײַער מאַן פֿאַרדינט עס, אַז איר זאָלט ניט דאַרפֿן זײַן מער אין דער פֿרעמד און זאָלט קאָנען וואָס גיכער זיך אומקערן פֿון דאָרט צוריק אַהיים.

— מיר דאַכט, — האָט בליומע אין אַ ווײַלע אַרום זיך אָנגערופֿן, — אַז פּאַר צירלען וועט זײַן באַקוועמער, אַז מיר זאָלן זיך באַגעגענען אין האָטעל. איך שטיי אײַן אַפֿן צווייטן שטאָק אינעם צוועלפֿטן נומער. זי קאָן קומען, ווען זי וויל. נײַן, צען... איך וועל וואַרטן אויף איר. זאָגט איר ניט, צוליב וואָס דאַרף איך זי אַזוי בייטיק זען, גיט איר בלויז איבער, אַז איך האָב צו איר אַ וויכטיקן עניניען און אַז איך בין צוליב דעם געקומען אַהער צו פֿאָרן פֿון זייער ווײַט. נו, און אַז כעסיק איז געווען אַמאָל מײַן לערער... פּאַר איר וועט עס האָבן אַ סאַך וואָס צו זאָגן. און אָט זײַנען מיר מיט אײַך אָנגעקומען. אַ גוטע נאַכט, — זי האָט שטײַף אַ דריק געטאָן זײַן האַנט. — צום גיכן ווידערזען זיך, ליבער גוטער־פֿרײַנט.

בלויז ערשט איצט, בלײַבנדיק אַליין, האָט זײַוול זיך דערמאָנט, אַז דער לערער וואַרט אויף אים. כעסיק, ווייסט ער, איז פֿון די מענטשן, וואָס טאָמער נייטיקט זיך עמעצער אין אים, איז ער גרייט אופֿשטיין אינמיטן דער נאַכט. נאָר פֿון דעם, וואָס דער לערער האָט אים געענטפֿערט, ווען ער, זײַוול, האָט אים געזאָגט, מיקוויעך וואָס דאַרף ער זיך מיט אים דורכריידן, איז ניט געווען שווער זיך אָנשטויסן, אַז דער לערער

האלט עס ניט פאר אזא וויכטיקן איניען, אז ער זאָל צוליב דעם זיצן און ווארטן אַף אים ביז אזוי שפּעט. אַף יעדן פאַל, ווי זיכער זײַוול איז ניט געווען, אז ער האָט ניט וואָס צו גיין איצט אהין, — כעסין האָט פון לאנג שוין זיך געלייגט מיסטאמע שלאָפן, — האָט ער, גייענדיק צו זיך, פונ־דעסטוועגן פארקערעוועט צו דער ליכטיקער געבײַדע פון דער שול, ווו אנטקעגניבער האָט געוווינט דער לערער.

„גאָט מײַנער, ווי־אזוי האָט איר עס געקאָנט?! ווי־אזוי האָט איר גע־קאָנט עס פון איר פארלאנגען?! — האָט זײַוול אזוי ווי געהערט אינעם אָפּהילך פון זײַנע טריט בליומעס ציטעריק קאָל. — ווי־אזוי האָט עס נאַפּ־טאָלע דאווידאָוויטש דערלאָזט דערצו?!"

— און איך האָב איר גאָרניט געענטפערט דערויף... — איז זײַוול שטיין געבליבן. — ניט געזאָגט איר אפילע, פארוואָס איז כעסין באַשטאנען, אז צירל זאָל זיך אראָפּלאָזן מיט מיר צום טײַך, ווו ס׳איז די שטאַל, דאָס בריקל, דער טשערעט. נאַפּטאָלע דאווידאָוויטש איז, ווי איך פארשטיי, דערמיט אויסן געווען, אז כ׳זאָל טיפער באַנעמען, וואָס איז אזוינס א שטעטל, וואָס איז געווען בא די פאשיסטן אין די הענט, און ווי־אזוי מע דארף זיך אופירן אין אזא שטעטל.

„גאָט מײַנער, ווי־אזוי האָט איר געקאָנט אַף דעם אײַנגיין?" — האָט ער ווידער דערהערט בליומעס פארצווייפלט קאָל, דאָס מאָל שוין ניט אינעם אָפּהילך פון זײַנע טריט, נאָר אינעם שטילן רויש פון די טונקעלע סעדלעך. איצט, האָט זיך אים אויסגעוויזן, באַשולדיקט בליומע אים און דעם לערער שוין ניט אזוי דערפאר, וואָס זיי האָבן פארלאנגט פון ציר־לען, אז זי זאָל דורכמאכן מיט אים דעם וועג פון שטאַל ביז דער גרוב, נאָר וואָס ער האָט דעם זעלבן וועג זיך געקליבן דורכמאכן דאָ נאָרוואָס אויך מיט איר, מיט בליומען, און דאָס, ווייסט ער, וואָלט נאַפּטאָלע דאַ־ווידאָוויטש אים זיכער ניט מוחל געווען.

פון וועמען האָט ער עס דאָ איינמאָל געהערט, ווען ער איז פארבײַ־געגאנגען די אײַנגעוואלגערטע כורווע פונעם קלוב, ווו מיט יאָרן צוריק איז געווען די קלויז, דאכט זיך, אז פונעם קירזשנער האָט ער עס גע־הערט, יאָ, פון אים, אז ווען ער, דער קירזשנער, פלעגט פארבײַגיין באַ־נאכט די קלויז, האָט ער מוירע געהאט זיך אומקוקן, ער זאָל ניט דערזען דאָרט די באנאכטיקע אסיפע פון די פארזאמלטע מייסים. מיט אים, זײַוו־לען, קומט אָן ערעך איצט אויך פּאָר דאָס זעלבע. ווי שטארק ער זאָל ניט צומאכן די אויגן, זעט ער אלצייִנס איצט פאר זיך די פארלאָזענע שטאַל, פילט די זעלבע פראָסטיקע קעלט, וואָס האָט פון דאָרט אַף אים א ווייע געטאָן, ווען ער איז אהין ארײַן דאָן מיט צירלען. ער דערזעט ווידער פאר זיך די אויסגעצערטע פּענעמלעך פון די קינדער. זיי טוליען זיך דערשראָקן צו די מוטערס און האלטן אלץ אין איין פרעגן, צי סע טוט וויי, ווען מע שיסט. ער הערט, ווי די מאמעס ענטפערן פאר־שמאכט, אָפּקערנדיק די אויגן פון די קינדערלעך: „ניין, טײַערינקע, סע טוט ניט וויי". זײַוול פילט מער ניט די הארטקײַט פונעם טראָטואַר אונטער די פיס. אונטער אים וויגט זיך דאָס בריקל. פלוצעם רײַסט זיך ארײַן אין דער שטילקײַט א שווערער פּליעסק... און אָט איז די גרוב...

ער האָט ניט געקאָנט עס דעמלט זאָגן צירלען און ווערט עס איר קיינמאָל ניט קאָנען זאָגן. ער האָט ניט געגלייבט אין דעם, וואָס זי האָט, שטייענדיק מיט אים דאָן בא דער גרוב, דערציילט... צירל אליין, האָט זיך אים געדוכט, האָט דערינען ניט געגלייבט. איצט פאַרשטייט ער, פונוואַנען דאָס קומט. דער מענטש קאָן עס ניט באַנעמען. ער ווייסט, אַז דאָס אַלץ איז געווען, נאָר גלייבן אין דעם קאָן ער ניט...

אומגעקערט האָט אים צו זיך פון דאָרט דאָס לויכטנדיקע פענצטער, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון אונטערן סאַמע דאַך און פאַרכידעשט זײַוולען: צי דען וואַרט נאַפּטאַליע דאַווידאָוויטש ביז איצט נאָך אויף אים?

ווי אַ פאַרזינדיקטער שילער, וואָס איז געקומען בעטן, מע זאָל אים פאַרגעבן די שולד, האָט זײַוול לײַכט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר און גלײַך דערהערט כעסינס גאַסטפרײַנטלעך קאָל:

— ביטע, קומט אַרײַן. די טיר איז אָפן.

נאַפּטאַליע דאַווידאָוויטש איז האַלב געלעגן אויף דער קושעטקע און געבלעטערט אַ זשורנאַל. בא זײַוולס אַרײַנקומען האָט ער זיך אויפגעזעצט און אָן דער מינדסטער אָנדײַטונג אויף דעם, וואָס ער האָט אים געלאָזט וואַרטן אויף זיך העכער צוויי שאָ, זיך צוגעגרייט הערן, וואָס, פונדעסטוועגן, פאַרלאַנגט פון אים אַט דער באָכער, וועלכער טראַכט איצט מיסטאַמע בא זיך וועגן אים דאָס זעלבע, וואָס ער האָט געזאָגט וועגן כאָנען, אַז אויך ער, הייסט עס, כעסין, איז, אפּאָנעם, אַ בלינדער. ער ווערט, פאַרשטייט זיך, ניט פאַרענטפערן זיך פאַר זײַוולען, פאַרוואָס ער האָט ביז אַהער ניט פאַרפירט וועגן דעם מיט אים קיין רייד, אויב ער האָט פון לאַנג שוין באַמערקט, וואָס קומט פאָר מיטן באָכער. ער איז פּאָשעט געווען זיכער, אַז ס׳וועט פון זיך אַליין איבערגיין, זײַוול וועט סאָפּקאָלסאָף פאַרשטיין, אַז צווישן אים און צירלען קאָן גאָרניט זײַן. און ווען סע האַלט ׳בא זיי, כאָלילע, שוין יאָ בא עפּעס, וואָלט ער, כעסין, זיך בעליי־סאָפּעק אַרײַנגעמישט, ניט דערלאָזט דערצו.

— איר ווערט מיר אַנטשולדיקן, נאַפּטאַליע דאַווידאָוויטש, וואָס איך האָב זיך אַזוי לאַנג פאַרהאַלטן.

— ס׳מאַכט ניט אויס. סײַווי האָב איך זיך נאָך ניט געקליבן גיין שלאָפן. וואָס שטייט איר? זעצט זיך צו, — דער לערער האָט אים אָנגעוויזן אויפן פאָטעל באַם שרײַבטיש, אויפן פאָטעל, וועלכן זײַנע שילער האָבן אַ האַלב צעבראָכענעם געפונען זיך וואַלגערן בא עמעצן אויפן בוידעם, אים פאַריכט און געשאָנקען דעם לערער צום טאָג פון זײַן געבוירן.

— אַ דאַנק, — נאָר צוגעזעצט האָט זיך זײַוול אויף דער טאַבורעטקע און ווידער גענומען זיך פאַרענטפערן פאַר כעסינען, — איך האָב געוואָלט נאָך הײַנט באַקאַנען בליומען מיט צירלען. נאָר בא צירלען איז שוין געווען פינצטער. צוריקוועגס האָבן מיר זיך אַזוי פאַררעדט מיט אײַער בליומען, אַז כ׳האָב ניט באַמערקט די צײַט.

— זי האָט, פאַרשטייט זיך, וואָס צו דערציילן וועגן אויסלאַנד.

— וועגן אויסלאַנד האָט זי מיר גראָדע קימאַט ווי ניט דערציילט. וועגן איר מאַן און צירלען האָט זי מיר דערציילט.

— איז ווייסט איר שוין, הייסט עס, אַלץ.

— כ׳ווייס ניט, צי דאָס איז שוין אַלץ. בליומע האָט מיך געבעטן, אַז כ׳זאָל צושיקן צירלען צו איר אין האָטעל. כ׳האָב עס איר צוגעזאָגט.

— בעפּייערעש גוט געטאָן. כ׳מיין, אַז אַזוי וועט זײַן גלײַכער, — און אומדערוואַרט האָט זיך בא כעסינען אַרויסגעכאַפּט. — הערט זיך אײַן, זײַוול. פאַרוואָס זאָלט איר ניט אַריבערגיין פונעם הינטער־אויגיקן אין אַ נאָרמאַלן באַטאָגיקן אינסטיטוט? איך אַף אײַער אָרט וואָלט ביכלאַל זיך דאָ ניט פאַרהאַלטן. מיט אײַערע קענטענישן און מיט אײַערע פייִקייטן וואָלט איר שוין איצט געקאָנט פאַרנעמען אַ סאַך אַ גרעסערע שטעלע, ווי זײַן אַ שעף פון אַ ראַיאָנער סטראַכיר־קאָנטאָר.

— פאַרוואָס האָט איר פּלוצעם פאַרפּירט מיט מיר אַ רייד וועגן דעם?

— אײַך וווּנדערט עס? איך ראַט עס אײַך ווי אַן עכטער פרײַנט. כ׳מיין, אַז איר סאָפּעקט זיך ניט דערין.

— נו, זיכער. כ׳וועל אַ טראַכט טאָן. דערווײַל רעדט זיך דורך, בעט איך אײַך, מיט צירלען, אַז זי זאָל אָפּנעמען צוריק די מעלדונג.

כעסין האָט ברייט צעפירט די הענט:

— זעט אויס, איר קענט זי נאָך ניט, אויב איר מיינט, אַז מיר וועט זיך ווידער אײַנגעבן זי איבעררײדן.

— פאַרוואָס וויל זי אַוועקגיין? נו, פאַרוואָס?

— און אַליין פאַרשטייט איר עס ניט?

דער וואַנטזייגער מיט די נידעריק אַראָפּגעהאַנגענע געוויכטן האָט געציילט די שטיל אָנקומענדיקע און אַוועקגייענדיקע רעגעס. נאָך לאַנג האָט די שטילקײַט אין צימער ניט אָנגעהאַלטן.

— ס׳איז דאָך אָבער אַן אומזין! — האָט זײַוול אויסגעשרי׳ען. — ער פּאַסט דאָך איר פּאַר אַ טאַטן.

— איך האָב ניט דערוואַרט פון אײַך, אַז איר זאָלט אַזעלכעס זאָגן.

— נאַפּטאַלע דאַווידאָוויטש... — זײַוול איז אַנשוויגן געוואָרן, געפּרוווט אײַנהאַלטן אין זיך די ניט געוויינלעכע ווערטער, וועלכע ער האָט אָנגעטרויט בלויז צירלען, און ניט געקאָנט. זיי האָבן זיך אַרויסגעריסן פון אים, וויאַזוי ער האָט זיך קעגן דעם ניט געווערט, נאָר קימאַט אָן אַ קלאַנג, שעפּטשענדיק, ווי באַם פאַרטרויען דעם גרעסטן סאָד. — איך האָב זי ליב...

כעסין האָט אויסגעוואַרט אַ רעגע און אויך שטיל, ווי אויך באַם פאַר־טרויען אַ סאָד, געענטפערט אים דערויף:

— איך ווייס עס, כ׳ווייס עס שוין פון לאַנג. באַטראַכט זיך...

— איך האָב ניט וואָס צו טראַכטן, נאַפּטאַלע דאַווידאָוויטש. איך האָב זי ליב. איך קאָן אָן איר ניט... איך בין גרייט אַף אַלץ...

— איך גלייב אײַך. מיט מיר האָט אויך ענלעכס אַמאָל פּאַסירט. כ׳האָב זיך אין דער יוגנט אויך געהאַט שרעקלעך פאַרליבט אין אַ כאַסענעגעהאַ־טער פרוי, און בין נאָך עפּשער מער, ווי איר, געווען גרייט אַף אַלץ, ווײַל וואָס קאָן זײַן העכער און הייליקער פון ליבע? נאָר שטעלט זיך פאָר, אַז מיט דער צײַט איז עס בא מיר ביסלעכווײַז דורך. ווען כ׳בין געוואָרן אַ ביסל עלטער, האָב איך פאַרשטאַנען, וואָס איז אין מיר אַזעלכעס דאַן פאָר־געקומען, וואָס איך האָב געקאָנט פאַרגעסן אין איר. כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז פאַראַן העכערס פון ליבע.

— וואָס קאָן זײַן העכערס פֿון דעם? וואָס?

— מיר געדענקט זיך, אַז איך האָב אײַך אָנומלטן צוגעזאָגט...— כּע־סין האָט גענומען דעם גרויסן קאָנטאָרסקע בוך פֿון טיש און אים אויסגע־שטרעקט זײַוואָלען.— לייענט אים דורך. איר וועט דאָ אָף אַ סאַך פֿראַגן געפֿינען אָן ענטפֿער. אויך אָף דעם, וואָס איר האָט מיך געפֿרעגט, וועט איר דאָ געפֿינען אַן ענטפֿער.

געקומען אַהיים, האָט זײַוואָל, ניט צוזעצנדיק זיך אַפֿילו, דורכגעלייענט דעם אַרײַנפֿיר צום בוך, גלײַך ער וואָלט זיך ריכטן, אַז שוין אין די דאָ־זיקע עטלעכע שורעס וועט ער געפֿינען אַן ענטפֿער אָף די אַלע פֿראַגן, וועלכע ער האָט געשטעלט און האָט נאָך צו שטעלן נאַפּטאָלע דאַווידאָ־וויטשן. נאָר אויסער דעם, וואָר איז דער מעכאַבער פֿונעם בוך,— אַז ער איז ניט מער ווי אַ געוויינלעכער לערער פֿון מאַטעמאַטיק, און פֿאַרוואָס האָט ער זיך גענומען פֿאַרשרײַבן דאָס אַלץ, וואָס ער האָט זיך אָנגעזען מיט די אייגענע אויגן און זיך אָנגעהערט פֿון אַנדערע, וועלכע זײַנען בײַס דער מילכאָמע געווען בײַ די פּאַשיסטישע ראָצכים אין אַ נאָך מער שרעק־לעכערן געגנט פֿון אים,— האָט זײַוואָל אינעם אַרײַנפֿיר מער גאָרניט געפֿו־נען. כּעסינס ענטפֿער: אויב ניט ער און אַזעלכע, ווי ער, וועלן עס ניט טאָן, איז ווי וועט דעמלט דער גרויסער שרײַבער פֿון די קינפֿטיקע דוירעס קאָ־נען דערציילן דעם גאַנצן און פֿולן עמעס פֿון אָט דער צײַט,— איז פֿאַר זײַוואָלען אויך שוין ניט געווען קיין נײַס. ער האָט עס הײַנט אַליין געהערט פֿונעם לערער. דאָס איינציקע, וואָס זײַוואָל האָט זיך דערוווּסט פֿון די עטלעכע שורעס, איז געווען, אַז ניט אַלץ איז דאָ פֿאַרשריבן וואָרט אין וואָרט אַזוי, ווי מע האָט עס אים געהאַט דערציילט. דערקלערט האָט עס נאַפּטאָלע דאַווידאָוויטש דערמיט, וואָס ניט איטלעכער האָט געקאָנט איבערגעבן מיט ווערטער דאָס, וואָס ער האָט דורכגעלעבט און זיך אָנ־געזען. ס׳איז צו שרעקלעך, אַז מע זאָל עס קאָנען איבערגעבן מיט ווער־טער, און צי זײַנען פֿאַראַן אין דער מענטשלעכער שפּראַך דערוף ווער־טער?.. צו אים, כּעסינען, איז זייער ווייגעשריי דערגאַנגען ניט בלויז פֿון דעם, וואָס זיי האָבן דערציילט, נאָר ווי־אַזוי זיי האָבן דערציילט, פֿונעם קאָל זייערן, פֿונעם בליק פֿון די אויגן, פֿון די אָנגעלאָפֿענע קנייטשן אָפֿן גע־זיכט. ווי־אַזוי אָבער גיט מען עס איבער אָף פּאַפּיר? ער האָט געפּרוּווט עס טאָן, וויפֿל ס׳איז אין זײַנע קויכעס. ער האָט צוליב דעם פֿאַרביטן אינעם דערציילן דעם „איך" אָף „ער", אָף „זי", עלעהיי „דער" צי „די", וואָס האָט עס אַליין איבערגעלעבט, דערציילט וועגן אַ צווייטן. נאַפּטאָלע דאַווידאָ־וויטש האָט דערבײַ ניט פֿאַרפֿעלט אָנווײַזן, אַז ער האָט דערמיט גאָרניט צוגעגעבן, גאָרניט איבערגעאַנדערשט, פֿאַרשריבן אַלץ אַזוי, ווי ס׳איז געווען. דאָס, וואָס עס געהערט גופֿע אים, כּעסינען, זײַנע ענטפֿערס אָף די פֿראַגן, וואָס עמעצער האָט בײַסן דערציילן אים פֿאַרגעבן, זײַנע אייגענע האַשאָרעס און באַמערקונגען, האָט ער אויסגעטיילט באַזונדער, עס אײַנ־געשלאָסן אין קלאַמערן.

איבערגעלייענט די האַקדאָמע, האָט זײַוואָל גענומען בלעטערן דעם בוך.

די געשיכטע וועגן דעם קאַלווירטישן באָכער ניסענען, וועלכע איז דאָ פֿאַרשריבן אַזוי, ווי דאָס האָט דערציילט דעם לערער די אײַנוווינערן

פונעם זעלבן קאָלווירט פּראַסקאָוויע סטעפּאַנאָװנע, איז לויטן סיידער געשטאַנען נאָך דער געשיכטע וועגן כאַנען און צירלען. זײַוול האָט ניט אײַנגאַנצן נאָך באַנומען, מיט וואָס האָט אים אַזוי פאַרכאַפּט דער אָנהייב פון דער געשיכטע וועגן ניסענען, וואָס פון דעם האָט ער אָנגעהויבן לייענען. צי ניט דערמיט, וואָס אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ניסן איז מיט עפּעס ענלעך אויף אים, אַז ווען ניסן זאָל געווען בלײַבן לעבן, וואָלט ער אויך געענטפערט כעסינען דאָס זעלבע, אַז ס'איז ניטאָ קיין העכערס פון ליבע. און עפּשער האָט זײַוול געוואָלט דערוויטערן אַ ביסל פון זיך די צײַט, ווען ער וועט לייענען וועגן דעם, וויאַזוי צירל איז געשטאַנען אין טשערעט ביזן האַלדז אין וואַסער...

ס'האָט אים געגעבן מיטאַמאָל אַ הייב אויף פון אָרט, און ווי ס'זאָל אים אויספעלן לופט צו עטעמען, האָט ער זיך איבערגעזעצט צום פענצטער, אין וועלכן ס'האָט אַרײַנגעקוקט אַ הויכער טונקל־בלויער הימל מיט ווײַטע פינקלדיקע שטערן.

ס'איז דורך אַ רעגע, און זײַוול האָט זיך ווידער פאַרטיפט אינעם לייענען...

## קאַפּיטל פופצן

פון די זײַטלעך, אין וועלכע עס באַשרײַבט זיך די געשיכטע וועגן דעם יונגינקן סאָלדאַט, דעם קאָלווירטישן שאָפער ניסן באָרכינען, וואָס נאָפּטאָלע כעסין, ווי ער ווײַזט אויף דעם אָן אין סאַמע אָנהייב, האָט איבערגעגעבן אַזוי, ווי סע האָט עס אים דערציילט פּראַסקאָוויע סטעפּאַנאָװנע, מיט וועמען ער האָט אַנומלטן, פאַרנדיק מיט איר עטלעכע שאָ צוזאַמען אין איין וואַגאָן, זיך צופעליק צערעדט, — איז בלויז איין שורע פונעם פאַרשריבענעם געוועזן ניט אירס. אַרײַנעמען די דאָזיקע שורע אין קלאַמערן, ווי דער לערער טוט עס מיט אַלע זײַנע באַמערקונגען צו די פאַרשריבענע געשיכטעס, איז געווען אינגאַנצן שוין איבעריק. פּראַסקאָוויע סטעפּאַנאָװנע, — זײַוול זעט עס אַרויס פון אירע רייד, — איז, קענטיק, שוין ניט אין דעם עלטער, אַז זי זאָל וויסן, וואָס האָט פאַרצײַטנס געהאַט געזאָגט וועגן ליבע און געהאַט צוגעגליכן די ליבע דער יידישער קיניג שלוימע, אויב אַפילו קלערן, אַז זי האָט עס געקאָנט, מעגלעך, ערגעץ אויסלייענען צי פון עמעצן הערן. און ווען אַפילו יאָ, וואָלט זי דאָך אַלצייַנס ניט געוועזן עס אַרויסגעבראַכט אויף דער זעלבער שפּראַך, אויף וועלכער ס'האָט עס געהאַט געזאָגט שלוימע־האַמעלעך. ווען כעסין זאָל די זעלבע ווערטער ניט געווען אויך אָנשרײַבן מיט רוסישע אויסיעס און ניט געווען עס דערבײַ פאַרטײַטשן, וואָלט ער, זײַוול, זיי אופגענומען פּונקט אַזוי, ווי די באַיאָרטע קאָלווירטישע מעלקערן פּראַסקאָוויע סטעפּאַנאָװנע וואָלט מיסטאָם אופגענומען אַ זײַטל מיט אינטעגראַלן און דיפערענציאַלן.

צווישן די, וואָס וועלן לייענען דעם דאָזיקן בוך, וועלן זיך געוויס אָפּזוכן ניט ווייניק אַזעלכע, וואָס האָבן קיינמאָל ניט געהערט, אַז די קראַפט פון ליבע האָט איינער אַ מענטש פאַרגליכן צו דער קראַפט פון טויט, און טויזנטער יאָרן כאַזערן מענטשן עס איבער. פאַר אים אָבער,

זײַוולען, איז דאָס געזאָגטע אין דער שורע, וואָס איז אַרײַנגענומען אין קלאַמערן, ניט געווען קיין נײַס. ער האָט בלויז ניט געוווּסט, אַז דאָס איז פֿון שיר־השירים. שיר־השירים האָט ער קיינמאָל ניט געלייענט און, דאַכט זיך, ביכלאַל קיינמאָל ניט געהערט וועגן אָט דעם געזאַנג פֿון אַלע געזאַנגען. אָבער ניט דאָן, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל דערהערט, צו וואָס איז געגליכן די ליבע, און ניט איצט, לייענענדיק וועגן דעם ווידעראַמאָל, איז אים ניט אַרויף אויפֿן זינען קיין אַנדײַט אַפֿילע דערפֿון, וועגן וואָס ס׳האָט מיט אים הײַנט גערעדט כעסין: אַז ניט דאָס איז נאָך דאָס העכסטע און שטאַרקסטע אינעם מענטשן, אַז ס׳איז דאָ אין אים אַזוינס, וואָס וועגט אַלץ אַריבער, אי די ליבע, אי דעם טויט.

פֿון דער אויסגעלייענטער געשיכטע וועגן ניסענען איז עס צו אים, זײַוולען, נאָך דערווײַל ניט דערגאַנגען. מיט וואָס אַנדערש, אויב ניט מיט דער שטאַרקײַט פֿונעם טויט, קאָן ווערן צוגעגליכן די ליבע פֿונעם אומגעקומענעם באָכערל?

נאָר נאַפּטאָלע דאַווידאָוויטש, ווייסט זײַוול, נעמט ניט אָן דעם דאָזיקן פֿאַרגלײַך. די אַרײַנגעשריבענע שורע אין די קלאַמערן הייבט זיך אָן בײַ אים ניט פֿון אָט דעם פֿאַרגלײַך, נאָר פֿונעם מאַטעמאַטישן צייכן „גרעסער — קלענער", וועלכער איז באַקאַנט זײַוולען נאָך פֿונעם פֿינפֿטן צי זעקסטן קלאַס. זײַוול געדענקט אָבער ניט, אַז ער זאָל ווען־ניט־איז געווען אַזוי פֿאַרטראַכטן זיך איבער דער שווערסטער מאַטעמאַטישער אויפֿגאַבע, ווי ער האָט זיך איצט פֿאַרטראַכט איבער אָט דעם צייכן, וואָס זײַן שאַרפֿער ווינקל איז געווענדט צו דעם, וואָס איז אַרײַנגעשריבן אין דער שורע און וואָס דער איינציקער באַטײַט דערפֿון איז, אַז ס׳איז דאָ פֿיל העכערס, גרעסערס, שטאַרקערס...

דעם דאָזיקן מאַטעמאַטישן צייכן האָט דער לערער דאָ אוועקגעשטעלט פֿאַר אַ וועגווײַזער ניט בלויז פֿאַר אים איינעם דאָך, פֿאַר זײַוולען. סאָפּקאָלסאָף, אויב ער וועט אַליין ניט קאָנען דערגיין צום זעלבן, וואָס כעסין, צי ער וועט וועלן כעסינען דערויף דערווידערן, האָט ער נאָך צו װעמען זיך ווענדן. נאַפּטאָלע דאַווידאָוויטש, פֿאַרשטייט זײַוול, האָט מער געהאַט אין זינען די, וואָס וועלן עס לייענען, ווען זיי וועלן שוין ניט קאָנען זיך צו אים ווענדן. קומט אויס, וויבאַלד ער, זײַוול, איז נאָך ביז איצט אַליין ניט דערגאַנגען צו דעם, איז עס בלויז איבער דער אייגענער שולד: מיסטאָמע האָט ער עפּעס פֿאַרפֿעלט באַם לייענען, ניט דערזען דאָס, וואָס דער לערער איז אויסן געווען מיטן אַרײַנשרײַבן אַהער די דאָזיקע געשיכטע. און עפּשער איז עס צו אים ניט דערגאַנגען, ווײַל ער האָט זיך געזעצט לייענען דעם בוך ניט פֿון סאַמע אָנהייב, דורכגעלאָזט דערווײַל אַפֿילע די געשיכטע וועגן צירלען מיט כאָנען, וואָס צוליב דעם, אייגנטלעך, האָט כעסין אים געגעבן לייענען דעם בוך. מעגלעך, אַז דאָרט איז פֿאַראַן דערויף אַן ענטפֿער.

נאָר אָנשטאָט דעם, ער זאָל אויפֿמישן דאָס בלעטל, וווּ ס׳הייבט זיך אָן די באַשרײַבונג וועגן כאָנען מיט צירלען, האָט זײַוול זיך גענומען פֿונסנײַ איבערלייענען וועגן ניסענען, אין וועמען ער האָט געפֿונען פֿיל ענלעכס מיט זיך. עפּשער דערפֿאַר האָט זיך אים אַזוי פֿאַרגעדענקט

דאָס אויסגעלייענטע, אַז ער האָט קימאַט ניט געהאַט שוין וואָס אַרײַנצוקוקן אין בוך. אַלץ, וואָס איז זיך פאַרלאָפן מיטן דאָזיקן באָכערל, האָט זײַוול בייסן איבערלייענען עס נאָכאַמאָל דערזען אַזוי בוילעט, אָנשוילעך, גלײַך דאָס זאָל זיך געווען פאַרלאָפן מיט אים אַליין.

דער געדיכט אויסגעשטערנטער הימל מיט דער אַרומבלאָנדזשענדי־קער האַלבער לעוואָנע האָט ניט געשטערט זײַוולען, אַז ער זאָל, זיצנדיק אָט אַזוי־אָ באַם אָפענעם פענצטער אין צימער בא זיך, ניט צושליסנדיק די אויגן, דערזען איבער זיך אַ הויכן בלויען הימל מיט אַ העל צעשײַנטער זון, וועלכער ס׳גייט לאַכלוטן ניט אָן, וואָס קומט דאָרטן פאַר אונטן, אַף דער ערד, פּונקט ווי די ערד זאָל ניט האָבן צו איר די מינדסטע שײַכעס, פּונקט די ערד זאָל געהערן צו אַן אַנדער זון, וואָס איז אויך דורכויס אין וווּנדן און גייט אָפּ מיט בלוט.

נאָר קיין אַנדער זון, ווי אויסער דער, וואָס פלעגט אין די זומערדיקע פאַרטאָגן אַראָפּקומען צו זיי אין דאָרף זיך אָנטרינקען מיטן קילן טוי פון די ווײַנגערטנער און גאַנצענע טעג זיך אָנהענגען אָנעם קוזאָוו פון זײַן לאַסטמאַשין, האָט ניסן, ליגנדיק אינעם האַלב־צעטראָטענעם און צוגעסמאַ־ליעטן ווייץ פונעם צײַטיקן פעלד, פאַר זיך ניט געזען. די ערשטע רעגע, ווען ער איז געקומען עטוואָס צו־זיך און ניט געהאַט נאָך באַנומען, ווי קומט ער אַהער, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער ליגט אין דער הייך אַף אַן אָנגעלאָדענער מאַזשאַרע ווייץ, וואָס שלעפּט זיך מיטן אָנגעגליטן שטוי־ביקן וועג צו דעם טויק. ער הערט אַפילע דאָס שטעפּן פון דער דרעשמאַ־שין. ער פאַרשטייט בלויז ניט, פונוואַנען האָט זיך עס צו אים מיטאַמאָל אַרײַנגעכאַפּט אָט דאָס מוירעדיקע פלאַמפּײַער אינעם קערפּער און ברענט דאָרט אַלצדינג אויס.

— וואַסער... אַ טרונק וואַסער...

פאַרוואָס רופט זיך קיינער ניט אָפּ?

אין אַ ווײַלע אַרום נעמט ער ווידער שעפּטשען מיט די פאַרשמאַכטע איבערגעטריקנטע ליפּן:

— וואַסער... אַ טראָפּן וואַסער...

ווען ניסן איז ווידער געקומען צו־זיך, האָט ער שוין ניט געפילט אין זיך אַזוי דאָס פלאַמפּײַער און איז געווען אימשטאַנד שוין צו באַנעמען, וואָס איז זיך מיט אים הײַנט פאַרלאָפן, און פּרוּווט זיך דערמאָנען, ווי קומט ער אַהער, אינעם ווייץ.

דאָס לעצטע, וואָס ניסענען האָט זיך פאַרגעדענקט פון דער שלאַכט, וואָס עס האָט געפירט זײַן ראָטע באַם אַרויסרײַסן זיך פונעם אַרומגע־רינגלטן דאָרף, — אַז די גראַנאַטע, וועלכע ס׳האָט זיך געהאַט נאָך פאַרהיט בא זײַן אומגעקומענעם כאַווער, האָט ער באַוויזן אַ שלײַדער טאָן, נאָר דעם אופרײַס האָט ער שוין, דאַכט זיך, ניט געהערט.

ווען און ווי־אַזוי האָט ער זיך פאַרקליבן אַהער אין ווייץ, קאָן ער פאָרט ניט באַנעמען. און ווי ער זאָל דאַרפן זיך אַליין דערווײַזן, אַז ער האָט ניט פאַרלאָזט דאָס שלאַכטפעלד און אַנטלאָפן אַהער זיך אויסבאַהאַלטן פונעם טויט, וואָס האָט פון זייער ראָטע איבערגעלאָזט ווייניקער פון אַ וווזוואָד, האָט ניסן געפּרוּווט זיך עטוואָס אָפּרוקן פונעם אָרט, ווו ער איז געלעגן,

און גלײַך דערפילט אין זיך דאָס מוירעדיקע פלאַמפײַער. ער האָט אָבער באַוויזן באַנעמען, אַז ניט אַנדערש ווי עמעצער האָט אים איבערגעטראָגן אַהער. ווײַזט אויס, אַז עמעצער פון די דאָרפסלײַט, ווען די דײַטשן האָבן נאָכן אַרײַנרײַסן זיך אין דאָרף באַפוילן באַגראָבן די דערהאַרגעטע רויטאַרמייער, האָט באַמערקט, אַז ער לעבט נאָך, און בישטיקע אים אָפּגעטראָגן אַהער. ס'איז דאָך שוין אָבער האַלבער טאָג, און ווען ער האָט אַ שלײַדער געטאָן די גראַנאַטע, האָט די זון ערשט געהאַלטן אין אופגיין. צי דען וואַרט זײַן רעטער, עס זאָל ווערן נאַכט? ניין, ער וועט ביז נאַכט ניט דערצײַען. איין טראָפּן וואַסער ווען ער האָט אַף צו פאַרלעשן אַף אַ רעגע דאָס פײַער, וואָס פאַרקלײַבט זיך אַלץ טיפער אין אים. און כאָטש ער ווייסט, אַז אויסער די זאַנגען הערט אים מער קיינער ניט, און אַז די זאַנגען אַרום אים, וויפל ער זאָל זיי ניט בעטן, קאָנען זיי אים סײַווי מיט גאָרניט העלפן, דאָך נעמט ער ווידער שעפּטשען:

— וואַסער... אַ טרונק וואַסער...

און ער דערזעט מיטאַמאָל לעבן זיך די מאַמע. זי שטייט אַף די קני, אָנגעבויגן איבער אים, פאַרשטעלנדיק מיט זיך דעם הימל, די בלענדנדיקע זון. סאַראַ יונגע מאַמע עס איז בײַ אים!

— וואַסער... אַ טרונק וואַסער...

— מע טאָר אַזויפיל ניט טרינקען. — זי טראָגט אים אָבער אונטער דאָס קווערטל מיטן קאַלטן ברונעם־וואַסער, הייבט אים דערבײַ פאָרזיכטיק אויף דעם קאָפּ פונעם קישעלע.

— ווי פילסטו זיך? ס'איז דיר אַ ביסל לײַכטער?

ניין, ס'איז ניט דער מאַמעס קאָל. ער פרוּווט זיך אַראָפּוואַרפן דאָס אָנגעוואַלגערטע שווערע געוויכט פון די אויגן־לעפלעך און קוקט זיך לענגער אײַן אין דער, וואָס שטייט אָנגעבויגן איבער אים מיט אַ פאַרווײנט, דערשראָקן פּאָנעם. בײַ זײַן מאַמען איז דאָס פּאָנעם געווען אַ ברייטלעכס, מיט שוואַרצע אויגן, און בײַ דער איז דאָס געזיכט אַ לענגלעכס און די אויגן העל־בלויע. נאָר מיט עפּעס איז אָט דאָס אומבאַקאַנטע ווײַבל דאָך ענלעך אַף זײַן מאַמען. אָ, ער דערמאָנט זיך! ווען ער איז, זײַענדיק שוין אַ גרויסער, טאַקע גאָר אַ גרויסער, געווען קראַנק, איז די מאַמע זײַנע אויך געשטאַנען אַזוי איבער אים אַ פאַרווײנטע, אַ דערשראָקענע, און פונקט אַזוי פאָרזיכטיק, צאַרט אים אונטערגעהויבן דעם קאָפּ פונעם קישן, בייס זי האָט אים געגעבן טרינקען... פונוואַנען האָט זיך מיטאַמאָל גענומען בײַ אים צוקאָפּנס אַ קישעלע? און אָט דאָס פרישע שמעקנדיקע היי?

זײַן פאַרנעפּלטער בליק שטויסט זיך אומגעריכט אָן אין דעם נידעריקן באַלקן מיטן קליינטשיקן שײַבל שיר ניט בײַ דעם סאַמע דיל. אין שײַבל קוקט אַרײַן אַ באַגינענדיקער הימל.

— וויאַזוי רופט מען אײַך?

צי זי האָט ניט דערוואַרט, אַז פונקט דאָס וועט ער זי פרעגן, ווען ער וועט ענדלעך קומען צו־זיך, און דערפאַר האָט זי אַף אים אַזוי אַ קוק געטאָן, צי ער האָט עס אַזוי שטיל אַרויסגעבראַכט, אַז זי האָט ניט דערהערט און וואַרט, ער זאָל עס זי איבערפרעגן, זײַענדיק זיכער, אַז פרײַער

פון אלץ וויל ער, זי זאָל אים זאָגן, ווו געפינט ער זיך און ווי קומט ער אהער. נאָר זי זעט, אז ער פאַרשטייט שוין אליין, אז ער ליגט אַף א בוי־דעם, און שטויסט זיך אָן, אז אויסער איר צי עמעצער פון אירע גאָר־גאָר נאָענטע, וועמען מע קאָן אָנטרויען, ווי זיך אליין, האָט אים מער קיינער ניט געקאָנט ארופטראָגן אהער. און אז זי איז עס געווען מיסטאמע די, וואָס האָט, ברענגענדיק צו קוורע די געפאַלענע רויטארמייער נאָך דער שלאכט, באמערקט, אז ער לעבט נאָך, און, טראָגנדיק אים צום ברודער־קייווער, אים באהאלטן ביז נאכט אין דעם ווייץ. און וועגן דעם, אז אין דאָרף באַ זיי שטייען איצט איַין דייַטשן, האָט ער אויך ניט וואָס צו פרעגן זי. ער דערקענט עס פון אירע דערשראָקענע אויגן.

— אסיע רופט מען מיך, — זי האָט זיך נאָך נידעריקער אָנגעבויגן איבער אים און שיר ניט אינגאנצן אָן א קאָל ארויסגעשעפּטשעט: — און דיך רופט מען ניסן. ניסן באָרכין. און ביסט א ייִד.

ניסן האָט זיך האסטיק אופגעזעצט, דערפילנדיק אין לייַב די אָנגע־גליטע שאַרף פון א שווערד. ער האָט אָבער באַוויזן אינעם זעלבן אויגנ־בליק צונויפּפּרעסן די ליפּן, מיט קיין צווענגלעך זיי ניט פאנאנדערצו־נעמען, און דאָס געשריי איז געבליבן שטעקן אין אים, ניט זייַענדיק בעַר קויעך זיך דורכרײַסן צווישן די פאַרקריצטע ציין.

— ליג רויִק. דיר וועט דאָ קיין שלעכטס ניט געטאָן ווערן. ביסט נאָך זייער שלאָף. טאָרסט זיך ניט באומרויִקן, — זי האָט פאַריכט אים דעם צוקאָפּנס און איַינגעבעטן, ער זאָל זיך צוריק לייגן. — איך קאָן זיך מער ניט פאַרהאלטן. כ׳מוז לויפן צו דער ארבעט. טאָמער קום איך ניט, קאָן דער סטאַראָסטע שיקן נאָך מיר א פּאָליציאַנט. ערשט דער פאַרטער טאָג, ווי באַ אונדז שטייען איַיִך די דייַטשן, און ס׳איז שוין דאָ א סטאַראָסטע מיט א פּאָליצײַ. מיט קיין הינט טאָר מען זיך ניט רייצן. איך וועל צונע־מען דעם לייטער פון בוידעם. זע, זאָלסט ליגן שטיל. עמעצער קאָן צו־פּעליק ארײַן. אָט דאָ האָסטו א הינערשע יויך. דאָס האָט די מאמע מײַנע פאַר דיר אָפּגעקאָכט. אויסער דער מאמען מייַנער, ווייסט קיינער ניט וועגן דיר.

— מומינקע אסיע...

זי האָט ניט ווילנדיק א שמייכל געטאָן:

— איך זע דען אויס אזוי אלט, וואָס דו רופסט מיך מומינקע? קאָנסט מיך רופן אסיע. איך בין ניט אַף קיין סאך עלטער פון דיר, כאָטש איך בין שוין א מאמע פון צוויי קינדערלעך. כ׳האָב זיי אָפּגעפירט אין שכיי־נעסדיקן דאָרף צו מייַן מאנס עלטערן. דאָרט וועט פאַר זיי זײַן זיכערער. כ׳האָב געמיינט, אז דו ביסט ייִנגער.

— דו ווייסט דען, וויפל איך בין אלט?

— יאָ, צוויי און צוואנציק. פונוואנען ווייס איך עס? פון דײַן קאָמיר־גישן בילעט, — זי האָט אָנגעוויזן אפן אנטקעגנדיקן ווינקל: — דאָרט, אונ־טערן כלאם און היי, האָב איך אים באהאלטן. די הילזע מיט דײַן אדרעס, וואָס כ׳האָב געפונען אין דײַן הויזן־קעשענע, איז אויך דאָרט. דיר האָט אָפּגעגליקט, באָכערל. די קוילן האָבן זיך ניט פאַרהאלטן, זיי זײַנען בלויז דורכגעגאנגען דורך דיר, האָסט אָבער פאַרלאָרן א סאך בלוט. כ׳האָב דיר

איבערגעבונדן די ווונדן. ביסט יונג. זיי וועלן זיך בא דיר אינגיכן פאַר־היילן. דאַרפסט זיך נאָר אויסליגן. זע, זײַ פאַרזיכטיק. זאָלסט, גאָט באַהיט, ניט צוגיין צום פענצטערל. טאָמער דערזעט מען דיך... דו ווייסט דאָך, וואָס זיי טוען מיט ייִדן. און פאַר אויסבאַהאַלטן א ייִדן שיסט מען גלײַך אף אן אָרט. דערווײַל האָסטו ניט וואָס מוירע צו האָבן. ביסט אין א זיכער אָרט. ווי נאָר כ׳וועל דערפילן א געפאַר, וועל איך דיך אָפּפירן צו מײַנער א באַקאַנטער אין אן אנדער דאָרף. אף איר קאָן מען זיך אויך פאַרלאָזן.

— ווו זײַנען אונדזערע? — ניסן האָט עטוואָס אָפּגעשאַרט פון זיך דאָס היי, וואָס איז געקראָכן אין פּאָנעם.

— ווײַט, זייער ווײַט פונדאַנען.

— אונדזער אַרומגערינגלטער ראָטע האָט זיך אײַנגעגעבן דורכצו־רײַסן?

— פונוואַנען קאָן איך וויסן? כ׳ווייס נאָר, אז אויסבאַהאַלטן זיך איז דאָ ניטאָ ווו. אַרום־און־אַרום איז הוילער סטעפּ. ס׳איז אָפּגעגאַנגען א מינוט, אז מע זאָל דיך אויך אַרײַנלייגן אין גרוב, וואָס מיר האָבן אויסגע־גראָבן פאַר די דערהאַרגעטע רויטאַרמייער. אוי, וויפל אונדזערע עס זײַנען געפאַלן אין אָט דער שלאַכט! מיר האָבן דיך שוין געהאַט אַרופ־געלייגט אפן טראָגבעטל, ווען די מאַמע מײַנע, מיט וועמען איך בין גע־ווען אין פעלד, האָט באַמערקט, אז דו לעבסט נאָך. האָסט געעפנט די אויגן און זיי באַלד צוריק פאַרמאַכט. כ׳האָב דיך געבעטן, זאָלסט ליגן שטיל.

— איך געדענק ניט.

— ווי קאָנסטו געדענקען, אז דו האָסט אין דער זעלבער רעגע ווי־דער פאַרלוירן דאָס באַוווּסטזײַן. קיינער האָט ניט באַמערקט, ווי איך האָב דיך אָפּגעשלעפּט אָן א זײַט אינעם ווייץ. באַנאַכט, ווען ס׳איז געוואָרן פינצטער, האָב איך דיך איבערגעטראָגן צו אונדז. ווי־אַזוי האָב איך דיך אַרופגעטראָגן אהער אפן בוידעם, ווילסטו וויסן? די מאַמע האָט מיר צו־געהאָלפן. סע טרעפט, ווען א שוואַכער ווערט שטאַרקער פונעם שטאַרקסטן. נאָר איך בין קיינמאָל ניט געווען קיין שוואַכינקע. די מאַמע מײַנע אויך ניט. מיר זײַנען דאָרפישע.

— איך בין אויך א דאָרפישער.

— זע, זאָלסט זיך ניט דערנעענטערן צום פענצטערל. טאָמער דער־הערסטו עפּעס פאַרדעכטיקס, איז נורע זיך טיפער אײַן אינעם היי אונטער דעם אָנגעוואָרפענעם כלאַם. נו, איך מוז לויפן. נאָך דער אַרבעט, ווען ס׳וועט ווערן רעכט טונקל, וועל איך ווידער אַרופקומען צו דיר, — זי האָט צוגערוקט צו אים נעענטער דאָס אײַנגעוויקלטע טעפּעלע יויך. — עס. דאַרפסט זיך וואָס גיכער אָנעמען מיט קויכעס.

ביז אהער, ביזן דאָזיקן זײַטל, האָט זײַוול אין דעם נאָכאַמאָל דורכ־געלייענטן זיך ניט אָנגעשטויסן נאָך דערווײַל אף קיין איין שורע, וואָס ער זאָל זי פריִער האָבן דורכגעלאָזט, און ניט אָנגעטראָפן קיין איין וואָרט, וואָס זאָל אים מיט עפּעס געווען אונטערזאָגן, אז ער דאַרף דאָס איבערגעלייענטע אנדערש אופנעמען און נאָכדעם אליין שוין צושרײַבן די שורעס, וואָס דאַרפן אַרײַנגענומען ווערן אין קלאַמערן. עפּשער וועט ער

פונעם ווײַטערדיקן אויך אײַנזען דאָס זעלבע, וואָס נאַפּטאַלע דאַווידאָ־וויטש, און עס וועט אים אופהערן כידעשן, וויאַזוי קאָן מען עס נאָכן דערציילטן וועגן ניסענען אוועקשטעלן דעם מאַטעמאַטישן צייכן „גרע־סער — קלענער״ מיטן שאַרפן ווינקל זײַנעם אין דער פּונקט פאַרקערטער ריכטונג.

נאָר אויך פון דעם, וואָס כעסין דערציילט איבער אַף די ווײַטערדיקע זײַטלעך פון זײַן בוך וועגן דעם יונגינקן באָכערל ניסענען און וועגן דער עטוואָס עלטערער פון אים אסיען, איז פאַר זײַוולען נאָך ניט קיין באַווײַז, אַז ליבע איז ניט דאָס העכסטע, ניט דאָס שטאַרקסטע, ניט דאָס הייליקסטע אינעם מענטשן. ער געפינט דערווײַל באַזונדערס גאָרניט אײַן דערינען, וואָס דאָס דאָזיקע ווײַבל, וואָס איז דאָס אנדערע יאָר שוין א סאָלדאַטקע און פאַר דער גאַנצער צײַט ניט געהאַט פונעם מאַן קיין איין בריוול און קימאַט פאַרלוירן די האָפענונג, אַז ער לעבט, אַז זי וועט אים ווען־ניט־איז נאָך זען, איז אין איינעם אַן אָוונט, אַרופבערענגענדיק ניסע־נען, ווי יעדן אָוונט ביז אהער, וואַסער און עסן אַף א מעסלעס, פאַרבליבן מיט אים אפן בוידעם אַף א גאַנצער נאַכט. זײַוול האָט אויך ניט אײַנ־געפונען קיין באַזונדערס דערינען, וואָס ניסן, אויסגייענדיק פון בענק־שאַפט נאָך זײַן יעכעוועדקען, האָט ניט אָפּגעשטויסן פון זיך אָט דאָס פרעמדע ווײַבל, נאָר צוגעפאַלן צו איר הייסן צאַפּלדיקן לײַב און גע־שטילט אין אירע אָרעמס זײַן בענקשאַפט. צי דען נעמט כעסין עס אוף, ווי א געפיל פון עכטער גרויסער ליבע, וואָס האָט זיי ביידן מיטאַמאָל באַהערשט און באַהעפט און דערמיט צונישט געמאַכט דאָס, וואָס איז אין יעדן איינעם פון זיי געווען הייליק ביז דער דאָזיקער נאַכט?

ווען ס׳וועט קומען וועגן דעם צו רייד מיט נאַפּטאַלע דאַווידאָוויטשן, וועט ער זיך ניט שעמען אים זאָגן: ווען מיט אים, זײַוולען, דעהײַנע, זאָל געווען טרעפן אין לעבן דאָס זעלבע, וואָס דעמלט מיט ניסענען, ער זאָל אויך ליגן גאַנצענע טעג פאַרשטעקט אין א נאָרע, וואָס ער האָט זיך געמאַכט אונטערן היי און האָט ניט ווי אהינצוטאָן די יונגע אופגעיוירטע קרעפטן, וואָלט ער מיסטאַמע אויך ניט געקאָנט בײַקומען אין זיך דעם גלוסט, וואָס עס צינדט אָן די נאָענטקײַט פון א יונגער קרעפטיקער פרוי, ווי עס שטעלט זיך אים פאַר אָט די טרײַע, איבערגעגעבענע אסיע... נאָר דערפון וואָלט זײַן ליבע צו צירלען קלענער ניט געוואָרן, און ער וואָלט קיינמאָל ניט געטראַכט, אַז ער האָט זי דערמיט פאַרשוועכט. און אויב אפילע אָט די אסיע זאָל זיך געווען ווירקלעך פאַרליבן אינעם יונגן באָ־כערל מיטן טונקל־לענגלעכן געזיכט און גרויסע קאַרע אויגן, וואָס האָט ביז יענער נאַכט זיך אופגעפירט, ווי א שעמעוודיק קינד — יעדעס מאָל, ווען זי האָט אים אַרופגעבראַכט שפּײַז, האָט ער זיך אַנטשולדיקט פאַר איר, וואָס ער עסט אומזיסט ברויט און קאָן איר מיט גאָרניט באַהילפיק זײַן אין דער באַלעבאַטישקײַט, — וואָלט זײַוול זי אויך ניט באַשולדיקט. נאָר דעם ווײַבל, פאַרשטייט ער, האָט זיך בלויז געדאַכט, אַז זי האָט זיך פאַרליבט אין ניסענען, ניט באַנעמענדיק, אַז דאָס, וואָס איז צווישן איר און דעם באָכערל אין יענער און אין די ווײַטערדיקע נעכט זיך פאַרלאָפן, האָט זיך ניט געניייטיקט אין קיין באַרעכטיקונג, ווײַל אנדערש, אפּאָנעם,

האָט עס ניט געקאָנט זײַן, דאָס האָט געמוזט סאָפּקאָלסאָף צווישן זיי גע־שען. „ניסענקע איז געווען אזא באָכערל, כ'האָב אים זייער גוט געקענט, וואָס וואָלט אליין עס געווען דערציילט זײַן יונג ווײַבל, יעכעוועדקען, ווען ער זאָל געווען בלײַבן לעבן, און יעכעוועדקע, כ'האָב זי אויך גוט געקענט, וואָלט ניט געמאכט בא אזא צופאל דערפון קיין ווען. ער וואָלט איר ניט געוואָרן דערפון ווייניקער טײַער".

און אָט דאָס איז, קענטיק, אויך פארשריבן וואָרט אין וואָרט פון פראס־קאָוויע סטעפּאַנאָוונעס רייד: „נאָר פונקט אזוי אומגעריכט, ווי דאָס האָט זיך אָנגעהויבן בא זיי, אזוי אומגעריכט האָט זיך עס בא זיי פארענ־דיקט. דאָס האָט אויך אנדערש ניט געקאָנט זײַן".

לייענענדיק די ווײַטערדיקע שורעס, האָט זײַוול ווידעראמאָל אָנשוי־לעך, בוילעט דערזען פאר זיך דעם בוידעם... פארבײַ דעם נידעריקן פענצטערל שווימט פאמעלעך דורך די לעוואָנע, א פארוויקלטע ביז האלב אין א העל וואָלקנדל, ווי א פארבאנדאזשירטע. איר בלייכע שײַן גרייכט ניט צום ווינקל, ווו טיף פארגראָבן אין היי ליגן פארטײַעט ניסן מיט אסיען און הערן זיך צו צום שאָרך, וואָס האָט זיך דערטראָגן פון אונטן און פארהאקט באביידן דעם אָטעם.

— ווײַזט אויס, ס'האָט זיך אופגעהויבן א ווינט און א טרייסל גע־טאָן די טיר. ס'זאָל, כאָלילע, געווען זײַן א שטיקל פארדאכט, וואָלט די מאמע געגעבן צו וויסן, דעם לייטער צוגענומען. דו מיינסט, זי שלאָפט? זי הערט זיך צו צום דרויסן מער נאָך, ווי דו. כאַפּט מען דיך דאָ בא אונדז, וועט מען זי דאָך אויך דערשיסן.

— איך וואָלט ארויסגעשפּרונגען פון פענצטערל, ווען כ'דערהער זיי גיין אהערצו.

— ביסט א קינד. זיי זײַנען דאָך ניט קיין בלינדע, די אויגן זאָלן זיי ארויס. קלערסט, זיי וועלן ניט זען, פונוואַנען דו ביסט ארויסגע־שפּרונגען? און ווי וועסטו שפּרינגען מיט א פארווונדעטן פוס?

— ער האָט זיך בא מיר שוין קימאט אינגאנצן פארהיילט.

— יאָ, ס'איז דער ווינט, — האָט אסיע מער זיכערער געזאָגט און שטײַפער זיך צוגעטוליעט צו ניסענען מיט איר הייסן לײַב, וואָס וויל געניסן פון דער דאָזיקער גליקלעכער מינוט, וועלכע לאָזט ניט זיך פאר־טראכטן, וואָס וועט זײַן נאָכדעם. אין דער דאָזיקער מינוט האָט אסיע נישט געוואָלט קלערן ניט וועגן מאן, צי לעבט ער, צי איז ער אומגעקו־מען, ניט וועגן אירע צוויי קליינינקע מיידעלעך, וואָס זי האָט אָפּגעפירט צו זייער זיידן און באָבען, ניט וועגן דער מאמען. די מאמע שטויסט זיך אָן, נאָר זאָגט איר גאָרניט. די מאמע אירע איז אויך געווען אמאָל א יונגע, פרי פארבליבן אן אלמאָנע, פארשטייט זי, וואָס עס קומט פאָר מיט איר טאָכטער. פון דעם סאָלדאט, וועלכן זי האָט געראטעוועט און שטעלט יעדער רעגע אײַן צוליב אים דאָס לעבן, פארלאנגט זי מער גאָר־ניט, ווי אָט די קורצע, גליקלעכע מינוטן. זי פארשטייט, אז ווי נאָר עס וועלן זיך אומקערן אהער אונדזערע, וועט ניסן קיין איין טאָג דאָ מער ניט בלײַבן, און זי וועט אים ניט פארהאלטן. נאָר דערווײַל האָט זי דער־פון ניט וואָס צו קלערן.

— איך גיי מאָרגן אוועק.
— וואָס?
— איך גיי אוועק מאָרגן.
אסיע האָט זיך אופגעזעצט.
— וווהין גייסטו מאָרגן אוועק?
— איך קלער שוין א צײַט וועגן דעם. ווי נאָר איך בין געקומען א ביסל צו־זיך, קלער איך דערפון.
— כ׳פארשטיי ניט, וואָס דו רעדסט. וווהין קלײַבסטו זיך אוועקגיין? קיין פארטיזאנער זײַנען אין אונדזערע קאנטן ניטאָ.
— איך וויל גיין צו זיך אין דאָרף.
— ביסט באם זינען?!—האָט זי שיר ניט אויסגעשרי׳ען.
— איך קאָן אנדערש ניט. איך מוז זיך דערוויסן, וואָס איז מיט מײַן יעכעוועדקען, צי האָט זי זיך עוואקוי׳רט. כ׳האָב זי איבערגעלאָזט א קראנקע, אין גיפּס. אינעם שכיינעסדיקן אוקראַיִנישן דאָרף האָבן מיר גע־האט באקאנטע. כ׳וועל זיך דאָרטן אָנפרעגן, אויב זי האָט ניט בא־וויזן זיך עוואקוי׳רן. ווער ווייסט, עפּשער באהאלט זי זיך דאָרט בא עמעצן אויס און כ׳וועל זי קאָנען זען.
— ניין, דו הערסט ניט, וואָס דו רעדסט. ווייסט כאָטש, וואָס עס טוט זיך ארום־און־ארום? טרעטסט נאָר אריבער די שוועל, ברענגסטו אום אי זיך, אי אונדז.
— איך וועל ארויסגיין אינמיטן דער נאכט, ווען אלע שלאָפן. קיינער וועט ניט זען. איך בין א סאָלדאט. איך ווייס, ווי זיך מאסקירן.
זי איז צוגעפאלן צו אים, צוגעדריקט זײַן קאָפּ צו איר הויכער שטײַ־פער ברוסט און געשטיקט אין זיך די טרערן:
— ווי וועל איך איצט אויסקומען אָן דיר... איך פארלאנג פון דיר גאָרניט. זײַ מיט מיר, ביז אונדזערע וועלן זיך צוריקקערן. איך וועל דיך דעמלט קיין איבעריקע רעגע ניט פארהאלטן. טײַערער, ליבינקער מײַנער...
— איך קאָן ניט. איך טאָר ניט. פארשטיי מיך...
נאָר אסיע קאָן ניט און וויל עס ניט פארשטיין. קומט אויס, אז ער איז, ליגנדיק דאָ אונטערן היי, געווען פארנומען ניט אזוי מיט צוהערן זיך, וואָס עס טוט זיך ארום אים, ווי מיט דעם, וואָס עס טוט זיך אין אים, און דער געדאנק זי צו פארלאָזן און אוועקגיין איז בא אים אופגעג־קומען ניט נעכטן און ניט אייערנעכטן... ווי האָט זי עס פרי׳ער ניט בא־מערקט? און וואָס האָט זיך געענדערט דערפון, וואָס זי ווייסט עס שוין, אז סײַווי קאָן זי גאָרניט ענדערן? זי זעט עס ארויס פון זײַן צערטלעכן און האלדזן זי הײַנט. דאָך פרוווט זי אים ווידער אָפּריידן:
— טאָרסט ניט אוועקגיין,—און שטילער, ער זאָל ניט אָנעמען, אז פאר איר איז עס דער סאמע איקער,—ווי וועל איך איצט אויסקומען אָן דיר?.. גיי ניט אוועק.
זי האָט ניט דערוואַרט, אז ער וועט איר אנדערש ענטפערן:
— איך מוז גיין, איך מוז זיך דערוויסן, ווו איז זי.
— און צוליב דעם שטעלסטו אײַן דאָס לעבן?

— איז עס דען ווייניק, אז מע זאָל צוליב דעם אײנשטעלן דאָס לעבן?

עס זײַנען דורך עטלעכע שווערע, שטומע רעגעס, מע האָט, דאכט זיך, געקאָנט הערן, ווי די פאַרטונקלטע לעוואָנע שווימט אַרויס פון הינטערן וואָלקן, און אין אָט דער אָנוואַקסנדיקער שטילקייט האָט ניסן דערהערט:

— זאָג מיר, וווּ דאַרף איך זי זוכן. איך וועל אַליין צוגיין אַהין זיך דערוויסן. כ׳שווער דיר...

— איך גלייב דיר, טײַערינקע, כ׳קאָן אָבער ניט שטעלן דײַן לעבן אין געפאַר. וועסט זאָגן: „און דאָ שטעל איך דען ניט דאָס לעבן מײַנס אין געפאַר?״ דאָך איז עס ניט אײַנגאַנצן אַזוי... דאָ, אַז מע וועט מיך געפינען בײַ דיר, קאָנסטו זיך פאַרענטפערן, אַז דו זעסט מיך צום ערשטן מאָל אין לעבן. ווי קום איך צו דיר אַפן בוידעם? מיסטאָמע בין איך אַהין פאַרקראָכן, ווען קיינער איז ניט געווען אין שטוב, צי שפּעט בײַנאַכט, ווען איר זײַנט אַלע געשלאָפן. אָבער דאָרט, וווּהין איך גיי, איז געווען אַ ייִדיש דאָרף. וועט מען דיך גלײַך פרעגן, נאָך וואָס און צו וועמען ביסטו געקומען אַהין.

— נו, איך בין געקומען עפּעס אויסבײַטן. אַלע פאַרנעמען זיך איצט דערמיט.

— צוליב דעם דאַרף מען זיך אָבער ניט פאַרקלײַבן אַזוי ווײַט, — און עס דערמאָנט זיך ניסענען אַ פאַרלאָפענער זומער מיט יאָרן, יאָרן צוריק, ווען איבער די קאָלווירטן פון זייער געגנט האָבן זיך אַ לאָז געטאָן פון ווײַטע שטעט און דערפער אַלט און יונג אויסבײַטן ווער וואָס עס האָט פאַרמאָגט אויף אַ טאָרבעלע מעל, אויף אַ לעבל ברויט. די אָנגעקומענע האָבן דערציילט, אַז אין זייערע קאַנטן איז אַ גרויסע פאַרטריקעניש. פאַרברענט געוואָרן ביז אַ זאַנג. אַ ראַכמאָנעס אַ קוק צו טאָן אויף דער ערד, ווי פאַרטריקנט און פאַרשמאַכט זי איז! און בײַ אים אין קאָלווירט און אין אַלע אַרומיקע קאָלווירטן פון זייער געגנט איז דאַן גראָדע געווען אַ גרויסע גערעטעניש. צו דרײַסיק, צו פינף און דרײַסיק צענטנער פון אַ העקטאַר האָט מען אײַנגעקליבן, צו פיר קילאָגראַם ווייץ אויף איין אַרבעטסטאָג געטיילט. האַיאַר אָבער, — ער האָט עס באַוויזן באַמערקן, ווען ער איז געלעגן אינעם ווייץ, און אַסיע אַליין האָט עס אים אויך געזאָגט, — איז דאָ, בײַ זיי, ווי אויף צולאָכעס, אַ גרויסע גערעטעניש. — און אַז מע וועט צו דיר צושטיין, זאָלסט זאָגן, נאָך וואָס פרעגסטו זיך אַזוי נאָך אויף די באָרכינס, וואָס וועסטו ענטפערן? פאַר גוטס, פאַר אײַנשטעלן פאַר יענעם דאָס אייגענע לעבן, ווי דו טוסט עס צוליב מיר, צאָלט מען ניט, אַסיע טײַערע, מיט שלעכטס. עפּשער וועט מיר אָפּגליקן און איך וועל אַפן וועג זיך ערגעץ אָנשטויסן אויף פאַרטיזאַנער און וועל זיך ווידער קאָנען שלאָגן מיט די פאַשיסטן.

אַסיע האָט ברייט צעפירט די הענט, ווי זי זאָל מוירע האָבן, אַז ער קאָן אָט שוין אַוועקגיין, פאַרצאַמט זי אים דעם וועג.

— איך וועל דיך אַליין ניט לאָזן. כ׳וועל מיטגיין מיט דיר.

איצט איז ער שוין געווען דער עלטערער, דער מער דערפאַרענער, און זי — דאָס קינד.

— דו ווייסט, וואָס דו רעדסט? האָסט ניט געלייענט די דײַטשישע פלוגבלעטלעך, זייערע באַפעלן? ווייסט ניט, וואָס עס קומט פאַר ניט ארויסגעבן קיין יידן? כאַפּט מען דיך, טייט מען דיך אויפן אָרט באַגלײַך מיט מיר.

— מיך שרעקט עס ניט. איך קאָן ניט זײַן אָן דיר.

— און מיר, מיינסטו, איז לײַכט זיך צעשיידן מיט דיר? דו ביסט זייער, זייער א גוטע, א געטרײַע, אַן איבערגעגעבענע. כ׳וועל דיך קיינ־מאָל ניט פאַרגעסן.

פאַרשטעלנדיק זיך אָט דאָס אַלץ פונעם אויסגעלייענטן, האָט זײַוול זיך אויך פאָרגעשטעלט, ווי אסיע לייגט אוועק דעם קאָפּ אירן ניסענען אויף דער ברוסט, קלאַמערט זיך אין אים אײַן, ווי מוירע האָבנדיק, אַז ער קאָן זי ניט אָפּוועקן און אוועקגיין, ניט געזעגענענדיק זיך מיט איר.

אין פענצטערל האָבן אַרײַנגעפינקלט די ווײַטע שטערן. און דער זעל־בער געדאַנק, וואָס איז אים דעמלט, דערזעענדיק זיך ליגן אינעם ווייץ, געקומען אויפן זינען וועגן דער העליש־פײַערדיקער זון איבערן קאָפּ, איז ניסענען איצט געקומען אויפן זינען וועגן אָט די ווײַטע, אַרײַנפינקלענדיקע שטערן. זיי גייט גאָרניט אָן, זיי קוקן אַראָפּ פון דער טונקל־בלויער הייך, ווי זיי האָבן אַראָפּגעקוקט אין אַזעלכע נעכט פאַר דער מילכאָמע, גלײַכגיל־טיקע צו דעם, וואָס עס טוט זיך אויף דער ערד. זיי שטעלן זיך פאַר איר ארויס: „זע, וויפל מיר זײַנען. קיין שטויבעלע איז ניטאָ אַפילע ווו צו פאַלן, אַזוי געדיכט זײַנען מיר דאָ באַזעצט. מיר האָבן אָבער קיינמאָל ניט גע־פירט צווישן זיך קיין מילכאָמעס און קלײַבן זיך ניט פירן. מיר לעבן צווישן זיך בעשאָלעם".

ליגנדיק אַזוי מיט צוגעשלאָסענע אויגן, האָט ניסענען זיך אויסגעוויזן, אַז איבער אים שטייט אָנגעבויגן זײַן כעוועדקע. זי איז געקומען א הינ־קענדיקע. זי איז נאָך אַלץ אין גיפּס, אַזאַ ווי ער האָט זי איבערגעלאָזט אינעם זוניקן פרימאָרגן, ווען ער איז אוועק אויף דער מילכאָמע. דאַרף טרעפן, אַז פונקט עטלעכע טעג פאַר דעם זאָל זי אַזוי ניט געלונגען אַראָפּ־פאַלן פונעם וועלאָסיפּעד, וועלכן ער האָט איר געקויפט אין קאָאָפּעראַציע פאַר דעם ברויט, וואָס ער האָט אויף דער האַרטע פרײַזן פאַרקויפט דער מעלוכע. סאַראַ וווּנדערלעך שיינער וועלאָסיפּעד דאָס איז געווען. זײַן ניקלנע ראַם האָט אָפּגעלויכטן מיט אָן א שיר זונען. אַלע באָכערים פון דאָרף פלעגן זיך אָפּשטעלן קוקן, ווי זי פאָרט, און מער פון אַלעמען דער נײַער שאָפער פאַ־ווען איוואַנאָוו — א הויכער, קרעפּטיקער באָכער מיט ליכטיקע אויגן. ער האָט עטוואָס צוגעהונקען און איז, דאַכט זיך, געווען דער אייינציקער יונ־גער מאַנצבל אין דאָרף, וואָס איז פאַרבליבן אין דער היים. געזעגענענדיק זיך מיט אים, האָט פּאַוועל געזאָגט, אַז ער האָט זיך ניט, ניסן, וואָס צו זאָרגן וועגן יעכעוועדקען. אויב זי וועט ניט קאָנען זיך עוואַקויִרן, וועט ער זי אויסבאַהאַלטן, זי און זײַנע און אירע עלטערן. ער מעג זײַן רויִק.

ווי דורכן שלאָף איז צו ניסענען דערגאַנגען אסיעס רייד:

— דו ווייסט דאָך ניט דעם וועג.

— איך בין א שאָפער, בין א סאַך אַרומגעפאָרן. מיר גיט זיך אויס, אַז

איך בין אויך געווען אין די דאָזיקע ערטער. מעגלעך, אז איך בין אפילע דורכגעפאָרן דורך אײַער דאָרף. כ׳וועל זיך דערקלײַבן.

איך לעצטע האָפענונג:

— ס׳האָבן בא דיר ניט פארהיילט זיך נאָך אלע ווונדן. ווארט כאָטש איבער דעם ווינטער. ס׳איז דאָך שוין טיף אין הארבסט.

— ניין, מײַן טײַערע. מיך קאָן איצט אָפּהאלטן בלויז איינס: כ׳זאָל זיך קאָנען אומקערן צוריק אפן פראָנט אָדער אָנטרעפן צו די פארטיזאנער. זאָגסטו, אז פאר דער צײַט, וואָס איך בין בא דיר, זײַנען אונדזערע ווײַט אָפּגעטראָטן? איך האָב געזען, ווי אזוי אונדזערע שלאָגן זיך און ווי אזוי עס שלאָגן זיך די דײַטשן. ווען אונדזערע זאָלן האָבן אזויפיל עראָפּלאַנען און טאַנקען ווי זיי... נאָר זיגן וועלן מיר. זאָלסט אין דעם קיין רגע ניט צווייפלען!

— איך צווייפל דען?

## קאַפּיטל זעכצן

אין עטלעכע טעג ארום, שפּעט אין דער נאכט, האָט ניסן, אין אַן אַלטן גארניטער און מיט א פּאָר לעבלעך ברויט און אָפּגעקאָכטע קאַרטאָפל אינעם לײַוונטענעם רוקזעקל, פארלאָזט דאָס דאָרף און אוועק מיט די פעלדער אף דאָרעם. די געדיכטע, אראָפּהענגענדיקע וואָנצעס האָבן אים געמאכט עלטער אף היפּשע עטלעכע יאָר.

קאַיאָר, ס׳האָט נאָר א שפּריץ געטאָן די הארבסטיקע גרויקײַט פונעם אָנקומענדיקן טאָג, איז ניסן פארקראָכן אין א סקירדע היי און אָפּגעלעגן דאָרט פארטײַעט, ביז ס׳איז ווידער געקומען די געגאַרטע נאכט און אינעם הויכן שווארצן הימל האָבן זיך ווידער צעפינקלט די שטערן.

און אזוי טאָג נאָך טאָג, נאכט נאָך נאכט.

דערווײַל האָט אים אָפּגעגליקט. פאר די אלע נעכט האָט ער בלויז איין מאָל זיך אָנגעשטויסן אף א מענטשן. ס׳איז געשען אזוי אומגעריכט, אז ער האָט קיין טראָט ניט באוויזן צו מאכן, כאָטש סײַווי האָט ער דאָ ניט געהאַט וווּ זיך אויסצובאהאלטן. דאָס פעלד ארום איז געווען נאקעט־הויל, אָן איין סקירדע. די שרעק איז געווען אַן אומזיסטע. ער האָט זיך אָנגעטראָפן אף אַן עלטערער פויערטע, וואָס האָט אינמיטן דער נאכט זיך געלאָזט גיין פון דער סטאנציע צו זיך אין דאָרף. דער צוג, מיט וועלכן זי איז געקומען, האָט פארשפּעטיקט אף עטלעכע שאָ, און זי האָט ניט געוואָלט ווארטן ביז אינדערפרי.

די סטאנציע, פונוואַנען זי האָט זיך געשלעפּט אינעם באנאכטיקן כוישעך, איז ניסענען געווען באקאנט. ס׳איז ניט ווײַט פון א גרויסער קנופּ־סטאנציע. פון דאָרט האָט ער נאָך אויך א סאך צו גיין, ער גייט אָבער ריכטיק, ער האָט זיך פון וועג ניט אראָפּגעשלאָגן.

אין איינעם א זוניק־לויטערן טאָג, וואָס גיט זיך אויס אין די היגע קאנטן אויך שפּעט אין הארבסט, האָט ניסן, ליגנדיק פארטײַעט אין א הויכער סקירדע, ניט ווײַט פון זיך דערהערט הילכיקע קינדערשע שטי־מען. קענטיק, זיי האָבן זיך געשפּילט, און אויב קינדער האָבן ניט מוי־

רע זיך שפּילן אין פעלד, איז מיסטאמע שטייען ניט אײַן בא זיי אין דאָרף קיין דײַטשן.

פונעם ברויט און פון די אָפּגעקאָכטע קאַרטאָפל, וואָס אסיע האָט אים מיטגעגעבן אפן וועג, איז שוין קיין סימען אפילע ניט פאַרבליבן. און אויסבײַטן דאָס קאָפּטל און נאָך עפּעס פון אסיעס זאכן, וועלכע זי האָט אים מיט גוואלד אַרײַנגעשטופּט אינעם רוקזעקל, האָט ער דערווײַל ניט געהאַט ווו.

דער הונגער האָט אים ניט געלאָזט זיך לאנג קווענקלען און אַרויסגע־טריבן פון דער סקירדע.

— קינדער!

דאָס קאָל זײַנס איז געווען צו שוואך, אז עס זאָל זיי קאָנען אָניאָגן און פאַרהאלטן. די דערשראָקענע קינדער האָבן, אָפּלויפנדיק א ביסל, זיך אליין אָפּגעשטעלט און מיט פאַרדאכט געקוקט אפן אומבאקאנטן, וואָס האָט זיי גערופן צו זיך.

— האָט ניט מוירע פאַר מיר. איך וועל אײַך גאָרניט טאָן. איך בין א רויטאַרמייער, כ׳בין געווען שווער פאַרוווּנדעט. דײַטשן זײַנען דאָ בא אײַך אין דאָרף?

— ניין, פעטערל. און וווהין גייט איר?

— דאָס איז א סאָד. זאָגט איר, אז בא אײַך אין דאָרף זײַנען ניטאָ קיין דײַטשן? איר נאַרט מיך ניט?

— ערן־וואָרט, — האָבן אויסגעשריִען עטלעכע קינדער מיטאמאָל און אופגעהויבן די הענטלעך איבערן קאָפּ, ווי באַם אָפּגעבן א פּיאָנערישע שווּע.

— איז ברענגט מיר, קינדער, וואָס אָפּצועסן. עפּשער קאָנט איר מיר קריגן ברויט מיט נאָך עפּעס אפן וועג? כ׳האָב נאָך א סאך צו גיין. נו ווער פון אײַך נעמט זיך אונטער מיר עס ברענגען? זעט אָבער, איר זאָלט אין דאָרף קיינעם קיין וואָרט וועגן מיר ניט זאָגן.

— איך וועל גיין עס קריגן, — האָט זיך אָנגערופן א דאַר ייִנגעלע מיט א פלאַקסענעם קעפּל האָר און קאַרע אייגעלעך אונטער ליכטיקע ברעמען.

— וואַניעס טאַטע איז געווען בא אונדז דער פאָרזיצער פון קאָל־ווירט, — האָט געזאָגט דאָס ייִנגעלע, וואָס איז געשטאַנען לעבן וואַניען, אויך א דאַרלעכער, נאָר מיט גרויסע העלע אויגן. — ער און מײַן טאַטע זײַנען אף דער מילכאָמע. און פאַרוואָס זײַנט איר ניט אף דער מילכאָמע? אַרײַנגעפאַלן אין פלען?

— ניין, איך בין ניט געווען אין געפאַנגענשאַפט, איך בין געווען אין אַרומרינגלונג. זיך אַרויסגעריסן פון דאָרט. א שטיקל צײַט, ביז די ווונדן האָבן זיך ניט פאַרהיילט, האָב איך זיך אויסבאַהאַלטן. איצט גיי איך צו אונדזערע. עפּשער וועל איך אָנטרעפן אף פאַרטיזאַנער. בא אײַך דאָ זײַנען ניטאָ קיין פאַרטיזאַנער?

די קינדער האָבן פאַרדעכטיק אף אים א קוק געטאָן. ניסן איז געווען קימאַט זיכער, אז ווען וואַניע זאָל ניט געווען אוועקלויפן, וואָלטן די קינדער אים אומגעקערט צוריק.

— ס'איז גוט, קינדער, וואָס איר טרויט ניט יעדן אָן. מע טאָר איצט ניט יעדן איינעם אָנטרויען...

— און אײַך?

— אויב איר גלייבט ניט, דאַרף מען מיר אויך ניט אָנטרויען. איך זע דאָך אָבער, קינדער, אַז איר גלייבט מיר. איאָ, איר גלייבט מיר?

— יאָ, — האָט געענטפערט פאַר אַלעמען דאָס ייִנגעלע מיט די גרויסע העלע אויגן, וועמענס טאַטע ס'איז צוזאַמען מיט וואַניעס טאַטן אַף דער מילכאָמע.

מיט אַ לאַבן ברויט און עטלעכע ציבעלעס אינעם רוקזעקל האָט ניסן מיט זײַטיקע וועגן און שטעגן געבלאָנקעט נאָך עטלעכע נעכט איבער די נאַקעטע פעלדער, און זײַן גרעסטער סוינע איז געוואָרן די זון, די זעלבע זון, וואָס פלעגט אַראָפּקומען צו זיי אין דאָרף זיך אָנטרינקען מיטן קילן טוי פון די ווײַנגערטנער און זיך אָנהענגען אָנעם קוזאָוו פון זײַן לאַסט־מאַשין. ווען ניסענען האָט זיך באַם זון־אויפגאַנג ניט געטראָפן אין וועג קיין סקירדע, האָט ער דעמלט מער אויבנוף געהאַלטן דאָס שאַרפע מע־סער, וואָס אַסיע האָט אים מיטגעגעבן. דאָס איז געווען ס'איינציקע גע־ווער, וואָס ער האָט געהאַט בא זיך. פונעם ערשטן טראָט זײַנעם, וואָס ער האָט געמאַכט, פאַרלאָזנדיק די שטוב, ווו מע האָט אים אויסגעהיט פון טויט, האָט ער געהאַט געוווּסט, אַז קיין לעבעדיקן וועט מען אים ניט נעמען.

וואָס מער ניסן האָט זיך דערנעענטערט צו זײַן דאָרף, אַלץ אָפטער האָט ער זיך פאַרטראַכט: און ווי וועט זײַן, אויב ער וועט זיך דערוויסן, אַז כעוועדקע און קיינער פון זייערע אייגענע האָבן ניט באַוויזן אַרויס־פאָרן און זיי זײַנען אומגעקומען צוזאַמען מיט אַלעמען, וואָס האָבן זיך ניט עוואַקויִרט? נאָר אינעם זעלבן אויגנבליק האָט ניסן אָפּגעטריבן פון זיך דעם דאָזיקן געדאַנק. זיי האָבן דאָך אינעם שכיינעסדיקן אוקראַיִנישן דאָרף קוליבאַ באַקאַנטע. מע וועט זיי דאָרט אויסבאַהאַלטן. אָט האָט אים דאָך אויסבאַהאַלטן בא זיך אינגאַנצן אַן אומבאַקאַנטע פרוי, געשטעלט אין קאָן דאָס אייגענע לעבן, דאָס לעבן פון איר מוטער, פון אירע צוויי קליינינקע טעכטערלעך.

אין דאָרף צו זיך איז ניסן אָנגעקומען בא האַלבער נאַכט. ווי אָנ־שטויסנדיק זיך, אַז זי איז דאָ אינגאַנצן איצט אַן איבעריקע, איז די נאָכ־גייענדיקע לעוואָנע אַרײַן אין אַן אָנגעשוואָלענעם וואָלקן, וועלכער האָט אויסבאַהאַלטן אין זיך דעם אויסגעשטערנטן פאַס הימל, וואָס צווישן די צוויי דערווײַטערטע איינע פון דער אַנדערער דאָרפֿישע גאַסן.

אַף וואָס, אייגנטלעך, וואַרט ער, וואָס ער שטייט און קוקט זיך אַלץ אַרום? ס'זאָל זיך עפּענען דאָ ערגעץ אַ טיר און מע זאָל אים פאַרבעטן צו זיך אין געסט? איז עפּעס ניט קענטיק, אַז עמעצער זאָל דאָ וווינען. אין די שטאַלן אַפן קאָלווירטישן הויף, ווי שפּעט ס'זאָל ניט זײַן, האָט זיך שטענדיק געלויכטן, און איצט איז דאָרט דער זעלבער כוישעך, וואָס קוקט דאָ אַרויס פון אַלע הײַזער. נאָר אָט האָט זיך צעבילט אַ הונט. ס'איז ניט פּאָלקאַן, דער איינציקער הונט אַפן גאַנצן דאָרף, וואָס איז בא איטלעכן געווען אַן אָנגעלייגטער גאַסט און צו איטלעכן געווען איבער־

געגעבן. אוי, ווי ער וואָלט זיך מיט אים איצט געהאַלדזט... נו, וואָס שטייט ער? די נאַכט וועט דאָך אָט־אָט איבערלויפן. ווו וועט ער זיך דעמלט אַהינטאָן? אַרײַנקריכן אין אַ סקירדע? אָפן קאַלווירטישן הויף, לעבן טויק, האָט ער פאַרבײַגייענדיק ניט באַמערקט קיין סקירדעס. נו, וויפל קאָן מען אַזוי שטיין און זיך אַרומקוקן? ער קווענקלט זיך עפשער, צי איז עס זײַן דאָרף? די ייִשובֿים פון זייער דאָרפסראַט זײַנען ביז גאָר ענלעך איינער אָפן אַנדערן. דאָך האָט יעדערער זיך פּאָרט מיט עפּעס אויסגעטיילט און זיך געלאָזט דערקענען אינעם גרעסטן כווישעך. אים האָט זיך עס אויסגעוויזן, צי עמעצער איז טאַקע ווירקלעך אַרויס פון זייער שטוב? „כּעוועדקע, דאָס ביסטו?" — האָט אינווייניק אין אים אַ געשריי געטאָן.

ניין, צו זיך אין שטוב וועט ער ניט אַרײַנגיין. די אייגענע שטוב קאָן אַמאָל ווערן דער גרעסטער סוינע. אַהער וועט ער אויך ניט פאַר־גיין. דאָ האָט געוווינט דער לעצטער אינדיווידועלער פּויער באַ זיי אין דאָרף אַרן כאַזאַנאָוו, אַ פּרומער ייִד געווען. ער האָט זיך מיסטאַם ניט עוואַקויִרט. זיך פאַרלאָזט אָף גאָט. צו וועמען פּאָרט זאָל ער אָנקלאַפּן? אָף יענער גאַס וווינט דער שאָפער פּאַוועל איוואַנאָוו. צוליב דעם מוז ער אָבער דורכגיין דאָס גאַנצע דאָרף. פּאַוועל וווינט אין סאַמע ברעג גאַס. וואַרט, רופט ער זיך אָן צו זיך, אין דער פערטער שטוב פונדאַנען, ווו ער שטייט, וווינט דאָך מיטראָפאַן.

דער שמיד מיטראָפאַן ניקאָלײַעוו און דער שאָפער פּאַוועל איוואַנאָוו האָבן זיך באַזעצט באַ זיי אין דאָרף ניט לאַנג פאַר דער מילכאָמע. מיטראָ־פאַן און פּאַוועל זײַנען די איינציקע צוויי מענטשן, צו וועמען ער קאָן אָנקלאַפּן.

אָנגעקלאַפּט האָט ער צו דעם שמיד שטיל, ניט זיכער. ווער ווייסט, עפשער האָט יענער זיך איבערגעקליבן אין אַן אַנדער שטוב?

— ווער איז עס? — האָט זיך דערהערט פון אינווייניק אַ פאַרשלעפּערט צוגעדעמפּט קאָל. ס'איז זי, פּראַסקאָוויע סטעפּאַנאָוונע, די מומע פּראָסיע, וואָס איז געווען אָן אָפּטע אַרײַנגייערן צו זיי אין שטוב. זי האָט גע־אַרבעט מיט זײַן מאַמען אָף דער פערמע, מעלקערנס געווען.

— מומע פּראָסיע, עפנט.

— ווער איז עס? — דאָס קאָל פון יענער זײַט טיר איז געווען אַ שטילס און אַ דערשראָקנס.

— פּראַסקאָוויע סטעפּאַנאָוונע, מומע פּראָסיע, דאָס בין איך, איך.

פּראַסקאָוויע סטעפּאַנאָוונע האָט ניט זיכער געעפנט די טיר און גע־קוקט אָפן אַרײַנגעקומענעם, ווי אָף אַ ווילד־פרעמדן, ווערלכן מע זעט צום ערשטן מאָל.

— איר דערקענט מיך ניט, מומע פּראָסיע, וואָס איר קוקט אָף מיר אַזוי?

— ניסן?

— יאָ, מומינקע פּראָסיע, ס'בין איך, ניסן באָרכין.

— ניסנקע אַלטערס? אוי, גאָט מײַנער! — און זי איז אים אַרופגעפאַלן אָפן האַלדז. — ווי קומסטו, ליבינקער, איצט אַהער? פונוואַנען?

— מומע פראָסיע, ווו זײַנען אלע מײַנע? כעווערקע...

— דײַנע, ניסנקע, האָט אָפּגעגליקט. זיי האָבן זיך ניט געלאָזט אײַנ־ריידן, ווי אנדערע, און זיך באַצײַטנס עוואַקויִרט.

— וווהין?

— פונוואַנען קאָן איך וויסן? נאָר ווו זײַנען אײַערע שכיינים — מאָטל בערגונקער, שלוימע רעווזין, ציפּע מיראַשניק, און מײַנע שכיינים — יאַנקל באַקאַלייניק מיט מענדל נאַרשטיינען, — אָט דאָס, זעסטו, ווײַ צו מײַנע אויגן, וואָס האָבן עס אַלץ צוגעזען, וואָלט איך דיר געקאָנט ווײַזן. אין דעם ניט פאַרשאָטענעם אַרטעזיִאַנער ברונעם, ווו מע האָט אַמאָל געהאַט געזוכט וואַסער, ליגן זיי. אַלע, וואָס האָבן ניט באַוויזן זיך עוואַקויִרן, ליגן דאָרט... די קינדער האָט מען לעבעדיקערהייט אַהין אַרײַנגעוואָרפן. אוי, וואָס דאָ האָט זיך געטאָן... איז ווי קומסטו, טײַערינקער מײַנער, אַהער? דיך האָט מען דאָך נאָך אין די ערשטע טעג גענומען אַף דער מיל־כאָמע.

— ס'איז אַ סאַך צו דערציילן, מומע פּראָסיע. איך בין געווען שווער פאַרוווּנדעט. מע האָט מיך אויסבאַהאַלטן...

און אַז ער האָט געענדיקט איר דערציילן, וואָס איז זיך מיט אים פאַרלאָפן פאַר דער דאָזיקער צײַט, אַלץ אויסדערציילט, ווי אַן אייגענער מאַמען, האָט זי שווער אָפּגעזיפצט און געפרעגט:

— אונדזער קאַליען האָסטו אין ערגעץ ניט באַגעגנט? מע האָט אים אויך אײַנגיכן גענומען אַפן פראָנט.

— ניין, מומע פּראָסיע, — ער האָט זיך אומגעקוקט. — ווו איז דער פעטער מיטראָפאַן?

זי האָט קוים אײַנגעהאַלטן אין זיך דאָס פאַרשטיקטע געוויין, עס זאָל זיך ניט אַרויסרײַסן פון איר מיט אַ געיאָמער:

— די דײַטשן האָבן אים נאָך אין דער ערשטער וואָך געכאַפּט, אָפּ־געהאַלטן אַ שטיקל צײַט אין געסטאַפּאָ און דערשאָסן. מיטראָפאַן מײַנער איז דאָך געווען אַ קאָמוניסט. און ווייסט, ווער ס'האָט אים אַרויסגעגעבן? פּאַוועל.

— פּאַוועל איוואַנאָוו? דער שאָפער?

— וואָס פאַר אַן איוואַנאָוו? ער איז פון די פאָלקסדויטשן, פון די אַמאָליקע רײַכע קאָלאָניסטן. זײַן עמעסע פאַמיליע איז שפּיצבערג, און הייסן הייסט ער יאָאַכים, צי יוכים, דער שוואַרציאָר ווייסט אים. אוי, איז דאָס אַ הונט! ער איז דאָ איצט בא אונדז דער גאַנצער באַלעבאָס. באַהיט גאָט, ער זאָל דיך דערזען. דערוויסט ער זיך, אַז ביסט געווען בא מיר... ווו זאָל איך דיך אויסבאַהאַלטן, טאָמער שפּרינגט ער, כאָלילע, פּלוצעם אָן...

— מע דאַרף מיך ניט אויסבאַהאַלטן. איך וועל נאָר עפּעס איבערבײַסן און לאָז זיך גלײַך צוריק. עפּשער וועט מיר אָפּגליקן און כ'וועל אַפן וועג אָנטרעפן צו די פּאַרטיזאַנער. דעם וועג פונדאַנען צו די וועלדער ווייס איך גוט.

ס'איז נאָך געווען ווײַט צו טאָג, ווען ניסן איז אַרויס פון שטוב און, אויסמײַדנדיק די בוימוואָל־פעלדער, אַוועק אין דער ריכטונג צו די ווײַט־

לעכע באַרגיקע וועלדער. איצט, אַז ער ווייסט שוין אַלץ, איז זיך אים געגאַנגען לײַכטער. וואָס מיט אים זאָל אַצינד ניט געשען, איז ער אָבער גליקלעך, וואָס כעוועדקע זײַנע וועט וויסן, אַז ער האָט זי געזוכט, אײַנגעשטעלט צוליב איר דאָס לעבן. די מומע פּראַסיע וועט עס איר דערציילן.

מיטאַמאָל האָט ער דערהערט אין דער נאָענט א גאַלאָפּ. זיך אויסבאַ־האַלטן דאָ ערגעץ אין אָפענעם סטעפּ איז ניט געווען ווו. ביז דער נאָענטסטער סקירדע איז א קילאָמעטער די ווײַט, און נאָך ווײַטער איז פון דער מיטגייענדיקער לעוואָנע ביז צום וואָלקן, אַז זי זאָל קאָנען פאַרטונקלען אין אים איר העלע שײַן, און דערמיט אויך אים, ניסענען, אויסבאַהאַלטן דאָ אין הוילן סטעפּ.

דער רײַטער האָט אים אָנגעיאָגט. נאָר ניסן האָט באַוויזן אַרויסכאַפּן דאָס מעסער פון דער קעשענע.

— באָרכין? ניסן? — האָט, אָנשטעלנדיק אף אים דעם נאַגאַן, אויסגע־שריִען דער רײַטער. — אָט דאָס הייסט א באַגעגעניש! פונוואַנען גייסטו עס? וואָס קוקסטו אף מיר, ווי א באָק אף נײַע טויערן? האָסט מיך ניט דערקענט? אַנו, מאַרש צוריק! ווילסט ניט זאָגן, בא ווענען ביסט געווען? וועסט זאָגן! אַלץ וועסטו זאָגן! אַנו, בעגאָם! בעגאָם, זאָגט מען דיר!

דאָס דאָרף איז שוין געווען אויף, ווען יאָאַכים שפּיצבערג האָט צוגע־בונדן ניסענען, וועלכער האָט זיך א וואָרף געטאָן אף אים מיטן מעסער און אים שיִר ניט געטראָפן אין סאַמע האַרצן, צו דעם צעהיצטן אָגער און גענומען שמײַסן מיטן בײַטש־שטעקל דעם צעמאַזיקטן ניסענען, ער זאָל ניט אָפּשטיין.

— נו, וועסט זאָגן, פונוואַנען קומסטו אָן און בא וועמען ביסטו דאָ גע־ווען? און מיט דײַן כעוועדקען בין איך פונדעסטוועגן געשלאָפן.

— ס׳א ליגן, גלייב אים ניט!

ניסן האָט דערקענט די שטים, וואָס איז צו אים דערגאַנגען פאַרטויבט, ווי פון אונטער א וואַסער, דאָס איז געווען דער מומע פּראַסיעס קאָל. ניסן האָט אויסגעדרייט צו איר דעם קאָפּ, נאָר זי ניט געזען. אין די פּאַרגאַ־סענע אויגן האָט א בלענד געטאָן די פרימאָרגנדיקע צעשײַנטע זון, און אין דער זעלבער רעגע האָט ער דערפילט א מוירעדיקן שניט איבערן קאָפּ, און ער איז אומגעפאַלן. דאָס צעיאָגטע פערד האָט אים נאָכגעשלעפּט נאָך זיך איבער דער שטויביקער גאַס.

באַם אַרויספאָר פון דאָרף האָט יאָאַכים שפּיצבערג א קערעווע געטאָן דעם אָגער צום זעלבן ברונעם, צו וועלכן ער האָט פאַראַיאָרן זומער, אין פונקט אַזאַ לויטערן זוניקן פרימאָרגן ווי הײַנט, געטריבן די פאַרבליבענע ייִדן פונעם ייִדישן קאָלווירטישן דאָרף...

זײַוול האָט איבערגעלאָזט דעם נאָך ניט דערלייענטן בוך אפן טיש און איז אַרויס אין הויף.

די קילע סאָפּזומערדיקע נאַכט איז פול געווען מיטן זיסלעך־ווײַניקן דופט פון די אַרומיקע סעדלעך. דער הימל איז נאָך אַלץ געווען געדיכט

באזעצט מיט שטערן, זיי האָבן אַראָפּגעפינקלט פון דער הייך צו אים, ווי זיי זאָלן וואַרטן, וואָס האָט ער זיי צו זאָגן וועגן דעם אויסגעלייענטן, ווי האַלט ער אַצינד, וואָס האָט פונדעסטוועגן געגנייט ניסענען, אַז ער זאָל פאַרלאָזן די זיכערע באַהעלטעניש זײַנע בא אסיען אפן בוידעם, ווו ער איז מיט אַלץ געווען באַזאָרגט, און זיך שיידן מיטן לעבן. נאַפּטאָלע כע־סיק, ווייסט זײַוול, וועט אָפּ דעם ענטפערן: אין ניסענען איז גויווער גע־ווען דאָס מענטשלעכע אין אים. אָט דאָס, וואָס פאַרהיט דעם מענטש אינעם מענטשן, האָט ניט געקאָנט דערלאָזן, אַז ער זאָל זאָרגן בלויז וועגן זיך, וועגן דעם אייגענעם לעבן, זיך מאַכן ניט וויסן, וואָס איז מיט יעכעוועד־קען, וועלכע איז גיכער פון אַלץ, ווי ער האָט געקלערט, פאַרבליבן אין דער היים און געפינט זיך איצט אָפּ דער זעלבער אָקופּירטער ערד, וואָס ער. ניין, ניט די גרויסע ליבע זײַנע צו זײַן יונג ווײַבל האָט געפירט ני־סענען אין זײַן לעצטן וועג, נאָר דאָס, וואָס עס פאַרהיט דעם מענטש אינעם מענטשן.

אַזוי וואָלט זײַוולען מיסטאָמע געענטפערט דערויף דער לערער. זײַוול אָבער האָט אָפּ דעם דערווײַל בלויז יענעם ענטפער, וועלכן ער האָט שוין איינמאָל אַרויסגעזאָגט כעסינען, ווען ס'איז געקומען צו רייד, וואָס איז דאָס שטאַרקסטע אינעם מענטשן? פאַר זײַוולען איז קלאָר, אַז ניסענען האָט צעשיידט מיט דער זיכערער באַהעלטעניש זײַנער און אַוועקגעפירט אָפּ סאַקאָנעסדיקע וועגן און אומוועגן, ווו איטלעכע רעגע דאַרף מען זײַן גרייט אָפּצוגעבן דאָס לעבן, די ליבע זײַנע. איר, דער ליבע זײַנער, האָט ער אָפּגעגעבן דאָס יונגע לעבן זײַנס, ווײַל קיין גרעסערס און העכערס פון איר איז ניטאָ.

זיך דורכגעגאַנגען אַזוי עטלעכע מאָל, פאַרטיפט אין זיך, הין־און־צוריק איבערן סעדל, האָט זײַוול זיך אומגעקערט צוריק אין צימער און שוין ניט אַזוי זיכער אין זיך ווי ביז אַהער, אופגעמישט דאָס בלעטל, ווו עס הייבט זיך אָן דערציילן וועגן צירלען מיט כאָנען, אָנשטויסנדיק זיך, אַז די גע־שיכטע וועגן ניסענען איז געווען בלויז אַן אַרײַנפיר צו דעם, וואָס דאַרף שטאַרקן אין איטלעכן, וואָס וועט לייענען דעם דאָזיקן בוך, דעם גלויבן, אַז אינעם מענטשן איז דאָ פיל העכערס, פיל שטאַרקערס און הייליקערס פון ליבע.

די געשיכטע וועגן זיך און כאָנען האָט צירל אָנגעהויבן פונעם שפּעט־האַרבסטיקן באַגינען, ווען אין שטעטל איז שוין קיינער ניט געווען. אַלע זײַנען נאָך פון אָנהייב נאַכט געווען פאַרשפּאַרט שוין אין דער שטאַל באַם אַראָפּ־טײַך.

## קאַפּיטל זיבעצן

נאָר דאָס, וואָס צירל דערציילט וועגן יענעם שפּעטהאַרבסטיקן באַגינען, וויאַזוי איטלעכס מאָל, ווען סע פלעגן זיך דערהערן די שווערע געמאָסטע־נע טריט פון די קאָנוואָירן, האָבן די, וואָס זײַנען געשטאַנען אין דער שטאַל נעענטער צו דער טיר, זיך אָנגעוואַלגערט אָפּ די הינטערשטייענדי־קע, גרייט אַרײַנצושפּאַרן זיי צוזאַמען מיט זיך אין דער וואַנט, און וויאַזוי

גראדע זי, צירל, האָט מיט אלע קויכעס זיך געשטופּט צום ארויסגאנג, פונוואנען מע האָט צווישן די סאמע ערשטע ארויסגעפירט איר טאטע־מאמע, דערנאָכדעם אירע צוויי ייִנגערע ברידערלעך מיטן עלטערן שוועסטערל, און וויִאזוי דער פּאָליציִאנט, וואָס האָט זיי געהיט, האָט יעדעס מאָל זי אָפּגעשטויסן, צירלען, פון דער טיר, — האָט זייַוול, לעפּיִערעך, עס שוין געוווּסט פון פריִער. א טייל דערפון, וואָס איז פארשריבן וועגן דעם אין בוך, האָט אים הייַנט דערציילט כעסינס געוועזענע שילערן, בלומע, און מיט א שטיקל צייַט פאר דעם גופא צירל אליין, בייס זי האָט ענדלעך נאָכגעגעבן דעם לערער און אוועק אין אָוונט אים ווייַזן, זייַוולען, די שטאל, דאָס בריקל, אונטער וועלכן זי איז האלב א נאקעטע געשטאנען אין קאלטן וואסער קימאט א מעסלעס צווישן טשערעט.

שטייענדיק מיט אים דעמלט אין אָוונט באם ברעג טייַך, האָט צירל א זאָג געטאָן, ווענדנדיק זיך, אפּאָנעם, ניט צו אים, נאָר צו זיך אליין:

— וויי, וויי, ווי דער מענטש קאָן זיך עס אייַנריידן, זיך אליין אָפּנארן! מיר האָבן דאָך יעדעס מאָל געהערט די געשרייען מיט די גוואלדן, וואָס האָבן זיך דערטראָגן צו אונדז פון די, וועלכע מע האָט אוועקגעפירט, געהערט, ווי מע האָט עטלעכע מאָל אויסגעשאָסן פון א סאך ביקסן, און דאָך האָבן אלע, ווען מע האָט נאָך ניט געהאט פארנומען פון שטאל, געווארט אף א נעס. איך האָב געהערט, ווי איינער טרייסט דעם צווייטן. מיסטאמע האָב איך אויך געגלייבט אין א נעס, אינעם זעלבן נעס, אין וועלכן ס'האָבן געגלייבט אי יענע, וואָס מע האָט שוין ארויסגעפירט פון שטאל, אי די, ווען מע איז פון צייַט צו צייַט געקומען פארנעמען. גאָט מייַנער, ווי קאָן מען זיך עס לאָזן אזוי אייַנריידן? מיר האָבן דאָך יעדעס מאָל געהערט די שרעקלעכע געשרייען פון די, וואָס מע האָט אוועקגעפירט, די שיסערייַען, און דאָך זייַנען צווישן אונדז נאָך אלץ געווען אזעלכע, וואָס האָבן געגלייבט אין דעם, וואָס די פּאָליציִאנטן האָבן יעטווידעס מאָל איבערגעכאזערט, אז מע פירט אונדז צו דער ארבעט. קיינעם פון אונדז איז דערבייַ ניט אייַנגעפאלן אפילע פרעגן, וואָס פאר אן ארבעט קאָנען עס אופטאָן אלטע קראנקע לייַט און ברעקלעך קינדער... וויי, וויי, ווי מע קאָן זיך עס אליין אָפּנארן!..

ווי קומט עס, וואָס נאפטאָלע דאווידאָוויטש האָט עס ניט אריינגעטראָגן אהער אין בוך? צי כעסינען האָט זי בייסן דערציילן עס ניט געהאט געזאָגט, ווייַל ער האָט עס געוווּסט אָן איר? ער האָט אין גיכט ענלעכס אליין איבערגעלעבט די ערשטע צייַט, האָט ער געקאָנט איר ענטפערן. דער דאָזיקער בוך אָבער איז דאָך, ווי סע זאָגט כעסין אליין, ניט פאר אזעלכע, ווי ער, וואָס זייַנען פיל פון דעם, וואָס דאָ ווערט דערציילט, אליין אויסגעשטאנען, נאָר פאר אזעלכע, ווי זייַוול, און פאר זיי דארף מען דערציילן מער גענויער ווי ביז אהער. און עפשער האָט כעסין, בייס צירל האָט אים דערציילט וועגן זיך, ניט באוויזן אייַנצייַטיק אי עס אלץ אויסהערן, אי עס אלץ פארשרייַבן?

מיטן דאָזיקן געדאנק, אז ניט אלץ איז פארשריבן פּונקט אזוי גענוי, ווי דאָס האָט דערציילט צירל, זעצט זייַוול פאָר לייענען דאָס ווייַטערדיקע:

„...דער פּאַליציִאַנט, וואָס האָט מיך די גאַנצע צײַט אָפּגעשטויסן פון דער טיר, — כ'האָב אפילע ניט באוויזן אים רעכט זען, בלויז באמערקט, אז ער איז ייִנגער פון דעם אנדערן, וואָס מיטן פארבונדענעם אויג, מיט וועמען ער איז געשטאנען צוזאמען אף דער וואך, — האָט בייס מע האָט מיך צוזאמען מיט די לעצטע פארבליבענע ארויסגעפירט פון שטאל און געהייסן זיך אויסטאָן ביזן העמד, מיר שטיל אײַנגערוימט, אז ווען מע וועט מיך פירן איבערן בריקל, זאָל איך אראָפּשפרינגען אין טײַך און זיך דאָרט אויסבאהאלטן אין טשערעט. איך זאָל זיך ניט שרעקן, אויב ער וועט מיר נאָכשיסן. ווי נאָר ס'וועט ווערן נאכט, וועט ער קומען נאָך מיר און מיך ערגעץ בא עמעצן אויסבאהאלטן. איך זאָל אליין פון טײַך ניט ארויסגיין, נאָר ווארטן אף אים, ניט מוירע האָבן פאר אים...

אין דער קאָלאָנע האָט ער מיך אוועקגעשטעלט בא דער זײַט אין דער לעצטער ריי און געוועזן שטרענג צו מיר מער, ווי צו אלעמען. ער האָט מיך אפילע, בייס מע האָט אונדז געפירט, א פּאָר מאָל א טאָרקע געטאָן מיט דער אָנגעשטעלטער ביקס אין רוקן. כ'ווייס ניט, צי איז ער געוועזן בא זיי א שטיקל עלטסטער, נאָר מיר האָט זיך געדאכט, אז די פּאָליציִ־אַנטן, וואָס האָבן אונדז געפירט, האָבן א ביסל מוירע געהאט פאר אים".

זײַוול דערמאָנט זיך: ווען צירל האָט דאָס זעלבע, וואָס ער האָט נאָר־וואָס אויסגעלייענט, אים געהאט דערציילט דעמלט אין אָוונט באם טײַך, האָט ער זי געפרעגט:

— וואָס האָט אײַך אלעמען אָפּגעהאלטן, ווען איר האָט דערזען, אז מע פירט אײַך טייטן, זיך ווארפן אף אײַערע קאָנוואָיִרן? מוירע האָבן איז דאָך שוין ניט געוועזן וואָס. סײַווי דער טויט. עפשער וואָלט אייניקע פון אײַך געלונגען אנטלויפן.

— איר זײַנט ניט דער ערשטער, וואָס פרעגט עס מיך, — און צירל האָט אים דערויף געענטפערט דאָס זעלבע, וואָס ער האָט הײַנט געהערט פון בליומען, אז דער מענטש איז דאן גאָר אן אנדערער. אין אים ווערט פארפריִער אלץ אָפּגעטייט. עס לעבט בלויז אין אים די האָפענונג אף א נעס. ביז דער לעצטער רעגע האלט ער זיך אין דעם אָן, און דאָס גיט אים קויעך, ער זאָל קאָנען שטיין נאָך אף די פיס.

„...און ווי איך שלעפּ מיך אזוי איבערן בריקל, קוים האלטנדיק זיך אף די פיס, און קאָן זיך ניט פאָרשטעלן, איך זאָל אפילע וועלן, אז דאָס אלץ, וואָס איך זע איצט פאר זיך, וועט פון מיר באלד אף אייביק פאר־שווינדן, אז כ'וועל באלד זײַן א טויטע, און בין מעקאַנע מײַנע טאטע־מאמע, מײַנע ברידערלעך און שוועסטערל, וואָס זיי זײַנען עס שוין אלץ איבערגעקומען, דערפיל איך מיטאמאָל א שטאַרקן שטויס. דאָס בריקל גליטשט זיך ארויס פון אונטער מײַנע פיס, און איך — פליוך אין טײַך ארײַן. ניט באוויזן נאָך איבערכאַפּן פון שרעק און קעלט דעם אָטעם, ווי ער האָט זיך מיר ווידער פארהאַקט. כ'האָב דערהערט לעבן זיך א שי־סערײַ. נאָר די קוילן זײַנען געפלויגן ניט אהין, ווו איך בין געשטאַנען ביז איבערן קאָפּ אין טשערעט. געוועזן א רעגע, ווען כ'האָב געוואָלט אויסשרײַען: אהער, אהער שיסט! נאָר דאָס קאָל האָט זיך בא מיר אָפּ־

געגומען באַגלײַך מיט אַלע מײַנע אייוורים. ס׳איז וועגן דעם צו דערציילן און דערציילן און ס׳וועט זיך ניט אויסשעפּן... נאָר צו וואָס?..״

ווי ענלעך זיי ווערן עס צווישן זיך, צירל מיט בליומען, ווען זיי נעמען דערציילן וועגן זיך. ווי מיט געצוואונג דאַרף מען עס בא זיי אַרויס־ציִען. ער זאָל זיך ניט געוועז, זײַוול, אַרײַנמישן איין מאָל און אַ צווייט מאָל און אַזוי עטלעכע מאָל מיט זײַנע פֿראַגן, וואָלט בליומע, האָט ער געפֿילט, מיסטאָמע געווען אָפּגעקומען מיט געציילטע ווערטער, אָט ווי צירל אין יענעם אָוונט באַם טײַך. ווי׳אַזוי האָט זיך עס כעסינען אײַנגע־געבן, אַז צירל זאָל סאָפּקאָלסאָף נעמען געגוייער דערציילן? ניט אַנדערש, אַז ער איז זיך מיט איר באַגאַנגען, ווי ער, זײַוול, איז זיך הײַנט באַגאַנ־גען מיט בליומען, זיך אויך אָפּט אַרײַנגעמישט מיט זײַנע פֿראַגן, בייס צירל האָט אים דערציילט, ניט געלאָזט, זי זאָל פֿון דעם, וואָס זי איז אויסגעשטאַנען, עפּעס איבערהיפּערן. און מיט כאָנען, באַם פֿאַרשרײַבן זײַנע רייד, איז כעסינען מיסטאָמע אויך אויסגעקומען טאָן דאָס זעלבע. זײַוול דערפֿילט עס פֿון די עטלעכע שורעס, וועלכע ער האָט, איבער־מישנדיק אַ פּאָר בלעטלעך ווײַטער, אַ לייען געטאָן פֿון כאָנעס געשיכטע. פֿון דעם אַלעם האָט זײַוול געקאָנט מאַכן אַן אויספֿיר, אַז סײַ צירל, סײַ בליומע און, דאַכט זיך, אַז אויך כאָנע האַלטן, אַז ס׳האָט ביכלאַל ניט קיין זין פֿאַרשרײַבן געגוי אַלץ, וואָס מע האָט דורכגעלעבט, וואָס מע האָט געזען מיט די אייגענע אויגן, געהערט מיט די אייגענע אויערן, ווײַל צו יענעם, וואָס האָט, צו זײַן גרויס גליק, קיין טויזנטכיילעך דערפֿון ניט דורכגעמאַכט, וועט עס סײַווי ניט דערגיין. ניט קיין אַנדערע, ווי אַליין בליומע, האָט דאָך אים הײַנט געזאָגט: אַפֿילו צו איר גופֿע, ווען זי פֿאַר־טראַכט זיך וועגן דעם, וואָס איז זיך מיט איר פֿאַרלאָפֿן, דערגייט עס שוין ניט. און אין דערינען איז עפּשער איר גליק, אַנדערש וואָלט זי מיסטאָמע צען מאָל אַ טאָג זיך געריררט פֿון זינען. בליומע האָט אים געראַטן, ער זאָל קיינמאָל ניט צושטיין צו אַזעלכע, ווי זי, וואָס האָבן אַליין עס אַלץ דורכגעמאַכט, אַז זיי זאָלן אים וועגן דעם דערציילן. ס׳איז ניט פֿאַר די מענטשלעכע קויכעס עס אַלץ פֿונדאָסנײַ איבערלעבן, און ווי קאָן מען עס ניט איבערלעבן, בייס מע נעמט זיך דערמאָנען?.. צווישן די ווײַבער, וואָס האָבן זי איינמאָל איבערגעשלאָגן אין דער בריסעלער שול, ווען זי האָט געגומען דערציילן, ווי׳אַזוי זי איז אַרויסגעקראָכן פֿון גרוב פֿון אונ־טער די צעשאָסענע, זײַנען געווען, איז זי זיכער, ניט נאָר בלויז אַזעלכע, וואָס ווילן ניט, מע זאָל זיי דערציילן וועגן דעם, נאָר אויך אַפֿילו אַזעל־כע, וואָס האָבן אַליין פֿיל פֿון דעם איבערגעלעבט.

און פֿאַרענדיקט האָט בליומע דערמיט:

— די מענטשן ווילן ניט, מע זאָל זיי עס דערציילן. מע וויל זיך פֿאַר־געסן...

ניין, ער, זײַוול, וואָס איז אויך פֿון די, וועמען, צום גרויס גליק, איז אָט דאָס אַלץ שוין ניט אויסגעקומען דורכמאַכן, געהערט ניט צו יענע, וואָס ווילן דערפֿון ניט וויסן, ווילן דערפֿון ניט הערן. און ער פֿאַרטיפֿט זיך ווידער אינעם לייענען די געדיכט פֿאַרשריבענע זײַטלעך פֿונעם בוך.

אויב עפּעס דערפֿון, וואָס ער האָט ביז אַהער אויסגעלייענט, האָט

זײַוול געווּוסט פֿון פֿריִער, — בלוימע האָט עס אים געזאָגט, ניט זײַענדיק דערבײַ אינגאַנצן זיכער, אַז דאָס, וואָס דער מאַן האָט איר דערציילט, איז טאַקע וועגן אָט דער צירלען, — איז אָבער וועגן דעם, וואָס איז זיך מיט צירלען ווײַטער פֿאַרלאָפֿן, נאָך דעם ווי זי איז אַרײַנגעפֿאַלן אין טײַך, האָט אויסער צירלען עס אים מער קיינער ניט געקאָנט דערציילן. און פּונקט כּעסין זאָל עס געווען פֿאַרויסזען, האָט ער וועגן דעם ווײַטערדיקן פֿאַרשריבן פּיל גענויער:

„...ביז איצט דאַכט זיך מיר נאָך, אַז ניט איך בין עס דעמלט אין איין העמד געשטאַנען אַ טאָג מיט אַ נאַכט אין טײַך און זיך אײַנגעביסן אינעם טשערעט, מע זאָל ניט הערן, ווי סע קלאַפּן מיר פֿון שרעק און קעלט די ציינער אין מויל, נאָר עמעצער אַנדערש. און ווען סע זאָל בעעמעס געוועזן דאָרטן זײַן אָנשטאָט מיר אַן אַנדערע, וואָלט איך איר מיסטאָם סײַווי ניט געגלייבט, אַז ס'איז זיך מיט איר פֿאַרלאָפֿן אַזעלכעס. איך זע ווי ווײַט מעגלעך ניט טראַכטן דערפֿון, וואָס כ'האָב דורכגעלעבט. נאָר ניט שטענדיק גיט זיך מיר עס אײַן. די איינציקע רעטונג מײַנע איז דעמלט — ניט גלייבן. ניט גלייבן זיך אַליין. איך זאָג דעמלט צו זיך: דו האָסט עס, צירל, אַלץ אַליין אויסגעקלערט. ס'האָט זיך דיר אויסגעוויזן, אַז דו האָסט געהערט, ווי פֿון גרוב דערטראָגן זיך צו דיר קוילעס, מעשוגע פֿון דעם צו ווערן, און אַז דו האָסט דערקענט אין די קוילעס דײַן טאַטנס און דײַן מאַמעניוס שטימען, די קעלעכלעך פֿון דײַנע ברידערלעך און שוועסטערל...

„קינד דו איינע, — זאָג איך צו זיך, ווי מײַן טײַערע מאַמעניו פֿלעגט מיך רופֿן, ווען איך בין שוין אַפֿילו געווען אַ גרויס מיידל, — קינד דו איינע, ווען דו זאָלסט געווען אָפּשטיין אַ גאַנצן טאָג מיט קימאַט אַ גאַנצער נאַכט אין אַ פֿאַרפֿרירנדיקן טײַך, וואָלסטו פֿון צוויפֿקאַרטשען זיך פֿון קעלט אינדרײַען פֿאַרבליבן אַפֿן גאַנצן לעבן אַ הויקער, און דו ביסט גאָר אַ ווּוקסיקע און אַ שלאַנקע. זאָלסט געווען שטיקן אין זיך אַזוי דאָס קאָל, וואָלסטו דערשטיקט געוואָרן". אָ, כ'האָב אַ סאַך, זייער אַ סאַך, מיט וואָס זיך אײַנריידן, אַז ניט איך בין עס געווען. ס'איז אָבער פֿאַרט געווען איך, נאָר כ'בין דאַן געווען אַן אַנדערע, אַזאַ, וואָס האָט, זעט אויס, גאָרניט געקאָנט באַנעמען און פֿילן, אָט ווי דער טשערעט אַרום מיר.

אָנגעהויבן באַנעמען עפּעס דערפֿון, וואָס איז זיך אין יענעם טאָג פֿאַרלאָפֿן, האָב איך ערשט צו דער נאַכט, ווען אין הימל האָבן איינציקווײַז, אַרומקוקנדיק זיך, ווי איך, אין פּאַכעד, זיך באַוויזן שטערן. כ'האָב מיטאַמאָל דערפֿילט די פּראָסטיקע קעלט פֿונעם וואַסער און דערהערט די שטילקייט. די שטילקייט איז געווען שרעקלעכער פֿון דער קעלט. ניט איבערצוטראָגן. זי האָט ווי מיט שווערע האַמערס געקלאַפּט מיר איבערן שאַרבן און אַרײַנגעשריִען אין מיר: קיינער איז ניט געבליבן! דו איינע ביסט פֿאַרבליבן פֿונעם גאַנצן שטעטל! דו איינע! איז וואָס שטייסטו? ראַטעווע זיך, קאַלזמאַן ס'איז נאָך ניט שפּעט. אַנטלויף וואָס גיכער פֿונדאַנען, אויב דו ווילסט ניט, מע זאָל דיך אַ לעבעדיקע פֿאַרשיטן אין גרוב, ווי מע האָט עס הײַנט דאָ געטאָן מיט אַנדערע. אָף וואָס וואַרטסטו? יענער זאָל קומען נאָך דיר?.."

דאָ האָט נאַפּטאַלע כּעסין צוגעשריבן, אַרײַנעמענדיק עס, ווי אַלע זײַנע

באמערקונגען ביז דעם, אין קלאמערן: (צירל האָט א פּאָר מאָל געפּרוווט פאַרזעצן און ניט געקאָנט. ווי נאָר זי האָט אָנגעהויבן, האָט זיך איר גלייך פארהאקט דער אָטעם. ווען זי קאָן זיך אויסוויינען, וואָלט איר עפּשער גרינגער געוואָרן לייכטער... עס זײַנען דורך עטלעכע שווערע מינוט, ביז צירל איז ווידער צוגעטראָטן דערציילן.)

„...אפּאָנעם, אז כ'האָב ווירקלעך געוואַרט אף יענעם. אָבער וואָס ווײַטער, אלץ שרעקלעכער איז מיר געוואָרן פונעם געדאנק, ווען כ'האָב זיך געפרעגט, פארוואָס האָט דער פּאָליציאַנט מיר געהייסן וואַרטן אף אים ביז אזוי שפּעט אין דער נאכט? פארוואָס האָט ער אויסגעקליבן דאפקע מיך אף צו ראטעווען? און איך קאָן זיך שוין ניט באפרײַען פונעם געדאנק, אז דאָס האָט ער מיך אָפּגעראטעוועט פאר זיך, ער דארף מײַן לײַב, און נאָך דעם, ווי ער וועט זיך אָנזעטיקן מיט מיר, וועט ער מיך ארײַנוואַרפן אין גרוב...

כ'ווייס ניט, צי דאָס איז געווען דער זעלבער פּאָליציאַנט, צי אן אַנדערער, נאָר ווען מע איז מיט א טאָג פריִער, פארן צעשיסן, געקומען אונדז אלעמען פארנעמען פון די הײַזער אין שטאָל ארײַן, האָב איך געזען, ווי דער פּאָליציאַנט האָט געקוקט אף מיר און אף מײַן עלטער שוועסטערל גאָלדינקען. אזא שיינהײַט, ווי גאָלדינקע, איז נאָך אף דער וועלט, דאכט זיך, ניט געווען. עפּשער האָט עמעצער פון די פּאָליצײַען, האָב איך א קלער געטאָן בא זיך, מײַן גאָלדינקען אויך ארויפגעשטופּט, ווי מיך, פונעם בריקל, ווען מע האָט זי געפירט צו דער גרוב, און זי שטייט דאָ ערגעץ א פארקאַלייעטע אינעם טשערעט און וואַרט אף איר רעטער? נאָר ניין. גאָלדינקע זאָל אפילו וויסן, אז איר רעטער וועט איר נאָכדעם שענקען דאָס לעבן, וועט זי אים אויך, ווער ער זאָל ניט זײַן, ניט צולאָזן צו זיך. זי וועט זיך גיכער נעמען דאָס לעבן...

און ווי איך שטיי אזוי און טראכט, דערהער איך פון אויבן טריט, און אין א ווײַלע ארום נעמט שורשען ארום מיר דער טשערעט. איך בין פאַרגליווערט געוואָרן. וויפל איז אזוי דורך, א מינוט צי א שאָ, נאָר כ'האָב מיטאמאָל דערהערט: „ווו ביסטו? האָב ניט מוירע. כ'וועל דיר קיין שלעכטס ניט טאָן. רוף זיך אָפּ". כ'האָב זיך אָבער ניט אָפּגערופן, כ'זאָל אפילו געוועלט אים געבן צו וויסן וועגן זיך, וואָלט איך סײַווי ניט געקאָנט, אזוי איז אין מיר אלץ פארשטיינט געוואָרן.

ניט ווײַט פונעם בריקל, אונטער וועלכן כ'בין געשטאנען, האָט מען נאָכדעם א פּאָר מאָל אויסגעשאָסן. צי ניט אין מיר האָט דער פּאָליציאַנט עס אויסגעשאָסן? דערנאָך האָב איך דײַטלעך געהערט, ווי עמעצער האָט זיך האסטיק דערווײַטערט.

איצט האָב איך שוין ניט געהאט דאָ מער וואָס צו שטיין און וואַרטן. די נאכט גייט אוועק. וואָס ס'וועט זײַן, וועט זײַן! און כ'בין א פארגליווערטע ארויסגעקראָכן פון טײַך. און דאָס האָט זיך מיר פארגעדענקט ביז איצט: עס האָט זיך פון מיר מיטאמאָל אָפּגעטאָן די שרעק און ס'האָט זיך מיר גוואלדיק פארוואָלט לעבן. ווען מע זאָל מיך געווען דעמלט פרעגן צוליב וואָס, וואָלט איך געוויס ניט געוווּסט וואָס דערויף צו ענטפערן. וויאזוי קאָן עס זײַן? אנומלטן האָט מיר דערציילט איינע א קאָלווירטניצע,

ווען איך בין געקומען פֿאַרסטראַכירן. אַ קורצע צײַט פֿאַר דעם האָט זי מעקאַבער געווען איר איינציקע טאָכטער, אַ יונגע בלײַענדיקע רויז פֿון צוואַנציק יאָר. זי האָט זיך דערטרונקען בײַסן באָדן. ווען מע האָט זי אַראָפּגעלאָזט אין קייווער, האָט די מאַמע אירע געבעטן, מע זאָל זי באַהאַלטן צוזאַמען מיט דער טאָכטער. זי האָט ניט מער צוליב וואָס לעבן אויף דער וועלט. מע האָט זי קוים אָפּגעפֿירט פֿון קייווער. געקומען פֿון דער לעווײַע אַהיים, האָט זי קיינעם ניט געוואָלט זען, פֿאַרשפּאַרט די טיר און זיך אַרײַנגעוואַלגערט אינעם אָנטאָן אין בעט. דאָס ערשטע, וואָס ס׳האָט זיך איר געוואָרפֿן אין די אויגן, איז געווען דער פֿאַרקרעמפּעוועטער האָקן אין באַלקן, אויף וועלכן ס׳איז אַמאָל געהאַנגען איר טאָכטערס וויגל. דער האָקן האָט זיך ניט אָפּגעטאָן פֿון אירע אויגן אַפֿילע דרעמלט, ווען זי האָט זיי געהאַלטן צוגעמאַכט, און אַזוי אומבאַמערקט איז זי אײַנגעשלאָפֿן. אינמיטן דער נאַכט האָט זי זיך אויפֿגעכאַפּט. דער קישן צוקאָפּנס איז שלעכט געלעגן. האָט זי אים פֿאַריכט, ס׳זאָל איר זײַן בעסער צו ליגן, און ווידער אײַנשלאָפֿן געוואָרן... פֿאַראַן אינעם מענטשן עפּעס אַזוינס, וואָס ער קאָן עס אַליין ניט באַגרײַפֿן. פֿונוואַנען האָבן זיך צו מיר גענומען קויכעס, וווּנדערט מיך ביזן איצט, אַז איך זאָל זיך לאָזן גיין, ניט ווייסנדיק בעשאַסמײַסע, נאָך וואָס און וווּהין איך גיי. צי כ׳האָב זיך אָן עפּעס פֿאַרטשעפּעט, צי עס זײַנען מיר פּאַשעט אויסגעגאַנגען די לעצטע קויכעס שוין, ווי דער קנויט אין אַ צאַנקענדיקער ליכט, און איך בין אומגעפֿאַלן. אויפֿהייבן זיך האָב איך ניט געקאָנט, ווען כ׳זאָל אַפֿילע זיך האָבן דערזען ליגן אויף די רעלסן און אויף מיר רוקט זיך אָן אַ לאָקאָמאָטיוו, וואָס אָט־אָט פֿאָרט ער אָן אויף מיר.

און ווי איך ליג אַזוי און פּרוּוו זיך פֿאָרט אויפֿהייבן, דערזע איך פֿאַר זיך דעם טאַטן מײַנעם. ער קוקט אויף מיר מיט זײַנע גרויסע טונקעלע אויגן און פֿאַרשטעלט מיט דער האַנט די שיינע קײַלעכדיקע באָרד, ער וויל אויסבאַהאַלטן פֿון מיר, אַז זי איז אינגאַנצן שוין אַ גראָווע. נעכטן איז זי נאָך בײַ אים געווען קימאַט אינגאַנצן אַ שוואַרצע, און הײַנט איז זי ווײַסער פֿון שניי. „צירל, — מאַכט ער צו מיר, דער טאַטע מײַנער, — צײַט, קינד מײַנס, אויפֿשטיין. ס׳וועט באַלד נעמען טאָגן. אַז דו וועסט אויפֿשטיין, וועסטו דערזען בײַ דײַן צוקאָפּנס דרײַ הויכע בעריאָזעס, און אַנטקעגניבער אַ שטוב מיט אַ שטרויענעם דאַך. זאָלסטו וויסן זײַן, אַז דאָ אין שטוב וווינט מײַנער אַן אַלטער גוטערפֿרײַנט. שאַסטקאַ. פֿאַרגעדענק, טימאָפֿיי וואַסיליעוויטש שאָסטקאַ. ער האָט אונדז אויסבאַהאַלטן בײַ זיך, בײַס זעליאָנעס באַנדיטן האָבן געמאַכט אַ פּאָגראָם בײַ אונדז אין שטעטל. דו ביסט נאָך דאָן אויף דער וועלט ניט געווען. גיי און קלאַפּ אָן צו אים. זאָג, אַז ביסט מײַן טאָכטער. אים קאָנסטו זיך אינגאַנצן אָנטרויען. ער וועט דיר, כאָלילע, קיין בייז ניט טאָן. דו דאַרפֿסט בלײַבן לעבן. טו עס צוליב מיר, איך זאָל איבערלאָזן אַ יוירעש נאָך זיך אויף דער וועלט. די קינדער, וואָס וועסט האָבן, זאָלסטו אַ נאָמען געבן נאָך אונדז. גענוג דיר שוין צו ליגן. שטיי אויף. ס׳וועט באַלד אַרויס די זון, און די זון איז איצט דײַן סוינע. אײַל זיך צו, קינד מײַנס".

איך עפֿן אויף די אויגן... זאָגט מיר אָבער, ליבער פֿרײַנט אונדזערער,

נאַפטאָלע דאַווידאָוויטש, איר גלייבט אין כאַלוימעס? נו, גוט, איר וועט מיר נאָכדעם דערווּף ענטפערן. איך עפן אויף די אויגן, און, שטעלט זיך פֿאָר, איך דערזע זיך ליגן אַף אַ לאַוקע, ניט ווײַט פון אַ דאָרף, און צו־קאָפּנס באַ מיר שטייען, ווי ליכט, דרײַ ווײַסע בעריאָזעס, און קימאַט אַנט־קעגנאיבער, ווו עס הייבט זיך אָן דאָס דאָרף, קוקט אַרויס פון הינטער אַ געפלאָכטענעם פּאַרקנדל אַ שטוב מיט אַ שטרויענעם דאַך. איצט ענטפערט מיר, מײַן טײַערער לערער, וויאַזוי איז אַזעלכעס מעגלעך? צי איר גלייבט ניט, אַז אַלץ איז געווען פּונקט אַזוי, ווי איך דערצייל אײַך?"

די ווײַטערדיקע שורעס אַפּן דאַזיקן, ווי אויך אַפּן אַנדערן, זײַטל האָבן שוין געהערט כעסינען און זײַנען, פּונקט ווי אַלע פריִערדיקע זײַנע באַ־מערקונגען און אַרויסזאָגונגען, אַרײַנגענומען אין קלאַמערן.

(— נו, וואָס הייסט, דו פרעגסט מיך, צי גלייב איך, אַז דיר האָט זיך אַזוינס געכאָלעמט און אַז דו האָסט עס נאָכדעם קימאַט אַלץ געזען אַף דער וואָר? נו, אַוודע גלייב איך דיר, — האָב איך איר געענטפערט, — ניט אַלץ אָבער, וואָס ליגט פאַרבאָרגן אינעם מענטשן, לאָזט זיך דערווײַל נאָך פאַר־שטיין. דער מענטש איז אַ האַרט ניסל, פֿול מיט סוידעס, צו וועלכע מע דאַרף זיך נאָך לאַנג־לאַנג דערקלײַבן. נאָר דאָס, וואָס דו האָסט מיר דער־ציילט, איז ניט פון די סוידעס אינעם מענטשן, וואָס לאָזן זיך נאָך דערווײַל ניט באַנעמען. — און כ׳האָב זיך געפּרוּווט איר דערקלערן, וויאַזוי איז עס מעגלעך, אַז מע זאָל אין כאָלעם זען ניט נאָר דאָס, וואָס איז שוין געווען, נאָר אויך דאָס, וואָס דאַרף ערשט פאָרקומען. כ׳האָב איר איבערדערציילט דעם כאָלעם מיט די זיבן פעטע און מאָגערע קי, וועגן וועלכע עס דער־ציילט זיך אין כומעש. — אײַנגאַנצן צוגעטראַכט, מיין איך, — האָב איך איר געזאָגט, — איז עס ניט. אַ שטיקל סמאַך אַרײַנצושטעלן עס אין כומעש איז מיסטאָמע געווען. עפּשער האָט זיך דעם, וואָס האָט עס אַרײַנגעשריבן, זיך ענלעכס געכאָלעמט. איך געדענק שוין ניט אַף זיכער, באַ וועמען פון די פילאָסאָפן האָב איך אין דער יוגנט, ווען כ׳בין געווען אַ סטודענט, איבער־געלייענט, אַז קימאַט גאָרניט פון דעם, וואָס דער מענטש זעט זיך אָן, הערט זיך אָן, לייענט זיך אָן, גייט אין אים ניט פאַרפאַלן, עס פאַרקלײַבט זיך באַ אים אין די קעמערלעך פון זײַן מאַרך און בלײַבט דאָרטן שטעקן. און פאַרפילטע קעמערלעך קאָנען זיך אָנקלײַבן פאַרן מענטשנס לעבן מי־ליאָנען. פאַראַן, אַשטייגער, מענטשן, וואָס קענען אַ וועלט מיט שפּראַכן, און יעדע שפּראַך האָט דאָך צענדליקער טויזנטער ווערטער. איך בין ניט פון די, וואָס קענען אַלע שיווים לעשוינעס, אָבער אין מאַטעמאַטיק בין איך אַ שטיקל מומכע און ווייס לעפּיִערעך, וויפל קעמערלעך דאַרף מאַ־טעמאַטיק האָבן פאַר אַלע אירע צייכנס און פאָרמולעס. ס׳איז גאָר, דוכט מיר, ניט איבערצוציילן עס. איז אָט, ווען דער מענטש דאַרף אָנקומען צו זיי, איז פליִען זיי פון דאָרט גלײַך אַרויס און מיט אַ סיידער. דאָס איז אָבער אַלץ דעמלט, ווען דער מענטש איז וואַך און פירט אָן מיט זיך: ער וויל, עס זאָל אין דער דאָזיקער רעגע דורכגיין פאַר זײַנע אויגן עפּעס פון דעם, וואָס ער האָט געזען מיט פיל יאָרן צוריק, צי אויפשטעלן עפּעס דערפון, וואָס ער האָט העט־העט ווען געלייענט, צי, לאָמיר זאָגן, אַפילע געטרוימט, איז קאָן ער עס פּויעלן. ווען דער מענטש אָבער שלאָפט, איז

ער שווין ניט אזא באַלעבאָס איבער זיך. טרעפט זיך צומאָל, אַז דאָס, וואָס דער מענטש האָט זיך אָנגעזען און אָנגעהערט און אָנגעליייענט פאַר זײַן לעבן, נעמט אַליין באַלעבאַטעווען, פליט אַרויס אָן קיין שום סיידער פון די קעמערלעך און סע ווערט פון אַלץ אַ מישמאַש. שטיקלעך פון דעם, וואָס מע האָט געזען, צי געהערט, צי געלייענט מיט דרײַסיק און פערציק יאָר צוריק, מישן זיך אויס מיט שטיקלעך פון דעם, וואָס מע האָט געזען צי געהערט הײַנט, מיט דעם, וועגן וואָס מע האָט גערעדט צי געטרוימט הײַנט וועגן מאָרגן. מיט איין וואָרט: עס באַקומט זיך און גאַנץ אָפט ניט געשטויגנס, ניט געפלויגנס.

בעערעך אַזוי האָט זיך מיר פאַרגעדענקט פון דעם, וואָס כ'האָב אויס־געלייענט אין דער יוגנט בײַ עמעצן פון די פילאָסאָפן וועגן די ניט גע־שטויגענע און ניט געפלויגענע כאַלומעס, און אַזוי אָן ערעך האָב איך עס איבערגעגעבן צירלען. דערקלערט האָב איך איר דאָס אַ סאַך אײַנפאַכער און אויבערפלעכלעכער, ווי ס'איז וועגן דעם געזאָגט בײַם פילאָסאָף. כ'בין ניט מער דאַך ווי אַ לערער פון מאַטעמאַטיק.

— איך בין עפשער פאַרקראָכן אַ ביסל אָן אַ זײַט, — האָב איך זיך אָנ־גערופן צו צירלען, האָבנדיק דערבײַ מער אין זינען די, וואָס וועלן לייענען דעם דאָזיקן פּינקעס מײַנעם. — נו, וועלן זיי דורכלאָזן אָט די אָנדערהאַלבן־צוויי זײַטלעך, אויב ס'וועט זיך זיי אויסווײַזן, אַז מע קאָן זיך באַגיין אָן זיי. אָבער דאָס אַלץ, טאַכטערקע, וואָס כ'האָב דיר געזאָגט, האָט אַ שײַכעס צו דעם, וועגן וואָס דו האָסט מיך געפרעגט, ווי:אַזוי האָסטו אין שלאָף, הייסט עס, געקאָנט דערזען דאָס, וואָס האָסט דערזען פאַר זיך, ווען האָסט זיך אופגעכאַפּט. ווי:אַזוי האָט אַזעלכעס געקאָנט, הייסט עס, געשען? ענט־פער איך דיר: מיסטאָמע האָט דײַן טאַטע, ווען איר זײַנט געוועזן פאַר־שפּאַרט אין שטאַל, זיך ניט איין מאָל אויסגעטײַנעט מיט זיך אַליין, פאַר־וואָס האָט ער אין אַזאַ אייס־צאָרע זיך ניט געווענדט צו זײַן טרײַען פרײַנט פון דאָרף, ער זאָל אײַך אויסבאַהאַלטן בײַ זיך, און מיסטאָמע האָסטו ניט איין מאָל געהערט פון דײַן טאַטן, ווי דער דאָזיקער גוטערפרײַנט האָט אים אויסבאַהאַלטן בײַ זיך, בייס די זעליאָנאָווצעס האָבן געווילדעוועט בײַ אײַך אין שטעטל. נו, און וואָס שײַעך די דרײַ די בעריאָזעס, לאָזט זיך עס אויך דערקלערן. דײַן טאַטע, דאַרף מען זיך מעשאַער זײַן, איז געוויס ניט איין מאָל געווען בײַ זײַן פרײַנט צוגאַסט און געזען דאָרט די דרײַ בעריאָזעס און דיר ווען־ניט־איז געקאָנט דערציילן וועגן זיי!

— איך דערמאָן זיך, — האָט צירל זיך אָנגערופן, — ער האָט טאַקע אונדז דערציילט וועגן זיי. מײַן טאַטע האָט זייער ליב געהאַט בערעזעוון זאַפּט. כ'האָב אַליין איינמאָל אָנגעצאַפּט פאַר אים זאַפּט פון אָט די זעלבע בערעזעס.

— אָט האָסטו דיר אָן ערעך דעם ענטפער, פונוואַנען איז עס דיר אַלץ געקומען צו כאַלעם).

פאַרוואָס קלערט כעסין, אַז בײַם לייענען דעם פּינקעס זײַנעם וועט מען דורכלאָזן אָט די צוויי זײַטלעך, וואָס ער האָט אַרײַנגענומען אין קלאַ־מערן? ער, זײַווול, האָט קיין וואָרט דערפון ניט פאַרפעלט, ווי ער פאַר־פעלט ניט קיין וואָרט פונעם ווײַטערדיקן, וואָס עס דערציילט צירל:

„...ווען כ׳האָב זיך אופגעכאַפּט, האָט שוין געגרויט אָף טאָג. דער כאַ־לעם האָט מיך נאָך ניט אינגאַנצן פאַרלאָזט. כ׳האָב געהערט אין זיך דעם טאַטנס קאָל: אײַל זיך צו, קינד מײַנס... ס׳וועט באַלד אופגיין די זון... די זון איז איצט דײַן סוינע...

ווי אין א הינערפּלעט האָב איך, קוים פלאָנטערנדיק מיט די פיס, זיך דערשלעפּט צום שטיבל מיטן שטרויענעם דאַך און שטיל אָנגעקלאַפּט אין זײַטיקן פענצטערל, ניט זײַענדיק אינגאַנצן זיכער, צי וועט מען מיך פונ־דאַנען באַלד ניט פאַרטרײַבן און אויסלאָזן צו מיר אַלע בייזע און וויסטע כאַלוימעס. פונדעסטוועגן האָב איך ווידער אָנגעקלאַפּט. דאָס פאָרהענגל האָט זיך עטוואָס אופגעהויבן. נאָר איידער כ׳האָב נאָך באַוויזן עמעצן דערזען אין פענצטערל, האָט זיך דאָס פאָרהענגל צוריק אַראָפּגעלאָזט. כ׳האָב ניט געהערט, ווי ס׳האָט זיך געעפנט די טיר, כ׳האָב בלויז דערפילט, ווי מע האָט מיך א כאַפּ געטאָן פאַר דער האַנט און אַרײַנגעשלעפּט אין שטוב. די טיר הינטער אונדז האָט זיך האַסטיק פאַרהאַקט.

— איר זײַנט טימאָפּיי וואַסיליעוויטש? — האָב איך קוים אַרויסגעבראַכט, פילנדיק, אַז אָט־אָט פאַל איך אום.

— און ווער ביסטו? — דער מענטש מיט דער גראָוער לאַנגער באָרד, וואָס האָט מיך אַרײַנגענומען אין שטוב, האָט אָפּגעקערט פון מיר די דער־שראָקענע אויגן.

— אָשער דעם באָנדערס טאָכטער בין איך. צירל, — און כ׳האָב אים און דער אַלטיטשקער זײַנער, קסעניע אַנדרייעוונען, אויסדערציילט, וואָס עס איז זיך מיט אונדזן הײַנטיקע נאַכט פאַרלאָפן, אַז איך בין געבליבן איינע לעבן פונעם גאַנצן שטעטל און וואָס האָט זיך מיר געכאָלעמט.

כ׳ווייס ניט, צי זיי האָבן זיך געריכט, אַז עמעצער קאָן קומען פונעם שכײנעסדיקן שטעטל זיך אויסבאַהאַלטן בא זיי, צי עמעצער האָט זיך מיט זיי באַצײַטנס וועגן דעם געהאַט דערעדט, נאָר דער טיפער פּײַכטער קע־לער, וווהין זיי האָבן מיך אַראָפּגעפירט, איז געווען צוגעגרייט אָף אויס־צובאַהאַלטן זיך דאָרט. ס׳איז דאָרט געשטאַנען א בעטל מיט א טישל און א קליין קעראָסין־לעמפּל. דער קעלער האָט געהאַט נאָך איין אַרויסגאַנג אין גערטנדל.

— מיר זײַנען געווען מיט דײַן טאַטן גרויסע פרײַנט, — האָט מיר גע־זאָגט טימאָפּיי וואַסיליעוויטש, — כ׳האָב אים זייער גוט געקענט, גלייבט זיך מיר ניט, אַז דײַן טאַטע זאָל זיך לאָזן האַרגענען. איך בין זיכער, אַז ער האָט פאַרן טויט עמעצן פון די פּאַשיסטן געפּלעט דעם קאָפּ. איך גע־דענק, ווי איך האָב דײַן טאַטן קוים אײַנגעהאַלטן בייסן פּאָגראָם פון די זעליאָנאָווצעס. וואָס וואָלט ער דעמלט אופגעטאָן קעגן זיי מיט הוילע הענט? גלאַט געלייגט דעם קאָפּ. אָבער אויב ער איז שוין יאָ אַרײַנגעפאַלן צו די מערדער אין די הענט, גלייב איך ניט, אַז ער זאָל אומזיסט אָפּגעבן דאָס לעבן. ניין, אָשער איז ניט געווען פון די מענטשן, ניין. זאָגסטו, אַז א פּאָליצײַ האָט דיך אַראָפּגעוואָרפן פון בריקל אין טײַך און באַנאַכט איז ער נאָך דיר געקומען? האָסט גוט געטאָן, וואָס האָסט זיך ניט אָפּגערופן. אוי, זײַנען דאָס הינט! סאַמען דאַרף מען זיי! בלײַבט, הייסט עס, אַזוי:

ביזוואנען כ׳וועל ניט געפינען פאר דיר קיין בעסער אָרט, וועסטו זײַן דאָ אין קעלער. ווי אַן אייגענע טאָכטער וועלן מיר דיך אויסהיטן.

און זיי זײַנען געווען די גאַנצע צײַט צו מיר טאַקע ווי אייגענע טאַטע־מאַמע.

כ׳האָב געהאַט פאַרלאָרן שוין דעם כעזשבן, וויפל צײַט איז דורך, ווי איך בין שוין אין קעלער, א וואָך, א כוידעש, א יאָר... כ׳ווייס בלויז, אַז ס׳איז שוין געלעגן א טיפער שניי, ווען ס׳האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צו מיר אין קעלער קסעניע אַנדרייעוונע, די מומע קסעניע, ווי כ׳האָב זי גערופן, און זאָגט מיר:

— זאָלסט זיך נאָר ניט שרעקן. באַלד וועט מײַן טימאָפּיי קומען אַהער מיט איינעם א מאַנצבל. ער איז פון אײַערע. אויך געבליבן איינער, אָט ווי דו, פון א גאַנץ שטעטל. ער איז אַן עלטערער מענטש, געווען שוין א זיידע. קיין יונגן וואָלטן מיר אַהער ניט געלאָזט. מיר וואָלטן געזען אים ערגעץ אַנדערש־ווו אויסבאַהאַלטן. ווער ער איז, וויאַזוי האָט ער זיך געראַטעוועט און ווי האָט ער אָנגעטראָפן צו אונדז, וועט ער דיר אַליין דערציילן".

# קאַפּיטל אכצן

דאָס ווײַטערדיקע, וואָס צירל דערציילט אַפן דאַזיקן זײַטל, איז שוין ניט וועגן זיך, נאָר וועגן כאָנען, — וויאַזוי ער האָט זיך געראַטעוועט און וויאַזוי ער האָט אָנגעטראָפן אַהער. נאָר וועגן דעם וויל זײַוול הערן גופא פון כאָנען אַליין. האָט ער איבערגעמישט די עטלעכע בלעטלעך, וואָס טיילן אָפּ אינעם בוך כאָנעס דערציילן וועגן זיך פון צירלס, און ריכטנדיק זיך, אַז אויף איינעם פון די זײַטלעך פון כאָנעס געשיכטע וועט ער זיך סאָפּקאָלסאָף אָנשטויסן אויף כעסינס א באַמערקונג אין קלאַמערן, אין וועלכער ס׳וועט געזאָגט זײַן, אַז אָט דאָס איז א מוסטער פון פאַרהיטן דעם מענטש אינעם מענטשן, האָט זײַוול זיך באַזונדערס פאַרטיפט אינעם לייענען:

„— בא אונדז אין שטעטל האָט מען ניט צונויפגעטריבן די ייִדן פאַר דער שכיטע אין קיין שטאַל. אונדז האָט מען ביז דער לעצטער מינוט, קאָן מען זאָגן, געלאָזט וווינען בא זיך אין די הײַזער. אָבער פאַר ארויסגיין פון געטאָ האָט מען געקאָנט כאַפּן א קויל. נאָר ווער קוקט דערויף, ווען ס׳איז ניטאָ וואָס צו עסן. שטאַרבן פון הונגער איז ניט גרינגער ווי פון א קויל. דער פינפטער טאָג שוין, ווי מיר האָבן גאָרניט געהאַט אין מויל. וועגן זיך רייד איך ניט. כ׳האָב ניט געקאָנט צוזען מער דעם צאַר פון מײַן אייניקל, א מיידעלע פון א יאָר. וואָס ס׳וועט זײַן, וועט זײַן. צונויפגעקליבן אין א זעקל אַלץ, וואָס איז נאָך פאַרבליבן אין שטוב פונעם אָנטאָן און וואָס מע קאָן עס אויסבײַטן אויף דעם אָרעמען שטיקל ברויט, האָב איך זיך באַנאַכט ארויסגעשאַרט פון שטעטל און געלאָזט זיך גיין אין א דאָרף. עפּעס פון די זאַכן האָב איך אויסגעביטן, א ביסל האָט מען מיר אַזוי געגעבן — מענטשן בלײַבן מענטשן, — און אויף מאָרגן צו דער נאַכט האָב איך זיך געלאָזט מיט דער אַשירעס צוריק אַהיים.

ניט ווײַט פון שטעטל קומט מיר אָן אנטקעגן דער וועכטער פונעם ציגל־זאוואָד, ווו כ'האָב געארבעט פאר א נאַלאַדטשיק, סטעפאן גאַנטשאַ־רענקאָ. א מענטש א שיקער און א גרויסער ניט־פארגינער. קיין גוטס פון אים, ווען עס זײַנען ארײַן די דײַטשן, איז ניט געווען וואָס צו דערוואַרטן; מיר האָבן זיך אנדערש ניט געריכט, אז ער וועט ווערן א פּאָליציאַנט. בא מיר איז נאָך דערצו געווען מיט אים מיט א קורצער צײַט צוריק א שטיקל סיכסעך, וואָס איז שיר ניט דערגאַנגען ביז פעטש. וואָס איז דאָ צו ריידן? שטארק היימלעך אפן הארצן פון דער באגעגעניש מיט סטעפאַנען איז מיר ניט געוואָרן. אנטלויפן איז דאָך ניט שײַעך. אויב ער וויל זיך מיט מיר אָפּרעכענען, דארף ער זיך נאָך מיר ניט יאָגן. ער וועט איבערגעבן וווהין און וועמען מע דארף, אז ער האָט מיך געזען גיין פון דאָרף, און איך בין א פארפאלענער. די איינציקע האָפענונג מײַנע: כ'וועל פּרוּוון אָפּלייקענען. קיין גרויסער באל־באָטועך אין שטעטל איז ער ניט, אז מע זאָל אים איבער־ריקס גלייבן. נו, און טאָמער, טו איך מיר בעשאַסמײַסע א טראַכט בא זיך, וויל ער גאָר אליין מיך אָפּפירן, וווהין מע דארף. ניין, זאָג איך צו זיך, מיך וועט ער אזוי לײַכט ניט נעמען, כאָטש ער איז אין צוויי מאָל עפּשער העכער פון מיר. א טיגער, האָב איך געהערט, אנטלויפט צומאָל פון א קאַץ, ווען זי שטעלט זיך אײַן פאר אירע קעצעלעך. מאַך איך זיך הארץ און גיי אים אנטקעגן. שטעלט ער זיך אָפּ און קוקט מיך מעשונגע ווילד אָן, צי דאָס בין איך, הייסט עס, צי ניט.

— כאַנע?

— נו, ווער דען זשע? — ענטפער איך אים און פּרוּוו זיך ווײַטער מאַכן הארץ.

צײלעמט ער זיך איבער:

— ווי קומסטו אהער? וווהין גייסטו?

— וואָס הייסט, וווהין גיי איך? אהיים גיי איך.

— ביסט מעשוגע, צי וואָס? — איך זע, ער קוקט אף מיר טאַקע ווי אף א כאַסערדייע. — ווייסט דען ניט, אז די דײַטשן מיט די פּאָליציאַנטן, א כוואַראָבע אף זיי, האָבן הײַנט אינדערפרי ארויסגעפירט אלע אײַעריקע הינטער דעם ציגל־זאוואָד, ווו דער קאַריער איז, און זיי ביז איינעם צע־שאָסן? וואָס דאָרטן האָט זיך אָפּגעטאָן...

גלייב איך אים ניט און וויל זיך לאָזן לויפן. פארצאַמט ער מיר דעם וועג און צעווײנט זיך ווי א קינד.

— איך בין דעמלט פונקט געווען אפן זאוואָד און עס אלץ צוגעזען... עטלעכע אײַערע האָבן געכאַפּט ציגל און זיי געשלײַדערט אין די מערדער. האָט מען זיי דערפאר לעבעדיקערהייט ארײַנגעוואָרפן אין קאַריער.

סטעפאַן דערציילט מיר איינס, און איך טײַנע זיך צו אים מײַנס:

— וואָס הייסט, ס'איז ניטאָ מער מײַן אייניקל, מײַן טײַערע רייזעלע? כ'האָב דאָך זי נעכטן אין אָוונט אליין געזען...

אפאַנעם, אז איך בין דעמלט ניט געווען אינגאַנצן בא די געדאנקען, וויבאלד איך האָב געקאָנט נעמען און קומען באנאכט אפן קאַריער... פון גרוב האָט ארויסגעשטעקט א האַנט, וואָס האָט געהאלטן פארקוועטשט א שטיקל ציגל, ניט באוויזן, זעט אויס, אים א שלײַדער טאָן אין די ראָצכים,

דאָס איז מיסטאָם געווען איינער פון די, וועלכע מע האָט לעבעדיקערהייט אַרײַנגעשלײַדערט אין גרוב. מײַן רייזעלע האָט דאָך ניט געקאָנט וואַרפן קיין ציגל. האָט מען איר געטאָן דעם כעסעד און אַרײַנגעוואָרפן אין גרוב שוין א טויטע... איך געדענק, אַז איך בין א שטיק וועג געגאַנגען, האַלטנ־דיק אין דער האַנט א ציגל, און מײַן איינציקער באַגער איז דעמלט געווען, עס זאָל זיך מיר באַגעגענען אין וועג עמעצער פון די, פאַר וועמען סקילע, הערעג וועכענעק[1] איז ווייניק...

די וועלדער אַרום אונדזערע שטעטלעך זײַנען געדיכטע און גרויסע. ס׳איז אָבער דורך א כוידעש און נאָך א כוידעש, כ׳האָב שוין אופגעהערט ציילן די טעג, נאָר קיין פּאַרטיזאַנער האָבן זיך מיר דאָרט דערוויַיל ניט באַגעגנט. אין אונדזערע מעקוימעס, דאָס האָב איך זיך דערוווסט שוין נאָכדעם, זײַנען אין יענער צײַט קיין פּאַרטיזאַנער נאָך ניט געווען. ניט אומעטום איז דאָך געווען אַלציינס. און דײַטשן זײַנען אײַנגעשטאַנען אין די אַרומיקע דערפער.

קאָלזמאַן ס׳איז ניט אויסגעפאַלן קיין שניי, איז נאָך ווי־ניט־איז געווען צו דערלײַדן, נאָר אַז ס׳איז אָנגעקומען דער ווינטער מיט זײַנע פרעסט און זאַווייען, איז געוואָרן אינגאַנצן שלעכט. און אָנגעטאָן בין איך געווען קרוע־בלוע, אַלץ האָט זיך אָף מיר צעפליקט, און עסן איז שוין פון לאַנג ניט געווען וואָס. איז געבליבן איינס פון די צוויי. אָדער אַרויסגיין פון וואַלד און אַרײַנפאַלן צו די מערדער אין די לאַפּעס, אָדער אויסגיין פון הונגער און קעלט... און ס׳איז געקומען א טאָג... כ׳ווייס, מע טאָר עס ניט זאָגן, נאָר איך בין מעקאַנע געווען דעם ווײַב מײַנעם מיט די קינדער, מיטן אייניקל, וואָס זיי זײַנען שוין זייערס אָפּגעקומען... איך האָב ניט געקאָנט עס שוין מער אויסהאַלטן. וויפל קאָן א מענטש לײַדן? כ׳האָב אויסגעטאָן דעם רימען פון די הויזן און אים פאַרוואָרפן אין א שלייף אָף א צווײַג פון א בוים... ס׳איז מיר אָבער באַשערט געווען בלײַבן לעבן. איך באַווײַז ניט אַרײַנשטעקן דעם קאָפּ אינעם שלייף, ווי עס דערטראָגט זיך צו מיר א סקריפּען פון א שליטן. קיין דײַטשן און פּאָליצײַען, פאַרשטיי איך, וועלן אַזוי טיף אין וואַלד ניט פאַרקריכן. אין שליטן איז געזעסן א מענטש, פאַרקוטעט אין א טולופּ.

— וואָס איז דאָס? — האָט ער אויסגעשריִען נאָך פונדערווײַטן, דער־זעענדיק מיך שטיין אונטערן שלייף.

דער מענטש האָט מיך ניט געפרעגט ניט ווער איך בין, ניט פונוואַנען איך בין, ער האָט מיך אַרײַנגעזעצט אין שליטן און אַרונטערגענומען צו זיך אונטערן טולופּ. אפן וועג דערצייל איך אים אַלץ אויס. נאָר ער האָט, זע איך, אַליין אָנגעשטויסן זיך, ווער און וואָס איך בין.

געבראַכט מיך צו פירן צו זיך אַהיים, רופט ער זיך צו מיר אָן:

— אין קעלער, ווו כ׳וועל אײַך באַלד אַראָפּלאָזן, באַהאַלט זיך אויס א יונג מיידל, וואָס איז אויך, ווי איר, פאַרבליבן איינע פון א גאַנץ שטעטל. זי וועט אײַך אַליין דערציילן וועגן דעם.

דאָס יונגע מיידל, וואָס כ׳האָב געטראָפן אין קעלער, איז געווען צירל...״

---

[1] פאַרשטיינען, האַרגענען, דערווערגן (העבר.).

דאָס ווײַטערדיקע, וועגן וואָס עס דערציילט כאַנע אפֿן דאַזיקן זײַטל, אַז צירל האָט אים פֿון דער ערשטער רעגע געפּלעפֿט מיט איר שיינקייט, כאָטש דער קאָפּ איז אים ניט געווען דערבײַ, האָט זײַוול ניט וואָס צו לייענען. מע קאָן זיך עס לײַכט פֿאָרשטעלן, ניט לייענענדיק וועגן דעם. האָט ער צוריק אופֿגעמישט דאָס בלעטל, בא וועלכן ער איז שטיין געבליבן, דאָס אָרט, ווו צירל דערציילט וועגן איר ערשטער באגעגעניש מיט כאַנען.

איבערגעלייענט פֿון דאָרט א זײַטל צי צוויי, האָט זײַוול זיך ווידער אומגעקערט צו כאַנעס געשיכטע, הערן, וואָס דערציילט וועגן דעם זעלבן כאַנע אליין. און אזוי עטלעכע מאָל: א זײַטל צי צוויי פֿון צירלס געשיכטע און א זײַטל צי צוויי פֿון כאַנעס געשיכטע און ניט לויטן סיידער, ווי דאָס האָט פֿאַרשריבן פֿון זייערע רייד כעסין.

און אָט האָט זײַוול זיך דערקליבן צו די זײַטלעך, צוליב וועלכע, ווי ער שטויסט זיך אָן פֿון די ערשטע שורעס שוין, כעסין האָט אים, אייגנטלעך, געגעבן לייענען דעם דאַזיקן בוך.

צום אלעם ערשטן האָט זײַוול געוואָלט אויסהערן צירלען. וואָס דערציילט זי וועגן דעם?

„פֿאַר די העכער צוויי יאָר, וואָס איך בין אָפּגעווען מיט כאַנען אין קעלער, האָבן מיר מיט אים איבערגעלעבט ניט ווייניק שרעק. ניט איין מאָל זײַנען מיר פֿאַרקראָכן אין דער נאסער נאָרע, וואָס איז געווען אויסגעגראָבן אונטערן קעלער, ווו מע האָט ניט געקאָנט ניט שטיין, ניט ליגן. ס'איז טויזנט איין נאכט. ניט צו דערציילן, ניט צו באשרײַבן. אָבער ווי נאָר די שרעק איז אריבער, האָט כאַנע גלײַך פֿאַרגעסן, ווו איז ער אין דער וועלט, און ווידער זיך גענומען פֿאַר זײַנס — פּראווען כאזאַנעס. אויסגעזונגען ווו נאָר א ליד. צומאָל פֿלעגט ער זיך אינגאנצן פֿאַרגעסן און נעמען זינגען אף א קאָל, אז דאָס הארץ איז מיר ׳מאמעש אײַנגעפאלן. גייט מיט אים עפּעס, אז ער איז פֿאָרט אזא מענטש. איינער קאָן ניט אויסקומען אָן ברויט, און ער, ווי זאָגט מען עס, אָן נעגינע.

נו, און ווײַטער... ווי דאָרט זאָל ניט זײַן, איז ער פֿאָרט דאָך א מאנצבל, און איך האָב זיך שוין ניט געפֿילט אין קעלער אזוי פֿרײַ ווי פֿריִער. ביסלעכווײַז אָבער האָב איך זיך צוגעוווינט צו אים, אופֿגעהערט זען אין אים א זײַטיקן מאנצבל, נאָר א טאטן, פֿאַר וועמען מע שעמט זיך שוין עטוואָס אנדערש א ביסל. און כ'דאַרף זאָגן, נאפּטאָלע דאווידאָוויטש, אז כאַנע איז טאקע געווען צו מיר ווי א טאטע. דאָס האָט ער צוליב מיר, ווי כ'האָב עס שפּעטער פֿאַרשטאנען, אונטערגעקליבן אלץ אזעלכע לידער, וואָס פֿאַרטרײַבן דעם אומעט, כאָטש באנאכט האָב איך ניט איין מאָל געהערט, ווי ער שטיקט זיך פֿון געוויין, רופֿט צו זיך פֿונעם פֿאַרשאָטענעם קאריער דאָס ווײַב מיט די קינדער, רעדט זיך דורך מיטן אייניקל...

צוויי יאָר זײַנען ניט קיין צוויי טעג, און וואָס איז דאָ פֿאַראַן וואָס אויסצובאהאלטן. איך האָב זיך פֿאַרליבט און ניט אף קאטאָוועס אינעם דאָזיקן מענטשן. כ'האָב אופֿגעהערט באמערקן, אז ער איז עלטער פֿון מיר קימאַט אין צוויי מיט א האלבן מאָל. מיר איז דאַן געגאַנגען דאָס איין־און־צוואנציקסטע, און כאַנען איז שוין געווען בא די פֿופֿציק. ניטאָ וואָס

אויסצובאהאלטן. אז מע איז אלט איין און צוואנציק יאָר און מע איז נאכט נאָך נאכט העכער צוויי יאָר מיט א מאנצבל, וועלכן מע האָט ליב... וואָס ווײַטער, אלץ מער האָט מיך געצויגן צו אים. ווי‫אזוי ס'איז ניט געווען אָנ־געוויײטעקט אף דער נעשאָמע, פלעגן אָבער טרעפן באנאכט אזעלכע מינוטן, ווען כ'האָב זיך קוים געקאָנט באהערשן, אז איך זאָל אים אליין ניט א רוף טאָן צו זיך. איך האָב ניט געקאָנט אים פארשטיין, ווי איז מען עס אזוי בלינד און מע באמערקט עס ניט..."

זאָל זײַן, ער האָט טאקע, ווירקלעך, גאָרניט באמערקט, כאָנע? און זײַוול האָט ווידער איבערגעמישט אף צוריק עטלעכע בלעטלעך, זיך אומ־געקערט צו דעם, בא וואָס ער האָט, לייענענדיק פריִער כאָנעס געשיכטע, זיך געהאַט אָפּגעשטעלט:

„דער מענטש ווערט מיט דער צײַט, אפּאָנעם, צו אלץ געוווינט, און אויב ער קאָן אליין זיך דערצו ניט צוגעוווינען, איז געוווינט מען אים צו דעם צו... פאר די העכער צוויי יאָר האָבן מיר זיך שוין אזוי צוגעוווינט צום פינצטערן קעלער, אז ס'האָט זיך אונדז צײַטנווײַז ניט געגלייבט, אז ס'איז דאָ א זון אין הימל און מענטשן גייען אום אונטער דער זון. אָבער צוגעוווינען זיך צום געדאנק, וואָס האָט ניט אופגעהערט עגבערן דעם מויעך, אז אויב וועסט פּאָרט דערלעבן די גליקלעכע שאָ פון דער געולע און וועסט ארויס פון קעלער אף דער ליכטיקער שײַן, וועסטו קיינעם פון דײַנע ניט טרעפן... זיך צוגעוווינען צום געדאנק, אז דײַן רייזעלע ליגט א דערשאָסענע אין קאריער... איר ווייִנט? אוי, ווי איך בין אײַך מעקאנע, כאָווער נאפטאָלע דאווידאָוויטש, וואָס איר קאָנט נאָך וויינען. בא מיר זײַנען מער קיין טרערן ניטאָ. זיי זײַנען בא מיר אויסגעטריקנט געוואָרן נאָך דעמלט, ווען איך בין געשטאנען באנאכט באם קאריער הינטער דעם ציגל־זאוואָד. די איינציקע רעטונג אונדזערע איז געווען זיך לאָזן אײַנ־ריידן, אז דאָס, וואָס עס איז געשען אף אונדזערע אויגן, איז ניט געשען, אז ווען מיר וועלן ארויס אף דער ליכטיקער שײַן, וועלן מיר טרעפן אלץ ווי געווען. אנדערש וואָלטן מיר מיסטאמע אראָפּ פון זינען. מיר האָבן איינער דעם צווייטן ניט געלאָזט קיין וואָרט ארויסברענגען וועגן דעם, וואָס איז זיך פארלאָפן. איך האָב דערשטיקט אין זיך דעם וויי מיט נע־גינע, זיך אף צולאָכעס געזונגען בלויז מונטערע לידער...

אויב מיר האָבן זיך טאקע ניט גערירט פון זינען, האָבן מיר א סאך צו פארדאנקען אונדזערע ליבע טימאָפיי וואסיליעוויטשן און קסעניע אנ־דרייעוונען, זייער טרײַהײַט און איבערגעגעבנקײַט צו אונדז איז נאָר צו פארגלײַכן מיט דער איבערגעגעבנקײַט פון עלטערן צו זייערע צוויי צי־טעריקע קינדער. זיי האָבן אונדז נאָכאנאנד געטרייסט, אז ס'איז געבליבן שוין ניט לאנג צו וואַרטן — צוגעטראכט, אז אונדזערע טרײַבן דעם סוינע אף צוריק, בייס דער דײַטש, ווי מיר האָבן זיך עס נאָכדעם דערוווּסט, איז שוין פארקראָכן אזש קיין קאווקאז... ניט אלעמאָל, זעט אויס, איז נייטיק וויסן דעם עמעס.

אײַ, ווי שטארק עס איז אינעם מענטשן דאָס לעבן! צירל האָט זיך צעבליט אין דעם נאסן פינצטערן קעלער טאקע נאָר ווי א רויז אף דער זון, געוואָרן וואָס א טאָג שענער, קײַלעכיקער, און כ'האָב אָנגעהויבן

באמערקן, אז זי פארקוקט זיך אָפּט אױף מיר שוין ניט װי קײן טאַטער אַף א טאַטן. און איך, כּאָװער נאַפּטאַלע, בין דאָך אױך ניט מער װי א לעבעדיקער מענטש... אײנמאָל איז צװישן אונדז שיר ניט פאַרלאָפן זיך אַזױנס... איך האָב זי אײנמיטן דער נאַכט דערפּילט לעבן זיך אַפן געלעגער. זי איז דאָך שױן איצטער מײַן װײַב, האָב איך זיך ניט װאָס צו שעמען עס אײַך זאָגן, ביפראַט, אַז איר פאַרלאַנגט פון מיר, איך זאָל אײַך ענט־פערן, װיאַזױ איז עס געשען, װאָס מיר זײַנען געװאָרן מאַן און װײַב... איך דאַרף אײַך, דאַכט מיר, ניט דערציילן, װאָס קומט פאָר מיט א מאַנצבל, װען ער דערפּילט לעבן זיך א יונג מיידל, דערצו נאָך, װען דאָס מיידל איז אַזאַ שײנהײַט, װי צירל. װען איך זאָל נאָכדעם, װאָס איז זיך פאַרלאָפן מיט אונדז אױף דער װעלט, נאָך אַלץ געװען גליבן אין דעם, װאָס לעבט אײביק, װאָלט איך געזאָגט, אַז דאָס האָט ער זיך אװעקגע־שטעלט צװישן אונדז און ניט דערלאָזט דערצו. װען ס׳זאָל, כּאָלילע, גע־װען דאַן פּאַסירן דאָס, װאָס עס האָט געקאָנט פּאַסירן, װאָלט איך זיך גע־האַלטן פאַרן ערגסטן פון די ערגסטע. מאַלע װאָס זי איז גרייט געװען... זי איז דאָך פּאָרט נאָך א קינד, אָבער איך בין דאָך שױן געװען א טאַטע פון דערװאַקסענע קינדער. געהאַט שױן אַן אײניקל, א לעבן שױן אָפּגע־לעבט. כ׳װאָלט זיך עס קײנמאָל ניט מוחל געװען, װען איך זאָל אַפילע געװען זיך דעמלט פאַרשטעלן, אַז צירל װעט זײַן מײַן װײַב.

— צירל, — האָב איך איר געזאָגט, — גײ שױן צו זיך.

און זי טוליעט זיך צו מיר און ציטערט פון קעלט.

— איך האָב דיך ליב.

דאָס האָט זי צום ערשטן מאָל פאַר דער גאַנצער צײַט, װאָס מיר זײַנען אין קעלער, מיר געזאָגט „דו״.

— רעדסט נאַרישקײַטן, צירל, הערסט אַלײן ניט, װאָס דו רעדסט. גײ צו זיך. פאַרגעס ניט, קינד אײנס, װוּ מיר געפינען זיך, װוּ מיר האַלטן אין דער װעלט. באַטראַכט זיך...

מיר זײַנען בײדע יענע נאַכט ניט געשלאָפן. צירל האָט, װי מיר האָט זיך עס דעמלט אױסגעװיזן, ענדלעך פאַרשטאַנען, אַז זי האָט פּאַשעט גע־װאָלט מיט עפּעס לינדערן דאָס לעבן אין קעלער, זיך פּאַשעט פאַרגעסן, האָט זי צוגעטראַכט פאַר זיך, אַז זי האָט מיך ליב. עס זאָל געװען זײַן עמעצער אַן אַנדערער אױף מײַן אָרט, אַפילע א מער עלטערער פון מיר, װאָלט זי אים פּונקט, װי מיר, געזאָגט דאָס זעלבע, אַז זי האָט אים, הײסט עס, ליב.

דער גוטער מאַלעך, װאָס האָט זיך אַװעקגעשטעלט צװישן אונדז און מיך אָפּגעהיט, איך זאָל ניט פאַרלירן דעם מענטשן אין זיך, ניט פאַרלירן, װי איר רופט עס, דעם מענטש אינעם מענטשן, האָט מיך אױך אױף װײַטער ניט פאַרלאָזט.

נאָכדעם איז געשען דער גרױסער נעס. די באַטאַגיקע שײַן, װעלכע מיר האָבן אַזאַ צײַט ניט געזען, האָט זיך מיטאמאָל אַרײַנגעריסן צו אונדז אין קעלער צוזאַמען מיט טימאַפּײ שאַסטקאַס קאָל, װעלכס מיר האָבן ניט גלײַך דערקענט:

— קריכט אַרױס! אונדזערע האָבן זיך אומגעקערט! אונדזערע!

וואָס עס האָט זיך מיט מיר און מיט צירלען געטאָן, ווען מיר זײַנען אַרויסגעקראָכן פֿונעם קעלער און דערזען אונדזערע, איז ניט איבערצו־געבן. פֿאַר צירלען איז, דאַכט זיך, געוווען דעמלט דאָס סאַמע גרעסטע, וואָס זי דאַרף ניט מער שטיקן אין זיך די טרערן, זי קאָן זיך אויסוויינען אַף אַ קאָל..."

זײַוול וויל הערן, וואָס דערציילט וועגן דעם זעלבן, וואָס נאַפּטאָלע כּעסין האָט פֿאַרשריבן פֿון כאָנעס רייד, זי, צירל, אָבער ער מישט דאָס מאָל ניט איבער די בלעטלעך פֿונעם בוך אַף צוריק, ווי ער האָט עס ביז איצט געטאָן, נאָר לייענט דאָס ווײַטערדיקע, וואָס כאָנע דערציילט:

„און אַזוי, וויינענדיק אַף אַ קאָל, האָט זי מיך געבראַכט צו פֿירן צו דער גרוב אַף יענעם ברעג טײַך. די ביימער אַרום זײַנען געשטאַנען, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, מיט פֿאַרנייגטע קעפּ, ווי זיי זאָלן זיך פֿילן שולדיק, וואָס זיי האָבן זיך ניט אויסגעוואָרצלט פֿון דער ערד און ניט געשפּאָלטן די קעפּ די רוצחים, וואָס האָבן אָנגעצילט די ביקסן אַף אומשולדיקע מענטשן, אַף קינדער...

צירל איז צוגעוואַקסן צו דער גרוב. די וועלט האָט געדאַרפֿט טויב ווערן פֿון איר געיאָמער און דערטרונקען ווערן פֿון אירע טרערן.

— צירל, — האָב איך איר געזאָגט, אופֿהייבנדיק זי מיט גוואַלד פֿון דער ערד, — האָב כאָטש ראַכמאָנעס אַף מיר. איך קאָן עס מער ניט צוזען. איך וועל דיך ניט טרייסטן, ווי מע פֿלעגט טרייסטן פֿריִער, אַז דאָס, וואָס די ערד דעקט צו, דאַרף פֿאַרגעסן ווערן, ווײַל אַזוי איז שוין באַשאַפֿן די וועלט. דער מענטש זאָל געוווען לעבן אייביק, וואָלט ער אויך אַזוינס ניט פֿאַרגעסן. מיר וועלן זיך נאָך מיט דיר געזעגענען און אָנקלאָגן. דער לעבעדיקער דאַרף דאָך אָבער טראַכטן וועגן לעבן, קוים זײַנען מיר ניצל געוואָרן פֿון טויט. איך פֿאַרשטיי, אַז דיר איז שווער איבערצוטרעטן די שוועל פֿון שטוב, פֿונוואַנען מע האָט אײַך אַלעמען אוועקגעפֿירט צו דער אַקיידע. איז זײַ איבער דאָס ערשטע שטיקל צײַט בא די שאָסטקאָס, קיין מער נעענטערע מענטשן, ווי זיי, האָבן מיר ניט אַף דער גאָרער וועלט. נו, און איך וועל זיך אומקערן צו זיך אין שטעטל. עפּשער איז עמעצער אַלפֿי־נעס לעבן געבליבן. אומעטום זײַנען דאָך מיסטאָמע געוווען אַזעלכע, ווי טימאָפֿיי און קסעניע. אַמאָליקע צײַטן וואָלטן זיי געהייסן צאַדיקים, זיי זײַנען צוליב ראַטעווען דעם מענטשן געגאַנגען אַף קידעש־האַ־שעם.

געקומען אין שטעטל צו זיך... דאָס איז, ווי צירל זאָגט, ניט צו דער־ציילן, ניט צו באַשרײַבן. אויב ס'האָט ניט געפּלאַצט בא מיר דאָס האַרץ, בין איך, אַפּאָנעם, טאַקע שטאַרקער פֿון אײַזן. די צײַט, וואָס איך בין אָפּ־געלעגן אין קעלער, האָב איך פֿונדעסטוועגן געלעבט מיט אַ שטיקל האָ־פֿענונג, כאָטש איך האָב פֿאַר מײַן אוועקלאָזן זיך אין וואַלד אַף גאָטס באַראָט געזען מיט די אייגענע אויגן דעם פֿאַרשאָטענעם קאַריער. יעדער מענטש בייס אָן אומגליק טראַכט אָפּט, אַז אים וועט עפּשער דער אומ־גליק פֿאַרבײַגיין. עפּשער וועט טרעפֿן אַ נעס. אָט האָט זיך דאָך מיט מיר און מיט צירלען געטראָפֿן אַ נעס. נאָר אַף וואָס פֿאַר אַ נעס האָב איך

ארויסצוקוקן, אז ס׳איז שוין די אנדערע וואָך, ווי אונדזערע האָבן באַפרײַט דאָס שטעטל, און קיינער וויַיזט זיך ניט. די הײַזער שטייען, ווי פּריִער, פּוסט, מיט אויסגעהאַקטע שויבן און אראָפּגעריסענע טירן...

בא זיך אין שטוב האָב איך לענגער פון עטלעכע מינוט ניט געקאָנט אײַנזיצן. איך זאָל זיך פאַרהאַלטן דאָרטן לענגער, וואָלט איך מיסטאמע זיך געעירט פון די געדאַנקען. פון אלע ווינקעלעך האָט אף מיר ארויסגעקוקט מײַן רייזעלע. אף די עטלעכע טעג, וואָס איך בין געווען אין שטעטל, האָט מיך ארײַנגענומען צו זיך פּאַוולינע, סטעפּאַן דעם וועכטערס אַלמאָנע. גיי ריכט זיך, אז סטעפּאַן, אָט דער זעלבער סטעפּאַן גאָנטשאַרענקאָ, פון וועמען מע האָט קיין גוטס ניט דערוואַרט, וועט נעמען נעקאָמע פאַרן אומגעבראַכטן שטעטל. ער האָט פאַרנאַרט צו זיך אפן ציגל־זאַוואָד דעם עלטסטן פון דער פּאָליציי, וואָס האָט אָנגעפירט מיטן צעשיסן, און אים דערשטיקט. מע האָט זיך גלײַך געכאַפּט, אז דאָס איז סטעפּאַנס ארבעט. צי עמעצער האָט געהאַט עפּעס באַמערקט און אים ארויסגעגעבן, צי די פּאָליציי אליין האָט זיך אָנגעשטויסן, וועט מען מיט דער צײַט זיך דערוויסן. סטעפּאַנען האָט מען צעשאָסן בא דעם זעלבן קאַריער. ווען פּאַוולינע מיט די קינדער זאָלן ניט געווען באַצײַטנס אַנטלויפן אין וואַלד, וואָלט מען זיי אויך אַלעמען אומגעבראַכט.

פיר טעג בין איך אָפּגעווען אין שטעטל. אפן פינפטן טאָג בין איך אוועק אפן קאַריער און געזאָגט יִיזקער נאָך מײַן ווײַב און קינדער, נאָך מײַן אייניקל, נאָך אלע מײַנע נאָענטע און אייגענע, נאָך סטעפּאַנען, נאָכן גאַנצן שטעטל אונדזערס.

גוט דאָרטן אויסגעוויינט זיך, בין איך ארײַן צו זיך אין שטוב, אויסגעטאָן די שיך און זיך געזעצט שיווע. אָפּגעזעסן אזוי א פּאָר שאָ, רוף איך זיך אָן צו פּאַוולינען, אז זי זאָל אָנצינדן בא זיך אין שטוב א לאָמפּ און לאָזן אים ברענען אכט טעג...

אף מאָרגן בין איך שוין געווען צוריק בא צירלען אין שטעטל.

לאָזט זיך אויס, אז אין די טעג, וואָס איך בין געווען בא זיך, איז צירל פון שטוב ניט ארויס. ווען ניט קסעניע, וואָלט זי אזוי אויסגעגאַנגען מיסטאמע פון הונגער. כ׳האָב זי געטראָפן אינעם אָנטאָן ליגן אפן בעט מיט צוגעמאַכטע אויגן.

— צירל, — האָב איך זי געפרעגט, — ווי גיט מען עס אזוי א מאַך אף זיך מיט דער האַנט?

זי האָט א קוק געטאָן אף מיר מיט א פּאָר גלעזערנע אויגן און געזאָגט:

— איך האָב זיך אָפּגעוויינט פון מענטשן. איך קאָן קיינעם ניט זען און וויל קיינעם ניט זען.

— וואָס רעדסטו, צירל? נו, און אונדזערע רעטער, אונדזערע טײַערע טימאָפיי וואַסיליעוויטש מיט קסעניע אַנדרייעוונען...

— זיי זײַנען מײַנע טאַטע־מאַמע. טאַטע־מאַמע קאָנען אָבער דיך ניט פאַרבײַטן. זעץ זיך צו לעבן מיר... — זי האָט ארײַנגענומען מײַן האַנט אין אירער, און כ׳האָב ווידער דערהערט דאָס זעלבע, וואָס אין קעלער. — איך האָב דיך ליב. איך קאָן אָן דיר ניט זײַן... דו ביסט פאַר מיר...

— דו הערסט ניט, וואָס דו רעדסט, — האָב איך זי איבערגעשלאָגן, — איך בין שוין געווען, באַרעכהאשעם, א זיידע, און דו האָסט דאָך נאָך אפּילע קיין קאַלע ניט באַוויזן צו זײַן.

איך טײַנע צו איר מײַנס, און זי מיר אירס:

— איך דאַרף קיינעם ניט. איך דאַרף נאָר דיך. כ׳האָב דיך ליב.

כ׳האָב געמיינט, זי איז, כאָלילע, ניט מיט אלעמען.

— זע, — זאָג איך צו איר, — גיב א קוק אף זיך און אף מיר. וואָס פאַר א פּאָר זײַנען מיר? דו ביסט יונג, שיין ווי א בלום, און איך בין דאָך שוין א פארוויאַנעטער בלאַט. ס׳איז דאָך ניט מער ווי אן אײַנריידעניש, אן אומזין אָט דאָס, וואָס דו זאָגסט.

ענטפערט זי מיר דערויף:

— איך וועל זיך א מײַסע אָנטאָן, אויב וועסט מיך ניט נעמען.

איך זע נאָך איר, אז דאָס זײַנען ניט קיין פּוסטע רייד. קענטיק, זי האָט, זײַענדיק אין קעלער, בעעמעס זיך אָפּגעוווינט פון מענטשן, האָט מוירע פאַר מענטשן. אין מיר, האָב איך פארשטאַנען, האָט זי געזען, — וויפל זי זאָל ניט געווען מיר זאָגן, אז זי האָט מיך ליב, אז זי קאָן אָן מיר ניט לעבן, — ניט קיין מאַנצבל, נאָר א מענטשן, צו וועמען זי האָט זיך פּאַשעט צוגעוווינט, דאַרף פאַר אים ניט מוירע האָבן.

בעקיצער, מיר זײַנען אינגיכן געוואָרן מאַן און ווײַב".

צום סאָף פון דער געשיכטע צירל — כאַנע האָט נאַפּטאָלע כעסין צוגעשריבן, ארײַנעמענדיק עס, ווי אלע זײַנע פּרײַעדיקע באַמערקונגען, אין קלאַמערן: (זיי זײַנען געוואָרן טרײַע מאַן און ווײַב. נאָר מיט קינדער האָט דאָס מאַזל זיי ניט געבענטשט. די ראָצכים האָבן זי באַשטראָפט מיטן גרעסטן פּלאָג, וואָס עס קאָן נאָר געמאָלט זײַן פאַר א פרוי. פון דעם, וואָס זי איז טיף אין אָסיען בא א מעסלעס א האַלב־נאַקעטע אָפּגעשטאַנען אין טײַך, איז אף שטענדיק פארשלאָסן געוואָרן איר מוטער־טראַכט)".

צי ניט דאָס איז אויסן געווען כעסין, וואָס ער האָט אים געגעבן איבערלייענען די דאָזיקע געשיכטע — אָנשרעקן דערמיט, וואָס צירל קאָן ניט ווערן קיין מוטער? איז קען ער אים, וויבאַלד אזוי, טאַקע ניט, נאַפּטאָלע דאַווידאָוויטש, אויב ער מיינט, אז דאָס קאָן אים, זײַוולען, אָפּשטעלן. ביין, גיכער פון אלץ איז כעסין, פארשטייט זיך, אויסן געווען אים באַווײַזן, וו׳אזוי כאַנע האָט זיך געראַנגלט מיט זיך, געטאָן אלץ אף בײַצוקומען אין זיך די ליבע, קעדיי פאַרהיטן דעם מענטש אין זיך, און דאָס איז העכער און שטאַרקער פון ליבע.

נאָר אויך נאָכדעם, ווי זײַוול האָט צוגעמאַכט דעם בוך און זיך פארטראַכט וועגן דעם דורכגעלייענטן, האָט ער סײַווי ניט געקאָנט עס באַנעמען און וועט עס מיסטאָמע קיינמאָל ניט קאָנען באַנעמען, וויפל ענלעכע געשיכטעס אים זאָל ניט אויסקומען הערן און לייענען.

פון דרויסן האָט א צי געטאָן מיט פריהאַרבסטיקער קעלט. זײַוול איז פון פענצטער ניט אָפּגעגאַנגען. ער איז געשטאַנען און ארויסגעקוקט צום סעדל, וואָס האָט גענומען גרוי ווערן, ווי פון שרעק, אז עס וועט זיך ניט דערוואַרטן אפן זון־אויפגאַנג.

# קאַפּיטל נײַנצן

וויאַזוי זיַיוול זאָל ניט געווען זיַין פאַרנומען, האָט געטראַכט כעסין, וואָלט ער פאַר דער וואָך צײַט, וואָס דער בוך איז בא אים, ניט איין מאָל געקאָנט אים שוין איבערלייענען, ביפֿראַט נאָך, אַז ער האָט צוגעזאָגט אים לאַנג ניט פאַרהאַלטן. א טאָג, צוויי, ניט מער. פאַרשטייט טאַקע ניט נאָכ־טאָלע, וואָס זאָל עס באַטײַטן. אוועק שוין די אַנדערע וואָך, און זיַיוול קערט אים נאָך אַלץ ניט אום דעם בוך. ער ווייסט מאַמעש ניט, וואָס איבערצוקלערן. זאָל זײַן, אַז זיַיוול האָט, כאָלילע, פאַרלוירן דעם פּינקעס און דערפאַר מײַדט ער אים אויס, כעסינען?

דעם דאָזיקן שרעקלעכן געדאַנק קאָן נאַפטאָלע ניט דערלאָזן און וויל ניט דערלאָזן. און דאָס האַלט אים אָפּ צו גיין צו זיַיוולען אהיים צי אַף דער אַרבעט און זיך סאָפּקאָלסאָף דערוויסן, וואָס איז געשען, פּונקט ווי סע האַלט צומאָל אָפּ א כוילע דערפון, אַז ער זאָל צוגיין צו א דאָקטער, מוירע האָבנדיק, אַז ער קאָן פון אים דערהערן דאָס זעלבע, אין וואָס דער כוילע אַליין איז אָן אים זיך כוישעד געווען. גיכער פון אַלץ, און דאָס לייגט זיך דאַפקע כעסינען אָפּן זינען, האָט זיַיוול געגעבן דעם בוך עמעצן לייענען און וואַרט, וואָס וועט יענער זאָגן וועגן דעם אַלץ, וואָס איז דאָרט אַרײַנגעשריבן, באַזונדערס, אַפּאָנעם, וועגן זײַנע, נאַפטאָלעס, באַמערקונגען אין די קלאַמערן. אָט דער עמעצער דאַרף געוויס דאָך זײַן זיַיוולס גאָר א נאָענטער מענטש. נאָר כעסין האָט ניט באַמערקט נאָך דערווײַל, אַז זיַיוול זאָל זיך דאָ מיט עמעצן באַזונדערס כאַווערן. פאַרן סאַמע נאָענטסטן פרײַנט זיַיוולס דאָ אין שטעטל האָט כעסין ביז אהער געהאַלטן זיך. נאָר עפשער האָט זיַיוול, זיַיענדיק אין שטאָט, זיך אָפּגעזוכט דאָרט א מער נעענטערן פרײַנט?

ווי עס זאָל ניט זײַן, נאָר כעסין קאָן מער גיט וואַרטן. ס'איז דאָך ניט קיין קלייניקייט! זיַיוול ווייסט, דאַכט זיך, גאַנץ גוט, וואָס באַטײַט פאַר אים, נאַפטאָלען, דער פּינקעס, וואָס פאַר א האָרעוואַניע ער האָט אין אים אַרײַנגעלייגט, וויפל האַרץ דאָרטן ליגט, וואָס פאַר א באַדײַטונג ער גיט אים צו. ס'איז דאָך ניט קיין מײַסע־ביכל. דאָרט איז דאָך אַלץ פאַרשריבן, וואָרט אין וואָרט, פון יענעמס רייד. ווי קאָן מען אַזעלכעס אופּשטעלן? ניט ער געדענקט אַלע געשעענישן און ניט ער געדענקט, מיט וועמען איז עס זיך פאַרלאָפן און ווו איז זיך עס פאַרלאָפן. זיַיוול ווייסט גאַנץ גוט, אַז ער איז דערווײַל דער ערשטער און דער איינציקער, וועמען ער, נאַפטאָלע, האָט אָנגעטרויט דעם פּינקעס. איז ווי טוט מען עס אָפּ אַזא זאַך, נעמען און פאַרשאַפן דעם לערער זײַנעם אומזיסט און אומנישט אַזא אַג־מעסנעפּעש?

אויס! מער וואַרט ער ניט. קערט אים זיַיוול נאָך אויך הײַנט ניט אום דעם בוך, גייט ער צו אים און וועט אים געבן א גאָב, ווי ער האָט עס פאַרדינט. ער וועט אים פּאָשעט זאָגן: „איך פאַרשטיי ניט, ווי קאָן עס א מענטש, וואָס האַלט אַזוי קיין וואָרט ניט, פאַרנעמען א מעלוכישע שטע־לע?״

נאָר ווען כעסין האָט אין אָוונט זיך געלאָזט גיין צו זײַן טאַלמיד, האָט ער שוין, אייגנטלעך, פאַרגעסן, וואָס האָט ער זיך געקליבן אים אָרײַנ־זאָגן. ער איז גרייט אים אַלץ מוחל זײַן, אַבי נאָר ער זאָל טרעפן בא אים דעם פּינקעס. ווײַל טאָמער, כאָלילע...

נאַפּטאָלע דאַווידאָוויטש האָט זיך אַזוי אָרײַנגעטאָן אין טראַכטן און איבערטראַכטן, וואָס זאָל עס באַטײַטן, וואָס זײַוול האָט זיך די אַלע טעג ווי אויסבאַהאַלטן פון אים, אַז ער האָט אין דער ערשטער רעגע ניט דער־הערט כאַנעס קאָל:

— כאַווער נאַפּטאָלע, ווהין אײַלט איר עס אַזוי? כ׳האָב דאָך אײַך קוים דעריאָגט.

— ס׳האָט, כאָלילע, עפּעס פּאַסירט? — איז כעסין געבליבן שטיין אין מיט טראָטואַר.

— אויסער דעם, וואָס אונדזער זאַוואָד וועט הײַנטיקן כוידעש ניט מאַכן דעם פּלאַן, האָט גאָרניט פּאַסירט. דאָס האָט צירל מײַנע מיך גע־שיקט צו אײַך זיך דערוויסן, פאַרוואָס שוין דעם דריטן צי דעם פערטן אָוונט זײַנט איר בא אונדז ניט געווען? מיר האָבן שוין ניט געוווּסט וואָס איבערצוקלערן, עפּשער האָבן מיר זיך קעגן אײַך מיט עפּעס פאַרזינדיקט?

— אַ מאָשל!

קיין נעענטערע פרײַנט, ווי צירל מיט כאַנען, האָט כעסין דאָ ניט גע־האַט, דערצו איז די געשיכטע מיט זײַוולס ניט אומקערן אים צוריק דעם בוך ניט אַזאַ סאָד, אַז ער זאָל עס דאַרפן פון זיי אויסבאַהאַלטן.

— איך בין לעצטנס טאַקע געווען ביז גאָר פאַרנומען. ס׳איז פאַרשלאָפט געוואָרן דער לערער פון מאַטעמאַטיק אין די ייִנגערע קלאַסן, איז קומט מיר אויס אים צײַטווײַליק פאַרבײַטן, און פאַר די ייִנגערע קלאַסן דאַרף מען זיך גרייטן צו די לימודים מער ווי פאַר די עלטערע קלאַסן. כ׳גע־דענק שוין ניט פּינקטלעך, ווער פון די שרײַבער האָט עס געזאָגט, אַז פאַר קינדער דאַרף מען שרײַבן ווי פאַר דערוואַקסענע, נאָר בעסער נאָך. דאָס זעלבע איז אויך מיט די לימודים אין שול. און אין די אָוונטן האָב איך געוואַרט אויף אַ מענטשן, וואָס האָט געדאַרפט צו מיר קומען און איז ניט געקומען. דאָס גיי איך איצט צו אים.

— ווער איז דער מענטש, אויב ס׳איז ניט קיין סאָד? ניט זײַוול האַנפּט?

— יאָ. טאַקע ער.

— איז האָט איר ניט, אויב אַזוי, וואָס צו גיין צו אים. ער איז נאָך אייערנעכטן אַוועקגעפאָרן אין געגנט, און אַז מע פאָרט אין געגנט, איז ווייניקער פון צוויי־דרײַ טעג, איך ווייס עס לויט זיך, פאַרהאַלט מען זיך דאָרטן ניט. אָף וואָס דאַרפט איר עס אים אַזוי נייטיק?

כעסינען האָט זיך געוואָלט זאָגן: „קומט, ליבער כאַנע, מיט מיר. אַליין וועל איך צו אים אין צימער ניט אַרײַנגיין, ווען כ׳זאָל דאָרט אַפילע טרעפן די באַלעבאָסטע זײַנע. מיט אײַך אָבער יאָ. כ׳וויל אײַך האָבן פאַר אַן איידעס, כאָטש זײַוול וואָלט מיר אָן אַן איידעס אויך גלייבן, אַז כ׳האָב זיך בא אים צו גאָרניט צוגערירט. כ׳וועל נאָר צונעמען דעם פּינקעס מײַ־נעם, און שוין". נאָר געזאָגט האָט ער כאַנען:

— כ'האָב געדאַרפֿט בא אים אָפּנעמען מײַנעם א בוך. נאָר װיבאַלד ער איז אװעקגעפֿאָרן אין שטאָט, איז דאָך ניט שײַעך. געװאָרט שוין אַזױפֿיל, װעל איך צװוּאַרטן נאָך א צװיי־דרײַ טעג, כאָטש איך דאַרף דעם בוך זייער נייטיק האָבן.

— צירל, זעט איר, האָט אײַך געפֿאָלגט. זי איז ניט אַריבערגעגאַנגען אַף דער מיל, זי איז געבליבן אַרבעטן בא האַנפּטן אין קאָנטאָר.

נאַפּטאָלע האָט א קוק געטאָן אַף כאַנען. אין שײַכעס מיט װאָס האָט ער עס אים איצט געזאָגט? פֿאָשעט, גלאַט אַזױ? ער װיל אים דערמיט געבן, הייסט עס, צו װיסן, װאָס איז ער אַזױנס פֿאַר צירלען, װאָס באַטײַט פֿאַר איר זײַנס א װאָרט, צי כאַנע איז דערמיט אױסן געבן אים אַנצוהערן, אַז מיט דער דאַזיקער אייצע זײַנער — פֿאַרבלײַבן אַרבעטן אין דער סטראַכיר־קאָנטאָר — נעמט ער אַף זיך זייער א סאַך? אויב כאַנע האָט אָט דאָס אין זינען, קאָן אים נאַפּטאָלע דערױף ענטפֿערן, אַז ער טראָגט ניט פֿאַר דעם קיין שום היסכײַװעסן, װײַל װען צירל האָט זיך געהאַלטן מיט אים אַן אייצע, — פֿאַרבלײַבן אין קאָנטאָר, צי איבערגיין צוריק אַפֿן צוקער־זאַװאָד, אָדער אָנקומען אַף דער מיל, — האָט ער נאָך, אייגנטלעך, פֿון גאָרנישט ניט געװוּסט, און צירל האָט אים אױך גאָרניט געהאַט געזאָגט. זי האָט זיך פֿאַרופֿן אַפֿן זעלבן, װאָס ער האָט געהערט פֿון כאַנען, אַז ס'איז פֿאָשעט שװער געװאָרן זיך אומשלעפֿן נאָכאַנאַנד איבער די דערפֿער. װאָס נאָך קאָן ער זאָגן כאַנען? צירל האָט זיך דאָך מיט אים אַן אייצע געהאַלטן מיט א צײַט פֿאַר דעם, װי געדאַליע דער קעסל־הייצער האָט אים בעסאָד פֿאַר־טרױט, װאָס האָט אים דערציילט װעגן זײַװולען מיט צירלען דער אינזשע־ניער פֿון דעם צוקער־זאַװאָד.

פֿונעם װײַטערדיקן געשפּרעך, װאָס נאַפּטאָלע מיט כאַנען האָבן געפֿירט צװישן זיך, אַראָפּגייענדיק פֿונעם טראָטואַר אַפֿן בריק, איז ניט געװען צו זען, אַז כאַנע זאָל געװען עפּעס אַנדערש האָבן אין זינען, אױסער דעם, אַז צירל האָט געפֿאָלגט דעם לערער פֿאָשעט דערפֿאַר, װײַל זי הערט זיך צו אים ביכלאַל צו. דערפֿון האָט כעסין געקאָנט מאַכן בלױז איין אויספֿיר: כאַנע װייסט דערװײַל פֿון גאָרניט און באַמערקט גאָרניט. ס'איז עפּשער בעסער און גלײַכער אַזױ, װײַל, אייגנטלעך, װי אים האָט עס פֿאַרזיכערט געדאַליע און ער װייסט עס, נאַפּטאָלע, אַליין, איז צװישן צירלען מיט זײַװו־לען באַזונדערס טאָקע זיך גאָרניט פֿאַרלאָפֿן. אָבער געענדערט א ביסל פֿאַר דער לעצטער צײַט האָט ער זיך, כאַנע. נאַפּטאָלע נעמט עס דערפֿון, װיאַזױ כאַנע זינגט זיך אונטער בייסן גיין. אין די זעלבע פֿריילעכע ניגונים האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט א מאָדנער אומעט... זאָל זײַן, אַז טײַבע, געדאַליעס פֿאַרביטערט װײַבל, זאָל געװען געבן כאַנען עפּעס אָנצוהערן?..

און װײַל נאַפּטאָלע דאַװידאָװיטש האָט פֿאָרט ניט געװוּסט, פֿונװאַנען שטאַמט אָט דער אומעט, איז די באַגעגעניש מיט צירלען ניט געװען אַזאַ פֿריידיקע, װי שטענדיק, און דער שפּאַציר זאַלבעדריט אין סקװער האָט זיך אױך מיט עפּעס אונטערשיידט. בא איטלעכן פֿון זיי האָבן זיך מיטאַמאָל אױסגעשעפּט די רייד. איז מען געגאַנגען און געשװיגן. פֿון דער זײַט האָט זיך געקאָנט אױסװײַזן, אַז כעסין מיט צירלען זײַנען בלױז אַרײַנגעטאָן אין צוהערן זיך צו כאַנעס שטילן אונטערזינגען זיך...

אומקערנדיק זיך פונעם סקווער אהיים, האָט כעסין נאָך פונדערווײַטן באמערקט עמעצן שטיין באם אַרײַנגאנג. צי ניט אף אים ווארט מען עס? מיסטאמע ווער־ניט־איז פון די עלטערן. ער איז שוין געווינט דערצו, אז עלטערן זאָלן קומען זיך דורכריידן מיט אים וועגן זייערס א קינד. אָבער אזוי שפּעט?

— זײַוול? — דערזען בא אים אין דער האנט דעם קאָנטאָרסקע בוך מיט די טונקל־גרויע טאָוולען, האָט נאפּטאָלע אין אלץ פארגעסן און פרײַנט־לעך, ווי ס׳זאָל גאָרניט געווען געשען, פארבעטן דעם גאסט צו זיך.

— צו שפּעטלעך א ביסל, נאפּטאָלע דאווידאָוויטש, און איר דארפט מיסטאם מאָרגן פרי אופשטיין צו דער ארבעט.

— בא מיר זײַנען טאקע מאָרגן די לימודים אין די אינדערפריִיקע שאָען, אָבער ס׳מאכט ניט אויס. קומט, קומט.

— איך דריי זיך דאָ ארום לעבן אײַער שטוב שוין א גאנץ היפּשע צײַט, — האָט זײַוול ווי זיך פארענטפערט.

— כ׳האָב זיך דורכגעשפּאצירט, ווי געוויינלעך, פארן שלאָף אין סקווערל.

— און, ווי געוויינלעך, מיטן פּאָרפּאָלק?

— נו, פארשטייט זיך.

אַרײַנגעקומען אין צימער, האָט זײַוול פארלוירן זיך אָנגערופן:

— אײַך האָט, שטעל איך מיר פאָר, געוויס פארכידעשט, וואָס כ׳האָב ניט געהאלטן וואָרט און ניט אומגעקערט צו דער צײַט דעם בוך.

— ע, ס׳איז שוין א דורכגעגאנגענע זאך, ניטאָ וועגן דעם איצט וואָס צו ריידן. אבי ער איז גאנץ... נאָר איבערגעטראכט האָב איך.

— איר ווייסט, פארוואָס איך האָב אים אײַך גלײַך ניט אומגעקערט? ער איז געווען ניט בא מיר.

— איך האָב טאקע אזוי געקלערט.

זײַוול האָט פארוווּנדערט א קוק געטאָן אפן לערער.

— און איר האָט געוווּסט, בא וועמען ער איז?

— מיסטאמע בא דעם, וועמען איר טרויט אָן.

— איר האָט, קאָן מען זאָגן, קימאט ווי געטראָפן, — זײַוול האָט אוועק־געלייגט אפן טיש צוזאמען מיטן פינקעס דרײַ אקוראט איבערגעבונדענע געלבלעכע פּאפּקעס. — דאָס איז אויך אײַערס, נאפּטאָלע דאווידאָוויטש.

— איך פארשטיי אײַך ניט.

— גיט, זײַט מוחל, א קוק, וועט איר פארשטיין.

כעסין האָט אָנגעטאָן די ברילן, צוגערוקט נעענטער צו זיך דעם אָנ־געצונדענעם לאָמפּ אפן טיש און דערזען אין די דרײַ פאנאנדערגעבונדענע פּאפּקעס דרײַ איבערגעדרוקטע אף א מאשינקע עקזעמפּליארן פון זײַן פינקעס. דער לערער האָט אראָפּגעלאָזט די אויגן, זיך פארשעמט פאר זיך אליין, וויאזוי האָט עס ער, וואָס האָט ס׳גאנצע לעבן צו טאָן מיט דער מענטשלעכער נעשאָמע, געקאָנט אזוי קלערן וועגן דעם באָכער, וואָס זיצט איצט לעבן אים, זיך געקליבן אים זאָגן: „ווי קאָן עס א מענטש, וואָס האלט אזוי קיין וואָרט ניט, פארנעמען א מעלוכישע שטעלע?״

נאָר זײַוול האָט אַנדערש אויפגענומען דעם לערערס שווײַגן. כעסין קאָן אים, אַפּאַנעם, פֿאָרט ניט מוחל זײַן, וואָס ער האָט אים ניט אומגע־קערט צו דער צײַט דעם בוך. האָט זײַוול זיך גענומען פֿאַרענטפֿערן:

— קוים האָט איר קײנעם פֿון די היגע מאַשיניסטקעס ניט געגעבן איבערדרוקן דעם בוך אײַערן, האָב איך דערפֿון פֿאַרשטאַנען, אַז איר ווילט פּאַשעט ניט, מע זאָל זיך דערוויסן אין שטעטל אַלצדינג, וואָס איז זיך פֿאַרלאָפֿן אין קעלער צווישן צירלען מיט כאַנען, כאָטש ניט אַלע מאַשיניסטקעס האָבן א טעווע פֿאַנאַנדערפּויקן דאָס, וואָס זיי דרוקן. און דאָ האָט זיך מיר גראַדע געמאַכט, אַז כ׳האָב, זײַענדיק אין שטאָט, אָנגע־טראָפֿן א מאַשיניסטקע, אַף וועלכער מע קאָן זיך פֿאַרלאָזן. און ווען זי זאָל אַפֿילע וועלן פֿאַנאַנדערפּויקן, איז אויך ניטאָ וואָס מוירע צו האָבן. ניט זי קען דאָ קײנעם, ניט זי ווייסט דאָ קײנעם. כ׳האָב זי געבעטן אי־בערדרוקן וואָס גיכער. אָבער פֿאַר אײן טאָג מאַכט זיך עס ניט, אַז איך זאָל זיצן לעבן איר און וואַרטן. און ווי אַפּצולאָכעס האָט געטראָפֿן אַזוי, אַז פֿריִער ווי אין א וואָך אַרום האָב איך ניט געקאָנט קומען אָפּנעמען... נו, ס׳איז שוין פֿאַרפֿאַלן. כ׳האָב אָבער אַן אַנדער פֿאַרדראָס. ווײַבאַלד דער בוך אײַערער איז, ווי איר זאָגט, ניט אַזוי פֿאַרן איצטיקן דאָר, ווי פֿאַר די קינפֿטיקע דוירעס, האָב איך געדאַרפֿט בעטן די מאַשיניסטקע, זי זאָל איבערדרוקן מער עקזעמפּליאַרן. נאָר דאָס קאָן מען נאָך פֿאַריכטן.

כעסין האָט שטײַף א דריק געטאָן זײַוולען די האַנט, אָבער פּונעם בליק, מיט וועלכן זײַוול האָט אַף אים א קוק געטאָן, האָט נאַפּטאָלע פֿאַרשטאַנען, אַז ניט בלויז דאָס אומקערן דעם בוך מיט די דרײַ איבערגעדרוקטע עק־זעמפּליאַרן אַף דער מאַשינקע האָט אַראָפּגעבראַכט זײַוולען צו אים אין אָט דער שפּעטער אָוונטיקער שאָ. קעדיי עס ניט אַרויסווײַזן פֿאַרן גאַסט, האָט כעסין, אויפֿהײבנדיק זיך פֿון טיש, א זאָג געטאָן מיט א שמייכל:

— מיר זײַנען מיט אײַך, ווי זאָגט מען עס, צוויי באָכערים, וואָס לאָזן ניט אײן מאָל דורך אי וואַרמעס, אי וועטשערע. וועל איך אויפֿזידן טיי, און צו טיי וועט זיך בא מיר אויך נאָך עפּעס געפֿינען.

— ניין, ניין. א דאַנק. מע דאַרף ניט, — ער האָט מיט זײַן מיטאָמאָל הייזעריקלעך געוואָרענער שטים אָנגעיאָגט כעסינען, וואָס איז מיטן קעס־טעלע שוועבעלעך אין דער האַנט שוין געווען בא דער טיר. — נאַפּטאָלע דאַווידאָוויטש!

כעסין איז געבליבן שטיין.

— איך דאַרף זיך מיט אײַך נייטיק דורכריידן.

נאַפּטאָלע האָט אַף א רעגע זיך דערפֿילט, ווי א שילער, וואָס האָט זיך מיט עפּעס פֿאַרזינדיקט און מע האָט אים פֿאַרבעטן אין לערער־צימער זיך דורכריידן מיט אים.

— נאַפּטאָלע דאַווידאָוויטש, — האָט זײַוול זיך אָנגערופֿן מיט דער פֿלו־צעם הייזעריקלעך געוואָרענער שטים. — איר ווייסט, וויפֿל מאָל איך האָב דורכגעלייענט די געשיכטע, וויאַזוי כאַנע מיט צירלען זײַנען געוואָרן מאַן און ווײַב?.. און אײַערע באַמערקונגען צו דער דאָזיקער געשיכטע האָב

איך אויך ניט איין מאָל איבערגעלייענט, און קאָן אלץ נאָך ניט פארשטיין. צי דען האלט איר טאקע, אז אויב א מענטש איז באגאנגען א פעלער, דארף ער צוליב דעם דאָס גאנצע לעבן לײַדן? איר זײַנט דאָך ניט כאַנע, וועלכער זעט ניט און באמערקט ניט, אז ער איז מיט צירלען ניט קיין פּאָר, אז צירל האָט אים ניט ליב און קאָן אים ניט ליב האָבן.

— אָט דאָס, זעט איר, זײַוול, האָב איך שוין פון אײַך ניט דערוואַרט. פון דעם, וואָס איך האָב פון אײַך דאָ איצטער דערהערט, קומט אויס, אז איר האָט אומזיסט און אומנישט געפּאַטערט צײַט אף לייענען מײַן פּינקעס.

— איר האָט א טאָעס, ליבער נאַפּטאָלע דאווידאָוויטש. איך האָב פון אײַער פּינקעס זייער א סאך געלערנט. געוויס זײַנט איר גערעכט, ווען איר שרײַבט אין אײַערע באמערקונגען, אז איין מענטש טאָר דעם צווייטן ניט אָנטאָן קיין שלעכטס, אָבער דאָ איז דאָך גאָר עפּעס אנדערש...

— אויב איר האָט שוין יאָ פארפירט דערפון א רייד, וואָלט איך וועלן, איר זאָלט מיר זאָגן, — האָט, ארײַנקוקנדיק זײַוולען אין די אויגן, זיך אָנגערופן כעסין, — צוליב וואָס, יאָ, צוליב וואָס לעבט דער מענטש?

— נאַפּטאָלע דאווידאָוויטש, דערווײַל בין איך נאָך ניט אין דעם עלטער, אז איך זאָל זיך דארפן דערוף פארטראכטן.

גאָר אומדערוואַרט איז זײַוולס דאָזיקער ענטפער ניט געווען פאר דעם לערער, און ער האָט עס ניט אויסבאהאלטן פון זײַן טאַלמיד:

— טיילווײַז זײַט איר געוויס גערעכט. אף אזא פראגע פארטראכטן זיך דעריקער אזעלכע ווי איך, בא וועמען עס טוט זיך אָפּט אינגאנצן אָפּ דער שלאָף. ליגט מען — ווער מיט אָפענע אויגן, ווער מיט צוגעמאכטע אויגן און, ווילנדיק ניט ווילנדיק, מאכט מען פאר זיך א שטיקל כעזשבן־האַנע־פּעש. מע איז דאָך פאָרט א מענטש, דער אויסדערוויילטער פון אלע באַשעפענישן. איז ווילט זיך וויסן, אין וואָס איז פונדעסטוועגן דער זין פון־נעם לעבן ביכלאל און פון יעדן יאָכיד באַזונדער. עפּשער איז ניט שפּעט נאָך עפּעס ענדערן אין זיך, עפּעס אויסבעסערן אין זיך? מע שטייט ווי פאר א שפּיגל. דאָס האָט א שײַכעס ניט נאָר צו מיר, צו א מענטשן פון מײַן דאָר. דער ייִנגערער דאָר, איך געדענק עס פון מײַן יוגנט, פארטראכט זיך אויך וועגן דעם זעלבן, עמעס, ניט אין אזא מאָס, ווי מיר, עלטערע מענטשן. ווי דאָרט זאָל ניט זײַן, נאָר פון אזא, ווי איר, פון א מענטשן, וואָס קאָן זיך פארטראכטן, וואָלט איך פונדעסטוועגן וועלן הערן אויך אן אנדער ענטפער.

נאָר זײַוול איז קלאל ניט געווען גרייט פירן דעם דאָזיקן געשפּרעך. ניט ער האָט זיך גערעכט, אז דער לערער קאָן פארפירן מיט אים אזעלכע רייד, און ניט ער איז געווען געניגט זיי צו פירן. גאָר עפּעס אנדערש האָט אים געבראכט אהער, אין אָט דער שפּעט־אָוונטיקער שאָ, און גע־צוווּנגען, ניט טרעפנדיק דעם לערער אין דער היים, זיך אומדרייען באם ארײַנגאנג א היפּשע צײַט. נאַפּטאָלע דאווידאָוויטש איז אָבער א לערער,

ער וועט ניט אָפּטרעטן, ביז ער וועט ניט דערהערן פונעם טאַלמיד דעם ענטפער, און אויב דער טאַלמיד וועט זיך נייטיקן, מע זאָל אים צוהעלפן, וועט ער אים צוהעלפן, פאַרוואַנדלענדיק זיך טיילווײַז אין איינעם פון די שילער, וואָס זאָגט בישטיקע אונטער. וויסנדיק עס, האָט זײַוול, ניט איבער־ריקס פאַרטראַכטנדיק זיך, געענטפערט כעסינען:

— אַט ווען איר פרעגט מיך, לעמאַשל, צוליב וואָס גיי איך אַהינצו און אַהינצו, אָדער צוליב וואָס טו איך דאָס און דאָס, וואָלט איך אײַך מיסטאמע, און אויך ניט אַלע מאָל, געקאָנט דערויף ענטפערן. נאָר ווי קאָן מען ענטפערן, צוליב וואָס לעבט מען, אויב קיינער האָט מיך ניט גע־פרעגט פאַר דעם, ווי איך בין געקומען אויף דער וועלט, צי וויל איך קומען אויף דער וועלט, פונקט ווי מע פרעגט ניט דעם בוים, וועלכן מע פאַר־פלאַנצט, צי וויל ער, מע זאָל אים פאַרפלאַנצן, און ווי מע פרעגט ניט די ערד, צי וויל זי זיך דרייען! ווען מע זאָל געוווען איטלעכן באַצײַטנס פרעגן...

— איז וואָס וואָלט געווען?

— אָ, דעמלט וואָלט אַלץ געווען גאָר אַנדערש.

— דהײַנו?

— יעדערער וואָלט אַלנפאַלס זיך צוגעקליבן אַ מער פּאַסיקערע צײַט, ווען צו געבוירן ווערן. און געוויס וואָלטן געווען ניט ווייניק אַזעלכע, וואָס וואָלטן וועלן קומען אין אַן אַנדער אויסזען, אין אַן אַנדער שטאַלט.

— איר ווילט זאָגן, אַז אַלע וואָלטן וועלן זײַן שיין, ווי יוסף הצ־דיק, און קלוג, ווי שלמה המלך? נאָר אײַנגאַנצן אומגערעכט, פאַר־שטייט זיך, זײַנט איר ניט. דערווײַל האָט נאָך קיין איין דאָר ביז אונדז זיך ניט אָנגעפרעגט באַם צווייטן, צי וויל ער קומען אויף דער וועלט. כ'וועל זיך מיט אײַך ניט אַמפּערן. מעגלעך, ווען מע זאָל זיך געווען אָנפרעגן, וואָלט די וועלט שוין לאַנג קיין קיום ניט געהאַט. ווער, אַשטייגער, וואָלט עס וועלן קומען אויף דער וועלט, ווען ער זאָל באַצײַטנס וויסן, אַז מע וועט פאַר אים אין די אויגן לעבעדיקערהייט אַרײַנוואַרפן זײַנע קינדער אין פײַער און אים וועט מען אַ לעבעדיקן פאַרשיטן אין גרוב? ניט צופעליק האָט דאָך דער, וואָס האָט צונויפגעשטעלט די טפילעס, אַרײַנגעשריבן: באַל קאָרכאָ אַטאָ כײַ, וואָס דער עמעסער טײַטש דערפון איז: ניט מיט גוואַלד לעבסטו, נאָר קיינער פרעגט דיך ניט, צי ווילסטו געבוירן ווערן. נאָר קוים ביסטו געקומען אויף דער וועלט, ביסטו מעכויעוו צו וויסן, צוליב וואָס דו לעבסט, אין וואָס איז דער זין פון לעבן.

— און איר, נאַפטאַלע דאַווידאָוויטש, ווייסט? — האָט זײַוול, אויסבאַ־האַלטנדיק די אויגן פון כעסינס בליק, געפרעגט. ס'ערשטע מאָל אין לעבן קומט אים אויס זיך סאַפּעקן, צי דער לערער קאָן ענטפערן אויף דער פראַ־גע, וועלכע עס פאַרגיט אים אַ שילער, געדענקענדיק, אַז דער סאַמע שוואַכסטער לערער, בייס ער גייט אין קלאַס, ווייסט פונדעסטוועגן שטענדיק אויף איין לימעד מער פונעם שילער. און כעסינען האָט זײַוול פאָרט געהאַלטן פאַרן בעסטן לערער, וועלכן ער האָט ווען־ניט־איז גע־קענט.

— זעלבסטפאַרשטענדלעך.

— עפּשער...

כעסין האָט אים ניט איבערגעשלאָגן, ער האָט געדולדיק געוואַרט, וואָס האָט אים דערוף צו זאָגן זײַן טאַלמיד.

— עפּשער, — האָט זײַוול שוין ניט אַזוי זיכער איבערגעכאַזערט, — גלייבט איר אויך, ווי מע האָט געגלייבט אַמאָליקע יאָרן, אַז אויסער דער וועלט, איז פאַראַן נאָך אַ וועלט, אַן אַנדערע, אַן אייביקע, מיט אַ גענעם און אַ גאַניידן, און אַז שטאַרבן שטאַרבט אָפּ בלויז דער גוף, די נעשאָמע איז אומשטערבלעך, זי איז געגעבן דעם מענטשן אויף אייביק?

אַרויסגעזאָגט עס, האָט ער זיך אָבער גלײַך פאַרענטפערט, פּילנדיק, אַז ער האָט איבערגעכאַפּט די מאָס:

— איך פאַרשטיי דאָך אָבער, אַז איר גלייבט ניט דערין.

— איז שטעלט זיך פאַר, אַז איך גלייב גראָדע יאָ דערינען, אַז די נע־שאָמע, וואָס איז געגעבן דעם מענטשן, איז אומשטערבלעך, אַז זי איז איי־ביק. דאָס האָט אָבער לאַכלוטן ניט צו טאָן מיט קיין אַנדער וועלט, מיט קיין גענעם און גאַניידן, אין וואָס, זעלבסטפאַרשטענדלעך, איך גלייב ניט, כאָטש אויף דער עלטער איז מען צײַטנווײַז ניט אַזוי זיכער דערינען, ווי אין די יינגערע יאָרן. בלײַבט בלויז די פראַגע, וואָס איז אַזעלכעס די מענטשלעכע נעשאָמע? אויף דעם איז בא מיר פאַראַן איין ענטפער: דאָס זײַנען דעם מענטשנס מײַסים, אי די גוטע, אי די שלעכטע. דאָס, וואָס דער מענטש טוט אויף פאַר זײַן לעבן, שטאַרבט מיט אים ניט אָפּ. און אין דעם, אַז מע זאָל אים דערמאָנען צום גוטן פאַר זײַנע מײַסים, איז דער זין פונעם מענטשנס לעבן. צוליב דעם איז מען זיך מאַקריוו, ווי דאָס טוען סאָלדאַטן אין שלאַכט, ווי דאָס האָבן געטאָן טימאָפיי וואַסיליעוויטש און קסעניע אַנדרייעוונע, וועלכע האָבן געראַטעוועט פון טויט כאַנען מיט צירלען, וויסנדיק, אַז זיי קאָנען יעדע רעגע באַצאָלן דערפאַר מיטן לעבן. וועגן אַזעלכע, ווי זיי, זאָגט מען, אַז דאָס זײַנען מענטשן מיט הייליקע נעשאָ־מעס. און פונקט, ווי ס'וועט ניט פאַרגעסן דאָס גוטס, וועט אויך ניט פאַרגעסן דאָס בייז. נאָר ווען מע דערמאָנט אַ ראָשע, גיט מען דערבײַ צו: „יימאַך שמוי וועזיכרוי", מע שפּײַט זיך אויס און מע טופּעט צו מיט דעם פוס!

קענטיק, אַז כעסין האָט אַליין ניט באַנומען, פאַרוואָס האָט ער מיטאָ־מאָל פאַרפירט הײַנט מיט זײַוולען וועגן דעם אַ רייד, בייס ער האָט פון סאַמע אָנפאַנג געפילט, אַז זײַוול איז געקומען ניט בלויז צוליב אומקערן אים דעם פּינקעס. איז ער אַנשוויגן געוואָרן, כאָטש ער האָט געהאַט נאָך פיל אים וואָס צו זאָגן, קוים האָט ער פאַרפירט מיט אים דעם דאָזיקן געשפּרעך.

דער דרויסנדיקער לאָמפּ פון יענער זײַט פענצטער האָט מיטאַמאָל האַס־טיק אַ וויג געטאָן זײַן שאָטן, צודעקנדיק מיט זיך ביז האַלב דאָס מויערל אַנטקעגניבער. איינצײַטיק מיט דעם האָט דורכן אָפענעם פאָרטקעלע זיך אַרײַנגעריסן אין דער שטילקײַט פונעם צימער דער רויש פון בלעטער, וואָס דער אָנגעפלויגענער ווינט האָט אַראָפּגעטרייסלט פון די ביי־מער.

— וואָס זאָל איך טאָן? — זיַוול האָט ליַיכט אונטערגעוויגט זיך, ווי פון דעם זעלבן אָנגעפלויגענעם ווינט. — זאָגט מיר, וואָס זאָל איך טאָן? איך קאָן מער ניט זיַין אָן איר. איך האָב זי ליב, זייער ליב. איך בין צו־ליב איר גרייט אויף אַלץ.

— פרעגסט מיך, וואָס זאָלסטו טאָן? — כעסין האָט אומדערוואַרט פאַר זיך אַליין זיך געווענדט צו אים אויף „דו" און דורך דעם זיך נאָך נעענטער דערפילט מיט אָט דעם באָכער, וואָס זיצט אַנטקעגן אים און קוקט אַרויס דורכן פענצטער צו דעם האַרבסטיקן געדיכט אויסגעשטערנטן הימל. — איך אויף דיַין אָרט וואָלט זיך פּאָשעט געווענדט, ווּהין מע דאַרף, און גע־בעטן, מע זאָל מיך איבערפירן אַרבעטן אין אַן אַנדער ראַיאָן צי אפילע אין אַן אַנדער געגנט. און נאָך בעסער וואָלט געווען, זאָלסט בעטן, מע זאָל דיך איבערפירן פונעם הינטער־אויגיקן אינסטיטוט אין אַ סטאַציאָנאַרן. פונדערוועגן ווען מע איז, איך ווייס עס לויט זיך, כ'האָב עס דיר, דאַכט מיר, שוין אַמאָל געזאָגט, איז ליַיכטער זיך ביַיקומען. דו ביסט דאָך ניט דער, וועלכן מע דאַרף דערמאָנען, אַז מע קאָן ניט און מע טאָר ניט טראַכטן בלויז וועגן זיך, דערצו נאָך ווען עס רעדט זיך מיקויעך אַזאַ, ווי כאַנע, וואָס איז אַזויפיל אויסגעשטאַנען. וועגן דעם האָסטו אַ טראַכט גע־טאָן?

— איך קאָן וועגן דעם ניט טראַכטן. איך האָב זי ליב. ווו איך זאָל ניט זיַין, וועל איך זי ניט קאָנען פאַרגעסן...

— דאָס וויַיזט זיך דיר אַזוי אויס, — כעסין האָט צוגערוקט צו זיך נעענטער די דורכגעקוקטע שילערישע העפטן. פאַרגעסנדיק אין דער זעל־בער רעגע, צוליב וואָס האָט ער עס געטאָן, האָט ער ווידער איבערגעכאַ־זערט דאָס זעלבע, נאָר עטוואָס שוין שטילער. — דאָס וויַיזט זיך דיר אויס אַזוי. טרוי מיר אָן, איך בין עטוואָס עלטער פון דיר און קען דאָס לעבן, דאַרף מען זיך פאַרשטעלן, אַ ביסל מער פון דיר. דער מענטש, אויב ער וויל נאָר, קאָן ער אַלץ. אפילע דאָס סאַמע שווערסטע — ביַיקומען זיך, אויב מע דאַרף עס, — קאָן ער אויך, און גראַדע אין אָט דעם וויַיזט אַרויס דער מענטש זיַין שטאַרקייט. נו, און דיך האָב איך קיינמאָל ניט געהאַלטן פאַר קיין שוואַכינקן. און אויב דו ווילסט וויסן, האָסטו פאַר זיך אַ גאַנץ באַלערעוודיקן ביַישפּיל, ניסענען.

זיַוול האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר דעם, שיִר ניט אויסגעשריִען:

— ניסן איז דאָך אָבער ניט ביַיגעקומען אין זיך די ליבע.

— ער האָט זי ניט געדאַרפט ביַיקומען. און ניט איבער דעם איז ער אומגעקומען. ניסענען האָט אוועקגעפירט נאָך זיך ניט די ליבע צו זיַין כעוועדקען, נאָר די מוירע, אַז ער האָט ניט פאַרהיט דעם מענטש אין זיך, וויַיל דאָס סאַמע העכסטע און דאָס סאַמע גרעסטע אין יעדן פון אונדז, — האָט כעסין צום וויפלטן מאָל שוין עס איבערגעכאַזערט פאַר אים, — איז פאַרהיטן דעם מענטש אינעם מענטשן. אין דעם איז דער זין פונעם מענטשנס לעבן, די אייביקע מאָס, מיט וועלכער דער מענטש מעסט זיַינע מייַסים.

נאָר וואָס נאָפּטאָלע זאָל ניט געווען אים זאָגן וועגן דעם זין פונעם מענטשנס לעבן און אין וואָס באַשטייט דעם מענטשנס אייביקע מאָס, וואָלט

עס צו זײַוולען סײַווי איצט ניט דערגאַנגען. נאַפּטאַלע האָט עס אַרויסגע־זען פון זײַוולס פאַרנעפּלטן בליק, מיט וועלכן ער האָט געקוקט אויף אים. האָט ער זיך אופגעהויבן פון זײַן פאָטעל, געשטאַנען אַזוי אַ ווײַלע אין פאַרלעגנהייט, דערנאָך זיך דורכגעגאַנגען אַ פּאָר מאָל הין און צוריק איבערן צימער, ווי ער טוט עס געוויינלעך בייסן לייזן אַ שווערע מאַטע־מאַטישע אופגאַבע, אין וועלכער ער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט, און פּונקט ער זאָל געוווען מיטאַמאָל געפינען דעם ענטפער, איז ער געבליבן שטיין הינטער זײַוולען, אַוועקגעלייגט אים פאָטערלעך די הענט אויף די אַקסלען.

— מיינסט, איך פאַרשטיי ניט, אַז דיר איז שווער? איך זע אָבער ניט קיין אַנדער אויסוועג.

זײַוול האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, ווי באַם אויסהערן אַן אורטייל.

„זי זאָגט אויך דאָס זעלבע? איר האָט מיט איר וועגן דעם גערעדט? זי האַלט אויך, אַז ס'איז ניטאָ קיין אַנדער אויסוועג?"

דעם ענטפער דערויף, כאָטש זײַוול האָט זײַן פראַגע אַרויסגעבראַכט בלויז אין זיך, האָט ער אין אַ ווײַלע אַרום דערהערט פונעם זעלבן שטרענגן ריכטער, וואָס איז געשטאַנען הינטער אים און געהאַלטן די הענט אַלץ אויף זײַנע אַקסלען.

— ס'איז פאַראַן נאָך אַן אויסוועג.

ניט וויסנדיק נאָך, אין וואָס עס באַשטייט אָט דער אַנדערער אויסוועג, איז כעסין פאַר אים גלײַך ווידער געוואָרן דער זעלבער ליבער, האַרציקער לערער, אַזאַ ווי ער איז פאַר אים געווען די גאַנצע צײַט, וואָס ער קען אים.

— צוליב דעם אָבער, — האָט נאַפּטאַלע דאַווידאָוויטש פאָרגעזעצט, — דאַרף מען זײַן אַ מענטש מיט אַ שטאַרקן ווילן. כ'ווייס ניט, צי ס'האָט ביכלאַל אַ זין מאַכן זיך אַליין אויף דעם אַן עקזאַמען. און עפּשער האָט יאָ אַ זין, דו זאָלסט זיך אַליין, ווי זאָגט מען עס, אויספּרווון. פאַר דיר וועט זײַן אַ סאַך גרינגער און פאַר צירלען, מיין איך, אויך, אויב זי וועט בלײַבן אַרבעטן בײַ דיר אין קאָנטאָר. דערפאַר טאַקע האָב איך איר ניט געראַטן אַריבערגיין צוריק אויפן זאַוואָד צי אויף דער מיל, כאָטש זי האָט דערבײַ פאַרשוויגן, פאַרוואָס וויל זי בײַטן די אַרבעט, געזאָגט בלויז, אַז ס'איז איר שווערלעך. נו, און איך האָב זיך געמאַכט, אַז איך גלייב איר, אַז ס'איז, הייסט עס, נאָר דערפאַר. פאַראַן אַזוינס, וועגן וואָס מע דאַרף ניט און מע טאָר ניט זיך נאָכפרעגן בײַ יענעם.

אין כעסינען האָט זיך ווידער געלאָזט הערן דער שטרענגער ריכטער:

— געדענק אָבער, קוים וועסטו דערפילן, אַז קאָנסט זיך ניט בײַקומען, זאָלסטו קיין איבעריקן טאָג אפילו זיך דאָ מער ניט פאַרהאַלטן. אָט דאָס איז דיר מײַן אייצע. נו, און צו גלעזלעך טיי וועלן מיר מיט דיר פונ־דעסטוועגן אויסטרינקען.

— אַ דאַנק, נאַפּטאַלע דאַווידאָוויטש. מירן עס אָפּלייגן אויף אַן אַנדער מאָל.

— און דיר קומט פון מיר גאָר אַ גרויסן דאַנק פאַרן איבערדרוקן אויף אַ מאַשינקע מײַן פּינקעס. ווייסטו וואָס? — נאַפּטאַלע האָט גענומען פון

טיש איינעם פון די דרײַ איבערגעדרוקטע עקזעמפּליארן און דערלאנגט אים זײַוולען, — זאָל איין עקזעמפּליאר זײַן בא דיר. און אויב וועסט אים געבן נאָכאמאָל איבערדרוקן און צעטיילן דערנאָך צווישן דײַנע באקאנטע, וועל איך געוויס ניט האָבן קעגן. יעדער דאַר דארף וויסן, וואָס איז געווען ביז אים, אז ניט פון אים הייבט זיך אָן די וועלט און ניט מיט אים ענ־דיקט זי זיך.

קיין איין פענצטער אין שטעטל האָט זיך שוין ניט געלויכטן, ווען זײַוול איז ארויס פונעם לערערס שטוב. איבערן ברוק האָבן לײַכט געצי־טערט די ווײַט אוועקגייענדיקע שאָטנס פון די ביימער.

— נו, און זי זאָגט אויך דאָס זעלבע? זי האלט אויך, אז דאָס איז דער איינציקער וועג פאר אונדז ביידן? — דאָס מאָל האָט זײַוול עס שוין ארויס־געבראכט ניט אין זיך, נאָר אף א קאָל. דערווײַל האָט ער עס דאָך געהערט בלויז פון כעסינען. לאכלוטן אומגעריכט איז אים געקומען אפן זינען א מאָדנער ווילדער געדאנק: צי ניט דערפאר האָט זיך אזוי ארײַנגעמישט אין דעם דער לערער, ווײַל צירל איז פאר אים ניט בלויז א טאָכטער, ווי ער וויל אי זיך, אי יענעם אײַנריידן. ס׳איז גאָרניט, וואָס ער איז אף עט־לעכע יאָר עלטער פון כאָנען. נאפטאָלע קאָן ניט נאָר פארליבן זיך אין עמעצן, נאָר סע זאָל זיך נאָך פארליבן אין אים אפילע אזא, ווי צירל, אלנפאלס א סאך גיכער, ווי אין איר כאָנען.

„נארישקײַטן, נארישקײַטן!" — האָבן געגנומען שאָרכען די אראָפּגעפּאַ־לענע בלעטער אונטער זײַנע פיס.

זײַוול פארשטייט אליין, אז דאָס זײַנען נארישקײַטן, ווילדע, אומגע־לומפּערטע געדאנקען, אז כעסינען גייט סאָפּקאָלסאָף נישט אָן ניט ער, ניט כאָנע, ניט צירל, אים גייט בלויז אָן פארהיטן דעם מענטש אינעם מענטשן. נאָר וואָס פאר א שײַכעס האָט צו דעם זײַן, זײַוולס, פארליבן זיך אין צירלען? ער פארשאפט דערמיט ווי א צווייטן? דערווײַל פאר־שאפט ער ווי בלויז זיך. כעסינען, זעט אויס, איז עס וויינִיק. ער וויל אים באשטראָפן מיט פּײַניקן זיך א גאנץ לעבן. כעסין פארשטייט דען ניט, אז דערפון, וואָס ער, זײַוול, וועט פונדאנען אוועקפאָרן, וועט ניט קלענער ווערן זײַן בענקשאפט נאָך צירלען און ער וועט ניט אופהערן זי ליב האָבן, זײַענדיק יעדע רעגע גרייט צוליב איר אף אלץ.

אָט דאָס, וואָס ער האָט דערווײַל געפרעגט בלויז בא זיך, מוז ער פרעגן צירלען. ער גלייבט ניט, אז זי זאָל אים אויך זאָגן דאָס זעלבע, וואָס ער האָט הײַנט געהערט פונעם לערער, אז ער דארף אוועקפאָרן פונדאנען, אז דאָס איז אי פאר אים, אי פאר איר דער איינציקער אויסוועג. דאָ אין שטעטל וועט ער זיך ניט קאָנען מיט איר דורכריידן, ווי אים וואָלט זיך עס געוואָלט. און אונטערהיטן זי אין וואלד?.. האָט זי באם אָפּנעמען צוריק די מעלדונג דאָך געשטעלט א באדינג, אז אויב ער וויל, זי זאָל בלײַבן בא אים ארבעטן, זאָל ער זי מער ניט ארומשיקן איבער די דער־פער. זי וועט ארבעטן אין קאָנטאָר. בלויז אין קאָנטאָר. און ער איז אײַנ־געגאנגען דערויף.

צירל האָט אים ניט געדארפט זאָגן, פארוואָס וויל זי ניט ארומפאָרן

מער איבער די דערפער. ער פארשטייט עס אליין. זי וויל ניט, ער זאָל זי אונטערהיטן אין וואלד. און דאָס ווייסט ער אויך. זי האָט מוירע ניט אזוי פאר אים, ווי פאר זיך.

ווען ער קאָן כאָטש איין מאָל זיך באגעגענען מיט איר אין שטאָט און דאָרט זיך מיט איר דורכריידן! ער וועט זי שיקן... יאָ, ער וועט זי שיקן קינפּטיקע וואָך אפן געגנטלעכן צוזיפלי פון די בעסטע סטראכיר־אגענטן. ניט אליין, צוזאמען מיטן פלאנאָוויק, מיט אירישען, מיט וועמען זי כאָ־ווערט זיך. אין קאָנטאָר וועט זיכער קיינעם ניט פארווונדערן, וואָס ער שיקט אפן צוזיפלי צירלען. זי איז פאָרט די בעסטע סטראכיר־אגענטן. אלע ווייסן עס. ער וועט ווי־ניט־איז צוקלערן, אז קיינער זאָל ניט באַ־מערקן, ווי ער פאָרט איר נאָך. ער וועט נאָכן אָפּגיין פון צוג ארויס אפן שליאך און זיך אריַינזעצן אין א פארבײַפאָרנדיקער מאשין. ס'איז גאָרניט, אויב סע וועט אים אפילע אויסקומען זיך טרייסלען א גאנצע נאכט, שטייענדיק אין אָפענעם קוזאָוו. און זיך באגעגענען מיט צירלען אין שטאָט, אז אירישע זאָל ניט באמערקן, וועט ער אויך ווי־ניט־איז צוקלערן. אין שטאָט וועט צירל זײַן אן אנדערע. ער וועט אלץ טאָן, אז זי זאָל זײַן דאָרט מיט אים אן אנדערע.

שפּאנענדיק אזוי איבערן טראָטואר, גיט זײַוול א רעגע זיך א שפּיל מיטן געדאנק: צי קאָן זייער באגעגעניש אין שטאָט זיך ניט ענדיקן דער־מיט, אז צירל זאָל אים פּלוצעם געבן א זאָג: „פיר מיך אוועק מיט זיך פונדאנען"...

ווען דאָס געשעט...

זאָל נאפּטאָלע דאוויִדאָוויטש אים נאָכדעם ארויסטראָגן דעם הארבסטן אורטייל. ער נעמט אים אָן.

## קאפּיטל צוואנציק

ווען צירל, נאָך דעם, ווי זי איז אָפּגעלעגן העכער דרײַ וואָכן צו בעט מיט א לונגען־אָנצינדונג, איז ווידער ארויס צו דער ארבעט, האָט זי שוין זײַוולען אין קאָנטאָר ניט געטראָפן. אין זײַן קאבינעט, וואָס איז ארומגע־קלעפּט מיט בלייכע בלימלדיקע טאפּעטן, איז שוין עטלעכע טעג געזעסן דער נײַ־צוגעשיקטער שעף — דער מיליטעריש־אויסמושטרירטער און ניט יונגער מיכאיִל יאקאָוולעוויטש ביקאָוו.

קיין אומגעריכטע נײַס, אז זײַוול ארבעט שוין מער ניט בא זיי, איז עס פאר צירלען ניט געווען. זי האָט וועגן דעם זיך דערוווּסט נאָך אינעם זעלבן טאָג, ווען זײַוול האָט איבערגעגעבן די איניאָנים דעם נײַעם „באַ־לעבאָס" — ווי אייניקע מיטארבעטער רופן זייער אָנפירער. אירישע דער פלאנאָוויק האָט די דאָזיקע נײַס איר געבראכט אהיים.

נאָר ניט דעמלט, ווען אירישע האָט עס איר איבערגעגעבן, ניט נאָכדעם, ווי זי האָט דאָס זעלבע געהערט אויך פון אנדערע מיטארבעטער, האָט צירל סײַ ווי ניט געגלייבט, אז מע האָט זײַוולען „געבעטן" באפרײַען דאָס בענקל, און אז ניט ער אליין האָט געבעטן, מע זאָל אים באפרײַען פון דער שטע־

לע. דאָס, וואָס דער נײַער שעף מאַכט אַן אײַנדרוק פֿון אַ מענטשן, וועלכן מע זאָל האָבן געשיקט אין אַן אַנשטאַלט, ווו דער פֿריִערדיקער אָנפֿירער האָט דערלאָזט אַ היפּש ביסל פֿעלערן און ער, ביקאָוו, איז דאָס דער, וואָס דאַרף עס אויספֿאַריכטן, איז נאָך ניט קיין באַווײַז, אַז ס'איז ווירקלעך אַזוי. יאָ, זי האַלט אויך, אַז עפּעס האָט געדאַרפֿט מיסטאָמע געשען, וואָס מע האָט פּלוצעם, פֿון דער העלער הויט, פֿאַרביטן זײַוול האַנפּטן מיט אָט דעם אָנגעכמורעטן ביקאָוון, וואָס קוקט זיך צו יעטווידן צו, ווי ער זאָל וועגן יעטווידן איינעם וויסן עפּעס אַ סאָד, און וועלכער ברענגט ניט אַרויס פֿאַרן טאָג קיין איין איבעריק וואָרט. אָן אַ פֿאַרוואָס און אָן אַ פֿאַרווען פֿאַרלויפֿן זיך ניט, פֿאַרשטייט זי, אַזעלכע זאַכן. צירל איז אָבער זיכער, אַז דאָס געשעענע האָט לאַכלוטן ניט קיין שײַכעס צו דעם, אין וואָס דער נײַער שעף וויל זיי, מעגלעך, אײַנשמועסן מיט זײַן אופֿירן זיך. אַפֿילע דער פֿון די מיטאַרבעטער, וואָס וואָלט עפּשער וועלן דערין גלייבן, וועט אויך ניט קאָנען אָנווײַזן, וואָס פֿאַרא פֿעלערן האָט עס דערלאָזט אין דער אַרבעט זײַוול יעוויסייעוויטש האַנפּט. פֿאַרשטייט זיך, אַז די סיבע דערפֿון איז געווען גאָר אַן אַנדערע. איינס איז איר אָבער קלאָר: זײַוולען האָט מען פֿון דער אַרבעט ניט אַראָפּגענומען. ער האָט אַליין געבעטן, מע זאָל אים באַפֿרײַען. זי וועט דאָך אָבער ניט גיין דערווײַזן עס יענעם דערמיט, וואָס זי האָט אָט דאָס אַלץ, וואָס איז זיך פֿאַרלאָפֿן בײַ זיי אין קאָנטאָר, פֿאַרויסגעזען נאָך מיט אַ צײַט צוריק, נאָך דעמלט, ווען זי האָט באַגעגנט זײַוולען אין שטאָט.

ס'איז איר ביז איצט נאָך מאָדנע. איר האָט דאָך לאַכלוטן ניט פֿאַרוואונדערט, ווען זי האָט אין אָוונט, אַרויסגייענדיק פֿון קלוב, ווו ס'איז פֿאָרגעקומען דער געגנטלעכער צונויפֿפֿלי פֿון די פֿאָרגעשריטענע סטראַכירגענטן, דערזען מיטאַמאָל זײַוולען. זי האָט ניט באַוויזן אים נאָך פֿרעגן, ווי קומט ער אַהער, גלײַך זי זאָל אַליין ניט געווען זיך עס אָנשטויסן, ווי ער האָט זי אַ נעם געטאָן שטײַף אונטער דער האַנט און האַסטיק אָפּגעפֿירט וואָס ווײַטער פֿונעם קלוב.

— אירישע איז אויך געווען מיט אײַך אויף דער אָוונטיקער זיצונג? — האָט ער שטיל געפֿרעגט און אַ מאַך געטאָן צו זיך נאָכדעם מיט דער האַנט. — מיר איז עס שוין, אייגנטלעך, אַלצייַנס.

צירל האָט פֿאַרכידעשט אַ קוק געטאָן אויף אים, ניט אינגאַנצן נאָך פֿאַרשטאַנען, וואָס איז ער דערמיט געוועזן אויסן איר זאָגן, און זי האָט זאַכלעך געענטפֿערט:

— אירישע איז געווען בלויז אינדערפֿרי. אויף דער אָוונטיקער זיצונג האָב איך זי ניט געזען. זי האָט זיך, אַפּאָנעם, פֿאַרהאַלטן אין אָבלפֿין[1]. — צירלען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זײַוול האָט עס געוווסט, אים האָט זיך פֿאַשעט געוואָלט, זעט אויס, אָן איבעריק מאָל דערין זיך איבערצײַגן.

— זאָג דעם עמעס, — האָט ער, אָפּפֿירנדיק זי אַלץ ווײַטער פֿון דער באַלעבאַטער גאַס, ווו דער קלוב איז, אָנגערופֿן זיך צו איר. — איאָ, דו

---

[1] געגנטלעכע פֿינאַנציעלע אָפּטיילונג.

האָסט דערוואַרט מיך דאָ טרעפן? איך זע דאָך נאָך דיר, אַז דו האָסט גע־וואָלט מיך דאָ באַגעגענען.

זי האָט זיך אומגעקוקט, געוואָלט באַפרײַען איר האַנט פון זײַנער, נאָר ער האָט זי נאָך שטײַפער גענומען אונטערן אָרעם.

— האָסט זיך ניט, טײַערע, וואָס אַרומצוקוקן. מיר זײַנען מיט דיר ניט אין שטעטל, ניט אין וואַלד, וואָס איז באַ אײַך אויך אַ שטעטלדיקער. מיר זײַנען אין שטאָט. קיינער קען אונדז דאָ ניט, קיינער ווייסט אונדז דאָ ניט.

— וווּהין פירט איר מיך? — איז זי געבליבן שטיין.

— האָב ניט מוירע. איך בין דאָך מיט דיר.

— וווּהין פונדעסטוועגן פירט איר מיך? — האָט צירל אין אַ ווײַלע אַרום, דערזעענדיק, אַז דאָס שמאָלע געסל, איבער וועלכן זיי זײַנען גע־גאַנגען, פירט אין אָפענעם פעלד, אים ווידעראַמאָל געפרעגט. — ניין, ניין. ווײַטער גיי איך ניט. — זי האָט אָבער פאַרגעזעצט גיין. צו שטאַרק האָט ער זי געהאַלטן אונטער דער האַנט, אַז זי זאָל זיך קאָנען פון אים באַ־פרײַען. זי האָט געפילט אַף זיך זײַן אָפּגעהאַקטן אָטעם. ער האָט זיך צו־גערירט מיט זײַנע ליפּן צו איר באַק און געשעפּטשעט:

— ווען דו ווייסטָ, ווי איך האָב דיך ליב! קיינער אין דער וועלט האָט נאָך קיינמאָל קיינעם אַזוי ניט ליב געהאַט, ווי איך האָב דיך ליב. איך בין גרייט צוליב דיר אַף אַלץ, באַפּויל מיר, און כ׳וועל אַלץ טאָן, וואָס דו וועסט מיר הייסן...

ער זאָל ניט געווען זי אַזוי שטײַף אַרומנעמען און צודריקן צו זיך, וואָלט זי מיסטאָמע אומגעפאַלן, אַזוי אָפּגעשוואַכט האָט זי זיך דערפילט פון זײַנע קושן. אין קאָפּ האָט געררוישט. זי האָט שוין איצט אַליין ניט געוווּסט, צי דאָס אָנגעפלויגענע ווינטל פון פעלד האָט עס איר אײַנגע־רוימט, צי דאָס האָט זײַוול ווידעראַמאָל גענומען איר שעפּטשען: „איך בין גרייט צוליב דיר אַף אַלץ. דו וועסט זײַן מײַנע... דאָס קאָן אַנדערש ניט זײַן, טײַערע״.

ווי איר געדענקט זיך, איז זי אַ שטיק וועג געגאַנגען קימאַט מיט צו־געמאַכטע אויגן. ווען זי האָט זיי געעפנט, האָט זי דערזען אין דער נאָענט אַ הויכע סקירדע היי. צוזאַמען מיט די האַרבסטיקע רייכעס, מיטן רייעך פון אויסגעווייקטן אין רעגן און טוי פאַרוויאַנעטן גראָז, האָט די סקירדע נאָך פאַרהיט אין זיך אויך דעם אַראָמאַט פונעם סאָפּזומערדיקן פעלד.

— ווײַטער גיי איך ניט.

זײַוול האָט געשוויגן. דאַכט זיך, ער האָט ניט געהערט. האָט זי זיך אָנגערופן העכער:

— איר וועט סאָפּקאָלסאָף מיר זאָגן, וווּהין פירט איר מיך?

זי האָט אים ניט געגלייבט, ווען ער האָט איר געענטפערט, שווער איבערכאַפּנדיק דעם אָטעם:

— כ׳ווייס אַליין ניט.

— לאָמיר זיך אומקערן צוריק אין שטאָט. ס׳ווערט שוין פינצטער.

זײַוול האָט מיסטאָמע דערפילט, ווי נאָענט און טײַער ער איז איר געוואָרן אין דער רעגע, ווען ער האָט פאַרקערעוועט צוריק אין שטאָט.

זיי זײַנען שוין געווען ווײַט אָפּגעגאַנגען פון דער סקירדע, ווען זי האָט דערהערט פון אים:

— דו האָסט דאָך אים ניט ליב. דו קאָנסט אים ניט ליב האָבן!

ס׳גלייבט זיך איר ניט, אַז זײַוול זאָל אין דער זעלבער רעגע ניט גע־ווען דערפילן, ווי דערווײַטערט ער האָט זי מיט דעם פון זיך. און איר שווײַגן האָט ער דאָס געדאַרפט דערפילן, נאָר זײַוול האָט זיך שוין ניט געקאָנט אָפּשטעלן. האָט ער אין א ווײַלע ארום ווידער זיך אָנגערופן:

— צי דען האָסטו אים ביז איצט נאָך גאָרניט געזאָגט?

עס זײַנען דורך עטלעכע לאַנגע מינוטן, ביז זי האָט א פרעג געטאָן:

— און וואָס האָב איך אים געדאַרפט זאָגן?

— אַז דו האָסט אים מער ניט ליב, אַז דו האָסט ליב...

— איך האָב עס אײַך, דאַכט מיר, קיינמאָל ניט געזאָגט.

ער האָט זי אָנגעכאַפּט פאַרביידע הענט און א צי געטאָן צו זיך:

— און דעמלט, אין וואַלד?

ניין, זי האָט גאָרניט פארגעסן פון יענעם זומערדיקן סאָף טאָג, ווען ער האָט זי אָנגעיאָגט אפן אָגער אינעם געדיכטן וואַלד, אַז ער זאָל עס איר דאַרפן איצט דערמאָנען. זי האָט ביז דאַן זיך ניט געריכט, אַז ער איז אַזא קרעפּטיקער. ווי לײַכט ער האָט זי דאַן א כאַפּ געטאָן פון וועגעלע. ער וואָלט זי אַזוי געטראָגן אף די הענט ביזן סאַמע שטעטל.

דערמאָנענדיק זיך וועגן דעם, האָט זי א ציטער געטאָן מיטן גאַנצן קערפּער.

— ס׳איז דיר קאַלט? לאָמיר ארײַנגיין אין קינאָ.

— אירישע וועט אף מיר וואַרטן. גאָט ווייסט, וואָס זי קאָן איבער־קלערן.

— סאַרא מאָדנע דו ביסט. פאַר אַלץ און אַלעמען האָסטו מוירע. וועסט זאָגן, אַז האָסט צופעליק דאָ באַגעגנט דײַנע א באַקאַנטע.

וואָס האָט זיך דערציילט אינעם פילם, וואָס זיי האָבן געזען, וואָלט מיסטאמע קיינער פון זיי ניט געקאָנט דערויף ענטפערן. זיי זײַנען ביידע געווען אינגאַנצן ארײַנגעטאָן אין זיך. זי האָט אליין ניט געוווּסט, פונוואַנען האָט זיך צו איר, ארויסגייענדיק פון קינאָ, גענומען די זיכער־קײַט, אַז באַלד דאַרף געשען אַזוינס, וואָס קאָן זיי ביידן נאָך מער דער־נעענטערן אָדער אינגאַנצן דערווײַטערן. האָט זי ניט געאײַלט זיך צעשיידן מיט אים, ניט געפרעגט אים מער, וווּהין פירט ער זי. און ווען ער האָט פארקערעוועט אין א דערבײַיקן סעדל, איז זי נאָכגיביק אים נאָכגע־גאַנגען.

אין סעדל איז אויסער זיי אין דער דאָזיקער שפּעטער שאָ מער קיינער ניט געווען. זיי האָבן זיך צוגעזעצט אף א באַנק אונטער א ברייט צע־צווײַגטן בוים, וואָס האָט נאָך ניט אינגאַנצן אָפּגעטרייסלט פון זיך די הארבסטיק־פארגעלטע בלעטער.

צירל האָט זיך צוגעהערט צום שטילן רויש פון די האַלב־ארומגעפליק־טע צווײַגן און געוואַרט.

ענדלעך האָט זי דערהערט:

— נאפטאָלע דאווידאָוויטש האָט מיט דיר גערעדט?

— וועגן וואָס האָט ער געדאַרפט מיט מיר ריידן?

צי דען האָט זײַוול פאַרפירט מיטן לערער א רייד וועגן זיך און איר, און כעסין ווייסט שוין איצט אַלץ — אי פאַרוואָס זי האָט געוואָלט פאַר־לאָזן די קאָנטאָר, אי פאַרוואָס כאַנע איז געפאָרן אין שטאָט אָנקוקן א דירע? קעדיי אינגאַנצן זײַן זיכער דערין, האָט צירל, ניט דערוואַרטנדיק זיך פון זײַוולען קיין ענטפער, עס אים איבערגעפרעגט און דערבײַ זיך עטוואָס ווײַטער אָפּגערוקט:

— וועגן וואָס האָט איר אים געבעטן, ער זאָל זיך דורכריידן מיט מיר?

זײַוול האָט זי א צי געטאָן צו זיך און זי אַרײַנגענומען אונטער זײַן צעשפיליעטן מאַנטל.

— פאַרוואָס זאָגסטו מיר די גאַנצע צײַט „איר“? זאָג מיר „דו“.

— ניין, ניין...

— וואָס „ניין, ניין“?

— איך וועל מיט אײַך קיינמאָל ניט זײַן אויף „דו“. קיינמאָל ניט! — זי האָט דאָס געזאָגט ניט אַזוי אים, ווי גופא זיך. נאָר זי האָט זיך ניט אָפּגע־רוקט פון זײַוולען. זי האָט געלאָזט, ער זאָל זי אַרומנעמען און אי זי, אי זיך פאַרשיקערן מיט זײַנע קושן. צירל איז געווען זיכער, אַז זײַוול פאַר־שטייט, פילט, אַז דאָס איז זייער לעצטע באַגעגעניש. ניין, זי וועט אים מער ניט אָנגעבן קיין מעלדונגען. נאָר כאַנען וועט זי זאָגן, ער זאָל דרינ־גענד קריגן א דירע אין שטאָט און זיי זאָלן וואָס גיכער אַהין אַריבער־פאָרן.

— נאפטאָלע דאווידאָוויטש האָט מיר געצייצעט, אַז כ׳זאָל פאַרלאָזן אײַער שטעטל. קיין אַנדער אויסוועג, ווי אַוועקפאָרן פון דאָרטן, זעט ער ניט פאַר מיר. זאָג, דאָס האָסטו אים געבעטן, אַז ער זאָל עס מיר איבער־געבן?

— איך פאַרשטיי אײַך ניט.

— אָבער דאָס האָסטו אים געהייסן מיר אַזוי זאָגן?

— וואָס פאַר א רעכט האָב איך הייסן אַוועקפאָרן? נאָר ווײַטער קאָן אַזוי ניט בלײַבן.

— וואָס קאָן אַזוי ניט בלײַבן?

זי האָט זיך האַסטיק אופגעשטעלט, פאַנאַנדערשאַרנדיק מיט די פיס דעם בלעטער־אָנשיט.

— אירישע וואַרט אויף מיר. זי וועט מיך זוכן. עס פעלט מיר נאָך, זי זאָל אײַך דערזען מיט מיר. ווען איר ווייסט, ווי זי איז אין אײַך פאַרליבט! זי איז זייער א ווויל מיידל. הערט, — האָט זי מיט אימפעט, ער זאָל זי ניט איבערשלאָגן, געזאָגט, — פאַרוואָס זאָלט איר פאַר איר ניט כאַסענע האָבן?

— דו פאַרלאַנגסט עס פון מיר? זאָג, דו פאַרלאַנגסט עס פון מיר? — און ער האָט זי ווידער פיבערדיק גענומען קושן, ניט לאָזנדיק ניט זיך, ניט זי איבערכאַפּן דעם אָטעם. — כ׳וועל דיך אַלצייַנס אַוועקפירן מיט זיך.

באהאלט ניט די אויגן. ווילסט פון מיר אויסבאהאלטן, אז דו האָסט מיך ליב? זאָג, טײַערע, וואָס שטעלט דיך אָפּ?

— איך האָב א מאַן, און דאָס איז פאַר מיר אַלץ.

— דו האָסט דאָך אים אָבער ניט ליב, דו קאָנסט אים ניט ליב האָבן!

— איך האָב אײַך שוין ניט איין מאָל פאַרבאָטן ריידן אזוי!

— ווילסט, וועל איך זיך דורכריידן מיט אים, אויב ער איז ביז איצט נאָך פאַרבליבן א בלינדער.

און דאָ האָט זיך בא איר ארויסגעכאפּט:

— עמעצער פון אונדז מוז פאַרלאָזן דאָס שטעטל, און וואָס גיכער. דאָס איז דער איינציקער אויסוועג.

זי געדענקט ניט פּינקטלעך. מעגלעך, זי האָט אים געזאָגט, אז ער דאַרף אוועקפאָרן און אז דאָס איז פאַר אים דער איינציקער אויסוועג.

...אין א קורצער צײַט ארום האָט כאָנע צופּעליק באַגעגנט זײַוולען אין שטאָט. ווען זײַוול זאָל געוועזן פאַרפירן מיט אים וועלכע־ניט־איז רייד, וואָס האָבן א שײַכעס צו צירלען, וואָלט כאָנע דאָס פון איר ניט אויסבאַהאַלטן. זײַוול האָט אים בלויז געפרעגט, האָט איר כאָנע געזאָגט, וואָס טוט ער אין שטאָט? און ווען כאָנע האָט אים געענטפערט, אז ער איז געקומען אָנקוקן א דירע, האָט זײַוול אים ניט פאַנאַנדערגעפרעגט, פאַרוואָס וויל ער זיך אריבערקלײַבן אין שטאָט. נאָר וועגן זיך האָט ער אים געזאָגט:

— איך וועל מיסטאָמע אינגיכן אויך אריבערפאָרן אין שטאָט, — און דערבײַ גלײַך צוגעגעבן. — אָבער ניט אהער. גיכער פון אַלץ מיסטאָמע אַף אוראַל, ווו סע וווינען מײַנע עלטערן, און עפּשער נאָך ווײַטער, קיין סיביר...

נאָר וועגן דעם אַלץ, מיט וואָס צירל וואָלט געקאָנט דערוויסן, אז זי האָט נאָך מיט א צײַט פריִער פאַרויסגעזען, אז זײַוול וועט פונדאַנען אוועקפאָרן, וועט זי דאָך ניט גיין דערציילן די מיטאַרבעטער פון קאָנטאָר, און אָנפרעגן זיך בא ביקאָוון, קעדײַ אײַנגאַנצן זײַן זיכער אין דעם, צי האָט מען האַנפטן אראָפּגענומען פון דער אַרבעט, צי ער איז אַליין אוועק, האָט זי ניט געוואָלט. מיכאיל יאַקאָוולעוויטש ביקאָוו קאָן דאָס נאָך אויסטײַטשן, אז זי וואָלט ניט האָבן קעגן, מע זאָל האַנפטן אומקערן צוריק אהער, בײַס זי איז עפּשער די איינציקע צווישן די מיטאַרבעטער פון קאָנטאָר, וועלכע איז סאָפּקאָלסאָף צופרידן, וואָס אַלץ האָט זיך אזוי אומגעריכט פאַרענדיקט. עס וועט דורכגיין נאָך א ביסל צײַט, און זי וועט אים ענדלעך פאַרגעסן, זי איז זיכער דערין, נאָר דערווײַל קומט איר נאָך אויס זיך אײַנשמועסן אין דעם. זי ווייסט ניט, מעגלעך, ס'איז אפילע בעסער פאַר איר, וואָס זײַוול איז אוועקגעפאָרן ניט געזעגענענדיק זיך. און ווי·אזוי האָט ער געקאָנט זיך געזעגענען מיט איר, אז זי איז דאַן גאָר געלעגן צו בעט? ער האָט דאָך ניט געקאָנט קומען צו איר אהיים נאָך דעם, ווי זי האָט אים דעמלט, אין שטאָט, געהאָט געזאָגט, ער זאָל ניט מיינען, אז כאָנע איז אזא בלינדער, ווי ער קלערט וועגן אים, אז כאָנע באמערקט גאָרניט און זעט גאָרניט. זי האָט זיך אפילע מוידע געווען זײַוולען, אז זי האָט אנומלטן

אליין דערציילט כאַנען וועגן זייער באַגעגעניש אין וואַלד. זי איז ניט געווינט עפּעס אויסבאַהאַלטן פֿונעם מאַן. אָבער אַ גרויס איר איבערגעבן דורך עמעצן, אַפֿילו דורך דער זעלבער אירישען, האָט זיַיוול פֿאַר זיַין אָפּפֿאָרן דאָך געקאָנט. נו, דאָס האָט ער געטאָן ריכטיק, וואָס ער האָט גאָרניט איבערגעגעבן פֿאַר איר דורך אירישען. יענע האָט עס געקאָנט גאָר אַנדערש אויפֿנעמען, און צירל וואָלט אומזיסט און אומנישט אָנגעלעבט זיך אַ סוינע. נאָר פֿאַרוואָס פֿרעגט זי ניט בא כעסינען? מיטן לערער האָט זיַיוול דאָך בעלי־סאָפּעק זיך געזעגנט. זי איז זיכער, אַז צווישן דעם לע־רער און זיַיוולען איז געווען אַ רייד וועגן איר. זיַיוול האָט ניט בלויז געבעטן אים איבערגעבן איר אַ גרוס, נאָר, מעגלעך, אַפֿילו איבערגעלאָזט בא אים פֿאַר איר אַ בריוול. פֿאַרוואָס גיט איר כעסין דאָס בריוול ניט אָפּ? ער איז ניט אינגאַנצן זיכער אין איר?

דער ווינטער האָט נאָך געהאַט צו געוועלטיקן אַ גוטע פֿאָר וואָכן. איז דער פֿרילינג אים פֿאַרלאָפֿן דעם וועג. ס'איז אַראָפּ דער שניי, און די פֿע־טע אויסגעוואָרעמטע ערד איז געוואָרן קלעפּיק, קיין טראָט ניט צו מאַכן. נאָר כעסינען האָט די בלאָטע ניט אָפּגעשטעלט, ווי ס'האָבן אים ניט אָפּ־געשטעלט ווינטער די זאַווייען. קימאַט יעדן אָוונט איז ער געווען בא כאַ־נען. גדליה דער קעסל־הייצער האָט זיך אויך אָפּט אַריַינגעכאַפּט פֿאַר־ברענגען אַ ביסל, נאָר איבעריקס לאַנג האָט ער זיך קיינמאָל ניט פֿאַר־האַלטן — מוירע געהאַט, אַפּאַנעם, פֿאַרן ווײַב, וואָס האָט נאָך אַלץ געזוכט כעסרוינעס בא צירלען און ניט דערלאָזט, אַז זייער פֿריידקעלע זאָל גיין צו איר אין געסט. צירל קאָן נאָך אַלץ ניט באַנעמען, וואָס האָט צו איר גדליהס ווײַבל, טײַבע.

גייענדיק צו כאַנען און צירלען, האָט דער לערער איטלעכס מאָל פֿאַר־כאַפּט מיט זיך אַ ביכל און עס פֿאָרגעלייענט אָף אַ קאָל. דעריקער האָט ער פֿאָרגעלייענט פֿריילעכע מײַסעס. דאָס האָט אים, קענטיק, שוין כאַנע געבעטן. כאַנע האָט ניט ליב הערן קיין אומעטיקע געשיכטעס און דערציילן אומעטיקע געשיכטעס. נאָכן מײַסעס. נאָכן מײַוועיר זײַנען די סעדרע, ווי גדליה האָט גערופֿן אָט דאָס פֿאָרלעזן, האָט מען זיך געזעצט שפּילן אין ביינד־לעך.

וויאַזוי צירל איז ניט געווען בעשאַסמײַסע פֿאַרנומען מיט דער קיך, מיט דערלאַנגען און צונעמען פֿון טיש, האָט זי ניט דורכגעלאָזט קיין איין וואָרט דערפֿון, וואָס איז גערעדט געוואָרן, און ס'האָט זי געווונדערט, וואָס פֿאַר דער גאַנצער צײַט האָט זי קיין איין מאָל ניט געהערט, אַז מע זאָל דערמאָנען זיַיוולען, עלעהיי ער איז דאָ גאָר קיינמאָל ניט געווען. מער פֿון אַלץ האָט איר געווונדערט דער לערער. עס איז דאָך ניט געווען פֿרי־ער דער אָוונט, אַז באַפּטאָלע זאָל, קומענדיק צו זיי, ניט פֿאַרפֿירן קיין רייד וועגן זײַן טאַלמיד, דערציילן, וואָס פֿאַר אַן אָפּענעם קאָפּ ער האָט, וואָס פֿאַר אַ גאָלדן האַרץ ער פֿאַרמאָגט, און ענדיקן דערמיט, אַז דער באָכער וועט ווײַט, זייער ווײַט אַוועקגיין!

פֿאַר דער גאַנצער צײַט, זינט זיַיוול איז אַוועקגעפֿאָרן, האָט מען אים איין מאָל יאָ געהאַט דערמאָנט דאָ באַם טיש. צירל איז פּונקט געווען אין קיך. זי האָט אָבער אַלץ געהערט. גדליה האָט בייסן שפּילן מיט כאַנען

און כעסינען אין ביינדלעך א פרעג געטאָן, צי ס'איז עמעס, אז מע האָט זײַוולען געשיקט ארבעטן אפן ווײַטן מיזרעך און אז ער פארנעמט דאָרט א גרויסע שטעלע. געהערט האָט ער דאָס, אויב ער האָט ניט קיין טאָעס, פון דער באלעבאָסטע, בא וועמען זײַוול איז אײַנגעשטאנען אף קווארטיר. דערוף האָט אים כעסין געענטפערט, אַז ער האָט גאָר אנדערש ניט דער־ווארט. ער האָט פון לאנג שוין געזאָגט, אז דער באָכער וועט ווײַט אוועק־גיין, אז ס'איז פאר אים ניט קיין טאכלעס בלײַבן שטעקן דאָ אין שטעטל.

ארויסגעזאָגט עס, האָט דער לערער ווידער זיך פארטיפט אינעם שפילן, ווי ער זאָל דערמיט וועלן זאָגן דער ארײַנגעקומענער צירלען, אז ער האָט ניט קיין כיישעק צו ריידן מער וועגן דעם, זײַוול גייט שוין אים איצט קנאפּ וואָס אָן.

ווייסט אָבער צירל, אז ס'איז ניט אזוי. זעלטן־ווען טרעפט, אז א לע־רער זאָל זײַן אזוי פארליבט אין זײַן טאלמיד און דער טאלמיד אין זײַן לערער, ווי כעסין און זײַוול זײַנען געווען פארליבט אײנער אינעם צווייטן. זיי שרײַבן זיך געוויס איבער, און זײַוול לאָזט איר, פארשטייט זיך, יעדעס מאָל גריסן. זי וועט אים פונדעסטוועגן פרעגן, דעם לערער. צו וואָס דאַרף זי דאָס וויסן?.. וואָס וואָלט זי דערוף געענטפערט כעסינען? זי וועט דאָך ניט גיין אים זאָגן, אז זי גלייבט ניט און קאָן ניט גלייבן, אז זײַוול זאָל אוועקפאָרן אוָן גאָרניט איבערגעבן דורך עמעצן פאר איר, בייס זי האָט מיט אלע אירע כושים געפילט, אז זײַוול האָט פארן אוועקפאָרן פון שטעטל אומגעדרייט זיך ארום אירע פענצטער...

ווען צירל זאָל געווען דעמלט וויסן דאָס אלץ, וואָס ס'האָט איר מיט אייניקע טעג צוריק דערציילט נאפטאָלע דאווידאָוויטש! כאָטש זי האָט פריִער זיך אויך אָנגעשטויסן, אז זי האָט א שײַכעס צו דעם, וואָס עס איז זיך פארלאָפן אין די לעצטע טעג, ווען זי איז געווען קראנק, בא זיי אין קאָנטאָר מיט זײַוולען.

אָבער אז אין דעם זאָל זײַן פארמישט דער לערער, האָט זי בעשום־אויפן זיך ניט געריכט און עס ניט דערוואַרט.

דערפון, וואָס כעסין האָט איר דערציילט, האָט צירלען זיך אויסגעוויזן, אז דער לערער האָט געוווסט וועגן איר און זײַוולען, דאכט זיך, מער, ווי זיי אליין האָבן געוווסט וועגן זיך. כעסין האָט דערזען, אז עס קאָן בא איר מיט זײַוולען צו ווײַט אוועקגיין, — ער איז ניט געווען זיכער, צי וועט זיך עפּעס ענדערן דערפון, וואָס זי וועט מיט כאָנען זיך אריבער־ציִען אין שטאָט, — האָט ער ארויסגעשריבן פון זײַן פינקעס די געשיכטע, וועלכע איז זיך פארלאָפן מיט איר און מיט כאָנען בייס דער מילכאָמע, וויִאזוי איז געשען, וואָס זיי זײַנען געוואָרן מאן און ווײַב, און דעם קסאוו־יאד אָפּגעשיקט דעם מיניסטער פון פינאנצן. אינעם בריוול, וואָס כעסין האָט בײַגעלייגט, האָט ער אָנגעשריבן, אז ער זעט ניט קיין אנדער אויס־וועג צו פארהיטן דעם מענטש אין זײַוולען און צו באפרײַען א צווייטן, וואָס איז אזויפיל אויסגעשטאנען אף זײַן לעבן, פון איבעריקע פּײַן און לייד, ווי אריבערפירן זײַוול האנפטן אף ארבעט אין אן אנדער אָרט, און וואָס ווײַטער פונדאנען. ער האָט, כאָלילע, קיין איין שלעכט וואָרט ניט

געשריבן וועגן זײַוולען, געשריבן, ווי דער עמעס איז, אַז זײַוול האָנפּט איז זייער אַן ערלעכער, אַן איבערגעגעבענער צו דער אַרבעט.

ס׳איז ניט דורך קיין כּוידעש, און זײַוול האָט געקראָגן אַן אָנווײַזונג, אַז ער זאָל דרינגענד איבערגעבן די איניאַנים דעם נײַעם שעף, וועלכן די געגנט וועט צושיקן, און ער, זײַוול, זאָל קומען אין מיניסטעריום. נו, און וויבאַלד מע רופט אים אַרויס אַזש אין מיניסטעריום, האָבן דאָ אַלע מיסטאָמע גאָר אַנדערש ניט געקלערט, אַז דער באָכער האָט זיך, אַפּאָנעם, שטאַרק פאַרזינדיקט.

— קוים איז שוין געקומען צו רייד וועגן דעם, ווועל איך פון דיר ניט אויסבאַהאַלטן, טאַכטערקע, אַז מיט אַ צײַט צוריק נאָך, ווען זײַוול האָט מיר אָפּגעבראַכט דעם פּינקעס, וואָס כ׳האָב אים געגעבן לייענען, איז בײַ אונדז געווען אַ שטיקל געשפּרעך וועגן דיר. וואָס ער האָט מיר געהאַט געזאָגט, האָב איך דיר ניט וואָס איבערצודערציילן. ער האָט דיר, גלייב איך, ניט איין מאָל אַליין עס געזאָגט. דערהערט אַזאַ זאַך, האָב איך אים געבעטן, ער זאָל בעטן, אַז מע זאָל אים אַריבערפירן אַרבעטן ערגעץ אַנדערש. קיין אַנדער אויסוועג, האָב איך אים געזאָגט, זע איך ניט פאַר אים. איז אָט: ווען ער איז געקומען פאַרן אוועקפאָרן זיך געזעגענען, האָט ער אַ מאַך געטאָן צו מיר: „ס׳קומט אויס, ווי עמעצער וואָלט דעמלט אונטערגעהערט אונדזער געשפּרעך". כ׳מיין ניט, אַז ער זאָל האָבן עפּעס זיך אָנגעשטויסן. און כ׳מיין ניט, אַז עמעצער זאָל דאָרט האָבן אַרויסגעגעבן זײַוולען דעם סאָד, פאַרוואָס מע האָט אים פּלוצעם אָפּגערופן פונדאַנען. ווען יאָ, וואָלט ער מיר געוויס אָנגעשריבן אינעם בריוול, וואָס כ׳האָב פון אים דערהאַלטן.

כעסיך האָט ניט געקאָנט ניט באַמערקן, מיט וואָס פאַר אַן אומגעדולד צירל האָט געוואַרט, ער זאָל איר איבערדערציילן, וואָס שרײַבט אים זײַוול. ס׳קאָן דאָך ניט זײַן, אויב צווישן דעם לערער מיט זײַוולען איז געווען אַ רייד וועגן איר און זײַוול האָט זיך אָנגעשטויסן, פאַרוואָס ער דאַרף פאַרלאָזן דאָס שטעטל, אַז ער זאָל מיט קיין וואָרט זי ניט דערמאָנען...

— דערפון, וואָס ער שרײַבט מיר וועגן זײַן אַרבעט, — האָט כעסיך צוליב געטאָן דער פאַרטראַכטער צירלען און פאַרגעזעצט, — איז ניט שווער צו פאַרשטיין, אַז ער האָט אויסגעשפּילט. ער איז אַ פאַרטרעטער פונעם שעף פון אַ געגנטלעכן פינאַנץ־אָפּטייל. און וואָס וואָלט ער דאָ אויסגעזעסן? אַ שטאָטישער באָכער, וואָס באַזעצט זיך אין אַ שטעטל, איז פּונקט ווי אַ בוים, וועלכן מע פלאַנצט איבער. ניט יעדער איבערגעפלאַנצטער בוים וואַקסט דערנאָך. סײַ ווי וואָלט זײַוול פריִער צי שפּעטער פאַרלאָזט דאָס שטעטל און אַריבערגעפאָרן צוריק אין שטאָט. און וועגן דיר שרײַבט ער מיר, — נאַפּטאָליע דאַווידאָוויטש האָט עס אַ זאָג געטאָן צווישן אַנדערס, פּונקט ווי ער זאָל ניט וויסן, אַז פאַר איר איז עס דאָס סאַמע וויכטיקסטע, וואָס זי דערוואַרט פון אים הערן, — אַז איך זאָל בײַ דיר פּויעלן, זאָלסט פאַרן זיך לערנען... דאָס דאַרף ער מיך אָבער ניט בעטן. איך פאַרשטיי עס אַליין. נאָך דעם עמעס געזאָגט, איך אויף כאָנעס אָרט וואָלט דיך אויך

ניט געלאָזט פאָרן. וואָס זשע דען? איך וועל מיט דיר א ביסל צולערנען, אָבער נאָר דאָן, ווען כאַנע וועט זײַן אין דער היים. ס'א שטעטל, טאָכ־טערקע. אויב זײַוול האָט דאָס פארגעסן, קאָן מען נאָך אים פארשטיין, אָבער מיר דארף מען דאָך עס ניט דערמאָנען. ווי זאָגסטו? — האָט ער צוגעגעבן מיט א שמייכל.

און צירל האָט אים געענטפערט מיט א שמייכל, וואָס זײַן באַטײַט איז געווען: „איך פיל דאָך, אז איר באהאלט עפּעס אויס פון מיר. נאָר וויבאלד איר קלערט, אז איך דארף עס ניט וויסן, אז פאר מיר וועט זײַן בעסער, אויב איך וועל עס ניט וויסן, איז מיסטאמע זײַנט איר גערעכט. איך טרוי אײַך אָן, ווי א קינד אן אייגענעם טאטן...״

און פונדעסטוועגן איז ניט געווען דער טאָג, זי זאָל ניט ארויסקוקן אף א בריוול פון זײַוולען, כאָטש זי האָט פארשטאנען, אז אפן היימישן אדרעס וועט ער איר ניט שרײַבן און אפן אדרעס פון דער קאָנטאָר אויך ניט. ער געדענקט, אז דאָרט ארבעט אירישע. דער איינציקער מענטש, דורך וועמען ער וואָלט איר געקאָנט אָנשרײַבן, איז דער לערער. איז זײַוול אָבער ניט זיכער, צי כעסין וועט איר איבערגעבן זײַנע בריוו. גיכער פון אלץ, אז ניין; צי קאָן ניט אמאָל פּאסירן, אז זײַוול זאָל ארײַנשיקן פאר איר א בריוול דער באלעבאָסטע, בא וועמען ער האָט געוווינט, און אז יענע ווארט, זי זאָל קומען עס אָפּנעמען?

מיטן אויסרייד, צי האָט דער קווארטיראַנט ניט איבערגעלאָזט פאר איר דאָס ביכל, וואָס ער האָט בא איר אנטליִען, איז צירל ארײַן צו דער גע־וועזענער באלעבאָסטע זײַנער. דאכט זיך, אז די באלעבאָסטע האָט זיך גלײַך אָנגעשטויסן, אז ניט צוליב דעם איז זי געקומען. צירל האָט עס דערפילט פון איר שטים, מיט וועלכער זי האָט איר געענטפערט, אז דער קווארטיראַנט האָט אלץ מיטגענומען מיט זיך, קיין זאַך ניט איבערגעלאָזט. און עפּשער האָט זיך דאָס איר, צירלען, אויסגעוויזן, אז די באלע־באָסטע ווייסט עפּעס וועגן איר און זײַוולען, צי שטויסט זיך וועגן עפּעס אָן.

נאָך דעם, ווי צירל האָט זיך דערוווּסט, אז מע האָט זײַוולען ניט אראָפּ־גענומען פון דער ארבעט, ווײַל ער האָט דערלאָזט פעלערן, — אין וואָס זי איז פון סאמע אָנפאנג געווען זיכער, — נאָר אז דער שולדיקער אין דעם אלץ איז גאָר דער לערער, און אז געטאָן האָט עס זייער פרײַנט פון ליבע און איבערגעגעבנקײַט צו איר און כאָנען, האָט זי אופגעהערט קוקן אפן נײַעם שעף, ווי אף אזעלכן, וואָס וויל מיט זײַן אופירן זיך מאכן דעם אײַנדרוק פון א מענטשן, וואָס איז געשיקט געוואָרן פאריכטן די פעלערן, וועלכע ס'האָט דערלאָזט אין דער ארבעט זײַן פאָרגייער. מיט דער צײַט האָט זי, ווי אלע בא זיי אין קאָנטאָר, זיך צוגעוווינט צו דעם נײַעם אָנ־פירער. ער האָט זיך ארויסגעוויזן גאָר ניט פאר אזא, ווי מע האָט אים אָנגענומען אין די ערשטע וואָכן, ווען מע האָט אים געהאלטן אין איין פארגלײַכן מיטן פריִערדיקן, מיט זײַוול האנפטן. זי קאָן ניט זאָגן, אז איר איז אלץ צום הארצן, וואָס ביקאָוו האָט אײַנגעפירט און פירט אײַן. נאָר דאָס, וואָס ער איז פיל שטרענגער מיט די מיטארבעטער, ווי ס'איז געווען זײַוול, גיט זי אים אָפּ דאָס רעכט. זײַוול איז טאקע געווען צו גוטברודע־

ריש מיט אלעמען. זי געדענקט ניט, ער זאָל ווען־ניט־איז געווען עמעצן באַפוילן. ס'האָט זיך אין אים ניט געפילט דער מיליטערמאַן, ווי דאָס פילט זיך אין ביקאָוון. מעגלעך, ס'איז דערפאַר, ווײַל זײַוול איז א סאך ווייניקער פון ביקאָוון געווען אין דער אַרמיי, ער האָט ניט באוויזן שוין זײַן אַף דער מילכאָמע, זען די מילכאָמע, און אזוינס האָט זייער פיל וואָס צו זאָגן. נו, און דאָס, וואָס מיכאַיל יאַקאָוולעוויטש איז ניט איבעריקס קיין באַריידעוודיקער, איז שוין אזא נאַטור בא אים. זי וועט דעם כאַראַקטער זײַנעם אים ניט איבערמאַכן.

איצט, אז צירל האָט שוין געוווּסט, וואָס אזעלכעס האָט זײַוול געשריבן וועגן איר דעם לערער, האָט זי ניט פאַרכידעשט, ווען ביקאָוו האָט זי אין איינעם א טאָג פאַרבעטן צו זיך אין קאַבינעט און געמאָלדן, אז ער מאַכט זי פאַר זײַנער א פאַרטרעטערן. דאָס האָט, קענטיק, זײַוול פאָרן פאָרן אים אזוי גערעטן צי דערנאָך אים אָנגעשריבן.

ניט באַקומענדיק נאָך דערוף איר האַסקאָמע, האָט ביקאָוו איר באַפוילן דורכפאָרן זיך איבער די דערפער און שטעטלעך פונעם ראַיאָן, א קוק טאָן אַפן אָרט, ווי עס גייט די סטראַכירונג.

— קיין מאַשין, ווי איר ווייסט, האָבן מיר ניט דערוויל, האָב איך אָפּגעגעבן א פאַראָרדענונג פאַרפעסטיקן פאַר אײַך אײַער פּריִערדיק פערד־און־וועגעלע.

— איך ווייס אָבער ניט, מיכאַיל יאַקאָוולעוויטש, צי טויג איך פאַר דער דאָזיקער שטעלע. לאָזט מיך זיך באַטראַכטן.

— ס'איז א באַפעל, כאַווערטע דובראָווינע, און דער, וואָס באַקומט א באַפעל, דאַרף אים פּריִער פאַר אַלץ אויספילן און ניט אוועקשטעלן זיך אים באַטראַכטן.

צירל איז שוין געווען גרייט אים ענטפערן, אז זי איז ניט קיין סאָלדאַט און די ראַיאָנע סטראַכיר־קאָנטאָר איז ניט קיין מיליטערישער אַנשטאַלט, נאָר אומגעריכט האָט זי אים דערזען שמייכלען, דער שמייכל האָט געמאַכט אי יִנגער, אי מילדער זײַן אָנגעכמורעט פּאָנעם.

— איך האָב זיך לאַנג צוגעקוקט צו יעדן איינעם דאָ פון אײַך, ביז איך בין געקומען צום דאָזיקן באַשלוס. קיין מער פּאַסיקערע פון אײַך האָב איך ניט געפונען. איר זײַנט ווי אָנגעמאָסטן פאַר דער דאָזיקער שטעלע. דער געגנטלעכער פינאַנץ־אָפּטייל האָט שוין געגעבן זײַן האַסקאָמע. מע ווייסט דאָרט וועגן אײַך. דער פּריִערדיקער שעף אײַערער, כאַווער האַנפּט, ווי מע האָט מיר דאָרט געזאָגט, האָט אויך געוואָלט, איר זאָלט ווערן זײַן פאַרטרעטער.

— איך הער עס צום ערשטן מאָל.

זי האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס האָט באַטײַט זײַן בליק, מיט וועלכן ער האָט זי אַרויסבאַגלייט פון קאַבינעט. ער גלייבט ניט, אז זי האָט ניט די מינדסטע אַנונג וועגן דעם, וואָס ער האָט איר נאָרוואָס געזאָגט, אז זי הערט עס צום ערשטן מאָל, צי ער האָט איר נאָך וואָס צו פאַרטרויען וועגן זײַוולען?

איר נײַעם ארויספֿאָר איבער די דערפֿער און שטעטלעך פֿון ראַיאָן האָט זי אָנגעהויבן פֿון וועדמעדאָווקע, ווו זי איז ניט געווען פֿון סאַמע האַרבסט אָן, ווען זי האָט זיך צעשײדט מיטן פֿערד־און־וועגל, און ווי זי האָט געהאַט אָפּגערעדט מיט זײַוולען, געארבעט בלויז אין קאָנטאָר, געזעסן בײַ איר שטענדיקן טיש לעבן פֿענצטער אינעם גרויסן פֿאָדער־צימער.

און איצט איז שוין ווידער זומער.

דער פֿרימאָרגן איז געווען אַ לויטערער, אַ דורכזיכטיקער, פֿול מיט זון און אָן איין וואָלקנדל אינעם בלויען הימל.

„גאָלובטשיק", אַז עס האָט דערזען צירלען זיך ארײַנזעצן צו אים אין וועגעלע, האָט פֿריילעך זיך צעהירזשעט. דאָס פֿערדל האָט אַ קוק געטאָן אַף זײַן אָנטרײַבערן מיטן ברוינעם אויג זײַנעם, וואָס איז ביז איבער די ברעגן געווען פֿול מיט ליבע און בענקשאַפֿט צו איר. דאָס פֿולע ברוינע אויג האָט ווי געפֿרעגט: „מער וועסטו מיך שוין ניט פֿאַרלאָזן? ווייסט כאָטש, ווי איך האָב געבענקט נאָך דיר?.."

דער וואַלד האָט זיך אויך ווי דערפֿרייט מיט איר. עס האָבן געזונגען די פֿויגלען, די צווײַגן פֿון דיביימער האָבן אונטערגעשפּרייט אונטער די רעדער פֿונעם וועגעלע זייערע קילע שאָטנס.

— וויאָ, גאָלובטשיק, הײַדאַ!

זי האָט געוואָלט נאָך שטאַרקער דערפֿילן דעם אַנטקעגנלויפֿנדיקן ווינט, וואָס וועט, דאַכט זיך, באַלד זי ארויסכאַפּן פֿונעם וועגל און אוועקטראָגן מיט זיך, און זי וועט אים ניט פֿרעגן וווהין און ניט פֿרעגן וואָס.

— וויאָ, גאָלובטשיק, וויאָ!

וואָס טיפֿער זי איז פֿאַרפֿאָרן אין וואַלד, אַלץ שטאַרקער האָט געקלאַפּט דאָס האַרץ, און אַ מאָדנע אָנגענעמע שוואַכקײַט האָט זיך צעגאָסן איבערן גאַנצן קערפּער. די אויגן האָבן זיך פֿון זיך אַליין צוגעמאַכט.

ווען זי האָט אין אַ ווײַלע ארום געעפֿנט די אויגן, האָט זי שיִער ניט אויסגעשריִען. אונטער די זעלבע צוויי ביימער, וואָס שטייען ארומגענומען האַרט בײַם וועג, ווו זי האָט פֿאַראיאָרן זומער, אומקערנדיק זיך פֿון וועדמעדאָווקע, געהאַט געטראָפֿן אָנגעשפּאַרט אַף זײַן וועלאָסיפּעד זײַוול האַנפֿטן, האָט זי ווידער דאָרט עמעצן דערזען.

ס'האָט איר פֿאַרכאַפּט דער אָטעם. נאָך אַ רגע, און זי וואָלט פֿאַרקע־רעוועט דאָס פֿערדל און פֿײַל־אויסן־בויגן זיך אַ טראַג געטאָן צוריק אין שטעטל. זי האָט ניט געוווּסט, צי זאָל זי זיך פֿרייען דערפֿון, וואָס דער מענטש, וועלכער איז געגאַנגען איר אַנטקעגן, איז געווען ניט זײַוול. ס'איז געווען אַ באַקאַנטער קאָלווירטניק פֿונעם דערבײַיִקן דאָרף פּעסטשאַנע.

נאָר די באַגעגעניש מיט אים האָט עפּעס איבערגעלאָזט אַ שווערע נאָגנדי־קע בענקשאַפֿט, פֿון וועלכער ס'איז ניטאָ זיך ווו אַהינצוטאָן. דער גאַנצער וואַלד, איטלעכס בלעטל אַף די צווײַגן איז אַף דורך און דורך אָנגעזאַפּט מיט אָט דער בענקשאַפֿט...

און די רעדער פֿונעם וועגל שאָרכן אַלץ העכער און העכער: כאָנע, כאָנע...

אָפּגעפּאָרן עטלעכע שפּאַן ווײַטער, האָט צירל אָפּגעלאָזט די לייצעס, זאָל זיך דאָס פערדל גיין, וויאַזוי אים געפעלט. די אויגן האָבן זיך בא איר ווידער פון זיך אליין צוגעמאַכט און איר צוריק אומגעקערט דעם פאַרשוווּנדענעם זומער־פאַרנאַכט, ווען זײַוול האָט זי אָנגעיאָגט דאָ אין וואַלד אַף זײַן צעהיצטן אָגער. אַ שטיק וועג האָט ער דאַן געריטן בא דער זײַט, דערנאָכדעם האָט ער צוגעבונדן דעם אָגער צום וועגל און אַרײַנגעשפּרונגען צו איר אַפן אײַנגעלעגענעם היי.

צירל האָט זיך אַזוי אַריבערגעטראָגן אינעם פאַראַיאָריקן זומער־פאַר־נאַכט, אַז זי האָט ניט באַמערקט, ווי „גאָלובטשיק" איז מיטאַמאָל שטיין געבליבן, — און ניט פון אָרט. פּאַמעלעך, זי זאָל ניט פאַרלירן די „דע־ליאַנקע", איבער וועלכער זי איז נאַרוואָס געגאַנגען מיט זײַוולען און גע־פילט אַף זיך זײַן הייסן אָטעם, האָט צירל געעפנט די אויגן און דערזען איבער זיך די נידעריק אַראָפּהענגענדיקע צווײַגן פון די צוויי ביימער, וואָס האָבן ווי זיך אַרומגענומען. צירלען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז פאַר דער צײַט, וואָס זי איז דאָ ניט געווען, זײַנען די צוויי ביימער זיך נאָך מער צונויפגעוואַקסן.



# דעם באַלשעמס געסל

## א

אַף די טרעפלעך פונעם גאַנעק פון דעם בלוי־גע־פאַרבטן הויז מיט דער גלעזערנער טעראַסע, בא וועלכער עס איז אַרויסגעשטעלט צום פאַרקויפן אַלט מעבל, זיצט איטע — אַן עלטערע פולבלעכע פרוי — און פרעגלט אַף אַ דרײַפוס אײַנגעמאַכטס. צווישן איטען און איר נײַן־צעניאָריק אייניקל, דאָווידקען, וואָס האָט זיך פאַרקליבן מיט זײַן אַקאָרדעאָן אין שאָטן פון די דערבײַיִקע קאַרשנביימער, גייט אָן אַ מין באַהאַלטענע שפּיל: דאָווידקע פרוווט אַרײַנשמוגלען אין די עטיודן, וועלכע דער לערער פון מוזיק האָט אים פאַרגעבן, שטיקלעך ניגונים פון פאַרשיידענע לידער, איז אָבער איטע, די באָבע זײַנע, אַף דער וואַך. כוץ דעם, וואָס זי לאָזט ניט אַראָפּ פון אים קיין אויג, דיריזשירט זי פון צײַט צו צײַט נאָך מיטן גרויסן הילצערנעם קאָכלעפל און ציילט אים אויס, ווי אַ קאָמאַנדיר, די מוזיקאַלע טאַקטן: „איינס און, צוויי און, דרײַ און, פיר און... איינס און, צוויי און...“

לאַנג אָבער אַזוי ציילן לאָזט ער זי ניט, דאָס אייניקל. עס גייט דורך אַ פּאָר מינוט, און איבערן געסל צעטראָגט זיך ווידער איטעס הייזעריקלעך קאָל:

— דאָווידקע!..

דאָווידקע, ווי ניט אים גאָר מיינט מען עס, שטעלט אָן אַף דער באָבען אַ פּאָר אומשולדיקע אויגן און פרעגט פאַרוווּנדערט:

— וואָס, באָבע?

— ווידער שוין? האָסט מיר שוין ווידער אָנגעהויבן דײַנע שטיקלעך? וועמען, וואָלט איך וועלן וויסן, ווילסטו עס נאַרן? מיינסט, וועסט מיר אונטערוקן אַ „שאַגאַיו פּאָ מאָסקווע“ מיט אַ „דווא בערעגא או אָדנאָי רעקי“[1], און איך וועל עס אָנעמען פאַר אַן עטיוד? ניט געטראָפן דאָס אָרט, דו שיינער פּיאָנער דו מײַנער. דו וועסט בא מיר שפּילן נאָר פּאָ נאָטאַם! ווי דער לערער רעפּאָעל האָט געהייסן. הערסט, וואָס מע זאָגט דיר? נאָך איין „שאַגאַיו פּאָ מאָסקווע“, און וועסט בא מיר איבערשפּילן פון סאַמע אָנהייב אָן אַלע עטיודן און גאַמעס, אַלע ביז איינעם.

איבערשפּילן דאָס מאָל אַלע עטיודן און גאַמעס איז דאָווידקען ניט אויסגעקומען. ס'האָט אים פון דעם געראַטעוועט די הויכע און דאַרע יויכע־

[1] „איך שפּאַן איבער מאָסקווע“, „צוויי ברעגן פון איין טײַך“ (רוס.).

ווער, וואָס האָט זיך באַוויזן אין געסל מיט צוויי עמער וואַסער אין די הענט.

— א גוטער העלף איַיך, איטע־קרוין, — האָט יויכעוועד נאָך פונדער־וויַיטן זיך געלאָזט הערן מיט איר הילכיק קאָל. — וואָס זאָגט איר עפּעס צו דער פיַינער ניַיס אונדזערער, האַ?

— וואָס? ס׳איז טאַקע אַן עמעס? מיַין באָרעך גלייבט עפּעס ניט אַזוי שטאַרק דערינען. עס קאָן ניט זיַין, זאָגט ער.

— וואָס הייסט, ער זאָגט, עס קאָן ניט זיַין, אַז יוינע דער שטריקל־דרייער האָט אַליין געזען, ווי דער גאַזלען, פאַרבערענט און פאַרסאַרפּעט זאָל ער ווערן, האָט זיך היַינט פאַרטאָג געשלעפּט אַהער צופוס, שלעפּן זאָל מען אים אויף א שטריק.

— אָט דאָס פרעגט ער דאָך טאַקע, מיַין באָרעך. וואָס, ער ווייסט ניט, דער רעצייעך, אַז בא אונדז אין שטעטל לעבן ווידער ייִדן? און וואָס עפּעס צופוס גאָר?

— וואָס האָט איר געוואָלט, ער זאָל נאָך אַריַינפאָרן אַהער נאַשפּיץ מיטן אויטאָבוס? גוואַלד געשריִען, ווי טראָגט עס גאָר די ערד אויף זיך אַזעלכן!

איטע קוקט זיך אַרום און פרעגט שטיל:

— נו און ער, רעב הילעל, ווי איז מיר, ווייסט שוין פון דער פיַינער ניַיס?

— רעב הילעל איז, שיַינט מיר, גאָר ניטאָ אין דער היים. אַוועקגע־פאָרן מיט זיַין שיפרען קיין לעטיטשעוו זיך דערריידן מיט די דאָרטיקע קלעזמאָרים. א קאַשע עפּעס. בא אַזאַ עלטער אויסגעבן א זון און נאָך א בעניאָכיד דערצו.

קוקט זיך איטע ווידער אַרום און ברענגט אַרויס נאָך שטילער:

— טאָמער, כאָלילע־ווע־כאַס, איז טאַקע אַן עמעס, אַז דער ימאַכשמוי־ניק איז דאָ, וועט עס שוין זיַין יענע כאַסענע. רעב הילעל קאָן זי גאָר אָפּלייגן. ווי זאָגט איר, כעוועד?

— וואָס הייסט אָפּלייגן, אַז כאָסן־קאַלע מיט די מעכוטאָנים, האָב איך געהערט ריידן, זיַינען שוין אין וועג. וויפל, מיינט איר, געדויערט עס היַינטיקע יאָרן פאַרפאָרן אַהער פון לענינגראַד? אוי, וואָס שטיי איך? די רעמאָנטנע בריגאַדע דאַרף דאָך באַלד קומען, און איך בין נאָך אַפילע ניט צוגעטראָטן מאַכן דעם ראַסטוואָר.

א כאַפּ געטאָן די עמער וואַסער, איז יויכעוועד פאַרשוווּנדן אין א נאָענטן הויף. אין א וויַילע אַרום האָט זי זיך באַוויזן בא דער פאַרדראָנ־קעוועטער דרויסנדיקער וואַנט פון איר שטוב. דאָס קליידל פאַרוקט הע־כער די קני איז זי אַריַינגעקראָכן מיט די באָרוועסע פיס אינעם געמיש פון ליים און קיזעק און גענומען אים פּליַיסיק קנעטן, צוזינגענדיק זיך דערביַי האַלב אויף ייִדיש, האַלב אויף אוקראַיִניש.

— נאַ דיר גאָר אַזאַ אָנשיקעניש אויף אונדזער קאָפּ! — האָט איטע א פּליעסקע געטאָן מיט די הענט. — פונוואַנען האָט ער זיך עס מיטאַמאָל גענומען דער אַליאָשקע? אַז נעמען זאָל אים די מיסע־מעשונע, גאָט ליבער.

און דו, דאָווידקע, זע איך, כאַפּסט דערוויַיל אַריַין, האַ? — האָט איטע זיך אָנגערופן צום אייניקל. — נו, וואָס טראַכטסטו זיך, פרעג איך דיך?

— באָבע, איך שפּיל דאָך אַן עטיוד, — און זײַנע גרויסע שוואַרצע אויגן קוקן ווידער פאַרכידעשט, עלעהיי ער הייבט ניט אָן צו וויסן, מיט וואָס האָט ער זיך פאַר איר פאַרזינדיקט און וואָס פאַרלאַנגט זי פון אים.

— אַזוי גאָר? פון ווען אָן, דאָווידקע, וואָלט איך וועלן וויסן, איז „פּוסט בודיעט סאָנצע, אי פּוסט בודו יאַ"[1] געוואָרן אַן עטיוד? פאַרגעסט, אַפּאַנעם, אַז די באָבע דײַנע קען שוין, באַרעכהאַשעם, אַף אויסווייניק די אַלע גאַמעס מיט די עטיודן ניט ערגער ווי דער כאַזן, לעהאַוודל, דאָס יאָמטעוודיקע דאַוונען.

ערשט איצט האָט איטע באַמערקט דעם באַיאָרטן קליינוואוקסיקן מאַנצבל מיטן לעדערנעם רענצל אין דער האַנט, וועלכער איז געשטאַנען אַנטקעגניבער אַפן ראָג געסל און געשמייכלט. פונעם דאָזיקן צושמייכלען זײַנעם איז געוועזן קענטיק, אַז דער מענטש שטייט שוין דאָ גאַנץ לאַנג און האָט, אַפּאָנעם, געזען די שפּיל, וואָס דאָווידקע פּראַוועט מיט איר. האָט איטע זיך געווענדט צו דעם אומבאַקאַנטן שוין ווי צו אַן אייגענעם:

— עפּשער האָט איר אַן אייצע, וואָס טוט מען מיטן באָכערעץ. דער לערער פון מוזיק, רעב רעפאָעל, ראַפאַיִל נאַטאַנאָוויטש הייסט עס, האָט טויזנטער מאָל אָנגעזאָגט, מע זאָל אַכטונג געבן, אַז דער באָכערעץ זאָל, כאָלילע, ניט שפּילן נאָ סלוך, ווײַל דאָס שפּילן נאָ סלוך, הייסט עס, זאָגט ער, קוילעט אוועק. ס'איז אַ מין אַלקאָהאָל פאַרן געהער איז עס, זאָגט רעב רעפאָעל, ראַפאַיִל נאַטאַנאָוויטש הייסט עס. זעט איר דאָך, ווי עס פאָלגט. און צו וועמען, מיינט איר, האָט מען נאָכדעם טײַנעס? צו דער באָבען, פאַרשטייט זיך. אַז אין אַלץ, באָרעכהאַשעם, איז הײַנטיקע צײַטן שולדיק די באָבע.

צוגייענדיק צום קאַרשנבוים, אונטער וועלכן עס איז געזעסן דאָווידקע, האָט דער מאַנצבל אונטערשמייכלענדיק געפרעגט:

— וויפל איז ער עס בײַ אײַך אַלט, דער יונגערמאַן?

— דאָס צענטע יאָר, קיין אײַנהאָרע, ביז הונדערט און צוואַנציק. דאַכט זיך, האַ, געַנוג, וואָס כ'האָב אַף זיך די שטוב מיטן גאָרטן, מיט אַלץ מיטאַנאַנדער, דאַרף איך נאָך אַכטונג געבן, אַז דאָס פײַנע טאַכשיטל זאָל, כאָלילע, ניט פאַרפעלן די אינדערפריַיעדיקע פיזקולטורע, ווי אַמאָל דעם מוידע־אַני, לעהאַוודל, און העלפן אים, ניטאָ ווער ס'זאָל לאַכן, גרייטן די אוראָקן.

— נו, און טאַטע־מאַמע וואָס?

— טאַטע־מאַמע וואָס? באַטאָג איז מען דאָך אַפן זאַוואָד, און אַז עס קומט דער פאַרנאַכט, פליט מען אין קינאָ אָדער אין קלוב. וואָס, איר ווייסט ניט?

— נו יאָ, דאָס זעלבע, אַן ערעך, וואָס בײַ מיר. איך בין אויך אַ שטיקל זיידע.

— בעקיצער, סע קלעקט פאַר מיר אַרבעט ביז אַהער־אָ. איז, דאַכט זיך,

---

[1] „זאָל זײַן די זון, און איך זאָל זײַן" (רוס.).

גוט, איאָ? העלפט גאָט, און סע ווערט מיטאמאָל א מאָדע זיך פארשרײַבן אין אָטשערעד אף א פיאנע אין קרעדיט. האלב מעדזשיבעזש, וואָס זאָג איך האלב, קימאט ס׳גאנצע שטעטל מיטן דערבײַיִקן קאָלווירט שטייען אין אָטשערעד. דערווײַל ביז וואָס־ווען האָט מען אויסגעקויפט אין קראָם אלע קארדעאָנען, מיט די באיאנען, מיט די הארמאָשקעס, און כעוורע קלעזמאָרים שארן גאָלד.

— אזוי גאָר? נו, און עפּעס א סאך קלעזמאָרים פארמאָגט אײַער מעד־זשיבעזש?

— ווּ האָט איר עס הײַנטיקע צײַטן קלעזמאָרים אין די שטעטלעך? אפילע ליפּאָוועץ, דעם בארימטן סטאָליארסקיס ליפּאָוועץ, שמועסט מען, איז געבליבן אָן א קאפּעלע. כ׳וויס טאקע ניט, וואָס וואָלט געווען, ווען אונדזער רעב רעפאָעל, ראפאיל נאטאנאָוויטש הייסט עס, זאָל ניט געווען וואָרפן קירזשנערײַ און זיך ניט געווען נעמען צוריק צום שפּילן. א ראכ־מאָנעס, זאָג איך אײַך, אף דעם מענטשן. מע צערײַסט אים מאמעש אף שטיקלעך.

איטע גיט זיך מיטאמאָל א הייב אוף פון גאנעק:

— ווײ איז מיר, זיך צערעדט און אפילע פארגעסן בעטן זיצן. דאָ־ווידקע, טראָג ארויס א בענקל.

— א דאנק. ניטאָ ווען צו זיצן. זאָגט מיר, איך בעט אײַך, ווּ וווינט דאָ בא אײַך הילעל דובין?

— רעב הילעל דער שנײַדער? טאקע דאָ בא אונדז, אינעם באלשעמס געסל, וווינט ער, נאָר ארופּצו העכער, אנטקעגן דער סלעסארנע מיטן שלײַפשטיין אין דרויסן. אָן, איר זעט?

טיף אין געסל שטייען בישכיינעס צוויי שטיבלעך מיט הויכע ציגלנע צאָקאָלן. די רויטגעפארבטע לאָדנס פון די פענצטער און פון די האלב־גלעזערנע טירן זײַנען צוגעקייטלט צו די ווענט. אף דער האלב־גלעזער־נער טיר פונעם ערשטן שטיבל איז אויסגעמאָלט א סיפּאָן. בא די דרויסנ־דיקע טרעפּלעך פונעם שכיינעסדיקן הײַזל, ווּ דאָס שלאָסער־ווארשטאטל, שטייט א שלײַפשטיין מיט אָן אײַנגעמאָנטירטער אין אים בלעכענער פּוש־קע, ווּהין מע ווארפט ארײַן די מאטבייעס פארן באנוצן זיך מיטן שלײַפ־שטיין.

— עפּעס קוקט איר אף מיר מאָדנע.

— ווער, איך? — האָט איטע זיך א כאפּ געטאָן. — איך פרעג נאָר, צו וואָס, אשטייגער, דארפט איר עס צו רעב הילעלן? איר קערט זיך מיט אים עפּעס אָן? די אויסשפּראך בא אײַך איז ניט גאָר אינגאנצן קיין אונד־זעריקע. בא אונדז אף פּאָדאָליע רעדט מען ניט אזוי.

שמייכלט ער גוטמוטיק:

— און וויאזוי רעדט מען בא אײַך, אף פּאָדאָליע?

— ס׳הייסט וויאזוי? אָט אזוי ווי איך רעד. איז פונוואנען קומט מען?

— פון ווײַטלעך, פון מאָסקווע.

— אוי, — טוט זי א פּליעסק מיט די הענט, — זאָלט איר מיר געזונט זײַן. באָרעך, באָרעך, קום נאָר אהער! אוי, זאָלט איר מיר געזונט זײַן. איר ווייסט, וואָס כ׳האָב אײַך צו בעטן? עפּשער וועט איר מיטנעמען פאר

מײַן זון א פּאָר סלאָזיקלעך אײַנגעמאַכטס? כ'האָב דאָרטן אַן אויסגעגעבע־נעם זון. אפן „זיל״ אַרבעט ער, ווו מע מאַכט אווטאָמאָבילן. בריס, מע־שומעדעסטעו! זי האָט מיר שוין, דאַכט זיך, פֿאַרשפּאָרט אַן אַרבעט, די גאַנעוועטע, — און איטע טוט זיך א לאָז נאָך דער גרויער קאַץ אין הויף.

איצט, ווען דער גאַסט פֿון מאָסקווע איז געבליבן מיט דאָווידקען אַליין, רופֿט ער זיך צו אים אָן:

— אַנו, מאַעסטראָ, ווײַז נאָר אָקאָרשט, וואָס דו קענסט. האָב ניט מוי־רע. דער דיריזשאָר דײַנער איז איצט פֿאַרנומען מיט דער קאַץ.

דאָווידקע באַווײַזט זיך ניט צורירן צו די קלאַווישן פֿון אַקאָרדעאָן, ווי עס קומט אָן איטע. אין איין האַנט האַלט זי א געקוילעטע הון, אין דער אַנדערער — א זאַלץ־ברעטל.

— נאָך איין רעגע פֿאַרשפּאָר איך שוין פּראָווען שאַבעס, — זי זעצט זיך אפֿן גאַנעק פּאַנאַנדערמאַכן די הון. — איר באַטראַכט, זע איך, דאָס מעבל. אויב איר זײַט אַף דעם א קוינע, וועלן מיר זיך מיט אײַך איבע־ריקס ניט דינגען.

— איר קלײַבט זיך פֿונדאַנען אַרויספֿאָרן?

— אַרויספֿאָרן? מיר זײַנען אַף אונדזער לעבן באַרעכהאַשעם זיך געגנוג שוין אָנגעפֿאָרן און אָנגעוואָגלט. דאָס האָט אונדז דער מאָסקווער זון, וואָס אַרבעט אפֿן „זיל״, אַרײַנגעשיקט א נײַעם גאַרניטור מעבל. האָבן מיר דאָס אַלטע אַרויסגעשטעלט צום פֿאַרקויפֿן.

— זיצט איר און וואַרט אַף א קוינע? דאַכט זיך, פֿיל גלײַכער נעמען און אָפּפֿירן דאָס מעבל אפֿן מאַרק.

— אוי, זאָלט איר מיר געזונט זײַן! איר מיינט, ס'איז אײַך דאָ מאָסק־ווע. באַ אונדז, אַז עמעצער דאַרף פֿאַרקויפֿן עפּעס א גראָמאָזדקע זאַך, איז שטעלט ער עס אַרויס פֿאַר דער שטוב. מיר זאָלן אַזוי גיך פֿאָטער ווערן פֿון אַלע בייזע און פֿינצטערע אָנשיקענישן, ווי גיך עס וועט זיך אָפּזוכן א קוינע. באָרעך! באָרעך! — שרײַט זי ווידער אַרײַן אין הויף. — א מענטש זאָל זיך אַזוי אַרײַנלאָזן אין דעם קאָרטשעווען. איז וועט איר מיר טאָן די געפֿעליקײַט און מיטנעמען פֿאַר מײַן זון א סלאָזיקל אײַנגעמאַכטס, האַלע־ווײַ זאָל מען עס ניט דאַרפֿן, האַ? באָרעך!!

ענדלעך קומט אָן באָרעך, האַלטנדיק א גראָבײַזן אין האַנט. דערזען פֿאַר זיך אַן אומבאַקאַנטן מענטשן, שטעקט ער אים אָפּ א שאָלעם־אַלייכעם און קוקט דערבײַ פֿאַרכידעשט אפֿן ווײַב:

— האָסט מיך גערופֿן, איטע?

— געפֿונען דעם מענטשן, וועמען מע קאָן זיך דערופֿן. נאָר ער וואָ־זיעט זיך. דערזעט ער ערגעץ א פֿרײַ סאָטקעלע ערד, אַזוי פֿאַרזייט ער עס באַלד. ס'איז דיר קאַרג דער אייגענער גאָרטן מיטן סעדל, וואָס דו זוכסט זיך אויס נײַע גיטער, האַ?

באַ באָרעכן איז א שטילע ווייכע שטים, אַפֿילע ווען ער בייזערט זיך:

— אײַ, גיי מיר שוין גיי. כ'האָב פֿײַנט, אַז מע רעדט נאַרישקײַטן. איך טו עס, וואָס, פֿון פּאַרנאָסע וועגן? פֿאַר דער מילכאָמע, — ווענדט ער זיך צום אומבאַקאַנטן, — איז באַ אונדז געווען, ווי אין אַלע ייִדישע שטעטלעך, א שטוב אַף א שטוב. זײַנען געקומען די היטלעראָווצעס, ניט געדאַכט זאָלן

זיי ווערן, און צעוואָלגערט די בעסטע הײַזער. גאָלד האָבן זיי דאָרט געזוכט.

— זוכן זאָל זיי דער מאַלכאַמאָוועס.

— וואָס זאָל איך אָבער טאָן, אז איך קאָן פאָרט ניט צוזען דעם צאַר פון דער ערד. די ערד, ווי איר ווייסט, איז ניט קיין אַקאָרע. פאַרזייט מען זי ניט, איז וואַקסט פון זיך אַליין. ס׳איז נאָר א שײַלע וואָס. איך זאָל ניט געוועזן פאַרפלאַנצן דאָ אַרום נאָך א פּאָר סעדלעך און גערטנדלעך, וואָלט אויסגעוואַקסן א וואַלד קראָפּעווע מיט בודיקעס, אז מע וואָלט די הײַזער ניט אַרויסגעזען. נאָר האַלעוויַ קומט הײַנט אַראָפּ אַהער א בולדאָזער און נעמט בא מיר אָפּ אַלע מײַנע גיטער.

מישט זיך אַרײַן איטע:

— איך האָב אָבער מוירע, אז ביזוואַנען דער בולדאָזער וועט זיך דערקלײַבן צו דײַנע גיטער, וועלן די גיטער אַרויסצי׳ען פון דיר דאָס כּ׳עס. פאַרגעסט, אַפּאָנעם, אז ביסט שוין אַרויס פון קאָן, אז ביסט ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר א פּענסיאָנער. האָסט זיך אַזוי אַרײַנגעטאָן אין די גיטער, אז פאַרגעסט אַפילע ניט, פונוואַנען דער מענטש איז. זיי זײַנען דאָך פון מאָסקעווע.

— איז נאָכאַמאָל שאָלעם־אַלייכעם. מיר זײַנען מיט אײַער מאָסקווע גאַנץ נאָענטע קרויווים.

— איך האָב זיי שוין דערציילט.

— איז קומט, זײַט מויכל, אין שטוב. וועלכע, אייגנטלעך, פאַרלאַנגט איר? דרײַ אָף פיר, פיר אָף זעקס, צי עפּשער גאָר...

שלאָגט אים דאָס ווײַב איבער:

— וואָס דרייסטו א מענטשן דעם קאָפּ מיט פאָטאָגראַפירן זיך? זיי פרעגן זיך גאָר נאָך אָף הילעל דעם שנײַדער.

קוקט אים בערעך אָן א ביסל צעטומלט:

— צו וואָס אָן ערעך דאַרפט איר עס צו רעב הילעלן? עפּשער אים אָנזאָגן די פּײַנע בסורע? איז ער ניטאָ איצט אין דער היים. אוועקגעפאָרן.

— וואָס פאַר א בסורע?

— איר האָט גאָרניט געהערט?

קנייטשט דער אומבאַקאַנטער מיט די אַקסלען און קוקט אָף זיי פאַר־כידעשט:

— פונוואַנען, אז איך בין נאָרוואָס געקומען צו פאָרן? ס׳האָט מיט אים, כאָלילע, עפּעס געטראָפן?

בערעך שווײַגט א רעגע, גלעט פאַנאַנדער די געדיכטע שטעכיקע באָרד, ווי ער זאָל זיך האַלטן מיט איר אָן אייצע — זאָגן צי ניט זאָגן, און רופט זיך אָן:

— מיר ווייסן נאָך, אייגנטלעך, אַליין ניט. כ׳ווע, וואָס אונדזער יוינען קאָן זיך אַמאָל אויסווײַזן.

— אָבער פאָרט, וואָס איז געשען? — שטייט צו דער אומבאַקאַנטער.

— אויב, כאָלילע, דאָס איז עמעס... — שטעלט זיך אַרײַן איטע.

שלאָגט זי אָבער בערעך באַלד איבער:

— נו, ווי קלערסטו, ער זאָל געווען לעבן, דער רעצייעך, וואָלט ער די אַלע צוואַנציק יאָר ניט געלאָזט הערן וועגן זיך? ער האָט דאָך דאָ אַ לײַבלעכע שוועסטער. און כאָטש אַלעמען, וואָלט ער ניט מוירע געהאַט קומען אַהער? ער איז שוין מיסטאָמע לאַנג אויף דער וועלט ניטאָ.

— אָבער כעוועד זאָגט דאָך, אַז יוינע האָט אים הײַנט אַליין געזען.

— אַ בלינדער האָט געזען, ווי אַ קרומער איז געלאָפן,— און אַ מאַך טוענדיק אויף איטען מיט דער האַנט, רופט ער זיך אָן צום גאַסט:— איז וואָס, אייגנטלעך, דאַרפֿט איר צו רעב הילעלן? איר ווילט זיך בײַ אים עפּעס אָפּנייען?

נאָר איידער דער גאַסט ברענגט אַרויס אַ וואָרט, פֿאַרלויפֿט אים איטע דעם וועג:

— וואָס דיר קאָן אײַנפֿאַלן! אַ מענטש, הערסטו דאָך, פֿאָרט פֿון מאָס־קווע, פֿרעגסטו אים, צי איז ער ניט געקומען דאָ בײַ אונדז זיך עפּעס נייען. אין מאָסקווע בײַ זיי זײַנען שוין ניטאָ קיין שנײַדער?

דאַווידקע, וואָס הערט זיך צו די גאַנצע צײַט צום געשפּרעך, נעמט שטילערהייט שפּילן אויפֿן אַקאָרדעאָן שטיקלעך ניגונים, אַ געמיש פֿון קאָ־לערליי לידער. קיינער, אויסער דעם גאַסט, באַמערקט עס, דאַכט זיך, ניט. אַפֿילו איטע, וועלכע איז שטענדיק אויף דער וואַך.

— הערט, פֿאַראַן זעלבן געלט קען מען זיך דאָך צוזעצן,— רופֿט זיך אָן באַרעך, אַרויסטראָגנדיק פֿון שטוב אַ בענקל,— הילעל וועט נאָך, מיין איך, אַזוי גיך ניט קומען. דער לעטיטשעווער אויטאָבוס דאַרף זײַן ערשט אַרום פֿינף אָוונט, און ס׳קען גרײַלעך טרעפֿן, ער זאָל פֿאַרשפּעטיקן אויף אַ פּאָר שאָ אויך.

צוגעזעצט זיך, רופֿט דער גאַסט זיך אָן צו באָרעכן:

— זאָגט איר, אַז ער אַרבעט נאָך, רעב הילעל. ער איז דאָך אָבער, ווי איך האָב געהערט, שוין אַריבער די אַכציק.

— נו, איז וואָס? אָט איז דאָ בײַ אונדז פֿאַראַן איינער אַ יאָסל דער באָנדער. איטע, וויפֿל איז ער עס אַלט?

— ווער? יאָסל דער באָנדער? אַ סוואָרע, אַז בײַ די אַלע נײַנציק, קיין אײַנהאָרע.

— און פֿונדעסטוועגן, ווי איר זעט מיך, גייט ניט דורך דער זונטיק, יאָסל זאָל ניט אַרויסטראָגן אויפֿן מאַרק אַ דרייזשקעלע צום פֿאַרקויפֿן. פֿון דער פּענסיע אַליין איז נאָך דערווײַל שווערלעך זיך דורכלעבן. איז אַר־בעטן בײַ אונדז קימאַט אַלע פּענסיאָנערן ביסלעכווײַז צו אין דער היים.

— און וואָס, אשטייגער, זאָגט דערויף אײַער פֿין?

— אונדזער פֿין, פֿרעגט איר? ס׳איז איצט, דאַנקען גאָט, אַן אַנדער צײַט. מע דאַרף שוין ניט פֿאַרהענגען די פֿענצטער און פֿאַריגלען זיך פֿון אינעווייניק אויף צען פֿאַרוקערס. דער פֿינינספּעקטאָר קוקט איצט אויף דעם ניט ווי אַמאָל, פֿאַר דער מילכאָמע. און טאַקע, וואָס פֿאַר אַ העזיק, זאָגט מיר, האָט די מעלוכע דערפֿון, וואָס איך פֿאָטאָגראַפֿיר דאָרטן אָפּ דורכן טאָג אַ צוויי־דרײַ פּאַרשוין, צי כ׳וויס, רעב הילעל, לאָמיר זאָגן, נייט דאָרטן עמעצן אויף אַן אָנצוג? די מעלוכע וויל דען ניט, מיר זאָלן לעבן בעסער? קיין פֿאַבריקן מיט קיין זאַוואָדן, ווו אַ פּענסיאָנער, אַזאַ ווי איך,

צי ווי א רעב הילעל, זאָל קאָנען אָפּארבעטן א פּאָר כאַדאָשים, וואָס עס קומט אונדז ארויס לויטן דין, איז נאָך דערוווּילע ניט אין אלע שטעטלעך דאָ, און לעבן, מײַן פריינט, דארף מען.

— און סע קלעקט פאר אלעמען ארבעט?

שמייכלט באָרעך צו זיך אין דער געדיכטער באָרד:

— איר ט'מיר אנטשולדיקן, רעב ייִד. איר ווינט טאקע אין דער סטאָליצע, נאָר דאָס לעבן, ווי איך זע, קענט איר עפּעס גאָר ניט. איר ווייסט, ווי סע לעבט זיך הײַנטיקע צײַטן דעם קאָלווירטניק?

דאָ מישט זיך שוין ארײַן איטע, וועלכע אייסעקט זיך אלץ נאָך מיט דער הון:

— דאָס דאַרף האָט נאָך קיינמאָל אזוי גוט ניט געלעבט.

— און דאָס, זאָלט איר וויסן זײַן, איז שוין א קלאָל,— גיט אים באָרעך עס צו דערקלערן,— לעבט אוף דאָס דאָרף, לעבט אוף דאָס שטעטל. ווער, מיינט איר, קויפט דער ערשטער אויס דאָ בא אונדז אין די קלייטן דאָס בעסטע און דאָס שענסטע? און טאָמער זײַנען, כאַלילע, די הויזן שמעלער מיט א סאנטימעטער, ווי די מאָדע איז איצטערט, צי דאָס רעקל ליגט ניט אזוי אויסגעגאָסן, וועט מען עס אײַך, מיינט איר, נעמען אזוי און אָנטאָן? גאָט באהיט. און צו וועמען קומט מען מיט אזא שטיקל ארבעט? די אטעליע איז בא אונדז אזוי פארלאָדן, אז ווייניקער ווי פאר א כוידעש וועט זי עס אײַך ניט מאכן, און רעב הילעל צי אן אנדער שנײַדער א פּענסיאָנער מאכט עס אײַך פאר א טאָג. דאָס זעלבע אויך איך. דער, וואָס דארף א סראָטשנע פאָטאָגראפיע, דער קומט צו מיר. איך האָב ביז דער פּענסיע אויך געארבעט אין אטעליע, קען מען מיך. מע טרעפט, דאנקען גאָט, אהער דעם וועג, כאָטש סע הענגט ניט בא מיר, ווי איר זעט, קיין שילדל מיט קיין וויטרינע.

— באָרעך,— רופט זיך אָן איטע,— פאָטאָגראפיר זיי אף ציקאווועסט אָפּ, און זאָל מאָסקעווע זאָגן מעווינעס. אף א קאָלירטער פאָטאָגראפיע שטעמפּל זיי אָפּ.

— מעכעטייסע. קומט, ביטע.

— מירן עס, מײַן איך, אָפּלייגן אף אן אנדערשמאָל. איך פאָר נאָך מאָרגן ניט אוועק.

— און אז הײַנט, וואָס ארט אײַך? קיין געלט בא אײַך בעט איך דאָך ניט דערפאר,— און באָרעך לאָזט זיך אין שטוב נאָכן פאָטאָ־אפּאראט.

דער גאסט, וואָס האָט די גאנצע צײַט נאָכגעשפּירט נאָך דאָווידקען, לייגט אוועק די האנט אים אפן אקסל און פרעגט:

— נו, און ייִדישע לידער, ייִנגעלע, קענסטו שפּילן?

כאַפּט זיך גלײַך ארויס איטע:

— א שײַלע, צי ער קען. מע זאָל אים נאָר לאָזן נא סלוך, וואָלט ער אײַך מעכאבעד געווען מיט אזעלכע אנטיקלעך, וואָס מע הערט עס שוין גאָר הײַנטיקע צײַטן ניט.

— און „מײַן מאמעס פריילעכס” קענסטו שפּילן?

נאָר דאָ קומט ארויס פון שטוב באָרעך מיט זײַן גרויסן אלטמאָדישן פאָטאָ־אפּאראט אף דרײַ פיסלעך און טוט א זאָג:

— דער ארום איז דאָ ניט גאָר אינגאנצן צוגעפּאסט. פון איין זײַט די פּאַן אײַנגעמאכטס מיטן ארויסגעשטעלטן מעבל, פון דער אנדערער זײַט די געמאכטע הון...

— איז פאָטאָגראפיר זיי, זיידע, אָפּ אין סעדל אונטערן בארנבוים.

— אויך א געדאנק. ווי זאָגט זיך עפּעס דאָרטן בא אונדז אין די ספאָרים: ניטאָ קיין שענערס פון א בוים.

לאָזט זיך איטע אויך גיין מיט זיי, נאָר זאָגט דערבײַ אָן דעם אייניקל:

— זע, דאָווידקע, די קאַץ זאָל זיך דערווײַל ניט מאכן פליישיק.

— איך וועל זי גאָר פארשפארן אין שטוב.

עס גייט ניט דורך קיין מינוט, ווי איטע מיט באָרעכן מיטן גאסט זײַנען פארשוווּנדן אין הויף און דאָווידקע מיט דער קאַץ אין שטוב, ווי אראָפּגעסל דערהערט זיך א טומל. א ווײַבל אין א געקווייטלט טיכל, וואָס האָט זיך איר אראָפּגעגליטשט ביז די אויגן, האלט צו פארן רעקל איר קליינווּוקסיקן מאן און לאָזט אים ניט מאכן קיין טראָט.

— יוינע, גיי ניט. איך וועל שרײַען גוואלד.

— ציפּע...

ציפּע לאָזט אים אָבער קיין ווארט ניט ארויסברענגען, זיך אָנגעהאנגען אף אים און הערט ניט אוף מיט אים אײַנטײַנען:

— איך וועל, זאָג איך דיר, שרײַען גוואלד. האָב כאָטש ראכמאָנעס אף מיר. כ׳בעט דיך. הייב זיך מיט אים ניט אָן. ס׳איז דאָך א גאזלען.

— איך האָב אים אין דר׳ערד. פאר א געבונדענעם וואָלף איז ניטאָ וואָס צו מוירע האָבן.

— פאָלג מיך, יוינע, גיי ניט. וואָסי, כוץ דיר איז שוין ניטאָ ווער עס זאָל גיין?

ווערט יוינע שוין בייז:

— דו זאָלסט אזעלכעס זאָגן?! גיי אהיים. איך קום באלד צוריק. קאָלזמאן רעב הילעל האָט זיך נאָך ניט אומגעקערט פון לעטיטשעוו, דארף מען זען, אז דער רעצייעך זאָל זיך פונדאנען פארנעמען צו אלדי שווארצע יאָר.

— אָט באלד טאקע פאָלגט ער דיך.

— מירן זען.

— דו וועסט בא מיר אליין ניט גיין. איך וועל רופן מענטשן.

— מאך ניט קיין טומל, בעט איך דיך, גיי אהיים. עס וועט מיט מיר גאָרניט געשען. כ׳האָב דאָך דיר געזאָגט: פאר א געבונדענעם וואָלף איז ניטאָ וואָס מוירע צו האָבן.

ארויסגעריסן זיך פון דעם ווײַבס הענט, איז יוינע האסטיק אוועק מיט די גערטענער, וואָס פירן צום טײַך.

— ווינד איז מיר, — האָט ציפּע, בלײַבנדיק אליין, זיך געגעבן א כאַפּ אוף, ווי פון שלאָף, — ער קען אים, כאָלילע, דאָרט מיימעסן. יוינע! יוינע! — האָט זי, לאָזנדיק זיך לויפן, אים נאָכגעשריִען, — ווארט צו! איך גיי אויך מיט דיר. דו הערסט? יוינע!...

צוגעמאכט פעסט הינטער זיך די טיר פון שטוב, די קאַץ זאָל ניט ארויס, האָט דאָווידקע ווידער אָנגעטאָן אפן אקסל דעם אקאָרדעאָן און זיך געזעצט שפּילן. געשפּילט האָט ער פון אָנפאנג די עטיודן, וואָס דער לע־

רער האָט אים פאַרגעבן. דערהערט אָבער דאָס מיאוקען פון דער פאַר־שפּאַרטער קאַץ, האָט ער גענומען אויסשפּילן, צווינגענדיק דערבײַ: „אַט דער ברונעם אַט דער, או־און די קאַץ...״

דער גאַסט, וואָס האָט זיך צוריקגעקערט פונעם סעדל מיט איטען און באַרעכן, האָט זיך נאָך אַלץ פאַר זיי פאַרענטפערט:

— איך האָב וואָס, געמאַכט דערפון א סאָד? איר האָט מיך וואָס, גע־פרעגט ווער איך בין, וואָס איך בין, און איך האָב אײַך וואָס, ניט געענט־פערט?

— כאַלילע, רעב מאַנוס, ווער זאָגט דען? זײַנט איר גאָר א קלעזמער, לאָזט זיך אויס.

— טויזנטער אַנטשולדיקונגען, מײַן ליבע פרוי, — פאַרנייגט זיך מאַ־נוס, — ניט קיין קלעזמער, נאָר אַן אָרקעסטראַנט פון אָפּערע־טעאַטער.

— איר ווילט אַזוי, זאָל זײַן אַזוי.

— איטע, לאָז אויסריידן א וואָרט. ווי קומט אָבער, פאַרשטיי איך ניט, די קאַץ איבערן וואַסער, — זעצט באַרעך פאָר זיך פאַנאַנדערפרעגן באַם גאַסט, — געשיקט האָט אײַך אַהער, זאָגט איר, קאַלעס־צאַד, און קאַלעס־צאַד איז דאָך אין לענינגראַד, בעשאַס איר אַליין זײַט גאָר א מאָסקווער.

— שעמען זאַיִס. אַן אָרקעסטראַנט פון סטאַניסלאַווסקיס און דאַנטשענ־קאָס טעאַטער קען מען אויך אין לענינגראַד.

ווי באַרעך וואָלט בלויז איצט ערשט דערזען די אָרדענס און מעדאַלן בא מאַנוסן אָפן רעקל, טוט ער צו אים א זאָג מיט א באַזונדער דערעכע־רעץ:

— איר זײַט, קיין אײַנהאָרע ניט, זע איך, א ייִד א נאָגיד, ווי אונד־זער יוינע.

— ניט צו פאַרזינדיקן. דעם טרודאָוואָי האָב איך פאַרדינט אין טעאַ־טער, נאָר די „שטערנדלעך״ מיט די מעדאַלן האָב איך געבראַכט פון פראָנט. כ׳האָב דאָרטן אויך געשפּילט, נאָר ניט אָף קיין פידל און ניט אָף קיין קלאַרנעט. אָף א הארמאַט האָב איך דאָרטן געשפּילט, ווי סע שרײַבט זיך אין איינעם א ייִדישן ביכל.

דערהערט פונעם גאַסט די דאָזיקע ווערטער, האָט דאָווידקע גענומען הויך אָף א קאָל דעקלאַמירן: „שפּילסט אָף א פויק? ניין, גענעראַל! נו, אָף א פלייט? ניין, גענעראַל! אָף וואָס זשע שפּילסטו, ענטפער סאָלדאַט! אָף א הארמאַט!״[1]

— עהע! ער יאָכלט דאָך בא אײַך אָף ייִדיש, דער באָכער.

— פאַרוואָס זאָל ער ניט יאָכלען? וואָס איז ער, קיין ייִד ניט? איז שפּילט איר, הייסט עס, אין טעאַטער?

— געשפּילט. דרײַסיק יאָר אָפּגעשפּילט אין טעאַטער. איצט שפּיל איך נאָך דאָרטן אויך, אָבער בלויז צוויי כאַדאָשים אין יאָר. וואָס וווּנדערט אײַך אַזוי? מע זעט דען ניט אַרויס, אַז איך בין א פּענסיאָנער? נו, און די איבעריקע צען כאַדאָשים טו איך קימאַט דאָס זעלבע, וואָס איר. אַרבעט אויך צוביסלעכווײַז אונטער, נאָר אָפן, אָן קיינע שום באַהעלטערלעך.

---

[1] סטראָפעס פון מוישע טייפס א ליד.

כ׳האָב מיר, אזוי צו זאָגן, מײַן אייגענע קאפעלע, און מיר שפּילן אף כאַ־סענעס, אף סימכעס, אף וואָס עס מאכט זיך. איך אליין שפּיל אף פיר אינסטרומענטן, — מאנוס עפנט דאָס רענצל און לייגט פון דאָרטן ארויס א פלייט, א סאקסאָפאָן, א קלארנעט. — דעם פערטן אינסטרומענט, דעם פידל, האָב איך געלאָזט אין דער היים. בעקיצער, ווי׳אזוי איז דאָס דער־גאנגען, וועט איר פרעגן, צו מאטוויי ארנאָלדאָוויטשן, צו דער קאלעס פאָטער, וואָס ער האָט מיך ארויסגערופן מיט מײַן קאפעלע פון מאָסקווע אזש צו זיך קיין לענינגראד, מיר זאָלן שפּילן בא זײַן באסיעכידקע אף דער כאַסענע?

איטע קוקט אף מאנוסן, ווי זי זאָל ניט געוועזן דערהערן:

— בא וועמען, זאָגט איר, אף דער כאַסענע?

מאנוס, גלײַך ער וואָלט ניט באמערקט, ווי באָרעך מיט איטען קוקן זיך פארוווּנדערט איבער, זעצט פאָר דערציילן:

— אָפּגעשפּילט די כאַסענע, רופט ער זיך צו מיר אָן, מאטוויי ארנאָל־דאָוויטש: „כאפּט זיך אראָפּ אף א פּאָר טעג פריִער צו מײַן מעכוטן קיין מעדזשיבעזש און קנעלט דאָרט דערווײַל אײַן מיט זייערע קלעזמאָרים טשעלעכע הײַנטצײַטיקע שטיקלעך“. מיר אָנגעגעבן א גאנצע פּראָגראם וואָס צו שפּילן אף דער שושן־כאַסענע. בין איך...

שלאָגט אים איטע ווידער איבער:

— אָסער, אויב איך הייב אָן צו פארשטיין, וואָס איר זאָגט. ס׳איז שוין דען געוועזן בא זיי די כאַסענע? און וואָס איז עס פאר א שושן־כאַסענע?

— נו, דאָס רעדט זיך אזוי. בעקיצער, בין איך געקומען.

— הערט, — רופט זיך צו אים אָן באָרעך, — עפשער וואָלט איר גאָר פארבליבן בא אונדז. מע וואָלט אײַך דאָ אויסגעכאפּט ווי א גאָלדן פינ־גערל.

צעלאכט זיך איטע:

— אָט באלד, באָרעך, וואַרפט ער דיר אוועק מאָסקעווע מיט לענינגראד און באזעצט זיך דאָ בא דיר אין דעם באלשעמס געסל, אָדער גאָר בא הערשעלע אָסטראָפּאָליער אף דער באָלאָטינקע. זאָגט מיר בעסער, — ווענדט זי זיך צום גאסט, — עפּעס א פײַנער מענטש דער מעכוטן?

— מאטוויי ארנאָלדאָוויטש? זעט אויס צו זײַן א גאנץ לײַטישער מענטש. פארנעמט, זאָגט מען, אין דעם לענינגראדער „טאָרגאָווי דוואָר“ עפּעס גאָר א הויכע שטעלע.

פארקרימט זיך באָרעך:

— ניט אזא שטארק וואזשנער ייִכעס. כ׳ווייס ניט, ווי בא אײַך דאָרט, נאָר אונדזערע דאָ האָבן פײַנט דעם מיסכער טאקע טאכלעס־סינע. רעב הילעל זאָל באצײַטנס געוועזן וויסן, ווער און וואָס, וואָלט ער, האָב איך מוירע, זיך מיט אים גאָר ניט מעשאדעך געוועזן. אוי, וויפל אָט דער רעב הילעל איז זיך עס נעבעך אויסגעשטאנען! דער איינציקער אלפּי־נעס גע־ראטעוועטער ייִד פון אזא שטעטל, ווי אונדזער מעדזשיבעזש איז געוועזן...

און אז באָרעך ווערט אנשוויגן, רופט זיך אָן איטע:

— זעט אָבער, ווי שטארק דער מענטש איז. רעב הילעל איז פאר דער מילכאָמע געוועזן שוין א זיידע. איז אָנגעפלויגן דער דײַטש און אויסגע־

הארגעט בא אים די גאנצע מישפּאָכע. אלע, וואָס האָבן ניט באוויזן זיך עוואקויִרן, ליגן ראכמאָנע־ליצלאָן אין גרוב. ווי שטארק סע דארף עס זײַן דער מענטש, אז מע זאָל צו עטלעכע און זעכציק יאָר, און נאָך אזא בראָך, ווידעראמאָל גײן צו דער כופּע, עפּשער וועט מען זויכע זײַן ווערן צוריק א טאטע, ווערן צוריק א זיידע. און רעב הילעל, ווי איר זעט, איז זויכע געווען דערצו.

— רעב הילעל איז באַרעכהאשעם בא גאָט קיין בעניאָכיד ניט. אָט בין איך אנומלטן געווען אין עטלעכע נאָענטע שטעטלעך, האָב איך געזען: עלטערערע מענטשן פון רעב הילעלן האָבן געצײַלט פונסנײַ פארפירן א לעבן, מע זאָל באווײַזן איבערלאָזן נאָך זיך א יוירעש. ס׳איז, אפּאָנעם, אומעטום אזוי. עס גייט דאָך וועגן א קיִעם.

— באַרעך, גיב נאָר א קוק, — איז איטע ארײַנגעפאלן דעם מאן אין די רייד, — כ׳וואָלט שווערן, אז ס׳איז ציפּע.

באם שטיבל מיטן אָנגעמאָלטן סיפּאָן אף דער האלב־גלעזערנער טיר, וואָס מאכט זיך ניט צו, — מע האלט אין איין גײן אהין אָנפילן מיט זעלצערוואסער די סיפּאָנען, כאָטש דער טאָג איז הײַנט ניט אזא הייסער, — איז געשטאנען ציפּע און געטײַנעט צו זיך:

— ווי איך האָב זיך עס בא אים געבעטן: יוינע, גיי ניט, יוינע, גיי ניט!

— וואָס האָט דאָרט בא אײַך אזעלכעס פּאסירט, ציפּע? — האָט באַרעך, צוגייענדיק צו איר, געפרעגט.

פון אומדערוואַרטקײַט האָט ציפּע אופגעציטערט.

— וואָס זײַט איר אזוי צעטראָגן?

— האָ? גאָרניט, — דערזען אן אומבאקאנטן מענטשן לעבן באַרעכס שטוב, האָט ציפּע שטיל געפרעגט. — ווער איז אָט אָ־דער?

— דאָס איז מאנוס. א קלעזמער. געקומען אף דער כאסענע.

— יאָ, מער ווי קלעזמאָרים גייט אונדז איצט ניט אָפּ. אוי, האָט זיך דאָ בא אונדז פארקאָכט א כאסענע! מײַן יוינע, ווינד איז מיר, איז דאָך איצטערט בא אים.

— בא וועמען?

— בא דעם מערדער, די ערד זאָל אים נעמען.

— וואָס? טאקע אן עמעס, אז ער איז געקומען? אויב אזוי, גיי איך אויך באלד צו אים.

גיט אים ציפּע א כאפּ אָן בא דער האנט:

— פליט ניט. איר קענט דערמיט מאכן ערגער. מײַן יוינע וויל בא אים פּועלן מיט גוטן, בא דעם רעצייעך, אז ער זאָל זיך פארנעמען פונדאנען נאָך פאר דעם, ווי רעב הילעל וועט זיך צוריקקערן פון לעטיטשעוו. טאָמער, כאָלילע־וועכאָס, טרעפט ער אים דאָ אָן, דעם גאזלען, וועט הילעל, האָט מוירע מײַן יוינע, עס גאָר ניט אויסהאלטן.

— ווער איז נאָך געגאנגען מיט אײַער יוינען?

— קיינער ניט.

— איך נעם מיט זיך דעם אלכימיקער, און מיר גייען טייקעף אויך אהין.

— גאָט באַהיט. יוינע האָט מיר פֿאַרשוואָרן, איך זאָל קיינעם ניט שיקן. מע קאָן מיט דעם, זאָגט ער, נאָר קאַליע מאַכן. אוי, רעב באַרעך, די שאַ זאָל ניט זײַן...

— גייט שוין גייט. אײַער יוינע איז, דאַכט מיר, געווען אַ סאָלדאַט, און אַ סאָלדאַט, ציפּע טײַערע, דאַרף מען ניט לערנען ווי און וואָס. און כוץ אַלעמען, ווי שטייט דאָרט בײַ אונדז ערגעץ געשריבן אין די ספֿרים: פּאַר אַ כײַע, וואָס זיצט שוין אין שטײַג...

— וואָס איז דאָרט בײַ איר אַזעלכעס געשען? — האָט איטע געפֿרעגט בײַם מאַן, נאָכדעם ווי ציפּע איז אַוועק מיטן אַראָפּ־געסל.

— אײַסעך.

— פֿונדעסטוועגן?

— איך זאָג דאָך דיר, אַז גאָרניט.

באַרעך האָט גענומען דעם גראַבײַזן און געוואָלט שוין גיין, האָט איטע אים אָפּגעשטעלט:

— האָסט בײַ זיך אַ פּיטאַקל?

— וואָסי?

— איז זײַ אַזוי גוט און גיי שאַרף מיר אָן דאָס מעסער. כ'האָב שוין קיין קויעך צו דעם. טעמפּ ווי האָלץ.

— באָבע, אָנשאַרפֿן דאָס מעסער קאָסט אַ גריוונע.

— וואָס זאָגט איר עפּעס אויף מײַן קאָנטראָל? דער שלײַפֿשטיין, דאָווידקע, איז מיר אַנומלטן געבליבן שולדיק אַ פּיטאַק. און פֿאַריינוועגס, באַרעך, לאָד מיר שוין אָן בײַם אַלכימיקער דעם סיפֿאָן.

פֿון פֿאַרוווּנדערונג איז מאַנוס אַזש אונטערגעשפּרונגען:

— בײַ וועמען?

— אַ מענטש מאַכט פֿון וואַסער, קאָן מען זאָגן, גאָלד, האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן דער אַלכימיקער. נאָר דער עמעסער נאָמען זײַנער איז קיווע.

פֿאַרכאַפּנדיק מיט זיך דאָס מעסער מיטן גלעזערנעם סיפֿאָן, האָט באַרעך זיך געלאָזט גיין צו די צוויי רויטגעפֿאַרבטע שטיבלעך מיט די הויכע צאָקאָלס.

— זעט, פֿאַרגעסט ניט זיך באַזאָרגן מיט קאָסטעטעס, — האָט אים נאָכגעשריִען מאַנוס, — וואָרעם לעניִנגראַדער אוילעם האָט ליב זיך פֿאָטאָגראַפֿירן, — און צו דאָווידקען: — איז בײַ וואָס האָבן מיר זיך מיט דיר אָפּגעשטעלט, מאַעסטראָ?

— בײַ דער „מאַמעס פֿריילעכס".

מאַנוס האָט שווער אָפּגעזיפֿצט:

— יאָ. בײַ „מײַן מאַמעס פֿריילעכס". מער ווי אָט דער „פֿריילעכס" איז מיר פֿון איר גאָרנישט ניט פֿאַרבליבן. אַפֿילע די גרוב, וווּ די ראָצכים האָבן זי צעשאָסן, איז שוין ניטאָ. פֿאַרבליבן איז מיר פֿון איר נאָר דער ניגון, וועלכן איך האָב קינדווײַז געהערט זי זינגען. „מײַן מאַמעס פֿריילעכס" האָב איך אים אַ נאָמען געגעבן, דעם ניגון, און שפּיל אים איצט אויס אויף אַלע כאַסענעס, אויף אַלע סימכעס. דאָס איז איר יִיזקער־נעשאָמעס.

איצט שפּילן אים שוין, דאַכט מיר, אַלע קאַפּעלעס. איז ווי קומט עס, וואָס דער ניגן איז צו אײַך ניט דערגאַנגען? ווילסט הערן?

מאַנוס האָט אַרויסגענומען פון רענצל דעם קלאַרנעט און אָנגעהויבן שפּילן, שטײַף צומאַכנדיק דערבײַ די אויגן, ווי ער זאָל אין דער זעלבער רעגע זיך איבערטראָגן פונדאַנען ערגעץ שטאַרק־שטאַרק ווײַט. און אַז ער ענדיקט שפּילן, רופט ער זיך אָן צו דאָווידקען:

— אַצינד, יינגעלע, טו אַ פּרוּוו אױף דײַן אַקאָרדעאָן. דאָס באָכערל, מאַדאַם, — ווענדט ער זיך צו איטען, — האָט אַ געהער. פון אים קאָן אויס־וואַקסן אַ קיילע. נו, און מיר איז שוין צײַט גיין. דער טאָג שטייט ניט.

— וואָס איז אַזוי די אײַלעניש? רעב הילעל וועט נאָך אַזוי גיך ניט קומען. און דאָס ווײַבל זײַנס איז אויך געפאָרן מיט אים.

— איז וועל איך זיך דערווײַל דורכגיין אַ קוק טאָן אײַער שטעטל.

— פאַראַן דאָ בײַ אונדז וואָס אַ קוק טאָן. מע קומט נאָך ביז איצט אַהער צו פאָרן פון דער וועלט. הערט, ווייסט איר גאָר וואָס? איר זעט אָט דאָס ווײַבל, וואָס מאַכט דעם ראַסטוואָר? דאָס איז אונדזער גיד. אַזוי טאַקע רופט מען זי דאָ. כעווע דער גיד. קומט עמעץ צו פאָרן, איז פירט זי אים ווײַזן דאָס שטעטל. בײַ איר קענט איר זיך דערוויסן אַלע היסטאָריעס וועגן דעם באַלשעם, וועגן דעם ווילנער גאָען, וועגן נאַפּאָלעאָנען, וועגן הערשעלע אָסטראָפּאָליער און וועגן אַלץ מיטאַנאַנדער. איר טוט זי נאָר אַ בעט, — איטע נעמט זיך אָן מיט קויעך און שרײַט אויס, אַז אַ טויבער וועט דערהערן: — כע־וועד!

עס איז אָבער דורך אַ היפּש שטיקל צײַט, ביז יויכעוועד, דאָס קליידל ווי פּריער פאַרוקט העכער די קני, די באָרוועסע פיס אײַנגעריכט אין ליים, האָט זיך אָפּגערופן.

— טויזנטער אַנטשולדיקונגען, מײַן ליבע פרוי, — איז מאַנוס אַרויס איר אַנטקעגן, — דאָס זײַט איר יויכעוועד דער...

— יאָ, דאָס בין איך כעוועד דער גיד. וואָסי דען?

— איך האָב אײַך געוואָלט בעטן, איר זאָלט מיר ווײַזן אײַער שטעטל.

— וואָס איז דאָ, מישטיינסגעזאָגט, פאַראַן איצט וואָס צו ווײַזן. אַ שטעטל ווי אַלע איצטיקע שטעטלעך. נאָר אַ קאַשע עפּעס. איר ווילט דאָך, פאַרשטיי איך, זײַן באַם באַלשעם און בײַ הערשעלע אָסטראָפּאָליער אױפן קייווער. איז טו איך זיך גלײַך איבער, און מיר גייען.

אָפּגעזוכט אַ שפּענדל, האָט יויכעוועד זיך געשטעלט שאָבן די ליים פון די פיס. פּלוצעם האָט זי זיך אויסגעגלײַכט און פאַרזשמורעט די טונקעלע אויגן:

— הערט, עפּעס זעט איר מיר אויס שטאַרק קענטלעך. איר זײַט צופעליק, אַ קאַשע עפּעס, ניט פונעם אָבלאַסטנאָי סאָבעז?[1] מיר דאַכט, אַז כ׳האָב אײַך דאָרטן געזען.

צעשמייכלט זיך מאַנוס און פירט ברייט פאַנאַנדער דערבײַ מיט די הענט:

---

[1] געגנטלעכע סאָציאַלע פאַרזיכערונג.

— געזען, מעגלעך, האָט איר מיך, נאָר ניט אין סאָבעז. באַ סטאַניס־לאַווסקין און נעמיראָוויטש־דאַנטשענקאָן האָט איר מיך געקאָנט זען.

זשמורעט זי נאָך שטאַרקער צונויף די טונקעלע אויגן, קוים, וואָס מע זעט זיי ארויס.

— באַ וועמען, זאָגט איר? הייסט עס, ניט אין סאָבעז? א שאָד.

— וואָסי?

— כ׳ווייס? ווען יאָ, וואָלט איר עפשער דאָרט פאַרוואָרפן וועגן מיר א וואָרט. גיי זײַ א נאָווי און ווייס, אז מע דאַרף פאַרהיטן די פּאַפּירלעך. אָט האָט זיך באַ מיר פאַרוואַלגערט א פּאַפּירל, אז איך בין, ניט פאַר הײַנט געדאַכט, געווען א דעקלאַסירטע. זאָגן אָבער די היגע סאָבעזניקעס, אז צו סטאַזש האָט עס קיין שײַכעס ניט. איז מוז מען זיך דרייען.

— וואָס הייסט באַ אײַך זיך דרייען?

— אָט רעמאָנטירט זיך באַ מיר די שטוב. זי איז א קאָמענכאָזעוווסקע[1], מײַנע האָבן די דײַטשן צעוואַלגערט. האָב איך געבעטן דעם קאָמענכאָז, ער זאָל מיך אויך ארײַנשטעלן אין דער רעמאָנטנע בריגאַדע. די גרויסע טוירע וואָס דאָ איז: אָנשלאָגן דראַנעצעס און מאַכן פון ליים און קיזעק א ראַסטוואָר. איז פונוואַנען, ווילט איר, זאָלן מיר מיט אײַך אָנהייבן? פֿון־נעם אַלטן בעסוילעם, פון דער פעסטונג, פונעם בוג צי פונדאַנען, פונעם געסל, ווו ס׳האָט אמאָל געוווינט דער באַלשעם?

— ווי אײַער פאַרלאַנג איז.

— וועלן מיר גאָר אָנהייבן פונעם שכיינעסדיקן געסל, פון דער באַלאַ־טינקע. דאָרט, אױף דער באַלאַטינקע, דערציילט מען, האָט געוווינט אונדזער הערשעלע סטראָפּאָליער, וואָס מיט אים איז פול די וועלט. א קאַשע עפּעס זײַנע שפּיצלעך.

זי פאַרגייט זיך מיטאמאָל פון געלעכטער, אז זי קאָן מאמעש דעם אָטעם ניט איבערכאַפּן:

— זיך פונקט דערמאָנט די מײַסע, ווי הערשעלע האָט מיט זיך גע־בראַכט צו פירן צו א גוויר אן אוירעך אף שאַבעס. שאַט. ביזוואַנען קלײַבט איר זיך דאָ באַ אונדז פאַרברענגען?

— ביז סאָף וואָך, מיסטאָמע.

— הערט, וועט איר דאָך ארײַנכאַפּן א ייִדישע כאַסענע. שוין לאַנג, לאַנג ניט געווען באַ אונדז קיין כאַסענעס. און פונוואַנען זאָלן זיי זײַן, אז ווי נאָר דאָס יונגוואַרג ענדיקט די שול, אַזוי צעפאָרט מען זיך איבער די זאַוואָדן און אינסטיטוטן, און אז סע קומט צו כאַסענע האָבן, פּראַוועט מען זי אין שטאָט. ליבערקע, ר׳עב הילעלס באָכערל, אז ער האָט פאַרענ־דיקט די שול, איז ער אויך געפאָרן זיך לערנען. קיין לענינגראַד איז ער געפאָרן. אָבער אז ס׳איז געקומען צו כאַסענע האָבן, האָט ר׳עב הילעל זיך אײַנגעשפּאַרט: איינמאָל ביין. זײַן ליבערלס כאַסענע זאָל מען פּראַוועון נאָר דאָ.

— איר האָט געוואָלט, אז א מענטש באַ אַזא עלטער זאָל זיך שלעפּן אַזש קיין לענינגראַד?

[1] א מעלוכישע.

— קאָרג מאָל איז ער געפאָרן צום זון אין גערעטעס? רעב הילעל איז דאָ אויסן גאָר עפּעס אַנדערש. מעסאַמייעך זײַן דאָס שטעטל איז ער אויסן, און מעסאַמייעך זײַן צעבראָכענע הערצער איז בא אונדז, מעדזשיבעזשער, די גרעסטע מיצווע. א וואָך, אז מע האלט אין איין באקן און קאָכן. מע האָט אָפּגעדונגען אף איבעראכטאָג שאבייסצונאכטס דעם גרויסן זאל פּור־נעם שפּײַז־קאָמבינאט. ער, הילעל אליין, איז הײַנט אוועקגעפאָרן זיך צונויפריידן מיט די קלעזמאָרים.

מאנוס גיט איר א ווײַז אָן אף זיך:

— די קלעזמאָרים, מײַן ליבע פרוי, זײַנען שוין דאָ.

— מענטש איר איינער, הײַנט וואָס זשע שווײַגט איר? כ׳האָב אָבער מוירע, די כאסענע זאָל ניט זײַן קיין פארשטערטע. איר האָט דאָך שוין מיסטאמע געהערט די פײַנע נײַס?

— אליאָשקע?

— זעט נאָר, כאפּט זיך ניט ארויס מיט קיין וואָרט פאר רעב הילעלן וועגן דעם, פאָרט א זאָקן פון אריבער די אכציק, און אזויפיל אריבערגע־טראָגן. גלײַכער, אז ער וועט זיך דערוויסן די שיינע נײַס, ווען דער רעצייעך וועט שוין דאָ ניט זײַן. יוינע דער שטריקלדרייער איז אוועק צו אים זיך דעריידן. וואָרט דאָ צו. איך טו זיך נאָר איבער, און מיר גייען. לאָמיך כאָטש וויסן, ווי רופט מען אײַך?

— עמאנויִל דאניִלאָוויטש. אף פּראָסט יִדיש וועט עס הייסן מאנוס.

— און איך הייס, סײַ אף יִדיש, סײַ אף רוסיש, כעוועד. כעוועד דער גיד. א קאשע עפּעס.

ווען זי איז אין עטלעכע מינוט ארום ארויס פון שטוב אויסגעפּוצט אין א קורץ קליידל און אין טופל אף הויכע אָפּצאסן, האָט מאנוס זי קוים דערקענט.

## ב

אין דעם זעלבן טאָג, ווען די פארגייענדיקע זון האָט זיך שוין געהאט געטרונקען אין דעם שטילן, לויטערן בוג, האָט קימאט דאָס גאנצע שטעטל זיך פארקליבן אין דער מיטלאלטערלעכער פעסטונג ארוף־בארג. מע איז געזעסן אף די אָנגעוואָרפענע הרודעס ציגל און שטאבעלן געהילץ בא די רוּינירטע טורעמס און אמבראזורן און געוואַרט, עס זאָל זיך עפענען די ברייטע טיר פון גאראזש און עס זאָל פון דאָרט ארויספאָרן אין איר גאנ־צער פראכט די רויטע פײַערלעשער־מאשין, און פון דער גרויסער שכיי־נעסדיקער שטוב זאָלן ארויסמארשירן אין זייער גאנצער באוואָפענונג די פרײַוויליקע שטעטלדיקע פײַערלעשער. אפילע הילעל מיט זײַן פיל יִנגער פון זיך ווײַבל, שיפרען, זײַנען אויך געקומען זען, ווער פון די פײַערלע־שער וועט גיכער פאנאנדערוויקלען די לאנגע גומענע קישקע און זיך ארופקלײַבן אפן לעצטן טרעפּל פונעם הויכן לייטער, ווען די פײַער־לעשער־מאשין וואָרפט פון זיך ארויס.

אף דעם דאָזיקן געוועט, וועלכן די פײַערלעשער רופן „לערע", קוקט

מען אין שטעטל, ווי אף א מין פאָרשטעלונג. קינד־און־קייט קומען זיך אף דעם צונויף.

הײַנט דאַרף זײַן גאָר א פריילעכע פאָרשטעלונג. די עטלעכע נײַע פּײַערלעשער, וועלכע מע האָט מיט א קורצער צײַט צוריק אָנגענומען, װעלן אָפּגעבן עקזאַמען. באָרעך דער פאָטאָגראַף האָט צוליב דעם אפילע פאַרכאַפּט זײַן גרויסן אפּאַראַט אף די דרײַ פיסלעך און נעמט די גאַנצע צײַט ניט אראָפּ קיין אויג פון דער ברייטער טיר, פונוואַנען עס דערטראָגט זיך נאָכאַנאַנד דאָס הייזעריקע הודזשען פון דער מאַשין, ווי זי וואָלט פאַר־קראָכן מיט אלע פיר רעדער אין א קלעפּיקן זומפּ און קאָן זיך פון דאָרט ניט ארויסקלײַבן.

נאָר אויסער הילעלן און שיפרען איז, דאַכט זיך, קיינער ניט אופגע־לייגט. בא אלעמען זײַנען פאַרזאָרגטע פּנעמער. פּרוּווט באָרעך מאַכן פריילעך דעם אוילעם: ער קריכט ארונטער אונטער דער שוואַרצער טוך, מיט וועלכער ס׳איז איבערגעדעקט דער פאָטאָ־אפּאַראַט, און טוט פון דאָרטן א זינג ארויס:

— סאַרא הוסטן נעבעך, סאַרא כריפּען נעבעך, סאַקאָנעס נעפּאָשעס.

— וועגן וועמען איז עס, באָרעך? — פרעגן אים עטלעכע מיטאַמאָל.

— וואָס? איר הערט ניט, ווי די פּײַערלעשער־מאַשין גייט נעבעך צו קינד?

דאָווידקע, וואָס האָט זיך פאַרקליבן אף דער וואַנט פון דער פעסטונג, גייט דאָרטן אום ווי א וועכטער און קוקט אויס די ווײַט.

— דאָווידקע, — ווענדט זיך צו אים די פאַרומערטע ציפּע, — מע זעט נאָך דאָרט ניט גיין מײַן יוינען?

— ניין, מומע ציפּע.

— וויי, ווי איך האָב זיך עס בא אים געבעטן: יוינע, גיי ניט.

באָרעך שטעקט האַסטיק ארויס דעם קאָפּ פון אונטער דער טוך און רעדט זיך דורך אף שטום־לאָשן מיט ציפּען, זי זאָל שווײַגן. הילעל באַ־מערקט עס אָבער, פרעגט ער זי:

— ציפּע, וואָס האָט דאָרט בא אײַך געטראָפן?

— אוי, גאָרניט, רעב הילעל. גאָרניט.

באָרעך רופט זי אומבאַמערקט אָפּ אָן א זײַט.

— מע האָט דאָך מיט אײַך עפּעס אָפּגערעדט, ציפּע, — בייזערט ער זיך שוין אף איר.

בא דעם פאַרוואַלטער פונעם מאַרק, דעם מיטלוווקסיקן באיאָרטן גוואַר, שײַען, פּלאַצט ענדלעך דאָס געדולד. קלאַפּט ער אָן אין דער צוגעמאַכטער טיר פון גאַראַזש.

— כעוורע פּײַערלעשער, ציט ניט די אַצאָמעס. דער זייגער איז שוין א פערטל אף זיבן.

— וואָס יאָגסטו אזוי, שײַע? האָסט נאָך ניט צוגעמאַכט דעם מאַרק, צי וואָס?

— איך בין א וואָיענער מענטש, רעב הילעל. איך בין אויסגעוואַקסן

אף דיסציפּלינע. קיין ד׳יאַלעמעס גייען באַ מיר ניט אָן. האָט מען געזאָגט זעקס, איז דאַרף זײַן זעקס. ניט אַזוי?

— געוויס אַזוי,— האַלט אים באָרעך אונטער,— כ׳וואָלט נאָר אָבער וועלן וויסן, שײַע, אין וועלכן אוסטאַוו איז עס געזאָגט געוואָרן, אַז אַ פּאַרוואַלטער פֿון אַ מאַרק איז אַ וואָיענע דאָלזשנאָסט.

דאָווידקע, וואָס דרייט זיך אום איבער דער וואַנט, נעמט פּלוצעם אונ־טערזינגען: „קויפּט, קויפּט, קוינים, קוינים קומט אהער...״

— איך וועל דיר באַלד געבן אַ „קויפּט, קוינים״,— שרײַט שײַע צו אים אַרויף,— אַז וועסט באַ מיר פֿאַרגעסן, אין וועלכן קלאַס דו גייסט, פּיאָ־נער דו איינער. דאָס האָט איר אים, באָרעך, אויסגעלערנט ס׳שיינע לידל? מיינט ניט, אַז מע קען צו אײַך ניט צוקלײַבן קיין לידל, און נאָך אַ מין לידל. נאָר וואָס האָב איך מיט אײַך דאָ צו דעבאַטירן. איר זאָלט געווען זײַן אַ וואָיענער מענטש...

— מיר דאַכט, שײַע, אַז איך בין דער זעלבער וואָיענער, וואָס איר. מיר זײַנען מיט אײַך, אויב איך האָב קיין טאָעס ניט, באַגלײַך אַוועק פֿונ־דאַנען אויף דער מילכאָמע.

— צוגעגלײַכט! ערשטנס, בין איך געווען אַ טאַנקיסט, כ׳מיין, אַז דאָס האָט אויך עפּעס וואָס צו זאָגן, און צווייטנס, האָט מען מיט מיר אײַנגע־קנעלט דיסציפּלינע, ווען איר האָט נאָך אַפֿילע ניט געוווּסט מיט וואָס מע עסט עס. איר, רעב הילעל, דאַרפֿט דאָך געדענקען, ווי־פֿל דער ראַיקאָם פּאַרטײַע האָט עס אין מיר דעמלט אַרײַנגעטײַנעט, אַז איך זאָל ווערן דער פּאָרזיצער פֿונעם בײַשטעטלשן קאָלווירט.

— איך געדענק, פֿאַרוואָס זאָל איך עס ניט געדענקען.

— און איצטערט וואָס? קאַרג האָט ער מיט מיר איצטערט געהאַט צו טאָן, דער ראַיקאָם, אַז איך זאָל אײַנגיין ווערן דער פּאַרוואַלטער פֿון מאַרק. וואָס האָב איך דאָרט נאָר ניט צעטײַנעט. און טאַקע. ווי קום איך צו מיס־כער, אַז סאַכאַקל בין איך גאָר אַ שמיד. כ׳האָב פֿײַנט דעם מיסכער טאַכלעס סינע. דאָס איז שוין באַ מיר אַ יערושע־זאַך. דער טאַטע מײַנער מיטן זיידן, ווי איר ווייסט, זײַנען אויך געווען שמידן און האָבן אויך פֿײַנט געהאַט דעם מיסכער. נאָר אַז די פּאַרטײַע זאָגט „פּריניאַט״, גייען דאָ קיין ד׳יאַלע־מעס ניט אָן. מע ענטפֿערט „יעסט פּריניאַט״ און אַ גוטן טאָג. אָט וואָס איז אַזוינס דיסציפּלינע, כאָווער באָרעך הו באָרעך שמוי.

ווי אַ ווינט איז אַרײַנגעפֿלויגן אין דער פּעסטונג יויכעוועד, פּירנדיק נאָך זיך דעם היפּש שוין אײַנגעמידטן מאַנוסן.

— ייִדן,— האָט זי אויסגעשריִען,— ס׳איז שוין נאָך דער סרייפֿע, צי פֿאַר דער סרייפֿע? אַבי כ׳האָב געיאָגט פֿון זיך די נעשאָמע. איז געפֿינען מיר זיך מיט אײַך, עמאַנויִל דאַנילאָוויטש, ווי איר זעט, אין דער פּעסטונג, וועלכע שטייט נאָך פֿון פֿאַר כמעלניצקיס צײַטן. באָרעך, נעמט צו די זע־ניטקע, כ׳וועל אײַך סײַווי ניט באַצאָלן פֿאַר דער פֿאָטאָגראַפֿיע. מע זאָגט, איך בין דערבײַ, פֿאַרשטייט זיך, ניט געווען, אַז דער באַלשעם זיכרוינוי־ליוואָכע און הערשעלע אָסטראָפּאָליער זײַנען דאָ געווען גאַנץ אָפֿטע געעסט. אויך פֿאַר מײַנע צײַטן איז דאָ נאָך אײַנגעשטאַנען אַ דראַגונסקער

פּאָלק. איצט פּאַשען זיך דאָ ציגן און פּענסיאָנערן קוקן טעאַטער. קומט פּריַיטיק, אַזוי וואַרפט מען האַק־און־פּאַק און מע פליט אַהער קוקן, ווי מעדזשיבעזשער פּיַערלעשער לערנען זיך לעשן אַ סריפּע. טאַקע אָן עמע־סער טעאַטער, זאָג איך איַיך. מע וואָלט צו זיי אויך געדאַרפט האָבן אַ הערשעלע סטראַפּאָליער. אַ גוטער אָוונט איַיך, רעב הילעל, אַ גוט נאָוונט איַיך, שיפּרע־לעבן. כ׳האָב איַיך גאָרנישט באַמערקט. שוין לאַנג, אַז איר זיַיט געקומען? כ׳האָב איַיך געבראַכט צו פירן אַ גאַסט.

מאַנוס האָט אויסגעשטרעקט הילעלן די האַנט און זיך העפלעך פאַר־נייגט:

— שאָלעם־אַלייכעם. אַרקעסטראַנט פון סטאַניסלאַווסקיס און נעמיראָ־וויטשעס טעאַטער מאַנוס קאַהאַנאָוו. מאַטוויי אַרנאָלדאָוויטש האָט איַיך מיסטאַמע געשריבן וועגן מיר?

— זיַיט איר עס דער קאַהאַנאָוו, וועמען דער מעכוטן אונדזערער האָט אַראָפּגעשיקט אונטערצוקנעלן אַ ביסל מיט די לעטיטשעווער קלעזמאָרים? זעצט זיך צו.

— אַ דאַנק. דעם עמעס געזאָגט, פאַרשטיי איך ניט, פאַרוואָס האָט מען די כאַסענע ניט געקאָנט פּראַוועט אין לענינגראַד. כ׳ווייס, כ׳האָב געמיינט, איר זיַיט, כאָלילע, ווי זאָגט מען עס, בא אַזאַ עלטער און זאָ וויַיטער. זע איך, אַז איר זיַיט נאָך, קיין איַינהאָרע ניט, אַ מענטש, וואָס קען נאָך, אַזוי צו זאָגן, שפּילן אָף אַ פּויק. נו, און פון דער פּלוינעסטע איַיערער, זאָל געזונט זיַין, איז דאָך סטאַם אָפּגערעדט. די כאַסענע זאָל געווען זיַין אין לענינגראַד...

— לענינגראַד, מיַין ליבער פּריַינט, — האָט הילעל אים איבערגע־שלאָגן, — איז ניט זשעדנע אין קיין כאַסענעס, און בא אונדז געדענקט מען שוין באַלד ניט די ציַיט, מע זאָל פירן אין זאַגס אַ באָכער מיט אַ מיידל. איז ווילט איר, איך זאָל בא אַ שטעטל אָפּנעמען די מיצווע זיך מעסאַמייעך זיַין אָף אַ כאַסענע פון אַ יונג פּאָרפּאָלק?

— שוין לאַנג ווי איר זיַיט געקומען? — האָט זיך אָנגערופן צו אים שיפּרע. — איר קערט מיסטאַמע זיַין הונגעריק. קומט, וועט איר דערוויַיל כאַטש עפּעס איבערכאַפּן.

— טויזנט דאַנקען, מיַין ליבע פרוי. כ׳האָב שוין איבערגעביסן.

— כ׳שטעל מיך פאָר, וויפל הערשעלע אָסטראָפּאָליערס מיַיסעס כעוועד דער גיד האָט עס אַריַינגעבראָכט אין גאַסט, — האָט זיך אַריַינגעשטעלט אינעם געשפּרעך שיַיע. — פון דעם אַליין קען מען נאָכדעם זיַין זאַט אַ גאַנץ יאָר. וואָס האָט זי איַיך פונדעסטוועגן דאָ בא אונדז שוין באַוויזן?

ציפּע האָט זיך אַלץ ניט געפונען קיין אָרט. איטלעכע וויַילע האָט זי געפרעגט דאָווידקען, צי זעט מען נאָך ניט גיין איר יוינען, און יעדעס מאָל אַרויסגעלאָזט דערביַי אַ זיפץ, אַז אַלע האָבן זיך אָף איר אומגעקוקט.

דערזען דאָווידקען אומשפּאַנען הין־און־צוריק אין דער הייך אָף דער וואַנט, האָט מאַנוס אַ מאַך געטאָן צו אים מיט דער האַנט:

— אַנו, באָכערל, קום נאָר אַהער.

פלינקער פון אַ קאַץ האָט דאָווידקע אַראָפּגעקלעטערט פון דער וואַנט.

— אָט דאָס באַכערל, רעב הילעל, — האָט מאַנוס אָנגעוויזן אויף דאָווידקען, — קלער איך אויך אַרײַנעמען אין דער קאַפּעליע. כ׳האָב אים הײַנט פאַרהערט. ס׳וואַקסט א קיילע.

וועלנדיק אויסבאַהאַלטן פון הילעלן און שיפרען די פאַרלוירנקייט, וואָס האָט דאָ אַלעמען אַרומגעכאַפּט, ווען מע האָט דערזען, ווי ציפּע איז האַסטיק אַרויס פון דער פעסטונג, האָט שײַע פריילעך א זאָג געטאָן צו מאַנוסן:

— זעט נאָר, אַז די קיילע אײַערע זאָל מיך אויף דער כאַסענע ניט מעכאַבעד זײַן מיט אַן אַלי׳ע „קויפט, קויפט, קוינים״...

— הילעל, ווי מיינסטו, — האָט שיפרע זיך אויסגעייצעט מיטן מאַן, — די קלעזמער זאָלן קומען אַהער, צי רעב מאַנוס זאָל אויף די עטלעכע טעג עפּשער אַראָפּפאָרן צו זיי?

הילעל האָט עס אים געגעבן צו פאַרשטיין:

— די לעטיטשעווער קלעזמער זײַנען נאָך דערצו שטיקלעך שנײַדער, אַרבעטן אין דער דאָרטיקער אַטעליע.

— און וואָס זאָלן זיי טאָן? — האָט זיך פאַר זיי ווי אײַנגעשטעלט איטע. — אַז קיין טעאַטערס מיט קיין רעסטאָראַנען זײַנען לעסאַטע אין די שטעטלעך נאָך ניטאָ און קיין כאַסענעס פּראַוועט מען אויך שוין קימאַט ניט. איז טאָמער האָט זיך פאַרוואַלגערט ערגעץ אין א שטעטל א קלעזמער, מוז ער צוקנעלן בא שנײַדערײַ אָדער בא קירזשנערײַ, ווי אונדזער רעב רעפאָעל, ראַפאַ׳ל נאַטאַנאָוויטש הייסט עס, אָדער מע ווערט גאָר א שערער.

— הײַנט וויבאַלד מע איז אויף א שטעלע, — האָט פאַרגעזעצט הילעל, — קאָן מען פון דער היים אויף לאַנג ניט אַוועקפאָרן. אייגנטלעך, איז דאָך אײַך אַלציינס, דאָ צי דאָרטן. לעטיטשעוו איז ניט ווײַט פון דאַנען. מיטן אַווטאָבוס איז איינס און צוויי.

קאָלזמאַן עס האָט גערעדט הילעל, האָט שײַע געשוויגן. נאָר אַז יויכעוועד האָט זיך ווידער געלאָזט הערן, ניט אָפּצושטעלן, האָט ער זי פונדעסטוועגן איבערגעשלאָגן:

— איר זאָגט מיר בעסער, יויכעוועד, וואָס האָט איר באַוויזן דעם גאַסט?

— דעם מאַרק האָט איר אים כאָטש באַוויזן? — איז אונטערגעשפּרונגען באָרעך.

— און די באַלאָטינקער גיטער האָט זי אײַך געפירט ווײַזן?

— וואָס לאַכט איר עס אַזוי, רעב שײַע, פון די באַלאָטינקער גיטער? — האָט זיך אָנגענומען פאַר איר מאַן איטע. — ווען ניט מײַן באָרעך, וואָלט די באַלאָטינקע שוין לאַנג געווען פאַרוואַקסן מיט א וואַלד קראָפּעווע.

— ייִדן, זאָל זײַן שאַלעם, ניט געקריגט זיך, — האָט זיך אַרײַנגעמישט הילעל, פּונקט ס׳וואָלט בא זיי ווירקלעך געהאַלטן בא א קריג.

איטע האָט אָפּגערופן אָן א זײַט איר באָרעכן און אים שטיל אײַנגערוימט:

— וואָלסט עפּשער צוגעגאַנגען א קוק טאָן, וואָס איז דאָרט. פון ווען אָן ווי יוינע איז צו אים אַוועק. ס׳איז דאָך ניט קיין שפּילכעליע. גיי אָבער ניט אַליין. נעם עמעצן מיט. הא, עפּשער גאָר דערציילן אין מיליציע?

— איַ, גיי שוין מיר גיי. דו גיב נאָר גוט אכטונג אפן אפּאראט. איך וויל אָף ציקאווּעסט היַינט אָפּשטעמפּלען די נײַע פּיַערלעשער. איך וועל באלד קומען.

קיין סאך איַינטיַינען מיט מאנוסן, אַז ער זאָל אָף די עטלעכע טעג, וואָס זיַינען פארבליבן ביז דער כאסענע, צופאָרן קיין לעטיטשעוו און צוקנעלן מיט די דאָרטיקע קלעזמאָרים, איז ניט אויסגעקומען.

— אַך, סארא שטעטל, קיין איַינהאָרע ניט, ס'איז אמאָל געווען לעטי־טשעוו. א קראַך, קען מען זאָגן. און איצט ווויַנען דאָרט נאָך ווייניקער ייִדן ווי דאָ. איַ, דער איין קעמעך, איין טוירע... — און שיַיע איז אנשוויגן געוואָרן.

— וואָס זיַיט איר דערמיט אויסן צו זאָגן? — איז צו אים צוגעשטאנען מאנוס.

— איך בין דערמיט אויסן צו זאָגן, אַז ווען מע זאָל זיך ניט געווען אזוי פארלאָזן אָפן קעמעך, זיך איַינריידן, אַז מע וועט קענען אויסקויפן די נעשאָמע, וואָלטן אזויפיל קאָרבאָנעס ניט געווען.

— גיי וויים, אַז זיי זיַינען אזעלכע גאזלאָנים, — האָט הילעל אים דער־רוף געענטפערט. — גיי ריכט זיך, אַז בא אזא פּיַינעם און לײַטישן מענטשן, ווי פּיאָטער דעניסאָוויטש, וועט אויסוואקסן אַן אליאָשקע, אַז די ערד זאָל אים איַינשלינגען, אויב ער לעבט נאָך ערגעץ.

ווי נאָר איטע האָט דערזען די צוריקגעקומענע ציפּע, איז זי באלד צו־געלאָפן צו איר:

— ציפּע, איך האָב אוועקגעשיקט אהין מיַין באָרעכן.

— אוי, איטע טײַערע, כ'האָב מוירע, עס זאָל כאָלילע...

— זאָלט איר מיר געזונט זײַן. איר האָט דאָך געהערט, וואָס מיַין באָ־רעך האָט געזאָגט: פאר א געבונדענעם וואָלף איז ניטאָ וואָס צו מוירע האָבן. דאָווידקע, — האָט זי צוגערופן צו זיך דאָס אייניקל, — קום נאָר אהער. קריך ארויף אין דער הייך, און ווי נאָר דו וועסט דערזען גיין דעם פּעטער יוינען, זאָלסטו געבן צו וויסן. אָבער שטילערהייט, מיט א ווונק. סט'מיך פארשטאנען?

אין איין אויגנבליק האָט דאָווידקע זיך צוריק ארופגעכאפּט אין דער הייך אָף דער וואנט און ווידער געגומען, ווי א וועכטער, אומגיין היין און צוריק, אויסקוקנדיק די וויַיט.

— שיַיע! — האָט יויכעוועד, וואָס האָט שוין באוויזן זיך פארקליַיבן אָף די אָנגעוואלגערטע קלעצער לעבן דער אמבראזורע, א רוף געטאָן דעם פּארוואלטער פון מארק.

מאנוס האָט אים אָבער ניט אָפּגעלאָזן פון זיך, דערפילנדיק אין שיַיען א מענטשן, וואָס זעט א סאך און באנעמט א סאך.

— איז ווויַנען איצט אין לעטיטשעוו, וואָס איז געווען אמאָל, ווי איר זאָגט, א קראַך, נאָך ווייניקער ייִדן ווי דאָ? איז, הייסט עס, אויס שוין מיטן שטעטל? געווען און ניטאָ?

— אָט דאָס, זעט איר, וועל איך איַיך ניט זאָגן. ווער ווייסט, וואָס די ציַיט קען נאָך אמאָל וויַיזן. די ציַיט, מיַין פריַינט, איז א גרויסע כאכאָמע.

סע קען אמאָל טרעפֿן, אַז מע זאָל אין די שטעטלעך ווידער נעמען פּראַ־ווען כאַסענעס, און אַ סך כאַסענעס.

— פֿונוואַנען, אַשטייגער, שײַע, וועלן זיך עס אַ שאָט טאָן כאַסענעס? — האָט צו אים אַראָפּגעשריִען פֿון די קלעצער יויכעוועד, וואָס לאָזט ניט דורך קיין וואָרט פֿון דעם, וואָס ווערט דאָ גערעדט.

— פֿון די פּיאַטילעטקעס, כעוועד, פֿון די פּיאַטילעטקעס. מע דאַרף אָפּטער אַרײַנקוקן אין בלאַט. דאָרט איז פּינקטלעך אָנגעוויזן, וויפֿל זאַ־וואָדן מיט פֿאַבריקן מע וועט אין די נײַע פּיאַטילעטקעס אויסבויען אין די שטעטלעך. און אַז סע וועלן זײַן זאַוואָדן מיט פֿאַבריקן, וועלן בעמיילע שוין זײַן כאַסאַנים מיט קאַלעס, און אַז סע וועלן זײַן כאַסאַנים מיט קאַ־לעס, וועלן שוין בעמיילע זײַן כאַסענעס, און דאָס שטעטל אליין וועט שוין דעמלט זײַן ניט דאָס, וואָס איצט. ס'איז אַ פּאָשעטע דיִאַלעמע.

ענדלעך האָט מען זיך דערוואָרט. עס האָט זיך צעפּראַלט די טיר פֿונעם גאַראַזש, און עטלעכע פּײַערלעשער, אָנגעטאָנענע אין ברעזענטענע גאַרני־טערס און אין מעשענע קיווערס, באַהאַנגענע מיטן גאַנצן קלייזײַען, האָבן אַרויסגעשטופּט פֿון דאָרט די רויטע פּײַערלעשער־מאַשין. קיווע דער אַל־כימיקער האָט געשפּאַנט פֿון פֿאָרנט און געבלאָזט אין אַ טרומייט.

— גענוג דיר שוין בלאָזן שויפֿער, קיווע. צײַט שטעלן זיך צום אָמעד.

— סטאַ־ראַ־ניס!

— קוקט אים נאָר אָן. וואָס גוואַלדעוועסטו וואָס? מע האָט זיך שוין פּאָסטאַראָניעט אָן דיר. אוי, ער וועט מיר באַלד אײַנוואַלגערן די זעניטקע! העלפֿט מיר עמעצער איבערטראָגן מײַן באָרעכס פּאָטאָ־אַפּאַראַט.

— וואָס האָט עס דאָרטן הײַנט באַ אײַך אַזעלכעס פּאַסירט? — האָט הילעל צוגערופֿן צו זיך קיווען. — ווי איז, די שאָ זאָל ניט זײַן, טאָמער, כאָלילע־וועכאַס, ברעכט טאַקע אינדערעמעסן אויס אַ סרייפֿע? איר האָט דאָך הײַנט פֿאַרשפּעטיקט קימאַט אויף אַ גאַנצער שאָ.

— אויף דעם זײַנען זיי דאָך פּײַערלעשער, זיי זאָלן פֿאַרשפּעטיקן. צו זיך אין דער אַלכימיטשעסקע לאַבאָראַטאָריע וועט ער אײַך ניט פֿאַרשפּע־טיקן.

— איך ווייס נאָר ניט, ווער פֿון אונדז איז עס דער עמעסער אַלכימי־קער, — האָט קיווע אָפּגעענטפֿערט שײַען.

— זאָל זײַן שאָלעם, ניט געקריגט זיך, — האָט זיך ווידער אַרײַנגע־מישט הילעל, ווי ס'וואָלט פֿונסנײַ געהאַלטן באַ אַ קריג.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט יויכעוועד, פּונקט ווי אויסער איר זעט קיינער ניט, וואָס דאָ קומט פֿאָר, אויסגערופֿן:

— דאַנקען און לויבן. קיווע האָט שוין מיט מאַזל אַרויסגעשלעפּט פֿון שיידל דעם סעקונדאָמער. שײַע, איר געדענקט ניט, וויפֿל האָט עס באַ אים פּאָריקס מאָל געדויערט?

— דאָס פֿאַרקלײַבן זיך אין קאָסמאָס? דרײַ אַ האַלבע מינוט. פֿאַרנומען דאָס צווייטע אָרט.

— דאָס דריטע אָרט, — האָט אַראָפּגעשריִען פֿון דער הייך דאָווידקע, — דאָס צווייטע אָרט האָט פֿאַרנומען מײַן טאַטע.

— עפשער דער זיידע? זעט, אווו איז עס באַרעדן? ער האָט זיך, דאכט זיך, געקליבן אָפּפאָטאָגראַפירן די כעוורע פּײַערלעשער. הא, איטע?
— ער וועט באלד קומען.
— דאָווידקע...
— ניין, מומע ציפּע, מע זעט אים נאָך ניט גיין.
— וויי איז מיר!
— ציפּע, בא אײַך האָט, כאָלילע, עפּעס פּאסירט? — האָט זי געפרעגט הילעל.

איטע איז איר באלד פארלאָפן דעם וועג. ניט געלאָזט זי א וואָרט ארויסברענגען.

— רעב הילעל... אוי, אונדזערע פּײַערלעשער הייבן, דאכט מיר, אָן שוין דעם קאָנצערט.

די מאשין האָט ווי ארויסגעוואָרפן פון זיך א הויכן לייטער. איינער פון די פּײַערלעשער, א לאנגער יונגערמאן אין ברילן, האָט ארויסגע־שלעפּט פון גאראזש א גומענעם שלאנג און אים געגומען האסטיק פאנאנ־דערוויקלען. איין עק פון דעם שלאנג האָט ער אראָפּגעלאָזט אין ברונעם און מיטן אנדערן עק אין דער האנט פלינק ארופגעקלעטערט אפן לייטער.

קיווע, וועלכער קוקט אפן סעקונדאָמער, מעלדעט מיט א שטים, ווי באם ארויסטראָגן אָן אורטייל:

— פיר מינוט מיט נײַנצן סעקונד. צופיל. קריך אראָפּ.

נאָכדעם ווי די זעלבע איבונג מאכן דורך נאָך עטלעכע פּײַערלעשער, רופט קיווע זיך אָן צו הילעלן:

— רעב הילעל, נאט אײַך, זײַט מויכל, דעם סעקונדאָמער. אז איך וועל א געשריי טאָן „פּארטיק”, זאָלט איר אזוי גוט זײַן זאָגן, וויפל האָט עס בא מיר געדויערט. איינס, צוויי, דרײַ! אָנגעהויבן.

קיווע באווײַזט נאָך ניט שטעלן א פוס אפן לייטער, שרײַט שוין שײַע אויס:

— פונקט פינף מינוט!
— שײַע, פארקלאַפּ ניט דעם קאָפּ. איך האָב דאָך איבער דיר פארגעסן אָפּשטעלן דעם סעקונדאָמער. מיר דאכט, קיווע, אז פיר מינוט.
— איך דארף דאָך אָבער וויסן פּינקטלעך.
— האָסטו די ברייַרע קריכן נאָכאמאָל אפן הימל! — שרײַט צו אים ארוף שײַע. — דו זאָג מיר בעסער, קיווע, וואָס זעסטו דאָרט? שטעקסט דאָך עפּעס אין קאָסמאָס.

— דעם מארק דײַנעם זע איך, שײַע. גאָט מײַנער, ווי שיין עס איז אונדזער מעדזשיבעזש! ניטאָ, הערט איר, קיין שענערס אף דער וועלט. ניטאָ! שײַע, כאפּ זיך ארוף צו מיר אפן לייטער, וועסטו כאָטש אָנקוקן די וועלט.

— איך האָב זי שוין גענוג אָנגעקוקט, די וועלט. געוועזן קימאט אין בערלין.

— וואָס מיר בערלין, וועך מיר בערלין! ווו האָסטו אין בערלין אזא הימל, אזעלכע לאָנקעס, אזא בוג?

— זעט נאַר, רעב אלכימיקער, איר זאָלט אונדז דאָ פון דעם בוג ניט מאכן קיין גאָלד! — האָט איטע צו אים ארופגעשריִען.

מאנוס האָט ניט וואָס צו פרעגן, וואָס קומט דאָ אזעלכעס פאָר. צי יויכעוועד האָט אים וועגן דעם באצײַטנס געזאָגט, צי ער האָט פון דעם, וואָס ער האָט דאָ געזען, אליין פארשטאנען, אז מיט אָט דער פריילעכער שפּיל וויל מען זיך פּאָשעט א ביסל פארגעסן אין דעם, וואָס מע איז ניט לאנג צוריק אויסגעשטאנען. אין טעאטער איז איצט אויך דאָס זעלבע. דער אוילעם גייט גיכער אף א פריילעכער פאָרשטעלונג. איין זאך קאָן ער אָבער ניט באנעמען:

— גיט מיר צו דערקלערן, צו וואָס דארף מען אזא הויכן לייטער, אז די העכסטע שטוב דאָ בא אײַך איז פון אָנדערהאלבן שטאָק.

— זאָרגט ניט, כאָווער מאנוס. זאָרגט ניט, — ענטפערט אים שײַע, — עס וועלן נאָך בא אונדז זײַן פינפשטאָקיקע הײַזער אויך, און נאָך מיט באלקאָנען לאָדזשי. קיווע, מע זעט נאָך דאָרט ניט שפּאנען קיין בולדאָזערס מיט קיין עקסקאוואטאָרס?

— באָבע, — האָט דאָווידקע אויסגעשריִען, — דער זיידע גייט! און דער פעטער יוינע, מומע ציפּע, גייט אויך!

פון דעם, ווי דער אוילעם איז געבליבן שטיל און געקוקט אף יוינען מיט באָרעכן, וואָס האָבן זיך באוויזן אין דעם צעפּראלטן טויער פון דער פעסטונג, האָט הילעל פארשטאנען, אז אין שטעטל איז עפּעס געשען און אז דאָס האָט א שײַכעס צו אים. האָט ער זיך אופגעהויבן און געזאָגט צו דעם ווײַב זײַנעם:

— שיפרע, דו זעסט דאָך, אז מע באהאלט דאָ פון אונדז עפּעס אויס.

— ווײַ איז מיר, הילעל, — האָט שיפרע פארבראָכן די הענט, — ס׳איז מיסטאמע געשען אן אומגליק מיט די קינדער.

— שיפרע־לעבן, — האָט איטע זי בארוּיִקט, — מיט די קינדער אײַערע האָט גאָרניט פּאסירט.

— הײַנט וואָס זשע?

הילעל האָט א שפּאן געטאָן צו יוינען.

— יוינע!

— פרעגט ניט, רעב הילעל, — און יוינע האָט אראָפּגעלאָזט די אויגן. איטע האָט א ווונק געטאָן צום מאן:

— נו זאָג זיי שוין, באָרעך.

— דער מערדער האָט זיך אומגעקערט. אליאָשקע.

הילעל איז געבליבן שטיין ווי פארגליווערט:

— אליאָשקע?

קיווע, וואָס איז, שיר ניט צעברעכנדיק זיך רוק־און־לענד, פלינק אראָפּ פונעם לייטער, האָט אָפּגערופן יוינען אין א זײַט און שטיל געפרעגט:

— וואָס האָט ער געענטפערט?

— איך בין, זאָגט ער, מײַנס אָפּגעזעסן, און איצט קאָן איך מיר ווויי־נען, ווו איך וויל. דאָ, זאָגט ער, בין איך געבוירן, און דאָ, זאָגט ער, וועל איך לעבן, ניט דערלעבן זאָל ער.

— אפילע אַף די עטלעכע טעג, וואָס די כאַסענע וועט דויערן, וויל ער ניט אוועקפאָרן?

— ניין.

הילעל איז מיטאַמאָל ווי העכער געוואָרן אין וווּקס.

— אליאָשקע?! — האָט ער דערצאָרנט איבערגעפרעגט.

— באַרויִק זיך, בעט איך דיך.

— קום, שיפרע.

באָרעך האָט פאַרצאַמט הילעלן דעם וועג:

— איר וועט צו אים ניט גיין, דער גאַזלען...

— קום, שיפרע!..

מער האָט שוין קיינער ניט געשטעלט זיך הילעלן אין וועג.

## ג

דאָס אַראָפּגעלאָזטע פאָרהענגל אַפן פענצטער כוואַליעט זיך, ווי עס זאָל פלאַטערן פונעם צאָרן, מיט וועלכן נאַטאַליע פּעטראָוונע ברענגט אַרויס איטלעכס וואָרט. נאָר אַלעקסיי שווײַגט אַלץ. ער זיצט האַלב־ליגנדיק אַף דער קושעטקע, רייכערט איין ציגאַר נאָכן אַנדערן און פאָלגט נאָך שווײַ־געוודיק און פאַרביסן נאָך דער שוועסטער זײַנער, וועלכע דרייט זיך אום הין־און־הער איבערן צימער און איז גרייט יעדע רעגע זיך וואַרפן אַף אים מיט די פויסטן.

— גאָט מײַנער, — גיט זי אַזוי אַ געשריי אַרויס, אַז דאָס צוגע־מאַכטע פאָרהאַנגענע פענצטער, וואָס באַהאַלט אויס הינטער זיך דאָס אָוונטיקע פעלד, צעפּראַלט זיך שיר ניט, — פאַרוואָס זײַנען מיר אַזוי גע־שטראָפט? פאַרוואָס איז ער ניט אויסגערונען בײַ דער מאַמען אין בויך, נאָך איידער ער איז געבוירן געוואָרן?! פאַרוואָס האָט אים קליינערהייט ניט דערשלאָגן קיין דונער? גאָט מײַנער, נעם אים צו פון אונדז.

אַלעקסיי וואַרפט אַ בליק צום פענצטער און ברומט אַרויס:

— שילט, שילט, וועסט זיך בײַ מיר הײַנט דערשעלטן, שוועסטערקע. שילט, שילט.

נאַטאַליע טוט זיך צו אים אַ לאָז מיט פאַרבײַלטע פויסטן:

— שוועסטערקע רופסטו מיך נאָך?! וואָס פאַר אַ שוועסטער בין איך דיר, אויסוווּרף דו איינער! דער טאַטע אונדזערער זאָל געווען וויסן, אַז דו וועסט דינען די פּאַשיסטן, וואָלט ער דיך קליינערהייט מיט די אייגענע הענט געווען דערשטיקט. צוליב דיר, פּאָליצייסקער הונט, איז דאָך די מאַ־מע פאַר דער צײַט אוועק פון דער וועלט. ווי טראָגט עס דיך די ערד? גאָט מײַנער, פונוואַנען האָט ער זיך פּלוצעם גענומען אַף אונדזער קאָפּ? כ׳האָב געמיינט, ער פוילט שוין לאַנג ערגעץ אין דר׳ערד.

— רייד, רייד, וועסט זיך בײַ מיר הײַנט דעריידן...

— וואָס?! דו וואַגסט מיך נאָך שרעקן? וועסט מיט מיר עפּשער אויך טאָן וואָס מיט גיליאַראָוויטשעס אייניקל?.. וויאַזוי האָסטו געקאָנט זיך אומ־קערן צוריק אַהער? וויאַזוי, פרעג איך דיך?

— און וווהין, — ברענגט ער שטיל ארויס, — האָב איך געזאָלט זיך אומקערן פון לאַגער?

— די וועלט איז שוין פאַר דיר קליין? האָסט זיך ניט געקאָנט באַזעצן ערגעץ, ווו קיינער קען דיך ניט, קיינער ווייסט דיך ניט, און לעבן זיך דאָרט אין קרענק ביז דער פּעגירע? מע דאַרף דאָך עס קענען! נעמען און זיך אומקערן צוריק אהער!

אַלעקסיי גיט אַ שלעפּ ארויס פון בוזעם־קעשענע זײַן נײַ־נקן פּאַספּאָרט און נעמט מיט אים פאַכן:

— בא מיר איז דער זעלבער פּאַס, וואָס בא דיר, וואָס בא יוינען, וועלכער איז געקומען מיך שרעקן, דראָען, דערמאָנען מיר מײַסעס, וואָס זײַנען זיך פאַרלאָפן מיט וויפל יאָר שוין צוריק. איך האָב זיך פאַר דעם שוין לאַנג צעצאָלט, בין ערלעך אָפּגעזעסן, ווי מע זאָגט עס, פון גלעקל ביז גלעקל. איז וואָס וויל מען נאָך פון מיר? איך וועל פונדאַנען אין ער־געץ ניט אוועקפאָרן! פאַרגעדענק עס, שוועסטערקע. דאָ איז מײַן היים! דאָ בין איך געבוירן, דאָ האָב איך...

— געפּײַניקט מענטשן, — שלאָגט אים נאַטאַליע איבער.

מיט אַלע קויכעס גיט ער אַ שלײַדער אָפּ פון זיך מיטן פוס דאָס דער־בײַשטייענדיקע בענקל.

— נאַטאַלקאַ! איך זאָל וועגן דעם פון דיר מער קיין וואָרט ניט הערן! פאַרגעדענק עס! און פון דער שטוב וועל איך זיך ניט ארויסקלײַבן. זי איז מײַנע, פּונקט ווי דײַנע.

— איך וועל דיר אויסצאָלן דײַן כיילעק, וויפל דו וועסט זאָגן. נאָר פאַרנעם זיך פונדאַנען. פאַר בעסער אוועק מיט גוטן.

— דאָס האָבן דײַנע ייִדעלעך דיך אָנגעלערנט מיך שרעקן?!

— שרעקן שרעקט מען אַ כײַע, און דו ביסט דאָך טויזנט מאָל ערגער פון אַ כײַע! גיי ארויס אין גאַס און הער, וואָס מענטשן ריידן וועגן דיר.

— ווער רעדט? ווער?! דײַנע ייִדעלעך?

— מערדער! — טוט זי זיך אַ וואָרף צו אים. — ווער איז דאָ געבליבן פון די ייִדן? זיי ליגן דאָך קימאַט אַלע אין גרוב. ווייניק פּראַוואָסלאַוונע האָסטו געפּײַניקט? מיינסט, מע האָט פאַרגעסן? פאַרשווועך כאָטש ניט דעם נאָמען פון אונדזער טאַטן, וואָס איז אומגעקומען אָפן פראָנט. פאַרנעם זיך פונדאַנען! גאָט מײַנער! פאַרוואָס האָט אים קליינערהייט ניט דערהאַרגעט קיין דונער!

אין זײַנע קליינע, שאַרפע אויגן לויכט אויף אַ פּײַערל, וואָס דערמאָנט מיט זיך די אויגן פון אַן אויסגעהונגערטן, נאָר אָפּגעשוואַכטן וואָלף.

— וועסט סאָפּקאָלסאָף אַנשוויגן ווערן? פיר מיך ניט ארויס פון גע־דולד, נאַטאַלקע! אויב דיר געפעלט ניט וווינען מיט מיר אונטער איין דאַך, איז קאָנסטו זיך נאָך הײַנט ארויסצײַען פונדאַנען. איך וועל נאָך דיר ניט בענקען. און דײַנע ייִדעלעך גיב איבער, אַז איך וועל זיי די כאַסענע ניט פאַרשטערן. איך וועל די עטלעכע טעג פון דער כאַסענע איבערזיצן אין שטוב. נאָר אוועקפאָרן פונדאַנען — דאָס ניט, — און ער נעמט ווידער פאַכן מיטן פּאַס, — איך בין מײַנס אָפּגעקומען. פאַר אַלץ באַצאָלט! איצט האָב איך די זעלבע רעכט, וואָס איר אַלע! דאָ איז מײַן היים! איך וועל פונדאַנען

אין ערגעץ ניט אוועקפאָרן! אין ערגעץ...— דאָס קאָל האָט זיך באַ אים אָפּגעהאַקט: אין דער געעפנטער טיר האָט ער מיטאמאָל דערזען שטיין פאַר זיך הילעל דובינען.

...ס'איז דער דריטער טאָג נאָך דער האַריגע, דער דריטער טאָג, ווי דער איינציק לעבנגעבליבענער ייִד פון שטעטל, הילעל דובין, זיצט שיווע נאָך דער אומגעבראַכטער איידע. ער זיצט אַף אַ נידעריקן פוסבענקעלע, אין אַ יאַרמלקע, אין שקאַרפּעטן און נייט אַ פּאָליציייִשן פּרענטש. אַן איינזאַמער שטראַל פון דער סאָפּטאָגיקער האַרבסטיקער זון, וואָס האָט זיך אַרײַנגעריסן אין צימער דורך דעם פאַרהאַנגענעם פענצטער, גליטשט זיך איבער דער הוילער וואַנט, פאַרקריכט אַפן נאַקעטן דעמבענעם טיש, אַף דער הילצערנער בעט, אַף דער ניי־מאַשין און ניט געפינענדיק דאָרט גאָרנישט, פאַרקלײַבט ער זיך צוריק אַף דער וואַנט, נעענטער צום סופיט, און גייט דאָרט לאַנגזאַם אויס.

הילעל האַלט אַלץ אין נייען, נאָר באַמערקט עס, דאַכט זיך, ניט. ער הערט, דאַכט זיך, אויך ניט די אייגענע שטים, וואָס כאַזערט איבער די גאַנצע צײַט איינס און דאָס זעלבע, איינס און דאָס זעלבע: „אדוישעם נאָסאָן, וועאַדוישעם לאָקאַך, ער האָט געגעבן, און ער האָט צוגענומען. אדוישעם נאָסאָן, וועאַדוישעם לאָקאַך, ער האָט צוגענומען, און ער האָט געגעבן“... זיך פאַרפּלאָנטערט, נעמט ער אײַנכאַזערן און איבערכאַזערן מיט אַ טאָן פון [א] מענטשן, וואָס איז ווײַט אָפּגעשיידט פונדאַנען: „אַטאָ באָכאַרטאָנו מיקאָל האָאַמים... מיקאָל האָאַמים...“

פּלוצעם, גלײַך ער וואָלט ערשט איצט אָנגעהויבן באַנעמען, וואָס איז געשען, גיט ער אַ שפּרונג אוּף פונעם בענקל, טוט אַ שלײַדער פון זיך דעם פּרענטש און שרײַט פאַרשטיקט אויס, אויסשטרעקנדיק די הענט צו דער הייך:

— מיט וואָס? מיט וואָס, ריבוינעשעלוילעם, בין איך עס אַזוי נויסע־כיין געווען אין דײַנע אויגן, וואָס דו האָסט מיך אויסדערוויילט פון דער גאַנצער איידע? האָסט מיך איבערגעלאָזט מעקאַיעם זײַן די מיצווע פון זיצן שיווע, מאַכן אַן אייל מאָלע ראַכמים, זאָגן קאַדעש נאָכן אויסגעהאַר־געטן שטעטל?— און הילעל נעמט ווי צעמישט אויסזינגען.— ייִסגאַדאַל וועיִסקאַדאַש שמיי ראַבאָ... געלויבט און געגרויסט איז דײַן הייליקער נאָ־מען פאַרן גרויסן כעסעד, וואָס דו האָסט געטאָן מיט מײַן פייגען, מיט מײַנע קינדער, מיט מײַנע אייניקלעך, מיטן גאַנצן שטעטל ייִדן, וואָס דו האָסט זיי צוגענומען צו זיך פון דער זינדיקער ערד. עס האָט דיר דאָרט, אָפּאָנעם, אויסגעפעלט אַ נײַ בינטל נעשאָמעס. בעאַלמאָ דיווריי כאַרוסאָ...[1]

דער אײַנגעהויקערטער און צעבראָכענער הילעל איז מיט יעדער רעגע ווי העכער געוואָרן. זײַן געפאַלענע שטים האָט זיך אָנגעגאָסן מיט גוו־רע— הימלען דורכצוברעכן:

— אַף אַ דין־טוירע!— האָט ער, פאַרהייבנדיק די הענט צו דער הייך,

---

[1] פון קאַדעש.

אויסגעשרי‌ען. — אף א דין־טוירע פארוף איך דיך, זאָלסט איינמאָל פאר אלעמאָל זאָגן: וואָס ווילסטו? האָסט כאראַטע, וואָס האָסט באַשאַפן דעם צעלעם־עלויקים, דעם מענטשן? האָסטו דאָך שוין איינמאָל כאראַטע געהאַט דערוף און געוועזן אראָפּגעשיקט א מאבל. ווער האָט דיך דעמלט געבעטן, זאָלסט ארײַנזעצן נויעכן אין דער טייווע? האָסט מוירע געהאַט, ס׳וועט דיר נאָכדעם זײַן אומעטיק? האָסטו דאָך אָנשטאָט נויעכן געקאָנט ארײַנזעצן אין דער טייווע אן איבעריקע פּאָר לעמפּערטן, ווײַל וואָס איז, אייגנטלעך, א לעמפּערט אין פארגלײַך מיטן מענטשן? אן אומשולדיקע טויב. און וויפל מאָל האָסטו שוין נאָכן מאבל כאראַטע געהאַט, וואָס האָסט באַשאַפן דעם מענטשן? ביזוואַנען איז דער שיר זיך שלאָגן אלכעט?

הילעל לאָזט זיך צוריק אראָפּ אפן פוסבענקעלע, נאָר שפּרינגט, ווי צעמישט, באלד אוף:

— האַ? עפּשער איז ער עס גאָר, אָט אָ־דער, וואָס האָט אייערנעכטן אויסגעשאָכטן דאָס שטעטל, דער צעלעם־עלויקים? פּארוואָס, אז אווראָם־אָווינו האָט אופגעהויבן דעם כאלעף, האָסטו אראָפּגעשיקט א מאלעך, ער זאָל אָפּפירן פון יי‌צכאָקן די געפאר, און אז זיי... מיט וואָס, פרעג איך דיך, זײַנען די אייפעלעך אין די וויגן זינדיקער פון יי‌צכאָקן, וואָס דו האָסט זיי געלאָזט אויסשעכטן?! נאָך א גרויס וווּנדער, וואָס דו האָסט מיך ניט ארויסגעגעבן, אז איך האָב באַהאַלטן בא זיך אין קאָשעק יעכי‌עלקען, ווען דער נאטשאלניק פון דער פּאָליציי האָט, טרײַבנדיק אונדז צו דער גרוב, מיך אומגעקערט צוריק אהיים. זיי קאָנען ניט בלײַבן אָן קיין שנײַדער, האָט ער מיר דערבײַ געזאָגט.

א קוק געטאָן, צי האָט ער ניט פארגעסן צוקייטלען די טיר, גייט הי־לעל דערנאָכדעם צו צום בעט און נעמט ארויס פון אונטערן שעניק דאָס קעצעלע, וועלכעס ער האָט אופגענייט פארן אייניקל, וואָס ליגט דעם דריטן טאָג שוין אין קעלער, פארשטעקט אין א ווינקל צווישן טראַנטעס, און בעט זיך צו דער מאמען, צו דער מאמען און צו דער באָבען. ווי שרעקלעך לאַנג עס ציט זיך דער טאָג! ווען וועט שוין ענדלעך ווערן נאכט, אז ער זאָל קענען זיך אראָפּלאָזן אין קעלער און ארופנעמען יעכי‌עלקען צו זיך אהער. און ווען ס׳וועט פארשווינדן די נאכט און ס׳וועט ווידער ווערן טאָג, וועט ער יעכי‌עלקען צוריק אראָפּטראָגן אין קעלער, אים באַ־האַלטן דאָרט צווישן די טראַנטעס. לאַנג אָבער קען עס אזוי ניט דויערן. צו וועמען טראָגט מען אָפּ דאָס קינד, אז פאר אויסבאַהאַלטן א יי‌דן קומט מיסע...

— אייצע, — שרײַט הילעל אויס, — אייצע, באַשעפער פון דער וועלט! אייצע!! עפּשער ארײַנלייגן יעכי‌עלקען אין א קויש און אים לאָזן מיטן בוג, ווי מוישע־ראַבײנו מיטן וואַסער? וואָס קומט אָבער ארויס דערפון, וואָס דער מאלעך האָט ארויסגעכאַפּט מוישעס הענטל פונעם טאָפּ גאָלד און עס ארײַנגעשטופּט אינעם טאָפּ פײַער? סײַווי שרײַט מען דאָך, אז מיר דינען דעם אייגל־האַזאָאָוו, — הילעל פארהייבט עטוואָס דאָס פאַרהענגל פון פענצטער און זעצט פאַר זיך אויסטײַנען מיט זיך, מיט גאָט, מיט דער וועלט. — זעט, ווי מע צעוואַלגערט עס די יי‌דישע הײַזער! דעם זאָאָוו זוכט מען דאָרט. ס׳האָט ניט געהאָלפן דער טאָפּ פײַער, — אראָפּגעלאָזט דאָס

פאַרהענגל, הערט זיך הילעל לאנג אײַן אין דער שווערער שטילקײַט.—וואָס א קינד נעבעך איז. דרײַ יאָר נאָך ניט אלט און פארשטייט שוין, אז מע טאָר ניט וויינען, מע טאָר זיך ניט באקלאָגן. ער פרעגט נאָר אלץ: ווו איז די מאמע, ווען וועט קומען די באָבע?

— בא אים פרעג! בא אים! — פארהייבט הילעל דעם פויסט. — בא דעם באלטשוווע! האָסט ווידעראמאָל שוין כאראָטע, וואָס האָסט באשאפן דעם מענטשן? איז שיק אראָפּ א מאבל, וואָס זאָל אלץ און אלעמען אראָפּשווענ־קען. מאך טויהו־וואָוויהו פון אלץ! דו הערסט? פון אלץ!! און אן ענדע!!

א שטארקער זעץ אין דער טיר פילט אָן די שטוב מיט איימע. הילעל כאפּט דעם פרענטש, וואָס ער נייט, און לאָזט זיך מיט אים, ווי מיט א פאנצער, צו דער טיר.

— ווער איז עס? — פרעגט ער דערשראָקן.

— וואָס פארשפּארסטו זיך אינמיטן העלן טאָג?

„אָט איז ער, דער צעלעם עלויקים״, — טראכט בא זיך הילעל, אָפּקייט־לענדיק די טיר.

— פון וועמען באהאלטסטו זיך עס אויס, הילקע? — גיט דער ארײַנ־געקומענער פּאָליציאַנט אליאָשקע גוטברודעריש א קלאפּ הילעלן איבער דער פּלייצע. — האָב ניט מוירע. איך בין ניט געקומען נאָך דיר. — אלעקסיי קוקט זיך ארום, ווי ער וואָלט דאָ עמעצן זוכן.

פון שרעק פאלט בא הילעלן ארויס דער פרענטש פון האנט. ער הייבט אים אָבער אויף, נאָך איידער אליאָשקע האָט עס באמערקט.

— ביסט א גליקלעכער, הילקע. אלע דײַניקע האָבן מיר אוועקגעשיקט צו דײַן גאָט, און דיר, זעסטו, האָט אונדזער נאטשאלניק געשענקט דאָס לעבן. וועמען נייסטו עס דעם פרענטש?

— דעם נאטשאלניק אײַערן.

— און מיר ווען וועסטו אופנייען?

— ווען דו וועסט זאָגן, אליאָשקע.

— וואָס? — און אלעקסיי דערלאנגט הילעלן א פראסק איבערן פּאָנעם, אזש די יארמלקע פליט בא אים אראָפּ פון קאָפּ. — איך וועל דיר געבן אן אליאָשקע, אז וועסט בא מיר פון אָרט זיך שוין ניט רירן!

— אנטשולדיקט, וואשע בלאהאָראָדיע.

— זאָג, הילקע, ס'האָט זיך דיר ווען־ניט־איז געכאָלעמט, אז וועסט מיך רופן וואשע בלאהאָראָדיע? און אז איך קען דיך שטעלן צום ווענטל ווען נאָר איך וויל, האָט זיך דיר געכאָלעמט? מאָרגן, הילקע, וועל איך דיר ברענגען סכוירע. געדענק, טאָמער נייסטו מיר ניט אויף פונקט צו דער צײַט...

אליאָשקע האָט זיך שוין געקליבן אוועקגיין, נאָר פּלוצעם האָט ער אפן ברעג טיש דערזען דאָס אופגענייטע קעצעלע.

— וועמען נייסטו עס קעצעלעך? איך פרעג דיך דאָך עפּעס. וועמען נייסטו קעצעלעך?

— וועמען קאָן איך נייען, וואשע בלאהאָראָדיע, — האָט הילעל פאר־לוירן געשטאמלט, — איר ווייסט דאָך, אז איך בין געבליבן איינער אין

שטעטל. דאָס האָט עמעצער פון מײַנע אייניקלעך פאַרגעסן מיטנעמען מיט זיך אין גרוב.

נאָר דאָ האָט דער פּאָליציאַנט דערזען שטיין אויפן צווייטן ברעג טיש א שעלעכל קאַשע. פון פרייד איז ער אונטערגעשפּרונגען.

— מאַנע־קאַשקע? דאָס האָט אויך עמעצער פון דײַנע אייניקלעך פאַר־געסן מיטנעמען מיט זיך אַהין? איז אַט פאַרוואָס דו האָסט זיך פאַרשפּאַרט אינמיטן העלן טאָג. זאָג, ווען מען באַהאַלטסטו אויס?

הילעל האָט ניט אָפּגעקערט פון אים די אויגן, ניט דערלאָזט, ס'זאָל ציטערן די שטים:

— ווען מען קאָן איך אויסבאַהאַלטן, אַז מע האָט בײַ מיר אַלעמען אויס־געהאַרגעט? דאָס האָב איך פאַר זיך אָפּגעקאָכט קאַשע.

— ווען מען ווילסטו עס נאַרן? מיך? פּאָליציי, הילקע, איז שווער אָפּ־צונאַרן. געדענק, טאָמער געפין איך דאָ בײַ דיר עמעצן...— און ער האָט גענומען פּלײַסיק זוכן און נישטערן אין בעט, אָפּגערוקט די ניי־מאַשין, באַטראַכט איטלעכס ברעטל פון דיל, די ווענט און איז אַרויס אין קיך.

„ריבוינעשעלוילעם, — שעפּטשעט הילעל אין זיך, — טו אַ נעס. שיק אַראָפּ אַ מאַלעך, ווי דו האָסט עס געטאָן מיט יִיצכאָק־אָווינו אויפן מיזבייעך. ריבוינעשעלוילעם, באַווײַז, אַז דו ביסט דאָ. באַשיץ דאָס אומשולדיקע אייפעלע".

ווי אַ דונער האָט זיך אַרײַנגעריסן פון קיך אַליאָשקעס שטים:

— קום נאָר אַהער! וואָס לײַכט זיך עס בײַ דיר דאָרט אין קעלער?

הילעל טוט זיך אַ לאָז אין קיך מיט אויסגעשטרעקטע הענט:

— אַלעקסיי פּעטראָוויטש, וואַשע בלאַהאָראָדיע...

נאָר דער פּאָליציאַנט איז שוין אין קעלער. אין אַ ווײַלע אַרום דער־טראָגט זיך פון דער האַלב־פינצטערניש יעכיעלקעס דערשראָקן קעלכל:

— זיידע! זיי־דע!..

— וואַשע בלאַהאָראָדיע, נעם ניט צו בײַ מיר דאָס אייניקל. גיט מיר אָפּ דאָס קינד...

— וואָן!

יעכיעלקע צאַפּלט אין אַליאָשקעס אײַזערנע אָרעמס, ציט זיך מיט די אויסגעשטרעקטע הענטלעך צו הילעלן און שרײַט ניט מיט זײַן קעלכל:

— זיידע, גיב מיך ניט אוועק. זיי־דע...

— איך וועל דיך ניט אָפּגעבן, קינד מײַנס, — באַרויִקט הילעל דאָס אייניקל און בעט זיך באַם פּאָליציאַנט, — אַלעקסיי פּעטראָוויטש, האָט ראַכ־מאָנעס. נעמט ניט צו בײַ מיר דאָס קינד. וווהין טראָגט איר אים אוועק?

— צו דער מאַמען זײַנער.

— נעמט מיך אויך.

— זיי־דע, זיי־דע, — הערט דאָס קינד ניט אויף צו שרײַען.

— איך בין דאָ, יעכיעלקע. איך גיי אויך מיט דיר, שוועלבעלע מײַנס.

— מאַרש, הילקע, אָפּ צוריק! הערסט?!

פון אַ מוירעדיקן זעץ איבערן קאָפּ איז הילעל שווער אומגעפאַלן.

...די עטלעכע שטומע רעגעס, וואָס הילעל מיט אַלעקסייען זײַנען איצט געשטאַנען איינער קעגן דעם אַנדערן און געהאַט געזען פאַר זיך יענעם

סאָפּהארבסטיקן טאָג, האָבן זיך פאַרענדיקט דערמיט, וואָס אלעקסיי, אָנ־שפּארנדיק זיך אין דער וואנט, ווי ער זאָל זי וועלן ארויסשפּארן, איז פאַר־לאָפן הילעלן דעם וועג:

— איך האָב פאר אלץ באַצאָלט! מע האָט בא מיר פאר אלץ אופּגעמאָנט, איך בין קיינעם גאָרניט געבליבן שולדיק.

— דו רעדסט נאָך, אנשטומט זאָלסטו ווערן, — איז צו אים אונטערגע־שפּרונגען די שוועסטער, — דו וואגסט זיך נאָך פאַרענטפערן?

הילעל דובין, וואָס איז נאָך אלץ געשטאַנען אף דער שוועל, האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו דער אָפן געבליבענער טיר און א ווונק געטאָן צו שיפרען אין דרויסן:

— נעענטער קום אהער, שיפרע, נעענטער.

...באַם טיש, אף וועלכן עס טשאַדעט א קליין קעראָסין־לעמפּל, זיצן מיטראָפאן, זיַין וויַיב אָלענע, די טאָכטער סאָלאָמיִע און עסן וועטשערע. פון דרויסן דערטראָגט זיך אהער איין מאָל און א צווייט מאָל א שיסעריַי פון אווטאָמאטן.

— האָספּאָדי, — ציילעמט זיך אָלענע, — מע שיסט שוין ווידער. וואָס טוט זיך עס אף דער וועלט, האָספּאָדי?

— דאָס לערנען זיך, קענטיק, די פּאָליציַיאנטן אפן פּאָליגאָן, — זאָגט דער מאן, — און עפּשער שיסן זיי גלאט אין דער וועלט אריַין, אָנשרעקן די פּארטיזאנער אין וואלד. אזא מאכינע — און ווי מע ציטערט עס פאר די פּארטיזאנער! עך, ווען ניט דער רעוומאטיזם מיַינער!

— שטילער.

עס הערט זיך ווידער א קנאל פון אווטאָמאטן.

סאָלאָמיִע פאלט צו מיטן פּאָנעם צום טיש:

— אוי, מאמע. אוי, מאמאָטשקע...

— וואָס איז געשען? — שטייט א דערשראָקענע איבער איר אָלענע.

— אוי, מאמאָטשקע! דאָס צעשיסט מען מיסטאמע די לעטיטשעווער ייִדישע בריגאדע.

— סע קען ניט זיַין, — זאָגט דער באַיאָרטער קרענקלעכער מיטראָ־פאן, — דער סאָווכאָז נייטיקט זיך אזוי אין ארבעטער, ווער מען נעמען און צעשיסן א בריגאדע פון גאָלע יונגע מענטשן, וועלכע די דיַיטשן האָבן אליין אָפּגעקליבן? נע, סע קאָן ניט זיַין.

— אוי, וואָס ווייסט איר! אוי, ווי די דיַיטשן מיט די פּאָליציַיאנטן האָבן זיך די גאנצע ציַיט איבער זיי איזדיעקעוועט! אוי, סארא באנדיט דער אליאָשקע איז!

— האָספּאָדי, ס׳וועט קומען אמאָל אף זיי א שטראָף?

די יונגע בלאָנדע סאָלאָמיִע דערציילט, שלינגענדיק די טרערן:

— היַינט אינדערפרי איז אליאָשקע מיט נאָך עטלעכע פּאָליציַיאנטן געקומען אין סאָווכאָז. אָנשטאָט ארויספירן די לעטיטשעווער ייִדישע ברי־גאדע אין פעלד צו דער ארבעט האָבן זיי זי פארשפּארט אין א שטאל,

אוועקגעשטעלט א וואָך באַ דער טיר און קיינעם ניט צוגעלאָזט נאָענט.
אוי, מאַמאָטשקע מײַנע...
אַליאָנע איז דערציטערט געוואָרן:
— דאַכט זיך, עמעצער קלאַפּט.
— יאָ, מע קלאַפּט, — האָט, אופהייבנדיק זיך פון טיש, געזאָגט דער עטוואָס אונטערהײנקענדיקער מיטראָפּאַן און איז אוועק עפענען.
— דײַטשן!
— דײַטשן, מאַמע, קלאַפּן ניט אַזוי.
אין א ווײַלע אַרום האָט מיטראָפּאַן זיך אומגעקערט אין שטוב מיט א יונג מיידל. א דערפרוירענע, אין איין אונטערהעמד, די האָר צעפּאַטלט, די אויגן ווי פאַרגלאָזט, איז זי געבליבן שטיין באַ דער טיר און צעמישט זיך אַרומגעקוקט.
— שיפרע? — איז סאָלאָמיִע אָפּגעטראָטן פון איר א דערשראָקענע.
— ווו בין איך? — פרעגט שיפרע, קוים וואָס מע הערט.
אַלענע נעמט זי אָן פאַר דער האַנט:
— גיי אַרײַן, האָב ניט מוירע.
— שיפרע, דו דערקענסט מיך ניט? איך בין דאָך סאָלאָמיִא קאָוואַלענ־קאָ, די מעלקערן אויף דער פערמע.
— סאָלאָמיִא קאָוואַלענקאָ? — שיפרע שטרענגט אָן דעם זיקאָרן, וויל זיך דערמאָנען און קען ניט. כאַזערט זי עטלעכע מאָל איבער: — קאָוואַ־לענקאָ?..
— פונוואַנען קומסטו?
— פון גרוב.
— האָספּאָדי, — האָט אַלענע געגומען ווידער זיך צײלעמען און שטיל געפרעגט: — דיך האָט קיינער ניט געזען גיין אַהער?
— כ׳ווייס ניט. ווו בין איך?
— צווישן מענטשן ביסטו. קריך אויפן אויוון. סאָלאָמיִע, — האָט מיטראָ־פּאַן זיך אָנגערופן צו דער טאָכטער, — גיב איר עפּעס איבערטאָן און דעק זי אײַן מיט מײַן פעלץ. זעסט דאָך, אַז זי איז דערפרוירן.
— און ווו איז אײַער בריגאַדע, שיפראַ?
— אין גרוב. אַלע אין גרוב.
ווען די טאָכטער האָט געהאָלפן שיפרען זיך פאַרקלײַבן אויפן אויוון און זי דאָרט אײַנגעדעקט מיטן פאָטערס פאַרלאַטעטן פעלץ, האָט אַלענע זיך אָנגערופן צום מאַן, אַז דאָס מיידל זאָל ניט הערן:
— ווי מיינסטו, מיטראָפּאַן, קיינער האָט זי ניט באַמערקט גיין אַהער? עפּשער אַריבערפירן זי אין שטעלכל צי אויפן בוידעם?
— לאָז זי זיך פריִער א ביסל דערוואַרעמען, קומען צו־זיך. זעסט דאָך, וואָס סע טוט זיך מיט איר. זי איז דאָך ווי צעמישט. א לעבעדיקע אַרויס־געקראָכן פון קייווער.
— האָספּאָדי, — האָט אַלענע פאַרבראָכן די הענט, — ווי קענסטו עס צו־זען, האָספּאָדי?
עס איז דורך א מינוט, און אין דער דרויסן־טיר האָט מען ווידער אָנ־געקלאַפּט, דאָס מאָל אָבער שוין א סאַך שטאַרקער און זיכערער.

סאַלאָמיִע האָט דערשראָקן אויסגעשעפּטשעט:

— דײַטשן!

דאָס קלאַפּן אין דער טיר ווערט מיט יעדער רעגע שטאַרקער. מע וועט זי באַלד אויסברעכן.

— וואָס ס׳וועט זײַן, וועט זײַן. מע דאַרף עפענען.

די טאָכטער שטעלט אים אָפּ.

— טאַטע! ווו זײַנען די קאָרטן? — זי כאַפּט דאָס קעראָסין־לעמפּל פון טיש, דרייט נאָך מער אײַן דעם קנויט און הענגט עס אויף אפן צוויאָק לעבן אויוון. — טאַטע, נעם די קאָרטן און קריך מיט דער מאַמען אפן אויוון, גיכער אָבער. — ווען טאַטע־מאַמע זײַנען שוין געזעסן אפן אויוון, פאַרשטעלנדיק מיט זיך די אײַנגעדעקטע שיפרען, און גענומען פלײַסיק שפּילן אין קאָרטן, האָט סאַלאָמיִע הויך אויסגעשריִען: — באַלד, באַלד! איך טו זיך נאָך איבער. נו, וואַרט צו דאָרט א רעגע.

א שיקערער און א ווילד־צערייצטער האָט מיט אן אָנגעשטעלטן רע־וואָלווער אין דער האַנט זיך ארײַנגעריסן אין שטוב אַלעקסיי:

— פאַרוואָס האָט איר מיר גלײַך ניט געעפנט די טיר?

— איך האָב זיך איבערגעטאָן.

— ווו איז די יודע?

— וועלכע יודע?

— דו דריי מיר ניט קיין קאָפּ, סאַלאָמיִע. מיינסט, איך האָב ניט גע־זען, ווי זי איז געלאָפן אַהער. ווו איז זי? נו?!

— א גוט־אָוונט, אַלעקסיי פּעטראָוויטש. אף וועמען פרעגסטו זיך עס נאָך?

— ווו איז די יודע, פרעג איך, אַלטע שקראַבע? איך וועל איבערקערן די גאַנצע שטוב, דאָס גאַנצע געסל. איך האָב אליין געזען, ווי זי איז גע־לאָפן אַהער. איך וועל ברענגען אַהער א הונט. געדענקט, טאָמער איז זי דאָ, וועל איך אײַך אַלעמען מיט דער אייגענער האַנט צעשיסן. אַלעמען!..

...נאָר אויך איר, שיפרען, וואָס איז געשטאַנען אין דער אָפענער טיר לעבן הילעלן, איז אַלעקסיי פאַרלאָפן דעם וועג.

— איך האָב פאַר דעם אויך באַצאָלט. מע האָט דאָרט בא מיר פאַר אַלץ אופגעמאָנט. איך בין מער קיינעם ניט געבליבן שולדיק. אָט, — ער האָט אויסגעשטרעקט הילעלן און שיפרען דעם פּאַספּאָרט זײַנעם. — בא מיר איז א ריינער פּאַס. אזא גיט מען ארויס נאָר דעם, ווער עס האָט אויסגעקויפט די זינד.

הילעל איז אָפּגעטראָטן פון דער טיר:

— אויסגעקויפט, זאָגסטו, די זינד? — הילעל האָט פון צאָרן זיך א וואַקל געטאָן, ווי א דעמב אין א געוויטער. — ס׳איז דען פאַראַן א שטראָף, מיט וועלכער מע קאָן אויסקויפן די זינד פאַר ארויסרײַסן פון די הענט אן אומשולדיק אייפעלע, פאַר נאָכיאָגן זיך נאָך א יונג קינד, וואָס איז ארויסגעקראָכן פון גרוב, פאַר פּײַניקן אומשולדיקע מענטשן? רוף זי מיר אָן, די שטראָף!

— וואָס זײַט איר צו מיר געקומען? וואָס ווילט איר?

— רוף זי מיר אָן, די שטראָף, — האָט הילעל ווי געציילט די ווער־טער, — מיט וועלכער מע קאָן אויסקויפן אזעלכע זינד. שווײַגסט? וו׳אזוי האָסטו נאָך אָט דעם אלעם געקאָנט זיך אומקערן צוריק אהער? איך פרעג דיך, וו׳אזוי?!

— דאָ איז מײַן היים.

— א כײַע האָט ניט קיין היים! — האָט אויסגעשרי׳ען נאטאליע.

— א כײַע? וואָס איז אזוינס א כײַע אין פארגלײַך מיט אים?

— גענוג! איר הערט? גענוג! איך וועל פונדאנען אין ערגעץ ניט אוועק־פאָרן. און שוין.

נאטאליע פעטראָוונע, וואָס איז געשטאנען באם פענצטער, איז צוגע־גאנגען הארט צו אלעקסייען און, ווי אָפּגעבנדיק א באפעל, שטרענג גע־זאָגט:

— וועסט אוועקפאָרן!

— און אויב דו וועסט זיך ניט פארנעמען פונדאנען, — האָט הילעל פאָרגעזעצט ציילן די ווערטער שטרענג און דערצאָרנט, — וועלן מיר דיך ארײַנלייגן אין קיירעם. דו ווייסט, וואָס איז אזוינס ארײַנוואַרפן אין קיי־רעם? איך פרעג דיך צום לעצטן מאָל: וועסט זיך פארנעמען פונדאנען?

— איר פארנעמט זיך פונדאנען!

ניט געײַלט, מיט געמאָסטענע טריט, איז הילעל אָפּגעגאנגען צו דער טיר און אויסגערופן מיט צאָרן:

— פארשאָלטן זאָל זײַן דײַן געביין. פארשאָלטן זאָלסטו זײַן באנאכט, ווען וועסט זיך לייגן, און אינדערפרי, ווען דו וועסט אופשטיין! זײַן פאר־שאָלטן זאָלסטו באם ארײַנגיין און זײַן פארשאָלטן באם ארויסגיין. שפּאלטן זאָל זיך די ערד אונטער דײַנע פיס און דער הימל איבער דײַן קאָפּ. זאָלסט בעטן אף זיך דעם טויט און דער טויט זאָל ניט קומען. פוסטריט זאָל דיר אומעטום נאָכגיין מײַן קלאָלע.

— און מײַן קלאָלע, — האָט אונטערגעכאפּט נאטאליע.

הילעל האָט פאָרגעזעצט אויסרופן, ווי פארגעסנדיק דערבײַ, אז ער איז ניט אין שול און אז דער, וועמען ער לייגט ארײַן אין קיירעם, איז ניט קיין ייִד.

— איך וואָרן דאָ אלעמען און זאָל מײַן וואָרענונג איבערגעגעבן ווערן פון מויל צו מויל: דער, וואָס וועט וויסן, אז מיר האָבן אָט דעם רעצייעך ארײַנגעלייגט אין קיירעם און דאָך וועט יענער האָבן מיט אים וועלכע־ניט־איז מאגע־מאסע, שטיין אין זײַנע דאלעדאמעס, דער איז אין סאקאָנע, אז ס׳זאָל אף אים אויך פאלן די קלאָלע. קום, שיפרע, פונדאנען. דאָ איז אלץ פארשאָלטן.

— איך גיי אויך מיט אײַך, — האָט זיי נאָכגעשרי׳ען נאטאליע, — מײַן פוס וועט מער ניט אריבערטרעטן אָט די שוועל, ביזוואנען ער וועט דאָ זײַן.

פארלאָזנדיק דאָס צימער, האָט נאטאליע הילכיק א קלאַפּ געטאָן מיט דער דרויסן־טיר.

# ד

פון דעם שמאָלן דורכגאַנג אין דער נידעריקער שטיינערנער וואַנט, וועלכע צאַמט אַרום דעם אַלטן שטעטלשן בעסאַלמען, פירט אַ שמאָלע פאַרוואַקסענע סטעזשקע צו די מאַצייוועס פונעם באַלשעמטאָוו און הערשעלע אָסטראָפּאָליער — צוויי גרויסע מאַצייוועס, ענלעכע אַף צוויי פּראָסטע פירקאַנטיקע שטיינערנע טישן, וואָס זײַנען אַרומגערינגלט מיט האַלבאײַנגעפאַלענע, פאַרוואַקסענע מאַצייוועס פון עטלעכע דוירעס. אַף יענער זײַט בעסאַלמען ציִען זיך אַוועק אין דער נידער לאָנקעס און פעלדער. דער ווײַטער האָריזאָנט שפּאַרט זיך דאָרט אָן אַף די פליגל פון פאַרגעסענע און פאַרוואָרלאָזטע ווינטמילן.

יויכעוועד דער גיד, וועלכע האָט געבראַכט מיט זיך אַהער צו פירן הילעלס מעכוטן, מאַטעשן — אַ פולגעפּאַקטן מאַנצבל מיט אַ לענגלעך אויסגעצויגן פּאָנעם, — לייגט אויס פאַר אים אַלע אירע קענטעניש.

— וויפל, ווילט איר וויסן, איז שוין דערינען פאַראַן? — טוט זי צו אים אַ זאָג, כאָטש ער האָט זי וועגן דעם גאָרניט געפרעגט, — איכ׳ל אײַך באַלד מאַכן דעם כעזשבן. דער באַלשעמטאָוו, זיכרוינוי ליוורעכאָ, רעב ייִסראָעל אונדזערער, הייסט עס, האָט געלעבט אין איין צײַט מיטן ווילנער גאָען, און דער ווילנער גאָען, זיכרוינוי ליוורעכאָ, שמועסט מען, איז געווען אַ שטיקל שמעלקע מיט אים אַליין, מיט נאַפּאָלעאָן בען אַפּאַרטע. בעקיצער, כעזשבן יאָ, כעזשבן ניט, ס׳איז שוין דערינען באַלד אַ קײַמעלאָן פון אַוועלכע צוויי הונדערט יאָר, אויב ניט מיט אַ סמיטשיק נאָך פון אויבן. נו, און ער, אונדזער הערשעלע אָסטראָפּאָליער... — דאָ פאַרגייט זיך יויכעוועד פון געלעכטער, וואָס ענדיקט זיך בײַ איר קעסיידער מיט אַ קלינגעוודיק הוסטל. — אוי איז עס געווען אַ הערשעלע!

— הערשעלע אָסטראָפּאָליער איז דען אויך אַ מעדזשיבעזשער?

— אַ קאַשע עפּעס. אָט איז דאָך זײַן קייווער. די ערשטע מאַצייווע איז דעם באַלשעמס, און די אַנדערע איז זײַנע, הערשעלעס. האַ? וואָס זאָגט איר, סאַראַ קאָוועד מע האָט עס אים, קיין אײַנהאָרע ניט, אָפּגעגעבן, הערשעלען. מעקאַבער געווען, ווי איר זעט, סאַמע אויבנאָן — קימאַט לעבן דעם באַלשעם און געשטעלט אים, ווי איר זעט, קימאַט פּונקט אַזאַ מאַצייווע. אײַ איז דאָס געווען אַ הערשעלע! — און פאַרגייט זיך ווידער פון געלעכטער. — די מײַסע מיטן זילבערנעם בעכער, וואָס האָט געבוירן אַ קליינטשיק בעכערל, האָט איר געהערט?

— זעלבסטפאַרשטענדלעך.

— און די מײַסע מיטן אוירעך אַף שאַבעס? און מיטן זאַק האָבער האָט איר אויך געהערט? נו, און ווי׳אַזוי הערשעלע...

— זעלבסטפאַרשטענדלעך, — שלאָגט מאַטעש זי איבער.

— וואָס זעלבסטפאַרשטענדלעך? — נעמט אים יויכעוועד ווי אַף אַ פאַרהער.

מוז זיך מאַטעש פאַרענטפערן:

— כ׳מיין, פונוואַנען איז געדרונגען, אַז דאָס איז דעם באַלשעמס קייווער? דאָ איז דאָך גאָרניט אָנגעשריבן. קיין אָס אַפילע ניטאָ.

— ט׳האָסטו דיר! איר מיינט, אפֿאָנעם, אז איר זענט בא מיר דער ערש־טער, וועמען איך פֿיר ארום וויַזן מעדזשיבעזש. די גוטע יאָרן מיר און איַך און אלע אונדזערע ליבע, וויפֿל עקסקורסאַנטן מיט טוריסטן פֿון אלע עקן און ברעגן וועלט עס גייען דורך פֿארן יאָר דורך מיַינע הענט. איז ווי קלערט איר, ווייס איך, ווו איַן דאָ און ווו אויס? שאַ. עפּשער וויַזן איַך א דאָקומענט? איז אָט האָט איר איַך א דאָקומענט, — זי הייבט אוף פֿון אונטער דעם באַלשעמס מאצייווע א פֿארשטויבט שטיקל פּאפּיר און דערלאנגט עס מאטעשן.

— וואָס איז עס? — פֿרעגט ער פֿארכידעשט.

— לייענט, ט׳איר וויסן.

טוט מאטעש אָן די ברילן און לייענט דורך אף א קאָל, קוים פֿאנאנ־דערקליַיבנדיק די צעפּלאָסענע און אָפּגעבליאקעוועטע אויסיעס:

— סאָרע באס לייע, פּיַיטל בען ראָזאליע, כיַיקע באס גיטל...

יויכעוועד קליַיבט דערוויַ̆ל צונויף נאָך עטלעכע פּאפּירלעך און גיט זיי אָפּ מאטעשן.

— נאט איַך נאָך א פּעקל.

פֿאנאנדערגעלייגט די פֿארשטויבטע און צעקנייטשטע בלעטלעך פּאפּיר אף דעם באַלשעמס מאצייווע, זעצט מאטעש פֿאָר לייענען:

— איך, איסער בען ליובע, און מיַין פֿלוינעסטע מאניע באס פּייגע און אלע אונדזערע ליבע און נאָענטע טוען דיך בעטן, זאָלסט זיך מי׳ען פֿארן קיסיי־האקאָוועד, מיר זאָלן אלע זיַין געזונט, ניט וויסן מער פֿון קיין צאָ־רעס, עס זאָל זיַין שאָלעם און אכדעס אף דער וועלט. אָמיין.

— אָמיין, — כאפּט אונטער יויכעוועד. — נאט, אָט האָט איר איַך נאָך א בינטל קוויטלעך. שאַ, און וואָס איז דאָס? א טילימל צי א מאכזערל? גיט נאָר, זיַיט מויכל, א קוק.

מאטעש נעמט דאָס סייפֿערל און הייבט אָן לייענען, ניט פֿארשטייענ־דיק קיין וואָרט:

— אוווּעסי אני על קיוּרויסייכעם...

שלאָגט אים יויכעוועד באַלד איבער:

— א, כ׳ווייס שוין. ס׳איז די טפֿילע, וואָס מע זאָגט בא א צאדיק אפֿן קייווער. דאָס האָבן, קענטיק, די אינטוריסטן דאָ איבערגעלאָזט. זיי לאָזן דאָ אפֿילע אמאָל אויך איבער ליכט.

— צו וואָס נאָך ליכט?

— מע זעט גליַיך, אז איר זענט א מיסנאגיד. א כאָסיד וועט דען פֿרעגן, צו וואָס צינדט מען עס אָן ליכט אפֿן באַלשעמס קייווער און מע איז מיס־פּאלעל?

— מיַינע ביידע טעכטער מאניע און מוסיע און דער איידעם אָווסיי בען האצידקאָנ׳עס... — זעצט מאטעש פֿאָר לייענען די צעטלעך.

שלאָגט אים יויכעוועד ווידעראמאָל איבער:

— לאָזט צורו, איך בעט איַך, די שיימעס און הערט בעסער, וואָס פֿאר א שפּיצל הערשעלע סטראָפּאָליער האָט עס אָפּגעטאָן אונדזער רעב באָ־רעכלען. דער רעבע, רעב באָרעכל, זאָל האָבן א ליכטיקן גאניידן, איז אף א וויַלינקע ארויסגעגאנגען צוליב זיַינע באדערפֿענישן אין דרויסן. נעמט

הערשעלע און פארכאפּט אַף אַ ווײַלעטשקע רעב באַרעכלס שטול. אַזוי ווי ער זיצט, פאַלט אַרײַן אַ ייִדענע אַן אַקאַרע און מיט אַ יעלאָלע הימל עפן זיך: רעבע, העלפט...

— איך האָב די מײַסע שוין...

— זעלבסטפארשטענדלעך?

— יאָ, זעלבסטפארשטענדלעך, — און מאַטעש נעמט זיך ווײַטער לייע־נען, — איך, סעם באָס גערטרודע, און מײַן ווײַף...

— גאָט מײַנער, — טוט יויכעוועד אַ פּליעסקע מיט די הענט, — נו לאָזט צורו די שיימעס. אַ גערעטעניש האיאָר אַף קוויטלעך. מע האָט נאָך ניט אַרײַנגעלאָזט דעם קאָמבײַן אין ווייץ, און מע שרײַבט שוין קוויטלעך. איר ווייסט, וויפל מיר האָבן נאָך צו עלעל, ווען מע קומט אהער צו פאָרן אַף קייוועראָוועס?

זי פאַרגעסט זיך אַ רעגע, ווו זי געפינט זיך, און צעקײַכט זיך שיר ניט פון געלעכטער:

— אײַ איז עס געווען אַ הערשעלע! אָט דאָס איז געווען אַ קריטיקע מיט אַ סאַמאָקריטיקע. ער וואָלט איצט אויך ניט געזעסן אָן אַרבעט. כ׳מיין, אַז בא אײַך אין לענינגראַד וואָלט ער מיסטאמע אויך געהאַט וואָס צו טאָן, צי בא אײַך זײַנען שוין דאָרט אַלע צאַדיקים און צאַדקאַניעס? רעב מאַטוויי אַרנאָלדיעוויטש, די זון שטייט ניט, און מיר האָבן נאָך מיט אײַך צו גיין און צו גיין. איך דאַרף אײַך נאָך ווײַזן דעם בוג מיט דער פעסטונג. אַ שאָד נאָר, וואָס די פּײַערלעשער דראַפּעןן זיך הײַנט ניט אַפן לייטער. און דאָס געסל, ווו ס׳איז אַמאָל געווען דעם רעבנס הויף, האָב איך אויך נאָך אײַך צו ווײַזן...

מאַטעש האָט, נאָך גייענדיק אהער, שוין פאַרשטאַנען, אַז ביז זי וועט אים אַלץ ניט באַווײַזן און דערציילן, וועט זי אים שוין פון זיך ניט אָפּ־לאָזן. דאָך פּרוּווט ער זיך אָפּבעטן:

— מירן עפּשער אָפּלייגן די עקסקורסיע אַף אַן אַנדערשמאָל. איך פאָר דאָך נאָך מאָרגן ניט אַוועק, און איבערמאָרגן אויך ניט.

דערזען, ווי יענער נעמט אַרויס דעם טײַסטער פון קעשענע, איז יויי־כעוועד אַף אים אָנגעפאַלן:

— גאָט איז מיט אײַך. איך באַקום טאַקע ניט קיין פּענסיע, און לעמײַ, אַ קאַשע עפּעס, זאָל איך לייקענען? אַז די סקורסאַנטן מיט די טוריסטן, וואָס פאָרן אהער אָן פון דער וועלט, באַצאָלן מיר פאַר מײַן גידעס, זאָג איך זיך ניט אָפּ. איר זענט דאָך אָבער ניט קיין עסקורסאַנט, ניט קיין טוריסט, איז איינמאָל אַוועק. און צווייטנס, וואָס באַטרעפט מײַן טירכע אין פאַרגלײַך מיט דער מיצווע, וואָס איר גיט צו פאַרדינען דעם שטעטל.

קוקט אַף איר מאַטעש מיט זײַנע גרויסע גרינלעכע אויגן:

— וועגן וואָס פאַר אַ מיצווע, אייגנטלעך, רעדט איר עס?

— אַ קאַשע עפּעס, זיך מעסאַמייעך זײַן הײַנטיקע צײַטן אין אַ שטעטל אַף אַ כאַסענע פון אַ יונג פּאָרפאָלק. זעט איר אָבער, דאָרט, ווו די רומע־נער זײַנען אײַנגעשטאַנען, אין אַ מין זשמערינקע, צי אין אַ בערשאַד, אַשטייגער, דאָרטן, זאָגט מען, פּראַוועט מען, קיין אײַנהאָרע ניט, שיר

ניט יעדן שאבייסצונאכטס א כאסענע, און ביכלאל זײַנען איצט יענע שטעטלעך, זאָגט מען, נאָך מער שטעטל ווי געווען. דאָס נעמט זיך, א סוואָרע, דערפון, וואָס די רומענער האָבן בייס דער מילכאָמע אָנגעטריבן אהין זייערע ייִדן. און זייערע ייִדן זײַנען ניט דאָס, וואָס אונדזערע. זייערע שטעקן נאָך אינעם אמאָל. זיי האָבן, זאָגט מען, מיטגעבראַכט מיט זיך פון זייערע היימען דעם אמאָליקן שאבעס מיטן אמאָליקן יאָמטעוו, מיטן עסרעג, מיט... אפילע ציגן, שמועסט מען, קען מען דאָרט טרעפן ליגן און מאלעגיירען אף די גאנעקעס, אָט ווי אמאָל דאָ בא אונדז. איך בין זיי איײַך עס אלץ מויכל. נאָר דאָס, וואָס קיין בסולע ווערט דאָרט בא זיי ניט פארזעסן, אָט אף דעם, זעט איר, זײַנען מיר זיי שוין גראדע יאָ מעקאנע, כאָטש דער פארוואלטער פון אונדזער מארק, שײַע, ער איז ווכאָזש אין די הויכע פענצטער, פארזיכערט, אז אינגיכן וועלן מיר דאָ אויך פראווען כאסענעס און א סאך כאסענעס. זאָל נאָר דער בולדאָזער, זאָגט שײַע, פארקערעווען אינעם באלשעמס געסל און נעמען בויען דעם זאוואָד. איז וואָס בלײַבט, הייסט עס? מיר לייגן אָפּ די עקסקורסיע אף נאָך דער כאסענע? און ווען איז די כאסענע? טאקע דעם שאבייסצונאכטס, צי... וואָרעם כ׳האָב געהערט ריידן...

— אז וואָס?

— נו, אז אײַער מעכוטן, רעב הילעל, קלײַבט זיך זי אָפּלייגן.

— וואָס אָפּלייגן? די כאסענע? אף ווען אָפּלייגן?

— איר פרעגט בא מיר? כ׳ווייס, מיסטאם ביז מע וועט ניט פארטרײַבן דעם קעלעוו.

— וועלכן קעלעוו? — צעקאָכט זיך מאטעש. — איר קענט מיר זאָגן מיט א מויל וואָס און ווען?

פארשטייט ניט יויכעוועד, צי ער מאכט זיך, צי ער ווייסט טאקע ניט. נאָר ווי קאָן ער עס ניט וויסן, אז סע קלינגט מיט דעם דאָס גאנצע שטעטל. פרעגט זי אים פארוווּנדערט:

— אײַער מעכוטן האָט אײַך גאָרניט דערציילט וועגן דעם פאפיר מיט די כסימעס, וואָס מע קלײַבט? נו, אויב אזוי, פארשטיי איך שוין גאָרניט. ווען זענט איר אהער געקומען?

— הײַנט אינדערפרי.

— און הילעל האָט אײַך גאָרניט דערציילט?

— הערט זיך אײַן, יידענע, איר וועט מיר סאָפּקאָלסאָף זאָגן מיט א מויל, וואָס קומט דאָ בא אײַך פאָר?!

— יויכעוועד איז א גיד אף גוטע בסורעס. אף שלעכטע בסורעס איז יויכעוועד קיין גיד ניט. און צווייטנס, בין איך ניט געוווינט, מע זאָל אף מיר שרײַען. — און איז אוועק א בארויגעזע, איבערלאָזנדיק דאָ מאטעשן אליין.

די יידענע איז, אפּאָנעם, ניט מיט אלעמען, — האָט א טראכט געטאָן בא זיך מאטעש, — וואָס הייסט אָפּלייגן די כאסענע? און וואָס איז עס פאר א פאפיר מיט כסימעס, וואָס מע קלײַבט? ס׳זאָל געווען עפּעס זײַן, וואָלט דער מעכוטן אים געוויס דאָך דערציילט. א מאָדנער ייִד טאקע, דער מעכוטן זײַנער. זיך אײַנגעשפארט: איינמאָל ניין. מע זאָל די כאסענע פרא־

ווען נאָר בא אים אין שטעטל, אין מעדזשיבעזש. ער, מאטעש. האָט געמיינט, ווען ער איז אײַנגעגאנגען דערוף, אז דער מעכוטן זײַנער איז א שוואכער, צעבראָכענער שארבן, א מענטשן איז פאָרט שוין עטלעכע און אכציק יאָר, און לענינגראד איז פונדעסטוועגן היפש ווײַטלעך פונדאנען. לאָזט זיך אויס, אז הילעל איז נאָך א גאנץ קרעפטיקער מאן, און וועגן דער מעכוטענעסטע איז סטאם ניטאָ וואָס צו ריידן. זי דארף זײַן א סאך יִינגער פון אים. נו, יאָ, זי איז דאָך בא אים די צווייטע. מיילע, וועט עס קאָסטן נאָך א הונדערט קערבלעך. ס׳איז דאָך ניט לענינגראד, וואָס דער זאל אליין, ווּ ס׳איז געווען די כאסענע, האָט אָפגעקאָסט מער ווי דאָ וועט אָפקאָסטן די גאנצע שפּיל. ניין, איינגאנצן מעשוגע איז זי אָבער ניט, אָט די יויכעוועד. ער האָט טאקע באמערקט, אז דער מעכוטן איז עפּעס שטארק צעטראָגן. עפשער איז צו אים דערגאנגען, אז די כאסענע איז שוין געווען און אז אהער איז מען געקומען אָפּריכטן די שושן־כאסענע, ווי סע זאָגט מאנוס. זאָל זײַן, אז אליין דער קלעזמער זאָל עס געווען צעפּויקן? נאָר גאָרניט, מע וועט ווי־ניט־איז דורכקומען, — און מאטעש האָט זיך ווידער געשטעלט לייענען די פאנאנדערגעלייגטע קוויטלעך אף דעם באלשעמס מאצייווע, פארטראכטנדיק זיך בעשאסמײַסע, עפשער זאָל ער אויך איבערלאָזן דאָ א קוויטל. סאָפקאָלסאָף האָט ער ארויסגענומען פון קעשענע די גאָלדענע פילפעדער און אף איינעם פון די צעטעלעך צוגעשריבן, אז דער באלשעם זאָל זײַן א גוטער בעטער אויך פאר אים, מאטעשן, און פאר זײַן ווײַב, בעלען, און פאר זייער באסיעכידע, עסטערקען, און פאר דעם איידעם, ליבֿערן.

אָנגעשריבן עס, האָט ער זיך דערמאָנט, אז יויכעוועד האָט אים געזאָגט: די, וואָס לאָזן איבער א קוויטל, צינדן אָן ליכט און מע זאָגט א טפילע. ווּ וועט ער דאָ איצטער גיין זוכן ליכט? נאָר די טפילע, וואָס מע זאָגט בא א צאדיק אפן קייווער, וועט ער פונדעסטוועגן דורכלייענען. מאטעש האָט זיך אזוי פארטיפט אין דער טפילע, וואָס ער האָט מיט א ניגן אויסגעלייענט פונעם סייפערל, וועלכעס עמעצער פון די אויסלענדישע טוריסטן האָט פארגעסן צי מיט א קיוון עס איבערגעלאָזט, אז ער האָט ניט געהערט, ווי ס׳איז אָנגעקומען אלעקסיי און שטיין געבליבן בא דער נידעריק ארומגעצוימטער וואנט פון בעסאלמען.

א פארסאָפּעטער, קוים וואָס ער כאפּט דעם אָטעם, ווי מע זאָל די גאנצע צײַט זיך נאָך אים יאָגן, האָט אלעקסיי דערשראָקן זיך ארומגעקוקט, צי קיינער האָט אים ניט באמערקט. דרײַ טעג איז געבליבן ביז דער כאסענע. אָט די דרײַ טעג, האָט ער צוגעזאָגט דער שוועסטער, וועט ער זיך פון אלעמען אויסבאהאלטן. צו וואָס אָבער אָט דאָס אויסבאהאלטן זיך, אָט דאָס שלעפּן זיך, מע זאָל אים ניט זען, מיט די גערטענער און הינטערהויפן, וויבאלד מע קלײַבט זיך סײַווי אָנגעבן אף אים אין מיליציע א פאפּיר מיט אונטערשריפטן, אז מע זאָל אים דאָ ניט צושרײַבן? גיי ריכט זיך, אז אָט דער הילקע דעכעט נאָך. ער האָט אָבער פאר אים קיין מוירע ניט. מאלע וואָס ער זאָגט. זאָל ער גיין דערווײַזן. ווער מאָליעט זיך עס דאָרט? ניט הילקע? ער האָט זיי טאקע א סאך געהאָלפן, זייער באלשעם, וואָס זיי מאָליען זיך שוין ווידער צו אים...

אַלעקסיי האָט זיך שוין געלאָזט גיין ווײַטער, נאָר פּלוצעם איז ער שטיין געבליבן, ווי צוגעוואַקסן צום אָרט.

— באַטיאַ, דו? — האָט ער דערפרייט אויסגעשריִען צו דעם מיטאַמאָל בלייך געוואָרענעם מאַטעשן. — זדראַוואָ, פּרענקעל. וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר? האָסט מיך שוין ניט דערקענט?

מאַטעש איז דערשראָקן אָפּגעטראָטן אויף צוריק און מיט אַ פאַרהאַקטן אָטעם אויסגעשטאַמלט:

— ווי קומסטו אַהער?

— איך בין דאָך אַ היגער. אָבער ווי קומסטו אַהער? אָט דאָס הייסט אַ באַגעגעניש! וויפל האָבן מיר זיך מיט דיר, באַטיאַ, ניט געזען?

— שטילער, — האָט מאַטעש זיך בא אים געבעטן.

— וואָס שרעקסטו זיך אַזוי? בא דיר איז ניט קיין ריינער פּאַס? ווען האָט מען דיך באַפרײַט?

— שוין לאַנג.

— און מיך ערשט די טעג. אָפּגעזעסן פון גלעקל ביז גלעקל דעם גאַנצן סראָק. איז ווי קומסטו אַהער? וווינסט דאָ?

— ניין, איך וווין אין לענינגראַד.

— שטיי, שטיי. ניט דײַן טאַטער האָט עס כאַסענע פאַר גיליאַראָוויטשעס באַכער?

מאַטעש האָט אָנגעכאַפּט אַלעקסייען פאַר דער האַנט:

— איך בעט דיך, זאָג קיינעם ניט, אַז מיר קענען זיך. דאָ דאַרף עס קיינער ניט וויסן. איך בעט דיך.

— האַרנאָ. ניט איז ניט. באַטיאַ, — האָט אַלעקסיי, דערפרייענדיק זיך, אָנגערופן, — געדענקסט דעם מאָלדאַוואַנער פון אונדזער בריגאַדע, וועלכער האָט, ווי אַ ראַבין, געקענט די ביבליע אויף אויסווייניק. געדענקסט? ווי נאָר עפּעס, פלעגט ער באַלד זאָגן: אייַין טאַכאַס אייַין, און אויג פאַר אַן אויג. איז אָט וואָס, באַטיאַ. קיינער וועט ניט וויסן, ווער דו ביסט און וואָס דו ביסט, אָבער מיט איין באַדינג: רייד זיך דורך מיט דײַן מעכוטן, אַז מע זאָל מיך לאָזן צורו, ניט אָנגעבן דעם פּאַפּיר אין מיליציע. זיי קלײַבן אונטערשריפטן, אַז מע זאָל מיך דאָ ניט צושרײַבן.

— גוט, גוט, איך וועל זיך מיט אים דורכריידן, נאָר גיי אַוועק.

— מיין ניט, באַטיאַ, אַז וועסט מיך אָפּנאַרן. אייַין טאַכאַס אייַין.

— „אייַין טאַכאַס אייַין, אייַין טאַכאַס אייַין...“, — האָט מאַטעש אויפגערעגט אים איבערגעקרימט, — וואָס שרעקסטו מיך? איך האָב פאַר דיר קיין מוירע ניט. דער מעכוטן מײַנער ווייסט, אַז איך בין געזעסן.

— און ער ווייסט אויך פאַר וואָס דו ביסט געזעסן?

— קיינער פרעגט איצט ניט, פאַר וואָס איז מען געזעסן. מע ווייסט אַליין.

— מע ווייסט אַליין, זאָגסטו? און אַז דו ביסט געווען דער נאַטשאַלניק פון דער ייִדישער פּאָליציי אין געטאָ און אונדז געהאָלפן אַרײַנטרײַבן די ייִדן אין די וואַגאָנען...

— איך האָב ניט געוווּסט, וווהין מע פירט זיי אַרויס.

— און וווהין טוט מען אהין די קינדער, האָסטו אויך ניט געוווּסט? עפּשער דערמאָנען דיר, ווי דו ביסט אומגעגאַנגען מיט מיר איבער דער געטאָ און געהאָלפן זוכן די אויסבאהאַלטענע קינדער? צי עפּשער ווילסטו, איך זאָל דיר דערמאָנען...

ביידע האָבן ניט באַמערקט, ווי ס'איז אָנגעקומען הילעל. דערזען אים, האָט אַלעקסיי אַרײַנגעצויגן דעם קאָפּ אין די אַקסלען און איז האַסטיק אוועק.

— וואָס האָט דאָ געטאָן דער רעצייעך, יִמַח שמוֹ וְזִכרוֹ?

— וועגן וועמען פרעגט איר עס, מעכוטן?

— וועגן אַליאָשקען.

— אַליאָשקע? וואָס פאַר אַליאָשקע? אַך, אָט דער, וואָס איז נאַרוואָס פונדאַנען אוועק. כ'זאָל אַזוי וויסן פון אים. געבעטן בא מיר פאַרייכערן.

— און איר האָט אים געגעבן?

— איך רייכער דאָך ניט.

— איר זאָלט וויסן זײַן, אַז ער איז אין כײַרעם, און דער, וואָס ווייסט עס און וועט האָבן מיטן גאַזלען וועלכע־ניט־איז מאַגע־מאַסע, וועט שטיין אין זײַנע דאַלעדאַמעס, איז אַף דעם פאַלט אויך די קלאָלע, מיט וועלכער איך האָב אים פאַרשאָלטן.

ווי מוירע האָבנדיק, אַז אַלעקסיי קאָן דאָ נאָענט ערגעץ שטיין און אים אונטערהערן, האָט מאַטעש זיך אָנגערופן מיט אַ פאַרדומפּן קאָל:

— ברענט ער אַפּן פײַער. יויכעוועד, דער גיד אײַערער, האָט מיר יאָ עפּעס אָנגעהויבן דערציילן, נאָר אַלץ אַזוי פאַרשטעלט, מיט אַ האַלבן מויל. כ'ווייס, עפּעס אַ פּאַפּיר, זאָגט זי, כסימעס, מיליציע, גיי שטויס זיך אָן. איצט פאַרשטיי איך. דאָס איז אַף אים, הייסט עס, קלײַבט איר זיך אָנגעבן אַ פּאַפּיר, מע זאָל אים ניט צושרײַבן. און ווי איז בא אים מיקויעך דעם פּאַספּאָרט, כ'מיין, וואָס פאַר אַ פּאַס האָט ער?

— דאָס איז דאָך עס, וואָס בא אים איז דער זעלבער פּאַס, וואָס בא אונדז אַלע. אַ רײנער.

— אויב אַזוי, מעכוטן, וועט אײַך די מיליציע מיט גאָרניט העלפן. ס'איז ניטאָ אַזאַ דין, מע זאָל אים ניט צושרײַבן. אומזיסט די גאַנצע טיר־כע. און ווײַבאַלד ער איז נאָך אַזאַ גאַזלען, ווי איר זאָגט, איז גלײַכער זיך מיט אים ביכלאַל ניט פאַרפּירן. פאָלגט מיך, מעכוטן, גלײַכער שווײַגן.

מאַטעש האָט אומבאמערקט אַראָפּגעשאַרט פון דער מאַצייווע די קוויט־לעך און ווידער געגומען דערווײַזן הילעלן, אַז דאָס אָפּגעבן דעם פּאַפּיר מיט די כסימעס וועט גאָרניט העלפן, ווײַל ס'איז ניטאָ אַזאַ געזעץ, מע זאָל דעם אַליאָשקען ניט צושרײַבן. גערעדט האָט מאַטעש וועגן דעם שוין הויך, עס זאָל דערגיין צו אַליאָשקען, אויב ער הערט זיך דאָ ערגעץ אונ־טער.

הילעל האָט אים איבערגעשלאָגן:

— איז זאָל מען אַרויסגעבן אַזאַ דין! אַרויסגעבן אַן אוקאַז, אַז די ראָצכים טאָרן זיך ניט אומקערן צוריק אַהין, ווו זיי האָבן געגאַזלט און געמאָרדעוועט. אויב דאָ וועט ניט העלפן, וועלן מיר דעם פּאַפּיר מיט די כסימעס אוועקשיקן קיין מאָסקווע. מיר וועלן ניט רוען.

— דאָס, זעט איר, — האָט מאטעש לײַכט אָפּגעעטעמט, — איז שוין גראד עפּעס אנדערש. איך אף אײַער אָרט װאָלט גאָר אין דער היגער מיליציע ניט געגאנגען. איך װאָלט לעכאטכילע אָפּגעשיקט דעם פּאפּיר גלײַך קײן מאָסקװע, װאָרעם דאָ, זאָג איך אײַך אפּריִער, װעט עס גאָרניט געבן. פּאָלגט מיך.

ארױסגעגאנגען מיט הילעלן פון בעסאלמען, האָט מאטעש געפרעגט:

— װוּ זײַנען עס די קינדער?

— שפּאצירן ארום. אײַער עסטערקע איז דאָך נאָך קײנמאָל ניט געװען אין קײן שטעטל, איז װיל זי אלצדינג זען. יאָ, איך זאָל ניט פארגעסן. רעב מאנוס איז נאָרװאָס געקומען פון לעטיטשעװ. ער דארף אײַך, זאָגט ער, נײטיק זען. דאָס בין איך אײַך טאקע, אײגנטלעך, געגאנגען זוכן.

— ס׳הײבט זיך שױן אָן.

— װאָס הײבט זיך אָן? — האָט הילעל ניט פארשטאנען.

— איר פארשטײט דען אלײן ניט? אײַערע לעטיטשעװער הינקענדיקע קלעזמער בעטן שױן מיסטאמע א נאדבאװקע.

הילעל איז אָפּגעטראָטן פון אים, װי ער װאָלט מיטאמאָל דערזען פאר זיך אן אנדער מענטשן.

— זאָגט עס ניט, מעכוטן. אונדזער אױלעם איז דאָ אזא: קאָלזמאן מע דינגט זיך, דינגט מען זיך, נאָר האָט מען זיך באדונגען, איז מעג נאָכדעם דונערן און בליצן. א װאָרט איז א װאָרט. רעב מאנוס איז געקומען גאָר װעגן עפּעס אנדערש. נאָך דאָװידקען איז ער געקומען.

— נאָך װעלכן דאָװידקען?

— נאָך באָרעך דעם פאָטאָגראפס אײניקל. טאָמער װעט מען אף די דרײַ טעג, װאָס זײַנען פארבליבן ביז דער כאסענע, ניט אָפּלאָזן דאָװידקען קײן לעטיטשעװ, װעט מען מוזן אראָפּברענגען די לעטיטשעװער קלעזמער אהער און דאָ מיט זײ אײַנקנעלן. אָן דאָװידקען, זאָגט אײַער מאנוס, קאָן ער זיך ניט באגײן. ער פעלט אים שטארק אױס. א כאסענע אָן אן אקאָר־דעאָן הײַנטיקע צײַטן, זאָגט ער, איז פונקט װי אמאָליקע צײַטן א קאפּעליע אָן א פידל.

— װיבאלד עמאנויִל דאנילאָװיטש זאָגט, איז װײסט ער װאָס ער זאָגט. איר מעגט מיר גלײבן, ס׳האָט מיך גענוג אָפּגעקאָסט אים אראָפּברענגען אהער. איז קומט, מעכוטן, מירן נעמען מאנוסן און גײן צו אײַער פאָטאָ־גראף. װי הײסט ער דאָרט?

— באָרעך הײסט ער. איך סאָפּעק זיך נאָר, צי װעט ער אים אָפּלאָזן, דאָװידקען. פאָרט דאָך א קינד.

— נײן? איז זאָלן אײַערע לעטיטשעװער קומען אהער. מײלע, אזױפיל געקאָסט, װעט עס מיך קאָסטן נאָך.

די מידקײַט פון אומשלעפן זיך קימאט א טאָג אף דער היץ איבערן שטעטל האָט זיך אָפּגעטאָן פון עסטערן, װי נאָר ליבער האָט מיטן ארופּ־באַרגיקן געסל זי ארױסגעפירט אף דער לאָנקע און זי האָט דערזען פאר

זיך דעם ברייט־פּאַנאַנדערגעגאָסענעם בוג און די ווינטמילן באַם האָריזאָנט אין פֿלאַם פֿון דער פֿאַרגייענדיקער זון.

— עסטערל, — האָט דער וווּקסיקער און קרעפּטיקער ליבער געפֿרעגט, קושנדיק זי אין די העל־בלויע אויגן, — ביסט צופֿרידן, וואָס ביסט אַהער געקומען?

— זייער. איך בין דאָך נאָך קיינמאָל ניט געווען אין קיין שטעטל. זע, מילאַן, ווי שיין ס'פֿאַרגייט דאָ באַ אײַך די זון. דער הימל איז איצט דאָ אַזאַ, ווי וואָלסט אַף אים קוקן דורך אַ קאָלירטן גלאָז. איך וואָלט אַזוי געשטאַנען און געקוקט, געקוקט און געקוקט. מירן יעדן זומער קומען אַהער צו פֿאָרן. יאָ, מילאַנטשיק?

— יאָ, עסטערל, יעדן זומער. מײַן טאַטע מיט דער מאַמען וועלן זײַן זייער צופֿרידן...

— פֿאַרוואָס איז דײַן טאַטע אַזוי פֿאַרזאָרגט?

— דאָס ווײַזט זיך דיר אויס. ער איז פּאַשעט מיד פֿון גרייטן זיך צו דער כאַסענע. דאָס גאַנצע שטעטל איז דאָך פֿאַרבעטן. און פֿונעם קאָלווירט האָט מען אויך קימאַט אַלעמען אײַנגעלאַדן.

— צוליב וואָס?

— אַזוי איז שוין דאָ באַ אונדז אײַנגעפֿירט. שטעלסט זיך פֿאָר, וויפֿל דײַגעס ס'האָט פֿון דעם מײַן טאַטע. און ער איז דאָך שוין ניט קיין יונגער. איך האָב זייער ליב מײַנע עלטערן, כ'האָב זיי אַזוי ליב, אַז איך קאָן עס דיר גאָרניט איבערגעבן.

— און מיך?

— דיך? — ליבער האָט זי שטײַף צוגעדריקט צו זיך און געשעפּטשעט איר אין אויער. — מײַן ליבע, ליבע עסטערל.

— מײַן ליבער, ליבער ליבער, — און זי האָט זיך הילכיק צעלאַכט.

— כ'פֿאַרשטיי ניט, פֿון וואָס דו לאַכסט?

נאָר עסטער האָט ניט אופֿגעהערט קוועלן:

— ניין, דו הער זיך נאָר גוט אײַן: מײַן ליבער ליבער. עס קלינגט דאָך ניט. און ליבער מילאַנטשיק קלינגט. דײַנע עלטערן זײַנען ניט באַרויגעז, וואָס איך האָב דיר איבערגעמאַכט דעם נאָמען פֿון ליבער אַף מילאַן? יאָ, פֿאַרוואָס האָט דײַן טאַטע אַזוי געוואָלט, אַז דו זאָלסט מיך פֿירן ווײַזן דעם באַלשעמס קייווער?

— אַמאָליקע יאָרן, דערציילט מײַן טאַטע, פֿלעגן כאָסן־קאַלע פֿאַר דער כאַסענע...

— באַ אונדז איז דאָך שוין אָבער געווען די כאַסענע.

ליבער האָט זיך ארומגעקוקט און שטיל געזאָגט:

— קיינער טאָר דאָ וועגן דעם ניט וויסן.

— באַ דיר זײַנען, זע איך, אַלטמאָדישע עלטערן.

— זיי זײַנען אָבער זייער גוטע, ערלעכע מענטשן. זיי האָבן אַזאַ פֿאַר־דראָס, וואָס דײַן מאַמע איז ניט געקומען.

— ווי האָט זי געקאָנט פֿאָרן נאָך אַזאַ שווערן האַרצשלאַג? זאָג מיר, מילאַנטשיק, באַלשעם איז אַזאַ פֿאַמיליע?

— נייך. באלשעמטאָוו הייסט א מענטש, וואָס לאָזט נאָך זיך איבער א גוטן נאָמען. דער עמעסער נאָמען זײַנער איז געווען יִסראָעל. ווייסט, וויפל יאָר ס׳איז שוין אוועק, זינט ער איז געשטאָרבן? צוויי הונדערט יאָר, אויב ניט מער, און מע האָט אים ניט פארגעסן. אזוינס דארף מען פאר־דינען.

— און מיט וואָס האָט ער עס פארדינט?

— מיט זײַן גוטסקײַט, זאָגט מײַן טאטע, מיט זײַן ליבע צו מענטשן. מע דערציילט, אז מיט א צײַט נאָך פאר דעם, ווי ער האָט זיך באזעצט בא אונדז אין מעדזשיבעזש, פלעגט ער ארומגיין איבער די דערפער און שטעטלעך און היילן קראנקע מיט קרײַטעכצער, מיט א גוט וואָרט, און דערמיט זיך פארדינט דעם נאָמען באלשעמטאָוו, און ניט נאָר בא יִידן.

— ער איז דאָך אָבער געווען א רעליגיִעזער.

— אוואדע איז ער געווען א רעליגיִעזער. דאָס איז דאָך אָבער געווען מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק. ער איז אפילע געווען א כאָסיד.

— און וואָס הייסט א כאָסיד?

— א כאָסיד הייסט א פרומער. נאָר דער באלשעם איז געווען גאָר אן אנדערער. וועסט פרעגן דעם טאטן מײַנעם, וועט ער דיר דערציילן. ער ווייסט א סאך מײַסעס וועגן אים, קען אפילע עטלעכע זײַנע ניגונים.

— ניגונים?

— דער באלשעם זאָל געווען לעבן איצט, וואָלט ער, קאָן זײַן, גאָר גע־וואָרן א קאָמפאָזיטאָר. און א גרויסער קאָמפאָזיטאָר. בא אים זײַנען אזעל־כע הארציקע מעלאָדיעס.

— און דו קענסט זיי?

— איך קען נאָר די, וועלכע דער טאטע מײַנער זינגט בא דער ארבעט.

— זינג זיי מיר אויס. נו, איך בעט דיך.

דער שטילער בענקענדיקער ניגן, וועלכן ליבער האָט, ארומשפאצירנ־דיק מיט עסטערן איבער דער לאָנקע, פארצויגן, איז איר מיט עפּעס גע־ווען באקאנט. זי האָט נאָך אָבער ניט געקאָנט זיך אלץ דערמאָנען, ווו האָט זי פונדעסטוועגן געהערט אָט די מעלאָדיע. אָט האָט זיך איר געדאכט, אז זי האָט די מעלאָדיע געהערט שפּילן ערגעץ אף א קאָנצערט צי אף א פלאסטינקע, און אָט האָט זיך איר אויסגעדאכט, אז זי האָט די דאָזיקע מעלאָדיע געהערט דאָ נעכטן אָוונט, זיצנדיק מיט ליבערן אפן גאנעק. עס האָבן זי געזונגען עטלעכע שטימען אף יענעם ברעג טײַך.

## ה

בא דעם ארומגעצאַמטן דענקמאָל לעבן וואלד איז אף א שטאם פון אן אָפּגעזעגטן בוים געזעסן הילעל, די אויגן געווענדט צו דער ווײַט, — קענ־טיק, ער האָט אף עמעצן ארויסגעקוקט. נאטאליע פּעטראָוונע, וואָס איז א ווײַלע פריִער געקומען אהער צו גיין, איז געשטאנען אנטקעגן אים, ווי א שאָליעך, און געדולדיק געווארט, ער זאָל איר מיט עפּעס ארויסווײַזן, אז זי קאָן אָנפאנגען דערציילן. און וואָס אים צו דערציילן האָט זי געהאט: ניט נאָר דאָס שטעטל — קימאט דער גאנצער קאָלווירט זייערער האָט זיך

געכאסמעט אונטערן פאפיר, וואָס זי האָט הײַנט אינדערפרי אָפגעטראָגן אין מיליציע. מעגלעך, אַז הילעל ווייסט שוין דערפון, נאָר דאָס, וואָס איז געווען נאָכדעם, ווייסט ער דאָך זיכער ניט.

און דאָס איז זי אים געקומען דערציילן. נאָר פריִער פֿון אַלץ, פאַרשטייט זי, וויל ער מיסטאמע, זי זאָל אים זאָגן, פונוואַנען האָט זי געוווּסט, אַז זי וועט אים געפינען דאָ.

— אײַער שיפרע האָט מיר געזאָגט, אַז איך וועל אײַך דאָ טרעפן. דאָס גיי איך פון דער מיליציע.

הילעל האָט אופגעהויבן אַף איר די אויגן, ווי געגעבן דערמיט א צייכן, אַז ער הערט זי, און נאַטאַליע פעטראָוונע האָט פאָרגעזעצט:

— דערלאַנגט אים, דעם נאַטשאַלניק פון אונדזער מיליציע, יאַראָסלאַוו ניקאָלײַעוויטשן, דעם פאַפיר, האָט ער עס דורכגעלייענט און גאָרניט. שווײַגט. איך רייד צו אים, און ער שווײַגט. וויל איך זיך אופהייבן און אוועקגיין, וואָרעם וואָס האָב איך צו ריידן מיט א מענטשן, וועלכער שווײַגט. לאָזט ער מיך אָבער ניט. הערט זשע ווײַטער. מיטאַמאָל גיט ער זיך א הייב אוף, זעצט מיך אַרײַן צו זיך אין דער מאַשין, און מיר קומען ביידע צו פאָרן אַהער. עפשער א שאָ אַפן זייגער איז ער אָפגעשטאַנען אָט אָ־דאָ בא דעם דענקמאָל, געשטאַנען ווי א סאָלדאַט אַף דער וואַך און געשוויגן. ערשט צוריקוועגס, אַז מיר זײַנען געפאָרן, רופט ער זיך צו מיר אָן: „מעדזשיבעזש איז טאַקע ניט מאָסקווע, ניט לענינגראַד, ניט קיִעוו, בא אונדז אין מעדזשיבעזש שרײַבן מיר צו יעדן איינעם. אײַער ברודער, ווי איר ווײַזט אָן אין דער מעלדונג, האָט א פאַספאָרט, ווי אַלע, און מיט אַזא פאַספאָרט מוז מען צושרײַבן. מע מוז, אָבער מיר וועלן אים ניט צושרײַבן. איך האָב דערוף עפשער קיין רעכט ניט, נאָר איך נעם עס אַף זיך. גיט איבער אײַער ברודער, ער זאָל גלײַך קומען צו מיר צו גיין”. ווען איר זאָלט וויסן, סאַראַ פאַכדן דער בראַטאַק מײַנער איז. אַלע אויסוורפן, קענטיק, זײַנען פאַכדאָנים, שרעקלעכע טרוסן. איר האָט אים געדאַרפט זען, ווען ער האָט זיך אומגעקערט פון דער מיליציע. גאָר ניט דער אַלעקסיי. אין דער מיליציע, דאַרף מען זיך פאָרשטעלן, האָט ער ניט געפאָכט מיטן פאַספאָרט און געשריִען: „קיינער קאָן מיר ניט אָנווײַזן, ווו זיך צו באַזעצן! ווו איך וויל, דאָרט וועל איך וווינען!”. יאַראָסלאַוו ניקאָלײַעוויטש האָט אים געגעבן אכט און פערציק שאָ. איבערמאָרגן אין דער צײַט וועט זײַן געדעך דאָ שוין ניט זײַן. און איר קענט רויִק פראַווען די כאַסענע.

הילעל האָט זיך אופגעהויבן:

— ס'איז אויס כאַסענע, נאַטאַליע פעטראָוונע.

— גאָט איז מיט אײַך. איר גלייבט, וואָס דער אויסוווּרף אַליאָשקע האָט אָנגערעדט אַף אײַער מעכוטן? דער הונט האָט פּאַשעט געוואָלט פאַרשטערן אײַך די סימכע, האָט ער אויסגעטראַכט, אַז אײַער מעכוטן איז געווען אין געטאָ א נאַטשאַלניק פון דער פּאָליציע און דערפאַר האָט מען אים נאָך דער מילכאָמע פאַרמישפּעט און אַז ער איז געזעסן מיט ליאָשקען אין איין לאַגער. געפונען וועמען צו גלייבן. איר פאַרשטייט דען אַליין ניט, אַז דאָס האָט דער הונט, אַליאָשקע, אַלץ אויסגעטראַכט, קעדיי זיך

אָפּרעכענען מיט אײַך פֿאַרן פּאַפּיר, וואָס מיר האָבן אױף אים אָנגעגעבן. מיט מיר, זאָגט ער, וועט ער זיך באַזונדערס אָפּרעכענען. געפֿונען וועמען צו גלייבן.

— און אויב ס'איז עמעס? און אויב ס'איז עמעס אָט דאָס, וואָס אליאָשקע האָט דערציילט וועגן אים? — באַ הילעלן האָט זיך ווי געביטן די שטים. — אַלע טויטן זײַנען דאָך דעמלט פֿאַר אים וויניק! ער פֿלעגט, דערציילט אליאָשקע, העלפֿן די דײַטשן זוכן אין געטאָ די אויסבאַהאַלטענע קינדער.

— און איר גלייבט? קאָן דען אַזעלכעס געמאָלט זײַן? ער איז דאָך אויך אַ ייִד.

— און אַז אַ ייִד, איז וואָס? — האָט הילעל אויסגעשריִען. — דערפֿון אַליין, וואָס ער איז אַ ייִד, איז נאָך ניט אַלץ געדרונגען! פֿאַראַן אַלערליי מענטשן, נאַטאַליע פּעטראָוונע. איך בין אויך אַ שטיקל צײַט געווען אין געטאָ, ווייס איך, וואָס איז אַזוינס אַ יודנראַט, ייִדישע פּאָליציי, בײַפּראַט נאָך אַ נאַטשאַלניק פֿון פּאָליציע. כ'ווייס, וואָס איר וועט מיר זאָגן. ניט אַלע זײַנען געווען אַלציינס. געווען דאָך צווישן זיי אויך לײַטישע מענטשן. עמעס, איך ווייס עס. ס'זײַנען אָבער געווען צווישן זיי אויך אַזעלכע, פֿאַר וועמען ס'איז נאָך ניט באַשאַפֿן געוואָרן די שטראָף, וואָס זיי האָבן פֿאַרדינט. פֿאַרשאָלטן זאָל זײַן זייער נאָמען לעוילאָם וואָעד.

נאָר נאַטאַליע פּעטראָוונע האָט זיך אַלץ ניט אונטערגעגעבן. געפּרווט פֿאַרענטפֿערן מאַטעשן:

— כ'האָב אָבער געהערט זאָגן, — האָט זי זיך פֿאַר אים אײַנגעשטעלט, — אַז אײַער מעכוטן איז בײַס דער מילכאָמע גאָר געווען אַ פּאַרטיזאַן, און אַז געזעסן איז ער גאָר פֿאַר עפּעס אַנדערש.

אױף דעם האָט הילעל איר געענטפֿערט:

— האַלעוואַי זאָל עס זײַן אַזוי, נאָר ביזוואַנען איך וועל ניט דערגיין דעם עמעס, וועל איך זיך מיט אים ניט מעשאַדעך זײַן. טאָמער איז עמעס אָט דאָס, וואָס אײַער ברודער דערציילט, וועל איך אַליין אָנשרײַבן צו דעם לענינגראַדער נאַטשאַלניק פֿון דער מיליציע, אַז ער זאָל מאַטעשן אַרויסטרײַבן פֿון דאָרט. מיט וואָס, זאָגט מיר, נאַטאַליע, איז ער דעמלט בעסער פֿון אליאָשקען? אויב איר ווילט וויסן, איז ער ערגער, יאָ, ערגער!

— ווי קאָנט איר, גיל'יאַראָוויטש, צוגלײַכן אײַער מעכוטן צו ליאָשקען דעם גאַזלען? נו, זאָל זײַן, אַז ער האָט טאַקע געדינט אין דער ייִדישער פּאָליציי. וואָס האָט ער נעבעך געזאָלט טאָן, אויב די דײַטשן האָבן אים דערצו געצוווּנגען?

— פֿאַרוואָס אָבער האָבן די היטלעריסטן אויסגעקליבן גראָדע אים און ניט קיין אַנדערן? די ראָצכים האָבן געוווּסט וועמען צו מאַכן פֿאַר אַ סטאַראָסטע און וועמען פֿאַר אַ פֿאָרזיצער פֿון יודנראַט, פֿאַר אַ נאַטשאַלניק פֿון דער פּאָליציי.

זי האָט אויך אױף דעם געפֿונען מיט וואָס צו ענטפֿערן, נאָר שוין ניט אַזוי זיכער אין זיך, ווי פֿריִער:

— צווישן די סטאַראָסטעס זײַנען דען ניט געווען אַזעלכע, וואָס האָבן ניט געטאָן קיין בייז, געהאָלפֿן מענטשן?

— איז עפשער אין זכוס פון די זיבעציק לײַטישע סטאַראָסטעס, — האָט הילעל אויסגעשריִען, — זאָל איך מויכל זײַן אליאָשקען?! צי עפשער זאָל איך אין זכוס פון די זיבעציק צאַדיקים, פון די זיבעציק לײַטישע יודנ־ראַטלער און ייִדישע פּאָליציִאַנטן מויכל זײַן די רעשאָיִם דאָס בייז, וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן מיט זייערע ברידער אין געטאָ?!

דערהערט עס, האָט נאַטאַליע אים דערמאָנט, אַז די ייִדישע פּאָליציִאַנטן האָבן געהאַט דעם זעלבן סאָף, וואָס אַלע ייִדן.

— איז דערפאַר דאַרף מען זיי מויכל זײַן דאָס שלעכטס, וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן באַם לעבן? — האָט הילעל דערצאָרנט געפרעגט. — און ווען מע זאָל אליאָשקען געווען פאַרמישפּעטן צום טויט, וואָלט דערפון קלענער געוואָרן זײַן שולד? ניטאָ, נאַטאַליע פּעטראָוונע, די שטראָף פאַר אַזעלכע, ווי ליאָשקע און מאַטעשע. דער געריכט איבער זיי האָט זיך נאָך ניט גע־ענדיקט און וועט זיך ניט ענדיקן, קיינמאָל ניט!

— גאָט מײַנער, — נאַטאַליע האָט נאָך אַלץ ניט געקאָנט עס באַ־גרײַפן, — ווי קאָנט איר פאַרגלײַכן מאַטעשן צו אליאָשקען?

— און אַז די ייִדן אין געטאָ פלעגן אַזעלכע, ווי מאַטעשן, פאַרמיש־פּעטן צום טויט און זיי טייטן, דאָס ווייסט איר?

נאַטאַליע פּעטראָוונע האָט זיך פאַרטראַכט, זאָגן, צי ניט זאָגן, און ענדלעך זיך אָנגערופן:

— אליאָשקע האָט הײַנט אַ גאַנצן פרימאָרגן זיך געריסן גיין צו אײַך. כ׳ווייס ניט צוליב וואָס, איך האָב אים אָבער ניט געלאָזט.

— כ׳זאָל פון אים עפשער דעם כיירעם אַראָפּנעמען? — און שיר ניט אין דער זעלבער רעגע, ווי ער זאָל מוירע האָבן, אַז ער קאָן פאַרשפּעטיקן, אַ זאָג געטאָן צו זיך. — וואַרט! באַלד דאַרף קומען אהער מאַטעשע. איז עפשער... — ער איז געשטאַנען אַ ווײַלע אין פאַרלעגנהײַט און דער־נאָך זיך געווענדט צו נאַטאַליען. — זאָל ער קומען. אָט אהער זאָל ער קו־מען. זאָגט אים, ער זאָל זיך דאָ ערגעץ אויסבאַהאַלטן הינטער אַ בוים און וואַרטן, ביז מע וועט אים ניט אַ רוף טאָן.

— אהערצו, גיליאַראָוויטש, האָב איך מוירע, וועט ער ניט וועלן קו־מען. ער איז אַ טרוס.

— איז זאָגט אים, אויב ער וועט באַלד אהער ניט קומען, הייסט עס, אַז אַלץ, וואָס ער האָט אָנגעדערציילט, איז ליגן, שעקער וועקעזוו. גאָלער ליגן.

— וואָס דען, ניט קיין ליגן? זיכער, אַ ליגן. אָט וועט איר זען.

אַז נאַטאַליע פּעטראָוונע איז אוועק, האָט הילעל זיך געכאַפּט, אַז ער זוכט, דאַכט זיך, אויך שוין, ווי אָט די שטילע גוטהאַרציקע פרוי, אַ זכוס אַף צו לינדער מאַכן די שולד פון דעם, וועלכער האָט געקאָנט, ווען ניט אליאָשקע, ווערן זײַנער, הילעלס, אַ קאָרעוו. נאָר ניין. ביז דער עמעס וועט ניט אַרויף, ווי בוימל אַפּן וואַסער, וועט ער ניט דערלאָזן די כאַסענע. ער טאָר עס ניט דערלאָזן.

דערזען אָנקומען יוזנען מיטן געפּאַקטן טאַלעס־זעקל אונטערן אָרעם, אַף וועמען ער האָט די גאַנצע צײַט דאָ אַרויסגעקוקט, האָט הילעל געלאָזט

זיך אים אנטקעגן, פּונקט ווי יוינע זאָל אים געוועזן טראָגן דעם ענטפער, וועלכן ער, הילעל, זוכט און קאָן ניט געפינען.

— איר האָט אַלץ פאַרכאַפּט?

— דאַכט מיר, אַז אַלץ, — האָט יוינע געענטפערט, פאַנאַנדערבינדנדיק דאָס אָנגעפּאַקטע טאַלעס־זעקל. — באַלד וועלן דאָ אַלע זײַן. שיפרע אײַערע אויך.

— איך האָב דאָך אײַך געבעטן, יוינע, עס זאָל דערווײַל בלײַבן א סאָד.

— און וועמען האָב איך עס, כאַלילע, צעפּויקט? א מענטשן, רעב הילעל, וואָס איז געוועזן אַף דער מילכאָמע, דאַרף מען, דאַכט זיך, ניט לערנען, ווי צו האַלטן א סאָד.

— איז פונוואַנען האָט זיך שיפרע עס דערוווּסט?

— און ווי האָב איך געקאָנט עס פון איר אויסבאַהאַלטן, אויב איך בין אַרײַן צו אײַך אין שטוב און גענומען פּאַקעווען אינעם טאַלעס־זעקל דעם גאַנצן אָמעד, אַזוי צו זאָגן, איבערגעלאָזט דאָרט, דאַכט זיך, נאָר דאָס סייפערטוירעלע. איך האָב דאָך געמוזט איר זאָגן, וווהין פאַרנעם איך עס אַלץ.

— טראַכט מען עפּעס צו.

— זאָלט איר מיר מײַריך־יאָמים זײַן, רעב הילעל. וואָדען, כ׳האָב ניט צוגעטראַכט? איך האָב איר איבערדערציילט די זעלבע מײַסע, וואָס דעם מעכוטן אײַערן, אַז אַזוי און אַזוי, אַז באַ אונדז, מעדזשיבעזשער, איז קלוימערשט פון קאַדמוינים אָן אײַנגעפירט, אַז צוויי טעג פאַר דער כאַ־סענע פירט מען כאָסן־קאַלע בענטשן. זאָגט מיר אײַער שיפרע: „נו, און איך ווו בין? וואָס בין איך מײַן ליבערקען, כאָלילע, קיין מאַמע ניט?״

— נו, און וואָס האָט ער דערויף געענטפערט, ווען איר האָט עס אים געזאָגט?

— דער מעכוטן אײַערער? א טרוקענער פאַרשוין. יאָ בענטשן, ניט בענטשן. ס׳איז אים, זאָגט ער, נאָר פריקרע, וואָס עפּעס אָפּן הייליקן אָרט, ווו די קאָרבאָנעס ליגן? האָב איך אים דערויף געענטפערט, אַז אַזוי איז אײַער ראָצן און אַן עלטערן מענטשן מוז מען נאָכגעבן. אָט, זאָג איך, האָט איר אים דאָך נאָכגעגעבן, געקומען פון לענינגראַד פאַרוועזן דאָ די כאַסענע.

הילעל האָט זיך אומגעקוקט און פאַרטרויט יוינען:

— יענער וועט אויך באַלד קומען אַהער.

— ווער? — האָט יוינע ניט פאַרשטאַנען.

— דער גאַזלען, יִמאַך שמוֹי.

— אַליאָשקע?

— ער וועט זיך דאָ אויסבאַהאַלטן הינטער א בוים, ביז מירן נאָך אים ניט שיקן. איך וועל אײַך געבן, רעב יוינע, א צייכן, ווען אים א רוף טאָן.

— און איר גלייבט, רעב הילעל, אַז ער וועט קומען?

ענטפערן אים אַף דעם האָט הילעל שוין ניט באַוויזן. ס׳האָבן זיך דער־הערט אין דער נאָענט עטלעכע שטימען.

צוגעקומען צום דענקמאָל, איז שיפרע א פאַל געטאָן צו אים מיט א יעלאָלע:

— אוי, טײַערע טאַטע־מאַמע מײַנע, ליבינקע שוועסטערלעך מײַנע!

עסטער האָט אוועקגעלייגט באַם צופוסנס פונעם דענקמאָל דעם בוקעט פעלד־בלומען און אַרומגעכאַפּט שיפרען. שלינגענדיק אין זיך די טרערן, האָט זי געגנומען זי באַרויִקן.

— לאָזט איר זיך אויסקלאָגן, — האָט זי אָפּגעשטעלט הילעל, — זי האָט, ראַכמאָנע־ליצלאָן, געגנוג וועמען דאָ צו באַקלאָגן.

שטייענדיק אויף די קני, די הענט פאַרהויבן צום הימל, האָט שיפרע זיך אויסגעטײַנעט:

— פאַרוואָס? פאַרוואָס, טאַטע־פאָטער?!

— אים, מעכוטענעסטע, פרעגט מען ניט, — מאַטעש האָט געהאָלפן שיפּ־רען אופשטיין. — איר וועט מיט אײַער וויינען זיי שוין צוריק לעבעדיק ניט מאַכן. איר זײַט באַ אים ניט קיין באַסיעכידע.

— צאָראַס ראַבים כאָצי נעכאָמע, די צאָרעס פונעם קלאַל איז אַ האַלבע טרייסט פאַרן יאָכיד, וועט איר זאָגן, — איז מיט געצאַמטע טריט צוגע־גאַנגען צו מאַטעשן הילעל. — ניין! פון דעם, וואָס דאָ אין גרוב ליגט אויס־געשאָכטן קימאַט דאָס גאַנצע שטעטל, און שיפרע איז, ווי איך, פאַרבליבן איינינקע אליין פון אַ גאַנצער מישפּאָכע, איז איר... ניין! צאָראַס ראַבים איז פאַר דעם יאָכיד קיין טרייסט ניט!

— איך זאָג דען? נאָר וואָס האָט מען געקאָנט מאַכן, אַז ס׳איז געווען אַ גזאַר מין האַשאָמאַיִם. דער מענטש, מעכוטן, איז דאָך ניט באַ זיך אין די הענט. אַדוישעם נאָסן...

— כ׳וויים, כ׳וויים, — האָט הילעל אים איבערגעשלאָגן, — אַדוישעם נאָסן, אַדוישעם לאָקאַך. ער, הייסט עס, האָט געגעבן, און ער, הייסט עס, האָט צוגענומען. אויף אים, הייסט עס, וואַרפט אַרויף די שולד פאַר אַלץ, אויף אים! נו, און ער, פרעג איך, ער, דער מענטש, ער איז וואָס? ריין פון אַלעס? ער, דער צעלעם עלויקים, איז אין גאַרניט שולדיק? אַ צאַדיק איז ער?! אַ צאַדיק?! ער פּילט בלויז אויס דעם ראָצן פון זײַן באַשעפער? נו, אויב אַזוי, איז קוילע, האַרגע, שעכט, שענד, וואַרף לעבעדיקע קינדער אין גרוב, פאַר־געס נאָר דערבײַ ניט זאָגן אַדוישעם נאָסן, אַדוישעם לאָקאַך און טרייסטן די לעבעדיקע מיט צאָראַס ראַבים.

— וואָס איז הײַנט מיט אײַך, מעכוטן? — האָט מאַטעש פאַרלוירן גע־פרעגט.

— רעב יוינע, גיט מיר, זײַט מוילכל, די מענוירע מיט די ליכט.

צוקוקנדיק זיך, ווי הילעל צינדט אָן די ליכט אין דער מענוירע און שטעלט זי אוועק באַם דענקמאָל, האָט עסטער געפרעגט באַ מאַטעשן:

— טאַטע, וואָס באַטײַט עס?

— אַ מינהעג מיסטאַמע אַזאַ באַ זיי.

הילעל האָט צוגערופן צו זיך דעם זון און אים געגעבן אַ יאַרמלקע:

— נאַ, דעק צו דעם קאָפּ דײַנעם, מײַן קינד, און וועסט זאָגן קאַדעש. דו האָסט, באָרעכהאַשעם, נאָך וועמען צו זאָגן קאַדעש.

— טאַטע, איך קען דאָך אָבער ניט, — האָט פאַרלוירן געענטפערט לי־בער.

— זאָג מיר נאָך, — און יוינע האָט אָנגעהויבן מיט אַ ניגון און צע־צויגן: — יִסגאַדאַל ווייִסקאַדאַש שמיי ראַבאָ.

— ווארט צו, רעב יוינע, — האָט הילעל אים אָפּגעשטעלט און זיך אָנגערופן צום זון, — כ׳ווייס, מײַן קינד, אז דו קענסט ניט און אז קיין וואָרט פון דעם, וואָס יוינע האָט געוואָלט, דו זאָלסט אים נאָכזאָגן, פארשטייסטו ניט, און ווידער ווייס איך, אז דו ביסט ביכלאל ווײַט פון די אלע זאכן.

— טאַטע...

נאָר הילעלן איז איצט שווער געווען אָפּשטעלן.

— דער באַלשעמטאָוו אונדזערער, זיכרוינוי ליווראָכע, האָט געהאט געזאָגט, אז א טפילע, אויב זי גייט ניט פון טיפן הארצן, פון דער נעשאָמע ארויס, איז דערגייט זי אין ערגעץ ניט. זי בלײַבט שטעקן אינמיטן וועג, ווי דאָס געשריי פון א פארבלאָנדזשעטן אין מידבער. וואָס פאר א נעשאָמע קען האָבן א קאַדעש, אויב מע פארשטייט ניט, וואָס מע זאָגט, און דערצו נאָך, ווען מע האלט ניט פון דעם. איז טראכט צו, קינד מײַנס, אן אייגענעם קאַדעש, וועלכן מע זאָל דיר ניט שוין דארפן פארטײַטשן, א קאַדעש נאָך דײַנע צעשאָסענע ברידער און שוועסטער. א יִזקער נאָך אונדזער אויסגעשאָכטן שטעטל, נאָך אלע פארשניטענע שטעט און שטעטלעך, ווו דער מערדער איז געווען.

בא די ווערטער האָט שיפרע ווידער אויסגעבראָכן א געוויין:

— אָט דאָ, מײַן זון, איז געווען די גרוב. אָט דאָ זײַנען מיר אלע געשטאנען. די גוואלדן, דאָס געשריי פון די קינדער... ווי איז די זון ניט בלינד געוואָרן עס צוזעענדיק, ווי האָבן זיך עס ניט געשפּאָלטן די הימלען, ניט צעטרייסלט געוואָרן די זײַלן פון דער וועלט...

— אויסגעקליבן פונקט א טאָג אף צו זאָגן יִזקער און קאַדעש, — האָט מאטעש א בורטשע געטאָן, — בא אונדז איז, דאכט מיר, א כאסענע און ניט, כאָלילע, קיין לעווײַע.

אזוינס האָט דער שטילער און רויִקער יוינע שוין ניט געקאָנט אים פארשווײַגן. דאָס קאָל האָט אזש בא אים געציטערט:

— ווי קענט איר אזעלכעס זאָגן? בא אײַך אין לענינגראַד אף א סימכע דערמאָנט מען גאָר ניט די נאָענטע און ליבע? בא אײַך אין לענינגראַד איז דאָך אויך ניטאָ די שטוב, ווו עס זאָלן ניט זײַן קיין קאָרבאָנעס?

— רעב יוינע, — האָט הילעל אים צוגערופן, — זײַט אזוי גוט און גיט מיר דעם טאַלעס. צו מײַן כאסענע האָט דער שווער מײַנער, אָלעווהאשאָלעם, געלאָזט שרײַבן א סייפערטוירע און זי ארײַנגעשטעלט צום באַלשעם אין שולכל. ס׳איז איצט אויך פאראן ווער סע זאָל שרײַבן. איז אָבער ניטאָ איצט שוין באלד פאר וועמען צו שרײַבן.

— די צײַט, רעב הילעל, איז איצט אן אנדערע.

— אין מײַן צײַט איז דעם באַלשעמס שולכל געווען דער קאָדשיי־קאָדאָשים פון שטעטל. איצט איז אונדזער קאָדשיי־קאָדאָשים דאָ, באַם דענקמאָל.

הילעל האָט ארופגעצויגן אף זיך דעם טאַלעס, אויסגעשטרעקט די הענט צו דער ארומגעצאמטער גרויער מאצייווע און הויך אף א קאָל ארויסגעבראכט, ווי א טפילע:

— הייליקע נעשאָמעס פון די פּאַרשניטענע אין גרוב, איך, הילעל בען אָשער, רוף אײַך אויף זײַן מײַנע אײדעס, אַז איך האָב זיך פאַר אײַך מיט גאָרנישט ניט פאַרזינדיקט, בין קעגן אײַך מיט גאָרנישט ניט שול־דיק, אַז מײַנע הענט זײַנען ריין פון רעשאָעס, פון גזיילע, פון רעציכע, פון אַלדאָס בייז. קדושים־אוטהוירים, ריינע, הייליקע נעשאָמעס, איך, הילעל בען אָשער, און מײַן פלוינעסטע, שיפרע באַס כײַקע, פאַרבעטן אײַך אויף דער כאַסענע פון אונדזער בעניאָכיד. קום אהערצו, מײַן זון, בייג אָן דעם קאָפּ, און איך וועל דיך בענטשן, ווי דער מינהעג איז בײַ אונדז פאַר אַ כאַסענע. זײַ, מײַן קינד, געבענטשט, אַז ווו דו זאָלסט זיך ניט קערן און ווענדן, זאָל דיר אומעטום נאָכגיין מײַן בראָכע און שײַנען דאָס מאַזל. זאָלסט קיינמאָל ניט וויסן, ניט דו, ניט דײַנע קינדער, ניט דײַנע קינדסקינדער, ניט קיינער אויף דער וועלט פון קיין מילכאָמעס, פון קיין היטלערס ימאַך שמוי, פון קיין געטאָס, פון קיין שכיטעס, עס זאָל זײַן שטיל און שאָלעם אויף דער וועלט.

— אָמיין.

— וואָס איז אַזוינס אָמיין? — האָט עסטער געפרעגט שיפרען.

— אָמיין, טאָכטערקע, הייסט, עס זאָל מעקוּיעם ווערן, וואָס מע ווינטשט.

הילעל האָט אויסגעטאָן פון זיך דעם טאַלעס און אים דערלאַנגט מאַ־טעשן, געבנדיק דערבײַ אומבאַמערקט אַ צייכן יוינען, אַז ער זאָל אַ קוק טאָן, צי איז געקומען אַליאָשקע, און אויב יאָ, איז זאָל ער אים אַ רוף טאָן אַהער.

אָנגעטאָן דעם טאַלעס, האָט מאַטעש זיך אוועקגעשטעלט באַם דענק־מאָל מיט דער אָנגעצונדענער מענוירע, ווו ס'איז פריִער געשטאַנען הי־לעל, און געפרעגט:

— מעכוטן, וואָס דאַרף איך זאָגן?

— איר האָט דאָך געהערט.

— געהערט איז איינס. זאָגט מיר פונדעסטוועגן אונטער.

— הייבט אָן פון דעם, פון וואָס איך האָב אָנגעהויבן, פון דער שווּע.

און מאַטעש האָט, אַרויסשטעקנדיק דעם קאָפּ פון אונטערן טאַלעס, נאָכגעזאָגט הילעלן:

— איך, מאַטעש בען אַרן, רוף אײַך אויף, הייליקע נעשאָמעס, זײַן מײַנע אײדעס, אַז איך האָב זיך פאַר אײַך מיט גאָרנישט ניט פאַרזינדיקט, בין קעגן אײַך אין גאָרנישט ניט שולדיק...

— אַז מײַנע הענט זײַנען ריין...

— אַז מײַנע הענט זײַנען ריין...

— פון גזיילע, — האָט אים אונטערגעזאָגט דאָס ווײַטערדיקע יוינע, וואָס האָט זיך אומגעקערט.

— פון גזיילע.

— פון רעשאָעס.

— פון רעשאָעס, — האָט מאַטעש וואָרט נאָך וואָרט נאָכגעזאָגט יוינען.

— פון רעציכע.

באם ארויסגאַנג פון וואַלד האָט פון צווישן דיביימער זיך באַוויזן אַלעקסיי און געבליבן שטיין.

— אַז מײַנע הענט זײַנען ריין פון רעציכע, — האָט יוינע הויך און דײַטלעך איבערגעכאַזערט, נאָכפאָלגנדיק נאָך מאַטעשן, וואָס האָט, ווי נאָר ער האָט דערזען אַלעקסייען, זיך אײַנגעהויקערט און באַהאַלטן דאָס פּאָנעם אינעם טאַלעס.

— אוי, דער גאַזלען! — האָט שיפרע אויסגעשריִען, — הילעל, זע, דער מערדער!

— איך זע, שיפרע, איך זע, — און ניט רירנדיק זיך פון אָרט, האָט הילעל זיך אָנגערופן צום אַנשוויגענעם מאַטעשן, — איר האָט דאָך געהאַט געבעטן, מע זאָל אײַך אונטערזאָגן. איז זאָגט מיר נאָך: מײַנע הענט זײַנען ריין פון רעשאָעס, פון רעציכע, פון אַלדאָס בייז.

נאָר מאַטעשע, דעם קאָפּ נידעריק אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד, איז געשטאַנען און געשוויגן.

— מאַמע, דאָס איז דער פּאַליציאַנט, וואָס האָט זיך נאָכגעיאָגט נאָך דיר? — און ליבער האָט זיך א וואָרף געטאָן צו אַלעקסייען.

הילעל האָט פאַרצאַמט ליבערן דעם וועג.

— שטיי, מײַן זון. מע טאָר זיך צו אים ניט דערנעענטערן. ער איז אין כיירעם.

— זאָל דער רעצייעך זיך די רעגע פאַרנעמען פונדאַנען! — האָט שיפּרע אויסגעשריִען.

— שיפרע טײַערע, ער איז ניט געקומען אַליין. מע האָט נאָך אים געשיקט, — יוינע האָט אָנגעוויזן אויף הילעלן.

— יאָ, שיפרע. דאָס האָב איך נאָך אים געשיקט, — און ווי א ריכטער, וואָס גיט דאָס לעצטע וואָרט דעם באַשולדיקטן, האָט הילעל זיך געווענדט צו מאַטעשן. — נו? איר שווײַגט? איז עס, הייסט עס, עמעס? איך פרעג דאָך אײַך: ס׳איז עמעס?

— וואָס איז עמעס? — איז עסטער צוגעשטאַנען צו הילעלן.

— אים, דעם טאַטן אײַערן, פרעגט!

— טאַטע!

— איך בין ניט שולדיק, טאָכטער, — האָט מאַטעשע אויסגעשעפּטשעט.

— גאָט באַהיט, נעבעך, גענומען און אויסגעטראַכט אויף א מענטשן א בילבל.

— וועמען, רעב יוינע, רופט איר עס אָן מיטן נאָמען מענטש?! — באַ הילעלן האָבן פון צאָרן זיך צוגעמאַכט די אויגן. — וועמען רופט איר עס אָן מיטן נאָמען מענטש?!!

מאַטעשע איז שוין געקומען צו־זיך, און ער האָט זיך אָנגעוואָרפן אויף הילעלן און יוינען:

— און איר אויף מײַן אָרט? איר אויף מײַן אָרט וואָס וואָלט געטאָן? איצט זײַנען אַלע געוואָרן ריכטער! — און מיט א פאַרשטיקט געשריי, ווי מע זאָל אים ווערגן. — קיינער וויל ניט שטאַרבן! דער כאַלעף איז געהאַנגען איבערן האַלדז. אָדער, אָדער...

— מע האָט אײַך, ווילט איר זאָגן, געגנייט דערצו? — האָט יוינע אים איבערגעשלאָגן.

— וואָדען, איך בין געגאַנגען מיטן אייגענעם ווילן?

— און אַזעלכע, — איז יוינע פון אים ניט אָפּגעטראָטן, — וואָס זײַנען געגאַנגען מיטן אייגענעם ווילן, זײַנען ניט געווען?

— פאַרוואָס זײַנען די דײַטשן עפּעס צוגעשטאַנען גראָדע צו אײַך און ניט צו קיין אַנדערן? — האָט הילעל פאַרגעזעצט אויספרעגן, ווי א ריכטער, וואָס האָט נאָך א סאַך זיך צו פאַרטראַכטן, ביז ער וועט אַרויסטראָגן דעם אורטייל.

ער אָבער, מאַטעש, האָט זיך ניט געהאַלטן פאַר קיין באַשולדיקטן, וואָס איז מעכוייעוו אַלץ אויסהערן און אָף אַלץ ענטפערן.

— וואָס פרעגט איר בא מיר? די דײַטשן האָבן מיר אָפּגעגעבן א דינ־וועכעזשבן צי וואָס? זיי האָבן באַפוילן און שוין. — זיך אָנגעשטויסן מיט אַלעקסייס בליקן, האָט מאַטעש, ווי וועלנדיק אַרויסרופן צו זיך מיטלײַד, צוגעגעבן מיט א געפאַלענער שטים. — וואָס האָב איך געזאָלט טאָן? ס'איז ניט געווען קיין אַנדער אויסוועג...

— ווי גאַזלענען, — האָט הילעל אונטערגעזאָגט.

— ס'א ליגן! רעכילעס! די יידישע פּאָליציי האָט ניט געגאַזלט און קיינעם ניט...

— צאַדיקים מאַמעש, — איז יוינע אים אַרײַנגעפאַלן אין די רייד.

— צאַדיקים — ניט צאַדיקים, נאָר אונדזערע הענט זײַנען ריין פון בלוט.

— ווי האָט איר געזאָגט? ריין פון בלוט?! — הילעלס קאָל האָט אָפּגעהילכט ווײַט אין וואַלד. — נו, יאָ, איר האָט בלויז געבונדן די קאָרבאָנעס, געשאָכטן האָבן דאָך אַנדערע! איר האָט בלויז געהאָלפן פאַרטרײַבן די קאָרבאָנעס אין די וואַגאָנעס, געשטיקט און געבערענט האָבן דאָך אַנדערע. איר האָט בלויז אָפּגענומען בא די מאַמעס די אייפעלעך, געפלעט זיי די קעפּלעך האָבן דאָך אַנדערע. איר האָט בלויז...

— מיר האָבן ניט געוווסט, וווהין מע שיקט אַרויס...

אַלעקסיי, וועלכער איז די גאַנצע צײַט געשטאַנען צווישן די ביימער, האָט ברייט א שפּאַן געטאָן צו מאַטעשן:

— האָסט ניט געוווסט, זאָגסטו? און ווער איז צוזאַמען מיט מיר געגאַנגען איבער דער געטאָ זוכן די אויסבאַהאַלטענע קינדער, ניט דו מיט דײַנע פּאָליציייער?

בא שיפּרען האָבן זיך אונטערגעהאַקט די פיס. ליבער זאָל זי ניט אונטערהאַלטן, וואָלט זי אומגעפאַלן:

— ווײַ געשריגן. איך וועל עס ניט אַריבערטראָגן. איר זײַט געווען א פּאָליציאַנט?

— א נאַטשאַלניק פון פּאָליציע איז ער געווען, שיפּרע, אָט ווער.

— טאַטע, דו?! — האָט צעטומלט געפרעגט עסטער. — דו ביסט געווען א נאַטשאַלניק פון דער פּאָליציי?

— און ווען די פּאָליציע אין געטאָ זאָל געווען זײַן ניט קיין יידישע, וואָלט די יידן דערפון געווען גרינגער? — מאַטעש האָט זיך אָנגעכאַפּט

אָן דעם און געוואָרן בא זיך מער דרייסטער: — טויזנט מאָל דאָך ערגער. יאָ. איך בין געווען אין געטאָ א נאטשאלניק פון דער פּאָליציי, אָבער פון דער יידישער, און מיט דער יידישער פּאָליציי איז דער דײַטש זיך באַגאנגען ווי מיט אלע יידן. דאָס, וואָס איך בין געבליבן לעבן, איז א צופאל, א נעס, איך בין אנטלאָפן פון אונטערן כאלעף.

אין הילעלן איז מיט יעדער רעגע געוואקסן דער צאָרן:

— איז וואָס? זאָל מען עפּשער אין זכוס פון דעם, וואָס מע האָט אײַך נאָכדעם אויך געטריבן צו דער גרוב, פארגעבן אײַך אלעמען דאָס בייז?!

— כ׳וואָלט פונדעסטוועגן פּאָרט וועלן וויסן, — האָט זיך ארײַנגעשטעלט יוינע, — פארוואָס זײַנען עפּעס די ראָצכים צוגעשטאנען גראָדע צו אײַך און ניט צו קיין אנדערן? נו, פארוואָס?

— ווײַל מײַן טאטע איז ניט געווען קיין שנײַדער און קיין שטריקל־דרייער. נו, זײַט איר שוין צופרידן?!

— אז אײַער טאטע איז ניט געווען קיין שנײַדער און קיין שטריקל־דרייער, קאָן מען זיך לײַכט פאָרשטעלן. נאָר ווער זײַט איר געווען, — האָט דער רויקער און געלאסענער יוינע ווידער געפרעגט, — וואָס דער דײַטש האָט זיך געווענדט צו אײַך? ניט פון די, וואָס זײַנען אליין געלאָפן זיך אויספּײַנען פאר אים מיט זייער ייכעס?

וואָס רויקער און צוריקגעהאלטענער עס האָט גערעדט יוינע, אלץ מער האָט זיך געקאָכט מאטעש:

— ווער זײַט איר, וואָס איר פרעגט מיך אויס ווי אן אויספאָרשער?

— שויפטים זײַנען מיר, — האָט הילעל אים געענטפערט, — ריכטער איבער אײַך.

— מיך קאָן קיינער ניט מישפּעטן! די דײַטשן האָבן מיך געטריבן צו דער שכיטע באגלײַך מיט אלע יידן.

— איז דערפאר, מיינט איר, זײַט איר בעסער פון ליאָשקען דעם פּאָליציאנט? פאר מיר זײַט איר ערגער.

הילעל האָט א ריס געטאָן פון מאטעשן דעם טאלעס און אים אָפּגעגעבן יוינען:

— זעט נאָר, יוינע, אז איר זאָלט אים, כאָלילע, ניט ארײַנלייגן צווישן די ספאָרים. דער טאלעס איז פּאָסל. ער איז געווען אף א טומע, — הילעל האָט זיך אויסגעדרייט צו מאטעשן מיט פארבײַלטע פויסטן. — אראָפּ פון דער הייליקער ערד! אין כיירעם! אין כיירעם, ווי אליאָשקע! זאָלסט ניט נעכטיקן דאָרט, ווו דו וועסט טאָגן, און ניט טאָגן דאָרט, ווו דו וועסט נעכטיקן. אייביק זײַן זאָלסטו נאווענאד. ווי א הונט זאָלסטו שטיין הינטער דער טיר און קיינער זאָל דיר ניט ארויסטראָגן קיין שטיקל ברויט. ווי א דאָרשטיקער אין מידבער...

— ווילדע מעדזשיבעזשער ברוים. קום, טאָכטערקע, פונדאנען.

— אוועק פון מיר! — האָט עסטער אויסגעשריִען, טוליענדיק זיך צו שיפרען. — איך בין דיר מער קיין טאָכטער ניט. איין זאך נאָר זאָג מיר: די מאמע האָט געוווּסט?

— די מאמע האָט גאָרנישט געוווּסט און ווייסט ניט, און געוווּג וועגן דעם. בײַע ריכטער האָבן זיך מיר אָפּגעזוכט. קום, עסטערקע.

— וואג ניט צוגיין צו מיר!

— נעענטער ווי אף פיר שפאַן, — האָט אים דערמאָנט אַלעקסיי, וועלכער איז די גאַנצע צייַט געשטאַנען אָנגעשפּאַרט בא א בוים און זיך צוגעקוקט צו דעם, וואָס דאָ קומט פאַר, — אָט אַזוי איז עס, באַטיאַ. הער א גוטן פרייַנט. מיר האָבן מיט דיר צוזאַמען געדינט די דייַטשן, צוזאַמען געזעסן מיט דיר נאָכדעם דערפאַר אין לאַגער, צוזאַמען האָט מען אונדז דאָ אַרייַנגעלייגט אין כיירעם, איז לאָמיר זיך ווייַטער האַלטן צוזאַמען. געדענקסט דעם מאָלדאַוואַנער פון אונדזער בריגאַדע? אייַזן טאַכאַס אייַזן. אָט אַזוי איז עס, באַטיאַ.

— הער אים ניט, טאָכטער. איך האָב ניט געדינט די דייַטשן. איך בין געווען א פּאָליציאַנט, אָבער א ייִדישער פּאָליציאַנט, א ייִדישער! — און ניט אומקוקנדיק זיך אף צוריק, איז מאַטעש אַוועק מיט דער פּאַרוואַקסענער סטעזשקע אין דער פאַרקערטער ריכטונג, וווּהין ס׳איז פאַרשווּנדן אַלעקסיי.

יוינע האָט פאַרסאָפּעט אַרויסגעבראַכט:

— אַוועק מיסטאָמע צו דעם באַלשעם אפן קייוועך מיספּאַלעל זייַן, אַוועק ווערן א באַלטשוווע. די גאַנצע וועלט איז איצט פאַרפּלייצט מיט באַלטשוווּעס. מע וואָלט פון זיי געקאָנט פאָרמירן ניט איין דיוויזיע.

— צו וואָס ווערן באַלטשוווּעס, אַז מע קאָן אַזוי אויך אויסקויפן די זינד, און ניט איבעריקס טייַער. די וועלט האָט א ווייך האַרץ און א קורצן זיכּאָרן. איז וואָס, שיפרע־לעבן, מאַזלטאָוו אונדז, האַ? אָפּגעריכט די פייַנע כאַסענע. גיי זאָג די קלעזמער, אַז זיי קאָנען פאָרן אַהיים.

א ווייַנענדיקע, דאָס פּאָנעם באַהאַלטן אין די הענט, איז עסטער אַוועקגעלאָפן צום וואַלד. ליבער האָט זי קוים אָנגעיאָגט. דערזען עס, האָט יוינע זיך אָנגערופן:

— אַלץ טאַקע יאָ, נאָר די קינדער, רעב הילעל, זייַנען דאָך ניט שולדיק.

— האָסט דאָך אַליין געהערט, — האָט זיך שיפרע געווענדט צו הילעלן, — וואָס ער האָט געזאָגט, דער מענוּוול. אַפילע דאָס ווייַב זייַנס, די מעכוטענעסטע, האָט ניט געוווּסט און ווייסט ביז הייַנט ניט וואָס און ווען.

— וואָס פאַר א מעכוטענעסטע איז זי דיר? גיי צעצאָל זיך מיט די לעטיטשעווער קלעזמאָרים, און זאָלן זיי פאָרן אַהיים.

— גאָט איז מיט דיר, הילעל.

— ווילסט, אונדזער זון זאָל כאַסענע האָבן פאַר א טאָכטער פון א ראָשע, פון א פאַרעטער?

יוינע איז ניט אָפּגעטראָטן:

— אַלץ טאַקע יאָ, אָבער מיט וואָס זייַנען שולדיק די קינדער, רעב הילעל? איר ווילט, אַז די קינדער זאָלן באַצאָלן פאַר די זינד פון זייערע עלטערן? די וועלט וואָלט דאָך דעמלט אָפּגעגאַנגען מיט יאַמען בלוט. צופיל שטעלט איר אף זיך, רעב הילעל, צופיל.

ליבער איז געקומען צו לויפן פון וואַלד אַליין, אָן עסטערן.

— טאַטע, — האָט ער א פאַרסאָפּעטער געזאָגט, — איך גיי טעלעגראַפירן בעלע נאַטאַנאָוונען, זי זאָל אַרויספליִען אַהער.

הילעל האָט ווי צעמישט אַנגעקוקט דעם זון:
— וואָס פאַר א בעלע נאַטאַנאַוונע?
— עסטערקעס מוטער. עמעצער פון אירע דאַרף דאָך זײַן אױף דער כאַסענע.
— וואָס פאַר אַן עסטער? וואָס פאַר א בעלע? וואָס פאַר א כאַסענע?!
דער, וואָס האָט געדינט אונדזערע בלוטיקע סאָנים, וועט ניט זײַן מײַן מעכוטן, זײַן טאָכטער מײַן שנור, איר קינד מײַן אײניקל.
— עסטער, טאַטע, איז דאָך ניט שולדיק, וואָס איר טאַטע איז געווען אַזא.
— אָט דאָס זאָג איך דאָך אויך, — האָט זיך ווידער ארײַנגעשטעלט יוינע מיט זײַן גלאַסן קאָל.
— טאַטע, מיר זײַנען שוין אָבער מיט עסטערקען...
וואָס האָט אים געהאַט צו זאָגן דער זון, איז הילעלן שוין איצט ניט אָנגעגאַנגען. דאָס וויכטיקסטע איז פאַר אים איצט געווען, אַז די קלעזמער זאָלן וואָס גיכער פאַרלאָזן דאָס שטעטל, פונקט ער וואָלט אין דעם אײַנגעזען פאַר זײַן בעניאָכיד די גרעסטע געפאַר. האָט ער, ווענדנדיק זיך צום ווײַב, באַזונדערס האַרב איבערגעכאַזערט:
— גיי צעצאָל זיך מיט די קלעזמאָרים, זאָגט מען דיר.
נאָר יוינע האָט זי אָפּגעשטעלט:
— רעב הילעל, באַטראַכט זיך. צעשטערן א כאַסענע פון א יונג פּאָר־פאָלק איז אײנע פון די גרעסטע אווײרעס.
— איך נעם די אווײרע אױף זיך.

## ו

בא די הוילע טישן, וואָס זײַנען אויסגעשטעלט אינעם הויף פון דעם שטעטלדיקן שפּײַז־קאָמבינאַט ווי א לאַנגער כאַף, זיצן קיווע, שײַע, באַ־רעך און נאָך עטלעכע עלטערע און יינגערע מענטשן, און יעדערער אױף זײַן נוסעך זינגט זיך שטיל אונטער דעם ניגן, וועלכן עס שפּילט די לע־טיטשעווער קאַפּעלע, וואָס האָט צוליב דער האַלבטאָגיקער היץ זיך פאַר־קליבן טיף אין הויף אונטער דעם צעצווײַגטן קאַשטאַנען־בוים. מאַנוס איז אויך דאָרט. ער באַווײַזט אײנצײַטיק אי דיריזשירן אי שפּילן אױף אײנעם פון די דרײַ אינסטרומענטן, וועלכע הענגען בא אים אַראָפּ פונעם האַלדז אױף זילבערנע קײטעלעך. קוקנדיק אױף מאַנוסן, שפּילן שוין די קלעזמאָרים אויך מיטן גאַנצן ברען, פונקט מע זאָל געווען פּראַווען דאָ א כאַסענע.
אַז די קלעזמאָרים מאַכן א שטיקל האַפּסאָקע, כאַפּן איבער דעם אָטעם, רופט זיך אָן קיווע דער אַלכימיקער:
— וואָס איר זאָלט זיך דאָרט אײַך ניט זאָגן, נאָר ער האָט געוווּסט א טאָלק אין נעגינע. אײַ, האָט ער געוווּסט...
— ווער, אשטײגער, לעמאָשל? — מאַכט זיך שײַע ניט ווויסנדיק.
— נו ער, פאַרשטײט זיך, שלוימע־האַמעלעך. ווי שטײט דאָרט ערגעץ בא אים געשריבן, הא, באַרעך?

— בא דאָוויד־האַמעלעך ווילט איר זאָגן? — פאַריכט אים באָרעך, — אַלע מײַנע ביינער אין מיר זינגען.

— אָט־אָט. דאָס האָט ער געזאָגט אַנטקעגן אונדז. א מעדזשיבעזשער, כאָוער עמאַנויל דאַנילאָוויטש, אַז ער דערהערט נעגינע, וועט ער אײַך קומען צו לויפן אַפילע אינמיטן דער נאַכט. בא א מעדזשיבעזשער קאָנט איר פויעלן מיט נעגינע אַלץ אין דער וועלט.

— עפּעס זעט מען ניט, מע זאָל געווען בא אים א סאַך פויעלן, — רופט זיך אָפּ מאַנוס.

— בא רעב הילעלן? — פרעגט קיווע. — ס'איז דערפאַר, אַפּאָנעם, כאַווער עמאַנויל דאַנילאָוויטש, וואָס איר האָט אײַנגעקנעלט מיט דער לעטיטשעווער קאַפּעלע שנײַדער ניט די ניגונים.

— פון דעם באַלשעמס אַנטיקלעך האָט איר געדאַרפט געווען מיט זיי אײַנקנעלן, — באָרעך שליסט צו די אויגן און פאַרציט מיט דווייקעס א ניגן. — אײַ באָם־באָם, אײַ בירי־באָם, באָם...

— האָדי אײַך שוין דאָרט באָמקען און בירימקען, — שלאָגט שײַע איבער באָרעכן און רופט זיך אָן צו מאַנוסן, — איר זײַט דאָך געווען, זע איך, א וואָיענער מענטש, איז דערלאַנגט אַהער עפּעס פון די וואָיענע זאַכן. נו, אָט אַשטייגער, „סאָלאָווי, סאָלאָווי, נע טרעוואָזשטי סאָלדאַט"...[1]

ווי שטענדיק א פאַרטאָנענע, א פאַרפּאַליעטע, גלײַך זי וואָלט קיינמאָל קיין צײַט ניט געהאַט, פאַלט אַרײַן אין הויף מיט א טומל יויכעוועד:

— כאַווירים יידן, כ'האָב, כאָלילע, נאָך ניט פאַרשפּעטיקט?

— איר זאָלט פאַרשפּעטיקן! — גיט באָרעך א קנייטש די אַקסלען.

— ניין, טאַקע אינדערעמעסן. כ'וויים, איך הער, מע שפּילט, בין איך געקומען צו לויפן. א קאַשע עפּעס. מיילע, אַז אייערנעכטן האָט געשפּילט מוזיק, איז עס געווען א קלאָרע זאַך. מע האָט זיך געגרייט צו דער כאַסענע. אָבער וואָס האָבן קלעזמאָרים איצט דאָ צו שפּילן? כאָסן־קאַלע זײַנען דאָך נאָך נעכטן אַוועקגעפלויגן און געלאָזט דאָס שטעטל זיצן בא נאַקעטע טישן.

— מיר פּראָווען דאָ הײַנט מעלאַווע־מאַלקעס, פּראָוואָדעס, באַגלייטן אַרויס קיין מאָסקווע אונדזער גאַסט, עמאַנויל דאַנילאָוויטשן. אָבער ניט אויף לאַנג. מירן אים אינגיכן צוריק אַראָפּברענגען אַהער. ניט געזאָרגט זיך, כעוועד, קלעזמער וועלן נאָך בא אונדז שפּילן, און א סאַך שפּילן. בא מיר איז עס אַפילע קיין דיאַלעמע ניט, אַז ס'וועלן דאָ נאָך בא אונדז זײַן כאַסענעס און א סאַך כאַסענעס.

פרעגט אים באָרעך מיט א שמייכל:

— פונוואַנען, אַשטייגער, שײַע, וועלן זיך עס א שיט טאָן בא אונדז כאַסענעס?

— פון די פּיאַטילעטקעס, באָרעך, פון די פּיאַטילעטקעס. מע דאַרף לייענען דעם בלאַט. עס וועט, זאָג איך אײַך, אינגיכן ניט זײַן דאָס שטעטל, ווו ס'זאָלן ניט זײַן קיין זאַוואָדן מיט קיין פאַבריקן... און וויבאַלד ס'וועלן זײַן פאַבריקן מיט זאַוואָדן...

---

[1] פון א רוסישער ליד.

— כאדגאדיע, כאדגאדיע, — צעזינגט זיך קיווע, — רעב שײַע־האנאָווי האָט זיך שוין צוגעכאפּט צו דער אגאָדע.

אינעם רעכטן מיטן אמפּערן זיך — וואָס וועט זײַן מיטן שטעטל, צי וועט עס ווערן א שטאָט, צי א דאָרף — איז אָנגעקומען די שטילע און פאַר־זאָרגטע ציפּע.

— מײַן יוינע איז דאָ ניטאָ? זיצט ער נאָך, אויב אזוי, בא רעב הילעלן. א טאָג, אז ער האלט אין איין אײַנטײַנען מיט אים. נו, טאקע, וואָס איז נעבעך שולדיק עסטערקע, אז זי איז געשטראָפט מיט אזא טאטן, ניט גע־דאכט זאָל ער ווערן אינײנעם מיט דעם אליאָשקען.

— און איך, מיינט איר, האָב ווייניק מיט אים אײַנגעטײַנעט? געבראכט אים דעם בײַשפּיל מיט די דעקאבריסטן. ווער, אשטייגער, זײַנען געווען די עלטערן בא די דעקאבריסטן? פּראָלעטאריער, צי וואָס? זיי זײַנען דאָך געווען...

— דו ביסט שוין ווידער דאָ מיט דער אגאָדע, שײַע, — האָט אים גלײַך אָפּגעשטעלט קיווע, — מיינסט, אז אויסער דיר לייענט שוין מער קיינער קיין גאזעטן ניט? ציפּע, אָט איז אײַער יוינע.

— דאָס גייסטו ערשט פון אים? — האָט ציפּע אים באגעגנט. — נו?

יוינע האָט א מאך געטאָן מיט דער האנט:

— ער לאָזט זיך דען ריידן? שיט פעך און שוועבל, סאקאָנעס־נעפאָשעס. נו גוט, האָב איך אים נאָכגעגעבן, נו רעכט, נו זאָל זײַן, אז מע דאַרף עפּ־שער טאקע שטארקער פאנאנדערבלאָזן אין זיך דעם פלאם פון סינע. און מיקויעך די קינדער האָב איך אים אויך נאָכגעגעבן. עפּשער איז ער טאקע גערעכט, אז מע דאַרף אין זיי ארײַנבלאָזן די סינע צו די ראָצכים. אָבער פארלאנגען, אז די קינדער זאָלן זיך צעצאָלן פאר די זינד פון די עלטערן...

— עפּעס לייגט זיך ניט אפּן סייכל, — האָט זיך אָנגערופן באָרעך, — אז הילעל זאָל אזעלכעס זאָגן. וואָס אָנבאלאנגט אָבער דער כאסענע, אַף דעם, ווי איך פארשטיי, וועט ער ניט אײַנגיין.

— אײַנגיין — ניט אײַנגיין, אז ס׳איז שוין בא זיי באלד צוויי וואָכן נאָך דער כאסענע. דאָ, אייגנטלעך, האָט דאָך געזאָלט זײַן די שושן־כאסענע.

יויכעוועד, וועלכע הערט עס פון מאנוסן שוין ניט דאָס ערשטע מאָל, איז ניט אָפּגעטראָטן פון אים:

— עפּשער וועט איר אזוי גוט זײַן און פונדעסטוועגן אנטפּלעקן אונדז דעם סאָד, וואָס איז עס אזעלכעס?

נאָר אזוי־ווי מאנוס האָט פּאָרט געשוויגן, נאָך אלץ געהאלטן עס פאר א סאָד, ניט מעצאער צו זײַן הילעלן, האָט באָרעך זיך געפּרוווט עס פאר־טײַטשן:

— שושן שטאמט דאָך פון שושן־פּורים, ס׳איז, הייסט עס, אַף מאָרגן נאָך יאָמטעוו. איך זע דאָך נאָך אײַך, כאווער מאנוס, אז כ׳האָב געטראָפן. מיך וווּנדערט פונדעסטוועגן אַף ליבערקען. כאסענע האָבן אָן דער האס־קאָמע פון טאטע־מאמע.

וויבאלד ס׳איז שוין אויס סאָד, איז מישט זיך מאנוס אויך ארײַן אינעם געשפּרעך:

— וואָסי? אמאָליקע צײַטן פלעגט אזוינס ניט טרעפן?

— יאָ, — האָט יוינע צוגעשטימט, — אָבער דאָ, מײַן ליבער עמאנויִל דאַ־ נילאָוויטש, גייט דאָך ניט וועגן יִכבעס, נאַדן...

— יִיד צי ניט יִיד, — האָט עמעצער פון דער זײַט ארײַנגעשטעלט.

— דאָ, מײַן ליבער פרײַנט, גייט דאָך גאָר וועגן עפּעס אנדערש, — האָט פאָרגעזעצט יוינע, — וועגן מענטש און כּײַע אינעם געשטאַלט פונעם מענטשן גייט דאָ. ווען ניט אליאָשקע יִמאך שמוי, וואָלט דאָך רעב הילעל איצט געזעסן מיט מאַטעשן בא איין טיש.

— איך שטעל מיך פאָר, וואָס וועט זיך טאָן אין לענינגראַד, אז ס׳וועט דערגיין אהין די יעדיִע.

— צו וועמען וועט דערגיין די יעדיִע? — האָט געפרעגט קיווע.

באָרעך האָט אויסגעוואַרט א ווײַלע און מיט אן אויסזען פון א מענטשן, וואָס גיט ארויס א סאָד, געזאָגט:

— רעב הילעל איז נאָך פאַרטאָג געקומען צו לויפן צו מיר, איך זאָל אים אָפּגעבן אלע פאָטאָגראַפיעס, וועלכע מאַטעש האָט בא מיר באשטעלט און ניט באוויזן זיי אָפּנעמען. ער וועט זיי, זאָגט הילעל, ארײַנשיקן אין לע־ נינגראַדער מיליציע, אין דער לענינגראַדער קעהילע. אין אלע מיליציעס און קעהילעס, וווהין דער מענוול קאָן אָנשפאַרן, וועט ער פאַנאַנדערשיקן די פאָטאָגראַפיעס מיט מאַטעשעס טרייפענעם פאַרצעף. ער זאָל אין ערגעץ ניט האָבן קיין רו. כּײַעס, טײַנעט הילעל, טאָרן ניט ווינען צווישן מענטשן. כּײַעס דאַרף מען האַלטן דערווײַטערט פון מענטשן.

— אָט איצט פאַרדריסט מיך שוין ניט, וואָס איך האָב זיך געשלעפּט צו אײַך אהער, — האָט זיך אָנגערופן מאַנוס. — איצט וועל איך כאָטש וויסן, וואָס איז אזוינס א מעדזשיבעזשער פונעם באַלשעמס געסל. — א קוק געטאָן אפן זייגער, האָט מאַנוס זיך א נעם געטאָן צום אינסטרומענט, דאָס מאָל צו דעם קלאַרנעט. — דער טאָג שטייט ניט. צײַט קלײַבן זיך אין וועג ארײַן.

— איז פאָרט איר טאַקע הײַנט אוועק? — האָט געפרעגט יוינע.

— הערט, — האָט זיך ציפּע אָנגערופן צו מאַנוסן, — עפּשער וואָלט איר גאָר פאַרבליבן בא אונדז?

— און וואָס וועט ער דאָ טאָן? — האָט אים געפרעגט יויכעוועד. — ארײַנשטעלן זומער קלינען אין די הויזן, קאַראַבקען זיך בא קיווע דעם אל־ כימיקער אפן לייטער, צי...

— ניט געזאָרגט, כעוועד, — יוינע איז מיטאַמאָל ווי העכער גאָר גע־ וואָרן אין וווקס, — קלעזמער וועלן בא אונדז לײדיק ניט זיצן, ווי זאָגט דאָרטן אונדזער שײַע־האַנאָווי.

דער פאַרוואַלטער פון מאַרק לאָזט זיך גלײַך הערן:

— מע וועט נאָך אופרופן דאָס שטעטל מאַפּטיר, צו דער טריבונע, אזוי צו זאָגן. דאָס שטעטל וועט ווערן א שטאָט, און עס וועלן בא אונדז זײַן כאַסענעס און א סאַך כאַסענעס.

— אָמיין.

— אָמיינקע יאָ, קיווע, אָמיינקע ניט, נאָר אז דאָס שטעטל וועט גאָר אינגיכן ווערן א שטאָט מיט פאַבריקן און זאַוואָדן, איז פאַר מיר אָט אף אזויפיל־אָ קיין דיִאַלעמע ניט.

ניט געפֿעלט, אַלע זאַלן עס באַמערקן, האָט מאנוס אַרויסגענומען פֿונעם טײַסטער א פּאַפּירל און עס אויסגעשטרעקט שײַען.

— וואָס איז עס? — האָט שײַע פאַרכידעשט געפרעגט, באַטראַכטנדיק דאָס האַרטע גלאַנציקע פּאַפּירל.

— מײַן וויזיט־קאַרטל איז עס. וויבאַלד עס וועלן זיך דאָ בא אײַך, ווי איר זאָגט, א שאָט טאָן כאַסענעס און א סאַך כאַסענעס, איז לאָז איך אײַך איבער מײַנע קאָאָרדינאַטן, מײַן אַדרעס און טעלעפאָן. אויב איר וועט מיר וועלן געבן צו וויסן דורכן טעלעפאָן, איז קלינגט מיר, ביטע, נאָך צען אינדערפרי, ווײַל פֿון אַכט ביז נײַן בין איך אין באַסיין. אַפילו אין די גרעסטע פראָסט גיי איך אַהין.

— איר גייט אַהין, אַפּאָנעם, זיך טויוולען, ווי דער סױפֿער אין מיקווע פֿאַרן זעצן זיך שרײַבן א ריינינקייט.

— שפּילן נאָכן גרויסן בראָך אָף א ייִדישער כאַסענע, כאָטשער באָרעך, איז אויך געווען היילינק. דאָווידקע, קום נאָר אַהער. „מײַן מאַמעס פריילעכס” קענסטו שוין גוט שפּילן?

— יאָ, פּעטער מאנוס.

— ווייסט אָבער, וויפֿל ס׳איז אַלט „מײַן מאַמעס פריילעכס”? ניין? איך ווייס עס אויך ניט. מעגלעך, אַז א סאַך, גאָר א סאַך יאָרן. ווער ווייסט. קאָן זײַן, אַז ס׳האָט אים נאָך געהאַט געזונגען מײַן זיידע, מײַן עלטערזיידעס צי מײַן עלטער־עלטערזיידע. דאָר הוילעך ווערדאָר באָ, א דאָר גייט אַוועק און א דאָר קומט, און דער וועג, וואָס עס מאַכט דורך א ניגון פֿון דאָר צו דאָר, איז ווי דער וועג פֿון א קוואַל. אָט ווערט ער אַנטרונען, ווי ער וואָלט אויסגעטריקנט, קיין זייכער, דאַכט זיך, פֿון אים ניט פאַרבליבן, און מיט־אַמאָל באַווײַזט ער זיך ווידער, אָפֿט אַפילו דאָרט, ווו מע האָט זיך גאָר ניט געריכט אים טרעפֿן, און ער שטראָמט ווײַטער, בײַקומענדיק אַלע שטרויכלונגען אין וועג. איז שפּיל זשע מיר אים אויף, דאָווידקע, דעם ניגן, וואָס איז מיר פאַרבליבן פֿון מײַן אומגעבראַכטער מאַמען. אָף אַלע כאַסענעס און סימכעס זאָלסטו מיר אים אויסשפּילן.

מאנוס האָט אָפּגעטראָטן דאָווידקען דאָס אָרט, און דאָווידקע מיט דער קאַפּעלע האָבן אָנגעהויבן שפּילן, ניט באַמערקנדיק דערבײַ, ווי אין הויף איז אַרײַנגעקומען הילעל און געבליבן שטיין.

— נאָכאַמאָל, דאָווידקע! — האָט מאנוס אָפּן מיליטערישן אויפֿן א קאָ־מאַנדעווע געטאָן.

און דאָווידקע האָט ווידער געשפּילט, נאָר עטוואָס אַנדערש, ווי ס׳ע האָט געשפּילט דעם זעלבן ניגן מאנוס. דער אומעט אין דער „מאַמעס פריילעכס” איז געווען אַן אַנדערער, און די פריילעכקייט אין אים איז געווען אַן אַנדערע.

# די איינציקע

## 1

צוזאמען מיטן שליסל פונעם צימער האָט די דעזשורנע פון האָטעל דערלאנגט לינען צוויי בריוו — פון דער טאָכטער און פונעם מאַן.

דעם בריוו פון דער טאָכטער, אַף וועלכן לינע האָט די אלע טעג אזוי ארויסגעקוקט, האָט זי דורכגעלייענט, גייענדיק מיטן לאנגן שמאָלן קאָרידאָר, ניט באמערקט אפילע, ווי זי האָט דערביַי עטלעכע מאָל פארצאמט מיט זיך דעם דורכגאנג. דאָס איז זי געבליבן שטיין, לייענענדיק, ווי איר איין־און־איינציקע טאָכטער, די זיבעצניאָריקע אירינע, האָט זיך פארקליבן אַף א צוגעבונדן בריקל אונטערן סאמע דאך פון א פילגאָרנדיקן עלעוואטאָר, וואָס בויט זיך דאָרט ערגעץ אינעם וויַיט־פארוואָרפענעם סטעפּ, און שטוקאטורעוועט די ווענט, און דאָס — בייסן לייענען, ווי אינמיטן דער נאכט איז אָנגעפלויגן א וויכער, האָט אראָפּגעטראָגן די פּלאטקע, אין וועלכער זי ווינט צוזאמען מיט עטלעכע סטודענטקעס פון איר קורס, און וויִאזוי זיי האָבן האלב־נאקעטע זיך נאָכגעיאָגט אינעם כוישעך נאָכן אוועקפליִענדיקן אָנטאָן. אפילע וועגן דעם, וויִאזוי זי האָט זיך איינמאָל געלאָזט פארפירן פון איר אייגענער אקשאָנעס — געגאנגען א קוק טאָן, צי דער טיַיך, וועלכן זי האָט אין א הייסן זוניקן טאָג דערזען פליסן גאָר נאָענט, איז אינדערעמעסן ניט קיין טיַיך, נאָר א מיראזש, ווי מע האָט איר געזאָגט, און וויִאזוי זי האָט, גייענדיק אהין, זיך אראָפּגעשלאָגן פון וועג און א טאָג מיט א נאכט געבלאָנקעט איינע אליין איבערן ווילדן סטעפּ, ביז מע האָט זי ענדלעך אָפּגעזוכט, — אפילע וועגן דעם האָט זי אויך געשריבן ווי וועגן עפּעס א מין קינדערשער פארוויַילונג. אירינע קלערט, אפּאָנעם, אז מיט אָט דעם לוסטיק־שטיפערישן בריוול האָט זי די מאמע אירע שוין איינגאנצן בארוּיִקט, און אז פון דער רעגע אָן וועט די מאמע נעמען גלייבן, אז די אָנדערהאלבן כאדאָשים אַף דער צעלינא זיַינען פאר איר טאָכטער מיט אירע כאוויירים און כאווערטעס פון אינסטיטוט דורכגעגאנגען ווי א מין פארוויַילונג — ס׳איז זיי דאָרט גאָרניט געווען צו שווער, קיין זאך ניט שרעקלעך. אזוי איז דאָס שוין, קינדער זיַינען קינדער, ביז זיי ווערן אליין ניט קיין טאטע־מאמעס... נו און ווען אלץ זאָל טאקעווירקלעך זיַין אזוי, ווי אירינע שריַיבט, וועט זי, לינע, דען ניט וואַרטן מיטן זעלבן ציטער אַף אירע בריוו? קאָן דען א מאמע, וואָס האָט צום ערשטן מאָל אין לעבן אָפּגעלאָזט פון זיך אזוי וויַיט איר איין־און־איינציק קינד, דערצו נאָך א מיידל, און אזא, אַף וועלכער סע פארקוקן זיך שוין יונגעליַיט, רוּיִק שלאָפן? פאר די פאָר וואָכן, וואָס לינע איז הי,

אין קאָמאנדירונג, האָט זי עפּשער צען מאָל א טאָג געקלונגען צו זיך אין האָטעל, זיך אָנגעפרעגט, צי זײַנען פאַר איר ניטאָ קיין בריוו. בריוו זײַנען געווען, און אפילע גאַנץ אָפט, אָבער ניט פון דער טאָכטער, נאָר פונעם מאַן, פון העגריכן.

לינע איז נאָך ניט געווען אין דעם עלטער, עס זאָל זי וווּנדערן, וואָס דער מאַן אירער, ווען עמעצער פון זיי ביידן איז אין קאָמאנדירונג, שרײַבט אזוי אָפט איר בריוו, און וואָס ער מעסט די ליבע זײַנע צו איר מיט דער טיפקײַט פונעם יאַם, מיט דער גרענעצלאָזיקײַט פונעם רוים און פאַרגלײַכט די בענקשאַפט זײַנע צו איר מיט דער בענקשאַפט פון א כאָסן צו א קאַלע. עס וווּנדערט זי אויך ניט, וואָס שיר ניט אין יעדן בריוו זײַנעם וואָרנט ער זי, אז טאָמער פאַרהאַלט זי זיך איין איבעריקן טאָג, איז מעג זיך אָף דער ארבעט בא אים קערן וועלטן, וואַרפט ער אלץ אוועק און פאָרט זי אַראָפּברענגען. אָן איר איז דער טאָג פאַר אים א יאָר, די אייביקײַט אליין. בא איר איז אָבער אזא ארבעט, אז ווי זי אײַלט ניט אהיים, מוז זי קימאַט יעדעס מאָל זיך פאַרהאַלטן אין קאָמאַנדירונג איבע־ריקע עטלעכע טעג. מיט העגריכן, אָף וויפל זי געדענקט, איז זיך אזוינס זעלטן ווען פאַרלאָפן, כאָטש מע האָט אים ניט איין מאָל געבעטן זיך פאַרהאַלטן, ער זאָל דורכלייענען נאָך עטלעכע לעקציעס. איין זאַך אָבער איז אַרומפאָרן לייענען לעקציעס וועגן מוזיק, און גאָר עפּעס אנדערש איז פּראָיעקטירן הידראָעלעקטראָסטאַנציעס. ניט שטענדיק קאָן מען עס אָפּלייגן אָף אַן אנדערשמאָל.

ניין, לינע האָט ניט אויסבאַהאַלטן פון העגריכן, ווי זי קוקט אַרויס אָף זײַנע בריוו, לייענט זיי עטלעכע מאָל איבער, און אז זי פאַרהיט זיי אלע ביז איינעם. זי וועט זיי ווען־ניט־איז געבן דורכלייענען דער טאָכ־טער, וואָס האָט איר אנומלטן געזאָגט, אז עכטע ליבע איז איצט פאַר־בליבן בלויז אין די ראָמאַנען וועגן דעם ווײַטן אַמאָל. אלץ בײַט זיך. די צײַט איז איצט אַן אנדערע, און די ליבע איז איצט אַן אנדערע. עמעצער פון אירע כאַווײרים האָט אפילע צוגעטראַכט א פאָרמול צו דעם און עס א נאָמען געגעבן „פאַרקערטע פּראָפּאָרציע”: וואָס קאָמפּליציר־טער ס׳איז די צײַט, אלץ איינפאַכער איז די ליבע, און אז אָף דער וועלט קוקט מען פון לאַנג שוין דערויף א סאַך פּראָסטער.

— ליריק, מאַמע, פּאָרט זיך ניט מיט פיזיק, — האָט אירינע איר דערמלט געזאָגט און דערבײַ צוגעגעבן, — אין אלע צײַטן זײַנען די עלטערן אָפּ־געשטאַנען פון די קינדער, און דו, מאַמינקע, זע איך, שטייסט אויך אָפּ פון דער צײַט.

וואָס וועט אירינע זאָגן נאָכדעם, ווי זי וועט דורכלייענען דעם פאָ־טערס בריוו?

דערווײַל איז לינע נאָך ניט אין דעם עלטער, אז ס׳זאָל זי וווּנדערן, וואָס דער מאַן שרײַבט איר קימאַט איבער א טאָג. זי איז שוין אָבער אויך ניט אין דעם עלטער, אז קריגנדיק פון אים א בריוו, זאָל איר ניט קלעקן קיין געדולד צוּוואַרטן, ביז זי וועט זיך דערקלײַבן צו זיך אין צימער, און זיך אוועקשטעלן לייענען אינעם טומלדיקן קאָרידאָר, ווי זי האָט עס געטאָן מיט אירינעס בריוול, ביפראַט, אז ערשט נעכטן זײַנען

געווען פון העגריכן צוויי קאַרטלעך מיטאַמאָל. פון דער טאָכטער אָבער איז עס דער ערשטער גרוס פאַר די אַנדערהאַלבן כאַדאָשים, וואָס זי איז אַף דער צעלינאַ.

און ניט בלויז דערפאַר, וואָס פון אירינען איז עס געווען דער ערשטער לעבעדיקער גרוס, און וואָס נאָך ניט לייענענדיק העגריכס בריוו, האָט זי געוווּסט, וואָס אָן ערעך שרײַבט ער, האָט לינע פאַנאַנדערגעכאַסמעט זײַן בריוו ערשט נאָכדעם, ווי זי איז אַרײַן אין צימער און צוגעמאַכט הינטער זיך די טיר. אַפילע דעמלט ווען זי איז געווען אין קאָמאַנדירונג אין אַזוינע ווײַט־פאַרוואָרפענע ערטער, ווו מע פלעגט זיך אויסקוקן די אויגן, ביזוואַנען עס פלעגט אָנקומען די פּאָטשט, האָט זי זיך אויך קיין־מאָל ניט געשטעלט לייענען דעם מאַנס בריוו אין עמעצנס אָנוועזנהײַט. שוין פון די ערשטע שורעס פלעגט איר פאַרכאַפּן דער אָטעם, נעמען פלאַמען די באַקן, גלײַך עס וואָלטן ניט אַדורך אַזויפיל יאָרן נאָך זייער כאַסענע און זי וואָלט ניט געווען קיין מוטער פון אַ דערוואַקסענער טאָכטער.

די ערשטע עטלעכע שורעס האָט לינע, ווי שטענדיק, דורכגעלייענט, קימאַט ניט אַרײַנקוקנדיק אינעם בריוו, און ניט געײַלט זיך דערקוקנדיקן, צי האָט זי גאָרניט פאַרפעלט און גאָרניט צוגעגעבן. זי וואָלט זיך, דאַכט זיך, אונטערגענומען אים דורכלייענען ביזן סאָף, קיין איין מאָל ניט אַרײַנקוקן אַהין און וואָלט ניט געהאַט דערבײַ קיין גרויסן טאָעס, ווי זי האָט ניט געהאַט קיין טאָעס אין די שורעס, מיט וועלכע דער בריוו הייבט זיך אָן: „טײַערע מײַנע, איינציקע מײַנע"...

ווי שטאַרק עס שיידן זיך אונטער דער טאָכטערס און דעם מאַנס בריוו. פאַר דער טאָכטער איז דאָס שרײַבן, זעט אויס, שיר ניט קיין אָפּ־קומעניש. עס זאָל דאָרט געווען זײַן בא זיי אַ טעלעפאָן, וואָלט זי מיס־טאָמע ביכלאַל ניט געשריבן, נאָר אָפּגעקומען מיט אַ קורצן טעלעפאָן־געשפּרעך. דאָס יונגוואַרג האַלט ניט פון שרײַבן בריוו. צו וואָס, אַז מע האָט קימאַט אומעטום אײַנגעשטעלט טעלעפאָן־אַוטאָמאַטן און קענסט זיך דורכריידן מיט וועלכער שטאָט דו ווילסט. עס גייט צו דעם, אַז באַם יונגוואַרג זאָל אַ פּאָרטאַטיוו טעלעפאָנדל ווערן פונקט אַזאַ וואָכעדיקער גאַנג, ווי ס'איז איצט אַ וואָכעדיקער גאַנג אַ פּאָרטאַטיוו טראַנזיסטאָרל, און דעמלט וועט אירינע ניט שרײַבן אַפילע דעם כאָסן אירן, אויב זי וועט צו יענער צײַט שוין האָבן אַ כאָסן. עפּשער מיט דעם איז זי, לינע, מיט איר העגריכן אָפּגעשטאַנען פון דער צײַט, וואָס זיי האַלטן נאָך אַלץ פון שרײַבן בריוו, כאָטש קימאַט אין אַלע שטעט, ווו איר צי אים קומט אויס זײַן אין קאָמאַנדירונג, זײַנען פאַראַן טעלעפאָן־אַוטאָמאַטן. זיי באַ־נוצן זיך אָבער זעלטן מיטן טעלעפאָן. זיי קאָנען ביז איצט זיך ניט פאָר־שטעלן, ווי קאָן מען אַרויסברענגען אַף אַ קאָל דאָס, וואָס עס דאַרף גע־זאָגט ווערן מיט צוגעשלאָסענע ליפּן, מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן, ווי זי טוט עס איצטער, לייענענדיק שורע נאָך שורע העגריכס בריוו:

„דו ווייסט ניט, שרײַבסטו מיר, טײַערע, וואָס קומט מיט דיר פאָר, און איך, מייַנסטו, ווייס, וואָס קומט מיט מיר פאָר? איך ווייס בלויז, אַז פון זינט מיר האָבן זיך באַגעגנט, זײַנען בא מיר אויסגעוואַקסן פליגל.

אין פיר טעג ארום וועלן זיי מיך ווידער ברענגען צו דיר. ווי נאָר דו האָסט מיר געלאָזט צו וויסן, אַז קאָנסט ניט קומען צו מיר אהער, האָב איך אָנגעקלונגען צו אײַך אין דער פילהאַרמאָניע, און זיי האָבן מיר געענטפערט, איך זאָל קומען. זיי קאָנען מיך באַזאָרגן מיט עטלעכע לעקציעס. איז אין פיר טעג ארום בין איך בא דיר, מיט דיר, טײַערע מײַנע, האַרציקע מײַנע. מעגלעך, אַז איך וועל נאָך קומען פריִער. אָן דיר איז יעדער טאָג פאַר מיר א יאָר, די אייביקײַט אליין. און עפשער קאָנסטו פאָרט, אָף די עטלעכע טעג, וואָס מיר איז געבליבן צו זײַן נאָך אליין, קומען אהער?״

## 2

אין צימער איז שוין געווען אָונטיק־טונקל, ווען לינע האָט זיך דערזען ליגן אפן דיל. עס זײַנען דורך נאָך עטלעכע מינוט, און זי האָט אלץ ניט געקאָנט באַנעמען, וואָס איז מיט איר געשען, פארוואָס ליגט זי בא דער טיר? זי געדענקט נאָר, אַז עמעצער האָט זי הינטערווײַלעכס א שטויס געטאָן און זי האָט מיט א מעשונעדיקער גיכקײַט זיך געטראָגן באַרג־אראָפּ צו א טיפן אָפּגרונט און ניט געקאָנט זיך אָפּשטעלן. ווי זי זאָל זיך וועלן איבערצײַגן, אַז זי איז בא זיך אין צימער און ניט אפן דעק פון אָפּגרונט, האָט זי עטוואָס אופגעהויבן דעם קאָפּ פון דיל, זיך געוואָלט אופזעצן, און אין דער זעלבער רעגע דערזען לעבן זיך דעם בריוו. ביסלעכווײַז האָט זי זיך אָנגעהויבן דערמאָנען. זי איז שוין איצט ניט זיכער, אַז ס׳איז פון הענריכן. הענריך איז א מענטש א באַדאַכטער, א פאַרזיכטיקער. אפילו אין גרויס אײַלעניש וועט ער אויך ניט איבערפלאָנטערן די אדרעסן. דאָס האָט די דעזשורנע פון האָטעל א טאָעס געהאַט, איר דערלאנגט א פרעמדן בריוו. ס׳מאַכט ניט אויס, וואָס די האַנטשריפט איז אַזוי ענלעך אָף איר מאַנס. אַזוינס טרעפט אויך. אָט, אשטייגער, איז בא אירינען פונקט אַזאַ האַנטשריפט, ווי באַם בוכהאַלטער פונעם וויסנשאַפטלעך־פאַרשערישן אינסטיטוט, וווּ זי, לינע, אַרבעט. זי איז שוין באַלד זיכער, אַז ס׳איז ווירקלעך אַזוי, נאָר צורירן זיך צום בריוו האָט זי אלץ נאָך מוירע, עס זאָל זיך ווידער ניט א דריי טאָן דער צימער פאַר די אויגן, זי זאָל זיך ווידער ניט דאַרפן אָנכאַפּן פארן טישל און ווי פון אָן אומגעריכטן שטויס זיך נעמען טראָגן באַרג־אַראָפּ און פליִען ערגעץ אין א טיפן פינצטערן אָפּגרונט...

דער קאָפּ האָט שרעקלעך וויי געטאָן. קענטיק, זי האָט, פאַלנדיק, זיך א שטאַרקן קלאַפּ געגעבן.

אַן אָפּגעשוואַכטע, ווי נאָך א שווערער קרענק, האָט לינע זיך אופגעהויבן פון דיל און געמאַכט עטלעכע טריט. האַלטנדיק זיך פארן טיש, האָט זי א בליק געטאָן אָף די ערשטע שורעס פונעם בריוו, וועלכע זי האָט פון אָנפאַנג געהאַט דורכגעלייענט, קימאַט ניט אַרײַנקוקנדיק אין אים. ניט דאָרט און ניט אפן צווייטן און דריטן זײַטל איז ניט געווען אָנגעוויזן, צו וועמען דער בריוו איז געשריבן. ערשט צום סאַמע סאָף האָט לינע דערזען דעם נאָמען פון דער פרוי, צו וועלכער הענריך האָט זיך געווענדט: פרידע.

לינע האָט עטלעכע מאָל איבערגעכאַזערט אַף אַ קאָל און אין זיך דעם דאַזיקן נאָמען, זי זאָל אים ניט פאַרגעסן, און דערבײַ זיך אָנגעהאַלטן מיט אַלע קויכעס פאַרן טישל, ווי מע האַלט זיך אָן מיט בײדע הענט פאַר די צאַרגעס פון דעם שטול בײַ אַ צײן־דאָקטער.

„פרידע... פרידע...״ פונקט ווי דאָס סאַמע וויכטיקסטע פון דעם, וואָס לינע האָט אויסגעלײענט, איז דאָס, וואָס יענע רופט מען פרידע.

עס האָט זי מיטאַמאָל אַ הײב געטאָן פון אָרט. ס׳קאָן ניט זײַן. עס קאָן ניט זײַן, אַז דאָס זאָל זײַן זײַן ערשטע פרוי. באַלד צוואַנציק יאָר, ווי ער איז זיך מיט איר צעגאַנגען. ס׳קאָן ניט זײַן! און אויב ס׳איז זי? האָט ער, הײסט עס, די אַלע יאָרן אָפּגענאַרט בײדע, צי עפּשער נאָר זי, לינען? ווען זי איז זיכער, אַז אָט דעם בריוו האָט העניך געשריבן צו זײַן ער־שטער פרוי, וואָלט איר געווען דערפון פיל לײַכטער. זי וואָלט אים דעמלט, מעגלעך, געקאָנט אַ סאַך פאַרגעבן! אַפילע פרײַנטלעך זיך מיט אים פאַ־נאַנדערגײן. ער האָט איר דאָך אַלײן געזאָגט, אַז ליבן קאָן מען בלויז אײן־און־אײנציק מאָל, און אַז די עכטע, די דערהויבענע ליבע איז בלויז די ערשטע. ער, העניך, איז בײַ איר, בײַ לינען, געווען דער ערשטער. זי אָבער איז דאָך בײַ אים דאָס צווײטע ווײַב. פאַרוואָס האָט זי די אַלע יאָרן זיך געלאָזט אײַנרײדן, אַז זי איז זײַן ערשטע ליבע?

באַלד דאַרף קומען נאָך איר מיכאַיל יעפימאָוויטש, דער פאַרטרעטער פונעם הויפּט־אינזשעניער פון דער הידראָעלעקטראָסטאַנציע. ער האָט זי אײַנגעלאַדן גײן הײַנט מיט אים אין קינאָ. ווי קאָן זי איצט ערגעץ גײן? זי וועט אים געבן דורכלײענען דעם בריוו. ווער ס׳וואָלט איצט ניט ארײַנ־געקומען אַהער, וואָלט זי געגעבן לײענען דעם בריוו און געבעטן, מע זאָל אים פאַרלײענען אַף אַ קאָל, זי זאָל קאָנען עפּעס צוגעבן צו דעם, וואָס איז, ווי זי שטעלט זיך פאָר, געוויס זיך פאַרלאָפן צווישן אים און פרידען, נאָר ער באַהאַלט עס אויס, שרײַבט ניט דערפון. איר, לינען, וואָלט דער־פון געוואָרן גרינגער...

דעם בריוו האָט זי אָבער באַהאַלטן אַפן סאַמע דעק פון טשעמאָדאַן, ווי זי זאָל מוירע האָבן, אַז זי קאָן ווירקלעך פלוצעם נעמען און געבן אים לײענען מיכאַילן, וואָס דאַרף באַלד קומען. וואָס וועט זי אים זאָגן, אָט דעם מילדן יונגנמאַן מיטן אײדעלן געזיכט, וועלכער איז די ערשטע טעג געווען איר באַגלײטער דאָ אַף דער הידראָסטאַנציע?

פאַר דער צײַט, וואָס לינע איז הי, איז זי שוין אַ פּאָר מאָל געווען מיט אים צוזאַמען אין קינאָ, זי איז אַפילע צוגעפאָרן מיט אים אײנמאָל אַף זײַן מאַשין אין דער געגנטלעכער שטאָט, — דאָרט האָט געשפּילט אַ מאָסקווער טעאַטער. אומקערנדיק זיך פון שטאָט צוריק אַהער, האָט לינע אים געפרעגט: ווי קומט עס, וואָס אַזאַ יונגער און שײנער באַגאַבטער אינזשעניער, ווי ער, זאָל ניט כאַסענע האָבן? זי געדענקט שוין איצט ניט, וואָס האָט ער איר דעמלט דערויף געענטפערט. דאַכט זיך, ער האָט איר אַף דעם גאָרנישט ניט געענטפערט, געווען דעם גאַנצן וועג מאָדנע פאַר־טראַכט, געקוקט אַלץ אַף איר און געשוויגן. נאָכפאָלגנדיק דעמלט נאָך אים, איז איר פּלוצעם אײַנגעפאַלן, אַז מיטן דאַזיקן יונגנמאַן האָט מיס־טאָמע פּאַסירט דאָס זעלבע, וואָס מיט איר העניכן. און דאָס ווײסט זי

שווין אַף זיכער: אויב מיכאיל וועט זיך אַ צווייט מאָל אין עמעצן פֿאַר־ליבן, וועט עס באַ אים אויך זײַן די ערשטע ליבע. באַ מאַנספּאַרשוינען, אַפּאָנעם, האָט זי דעמלט אַ קלער געטאָן, איז די עכטע ליבע נאָר די, וועלכע קומט נאָך אַ ניט געלונגענער כאַסענע. זי, לינע, וואָלט ניט האָבן קעגן, ווען מיט איר אירינען כאַזערט זיך איבער דאָס זעלבע, וואָס איז זיך פֿאַרלאָפֿן מיט איר, מיט לינען.

אַזוי האָט זי דעמלט געטראַכט, זיצנדיק לעבן מיכאיזלן אין מאַשין. איצט אָבער, ווען מיט אירינען טרעפֿט דאָס זעלבע, וואָס ס׳האָט געטראָפֿן מיט איר, לינען, מיט אַכצן יאָר צוריק, וואָלט זי שוין צו דעם ניט דער־לאָזט. און אויב אַזוינס וואָלט מיט איר טאָכטער זיך דאָך פֿאַרלאָפֿן, וואָלט זי איר געגעבן דורכלייענען דעם פֿאָטערס היינטיקן בריוו.

אָבער אים, מיכאיזלן, וועלכער דאַרף באַלד קומען, וואָס זאָל זי אים זאָגן? ווען ער ווייסט, ווי מיעס און נידערטרעכטיק מע האָט זי. אַזויפֿיל יאָר אָפּגענאַרט! צי דען וואָלט מיכאיזל איר דערוף געענטפֿערט דאָס זעל־בע, וואָס זי האָט איינמאָל געהערט פֿון אַ באַשולדיקטן אַף אַ געריכט, אַף וועלכן זי איז געווען אַ בײַזיצערן:

„אַ מאַנצבל קאָן זיך ניט באַגיין אָן קיין געליבטער. אַזוי איז געווען אַמאָל, אַזוי איז איצט, און אַזוי וועט שטענדיק זײַן, ווײַל אַזוי איז שוין דאָס לעבן און ניטאָ וואָס צו מאַכן דערפֿון קיין ווען״.

ניין, מיכאיזל קאָן איר אַזוינס ניט זאָגן. ער וועט אָבער געוויס באַ־מערקן, אַז זי איז הײַנט ניט אַזאַ ווי אַלעמאָל, און ס׳איז גענוג, ער זאָל לענגער פֿאַרהאַלטן איר האַנט אין זײַנער, אַז זי זאָל פֿאַרלירן איר שטאָלץ, און דעמלט...

פֿונעם געדאַנק, אַז מיט איר קאָן אַזעלכס געשען, האָט זי זיך דערפֿילט ווי געפּאַלן און געעילט וואָס גיכער פֿאַרלאָזן דעם צימער.

צוזאַמען מיטן שליסל האָט זי איבערגעלאָזט באַ דער דעזשורנע אַ צעטעלע פֿאַר מיכאיזל יעפֿימאָוויטשן, אַז, צום באַדויערן, איז זי הײַנט פֿאַרנומען. די טאָכטער האָט פּונקט אַף דער דאַזיקער שאָ זי אַרויסגערופֿן צום טעלעפֿאָן.

און אים, דעם שעף פֿון דער הידראָעלעקטראָסטאַנציע, וואָס וועט זי מאָרגן זאָגן? זי פֿאָרט דאָך פֿונדאַנען אַוועק אַף אַ גאַנצער וואָך פֿריִער. ס׳וועט אויסקומען עפּעס צוטראַכטן. ניט שטענדיק קאָן מען זאָגן דעם עמעס. און מיט וואָס זיך פֿאַרענטפֿערן אין אינסטיטוט וועט איר אויך אויסקומען עפּעס צוטראַכטן. עפּשער צוגיין אין פּאָליקליניק צו איר באַ־קענטער דאָקטערשע און בעטן, זי זאָל איר געבן אַ ביולעטען, באַפֿרײַען זי אַף עטלעכע טעג פֿון דער אַרבעט?.. דער דאָקטערשע וועט זי דער־ציילן, וואָס מיט איר איז געשען. ניין, ניט אַלץ, פֿאַרשטייט זיך, אַלץ קאָן זי נאָך זיך אַליין ניט דערציילן. עס הייבט איר גלײַך אָן פֿאַרפֿעלן אָטעם און דאָס האַרץ לאָזט ניט מאַכן קיין טראָט. קיין איין טאָג קאָן זי זיך דאָ מער ניט פֿאַרהאַלטן. זי מוז צופֿאָרן אַהין זיך זען מיט יענער. יאָ, עס גייט איר איצט אין לעבן, צי אָט די פֿרידע איז הענריכס געוועזענע פֿרוי, צי ס׳איז אָן אַנדערע. כאָטש ענדערן, פֿאַרשטייט זיך, קאָן עס שוין גאָר־ניט. מיט הענריכן איז אַלץ פֿאַרענדיקט. ווי נאָר זי וועט קומען, וועט זי

זיך מיט אים פאַנאַנדערגיין. דאָס איז שוין באַשטימט. נאָר ווער איז אָט די פרידע, דאָס איז איר ניט אַלצייִנס. זי וואָלט וועלן, אַז דאָס זאָל זײַן העניריכס געוועזענע פרוי. יאָ, זי וואָלט עס זייער וועלן.

אין לעבן גייט קיין זאַך ניט דורך אומבאַשטראָפט. פאַר דעם, וואָס זי איז זיך אַזוי באַגאַנגען מיט זײַן געוועזענער פרוי, איז זי ווערט, לינע, די דאָזיקע שטראָף.

און אויב ס'איז אַן אַנדערע? דאַרף מען עס אויך וויסן. דעמלט וועלן זיי זיך צעגיין מיט העניריכן ווי פײַנט, און ניט בלויז דערפאַר, ווײַל ער האָט זי פאַראַטן מיט אַ צווייטער, נאָר ווײַל ער האָט אַזוי פאַרשוועכט אירע געפילן. פון סאַמע אָנהייב איז אַלץ געווען אַ ליגן. אַלץ — אי דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט, אַז באַלד נאָכן געטן איז פרידע איבערגעפאָרן אין אַן אַנדער שטאָט, אי דאָס, וואָס ער האָט זיך עטלעכע מאָל געשווירן, אַז ער ווייסט אַפילו ניט, וווּהין זי האָט זיך איבערגעקליבן. ווי מ׳עס און נידעריק האָט ער זי אָפּגענאַרט, לינען. וווּהין זאָל זי זיך לאָזן פונדאַנען? אָנקלינגען אין פילהאַרמאָניע און פרעגן, ווו גאַסטראָלירט איצט איר מאַן? ניין, אַזוי זיך דערנידעריקן וועט זי ניט. זי איז נאָך געגנוג שטאָלץ בא זיך. און פאַרוואָס ניט אָנקלינגען צו זיך אַהיים? ס'איז דאָך ניט דאָס ערשטע בריוול זײַנס, אַפּאָנעם, אין וועלכן ער שרײַבט אָט דער פרידען, אַז ער איז אַליין און לאַדט זי אײַן קומען צו זיך. העניריך קאָן אָבער ניט אַראָפּנעמען דאָס טרײַבל, און קיין טעלעפאָן־אַווטאָמאַט, ער זאָל זיך ניט אָנשטויסן, אַז דאָס קלינגט זי, איז דאָ ניטאָ. צוליב דעם דאַרף מען צו־פאָרן אין דער שכייִנעסדיקער שטאָט. מיטן אַווטאָבוס דויערט עס אַ צוויי־דריטהאַלבן שאָ, און קלינגען דאַרף מען נאָר באַנאַכט, ער וועט דאָך ניט זיצן מיט זײַן „איינציקער און טײַערער" אין שטוב. ער פאַרברענגט געוויס דעם אָוונט מיט זײַן „איינציקער און טײַערער" ערגעץ אין אַ רעסטאָראַן. אים וועט קיינמאָל ניט אײַנפאַלן, אַז דאָס קלינגט זי, לינע. ער ווייסט, אַז דאָ הי זײַנען ניטאָ קיין אַווטאָמאַטן. זי וועט אים אָנקלינ־גען און זיך ניט אָפּרופן. און עפשער זאָל זי זיך אָפּרופן און אים זאָגן, אַז זי וועט זיך דאָ פאַרהאַלטן נאָך אויף עטלעכע טעג? עס זאָל זי נאָר ניט אונטערפירן די שטים, די אייגענע שטים.

## 3

אויך נאָכדעם ווי לינע האָט פאַרקערעוועט אין אַ געסל, ווו זי האָט שוין ניט געהאַט וואָס מוירע צו האָבן, אַז זי קאָן זיך באַגעגענען מיט מיכאיל יעפימאָוויטשן, האָט זי אַלצייִנס פאַרגעזעצט גיין מיטן זעלבן האַסטיקן טראָט, ווי זי וואָלט אַלץ נאָך פון עמעצן אַנטלויפן, זיך פון עמעצן אויסבאַהאַלטן. אָט דער עמעצער איז פון סאַמע אָנפאַנג, ווי נאָר זי איז אַרויס פון האָטעל, געווען זי אַליין. צום ערשטן מאָל פאַר אירע זיבן און דרײַסיק יאָר האָט זי אויפֿ־אַף־אויג זיך באַגעגנט מיט זיך אַליין און פון זיך אַליין געוואָלט אַנטלויפן. לינע, וועלכע אַלע, וואָס האָבן זי געקענט, און גופא זי אַליין, האָבן געהאַלטן פאַר אַ דרייסטער און מוטי־קער, איז, לאָזט זיך אויס, גאָר ניט אַזאַ, און די ערשטע וועגן דעם האָט

זי זיך עס דערוווּסט. און ווידער ווייסט זי: וויפל זי זאָל זיך איצט ניט ווערן, וועט זי סײַווי ניט בײַקומען אין זיך יענע לינע, וועלכע האָט זי ניט לאַנג צוריק אַזוי אַ וואַלגער געטאָן אויפן דיל, וועלכע טרײַבט זי איצט צו פאָרן אין דער שכיינעסדיקער שטאָט, צום טעלעפאָן־אויטאָמאַט, און רעדט זי צו אוועקוואַרפן די אָנגעהויבענע אַרבעט, זיך אומקערן אינמיטן דער נאַכט אַהיים און, ווי אַ גאַנעוו, זיך אַרײַנשלײַכן צו זיך אין שטוב, זי זאָל זײַ זיך ביידן קאָנען פּאַקן אויף אַן אָרט, פּונקט ווי פֿון דעם, ציִ וועט זי זײַ יאָ כאַפּן אויפן אָרט צי ניין קאָן זיך עפּעס ענדערן. פֿון דער רעגע אָן, ווען זי האָט דורכגעלייענט דעם באַקומענעם בריוו, איז צווישן איר און הענריכן אַלץ געענדיקט. ער וועט זיך פּרוּוון, פֿאַרשטייט זיך, פֿאַר איר פֿאַרענטפֿערן, ער קאָן אַפֿילו צוטראַכטן, אַז פֿרידע איז אַן אויסגעקלערטער נאָמען, און אַז ער האָט ניט איבערגעפּלאָנטערט די אַדרעסן. ער האָט בעקיוון אָנגעשריבן אַזאַ בריוו און עס אָפּגעשיקט איר, לינען, זי זאָל אָנהייבן אים, הענריכן, נאָכקוקן, נאָכשפּירן, ווײַל אים דוכט זיך, אַז די לעצטע צײַט האָט זי זיך פֿון אים שטאַרק דערווײַטערט. הענריך וואָלט זי, מעגלעך, געקאָנט אין דעם אײַנריידן, ווײַל זי האָט געוואָלט, ער זאָל איר אײַנריידן, נאָר צוריק זיך אומקערן צו אים — דאָס וועט זיך אים שוין קיינמאָל ניט אײַנגעבן. קיינמאָל! זי זאָל ניט געוועזן זײַן זיכער אין דעם, וואָלט זי ניט געאײַלט פֿאַרלאָזן דעם האָטעל, נאָר פֿאַרבליבן וואַרטן אויף מיכאַילן, און וואָס עס זאָל צווישן איר מיט אים זיך ניט געוועזן הײַנט פֿאַרלויפֿן, וואָלט זי זיך דערפֿון ניט געפֿילט געפֿאַלן און זיך ניט באַשול־דיקט, אַז זי האָט מיט דעם עמעצן פֿאַראַטן. פֿון דער מינוט, זינט זי האָט דערהאַלטן דעם בריוו, דאַרף זי זיך שוין פֿאַר הענריכן ניט פֿאַרענטפֿערן, זיך פֿאַר קיינעם ניט פֿאַרענטפֿערן. זי איז אַ פֿרײַער מענטש.

„איר זײַט אַ פֿרײַער מענטש! איר דאַרפֿט זיך פֿאַר קיינעם ניט פֿאַרענטפֿערן! איר זײַט אַ פֿרײַער מענטש!"

לינע האָט אַזוי דײַטלעך עס דערהערט, אַז זי האָט זיך אַפֿילו אומגע־קוקט, ווי זי וואָלט זיך ריכטן דערזען לעבן זיך דעם, וועלכער רעדט די גאַנצע צײַט איר אײַן זיך אומקערן צוריק אין האָטעל, אַז פֿון איצט אָן און ווײַטער איז זי אַ פֿרײַער מענטש, זי דאַרף זיך פֿאַר קיינעם ניט פֿאַרענטפֿערן, זיך פֿאַר קיינעם ניט פֿילן שולדיק.

דאָס שמאָלע שטויביקע געסל מיט די הילצערנע הײַזלעך און פֿאַרקנס, פֿון הינטער וועלכע עס האָבן זיך געצויגן צו דער פֿאַרגייענדיקער זון געדיכט באַהאַנגענע צווײַגן מיט דורכזיכטיקע עפּל, האָט זיך אַראָפּגע־לאָזט אין דער נידער און אומגעריכט אַרויסגעפֿירט לינען צו דעם פֿלאַכן ברעג טײַך, ווו זי האָט געקאָנט זיך אָנשטויסן אויף באַקענטע. אויב מי־כאַיל איז ניט אין קינאָ, איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז זי זאָל אים אויך דאָ באַגעגענען. און זי האָט דאָך געהאַט אין זינען, דאָס שטילע טויבע געסל זאָל זי אויסבאַהאַלטן, מע זאָל ניט זען, ווי זי אַנטלויפֿט פֿון זיך.

דער טײַך איז דאָ פֿיל ברייטער ווי אַרופֿצו העכער, ווו לינע האָט מיט צווײ וואָכן צוריק זיך אַרויסגעזעצט פֿון דער שיף. פֿאַר דער צײַט, וואָס זי איז געקומען אַהער, האָט זי זיך אַזוי צוגעוווינט צו דעם בלויליכ־גרינעם יונגן יאַם, וואָס רוישט הינטערן פֿענצטער פֿון איר קאַבינעט אויף

דער הידראָעלעקטראָסטאַנציע, אַז זי האָט אינגאַנצן אופגעהערט באַ־מערקן דעם טײַך. ווי ברייט עס איז דאָ ניט דער טײַך, וואָלט זי אים זייער לײַכט אריבערגעשווומען. יאָ, זי זאָל געווען האָבן מיט זיך איר באָד־קאָסטיום, וואָלט זי זיך אריבערגעכאַפּט אויף יענער זײַט און זיך אוועקגעלאָזט מיט די הויך־פאַרוואַקסענע בערג, וואָס שפּיגלען זיך אין וואַסער, פאַרגאַפטע פון דער אייגענער שיינקייט. ווײַזט אויס, זי איז דאָ צום ערשטן מאָל. עס קאָן דאָך ניט זײַן, זי זאָל ערשט איצט האָבן באַ־מערקט, ווי דער נאַקעטער פאַנאַנדערגעגראָבענער באַרג, פונוואַנען עס פאָרן נאָכאַנאַנד אָפּ אָנגעלאָדענע לאַסטמאַשינעס מיט קאַלך און ליים פאַרן צעמענט־זאַוואָד, באַרויבט מיט זײַן וואָכעדיקייט די יאָמטעוודיקע דערהויבנקייט פון די ארומיקע פאַרוואַקסענע בערג. נאָך א יאָר, נאָך צוויי, און מע וועט אים אינגאַנצן פאַנאַנדערגראָבן, און א באַרג איז דאָך ניט קיין וואַלד, וואָס מע קאָן אים אויסהאַקן און צוריק פאַרפלאַנצן.

די פאַרגייענדיקע זון האָט אויסגעלאָשן אין טײַך אירע לעצטע שטראַלן און זיך גענומען דורכלייגן א וועג צווישן די הויכע געדיכט פאַרוואַק־סענע בערג, איבערלאָזנדיק נאָך זיך א שטיק אונטערגעצונדענעם הימל, וואָס האָט אָפּגעלויכטן אינעם טונקל־גרויען וואַסער מיט א קופּערנער רויטקייט. לינע האָט זיך אַזוי פאַרקוקט אויפן נאַקעטן פאַנאַנדערגעגראָ־בענעם באַרג, אַז אויסער אים האָט זי שוין ארום זיך מער גאָרניט באַ־מערקט. זי ווייסט אליין ניט מיט וואָס, נאָר דער פאַנאַנדערגעגראָבענער באַרג אויף יענער זײַט טײַך האָט איר פּלוצעם דערמאָנט אין דער פעסטונג, וווּ זי האָט צום ערשטן מאָל באַגעגנט הענריכן. און דאָס איז געווען גע־נוג, זי זאָל אופהערן באַמערקן ארום זיך אַלץ, וואָס קאָן איר מיט עפּעס שטערן זיך פאַרקלײַבן אינעם פײַכטן טונקעלן טורעם, צוגיין צום ראַנד פון דער טיפער גרוב, וווּ מע פלעגט האַלטן געשמידט אין קייטן די ווידערשפּעניקע קעגן קייסער.

## 4

אין דרויסן האָט העל געשײַנט די זון — ס'איז געווען אין רעכטן מיטן זומער, — נאָר אין טורעם איז אפילע באַ ברייט צעפּראַלטע טירן געווען אָוונטיק טונקל און הארבסטיק פײַכטלעך, קיל. שטייענדיק באַ דער אָפּגעצוימטער גרוב, האָט לינע מיטאַמאָל דערפילט, ווי עמעצער קוקט אויף איר. זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און דערזען הינטער זיך א הויכן יונגנמאַן מיט מידע אויגן, וועלכן ס'האָט געהאַלטן אונטער דער האַנט א פּולבלעכע פּרוי מיט א שניר̇ל פּערל אויפן ווײַסן אויסגעצויגענעם האַלדז. צווישן די עקסקורסאַנטן, וואָס האָבן ארומגערינגלט זייער גיד — דאָס מיידל מיטן בלאָנדן קאָפּ האָר, — האָט לינע דאָס דאָזיקע פּאָרל פריִער ניט געזען, נאָר דער יונגערמאַן האָט איר פונעם ערשטן אויגנבליק אויסגעוויזן ביז גאָר קענטלעך. זי האָט אים זיכער שוין ערגעץ־ווו אַמאָל באַגעגנט, נאָר ווו, קאָן זי זיך אַלץ ניט דערמאָנען.

לינע האָט שוין נאָכדעם קנאַפּ־וואָס געהערט, וואָס עס דערציילט דער גיד. און ווען דער יונגערמאַן האָט באַם ארויסגאַנג פון טורעם זיך א

רעגעֶ פאַרהאַלטן, האָט זי זיך אויך אָפּגעשטעלט. די פּולבלעכע פרוי, וואָס האָט אים געהאַלטן אונטער דער האַנט, האָט, וואַרפנדיק אַף לינען אַ מאָדנעם בליק, האַסטיק אָפּגעפירט דעם יונגנמאַן אין אַ זײַט.

מער האָט לינע אים ניט געזען. זי האָט אים אויך ניט באַגעגנט צווישן די נײַע גרופּעס עקסקורסאַנטן און טוריסטן, וואָס האָבן פאַרפולט דעם גרויסן טומלדיקן הויף און די טורעמס פון דער הויך־אַרומגעצאַמטער פעסטונג. קענטיק, זי האָט אים אײַנגאַנצן אַוועקגעפירט פונדאַנען, אָט די פרוי מיטן שנירל פּערל אַפן האַלדז, וואָס האָט אַזוי אומצופרידן און פאַרדעכטיק זי באַטראַכט, לינען. סײַ־ווי אָבער האָט לינע, אַרויסגייענדיק פון דער פעסטונג, און אויך נאָכדעם, אַראָפּלאָזנדיק זיך באַרג־אַראָפּ אין דער נידער, ווו עס האָט געוווינט איר מומע, צו וועמען זי איז בײַס די זומער־קאַניקולן געקומען צו פאָרן אַף עטלעכע טעג צוגאַסט, ניט אופגע־הערט טראַכטן וועגן דעם יונגנמאַן און נאָכאַנאַנד זיך אַרומגעקוקט, צי זעט מען אים דאָ ניט גיין. זי האָט זיך אַפילע נאָכגעפרעגט אַפן דאָזיקן פּערל בא דער מומע, אויסגעמאָלט איר, ווי זעען זיי ביידע אויס, פאַר־זיכערט, אַז זי האָט ניט קיין טאָעס, — דער יונגערמאַן איז איר ביז גאָר קענטלעך, — און ניט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס קוקט אַזוי אַף איר די מומע, וואָס שמייכלט זי צו איר אַזוי.

— און אַליין, לינעטשקע, פאַרשטייסטו עס ניט? — האָט די מומע איר דערוף געענטפערט. — ביסט דאָך שוין ניט קיין קינד. ער האָט דערזען אַ יונג שיין מיידל, האָט ער זיך פאַרקוקט, און דיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער איז דיר קענטלעך. זע נאָר, פּלעמעניצע מײַנע, עס זאָל זיך ניט ענדיקן מיט דעם, ער זאָל אַרײַנשיקן אַ שאַדכן און פאַרפירן אַ רייד מיקויעך נאַדן. פאַראַן דאָ נאָך בא אונדז אַזעלכע יונגעלײַט.

— מומע...

— ווילסט מיך פאָלגן, לינעטשקע? הער זיך אוף צוקוקן און צוהערן. ביסט ניט פון יענע מיידלעך, וואָס דאַרפן מוירע האָבן, זיי זאָלן זיך, כאָלילע, ניט פאַרזיצן. דײַנס וועט ניט אַנטלויפן. ענדיק פריִער דעם אינסטיטוט.

סאַראַ מאָדנע זי איז, די מומע אירע. זי האָט דען מיט עפּעס אַרויס־געוויזן, אַז דער יונגערמאַן, וועלכן זי האָט באַגעגנט אין דער פעסטונג, איז איר געפעלן, וואָס די מומע האָט גענומען זי אָפּריידן פון אים? דאָס, וואָס זי האָט אים אַזוי גענוי אויסגעמאָלט, איז עס בלויז דערפאַר, אַז די מומע זאָל איר העלפן זיך דערמאָנען, ווער ער איז, פונוואַנען איז ער איר אַזוי קענטלעך, ווו האָט זי אים געקאָנט זען, און ניט מער.

די עטלעכע טעג, וואָס לינע איז געווען בא דער מומען צוגאַסט, איז זי אין שטוב ניט געזעסן, פונקט זי זאָל געוווען קומען אַהער ניט פון קיין גרויסער געגנטלעכער שטאָט, נאָר פון אַ פאַרוואָרפן שטעטל. זי האָט אַלץ געמוזט זען און אומעטום זײַן. אַ טאָג פאַרן פאָרן איז זי ווידער צוגע־גאַנגען אין היגן מוזיי, דאָס מאָל האָט לינען אַהין געצויגן די געבײַדע — דער געוועזענער טעמפּל, וואָס האָט מיט זײַנע פרעסקעס אַף די ווענט, מיט די האַלב־נאַקעטע הייליקע און מאַלאָכים אַפן הויכן סופיט, מיט די לענגלעכע און שמאָלע פאַרשיידנקאָליריקע שויבן, מיטן געשניצטן

באגילדעטן אלטאר, מיט דער רײַכקײַט און גלאַנץ פון די אינערלעכע קיניגרײַך־טויערן געשטערט די באַזוכער זיך איבעריקס פאַרהאַלטן בײַ די אַרויסגעשטעלטע מוזיי־עקספּאָנאַטן.

ס'איז נאָך געווען פרי, און עפּשער ווײַל דער פרימאָרגן איז געווען אַ כמורנער, נאָר אויסער איר און דער דעזשורנער בײַ דער טיר, איז אין מוזיי מער קיינער ניט געווען. די איינציקע, וועמען זי האָט, אַרומדרייענ־דיק זיך דאָ, דערווײַל באַגעגנט, זײַנען געווען די שטרענגע טרוקענע פּע־נעמער פון די הייליקע, וואָס האָבן אַראָפּגעקוקט פון די הויכע קאַלטע ווענט. איינציקן האָט זי אופגעהערט זיי באַמערקן און פילן די איינזאַמ־קײַט, וואָס האָט זי אַרומגעכאַפּט בײַם אַרײַנגאַנג. איצט איז זי געווען אַפילו צופרידן, וואָס זי איז דאָ אַליין. זי דאַרף ניט איבערלויפן נאָכאַ־נאַנד פון איין עקספּאָנאַט צום אַנדערן און זען ניט אָפּשטיין פונעם עקס־קורסיע־אָנפירער, וואָס האָט, ווי אַלע עקסקורסיע־אָנפירער, קיינמאָל קיין צײַט ניט, אײַלן זיך שטענדיק. די גרופּע, מיט וועלכער זי איז דאָ מיט אייניקע טעג צוריק געווען, איז נאָר אַרויף אַפן גלאָקן־טורעם, האָט דער גיד שוין אַלעמען געײַלט צוריק. זי האָט אַפילו רעכט ניט באַוויזן אַ קוק טאָן פון דער הייך אויף דער שטאָט, וואָס ליגט צעוואָרפן אויף די בערג און אין די טאָלן.

איצט האָט קיינער ניט אונטערגעטריבן. לאַנגזאַם, ניט געײַלט, האָט זי זיך אופגעהויבן מיט די אינוויייניקסטע פּילצאָליקע טרעפּלעך אויפן הויכן גלאָקן־טורעם, נאָר די נידעריקע רויכיקע וואָלקנס האָבן הײַנט אַלץ אויס־באַהאַלטן אונטער זיך: די שטאָט, די פעלדער, די לאָנקעס, די ווינטמילן בײַם האָריזאָנט. די וואָלקנס זײַנען געקראָכן איינער אויפן אַנדערן, אַראָפּ־געלאָזט זיך אַלץ נידעריקער און נידעריקער. צײַטנווײַז האָט זיך אויסגעגעבן לינען, אַז דער גלאָקן־טורעם וויגט זיך, שווימט צוזאַמען מיט די וואָלקנס, אָט הייבט ער זיך אויף און אָט לאָזט ער זיך אַראָפּ, און זי צו־זאַמען מיט אים.

אומקערנדיק זיך מיט די געדרייטע טרעפּ צוריק אין זאַל, האָט זי לעבן דעם שמאָלן לענגלעכן פענצטער אויף דער גאַלעריע דערזען אַ פיסהאַרמאָניע. קענטיק, מע האָט שוין אויף איר לאַנג ניט געשפּילט, מעג־לעך אַפילו אַזש פון יענער צײַט, ווען מע האָט דאָ אין טעמפּל אָפּגעריכט די לעצטע טפילע און צוזאַמען מיט אַנדערע שוין ניט נוציקע כפייצים זי איבערגעטראָגן אַהער אין ווינקל. לינע האָט אופגעהויבן דאָס דעקל, אַראָפּגעבלאָזט דעם שטויב און, ווי פון מיטלײַד צו דער פיסהאַרמאָניע, זיך צוגערירט צו די קלאַווישן, ניט דורכלאָזנדיק קיין איינע.

אין דער מוזיקאַלער שול, וועלכע לינע האָט פאַרענדיקט, איז געווען אַ פיסהאַרמאָניע, נאָר זי געדענקט ניט, זי זאָל ווען־ניט־איז געווען שפּילן אויף איר. זי האָט ניט ליב געהאַט די לאַנגזאַמע, צעצויגענע טענער, וואָס זײַנען פול מיט געבעט, מיט ראַכמאָנעס, און איר באַליבטער קאָמפּאָזי־טאָר איז דער שטורעמדיקער בעטהאָווען. און דאָך האָט זי גענומען שפּילן בעטהאָווענס לעוואָנע־סאָנאַטע — די סאָנאַטע, וועלכע זי האָט געשפּילט אויפן אַרויסלאָז־אָוונט. נאָר איצט האָט זי די סאָנאַטע געשפּילט אַנדערש. אין איר שפּילן האָט געשטורעמט דער אָנגעזאַמלטער פּאַרדראָס אויף זיך,

וואָס זי האָט אַזוי לײַכט זיך אונטערגעגעבן, געפּאָלגט די עלטערן און נאָכן פאַרענדיקן די מוזיק־שול אָנגעגעבן די דאָקומענטן ניט אין קאָנ־סערוואַטאָריע, ווי זי האָט געטרוימט, נאָר אין ענערגעטישן אינסטיטוט.

„מוזיק, — האָט איר געזאָגט דער פאָטער, — איז ניט קיין פאַך. ס'איז ניט קיין טאַכלעס. מוזיק איז אַן איניען נאָר פאַר די, וואָס האָבן אין זיך אַ געטלעכן פונק".

זי זאָל געוועזן האָבן דעם „געטלעכן פונק", וואָלט זי זיך מיסטאָמע אַזוי לײַכט ניט אונטערגעגעבן.

ווען זי האָט זיך אויפגעהויבן און געוואָלט צומאַכן דאָס דעקל פונעם אינסטרומענט, האָט עמעצער זי לײַכט אָנגערירט בײַ דער האַנט און שטיל געזאָגט:

— שפּילט, ביטע, נאָך עפּעס.

הינטער איר איז געשטאַנען דער וווּקסיקער יונגערמאַן מיט די מידע אויגן.

— בעטהאָווענען שפּילט איר וווּנדערלעך, נאָר אין ראַכמאַנינאָווס עלעגיע האָט איר אין איין אָרט, ווי מיר שײַנט, ניט אינגאַנצן פּינקטלעך איבערגעגעבן... אויב איר וועט מיר דערלויבן...

זײַנע ווײַסע לענגלעכע פינגער האָבן זיך ווי אַרופגעוואָרפן אויף די קלאַווישן, און שוין פון די ערשטע קלאַנגען האָט זיך לינען אויסגעוויזן, אַז אויך דער יונגערמאַן וויל אין זיך עפּעס פאַרטויבן, עפּעס פון זיך פאַרטרײַבן, און זי האָט ניט ווילנדיק זיך אומגעקוקט צו די פאַרזאַמל־טע אויף דער גאַלעריי, געזוכט צווישן זיי די פּולבלעכע פרוי מיטן שנירל פּערל אויפן ווײַסן אויסגעצויגענעם האַלדז. די פאַרזאַמלטע, וועלכע זי האָט דאָ פריִער ניט באַמערקט שטיין, פאַרגלײַכן, פאַרשטייט זיך, איר שפּילן מיט זײַנעם. אין דער אָנוועזנהײַט פון אָט דעם מענטשן וואָלט זי קיינ־מאָל ניט געוואַגט זיך צורירן צו די קלאַווישן.

„נו, פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז ער! זיכער! — האָט לינע שיִער ניט אויסגעשריִען. — דאָס איז ער אַרויסגעטראָטן בײַ זיי אין סטודענטישן קלוב מיט אַ לעקציע וועגן טשײַקאָווסקין".

בייס דער לעקציע, דערמאָנט זי זיך, האָט ער זיך עטלעכע מאָל צוגע־זעצט צום ראַיאַל, און, דאַכט זיך, איר איז דעמלט זייער געוועזן געפעלן זײַן שפּילן. נאָר ווי קומט ער אַהער, אין אָט דער שטילער ווײַטלעכער שטאָט? געקומען עפּשער לייענען זײַנע מוזיקאַלע לעקציעס?

— ביטע, — דער יונגערמאַן האָט זיך אויפגעהויבן פון בענקל און אָפּ־געטראָטן לינען דאָס אָרט.

— אָ, ניין, אין אײַער אָנוועזנהײַט... אָ, ניין!

— איר האָט ניט וואָס מוירע צו האָבן פאַר מיר. איר שפּילט, ווי אַן עכטער מוזיקאַנט. איך זאָג עס אײַך גאַנץ אופריכטיק. איר ווייסט: ווען איך האָב אײַך באַגעגנט אין דער פעסטונג, האָב איך גלײַך פאַרשטאַנען, אַז איר זײַט ניט קיין היגע, און דערפילט, אַז איר געהערט צו דער מו־זיקאַלער וועלט. מיך פירט זעלטן אונטער מײַן פאַרגעפיל.

לינע האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, ווי זי וואָלט זיך געשעמט אים זאָגן,

אז דאָס מאָל האָט אים זײַן פּאַרגעפּיל פונדעסטוועגן אונטערגעפירט. געזאָגט האָט זי עס אים, ווי זי זאָל אים פאַרטרויען א סאָד:

— איך האָב קיין שום שײַכעס ניט צו אײַער מוזיקאַלער וועלט. איך בין א געוויינלעכע סטודענטן פון אן ענערגעטישן אינסטיטוט, ווו איר זײַט אפילע איינמאָל ארויסגעטראָטן.

— טשיקאַווע.

— די לעקציע אײַערע איז געווען וועגן טשײַקאָווסקין. איך געדענק אפילע, אז איר האָט פאַר אונדז דעמלט זייער א סאך געשפּילט פון „יעווגעני אָניעגין" און פון דער „שוואַנען־אָזערע".

— מעגלעך. דאָס האָט געדאַרפט זײַן פאַראיאָרן ווינטער. איך בין פונקט דעמלט געווען אין אײַערע קאַנטן.

זי האָט ניט זיכער געפרעגט:

— איר זײַט א לעקטאָר?

ער האָט זיך א רעגע פאַרטראַכט. די מידע אומעטיקע אויגן זײַנען געוואָרן נאָך טונקעלער, די שטים — שטילער.

— ווי זאָל איך אײַך זאָגן, — ער האָט זיך פאַרלוירן אומגעקוקט, גלײַך ער זאָל זיך דאָ פון עמעצן אויסבאַהאַלטן, און מיטאַמאָל זי אָנגענומען אונטער דער האַנט. — איר קלײַבט זיך דאָ נאָך לאַנג פאַרהאַלטן אין מוזיי?

זי זאָל אפילע וועלן זיך פאַרהאַלטן, וואָלט זי סײַ־ווי אים געענטפערט דאָס זעלבע, וואָס איצט:

— ניין, איך האָב שוין דאָ, אייגנטלעך, אַלץ געזען און באַקוקט, — באַפרײַענדיק איר האַנט פון זײַנער, האָט זי צוגעגעבן, — איך בין שוין דאָ ס'אַנדערע מאָל.

— איך בין אויך צום צווייטן מאָל דאָ. און ווייסט איר, וועמען איך האָב עס צו פאַרדאַנקען? אײַך.

זי האָט אופגעהויבן אף אים אירע קאַרע גלאַנציקע אויגן און זיי באַלד צוריק אַראָפּגעלאָזט.

— איך בין צופעליק פאַרבײַגעגאַנגען דעם מוזיי און מיטאַמאָל דערהערט מוזיק. בין איך אַרײַן א קוק טאָן, ווער שפּילט עס אזוי שטורמיש בעטהאָווענען. נו, און פאַרענדיקט האָט זיך עס מיט דעם, ווי איר זעט, וואָס מיר האָבן זיך מיט אײַך באַקאַנט. דערלויבט זיך פאָרשטעלן: הענריך זינאָוויעוויטש קראַפט.

— לינע.

ער האָט זי ווידער אָנגענומען אונטער דער האַנט און דאָס מאָל מער זיכערער געפרעגט:

— איר האָט ניט קיין פאַרלאַנג זיך דורכשפּאַצירן אין פּאַרק? איך ווייס ניט, ווי אײַך, נאָר מיר איז דער היגער פּאַרק זייער געפעלן. איך בין אין אים פאָשעט פאַרליבט. ס'איז, אייגנטלעך, ניט קיין פּאַרק, נאָר א וואַלד, א געדיכטער באַרגיקער וואַלד.

דער דופטיקער רייעך פון צײַטיקע ווײַנשל און פרישן היי, וואָס דער שטילער וואַרעמער רעגן האָט געבראַכט מיט זיך צו טראָגן פון די אַרומיקע סעדער און לאָנקעס, האָט פאַרנאַרט לינען מיט הענריכן טיף אין פּאַרק, וועלכער האָט זיי באַשיצט פון ביידע זײַטן וועג מיט ברייט־

פאנאנדערגעוואקסענע סאָסנעס און צעדערן. לינע האָט זיך געוווּנדערט אַף זיך אַליין, וואָס זי ווערט זיך ניט, ער זאָל צערטלען איר האַנט און פון מאָל צו מאָל זי צוטראָגן צו זײַנע ליפּן. איר האָט זיך געדוכט, אַז אַזוי איז אים לײַכטער פאַרזעצן די געשיכטע, וועלכע ער האָט איר אָנגעהויבן דערציילן וועגן זיך, נאָכדעם ווי זי האָט אים געפרעגט, דערוויסנדיק זיך, אַז ער האָט געשפּילט אין אַ סימפאָנישן אָרקעסטער, פאַרוואָס איז ער פון דאָרט אוועק און געוואָרן אַ לעקטאָר.

דערציילנדיק, האָט הענריך זיך עטלעכע מאָל פאַרטראַכט, און יעדעס מאָל האָט לינען זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס וויל ער דערגיין בא זיך, וואָס איז מיט אים פּלוצעם אַזעלכס געשען, וואָס שוין בא דער ערשטער באַקאַנטשאַפט דערציילט ער איר אַזוינס, וואָס ער האָט נאָך קיינעם ניט פאַרטרויט.

אוןווירקלעך: זיי האָבן זיך דאָך, אייגנטלעך, נאָרוואָס באַקאַנט. זי איז דאָך פאַר אים אינגאַנצן אַ ווילד־פרעמדער מענטש. וואָס האָט פאַר די פאַר שאָ זיך געקאָנט מיט אים אַזוינס פאַרלויפן, אַז ער זאָל איר דערציילן, וויאַזוי מע האָט אים פאַרקנאַסט פאַר דעם ווײַבל, מיט וועלכער לינע האָט אים געזען, און וואָס איז זיך מיט אים פאַרלאָפן נאָך דער כאַסענע.

...ניט אַלץ, וואָס הענריך האָט איר דערציילט, האָט לינע באַנומען. דאַכט זיך, ער אַליין האָט אויך ניט אַלץ באַנומען, און דערפאַר, מעגלעך, איז ער אָפּט איבערגעגאַנגען פון „איך" אַף „אים", דערציילט איר וועגן זיך ווי וועגן אַ צווייטן, אַ זײַטיקן, און יעדעס מאָל, ווען אים איז אויסגעקומען זיך פאַרורטיילן, האָט ער זיך פאַרופן אַף דער צײַט, געפּרוווט דערמיט לינדער מאַכן די שולד זײַנע. ער האָט איר דערציילט וועגן יענע יאָרן, גלײַך זי וואָלט דעמלט געווען גאָר אַ ברעקל קינד, בייס פון יענער צײַט איז נאָך ניט דורכגעגאַנגען קיין דרײַ יאָר אַפילע.

## 5

מיט קנאַפּע דרײַ יאָר צוריק — די מילכאָמע האָט זיך נאָרוואָס געענדיקט — איז דער אָרקעסטער, אין וועלכן הענריך האָט געשפּילט, געקומען קיין בוקאָווינע אַף גאַסטראָלן.

אין דער שטילער און זויבערער שטאָט, ווו דער אָרקעסטער האָט פאַרענדיקט זײַן טורנע איבער בוקאָווינע, האָט דער באַלעבאָס פון דער דירע, בא וועמען הענריך איז די עטלעכע טעג אײַנגעשטאַנען, זיך צו אים אָנגערופן, קוים נאָר האָט ער זיך דערוווּסט, אַז דער קוואַרטיראַנט זײַנער איז נאָך אַ באָכער, — אַז ער האָט פאַר אים אַ קאַלע, זייער אַ פײַן מיידל, עמעס אַ ביסל אַ פאַרזעסענע, דערפאַר אָבער פון אַ באַלעבאַטישן שטאַנד. דער פאָטער אירער האָט פאַר דער מילכאָמע, ביז די סאָוועטן הייסט עס, געהאַט אַ יוועליר־געשעפט, און מע דאַרף זיך מעשאַער זײַן, אַז נאָך אַלע רעקוויזיציעס און עוואַקואַציעס איז אים פונדעסטוועגן אויך עפּעס איבערגעבליבן און, מעגלעך אַפילע, אַז עטוואָס מער ווי עפּעס. מיט איין וואָרט, דאָס מיידל, וואָס ער וויל אים שאַדכענען, איז אַ מיידל מיט נאַדן,

און כוץ דעם, האָט זי אין ארגענטינע א רײַכע מומע, אן אקאָרע, און דאָס האָט אויך וואָס צו זאָגן, ביפראט נאָך איצט.

ס׳איז געווען פונקט די צײַט, ווען אין בוקאָווינע האָט זיך געקאָכט. דער אָרקעסטער איז אָנגעקומען אהין אין אייניקע טעג ארום, ווי ס׳איז געווען געמאָלדן, אז ווער פון די אָרטיקע אײַנוווינער עס וויל אריבער־פאָרן קיין רומעניע, זאָל ער אָנגעבן א מעלדונג. דער קאלעס עלטערן האָבן שוין אָנגעגעבן די פאפירן, און קוים ווערט ער, העניריך, זייערער אן איידעם, וועט מען אים באגלײַך מיט זיי אויך ארויסלאָזן, און ס׳איז ניט קיין מוז, ער זאָל בלײַבן שטעקן אין רומעניע. די וועלט איז גרויס. ער קאָן פון דאָרט פאָרן ווײַטער, אפילע קיין ארגענטינע. און פארוואָס טאקע ניט קיין ארגענטינע צו דער רײַכער מומען, דער אקאָרע? אזא באָכער, ווי ער, קאָן דאָרט פאר איינע־צוויי יאָר האָבן אן אייגענעם אָר־קעסטער און ארומפאָרן אין אן אייגענער מאשין. וואָס ווערט ער אָן? די גרויסע גליקן, וואָס ער מאכט דאָ?

ווער האָט דעמלט געטראכט וועגן מאכן גליקן, אז ס׳איז אפילע ניט געווען ווו דעם קאָפּ אנידערלייגן און מע האָט שאָענלאנג געדארפט אָפּ־שטיין אין די רייען בא די קראָמען און גאָרקיכן. אין דער שטאָט, ווו ער האָט געווױנט, איז קיין איין גאנצע גאס ניט פארבליבן. כורוועס אף כור־ווּעס. ער בארעכטיקט זיך ניט, ניין. ער וויל נאָר, לינע זאָל פארשטיין, פארוואָס האָט ער זיך דעמלט געלאָזט אײַנריידן און איז געגאנגען אָנ־קוקן דאָס מיידל. וואָס האָט אים אזוי פארבלענדט, אז ער האָט וויניקער ווי אין א כוידעש ארום פארלאָזט דעם אָרקעסטער, געגאנגען מיטן מיידל אין זאגס און געווען זיכער, אז ער וועט זײַן מיט איר גליקלעך, — קאָן ער זיך איצט אף דעם אליין ניט ענטפערן. אלנפאלס, דאָס מיידל איז זיכער ניט שולדיק. זי האָט זיך אין אים פארליבט, אָבער אפן האלדז האָט זי זיך אים ניט געהאנגען. איצט איז אים שוין שווער צו זאָגן, נאָר, דאכט זיך, ער איז אויך געווען אין איר פארליבט. אן איינזאמען מענטשן איז ניט שווער זיך צו פארליבן, און העניריך איז דעמלט געווען זייער איינזאם. קיינער פון זײַנע אייגענע איז ניט פארבליבן. זיי ליגן אלע אין דער גרויסער גרוב הינטער דער שטאָט. איינס קאָן ער איר זאָגן אף זיכער: ער איז ניט געגאנגען מיט פרידען אין זאגס, ווײַל דורך דעם וועט ער קאָנען זען א וועלט. יאָ, ער האָט באלד נאָך דער כאסענע אָנגעגעבן די פאפירן אף ארויסצופאָרן, נאָר ווען ער האָט באקומען די דערלויבעניש, איז אים מיטאמאָל באפאלן אזא בענקעניש צו אלץ, וואָס ער לאָזט דאָ איבער, אז וויפל די יונגע פרוי זײַנע, פרידע, אירע עלטערן און זייערע קרויווים האָבן אים ניט צוגערעדט, ער זאָל פאָרן, האָבן זיי בא אים גאָר־ניט געקאָנט פויעלן. דאָס איינציקע, וואָס ער האָט זיי אלעמען געענט־פערט, — אויב פרידען איז אזוי שווער זיך שיידן מיט די עלטערן, איז זאָל זי פאָרן מיט זיי, ער וועט נאָך צוווארטן. געענדיקט האָט זיך מיט דעם, אז זי איז דערווײַל אויך פארבליבן.

און אָט איז שוין דאָס דריטע יאָר, ווי ער האָט זיך באזעצט אין דער שטילער און זויבערער בוקאָווינע־שטאָט און איז געוואָרן א לעקטאָר. פון צײַט צו צײַט שיקט אים די פילהארמאָניע אין פארשיידענע שטעט לייע־

נען מוזיקאַלע לעקציעס, און ווי זי זעט, לינע, האָט ער אַפּילע איינמאָל פאַרבלאָנדזשעט אַזש צו זיי, אין דער גרויסער וויַטער שטאָט. פרידע, די פרוי זײַנע, פאָרט מיט אים קימאַט אומעטום מיט. ווי שטאַרק זי האָט אים ניט ליב, נאָר ווען זי זאָל ניט זײַן זיכער, אַז זי וועט אים אײַנברעכן, וואָלט זי דעמלט ניט פאַרבליבן. זי וואָלט אַרויסגעפאָרן מיט די עלטערן, וואָס זײַנען פון לאַנג שוין אין אַרגענטינע און לאָזן זי ניט צורו מיט זייערע בריוו, און זי אים — מיט איר וויינען און בעטן זיך, ער זאָל ווי־דעראַמאָל אָנגעבן די פּאַפּירן. סאָפּקאָלסאָף וועט זיך עס מיסטאָמע ענדיקן דערמיט, אַז ער וועט אין איינעם אַ שיינעם טאָג פּאָשעט פאַרשווונדן ווערן. ער וואָלט עס איצט געטאָן, קאָן ער ניט, — באַ זיי איז ניט לאַנג צוריק געשטאָרבן אַ קינד, אַן ערשטלינג, אַ ייִנגעלע פון אַ יאָר. די גאַנצע האָפענונג איז באַ איר געווען אָף דעם, אַז ווען ער וועט ווערן אַ טאַטע, וועט ער זיך לײַכטער לאָזן אײַנברעכן. ער וועט דאָך ניט דערלאָזן, זי זאָל אוועקפאָרן אַליין מיטן קינד.

און מיטאַמאָל:

— איצט ווייס איך שוין, פאַרוואָס איך בין דעמלט ניט געפאָרן. און איר, לינע, ווייסט עס אויך.

— איך?

— זאָגן? — ער האָט זי אַ צי געטאָן צו זיך און זי אַ קוש געטאָן אי־נעם הויכן ליכטיקן שטערן.

— העניק זינאָוויעוויטש!..

ער האָט זיך ווי אויפגעכאַפּט פון שלאָף און פאַרשעמט אָפּגעקערט דעם קאָפּ:

— אַנטשולדיקט.

דער רעגן איז אַלץ נאָך געגאַנגען ווי דורך אַ זיפּ, אַ שטילער און דריבנער.

— איר האָט די פּיס ניט פאַרנעצט? זעט, איר זאָלט זיך ניט צוקילן.

— איך בין ניט קיין ציטעריק קינד, מיר וועט עס ניט שאַטן.

זי האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז זי האָט עס אים ניט געדאַרפט זאָגן, אַז איצט וועט ער דעם גאַנצן וועג שוין שווײַגן, און איר האָט זיך פאָרט געוואָלט, ער זאָל איר ענטפערן, פאַרוואָס קלערט ער, אַז זי ווייסט, וואָס האָט אים דעמלט פאַרהאַלטן בלײַבן הי. זי האָט פאַרלאַנגזאַמט די טריט, נאָר דער טויער האָט זיך אַלציינס דערנעענטערט. אַז זיי וועלן אַרויס פון פּאַרק, וועט זי עס אים שוין ניט פרעגן. איז זי געבליבן שטיין.

— איר האָט מיר געוואָלט דאָך זאָגן...

זײַנע שטילע אויגן האָבן צעשטרייט געקוקט אָף איר.

— איך געדענק שוין ניט.

— איך קען אײַך דערמאָנען, — לינע האָט זיך געכידעשט, וואָס זי פירט זיך מיט אים אַזוי אויף, נאָר זי האָט שוין ניט געקאָנט אָפּטרעטן, — איר האָט מיר געזאָגט, אַז איצטער ווייסט איר, פאַרוואָס איר זײַט דעמלט געבליבן, און אַז איך ווייס עס אויך. פונוואַנען קאָן איך עס וויסן?

— איך בין אַן אָבערגלייביקער. באַ מיר איז די גאַנצע צײַט געווען אַ פאָרגעפיל, אַז איך וועל זיך מיט אײַך באַגעגענען, יאָ, מיט אײַך, כאָטש

איך האָב אײַך ניט געקענט און קיינמאָל ניט געזען. דערפֿאַר בין איך גע־בליבן. כ'ווייס ניט, ווען וועלן מיר זיך מיט אײַך איצט ווידער זען. אין לעבן קאָן אַלץ פּאַסירן. טוט מיר צוליב. פֿאַרהאַלט זיך נאָך אויף אַ פּאָר טעג. בלויז אויף אַ פּאָר טעג. איבערמאָרגן לייען איך דאָ אַ לעקציע וועגן שאָפּענען. איך וועל דאָס מאָל זייער ווייניק ריידן. איך וועל שפּילן. איך וועל שפּילן פֿאַר אײַך. פּאָרט נאָך מאָרגן ניט אַוועק. איך בעט אײַך. בלײַבט נאָך אויף אַ פּאָר טעג.

און לינע איז געבליבן.

## 6

אויף די בריוו, וועלכע לינע האָט פֿאַרגעזעצט באַקומען פֿון הענריכן, שוין נאָכדעם ווי זי האָט אים געבעטן, ער זאָל זי פֿאַרגעסן, און דײַטלעך געגעבן אָנצוהערן, ער זאָל איר מער ניט שרײַבן, האָט זי ניט געענט־פֿערט. ס'איז אָבער ניט געווען די וואָך, אַז צווישן די אָנגעקומענע קאַרט־לעך און בריוו פֿאַר די סטודענטן, וואָס זײַנען געלעגן אָנגעוואַלגערט אויפֿן טישל אינעם וועסטיביול פֿון אינסטיטוט, זאָל ניט זײַן פֿאַר איר קיין בריוו פֿון הענריכן, צײַטנווײַז אַפֿילע צוויי אַ וואָך. לינע האָט, ניט פֿאַר־נאַנדערכאַסמענענדיק, געוואָלט אָפּשיקן זיי אים צוריק, נאָר יעדעס מאָל האָט איר געשטערט עס טאָן איר מיידלשע נײַגעריקייט, דער פֿאַרלאַנג זיך דערוויסן, וואָס נאָך האָט ער אויסגעפֿונען אין איר, דער שוין ניט יונגער און דערפֿאַרענער הענריך זינאָוויעוויטש, וואָס האָט, ווי ער שרײַבט, זיך אין איר פֿאַרליבט, ווי נאָר ער האָט זי דערזען, און ווו ער זאָל איצט ניט שפּילן, איז שפּילט ער בלויז פֿאַר איר, און ווי געפּאַקט עס זאָלן ניט זײַן די צושויער־זאַלן, זעט ער בלויז זי. באַם באַקומען פֿון אים אַ בריוו איז בא איר די זעלבע נײַגעריקייט, ווי באַם אײַנשאַפֿן זיך אַ לאָטעריי־בילעט. זי ווייסט אַפּריִער, אַז זי וועט ניט אויסשפּילן, און זי האָט, אייגנטלעך, נאָך טאַקע קיין איין מאָל ניט אויסגעשפּילט, דאָך שאַפֿט זי זיך יעדעס מאָל איין עטלעכע בילעטן און קוקט אויפֿמערקזאַם דורך די טאַבעלעס. ניין, זי וועט אים די בריוו צוריק ניט אומקערן, זאָל ער זיך קלערן, אַז זי נעמט זיי פֿאַשעט ניט אָפּ, זיי ווערן פֿאַרפֿאַלן, און ער וועט ענדלעך אויפֿהערן איר שרײַבן. ס'וועט דורכגיין נאָך אַ שטיקל צײַט, און ער וועט זי, ווי זי האָט אים פֿון אָנפֿאַנג געהאַט געשריבן, פֿאַר־געסן, ווײַל אַנדערש קאָן ניט זײַן און אַנדערש טאָר ניט זײַן. ס'איז דאָך אָן אומזין דאָס, וואָס ער האָט פֿאַרטראַכט. זי וועט אויף דעם קיינמאָל ניט אײַנגיין, ווי זי זאָל ניט זײַן פֿאַרליבט. עפּשער האָט ער די דאָזיקע ווער־טער אירע אַנדערש אויסגעטײַטשט און דערפֿאַר זעצט ער פֿאָר איר שרײַבן?..

ניט נאָר פֿון אים, נאָר אויך פֿון זיך האָט לינע אויסבאַהאַלטן, אַז אָן זײַנע בריוו וועלן איר ווערן לאַנגווײַליק די טומלדיקע סטודענטישע אָוונטן און ס'וועט איר דעמלט זײַן אַלצײַנס מיט וועמען צו גיין אין קינאָ צי גלאַט אַזוי זיך דורכשפּאַצירן. ס'האָט שוין מיט איר געטראָפֿן: שפּאַ־צירנדיק מיט עמעצן פֿון די, וואָס רינגלען זי אַרום, האָט זי זיך פּלוצעם

פארגעסן און אָנגערופן יענעם — העענריך. ביז איצט קאָן זי זיך ניט באַ־פרײַען פון די מעלאָדיעס, וועלכע ער האָט פאַר איר דעמלט געשפּילט אין מוזיי. זיי גייען איר נאָך, לאָזן ניט, זי זאָל אים פאַרגעסן. נאָר זי מוז אים פאַרגעסן. זי מוז!

ענדלעך איז דורך א וואָך, און צווישן די אָנגעוואַלגערטע סטודענ־טישע קאַרטלעך און בריוו אפן טישל האָט זי ניט געטראָפן קיין קאָנ־ווערט מיט לענגלעכע און פאַרדרייטע אויס־עס, ענלעכע צו נאָטן.

לינע האָט ניט דערוואַרט, אז דאָס זאָל זי אזוי דערשרעקן און זי זאָל מיט אזא ציטער און אומגעדולד אַרויסקוקן אף דער קינפּטיקער וואָך. נאָר אויך אף דער אַנדערער וואָך איז פון אים קיין בריוו ניט געווען. ווי לינע איז ניט געווען צוגעגרייט דערצו, דאָך האָט זי מוירע געהאַט, אז זי וועט זיך ניט קאָנען בײַקומען און זי וועט אים אָנשרײַבן. ניין, אים וועט זי ניט שרײַבן. זי וועט זיך אָנפרעגן בא דער מומען אירער, וועלכע איז מיט איר דעמלט געגאַנגען אף דער לעקציע. בא דער מומען דאַרפן זײַן אין דער שכײַנעסדיקער בוקאָווינע־שטאָט, ווו העענריך וווינט, — א סאַך באַקענטע. שוין פון דעם, וואָס זי פרעגט זיך נאָך אף אים, איז דאָך א קלאָרער באַווײַז, אז זי האָט ניט פאַרגעזעצט מיט אים די באַקאַנט־שאַפט, פאַר וואָס די מומע אירע האָט אזוי מוירע געהאַט. זי פרעגט זיך נאָך אף אים דערפאַר, ווײַל דער אינסטיטוט זייערער וויל אים ווידער אײַנלאַדן צו זיך אף אן אָוונט, און קײנער האָט ניט זײַן אַדרעס, ווייסט ניט, ווו איז ער איצט. מיט וואָס אַנדערש זאָל זי זיך פאַרענטפערן פאַר דער מומען, וועלכע האַלט אויך, ווי די עלטערן אירע, לינעס, אז מוזיק איז ניט קיין טאַכלעס, און וועלכע האָט, ניט קענענדיק נאָך העענריכן, שוין אים באַרעדט, דערציילט איין געשיכטע שרעקלעכער פון דער אַנדערער װעגן די שטעטלשע קלעזמער. פונוואַנען ווייסט די מומע אירע אָט די אַלע געשיכטעס, אז ניט זי און ניט איר טאַטע־מאַמע האָבן קײנמאָל אין קיין שטעטל ניט געוווינט. זיך אָנגעהערט, אפּאָנעם, פונעם זיידן און קאָן זיך שוין פון די דאָזיקע אָנגעהערטע מײַסעס ניט באַפרײַען.

אין איינעם פון אָט די טעג, ווען לינע האָט זיך געקווענקלט, אראָפּ־לאָזן צי ניט אַראָפּלאָזן אין פּאָסטקעסטל דאָס צוגעגרייטע בריוול צו דער מומען, — האָט זי, אַרויסגייענדיק פון אינסטיטוט, דערזען העענריכן אינעם דערבײַיקן סעדל. זי האָט געוואָלט צאַמען די טריט און ניט געקאָנט. נאָר אין סעדל, ווען זי איז אַרײַן, איז שוין אף איר ניט געווען צו דער־קענען, אז דאָס האָט זי צו אים זיך אזוי פריִער א לאָז געטאָן. זי האָט עס אים געגעבן צו פילן מיט דער צוריקגעהאַלטנקײַט, מיט וועלכער זי האָט אים דערלאַנגט די האַנט, און מיטן אַרומקוקן זיך, ווי זי וואָלט זיך גע־ריכט דאָ באַגעגענען אן אַנדערן. עס האָט זי אָבער אויסגעגעבן די שטים — שיר ניט נאָך יעדעס וואָרט האָט זיך איר פאַרהאַקט דער אָטעם. העענריך האָט עס זיכער באַמערקט, אַנדערש וואָלט ער דאָך ניט געפרעגט:

— איר האָט געוואָלט, איך זאָל קומען?

לינע האָט א קוק געטאָן אף אים און געשוויגן. מער וועט זי שוין מיט גאָרניט אַרויסווײַזן פאַר אים איר פאַרלוירנקײַט.

— איך פֿאָר אויף אוראַל. כ'ווייס ניט, וויפֿל וועל איך זיך דאָ בײַ אײַך אין שטאָט פֿאַרהאַלטן. דערווײַל האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אויף צוויי טעג, — ער האָט עס געזאָגט אַזוי, ווי ער זאָל דערוף דאַרפֿן באַקומען פֿון איר אַ דערלויבעניש.

זיי זײַנען אַרויס פֿון סעדל און פֿאַרקערעוועט אויף אַ דערבײַיקער שטילער גאַס.

— באַטאָג, ווי איך פֿאַרשטיי, זײַט איר פֿאַרנומען אין אינסטיטוט. און אין די אָוונטן? בײַ אײַך גאַסטראָלירט דאָ דער באַרימטער לענינגראַדער סימפֿאָנישער אָרקעסטער. איך האָב גענומען אויף הײַנט צוויי בילעטן.

זי האָט ניט דערוואַרט, עס זאָל זיך בײַ איר אַרויסכאַפּן מיט אַזאַ פֿרייד:

— מיט פֿאַרגעניגן!

באַגלייטנדיק זי אַהיים, האָט ער איר דערציילט, אַז דערווײַל פֿאָרט ער קיין אוראַל בלויז לייענען לעקציעס, נאָר מעגלעך, אַז ער וועט מיט דער צײַט אינגאַנצן אַריבערפֿאָרן אַהין. פֿאַראַן דערצו, פֿאַרשטייט זיך, סיבעס.

לינע האָט געפֿילט, אַז העניך וואַרט, זי זאָל אים פֿרעגן, וועלכע סיבעס. זי האָט אָבער געשוויגן. און דעמלט האָט העניך פֿאַרפֿירט מיט איר אַ רייד וועגן זײַטיקע זאַכן.

אויפֿן וואָקזאַל, פֿאַרן סאַמע אָפּגאַנג פֿון צוג, האָט העניך, צורירנדיק זיך מיט די ליפּן צו איר אויסגעשטרעקטער האַנט, זי געפֿרעגט:

— איצט וועט איר מיר ענטפֿערן אויף מײַנע בריוו?

— צו וואָס? — נאָר געזאָגט האָט זי עס שוין ניט אַזוי זיכער, ווי נעכטן און אייערנעכטן.

פּונקט אַזוי אומגעריכט, ווי דאָס מאָל, האָט לינע אין עטלעכע וואָכן אַרום, אַרויסגייענדיק פֿון אינסטיטוט, אים ווידער דערזען זיצן אינעם זעלבן סעדל און, דאַכט זיך, אַפֿילו אויף דער זעלבער באַנק. לינע האָט אויך דאָס מאָל געפּרוווט אויסבאַהאַלטן פֿון אים, ווי פֿאַרוווּנדערט זי איז, וואָס זי האָט אים ווידער דאָ באַגעגנט, און וואָס שוין דאָס אַנדערע יאָר, ווי ער, אין וועמען, זי שטעלט זיך פֿאָר, עס פֿאַרליבן זיך, מיסטאָמע, אַלע מיידלעך, וואָס גייען אויף זײַנע לעקציעס, זעצט נאָך אַלץ פֿאָר שרײַבן איר בריוו, אויף וועלכע זי ענטפֿערט ניט, בריוו, פֿון וועלכע עס פֿאַרדרייט זיך איר דער קאָפּ, ווי זי זאָל זיך יעדעס מאָל פֿאַרקלײַבן אויף אַ הויכן באַרג אונטער די סאַמע וואָלקנס. אַפֿילו די האַנט האָט זי אים, דאַכט זיך, דערלאַנגט פּונקט אַזוי צוריקגעהאַלטן ווי דעמלט. נאָר אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זי זיך פּלוצעם דערפֿילט אַזוי שוואַך, אַז זי האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק, און פֿון אָפּגעשוואַכטקײַט האָבן זיך בײַ איר צוגעמאַכט די אויגן.

— וואָס איז מיט אײַך? — ער האָט אַראָפּגעשאַרט פֿון איר שטערן די קאַשטאַנעוועוע לאָקן, מיט וועלכע ס'האָט זיך געשפּילט דאָס פֿרילינגדיקע ווינטל, און, אָנבייגנדיק זיך צו איר, איבערגעפֿרעגט. — וואָס איז מיט דיר, לינע?

זי געדענקט שוין ניט פּינקטלעך, צי דעמלט, צי אויף מאָרגן האָט ער איר אינעם זעלבן סעדל באַוויזן דעם גערט, וואָס דער גערעכט האָט אים

צוגעפאסקנט. ווײַזנדיק איר דאָס פּאַפּירל, האָט ער דערבײַ געזאָגט, אַז ער האָט זיך געדאַרפט געטן מיט זײַן פרוי, ווי נאָר ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער וועט זיך פונדאַנען אין ערגעץ ניט רירן און אַז ער וועט זי מיט דעם סײַווי ניט פאַרהאַלטן. און נאָך האָט ער איר, לינען, געהאַט דערמלט געזאָגט: דאָס, וואָס איז געשען איצט, וואָלט געוויס געשען פריִער, א סאַך פריִער, ווען איר מומע זאָל געווען וווינען אין דער זעלבער שטאָט, ווו ער, און זי, לינע, זאָל געווען פריִער אַראָפּפאָרן צו איר צוגאַסט. מעגלעך, עס וואָלט מיט אים דאַן ניט פּאַסירט דאָס, וואָס עס האָט ביכלאַל מיט אים ניט געדאַרפט פּאַסירן. ער האָט קיינמאָל ניט געלייקנט און לייקנט עס אויך איצט ניט, אַז פרידע איז אים געווען געפעלן, און נאָך דעם, וואָס מיט אים איז געשען, דאַרף ער זיך דאָך זיכער ניט פאַרענט־פערן, אַז ער האָט כאַסענע געהאַט פאַר איר ניט דערפאַר, ווײַל דורך דעם וועט ער קאָנען זען אַ וועלט און ווײַל פרידע איז דער איינציקער יוירעש פון איר רײַכער אַרגענטינער מומען. נאָר פאַרליבט אין איר איז ער, אַפּאַנעם, קיינמאָל ניט געווען.

„עכטע ליבע, — האָט ער, זיצנדיק מיט איר אינעם פרילינגדיקן סעדל, געזאָגט, — האָט ניט צו טאָן מיט שאַדכאָנעס, און ער, העניריך, האָט דאָך כאַסענע געהאַט דורך אַ שאַדכן".

מיטן דערציילן איר וועגן די קלײנלעכקײַטן פון דער געוועזענער פרוי זײַנער באַם אויסטיילן אים זײַן כיילעק פאַרמעגן, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט דעם, אַז ער האָט איר דאָרט אַלץ איבערגעלאָזט, גענומען מיט זיך בלויז אַ קליין רענצל, האָט ער זי אַראָפּגעפירט, לינען, פונעם הויכן שפּיץ באַרג, ווו זי איז נאָרוואָס מיט אים געווען, אין אַ טיפן טאָל, פון וועלכן זי קאָן זיך ניט אַרויסקלײַבן. צו וואָס דערציילט ער עס איר אַלץ, צו וואָס דערציילט ער איר נאָך, וואָס קלײַבט זיך זײַן געגעטע פרוי טאָן מיטן פאַרמעגן? וואָס גייט איר, לינען, אָן, ווען און וווהין קלײַבט זיך זײַן געגעטע פרוי אַרויספאָרן?

צוריק אַפן שפּיץ באַרג, ווו עס דרייט זיך אַזוי דער קאָפּ און עס פאַר־שלאָגט אַזוי דעם אָטעם, האָט לינע זיך דערפילט אין דער רעגע, ווען העניריך האָט איר געזאָגט, אַז ער איז אַף שטענדיק אַריבערגעפאָרן אַהער און אַז זי, לינע, ווייסט, פאַרוואָס ער איז אַהער אַריבערגעפאָרן. אויב זי פאַרלאַנגט פון אים, ער זאָל עס איר זאָגן, וועט ער עס איר זאָגן.

זי האָט שטײַפער צוגעשלאָסן די אויגן, זי האָט מוירע געהאַט עס דערהערן און פאַרלאַנגט עס דערהערן. העניריך האָט עס באַמערקט. האָט ער אַרײַנגענומען איר האַנט אין זײַנער און זיך אָנגערופן:

— מיך האָט אַראָפּגעבראַכט אַהער מײַן גרויסע ליבע צו דיר, טײַערע מײַנע, איינציקע מײַנע.

דאַכט זיך, אַז אויך זי האָט אים אין יענעם פרילינגדיקן אָוונט געזאָגט: „דו"... ער האָט זי געצווונגען צו דעם. ער האָט זי פאַרשיקערט מיט זײַנע קושן און, אַ שיקערע, זי געצוווּנגען צוזאַמען מיט אים אויס־זינגען: דו, דו, דו...

די דאָזיקע שפּיל האָט ער מיט איר אַף מאָרגן ווידער באַנײַט. דאָס מאָל האָט זי זיך שוין געוועהרט אַ סאַך שוואַכער. אַפן דריטן צי פערטן

טאָג האָט זיך איר ביכלאל שוין אויסגעגעבן, אז זי איז מיט אים אויך פרײַער געווען אף „דו״, און אז צום ערשטן מאָל האָט זי אים דערזען ניט אין דער באגלייטונג פון א פרוי מיט א שנירל פערל אפן אויסגעצויגענעם האלדז אין קילן פּײַכטן טורעם פון דער פעסטונג, נאָר דאָ, אינעם סעדל, און אז פון דעמלט אָן האָט זי, ארויסגייענדיק פון אינסטיטוט, אים דאָ שטענדיק געטראָפן, און אז אויסער אים האָט זי קיינער קיינמאָל ניט באגלייט אהיים, און בלויז מיט אים האָט זי געטאנצט אף די סטודענטישע אָוונטן, געגאנגען אין קינאָ, ארומגעשפּאצירט.

אינעם רויש פון די פרילינגדיקע שטראָמען, וואָס האָבן זיך געשפּילט מיט די שטערן פונעם איבערגעקערטן הימל, איז געווען עפּעס ענלעכס צו די קלאנגען פון דער פיסהארמאָניע, וואָס האָבן אין יענעם רעגנדיקן אינדערפרי אָנגעפילט מיט זיך דעם מוזיי און וועלכע זי הערט ביז איצט נאָך אַפּט אין זיך. מיט וואָס האָט ער זי דעמלט געצווונגען זיך פארהאלטן אף עטלעכע טעג, מיט זײַן שפּילן, צי דערמיט, וואָס ער האָט איר געזאָגט, אז ער האָט גלײַך דערפילט, אז זי געהערט צו דער מוזיקאלער וועלט, און אז אים האָט זעלטן־ווען אונטערגעפירט זײַן פאָרגעפיל?

אים האָט, דאכט זיך, ווירקלעך, זעלטן־ווען אונטערגעפירט דאָס פאָרגעפיל, און דאָס, ווײַזט אויס, איז געווען די סיבע, פארוואָס ער האָט אָנגעהויבן ארײַנגיין צו זיי אין שטוב, ערשט נאָכדעם ווי ער האָט באקומען אן אייגענעם צימער און אָנגעקומען אין פילהארמאָניע אף ארבעט — אף דער זעלבער ארבעט, וואָס אין בוקאָווינע, — און זיך געקאָנט פארשטעלן פאר אירע עלטערן, ווי א לעקטאָר. ער האָט ווי פאָרגעפילט, אז אירע עלטערן וועלן זי אָפּריידן און שטארק אָפּריידן, זי זאָל כאסענע האָבן פאר אים. אזוי האָבן זיי קעגן אים גאָרניט געהאט. א מענטש איז ער, ווי צו זען, א שטילער, אן איידעלער, דערצו א גאנץ שיינער און ניט אף קיין סאך עלטער פון איר. ער איז שוין אָבער איין מאָל געווען א באווײַבטער. בא איר וועט ער זײַן דער ערשטער, אָבער זי וועט דאָך זײַן בא אים די צווייטע, און דאָס האָט פיל וואָס צו זאָגן, ביפראט נאָך בא ארטיסטן. און ביכלאל פארשטייען זיי ניט, וואָס איז אזוי די אײַלעניש. נו, וואָרט אין וואָרט, ווי די מומע אירע: זי איז דאָך, דאכט זיך, לינע, ניט פון די מיידלעך, וואָס זאָל דארפן מוירע האָבן, אז זי וועט זיך פארזיצן, און עס זאָל איר לאכלוטן ניט אָנגיין, צי דער, פאר וועמען זי קלײַבט זיך כאסענע האָבן, איז א באָכער צי א געגעטער. בעעמעס ליב האָט מען, זאָל זי וויסן זײַן, בלויז די ערשטע פרוי, אפילע ווען מע געט זיך מיט איר. זאָגנדיק עס איר, האָבן די עלטערן אָנגערופן עטלעכע זייערע באקאנטע, וואָס האָבן זיך געגעט און אין א צײַט ארום זיך צוריק צונויפגעגאנגען. און אזעלכע, וואָס נאָכדעם, ווי זיי זײַנען זיך איין מאָל פאנאנדערגעגאנגען, איז דאָס געטן זיך סטאם געוואָרן א געוויינלעכע זאך בא זיי. הײַנט זיך צונויפגעגאנגען, מאָרגן זיך פאנאנדערגעגאנגען. שווער איז בלויז מאכן דעם ערשטן טראָט. דערבײַ האָבן די עלטערן ניט פארגעסן זי יעדעס מאָל דערמאָנען, אז מוזיק איז ניט קיין טאכלעס, און האָפן, אז ס׳קאָן געשען א נעס, און הענריך זאָל פּלוצעם ווערן א לאורעאט, איז דאָך אוואדע ניט שײַעך.

ס׳איז אָבער געגוג געווען, אז הענריך זאָל, קומענדיק איינמאָל צו זיי, זיך זעצן שפּילן, אז זי זאָל אין א רעגע ארום שוין פארגעסן אלץ, וואָס עס האָבן מיט איר איינגעטײַנעט טאטע־מאמע, און די קלאנגען זאָלן זי פארטראָגן אפן שפּיץ בארג, פונוואנען ער האָט זי פאר די אלע אכצן יאָר, וואָס זי איז זײַן פרוי, קיין איין מאָל ניט אראָפּגעשטויסן אין דער נידער און קיין איין מאָל ניט געגעבן צו פילן, אז זי איז בא אים ניט די ערשטע ליבע. און פּלוצעם דערוויסט זי זיך, און ניט פון א זײַטיקן, נאָר פון אים אליין, אז זי האָט די אלע יאָרן געלעבט אין טאָעס, אז אירע עלטערן זײַנען געווען גערעכט, ווען זיי האָבן זי געוואָרנט וועגן דעם...

## 7

דער זאמדיקער ברעג טײַך, מיט וועלכן לינע איז געגאנגען, איז אומ־באמערקט פארקראָכן אין וואסער און ניט געוואָרן, איבערלאָזנדיק זי דאָ אן איינזאמע שטיין, זי זאָל זיך אליין ארויסקלײַבן פונדאנען. וווּהין גיין איז איר איצט געווען לאכלוטן אלצייגס. ס׳זאָל זיך איר מאכן א שיפל, וואָלט זי זיך אריבערגעקליבן אפן אנדערן ברעג און ביז טאָג מיטגע־גאנגען דאָרט מיט דער פארבלויטער לעוואָנע, וואָס האָט זיך אומגעדרייט איבער די וואלדיקע בערג. פון ערגעץ האָבן זיך דערטראָגן טומלדיקע שטימען. דאָס גייט מען שוין, אפּאָנעם, פון קינאָ. מיכאַיל יעפימאָוויטש איז דאָרט געווען אליין צי מיט עמעצן? און אז מיט עמעצן, וואָס גייט עס איר אָן? מיכאַיל וועט געוויס פארקערעווען באלד אין האָטעל זיך דערוויסן, וואָס איז געשען בא איר אין דער היים, וואָס מע האָט זי דרינ־גענד ארויסגערופן צום טעלעפאָן. זי וויל זיך דערמאָנען, ווער האָט זי ארויסגערופן צום טעלעפאָן, די טאָכטער צי דער מאן, האָט זי אים גע־שריבן, מיכאַילן, אינעם צעטעלע.

נאָענט הינטער זיך האָט זי דערהערט קענטלעכע טריט, גיכע און זיכערע. ס׳איז אָפּגעגאנגען א רעגע, זי זאָל זיך לאָזן אים אנטקעגן, נאָר עמעצער האָט איר ווי פארצאמט דעם וועג. דער זעלבער עמעצער, וואָס האָט זי ניט געלאָזט בלײַבן אין צימער און דורך א זײַטיק געסל זי גע־בראכט צו פירן צום ברעג טײַך, האָט איצט זי אונטערגעזײַלט פארשווינדן צווישן די מויערן פון דער ברייטער גאס, וואָס האָט געפירט צו דער אויטאָבוס־סטאנציע.

צופאָרן אף דער טעלעפאָן־סטאנציע אין דער נאָענטער שכיינעסדיקער שטאָט איז נאָך דערווײַל געווען צו פרי. אויב הענריך איז ניט געפאָרן צו זײַן „ליבער און טײַערער״, נאָר זײַן „ליבע און טײַערע״ איז געקומען צו אים, זיצן זיי איצט געוויס ערגעץ אין א רעסטאָראן, און פריִער פון צוועלף־איינס באנאכט האָט זי ניט, לינע, וואָס אים צו קלינגען. דאָס האָט זי שוין באשטימט פארפריִער: וויפל ער זאָל ניט ארײַנשרײַען אינעם טעלעפאָן־טרײַבל זײַן צעצויגענעם „אללאָ״, לויט וועלכן זי דערקענט שטענדיק זײַן צושטאנד, וועט זי זיך ניט אָפּרופן. מיט אָט דעם „אללאָ״ וועט ער זיך גלײַך ארויסגעבן. אים וועט זיכער ניט אײַנפאלן, אז דאָס קלינגט זי — זי האָט דאָך אים געשריבן, אז דאָ איז נאָך ניט אײַנגעשטעלט

קיין טעלעפאָן־אווטאָמאט. פונדאנען קאָן מען בלויז באַשטעלן א געשפּרעך. אין עפּשער זאָל זי טאקע באַשטעלן, ווי זי האָט עס שוין איין מאָל געטאָן, און אים זאָגן, אז די וואָך צײַט, וואָס איר איז פאַרבליבן דאָ נאָך צו זײַן, וועט זי ארומפאָרן איבערן ראיאָן. טאָמער וועלן פאר דער צײַט זײַן פון אירינען בריוו, זאָל ער זיי איר אהער ניט איבערשיקן, ווײַל ס׳קאָן זיך גרײַלעך מאכן, זי זאָל גלײַך פון ראיאָן, ניט פאַרפאָרנדיק מער אהער, זיך אומקערן אהיים. קאָן דען אים נאָך אזא געשפּרעך קומען אפן זינען, אז מאָרגן שפּעט באנאכט וועט ער זי פּלוצעם דערזען אין שטוב? זי האָט שוין אלץ באַטראכט. אין א שאָ ארום, נאָך דעם, ווי עס וועט זיך אויסלעשן די שײַן אין די דרײַ פענצטער פון איר וווינונג אפן זיבעטן שטאָק, וועט זי זיך אופהייבן אהין, ניט מיטן ליפט, נאָר צופוס, און שטיל, אז זי אליין זאָל ניט הערן די אייגענע טריט. די שליסלען האָט זי מיט זיך. ווען זי פאָרט אין קאָמאנדירונג, נעמט זי זיי שטענדיק מיט. הענריך מיט זײַן גאסט זאָלן אפילע ניט שלאָפן, וועלן זיי אויך ניט הערן, ווי זי וועט ארײַן. די שײַן וועט זי אײַנשליסן, ווען זי וועט א ריס טאָן די טיר פון צימער, זיי זאָלן ניט באַווײַזן קומען צו־זיך. וואָס האלט זי דעמלט אָפּ, זי זאָל באלד פאַרקערעווען צו דער טעלעפאָן־סטאנציע? זי איז ניט זיכער, צי וועט אינמיטן געשפּרעך זי פּלוצעם ניט אונטערפירן דאָס קאָל?

ניט בלויז דאָס אליין. ס׳קאָן אַמאָל טרעפן, ער זאָל ניט אראָפּנעמען דאָס טרײַבל אויך. די טעלעפאָניסטקע, אויב ער זאָל זיך אָפּרופן, וועט דאָך אים זאָגן, פונוואנען מע קלינגט, און אין דער אָנוועזנהײַט פון זײַן „איינציקער און טײַערער" וועט ער דאָך ניט קאָנען זיך אויך ווענדן צו איר, לינען, „מײַן איינציקע און טײַערע". מיט וואָס זיך נאָכדעם פאר איר פאַרענטפערן, פאר לינען, דארף ער ניט זוכן. ער האָט ניט געהערט, וועט ער איר זאָגן, דער טעלעפאָן איז געווען קאליע... פון אן אווטאָמאט אז מע קלינגט, ווייסט מען ניט פונוואנען און ווער, און ס׳וועט אים קיינמאָל ניט אײַנפאלן, הענריכן, אז דאָס האָט געקאָנט זײַן זי, לינע. זי זאָל זיך נאָר ניט ארויסכאפּן מיט קיין וואָרט, מיט קיין קלאנג אפילע. קוים וועט זי דערהערן זײַן שטים, וועט זי גלײַך אופהענגען צוריק דאָס טרײַבל, ניט אויסוואַרטנדיק, ביז ער וועט איבערכאַזערן זײַן באַזונדערן זינגעוודיקן „אללאָ", לויט וועלכן זי דערקענט לײַכט זײַן געמיט־צו־שטאנד. איצט גייט איר דאָס שוין ניט אָן. זי דארף זיך בלויז דערוויסן, צי „יענע" איז בא אים, צי איז ער געפאָרן צו איר. פון דעם איז אָפּהענגיק, צי וועט זי פון אעראָדראָם פאָרפאָרן גלײַך אהיים, צי איר וועט אויסקומען וואַרטן, ביז אין אלע דרײַ עקסטע פענצטער אפן זיבעטן שטאָק פונעם געלבלעכן מויער וועט זיך אויסלעשן די שײַן. אזוי צי אנדערש, נאָר מאָרגן פליט זי. באַשטימט. זי וועט אָפּמערקן אינדערפרי די קאָמאנדירונג און פאָרן גלײַך אפן אעראָדראָם. די הידראָעלעקטראָסטאנציע וועט פון דעם ניט לײַדן. דער וויסנשאפטלעך־פאָרשערישער אינסטיטוט, אין וועלכן זי ארבעט, וועט צושיקן אף איר אָרט אף דער וואָך צײַט אן אנדער אינזשעניער. וואָס וועט זי מאָרגן זאָגן דעם שעף פון דער סטאנציע? דאָס זעלבע, וואָס זי האָט הײַנט געשריבן מיכאיל יעפימאָוויטשן, אז אין דער היים בא איר איז זיך פאַרלאָפן אַזוינס, אז זי מוז זיך דרינ־

גענד אומקערן. און מעגלעך, זי וועט מאָרגן אינדערפרי צוגיין אין פּאָ־ליקליניק. נאָכדעם, וואָס מיט איר איז הײַנט געשען אין האָטעל, וועט דער דאָקטער איר באַשטימט געבן א ביולעטען, און זי וועט בא זיך אף דער ארבעט ניט דארפן זיך פאר קיינעם פארענטפערן. זי איז פּאַשעט געווען ניט געזונט.

ווי לינע איז ניט געווען פארטאָן מיט זיך, האָט זי אָבער אלץ באַ־מערקט ארום, באַמערקט, ווי זי איז פארבײַגעגאנגען די אווטאָבוס־סטאַנ־ציע, דעם גרוי־פּארשטויבטן צעמענט־זאוואָד, די ווארעמע אָזערע, אין וועלכער די לעוואָנע האָט פארוואָרפן אין וואסער אירע זילבערנע ווענט־קעס, דעם לאנגן ליכטיקן קאָרפּוס פון דער הידראָעלעקטראָסטאנציע און ווי זי איז פון דאָרטן אוועק לענגויס די שליוזן און געגאנגען ווײַטער, זיך אלץ ניט געקאָנט אָפּשטעלן, ווי א פאנאנדערגעיאָגטע כוואליע אין יאַם. ווען עס באַגעגנט זי דאָ איצט ווער־ניט־איז פון אירע באַקענטע, וואָלט מען זי מיסטאָמע ניט דערקענט, ניט געגלייבט, אז דאָס איז זי. דאכט זיך, זי וועט באלד אליין אופהערן גלייבן, אז דאָס איז זי, לינע. זי האָט זיך קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט, אז פאר איינע־צוויי רעגעס קאָן א מענטש זיך אזוי ענדערן, זיך לאָזן פון עמעצן אזוי באַהערשן. ניט אנדערש, ווי אָט דער עמעצער גייט איר שוין נאָך זייער לאנג, מעגלעך דאָס גאנצע לעבן גייט ער איר נאָך, און ער האָט אלץ געוואַרט אף דער מינוט, ווען ער וועט זיך קאָנען פאר איר אנטפּלעקן און פארלאנגען, זי זאָל איבערשאצן אלץ, וואָס איז מיט איר ביז אהער זיך פארלאָפן אין לעבן, און באַצײַטנס וואַרענען וועגן דעם די טאָכטער אירע, זי זאָל אויך קוקן אף אלעמען, ווי אָט דער עמעצער צווינגט זי איצט, לינען, קוקן אף הענריכן. זי מישט זיך אָבער ארײַן, זי פּרוּווט אפילע געפינען פאר הענריכן א באַרעכטיקונג אין דעם, וואָס מיט אים איז געשען. ער האָט פּאַשעט ניט פאָרויסגעזען, אז סע קאָן זיך מיט אים אזוינס פארלויפן, אָבער אָפּגענארט האָט ער זי ניט. ניין. דאָס האָט זי, לינע אליין, גענור־מען און זיך אָפּגענארט, זי אליין. די עלטערן אירע האָבן זי דען ניט געוואָרנט? וויפל מאָל האָט די מוטער איר דערמאָנט, אז זי איז בא הענ־ריכן ניט די ערשטע, אז זי איז ניט זײַן ערשטע ליבע, און אז דאָס האָט זייער פיל צו זאָגן, כאָטש עס טרעפן אויסנאמען. ניין, קיינער וועט איר ניט אײַנריידן, אז זי איז ניט געווען קיין אויסנאם, אז אויסער ווי צו איר האָט הענריך, אפילע אין געדאנק, זיך נאָך צו עמעצן געהאט ווען־ניט־איז געווענדט: „הארציקע מײַנע, טײַערע מײַנע", און אז ס'איז אים ווען־ניט־איז אָנגעגאנגען, צי זײַן געוועזענע פרוי פרידע איז געבליבן הי, צי אוועקגעפאָרן און וווהין אוועקגעפאָרן. וואָס איז הענריך שולדיק, אויב ער האָט פּלוצעם, לאַכלוטן אומגעריכט, זי ערגעץ באַגעגנט און אין אים האָט אופגעוואכט זײַן ערשטע ליבע, א שלאָג געטאָן אין אים, ווי א קוואל, וואָס האָט זיך קעגן זײַן אייגענעם ווילן מיטאמאָל ארויסגעריסן פון דער סאמע טיף? פארוואָס האָט ניט געקאָנט טרעפן, אז פרידע זאָל געווען נאָכן געטן זיך אוועקפאָרן צו אירע עלטערן, און איר ליבע צו הענריכן האָט זי אין אזויפיל יאָר ארום צוריק אראָפּגעבראכט אהער? זי האָט אים אָפּגעזוכט, און דאָס מאָל וועט זי אים שוין זיכער אוועק־

פֿירן מיט זיך. דאָס און ניט עפּעס אַנדערש האָט באַטײַט זײַן באַקלאָגן זיך עטלעכע מאָל פֿאַר איר, פֿאַר לינען, וואָס ער איז ניט אין קיין אָרקעסטער, און אַז מיט דעם האָט ער אָף שטענדיק אָנגעוואָרן די האָפֿענונג זען א וועלט, פּונקט זי, לינע, וואָלט געווען די שולדיקע דערין! און ווען פֿרידע זאָל געווען אָפּזוכן העענריכן ניט ווײַל זי איז אין אים אַזוי פֿאַרליבט, נאָר קעדיי פּאָשעט אים צעשיידן מיט איר, מיט לינען, קען זי דען, לינע, מאכן פֿרידען אין דעם שולדיק? דאָס געפֿיל פֿון אײגנליבע באַ א פֿרוי איז מיט גאָרנישט צו פֿאַרגלײַכן, און זי, לינע, איז ווערט, וואָס עס האָט זי אָף דורך און דורכגענומען דאָס דאָזיקע פֿײַנלעכע געפֿיל. זי איז עס ווערט. די עלטערן האָבן זי געוואָרנט...

און אויב די „איינציקע און טײַערע" איז ניט זײַן געוועזענע פֿרוי, נאָר גאָר אַן אַנדער פֿרידע?

דאָ האָט לינע זיך שוין אופֿגעהערט אַרײַנמישן. איצט האָט שוין ניט זי, נאָר דער, וואָס האָט אונטערגעהיט די רעגע, ער זאָל זיך קאָנען פֿאַר איר אַנטפּלעקן, און געפּאָדערט, זי זאָל איבערוועגן און איבערשאַצן אַלץ, וואָס עס איז מיט איר ביז אַהער פֿאַרלאָפֿן, זיך אָנגענומען פֿאַר העענריכן. וואָס איז שולדיק דער מענטש, וואָס עס עלטערט זיך אין אים די ליבע, עלטערט זיך א סאַך פֿריִער, ווי דער מענטש אַליין, און אָן ליבע קאָן דער מענטש ניט אויסקומען. זי איז פֿאַר אים, ווי דער פֿרילינג פֿאַרן בוים. דער מענטש האָט אויך, ווי דער בוים, זײַנע האַרבסטן און זײַנע פֿרילינגס.

שטייענדיק אופֿן ברעג, האָט זיך איר מיטאַמאָל אויסגעדאַכט, אַז צוזאַמען מיט די אַרײַנגעשווומענע שיפֿן אין די שליוזן זינקט זי אויך אַראָפּ אין דער שוואַרצער טיף און, ווי אָף א וואָגשאָל, שטײַגט זי צוריק אַרויף צו דער באַלויכטענער הייך.

ווען לינע האָט זיך אופֿגעזעצט אופֿן לעצטן באַנאַכטיקן אויטאָבוס, וואָס איז געגאַנגען אין דער שכײנעסדיקער שטאָט, האָט די לעוואָנע זיך שוין געהאַט אומגעקערט פּונעם פּישפּאַנג אָף דער אָזערע און באַגלײַך מיט די שיפֿן געוואַרט, מע זאָל עפֿענען פֿאַר איר דעם טויער און זי אַרויסלאָזן פֿון שליוז אין אָפֿענעם יאַם.

ביז צוועלף באַנאַכט האָט דער גרויסער ווײַזער פּונעם וואַנטזייגער אָף דער טעלעפֿאָן־סטאַנציע נאָך געהאַט דורכצומאַכן א גאַנצן קרײַז, נאָר לינע האָט ניט געוואַרט. זי האָט אָף א גאַנצער שאָ פֿריִער אָנגעקלונגען צו זיך אַהיים. און מאָדנע, זי איז געווען צופֿרידן, וואָס קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופֿן, צופֿרידן, וואָס זי האָט ניט געהאַט קיין טאָעס. ניין, זי האָט ניט געהאַט קיין טאָעס! זיי זײַנען איצט אין רעסטאָראַן, זיצן אין אַן אָפּגעזונדערט קאַבינעטל. באַלד וועלן זיי קומען אַהיים...

לינע האָט ווידער אָנגעקלונגען, און ווידער האָט זיך קיינער ניט אָפּגערופֿן. זי האָט אָנגעקלונגען אין א האַלבער שאָ אַרום, אין א פֿערטל שאָ אַרום, יעדע פֿינף מינוט. און, ענדלעך, ווען ס'האָט שוין שאַריִעט אָף טאָג, באַשטעלט א געוויינלעכן טעלעפֿאָן־געשפּרעך. און ווידער דאָס זעלבע. קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופֿן.

צוריקפֿאָרנדיק, האָט זי אינעם אייבערשטן שליוז שוין געטראָפֿן די זון, וואָס האָט געוואַרט, מע זאָל זי אַרויסלאָזן פֿון יאַם צו די וואַלדיקע בערג.

אין האָטעל האָט די דעזשורנע, צוזאַמען מיטן שליסל פֿון צימער, איר איבערגעגעבן אַ צעטעלע פֿון מיכאַילן. לינע האָט עס, ניט איבערלייענענדיק, אַרײַנגעלייגט אין קעשענע.

אינעם זעלבן טאָג, מיט אַ ביולעטען פֿונעם דאָקטער, אַז זי דאַרף עטלעכע טעג ליגן צו בעט, איז לינע אַוועקגעפֿלויגן אַהיים.

## 8

צי האָט זיך איר עס בלויז אויסגעוויזן, צי זי האָט טאַקע, אַרויסגייענדיק פֿון טאַקסי, ווירקלעך געזען זיך לויכטן אין איינעם פֿון די דרײַ פֿענצטער פֿון איר וווינונג. נאָר איצט איז שוין דאָרט געשטאַנען דער זעלבער כווישעך, וואָס אין די איבעריקע צוויי. גרייט אין אַלץ איצט צו גלייבן, איז באַ איר רעכט געווען, אַז העענריך מיט „יענער" האָבן זי באַמערקט צופֿאָרן צו דער שטוב און בליץ־שנעל אויסגעלאָשן די שײַן. ביז זי, לינע, וועט זיך אופֿהייבן מיטן ליפֿט, וועלן זיי ביידע באַוויזן פֿאַרשווינדן, און העענריך וועט זיך ניט דאַרפֿן פֿאַר איר נאָכדעם פֿאַרענטפֿערן. ער וועט זי פֿאַרזיכערן, אַז דאָס האָט זיך איר פּאָשעט אויסגעוויזן, ער איז גאָר פֿון אָוונט ניט געווען אין שטוב. און מיט וואָס וועט ער זיך פֿאַרענטפֿערן, וואָס ער האָט ניט אַראָפּגענומען דאָס טרײַבל, ווען זי האָט אים געקלונגען פֿון אעראָדראָם? אויך מיט דעם, אַז ער איז ניט געווען אין דער היים? זי וועט, דאַכט זיך, באַלד אָנהייבן גלייבן, אַז עמעצער איז איר פֿאַרלאָפֿן דעם וועג. מעגלעך, אַז מיכאַיל האָט געגעבן העענריכן צו וויסן, אַז זי פֿליט אַרויס, און העענריך האָט זיך בעקיוון ניט אָפּגערופֿן, ווען זי האָט אָנגעקלונגען פֿון אעראָדראָם, ער זאָל ניט דאַרפֿן פֿאָרן זי באַגעגענען, ווײַל פֿונעם זעלבן אעראָדראָם און, מעגלעך, אַפֿילו אין דער זעלבער שאָ פֿליט אָפּ „יענע", מיט וועמען ער האָט צוליב איר, לינעס, אומדערוואַרטן צוריקקערן זיך אַהיים, געמוזט זיך שיידן, ניט קענענדיק זי אַפֿילו אַרויסבאַגלייטן. אומזיסט נעמט ער זיך אַזוי איבער מיט זײַן פֿאָרגעפֿיל. דאָס מאָל האָט אים דאָס פֿאָרגעפֿיל זײַנס זיכער אונטערגעפֿירט, זי קלײַבט זיך זיי ניט צעשיידן. ווען ער נעמט אַראָפּ דאָס טעלעפֿאָן־טרײַבל, וואָלט זי דאָך אַלצייַנס זיך ניט אָנגערופֿן. זי האָט אָנגעקלונגען פֿון אעראָדראָם, זי זאָל באַצײַטנס וויסן, צי וועט איר אויסקומען זיך אַרײַנרײַסן האַלבע נאַכט צו זיך, ער זאָל נאָכדעם ניט האָבן מיט וואָס זיך פֿאַרענטפֿערן, אַף וואָס זיך פֿאַרופֿן. איר אָבער, לינען, האָט דאָס פֿאָרגעפֿיל ניט אונטערגעפֿירט. ס'קאָן ניט זײַן, זי זאָל האָבן איבערגעפֿלאָנטערט די פֿענצטער פֿון איר וווינונג. זי האָט, אַרויסגייענדיק פֿון טאַקסי, פֿאַרט געזען שײַן אינעם עקסטן פֿענצטער. ווו זײַנען זיי אָבער, וואָס מע זעט זיי ניט אַרויסגיין? זיי האָבן זיך אומגעקערט צוריק אין דער דירע, זײַענדיק זיכער, אַז זיי האָבן געהאַט אַ טאָעס, אַז ניט זי האָבן זיי געזען אַרויסגיין פֿון טאַקסי? איז פֿאַרוואָס צינדן זיי דעמלט

ניט אָן די שײַן? ניין, זי וועט זיך איצט ניט אופהייבן צו זיך. זי וועט אויסוואַרטן ביז האַלבער נאַכט.

דאָך האָט זי פון א נאָענטן אוטאָמאַט אָנגעקלונגען, און כאָטש קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופן און אין די פענצטער איז, ווי פריִער, געשטאַנען דער זעלבער כוישעך, איז זי אין שטוב ניט אַרײַן. אויב זי וועט זיי דאָרט איצט ניט טרעפן, קאָנען זיי איטלעכע רגע אָנקומען, און דעמלט וועט זי דאָך אים מוזן אויסהערן. אין דער אָנוועזנהײַט פון דער אומבאַקאַנטער פרוי וועט זי, לינע, אים דאָך ניט אַרויסווײַזן, ווי דערווידער ס'איז איר זײַן זינגעוודיק קאָל, וועלכעס זי האָט אַזוי ליב געהאַט, זײַנע שטילע פאַרבענקטע אויגן, אין וועלכע זי האָט אַזוי ליב געהאַט אַרײַנקוקן, דער צוריר פון זײַנע ווײַסע לענגלעכע פינגער. זי וועט אים ניט איבערשלאָגן אַפילע דעמלט, ווען ער וועט איר זאָגן, אַשטייגער, אַז ער זעט אָט די פרוי צום ערשטן מאָל אין לעבן. זי האָט איבערגעלייענט די מעלדונג אָפּן סטענד, אַז בא זיי פאַרקויפט זיך א ביכער־שראַנק, איז זי געקומען אים אָנקוקן, אָדער ער וועט אַנדערש עפּעס צוטראַכטן. וואָס וועט ער איר אָבער זאָגן נאָכדעם, ווי זי וועט אים ווײַזן דעם בריוו, וועלכן ער האָט געשריבן דער פרוי, וואָס איז געקומען אָנקוקן דעם ביכער־שראַנק? ער וועט אין דער ערשטער רגע ניט באַנעמען, ווי קומט צו איר דער דאָזיקער בריוו. פאַר אים וועט עס זײַן אַזאַ אומגעריכטער קלאַפּ...

שוין דאָס אַליין, וואָס איר שטייט פאַר דערלאַנגען אים אָט דעם אומגעריכטן קלאַפּ, פאַרשאַפט לינען פאַרגעניגן. זי האָט זיך קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט, אַז צאָרן און האַס קאָנען פאַרשאַפן פאַרגעניגן, און זי וועט טאָן אַלץ, ניט צו דערלאָזן, אַז ס'זאָל אַף איין רגע אופהערן שלאָגן אין איר דער אָנגעזאַמלטער האַס און צאָרן, וואָס האָבן פאַרביטן מיט זיך די ליבע און מיט דעם ניט איבערגעלאָזט אין איר קיין פּוסטקייַט. ניין, זי וועט זיך איצט ניט אופהייבן צו זיך אין דער וווינונג.

דער זייגער איז געווען אָנהייב צען. ביז האַלבער נאַכט האָט זי נאָך צו וואַרטן דרײַ שאָ, אויב ניט מער. ווען זי באַפרײַט זיך כאָטש פון עם טשעמאָדאַן! די דרײַ שאָ וועט זי ווי־ניט־איז איבערזיצן אַנטקעגן אַף דער באַנק. דער אָוונט איז א שטילער, א וואַרעמער. נאָר ווו וועט זי זיך אַהינטאָן נאָך האַלבער נאַכט? זי וועט זיך דאָך קיין איבעריקע רגע ניט פאַרהאַלטן, נאָכדעם ווי זי וועט אים באַווײַזן דעם בריוו. וואָס וועט זײַן שפּעטער, צי וועלן זיי אויסבײַטן די דירע אַף צוויי באַזונדערע וווינונגען, צי ער וועט אַרײַנטרעטן אין א וווינונגס־קאָאָפּעראַטיוו, אָדער אײַ־בערפאָרן צו „יענער", גייט איר איצט לאַכלוטן ניט אָן. זי ווייסט בלויז, אַז זי וועט קיין מינוט ניט קאָנען זײַן מיט אים אונטער איין דאַך, ווו אַלץ איז איצט דורכגעזאַפּט מיט פאַלשקייַט. אַפילע די קלאַווישן פון דער פּיאַנינע וועלן איצט אַרויסגעבן פאַלשע קלאַנגען.

לינע האָט געהאַט אין שטאָט גענוג באַקענטע, ווו איבערצוזײַן די נאַכט, און אַף וואָס זיך פאַרופן האָט זי אויך: דער מאַן אירער איז אוועקגעפאָרן אין א קאָמאַנדירונג, און זי האָט דאָס מאָל פאַרגעסן מיטנעמען מיט זיך די שליסלען. זי וועט דאָך ניט גיין באַנאַכט זוכן א שלאָסער.

און וואָס וועט זי טאָן מאָרגן? גיין צו אַן אַנדער באַקאַנטער און איבער־כאַזערן פֿאַר יענער דאָס זעלבע? איז אָבער אַף איר, לינען, זייער לײַכט צו דערקענען, ווען זי באַהאַלט פֿון עמעצן עפּעס אויס. זי איז זיכער, אַז מיכאַיל, וואָס האָט זי אַרויסבאַגלייט צום אַעראָדראָם, האָט פֿאַרשטאַ־נען, אַז אין דער היים בײַ איר איז גאָר עפּעס אַנדערש געשען, ניט דאָס, וואָס זי האָט אים געזאָגט. ער קאָן נאָך אָנקלינגען אַהער און פּונקט אָנטרעפֿן אַף העניריכן! ווי גיט מען אים באַצײַטנס צו וויסן, מיכאַילן, ער זאָל ניט קלינגען איצט אַהער?

ס'איז נאָך פֿרי, זייער פֿרי, און דער טשעמאָדאַן שמידט זי צו צו דער באַנק. עפּשער צופֿאָרן אין אַ האָטעל און איבערלאָזן דאָרט דעם טשע־מאָדאַן אין באַגאַזש־קאַמער? ווער האָט עס אײַנגעפֿירט, אַז קיין אָרטיקע קאָנען זיך ניט אָפּשטעלן אין קיין האָטעל? מאַלע וואָס עס קאָן אַמאָל פּאַסירן מיט אַ מענטשן. אָט האָט מיט איר דאָך פּאַסירט: זי האָט אַ באַזונדערע צווייצימערדיקע דירע קימאַט אין סאַמע צענטער שטאָט, די שליסלען זײַנען מיט איר, און זי האָט הײַנט ניט ווו איבערצונעכטיקן. דאָס איינציקע, וואָס עס בלײַבט איבער פֿאַר אַן אָרטיקן אײַנוווינער: איבערזיצן די נאַכט אַף אַ וואָקזאַל צי אין וועסטיביול פֿון אַ האָטעל, באַגלײַך מיט אַלע אָנגעפֿאָרענע, וואָס זײַנען געבליבן אָן ערטער.

אין דעם גרויסן און טומלדיקן וועסטיביול פֿון האָטעל, ווו ס'איז שוין באַלד ניט געווען ווו זיך צו זעצן, האָט לינע באַגלײַך מיט אַלעמען פֿאַר־נומען אַ ריי צום אַדמיניסטראַטאָר, וועלכער האָט קיינעם גאָר ניט צו־געזאָגט, נאָר פֿאַרקערט, קימאַט איטלעכן פֿאַרזיכערט, אַז ס'וועלן זיך הײַנט ניט באַפֿרײַען קיין צימערן. און ווען עס זאָלן אַפֿילו זײַן פֿרײַע ערטער, האָט זי דאָך סײַווי ניט אַף וואָס אויסצורעכענען. קיין אָרטיקן אײַנוווינער באַדינען ניט די האָטעלן. פֿון וועסטיביול אָבער וועט מען זי ניט אַרויסטרײַבן. זי קאָן אָנגיין פֿאַר אַן אָנגעפֿאָרענער, און אָפּזיצן דאָ אַ נאַכט איז פֿאָרט אָנגענעמער, ווי אָפּן וואָקזאַל. צי וועט דער שווייצאַר בײַ דער טיר זי אַרײַנלאָזן צוריק אַהער נאָך האַלבער נאַכט? אַז זי וועט הײַנט ניט נעכטיקן אין דער היים, דאָס ווייסט זי אַף זיכער. ער זאָל איר אַפֿילו פֿאַלן צו די פֿיס, וועט זי ניט בלײַבן אויסהערן, וואָס האָט ער איר צו זאָגן, מיט וואָס וועט ער זיך פּרוּוון פֿאַר איר פֿאַרענט־פֿערן.

באַקומען פֿונעם אַדמיניסטראַטאָר דעם זעלבן אָפּזאָג, וואָס אַלע, און אים געענטפֿערט, וואָס אַלע, אַז זי וועט פֿונדאַנען אין ערגעץ ניט גיין, אַז זי וועט צוּוואַרטן, עפּשער וועט זיך פֿאָרט באַפֿרײַען אַן אָרט, האָט לינע זיך צוגעזעצט נעענטער צו דער טיר, דער שווייצאַר זאָל זי באַ־מערקן און פֿאַרגעדענקען. זי איז אַפֿילו אַ פּאָר מאָל צוגעגאַנגען אים עפּעס פֿרעגן, געבנדיק דערבײַ אים צו וויסן, אַז דער אַדמיניסטראַטאָר האָט איר צוגעזאָגט אין מעשעך פֿון דער נאַכט זי אײַנאָרדענען.

לינע האָט ניט באַמערקט, ווי ס'איז געלאָפֿן די צײַט. זי איז געווען צו פֿאַרנומען, זי זאָל נאָכשפּירן נאָכן זייגער. פֿאַר דער צײַט, וואָס זי זיצט דאָ, האָט זי זיך שוין עטלעכע מאָל אויפֿגעהויבן אַף די טרעפּ צו זיך אַפֿן זיבעטן שטאָק, שטיל אויפֿגעשלאָסן די טיר פֿון דער דירע, זיך

אריַינגעשליַיכט אהין, ווי א גאנעוו, א ריס געטאָן די טיר פון שלאָף־צימער...

זי האָט שוין גאָרניט געקאָנט טאָן מיט זיך, אז זי זאָל נאָכאמאָל און נאָכאמאָל ניט דורכמאכן אין געדאנק דעם דאָזיקן וועג.

די מוזיק, וואָס האָט זיך פּלוצעם אריַינגעריסן אהער פון רעסטאָראן, האָט זי א הייב געטאָן פון אָרט. לינע האָט געבעטן דעם שווייצאר אכ־טונג געבן א וויַילע אף איר טשעמאָדאן — זי וועט זיך באלד צוריק־קערן, — און אוועקגעיַילט צו דער הויכער האלב־גלעזערנער טיר אפן צווייטן שטאָק. אירע פארנעפּלטע, בלאָנדזשענדיקע בליקן האָבן לאנג און פּאראקשנט נאָכגעשפּירט נאָך די פּאָרלעך, וואָס האָבן געטאנצט, גע־זעסן בא די טישלעך, און זי האָט זיך געוואונדערט, וויאזוי איז עס איר גלייַך ניט געקומען אפן זינען, אז זיַין „טיַיערע און איינציקע" האָט גע־קאָנט פארפאָרן ניט צו אים, נאָר אין א האָטעל, און אויב אין א האָטעל, איז, פארשטייט זיך, אהער, אינעם צענטראלן און מאָדערנסטן אין שטאָט. מער האָט זי דאָ ניט וואָס צו שטיין. הענריך איז איצט בא איר, בא פרידען. אומבאמערקט וועט ער שוין פונדאנען ניט ארויס, און אין וועלכן צימער עס שטייט איַין זיַין גאסט, וועט זי זיך אויך דערוויסן.

אומקערנדיק זיך צוריק אין וועסטיביול, האָט לינע געטראָפן זיצן אף איר בענקל א יונגע פרוי מיט אן אָנגענעם, נאָר שטארק פארזאָרגט פּאָנעם.

— איך האָב, וויַיזט אויס, פארנומען איַיער פּלאַץ? — האָט די פרוי זיך אָנגערופן, באפריַיענדיק דאָס בענקל.

— זיצט, זיצט, — לינע האָט זיך באמיט שמייכלען. — איך בין נאָך, דאכט מיר, ניט אין דעם עלטער, מע זאָל מיר דארפן אָפּטרעטן דאָס אָרט.

— פארציַיעט. איך האָב עס גאָר ניט געטראכט, ביפראט, אז איך ווייס ניט, ווער פון אונדז איז עלטער. מיר איז שוין אָט באלד דריַיסיק.

זי ווייסט אליין ניט מיט וואָס, נאָר לינען האָט זיך אויסגעוויזן, אז די פרוי האָט עס געזאָגט פון מיטלייַד צו איר, און זי האָט ניט ווילנדיק געוואָרפן אף זיך א בליק אינעם אנטקעגן־הענגענדיקן וואנט־שפּיגל, ריכטנדיק זיך דאָרט דערזען אן אומבאקאנט פארעלטערט געזיכט מיט א פּאָר מידע אויסגעלאָשענע אויגן, ווי עס וואָלטן פון נעכטן אָונט איבער־געלאָפן היפּשע עטלעכע יאָר. נאָר פונעם גרויסן, אריַינגעפּאסטן אין א בראָנזענער ראמע וואנט־שפּיגל האָט אף איר געקוקט א יונגע וווקסיקע פרוי מיט א הויכן ־קורץ אונטערגעשוירענעם קאָפּ האָר, טונקל־קאשטא־נעווע, ווי די אויגן אירע, וואָס האָבן זיך געלויכטן אף איר לענגלעך קלאָר געזיכט מיט די טיפע שמייכלענדיקע כיינגריבלעך. מאָדנע, זי האָט זיך דאָך לאכלוטן ניט געענדערט פארן דורכגעגאנגענעם מעסלעס. אין דער אָנוועזנהייַט פון דער טאָכטער וואָלט זי אויך איצט געקאָנט אָנגיין פאר אירער אן עלטערער שוועסטער.

אירינע. זי האָט דאָך אינגאנצן פארגעסן אין איר. פארן גאנצן טאָג האָט זי, דאכט זיך, ערשט איצט דערמאָנט זיך אין דער טאָכטער. צי דען איז אין איר, לינען, פּאָרט נאָך פארבליבן עפּעס אזוינס פון דעם, וואָס בא דער ערשטער באגעגעניש אירער מיט הענריכן קאָן עס זי פּלוצעם

אונטערפירן, וויבאלד העגריך האָט געקאָנט, נאָכדעם וואָס צווישן זיי ביידן איז געשען, פארשטעלן מיט זיך פון איר די טאָכטער אירע? אַף וועמען האָט זיך עס אזוי פארקוקט דער מאנצבאל, וואָס האָט זיך שוין א פּאָר מאָל אָפּגעשטעלט אנטקעגן? ער נעמט זיך אויך ניט אונטער טרעפן, ווער פון די דאָזיקע צוויי פרויען איז יינגער? וואָס האָט מיטאמאָל פּאַ־סירט מיט דער פרוי? זי וועט זיך, דאכט זיך, באלד צעוויינען.

— בא אייַך האָט עפּעס געטראָפן?—לינע איז געווען אַף אזויפיל זי־כער, אז די אומבאקאנטע וועט איר באלד נעמען אויסדערציילן פּונקט אזא געשיכטע, ווי זי, לינע, וואָלט געקאָנט איר איצט דערציילן, אז זי איז שיר ניט פארלאָפן יענער דעם וועג מיט דער איינציקער טרייסט, וועלכע מענטשן האָבן פאר זיך צוגעטראכט און פון וועלכער סע ווערט סיַיווי ניט גרינגער—אז מיסטאָם איז בא אלעמען אזוי. אייניקע דער־ויסן זיך וועגן דעם פריִער, אנדערע שפּעטער. ווי דאָס האָט געטראָפן מיט איר. נאָר דערהערט האָט לינע פון דער פרוי:

— וואָס האָט ער אייַך געזאָגט?

לינע האָט מיט נייַגער זי אָנגעקוקט.

— ווער?

— דער אדמיניסטראַטאָר.

איר האָט זיך ווידער אויסגעגעבן, אז אין דער שטים פון דער אומ־באקאנטער הערט זי א מיטגעפיל צו זיך—מיסטאָם האָט די פרוי באַ־מערקט אין איר אזוינס, וואָס האָט ארויסגערופן מיטלייַד. אפילע דער־מיט, וואָס זי האָט איר פאַרגעלייגט דאָס בענקל, האָט זי עס געגעבן איר צו פילן. און לינע איז ווידער שטיין געבליבן באם שפּיגל. איצט האָבן פון דאָרט אַף איר געקוקט א פּאָר אייַנגעפאלענע אויגן. אין די טיפע ביינגריבלעך רונד־ארום—באמערקבארע קנייטשן. געענטפערט איר אָבער האָט לינע א סאך האַפּערדיקער, ווי זי האָט עס אליין פון זיך דערוואַרט:

— דאָס זעלבע מיסטאָם, וואָס אייַך, אז ס'זיינען ניטאָ קיין פרייַע ערטער.

— מיר האָט ער אפילע געזאָגט, אז איך האָב בכלל ניט אַף וואָס אויסצורעכענען. איך בין דאָך ניט קיין קאָמאנדירטע. איך בין געקומען צו א דאָקטער, צו א האָמעאָפּאַט.

— נו איז וואָס?

— איר פרעגט מיך? פאַר מענטשן, וואָס קומען צו פאָרן אָן א קאָמאנ־דירונג, זיינען קימאַט אומעטום פארמאכט די טירן פון די האָטעלן.

— יאָ, יאָ... איז וואָס קלערט איר טאָן? עפּשער זיינען פאראן פרייַע ערטער אין אנדערע האָטעלן? דער איז פאָרט אין רעכטן צענטער שטאָט.

— איך בין שוין אומעטום געווען, און אומעטום איין און דער זעלבער ענטפער.—זי האָט גערעדט שטיל, ווי זי זאָל עס פון זיך אליין וועלן אויסבאהאלטן.—כ'ווייס ניט, מעגלעך, אז דער האָמעאָפּאַט, צו וועמען מע האָט מיר גערעטן פאָרן, וועט מיר אויך מיט גאָרנישט ניט העלפן. מע האָט מיר אָבער אין דער היים אזויפיל אָנגעדערציילט וועגן אים, מיך אזוי צוגערעדט פאָרן אהער, אז איך האָב אָנגעהויבן גלייבן אין אים, און פאר א קראַנקן איז זייער וויכטיק, ער זאָל גלייבן אין זייַן דאָקטער.

צומאָל איז עס, דאַכט מיר, וויכטיקער פון די רעפּועס. אזש פון אוראַל געשלעפּט זיך אהער: איבערגעלאָזן דעם מאַן מיט א ברעקל קינד אַף די הענט.

— בא אײַך זײַנען דען ניטאָ קיין האָמעאָפּאַטן, וואָס איר האָט זיך געשלעפּט אזא ווײַט?

די פרוי האָט אופגעהויבן אַף לינען אירע גרויסע מידע אויגן. דאָס פּאָנעם אירס האָט שוין ניט אויסגעזען אזוי פאַרזאָרגט.

— און בא אײַך, פונוואַנען איר זײַט אהער געקומען, זײַנען פאַראַן? אין אזא גרויסער שטאָט, ווי דאָ, זאָל זײַן בלויז איין האָמעאָפּאַטישע פּאָליקליניק! און אין די האָמעאָפּאַטישע אַפּטייקן וואָס טוט זיך? מע דאַרף דאָרט, האָב איך געהערט זאָגן, א גאַנצן טאָג אָפּשטיין, ביז מע קריגט די רעפּועס. איך פאַרשטיי ניט, וואָס וויל מען דערמיט דערגרייכן? מע זאָל אופהערן גיין צו האָמעאָפּאַטן? ווי אָבער, אז דער קראַנקער גלייבט, אז נאָר אזא דאָקטער קאָן אים העלפן? פאַרוואָס זאָל מען בא אזא קראַנקן אָפּנעמען דעם גלויבן אין דעם? פאַרוואָס?

לינע האָט ניט אינגאַנצן פאַרשטאַנען, וואָס פאַרלאַנגט פון איר אָט די פרוי. צו איר איז בלויז דערגאַנגען, אז יענע וויל ניט, מע זאָל אָפּנעמען בא איר דעם גלויבן אין דעם, אין וואָס, מעגלעך, זי גלייבט נאָך ניט, נאָר זי וויל גלייבן.

— כ'ווייס ניט, — האָט לינע זיך אָפּגערופן, — קאָן זײַן, איר זײַט גערעכט. נאָר גלאַט גלייבן... איז ווי זאָל איך אײַך זאָגן... — און ווײַל זי האָט ניט געפונען צו דעם קיין פּאַסיקן פאַרגלײַך, און קיין באַזונדערן פאַרלאַנג פאָרזעצן דעם דאָזיקן געשפּרעך האָט זי אויך ניט געהאַט, האָט לינע, אָנווײַזנדיק אַפן פענצטערל פון אדמיניסטראַטאָר, געפרעגט: — איז ווו קלערט איר זיך אײַנאָרדענען מיט א וווינונג?

— כ'ווייס... די נאַכט וועט אויסקומען איבערזיצן אין וועסטיביול, און מאָרגן וועל איך זען. דאָ דרייען זיך אַרום מענטשן, וואָס לייגן פאָר זיך אָפּשטעלן בא זיי. איינע א פרוי האָט מיר פאָרגעלייגט א צימער אָפּצווייען. זי האָט מיר איבערגעלאָזט איר אדרעס. נאָר עפּעס קאָן איך ניט באַשטימען. איך בין ס'ערשטע מאָל הי, ווייס דאָ קיינעם ניט... קען דאָ קיינעם ניט. אויב איר ווילט, קאָן איך אײַך געבן איר אדרעס, — זי האָט אַרויסגענומען פונעם שוואַרצן לאַקירטן רידיקיול א צונויפגעלייגט צעטעלע און עס דערלאַנגט לינען.

— הערט, ס'איז דאָך ניט ווײַט, אינגאַנצן צען מינוט פאָרן פונדאַנען מיטן טראָלייבוס, ניט מער. איך קען די שטאָט זייער גוט. איך בין דאָ ניט ס'ערשטע מאָל. ווייסט איר וואָס? לאָמיר צופאָרן א קוק טאָן. אויב ס'וועט אונדז ניט אונטערגיין, וועלן מיר זיך אומקערן צוריק. דער שווייצאַר וועט אונדז אַרײַנלאָזן. ביז האַלבער נאַכט איז נאָך גאַנץ ווײַטלעך.

דאָס פענצטער פונעם צימערל, וווהין די באַלעבאָסטע פון דער וווינונג, אַן עלטערע פרוי מיט א צעקנייטשט פאַרפּודערט געזיכט, האָט זיי אַרײַנגעפירט, איז אַרויסגעגאַנגען אין א שטילן גרינעם הויף, און דאָס איז געווען גענוג, אז לינע זאָל, ניט דינגענדיק זיך, באַצאָלן דער באַלעבאָסטע פאַר דרײַ טעג פאָרויס, כאָטש מעגלעך, אז מער ווי איין נאַכט

וועט איר דאָ ניט אויסקומען איבערשלאָפֿן. און מעגלעך, אַז זי וועט זיך דאָ באַזעצן אויף פֿיל לענגער, ווי איר נײַע באַקאַנטע, לידע אַנדרייעוונע. דער איינציקער באַדינג, וועלכן לינע האָט געשטעלט דער באַלעבאָסטע, — זי זאָל איר געבן דעם שליסל פֿון דער אַרײַנגאַנג־טיר. זי איז אין קאָ־מאַנדירונג, און ס׳קאָן זיך צומאָל מאַכן, אַז זי זאָל ביז שפּעט אין דער נאַכט זיך פֿאַרהאַלטן אין טרעסט. אָט הײַנט, אַשטייגער, וועט זי זיך דאָרט זיכער פֿאַרהאַלטן ביז טיף אין דער נאַכט, מעגלעך אַפֿילע, אַז ביז גרויסן טאָג.

און אַז די באַלעבאָסטע און לידע אַנדרייעוונע זאָלן ניט קוקן אויף איר מיט אַ שטיקל פֿאַרדאַכט, האָט לינע אַרויסגענומען פֿון טשעמאָדאַן די בלויע פּאַפּקע מיט פּאַפּירן און צייכענונגען, וועלכע זי פֿירט פֿון דער הידראָסטאַנציע, און זיך אַוועקגעזעצט זיי איבערקוקן. ס׳האָט זי געוווּנ־דערט, וואָס זי האָט געקאָנט איצט באַמערקן דעם טאָעס, וועלכן זי האָט דערלאָזט אין די אויסרעכענונגען, און וואָס זי קאָן זיך אַזוי אַרײַנטאָן אין די צייכענונגען, וועלכע זי האָט אַרויסגעלייגט אויפֿן טישל. זי איז געגליכן צו אָט דער לידע אַנדרייעוונען, וואָס האָט פֿאַרן לייגן זיך שלאָפֿן גענומען אַ פּיל. אויסהיילן קאָן עס ניט, אַנדערש וואָלט דאָך לידע זיך ניט געשלעפּט פֿון אוראַל אַזש אַהער, ניט איבערגעלאָזט דעם מאַן מיט אַ ברעקל קינד אויף די הענט, — נאָר אַ שטיקל צײַט לינדערט עס די ווייען, מאַכט זי פֿאַרגעסן. ניין, זי, לינע, קאָן זיך ניט גלײַכן צו לידען. לידע האָט אַ האָפֿענונג, גלייבט, אַז זי וועט זיך אויסהיילן, און דער דאָקטער, וואָס ווייסט, אַז ער קאָן איר שוין מיט גאָרניט העלפֿן, וועט פֿונדעסטוועגן אונטערהאַלטן אין איר דעם דאָזיקן גלויבן, ווײַל זי וויל עס. זי וויל דערין גלייבן. ווער קאָן אָבער אומקערן דעם מענטשן דעם אָנגעווירענעם גלויבן, אויב דער מענטש וויל מער אין דעם ניט גלייבן? די איינציקע רעפֿוּע, וואָס מע וועט איר ראַטן, לינען, איז זיך אַרײַנטאָן מער אין דער אַרבעט. בײַ דער אַרבעט איז לײַכטער זיך פֿאַרגעסן. די, וואָס ראַטן עס, ווייסן ניט צי מאַכן זיך ניט ווייסנדיק, אַז איינע און די זעלבע רעפֿוּע, מיט וועלכער מע נוצט זיך לאַנג, הערט אויף צו ווירקן.

לינע האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ פֿון טישל און זיך באַגעגנט מיט לי־דעס אויגן. איר בליק האָט ווי געפֿרעגט: „איר גלייבט שוין איצט אינ־גאַנצן ניט אין ליבע?״ לידע זאָל עס געוווען פֿרעגן אויף אַ קאָל, וואָלט לינע איר מיסטאָמע געענטפֿערט: „ניין״ אָדער „כ׳ווייס ניט״, און זי האָט איצט ווירקלעך ניט געוווּסט, צי האָט זי ווען־ניט־איז ליב געהאַט הענ־ריכן, אויב ער האָט פֿאַר איין טאָג געקאָנט איר ווערן אַזוי דערווידער, אַזוי פֿרעמד, און די פּוסטקײַט, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין איר, איז אַזאַ, וואָס וואָרט, מע זאָל זי גיכער פֿאַרפֿילן. עפּשער דערפֿאַר האָט זי נעכטן אָוונט מוירע געהאַט זיך באַגעגענען מיט מיכאַילן און געײַלט וואָס גיכער פֿאַרלאָזן דעם צימער... נאָר ווען לידע פֿרעגט זי, וואָס איז אַזוינס ליבע, וואָלט זי שוין געוווּסט, לינע, וואָס איר צו ענטפֿערן. זי וואָלט איר דערציילט וועגן דעם שוועסטערקינד אירן, וועלכע האָט ביז איצט, אין אַזויפֿיל יאָר אַרום נאָך איר מאַנס טויט, וואָס איז אומגעקומען אויף דער מילכאָמע, פֿאַרהיט צו אים איר ליבע, כאָטש זי האָט שוין פֿון לאַנג אַן

אנדער מאַן און קינדער פון אים. מיטן טויט פון איר ערשטן מאַן זײַנען ניט אָפּגעשטאָרבן אירע געפילן צו אים. שטאַרבן שטאַרבט אָפּ די ליבע, ווען מע פאַראַט, זי שטאַרבט, אפּאַנעם, אָפּ דעמלט אינעם מענטשן אַף שטענדיק. שרעקלעכער פון אַלץ איז אָבער דאָס, וואָס די זעלבע ליבע, וועלכע דערהייבט אַזוי דעם מענטשן, ווי דאָס האָט געטראָפן מיט איר אַף דער גאַלערייע אינעם מוזיי, קאָן אַזוי דערנידעריקן דעם מענטשן, ווי זי טוט עס איצט מיט איר. דאָס, וואָס זי קלײַבט זיך באַלד טאָן, איז דען ניט קיין דערנידעריקונג? זי קאָן אָבער מיט זיך גאָרניט מאַכן, ווײַל שוין דער אַנדערער טאָג, ווי עמעצער פירט מיט איר אָן און זי קאָן זיך קעגן אים ניט ווערן.

## 9

אָנהייב צוועלף איז לינע אַרויס פון שטוב. אָפּגעזוכט אַף דער גאַס א טעלעפאָן־אווטאָמאַט, האָט זי אָנגעקלונגען אַהיים. קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופן. זי האָט אָנגעקלונגען נאָכאַמאָל, א דריט מאָל, לאַנג אײַנגעהערט זיך אין דער איינטאָניק רעגלמעסיק־אָפּגעהאַקטער סירענע אינעם טרײַבל און איז ענדלעך אַרויס פון דער בודקע. כוישעד זײַן העניריכן, ער זאָל זיך האָבן אָנגעשטויסן, אַז דאָס קלינגט זי און דערפאַר האָט ער ניט אַראָפּגענומען דאָס טרײַבל, איז דאָך קינדעריש, און ער זאָל ניט הערן, אַז סע קלינגט דער טעלעפאָן, קאָן דאָך אויך ניט זײַן. באַנאַכט קלינגט ער באַזונדערס אומרויִק און פאַראַקשנט, צעטראָגט די שטוב. זי האָט שרעקלעך מוירע, ווען דער טעלעפאָן צעקלינגט זיך באַנאַכט. האָט ער זיך, הייסט עס, העניריך, נאָך ניט אומגעקערט פון האָטעל, צי ער איז טאַקע אוועקגעפאָרן צו „יענער"? זי וועט פונדעסטוועגן זיך אַראָפּכאַפּן צו זיך, א קוק טאָן, און אויב זי וועט דאָרט ווידער טרעפן אויסגעלאָשענע פענצטער און קיינער וועט דאָרט ווידער ניט אַראָפּנעמען דאָס טעלעפאָן־טרײַבל, דעמלט... דערווײַל ווייסט זי נאָך ניט, וואָס וועט זײַן דעמלט...

אין דעם גרויסן אכטשטאָקיקן העל־גרויען מויער האָט זיך שוין ניט געלויכטן קיין איין פענצטער. ס'איז פון לאַנג שוין פאַרבײַגעלאָפן דער לעצטער טראָלייבוס. די אַרויסגעשוווּמענע לעוואָנע, וואָס האָט נאָכגעשלעפּט נאָך זיך, ווי א שלייף, א שמאָל, ליכטיק שטעגל, האָט זיך אָפּגעשטעלט פונקט אַנטקעגן די דרײַ עקסטע פענצטער אַפן זיבעטן שטאָק, באַוויזן, אַז אין שטוב בא איר איז קיינער ניטאָ.

דער זייגער האָט זיך דערנעענטערט צו צוויי. איצט איז לינע שוין געווען אינגאַנצן זיכער, אַז ער איז אוועקגעפאָרן צו יענער... יענע האָט מיסטאַמע אויך געקראָגן דעם בריוו מיטן איבערגעפּלאָנטערטן אַדרעס, וועלכן ער האָט געשריבן איר, לינען, און יענע וועט עס אים, פאַרשטייט זיך, געוויס ווײַזן... העניריך וועט זיך אומקערן גלײַך צוריק. ער פאַרשטייט דאָך, אַז נאָך אַזאַ בריוו וועט זי, לינע, ניט אײַנזיצן און זיך אויך אומקערן אַהיים. ניין, זי וועט זיך איצט ניט אופהייבן צו זיך. די שכייִנים אַפן שטאָק קאָנען זי באַמערקן און עס איבערגעבן נאָכדעם אים, און

זי וויל דאָך, אַז דער קלאַפּ, וועלכן זי וועט אים דערלאַנגען מיטן באַווײַזן אים דעם בריוו, זאָל זײַן פאַר הענריכן אַן אומגעריכטער. זי וויל אָבער פריִער אַ קוק טאָן, וויִאַזוי וועט ער זיך אופירן אין דער מינוט, ווען ער וועט זי דערזען אַף דער שוועל מיטן טשעמאָדאַן אין דער האַנט און זי וועט מיט גאָרניט אַרויסגעבן וועגן דעם באַקומענעם בריוו... ווי נאַריש דאָס איז אַלץ. איר איז דאָך שוין דאָס זיבן־און־דרײַסיקסטע יאָר, און זי פירט זיך אוף ווי אַ מיידעלע. זי ווייסט עס, נאָר קאָן זיך קעגן דעם שוין ניט ווערן.

לינע האָט זיך אָבער פאָרט אופגעהויבן צו זיך אין דער דירע, זיך אופגעהויבן צופוס — די שכיינים אַפן שטאָק זאָלן ניט הערן, ווי זי איז אַרוף.

דער גערדיכטער שטויב אַפן מעבל, די פאַנאַנדערגעוואָרפענע זאַכן, דאָס אָפענע דעקל פון דער פּיִאַנינע האָבן אויסגעגעבן, אַז הענריך האָט שטאַרק געעײַלט. לינע האָט דאָ גאָרניט געענדערט. אַלץ איז געבליבן ווי געווען. זי האָט בלויז דורכגעקוקט אַפן סערוואַנט די בריוו. צי זײַנען ניטאָ קיין בריוו פון דער טאָכטער און פון יענער...

אַראָפּלאָזנדיק זיך מיט די טרעפּ, האָט זי זיך צוגעהערט, צי גייט מען ניט פון אונטן. זײַנע לײַכטע לאַנגזאַמע טריט וואָלט זי גלײַך דערקענט. זי וואָלט זיך אופגעהויבן אַפן לעצטן שטאָק און אויסגעוואַרט דאָרט, ביז ער וואָלט אַרײַן אין שטוב.

קיין איינע פון די טאַקסי, וועלכע איר איז געלונגען אָפּשטעלן, האָט זי ניט געקאָנט אײַנבעטן, מע זאָל זי אָפּפירן אַף איר נײַער וווינונג. אַלע טאַקסי זײַנען געגאַנגען אין דער פאַרקערטער ריכטונג, און די שאָפערן, ווי צונויפגערעדט זיך, האָבן זיך פאַרופן אַף איינעם און דעם זעלבן — זיי האָבן שוין פאַרענדיקט די אַרבעט און פאָרן אין גאַראַזש. לינען האָט זיך אָבער אויסגעגעבן, אַז זיי מײַדן זי בעקיוון אויס, ווי יעדער פרוי, אַפּאָנעם, וועלכע זיי באַגעגענען אין אַזאַ שפּעטער שאָ זיך אומדרייען איבער דער שלאָפנדיקער שטאָט. עפּעס האָבן זיי זי מאָדנע באַטראַכט. זי זאָל ניט אַרויסרופן מער דעם דאָזיקן כשאַד, איז לינע, דערזעענדיק אַ מאַשין, שוין ניט געלאָפן איר אַנטקעגן מיט אופגעהויבענע הענט, זי זאָל זיך אָפּשטעלן, נאָר דורכגעמאַכט דעם וועג צופוס, שלעפנדיק זיך אַ מידע איבער די שטילע אײַנגעשלאָפענע גאַסן.

ווען זי האָט זיך אופגעכאַפּט, האָט זי לידע אַנדרייעוונען שוין אין צימער ניט געטראָפן.

— אײַער שכיינע איז נאָך באַגינען אוועקגעפאָרן אין פּאָליקליניק, — האָט איר אָנגעזאָגט די אַרײַנגעקומענע באַלעבאָסטע, — דאָרט זײַנען, גיט מען איבער, אַזעלכע גרויסע רייען... ווען האָט איר זיך עס אומגעקערט, וואָס איך האָב אפילע ניט געהערט, ווי איר זײַט אַרײַן?

וואָס איז מיט איר געוואָרן, וואָס זי האָט אופגעהערט יענעם גלייבן? אָט גלייבט זי ניט דער באַלעבאָסטע, אַז זי האָט ניט געהערט, ווי זי, לינע, איז אַרײַן, און דער נײַער באַקאַנטער, לידע אַנדרייעוונען, וואָס האָט איר נעכטן אַזויפיל אָנגעדערציילט וועגן דעם מאַן — סאַראַ טרײַער און איבערגעגעבענער ער איז, — גלייבט זי אויך ניט. נאָך מער: זי האָט

עס גאַרניט געפּרווּוט נעכטן פון איר אויסבאַהאַלטן, ווי זי פּרוּווט עס איצט ניט אויסבאַהאַלטן פון דער באַלעבאָסטע. זי האָט עס איר געגעבן דײַטלעך אָנצוהערן, ענטפערנדיק:

— ניין, ניט שפּעט. — דאָס האָט געדאַרפט אָן ערעך באַטײַטן: דער, וואָס גלייבט ניט יענעם, דעם גלייבט אויך קיינער ניט, און די באַלעבאָס־טע האָט ניט איבעריקס וואָס צו וווּנדערן זיך, וואָס זי האָט איר אַזוי געענטפערט. זי ווייסט דאָך, ווען זי האָט זיך אומגעקערט, איז צו וואָס פרעגט זי עס? — עפּשער וועט איר דאָ שפּעטער אַ ביסל צוקלײַבן? איך וויל איצט שרעקלעך שלאָפן.

— דער זייגער איז שוין באַלד צען.

— איך וועל עטלעכע טעג אַרבעטן אין שטוב. אַנטשולדיקט, — און אויסדרייענדיק זיך מיטן פּאָנעם צו דער וואַנט, אַרופגעצויגן די קאָלדרע איבערן קאָפּ.

פון דער אַרבעט האָט דער דאָקטער זי דערווײַל באַפרײַט אויף דרײַ טעג. מאָרגן דאַרף זי שוין גיין אין פּאָליקליניק פאַרלענגערן דעם ביולעטען. וועלכער דאָקטער ס׳זאָל זי ניט אויפנעמען, וועט ער איר דעם ביולעטען זיכער פאַרלענגערן. עס טוט איר גאַרניט וויי, נאָר זי פילט זיך שרעקלעך אָפּגעשוואַכט, עס שווינדלט איר אין די אויגן...

פאַרן גאַנצן טאָג איז לינע בלויז איין מאָל אַרויס פון שטוב. ס׳האָט־שוין גענומען צופאַלן דער אָוונט. אָנגעקלונגען אַהיים און ווידער דער־הערט אין טרײַבל די זעלבע רעגלמעסיק־אָפּגעהאַקטע סירענע, וואָס באַ־נאַכט, איז זי אַרײַן אין אַ דערבײַיִקער קאַפע און זיך געצווּנגען עפּעס איבערכאַפּן.

לידע אַנדרייעוונע איז שוין געווען אין שטוב, ווען לינע האָט זיך אומגעקערט. לידע האָט זיך מיט איר דערפרייט, ווי זיי וואָלטן יאָרנלאַנג געווען באַפרײַנדעט און יאָרנלאַנג זיך ניט געזען. ביז די מינדסטע איינצל־הײַטן האָט לידע איר אויסדערציילט, וויאַזוי איז דורך באַ איר הײַנט דער טאָג, ווו איז זי געווען, וואָס האָט זי באַוויזן, און נאָכאַנאַנד איבערגע־כאַזערט, אַז זי האָט ניט דערוואַרט, עס זאָל איר אַזוי אָפּגליקן. זי האָט אויסגערעכנט, אַז עס וועט איר אויסקומען דאָ זיך פאַרהאַלטן ווער ווייסט וויפל, און איר איז געלונגען זיך פאַרשרײַבן צום דאָקטער, צו וועמען מע האָט איר געראַטן פאָרן, אויף אָנהייב קומענדיקער וואָך. זי האָט שוין וועגן דעם טעלעגראַפירט דעם מאַן.

פון העפלעכקײַט וועגן וואָלט זי, לינע, אויך געדאַרפט דערציילן, ווי איז דורכגעגאַנגען באַ איר דער טאָג, האָט זי אָבער ניט וואָס צו דערציילן. דער טעכנישער האַנטבוך אירער אויפן טיש ליגט אופגעמישט אויפן זעלבן זײַטל. די באַלעבאָסטע זייערע, וואָס האָט ליב אַלצדינג וויסן, אַלצדינג אויספרעגן, האָט עס זיכער באַמערקט. לידע זאָל אויך געווען זײַן אַזוי נײַגעריק וויסן, וואָס סע טוט זיך באַ יענעם, וואָלט לינע מיסטאָמע קיין האַלבן טאָג מיט איר ניט געווען אין איין צימער. נאָר לידע פרעגט זי וועגן קיין זאַך ניט. זי דערציילט בלויז וועגן זיך, און פון אַלץ, וואָס זי האָט דערציילט, איז צו לינען דערגאַנגען בלויז דאָס, אַז סע רירט זי, לינען, דאַכט זיך, קיין זאַך ניט אָן, ניט יענעמס וויי, ניט יענעמס פרייד,

און דאָס האָט זי דערשראָקן. לינע האָט זיך פון דעם דערפילט אַזוי שול־דיק פאַר אָט דער שטילער שווער־קראַנקער פרוי, בײַ וועלכער קיינער האָט דערווײַל ניט פעסטגעשטעלט, וואָס איז בײַ איר פאַר אַ קרענק, און פאַר וועמען, מעגלעך, די איינציקע רעפּוּע איז דאָס ביסעלע פרייד, וואָס עס שענקט איר צומאָל דער טאָג, אַז זי איז אַוועקגעפאָרן, לינע, זען, צי לויכטן זיך ניט די פענצטער פון איר וווינונג, אַ סאַך פריִער, ווי זי האָט זיך געקליבן.

איצט האָט שוין לינע ניט געהאַט זיך וואָס אויסצובאַהאַלטן פון די שכיינים אויפן שטאָק, זי זאָל זיך צופעליק ניט אָנשטויסן אויף עמעצן פון זיי, אַרויסגייענדיק פון ליפט. עס קאָן דאָך ניט זײַן, הענריך זאָל זײַן הי און זי זאָל אים קיין איין מאָל ניט טרעפן אין דער היים — ניט בײַטאָג, ניט בײַנאַכט. עס קאָן דאָך אָבער אויך ניט זײַן, ער זאָל, דערוויסנדיק זיך וועגן די איבערגעפּלאָנטערטע אַדרעסן, ניט אומקערן זיך גלײַך צוריק, פאַרלויפן איר דערמיט דעם וועג, זי זאָל ניט האָבן קיין באַוויזן, אַז ער איז געהאַט אַוועקגעפאָרן. ער איז די גאַנצע צײַט געווען אין שטובו — וועט ער איר, פאַרשטייט זיך, זאָגן. און די בריוו? מיסטאָם האָט ער שוין עפּעס צוגע־טראַכט. זי דערמאָנט זיך די געשיכטע, וואָס ער האָט איר אַנומלטן דער־ציילט. זײַנער אַ באַקאַנטער פידלער האָט צופעליק געפונען בײַ דער פרוי אין רידיקיול אַירס אַ ליבע־בריוול צו עמעצן. ווען דער פידלער האָט עס איר באַוויזן, האָט זי זיך צעלאַכט. דאָס האָט איינע בײַ זיי אויף דער אַרבעט זי געבעטן צונויפשטעלן אַזאַ בריוול. יענע דאַרף עס איבערשרײַבן און מאַכן אַזוי, אַז דער מאַן זאָל עס בײַ איר געפינען און זי אָנהייבן אײַפערן, ווי זי אײַפערט אים די גאַנצע צײַט. ענטפערנדיק עס דעם פידלער, האָט זי דערבײַ אים אויסגערעדט, אַז ס'איז ניט אָנשטענדיק און נידעריק אַרײַנ־קוקן צום ווײַב אין רידיקיול.

עפשער זאָל זי אויך טאָן דאָס זעלבע. הענריכן איצט גאָרניט זאָגן, נאָר מאַכן אַזוי, אַז ער זאָל געפינען בײַ איר אַ צעטעלע צו עמעצן. זי, לינע, וואָלט שוין אָבער קיין זאַך ניט אָפּגעלייקנט, ווי סע האָט אָפּגעלייקנט דעם פידלערס פרוי, צוטראַכטנדיק פאַרן מאַן אַ פאַרפּלאָנטערטע געשיכטע מיט איינער אַן אָנגעשטעלטער בײַ זיי אויף דער אַרבעט. זי וואָלט אים בלויז באַוויזן, הענריכן, דאָס בריוול, וואָס ער האָט געשיקט זײַן „ליבער און טײַערער"...

אויב ער וועט זיך הײַנט אויך ניט אומקערן, איז ניט אַנדערש, ווי זײַן איצטיקע „איינציקע און טײַערע" האָט אויסבאַהאַלטן פון אים, אַז זי האָט באַקומען זײַן בריוו, וועלכן ער האָט געשריבן פאַר איר, לינען...

ווען לידע אַנדרייעוונע טרעפט זי איצט דאָ, וואָלט זי זיך געוויס גע־וווּנדערט, וויִאַזוי האָט זי עס אין וועסטיביול פון האָטעל, ערשט אײַנ־געגאַנגען מיט איין טאָג צוריק, געקאָנט אָנעמען לינען פאַר אַ ייִנגערער פון זיך. זי זעט דאָך איצט פאַר זיך אַן עלטערע פרוי. יאָ, זי דאַרף איצט אויס־זען, פילט לינע, אַ סאַך עלטער פון אירע קנאַפּע זיבן און דרײַסיק יאָר. לידע וואָלט זי איצט געוויס געפרעגט, צי איז זי ניט קראַנק, און געקוקט אויף איר מיט די שטילע מיטפילנדיקע אויגן. ניין, לידען וואָלט זי ניט גע־וואַגט זאָגן, וואָס איז מיט איר געשען און וואָס קומט מיט איר איצט פאָר,

כּאָטש פון אַלע אירע אייגענע און באַקענטע, וועלכע זי האָט דאָ אין שטאָט, איז לידע עפּשער די איינציקע, פאַר וועמען זי וואָלט זיך וועלן אויסריידן. וואָס וואָלט לידע איר דערויף געענטפערט? זי פאַרגלײַכט מיט זיך? זי ווייסט ניט, די מילדע און האַרציקע לידע אַנדרייעווונע, אַז אין דער דאָזיקער רעגע וואָלט זי, לינע, זיך מיט איר געביטן. לידע קאָן כאָטש אויף אַ שאָ, אויף אַ האַלב שאָ שטילן אין זיך די ווייען, און זי, לינע, — אויף קיין איין מינוט. און, מעגלעך, ווען זי דערציילט איר וועגן זיך, וואָלט לידע אַנדרייעוונע איר געבראַכט אַהער דעם טשעמאָדאַן, זי אַרײַנגעזעצט אין ליפט... און דאָ האָט לינע מיטאַמאָל דערזען שײַן אין אַלע דרײַ פענצטער פון איר וווינונג. פון אומגעריכטקײַט האָט זי ווי פון ווינט זיך אַ וואַקל געטאָן. ווי־אַזוי האָט זי עס ניט באַמערקט, ווי ער איז אַרײַן? זי איז דאָך די גאַנצע צײַט געווען דאָ אין סקווער. און ווי־אַזוי האָט ער זי ניט באַמערקט? ער האָט געקאָנט בעקיוון ניט צוגיין צו איר, געצײַלט וואָס גיכער אַרײַן אין שטוב, צוקלײַבן דאָרט, זי זאָל ניט באַמערקן, אַז ער איז נאָרוואָס פון וועג.

לינע איז אַרײַן אין דער טעלעפאָן־בודקע אָפּן ראָג גאַס, אַראָפּגעכאַפּט דאָס טרײַבל, נאָר עס באַלד צוריק אופגעהאַנגען. איצט טאָר זי ניט קלינגען. איר קלונג קאָן זיך אים אויסווײַזן פאַרדעכטיק. און וואָס האָט זי צו קלינגען? זיך דערוויסן, צי ס׳איז ער? די טאָכטער האָט נאָך צו זײַן אויף דער צעלינאַ גאַנצע צוויי וואָכן, און ווען זי זאָל אַפילע זיך אומקערן פון דאָרט פריִער, קאָן זי אויך אין שטוב ניט אַרײַן. זי האָט ניט גענומען מיט זיך די שליסלען. זי, לינע, האָט מיט זיך די שליסלען און קאָן אויך אין שטוב איצט ניט אַרײַן. אָן דעם טשעמאָדאַן וועט זי דאָך גלײַך זיך אַרויסגעבן.

וואָס זאָל זי זאָגן לידען? פאַרוואָס נעמט זי פּלוצעם דעם טשעמאָדאַן מיט זיך? מע האָט איר צוגעזאָגט אַ צימער אין האָטעל. און פאַר איר איז עס זייער וויכטיק — באַ איר איז אַזאַ אַרבעט, אַז זי קאָן ניט אויסקומען אָן קיין טעלעפאָן. אָדער עפּשער צוטראַכטן, אַז זי האָט דאָ אומגעריכט באַגעגנט אירע אַן אַלטע באַקאַנטע און יענע האָט זי געבעטן זיך איבערקלײַבן צו איר? און אויב עס וועט איר אויסקומען זיך אומקערן האַלבע נאַכט צוריק אַהער?

לידע אַנדרייעוונען האָט לינע אין שטוב ניט געטראָפן, און זי איז געווען ביז גאָר פאַרוווּנדערט, דערהערנדיק פון דער באַלעבאָסטע, אַז איר קוואַרטיראַנטקע איז אַוועק אין טעאַטער, און אַז דאָס האָט זי, די באַלעבאָסטע, געקראָגן פאַר איר אַ בילעט — אָפּגעשטאַנען צוליב דעם עטלעכע שאָ אין דער ריי. אָבער נאָך מער האָט זי פאַרוווּנדערט, וואָס די באַלעבאָסטע וויל באַ איר, לינען, ניט נעמען פאַרויס קיין דירעגעלט אַפילע אויף קיין איין טאָג ניט, וויבאַלד זי ווייסט ניט — צי וועט לינע באַ איר וווינען טער האַלטן קוואַרטיר. זי וועט אָן אַן אַדערויף זי אויך אַרײַנלאָזן, אויב זי וועט זיך ניט אײַנאָרדענען אין האָטעל. און וועגן לידע אַנדרייעוונען האָט זי, לינע, אויך ניט וואָס זיך צו זאָרגן. עמעס, פאַרדינגענדיק דעם צימער, האָט זי טאַקע געוואָרנט, אַז ער איז פאַר צווייען, נאָר וויבאַלד ס׳האָט זיך געמאַכט אַזוי, אַז לינע מוז פריִער אַוועקגיין, וועט זי פון לידען קיין צוויי־

ענדיקע פרײַז ניט מאַנען, אויב אפילע זי וועט אַף די טעג, וואָס איר איז געבליבן נאָך צו זײַן, ניט צוזוכן זיך, אַנשטאָט לינען, קיין אנדער קוואר־טיראַנטקע. לינע מיינט, אז זי, די באלעבאָסטע, זעט ניט, וואָס עס קומט פאָר מיט דער לידע אנדרייעווונען. און מיט איר, לינען, ווי צו זען, קומט אויך עפּעס פאָר, און עס וואָלט איר אויך ניט געשאַט זיך דורכגיין אין טעאַטער, זיך א ביסל פארגעסן. זי איז צוליב דעם גרייט, די באלעבאָסטע, מאָרגן אויך אָפּשטיין עטלעכע שאָ אין דער ריי.

אַף דעם אַלץ האָט לינע איר געענטפערט, שטייענדיק שוין מיטן טשע־מאָדאַן אין דער טיר:

— ווי מע קאָן עס אַמאָל א טאָעס האָבן אין א מענטשן.

זי זאָל געוווען נאָך איין איבעריקע רעגע זיך פארהאַלטן, וואָלט זי זיך ארופגעוואָרפן דער דאָזיקער פּרוי מיטן צעקנייטשטן פארפודערטן געזיכט אַפן האַלדז. נאָר זי מוז איצט זײַן שטארק בא זיך, לינע, שטארק ווי א פּרוי.

## 10

איצט האָט לינע שוין ניט געקליבן זיך ארײַנרײַסן אומדערוואַרט אין דער דירע — זי איז געוווען זיכער, אַז אויסער הענריכן, וועט זי דאָרט קיי־נעם ניט טרעפן, — און דאָך האָט זי זיך אופגעהויבן צו זיך אין א היפּשער צײַט ארום, נאָכדעם ווי עס האָט זיך אויסגעלאָשן די שײַן אין די פענצטער.

דאָס, וואָס זי האָט ארײַנגעשטעקט דעם שליסל אין דער עפענונג פונעם שלאָס אזוי שטיל, אַז זי אַליין האָט ניט געהערט קיין שאָרך, איז געוווען לאַכלוטן איבעריק. זי האָט פארגעסן, אַז אַף באַנאַכט פארשפּאַרן זיי שטענ־דיק די טיר פון אינווייניק אַף א פארוקער. ס'איז אויסגעקומען אָנקלינגען.

צי ווײַל הענרײַך האָט אַף איר הײַנט ניט געוואַרט און דערפאַר האָט ער ניט דערקענט איר שטים, צי בא איר האָט זיך ווירקלעך געענדערט אזוי דאָס קאָל, נאָר געעפנט האָט ער איר די טיר, נאָכדעם ווי זי האָט זיך ווי־דעראַמאָל אָנגערופן.

— לינע? טײַערע מײַנע... הארציקע מײַנע...

לינע האָט זיך לאַנג ניט געקאָנט באפרײַען פון זײַנע הענט. ער האָט זי צוגעדריקט צו זיך און מיט איבערגעטריקנטע פיבערדיקע ליפּן איר צו־געמאַכט די אויגן, ווי ער זאָל וועלן פון איר עפּעס אויסבאַהאַלטן, עס זאָל נאָכדעם זײַן לײַכטער זי אײַנריידן אין דעם, וואָס ער האָט פאַר איר צו־געטראַכט, אָדער ער, וועט באַלד צוטראַכטן. דאכט זיך, זי האָט נאָך דער־ווײַל מיט גאָרניט ארויסגעגעבן, ווי דערווידער עס איז איר זײַן צערטלען זי, זײַן צורירן זיך מיט די ליפּן צו אירע.

— וואָס איז מיט דיר הײַנט, הענריך? — האָט זי, באפרײַענדיק זיך פון זײַנע הענט, אים געפרעגט און מער ניט געלאָזט, ער זאָל אויסבאַהאַלטן פון איר זײַן צעשטרייטן בליק. זי האָט זיך ניט געריכט, עס זאָל אזוי רויק נעמען קלינגען בא איר די שטים, זי זאָל זיך אזוי רויק קאָנען האַלטן אין דער אָנוועזנהײַט פון א מענטשן, וואָס איז איר פרעמד, ווילד־פרעמד און דערווידער. וואָס קערט ער אָפּ פון איר דעם בליק? זי האָט דאָך סײַווי

שוין אופגעכאַפּט זײַן צעשטרייטקײַט און פאַרלוירנקײַט. און זײַן שווײַגן פאַרשטייט זי אויך. ער היט זיך מיט א וואָרט, ווארט, אפּאָנעם, זי זאָל נאָך עפּעס פרעגן בא אים. עפשער וועט זיך בא איר פּאָרט ארויסכאַפּן אזעלכס, וואָס זאָל אים אונטערזאָגן, וואָס איר צו ענטפערן. צי דען זעט ער ניט, אז פאַר אים שטייט איצט אַן אנדער לינע, און אז די שטרעקע, וואָס טיילט זי אָפּ איצט פון אים, האלט אין איין וואקסן.

— ווען דו ווייסט....

לינע האָט געוואָרט, נאָר מיט גאָרנישט ניט ארויסגעבן איר אומגע־דולד.

— ווען דו ווייסט, ווי איך האָב נאָך דיר געבענקט, ווי איך האָב זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען. דאָס מאָל, ווען דו פאַרהאַלטסט זיך אפילע אַף איין איבעריקן טאָג, וואָלט איך געפאָרן דיך אראָפּברענגען. וואָס איז אָבער געשען, וואָס דו האָסט זיך אומגעקערט פון דער קאָמאנדירונג קימאט אַף א גאנצער וואָך פרי̇ער? ס'האָט, כאָלילע, עפּעס פּאַסירט?

— ביסט ניט צופרידן, וואָס איך האָב זיך אומגעקערט פרי̇ער?

— ווי קאָנסטו מיך אזעלכס פרעגן? איך האָב אַף דיר אזוי געוואָרט... געציילט די מינוטן...

— איך האָב עס געפילט און, ווי דו זעסט, געקומען קימאט אַף א גאנ־צער וואָך פרי̇ער.

פאַרוואָס זאָגט זי אים ניט „איר"! זי וואָלט דאָך אים דערמיט פאַר־שפּאָרט פּאָרזעצן די שפּיל.

הענריך האָט זי ווידער צוגעצויגן צו זיך און ניט געלאָזט זי מיט זײַנע קושן פאַריכטן דעם צעשויבערטן קאָפּ האָר.

— נו ווי גיסטו מיר עס ניט צו וויסן, אז דו פּאָרסט ארויס, איך זאָל קאָנען דיך באַגעגענען? ביסט געקומען מיטן צוג צי מיטן עראָפּלאַן?

— איך האָב געפילט, אז דו וואַרטסט אַף מיר, בין איך געפלויגן.

ער האָט א קוק געטאָן אַף איר און שטיל געזאָגט:

— דו ביסט הײַנט עפּעס א מאָדנע. וואָס איז מיט דיר, לינע?

ער וועט נאָך לאנג שפּילן זיך מיט איר אין באהעלטערלעך?..

— זאָג, ס'איז עפּעס געשען? — ער האָט נאָכגעשפּירט נאָך יעדער באַ־וועגונג אירער. פון אָנשטרענגונג האָט זײַן צאַרט מאַטעווע געזיכט זיך באַדעקט מיט קנייטשן.

— יאָ, — זי האָט אויסגעוואָרט א ווײַלע, ווי געבנדיק אים די מעגלעכ־קײַט פאַרלויפן איר דעם וועג, און זיך ווידער אָנגערופן, — יאָ, איך פיל זיך הײַנט ניט מיט אַלעמען. דער דאָקטער האָט מיר געגעבן א ביולעטען אַף פינף טעג און געהייסן ליגן צו בעט.

הענריך האָט זי זאָרגזאַם ארײַנגעפירט אין שלאָפצימער, אויסריידנדיק איר:

— ווי לאָזט מען זיך עס א קראנקע אין וועג און מע גיט אפילע ניט צו וויסן!

— איך האָב אָנגעקלונגען, נאָר קיינער האָט ניט געענטפערט.

— באטאָג בין איך קימאט ניט געווען אין דער היים. — דאָס קאָל זײַנס, האָט זי באמערקט, האָט אים אָנגעהויבן אונטערפירן.

— איך האָב געקלונגען אהער באַנאַכט. שפּעט באַנאַכט.

— באַנאַכט? — איצט האָבן אים ארויסגעגעבן זײַנע לאַנגע שמאָלע פינ־גער. — מיסטאָם בין איך שטאַרק געשלאָפן, און עפּשער האָט דער טעלע־פאָן ניט געאַרבעט. לעצטנס ווערט ער אָפטמאָל אָנשוויגן. איך וועל באַלד אַ קוק טאָן, צי ער אַרבעט איצט.

— צו וואָס? איך גלייב דיר אַזוי אויך, — לינע האָט גענומען פון בעט אַ קישן מיט אַ קאָלדרע און איבערגעגאַנגען צוריק אין פאָדערצימער. — איך וועל זיך דאָ צולייגן. באַ מיר איז גריפּ, און כ'האָב מורא דיך אָנ־שטעקן. פון אירינען האָסטו מער גאָרניט געהאַט?

— געווען פון איר אַ טעלעגראַמע, אַז זי איז געזונט און סאָף כוידעש וועט זי שוין קומען, — ער האָט זיך צוגעזעצט צו דער פּיאַנינע און זיך דורכגעלאָפן מיט די אומרויִקע פינגער איבער די קלאַווישן, — איך פאַר־שטיי אַליין ניט, וואָס איז מיט מיר געווען, וואָס איך האָב דאָס מאָל אין דײַן אָפּוועזנהײַט קימאַט ניט געשפּילט, — ער האָט אויסגעקערעוועט צו איר דעם קאָפּ, — אָט איז שוין באַלד צוויי כאַדאָשים, ווי איך האָב ניט געזען אירינען. איך בענק, פאַרשטייט זיך, נאָך איר, און זייער שטאַרק, אָבער פאָרט ניט אַזוי, ווי איך האָב געבענקט נאָך דיר. און וויפל איז דורך, אַז מיר האָבן זיך מיט דיר ניט געזען? קיין צוויי וואָכן נאָך, דאַכט זיך, ניטאָ. — זײַנע אומרויִקע פינגער זײַנען ווידער אומגעלאָפן איבער די קלאַ־ווישן. לינע האָט געקוקט אָף זײַן אײַנגעבויגענעם, זיך אונטערוויגנדיקן רוקן און געזען פאַר זיך אַ בוים אין אַ געוויטער. פון ערגעץ זייער־זייער ווײַט איז צוזאַמען מיטן דונער צו איר דערגאַנגען זײַן קאָל: — מײַן לעצטן בריוו האָסטו געקראָגן?

לינע האָט זיך ניט אָפּגערופן. זי האָט שטײַף צוגעמאַכט די אויגן און זיך צוגעהערט צום דונערן פון איר האַרץ. עס האָט זיך אָנגעהויבן. אין זײַן שפּילן האָט זי איצט בלויז געהערט: „טײַערע מײַנע, איינציקע מײַנע", און געוווּסט, אַז דאָס ווענדט ער זיך ניט צו איר, אַז דאָס ווענדט ער זיך איצט צו יענער... דער שטורעם האָט זיך אָנגעהויבן! ער וועט באַלד אויס־ברעכן! זי וואַרט נאָר, ער זאָל זי איבערפרעגן.

הענריך האָט צוגעמאַכט דאָס דעקל פון דער פּיאַנינע און צוגעגאַנגען צו איר.

— ווי פילסטו זיך? מאַכן דיר אַ גלאָז טיי?

— אַ דאַנק. מע דאַרף ניט, — זי האָט זיך אופגעזעצט. — האָסט, דאַכט זיך, מיך עפּעס געפרעגט?

נו, צו וואָס? צו וואָס זעצט זי פאָר פירן מיט אים די שפּיל? פאַרוואָס זאָל זי אים ניט אויסשטרעקן דעם בריוו און אַ קלאַפּ טאָן מיט דער טיר? עס האַלט זי אָף דער פאַרלאַנג זען, ווי פאַרלוירן און דערנידעריקט ער וועט שטיין פאַר איר און בעטן, זי זאָל אים פאַרגעבן? צי דען האָפט ער, אַז זי קאָן עס אים פאַרגעבן? אויב אַזוי, איז זאָל די שפּיל נאָך ווערן פאָר־געזעצט. זי וועט באַ אים דערווײַל ניט אָפּנעמען די האָפענונג זײַנע.

— כ'ווייס ניט, וועגן וועלכן בריוו פרעגסטו עס מיך? איך האָב די לעצטע טעג געהאַלטן אין איין אַרומפּאָרן איבערן ראַיאָן. דאָרט בין איך טאַקע פאַרשלאָפט געוואָרן און אַרויסגעפלויגן גלײַך אַהער, אַזוי אַז איך

האָב דײַן לעצטן בריוו שוין ניט געקאָנט באַקומען. וואָס האָסטו מיר גע־שריבן?

— באַזונדערס גאָרניט.

אָ, ווי ער האָט זיך עס צעשײַנט, ווי אַלץ אין אים פֿרייט זיך און זינגט! ער האָט זיך צוגעזעצט צו איר אױף דער קושעטקע, אַרײַנגענומען אירע ביידע הענט אין זײַנע און גענומען דערציילן וועגן די אײַנלאַדונגען, וועלכע ער האָט געקראָגן פֿון עטלעכע שטעט, ער זאָל קומען לייענען לעק־ציעס.

— ווי האָט מען גערופֿן דײַן ערשטע פֿרוי? פֿרידע, דאַכט זיך?

פֿון אומדערוואַרטקײַט האָט ער אַפֿילו ניט באַוויזן זיך באַפֿרײַען פֿונעם שײַנענדיקן גליקלעכן שמייכל, ווען ער האָט איר געענטפֿערט:

— יאָ, פֿרידע. וואָס האָסטו זיך עס פּלוצעם דערמאָנט וועגן דעם?

— גאָרניט. איז ווּהין, זאָגסטו, האָט מען דיך אײַנגעלאַדן לייענען לעקציעס?

— פֿאַרוואָס איז דיר פּלוצעם אײַנגעפֿאַלן פֿרעגן, ווי האָט מען גערופֿן מײַן ערשטע פֿרוי?

— גלאַט אַזוי. דיר איז עס ניט אָנגענעם?

— לינע.

— אַנטשולדיק, טײַערער. איך וויל שרעקלעך שלאָפֿן. איך בין זייער מיד און אָפּגעשוואַכט. אַנטשולדיק, טײַערער.

לינע האָט אים ניט אָפּגענאַרט — זי האָט זיךווירקלעך געפֿילט איצט צו שוואַך, זי זאָל קאָנען פֿאַרזעצן די שפּיל, זי זאָל קאָנען צאַמען אין זיך דעם צאָרן און ניט אָניאָגן העניכן בײַ דער טיר מיט איר צוריקגעהאַלטע־נער שטים.

— אײַער איצטיקע „איינציקע און טײַערע” איז אײַער געוועזענע פֿרוי, צי דאָס איז אַן אַנדער פֿרידע? וואָס קוקט איר אַזוי אױף מיר? — זי איז ווי אין פֿיבער אַראָפּגעשפּרונגען פֿון דער טאַכטאַ, אויפֿגעשלאָסן דעם טשעמאָ־דאַן, אַרויסגענומען דעם בריוו און אים אַ שמיץ געטאָן, העניכן, צו די פּיס. — לייענטס!

זי האָט דערוואַרט דערזען אױף זײַן מיטאַמאָל בלייך געוואָרענעם געזיכט יענעם אומבאַהאָלפֿן פֿאַרלוירענעם שמייכל, מיט וועלכן עס באַנוצן זיך קינדער, ווען זיי ווילן לינדער מאַכן זייער שולד, דערוואַרט עס און גע־וואָלט, ער זאָל זיך פֿאַרענטפֿערן. זי וואָלט אים ניט איבערגעשלאָגן אַפֿילו דעמלט, ווען ער קומט אָן צו דער זעלבער צוגעטראַכטער געשיכטע, מיט וועלכער עס האָט זיך פֿאַרענטפֿערט פֿאַר איר מאַן, ווי העניך האָט איר אַנומלטן דערציילט, די פֿרוי פֿון איינעם זײַנעם אַ באַקאַנטן פֿידלער. ניין, זי וואָלט אים ניט איבערגעשלאָגן, ווען ער זאָגט איר, אַז דעם בריוו האָט ער, העניך, צונויפֿגעשטעלט לויט דער ביטע פֿון עמעצן פֿון זײַנע באַ־קאַנטע, אַז דער באַקאַנטער זײַנער האָט געדאַרפֿט נאָכדעם איבערשרײַבן דעם בריוו און מאַכן אַזוי, אַז זײַן פֿרוי, וואָס הייסט אויך פֿרידע, זאָל עס בײַ אים געפֿינען און ווערן אייפֿערזיכטיק. נאָר צופֿעליק האָט ער, העניך, אָפּגעשיקט דעם דאָזיקן בריוו איר, לינען. ער קאָן זיך שווערן, אַז ער קען ניט קיין שום פֿרידע און האָט צו דעם בריוו קיין שום שײַכעס ניט. העני־

ריך האָט אָבער געשוויגן, געשטאַנען אַנטקעגן איר, דעם קאָפּ אַראָפּגע־לאָזט, און געשוויגן. אָט אַזוי איז ער מיסטאָמע געשטאַנען נעכטן צי אייערנעכטן פאַר זײַן פרידען און אויך געוואַרט, עמעצער זאָל אים אונ־טערזאָגן, מיט וואָס זיך פאַר איר פאַרענטפערן. און דעם דאָזיקן מענטשן האָט זי, לינע, דאָך אַמאָל ליב געהאַט. זי קאָן זיך נאָר ניט פאָרשטעלן, אַז פון אָט דעם „אַמאָל" ביז הײַנט זײַנען דורך אינגאַנצן דרײַ טעג. פאַר איר שטייט דאָך אַ ווילד־פרעמדער מענטש, וועלכן זי האַסט, ווי זי האָט נאָך קיינעם און קיינמאָל אַזוי ניט געהאַסט אין איר לעבן. מיסטאָם האָט זי אים קיינמאָל ניט ליב געהאַט. ער איז איר פּאָשעט געוועזן געפעלן. ער קאָן נאָך איצט אויך באַ זײַנע עטלעכע און פערציק יאָר געפעלן ווערן פאַר־טרוימטע מיידלעך, וועלכע לאָזן ניט דורך, ווי זי אַמאָל, די סימפאָנישע קאָנצערטן און קלײַבן אַווטאָגראַפן. גוט נאָך, וואָס די טאָכטער איז ניטאָ אין דער היים און וועט ניט זען, ווי איר פאָטער וועט באַלד ניט האָבן ווו אָפּצוקערן די אויגן, און ווי איר, לינען, טוט האַנאָע זען אים אַ דער־נידעריקטן. זי האָט זיך קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט, אַז דאָס קאָן פאַר־שאַפן פאַרגעניגן. יאָ, זי האָט פאַרגעניגן דערפון, וואָס זי קאָן עס אים געבן צו פילן:

— זײַט איר, הייסט עס, באַטאָג ניט געוועזן אין דער היים און באַנאַכט האָט ניט געאַרבעט דער טעלעפאָן? און ווי, אויב איך וועל אײַך באַלד באַ־ווײַזן, אַז איך בין נעכטן באַנאַכט דאָ געוועזן, — זי האָט אַרויסגענומען פונעם ביכער־שראַנק דעם ערשטן באַנד פון דער טעכנישער ענציקלאָפּע־דיע און אים אויפגעמישט. דאָרט איז געלעגן איר קאָמאַנדירונג. — וואָס וועט איר איצט זאָגן, מאַעסטראָ? ווען איר ווייסט, ווי איר זײַט מיר עקל־האַפט מיט אײַערע ליגנס, מיט אײַער פּאַכדאָנעס! וואָס קאָן זײַן נידעריקער פון דעם?! ווען איר ווייסט, ווי איך האַס אײַך! שווערן זיך אין יעדן בריוו אין ליבע און אין דער זעלבער צײַט אַזוי נידערטרעכטיק פאַראַטן!

— איך האָב דיך ניט פאַראַטן...

פאַר איר איז געווען ניט אַזוי אומדערוואַרט דאָס, וואָס ער האָט איר געזאָגט, נאָר וואָס זי האָט דערהערט דאָ זײַן קאָל. זי האָט זיך אַפילע אומ־געקוקט, גלײַך זי זאָל ניט זײַן זיכער, אַז דאָס האָט ער זיך אָפּגערופן. זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט.

— און ווי וועט איר עס אָנרופן? — האָט זי, אָנווײַזנדיק אים אָפן בריוו, געפרעגט. — איר האָט פאַראַטן ניט נאָר מיך. איר האָט דאָך אויך פאַראַטן זי, אײַער געוועזענע פרוי.

— דאָס איז ניט מײַן געוועזענע פרוי. מײַן געוועזענע פרוי איז נאָך דעמלט אַוועקגעפאָרן צו אירע עלטערן קיין אויסלאַנד, און איך...

— מיר גייט עס ניט אָן, — האָט זי אים איבערגעשלאָגן, — מיר איז אַלציינס, ווער זי איז, ווו זי איז, און וויפל גיט זי אײַך נאַדן. מיר גייט אויך ניט אָן, ווו וועט איר וווינען, דאָרט, באַ איר, צי זי וועט איבערפאָרן צו אײַך אַהער. איך דאַרף אײַך אָבער וואָרענען: כ׳וועל ניט דערלאָזן, אַז אירינע זאָל וווינען מיט אײַך אונטער איין דאַך, וווינען מיט אַ מענטשן, צוליב וועלכן איך הייב, דאַכט מיר, אָן פאַרלירן דעם גלויבן אין מענטשן.

— לינע...

זי האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם טשעמאָדאַן און זיך געלאָזט צו דער טיר. העניריך האָט איר פאַרצאַמט דעם וועג.
— הער מיך אויס.
— צו וואָס?
— וועסט ניט אַוועקגיין, ביז וועסט מיך ניט אויסהערן. איך פאַרשטיי, וועסט מיר ניט גלייבן... איך וויל אָבער, זאָלסט וויסן, אַז איך האָב דיך קיינמאָל ניט אָפּגענאַרט... ניט דיך, ניט זי. יאָ, איך בין געווען מיט איר אַף דו, זי גערופן, ווי דיך, „מײַן איינציקע און טײַערע״, געפאָרן אפילע עטלעכע מאָל צו איר, נאָר מיר זײַנען געווען בלויז פרײַנט און ניט מער...
„דאָס זאָגט איר, איר, וואָס האָט קיינמאָל ניט געגלייבט, אַז צווישן אַ מאַנצבל און אַ פרוי קאָנען זײַן בלויז פרײַנטלעכע באַציִונגען?!״ זי האָט אים אָבער ניט איבערגעשלאָגן, און העניריך האָט פאָרגעזעצט, נאָך אַלץ שטייענדיק בא דער טיר:
— אַנומלטן איז פאַר מיר אָנגעקומען אין פילהאַרמאָניע אַ בריוו. דער בריוו איז געווען פון אַן אומבאַקאַנטער פרוי, וועלכע מע רופט אויך, ווי דו ווייסט שוין, פרידע. זײַענדיק פאַראיאָרן אַף קוראָרט, איז זי איינ־מאָל געווען אַף מײַנער אַ לעקציע און איז אַוועק פון דאָרט אַ צערודערטע. איר פאַרנעמט זיך, האָט זי מיר געשריבן, ניט מיט דעם, מיט וואָס איר דאַרפט זיך פאַרנעמען. איר דאַרפט שפּילן און ניט לייענען קיין לעקציעס. צו מיר איז נאָך קיינער ניט געווען אַזוי שטרענג, קיינער האָט מיר נאָך ניט אָנגעוויזן אַזויפיל בלויזן אין מײַן שפּילן, ווי אָט די פרוי. מיך האָט אָבער נאָך קיינער ניט געצוווּנגען גלייבן אַזוי אין זיך, ווי זי האָט עס געטאָן מיט איר בריוו. איך האָב דיר אים דעמלט ניט געוויזן, ווײַל דו ביסט ניט געווען הי, נאָר אירינע ווייסט וועגן דעם בריוו. זי האָט אים געלייענט. קאָנסט זי פרעגן. איך האָב דער פרוי, פאַרשטייט זיך, באַלד געענטפערט. אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך ווידער באַקומען פון איר אַ בריוו.
— אַפן אַדרעס פון דער פילהאַרמאָניע, פאַרשטייט זיך? — האָט לינע, שטייענדיק אָנגעשפאַרט בא דער וואַנט מיט האַלב־צוגעשלאָסענע אויגן, קימאַט אָן אַ שטים געזאָגט.
— איך האָב איר געגעבן דעם היימישן אַדרעס, נאָר זי האָט אויסגע־קליבן דעם אַדרעס פון דער פילהאַרמאָניע. נאָכדעם איז פון איר אָנגע־קומען נאָך אַ בריוו און נאָך אַ בריוו. דיר געבן זיי לייענען האָב איך שוין ניט געקאָנט. איך האָב דאַן געהאַט דערפילט, אַז איך מוז זיך זען מיט איר. סאָפּקאָלסאָף האָב איך זיך דערשלאָגן, מע זאָל מיך שיקן לייענען לעקציעס אין דער שטאָט, וווּ זי וווינט, און איך האָב זיך מיט איר באַגעגנט. שוין באַלד אַ יאָר, ווי מיר קענען זיך, נאָר פרעג מיך, מיט וואָס האָט זי מיך צוגעצויגן צו זיך, ווייס איך ניט. זי איז ניט קיין איבעריקס שיינע און ניט קיין איבעריקס יונגע. נאָר די פרוי איז מיר געוואָרן טײַער דערמיט, וואָס זי האָט מיר אומגעקערט דעם גלויבן אין זיך. איך מאַך דיך, כאָלילע, ניט שולדיק. ביסט אַן אינזשעניער און אַ גוטער אינזשעניער, נאָר ווען מיר האָבן זיך מיט דיר באַקענט, ביסטו געווען ניט בלויז אַ סטודענטן פון אַן ענערגעטישן אינסטיטוט. איך געדענק דאָך שוין באַלד ניט די צײַט, ווען

איך האָב דיך געזען זיצן בא דער פּיאַנינע. דער, וואָס איז געווען אַזוי פאַרליבט אין מוזיק, ווי דו, קאָן זיך שוין אָן דעם ניט באַגיין... נו, און אויב ער קאָן זיך יאָ אָן דעם באַגיין, איז עס אַ סימען, אַז אין אים איז עפּעס אָפּגעשטאָרבן, איך האָב עס דיר לאַנג שוין געוואָלט זאָגן.

לינע איז אַלץ נאָך, ווי פריִער, געשטאַנען אָנגעשפּאַרט בא דער וואַנט, די אויגן נאָך מער צוגעשלאָסן, און געשוויגן.

— צײַטנווײַז האָט זיך מיר אָנגעהויבן דוכטן, אַז דו קוקסט אַף מיר, ווי איך וואָלט געווען אַן אינזשעניער צי אַ דאָקטער, פאַרגעסנדיק, אַז אַן אינזשעניער צי אַ דאָקטער קאָן איטלעכער זײַן, דעמלט ווען אַ מוזי־קאַנט, אַ קינסטלער, אַ שרײַבער קאָן זײַן בלויז דער, וואָס איז געבוירן צו דעם. כ׳ווייס ניט, מעגלעך, זי האָט אין מיר אַ טאָעס, נאָר איך וועל איר שטענדיק זײַן דאַנקבאַר, וואָס זי האָט מיר דערמאָנט וועגן דעם און לאָזט ניט, איך זאָל אַנדערש קוקן אַף זיך. אַלע, וואָס הערן מיך איצט שפּילן, באַמערקן אָט די ענדערונג אין מיר. אַלע...

— אַלע, אויסער מיר, ווילט איר זאָגן?

הענריך האָט איר דערויף גאָרניט געענטפערט. ער האָט פאַרגעזעצט:

— איך ווייס, אַז איך בין שולדיק קעגן דיר, שולדיק אָבער בלויז מיט דעם, וואָס איך האָב אויסבאַהאַלטן פון דיר, אַז איך שרײַב זיך דורך מיט אַ פרוי, פאַר פון צײַט צו צײַט צו איר. אָבער בלויז מיט דעם. איך האָב דיך קיינמאָל ניט פאַראַטן. מיר זײַנען מיט איר געווען בלויז פרײַנט, און קעדיי בלײַבן פרײַנט אַף ווײַטער, האָבן מיר זיך מיט איר איצט צעשיידט. איך וואָלט דיר אָן דעם דאַזיקן בריוו עס אויך געווען דערציילט, ניט איצט... ניט איצט...

ווען הענריך זאָל געווען בלײַבן שטיין בא דער טיר אָדער פאַרצאַמען איר דעם וועג, ווען זי האָט גענומען דעם טשעמאָדאַן אין דער האַנט...

נאָר וועגן דעם האָט לינע געטראַכט שוין נאָכדעם, ווי זי איז געזעסן אין טאַקסי, וואָס האָט זי ווײַט נאָך האַלבער נאַכט געפירט צוריק אַף דער נײַער וווינונג, אין דעם קליינעם צימערל, וואָס גייט אַרויס מיטן פענצ־טער אין אַ שטילן זײַטיקן הויף.

## 11

פון אָנפאַנג האָט זיך לינען ניט געגלייבט, אַז דער מאַנצבל, וועלכן זי האָט פּלוצעם דערזען שווימען לעבן זיך אין יאַם, איז עס דער, וועמען זי האָט די עטלעכע טעג, וואָס זי איז אין סאַנאַטאָריע, שטענדיק געטראָפן זיצן אונטערן טענט פאַרטיפט אין אַ ביכל. איר האָט זיך געדאַכט, אַז קיינעם באַמערקט ער ניט אַרום זיך. אונטערשפּרינגענדיק אַף די כוואַליעס, וועלכע האָבן זיי אָפּגעטראָגן ביידן אַלץ ווײַטער און ווײַטער פון ברעג, האָט דער מאַנצבל זיך צו איר געווענדט:

— איר זײַט צופעליק ניט קיין באַלערינע?

פאַר לינען איז עס ניט געווען אינגאַנצן אומדערוואַרט. מע האָט זי שוין אַמאָל דאָס זעלבע געהאַט געפרעגט. דאָס איז אָבער געווען מיט יאָרן צוריק. זי געדענקט שוין באַלד אַליין ניט ווען. מע זאָל זי אָבער איצט

אזעלכס פרעגן... און ווײַל זי האָט ניט געוווּסט, וואָס איז ער אויסן געווען דערמיט, האָט זי אים געענטפערט ניט איבעריקס העפלעך:

— איר האָט מיך, קענטיק, מיט עמעצן איבערגעפּלאָנטערט, — און אליין ניט געוווּסט, פאַרוואָס האָט זי מיט אַזאַ צערייצטקייט צוגעגעבן, — איך האָב קיין שום שײַכעס ניט צו דער טעאַטראַלער וועלט. איך בין אַ געוויינ־לעכער אינזשעניער.

מעגלעך, זי זאָל זיך ניט געווען אַזוי צווײַלן עס אים זאָגן — אין דעם איז לינע געווען קימאַט ווי זיכער, — וואָלט דער מאַנצבל זיך פאַרופן אָף זײַן פאַרגעפּיל, אַז דאָס האָט דאָס פאַרגעפּיל זײַנס אים אונטערגעזאָגט. ער וואָלט נאָך דערבײַ איר מיסטאַמע געזאָגט, אַז אים האָט זעלטן ווען אונ־טערגעפירט דאָס פאַרגעפּיל. העגריך האָט, אייגנטלעך, אויך באַקענט זיך מיט איר אָף אַזאַ אויפן. אַלע דערפאַרענע מאַנצבלען, אַפּאָנעם, באַקענען זיך מיט פרויען, וועלכע געפעלן זיי, אָף אַזאַ אויפן: פאַרופן זיך אָף זייער פאַרגעפּיל. און וועלכע פרוי, זי מעג אַפילע זײַן פיל ייִנגער פון איר, פון לינען, וועט בלײַבן גלײַכגילטיק צו דעם, וואָס גיט איר אָנצוהערן, ווי דאָס האָט איר נאַרוואָס געגעבן אָנצוהערן אָט דער מאַנספּאַרשוין, אַז דערווײַל איז זי נאָך אין דעם עלטער, ווען מע באַמערקט זי און זי קאָן געפעלן. לינע האָט עס שוין אַזויפיל מאָל געהערט וועגן זיך, אַז מיט דעם וועט אַפילע דער שענסטער מאַנצבל שוין בײַ איר ניט אויסנעמען. זי איז אָבער פאַרט געווען נײַגעריק וויסן, וואָס האָט אָט דער דאָזיקער מאַנספּאַרשוין אין איר אַזעלכס באַמערקט, וואָס ער האָט זי אָנגענומען פאַר אַ באַלערינע. זי האָט זיך ניט געשעמט און עס אים געפרעגט, ווען ער האָט זיך ווידער דערנעענטערט צו איר, אַרופּכאַפּנדיק זיך אָף אַן אָנפּליִענדיקער כוואַליע, געפרעגט און זיך גלײַך פאַרענטפערט:

— ס׳איז מיר פּאָשעט ציקאַווע.

— ביטע שיין, נאָר איך גלייב ניט, איר זאָלט ניט וויסן, ווי שלאַנק און בייגעוודיק איר זײַט. איר גייט ניט, — איר שוועבט. אײַער מאַן, שטעל איך זיך פאָר, דאַרף זײַן זייער אַן אייפערזיכטיקער. מע קאָן אים מיטפילן. איך אָף זײַן אָרט... — ער האָט זיך געגעבן אַ טוק אונטער, און ווען זי האָט אים אין עטלעכע רעגעס אַרום צוריק דערזען, האָבן די כוואַליעס אים שוין היפּש דערווײַטערט פון איר. זיי האָבן אים געשלעפּט מיט זיך צום טומלדיקן ברעג.

לינע האָט זיך נאָך דערווײַל ניט געקליבן אַרויסגיין פון יאַם. זי איז גע־לעגן מיטן פּאָנעם צו דער הויכער בלענדנדיקער זון, די אויגן צוגעשלאָסן, און זיך ניט געקימערט, וווהין טראָגן זי די כוואַליעס. זי האָט געקאָנט שאָקלאַנג זיך האַלטן אָפּן וואַסער. אַ סאַך שווערער איז איר אָנגעקומען דערפילן זיך אין אורלויב און זיך אויסשליסן דעם כוידעש פון אַלץ, פון קיין זאַך ניט טראַכטן. ס׳האָט זי געמאַטערט, וואָס פאַר דער וואָך צײַט, וואָס זי איז הי, האָט זי נאָך קיין איין בריוו ניט אָנגעשריבן אַהיים, אָפּגע־קומען דערמיט, וואָס זי האָט איין מאָל אָנגעקלונגען. אין דער היים איז געווען נאָר די טאָכטער. לינע איז אַפילע געווען צופרידן, וואָס איר איז אויסגעקומען ריידן נאָר מיט אירינען. מיט העגריכן וואָלט איר יעדעס וואָרט אָנגעקומען פײַנלעך שווער. ווי זי צווינגט זיך ניט, קאָן זי פאָרט ניט

אויסבאהאלטן איר אָפּגעפרעמדטקייט צו אים, און ער פילט עס, פארשטייט זיך, פילט, אז זי וועט קיינמאָל ניט פארגעסן, וואָס צווישן זיי איז געשען, כאָטש פון זינט זי האָט זיך אומגעקערט, האָט זי מיט אים וועגן דעם מער קיין רייד ניט פארפירט. אומגעקערט זיך צו אים האָט זי נאָכדעם, ווי זי האָט דערלאָזט, אז זי זאָל זיך איינריידן און נעמען גלייבן, אז צווישן העג־ריכן מיט „יענער" איז אלץ פאָרגעקומען אזוי, ווי ער האָט עס איר דער־ציילט, און אז אין דעם, וואָס איז געשען, איז שולדיק אויך זי, לינע. „נו, וואָס איז דערפון, אז זי איז אן אינזשעניער? דאָס לעבן באשטייט דאָך אָבער ניט בלויז אין מעסטן, צייכענען, צונויפשטעלן פּראָיעקטן, ווי דאָס האָט מיט איר געטראָפן, גלייך זי וואָלט בלויז אין דעם געפונען דעם „געטלעכן פונק" אין זיך. זי האָט זיך דאָך אזוי ארייַנגעטאָן אין דער טאָגטעגלעכקייַט, אז זי האָט ניט באמערקט, ווי אין איר האָט גענומען וועלקן און אָפּשטארבן יענע דערהויבנקייַט און פילבארקייַט, מיט וועלכער זי פלעגט אויך אין יאָרן ארום, נאָכן פארענדיקן דעם אינסטיטוט, זיך זעצן צו דער פּיאַנינע. די זעלבע פּיאַנינע, וואָס האָט איר געשענקט אזויפיל פרייד, האָט ביסלעכווייַז אופגעהערט זי רעגן. איצט ווייסט זי: העגריך האָט עס באמערקט נאָך פאר דעם, ווי זי האָט אינגאנצן פארוואָרפן דאָס שפּילן. פארוואָס האָט ער עס איר דעמלט ניט געזאָגט? ער האָט מוירע געהאַט, אז זי וועט אים ענטפערן: „ניטאָ דערויף קיין צייַט. ווייסט דען, ווי מיר זייַנען פארנומען?.." איצט איז זי דען ווייניקער פארנומען? פארוואָס געפינט זי איצט דערויף צייַט?"

ווי אָנגעטראכט דאָס איז — זיך צווינגען א כוידעש צייַט וועגן גאָרניט קלערן. אליין דאָס צווינגען זיך וועגן גאָרניט טראכטן הייסט דאָך שוין געטראכט. יאָ, זי האָט, ווי אלע, וואָס פאָרן אף קוראָרט, צוגעזאָגט דעם מאַן און דער טאָכטער, וואָס האָבן זי ארויסבאגלייט צום באַן, זיך אף א כוידעש צייַט פון אלץ אויסשליסן. קאָן דען א מענטש ניט קלערן? קיין פוסטקייַטן זייַנען ניטאָ. זי האָט נאָר אופגעהערט טראכטן וועגן דער היים, האָט אין דעם זעלבן אויגנבליק פארפולט מיט זיך די פוסטקייַט די אומגעע־ריכטע באגעגעניש אין יאַם מיטן מאנצבל, וועלכער האָט זיך איר איצט אויסגעוויזן ווי א מענטש, וואָס האָט די אלע טעג, וואָס זי איז דאָ, נאָכ־געפאָלגט נאָך איר, און בלויז צוליב דעם, ער זאָל איר קאָנען זאָגן, וואָס האָט ער אנטפּלעקט אין איר גאַנג, אין איר שווימען, האָט ער זי אָנגעיאָגט ווייַט אין יאַם. זי האָט דאָך געמוזט וועגן עפּעס טראכטן, האָט זי, ליגנדיק מיטן פּאָנעם צו דער בלויער הייך, זיך פארקלערט, צי האָט זי ניט בא־געגנט שוין אמאָל אָט דעם הויכן, ניט איבעריקס יונגן מאנצבל מיט די גראָוו־ווערנדיקע שלייפן, און ווו האָט זי געקאָנט אים באגעגענען. זי האָט איבערגעקליבן קימאַט אלע שטעט און יישוווים, ווו זי איז געווען, אלע סאנאטאָריעס, אין וועלכע זי האָט אָפּגערוט, און פאָרט ניט געקאָנט זיך דערמאָנען.

ווען זי איז ארויס אפן ברעג, האָט זי דעם מאנצבל אפן פּליאַזש שוין ניט געטראָפן. אף זייַן שטענדיקן אָרט אונטערן טענט איז געלעגן אן אנ־דערער.

דורכשפּאַצירנדיק זיך אין אָוונט אין האַפן מיטן באריידעוודיקן יונגנמאַן,

מיט וועמען זי איז געזעסן אין עס־זאל בא איין טישל, האָט זי ווידעראמאָל באגעגנט דעם אומבאקאנטן. ער איז געזעסן אף א באנק, דעם קאָפּ פאר־הויבן צו דעם שיטערלעך אויסגעשטערנטן הימל. ער האָט זי ניט באמערקט צי ניט דערקענט, וואָס ער האָט זיך מיט איר ניט געגריסט? נאָר ווען זי איז אָפּגעגאנגען עטלעכע טריט, האָט זי דערפילט, אז ער קוקט איר נאָך, און זי האָט זיך ווידער פארטראכט: ווו האָט זי אים פונדעסטוועגן בא־געגנט? פלוצעם איז איר אײַנגעפאלן, אז דער מענטש דארף זײַן הענריכס א באקאנטער, און אז הענריך האָט אים געבעטן, ער זאָל נאָכקוקן נאָך איר, ווו און מיט וועמען פארברענגט זי דאָ די צײַט. ארויסבאגלייטנדיק זי אָף קוראָרט, פלעגט הענריך האלב אין שפּאס איר יעדעס מאָל זאָגן, אז ס׳זײַנען ניטאָ קיין סוידעס, און האלב אין שפּאס זי יעדעס מאָל וואָרענען, אז ער האָט דאָרט, ווו־הין זי פאָרט, ווער עס זאָל אים נאָכדעם אָפּגעבן א פולן באריכט, ווי־אזוי איז דורך בא איר דער אורלויב. און מאָדנע. אומ־קערנדיק זיך פון קוראָרט אהיים, האָט זיך איר שטענדיק אויסגעוויזן, אז אים איז אלץ באוווּסט, און זי האָט קיינמאָל ניט געוואוּרט, ער זאָל זי אויספרעגן. זי האָט אליין אים דערציילט. זי האָט ניט געהאט וואָס אויסצו־באהאלטן פון אים אזעלכס, אז זי זאָל עס אים ניט קאָנען דערציילן. ער האָט געוווּסט, אז דעם כוידעש צײַט, וואָס זי איז באם יאם, וועט זי זײַן ארומגערינגלט מיט יונגעלײַט, און מעגלעך אפילע, אז עמעצער פון זיי וועט איר ניט איין מאָל זאָגן: „פארוואָס האָבן מיר זיך ניט באגעגנט פריִער?“. הענריך האָט אָבער אויך געוווּסט, אז דערמיט וועלן זיך פארענ־דיקן אלע אירע נײַע באגעגענישן.

ארויסבאגלייטנדיק זי דאָס מאָל צום יאם, האָט ער שוין ניט געשפּאסט, אז עס זײַנען ניטאָ קיין סוידעס, און זי ניט געוואָרנט, אז ער האָט דאָרט, ווער עס זאָל אים אָפּגעבן א באריכט, נאָר גראדע דאָס מאָל האָט ער גע־קאָנט עמעצן בעטן, מע זאָל נאָכקוקן נאָך איר, — זי איז ניט איינע פון זייער שטאָט, וואָס פארברענגט דאָ דעם אורלויב, און צווישן אזויפיל לאנדסלײַט וועט זיך זיכער אָפּזוכן הענריכס א באקאנטער. צי דען קאָן ער צו דעם דערגיין, זיך אף אזויפיל דערנידעריקן? און זי, לינע, האָט זיך ניט דערנידעריקט, נאָכשפּירנדיק נאָך די פענצטער פון איר וווינונג?

פונעם געדאנק, אז וועגן איר ארומשפּאצירן אין האפן מיטן יונגנמאן וועט דערגיין צו הענריכן, און ער וועט זיך פּײַניקן דערפון, פארשאפט איר פארגעניגן. און זי פּײַניקט זיך דען ניט פון דעם, וואָס ביז איצט איז זי נאָך ניט זיכער, צי זעט ער זיך מער ניט מיט „יענער“ און שרײַבט זיך מיט איר מער ניט דורך? דאָס, וואָס ער איז אָנגעקומען אין אָן אָרקע־סטער און פאָרט שוין מער ניט ארום לייענען קיין לעקציעס, איז נאָך ניט קיין באווײַז. „יענע“ קאָן קומען צו אים, זיך אָפּשטעלן ערגעץ אין א האָטעל אָדער בא באקאנטע... זי וועט מאָרגן זיך אויך דאָ דורכשפּאצירן מיט אָט דעם בלוי־אויגיקן יונגנמאן, וועלכער דערמאָנט איר מיט זײַן אויסערלעכקײַט אין מיכאלן. מיט מיכאלן איז איר אָבער ניט געווען אומעטיק אפילע דאן, ווען ער האָט געשוויגן, און דער הערט ניט אוף זי צו פארווײַלן, ווי א שערער, דערציילט איר איין פריילעכע געשיכטע נאָך דער אנדערער, און ס׳איז איר סײַווי אומעטיק. ער פארשטייט ניט, דער

יונגערמאַן, אַז די געשיכטעס, וואָס ער דערציילט איר, זײַנען פּאַשעט נאַ־רישע, אַז אָט די אַלע געשיכטעס האָט עמעצער צוגעטראַכט פֿאַר אַזעלכע, ווי ער, זיי זאָלן האָבן אונטער וואָס אויסצובאַהאַלטן זייער פּוסטקייט. און מיט מיכאַילן האָט זיך בײַ איר באַקומען זייער ניט שיין — אים אַפֿילו ניט געענטפֿערט אויף זײַנע בריוו, און איר וועט דאָך ניט איין מאָל נאָך אויס־קומען זײַן דאָרט בײַ אים אויף דער הידראָסטאַנציע. זי וועט צו יענער צײַט עפּעס צוטראַכטן, ער זאָל איר פֿאַרגעבן. ער וועט איר מוזן פֿאַרגעבן. אָבער אויף אוראַל, אינעם ווײַט־פֿאַרוואָרפֿענעם יישעוו, ווו עס וווינט לידע אַנדרייעוונע, וועט איר מיסטאָמע קיינמאָל ניט אויסקומען זײַן, און ווען אַפֿילו יאָ, וועט זי שוין לידען ניט טרעפֿן. אויף איר, לינעס, לעצטן בריוו האָט געענטפֿערט ניט לידע, נאָר דער מאַן אירער. זי אַליין קאָן שוין ניט שרײַבן. פֿונעם בריוו איז צו זען, אַז ס'איז שוין ניטאָ וואָס צו האָפֿן, די אָפּעראַציע, וואָס מע האָט איר געמאַכט, איז שוין געווען ניט נייטיק. בײַ צוויי כאַדאָשים האָט זי אָפּגעוווינט מיט לידען אין איין צימער, און דער־ווײַל איז לידע אַנדרייעוונע די איינציקע, וועמען זי האָט באַוויזן העכריכס בריוו צו „יענער”. לידע איז געווען די, וועלכע האָט זי געצוווּנגען גלייבן, אַז העכריך האָט פֿון איר גאָרנישט ניט פֿאַרלייקנט, אַז אַלץ איז ווירקלעך אַזוי, ווי ער האָט עס איר דערציילט, און זי איז געווען די, וואָס האָט ניט דערלאָזט, אַז לינע זאָל באַווײַזן העכריכס בריוו אירינען, און איז ניט אָפּגעשטאַנען פֿון איר, זי זאָל זיך אומקערן. לינע איז נאָך דעמלט כּוישעד געווען לידען, אַז זי האָט זיך פֿאַרהאַלטן אויף אייניקע טעג ניט בלויז צוליב דעם קאָנסיליום...

## 12

ניט אַנדערש ווי מיט דעם אומבאַקאַנטן איז עפּעס געשען. שוין דעם אַנדערן טאָג זעט מען אים ניט אויפֿן פּליאַזש. נאָר אַז עס איז דורך נאָך אַ טאָג און לינע האָט אים מער אין ערגעץ ניט באַגעגנט, איז געווען קלאָר, אַז בײַ אים האָט זיך פּאַשעט געענדיקט דער אורלויב און ער איז אוועק־געפֿאָרן אַהיים. איר איז עס קנאַפּ אָנגעגאַנגען, נאָר זי האָט זיך שוין אַזוי צוגעוווינט זען אים יעדן טאָג אונטערן טענט אויף איינעם און דעם זעלבן טאַפּטשאַן און שטענדיק מיט אַ ביכל אין דער האַנט, אַז זי האָט ניט גע־קאָנט עס ניט באַמערקן.

און פּלוצעם — זי האָט שוין באַלד געהאַט וועגן אים פֿאַרגעסן — האָט זי אים ווידער דערזען שווימען אויף יענער זײַט בוי. זי האָט זיך ניט גע־ריכט, אַז דאָס קאָן זי אַזוי דערפֿרייען. ס'איז געשען אַזוי אומדערוואַרט, אַז זי האָט אַפֿילו ניט באַוויזן עס אויסבאַהאַלטן פֿון אים, און ער מיט זײַנע דורכדרינגלעכע אויגן האָט עס געוויס באַמערקט. לינע האָט עס דער־קענט אין זײַן געבן אַ שפּרונג צו איר אויף דער כוואַליע. אין דער דאָזיקער רעגע האָט זיך איר אַפֿילו אויסגעגעבן, אַז ער איז די גאַנצע צײַט געווען דאָ, אי נעכטן, אי אייערנעכטן, אי אַלע פֿריִערדיקע טעג, נאָר ער האָט זיך בעקיוון פֿאַרקליבן אונטער אַן אַנדער טענט און פֿון דאָרט, זי זאָל אים ניט זען, נאָכגעפֿאָלגט נאָך איר, ווי זי זוכט אים אַרום. אַלנפֿאַלס אין

די ערשטע צוויי־דריי טעג האָט ער דאָך געוויס באמערקט, אז זי זוכט עמעצן ארום, אז זי איז עטלעכע מאָל פארביי־געגאנגען דעם טאָפּטשאַן, אף וועלכן זי פלעגט אים דאָ פריִער טרעפן. איצט קאָן זי זיך שוין ריכטן: אויב ער האָט איר דעמלט, בא דעם זעלבן בוי, ניט געזאָגט, אז אים האָט נאָך קיינמאָל ניט אונטערגעפירט זײַן פאַרגעפיל, וועט ער עס איר איצט באלד זאָגן, און קאָן נאָך דערביי זי א פרעג טאָן: און וואָס האָט איר דעמלט אונטערגעזאָגט איר פאַרגעפיל? זי וועט דאָך ניט לייקענען, אז זי האָט אים ארומגעזוכט. וואָס צו ענטפערן אים דערוף, האָט זי: א מענטש יאָגט זי אָן אין יאָם, פארפירט דאָרט מיט איר א מאָדנעם געשפּרעך, גיט איר אָנצוהערן, אז שוין א צײַט ווי ער קוקט זיך צו איר צו, געזוכט אלץ א געלעגנהײַט זיך מיט איר נעענטער באקענען, און פּלוצעם, ניט אָנרופנדיק זיך אפילע, ווערט ער פארפאלן. האָט זי געוואָלט זיך דערוויסן, צי איז מיט אים פּאַשעט גאָרניט געשען, און דערפאר האָט זי זיך אזוי דערפרייט, דערזעענדיק אים שווימען לעבן זיך. בלויז דערפאר און ניט מער.

— ווו זײַט איר עס אזוי לאנג פארפאלן געוואָרן?

אײַנקוקנדיק זיך אין אירע פארנעפּלטע אויגן, וואָס פּרווון אויסבאהאלטן איר אײַנזאמקײַט און פארלוירנקײַט אונטער די אראָפּגעלאָזטע וויִעס און גיבן דערמיט זי נאָך מער אויס, פונקט ווי דאָס קאָל אירס, האָט דער אומבאקאנטער זיך ווי פארענטפערט:

— איך בין געווען פארנומען מיט צוזוכן זיך א נײַע דירע אף די אַנדער־האלבן וואכן, וואָס מיר איז נאָך פארבליבן דאָ פארברענגען.

— איר זײַט דען ניט אין קיין סאנאטאָריע?

— גאָט באהיט! אײַך ווונדערט עס, זע איך. שטעלט זיך אָבער פאָר, אז איך האָב ניט ליב פארברענגען דעם אורלויב אין א סאנאטאָריע צי אין א פּאנסיִאָנאט. איך האָב ניט ליב זײַן פון עמעצן אָפּהענגיק. איך וויל זײַן פרײַ: אופשטיין, ווען איך וויל, גיין, וווהין איך וויל, טאָן, וואָס איך וויל, זיך לייגן שלאָפן, ווען איך וויל. פילן זיך אינגאנצן פרײַ. און אין סאנאטאָריע צי אין א פּאנסיִאָנאט אפילע האָב איך עס ניט.

— און אין דער היים האָט איר עס?

— אין דער היים איז עפּעס אנדערש. אין דער היים בין איך דאָך ניט אין אורלויב. דאָרט בין איך אף דער ארבעט, און אף דער ארבעט איז דער מענטש, אייגנטלעך, א סאָלדאַט. ער פילט אויס באפעלן. וויפל מענטשן זײַנען אין אײַער פאַלאַטע?

— דרײַ.

— און איך וויל דעם כוידעש אורלויב פון קיינעם ניט זײַן אָפּהענגיק. איך האָב רעכט כאָטש איין כוידעש אין יאָר זײַן בלויז מיט זיך? איר טרוימט דען ניט וועגן דעם?

— וועגן א באזונדערן צימער אין סאנאטאָריע?

זי האָט געוווּסט, אז ניט דאָס האָט ער דערוואַרט פון איר הערן, פארפירנדיק דעם דאָזיקן געשפּרעך. נאָר וואָס האָט זי אים געזאָלט אנדערש ענטפערן, אז זי ווייסט נאָך אליין ניט, צי איז זי ביז אהער געווען פון עמעצן מער אָפּהענגיק, ווי זי האָט עס געוואָלט, און זיך געפילט ווייניקער

פרײַ, ווי זי האָט עס פאַרלאַנגט. אָט האָט זי דאָס מאָל מיטגענומען מיט זיך אַהער יענע פולע פרײַהײַט און אומאָפּהענגיקײַט, וועלכע זי אַליין האָט זיך אַרויסגעגעבן, שטייענדיק דעמלט אונטער די אויסגעלאָשענע פענצטער פון איר ווױנונג, און זי ווייסט ניט, וואָס דערמיט צו טאָן. שוין די אַנדערע וואָך, אַז זי איז דאָ, און אין איר אופירן זיך איז גאָרניט געװען אַזױנס, וואָס זאָל זיך מיט עפּעס אונטערשיידן פון די פריִערדיקע יאָרן. קיינער פון די, וואָס רינגלען זי דאָ אַרום, האָט ניט באַמערקט אין איר די מיטגעבראַכטע פרײַהײַט און אומאָפּהענגיקײַט, און זי האָט זיך ניט באַמיט עס פאַר עמעצן אַרויסװײַזן, כאָטש נאָך דעם, וואָס מיט איר און העגריכן איז געשען, האָט זי די פולע רעכט זיך באַנוצן דערמיט. ער אָבער, אָט דער מאַנצבל, האָט עס, קענטיק, אין איר באַמערקט, נאָר באַהאַלט עס פון איר אויס. זי איז זיכער, אַז בלויז דאָס האָט ער געהאַט אין זינען, פאַרפירנדיק מיט איר דעם געשפּרעך װעגן פולער פרײַהײַט און פולער אומאָפּהענגיקײַט. שוין דאָס אַליין, וואָס ניט דערוואַרטנדיק זיך אויף איר ענטפער, האָט ער זיך אַזוי האַסטיק אַ טראָג געטאָן צו דער הויכער אָנפּליִענדיקער כוואַליע, איז אַ באַווײַז דאָך דערצו. דאָס האָט ער בעקיוון זי איבערגעלאָזט אַליין, זי זאָל זיך אַרײַנטראַכטן אין דעם, וואָס ער האָט איר געזאָגט.

און ווידער האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז זי האָט אים שוין ערגעץ־ווו געהאַט אַמאָל באַגעגנט, אָט דעם הויכן, ניט לויט די יאָרן שלאַנקן מאַנצבל מיט די דורכדרינגלעכע גרויע אויגן, פון וועלכע ס׳איז, דאַכט זיך, אומעגלעך עפּעס אויסבאַהאַלטן. ס׳איז איר גענוג, האָט זי געגלייבט, זיך דערוויסן, ווי מע רופט אים, אַז זי זאָל זיך גלײַך דערמאָנען, ווו און ווען זי האָט אים געזען. און נאָך האָט זיך איר אויסגעוויזן: זי דערקענט אים ניט, ווײַל פון דער ערשטער מינוט גיט ער זיך אויס פאַר אַ מענטשן, וואָס דער גאַנצער טרוים זײַנער איז — זיך אָפּזונדערן פון אַלץ און פון אַלעמען, זײַן איינזאַם, ווען אין דערווירקלעכקײַט איז ער געוויס פון די, וועלכע קאָנען ניט און ווילן זיך ניט אָפּזונדערן. מעגלעך, אַז זיי ווייסן גאָר אפילו ניט, וואָס איז עס אַזעלכס איינזאַמקײַט, ווי זי האָט עס פריִער ניט געוווּסט. אַזעלכע, ווי אָט דער, שטעלט זיך לינע פאָר, דאַרפן שטענדיק זײַן אַרומגערינגלט מיט מענטשן. אין אים איז פאַראַן עפּעס אַזױנס, וואָס ציט באַזונדערס צו זיך צו, און זי וויל זיך איצט פאָרט דערמאָנען, מיט וואָס האָט ער עס געצוווּנגען, זי זאָל אים נאָך זײַן פאַרפאַלן ווערן אַזוי אַרומזוכן, און פאַרוואָס האָט זי זיך אַזוי דערפרייט, ווען זי האָט אים אַ ווײַלע פריִער דערזען שווימען לעבן זיך. איינס ווייסט לינע זיכער: ער איז ניט ענלעך אויף קיינעם פון אירע נײַע באַקאַנטע אין סאַנאַטאָריע, וועלכע, לינע פילט עס, גייען קיינמאָל ניט דורך פאַרבײַ, זיי זאָלן זיך אויף איר ניט אומקוקן, און די, וועמען זי איז געפעלן, זײַנען דאָך אַי ייִנגער, אַי שענער פון אים. ס׳איז איר אָבער אומעטיק מיט זיי. נאָכן ערשטן צי צווייטן שפּאַציר ווייסט זי שוין, וואָס וועט אַזאַ איינער פון זיי איר זאָגן, און דער, ווייסט זי, וועט פאַר איר בלײַבן פאַרבאָרגן, זי זאָל זיך אפילו מיט אים באַגעגענען טאָג נאָך טאָג. אָט די פאַרבאָרגנקײַט זײַנע האָט זי דערפירט דערצו, אַז זי האָט זיך אַרופגעכאַפּט אַפּן בוי — אויף דעם פאַראַנ־

קערטן מיטן רויטן פענדל קײַלעך, וואָס ווײַזט אָן די גרענעץ, ביזוואַנען ס'איז דערלויבט צו שווימען, — דער אומבאַקאַנטער זאָל זי דערזען און זיך אומקערן צוריק אַהער, ווו ער האָט זי איבערגעלאָזט.

ווען ער איז אין עטלעכע מינוט אַרום צוגעשווומען און, אָנכאַפּנדיק זיך פֿאַרן קײַלעך, זיך צופֿעליק צוגערירט צו איר, האָט לינע אָפּגעקערט דאָס פּנים, ער זאָל ניט זען, ווי זי האָט אופגעציטערט, ווי זי האָט מוירע, אַז אָט דער אומבאַקאַנטער זאָל ניט פֿאַרפֿילן מיט זיך די פּוסטקײַט, וועלכע הענריך האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט אין איר. הענריך, וויאַזוי ער זאָל ניט זײַן איצט צו איר צאַרט און איבערגעגעבן, וועט ער שוין, ווײַזט אויס, קיינמאָל ניט פֿאַרפֿילן מיט זיך אָט די שרעקלעכע פּוסטקײַט אין איר. ניט פֿון אים און ניט פֿון איר איז עס שוין איצטער אָפּהענגיק.

דער אונטערשפּרינגענדיקער רויטער קײַלעך האָט זיך אַרויסגעגליטשט פֿון אונטער זײַנע הענט. אָנכאַפּנדיק צוריק זיך אין אים, האָט ער אומגערן זיך ווידער צוגערירט צו איר. לינע האָט זיך אָפּגעשטויסן פֿונעם בוי און מיט אַ מעשונעדיקער גיכקײַט זיך געלאָזט שווימען צוריק.

— עס בײַט זיך דער וועטער, — האָט ער, דעריאָגנדיק זי קימאַט שוין באַם ברעג, געזאָגט, — דער יאַם איז הײַנט פֿול מיט מעדוזעס. ס'איז דער ערשטער סימען, אַז ס'וועט זײַן אַ שטאָרעם. אײַך, ווי איך פֿאַרשטיי, וועלן קיין דרײַ־פֿיר באַלן ניט אָפּשטעלן.

— אַפֿילע פֿינף. איך האָב ליב זיך באָדן בײַס אַ שטאָרעם און זײַן אין וואַלד בײַס אַ געוויטער.

— איר זײַט צופֿעליק ניט קיין ווײַטזיכטיקע?

לינע האָט ברייט צעעפֿנט די אויגן:

— וואָס איז אײַך פּלוצעם אײַנגעפֿאַלן, אַז איך דאַרף זײַן אַ ווײַטזיכטיקע?

— ראָמאַנטיקער לײַדן אָפּט פֿון אָט דער קרענק. פֿון קוקן דורכויס אין דער ווײַט הערט מען אויף זען אין דער נאָענט, און באַ אײַך, האָב איך גלײַך דערפֿילט, איז אַ ראָמאַנטישע נאַטור.

— איר ווייסט, — האָט זי, אויסציִענדיק זיך אָפּן אָנגעגליטן זאַמד, אים געזאָגט, — מיר דאַכט זיך די גאַנצע צײַט, אַז איך האָב אײַך ערגעץ שוין אַמאָל באַגעגנט.

אים האָט עס ניט פֿאַרוווּנדערט, ווי ער וואָלט געוואַרט פֿון איר עס דערהערן.

— מעגלעך, זייער מעגלעך.

— איך קאָן זיך נאָר ניט דערמאָנען ווו.

— עפּשער וועלן מיר צוזאַמען זיך פּרווון דערמאָנען? צוליב דעם איז געוויס נייטיק, איר זאָלט וויסן, ווי מע רופֿט מיך. ראַפֿאַיִל יעווסייעוויטש מאַנדעל.

— לינע סאַמסאָנאָווונע קאַזשדאַן.

און ווען ניט ער און ניט זי האָבן מיט גאָרניט געקאָנט קומען איינער דעם צווייטן צוהילף און ס'איז געבליבן, אַז פֿונדעסטוועגן האָבן זיי זיך פֿאַרט ערגעץ שוין געהאַט אַמאָל באַגעגנט, האָט לינע זיך מיטאַמאָל דערמאָנט אים פֿרעגן:

— איז מיט וואָס האָט זיך בא אײַך געענדיקט דאָס צוזוכן זיך א נײַע וווינונג אַף די צען טעג, געפֿונען?

— פֿאַר געלט, לינע סאַמסאָנאָוונע, קריגט מען אַלץ.

— אַלץ?

ראַפֿאַיִל האָט אויסגעוואַרט א ווײַלע און נאָך מער אַנטשיידן איבער־געכאַזערט:

— יאָ, אַלץ! פֿאַר געלט קריגט מען אַלץ. מע דאַרף בלויז וויסן, וועמען צו געבן, אָדער, ריכטיקער, דורך וועמען צו געבן. קוקט ניט אַזוי אַף מיר. איר ווילט, קאָן איך זיך מיט אײַך פֿאַרוועטן, אַז איך וועל אײַך קריגן דאָס טעלערל פֿון הימל. מיינט ניט, כאָלילע, אַז איך פֿאַרנעם זיך מיט דעם, צי איך האָב א וועלכע־ניט־איז שײַכעס דערצו. באַהיט מיך גאָט אַף ווײַטער. איך קען אָבער דאָס לעבן, און דאָס לעבן דאַרף מען קענען.

— אַנטפּלעקט מיר דעמלט דעם סאָד.

— איך מיין ניט, עס זאָל זײַן פֿאַר אײַך א סאָד, אַז אַפֿן לעבן דאַרף מען קוקן פּראָסט און איינפֿאַך, אַז קיין זאַך דאַרף ניט איבעראַשן און פֿון קיין זאַך דאַרף מען ניט נעמען זיך נאָענט צום האַרצן.

לינע האָט עטוואָס פֿאַרזשמורעט די אויגן, נאָר באַלד צוריק זיי ברייט צעעפֿנט, ער זאָל ניט קלערן, אַז זי איז טאַקע ווירקלעך א ווײַטזיכטיקע. זי האָט געוואָלט וויסן — דאָס, וואָס ער האָט איר נאַרוואָס געזאָגט, האָט ניט קיין שײַכעס צו דעם, וואָס ער האָט זי אַרומגענומען באַם בוי, צי צווייפֿלט ער ניט, אַז זי האָט ווירקלעך געגלייבט, אַז דאָס אַרומכאַפּן זי האָט זיך בא אים באַקומען צופֿעליק. איר בליק האָט אויך געקאָנט באַטײַטן: ער איז ניט דער, פֿאַר וועמען ער גיט זיך אויס, און זי פֿאַרשטייט ניט, פֿאַרוואָס שטעלט ער זיך פֿאַר איר פֿאָר פֿאַר אַן אַנדערן. ער האָט פֿאַרגעזעצט זיך אויסגעבן פֿאַר אַן אַנדערן אַפּילע אין דעם, ווי ער האָט איר דערציילט, וויאַזוי אים איז געלונגען דינגען א צימער אין סאַמע פּאַרק, ניט ווײַט פֿונעם שטאַטישן פּליאַזש.

— אַהערצו איז מיר איצט א סאַך ווײַטער ווי פֿריִער. ס'איז אָבער, ווי עס זאָגן די דײַטשן, ניכטס צו מאַכן. עס ציט מיך אַהער.

## 13

ניט ווײַט פֿון זיי האָט זיך פֿאַרזאַמלט א רעדל מענטשן און זיך גע־לאָזט הערן מיט א פֿריילעך געלעכטער און טומל.

דעם פּולבלעכן מאַנספּאַרשוין אין די נידעריק אַראָפּגעגליטשטע באָד־הייזלעך, אַף וועמען ס'האָט איר אָנגעוויזן ראַפֿאַיִל יעווסייעוויטש, האָט לינע שוין דאָ ניט איין מאָל געטראָפֿן. יעדעס מאָל האָט ער פֿאַרזאַמלט אַרום זיך א רעדל מענטשן מיט די קונצן, וואָס ער האָט באַוויזן. זי האָט בלויז ניט געוווּסט, וואָס קערן זיך אָן צו דעם דאָזיקן מענטשן מיט די ליכ־טיקע אויגן אַפֿן גוטמוטיקן שמייכלענדיקן געזיכט דער העלער קליינוווּק־סיקער מאַנצבל און דאָס יונגע מיידל מיטן פֿלאַקסענעם קאָפּ האָר, מיט וועלכע לינע האָט אים דאָ אַלעמאָל געטראָפֿן, וואָרעם פֿון דעם דײַטש, וואָס ער האָט מיט זיי גערעדט, איז געווען זייער לײַכט זיך אָנשטויסן, אַז

דאָס איז ניט זײַן מוטערשפּראַך. צוקוקנדיק זיך איצט צו די ווונדער, וואָס דער קונצנמאַכער טוט עס אָפּ מיטן טעשל קאָרטן, מיטן נאָזטיכל, מיטן שטריקל, האָט לינע פאַרכידעשט ניט אַזוי די קונצן, ווי דאָס ניספּאָעל ווערן פון די צוויי שטענדיקע צושויער זײַנע, וועלכע האָבן, ווי מע דאַרף זיך פאָרשטעלן, שוין ניט איין מאָל געזען די דאָזיקע אַלע קונצן און ווייסן שוין, מעגלעך, אַפילו דעם סאָד פון זיי. דאָס פּאָרל האָט זיך אויסגעטיילט פון אַלע איבעריקע מיט זייער היספּײַלעסדיקן אונטערשפּרינגען, ווי באַ־גײַסטערטע קינדער.

— ניטאָ דאָסטאָיעווסקי.

לינע האָט פאַרווונדערט אָנגעקוקט ראַפאַילן.

— ניטאָ דאָסטאָיעווסקי, — האָט ער שוין אַ סאַך העכער איבערגעכאַ־זערט, ווי ער זאָל דאָס מאָל זיך שוין ווענדן ניט בלויז צו איר איינער, — און אָן דאָסטאָיעווסקין איז ניט צו באַגרײַפן דאָס, וואָס מיר זעען איצט פאַר זיך. איך בין ניט זיכער, צי דאָסטאָיעווסקי וואָלט געקאָנט עס באַ־גרײַפן. איר ווייסט, וואָס דער דאָזיקער קונצנמאַכער איז אויסגעשטאַנען אויף זײַן לעבן? די דײַטשן האָבן אומגעבראַכט זײַן גאַנצע מישפּאָכע. און מיט וואָס פאַר אַ טויט! לעבעדיקערהייט זיי פאַרברענט. ער אַליין איז, אַרײַנ־פאַלנדיק צו די דײַטשן אין געפאַנגענשאַפט, אויסגעוועזן אין פיל לאַגערן, ווייסט אַליין ניט, וויאַזוי איז ער געבליבן לעבן. און נאָך דעם אַלעם נעמט אַזאַ מענטש, ווי ער, און פאַרבעט פון דײַטשלאַנד צו זיך אין געסט אַ דײַטש מיט אַ דײַטשקע און קומט אַראָפּ אַהער מיט זיי אויף קוראָרט פאַר־ברענגען דעם אורלויב.

— מיסטאָם האָט דער דײַטש עס באַ אים פאַרדינט.

— נו און אַז דער דאָזיקער דײַטש איז אים געקומען צוהילף, ווען ער איז אַנטלאָפן פון לאַגער, נו, איז וואָס? דאַרף מען שוין אַלץ פאַרגעסן? מיר האָבן זיך אַנומלטן שיר ניט צעקריגט אויף טויט. איר ווייסט, וואָס ער האָט מיר געזאָגט? ער וואָלט ניט דערווידערט, האָט ער מיר געזאָגט, אַז זײַן זון זאָל כאַסענע האָבן פאַר אַט דער דײַטשקע. איצט טראַכט איך מיר באַ זיך: ווער ווייסט? מעגלעך, איך זאָל געווען זײַן אויף זײַן אָרט, וואָלט איך עפּשער אויך געווען ווי ער. דאָס לעבן, אַפּאָנעם, האָט ניט איבעריקס ליב, ווען מע קוקט זיך צו דעם צופיל צו, ווען מע טראַכט זיך אין דעם צופיל אַרײַן. די, וואָס האָבן געפּרוווט עס טאָן, האָבן טײַער פאַר דעם באַצאָלט. אָפּן לעבן דאַרף מען קוקן פּאָשעט און איינפאַך, און אין דעם שטעקט דער סאָד פון לעבן. דער גרעסטער סוינע פונעם מענטשן איז דער זיקאָרן. גליקלעכע זײַנען די, וואָס קאָנען אָפּטעמפּן אין זיך דעם זיקאָרן.

— איר געהערט אויך צו די גליקלעכע?

— צום באַדויערן, נאָך ניט. נאָר איך באַמי זיך.

— צום באַדויערן? — לינע האָט ניט אָפּגעקערט פון אים איר בליק. — און מיר דאַכט, אַז מיר לײַדן אָפּטמאָל דערפון, וואָס מיר אײַלן זיך פאַר־געסן, ווילן אָפּטמאָל ניט פאַרגעדענקען דאָס, וואָס מע מוז פאַרגעדענקען.

— אויף דעם זײַנען פאַראַן עלעקטראָנישע מאַשינען. דער מענטש האָט געשאַפן אַן עלעקטראָנישע מאַשין, ער זאָל האָבן וועמען איבערצוגעבן זײַן זיקאָרן. איר זײַט אַן אינזשעניער און ווייסט עס בעסער פון מיר. דער

קונצנמאכער איז אויך אן אינזשעניער. איך קאָן אײַך מיט אים באַקאַנען. בא אים איז אָבער די פּרוי שטארק אן אייפערזיכטיקע, אָט ווי אײַער מאַן.

— פונוואנען האָט איר גענומען, אז מײַן מאַן דארף זײַן, ווי איר זאָגט, אן אייפערזיכטיקער? עפּשער גאָר פאַרקערט?

וואָס איז ער עס אנשוויגן געוואָרן און קוקט אזוי אף איר? ער גלייבט ניט? זי האָט פריִער אליין דערין ניט געגלייבט. די עלעקטראָנישע מאשין וואָלט עס איר קיינמאָל ניט פאָרויסגעזאָגט.

די זון, וואָס איז ארויס פון אונטער א פארבײַשווימענדיקן וואָלקן, האָט שוין איצט מער אקשאָנעסדיקער דערמאָנט, אז ס'איז האלבער טאָג, און ווי יונג און פארהארטעוועט מע האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט איינער פארן אנדערן, האָבן אָבער ביידע געוווּסט, אז זיי זײַנען שוין ארויס פון דעם עלטער, זיי זאָלן אין די דאָזיקע שאָען קאָנען ליגן אונטערן אָפענעם הימל. די היץ האָט זיך געלאָזט פילן אויך אונטערן טענט. די איינציקע רעטונג איז געווען דער יאם.

ארופגעצויגן אפן קאָפּ דאָס בלויע גומענע היטעלע, האָט לינע זיך געווענדט צו ראפאַילן, וועלכער איז געלעגן אונטערן טענט אף זײַן שטענ־דיקן טאָפּטשאַן, צי קלײַבט ער זיך ניט ביזן מיטיק נאָכאמאָל אויסבאָדן.

— דערווײַל נאָך ניט, — ער האָט זיך אופגעזעצט און מיט א באזונדער פארגעניגן געזאָגט, — איך בין דאָך ניט צוגעבונדן צו דער צײַט, ווי איר. איך בין א פרײַער מענטש.

דערזען ליגן לעבן אים אן אופגעעפנט ביכל, האָט לינע אויסגעשטרעקט די האנט:

— וואָס לייענט איר עס? — זי איז געווען צוגעגרייט צו דעם און דאָך זיך פארוווּנדערט. — „שיידים"? ווער לייענט עס אף קוראָרט דאָסטאָ־יעווסקין, און דערצו נאָך „שיידים"?

— דאָסטאָיעווסקין, טײַערע לינע סאמסאָנאָוונע, לייען איך ניט. איך שטודיר אים. פאר אונדזער פּראָפעסיע זײַנען דאָסטאָיעווסקיס ווערק לערנ־ביכער.

ווען זי האָט אים דאָס ערשטע מאָל דערזען לעבן זיך אין יאם, זײַנען זיי ניט געווען צווישן זיך אף אזויפיל באקאנט, אז, אָנווײַזנדיק אים אפן טאָעס, וואָס ער האָט אין איר געהאט, זאָל זי אים פרעגן, ווער איז ער. נאָר פארוואָס פרעגט זי אים איצט ניט, ווער ער איז? איצט זײַנען זיי דאָך שוין פונדעסטוועגן באקאנט. עס ווײַזט זיך איר אָבער אויס, אז מיט דעם, וואָס ער האָט אזוי באטאָנט א זאָג געטאָן „פאר אונדזער פּראָפּע־סיע", האָט ער איר ווי געגעבן אָנצוהערן, זי זאָל אליין זיך פרוּוון טרעפן, ווער און וואָס ער איז. ראפאַיל יעווסייעוויטש האָט זי אָבער אָפּגעשטעלט, נאָך איידער זי האָט באוויזן זיך צו עפּעס דערטראכטן.

— פאטערט ניט אומזיסט קיין מי. איר וועט סײַווי ניט טרעפן, פונקט ווי איך האָב ניט געטראָפן מיט אײַך, כאָטש אינגאנצן זיכער, אז איר האָט ניט געהאט צו טאָן מיט דער טעאטראלער וועלט, בין איך נאָך ניט. אזוי זאָגט מיר אונטער מײַן אדוואָקאטישער כוש. וואָס? איר האָט ניט דער־וואַרט, אז איך בין אן אדוואָקאט, א מענטש, וואָס האָט צו טאָן, אזוי צו זאָגן, מיטן הינטער־הויף פונעם לעבן און וואָס איז אליין געוואָרן א שטיקל

אײַנוווינער אין דעם דאָזיקן הינטער־הויף? אײַך איז נאָך דערווײַל ניט אויסגעקומען האָבן צו טאָן מיט אונדז?

לינע האָט זיך אומגעקוקט, צי קײנער האָט ניט אונטערגעהערט, און ביז גאָר פאַרווונדערט געפרעגט:

— וואָס הייסט דערווײַל? — זי האָט ניט באַמערקט, ווי זי האָט אַראָפּ־געצויגן דאָס גומענע היטעלע פון קאָפּ. צוריק אָבער האָט זי עס שוין ניט אָנגעטאָן, און דאָס האָט באַטײַט, אז איר גייט שוין ניט אָן די היץ, פון וועלכער זי האָט נאָרוואָס געקליבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די טונקל־בלויע וואַסערן פון יאַם, און אז זי אײַלט שוין איצט אין ערגעץ ניט.

ראַפאַיל האָט עס פאַרשטאַנען. אָפּטרעטנדיק איר דאָס שאָטנדיקע שטיקל פּלאַץ לעבן זיך אַפן טאָפּטשאַן, האָט ער רויק, נאָר מיט א קאָל, וואָס דער־לאָזט ניט די מינדסטע דערווידערונג, געענטפערט:

— איך זע, אז אײַך האָט פאַרוווּנדערט מײַן פראַגע, פּונקט ווי איר וואָלט קיינמאָל ניט געהערט דאָס אַלטע רוסישע ווערטל: „אָט סומי אי טורמי...” די ערשטע העלפט פונעם ווערטל גילט שוין, פאַרשטייט זיך, איצט ניט. די טאָרבע האָט שוין לאַנג אויסגעלעבט אירע יאָרן. אפילו דער, וואָס נייטיקט זיך, ווייסט זי מער קיינמאָל ניט אָנטאָן, כאָטש אים וואָלט ניט אויסגעקומען אַרומגיין מיט איר, ווי אַמאָליקע יאָרן, פון שטאָט צו שטאָט, פון דאָרף צו דאָרף. ער וואָלט אפילו קיין האַלבע גאַס ניט געדאַרפט איצ־טער דורכגיין, ער זאָל אָנשטאָפּן די טאָרבע. אָבער די טורמע, לינע סאָמ־סאָנאָוונע, האָט נאָך אירע יאָרן ניט אויסגעלעבט, און אַדוואָקאַטן זיצן נאָך דערווײַל ניט מיט קיין צונויפגעלייגטע הענט. אַף אונדז איז נאָך דערווײַל א גרויסער נאָכפרעג.

— נאָר פאַר מיר, הייסט עס, וועט איר מאַכן אַן אויסנאַם, איך זאָל ניט דאַרפן שטיין אין דער ריי. אָט דאָס האָט איר געוואָלט מיר זאָגן? כ׳וואָלט פונדעסטוועגן וועלן וויסן, פאַרוואָס קלערט איר, אז איך וועל דאַרפן אָנקו־מען צו אײַך?

— איך האָב אײַך דען ניט געענטפערט אַף דעם? „אָט סומי אי...”

— ניין, איך פרעג עס אײַך גאַנץ ערנסט, — האָט זי אים איבערגע־שלאָגן.

— און איך ענטפער אײַך גאַנץ ערנסט. איך גלייב ניט, צי וועלן זיך אָפּזוכן א סאַך מענטשן, וואָס זאָלן ניט דאַרפן אָנקומען צו קיין אַדוואָקאַט, ווײַל ס׳זײַנען קימאַט ניטאָ קיין מענטשן, וואָס זאָלן אַף זייער לעבן ניט באַגיין קיין זינד, פאַר וועלכע מע זאָל ניט דאַרפן באַשטראָפן. כ׳ווייס ניט, מעגלעך, איר זײַט אַן אויסנאַם, פאַראַן, פאַרשטייט זיך, אויסנאַמען. זיך זעלבסט גיב איך פאַר אַזעלכן ניט אַרויס. איך נייטיק זיך שוין לאַנג אין אַן אַדוואָקאַט. איך קאָן אים אָבער דערווײַל ניט געפינען. ניט יעדערער וועט זיך אונטערנעמען מיך פאַרטיידיקן. איך וואָלט דער ערשטער זיך ניט אונטערגענומען זיך פאַרטיידיקן. עפּשער וועט איר זיך אונטערנעמען?

— אומזיסט צי פאַר האָנאָראַר?

— איר מיינט נאָך אַלץ, אז איך שפּאַס?

פונעם בליק, וואָס ער האָט אַף איר געוואָרפן, האָט לינע זיך דערפילט, ווי זי זאָל זיך פּלוצעם דערזען זיצן א האַלב־נאַקעטע ניט אַפן פּליאַזש,

נאָר אין א יורידישער קאָנסולטאציע, און זי האָט פארשעמט איבערגעקרייצט די הענט אף דער ברוסט. דער עטוואָס פארשפיצטער און אף ארוף פארבויגענער אונטערשטער קין, וואָס האָט געשמייכלט, דאכט זיך, אפילע דעמלט, ווען דער אייבערשטער טייל פאָנעם איז געווען ערנסט, האָט זיך איצט אָנגעשטרענגט. זי האָט ניט געקאָנט פארשטיין, צו וואָס דערציילט ער עס איר אלץ? זי האָט אים אָבער ניט איבערגעשלאָגן. אים איז אומעגלעך געווען איצט איבערשלאָגן. לינען האָט זיך רעגעסווײַז אויסגעגעבן, אז ניט זי זעט ער גאָר איצט פאר זיך און ניט צו איר ווענדט ער זיך גאָר איצט, נאָר צו א געפאקטן זאל אין א געריכט.

— מיט א קורצער צײַט צוריק איז מיר אויסגעקומען ארויסטרעטן אף איינעם א פראָצעס. מע האָט געמישפּעט א כאָפּטע פארברעכער, אויסווורפן פון פארשיידענעם ראנג, מיִעסע, עקלהאפטע באשעפענישן. און מיר, ווע־מען די באשולדיקטע זײַנען געווען נאָך מער עקלהאפט ווי דעם פּראָקוראָר, ווײַל דער אדוואָקאט ווייסט שטענדיק עטוואָס מער וועגן די באשולדיקטע ווי דער פּראָקוראָר, איז אויסגעקומען זיך אונטערנעמען זיי פארטיידיקן. אָנשטאָט דעם, איך זאָל פאָדערן פונעם געריכט א הארבערע שטראָף, ווי עס האָט געפאָדערט דער פּראָקוראָר, טרעט איך גאָר ארויס קעגן אים און דינג סאָפּקאָלסאָף עפּעס אויס באַם געריכט. איך ווייס, וואָס איר וועט מיר זאָגן — אַן אדוואָקאט קאָן דאָך אנדערש ניט. ער טאָר גאָר אנדערש ניט. אָבער קעגן זיך, קעגן דעם אייגענעם געוויסן, באגיי איך א פארברעכן? ניין, אײַך, לינע סאמסאָנאָוונע, וואָלט איך אויך ניט אָנגעטרויט, איר זאָלט זײַן מײַן אדוואָקאט.

— פארוואָס? — דער עטוואָס פארבויגענער קין האָט שוין באַ איר ווידער געשמייכלט.

— פארוואָס? ווײַל איר נייטיקט זיך אליין אין אַן אדוואָקאט, צי איר מיינט, אז איר זײַט לאכלוטן ניט שולדיק אין דעם, וואָס מיר צי עמעצן אנדערש קומט אויס איבערצאָלן באַם קויפן. איך וועל אײַך ניט ארויסגעבן. נאָר זאָגט דעם עמעס: איר האָט גאָרניט איבערגעצאָלט פאר דער פוטיאָווקע אין סאנאטאָריע?..

איז אָט אין וואָס ער איז זי כוישעד געווען מיט זײַן פראגע, צי איז איר דערווײַל נאָך ניט אויסגעקומען האָבן צו טאָן מיט אדוואָקאטן! וואָס האָט זי פארהאלטן, וואָס זי איז געבליבן שטיין און אים גאָרניט געענטפערט, האָט זי אליין ניט געקאָנט באגרײַפן, ווי זי האָט ניט געקאָנט באגרײַפן, צי איז ער ווירקלעך אזא, ווי ער שטעלט זיך פאָר פאר איר, צי ער גיט זיך בעקיוון ארויס פאר אזא. אָט האָט ער איר געראָטן קוקן וואָס פראָסטער און איינפאכער אפן לעבן, אנטוויינען פון זיך דעם זיקאָרן, און אָט פארלאנגט ער פון איר, זי זאָל אים זאָגן, וויפל מאָל האָט זי איבערגעצאָלט די שאָפערן פון טאקסי. זי פארשטייט, אז אים גייט ניט אזוי אינעם איבערצאָלן, נאָר אין דעם, וואָס קיינער זעט אין דעם באזונדערס גאָרניט אײַן. נאָר וואָס פאר א שײַכעס האָט זי צו דעם, וואָס ער האָט איבערגעצאָלט פארן קאָסטיום, וועלכן ער האָט פארן פאָרן אהער זיך געקויפט?

— טראכט זיך נאָר גוט אין דערינען ארײַן, — ראפאִיל האָט עס ניט

געבעטן, נאָר געפּאָדערט, — איך, א מענטש, וועלכער ווייסט אַף אויסוויי־ניק דעם גאנצן קאָדעקס, צאָל איבער פאר א קאָסטיום, און ווו? אין א מע־לוכישער קראָם, און וועמען? א מענטשן, וואָס באקומט פון דער מעלוכע געהאלט, ווי איך, ווי איר, ווי דער ארבעטער אַף א זאוואָד. און שרעקלע־כער פון אלץ איז דאָס, וואָס דער פארקויפער האָט עס גאָר פון מיר ניט געפּאָדערט. איך האָב אליין אים פאַרגעלייגט, ווײַל איך אליין האָב אים צו דעם צוגעוווינט. ענדיקן ענדיקט זיך עס בא אים געוויינלעך דערמיט, וואָס ער פאקט זיך ארײַן און קומט צו אזעלכן, ווי איך, מע זאָל אים פארטיי־דיקן, און מע פארטיידיקט אים. נאָר וואָס פאר א רעכט האָב איך דערויף, ווען איך ווייס, אז איך בין נאָך עפשער מער שולדיק אין דעם, ווי ער?

לינע האָט נאָך אלץ ניט פארשטאנען, צו וואָס האָט ער איצט פארפירט מיט איר אזעלכע רייד. נאָר ווען ער האָט צו איר א זאָג געטאָן: „קיינער האָט ניט געקענט אזוי די נעשאָמע פונעם מענטשן, ווי עס האָט זי געקענט דאָסטאָיעווסקי", האָט לינע אים איבערגעשלאָגן:

— איך האָב אויך געלייענט דאָסטאָיעווסקין, נאָר... איר ווענט זיך אַף מיר ניט באליידיקן? — זי האָט זיך א רעגע פארטראכט און שטארק פאָר־זיכטיק געגעבן אים אָנצוהערן, אז זי אַף זײַן אָרט וואָלט שוין לאנג גע־וואָרפן אדוואָקאטור. — מע קאָן ניט זײַן קיין אדוואָקאט, ווען מע זעט אינעם מענטשן בלויז דאָס שלעכטס.

— ווי איך פארשטיי, לייגט איר מיר פאָר ווערן א פּראָקוראָר.

— א פּראָקוראָר דארף אויך ליב האָבן דעם מענטשן, ניט זען אינעם מענטשן בלויז דאָס שלעכטס, און אין יעדן פונק — א סרייפע.

— איר זײַט צופעליק ניט קיין פּראָקוראָר? — האָט ראפאיל, פארוואָרפנ־דיק דעם קאָפּ אַף ארויף, ווי ער וואָלט ערשט איצט באמערקט, סארא וווק־סיקע זי איז, געפרעגט.

— אויב ווי א פּראָקוראָר גיי איך אײַך מער אונטער, ווי אַן אדוואָקאט, דעמלט... ניין, איר מוזט אומבאדינגט בײַטן אײַער פּראָפעסיע. דער, וואָס גלייבט קיינעם ניט, קאָן ניט זײַן קיין אדוואָקאט. נו, און אז איך וועל אײַך ווײַזן מײַן דיפּלאָם, וועט איר מיר גלייבן, אז איך בין אַן אינזשע־ניער, צי אויך ניט?

— אומזיסט טראכט איר וועגן מיר אזוי, לינע סאמסאָנאָוונע. אויב איך דערזע אינעם מענטשן פריִער דאָס שלעכטע ווי דאָס גוטע, איז מיסטאָם פאראַן דערצו א סיבע.

— מיר שײַנט, אז די איינציקע סיבע דערפון איז דאָס, וואָס איר האָט זיך באזעצט, ווי איר זאָגט, אַף דעם הינטער־הויף פונעם לעבן און האָט דורכויס צו טאָן מיט מענטשן פונעם הינטער־הויף. זיי האָבן אײַך, קענטיק, אזוי ארומגערינגלט, אז איר האָט אופגעהערט זען דעם וואלד.

— א וואלד באשטייט אָבער פון ביימער. מענטשן זײַנען זייער אָנ־שטעקנדיק. צי איר מיינט, אז נאָר בא אײַך צי בא מיר אין שטאָט זיצן ניט די אדוואָקאטן ליידיק? אַף דאָסטאָיעווסקין מעג מען זיך פארלאָזן, לינע סאמסאָנאָוונע. קיינער האָט ניט געקענט אזוי דעם מענטשן, ווי ער האָט אים געקענט. ווען איך לייען דאָסטאָיעווסקין, טראכט איך צומאָל, צי וועט דעם מענטשן ניט אויסקומען דורכמאכן דעם זעלבן וועג, וואָס עס האָבן

דורכגעמאכט אין מידבער, ווי עס ווערט דערציילט אין דער ביבל, זײַנע אורעלטערן, קעדיי זײַנע קינדסקינדער זאָלן קיינמאָל ניט האָבן צו טאָן מיט קיין פּראָקוראָרן און אַדוואָקאַטן.

## 14

פאַרלאָזנדיק דעם פּליאַזש, האָבן לינע מיט ראַפאַילן וועגן גאָרנישט אָפּגערעדט צווישן זיך, נאָר אַז לינע איז נאָך אָוונט־ברויט אַרויס פון עס־זאַל, איז זי געווען זיכער, אַז זי וועט ראַפאַילן באַלד ערגעץ דאָ באַ־געגענען, אינעם גרויסן און באַלעבטן הויף פון דער סאַנאַטאָריע.

דאָס מאָל האָט דאָס פאָרגעפיל זי ניט אָפּגענאַרט. זי איז נאָר אַרײַן אין דער טונקעלער קיפּאַריסן־אַליי, וואָס האָט געפירט אַראָפּ־באַרג צו איר אין קאָרפּוס, האָט זי אים דערזען, אָבער ניט אַליין. לעבן אים איז געזעסן א פרוי מיט אַרויסגעשטעלטע פאַרברוינטע פיס און הילכיק געלאַכט. לינע איז געבליבן שטיין, געוואָלט אומקערן זיך צוריק און ניט געקאָנט. זי האָט זיך אויך ניט געקאָנט צווינגען ניט אַזוי האַסטיק דורכטראָגן זיך פאַרבײַ דער באַנק, אַף וועלכער ער איז געזעסן. זי געדענקט אַפילע ניט, צי האָט זי אים געענטפערט אַף זײַן „גוטן־אָוונט”, אויב יאָ, איז מיט האַלב־פאַר־מאַכטע ליפּן. ווי נאַריש זי דאַרף זיי אַצינדביידן אויסזען! און ס'איז דאָך טאַקע ביז גאָר נאַריש אָט דאָס, וואָס זי קאָן רויִק ניט צוזען, ווי ראַ־פאַיל יעווסייעוויטש, מיט וועמען זי האָט זיך, אייגנטלעך, ערשט הײַנט באַקענט, זיצט מיט אַן אַנדערער, און דערוווּסט זיך וועגן דער דאָזיקער נאַרישקײַט אירער האָט זי זיך נאָרוואָס, דורך אָט דער הילכיק־לאַכנדיקער פרוי. דאָס האָט זי דורך אָט דער פרוי מיט די אַרויסגעשטעלטע פאַרברוינ־טע פיס אַנטפּלעקט אין זיך דעם דאָזיקן פאַרבאָרגענעם סאָד. צי דען איז אין איר ווירקלעך פאָרגעקומען עפּעס אַזוינס, אַז ווען עמעצער נעמט איר אָנריידן אַף דער, וועלכע זיצט איצט לעבן ראַפאַילן, וואָלט זי יענעם, דאַכט זיך, ניט אָפּגעשטעלט? הענריך דאַרף, אַפּאָנעם, זײַן שטאַרק פאַר־גלייבט אין איר, אין לינען, אויב ער האָט זי דאָס מאָל אָפּגעלאָזט אַהער אַליין. ווי האָט עס אים ניט אונטערגעזאָגט זײַן פאָרגעפיל, מיט וועלכן ער האָט זיך פאַר איר אַזויפיל מאָל איבערגענומען, אַז זי איז שוין ניט די, וועלכע ער האָט געטראָפן באַ דער פּיסהאַרמאָניע אין מוזיי, אין סעדל באַם אינסטיטוט און וועלכע איז, אייגנטלעך, פאַרבליבן אַזאַ די אַלע יאָרן, וואָס זי איז זײַן פרוי — א באַגײַסטערט־פאַרליבטע. ניין, זי איז שוין ניט די. צום ערשטן מאָל האָט זי עס דערפילט אין יענעם זומערדיקן אויסגעשטערנטן אָפּדערנאַכט באַ די שליוזן...

פאָרנדיק אַהער, האָט זי געוווּסט, אַז זי וועט זיך דאָס מאָל אין עמעצן פאַרליבן, זי מוז זיך פאַרליבן. א מענטש קאָן לעבן אָן האַס. דאָס האָט זי געוווּסט פריִער, און דאָס ווייסט זי איצט. איר דערצאָרנטקײַט אַף הענריכן איז לאַנג שוין באַ איר דורך. נאָר אָן ליבע קאָן א מענטש ניט אויסקומען, און הענריך איז איר פאָרט געוואָרן פרעמד. אָט איז זי פאָרן אורלויב גע־ווען קימאַט א גאַנצן כוידעש אין קאָמאַנדירונג. נאָך אירינען האָט זי גע־בענקט, שטאַרק געבענקט, און אים, הענריכן, ווי זי זאָל אים געווען אינ־

גאנצן פאַרגעסן. און מיכאַ‏ל האָט זי אויך שוין ווי פאַרגעסן. ציִטנווײַז האָט זיך איר געדאַכט, אַז פון איר האָט זיך אָפּגעטאָן דאָס געפיל פון ליבע, אַז זי קאָן בכלל שוין ניט ליבן, און דאָס איז דער ערשטער סימען פון פריצײַטיקער עלטער.

שפּאַנענדיק אַזוי צווישן די הויכע שטאָלצע קיפּאַריסן, איז בײַ לינען געוועזן אַ געפיל, ווי הענריך זאָל איר די גאַנצע צײַט דאָ ערגעץ־ווו נאָכ־גיין. זי האָט פּלוצעם אַ טראַכט געטאָן, אַז דאָס, וואָס זי איז אַזוי פאַרצי־טערט געוואָרן, דערזעענדיק ראַפאַ‏לן זיצן מיט אַ צווייטער, איז נאָך קיין שום באַווײַז ניט. פונקט אַזוי גיך ווי זי האָט זיך פאַרליבט, ווי ס'ווײַזט זיך איר אויס, אין ראַפאַ‏לן, האָט זי זיך געקאָנט פאַרליבן אין אַ צווייטן, ווען יענער זאָל, ווי ראַפאַ‏ל, געווען באַמערקן, אַז זי וויל זיך פאַרליבן, אַז זי אײַלט זיך אין עמעצן פאַרליבן.

קאָן זײַן, ס'איז אַזוי, נאָר שוין דערמיט אַליין, וואָס ניט קיין אַנדערער, נאָר ראַפאַ‏ל האָט באַמערקט, וואָס קומט אין איר פאָר, איז ער שוין ניט ענלעך אויף קײנעם פון די, וואָס האָבן געוואָלט פאַרפירן מיט איר נאָענטע באַקאַנטשאַפט. זי האָט אָבער ניט דערוואַרט, זי זאָל זיך אַזוי גיך דער־וויסן וועגן דעם. און נאָך האָט זי ניט דערוואַרט, אַז דאָס וועט זי אַזוי דערפרייען און דערשרעקן. ס'איז עפּשער בעסער, וואָס זי האָט אים דאָ גע־טראָפן ניט אַליין.

ראַפאַ‏ל האָט זי אָנגעיאָגט שוין באַם סאַמע אַרויסגאַנג פון דער אַליי.

— איר אײַלט זיך ערגעץ? — האָט ער, אָנרירנדיק זי לײַכט בײַ דער האַנט, געפרעגט.

ער זאָל ניט באַמערקן, ווי שווער זי עטעמט, האָט לינע געמאַכט נאָך עטלעכע טריט, שוין אַ סאַך שטילערע און צוריקגעהאַלטענערע, און זיך אָפּגעשטעלט. זי האָט אָבער דערבײַ פאַרגעסן, וואָס האָט ער זי געפרעגט. איר איז מער ניט פאַרבליבן ווי ענטפערן אים אויף דעם בלויז מיט אַ שמייכל, וואָס זאָל אויסבאַהאַלטן איר פאַרלוירנקײַט.

— עפּשער פאַרהאַלט איך אײַך? — האָט ראַפאַ‏ל, נאָכפאָלגנדיק נאָך איר צעשטרייטן בליק, זיך ווידער אָנגערופן.

— מיר דאַכט, אַז איך פאַרהאַלט אײַך, — לינע האָט ניט געקאָנט זיך צווינגען און ניט אַ קוק טאָן אַהינטער. אויף יענער באַנק איז שוין קײנער ניט געזעסן, און זי האָט ווידער געמוזט אָנקומען צום זעלבן צוריקגעהאַל־טענעם שמייכל, וואָס דאַרף פאַרבאָרגן פון אים די פרייד פון אַן אַכט־און־דרײַסיקיאָריקער פרוי, וועלכע האָט גענומען די אויבערהאַנט איבער אַ צווייטער, אַ פיל ייִנגערער, ווי זי האָט געקאָנט באַמערקן, פון זיך. זי זאָל זיך אינגאַנצן איבערצײַגן אין דעם, האָט זי צוגעגעבן: — איר זײַט, דאַכט מיר, געווען ניט אַליין.

זי האָט געוווּסט, אַז ער וועט איר באַלד ענטפערן: די פרוי, מיט וועל־כער זי האָט אים געזען זיצן, איז אים אינגאַנצן אומבאַקאַנט. זי האָט פאַר־בײַגייענדיק זיך פאָשעט צוגעזעצט אָפּרוען לעבן אים אויף דער באַנק, און עפּשער ווײַל אויסער אים, האָט זי אין דער מינוט ניט געהאַט וועמען אי־בערצודערציילן דעם וויץ, וואָס זי האָט נאָרוואָס געהערט. לינע האָט אויך וויפל מאָל באַגעגנט מענטשן, בײַ וועמען ס'איז, דאַכט זיך, ניטאָ קיין גרע־

סערער פאַרגעניגן, ווי איבערדערציילן יענעמס א וויץ. קיין מינוט קאָנען זיי עס אין זיך ניט איַינהאַלטן. זיי מוזן עס גלייַך פאַנאַנדערטראָגן, און איבערדערציילנדיק עס, קייַכן זיי יעדעס מאָל פון געלעכטער, ווען ס׳איז אַפילע ניטאָ פון וואָס צו לאַכן. און כאָטש לינע האָט פאַרשטאַנען, אַז ראַ־פאַיל האָט ניט געקאָנט קומען אהער אין סאַנאַטאָריע מיט עמעצן, וויַיל געקומען איז ער בלויז צו איר, און געוווּסט אפריער, אַז ער וועט איר אַנ־דערש ניט ענטפערן, וויַיל ס׳איז ניט פאַרגעקומען און ס׳האָט ניט געקאָנט פאָרקומען אַנדערש, דאָך האָט זי פון אים פאַרלאַנגט, ער זאָל עס איר זאָגן. זי האָט עס ניט אויסבאַהאַלטן פון אים, עס אים אַרויסגעוויזן מיט איר בלייַבן שטיין, מיט איר שוויַיגן.

— וווּהין האָט איר עס אַזוי געיַילט, אויב ס׳איז ניט קיין סאָד?

האָט ער, הייסט עס, באַמערקט, ווי, אַרייַנקומענדיק אין דער אַליי, איז זי געבליבן שטיין און מיטאַמאָל אָנגעהויבן האַסטיק שפּאַנען, קימאַט פאַר־בייַגעלאָפן די באַנק, אויף וועלכער ער איז געזעסן.

— דאָס האָב איך געיַילט אין קינאָ, כאָטש איך האָב דעם פילם, וואָס מע וויַיזט הייַנט בא אונדז, שוין איין מאָל געזען.

— ווער גייט עס זומער אויף קוראָרט אין א פאַרמאַכטן קינאָ־טעאַטער? אין דער שכיינעסדיקער סאַנאַטאָריע, ווייס איך, דעמאָנסטרירט מען די פילמען אונטערן אָפענעם הימל, און אין פּאַרק, ווו איך וווין, אויך דאָס זעלבע.

— און וואָס פאַרא פילמען דעמאָנסטרירט מען דאָרט הייַנט בא אייַך?

— איך זאָל געוווּסט וויסן, אַז איר זייַט אַזא ליבהאָבערן פון קינאָ... איך, צום בייַשפּיל, האָב זיך פאַרן יאָר אַזוי אָנגעזעטיקט מיטן טעלעוויזאָר, אַז איך קאָן שוין ניט קוקן אויפן עקראַן. דעם כוידעש, וואָס איך בין דאָ, וויל איך זיך אינגאַנצן אָפּרוען פון אים. כ׳מיין, אַז איך האָב דערויף רעכט.

— קיינער נעמט עס בא אייַך ניט אָפּ.

— מע האָט עס שוין בא מיר אָפּגענומען, — און ווי ער זאָל ניט באַ־מערקן איר פאַרכידעשטן און פאַרלוירענעם בליק, געפרעגט: — איר זייַט אין אָוונט ניט געווען באם יאַם? די מעדוזעס האָבן ניט אונטערגעפירט. אַן ערעך מיט א שאָ צוריק איז געווען פיר באַלן. דאָס בין איך געקומען אייַך אָנזאָגן. איצט מוז שוין זייַן פינף, אויב ניט מער. איר האָט דאָך ליב, ווען עס שטורעמט דער יאַם. נו, און איצט קלייַבט אויס, וווּהין גייען מיר: אין קינאָ צי צום יאַם?

## 15

די טונקל־גרויע וואַסער־בערג, באַוואַקסענע מיט שוים, וועלכע דער דול געוואָרענער יאַם האָט גרויזאַם געשלייַדערט פון זיך אויפן ברעג, האָבן פאַרן אומקערן זיך צוריק אין יאַם געפּרוּווט גרייכן די בעסעדקע אויפן שפּיץ באַרג, וווּהין ס׳האָבן זיך פאַרקליבן לינע מיט ראַפאַילן. צוזאַמען מיט זיי האָט זיך פאַרקליבן אויפן הויכן שטיינערנעם באַרג די פולע לעוואָנע און גענומען דורכלייגן פאַר זיך א זילבערנעם שטעג צום שוואַרצן אויסגעצ־שטערנטן האָריזאָנט. צוקוקנדיק, ווי די אַרומלויפנדיקע כוואַליעס לעשן

אויס און צינדן אַן דעם דורכגעלייגטן לעוואַנע־שטעג, שלײַדערן אים פון זיך אראָפּ און שלעפּן ווידער אים אױף זיך, פאַרוואַנדלען אים אין שטויב און שמעלצן צוריק אים צונויף; צוקוקנדיק, ווי די דול אַרומלויפנדיקע כוואַליעס יאָגן אַן און שטויסן אונטער אייגע די אַנדערע און, דערנעענטערנדיק זיך צום ברעג, גיסן זיי זיך צונויף אין הויכע שוימיקע וואַסער־בערג, האָט לינע מיטאַמאָל דערפילט, ווי אין איר האָט זיך אויך צעשטורעמט א יאַם, איין כוואַליע יאָגט אַן א צווייטע... אָט האָט זי זיך דערזען ליגן בא דער טיר אין צימער פון האָטעל און לעבן איר אַפן דיל — העגריכס בריוו צו אַן אוּמבאַקאַנטער פרוי, און אָט זעט זי זיך שטיין אונטער די אויסגעלאָשענע פענצטער פון איר וווינונג... ניין, ניט זי, דאָס האָט אַן אַנדערע אַנגעכאַפּט ראַפאַילן פאַר דער האַנט, ווי מוירע האָבנדיק, אַז די אַנגעלאָפענע כוואַליעס קאָנען זי מיטשלעפּן מיט זיך, און מיטאַמאָל אים געפרעגט:

— וואָס וואָלט איר געטאָן, ווען איר באַקומט פּלוצעם א בריוו פון אײַער פרוי, וועלכן זי האָט געשריבן ניט אײַך, נאָר א צווייטן. דער בריוו איז אַרײַנגעפאַלן צו אײַך צופעליק. זי האָט אין אײַלעניש צי פון צעשטרייטקײַט איבערגעפּלאָנטערט די אַדרעסן. סע טרעפט דאָך אַזוינס. וואָס וואָלט איר אין אַזאַ פאַל, אשטייגער, געטאָן?

דערזען אירע פאַרשעמט־אַראָפּגעלאָזטע אויגן, האָט ראַפאַיל זיך צעלאַכט.

— איך פאַרשטיי ניט, פאַרוואָס איר לאַכט, — ס'האָט זי שוין פאַרדראָסן, וואָס זי האָט פאַרפירט מיט אים דעם דאָזיקן געשפּרעך, נאָר אָפּשטעלן זיך האָט זי שוין ניט געקאָנט. איין כוואַליע האָט אַנגעיאָגט די צווייטע. — דער, וואָס איז פאַרליבט, דער איז אייפערזיכטיק. אַן דעם איז ניטאָ קיין ליבע, קיין עמעסע ליבע. איצט שטעלט זיך פאָר, איר זײַט פאַרליבט אַזוי, אַז איר זײַט צוליב איר, קיין רעגע ניט פאַרטראַכטנדיק זיך, גרייט שפּרינגען פונעם בארג אין אָט דעם צעבושעוועטן יאַם. און מיטאַמאָל דערהאַלט איר א בריוו, וועלכן זי האָט געשריבן א צווייטן, דערבײַ באַקרוינט זי איר נײַעם געליבטן מיט די זעלבע צאַרטע ווערטער, מיט וועלכע זי האָט שטענדיק גערופן אײַך.

— דאָס איז צופעליק זיך ניט פאַרלאָפן מיט אײַער אייפערזיכטיקן מאַן?

ער האָט עס געפרעגט, האָט זיך איר אויסגעוויזן, מיט דער זעלבער זאַכלעכקײַט, מיט וועלכער ער ווענדט זיך, געוויס, צו זײַנע קליענטן אין דער יורידישער קאָנסולטאַציע.

— פונוואַנען, וואָלט איך פונדעסטוועגן וועלן וויסן, האָט איר גענומען, אַז מײַן מאַן איז אַן אייפערזיכטיקער? עפּשער גאָר פאַרקערט. און ביכלאַל פאַרשטיי איך ניט. ס'איז אײַך דען ניט אַלצייגס, מיט וועמען דאָס איז פאָרגעקומען. שטעלט זיך פאָר, אַז דאָס איז זיך פאַרלאָפן מיט מיר.

— מיט אײַך?

ס'איז נאָך געווען צײַט עס אָפּלייקענען און זי וואָלט, מעגלעך, עס אָפּגעלייקנט, נאָר די גלײַכגילטיקײַט, מיט וועלכער ער האָט עס געפרעגט, האָט זי געצוווּנגען, זי זאָל אים ענטפערן:

— יאָ. מיט מיר. דאָס האָב איך דערהאַלטן פון מײַן מאַן אַזאַ בריוו.

איצט, ווען ראַפאַיל ווייסט עס שוין, האָט זי געקאָנט דערוואַרטן, אַז ער זאָל זי פרעגן: פאַרוואָס האָט זי, דערציילנדיק עס, אים אַזוי אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט? זי וועט אָבער פאַר אים מער מיט גאָרנישט אַרויסווייַזן, אַז ער איז, אייגנטלעך, דער איינציקער, וועמען זי האָט זיך אָנגעטרויט. ניט אַלץ, וואָס זי האָט אים דערציילט, האָט זי דערציילט לידע אַנדרייעווי־נען און אַפילו דער טאָכטער. איר״נע שטויסט זיך, פאַרשטייט זיך, אָן, אַז מע באַהאַלט פון איר עפּעס אויס, אַז דאָס, וואָס איז זיך פאַרלאָפן צווישן די עלטערן, איז אַ סאַך ערנסטער, ווי די מוטער האָט איר וועגן דעם דער־ציילט. איצט זעט זי שוין, לינע, אַליין, אַז ס'איז פיל ערנסטער, ווי זי האָט וועגן דעם געקלערט, אומקערנדיק זיך צוריק צו הענריכן. מעגלעך, זי האָט באַדאַרפט געבן דער טאָכטער דורכלייענען דעם פּאַטערס בריוו, זי זאָל זיך צוגרייטן צו דעם, וואָס עס קאָן זיך פאַרלויפן אין לעבן, אַפילו ווען מע איז פאַרליבט, ווי עס איז געווען פאַרליבט, און ווי ער פאַרזי־כערט זי, איז ביז איצט אין איר פאַרליבט, הענריך. נאָר פאַרוואָס האָט זי זיך אָנגעטרויט דעם דאָזיקן מענטשן, וועלכער זיצט לעבן איר אין דער אָפּענער בעסעדקע און שווייַגט, קאָן זי זיך אַליין ניט ענטפערן. זייַן שווייַגן זעט איר עפּעס אויס, ווי ער זאָל אויפנעמען דאָס, וואָס זי האָט אים דערציילט, ווי אַ געוויינלעכע אָנקלאָגע, מיט וועלכער מע קומט צו אַן אַדוואָקאַט זיך בעראַטן: אייַנגעבן צי ניט אייַנגעבן אין געריכט, און פאַריינס שוין אים בעטן, ער זאָל זייַן אויפן געריכט דער פאַרטיידיקער. זי וועט אים דאָס אַלץ באַלד אַרויסזאָגן.

— איך פאַרשטיי, — האָט לינע, נאָכשפּירנדיק נאָך די שוימיקע וואַסער־בערג, וואָס זייַנען ווילד און צערייצט באַפאַלן דעם ברעג, זיך אָנגערופן, — אַז דאָס, וואָס איך האָב אייַך דערציילט, קאָן אייַך ניט אָנגיין, ווייַל דאָס האָט ניט צו טאָן מיט אַדוואָקאַטור. דאָס האָט גיכער צו טאָן מיט פּראָקו־ראַטור.

— איר האָט אַ טאָעס, — אין זייַנע גרויע אויגן האָט אַ בלענד געטאָן די העלע לעוואָנע־שייַן, — דאָס, וואָס איר האָט מיר דערציילט, האָט מיט פּראָקוראַטור אויך גאָרנישט ניט צו טאָן. איך זע דאָ ניט דעם שולדיקן. אין וואָס באַשטייט די שולד פון אייַער מאַן? אין וואָס?

לינע האָט איבערגעפירט איר בליק פונעם דול געוואָרענעם יאַם אויף ראַפאַילן.

— איר פרעגט עס ערנסט?

— מיר דאַכט, אַז מיר ריידן די גאַנצע צייַט מיט אייַך ערנסט. נו, זאָגט, אין וואָס, אייגנטלעך, באַשטייט זייַן שולד? אין דעם, וואָס ער איז אייַך ניט געווען טרייַ?

— דאָס איז שוין איצט מער ניט קיין שולד, ווילט איר זאָגן?

— דאָס איז קיינמאָל ניט געווען קיין שולד. און פאָלגט מיך, קוקט לייַכ־טער אויפן לעבן. לייַכטער און פּאַשעטער.

לינע האָט דערפילט, ווי זייַן האַנט דערנעענטערט זיך צו איר קני, און זי האָט זיך אָפּגערוקט. פון דער ווייכער וואַרעמער האַנט זייַנער, וואָס האָט זי פריִער געהאַלטן בא דער טאַליע, העלפנדיק איר זיך אַרופקלייַבן אַהער אויפן שפּיץ באַרג, איז איצט געגאַנגען אַ קעלט. זי וואָלט זיך צע־

שרײַען, ווען ער רירט זיך צו איר איצט צו. זי קאָן שרעקלעך ניט פארלײַדן קיין קעלט.

ווי ער וואָלט זיך אָנגעשטויסן, וואָס האָט זי נאָרוואָס א טראכט געגעבן וועגן אים, האָט ראפאיל אוועקגעלייגט די הענט אף דער צארגע פון דער בעסעדקע און, אונטערשטעלנדיק דאָס פּאָנעם אונטער לינעס בלאָנדזשענדיקן בליק, געפרעגט:

— נו, און איר וואָס האָט געטאָן? אז איר זײַט זיך ניט פאנאנדערגעגאנגען, דאָס זע איך. נאָר עפּשער האָט אײַך דאָס פינגערל שוין אָנגעטאָן אן אנדערער? זעט, איר זאָלט אים ניט דערציילן, וואָס מיט אײַך האָט פּאסירט, אויב איר ווילט ניט, עס זאָל זיך נאָכאמאָל איבערכאזערן דאָס זעלבע. צי איר קלערט, אז דער צווייטער מאן שיידט זיך מיט עפּעס אונטער פונעם ערשטן? ער וועט בלויז זײַן מער געהיט, ניט זײַן אזוי צעשטרייט באם שרײַבן די אדרעסן אף די בריוו.

— איר ווייסט, — האָט לינע, ארויסגייענדיק פון דער בעסעדקע, געזאָגט, — איך הייב אָן מוירע האָבן פאר אײַך. ווער זײַט איר? דאָס ערשטע מאָל באגעגן איך א מענטשן, וואָס טרויט ניט קיינעם, גלייבט אין גאָרנישט, גלייבט ניט אפילע אין ליבע.

— פארוואָס? באפוילט מיר אראָפּשפּרינגען פון אָט דעם בארג אין די צעבושעוועטע כוואליעס, וועט איר זען, צי איך גלייב צי ניין. ליבע איז אָבער ניט קיין גאָט און ניט קיין געטן. ס׳איז געצנדינערײַ, און געצנדינערײַ ווייסט ניט פון קיין איינציקן און שטענדיקן גאָט. געצנדינער קאָנען זיך איינצײַטיק בוקן צו עטלעכע געטער. וואָס האָט אײַך אזוי פארוווּנדערט אין אײַער מאנס בריוו? וואָס איר זײַט ניט געווען בא אים די איינציקע? ס׳איז דען דאָ דער מאנצבל, וואָס האָט אף זײַן לעבן געהאט בלויז איין געטן, און די פרוי, וואָס האָט געהאט נאָר איין גאָט? איך האָב דערווײַל אזעלכע ניט באגעגנט. דער מענטש איז שוין אזוי באשאפן, אז ער קאָן זיך ניט האלטן דאָס גאנצע לעבן בא איין גאָט. אײַך, פרויען, איז עס עפּשער שווער צו באנעמען, ווײַל צווישן אײַך באגעגענען זיך אזעלכע, וואָס זײַנען דאָס גאנצע לעבן געווען טרײַ בלויז איין גאָט, ניט ווײַל זיי האָבן עס געוואָלט, נאָר זיי האָבן עס געמוזט... איר ווילט דערווידערן?

— ניין, ניין. זעצט פאָר.

— און מיט וואָס, אייגנטלעך, קאָנט איר מיר דערווידערן? דערמיט, וואָס איר וועט מיר ברענגען זיך פאר א בײַשפּיל, אז אָט איר, אשטייגער, האָט וועגן דעם אפילע ניט געוווּסט? נאָר דערפון, וואָס איך מיט אײַך וועלן באלד צומאכן די אויגן, וועט די לעוואָנע ניט פארשווינדן. איר האָט פּאָשעט ניט געוואָלט וויסן, ניט געוואָלט, פונקט ווי עס וויל ניט וויסן קיין מאנצבל, אז דאָס זעלבע, וואָס ער דערלויבט זיך מיט א צווייטער פרוי, קאָן זיך אין דער זעלבער מינוט דערלויבן זײַן פרוי מיט א צווייטן מאנצבל. אלנפאלס איצט, מיין איך, געהערט איר שוין מער ניט צו די, וואָס זעצן פאָר זיך אײַנריידן, אז זייערע מענער זײַנען אויסנאמען, פונקט ווי איך געהער ניט צו די מענער, וואָס ריידן זיך אײַן, אז זייערע פרויען זײַנען אויסנאמען.

ער האָט עס איר געזאָגט, ווי ער זאָל זיך געווען מיט דעם איבערגע־מען. דערבײַ האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז דאָס זעלבע פאַרלאַנגט ער אויך פון איר, — קיינעם און אין קיין זאַך ניט גלייבן, קיינער איז איר גאָרנישט ניט שולדיק, און זי איז קיינעם ניט שולדיק.

לינע איז האסטיק אָפּגעטראָטן פונעם ברעג באַרג.

— מיר וועלן גיין. ס'איז שוין ניט פרי. לעט עס גאָו[1].

— איר רעדט ענגליש? — האָט ער זי געפרעגט און, ווי איר האָט זיך אויסגעגעבן, דערפרייט זיך מיט דעם.

— קיין איין אינזשעניער אין אונדזער צײַט, אין וועלכן לאַנד ער זאָל ניט וווינען, קאָן זיך ניט באַגיין אָן רוסיש און אָן ענגליש. ענגליש באַהערש איך גאַנץ פרײַ. ס'איז אָבער פאָרט ניט מײַן מוטערשפּראַך.

— אויב אײַער אויסדערוויילטער קען אויך ענגליש, האָט איר זיך דערקלערט מיט אים אין ליבע, בין איך זיכער, אַף ענגליש.

לינע איז אַ פאַרכידעשטע געבליבן שטיין.

— פונוואַנען ווייסט איר עס? איר האָט מיט אײַער פרוי זיך אויך דערקלערט אַף אַן אויסלענדישער שפּראַך?

— ניין, מיר איז עס ניט אויסגעקומען, ווײַל אויסער „לאַוו יו", וועל־כע מײַן באַשערטע פלאָנטערט נאָך דערצו מיט „לײַק יו", קאָן זי מער קיין וואָרט ניט, כאָטש זי האָט זיך גאַנצע צוויי יאָר געלערנט אין אַן אינסטיטוט און אויך, ווי איר, אין אַ טעכנישן. — זיי זײַנען ווידער גע־שטאַנען אַפן סאַמע שפּיץ באַרג. — איר ווייסט, וואָס איך האָב באַמערקט? דאָס, וואָס אַף דער אייגענער שפּראַך לאָזט זיך צומאָל ניט אַרויסברענ־גען, רעדט זיך עס זייער לײַכט אַרויס אַף אַ פרעמדער שפּראַך. פונדאַנען עפּשער נעמט זיך, וואָס פאַרליבטע, וועלכע קענען ניט קיין אויסלענדישע שפּראַכן, שווײַגן אָפּט. מיט דעם, וואָס איר קענט ענגליש, האָט איר מיר פיל פאַרלײַכטערט. איך האָב ניט ליב בלײַבן קיין באַלכויוו. איר האָט זיך מיר אָנגעטרויט, איצט וועל איך זיך אײַך אָנטרויען. אַף אַ פרעמדער שפּראַך איז עס מיר פאָשעט לײַכטער. איך קלער, אַז איר וועט מיר שוין נאָכדעם ניט פאָרוואַרפן, פאַרוואָס איך גלייב ניט, ווי איר זאָגט, אין קיי־נעם און אין גאָרנישט.

דאָס געשלעג פון די כוואַליעס מיטן פעלדזיקן באַרג, וואָס האָט זיך געשטעלט זיי אין וועג, איז וואָס ווײַטער, געוואָרן אַלץ מער אַכזאָריעס־דיקער און זיך ווי אויסגעלאַכט דערפון, וואָס עס האָט דערציילט ראַ־פאַיִל. נאָר נאָך דעם, ווי ראַפאַיִל האָט איר גענומען דערציילן, וויִאַזוי ער האָט צופעליק איינמאָל דערזען זײַן פרוי אַרײַנגיין מיט אַן אומבאַקאַנטן מאַנצבל אין האָטעל און וויִאַזוי ער, ראַפאַיִל, האָט זיך אַרומגעדרייט עט־לעכע שאָ אַפן פּראָסט און זיך אַף איר ניט דערוואַרט, האָט דאָס געשלעג פון די כוואַליעס מיטן באַרג זיך איר שוין אויסגעוויזן, לינען, ניט אַזוי מעכטיק. ער איז געווען צופיל פאַרגלייבט אין דער פרוי זײַנער, ער זאָל עפּעס איבערטראַכטן, ווען ער האָט זי געפרעגט, ווו איז זי עס געווען אַזוי שפּעט. פאַרטראַכט האָט ער זיך נאָך דעם, ווען זי האָט אים געענט־

---

[1] לאָמיר גיין (ענגליש).

פערט: בא אירער א כאווערטע, און אויב ער גלייבט ניט... זי האָט זיך דערבײַ צעוויינט. ס׳איז לאכלוטן ניטאָ זיך וואָס צו וווּנדערן, וואָס ער האָט איר געגלייבט. ווײַל ער האָט געוואָלט דערין גלייבן. צוליב דעם האָט ער אפילע צוגעטראכט פאר זיך: עפשער האָט ער זיך פארקוקט און דורכגעלאָזט די רעגע, ווען זי איז ארויס פון דאָרט און פארקערעוועט אינעם דערבײַיִקן געסל? ער האָט געגלייבט איר אויך דערפאר, ווײַל ביז יענעם אָוונט און נאָך יענעם אָוונט איז ניט געווען דער פאל, זי זאָל נאָך דער ארבעט ערגעץ לאנג זיך פארהאלטן. און אָט: ווען ער האָט שוין געהאט וועגן דעם פארגעסן, האָט ער, קומענדיק פון דער ארבעט אהיים, געטראָפן בא זיך אפן שרײַבטיש א צעטעלע, אז זי וועט זיך הײַנט פאר־זאמען. אן אָנגעשטעלטער בא זיי אין אנשטאלט, אן עלטערער איינזא־מער מענטש, איז קראנק געוואָרן, און הײַנט איז איר ריי פאָרן אים מע־וואקער־כוילע זײַן.

ער איז געווען זיכער, אז ס׳איז אזוי, און דאָך איז ער אוועק אין האָטעל, זיך פארקליבן אינעם טומלדיקן וועסטיביול אין א ווינקל, און ארויסקוקנדיק פון אונטער דער צײַטונג, הינטער וועלכער ער האָט זיך אויסבאהאלטן, נאָכגעשפּירט נאָך די טרעפּ. ענדלעך האָט ער זי דערזען אראָפּגיין מיטן זעלבן עלעגאנט געקליידטן מאנצבל.

ווען ראפאַ‎ל האָט זיך אומגעקערט אהיים, האָט ער דאָס צעטעלע אפן טיש שוין ניט געטראָפן און מיט גאָרניט ארויסגעוויזן, אז ס׳איז דאָ גע־לעגן אירס א צעטעלע פאר אים.

פרעגן, ווו איז זי געווען אזוי שפּעט, איז אים שוין ניט אויסגעקומען. דאָס מאָל האָט זי אים שוין געפרעגט, ווו איז ער עס געווען אזוי שפּעט, און אים איז אויסגעקומען עפּעס צוטראכטן. אירע פארוויינטע אויגן האָבן זיך ווי געבעטן בא אים: טראכט נאָך עפּעס צו, איך זאָל איינ־גאנצן זײַן זיכער, אז דו ביסט נאָך הײַנט ווירקלעך ניט געווען אין דער היים, אז דאָס ביסטו ערשט נאָרוואָס ארײַן, ווײַל מיר איז זייער בייטיק דער מאָרגנדיקער אָוונט. מאָרגן פאָרט ער ווידער אוועק, און ווער ווייסט, ווען וועל איך אים קאָנען זען.

וועגן דעם, אז זי וועט מאָרגן אין אָוונט שפּעט זיך פארהאלטן בא דעם כוילע, האָט זי אים געזאָגט ערשט אינדערפרי, פארן גיין אף דער ארבעט.

אין א האלבער שאָ ארום, נאָך דעם ווי ער האָט דערזען זײַן פרוי ארײַנקומען אין האָטעל, האָט ער אָנגעקלאפּט אין דער טונקל־ברוינער טיר פונעם צימער אפן דריטן שטאָק, בא וועלכן ער איז נעכטן אין אָוונט דאָ געשטאנען. קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופן. האָט ער אָנגעקלאפּט שטארקער. עס זײַנען דורך עטלעכע שווערע רעגעס, ביז עס האָבן זיך דערהערט פון יענער זײַט שארנדיקע טריט.

— ווער איז עס?

ראפאַ‎ל האָט געשוויגן.

— ווער איז דאָרט? — די שטים פון יענער זײַט טיר האָט שוין ניט געפרעגט, נאָר געפאָדערט, מע זאָל ענטפערן.

ראפאַ‎ל האָט פאָרגעזעצט שווײַגן. ס׳האָט אים ניט געפאָלגט דאָס קאָל.

די טיר האָט זיך עטוואָס געעפנט, נאָר צומאַכן זי צוריק האָט ראפאַיל שוין ניט געלאָזט. ער האָט אָפּגעשטויסן פון זיך דעם מאַנצבל און אַרײַן אין צימער. אַף דער ניט צוגעקליבענער בעט איז געזעסן זײַן פרוי.

— מיינט איר, — האָט ראפאַיל געזאָגט, אײַנקוקנדיק זיך אינעם שווארצן אויסגעשטערנטן האָריזאָנט, — אַז איך האָב זיך ניט געלאָזט אײַנריידן? זי האָט מיך אײַנגערעדט, און איך האָב געגלייבט, אַז דער מאַנצבל, וואָס האָט זיך מיט איר פארשפּארט, איז אַן אָנגעזעענער פּראָ־פעסאָר, וואָס איז אראָפּגעפאָרן אין שטאָט אַף עטלעכע טעג קאָנסולטירן די שווער־קראַנקע אין די שפּיטאָלן, און זי, מײַן פרוי, האָט דורך באַ־קאַנטשאַפט זיך קוים דערשלאָגן צו אים, ער זאָל זי אופנעמען. שוין א לענגערע צײַט, ווי זי פילט זיך ניט מיט אַלעמען. פון מיר האָט זי אויס־באַהאַלטן, אַז זי איז ניט געזונט, ווײַל זי האָט מיך געזשאַלעוועט. זי ווייסט דאָך, ווי איך נעם זיך פון אַלץ צום האַרצן, — ראפאַיל האָט א צי געטאָן לינען צו זיך, נאָר באַלד זי אָפּגעלאָזט. און שוין ניט אַזוי זיכער, ווי ער האָט געוואָלט עס איר זאָגן, געפרעגט: — און מיט אײַך איז דען ניט פּאָרגעקומען דאָס זעלבע? אײַך האָט דער מאַן אײַערער דען ניט אײַנגערעדט? און איר, ניט גלייבנדיק קיין וואָרט פון דעם, וואָס ער האָט אײַך דערציילט, האָט דאָך געגלייבט, ווײַל איר האָט געוואָלט דערין גלייבן, ווײַל אַזוי איז לײַכטער, ווי אײַנגאַנצן פאַרלירן דעם גלויבן. איר זײַט זיך ניט פונאַנדערגעגאַנגען מיט אײַער מאַן, ווײַל איר האָט זיך דערשראָקן פאַרלירן דעם גלויבן אין מענטשן, און איך בין זיך ניט פונ־אַנדערגעגאַנגען, ווײַל איך האָב פּאָשעט פאַרשטאַנען, אַז זי איז ניט שולדיק. אַזוי איז דער מענטש. וועגן וואָס האָט איר זיך עס אַזוי פאַר־קלערט?

— האַ? — לינע איז געשטאַנען קעגן אים ווי א שילערן, וואָס האָט ניט צוגעגרייט דעם לימעד און וואַרט, עמעצער זאָל איר אונטערזאָגן, וואָס צו ענטפערן.

— אײַך איז ניט קאַלט?

ער האָט אויסגעטאָן פון זיך דאָס רעקל און זאָרגזאַם עס אָנגעטאָן איר אַף די אַקסלען. פון דער אָונטיקער קילקײַט, פון אינערלעכער אָנשטרענגונג איז די שטים בא איר געוואָרן עטוואָס הייזעריקלעך. זי האָט ניט געקוקט אַף ראפאַילן, ווען זי האָט געפרעגט:

— פונוואַנען האָט איר גענומען, אַז איך בין זיך ניט צעגאַנגען מיטן מאַן?

— אַזוינע פרויען, ווי איר, גייען זיך אין אַזעלכע פאַלן ניט פונאַנ־דער. צו וואָס פאַרלירן די פרײַהײַט, וועלכע דער מאַן אַליין האָט אײַך געשאָנקען? עפשער האָב איך אין אײַך א טאָעס? נאָר פאַרוואָס בין איך זיך ניט פונאַנדערגעגאַנגען און א צווייט מאָל ניט כאַסענע געהאַט, דאָס וואָלט איך געקאָנט אײַך זאָגן. פרויען צו פינף און דרײַסיק, פערציק יאָר זײַנען באַזונדערס געפערלעך, באַהיט מיך גאָט זיך פאַרליבן אין א פרוי פונעם דאָזיקן עלטער. איך האָב פּאָשעט מוירע פאַר זיי. מײַד זיי אויס. אַנטלויף פון זיי.

וואָס וואָלט ער געזאָגט, ווען ער דערוויסט זיך, אַז זי געהערט אויך

שוין צו די, וועלכע ער מײַדט אויס, פֿון וועלכע ער אנטלויפֿט? און זי האָט זיך ניט ווילנדיק צעלאַכט.

— וואָס האָט איר מוירע צו האָבן פֿאַר זיי, אַז איר גלייבט סײַווי ניט אין קיין ליבע?

— איך האָב דען אַזוי געזאָגט? עס גלייבט זיך מיר בלויז ניט, אַז ס׳איז דאָ דער מענטש, וואָס זאָל זיך אײַנליבן איין מאָל און אויף גאַנצן לעבן, פּונקט ווי ס׳איז ניטאָ דער בוים, וועלכער זאָל בלויז איין מאָל בלִיען. דער מענטש האָט אויך זײַנע פֿרילינגס, זיי זײַנען אָבער בײַ אים מערסטנטייל פֿאַרבאָרגענע. ער באַהאַלט זיי אויס פֿון אַ זײַטיק אויג, און דערמיט שיידט ער זיך אונטער פֿונעם בוים, וועלכער בליט יעדן פֿרילינג פֿראַנק־און־פֿרײַ.

אייגנטלעך, האָט הענריך איר אויך אַמאָל געזאָגט אַן ערעך דאָס זעלבע מיט זײַן פֿאַרגלײַכן די ליבע זײַנע צו איר צו אַ טײַך, וואָס קאָן אויסגעטריקנט ווערן, אויב עס שטראָמען אַהין ניט אַרײַן קיין פֿרישע קוואַלן. פֿאַר הענריכן איז, הייסט עס, פֿרידע געווען דער פֿרישער שטראָם, עס זאָל ניט פֿאַרטריקנט ווערן דער טײַך. און וואָס האָט באַמערקט אין איר ראַפֿאַיִל, וואָס ער האָט פֿאַרפֿירט מיט איר אָט דעם געשפּרעך? דערזען אין איר איינעם פֿון זײַנע דורכגייענדיקע פֿאַרבאָרגענע פֿרילינגס?

— צי דען האָט איר קיינעם ניט באַגעגנט, וואָס זאָל אָפּלעבן אַ לעבן בלויז מיט איין פֿרילינג, אָן אָט די, ווי איר רופֿט עס, באַהאַלטענע און פֿאַרבאָרגענע פֿרילינגס? — האָט זי געפֿרעגט, קימאַט ווי אָן אַ שטים.

— און אויב איך האָב באַגעגנט, איז וואָס? מעגלעך, עס זײַנען דאָ אַזעלכע אויך. געווען דאַך אַ צײַט, ווען כאַסן־קאַלע האָבן ביז דער כופּע זיך אַפֿילע ניט אָנגעקוקט, און פֿונדעסטוועגן האָט מען זיך דעמלט זעלטן געגעט, אַלנפֿאַלס אַ סאַך זעלטענער ווי איצט, כאָטש איצט גייט מען ניט אין זאַגס, ווי מע זאָגט עס, מיט פֿאַרמאַכטע אויגן — כאָסן־קאַלע זוכן אַליין אָפּ איינס דאָס אַנדערע און האָבן גענוג צײַט זיך אָנצוקוקן און אַרומקוקן. נאָר אויך דעמלט, בין איך זיכער, האָט יעדער איינער זיך געהאַט זײַנע פֿאַרבאָרגענע פֿרילינגס. דער מענטש איז פֿאַרט באַשאַפֿן אַזוי, אַז ער קאָן ניט אויסקומען אָן דעם, ער מוז זיך פֿאַרליבן. און איר ווייסט: מיך וווּנדערט ניט, ווען איך לייען, אַז אַמאָליקע יאָרן האָט מען מערסטנטייל ניט כאַסענע געהאַט, נאָר מע האָט כאַסענע געמאַכט, און וואָס ניט יעדן האָט מען געלאָזט, ער זאָל אַליין אויסקלײַבן זיך זײַן פּאָר. נו, און די קינדער קלײַבן זיך דען אַליין אויס עלטערן, וואָס זיי זײַנען אַזוי פֿאַרליבט אין טאַטע־מאַמע? וועגן וואָס האָט איר זיך עס ווידער פֿאַרקלערט?

— גאָרניט, — און אין אַ ווײַלע אַרום, פֿאַרוואָרפֿנדיק דעם קאָפּ אַף אַרוף, זיך אָנגערופֿן. — אײַך איז קיינמאָל ניט געקומען אויפֿן זינען, אַז די לעוואָנע איז שוין ניט די, וואָס פֿריִער, אַז פֿון זינט מע איז דאָרט געווען, האָבן מיר אַלע דערפֿון אַ סאַך פֿאַרלוירן. די לעוואָנע איז דאָך געווען די איינציקע, פֿון וועמען פֿאַרליבטע האָבן זיך ניט אויסבאַהאַלטן. און איצט... אײַך דאַכט זיך ניט, אַז עמעצער קוקט פֿון דאָרט די גאַנצע צײַט אַהער אַראָפּ, אַז די לעוואָנע איז אײַנגעהילט אין שטויב, וועלכן מע האָט דאָרט

אופגעהויבן, און אז די דורכגעלייגטע סטעזשקע אין יאם איז פונעם זעלבן נאָך ניט אראָפּגעזעצטן שטויב?

— אדוואָקאטן זײַנען ניט קיין ראָמאנטיקער.

— איך האָב גאָר פארגעסן, אז איר האלט בלויז פון פארבאָרגענע פרילינגס, און אז קיינער איז אין דעם ניט שולדיק, ווײַל אזוי איז שוין באשאפן דער מענטש.

— און דאָך איז בא יעדן מענטשן פאראן בלויז איין פרילינג, איין ליבע, וואָס איז בא אים די איינציקע, די עכטע, די שטענדיקע אפן גאנצן לעבן.

— וועלכע?

— די, וועלכע דער מענטש טראכט אליין צו פאר זיך, אָדער ווי עס זאָגן די פּאָעטן, דיכטעט זי אליין אויס. אין דער ווירקלעכקײַט איז אזא ליבע ניטאָ און קאָן ניט זײַן, ווײַל קוים גייט זי איבער אין ווירקלעכקײַט, פארשווינדט זי. וועגן דעם ווייסן זייער גוט די, וואָס האָבן זיך געלאָזט פארפירן פון דער ערשטער ליבע און מיט דעם אין א יאָר צי אין צוויי ארום פארוואנדלט איר יאָמטעוודיקע דערהויבנקײַט אין א געוויינלעכן אינדערוואָכן, און עס ווייסן ניט וועגן דעם יענע, וואָס האָבן די ערשטע ליבע איבערגעלאָזט פאר זיך בלויז ווי א דערמאָנונג, ווי א הייליקײַט, צו וועלכער מע רירט זיך ניט צו, זי איבערגעלאָזט ווי א טרוים, וואָס באגלייט דאָס גאנצע לעבן. איך און, דאכט מיר, אז אויך איר, האָבן טײַער באצאָלט פאר דעם, וואָס מיר האָבן אונדזער ערשטע ליבע ניט איבערגעלאָזט פאר זיך ווי א טרוים, וואָס טאָר קיינמאָל ניט פארוואנדלט ווערן אין ווירקלעכקײַט. איצט וועט אײַך אויך אויסקומען פונסנײַ זי אויסדיכטן, אָט ווי מיר, אויסדיכטן פאר זיך א ליבע, וואָס זאָל זײַן די איינציקע, די עכטע, די שטענדיקע.

אין הויף פון דער סאנאטאָריע האָט ראפאיל זיך דערמאָנט:

— איבעראכטאָג דינסטיק איז ראָשעשאָנע.

— ראָשעשאָנע באקט מען עס דרײַעקיקע בולקעלעך מיט מאָן?

— איר האָט פארגעדענקט, זע איך, די יידישע יאָמטויווים, לויט די מײַכאָלים. אנדערע געדענקען דאָס אויך ניט. איר האָט אָבער א ביסל איבערגעפּלאָנטערט. בולקעלעך מיט מאָן באקט מען פורים, און מע רופט זיי האָמענטאשן. ראָשעשאָנע עסט מען ווײַנטרויבן און קאַווענעס. מיינט ניט, אז איך ווייס וועגן די יידישע יאָמטויווים א סאך מער פון אײַך. נאָר אז ראָשעשאָנע דאָס איז נײַ־יאָר, דאָס ווייס איך, און דאָ, אף קוראָרט, איז אײַנגעפירט באגעגענען דעם יידישן נײַ־יאָר אין רעסטאָראַן. איר וועט ניט פארגעסן? דינסטיק אָוונט. נאָר ביז דינסטיק, האָף איך, וועלן מיר זיך נאָך זען. מיט אײַך וועט בא אונדז זײַן פונקט פיר פּאָרלעך. און אויב דער קונצנמאכער וועט צו יענער צײַט ניט אוועקפאָרן, וועלן מיר זײַן פינף. יאָ, זאָל אײַך ניט וווּנדערן, וואָס באם צערעכענען זיך וועט יעדערער צאָלן פאר זיך.

לינע האָט לאנג ניט געקאָנט אײַנשלאָפן. ווער איז ער, אָט דער ראַפאיל? נאָך דער הײַנטיקער באגעגעניש איז ער געוואָרן פאר איר נאָך מער פארהוילן.

# 16

נאָך מיט עטלעכע טעג פאר דעם, ווי ראפאיִל האָט אײַנגעלאַדן ליִנען באגעגענען ראָשעשאָנע, זײַנען שוין אלע טישלעך אין רעסטאָראַן אפן דאָזיקן אָוונט געווען פארנומען, און אז מע האָט זיך געדארפט דערוף ריכטן, האָבן, אויסער איר, ליִנען, עס, דאכט זיך, אלע געוווּסט. זי האָט עס ארויסגעזען דערפון, ווי די פּאָרלעך, וואָס זײַנען צו דער באשטימטער שאָ זיך צוזאמענגעקומען אין וועסטיביול פון רעסטאָראַן, ווו ראפאיִל האָט זי באקענט מיט זיי, האָבן ארופגעוואָרפן די שולד איינער אפן צווייטן, זיך פארענטפערט איינער פארן אנדערן, פארוואָס האָט מען באצײַטנס ניט באשטעלט פאר אלעמען קיין טישלעך. און ווײַל יעדערער פון זיי האָט, אָפּוואָרפנדיק פון זיך די שולד, געפונען פאר נייטיק צוגעבן, אז ס'איז, פארשטייט זיך, ניט געגאנגען בא זיי אינעם געלט, וואָס מע האָט געדארפט פאר אלעמען אויסלייגן, איז ליִנע געווען קימאַט זיכער, אז טאקע בלויז דאָס איז די איינציקע סיבע, און זי האָט ניט ווילנדיק געכאפּט א קוק צו זיך אין רידיקיול. דאָס, וואָס ראפאיִל האָט שוין ניט איין מאָל געפּרוּווט פארוואנדלען אין א שפּאס די וואָרענונג, וועלכע ער האָט איר געמאכט, אײַנלאַדנדיק זי באגעגענען ראָשעשאָנע, האָט שוין גאָרניט געקאָנט ענדערן. ער מעג זײַן לאַכלוטן רויִק, אז אים וועט קיין קאָפּעקע ניט אויסקומען באצאָלן פאר איר. זי האָט עס אים געגעבן אָנ־צוהערן, גייענדיק אהער, זי האָט עס אים געגעבן אָנצוהערן אויך איצט:

— פארוואָס האָט איר מיך ניט געוואָרנט, אז סע קאָן זיך אזוי באקו־מען? איך וואָלט שוין ווי־ניט־איז געפונען אי צײַט, אי געלט אף צו באשטעלן פאר אלעמען ערטער.

ראפאיִל האָט איר דערוף גאָרניט געענטפערט. ער האָט ניט געענט־פערט אויך די, וואָס האָבן זיך צו אים געווענדט, ווי צו אן עלטסטן, מיט איינער און דער זעלבער פראגע: „וואָס איז דאָ פאראן, אויב אזוי, וואָס צו זיצן?", און מיט איינער און דער זעלבער אייצע: „עפּשער פּרוּוון דאָס מאזל אין אן אנדער רעסטאָראַן". ראפאיִל האָט געוווּסט, אז אין קיין שום אנדער רעסטאָראַן וועט ליִנע ניט גיין, אז דאָס איינציקע, מיט וואָס ער האָט זי, אייגנטלעך, צוגערעדט קומען מיט אים הײַנט אהער, זײַנען די ייִדישע ניגונים, וואָס דער אָרקעסטער שפּילט דאָ יעדן ראָשעשאָנע, און מיט די ייִדישע לידער, וועלכע די ניט־ייִדישע זינגערן זינגט דאָ ראָשעשאָנע.

ענדלעך האָט איינע פון די פרויען, וואָס איז, ווי ליִנע, געקומען אין דער באגלייטונג פון א פרעמדן מאנצבל, פארגעלייגט וואָרפן גורל, ווער פון די פרויען זאָל גיין פירן אונטערהאנדלונגען מיטן אדמיניסטראַטאָר, וויבאלד די מאנצבלען האָט זיך ניט אײַנגעגעבן מיט אים זיך דעריידן. ס'קאָן דאָך ניט זײַן, ער זאָל ניט האָבן איבערגעלאָזט אף יעדן פאל א פאָר פרײַע טישלעך, און דאָרט, ווו דער אדמיניסטראַטאָר איז א מאנצבל, דארף מען שטענדיק שיקן אף אונטערהאנדלונגען א פרוי. מיט א פרויען־צימער וועט ער פאָרט אנדערש ריידן.

די יונגע קלײנװוּקסיקע דאַמע מיט די גרויסע אוירינגלעך פֿון אונטער די אַראָפּגעפּאַלענע לאָקן, וואָס האָט פֿאַרגעלייגט וואַרפֿן גורל, האָט זיכער ניט דערוואַרט, אַז דער גורל וועט פֿאַלן אויף איר. נאָר ווען דער באַיאָרטער מאַנצבל, מיט וועמען זי איז אַהער געקומען, האָט, אַנוווּיַזנדיק אויף ראַפֿאַ‏ִל, איר געראָטן אָנהייבן די אונטערהאַנדלונגען פֿון דעם, אַז צווישן זיי געפֿינט זיך אַן אַדוואָקאַט און פֿאַר אַן אַדוואָקאַט איז ניטאָ וואָס מוירע צו האָבן, האָט ראַפֿאַ‏ִל אָפּגעשטעלט די פּרוּוו און איז אַליין אַוועק צום אַדמיניסטראַטאָר, אײַנלאַדנדיק מיט זיך לינען. פֿון זײַן בליק אויף איר האָט לינע ניט געקאָנט פֿאַרשטיין, צי דאָס גייט ער איר דערווײַזן, אַז פֿאַר געלט קריגט מען אַלץ, צי דאָס נעמט ער זי פֿאַר אַן איידעס, אַז ער האָט קיין שום שײַכעס ניט צו דעם, וואָס ער האָט איר דעמלט אויפֿן פּליאַזש געזאָגט וועגן זיך.

ווען דער אַדמיניסטראַטאָר האָט זיך אויפֿגעהויבן מיט זיי אויפֿן אַנדערן שטאָק, און איבערראַשנדיק פֿאַר זיך, אַז ער קאָן האָבן גרויסע אומאָנגענעמלעכקייטן פֿונעם דירעקטאָר, וואָס ער האָט אָן זײַן וויסן אָפּגעטראָטן דאָס דאָזיקע קאַבינעטל, — זײַנען די צונויפֿגערוקטע טישלעך שוין דאָרט געשטאַנען סערווירט.

אַלס באַלוינונג פֿאַר די דערפֿאָלגרײַכע אונטערהאַנדלונגען האָט מען לינען מיט ראַפֿאַ‏ִלן אָפּגעטראָטן דעם אויבנאָן — די ערטער בײַ דער האַלב־אָפֿענער וואַנט פֿונעם קאַבינעטל, וואָס איז אַראָפּגעהאַנגען איבערן גרויסן העל־באַלויכטענעם זאַל, ווי אַ לאָזשע אין טעאַטער. קאָנטיק, ס'איז טאַקע ווירקלעך אַזוי, ווי דער אַדמיניסטראַטאָר האָט זיי געזאָגט, אַז דאָס דאָזיקע אָפּגעזונדערטע קאַבינעטל מיטן טעפּיך אויפֿן דיל און מיט די בראָנזענע קאַנדעליאַברעס אויף די ווענט האַלט מען דאָ אויף יעדן פֿאַל, ביז דער סאַמע לעצטער מינוט, און אַז אָן דער דערלויבעניש פֿונעם דירעקטאָר טאָר עס קיינער ניט פֿאַרנעמען.

פֿונדאַנען האָט זיך קימאַט געזען דער גאַנצער זאַל. ביזוואַנען די אָפֿיציאַנטקע האָט אויפֿגעפּראָפּט די פֿלעשער ווײַן און געבראַכט די באַשטעלטע געריכטן, האָט לינע באַוויזן באַטראַכטן דעם יאָמטעוודיק־אויסגעפּוצטן און טומלדיקן עולם אונטן אין זאַל בײַ די באַזונדערע און צונויפֿגערוקטע טישלעך. נאָך דעם ווי ראַפֿאַ‏ִל האָט איר דערציילט, אַז ראָשעשאָנע איז איינער פֿון די יאָמטויווים, ווען בײַ אים אין שטאָט איז ניט צוצוטרעטן צו דער סינאַגאָגע, — אַזוי געפּאַקט איז דאָרט, — און אויב ער, ראַפֿאַ‏ִל, גייט ניט ראָשעשאָנע און יאָמקיפּער אין שול, איז עס ניט בלויז דערפֿאַר, וואָס ער גלייבט ניט, אַז די וועלט האָט עמעצער באַשאַפֿן און פֿירט מיט איר אָן, — ס'איז אים פּאַשעט דערווידער, ווען מע ווערט פֿרום אויף איינעם צי אויף צוויי טעג אין יאָר און מע פֿירט זיך נאָך דערבײַ אויף ווי אויף אַ געריכט, מע אַנערקענט זיך אין די קליינע זינד און מע פֿלײַסט זיך אויסבאַהאַלטן פֿון די ריכטער די גרויסע שולד, פֿאַרשווײַגנדיק דערמיט זייערע עלטערן און אורעלטערן, וואָס פֿלעגן גיין אין שול, ווײַל זיי זײַנען דורכן יאָר געווען פֿרום, גיין אַהין דרײַ מאָל אַ טאָג און יעדן טאָג זיך שלאָגן אין ברוסט פֿאַר זינד, וועלכע זיי זײַנען ניט באַגאַנגען, — נאָך דעם ווי ראַפֿאַ‏ִל האָט עס איר אַלץ דערציילט, איז לינע

געבליבן פארוואונדערט, וואָס זי האָט דערזען דאָ אין זאַל אַזויפיל יונגע מענטשן, און נאָך מער האָט זי פארוואונדערט, וואָס אָט די יונגע מענטשן האָבן מיטגעזונגען מיט דער עסטראַדע־זינגערין, וועלכע האָט געשלעפּט נאָך זיך דעם לאַנגן שנור פון מיקראָפאָן, ווי זי זאָל זײַן צוגעבונדן צו אים, אַ ייִדישע ליד; ווען דער אוילעם אין זאַל האָט, איבערשרײַענדיק איינער דעם צווייטן, גענומען באַשטעלן בײַ דער ניט איבעריקס יונגער און, ווי ס'איז צו זען פונעם אָנטאָן אירן, ניט איבעריקס שעמעוודיקער עסטראַדע־זינגערין, וואָס צו זינגען, האָט לינען זיך אויך געוואָלט אַראָפּ־שרײַען, באַשטעלן בײַ איר — „איך גיי אַרויס אָפן גאַנעקל", די איינציקע ליד, וואָס האָט זיך איר פאַרגעדענקט פון די, וועלכע זי האָט קינדווײַז געהערט פון דער מאַמען, ניט פאַרשטייענדיק ביז איצט נאָך דעם באַטײַט פון די ווערטער, ווי זי האָט ביז מיט עטלעכע טעג צוריק ניט געוווּסט, אַז ראָשעשאָנע באַטײַט נײַ־יאָר.

נײַ־יאָר איז נײַ־יאָר! זי וועט הײַנט פון קיינעם ניט אָפּשטיין. און אַז ראַפאַיל האָט זי געפרעגט, וואָס וועט זי טרינקען, האָט זי אים געענט־פערט:

— דאָס, וואָס איר.

— בראַנפן?

— נו, פאַרשטייט זיך.

וואָס האָט עס אים אַזוי פאַרוואונדערט, וואָס ער האָט אַף איר אַזוי אַ קוק געטאָן? ער האָט ניט דערהערט?

— נו יאָ, בראַנפן, — האָט זי, פאַרוואָרפנדיק דעם שיינעם ייִנגלש־אונטערגעשוירענעם טונקל־קאַשטאַנעוון קאָפּ האָר, איבערגעכאַזערט, און אירע קאַרע גלאַנציקע אויגן האָבן זיך נאָך מער צעלויכטן.

דער באַיאָרטער מאַנצבל אַנטקעגניבער, וואָס האָט מיט זײַן אַרויסווײַזן באַזונדערע אויפמערקזאַמקײַט דעם יונגן פולבלעכן ווײַבל לעבן אים גלײַך אויסגעגעבן, אַז ס'איז ניט זײַן פרוי, האָט געבעטן אַלעמען אָנפילן די גלעזלעך, זיך אויפגעשטעלט און געפרעגט:

— ראָשעשאָנע, מײַנע ליבע פרײַנט, זאָגט מען, ווערט יעדן פאַרגרייט אַ קוויטל אַף אַ גאַנץ יאָר, וואָס דערוואַרט, הייסט עס, יעדן פון אונדז. און וואָס דאַרף הײַנטיקע צײַטן יעדערער? געזונט, געזונט און ווידעראַ־מאָל געזונט. געזונט און שאָלעם אַף דער וועלט. איז פאַר אַ געזונט, גליקלעך יאָר און פאַר שאָלעם אַף דער וועלט! לעכאַיִם!

לינען איז ביז גאָר ציקאַווע, וואָס אין אַזאַ דושנעם וואַרעמען אָוונט ווי הײַנט, ווען די ביימער אונטער די פענצטער זײַנען נאָך זומערדיק גרין און די לופט איז אָנגעזאַפּט מיט זיסלעך־ווײַניקע רייכעס פון באַרן און פערסיקעס, ברענגט זי אַרויס די זעלבע ווערטער, וועלכע זי האָט מיט אַ כאַדאָשים נײַן צוריק אַרויסגעבראַכט בײַ דער שײַן פון אָנגעצונדענע פאַרשיידנפאַרביקע לעמפּעלעך אַף דער יאָדלע, וואָס האָט געשמעקט מיט פאַרשנייטן און פראָסטיקן וואַלד.

דאָס באַזונדער דערהויבענע יאָמטעוו־געפיל פון נײַ־יאָר האָט זי ניט פאַרלאָזט דעם גאַנצן אָוונט, און מיט אָט דעם געהויבענעם געפיל האָט זי יעדעס מאָל אַרויסגעבראַכט דאָס נײַ־צוגעקומענע וואָרט: ראָשעשאָנע.

נאָר וואָס איז עס היינט מיט ראַפאַילן? פאַרוואָס שווייגט ער קימאַט דעם גאַנצן אָוונט און קוקט אַף איר אַזוי מאָדנע?

— וואָס איז היינט מיט אייך? — האָט לינע, אָנבייגנדיק זיך צו אים, שטיל געפרעגט. — ס'איז עפּעס געשען?

— כ'ווייס ניט.

לינע האָט זיך באַגעגנט מיט זיין בליק און פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— כ'ווייס ניט, — ער האָט זיך אָנגעגאָסן אַ גלעזל בראַנפן און עס שווייגנדיק אויסגעטרונקען.

אַף דער נידעריקער בינע איז נאָך אַלץ געשטאַנען די זעלבע, ניט לויט די יאָרן געקליידטע זינגערן און איבערגעכאַזערט די עטלעכע ייִדישע לידער, וואָס זי האָט געקענט און וועלכע דער אוילעם האָט ניט אויפגעהערט בא איר באַשטעלן. די אָרקעסטראַנטן, קאָנטיק, זיינען שוין געווען ניט אינגאַנצן ניכטער. דאָס האָט זיך געפילט פון דעם, ווי דער פּיאַניסט איז באַפאַלן די קלאַווישן און ניט געלאָזט צורו די פּעדאַלן, ווי דער סאַקסאָפאָניסט האָט אָנגעבלאָזן די באַקן, ווי דער פּייקלער איז אונטערגעשפּרונגען מיט די טאַצן.

בא די טישלעך איז קימאַט קיינער ניט געבליבן. דער אָרקעסטער האָט אַלעמען פאַרדרייט אין אַ ווירבער. מע האָט געטאַנצט צווישן די טישלעך, בא דער בינע, אין קאָרידאָר. ווען די מוזיקאַנטן האָבן זיך ענדלעך איינגעמידט און שוין געשפּילט אַ סאַך רויִקער און שטילער, האָט לינע גענומען ראַפאַילן אונטער דער האַנט און זיך אַראָפּגעלאָזט מיט אים אונטן אין זאַל.

— וואָס איז היינט מיט אייך? — האָט זי, דרייענדיק זיך מיט אים צווישן די טישלעך אין אַ לאַנגזאַמען וואַלס, ווידעראַמאָל געפרעגט און ווידער דערהערט דאָס זעלבע: „איך ווייס ניט...‟ נאָר ווען זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט, האָט לינע דערהערט:

— צו וואָס פרעגט איר עס מיך?

זי האָט געקוקט אַף אים ווי דורך אַ נעפּל.

— צו וואָס פרעגט איר עס מיך? — האָט ער מאָדנע שטיל איבערגעכאַזערט. — איר ווייסט דען אַליין ניט? — ער האָט, צוטראָגנדיק איר האַנט צו זיינע ליפּן, נאָך עפּעס געהאַט איר געזאָגט, נאָר זי האָט ניט דערהערט.

איז אָט פאַרוואָס ער איז נאָך דער ערשטער באַקאַנטשאַפט מיט איר פּלוצעם פאַרשוווּנדן פונעם פּליאַזש אַף עטלעכע טעג און זיך די גאַנצע צייט נאָכדעם אָנגעגעבן פאַר אַן אַנדערן, אָנריידנדיק אַף זיך. דאָס האָט ער אַלץ צוגעטראַכט פאַר־אירטוועגן, זי זאָל האָבן מיט וואָס זיך צו ווערן קעגן אים. פונוואַנען האָט זיך אָבער צו אים גענומען די זיכערקייט, אַז איר וועט אויסקומען זיך ווערן? דערפון, וואָס ער איז געווען פאַרגלייבט אין זיך, אַז זי וועט סאָפּקאָלסאָף אָנקומען צו דעם? צי ער האָט עס באַמערקט אין איר נאָך דעמלט, ווען זי האָט נאָך פון זיך אַליין געהאַט עס אויסבאַהאַלטן, נאָך אַליין ניט געוווּסט, פאַרוואָס האָט זי אָנגע־

הויבן א סאך פריִער קומען אפֿן פּליאזש און א סאך שפּעטער אוועקגיין, און פאַרוואָס האָט זי, ארויסגייענדיק נאָך אָוונט־ברויט פֿון עס־זאַל, זיך יעדעס מאָל געלאָזט צו דער קיפּאַריסן־אַליי... נאָך דעם ווי ער האָט איר געזאָגט, אז זי האָט אים ניט וואָס צו פֿרעגן, אז זי ווייסט אליין, פאַרוואָס איז ער היינט אַזאַ, איז איר שוין לײַכטער אים צו זאָגן דאָס, וואָס זי האָט די גאַנצע צײַט זיך געקליבן אים זאָגן, נאָר ניט געוווּסט, צי זאָל זי עס אים אַנטפּלעקן אפֿן בארג, וווּהין זיי גייען יעדן אָוונט, צי אפֿן פּלי־פֿעלד פאַרן אַרײַנזעצן זיך אין אעראָפּלאַן. זי וועט אים דעמלט אויך געבן מיט וואָס זיך צו ווערן קעגן איר. און אויב ער וועט איר ניט גלייבן, אז זי איז שוין לאַנג אין דעם עלטער, וועלכן ער מײַדט אויס, פֿון וועלכן ער אַנטלויפֿט, פאַר וועלכן ער האָט מוירע?..

דעם האַלב־שלעפעריקן וואַלס האָט לינע פאַרענדיקט, דרייענדיק זיך מער אויף איין אָרט. דאָס געזאַנג פֿון דער זינגערין און דאָס שפּילן פֿונעם אָרקעסטער האָט ניט פאַרטויבט דאָס הילכיקע קלאַפּן פֿון איר האַרץ.

— איך האָב שוין לאַנג ניט געהאַט קיין בריוו פֿון דער היים. דער מאַן האָט מיר געשריבן, אז סאַמע כוידעש וועט ער זיך, מעגלעך, אַראָפּ־כאַפּן אַהער אויף עטלעכע טעג.

אין דעם, וואָס זי האָט מיטאַמאָל דערמאָנט אין זיך, אין אים, אז זי האָט א מאַן, איז געווען די איינציקע שוץ אירע, אונטער וועלכער זי האָט געוואָלט זיך אויסבאַהאַלטן, קעדיי ניט דאַרפֿן ענטפֿערן ראַפֿאַילן.

פאַרלאָזנדיק דעם זאַל, האָט לינע געפֿילט, ווי מע באַגלייט זי אַרויס מיט נאָכקוקנדיקע בליקן, און פֿון דעם איז איר טראָט געוואָרן לײַכטער, און זי אַליין, דאַכט זיך, העכער, שלאַנקער.

— מע דאַרף ניט, — זי האָט אָפּגערוקט פֿון ראַפֿאַילן די נײַע פֿלאַש בראַנפֿן, וועלכע ער האָט באַשטעלט, און ניט געלאָזט די אָפֿיציאַנטקע, זי זאָל אופֿפּראָפּן, — מע דאַרף ניט. איר האָט שוין היינט אַזוי אויך א סאַך געטרונקען.

— איר האָט מוירע, אז איך וועל ווערן שיקער? איך בין שוין סײַווי שיקער.

דאָס קעלישעקל בראַנפֿן, וואָס ער האָט פֿונדעסטוועגן זיך אָנגעגאָסן, האָט ראַפֿאַיל בלויז צוגעטראָגן צו די ליפּן און עס באַלד אָפּגעשטעלט אָן א זײַט. איר, לינען, האָט ער אונטערגעטראָגן א פֿולן באָקאַל שאַמפּאַניער. לינע האָט געוווּסט, אז פֿון שאַמפּאַניער פאַרדרייט זיך איר שטענדיק דער קאָפּ, געוווּסט עס און דאָך אים אויסגעטרונקען אין איין אָטעם. איצט האָט זי זיך שוין אינגאַנצן ניט פאַנאַנדערגעקליבן, וואָס שפּילט עס דאָרט אַזוינס דער אָרקעסטער, וואָס די יונגעלײַט זײַנען דערפֿון אַזוי אַנציקט, זיצן ניט אײַן בײַ די טישלעך, שלעפּן אין קאַראַהאָד אַרײַן אַלעמען טאַנצן.

— וואָס האָבן זיי עס געשפּילט, וואָס דעם אוילעם איז עס אַזוי געפֿעלן? — האָט זי געפֿרעגט ראַפֿאַילן, לײַכט צורירנדיק זיך צו זײַן האַנט, ווי זי זאָל אים דאַרפֿן אופֿוועקן.

דאכט זיך, זי האָט אים טאַקע אופגעוועקט. ער האָט געקוקט אַף איר צעשטרייט, דאָס קאָל איז געווען הייזעריקלעך, פאַרשלאָפן.

— אַנטשולדיקט, איך האָב ניט געהערט.

— דעם „ייִדישן ראָקן־ראָל" האָבן זיי געשפּילט, — האָט זיך אָפּגערופן איינער פון די מאַנצבלען באַם טיש, אַ בלאָנדער יונגערמאַן אין טונקעלע ברילן, וואָס האָט זיך דעם גאַנצן אָוונט איבערגעוווּנקען און איבערגע־שעפּטשעט מיטן שמייכלענדיקן כיינעוודיקן ווײַבל, וואָס איז געזעסן לעבן אים, און זיך ווי באַמיט אַרויסגעבן, אַז אַט דאָס ווײַבל, מיט וועלכער ער איז געקומען, איז ניט זײַנס, — אָן דעם דאָזיקן „ראָקן־ראָל" באַגייט מען זיך ניט אַף קיין איין כאַסענע, אַף קיין איין סימכע.

יאָ, זי האָט זיך שוין דערמאָנט. אַף אירינעס געבורטסטאָג האָט איינער אַ דאַרער פּאַרוואַקסענער באָכער געבראַכט מיט זיך צו שלעפּן אַ מאַג־ניטאָפאָן, און ווען ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די טענץ, האָט ער, דערמאָנט זי זיך, עפּעס מיט אַ באַזונדער פײַערלעכקײַט געמאָלדן, אַז ער האָט פאַר־שריבן אַף אַ מאַגניטאָפאָן־טאַשמע דעם „ייִדישן ראָקן־ראָל" און געבראַכט זי מיט זיך. לינע געדענקט, אַז דער ניגן האָט אין איר דעמלט איבער־געלאָזט עפּעס אַ געפיל פון פּוסטקײַט. די זעלבע פּוסטקײַט האָט זי איצט ווידער געפילט, און ניט ווילנדיק זיך אַרומגעקוקט, ווי זי זאָל זוכן דעם דאַרן באָכער מיט דער ווילד פאַנאַנדערגעוואַקסענער באָרד, און זיך אָנגעשטויסן אַפן בלאָנדן יונגנמאַן אין די טונקעלע ברילן.

— נו, און אײַך איז געפעלן אָט דער, ווי רופט איר עס, ייִדישער ראָקן־ראָל?

— פאַרוואָס זאָל ער מיר ניט געפעלן? אַן עכט ייִדישער מאָטיוו.

— און אײַך? — האָט לינע זיך געווענדט צום כיינעוודיקן ווײַבל. — כ'פאַרשטיי ניט, ווי קאָן געפעלן אַזאַ פּרימיטיווע מוזיק? ניין, איר זאָגט עס ערנסט, אַז ס'איז אײַך געפעלן? — האָט זי זיך ווידער געווענדט צום בלאָנדן יונגנמאַן.

ווען דער אָרקעסטער האָט געמאַכט אַן איבערײַס — אַראָפּ פון דער בינע און באַ אַ זײַטיק טישל זיך געזעצט עסן אָוונט־ברויט, — איז לינע אַרויס פון קאַבינעטל, זיך אַראָפּגעלאָזט מיט די טרעפּ אין זאַל און מיטן זעלבן אינערלעכן ציטער, מיט וועלכן זי פלעגט אין דער אָנווענזנהײַט פון ענגריכן זיך זעצן שפּילן, איז זי אַרויף אַף דער בינע, צוגעגאַנגען צו דער אָפענער פּיאַנינע, און נאָכן דורכלויפן זיך מיט די פינגער איבער די קלאַווישן איז אין זאַל געוואָרן שטיל, ווי אין אַ וואַלד פאַר אַ געוויי־טער; עס זײַנען דורך עטלעכע רעגעס, און דער געוויטער האָט אויסגע־בראָכן — אַ שטורמישער, אַ מעכטיקער, פול מיט דונערן און בליצן, וואָס האָט זי פאַרטראָגן, לינען, אַפן באַרג, באַ וועלכן ס'האָבן זיך געשלאָגן די כוואַליעס פונעם דול געוואָרענעם יאַם.

אַן אייביקײַט, האָט זיך איר געדאַכט, האָט געדויערט, ביז די אומ־געקערטע שטילקײַט האָט אויך זי, לינען, אַראָפּגעבראַכט צוריק אַהער, אין זאַל. נאָר פון דער בינע איז זי אַראָפּגעגאַנגען, ווען אין זאַל האָט שוין ווידער געשטורעמט. אינעם פּליעסקען מיט די הענט איז אויך גע־ווען עפּעס פון דעם זיך דורכגעטראָגענעם דאָ געוויטער. אין קאַבינעטל,

ווהין זי האָט זיך אומגעקערט, האָט מען זי אויך באַגעגנט שטייענדיק און מיט הילכיקע אַפּלאַדיסמענטן. ניין, ס׳האָט זיך איר ניט אויסגעוויזן: דער אָרקעסטער האָט שוין איצט אַנדערש געשפּילט די זעלבע ניגונים, ווי ער האָט זיי פריִער געשפּילט, און קיינער אין זאַל האָט שוין מער ניט גע־בעטן דעם אָרקעסטער, ער זאָל שפּילן דעם ראָקן־ראָל, וואָס עמעצן איז איַינגעפאַלן אים אָנרופן ייִדישער טאַנץ.

קיינער האָט ניט באַמערקט, ווי לינע האָט א ווונק געטאָן צו דער אַריַינגעקומענער אַפּיציִאַנטקע און ווי זי איז אין א וויַילע אַרום אַרויס מיט איר אין קאָרידאָר.

— ביטע, גרייט צו דעם כעזשבן. איך וועל דאָ צוּוואַרטן.

זיך צעזעגנט פאַר אַלעמען, האָט לינע זיך אומגעקערט אין קאַבינעט און געפרעגט דעם פאַרטראַכטן ראַפּאַיִלן:

— איר קליַיבט זיך נאָך ניט גייז? ס׳איז שוין ניט פרי.

— אַפּיציִאַנט!

— זאָרגט זיך ניט, — האָט לינע אָפּגעשטעלט דעם יונגנמאַן אין די טונקעלע ברילן, — איך האָב זיך שוין צעכעזשבנט.

ראַפּאַיִל האָט פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— דערלויבט, דערלויבט. איר האָט באַצאָלט פאַר אַלעמען, צי... איז וויפל פאַלט אויס אויף יעדן? — און דער באַיאָרטער מאַנצבל, וואָס האָט איר דערקלערט דעם טיַיטש פון לעכאַים, האָט אַרויסגענומען פון קעשע־נע דעם פאָרטמאָנע. — אַפּיציִאַנט, — האָט ער, עפענענדיק די טיר, אַריַינ־געשריִען אין קאָרידאָר, — דערלויבט, זיַיט אַזוי גוט, א קוק טאָן אין כעזשבן. — ער האָט קימאַט ווי מיט גוואַלד אָפּגענומען בא לינען דעם רידיקיול, און באַרעכענענדיק, וויפל פון איטלעכן עס קומט, ניט אומגע־קערט איר צוריק דעם רידיקיול, ביז יעדערער האָט ניט איַינגעצאָלט זיַין כיילעק.

— זעט נאָר, איך זאָל דערבײַ ניט פאַרדינען, — ס׳האָט זיך בא איר שיִר ניט אַרויסגעכאַפּט: „איך זאָל דערנאָך ניט האָבן צו טאָן מיט אַד־וואָקאַטן״.

לינע האָט שוין געהאַט צוגעמאַכט דעם רידיקיול, ווען אין קאַבינעטל איז אַריַינגעקומען די אַפּיציִאַנטקע און איר אויסגעשטרעקט א צונויפ־געלייגט פּאַפּירל.

— איך פאַרשטיי ניט. וואָס איז דאָס פאַר א געלט?

— איר האָט מיר איבערגעצאָלט, — און די אַפּיציִאַנטקע, אויסבאַ־האַלטנדיק פון אַלעמען אירע שמייכלענדיקע אויגן, איז האַסטיק אַרויס פון צימער.

דערזעען, ווי פאַרלוירן ראַפּאַיִל האָט זיך אומגעקערט פון קאָרידאָר, האָט לינע אַריַינגעלייגט דאָס געלט־פּאַפּירל אין רידיקיול און זיך גענו־מען מיט אַלעמען געזעגענען, צווינטשנדיק יעדן א גוטן און גליקלעכן ראָשעשאָנע.

אַרויסגעבראַכט האָט זי דאָס דאָזיקע וואָרט מיט א באַזונדער פאַרגע־ניגן, קימאַט זינגעוודיק.

## 17

דער באַנאַכטיקער הימל, ווען לינע מיט ראַפאַ‌ל זײַנען אַרויס פֿון רעסטאָראַן, איז געווען דורכזיכטיק־בלוי און באַזעצט מיט שטערן, מיט גרויסע פֿינקלענדיקע שטערן, און ס'איז עפּעס שווער געווען צו גלייבן, אַז דער געדיכטער האַסטיקער רעגן, וואָס האָט זיי באַגעגנט, איז געגאַנגען פֿון אָט דער דורכזיכטיק־בלויער אויסגעשטערנטער הייך. דער רעגן האָט זיי פֿאַרטריבן אונטער אַ דערבײַיִקן ברייט־צעוואַקסענעם פּלאַטאַן, נאָר אין עטלעכע מינוט אַרום האָט ער זיי דאָ אויך אָנגעיאָגט מיט זײַנע שווערע קאַלטע טראָפּנס.

און דער הימל איז נאָך אַלץ געווען אויסגעשטערנט, קיין וואָלקן אויף אים ניט צו זען.

— אין דער הייך קומט פֿאָר, אַפּאָנעם, דאָס זעלבע, וואָס אויף דער ערד. מע פּאַסט זיך צו. די וואָלקנס ציִען אַרויף אויף זיך דעם זעלבן קאָליר, וואָס דער הימל, מע זאָל זיי ניט באַמערקן.

ווּעמען פֿון זיי האָט ער עס פֿאַרגלײַכט צו אַ וואָלקן, וואָס פּאַסט זיך צו? זי איז דען הײַנט ניט געווען די זעלבע, וואָס אַלעמאָל? און זיך האָט ער הײַנט אויך ניט געקאָנט פֿאַרגלײַכן צו אַ וואָלקן, וואָס ציט אויף זיך אַרויף אַן אַנדער קאָליר. הײַנט איז ער געווען אַזאַ, ווי ער האָט זיך איר פֿאָרגעשטעלט, ווען זי האָט אים נאָך זײַן פּלוצעמדיקן פֿאַרשווינדן אַרומגעזוכט אַפֿן פּליאַזש.

— וויפֿל איז עס דער זייגער, וואָס מע זעט ניט קיין טאַקסי? — האָט ראַפאַ‌ל געפֿרעגט, קוקנדיק אויף די באַגילדעטע ווײַזערס פֿונעם האַנטזייגערל, וועלכע גיסן זיך צונויף מיט דעם באַגילדעטן ציפֿערבלאַט, אַז אַפּילע אין אַ העלן זוניקן טאָג קומט אויס אָנשטרענגען די אויגן.

דער זייגער האָט באַוויזן נאָענט צו האַלבער נאַכט. די עטלעכע טאַקסי, וואָס האָבן זיך דורכגעטראָגן פֿאַרבײַ, זײַנען געגאַנגען מיט אויסגעלאָשענע פֿײַערן. ווי נאָכמאַכנדיק די טאַקסי, האָבן אַפֿן הימל זיך גענומען אויסלעשן די שטערן און ס'איז אַראָפּ פֿון דאָרט אויף דער פֿאַרגאָסענער ערד אַזאַ כוישעך, אַז לינע האָט שוין קימאַט אינגאַנצן ניט געזען ראַפאַ‌לן. זי האָט בלויז געפֿילט, ווי זײַנע ליפּן דערנעענטערן זיך צו אירע.

— ניין, ניין...

זי האָט עס אים געזאָגט שוין נאָך דעם, ווי ער האָט, שטײַף צודריקנדיק זי צו זיך, זי אַרײַנגענומען אונטערן צעשפּיליעטן רעקל און גענומען זי פֿאַרשיקערן מיט זײַנע פֿיבערדיקע קושן.

— ניין, ניין, — און אַ פֿאַרשיקערטע, אַן אָפּגעשוואַכטע, אַליין שוין אונטערגעשטעלט אונטער זײַנע ליפּן דאָס פּאָנעם, די אויגן, דעם האַלדז, ניט געוווּרט זיך, ווען זײַנע ליפּן האָבן פֿיבערדיק געזוכט און געפֿונען איר האַלב־אַנטבלויזטע שווער אָטעמענדיקע ברוסט.

דער רעגן האָט אַ ווײַלע אויפֿגעהערט. ראַפאַ‌ל האָט אַ כאַפּ געטאָן לינען פֿאַר דער האַנט, און ווי אַ יונג פּאָרל האָבן זיי זיך געלאָזט לויפֿן צו דער נאָענטסטער טראָליי־בוס־סטאַנציע. נאָר קיין איין טראָליי־בוס איז ניט געגאַנגען פֿונדאַנען צו איר אין סאַנאַטאָריע און אויך ניט צו אים אין

שטאָט־גאָרטן. זיי זײַנען געגאַנגען אַפּן וואָקזאַל, אָבער דורכן צענטער שטאָט, און פֿון צענטער שטאָט איז צו איר און צו אים שוין געווען ניט גאָר ווײַט.

ווען זיי זײַנען אין צענטער שטאָט ארויס פֿון טראָלייבוס, האָט דער רעגן שוין געגאָסן עמערווײַז און זיי געטריבן פֿון איין בוים צום אַנ־דערן, זיי פֿאַריאָגט אונטער די אומעטיקע, אַף דורך און דורך אויסגע־ווייקטע קיפּאַריסן.

— דער רעגן וועט אַזוי גיך ניט אופֿהערן, — און ווי פֿאַרטרויענדיק איר א סאָד, האָט ראַפֿאַ:ל שטיל ארויסגעבראַכט: — צו מיר איז פֿונדאַנען א סאך נעענטער... איר וועט איבערזיצן דעם רעגן בא מיר...

שפּרינגענדיק איבער די קאַליוזשעס און איבער די האַסטיק־יאָגנדיקע ריטשקעס, וואָס האָבן מיטגעשלעפּט מיט זיך די אָפּגעפֿאַלענע האַרבסטיקע בלעטער, זײַנען זיי אַרײַנגעלאָפֿן אין שטאָט־גאָרטן און מיט א זײַטיקער אַליי זיך דערקליבן צו דעם נידעריקן הילצערנעם שטיבל, ווו ראַפֿאַ:ל איז אײַנגעשטאַנען.

אינעם קליינעם צימערל מיטן פֿאַרהאַנגענעם פֿענצטערל איז אַלץ גע־ווען דורכגעזאַפּט מיט רייכעס פֿון אָנקומענדיקן האַרבסט. ס׳האָט דאָ געשמעקט מיט פֿאַרוויאַנעטן גראָז, מיט איבערגעצײַטיקטע עפּל, מיט קילער פֿײַכטקײַט. דער רעגן, ווי ער וואָלט זיך געבייזערט, וואָס זיי זײַנען פֿון אים אַנטלאָפֿן, האָט וואָס אַמאָל אַלץ שטאַרקער געפּויקט איבערן דאַך, געקלאַפּט אין די שויבן — אָט־אָט וועט ער זיי אויסזעצן.

— ליידער, האָב איך ניט וואָס צו געבן אײַך איבערטאָן, אויסער א מענערשן קאָסטיום. אייגנטלעך, איז עס דאָך איצט סאַמע אין דער מאָדע. טוט אויס די טופֿל און זאָקן און שפּאַרט זיך צו אַף מײַן בעטל. דער רעגן וועט אַזוי גיך ניט איבערגיין. דעקט זיך נאָר גוט אײַן מיט דער קאָלדרע, איר זאָלט זיך ניט צוקילן. דער בעסטער געטראַנק אַף זיך דערוואַרעמען איז קאָניאַק. בא מיר האָט זיך געדאַרפֿט ערגעץ פֿאַרוואַלגערן א פֿלעשל. — ער האָט ארויסגענומען פֿון אַלמערל א פֿלעשל קאָניאַק און אָנגעגאָסן זיך און איר צו גלעזלעך.

לינע האָט זיך אופֿגעזעצט, גענומען דאָס גלעזל און, פֿאַרוואַרפֿנדיק, ווי דער שטייגער אירער, דעם קאָפּ אַף אַרויף, געפֿרעגט:

— זאָגט דעם עמעס: וואָס טראַכט איר וועגן מיר? נאָר דעם עמעס, — זי האָט צוגעמאַכט די אויגן. — וואָס איז הײַנט מיט מיר? איך האָב אַף מײַן לעבן קיינמאָל אַזויפֿיל ניט געטרונקען, ווי הײַנט, און איך בין אַלץ ניט שיקער.

— און איך בין שיקער. איך בין נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזוי שיקער.

זי האָט געעפֿנט די אויגן, זיי האָבן זיך בא איר געלויכטן, ווי דער שפּילעוודיקער קאָניאַק אינעם גלעזל אַנטקעגן דער שײַן.

— אַדוואָקאַטן קאָנען דען אויך זײַן שיקער? אַדוואָקאַטן זײַנען דאָך די סאַמע ניכטערסטע מענטשן אַף דער וועלט, מענטשן, וואָס האָבן ניט צו טאָן מיט דער לעוואָנע. אַזוי דאַכט זיך? איז וואָס פֿאַר א טאָסט לייגט איר פֿאָר?

— אויב איר ווילט, איז זאָל זײַן פאַר דער לעוואָנע, זי זאָל בלײַבן אזא ווי געוועז.
— א ראָמאַנטישע און א סוידעספּולע?
— קיין סוידעספּולע קאָן זי שוין איצט ניט זײַן.
— וואָס איז הײַנט מיט מיר? גיסט מיר אָן נאָך א גלעזל. ניין, ניין, מע דאַרף ניט. גיט מיר, ביטע, די טופּל. איך וועל גיין.
— וווהין? איר הערט ניט, וואָס סע טוט זיך אין דרויסן?
— גאָט ווייסט, וואָס די מיידלעך, וועלכע ווינען מיט מיר אין איין צימער, קאָנען איבערקלערן. דער זייגער איז דאָך שוין נאָך צוועלף.
ראַפאַ:ל האָט פאַרשטאַנען, אז ניט פאַר אים האָט זי עס מוירע. זי האָט זיך דערשראָקן, וואָס זי האָט ניט הינטער וואָס זיך אויסבאַהאַלטן, מיט וואָס זיך באַשיצן. די פּוסטקײַט, וואָס עס האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט אין איר הענריכס בריוו צו „יענער", קאָן זי ניט באַשיצן.
— איך וועל גיין, — האָט זי איבערגעכאַזערט ווי פון שלאָף.
— שפּאַרט זיך צו, — ער האָט זי אײַנגעדעקט מיט דער קאָלדרע. — ווי נאָר דער רעגן וועט אופהערן, וועל איך אײַך גלײַך אָפּפירן. די מיידלעך אײַערע אין צימער זעען דען ניט, סאַרא וועטער עס איז?
— כ'האָב מוירע, איך זאָל ניט אנשלאָפן ווערן.
— איך וועל אײַך אופוועקן.
— איר זאָגט מיר צו?
שטייענדיק באַם פאַרהאַנגענעם פענצטערל, האָט ראַפאַ:ל דערהערט לינעס מידע שלעפעריקע שטים:
— איר ווייסט, איך האָב זיך שוין ניט איין מאָל פאַרטראַכט וועגן דעם, וואָס איר האָט מיר דעמלט געזאָגט אפן באַרג, איר געדענקט? טייל־מאָל טראַכט איך, אז איר זײַט, דאַכט מיר, גערעכט, אז די איינציקע און עכטע ליבע באַם מענטשן איז די, וועלכע ער טראַכט אליין פאַר זיך צו און זי גייט אים נאָך דאָס גאַנצע לעבן ווי א טרוים. און טיילמאָל טראַכט איך, אז די איינציקע און עכטע ליבע, אויב זי איז פאַראַן באַ דעם מענטשן, קאָן ניט פאַרבלײַבן בלויז ווי א טרוים...
אין א ווײַלע אַרום איז לינע שוין געשלאָפן. ראַפאַ:ל האָט אויסגע־לאָשן די שײַן און ווידער צוגעגאַנגען צום פאַרהאַנגענעם פענצטערל, אײַנהערנדיק זיך אינעם רויש פון די ביימער אונטערן שמײַסנדיקן רעגן. דער כוישעך אין צימער האָט מיטאַמאָל באַקומען א מעסוקענע קראַפט. ער האָט אים געגעבן, ראַפאַ:לן, א שלעפּ אָפּ פונעם פענצטערל און אים אויסגעקערעוועט מיטן פּאָנעם צום בעטל, אונטערשטויסנדיק אים אַלץ נעענטער און נעענטער צו לינען. די צוויי טריט, וואָס האָבן אים אָפּגע־טיילט פון איר, האָט ער דורכגעמאַכט, ווי ער זאָל געוועזן איבערקומען א טהאָם. עס האָט זיך אים געדרייט דער קאָפּ און דאָס האַרץ האָט גע־שלאָגן אזוי, אז ס'וועט זיך באַלד אופכאַפּן די גאַנצע שטוב.
— לינע.
ער האָט ניט געוווּסט, צי האָט ער עס אַרויסגעבראַכט אף א קאָל, צי בלויז אין זיך, ער האָט אָבער געוואָלט, זי זאָל זיך אופכאַפּן. דער כוי־שעך האָט אים שוין פון זיך ניט אָפּגעלאָזט. ער האָט אים אײַנגעבויגן

איבערן בעטל. נאָך איין רעגע... נאָר קימאַט אין דער זעלבער רעגע האָט ער זיך דערזען שטיין אין דרויסן אונטערן רעגן, ניט באַנעמענדיק נאָך, ווי קומט ער אַהער, ווער האָט אים אַהער פאַרטריבן...

...נאָך דעם, וואָס מיט אים איז דאָ אָקאָרשט געשען, וועט ער שוין אַ סאַך זעלטענער זיך פאַרופן אין געריכט אויף דעם, אַז דאָס געפיל פירט אָן מיטן מענטשן. ניין, ווי שטאַרק עס זאָל ניט זיין דאָס געפיל, פירט פונ־דעסטוועגן אָן מיט אים דער מענטש, און מיט דעם האָט ער, ראַפאַיל, אָפּ־געהיט פאַר זיך די איינציקע און עכטע ליבע, וואָס וועט אים איצט נאָכ־גיין ווי אַ טרוים...

ווי ער זאָל נאָך אַלץ מוירע האָבן פאַרן כוישעך אין צימער, האָט ער זיך נאָך מער דערווייטערט פון שטיבל, אונטערשטעלנדיק דאָס פאַר־פלאַמטע פּאָנעם אונטערן קאַלטן שלאַקסרעגן.

## 18

עס זיינען דורך עטלעכע יאָר, ווי לינע האָט אַרויסבאַגלייט אויפן אַע־ראָדראָם דעם אומעטיק־פאַרקלערטן און שווייַגעוודיקן ראַפאַילן און ווי זי האָט נאָכדעם דעם גאַנצן טאָג זיך אַרומגעדרייט איבערן פּליאַזש, אינעם שטאָט־גאָרטן, זיך אופגעהויבן מיט דער שמאָלער סטעזשקע אויפן באַרג, איבער וועלכן ס'איז געהאַנגען די זעלבע לעוואָנע, וואָס אַמאָל, — זי זעט אַלץ, זי ווייסט אַלץ, נאָר גיט קיינעם ניט אַרויס. פאַר די דורכ־געגאַנגענע עטלעכע יאָר האָט לינע שוין אַ פּאָר מאָל פאַרבראַכט דאָ דעם אורלויב, אַפילע אין דער זעלבער סאַנאַטאָריע, וואָס דערמלט, נאָר ראַ־פאַילן האָט זי מער ניט באַגעגנט. מעגלעך, ער האָט אויך פאַרבראַכט דאָ ניט איין מאָל זיין אורלויב, זי דאָ אַרומגעזוכט, כאָטש, געזעגענענדיק זיך אויפן אַעראָדראָם, האָבן זיי ביידע געוווסט, אַז זיי וועלן זיך מער קיינמאָל ניט באַגעגענען, און ניט אויסבאַהאַלטן איינער פונעם צווייטן, אַז זיי האָבן מוירע זיך צו באַגעגענען.

נאָר איינמאָל — געווען איז עס פרילינג און אין אַ שאַבעס אינדערפרי, ווען הענריך איז שוין אַוועק אין פילהאַרמאָניע און אירינע אין אינסטי־טוט — האָט פאַראַקשנט אָנגעקלונגען דער טעלעפאָן. לינע האָט אַראָפּגע־נומען דאָס טרייַבל און עס שיר ניט אַרויסגעלאָזט פון דער האַנט.

— ווו זייַט איר? איך הער ניט, טייַערער. פונוואַנען קלינגסטו עס?

זיין קאָל איז צו איר דערגאַנגען פון זייער, זייער ווייַט. נאָך יעדן וואָרט האָט דאָס קאָל זיך בײַ אים אָפּגעהאַקט, פאַרשוווּנדן. זי האָט בלויז געהערט זיין אָטעם — דעם אָטעם פון אַ מענטשן, וואָס איז פון ערגעץ אַנטלאָפן און נאָך וועלכן מע יאָגט זיך נאָך.

פון אַלץ, וואָס ראַפאַיל האָט איר געזאָגט, איז צו לינען בלויז דער־גאַנגען, אַז בײַ אים דאָרט, אין שטאָט, האָט מען ניט לאַנג צוריק איינ־געשטעלט אַ טעלעפאָן־אווטאָמאַט, פונוואַנען מע קאָן קלינגען אַהער, און אַז דער דאָזיקער טעלעפאָן־אווטאָמאַט טרעט פון אים ניט אָפּ, גייט אים אומעטום נאָך, און סאָפקאָלסאָף האָט זיך עס פאַרענדיקט הײַנט דערמיט, וואָס ער האָט אים פאַרשלעפּט צו זיך אין קאַבינע און אים שוין ניט

ארויסגעלאָזט, ביז ער וועט איר ניט אָנקלינגען. איז אָט קלינגט ער איר, און ווי זי זעט, האָט ער ניט פארגעסן, וואָס זי האָט אים דעמלט געזאָגט: אויב ער וועט וועלן איר ווען־ניט־איז אָנקלינגען אהיים, איז זאָל ער איר קלינגען שאבעס אינדערפרי, ווען אויסער איר, איז אין שטוב מער קיי־נער ניטאָ. בא דעם מאן און בא איר טאָכטער איז בלויז איין רו־טאָג אין דער וואָך — זונטיק. וועגן זיך האָט ער, ראפאיִל, ניט וואָס צו דערציילן. דאָס לעבן גייט זיך מיט זײַן אויסגעטראָטענעם וועג, פּונקט, מיסטאמע, ווי בא איר. אָנגעקלונגען האָט ער איר, זי זאָל אים צוליב טאָן און דורכשפּילן די סאָנאטע, וועלכע זי האָט געשפּילט דעמלט, ראַשעשאָנע... ער געדענקט, אז זי האָט אים געהאט אמאָל געזאָגט, אז דער טעלעפאָן איז בא איר מיט א לאנגן שנור און מע קאָן אריבערטראָגן דעם טעלעפאָן פון איין צימער אין אנדערן. דאָס, וואָס דאָס שפּילן די סאָנאטע געדויערט גאנץ לאנג, מאכט אים ניט אויס. ער האָט זיך באזאָרגט מיט א פולער קעשענע גילדנס.

לינע האָט זיך צעלאכט:

— מיר דאכט, אז אזוי טײַער האָט נאָך קיינער ניט געצאָלט פאר בעטהאָווענס לעוואָנע־סאָנאטע.

— שפּילט, איך בעט אײַך, טו מיר צוליב. איך בעט דיך.

לינע האָט צוגערוקט צו זיך א בענקל, אוועקגעלייגט אַף דעם דאָס טעלעפאָן־טרײַבל, און אלץ, וואָס האָט זי אין דער דאָזיקער רעגע ארומ־גערינגלט, איז פארשווונדן אינעם כוישעך פון אירע שטײַף צוגעשלאָסענע אויגן. זי האָט איצט געזען פאר זיך דעם בארג און אַף זײַן סאמע שפּיץ אונטער דעם ליכטיקן שטויב פון דער אראָפּקוקנדיקער לעוואָנע — זיך און ראפאיִלן.

פון יענעם טאָג אָן האָט לינע יעדן שאבעס אינדערפרי געוואַרט אַף ראפאיִלס קלונג, ווי זי האָט קינדווײַז געוואַרט אפן אָנקום פון יאָמטעוו, און אז זי פלעגט צומאָל זיך דערוואַרטן און דערהערן אין טרײַבל זײַן ווײַטע אָפּגעהאקטע שטים, איז גענוג געווען, זי זאָל זיך בלויז צורירן צו די קלאווישן, אז זי זאָל דערזען לעבן זיך ראפאיִלן, דערזען, ווי זיי שטייען ביידע אפן שפּיץ בארג, פארטויבטע פון די כוואליעס, וואָס שלאָגן זיך אינעם דול געוואָרענעם יאַם...

# דאָס איייניקל

פון די נאָענטע ארומיקע דערפער, וואָס האָבן אין די פריִערדיקע יאָרן זיך גערופן יישוּווים, פאָנדן, ערד־כאַלאָקים, און וואָס ביז זיי האָבן זיך פאַרייניקט אין איין קאָלווירט איז איטלעכס פון זיי געווען א באַזונדערער זעלבשטענדיקער קאָלווירט פאַר זיך, און ניט קיין בריגאַדע צי א טיילכל פון א בריגאַדע, זײַנען צו יִיצכאָק גענדינס שלוישים זיך צונויפגעפאָרן אַפן צענטראַלן באַצירק פון דער פערטער בריגאַדע, אינעם דאָרף קלימאָווע, די לעצטע רעשטלעך פון די יִידישע איבערוואַנדערער.
עס זײַנען זיך אויך צונויפגעפאָרן די אַלטע איבערוואַנדערער פון די דאָזיקע דערפער, וואָס האָבן אין פאַרשיידענע צײַטן און איבער פאַרשיי־דענע סיבעס זיך אריבערגעקליבן פונדאַנען אין שטאָט. און כאָטש זיי זײַנען פון לאַנג שוין ניט קיין היגע און ניט קיין קאָלווירטניקעס, האָט מען זייערע ארויסגעהאַנגענע בילדער אינעם געראַמען פאָיע פונעם צווייגאָרנדיקן קולטור־הויז ניט אראָפּגענומען. זיי הענגען, ווי פריִער, אויבנאָן צווישן די פּאָרטרעטן פון די קאָלווירטישע וועטעראַנען.

די אָנגעפאָרענע געסט האָט באַגעגנט בא דער שטוב יִיצכאָק גענדינס עלטערער זון, נאָכעם, וועלכער איז מיט א טאָג פריִער געקומען צו פליִען פון קראַסנאָיאַרסק מיט זײַן נײַניאָריקן יִינגל איזיען.

נאָכעם איז ניט געווען אַף דעם טאַטנס לעוויִע. די דעפּעשע, אַז דער טאַטע איז געשטאָרבן, האָט געטראָפן נאָכעמען אינעם ווײַטן צאָפּן־יענעי־סייסק, וווּהין ס'האָט אים געשיקט אין א קאָמאַנדירונג דער מאַשינבוי־זאַוואָד, אַף וועלכן ער אַרבעט. די דעפּעשע האָט נאָכעם דערהאַלטן ערשט אַפן אַנדערן טאָג. ווען ער זאָל אַפילע געווען האָבן מיט וואָס ארויסצו־פליִען טייקעף קיין קראַסנאָיאַרסק און די מינוט זיך איבערזעצן אַף אַן אַעראָפּלאַן, וואָס זאָל פליִען גלײַך קיין קלימאָווע, וואָלט ער אויך ניט באַוויזן צו דער לעוויִע. דערבײַ איז דער וועטער געווען אַזאַ, אַז ס'איז ניט צו פאָרן, ניט צו פליִען. אָט רעגנט און אָט שנייט, א מאַבל מיט א זאַווערוכע צוזאַמען. האָט נאָכעם אָוועקגעשיקט דער מאַמען א טעלע־גראַם, אַז צוליבן וועטער קאָן ער ניט קומען צו דעם טאַטנס לעוויִע, ער וועט קומען צו שלוישים. דעם געדאַנק, אַז ער זאָל ברענגען מיט זיך צו פירן איזיען און אים איבערלאָזן אין קלימאָווע אַפן גאַנצן זומער, האָט אויפגעגעבן נאָכעמען די מאַמע. „מיטן אייניקל, — האָט זי אים געשריבן, — וועט זי כאָטש די ערשטע צײַט ניט פילן אַזוי דעם אומעט אין דער מיטאַמאָל פוסט־געוואָרענער שטוב".

נאָכעם געענדיקט איז געוועזן דער איינציקער צווישן זײַנע ברידער, וועל־כער האָט נאָך דער מילכאָמע זיך ניט אומגעקערט פון דער אַרמיי צוריק אין קאַלווירט, נאָר זיך באַזעצט אין שטאָט און אָנגעקומען דאָרט אַר־בעטן אַף א זאַוואָד. קיין טײַנעס פאַר דעם האָבן טאַטע־מאַמע צו אים ניט געהאַט. פאַרקערט, דער טאַטע איז אַפילע געוועזן צופרידן דערפון. און ווען די מאַמע האָט געפרעגט יישכאָקן, וואָס איז אַף אים אַזוי די גדולע, האָט דער טאַטע, וואָס איז אַפן פראָנט אויך אַרײַנגעטראָטן, ווי אַלע זײַנע זין, אין דער פּאַרטיי, איר דערויף געענטפערט, אַז זי דאַרף זײַן צופרידן, וואָס צווישן די פיר קאָמוניסטן אין דער מישפּאָכע איז אויך פאַראַן א פּראָלעטאַריער, אַן אַרבעטער. דאָס איינציקע, וואָס טאַטע־מאַמע האָט זיך געוואָלט, — אַז זייער בכאָר זאָל וווינען ערגעץ נעענטער, ניט אַזוי ווײַט. עמעס, מיט אַן עראָפּלאַן איז מען פאַר א האַלבן טאָג אין קראַסנאָיאַרסק, אָבער דאָס רעדט זיך נאָר אַזוי. ווער האָט עס פרײַע צײַט און פרײַ געלט אַף אַרומצופליִען הין און צוריק?

געלט אַף הוצאָעס וואָלט נאָכעם ווי־ניט־איז געפונען, אַז ער זאָל קאָנען קומען זיך זען מיט זײַנע אייגענע כאָטש איין מאָל אין צוויי־דרײַ יאָר. אָבער פרײַע צײַט אַף דעם האָט ער דערווײַל ביז איצט נאָך ניט געהאַט. דאָס לעצטע מאָל איז ער דאָ געווען, ווען איזקען איז געוואָרן פיר יאָר, און איצט איז אים נײַן, אוועק שוין דאָס צענטע. קומט אויס, אַז ער האָט ניט געזען דעם טאַטן העכער פינף יאָר און וועט אים שוין איצט מער קיינמאָל ניט זען. וועגן דעם דערמאָנען די אָנגעפאָרענע אַלטע איבערוואַנדערער, וואָס האַלטן נאָך אַלץ אין איין צוקומען, מיט זייער אַרומנעמען אים און צופאַלן זיך קושן, מיט דעם פאַרנייגן נידעריק דעם קאָפּ, מיטן טיף פאַרבאָרגענעם אומעט אין די אויגן. נאָכעם פאַרענטפערט זיך פאַר איטלעכן פון זיי, פאַרוואָס ער איז ניט געוועזן אַף דעם טאַטנס לעווײַע, ווי ער זאָל באַ יעדן איינעם בעטן דערפאַר מעכילע.

— נאָכעם, ווו איז דאָס איזינקע? — האָט דערשראָקן געפרעגט די שטילע דערשלאָגענע פייגע, וואָס האָט געהאָלפן גרייטן די טישן אין הויף, — זע, ער זאָל, כאָלילע, דאָ ערגעץ ניט פאַרבלאָנדזשען.

— זאָרג זיך ניט, מאַמע, ער וועט אין ערגעץ ניט פאַרבלאָנדזשען, — האָט נאָכעם זי באַרויִקט. — ער איז דאָך שוין א גרויס יינגל. מיר לאָזן אים קימאַט אומעטום אָפּ אַליין, און קראַסנאָיאַרסק, מאַמע, ווי דו ווייסט, איז אַביסינקעלע גרעסער און טומלדיקער פון קלימאָוועע.

— פונדעסטוועגן, גיב, בעט איך דיך, קינד מײַנס, א קוק, ווו איז ער?

— נו, ווו קאָן ער זײַן? ער האָט זיך אָפּגעזוכט כאַווײרים און לויפט מיט זיי אַרום. פאַר אים איז דאָ אַלץ דאָך א נײַס. ער האָט דאָך קיינמאָל ניט געזען, ווי סע וואַקסן ווײַנטרויבן, קאַוועגעס. איז ער מיסטאַם אַפן ווײַנגאָרטן אָדער אַפן באַשטאַן.

— איך בעט דיך, — איז פייגע פון אים ניט אָפּגעשטאַנען, — גיי זוך אַף דאָס קינד. מע דאַרף דאָך שוין באַלד גיין אַפן בעסאָלמען. — און זי איז מיט א געוויין אַרופגעפאַלן דעם זון אַפן האַלדז. — אַזאַ בריליאַנט פאַרלאָרן.

— מאַמע...

— איך פאַרשטיי, זון מײַנער, אַז כ׳וועל מיט מײַנע טרערן אים צו־ריק פון יענער־וועלט ניט אַראָפּברענגען. וואָס בין איך אָבער שולדיק, אַז עס וויינט זיך. גיי זוך אָפּ איזינקען. איך בעט דיך.

פאַר די פינף יאָר, וואָס נאָכעם איז דאָ ניט געווען, האָט דער ייִשעוו, ווי נאָכעם איז אַלץ נאָך געוווינט צו רופן דאָס דאָרף זייערס, זיך היפּש צעוואַקסן. עס איז צוגעקומען נאָך אַ גאַנצע גאַס, און די הײַזער אויף די צוויי אַלטע גאַסן שטייען שוין ניט אַזוי דערוויַטערט איינס פונעם אַנ־דערן, ווי פריִער, מע האָט צווישן זיי אָנגעבויט נײַע. און די אַלטע הײַ־זער אַליין, דאַכט זיך נאָכעמען, זײַנען אויך שוין ניט די זעלבע, מע זעט זיי קוים אַרויס פון צווישן די געדיכטע סעדלעך. די מאַמע זײַנע איז בעפּיירעש געוואָרן. מע קאָן דאָ ווירקלעך פאַרבלאָנדזשען. אָט האָט ער נעכטן אין אָוונט, אומקערנדיק זיך פון פיניען, פון דעם ייִנגערן ברודער זײַנעם, וועלכער האָט זיך אַריבערגעקליבן אויף דער נײַער גאַס אין אַ פירשטאָקיק הויז, טאַקע שיִר ניט פאַרבלאָנדזשעט. די מאַמע זײַנע איז אוואַדע געוואָרן, וואָס זי האַלט ניט איבעריקס פון די עטאַזשנע מויערן דאָ בײַ זיי. אים, נאָכעמען, זײַנען זיי אויך ניט שטאַרק צום האַרצן. פּיניע פּילט דאָך ניט, אַז ער לעבט אין אַ דאָרף. די דירע איז בײַ אים טאַקע אַ שטאָטישע, אָבער קלימאַווע אַליין איז דאָך ניט קיין שטאָט.

אויסער דעם, וואָס נאָכעם איז דער איינציקער שטאָטישער אַרבעטער אין דער מישפּאָכע, איז ער אויך דער איינציקער צווישן די ברידער, וואָס איז מער ענלעך אויפן פאָטער ווי אויף דער מוטער, נאָר די אויגן זײַנען בײַ אים דער מאַמעס: העל־בלויע. אין אַלעם איבעריקן אָבער איז ער ווי צוויי טראָפּנס דער טאַטע: אַ מיטלוווקסיקער, מיט ניט קיין איבעריקס ברייטע אַקסלען און ביז גאָר אַ רויִקער און אַ געלאַסענער. אַ קוק טאָן אויף אים, וועט קיינעם ניט אײַנפאַלן, אַז מיט איין הייב פונעם אַקסל קאָן ער אי־בערקערן אָן אָנגעלאָדענע מאַזשאַרע. די ברידער זײַנען אויך ניט פון די שוואַכינקע. קיין סאַך באַלאָנים צו פאַרפירן זיך מיט זיי וועלן זיך מיס־טאַמע איצט אויך ניט געפינען אין דאָרף, כאָטש בײַ זיי זײַנען, ווי בײַ דער מוטער, בלייכע אויסגעיידלטע פּענעמער, גלײַך זיי וואָלטן אָפּגעלעבט אַ לעבן ניט אונטער דער סאַרפּענדיקער זון. ביכלאַל אָבער זײַנען זייערע טאַטע־מאַמע געווען שטאַרק ענלעך צווישן זיך מיט עפּעס אַ מין באַזונ־דערער גוטסקײַט. נאָכעם געדענקט ניט, זיי זאָלן זיך ווען־ניט־איז געווען קריגן, זאָגן איינער דעם צווייטן אַ קרום וואָרט, שרײַען אויף אַ קינד, באַזונ־דערס אויף אים, נאָכעמען, וואָס האָט עס ניט איין מאָל קאָשער פאַרדינט. ער ווייסט ניט, צי דאָס איז בעסער, צי ערגער, נאָר אַ קינד, אַז עס פאַר־זינדיקט זיך, דאַרף מען עס באַשטראָפן. וואָס הייסט, איזיע פרעגט קיינעם ניט און גייט זיך אוועק אויף אַ גאַנצן טאָג?!

אָפּגעגעסן, ער האָט טאַקע פאַרבלאָנדזשעט, טוט נאָכעם אַ טראַכט וועגן זיך. די גאַס, מיט וועלכער ער גייט צום ווײַנגאָרטן, ווו ער ריכט זיך טרעפן זײַן ייִנגל, האָט אים גאָר געבראַכט צו די צוויי לאַנגע שטאַלן, וועלכע ער האָט פון אָנפאַנג אײַנגאַנצן ניט דערקענט. אים געדענקט זיך, אַז ניט דאָ זײַנען געשטאַנען די שטאַלן. דאָ זײַנען גאָר געשטאַנען די סילאָס־טורעמס, וואָס האָבן שטענדיק פאַרשפּרייט אַרום זיך אַ זיסלעך־ווײַניקן

אראָמאַט. איצט איז געווען פול דאָ די לופט מיטן וואַרעמען רייעך פון פריש אָנגעמאָלקענער מילך.

באַ דער גרויסער פאַרצאַמונג לענגויס דער שטאַל, ווו עס זײַנען אונ־טערן אָפענעם הימל געלעגן די קי און געקוקט צו דער גרינער ווײַט, האָט נאָכעם צווישן אַ כאָפּטע קינדער געטראָפן אויך שטיין זײַן ייִנגל.

— וואָס טוסטו דאָ? — האָט נאָכעם צוגערופן צו זיך איזיען. — שוין גיי אַהיים. די באָבע זוכט דיך אַרום.

— טאַטע, איך וויל זען, ווי־אַזוי מע האָדעוועט די קי.

— זומער, איזינקע, האָדעוועט מען ניט קיין קי אין דער היים. זיי פּאַ־שען זיך אין פעלד. כ׳פאַרשטיי נאָר ניט, — האָט נאָכעם פאַרכידעשט גע־זאָגט צו זיך אַליין. — פאַרוואָס האָט מען זיי אין אַזאַ הייסן זוניקן טאָג גע־בראַכט צו טרײַבן אַזוי פרי פון פעלד?

— מע פּאַשעט שוין מער ניט די טשערעדע אין סטעפּ. מע האַלט זי אין זאַהאָן, — האָט אַ ייִנגעלע אין איינע יאָרן מיט איזיען זיך אָפּגערופן.

— וואָס הייסט מע האַלט זיי אין זאַהאָן? — האָט נאָכעם נאָך מער פאַר־כידעשט געפרעגט, ווענדנדיק זיך צום ייִנגעלע, ווי צו אַ דערוואַקסענעם.

— ניטאָ ווו צו פּאַשען. מע האָט באַ אונדז פאַרזייט אַלע פעלדער. די קי זײַנען ניט הונגעריק. מע גיט זיי קאָמביקאָרם.

— און פון קאָמביקאָרם, זאָגט מײַן מאַמע, זי אַרבעט אַף דער פערמע, גיבן די קי נאָך מער מילך, און פעטע מילך. — דאָס מיידעלע מיטן פאַר־ברוינטן קלײַענדיקן נעזל, וועמענס מאַמע עס אַרבעט אַף דער פערמע, האָט זיך געפּרוּווט עס אים צו דערקלערן.

— און שוין לאַנג, אַז זיי פּיטערן זיך ניט אין פעלד?

— לאַנג, זייער לאַנג.

נאָכעם איז צוגעגאַנגען האַרט צו דעם זאַהאָן און זיך אָנגעבויגן אי־בער דעם געפלאָכטענעם בערעזעווען פּאַרקן. די קי האָבן געקוקט אַף אים, ווי זיי וואָלטן זיך געבעטן, ער זאָל זיי אַרויסלאָזן פונדאַנען אין פעלד, אַף דער פרײַ. אינעם שטילן מרוקען האָט זיך נאָכעמען געהערט זייער אויסטײַנען זיך מיט אים: „דער קאָמביקאָרם, וואָס מע גיט אונדז, איז אוואַ־דע זעטיקער פונעם גראָז, און איר האָט פון דעם אי מער מילך, אי פּע־טערע מילך. אָבער וואָס פאַר אַ ווערט האָט פאַר אונדז דאָס לעבן אָן דעם פרײַען פעלד, אָן דעם גרינעם גראָז? און איר אַליין פילט דען ניט, אַז די מילך אונדזערע האָט אַן אַנדער טאַם, אַז עס פעלט אין איר דער דופט פונעם פעלד און די זאַפט פונעם גראָז?”

די קעלבלעך פון אָט די קי קוקן שוין אַף אים אַנדערש: באַ זיי זײַנען די אויגן פריילעכע, צופרידענע. זיי ווייסן שוין קאָנטיק ביכלאַל ניט, וואָס איז אַזוינס פעלד, גראָז, ס׳איז זיי פרעמד די פרייד פון אַרומשפּרינגען פראַנק־און־פרײַ איבער דער לאָנקע. ניט זיי ווייסן עס שוין און ניט זיי דאַרפן עס שוין. זיי זײַנען צופרידן, וואָס מע האַלט זיי אונטער אַ צאַם, וואָס זיי דאַרפן אין ערגעץ ניט גיין, זיי האָבן אַלץ גרייט אַפּן אָרט. נאָכע־מען האָט מיטאַמאָל אָנגענומען אַ ראַכמאָנעס צו דער פאַרשפּאַרטער טשע־רעדע קי, אים האָט זיך פאַרוואָלט עפענען דעם טויער און זי אַרויסטרײַבן אין פעלד.

— א גוט־העלף דיר, נאָכעם.

פיר־פינף יאָר זעען זיך גאַנץ גוט אָן אין שײַעס עלטער. אָבער ניט בלויז דערפאַר האָט אים נאָכעם ניט דערקענט. ער האָט זיך פּאַשעט ניט געריכט אים דאָ צו טרעפן. שײַע איז נאָך מיט א פּײַן ביסל יאָר פאַר דעם, ווי נאָכעם איז דאָ געווען דאָס לעצטע מאָל צוגאַסט, אַרויסגעפאָרן אין שטאָט און דאָרט געמאַכט, האָט מען געשמועסט אין דאָרף, ניט קיין שלעכט לעבן. געוואָרן צוריק א קאַצעוו, ניט פאַר זיך, ווי אין די אַמאָליקע יאָרן, נאָר אין א מעלוכישער קראָם, אפן קאָלווירטישן מארק. האָט, הייסט עס, שײַען א צי געטאָן צוריק אין דאָרף, וויבאַלד ער האָט זיך אומגעקערט פון שטאָט צוריק אפן סטעפּ. בײַקומען די בענקשאַפט נאָכן סטעפּ איז ניט אַזוי לײַכט. נאָכעם ווייסט עס לויט זיך.

— האָסט מיך ניט דערקענט, וואָס דו קוקסט אַזוי אף מיר? — האָט דער מעגושעמדיקער שײַע מיטן גרויסן ראַזירטן קאָפּ זיך אָנגערופן צו דעם פאַרכידעשטן נאָכעמען. מיטן אויסשטרעקן אים די האַנט האָט שײַע געגעבן אים דערמיט צו וויסן, אַז אויס! ער איז מויכל רעב ייִצכאָקן פאַר די יעסורים, וואָס יענער האָט אים אָנגעטאָן, מויכל אים אַזוינס, וואָס אָן אַנדערן וואָלט ער נאָכן טויט עס אויך ניט געווען פאַרגעבן.

פינקטלעך געדענקט שוין ניט נאָכעם די איינצלהײַטן פון דער קריג, וואָס האָט אויסגעבראָכן אפן ייִשעוו א קורצע צײַט פאַר דער מילכאָמע. א קריג, אין וועלכער ס'איז ניט ווילנדיק געווען פאַרמישט אויך דער טאַטע זײַנער, ייִצכאָק גענדין.

בא שײַען האָט זיך אופגעהאַלטן א פלעמעניצע, דעם ווײַבס שוועסטערס א מיידל, מירל, וואָס איז צו פינף יאָר פאַרבליבן א קײַלעכיקע יעסוימע: אין איינער א נאַכט, מיט א סאַך יאָרן צוריק, — די וועלדער אַרום די שטעטלעך זײַנען נאָך דאַן פול געווען מיט באַנדעס, — האָבן זיך צו זיי אַרײַנגעריסן גאַזלאָנים. די שוועגערן מיטן מיידעלע האָבן באַוויזן אַרויסשפּרינגען פון פענצטער און אופהייבן א גוואַלד. ס'איז שוין אָבער געווען צו שפּעט. די באַנדיטן האָבן אַלעמען אין שטוב אויסגעשאָכטן. די שוועגערן האָט לאַנג ניט אויסגעהאַלטן און איז אײַנגיכן אַוועק פון דער וועלט. פאַרן טויט האָט זי אַרויסגערופן צו זיך פונעם שכיינעסדיקן שטעטל די שוועסטער מיטן מאַן און געבעטן, זיי זאָלן נעמען מירעלען צו זיך. זי גיט זיי אָפּ די שטוב און אַלץ וואָס אין שטוב, נאָר דעם מאַנס גאָלדענעם זייגער און איר גאָלדן בראַסלעטל מיט די שטיינדלעך זאָלן זיי אָפּגעבן מירעלען צו איר כאַסענע.

וועגן דעם האָבן געוווּסט אַלע, ווער עס האָט צוזאַמען מיט שײַען דעם קאַצעוו אַריבערגעוואַנדערט אַהער פון יענעם שטעטל.

וואָס אַזוינס איז זיך דאַן פאַרלאָפן אין קאָלווירט מיט שײַען, וואָס ער איז געקומען צו ייִצכאָק גענדינען, וועלכער איז געווען בא אַלעמען פאַרטרויט, און אײַנגעלייגט בא אים זײַן אשירעס, געדענקט נאָכעם שוין אויך ניט. ס'איז שוין דורך א היפּש ביסל צײַט פון דעמלט, ער געדענקט בלויז, אַז די שרעק איז געווען אָן אומזיסטע, קיינער האָט זיך ניט געקליבן קומען צו שײַען מיט אָן אונטערזוכונג און אים אַרײַנזעצן. שײַע איז אָפּגעקומען מיט א לײַכטער שטראָף.

קאַנטיק, אַז שײַע האָט ניט אָנגעטרויט אינגאַנצן יִיצחאָק געֶנדינען, ווארעם טאָמער טרעפט, כאָלילע, עפעס מיט אים, מיט שײַען, איז זאָל אכוץ דעם ווײַבל זײַנעם נאָך עמעצער וויסן, בא וועמען האָט ער אײַנגעלייגט זײַן ביסל פאַרמעגן, וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך פון שטעטל. און אין א דאָרף, ווי אין א שטעטל, האַלטן זיך לאַנג קיין סוידעס ניט אײַן. קוים ווייסט איינער, דערוויסן זיך וועגן דעם באַלד אַלע, און אפאָנעם, אז די, וואָס קענען שײַען פון אמאָל, האָבן אים איבעריקס פאר קיין וואָרטסמאַן ניט געהאַלטן, ווײַל ס'האָבן זיך גלײַך געפונען צווישן זיי מענטשן, וואָס זײַנען געקומען צו געֶנדינען און גענומען בא אים א טקיִאַס־קאַף, אז ער וועט ניט אומקערן שײַען צוריק דאָס, וואָס עס איז ניט זײַנס, נאָר עס האַלטן בא זיך, ביז מירל וועט ווערן מיט מאַזל א קאַלע און דאַן עס איר אָפּגעבן. ס'האָבן זיך געפונען אפילע אזעלכע, וואָס האָבן געזאָגט דעם טאַטן, אז ס'וואָלט ניט געוועזן קיין אוולע, ווען ער לאָזט נאָך עפעס איבער פאר מירלען פונעם אײַנגעלייגטן פאַרמעגן.

נאָר יִיצחאָק געֶנדין האָט אַלץ אומגעקערט שײַען, בלויז דעם זייגער מיט דער קייט און דאָס בראַסלעטל מיט די שטיינדלעך האָט ער אים צו־ריק ניט אָפּגעגעבן, געלאָזן עס דערווײַל בא זיך, ווי דאָס האָבן געפּאַסקנט מענטשן.

דער יִישעוו האָט געקאָכט, ס'האָט אָבער שײַען גאָרניט געהאָלפן.

א קורצע צײַט פאר דער מילכאָמע איז מירל געוואָרן מיט מאַזל א קאַלע פאר זעליקן דעם שאָפער. עטלעכע טעג פאר דער כאַסענע איז זעליק אוועק אפן פראָנט. ווען די קאָלווירטניקעס האָבן צונויפגעטראָגן אין קלוב וועַר וואָס ס'האָט געהאַט צושטײַער אף א טאַנק, האָט מירל געבראַכט צו טראָגן איר נאַדן.

ניטאָ שוין זעליק, ער איז אומגעקומען אפן פראָנט, ניטאָ שוין מירל, זי איז געשטאָרבן אין דער עוואַקואַציע, ניטאָ שוין קימאַט קיינער פון די, וואָס האָבן געהאַט צוגעפּאַסקנט, אז יִיצחאָק געֶנדין זאָל ניט אַלץ אומקערן צוריק שײַען, נאָר סיִווּי האָט שײַע א לאַנגע צײַט נאָך ניט געקאָנט מויכל זײַן געֶנדינען. ס'איז אים געגאַנגען שוין ניט אינעם זייגער און אינעם בראַסלעטל, נאָר אינעם ביזאָיען, וואָס ער האָט אים אָנגעטאָן. ס'האָט גע־דאַרפט דורכגיין נאָך א היפּש ביסל יאָרן, ביז דאָס זאָל זיך בא אים אינ־גאַנצן אויסוועפּן. און אז שײַע האָט דאָס שוין אַלץ פאַרגעסן, האָט מען גע־קאָנט זען פון דעם, וו׳אַזוי ער האָט אויסגעשטרעקט נאָכעמען די האַנט און זיך מיט אים צעקושט.

— דער גרעסטער צאַדיק, אמאָליקע יאָרן, האָט ניט געהאַט אזא לעווײַע, ווי דײַן טאַטע אָלעווהאַשאָלעם. ער האָט עס געוויס פאַרדינט, געוועזן אן ערלעכער מענטש, כ'האָב אים געקענט ניט פון נעכטן, מיר זײַנען מיט אים געקומען אהער אין איין טאָג, קאָן מען זאָגן, ס'איז שוין א מײַסע פון באַלד פופציק יאָר, און אז מע ברענגט מיט זיך פון דער מילכאָמע כוץ אַלע אנדערע אָרדענס און מעדאַלן צוויי סאָלדאַטסקע „סלאַוועס“, האָט עס אויך וואָס צו זאָגן. וועגן דעם האָט געדעדט אף דער לעווײַע דער וואָיענקאָם. ס'איז צו דערציילן און דערציילן. מע איז זיך צונויפגעפאָרן אף דער לע־ווײַע פון אַלע בריגאַדעס, אן אָרקעסטער אראָפּגעבראַכט פון ראַיאָן, אין

קאַלווירט האָט זיך קימאַט אָפּ אַ האַלבן טאָג אָפּגעשטעלט די אַרבעט. כ'האָב געהערט, אַז דו האָסט ניט געקאָנט קומען. נאָר דו וואָלסט דאָך אַלציינס ניט געזאָגט נאָך אים קאַדעש. איך האָב געזאָגט, ווען אַלע זײַנען אוועק פֿון בעסאַלמען. געזאָגט קאַדעש און געבעטן מעכילע... ווי מיינסטו, נאַכעמקע, ער האָט ניט געהאַט קיין האַרץ אויף מיר?

— כ'האָב פֿון אים קיינמאָל ניט געהערט, אַז ער זאָל טראָגן אויף אײַך אַ האַרץ.

— אײַ, נאַכעמקע, מיר גייען צוביסלעכווײַז אַלע אוועק. האָסט, מײַ־סטאַמע, געהערט, ווי מע רופֿט אונדז דאָ: די לעצטע מאָהיקאַנער. דער שעיריס־האַפּלייטע פֿון די ערשטע יידישע איבערוואַנדערער אויפֿן היגן סטעפּ זײַנען זיך צונויפֿגעפֿאָרן צו שלוישים.

— אײַך האָט מען דען ניט געשיקט רופֿן?

— אויף קיין לעווײַעס און צו שלוישים רופֿט מען ניט, מע קומט אַליין, דער, וואָס דאַרף קומען. איך וועל נאָר אונטערוואַרפֿן די קי אַ ביסל קאָמ־ביקאָרם, קום איך גלײַך צו גיין. וויפֿל האָבן מיר שוין, ווי די מילכאָמע האָט זיך פֿאַרענדיקט? און זי לאָזט זיך נאָך אַלץ פֿילן. מיט וויפֿל, אַשטייגער, מיינסטו, איז דײַן טאַטע געווען עלטער פֿון מיר? סאַכאַקל אויף אַ צוויי יאָר. געווען אַ קרעפּטיקער ייִד. ער וואָלט נאָך געקאָנט לעבן און לעבן, ווען ס'זאָל בײַ אים ניט געווען זײַן קיין דורכגעשאָסענע לונגען. אונדזערע וועטעראַנען. ער האָט דאָך, קאָן מען זאָגן, ביזן לעצטן טאָג געאַרבעט. גע־שטאַנען אויפֿן טויק, געוויגן די מאַשינעס ווייץ, וואָס מע האָט געפֿירט אויפֿן עלעוואַטאָר. די מילכאָמע לאָזט זיך ביז איצט נאָך פֿילן אַפֿילע בײַ די, וואָס זײַנען, אָט ווי איך, ניט געווען אויפֿן פֿראָנט, — שײַע, וואָס איז די גאַנצע צײַט געשטאַנען פֿון דער זײַט צוים, איז אַרויס צו נאַכעמען, איבערלאָזנ־דיק נאָך זיך אײַנגאַנצן אויפֿן די ברייטע קאַליטקע.

דערזען, אַז קיין איינער קו האָט זיך אַפֿילע קיין ריר ניט געטאָן, האָט נאַ־כעם זיך אָנגערופֿן:

— זיי זײַנען דאָ בײַ אײַך אײַנגאַנצן געוואָרן פּוליאַטשקעס. איר גע־דענקט, רעב שײַע, מיט וואָס פֿאַר אַ סימכע די קי פֿלעגן זיך עס אַ ריס טאָן פֿון שטאַל, ווי נאָר מע פֿלעגט עפֿענען די טיר?

— פֿאַר זיי איז איצט אויך אַן אַנדער צײַט. אײַ די מילך האָט איצט אַ ביסל אַן אַנדער טאַם? נו און די ווורשט האָט דען איצט דעם טאַם, וואָס זי האָט געהאַט פֿריִער, ווען מע האָט זי אָנגעשטאָפּט אין אַן עמעסער קישקע, ניט אין קיין צעלאָפֿאַנענער? ס'איז אָבער אין דעם אויך פֿאַראַן אַ זין, און אַ גרויסער זין.

— איזיע, ווו ביסטו עס ווידער אוועק?

איזיע האָט אַ מאַך געטאָן צו די קינדער מיט דער האַנט, ער וועט זיך, הייסט עס, באַלד אומקערן צוריק און ענדיקן זיי דערציילן וועגן די קראַס־נאָיאַרסקער שטיינערנע זײַלן, וואָס אַז מע קאַראַבקעט זיך אויף זיי אַרויף, קאָן מען פֿון דאָרט אַפֿילע זען צאָפּן־יעניסייסק.

ס'איז שוין געווען ווײַט נאָך האַלבן טאָג, ווען דער שעיריס־האַפּלייטע פֿון די ערשטע יידישע איבערוואַנדערער פֿון די אַרומיקע דערפֿער,

וואָס זײַנען זיך צונויפגעקומען און צונויפגעפּאָרן צו ייִצחאָק גענדינס שלוי־שים קיין קלימאָווע, האָבן זיך אומגעקערט פון בעסאַלמען און זיך געזעצט צום טיש. קיינער האָט זיך נאָך דערוויַיל ניט צוגערירט צום עסן. מע איז נאָך אַלץ ווי געווען דאָרט, אפן נײַעם נאָכמילכאָמעדיקן בעסוילעם, בא דעם אָנגעשאָטענעם בערגל פון ייִצחאָקס קײוער, אף וועלכן ס׳איז געלעגן אײַנ־געוויקלט אין א צעלאָפּאַנענעם זעקל גענדינס בילד. יעדער איינער דאָ באַם טיש האָט געהאַט איבער וואָס זיך צו פאַרטראַכטן, מע איז שוין אַלע אין דעם עלטער, ווען ס׳איז צײַט צו מאַכן א שטיקל כעזשבן־האַנעפעש — וואָס האָט מען אופגעטאָן אף דער וועלט און וואָס איז ביכלאַל דער זין פונעם לעבן. דער מענטש קאָן זיך דאָך ניט גלײַכן צו א זאַנג אינעם פעלד. אָפּגעריסט א זומער און ניט געוואָרן. און צום פעלד קאָן דער מענטש זיך אויך דאָך ניט גלײַכן. דאָס פעלד האָט שטענדיק א טרייסט: ס׳וועט קומען זומער, וועלן דאָ ווידער רוישן זאַנגען, דאָס פעלד וועט ווידער טרײַבן זײַנע כוואַליעס פון האָריזאָנט צו האָריזאָנט. ס׳מאַכט ניט אויס, וואָס גופע די זאַנגען וועלן שוין זײַן ניט די, נאָר אַנדערע. און אַזוי זומער נאָך זו־מער. און אין וואָס זאָל דער מענטש זוכן פאַר זיך א טרייסט?

וואָס מער מע האָט זיך אײַנגעהערט אין דעם, וואָס איז געזאָגט גע־וואָרן אפן בעסאַלמען און איצטער דאָ באַם טיש, נאָכדעם ווי נאָכעם האָט אָנגעפילט בא אַלעמען די גלעזער מיטן היימישן ווײַן, וואָס דער טאַטע זײַנער האָט א נאָמען געגעבן „לעכאַיִם״, אַלץ מער איז צו איטלעכן דער־גאַנגען, אַז דער זין פונעם לעבן באַשטייט, זעט אויס, אין דעם, אין וואָס ס׳האָט אים געפונען ייִצחאָק גענדין: מע זאָל ניט פאַרגעסן ווערן אף מאָרגן נאָך דער לעווײַע, מע זאָל נאָך לאַנג דערמאָנט ווערן צווישן די לעבעדיקע מיט א גוט וואָרט. און אַז אין דערינען האָט ייִצחאָק געפונען דעם זין פון לעבן, האָבן דערמאָנט דאָ אַלעמען באַם טיש די אָרדענס און מעדאַלן, וועלכע דאָס איינציקל זײַנס, איזיע, האָט, מיטגייענדיק מיט אַלעמען אפן בעסוילעם, געטראָגן אף א רויט קישעלע; ס׳האָט דערמאָנט וועגן דעם דאָס בלײַענדיקע סעדל אין הויף, דאָס רוישן פונעם דערבײַיִקן ווייצענעם פעלד.

פונעם עפּלבוים, אונטער וועלכן ס׳איז אף א הויך קליין טישל גע־לעגן דאָס קישעלע מיט די אָרדענס און מעדאַלן, האָט אַראָפּגעקוקט ייִצחאָק גענדינס בילד, וואָס נאָכעם האָט אַרויסגעהאַנגען. אפן דאָזיקן בילד איז ייִצחאָק פאָטאָגראַפירט אין א קאַסקע. פון אונטער דער עטוואָס אָנגערוק־טער קאַסקע האָבן געשמייכלט צוויי גרויסע שוואַרצע אויגן, און אַלעמען באַם טיש האָט זיך געדאַכט, אַז מיט אָט דעם דאָזיקן שמייכל זײַנעם לייקנט ייִצחאָק גענדין אָפּ, אַז אויסער לעבן, איז אויך פאַראַן טויט.

— איזיע, — האָט נאָכעם זיך אָנגערופן צו זײַן ייִנגל, וואָס איז ניט אָפּגעטראָטן פונעם טישל אונטערן עפּלבוים, — האָסט ניט וואָס צו שטיין דאָרט. קיינער וועט דאָס קישעלע מיט די אָרדענס און מעדאַלן ניט צונע־מען. קום, זעץ זיך אוועק און הער, וואָס מע דערציילט וועגן דײַן זיידן.

ניט וועגן אַלץ, וואָס איז גערעדט געוואָרן באַם טיש וועגן ייִצחאָק גענ־דינען, האָבן נאָכעם מיט זײַנע ברידער ביז אהער געוווּסט. ייִצחאָק גענדין איז ניט געווען דער מענטש, וואָס זאָל זיך שטעלן וועגן זיך אליין דער־ציילן. ווען ניט דער בריוו, וואָס דער קאָמאַנדיר פון דער ראָטע סערגיי

וואסיליעוו האָט צוגעשיקט, ווי נאָר ס׳איז צו אים דערגאנגען, אז ס׳איז געשטאָרבן זײַן סאָלדאט איסאק גענדין, וואָלט קיינער ניט געוווּסט, אז יִצחאָק האָט געהאָלפן זיך ארויסקלײַבן פון ארומרינגלונג הינטער כארקאָוו זײַן שווער־פארוווּנדעטן קאָמאנדיר, אים געטראָגן א שטיק וועג אף זיך. אָבער דאָס, וואָס עס דערציילט איצט הירשע וויכער, איז ניט געווען פאר נאָכעמען אינגאנצן קיין נײַס. עפּעס געדענקט ער אויך פון דער דאָזיקער געשיכטע, וואָס איז זיך פארלאָפן, ווען דער גרײַזגרויער רעב הירשע איז נאָך געווען א יונגערמאן מיט א פּאָר פריילעכע שטיפערישע אויגן און געהייסן הירשקע, און ווען ער, נאָכעם, איז נאָך ארומגעלאָפן א באָרוועסער איבערן סטעפּ.

הירשע וויכער איז שוין אין דעם עלטער, ווען, כוץ דעם, וואָס מע פארגעסט, וואָס איז געווען מיט א שאָ צי צוויי צוריק, הייבט מען אָן ביסלעכווײַז שוין אויך פארגעסן, וואָס איז געווען מיט צוואנציק און דרײַסיק יאָר צוריק. פארגעסט הירשע, אז באם טיש זיצן די זעלבע „לעצטע מאָהיקאנער”, ווי ער, וועלכע בייטיקן זיך ניט, מע זאָל זיי דערציילן, מיט וואָס האָט זיך אין יענע יאָרן אונטערשיידט דער דריטער יִשעוו, וואָס ליגט סאכאקל פיר קילאָמעטער פונדאנען, און ביידע דערפער געהערן איצט צו דער פערטער בריגאדע.

נאָר קיינער שלאָגט אים ניט איבער, און הירשע זעצט פאָר דערציילן:

— ניט אנדערש, הערט איר, ווי א ניטגוטער האָט זיך געהאט ארײַנגעכאפּט צו זיי אין קאָלווירט. עפּשער מיינט איר, אז די ערד איז געווען בא זיי אן ערגערע, ווי דאָ, צי ס׳איז ניט געווען, ווער ס׳זאָל דאָרט בא זיי ארבעטן? פּאָטער. ס׳האָט זיי גלאט ניט אָפּגעגליקט מיטן פּאָרזיצער. דאָרט האָט מען געדארפט האָבן אזא, ווי אונדזער מיכל־בער, וואָס קאָן האלטן די לייצעס אין די הענט און ניט לאָזן טאָן מיט זיך וואָס יעדער איינער וויל, ווי זיי האָבן עס געטאָן מיט לייבען. מיינט איר, עפּשער, העיויס דער קאָלווירט איז געווען בא זיי אזא, האָט דער אוילעם דאָרט געלעבט שלעכט? פּאָטער. איז ווו האלט איך? יאָ, צום ערשטן מײַ, אויב דער וועטער האָט ניט אונטערגעפירט, פלעגן מיר שטענדיק ענדיקן דעם פארזיי. און מיטאמאָל, נא דיר! דער דאָרפסראט אונדזערער, ראטנדאָרף האָט ער זיך דעמלט גערופן, האָט שוין געהאט אוועקגעשיקט א רײַטער מיט א ראפּאָרט אין ראיאָן, און דער אוילעם האָט גענומען גרייטן זיך צום יאָמטעוו, ערשט עס פאלט ארײַן אין דאָרפסראט לייבע, שווארץ ווי די ערד, און האלט זיך פארן קאָפּ. ער האָט אלעמען אונטערגעפירט. זיי וועלן הײַנט ניט באווײַזן ענדיקן דעם פארזיי. יִצחאָק גענדין איז פּונקט געווען דערבײַ. רופט ער זיך אָן צו לייבען:

— א פּאָר פערד מיט א זייעלקע פאר מיר וועט זיך דאָרט געפינען בא אײַך, צי כ׳זאָל נעמען פונדאנען?

דעמלט האָט מען נאָך ניט געוווּסט פון קיין טראקטאָרן. געהערט האָט מען וועגן זיי, אָבער נאָך ניט געזען.

דאָס, וואָס איז זיך ווײַטער פארלאָפן אין יענעם טאָג, וואָלט נאָכעם געקאָנט דערציילן בעסער און גענויער פון רעב הירשען. אים, נאָכעמען, האָט די מאמע געהאט דאן געשיקט זיך דערוויסן, וואָס פארהאלט זיך עס

דאָרט אַזוי שפּעט דער טאַטע. מע דאַרף דאָך באַלד גיין שוין אין קלוב אפן אָוונט. וואָס מיינט ער, מע וועט וואַרטן אַף אים?

אויסגעשפּאַנט דאָס פערד פונעם וועגעלע מיטן פעסל וואַסער, וואָס ער האָט געבראַכט צו פירן פונעם אַרטעזיאַנער ברונעם, האָט נאָכעם אַ זעץ געגעבן מיט די באָרוועסע פּיסלעך דער שקאַפּע איבערן בויך און זיך אַ טראָג געטאָן מיטן שטיוויקן וועג צו די פעלדער פונעם שכיינעסדיקן קאָלווירט. און אַלט איז ער דעמלט געווען, נאָכעם, וויפל זײַן איזיע איז איצט אַלט, אויב ניט ייִנגער.

דער אָוונט האָט זיך שוין אינגאַנצן אַראָפּגעלאָזט אַף דער ערד, זיך צונויפגעגאָסן מיטן אופגעאַקערטן פעלד, איבער וועלכן ס'האָבן טראָט נאָך טראָט, ווי אַרוף־באַרג, זיך שווער געשלעפּט די צוויי אײַנגעשפּאַנטע פערד אין דער זייעלקע... אויסער דעם טאַטן, איז אפן סטעפּ מער קיינער ניט געווען.

— וואָס טוסטו דאָ? — האָט דער טאַטע אַראָפּגעשריִען צו אים פון דער זייעלקע.

— די מאַמע האָט מיך געשיקט דיך רופן. מע גייט שוין אין קלוב.

— זאָג דער מאַמען, אַז זי זאָל אַף מיר ניט וואַרטן. איך דאַרף דער־זייען דעם דאָזיקן העקטאַר. נעם, פאָר אהיים.

— טאַטע, — האָט נאָכעם זיך אָנגערופן, — איכל דיר צוהעלפן. גוט?

ער איז אַרופגעשפּרונגען צום טאַטן אַף דער זייעלקע, נאָכשפּירנדיק, ווי פון אירע ווײַסע אײַטערס שיטן זיך אין דעם אופגעאַקערטן שוואַרצן שרונט פון פעלד גרויסע בלאָנדע קערנער.

אומקערנדיק זיך פון פעלד אהיים, האָט ייִצכאָק פאַרקערעוועט צום קלוב, וואָס האָט געלויכטן מיט אַלע זײַנע פענצטער, אַ קוק טאָן, ווו האַלט מען דאָרט, צי וועט ער באַווײַזן נאָך עפּעס אַרײַנכאַפּן פונעם יאָמטעוודיקן אָוונט, אויב ער וועט אַפּגיך, איינס און צוויי, זיך אײַנוואַשן און זיך איבערטאָן.

ער האָט שטיל געעפנט די טיר און געבליבן אומבאַמערקט שטיין בא דער שוועל. ווי ליכטיק העל עס האָבן ניט געברענט די קעראָסינעווע לאָמפּן אַף די ווענט, האָט זייער שײַן אהער ניט דערגרייכט. ייִצכאָק האָט אָבער ניט באַוויזן זיך רעכט אַרומקוקן, ווי עמעצער האָט הינטער זײַנע פּלייצעס אפן גאַנצן קאָל אויסגערופן:

— געגנדין איז געקומען.

— ווו איז ער דאָרט, דער מעכאַלעל־יאָמטעווניק? — האָט זיך דער־טראָגן פון די פאָדערשטע בענק הירשעס קאָל.

— אָט שטייט ער.

— האַלעוויַ וואָלטן מיר אַלע געווען אַזעלכע מעכאַלעל־יאָמטעווני־קעס, — האָט זיך אָנגערופן פון דער בינע דער ווּוקסיקער פאָרזיצער פון קאָלווירט מיכל־בער און פאַרבעטן ייִצכאָקן אין פּרעזידיום.

— אַן אַנדערשמאָל, מיכל־בער. איך דאַרף פריִער גיין אַרומוואַשן זיך, איבערטאָן זיך... ס'איז דאָך עפּעס יאָמטעוו אַף דער וועלט.

ס'האָט אים אָבער גאָרניט געהאָלפן. מע האָט אים שיר ניט מיט גוואַלד אַרופגעשטופּט אַף דער בינע און אים אַוועקגעזעצט אויבנאָן באַם

טיש. וואָס האָט געזאָגט דער טאַטע, ווען מיכל־בער האָט אים געגעבן דאָס וואָרט, וואָלט נאָכעם זיך עפּשער דערמאָנט, ווען ס׳זאָל אים ניט געוועןאיבערשלאָגן די מאַמע מיט איר דערשראָקן קאָל:

— ווּהין איז עס איזינקע שוין ווידעראַמאָל אַנטלאָפן?

ערשט איצט האָט נאָכעם באַמערקט, אַז דאָס בענקל לעבן אים איז ליידיק.

— נעם זיך ניט צום האַרצן, מאַמע. ער האָט זיך דאָ אָפּגעזוכט כאַוויירים און שפּילט זיך מיט זיי ערגעץ. פּילט אָן, פּרײַנט מײַנע, די קוויסעס...

אין רעכטן מיטן דערמאָנען זיך וועגן יִיצכאָק געינדיגען, וועגן די ווײַטע און נאָענטע יאָרן, וואָס זײַנען דורך דאָ אפן סטעפּ, האָט הירשע זיך אָנגעבויגן צו נאָכעמען:

— הערסטו, נאָכעמקע, איך אף דײַן אָרט וואָלט, ווי דו זעסט מיך, פאַרקערעוועט דעם דישל צוריק אַהער. אוועק, דאַנקען גאָט, שוין די צײַט פון זײַן צעזייט און צעשפּרייט.

— וואָס עפּעס צעזייט און צעשפּרייט? קראַסנאַיאַרסק, רעב הירשע, הייסט ניט הײַנטיקע צײַטן זײַן צעזייט און צעשפּרייט. אַז מע וויל, קאָן מען פאָר איין טאָג זײַן הין און צוריק.

— דאָס, נאָכעמקע, ווייס איך. אַפילע אין ביראָבידזשאַן, אַז מע איז, וואָס אין די פריִערדיקע יאָרן האָט עס געהייסן עק וועלט, קאָן מען אויך, אויב מע וויל, פאַר איין טאָג זײַן אי דאָרט, אי דאָ. איך זאָג עס דיר גאָר אַנטקעגן עפּעס אַנדערש. נו, צי דען ציט דיך ניט צוריק אַהער? ביסט דאָך דאָ אויסגעוואַקסן.

— פאַרשטייט זיך, אַז עס בענקט זיך.

— און ווי קאָן מען ניט בענקען. דער סטעפּ איז ווי אַ מין מאַגניט. וואָס דאַרפסטו מער. נעם, אַשטייגער, אונדזער שײַען, וואָס איז, ווי דו ווייסט, מיט אַ היפּש ביסל יאָר צוריק געהאַט אַרויסגעפאָרן פונדאַנען אין שטאָט. מיינסט, ער האָט דאָרט געמאַכט אַ שלעכט לעבן, וואָס ער האָט זיך אומגעקערט צוריק אַהער אין קאָלווירט?

— אף אַלע מײַנע גוטעפרײַנט געזאָגט געוואָרן, — האָט שײַע צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

דאָ האָט זיך שוין אַרײַנגעמישט נאָכעמס ייִנגערער ברודער, פּיניע, דער איינציקער פון די געינדינס, וואָס האָט זיך איבערגעקליבן פון זײַן דאָרפישער שטוב אין דעם שטאָטיש־דאָרפישן פירגאָרנדיקן הויז:

— פאַראַן דערבײַ אָבער אַ סאָד. דאָס האָבן די כעוורע זײַנע אים אַריבערגעפעקלט צוריק אַהערצו.

— דיך כידעשט עס? — שײַע האָט זיך איבערגעזעצט צו נאָכעמען אפן פרײַען בענקל. — ס׳זײַנען איצט אַנדערע צײַטן. נאָר ווי קומסטו עס געדענקען? איר אָבער, פייגע, דאַרפט עס געדענקען. אַמאָליקע יאָרן זײַנען די קינדער נאָכגעפאָרן די עלטערן. ווּהין די עלטערן — אַהינצו די קינדער. איצטיקע יאָרן איז געוואָרן פונקט פאַרקערט. די עלטערן פאָרן נאָך נאָך די קינדער. און ניט, כאָלילע, ווי מיר אַמאָל, צוליבן שטיקל ברויט. ברויט און צום ברויט קאָן מען הײַנטיקע יאָרן פאַרדינען אומעטום. דאָס ווייסט

איצט אפילע דײַן איזקע. א ווײל אײניקל בא אײַך, פײגע. געראָטן, אים צו לענגערע יאָר, אינעם זיידן, אין רעב יִצכאָקן.

— ווען ניט די מילכאָמע, — האָט שווער אָפּגעזיפצט הירשע, וואָס איז געזעסן באם צווייטן עק טיש, — וואָלט רעב יִצכאָק נאָך געקאָנט לעבן און לעבן. געווען א ייִד א גוואר. אזויפיל יאָר שוין אדורך, און די מילכאָמע לאָזט זיך נאָך אלץ פילן. אוי, לאָזט זי זיך נאָך פילן!

פייגע האָט באהאלטן דאָס פּאָנעם אין פארטעך.

— פארגעסט ניט, פייגע, — האָט שײַע זי געטרייסט, — אז עס האָט, כאָלילע, געקאָנט זײַן ערגער.

— גאָט מײַנער, וואָס קאָן שוין דאָ זײַן ערגער...

— זאָגט עס ניט, פייגע. ווי דאָרט זאָל ניט זײַן, איז רעב יִצכאָק פאָרט געשטאָרבן בא זיך אפן בעט, האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אייניקלעך, איר האָט אים ארויסבאגלייט אין זײַן לעצטן וועג, קאָנט קומען צו אים אפן קייווער. און איך דאָך ווייס אפילע ניט, ווו איז דאָס געביין פון מײַן מיישקעלען. קיין אכצן יאָר איז ער דאָך נאָך ניט אלט געווען, ווען ער איז אוועק אפן פראָנט. אז מע גיט זיך א דערמאָן, וואָס האָט זיך אָפּגעטאָן בא אונדז אפן יִשעוו און אף אלע יִשוּווים, ווו דער פאשיסט איז געווען... ווער פון אונדזערע קאָלווירטניקעס, וואָס האָט זיך ניט עוואקוּירט, איז געבליבן לעבן? קיין איינער דאָך ניט. זינדיקט ניט, פייגע. איר האָט פונדעסטוועגן די קינדער מיט די אייניקלעך לעבן זיך, און לאָמיר האָפן, פייגע, אז די אייניקלעך וועלן שוין קיינמאָל ניט וויסן פון קיין מילכאָמעס, פון קיין עוואקואציעס, פון קיין באָמבעס...

ערגעץ נאָענט האָט א דונער געטאָן. אלע באם טיש האָבן פארלוירן זיך אומגעקוקט.

— מיסטאמע האָט בא א מאשין געפּלאצט א שינע, — האָט, אויסווארטנדיק עטלעכע רעגעס, זיך אָנגערופן נאָכעם און דערבײַ לײַכט אָפּגעטעמט.

— עפּעס צו שטארק האָט א קנאל געטאָן.

— ס׳איז פאר אײַך א נאָווענע, שײַע?

— ניין, אָבער...

מע האָט זיך שוין געהאט בארוּיִקט באם טיש, נאָר אין עטלעכע רעגעס ארום האָט זיך אהער ארײַנגעריסן א פארצווייפלטער געשריי. פון אלע הײַזער האָט מען זיך געלאָזט יאָגן צום באשטאָן. באם יִנגעלע, וואָס איז א פארסאָפּעטער ארײַנגעלאָפן אין הויף, זײַנען די אויגן געווען פול מיט שרעק.

— אײַער איזיע...

— ס׳איז עפּעס געשען מיט איזיען? וואָס איז געשען מיט איזיען? — האָט נאָכעם פארשטיקט אויסגעשריִען. — ווו איז ער?

— לעבן באשטאָן... מיר האָבן זיך דאָרט געשפּילט... פון דער ערד האָט ארויסגעשטעקט א פּושקעלע. איזיע האָט עס געוואָלט ארויסשלעפּן, האָט דאָס פּושקעלע זיך אופגעריסן...

— גאָט מײַנער...

— אָבער ער לעבט? איזינקע לעבט?

אין געציילטע מינוט ארום איז נאָכעם שוין געווען לעבן באשטאן, ווו ס'איז זיך צונויפגעלאָפן דאָס גאנצע דאָרף. דער דאָקטער איז שוין אויך דאָרט געווען. ער האָט צוזאמען מיט נאָכעמען אריבערגעטראָגן דעם פאר־וואונדעטן איזיען אין דער מאשין און אָפּגעפירט דאָס ייִנגל אין שפּיטאָל.

* * *

אין דריַי כאדאָשים ארום האָט איזיע זיך אומגעקערט אהיים צוהינקענ־דיק אף א פוס און אָן צוויי פינגער אף דער רעכטער האנט. דער שניט, וואָס די אופגעריסענע גראנאטע האָט איבערגעלאָזט אף זיַין קינדערש גע־זיכט, האָט אים געמאכט עלטער, אָבער דעם זיידנס גוטמוטיקער שמייכל האָט זיך פארהיט אין זיַינע קינדערש פארכידעשטע אויגן.

אריַינגעקומען אין שטוב, האָט נאָכעם אָפּגעשפּיליעט פון דעם טאטנס רעקל דאָס פורפור־סטענגעלע און עס אָנגעטאָן זיַין שווער־פארוואונדעטן איזיען, ייִצכאָק גענדינס אייניקל.

# צוגאַסט אַף אַ ווײַל...

דער נאָגנדיקע בענקעניש, וואָס איז ווידער באַפאַלן נאכמען זעמערן נאָך די צוויי שטעט, ווּ עס זײַנען דורך זײַנע ייִנגלשע און יוגנטלעכע יאָרן, האָט דאָס לעצטע מאָל אים אראָפּגעבראַכט אהין, ווען קיין אָפענע ווונדן, וואָס די מילכאָמע האָט דאָרט איבערגעלאָזט אַף שריט און טריט, האָט ער שוין דאַן ניט געטראָפן. די גאַסן האָבן אים גע־האַט באַגעגנט מיט הײַזער פון אזא הייך, צו וועלכער מע איז דאָרט פריִער ביכלאַל ניט געווען געוווינט. פריִער וואָלט מען דאָרט אַזעלכע הײַזער מי־סטאַמע גערופן הימלקראַצערס. נאכמען געדענקט שוין ניט פּינקטלעך, אוועק דאָך אַזויפיל יאָר, נאָר אים שײַנט, אַז די העכסטע געבײַדע אין דער שטאָט פון זײַנע ייִנגלשע יאָרן — אין פּאָלטאַווע — איז געווען דער פײַער־לעשער־טורעם אַרוף־באַרג צווישן דעם דאָרעם־וואָקזאַל און פּאָדאָל, און אין דער שטאָט פון זײַנע יוגנטלעכע יאָרן — אין קרעמענטשוק — דאָס מוי־ערל אַף דער הויפּט־גאַס מיטן גרויסן פּירקאַנטיקן זייגער אונטערן דאַך.

„פרעגט זיך, — טײַנעט זיך אויס נאכמען מיט זיך אליין, זיצנדיק באַם פענצטערל פונעם לויפנדיקן צוג, — וויבאַלד דו האָסט, אין אַ מאַזלדיקער שאָ, געזען דײַנע ביידע שטעט שוין אײַנגאַנצן אופגעריכטע, שענערע און גרעסערע, ווי געווען, און האָסט אויך געוווּסט, אַז קיין זאַך קאָן דיך שוין דאָרט איצט ניט פאַרכידעשן, זאָלסט אפילע אָנטרעפן אַף אַן עמעסן וואָלקנ־קראַצער, הײַנט צו וואָס און נאָך וואָס פאָרסטו ווידער אהין? נו, טאַקע, צו וואָס?..״

נאכמען איז ניט אָפּגעשטאַנען פון זיך מיט זײַנע טײַנעס אויך נאָך דעם, ווי דער צוג האָט אים שוין געהאַט ווײַט אוועקגעפירט פון דער היים:

„ביסט דאָך שוין, קיין אײַנהאָרע ניט, ווי זאָגט מען עס, גאַנץ נאָענט צו די שיוּוים. האָסט, אפּאָנעם, פאַרגעסן, אַז ס׳איז אָפּגעשווומען אַ פּײַן ביסל וואַסער אינעם טײַך ראָס, זינט דו האָסט זיך געהאַט אוועקגעלאָזט איבער די שטעטלעך איבערגעגעבן פון זיי אין דײַן ביכל אַ גרוס דער גרוי־סער וועלט. אַ יאָר צען איז דאָך אוואַדע שוין אַדורך, ווי האָסט זיך אָנגעע־טעמט באַם ראָס מיט די רייכעס פון די פרײַטיקדיקע הרעטשענע פּידפּאָל־קעס און מיט דער ערעוו־שאַבעסדיקער באָד פון דײַן ווײַטער קינדהײַט. די נאָגנדיקע בענקשאַפט, וואָס האָט דיך מיטאַמאָל אַרומגעכאַפּט נאָך די שטעטלעך, האָט דיך דאָך דעמלט אַראָפּגעבראַכט אויך אהין, ווּהין דו

פאָרסט איצט, און אַ שטיקל גרוס פון זיי האָסטו דאָך שוין אָפּגעגעבן דער וועלט״.

אָט אַזוי האָט דער שרײַבער נאַכמען זעמער זיך אויסגעטײַנעט מיט זיך און, ווי טיילמאָל, אַרויסגעבראַכט זײַנע טײַנעס אויף אַ קאָל:

— מײַן זעלדע איז אוואַדע געוועזן גערעכט, — גיט ער נאָך דעם ווײַב, — וואָס זי האָט אַפילע אַ מינוט פאַרן אָפּגיין פון באַן ניט אויפגעהערט מיך אָפּריידן פון אַט דער נעסיִע.

וואָס זאָל ער געוועזן אָבער טאָן, אַז ס׳איז אים מיטאַמאָל פּאָרט באַפאַלן אָט די נאָגנדיקע בענקעניש און לאָזט אויף קיין רעגע פון זיך ניט אָפּ, האַלט אין אים אין איין צורײדן: פאָר, פאָר, פאָר! ווער ווייסט, ווען עס קאָן דיר שוין אויסקומען דאָרט זײַן. כאַפּ אַרײַן, קאַלזמאַן סע לאָזט זיך.

זיצט אָבער זײַן זעלדע אין אים און טײַנעט זיך אירס:

— ווי פאַרגעסט מען עס, אַז אונטערוועגנס דערעסט מען ניט צומאָל, דערשלאָפט מען ניט צומאָל, און ביכלאַל, ווער לאָזט זיך עס באַ אַזאַ על־טער אין ווײַטן וועג, און ווען? אין רעכטן מיטן זומער, און נאָך אין אַזאַ זומער...

די וואָלקנס האָבן עפּעס ווי אינגאַנצן פאַרגעסן דעם וועג, וווהין ער פאָרט. דער הימל איז דאָרט, אַפּאַנעם, אויף אַ גאַנצן זומער אָפּגעגעבן אין כאַזאַקע דער זון. אויב גלייבן די פּאַסאַזשירן, וועלכע זײַנען אַרײַנגעשטיגן אויף די לעצטע סטאַנציעס, אַז אַפילע אין שאָטן איז עטלעכע און דרײַסיק גראַד היץ, דאַרף מיסטאַמע אין וואַגאָן זײַן אַלע פערציק. ווען דאָס זעלבע זאָל געוועזן מיט אים טרעפן מיט אַ יאָר צען צוריק, בייס ער איז אַרומגע־פאָרן איבער די שטעטלעך, וואָלט ער מיסטאַם נאָכגעטאָן די יונגע כעווריע־לײַט פון קופּע, וואָס האָבן פון זיך אַלץ אַראָפּגעוואָרפן — געבליבן אין איינע טרוסן, ווי אויף אַ פּליאַזש. אָבער איצט, באַ אַזאַ עלטער...

— הער, — האָט זעמער, ליגנדיק שוין אַן אויסגעטאָנענער אין בעט אינעם צימערל פון האָטעל, זיך אָנגערופן צו זיך שוין מיט קאַס, גלײַך ער זאָל האָבן צו טאָן מיט אַ צווייטן, מיט מער נאָך אַן אײַנגעשפּאַרטן, ווי פריִער, — דיר איז קאַרג די שוויצבאָד, וואָס האָסט געהאַט אין וואַגאָן, די סאַקאַנעסדיקע היץ אינעם אָנגעשטאָפּטן טראַלייבוס און דאָס שלעפּן זיך דערנאָך צופוס מיטן טשעמאָדאַן אַ היפּשע שטיק וועג צום האָטעל, וואָס דיר ליגט זיך ניט אײַן? וווהין קלײַבסטו זיך עס איצט גיין? זעעסט ניט, אַז דער הימל איז שוין באַלד אינגאַנצן אין שטערן, און אַז די שטערן זײַנען העלע, ווי אָנגעגליטע. פילסט ניט, ווי סע גייט פון זיי אַ היץ?

סאָפּקאָלסאָף האָט נאַכמען געפּויעלט באַ זיך מאַכן נאַכט. וואָרעם טאַקע. וואָס איז עס פאַר אַן אײַלעניש? די שטאָט וועט דאָך פאַר דער נאַכט פון אים ניט אַנטלויפן. ער פאָרט דאָך נאָך מאָרגן ניט אַוועק. און איבערמאָרגן אויך ניט. און אויסגעמאַטערט איז ער פון דער היץ, אַז ער קאָן מאַמעש מיט קיין אייווער ניט רירן.

עס ליגט זיך אים אָבער פּאָרט ניט אײַן. ס׳איז דאָך ניט געהערט און ניט געזען געוואָרן! די וויפלטע שאָ שוין, ווי ער איז אין זײַן ליבער שטאָט, און נאָך ניט געזען דאָס שטיבל אינעם אַראָפּבאַרגיקן ביסטראָווסקי־געסל, און ניט געוועזן נאָך אין הויף אויף דער קאָטליאַרעווסקי־גאַס, וווּ עס

זײַנען דורך זײַנע ייִנגלשע יאָרן. ווי קאָן ער אײַנליגן, אַז ער האָט זיך נאָך ניט געזען מיטן רויטן צווייטשטאָקיקן ציגלנעם מויער פון דעם אַמאָליקן קינדערהיים, אין וועלכן ער האָט אַ שטיק צײַט געלעבט. און כאָטש עס זײַנען שוין דורך אַזויפיל יאָר, דאָך ציט אים אַ קוק טאָן אויך אויף דער אַמאָליקער קאָרשול, וווּ ער איז ייִנגלווײַז געווען אַ מעשוירער בא יאַמפּאָלסקין דעם כאַזן און אומאַנסקי דער כאָרמייסטער האָט אײַנגעקנעלט מיט אים די יאָמקיפּערדיקע סאָלאָ „יאַאַלע טאַכאַנונייִנו מיִערעוו"[1], וועלכע ער געדענקט נאָך אַ ביסל ביז איצט. אין יאָרן אַרום האָט ער אין דער זעלבער קאָרשול, וואָס איז שוין דאַן געווען אַ קלוב, געשפּילט אויף דער בינע אין אַ דראַמאַטישן ליבהאָבער־קרײַז כאָנען פון דעם „דיבעק אויף דער לינקער זײַט". און ווי כאַפּט מען זיך עס ניט אַראָפּ אויף דער קאָבעליאַקער גאַס, וווּ אין שכיינעס מיט דער אַפּטייק, וווּ ער האָט שפּעטער געאַרבעט, איז געווען די באַלגיטשענע קלויז, אין וועלכער אַווראָם־בער דער געמאָרע־מעלאַמעד — אַ קליין, ציכטיק ייִדל מיט רויטע בעקלעך און שטראַלנדיקע אויגן — האָט מיט אים געלערנט „באָוואָ מעציִע" און „באָוואָ קאַמע". אַהער אין קלויז, ווען ער האָט שוין געלעבט אין קינדערהיים, פּלעגט ער קומען פירן וויקוכים מיט די יונגע יעשיוועבאָכערימלעך, זיי זאָלן ווערן אַפּיקאָרסים. ער זאָל געווען נאָכגעבן דער בענקשאַפט און זיך לאָזן פון איר פירן, האָט ער דאָ צו גיין און צו גיין און צו גיין... און עס גיט אים מיטאַמאָל אַ הייב אויף פון געלעגער, און אין געציילטע מינוטן אַרום איז ער שוין אין דרויסן.

קימאַט אַלע טראָלייבוסן און אווטאָבוסן, וואָס לויפן דאָ דורך, גייען אין דער זעלבער ריכטונג, וווהין נאַכמען זעמער קלײַבט זיך צום אַלעם ערשטן. נאָר נאַכמען זעצט זיך אויף קיין איינעם פון זיי ניט אויף, ווי ער זאָל מוירע האָבן, אַז פון דעם, וואָס ער וועט פאָרן און ניט גיין, וועט ער ניט דערפילן אַזוי אין זיך יענע ליבע פּאַלטאַווע, וועלכע ער טראָגט אין זיך אַ לעבן לאַנג.

ווי די שטאָט איז ניט גרויס — פונעם דאָרעם־וואָקזאַל ביזן קיִעווער איז פּאָרט היפּשע עטלעכע קילאָמעטער, — איז ער אָבער איבער דער שטאָט, מעג זײַן ווי ווײַט, קיינמאָל ניט געפאָרן, סײַדן ווען ער האָט גע־דאַרפט צום באַן. און ניט ווײַל צו דיביידע וואָקזאַלן איז ווײַט. אַפילע אין קרעמענטשוק, וווּ דער וואָקזאַל איז אין סאַמע שטאָט, איז מען אויך גע־פאָרן צום באַן אויף אַ דראָזשקע, אַנדערש האָט דאָס אוועקפאָרן פון דער היים ניט געהאַט יענעם טאַם, וואָס עס דאַרף האָבן אַ נעסיִע. אָבער אַרומ־פאָרן אויף אַ דראָזשקע איבער דער שטאָט האָט מען געקאָנט דאָ זען נאָר אַ דאָקטער אָדער אַ גאַלעך.

זינט יענער ווײַטער צײַט איז די שטאָט, ווייסט ער, זיך גאַנץ היפּש צעוואַקסן, און לאָזן זיך שפּאַנען איבער איר איצט צופוס, ווי אַמאָל, איז, פאַרשטייט זיך, אַ ביסל אַלטמאָדיש. וועער לאָזט זיך עס הײַנטיקע צײַטן ביכלאַל שפּאַנען צופוס מער פון אַ קוואַרטאַל צי צוויי, בייס מע איז פון אַלע זײַטן אַרומגערינגלט מיט אווטאָבוסן, טראָלייבוסן און טאַקסי. און

---

[1] פון אַ טפילע.

פונעם האָטעל, ווו נאַכמען שטייט איצט, ביז דער קאַטליאַרעווסקי־גאַס איז א גאַנץ פייַנער מעהאַלעך. נאָר אויסער ווי פאַר זיך איינעם האָט ער ניט פאַר וועמען זיך צו פאַרענטפערן. ניט ער קען שוין דאָ קיינעם, ניט קיי־נער קען אים. דאַכט זיך, אַז די שטיינער פון ברוק זייַנען שוין אויך ניט די, וואָס געווען.

צו דעם, אַז ער וועט דאָס מאָל שוין ניט באַגעגענען דאָ קיין באַקאַנ־טע, איז נאַכמען קימאַט גרייט געווען. נאָר אַז ער זאָל ניט אָנטרעפן אַפן וועג קיין איין באַקאַנט הויז, כאָטש פיל הייַזער אַף די דאָזיקע גאַסן זייַ־נען, מעגלעך, אַפילע עלטער פון אים, דאָס האָט אים שוין אויסגעזען ביז גאָר מאָדנע. מיסטאָמע נעמט זיך עס דערפון,— גיט זיך נאַכמען צו דער־קלערן,— וואָס בייס ער איז געווען א היגער, איז ער אַף די גאַסן, וואָס ליגן אַף דער זייַט פונעם קאָרפּוסנעם סאָד, זעלטן־ווען געווען, און עפּשער טאַקע גאָר אינגאַנצן ניט געווען, ווייַל דער דאָזיקער טייל שטאָט, געדענקט זיך אים, איז שוין ניט געווען די „יידישע" פּאָלטאַווע, ווי מע האָט זי דאַן גערופן. די „יידישע" פּאָלטאַווע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פון דעם אַרופּ־באַרגיקן פּאָדאָל, האָט זיך געענדיקט אַף יענער זייַט פונעם גרויסן קייַלע־כיקן קאָרפּוסנעם סאָד מיטן הויכן דענקמאָל די העלדן פונעם זיג איבער דער שוועדישער אַרמיי. קיין איין סאָד האָט נאַכמען ייִנגלווייַז אַזוי ניט ליב געהאַט, ווי דעם קאָרפּוסנעם, פון וועלכן עס גייען זיך פאַנאַנדער, ווי שטראַלן, די אָנהייבן פון עטלעכע גאַסן, און וועלכן עס רינגלען אַרום ליכ־טיקע פּאַלאַצן און גרויע אומעטיקע מויערן פון די אַמאָליקע קאַדעטישע קאָרפּוסן.

ווי נאָר נאַכמען האָט אַרייַנגעשטעלט א פוס אינעם קאָרפּוסנעם סאָד, האָט ער גלייַך דערפילט, אַז ער איז אין דער שטאָט פון זייַנע ייִנגלשע יאָרן, כאָטש ניט אַלץ, וואָס ער האָט דאָ אָנגעטראָפן, איז אים באַקאַנט פון אַמאָל. די לאָמפּן, וואָס מאַכן פאַרגעסן מיט זייער געלבלעכער באַ־טאָגיקער שייַן, אַז דער הימל איז פול מיט שטערן, זייַנען דאָ דעמלט געוויס ניט געווען. אויב זיך גוט צוקוקן, וועט ער אַף זיכער נאָך עפּעס געפינען, וואָס איז דאָ דעמלט ניט געווען. נאָר ווער באַמערקט דאָס גראָז באַם צופוסנס פון א הויכן שלאַנקן בוים, ווי געדיכט און גרין און ווייך דאָס גראָז זאָל ניט זייַן?

דער הויכער שלאַנקער בוים דאָ אין סאָד, באַ וועלכן נאַכמען איז שטיין געבליבן, איז דער דענקמאָל „רום", וואָס געפינט זיך אַפן זעלבן פּלאַץ, ווו די אייַנוווינער האָבן באַגעגנט די זיגער פון פּיאָטער דעם ערשטנס אַרמיי נאָכן אָנטשיידענעם שלאַכט מיט די שוועדן הינטער פּאָלטאַווע. פון דעם אַרומגעצוימטן פּאָסטאַמענט ציט זיך צום הימל א הויכער קייַלע־כיקער זייַל, א באַצירטער מיט בראָנזענע קראַנצן און פּאַלמע־בלעטער. אַפן זייַל שטייט מיט צעשפּרייטע פליגל א בראָנזענער אָדלער, וואָס האַלט אין שנאָבל א לאָרבער־קראַנץ און אין די נעגל — פייַלן. דאָס שטאַכעטל אַרום דעם פּאָסטאַמענט איז פון שווערדן מיט אַראָפּגעלאָזענע שפּיזן, ווי אַרייַנגעלייגטע אין די שיידן.

מער פון אַלץ האָט דאָ פאַרהאַלטן נאַכמען זעמערן דער טומל פון די קינדער, וואָס זייַנען געזעסן רייַטנדיק אַף די אַרויסשטאַרצנדיקע רערן

פון די אײַנגעמויערטע אינעם פּאָסטאַמענט האַרמאַטן. אָט פּונקט אַזוי פּלעגן אַף די זעלבע רערן זיך פאַרקלײַבן די קינדער אין זײַנע, נאַכמענס, צײַטן, און מיסטאַמע אויך אין די צײַטן ביז אים. פאַר אים אַבער, זעמערן, זײַנען בלויז די דאָזיקע האַרמאַטן געווען שפּילעכלעך, און די קינדער, וועלכע ער האָט איצט געטראָפן אַף זיי רײַטן, ווילט זיך אים גלייבן, וועלן אָט די קאַלטע רערן פון די שטומגעוואָרענע האַרמאַטן קיינמאָל ניט דערמאָנען אין דעם, אין וואָס זיי דערמאָנען אים און די זיידעס פון די דאָזיקע קינ־דער, וועלכע שפּאַצירן דאָ דערבײַ אַרום. זיי קוקן מיסטאַמע אַף אים, אַף נאַכמענען, ווי אַף אַ מענטשן, וואָס איז דאָ צום ערשטן מאָל, ווײַל וועלכער היגער אײַנוווינער וועט זיך עס אָוועקשטעלן באַטראַכטן אַ דענקמאָל, וועלכן ער איז שוין אַזויפיל מאָל פאַרבײַגעגאַנגען, אַז ער האָט אים שוין, דאַכט זיך, ביכלאַל אופגעהערט באַמערקן, ווי אַ סאַך אַנדערע דענקמעלער, מיט וועלכע ס'איז רײַך די שטאָט. דאָס זעלבע, אַפּאַנעם, טראַכט נאַכמען, קומט פאָר אומעטום און מיט אַלעמען, ווי רײַך די שטאָט זאָל ניט זײַן מיט דענקמעלער. מיט אים איז דען ניט געווען דאָס זעלבע, ווען ער איז געווען אַ היגער? גאָר עפּעס אַנדערש איז, ווען מע קומט אַראָפּ צו זיך אַהיים אין יאָרן אַרום שוין, ווי אַ גאַסט. ניט נאָר בײַ די דענקמעלער, נאָר אַפילע בײַ די הײַזער שטעלט מען זיך אָפּ, אָט ווי ער שטעלט זיך איצט אָפּ, און עס דאַכט זיך דערבײַ, אַז מע האָט זיי גאָר פריִער ניט געזען, צי זיי זײַנען פריִער געווען גאָר אַנדערע. דאָס גייען איבער דער היימישער שטאָט איז דעמלט גאָר אַן אַנדער גייען, און דער בליק, מיט וועלכן מע באַטראַכט אַלץ, איז דעמלט אויך אַן אַנדערער.

מיטן דאָזיקן צוריקגעהאַלטענעם טראָט און פאַרכידעשטן בליק פאַר־לאָזט נאַכמען דעם קאַרפּוסנעם סאָד און קומט אַרויף אַף דער פּאַזע ליגנ־דיקער הויפּט־גאַס, וואָס איז מער ענלעך אַף אַן אַלייע פון אַ געדיכטן גאָרטן. די שטאָט איז נאָך אַ סאַך גרינער, ווי פריִער. צי איז פאַראַן נאָך אַף דער וועלט אַזאַ גרינע און שיינע שטאָט? און אַזאַ לויטערער טײַך מיט גינגאָלדענע זאַמדיקע ברעגן, ווי די וואָרסקלע, איז ערגעץ נאָך דאָ?..

ווי קומט עס, ער זאָל ניט באַמערקן, אַז ער איז פאַרבײַגעגאַנגען די קאַטליאַרעווסקי־גאַס, וווּ ער האָט ייִנגלווײַז געוווינט? געכאַפּט האָט זיך נאַכמען, ווען ער איז שוין געווען אַפן ראָג פון דער שכיינעסדיקער גאַס. אַ פאַרכידעשטער האָט ער זיך אומגעקערט צוריק און דערזען, אַז שולדיק דערין, וואָס ער האָט עס ניט באַמערקט, איז גאָר דער הויכער גרויסער מויער מיט די זײַלן, וועלכער איז מער ענלעך אַף אַ פּאַלאַץ, ווי אַף אַ קליידער־מאַגאַזין. ווען ער, נאַכמען, איז נאָך געווען אַ היגער, איז אַפן זעלבן ראָג, געדענקט ער, געשטאַנען אַן אַנדערהאַלבנשטאָקיק הילצערן שטיבל און בישכיינעס מיט דעם דער סינאַגראַף „רעקאָרד”. זומער האָט דאָרט געשפּילט אַ ייִדישער טעאַטער. אַנטקעגניבער איז געווען דער סי־נאַגראַף „קאַליזיי”. יעדן אינדערפרי פלעגט דאָ שטיין מיט אַן אָנגעפּאַקטן לעדערנעם בײַטל צײַטונגען דער פּולבלעכער גוואַר פון נאָוועפּרעלאָזשענע, אַבראַשע, און מיט אַ געמבע, וואָס האָט זיך געלאָזט הערן אַף דער צענטער גאַס, אויסשרײַען די נײַסן פון טאָג אַף גאָרער וועלט.

אבראשע מיטן אָנגעפּאַקטן לעדערנעם בײַטל צײַטונגען, וואָס איז, ווי א לעבעדיקער, ארויסגעשווומען פון יענע ווײַטע טעג, איז פארשווונדן, נאָך איידער נאכמען איז צוגעקומען צו דעם ארומגעצוימטן פּאַרקן, פון הינטער וועלכן עס האָט ארויסגעשטאַרצט צום אָוונטיק־אויסגעשטערנטן הימל דער לאַנגער שנאָבל פון א הייבקראַן. שטייט ער, נאכמען, און ווייסט ניט, וועמען זאָל ער אין דער דאָזיקער רעגע מעקאַנע זײַן: זיך, וואָס ער האָט שוין ניט געטראָפן אפן ראָג גאס דעם הויף, וועלכן ער האָט באַשריבן אין זײַן בוך „נעכטן און הײַנט", — דעם נאַקעטן הויף מיטן נידעריקן האלב־אײַנגעפאלענעם שטיבל, ווו אין א קליין צימערל האָבן געוווינט זאלבענײַן צוויי געזינדן, צי מעקאַנע זײַן דעם, וועלכער וווינט אף דער אנדערער זײַט גאס, ווו קיין זאַך האָט זיך, דאכט זיך, ניט געענדערט: די זעלבע איינשטאָקיקע הײַזער מיט די הויכע גאַנעקעס פון די אַמאָליקע געוועלבן און אכסאַניעס, די זעלבע סעדלעך אין די הויפן, די זעלבע באָד, אין וועלכער ער האָט בא זײַן אראָפּפאָרן אהער באלד נאָך דער מילכאָמע זיך מעסאמייעך געוואָשן אף א יִדישער כאַסענע, אף דער ערשטער יִדישער כאַסענע נאָכן גרויסן אומגליק. די באָד איז, אפּאָנעם, דעמלט געווען די איינציקע גאַנץ געבליבענע גרויסע זאל אין שטאָט.

ווען זעמער זאָל דאָ אזוי אָפּשטיין ביז אינדערפרי, וואָלט אים נאָך אויך געבליבן אין וואָס צו דערמאָנען זיך. שטעלט ער אָבער אליין אָפּ דעם זיקאָרן זײַנעם, וואָס האָט שוין באַוויזן אופעפענען פאר אים דעם טויער פון הויף, אין וועלכן עס באַווײַזט זיך מיט זײַן צווייִרעדערדיקער טאטשקע מיישקעלע בו, דער, וועמען נאכמען האָט באַשריבן אין זײַן בוך, און קערט זיך אום צו דעם, וואָס וועט דאָ זײַן אין א כאַדאָשים צוויי־דרײַ ארום, צום פילשטאָקיקן מויער, וואָס בויט זיך דאָ און פארנעמט שיר ניט צוויי קווארטאלן.

קוקנדיק אף דעם, וואָס ס'איז געוואָרן פונעם שטיבל און פונעם הויף, ווו ער האָט געוווינט, כאַפּט זיך בא נאכמענען מיטאמאָל ארויס:

— מא טויוואָ אויהאָלעכאָ... ווי שיין ביסטו, שטאָט מײַנע פון מײַנע ווײַטע יִנגלשע יאָרן, מיט דײַנע נײַע הײַזער און הייבקראַנען, מיט דײַנע סעדער און סקווערן אף יעדן קער און ווענד...

ווהין רופט זי אים איצט נאָך זיך, די נאָגנדיקע בענקשאַפט זײַנע? אים ווײַזן דאָס שמאָלע ביסטראָווסקע־געסל, ער זאָל זען, אז דאָרט איז שוין אויך קימאַט גאָרניט פארבליבן פון דעם, וואָס ער האָט זיך געריכט נאָך צו זען, איידער עס וועט פארשווינדן?

צו דעם ביסטראָווסקע־געסל פירט פונדאַנען די דערבײַ־ליגנדיקע אראָפּ־באַרגיקע נאָוועפּרעלאָזשענע — דער העמשעך פון דער גלײַכער, ווי א סטרונע, קאָטליאַרעווסקי־גאס, אף וועלכער ער האָט געוווינט.

נאָוועפּרעלאָזשענע!

קיין איין גאס אין שטאָט האָט אזוי ניט געשעמט, ווי אָט די דאָזיקע גאס. ווען זעמער האָט זי באַשריבן אין איינעם פון זײַנע ביכער, האָט ער, דאכט זיך, אליין געהאַט פארגעסן, אז דער נאָמען נעמט זיך פון „נאָוואָ־פּראָלאָזשענאיא", וואָס דער טײַטש איז — א נײַ־דורכגעלייגטע, נאָר

ער האָט, ווי אַ סאַך אַנדערע, עס אויך שוין געהאַלטן פֿאַר אַ ריין ייִדיש וואָרט.

די, וואָס האָבן דאָ געוווינט, האָט מען אַנדערש ניט גערופֿן, ווי די נאָוועפּרעלאָזשענער. דער דאַזיקער צונאָמען איז פֿאַרבליבן אויף שטענדיק אויך בײַ יענע, וואָס האָבן זיך פֿון לאַנג שוין אַריבערגעקליבן אויף אַנדערע גאַסן. אַפֿילו פֿאַר דעם באַרימטן „באַרעץ״ פֿון צירק, פֿאַר איוואַן שעמיאַ־קינען, וואָס איז אויסגעוואַקסן אַ וועלט און געוואָרן אַ באַלעבאָס פֿון אַן אייגן גרויס הויז מיט אַן אייגענעם גרויסן גאָרטן, מיט אייגענע זומער־בעדער, וועלכע ער פֿלעגט פֿאַרדינגען, האָט מען אויך ניט געמאַכט קיין אויסנאַם. קוים ווײַנט ער אויף דער דאָזיקער גאַס, איז ווער ער זאָל ניט זײַן און וואָס ער זאָל ניט זײַן, בלײַבט ער פֿאַר דער שטאָט סײַ ווי אַ נאָוועפּרעלאָזשענער.

אין יאָרן אַרום, ווען זי האָט שוין געהייסן שאָלעם־אַליכעם־גאַס, און די געוועזענע באַלעגאָלעס, קאַטערינשטשיקעס, טאַטשקעניקעס, טרעגער און סטאַם אָרעמעלײַט, מיט וועלכע זי איז פֿון אויבן ביז אַראָפּ געווען געדיכט באַזעצט, זײַנען שוין געוואָרן אַרבעטער און קוסטאַרן, האָט מען זיי אַלציינס גערופֿן די נאָוועפּרעלאָזשענער און ניט די שאָלעם־אַליכעמער.

צי האָט פֿאַר די יאָרן, וואָס ער איז דאָ ניט געווען, זיך ניט געביטן דער נאָמען פֿון דער גאַס, ווי דאָס איז זיך פֿאַרלאָפֿן אין דער שטאָט, ווו ער איז ניט לאַנג צוריק געווען? דאָרט איז שוין ניטאָ קיין שאָלעם־אַליי־כעם־גאַס. פֿאַראַן אַ שאָלעם־אַליכעם־פּראָספּעקט, און ניט אין דעם אַלטן טייל שטאָט, נאָר אין דעם נײַעם. ס׳איז אָבער צו טונקל דאָס לעמפּל אויפֿן נומער פֿונעם הויז, בײַ וועלכן זעמער שטייט, אַז ער זאָל קאָנען איבערלייע־נען דעם נאָמען פֿון דער גאַס. איז זעמער צוגעגאַנגען שוין גאָר־גאָר נאָ־ענט, אַזש פֿאַרשטעלט מיט זיך די פֿאַרהאַנגענע פֿענצטערלעך.

— ווּעמען זוכט איר עס דאָ, וואָרעם אויף נאָוועפּרעלאָזשענע קען איך נאָך דערווײַל, דאַנקען גאָט, אַלעמען.

לויטן האַלב־זינגעוודיקן, עטוואָס שעפּעליאַוון קאָל, מיט וועלכן די פֿרוי, וואָס ער האָט דערזען לעבן זיך אויפֿן טראָטואַר, האָט עס אים געפֿרעגט, איז דאַרף זי זײַן ניט קיין איבעריקס באַיאָרטע. אַלנפֿאַלס, אַ סאַך ייִנגער פֿון אים. און כאָטש זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ קליידל העכער די קני און אין אַ קאָפּטל אײַנגאַנצן אָן אַרבל, האָט זי אים דערמאָנט אין זײַן מאַמען, ווען זי פֿלעגט זיך אין אַ יאָמטעוודיקן אָוונט אומקערן נאָכן דאַווענען פֿונעם גאָגאָלעווסקן בעסמעדרעש. מיט וואָס דאָס ווײַבל האָט עס אים דערמאָנט, ווייסט נאָכמען נאָך אַליין ניט. עפּשער מיט דעם שוואַרצן שאַלכל אויפֿן קאָפּ און דערמיט, ווי גאָטספֿאָרכטיק זי האָט געהאַלטן אַ גראָבן בוך אונטערן אָרעם.

— איר קענט מיך, וואָס איר קוקט אַזוי אויף מיר? — טוט זי אים ווידער אַ פֿרעג מיט איר האַלב־זינגעוודיקן קאָל.

— כ׳ווייס, — פֿאַרענטפֿערט זיך נאָכמען, — ס׳קאָן זיך אַמאָל מאַכן, אַז יאָ, ווײַל כ׳האָב אויך אַמאָל דאָ געוווינט.

— וואָס הייסט בײַ אײַך, אַשטייגער, אַמאָל? פֿאַר דער מילכאָמע?

— מיט אַ היפּש ביסל פֿריִער נאָך, ווי איר קלערט. קאָן זײַן, אַז איר זײַט נאָך גאָר דעמלט אויף דער וועלט ניט געווען. וואָס לאַכט איר?

צעלאכט זי זיך שטארקער.

— אין וויפל אן ערעך שאצט איר מיך עס? ווען ניט די מילכאָמע, וואָלט איך איצטער מיסטאמע שוין געווען אן עלטערבאָבע. איז צו ווּעמען דארפט איר דאָ?

— אייגנטלעך, צו קיינעם ניט. כ׳האָב פּאָשעט געוואָלט א קוק טאָן, ווי הייסט די גאס.

— אָט איצטער זע איך, אז איר זײַט טאקע גאָר לאנג פונדאנען, ווי־באלד איר ווייסט ניט, אז נאָוועפּרעלאָזשענע הייסט שאָלעם־אלייכעמסקע. ס׳איז דאָך שוין א שאָק מיט יאָרן דערין. און ווו האָט איר דאָ נאָכדעם געוווינט? טאקע דאָ דערבײַ, אף קאָטליארעווסקי? אנטקעגן דער באָד? דער סאָף איז גוט. איך האָב דאָך געקענט אײַער מאמען, אונדז צו לענגערע יאָר. און דער ברודער אײַערער, ווי כ׳האָב געהערט, איז אויך אומגעקומען אף דער מילכאָמע, ווי מײַן מאן, אָלעווהאשאָלעם. אײַער ברודער האָבן דאָ אלע געקענט. נאָך דער ארבעט,— ער איז, דאכט מיר, געווען א טרעגער אף דער מיל,— פלעגט ער פאָרלייענען דאָ בא אונדז אין לייען־שטיבל שאָלעם־אלייכעמס ביכלעך. און אז מע פלעגט אים שטארק בעטן, פלעגט ער אונדז עפּעס אויסזינגען אויך. דער צווייטער קאָזלאָווסקי. קאָזלאָווסקי, זאָגט מען, איז אויך געווען אמאָל א היגער. זײַט איר, הייסט עס, געקומען פּאָשעט א קוק טאָן אף דער שטאָט. זיך פארבענקט? פאראן נאָך וואָס צו בענקען. איר וועט זי אָבער ניט דערקענען. געוואָרן א קראך. און שיין, ווי די וועלט, זיך נאָר טאקע צו שפּיגלען אין איר. און נאָוועפּרעלאָזשע־נע איז אויך ניט דאָס, וואָס געווען. געוואָרן א גאס מיט גאסן גלײַך. אספאלטירטע טראָטוארן און אן אספאלטירטער ברוק, און הייסע וואסער, מיט גאז, נו, ווי סע פירט זיך הײַנטיקע צײַטן. נאָר דאָס יידישע לייען־שטיבל איז שוין ניטאָ. און ווען עס זאָל אפילע פארבלײַבן, איז שוין, אייגנטלעך, ניטאָ, ווער ס׳זאָל קומען הערן א יידיש ביכל. דער אוילעם איז דאָ קימאט אינגאנצן אן אנדערער. ווייסט איר וואָס, כ׳וועל זיך דורכ־גיין מיט אײַך, ווײַל אָן מיר, האָב איך מוירע, וועט איר דאָרט איצט גאָרניט טרעפן. ווארט דאָ צו אף מיר. כ׳שפּרינג נאָר ארײַן אף א רעגע אהיים. כ׳ווין דאָ דערבײַ, אף פאריזשעסקע קאָמונע, לעבן דעם שטיבל, ווו מע גאזירט אָן די סיפאָנען.

דאָס, וואָס נאכמען האָט אָנגעטראָפן אף א מענטשן, וואָס איז געווען באקענט מיט זײַן מישפּאָכע, איז ניט געווען פאר אים אינגאנצן אומדער־ווארט, נאָר אז ער זאָל שיר ניט אין דער ערשטער מינוט זיך אָנשטויסן דאָ אף אזא מענטשן, וואָס האָט, ווי צו זען, וואָס צו דערציילן און זוכט, דאכט זיך, וועמען צו דערציילן, דערוף האָט נאכמען זיך בעפּיירעש ניט געריכט. לאָזט ער שוין ניט אײַן די באקאנטשאפט, און טוט זי היימיש־לעך א פרעג:

— וואָס פאר א ביכל האלט איר עס?

— פיאָטער דער ערשטער. כ׳לייען עס שוין צום דריטן מאָל אווּאדע. כ׳האָב מעסוקן ליב היסטאָרישעסקע ראָמאנען, גיי מאמעש אויס. כ׳האָב שוין באלד דורכגעלייענט אלע היסטאָרישעסקע ראָמאנען אין ביבליאָ־טעק.

— און איך האָב געמיינט, — גיט זעמער צו איר א זאָג נאָך מער היימישער, — אז ס'איז א מאכזער, און אז דאָס גייט איר פון דער גאָגאָ־לעווסקער שול.

ענטפערט זי אים אָפּ מיט א שמייכל:

— און וואָס מיינט איר, איך גיי טאַקע פון דעם גאָגאָלסקן קולטור־הויז, ווו ס'איז געווען אמאָל, אויב איר געדענקט, די קאָרשול. איך בין דאָרט פארשריבן אין ביבליאָטעק, — זי מאכט א טראָט און בלייבט שטיין. — מירן עפשער אָפּלייגן אונדזער גאַנג אף מאָרגן? ס'איז שפּעט־לעך א ביסל. אף נאָוועפּרעלאָזשענע דאַרף מען גיין פארנאכטלעך. באַ־טאָג וועט איר דאָרט קנאַפּ וועמען טרעפן: דער אוילעם איז אף דער אר־בעט. פּאָלטאַווע אונדזערע איז געוואָרן א זאַוואָדסקע שטאָט, און שאָלעם־אליייכעמסקע — א זאַוואָדסקע גאַס. איז קומט צו מיר מאָרגן ארום זעקס, זיבן אָוונט, וועל איך מיט אייַך מיטגיין. אָט אין דער כאַלופּע ווין איך. די ערשטע טיר אין קאָרידאָר אף רעכטס. איר זאָלט נאָר ניט פארגעסן אָנבייגן דעם קאָפּ אין קאָרידאָרל. דער באַלקן איז דאָרט שטאַרק א ני־דעריקער. נו, און רופן רופט מען מיךביילע. וויבאַלד איר זייַט מיט א צייַט נאָך פאַר דער מילכאָמע ארויסגעפאָרן פונדאַנען, קאָנט איר מיך ניט קענען, אָבער דעם טאַטן מייַנעם, אריע־לייב דעם באַלעגאָלע, האָט איר געדאַרפט פארגעדענקען, וואָרעם ווער האָט אים ניט געקענט. וועגן דעם אלטן אָדעסער בינדיוזשניק מענדל קריקן, נו, בעני קריקס טאַטן, האָט איר ווען־ניט־איז געלייענט? אָט אזא איז געווען מייַן טאַטע. א גוואַר א ייִד, איינער אין שטאָט. און דעם מאַן מייַנעם האָט איר אויך געדאַרפט קענען. מיכקע האָט מען אים גערופן. דער ערשטער קאָמיקער געווען אינעם דראַמקרייַז בא די קוסטאַרן. און פּייסאַכאָוויטשן דעם פאַבריקמאַכער דאַרפט איר זיכער געדענקען. ער האָט דאָך געוווינט מיט אייַך אף איין גאַס. איך האָב מיט אים געאַרבעט אין איין פאַבריקמאַכערסקע. איך בין א דאַמסקע מייַסטער. ערשט א פּאָר יאָר, אז איך בין אף פּענסיע. נו, און איר וואָס טוט?

נאכמען באַווייַזט איר ניט ענטפערן, ווי זי שלאָגט אים איבער:

— הערט, איר האָט שוין טאַקע פארגעסן מאַמעלאָשן, צי איר זייַט אויך שוין פון די, וואָס היטן זיך אויסריידן א ייִדיש וואָרט. פאַראַן בא אונדז אזעלכע.

קוקט פארכידעשט נאכמען זי אָן. ווייַזט אויס, ער האָט עס אליין ניט באַמערקט. ער האָט אָבער מיט וואָס זיך צו פארענטפערן. א מענטש, וואָס איז אָפּט אונטערוועגנס און ניט אומעטום האָט ער מיט וועמען אויסצו־ריידן א ייִדיש וואָרט, באַמערקט דערנאָך ניט, אז אפילע מיטן ווייַב רעדט ער די ערשטע עטלעכע טעג א סאַך זעלטענער אף ייִדיש, ווי דאָס טרעפט צומאָל מיט אים, כאָטש די פּרוי זייַנע האָט זיך געלערנט אי אין א ייִדי־שער שול, אי אין א ייִדישן אינסטיטוט.

דערציילנדיק עס ביילען, גיט ער פארייַנוועגס בא איר א פרעג, און שוין, ווי זי זאָגט, אף מאַמעלאָשן:

— נו, און ייִדישע ביכער לייענט איר?

— א מאָשל. כ׳האָב זיי שוין אלע לאנג איבערגעלייענט. צי ס׳זײַנען פאראן שוין נײַע? היסטאָריטשעסקע אפילע? אין דער ביבליאָטעק בא אונדז, ווו כ׳בין פארשריבן, זעט מען זיי ניט. מע דארף א פרעג טאָן אין אנדערע ביבליאָטעקן. זאָגט איר, אז אף יידיש זײַנען אויך דאָ היסטאָריטשעסקע ראָמאנען? הער נאָר...

וויבאלד זייער גאנג אף דער שאָלעם־אליינכעם־גאס ווערט אָפּגעלייגט אף מאָרגן, און ניט יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק באגעגנסטו א פּארטיק געשטאלט — כאָטש נעם און פארשרײַב ביילעס איטלעך וואָרט אף א מאגניטאָפאָן און פאָטאָגראפיר זי אָפּ מיט אלע אירע טנועס, — איז ווי טוט מען איר ניט צוליב און מע גייט ניט ארײַן א קוק טאָן, ווי פײַן און געמיטלעך ס׳איז בא איר. דאָס פארבעטן אים צו זיך איז בא איר, קענטיק, א שטיקל צוגרייטונג צו דעם, וואָס אים שטייט פאָר מאָרגן צו זען אף דער שאָלעם־אליינכעם־גאס, וואָרעם כאָטש ביילע די אלמאָנע, אריעלייב דעם באלעגאָלעס טאָכטער, וווינט שוין איצט אף דער אמאָליקער דוואָריאנסקע — אף דער גאס פאריזשער קאָמונע, — האלט מען זי סײַווי פאר א נאָוועפּרעלאָזשענערן. זי שעמט זיך, כאָלילע, ניט דערמיט. פארקערט, א נאָוועפּרעלאָזשענער, — זאָגט זי, — ווער ער זאָל ניט געווען זײַן, איז ער שטענדיק געווען נעענטער צו דעם פּראָלעטארסקן קלאס, ווי צו דעם קוסטארנעם.

— נו, וואָס? — צעפירט ביילע די הענט, אָנצינדנדיק די שײַן אין צימער.

קיין גרויסע פארוווּנדערונג האָט נאכמען ניט ארויסגעוויזן דערפון, וואָס ער האָט דערזען פאר זיך א פײַן מעבלירט צימערל, און וואָס אין צימערל האָט ער געטראָפן שטיין א טעלעוויזאָר מיט א גרויסן עקראן. פארווּנדערט האָט אים אָבער, וואָס דאָס דאָזיקע באלעבאטיש אויסגעשטאטע צימערל געפינט זיך אין אן אלטער כיבארע, און וואָס דערקלײַבן זיך צום צימערל דארף מען דורך א נידעריק פינצטער קאָרידאָרל. נאָך גוט, וואָס ביילע האָט אים באצײַטנס געוואָרנט, אז ער זאָל אין קאָרידאָרל אָנבייגן דעם קאָפּ.

אָנשטויסנדיק זיך, אפּאָנעם, וואָס באטײַט זײַן ארומקוקן זיך, האָט ביילע אים גלײַך אנטדעקט דעם סאָד, אז דאָס דאָזיקע שטיבל וואָלט שוין לאנג אָפּגעזאָגט נאָך זיך קאָדעש, נאָר מע וואַרט, ס׳זאָל פארקערעווען אהער א כעוורע בולדאָזערס און אָפּזאָגן קאָדעש נאָך דעם גאנצן קווארטאל:

— הײַנטיקע צײַטן בויט מען שוין ניט קיין שטיבער, ווי פריִער. הײַנטיקע צײַטן בויט מען גאנצע גאסן. איר האָט געזען די אָקטיאבערסקע? ס׳איז דאָך אינגאנצן, קאָן מען זאָגן, א נײַע גאס.

בא דער העלער שײַן אין צימער האָט נאכמען גלײַך באמערקט דעם טאָעס זײַנעם. די פרוי אינעם קורצן קליידל און אינעם קאָפּטל אָן ארבל, וועלכע לייענט נאָר היסטאָריטשעסקע ראָמאנען און וואָס האָט איבערגעלייענט אלע יידישע ביכער, זעט אויס שוין גאָר ניט אזוי יונג, ווי דאָס האָט זיך אים אויסגעוויזן אין דרויסן. און דעם סאָד, פארוואָס זי האָט אין אזא הייסן אָוונט אָנגעטאָן אפן קאָפּ א שווארץ שאלעכל, האָט זיך פאר

אים אויך אנטפלעקט. זי האָט נאָך ניט צוגעקליבן, מיסטאמע, פאר דעם שטארק שיטער געוואָרענעם קאָפּ האָר קיין פּאסיקן פּאריק.

— נו, וואָס, ניט צו פּארזינדיקן, איאָ? — טוט זי פּונסנײַ א זאָג און נעמט זיך גרייטן צום טיש. — פּשעניטשקעס האָט איר מיסטאמע שוין לאנג ניט געגעסן, איאָ? וואָס שאָקלט איר מיטן קאָפּ? איר האָט מוירע, אז איר וועט מיך דערמיט שטעלן בעדיל־האדאל? אויב איר ווילט וויסן, וועט זיך בא מיר געפינען קאָניאק אויך. — בא די ווערטער גיט זי א צעעפןביידע אונטערשטע טירלעך פונעם סערוואנטל און נעמט ארויס א פלעשל מאסאנדער קאָניאק.

קוים איז אין שטוב דאָ מאשקע, איז דאָך מיסטאמע פאראן וועמען צו מעכאבעד זײַן — פאר זיך, זעט ער, האָט ביילע קיין בעכערל פון סערוואנט ניט ארויסגענומען. איז טוט בא איר נאכמען גלאט אזוי זיך א פרעג:

— אומעטיקלעך אליין? — און ווארט, זי זאָל אים דערויף ענטפערן: „וואָס עפּעס אליין?”. דערהערט ער אָבער:

— פריילעך אוואדע ניט. מע זאָל ניט געפּרוווט ווערן, ווי מע זאָגט עס, צו וואָס מע קאָן געוווינט ווערן. שוין א קײַמעלאָן פון עטלעכע און דרײַסיק יאָר, אז מע איז אליין. דער מאן מײַנער איז פון די ערשטע טעג אוועק אף דער מילכאָמע און אינעם זעלבן יאָר אומגעקומען. געוועזן א גוואר. א נאָוועפּרעלאַזשענער. איך בין טאקע געוועזן א יונג ווײַבל מיט ניט קיין שלעכטער רעמעסלאָ אין דער האנט. איר ווייסט, וואָס הייסט אזוינס א דאמסקע פאריקמאכערשע? אָבער אז מע איז מיט אן אייפעלע אף די הענט... ייִנגערע און שענערע פון מיר זײַנען נאָך דער מילכאָמע פארבליבן אייביקע אלמאָנעס. און רײַך בין איך געוועזן נאָר מיט צאָרעס... ס'איז ניט צו דער נאכט צו דערציילן. מירן מיט אײַך מאָרגן זײַן אף דער שאָלעם־אלייכעמסקע, וועל איך אײַך ווײַזן, ווו מיר האָבן געוווינט. געהאט אן אייגן שטיבל, ניט קיין פאלאץ, פארשטייט זיך, צו איוואן שעמיאקינען איז אונדז געוועזן ווײַט, נאָר גאָרניט. נו יאָ, ווי־באלד איר האָט אין די קינדער־יאָרן, ווי איר זאָגט, געוווינט אף אונדזער גאס, איז דארפט איר געדענקען דעם בארג, איבער וועלכן מע פלעגט זיך קאראבקען, קעדיי ניט אָנלייגן קיין איבעריקן וועג צו די באָטעמעדראָשים אף גאָגאָלעווסקע. און די קאָלאָנקע, וווהין מע פלעגט גיין נאָך וואסער, געדענקט איר דאָך, מיסטאמע, אויך. אָט פונקט אנטקעגן האָבן מיר גע־וווינט. טאקע דאָרט, בא דער קאָלאָנקע, האָט מיך געטראָפן דער גרויסער בראָך. פארטאָג, אין סאמע רעכטן מיט שלאָף, זײַנען אָנגעפלויגן זייערע עראָפּלאנען. האָב איך א כאַפּ געטאָן פון די בעטלעך מײַנע דרײַ קינ־דערלעך און זיך געלאָזט מיט זיי לויפן, וווהין די אויגן טראָגן. גיי אָבער לויף מיט אן אייפעלע אף די הענט און מיט צוויי ברעקלעך קינדער בא די זײַטן, וואָס האָבן זיך אײַנגעקלאמערט אין מײַן קליידל און לאָזן קיין טראָט ניט מאכן. דערצו נאָך בין איך געוועזן אף דער צײַט. און די עראָפּלאנען טראָגן זיך מאמעש איבערן קאָפּ. האָב איך זיך ארויסגעריסן פון מײַנע קינדערלעכס הענטעלעך און א פאל געטאָן מיטן אייפעלע אף די הענט אין א דערבײַיִקן גראָבן. איך הייב אוף דעם קאָפּ, אז ווינד און וויי איז מיר. די באָמבע, וואָס האָט געדארפט טרעפן מיך, האָט געטראָפן

אין מײַנע בײדע קינדערלעך... ניטאָ מער מײַן איציקל מיט מײַן כאַ־וועלע. און איך, ווי איר זעט, לעב...

די שײַן אין צימער, וואָס איז מיט יעדער רעגע ווי געוואָרן אַלץ טונקעלער, האָט זיך אינגאַנצן אויסגעלאָשן אונטער נאָכמענס שווער אַראָפּגעפאַלענע ווײַעס, און, ווי פון ערגעץ מעסוקן ווײַט, איז צו אים איצט דערגאַנגען בײלעס קאָל:

— און נאָך אַזאַ בראָך טרעפט מיך א נײַער דונער. אין וועג, בײַס דער עוואַקואַציע, איז קראַנק געוואָרן דאָס דריטע קינד, א ײַנגעלע, אין זײַן פּאָנעם איז ניט אַרײַנצוקוקן, שײן, ווי די וועלט, און פּאָר אײנע צוויי טעג וועט ער נעבעך פאַרבערענט פון א לונגען־אָנצינדונג. און איך, ווי איר זעט, לעב... באַשערט געווען, איך זאָל ווידעראַמאָל ווערן א מאַ־מע און אַף דער עלטער האָבן נאָכעס פון אן אײניקל. ס׳איז, זאָג איך אײַך, טאַקע נאָר גאָטס וווּנדער. באַ אַזעלכע צאָרעס איז באַ מיר געבוירן געוואָרן א ײַנגעלע, אַף אַלע גוטעפרײַנט מײַנע געזאָגט געוואָרן. הויך, שײן און קלוג. א מאַיאָר איז ער. דאַרף אָט־אָט ווערן א פּאָדפּאָלקאָווניק. און דאָס אײניקל, צוויי טראָפּן אינעם זײדן, אין מײַן מיכלען, אָלעוו־האַשאָלעם, כאָטש די שנור איז באַ מיר, ווי די מאָדע איז הײַנט, ניט קײן ײדישע.

דאָ האָט זיך אָן עפּן געטאָן די טיר, און ס׳האָט זיך אַרײַנגעשטעלט א הויכע עלטערע פרוי מיט א ליכטיק, ווי אָן אופגעשניטענע כאַלע, שמייכלענדיק פּאָנעם. דערזען אַפן טיש א פלעשל קאָניאַק און א מאַנצבל דערבײַ, איז זי געבליבן שטײן אין פאַרלעגנהײַט און שטיל אַרויסגע־בראַכט:

— א גוטער אָוונט.

— א גוט־יאָר. וואָס זײַט איר, פײגע־לעבן, געבליבן שטײן באַ דער טיר? זאָל זיך אײַך גאָרניט אויסווײַזן... איר קענט מיך, דאַכט זיך, ניט פון נעכטן. איר ווײסט, ווער דער דאָזיקער מענטש איז? — און טוט א טײַטל אַף נאָכמענען מיט די לעבעדיקע אויגן. — א נאָוועפּרעלאָזשענער.

— טאַקע?

נאָכמען האָט זיך אָנגערופן און באַלד צוגעגעבן, אַז זי קען אים, מיס־טאָם, ניט, ווײַל שוין א וועלט מיט יאָרן, ווי ער איז פונדאַנען אַרויסגע־פאָרן.

— און, פונדעסטוועגן, געקומען א קוק טאָן אַף דער הײם, — נעמט זיך בײלע דערציילן עטוואָס געגנויער וועגן דעם גאַסט, — האָט ער אָבער פאַרשפּעטיקט. און ווייסט איר, פײגע־לעבן, ווו זײ האָבן געוווינט? טאַקע דאָ גלײַך, אַנטקעגן דער באָד, אינעם הויף, ווו ס׳האָבן געוווינט די דו־נאַיעווסקיס.

— וועלכע דונאַיעווסקיס?

— וואָס איז מיט אײַך? איר האָט קײנמאָל ניט געזען, פײגע־לעבן, די „וועסיאָלײע רעביאַטאַ" און די „דעטי קאַפּיטאַנאַ גראַנטאַ"[1]? און „שי־ראָקאַ סטראַנאַ מאָיאַ"[2] איז דאָך אויך זײַנע, נו, דעם זון זײערנס, מײַן

[1] קינאָפילמען; [2] א ליד (רוס.).

איך. זיי האָבן טאַקע געווינט אינעם זעלבן הויף, וואָס איר, צי אינעם שכייניעסדיקן? — ווענדט זי זיך צו נאָכמענען און טוט בעשאַסמיַיסע א מאַך צו זיך אַליין מיט די הענט: — וואָס איז די נאַפקעמינע? ביידע הויפן זיַינען שוין ניטאָ. מע בויט דאָרט איצט א מאַכינע, אז ס'איז גאָר מיטן אויג ניט ארומצוכאַפּן, אָט ווי דער אלמאזנער, דאָרטן, בא איַיך.

— צוגעגליַיכט, — שטעלט זיך פייגע גליַיך איַין פאַרן קאָוועד פונעם אלמאזנעם זאוואָד, — יענער איז דאָך די גרייס, ווי א פעלד. זיַיט איר טאַקע, כאָווער, — דרייט זי אויס דאָס ליכטיקע געזיכט אירס צו דעם שוויַיגעוודיקן גאַסט, — אראָפּגעקומען אהער פּאַשעט א קוק טאָן אָף אונדזער שטאָט?

— וואָס, אייגנטלעך, וווּנדערט איר זיך אזוי, פייגע־לעבן? — נעמט זיך ביילע אָן פאַרן גאַסט. — וויפל איז שוין, זאָגט מיר, ווי איר האָט זיך אריבערגעצויגן פונדאַנען אינעם אלמאזנעם מיקראָראיאָן? באַלד א יאָר, אויב ניט מער, און ניטאָ, דאַכט מיר, די וואָך, איר זאָלט זיך ניט אראָפּכאַפּן א קוק טאָן אָף דער שאָלעם־אַלייכעמסקע, כאָטש קימאַט אלע אונדזערע נאָוועפּרעלאָזשענער האָבן זיך איבערגעקליבן אין די מיקראָראיאָנען. איך זאָל געוועזן זיַין א קאַפּענקעלע יינגער, — ווענדט זי זיך שוין צו נאָכמענען, — וואָלט איך אויך אוועק ארבעטן אָפן אלמאזנעם. מיט דער ציַיט וואָלט איך מיסטאָמע געקראָגן דאָרט א דירע אויך. איר זיַיט נאָך ניט געווען אינעם אלמאזנעם מיקראָראיאָן? אייַצע איך איַיך דאָרט זיַין. לעמאַנהאַשעם. ס'איז אָף ארופּצו, מיט דער קאָבעליאַקער גאַס.

— מיט דער פּרונזע־גאַס, מיינט איר, — נאָכמענען גיט זיי זיך דערמיט ווי אָנצוהערן, אז ער ווייסט שוין אויך די נייַע נעמען פון א סאַך גאַסן.

— נו יאָ, מיט דער פּרונזע־גאַס. דער אלמאזנער מיקראָראיאָן — דאָס איז א גאַנצע שטאָט, און וואָס פאַר א שטאָט! איר זאָלט א קוק טאָן, סאַראַ פּראָספּעקטן, סאַראַ סקווערן, סאַראַ מויערן! פייגע־לעבן, אָף וועלכן עטאַזש וווינט איר? אַך, נו יאָ, אָפן צענטן. איך וואָלט ניט געקאָנט וווינען אזוי הויך. וויפל מאָל איך בין בא איַיך ניט געוועזן, בין איך, דאַכט מיר, קיין איין מאָל ניט ארויס אָפן באַלקאָן. מיר פאַרדרייט זיך גליַיך דער קאָפּ. לאַכט זי פון מיר, די שנור איַיערע, אינעסיע. די יינגערע שנור אירע, — טוט ביילע א פיר איבער די אויגן פון נאָכמענען אָף פייגען, — איז אויך, ווי די מאָדע איז היַינט, ניט קיין יידישקע.

גיט זיך פייגע א כאַפּ אוף:

— וואָס עפּעס גאָר ווי די מאָדע איז היַינט?..

— וואָס זשע דען? ווען דו גיסט ניט א כאַפּ פון באַקענטע, איז אָדער די שנור, אָדער דער איידעם, און צומאָל אי די שנור, אי דער איידעם.

— א מאָשל, — שלאָגט איר איבער פייגע, — דער גאַסט איַיערער קאָן טאַקע מיינען, אז בא אונדז אין שטאָט...

— זיי האָבן ניט וואָס צו מיינען, פייגע־לעבן. בא זיי איז, מיינט איר, ניט דאָס זעלבע? ס'איז אָף דער גאַנצער וועלט היַינט אזוי, האָב איך געהערט. איבעראַל.

— זאָלט איר מיר געזונט זײַן,ביילע טײַערע, וואָס רעדט איר? וואָ־סי, ייִדישע באָכערים האָבן מיטאמאָל זיך אופגעהערט פארליבן אין ייִדי־שע מיידלעך און ייִדישע מיידלעך אין ייִדישע באָכערים? די זאך, ווי עס זאָגט מײַן לייזער, איז, אויב איר ווילט וויסן, גאָר אין עפּעס אנדערש.

צי דען גייט ביילען אזוי שטארק אָן די זאך, וואָס זי האָט ווידער פארפירט וועגן דעם א רייד? נאכמען וויל אָבער אפריִער אויסהערן, וואָס זאָגט וועגן דעם דאָזיקן איניען פייגעס מאן, לייזער דער בלעכער. ווארט נאכמען דערווײַל צו מיט זײַנע פראגן, וועלכע ער האָט זייביידן צו שטעלן, קעדיי ווען ער וועט זיצן באם שרײַבטיש, זאָל ער ניט דארפן אויסטראכטן פון קאָפּ, וואָס דערוף צו ענטפערן.

— לייזער מײַנער זאָגט, אז די זאך איז ניט נאָר אין דעם, וואָס דאָרט, ווו ס׳זײַנען געווען די היטלעראָווצעס, פארברענט און פארסארפעט זאָלן זיי ווערן, איז געוואָרן היפּש שיטערלעך מיט ייִדן. די זאך איז נאָך אין דעם, וואָס די שטאָט איז שוין ניט די, וואָס אמאָל. ערשטנס, איז זי אין צוויי, אויב ניט אין דרײַ מאָל גרעסער ווי געווען, און וואָס גרעסער די שטאָט איז, אלץ ווייניקער האָט מען באקענטע. ס׳א פּאַשעטער סייכל. פון זינט מע האָט גענומען מיט איין טראסק אראָפּטראָגן גאנצע גאסן און מיט איין טראסק, ווי מע זאָגט עס, אויסבויען נײַע, איז דאָך ביכלאל ניט שײַעך. ווו ווּעמען מע גיט א דירע, אהין קלײַבט מען זיך אריבער. איז געוואָרן אויס מיט די ייִדישע גאסן און מיט ייִדישע הויפן. אפילע שאָלעם־אלייכעמסקע איז דאָך שוין היינט ניט קיין ייִדישע גאס. איז פּרווו אונטערהאלטן באקאנטשאפט מיט די פריִערדיקע שכיינים, אז דער וווינט אין איין מיקראָראיאָן, יענער אין א צווייטן מיקראָראיאָן... זעט מען זיך טאקע איין מאָל אין א שמיטע. ווער האָט עס צײַט זיך שלעפּן אזא מעהאלעך צו געסט. נו, איז פארפירט מען נײַע באקאנטשאפט, און ניט אין יעדן הויז, ווו איר ווינט, זײַנען דאָ ייִדן, ווי בא אונדז, אשטיי־גער. און וויפל מענטשן, מיינט איר, ווינען אין אזא הײַזקעלע, ווי אונד־זערס? מער ווי אף גאנץ נאָוועפּרעלאָזשענע...

— כ׳פארשטיי אָבער ניט,— שטעלט זי אָפּ ביילע און קוקט אפן גאסט,— אנטקעגן וואָס דערציילט איר עס אונדז?

— טאקע אנטקעגן דעם, וואָס איר זאָגט, יאָ א ייִדישע שנור, ניט קיין ייִדישע שנור. ווו פלעגט זיך אין די פריִערדיקע יאָרן, נו, פאר דער מיל־כאָמע, באקענען א באָכער מיט א מיידל? אויב ניט אף דער זעלבער גאס, ווו מע האָט געווינט, אָט ווי איך מיט מײַן לייזערן, אשטייגער, איז מיט א פּאָר גאסן ווײַטער. אז מע האָט זיך גאָר ניט געדארפט באקענען, מע האָט זיך געקענט פון קליינוויַז אוף. ווי גרויס די שטאָט אונדזערע איז ניט געווען, האָט קימאט איטלעכער געקענט איינער דעם צווייטן, שיר ניט ווי אין שטעטל. איצט אָבער, אז מע איז פאנאנדערגעוואָרפן איבער דער שטאָט אף קילאָמעטערס ווײַט, איז דאָך ביכלאל ניט שײַעך. ווי זאָגט מען עס: דאלי אָטשי... וויבאלד מע זעט זיך איין מאָל אין א יויוול מיט די, מיט ווּעמען מע האָט א לעבן אָפּגעווווינט אף איין גאס, אפילע אין איין הויף, הייבט מען ביסלעכוויַז אָן צו פארגעסן איינע די צווייטע. ס׳איינציקע אָרט, ווו עס באגעגנט זיך היינט א באָכער מיט א מיידל, איז

דער זאוואָד. ווערסט דאָך ניט גיין זאָגן יענעם: הער, אין דער און דער ליב זיך יאָ אײַן, און אין דער און דער ליב זיך נישט אײַן... ליבע, ביי־לינקע, איז א בלינדע זאַך. דעריקער, ס׳זאָל נאָר זײַן מיט מאזל. וואָס, אשטייגער, קאָן איך האָבן צו מײַן שנור? און איר,ביילע, וואָס קאָנט האָבן צו אײַער נאַדיען?

— כ׳זאָג דען עפּעס? האלעווײַ אף ווײַטער.

— אײַ, עס טרעפט, סע קלעפּט זיך ניט, נו און צווישן א יידישן באָ־כער מיט א יידיש מיידל טרעפט עס דען ניט? הא, וואָס ווערט איר זאָגן? — האָט פייגע זיך געווענדט צו נאַכמענען. — צי בא אײַך דאָרט, אין שטאָט, קומט מען אָן צו שאדכאָנים? בא אונדז, שמועסט מען, זײַנען אויך דאָ שאדכאָנים, זאָגט אָבער מײַן לייזער...

— הערט, כ׳האָב גאָר ניט געוווּסט, אז אײַער לייזער איז א גאנצער פילאָסאָף, — שלאָגט ביילע איר איבער און רוקט צו נעענטער צו נאַכ־מענען דעם טעלער מיט די אָפּגעקאָכטע פּשעניטשקעס, — לאָזט זיך ניט בעטן. איר ווערט מיך דערמיט, ווי כ׳האָב אײַך שוין געזאָגט, בעדיל־האַדאל ניט שטעלן. איר זעט דאָך, אז איך דאַרף, כאָלילע, צו קיינעם ניט אָנקו־מען. פייגע־לעבן, אײַך דאַרף איך אויך בעטן? דאנקען ווערט איר נאָכדעם.

— איר ווייסט, ביילע, נאָך וואָס כ׳האָב זיך הײַנט געשלעפּט צו אײַך אזא ווײַט? כ׳בין געקומען אײַך דערמאָנען, אז איבערמאָרגן דינסטיק האָבן מיר טישעבאָוו. כ׳ווייס נאָר ניט, ווען זאָל איך פאָרן אפן פעלד, זונטיק צי מאָנטיק.

— איך פאָר אלע יאָר ערעוו טישעבאָוו, וועל איך שוין דאָס מאָל אויך פאָרן ערעוו טישעבאָוו. איר ווייסט, ווו דאָס הייליקע פעלד איז? — ווענדט זיך ביילע צום גאַסט.

— זײַ האָבן דאָ עמעצן?

— וועלכער פאָלטאַווער ייִד, פייגע־לעבן, האָט עס ניט נאָך אזא מיל־כאָמע עמעצן אפן בעסאָלמען? אויב איר ווילט, — רופט זיך ביילע ווידער אָן צום גאַסט, — קאָנט איר קומען אהער צו מיר מאָנטיק אָרום איינס־צוויי באַטאָג, וועלן מיר פאָרן צוזאַמען. ס׳איז גאנץ ווײַטלעך, נאָר סע גייט אהין אן אווטאָבוס. איצטער הייסט עס שוין ניט, ווי פריִער, פּאַבריקאַנסקע. איצטער הייסט עס באלאקינאַ. נו, און צו מיר, מיין איך, ווערט איר טרעפן. הערט נאָר, פייגע, עפּשער וואָלט איר זיך מאָרגן גאָר אַרײַנגעכאַפּט צו מיר, און מיר וואָלטן ביידע געגאַנגען באַווײַזן דעם גאַסט שאָלעם־אַלייכעמסקע. אליין ווערט ער דאָרט גאָרנישט ניט זען און גאָרנישט ניט טרעפן.

— וואָס האָבן זיי, אייגנטלעך, דאָרטן צו זען און צו טרעפן? די עמעסע נאָוועפּרעלאָזשענע, כאָווער, איז איצט ווו דער אַלמאַזנער. און אז איר ווערט זײַן אפן אַלמאַזנעם, זאָלט איר זיך לעמאַנהאַשעם אַרײַנכאַפּן צו אונדז. ביילע ווייסט, ווו מיר וווינען.

זעמער האָט זיי ביידן פײַן באַדאַנקט, נאָר צי ווערט ער מאָרגן קאָנען זײַן בא ביילען, זי זאָל מיט פייגע־לעבן אים פירן ווײַזן די הײַנטיקע נאָוועפּרעלאָזשענע, ווייסט ער נאָך ניט דערווײַל. ער האָט דאָ זייער א סאַך געענג.

...דער ערשטער פון די גענג, וועלכן נאכמען זעמער האָט נאָך נעכטן, קומענדיק פוןביילען, אָנגעמערקט אף היינט, — איז דורכגיין זיך פּאַשעט און פּראָסט איבער דער שטאָט גאַס־אײַן און גאַס־אויס, ווי, געוויינלעך, אַן אָנגעפּאַרענער... געגאַנגען איז ער קימאַט אָן דער מינדסטער האָפע־נונג, אַז ער זאָל עמעצן באַגעגענען פון זײַנע אַמאָליקע באַקענטע און זאָל אים דערקענען, צי עמעצער פון זיי זאָל אים דערקענען. וועהאַרײַע: ער דערקענט דאָך שוין באַלד קוים די גאַסן, מיט וועלכע ער איז אַזוי־פיל יאָרן טאָג־אײַן און טאָג־אויס געגאַנגען.

איבעריקס זיך וווּנדערן, וואָס דערווײַל האָט אים נאָך קיינער ניט אָפּגעשטעלט און ער האָט נאָך דערווײַל קיינעם ניט אָפּגעשטעלט, האָט ער, זיכער, ניט וואָס, — ער איז שוין פּאָרט היפּשלעך ארײַנגעפּאָרן אינעם זיבעטן יאָרצענדליק, און נאָך זעכציק יאָר, אפילע פריִער, נעמט מען זיך ביסלעכווײַז גאַנץ פײַן ענדערן, עס טרעפט — ביז צו ניט דערקענען. און ייִנגערע פון זעכציק יאָר צווישן זײַנע אַמאָליקע באַקענטע, אויב דער גורל איז געווען צו זיי, ווי צו אים, מיט א ביסל כעסעד און זיי אויס־געהיט, איז דאָך קיין איינער ניטאָ. דערצו איז נאכמענען, ווי אלעמען, מיסטאַמע, פון זײַן עלטער, נאָך שווער זיך צוגעוווינען קוקן אף זיך, אויב ניט ווי אף אן אלטן מאַן, איז כאָטש אַזוי, ווי ער האָט ייִנגלווײַז געקוקט אף א מענטשן, וועמען ס'איז געווען נאָך ווײַטלעך אפילע צו פערציק. און עפּשער זײַנען שריפטשטעלער אַן אויסנאַם, און בא זיי נעמט זיך עס דערפון, וואָס מערסטנטייל זוכן זיי פאַרפירן געשפּרעכן מיט מער עלטערע פון זיך, מיט אַזעלכע, וואָס האָבן דורכגעמאַכט א לעבן און האָבן וואָס צו דערציילן. פונדאַנען, קאָן זײַן, נעמט זיך אויך דאָס, וואָס אַז ער באַגעגנט אַן עלטערן מענטשן, איז גיט ער אים ניט ווילנדיק צו עט־לעכע איבעריקע יאָר, ער זאָל זיך צו אים קאָנען ווענדן, ווי צו א זאָקן, כאָטש ער איז צוליב דעם שוין א פּאָר מאָל דורכגעפאַלן, — ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער, וועמען ער האָט אָנגערופן זיידע, איז גאָר ייִנגער פון אים. דאָס זעלבע האָט מיט אים שיר ניט געטראָפן אויך הײַנט.

אַרומבלאָנקענדיק א פּרימאָרגן איבער דער שטאָט, האָט די לאַנגע און גרינע פּושקין־גאַס, ווו ער האָט געהאַט אַמאָל אַזויפיל באַקענטע, אים דערפירט צו דעם קײַלעכיקן בערעזעווע סעדל, וואָס העלפט צו דער זון באַלויכטן דעם פּלאַץ און די אַרומיקע הײַזער מיט זײַן שנייִיקער ווײַס־קײַט און פּרילינגדיקער יאָמטעוודיקײַט.

ס'איז געווען ווײַט נאָך צו האַלבן טאָג, נאָר די בענק אין סעדל אף דער שאָטנדיקער זײַט זײַנען שוין אלע ביז איינעם געווען פאַרנומען. ס'קאָן זיך אָבער גרײַלעך מאַכן, אַז צווישן די זיידעס און באָבעס, וואָס זעמער האָט געטראָפן דאָ זיצן, זאָל עמעצער זײַן פון זײַנע אַמאָליקע באַקענטע. ער וועט דאָך אָבער ניט ארײַנפאַלן יענעם אין די רייד, צי שטיין און וואַרטן, ביז יענער וועט אופהערן ריידן, און נעמען אים פאַ־נאַנדערפרעגן, ווער ער איז, ווי רופט מען אים, און צי געדענקט ער ניט אַזאַ און אַזאַ, וואָס האָט מיט פיל יאָרן צוריק געוווינט אינעם ביסטראָוור־סקי־געסל, דערנאָך אף נאָוועפּרעלאָזשענע, דערנאָך אף קאָטליאַרעווסקי

אנטקעגן דער באָד, אינעם זעלבן הויף, ווו עס בויט זיך, ווי עס זאָגט ביילע די דאמסקע פאַריקמאכערן, עפשער דאָס גרעסטע הויז אין שטאָט.
נאָר אז מע זוכט, געפינט מען.
מער פון אלע אנדערע, וועלכע זעמער האָט געטראָפן אין סעדל, האָט אים אויסגעזען צו זײַן קענטלעך דער מאנצבל מיט דער לענגלעך־פאַר־שפּיצטער נאָז און מיט די אונטערטאנצנדיקע אלטמאָדישע פענסנע אָף די קורצזיכטיקע אויגן, וואָס האָט זיך געמיטלעך דורכגעשמועסט מיט א הויכן פולבלעכן פאַרשוין, וואָס האָט אָן אופהער געפּאַכעט אָף זיך מיט א צונויפגעלייגטער צײַטונג. דער מאנצבל אין די פענסנע האָט אים מיט עפּעס דערמאָנט אינעם דיריגענט פונעם כאָר, אין וועלכן נאכמען האָט יינגלווײַז געזונגען אין קאָרשול, אין דעם זעלבן אומאנסקין, וואָס איז נאָכדעם געווען דער כאָרמייסטער בא זיי אין קינדערהיים. לויט נאכ־מענס כעזשבוינעס דאַרף כאַיִם אומאנסקין שוין זײַן ווײַט איבער די זי־בעציק, און עפשער טאקע אלע אכציק. און דער זעט אויס צו זײַן אויב א סאך... נאָר גיי שאַץ, ווען יענער איז אָן א סימען פון א באָרד און מיט אָן אָפּגעראזירטן קאָפּ. און צוריק גערעדט, אויב ס'איז טאקע יענער כאַיִם אומאנסקי, איז דאַרף ער דאָך אים, נאכמענען, אויב ניט דערקענען, איז כאָטש געדענקען. גייט נאכמען שוין דאָס מאָל פאַרבײַ זייער באנק אָף דער שאָטנדיקער זײַט א ביסל לאנגזאמער, הערט זיך אפילע צו, וועגן וואָס מע רעדט. און ווען נאכמען דערהערט, אז זיי ריידן ביידע צווישן זיך אָף יִדיש, ווערט ער נאָך מער זיכערער בא זיך און נעמט באצײַטנס זיך גרייטן צו דער אומגעריכטער באגעגעניש.
דער הויכער פאַרשוין מיטן ווייער האָט, קענטיק, באמערקט, אז עפּעס קוקט זיך דער אומבאקענטער צו זיי צו, און עס אויסגעטײַטשט, זעט אויס, ווי נאכמען זאָל זיי אופוואַרפן, לעמײַ זיי האָבן זיך אזוי ברייטלעך פאנאנדערגעזעצט אָף דער באנק, וואָרעם לעבן זיי איז גלײַך פרײַ גע־וואָרן אן אָרט, וואָס וואָלט קלעקן פאַר צווייען. האָט נאכמען זיך צוגע־זעצט און א זאָג געטאָן דערבײַ צו זיך אליין, און צו זיך אליין, צי אָף א קאָל, צי ניט אָף קיין קאָל, ווענדט ער זיך געוויינלעך אָף יִדיש:
— נו, א היץ. ברענט מאמעש, ווי מיט פײַער.
— סעמיאָן נאומאָוויטש, אָט האָט איר נאָך א פאָלטאוווער, וואָס רעדט יִדיש, — האָט דער, מיטן ווייער, זיך געגעבן א דריי אויס צו דעם, וואָס אין די פענסנע, אָנווײַזנדיק אָף נאכמענען, — און איר האָט אלץ מוירע, אז איר ט'ניט האָבן מיט וועמען א וואָרט אויסצוריידן.
פאַרשטייט נאכמען, אז דאָס איז געזאָגט געוואָרן ניט מער ווי אין א שפּאַס, ווײַל דער געשפּרעך, וואָס די דאָזיקע צוויי האָבן א רעגע פריִער געפירט צווישן זיך, האָט ניט געהאַט, דאכט זיך, די מינדסטע שײַכעס צו דעם, וואָס ער האָט איצטער דערהערט. דאָך רופט זיך נאכמען צו זיי אָן:
— פאָלטאווער יִדן קענען שוין דען ניט קיין יִדיש, וואָס איר זאָגט אזוי? ס'איז דאָך געווען אמאָל א שטאָט, ווו מע האָט אָף טריט און שריט געהערט ריידן יִדיש. — נאכמען וויל ארויסשטעלן פאַר אן איידעס דעם מאנצבל אין די פענסנע, וועמען ער קלײַבט זיך פרעגן, צי איז ער ניט

געווען דיריגענט בא יאמפּאָלסקין דעם כאזן און דערנאָכדעם א כאָרמייס־טער בא זיי אינעם קינדערהיים.

פארלויפט אים אָבער באלד דער אנדערער דעם וועג:

— מאלע וואָס אמאָל איז געווען. אמאָל איז געווען א מיילעך. גע־הערט אזא לידל? אמאָל איז געווען אמאָל, און הײַנט איז הײַנט. צײַטן בײַטן זיך. נעמט די זעלבע נאָוועפּרעלאָזשענע מיטן זעלבן פּאָדאָל. פאר דער מילכאָמע האָבן דאָרט געוווינט קימאט דורכויס ייִדן, און איצט איז א פערטל פּאָדאָל מיט א דריטל נאָוועפּרעלאָזשענע אין איין מיקראָראיאָן, א פערטל פּאָדאָל מיט א דריטל נאָוועפּרעלאָזשענע אין א צווייטן מיקראָ־ראיאָן, און די הײַזער אין די מיקראָראיאָנען זײַנען שיר ניט די גרייס פון א גאס. נאָר גאָרניט. דער, וואָס וויל ארײַנכאפּן אמאָל א ייִדיש וואָרט, וועט שטענדיק געפינען מיט וועמען. ווי זאָגט איר, סעמיאָן נאומאָוויטש?

נאכמען מישט זיך דערווײַל ניט ארײַן. און וואָס האָט ער זיך צו ארײַנמישן, אז ער האָט ביכלאל געהאט א טאָעס. סעמיאָן נאומאָוויטש, לאָזט זיך אויס, איז גאָר ניט קיין היגער, פון גאָרקי איז ער. א היגער איז ער געוואָרן ערשט ניט לאנג צוריק. אינגאנצן אָבער קיין טאָעס האָט נאכמען אין אים ניט געהאט. סעמיאָן נאומאָוויטש האָט אויך צו טאָן מיט נעגינע. וואָס אזעלכעס האָבן די דאָזיקע צוויי מענטשן, וואָס איינער פון זיי איז א דאָצענט פון מוזיק, דער אנדערער א געוויינלעכער שנײַדער, אויסגעפונען איינער אין דעם צווייטן, וואָס שיר ניט איטלעכן טאָג און שיר ניט אין דער זעלבער שאָ באגעגענען זיי זיך אין סעדל און פאר־ברענגען צוזאמען וויפל נאָר סע לאָזט זיך,— פארשפּאָרט שוין נאכמען זיי צו פרעגן. דער שנײַדער, וועמען דער דאָצענט סעמיאָן נאומאָוויטש רופט ראָמאן דאנילאָוויטש און וועלכער איז שוין היפּשע עטלעכע יאָר אף פּענסיע, וואַרט ניט, אז נאכמען זאָל עס אים פרעגן, ער דערציילט עס אים אויס אליין. ווייסט אָבער נאכמען ווידעראמאָל ניט, צי זאָגט עס אים יענער ערנסט, צי אין א שפּאס.

— זעט אויס, אז גאָרקער ייִדן קענען נאָך ייִדיש, ווי אמאָל דאָ בא אונדז. וואָרעם פונוואנען דען נעמט זיך, וואָס סעמיאָן נאומאָוויטש קאָן קיין טאָג ניט אויסקומען, ער זאָל ניט ארײַנכאפּן מיט עמעצן...

סעמיאָן נאומאָוויטש פּרוווט אים איבערשלאָגן, ארײַנשטעלן א וואָרט, וואָס דאַרף קלענער מאכן די גוזמאָעס פונעם שנײַדער אי וועגן די גאָר־קער ייִדן, אי וועגן אים, דעם דאָצענט גופע. לאָזט אים אָבער ראָמאן דאנילאָוויטש ניט. ער זיצט שוין אזוי, אז ער פארשטעלט מיט זיך קימאט אינגאנצן דעם דאָצענט. מע זעט בלויז ארויס די אונטערטאנצנדיקע פּענסנע אף זײַן שמייכלענדיקער פארשפּיצטער נאָז.

— כוץ מיר,— זעצט פאָר דער שנײַדער,— וווינען אף דער דאָזיקער אינטעליגענטנער גאס נאָך א פײַן ביסל יעהודים. זײַנען זיי אָבער אלע פארנומענע מענטשן. און אויסער דעם, ווייס איך ניט, צי וועלן זיי פאר־שטיין דעם ייִדיש, וואָס סעמיאָן נאומאָוויטש רעדט. בא אים איז א לי־טעראטורנער לאָשן, ווי אין די ביכלעך.

— ניט קיין ליטעראטורנער, נאָר א ליטעראַרישער זאָגט מען,— שטעלט סעמיאָן נאומאָוויטש זיך פאָרט ארײַן.

— די נאפקעמינגע מיר. זאָל זײַן ליטעראַרישער, — גיט אים דער שנײַ־דער נאָך. — בעקיצער, האָט אים גאָט צוגעשיקט מיך, און פּונקט אין אָט די שאָען וואַרט ער שוין דאָ אַף מיר, און מיר ריידן זיך אָן, ווי די פּויקן. נאָר אַזויווי קומענדיקן כוידעש קלײַבן מיר זיך פּונדאַנען אַריבער אין אַ נײַעם מיקראָראַיאָן, מע גיט מיר דאָרט מיט דער אַלטיטשקער מײַנער אַ באַזונדער דירעלע, איז סעמיאָן נאַומאָוויטש געוואָרן אויס מענטש. איז דאָך גאָט, ווי זאָגט מען עס, אַ פֿאָטער און האָט צוגעשיקט סעמיאָן נאַו־מאָוויטשן אַן אַנדערן אַף מײַן אָרט. — ראָמאַן דאַנילאָוויטש טרעט אָפּ זײַן פּלאַץ לעבן דעם דאָצענט נאַכמענען און קוקט שוין אַף אים, ווי אַף אַ מענטשן, וועמען ער האָט איבערגעגעבן די איניאָנים.

קוים עס האַלט שוין אַזוי ווײַט, אַזש באַם איבערגעבן אים די איניאָ־נים, מוז ער זיך שוין, זעמער, אַרײַנמישן, און כאָטש ער פאַרשטייט, אַז דאָס איז אויך ניט מער ווי אַ שפּאַס, דאָך אײַלט ער זיך צו זאָגן, אַז ער איז בעסאַכאַקל דאָ אַ גאַסט, אין עטלעכע טעג אַרום פֿאָרט ער שוין אַוועק, און פאַרייַנוועגס טוט ער שוין אַ פרעג דעם דאָצענט:

— פונוואַנען קומט צו אײַך אַזאַ גוטער ייִדיש?

— אַ שיינע זאַך. כ׳בין דאָך אַ מאָלעוווער. אַ גאָרקער בין איך גע־וואָרן ערשט נאָך דער מילכאָמע. אין גאָרקי פעלן אויך ניט אויס קיין ייִדן, וואָס קענען אַ שיינעם ייִדיש. און דאָ, מיינט איר, פעלן זיי אויס? איך לערן מוזיק מיט קינדער אין עטלעכע ייִדישע הײַזער, ווייס איך.

— זעט, כ׳האָב עס גאָר ניט געוווּסט, — פאַלט אים אַרײַן אין די רייד דער שנײַדער, — הײַנט וואָס זאָרגט איר זיך אַזוי, וואָס איר ווערט מיך אָן?

— ראָמאַן דאַנילאָוויטש, הערט, זײַט מויכל, אויף. מע רעדט דאָך עפּעס ערנסט.

וויבאַלד מע רעדט ערנסט, האָט נאַכמען זעמער צו אים נאָך איין פראַ־גע, אַף וועלכער אים קומט אויס זיך אָפּט פאַרטראַכטן באַם שרײַבטיש. וואָס וועלן אים אַף דעם ענטפערן די צוויי ניט־אויסגעטראַכטע געשטאַלטן אין דער ניט־אויסגעטראַכטער דערציילונג, וואָס ער וועט שרײַבן.

— וואָס געפינט איר אַזעלכעס אין דעם, וואָס איר קענט זיך דורכ־ריידן אַף ייִדיש?

ביידע קוקן אַף אים, ווי זיי זאָלן ניט באַנעמען, וואָס פרעגט ער.

— כ׳פאַרשטיי, — נעמט זיך נאַכמען פאַרענטפערן, — אַז איר רעדט צווישן זיך אַף ייִדיש וועגן דעם זעלבן, וואָס איר וואָלט גערעדט אַף רו־סיש צי אַף אוקראַיִניש.

— נו, פאַרשטייט זיך, אַז וועגן זעלבן, — רופט זיך אָן סעמיאָן נאַו־מאָוויטש, אַרופּרוקנדיק העכער די אונטערטאַנצנדיקע פּענסנע אַף דער לענגלעך־פאַרשפּיצטער נאָז. — וואָס זשע דען? נו, ווי זאָל איך עס אײַך זאָגן. אָט בין איך דאָ אַנומלטן געווען מיט מײַנעם אַ באַקאַנטן אַרמענער אַף אַ קאָנצערט. האָט איר געמעגט אַ קוק טאָן, ווי יענער האָט זיך עס צעשײַנט, ווען די זינגערין האָט געזונגען אַן אַרמענישע ליד. אַזוי איז עס שוין. הײַנט, אַז ניט אַלע טאָג קומט מיר אויס ריידן אַף מאַמעלאָשן, איז בענקט זיך.

— ע, סעמיאָן נאומאָוויטש, איר זאָלט אזעלכעס זאָגן. מיר האָבן, דאַכט זיך, פאַרן זומערדיקן סעזאָן ניט דורכגעלאָזט מיט אײַך קיין איין טאָג...

— כוץ זומער, ראָמאַן דאַנילאָוויטש, איז פאַראַן א ווינטער מיט אן אָסיען, און בכלל... שײַעך, אז מע האָט ניט אלע טאָג מיט וועמען זיך דורכריידן אף מאַמעלאָשן, ווי מע זאָגט, איז הייבט מען אָן נאָך דעם בענקען, ווי אף דער עלטער נאָך דער קינדהײַט, כאָטש א קינדהײַט, נאָך וועלכער מע זאָל דאַרפֿן בענקען, האָב איך בא א טאַטן א מעלאַמעד, ווי איר פאַרשטייט אליין, ניט געקאָנט האָבן. צו זעכציק יאָר ווערט מען ניט קיין טשײַקאָווסקי, ניט קיין רובינשטיין. נאָר אף דער עלטער האָב איך מיטאַמאָל אָנגעהויבן פאַרפאַסן מעלאָדיעס, ניגונים. און ווען איך פאַרפאַס א יידישן ניגון, איז בא מיר א געפיל, ווי איך זאָל זיך דורכריידן מיט טאַטע־מאַמע, ווי אין דער קינדהײַט אף אונדזער מאָלעוער יידיש.

איצט, ווען נאַכמען זעמער ווייסט שוין, אין אוועלכער שאָ אן ערעך קאָן ער דאָ טרעפן זײַנע צוויי נײַע באַקענטע, צעשיידט ער זיך נאָך דער־ווײַל ניט מיט זיי, נאָר געזעגנט זיך, ווי מע געזעגנט זיך, געוויינלעך, מיט באַקאַנטע, מיט וועלכע מע באַגעגנט זיך אָפט. און אז אין די טעג, וואָס ער וועט דאָ זײַן, וועט ער זיך נאָך ניט איין מאָל מיט זיי באַגעגע־נען, האָט נאַכמען ניט וואָס צו קווענקלען. דאָס בערעזעווע סעדל, וואָס האָט מיט זײַן זויבערער ווײַסקײַט אים שטענדיק דערמאָנט אין דער יאָמ־טעוודיקער ליכטיקײַט פונעם ערשטן שניי, געפינט זיך אין רעכטן מיטן שטאָט, און אויסמײַדן עס, אויב ער וויל ניט אָנלייגן קיין איבעריקן וועג, איז פּאָשעט אומעגלעך.

וואָס איז מיט אים פּלוצעם אזעלכעס געשען, וואָס ער האָט זיך גע־געבן אזוי האַסטיק א הייב אוף פון אָרט און זיך שיר ניט געלאָזט לויפן, האָט ער זײַנע באַקענטע שוין ניט באַוויזן צו זאָגן. און געשען איז דאָס, וואָס ס'איז אים פּאָשעט ארויס פון זינען, אז אף דער פּאָסט קאָן אף אים פון לאַנג שוין וואַרטן א בריוול פון קאָבעליאַקע, פון זײַנער אן אלטער אומבאַקאַנטער באַקאַנטער. אינעם דאָזיקן בריוול דאַרף זי אים געבן צו וויסן, ווען און ווו זאָל ער אף איר וואַרטן און לויט וועלכע סימאָנים וועט ער זי גלײַך דערקענען.

וועגן דעם, אז טײַבלען, ווי מע רופט זײַן אומבאַקאַנטע באַקאַנטע פון קאָבעליאַקע, וועט ניט אָפּשטעלן די סאַקאָנעסדיקע היץ און זי וועט קו־מען צו פאָרן, האָט נאַכמען קיין רעגע ניט געקווענקלט. אין איטלעכן בריוו אירן האָט טײַבל אים געשריבן, אז טאָמער מאַכט זיך אים א גע־לעגנהײַט זײַן הי, זאָל ער איר באַצײַטנס געבן צו וויסן, און זי וועט אומבאַדינגט קומען צו פאָרן זיך זען.

דעם ערשטן בריוו פון איר האָט נאַכמען דערהאַלטן נאָך מיט עטלעכע יאָר צוריק, ווען ס'איז דערשינען זײַן בוך „נעכטן און הײַנט", ווו אין איינער פון די דערציילונגען דערמאָנט ער דעם קינדערהיים. און כאָטש ער רופט דאָרט קיינעם ניט אָן מיט די עמעסע נעמען, האָט טײַבל אלע־מען דערקענט.

ענלעכע אזעלכע בריוו האָט זעמער באַקומען אויך פון אנדערע שטעט, ווו עס וווינען אציינד זײַנע אַמאָליקע כאַוויירים פונעם פּאָלטאַווער קינ־

דערהיים, און אלע קימאַט מיט דער זעלבער באַקאַשע: טאָמער מאַכט זיך אים אַ געלעגנהייט זײַן אין זייערע קאַנטן, זאָל ער באַצײַטנס זיי געבן צו וויסן. די דערהאַלטענע בריוו זײַנען געווען ניט בלויז פון די, וועלכע ער געדענקט, נאָר אויך פון די פיל ייִנגערע פון אים, אָט ווי טײַבל, וואָס אויב ער איז אפילע אַ שטיקל צײַט געווען מיט זיי צוזאַמען, האָט ער זיי שוין אויך ניט געקענט געדענקען. אַלצייִנס אָבער איז יעדער פון די דאָזיקע בריוו געווען אים טײַער, ווי ער וואָלט נאָך אַזויפיל יאָר, און נאָך אַזעלכע יאָר, אָפּגעזוכט אַ ברודער צי אַ שוועסטער. אין קינדערהיים האָבן זיי זיך דאָך טאַקע געפילט ווי לײַבלעכע ברידערלעך און שוועס־טערלעך, און דאָס דאָזיקע געפיל, זעט אויס, האָט זיך ניט אינגאַנצן אויסגעוועפּט. עפּעס פון דעם איז פאַרבליבן אין יעדן פון זיי, און אויך בײַ אים, אויפן גאַנצן לעבן.

קיין ניידער, אַז ער וועט זיך ביכלאַל דאָ ניט ניצן מיט די טראָליי־בוסן און אויטאָבוסן, נאָר גיין דורכויס צופוס, קעדיי טיפער דערפילן אין זיך די שטאָט פון זײַנע ווײַטע ייִנגלשע יאָרן, האָט ער זיך דאָך ניט געגעבן! און ווען אפילע יאָ, איז צוליב אַזאַ באַגעגעניש, ווי עס שטייט אים פאָר, מעג ער אים אויוועער זײַן. זײַנען, ווי אַפּצולאָכעס, מיטאַמאָל אַנטרונען געוואָרן אַלע טראָליבוסן און אויטאָבוסן, וואָס גייען פונדאַנען צום קאָרפּוסנעם, ווו די פּאָסט איז, און דער ניידער, וועלכן ער האָט זיך ניט געגעבן, בלײַבט דערווײַל אַ ניידער.

קיין סאָך צײַט דערפון, וואָס ער גייט צופוס און ניט ער פאָרט, האָט נאַכמען, דאַכט זיך, ניט פאַרלאָרן. ער געדענקט גאָר ניט, צי האָט ער דאָ ווען־ניט־איז געשפּאַנט מיט אַזאַ ברייטן האַסטיקן טראָט, כאָטש וואָס קאָנען אים שוין געבן די עטלעכע מינוט, וואָס ער וועט מיט זײַן יאָגן דערבײַ אויסשפּילן. אויב פונעם בריוו, וועלכער וואַרט דאָרט אָף אים, וועט זיך אַרויסווײַזן, אַז די באַגעגעניש האָט געזאָלט פאָרקומען הײַנט אינדערפרי, — האָט ער דאָך אַלצייִנס שוין פאַרשפּעטיקט. „און ביכלאַל, ווער טוט עס אַזוי, דערצו נאָך בענעגייע אַ פרוי, — מוסערט זיך נאַכמען האַלב אָף אַ קאָל, — אַ טעווע, וואָס איז צו אים געקומען ניט לאַנג צו־ריק, געבנדיק אים דערמיט אָנצוהערן, אַז ער האָט גענומען זיך לעצטנס שטאַרק עלטערן, כאָטש ער אַליין וויל זיך נאָך אין דעם ניט מודע זײַן, — ווילסט זיך מיט איר זען, איז פאָרט מען אַראָפּ קיין קאָבעליאַקע, ביפראַט נאָך, אַז דו קלײַבסט זיך פונדאַנען קיין קרעמענטשוק, און דאָס שטעטל קאָבעליאַקע ליגט אויפן סאַמע מיטן וועג, אויפן זעכציקסטן קילאָמעטער. מאַלע וואָס זי האָט דיר געשריבן, אַז דו זאָלסט איר באַצײַטנס געבן צו וויסן, ווען דו וועסט דאָ זײַן, און זי וועט קומען צו דיר! לויט אַלע כעזשבוינעס, דאַרף זי דאָך שוין אויך זײַן ווײַט ניט קיין יונגע. אויס־קויפן זיך בײַ איר, טאָמער האָב איך, כאָלילע, פאַרשפּעטיקט, וועל איך קאָנען בלויז מיט איינס — אַראָפּפאָרן צו איר. וועל איך טאַקע אַזוי טאָן. באַשטימט".

פון די אַלע רייד אָבער, וואָס נאַכמען טײַנעט זיך אויס מיט זיך אויפן וועג, ווערט זײַן טראָט אָף קיין האָר ניט קלענער, ער כאַפּט קוים איבער דעם אָטעם. ער איז ניט אַרופגעגאַנגען, נאָר אַרופגעפלויגן אָף די דרויסנ־

דיקע טרעפ פון דער פאָסט, וואָס געפינט זיך אין איינעם פון די ליכטיקע פאלאצן, וועלכע רינגלען ארום דעם גרויסן קײַלעכיקן קאָרפוסנעם סאָד.

אָפגעטעמט זיך האָט נאכמען בלויז דעמלט, ווען פונעם בריוו, וואָס ער האָט אין איין אויגנבליק דורכגעלייענט, האָט ער זיך דערוווּסט, אז די באגעגעניש זײַנע מיט טײַבלען וועט ערשט פאָרקומען מאָרגן, צען אזייגער אינדערפרי, און טאקע דאָ אף דער פאָסט. ער וועט זי, ווי זי שרײַבט, לײַכט דערקענען. זי וועט האלטן אין דער האנט זײַן ביכל.

איז נאכמען, ווײַבאלד אזוי, שוין ווידער פרײַ, און ער קאָן, ווידער אָן א שום פארוועגן און אָן א שום פארוואָס, בלאָנקען איבער דער שטאָט גאס־אײַן און גאס־אויס. צו ביילען האָט ער דערווײַל סײַווי ניט וואָס זיך צו שלעפן. די שאָלעם־אלייכעמער זײַנען אין די דאָזיקע שאָען נאָך אף די זאוואָדן און פאבריקן, און צו ענדע טאָג איז נאָך היפש ווײַטלעך. פארקערעוועט ער, נאכמען, ארויסגייענדיק פון דער פאָסט, אף דער ער־שטער גאס, וואָס קומט אים אָן אנטקעגן, אף דער פרונזע־גאס, וואָס האָט אין זײַנע צײַטן געהייסן די קאָבעליאקער און וועלכע ציט זיך העט־העט ווײַט ארויף. וויפל קילאָמעטער, — טראכט נאכמען בא זיך, — האָט ער מיט דער דאָזיקער גאס דורכגעמאכט דאָ יינגלווײַז, גייענדיק טאָג־אײַן, טאָג־אויס אין דער באָלניטשנער קלויז צו אוראָם־בער גאלאָדן דעם געמאָרע־מעלאַמעד אין כיידער, און שפעטער, — ווען ער האָט שוין געטראָגן אָן עמאלענעם קאָמיוגישן צייכן אף דער ברוסט, — אין דער שכיינעסדיקער אפטייק, ווו ער האָט געוואשן פלעשלעך פון רעפּועס, ארומגעווישט דעם שטויב, פארקערט דעם דיל. דער וועג אהין האָט געפירט פארבײַ דעם מארק. איצט פירט ער אים אויך אזוי. צום מארק איז נאָך גאנץ ווײַטלעך, נאָר נאכמען דערפילט מיטאמאָל א הײַליקײַט אף די ציין פון ניט־צײַטי־קע ווײַנשל און עפל און א זיסלעך־קלעפיקן רייעך פון איבערגעצײַטיק־טע בארן און דיניעס, ווי ער זאָל געווען אין זיך ארײַנלאָזן מיט אלע זײַ־נע טאמען און רייכעס איינעם פון יענע ווײַטע טעג.

דער מארק איז שוין ניט דער, וואָס דעמלט, — ער לאָזט זיך איצט ארומכאפן מיטן אויג, — און דער טומל אפן מארק איז אויך שוין ניט דער, וואָס דעמלט. דאָס נעמט זיך, אפאָנעם, דערפון, וואָס, פונקט ווי אף אלע מערק, האָט מען אויך דאָ קימאט אופגעהערט זיך דינגען. וויפל מע באָט אָן, אזויפיל באצאָלט מען, פונקט ווי אין די קלייטן. און דאָס האלב־קײַלעכיקע מויערל פון דער אפטייק אפן ראָג גאס איז אויך, דאכט זיך, ניט אינגאנצן שוין וואָס געווען, ס'איז עפעס ווי קלענער געוואָרן.

אז ער וועט אין דער אפטייק קיינעם ניט טרעפן פון די, מיט וועמען ער האָט דאָרט אמאָל געארבעט, האָט זעמער ניט וואָס צו סאָפעקן. דאָך איז ער אהין ארײַן. און ווידער דאָס זעלבע, ווי עס זאָל אין אים פונסנײַ זיך פארקלײַבן איינער פון יענע ווײַטע טעג. ס'האָבן אין אים גענומען אופטויכן די נעמען פון קאָלערליי רעפועס, וועלכע האָבן פון זיך אליין אים זיך פארגעדענקט בייסן אראָפוואשן די אלטע עטיקעטקעס פון די פלעשלעך און סלאָיִקלעך, בייסן צוקלײַבן אף די פראָוויזאָרישע טישלעך. אפילע די לאטײַנישע נעמען פון וואטע און גאָרטשיטשניקעס — גאָסיפּיום און כארטא סינאפּיס — האָבן אין אים אופגעטויכט, כאָטש די דאָזיקע לאָ־

טײַנישע נעמען, געדענקט זיך אים, האָבן די פּראָוויזאָרן זעלטן־ווען גע־גוצט.

אויסער ווי בא דעם אלטיטשקן, וואָס איז געזעסן בא דער קאַסע, האָט ער ניט בא װעמען זיך נאָכפרעגן וועגן די, מיט וועמען ער האָט דאָ אַמאָל געארבעט. לאָזט זיך גאָר אויס, אז דער אלטיטשקער האָט ביכלאל קיינ־מאָל ניט געארבעט אין קיין אַפּטייק. ביז דער פּענסיע איז ער געווען א קאַסירער אין באַנק. נאָר איינעם פון די, וועמען נאָכמען האָט אים אָנגע־רופן, קען ער. ער באַגעגנט אים אַמאָל אָוונט־צײַט אינעם בערעזעווע סעדל. נו, פאַרשטייט זיך, אז ער וועט אים אלץ איבערגעבן. יענער וועט זיך אויך זיכער דערפרייען. און ס'איז דאָך טאַקע א גרויסע פרייד אָנ־טרעפן אין אַזויפיל יאָר ארום אַן אלטן באַקענטן אין א שטאָט, וואָס די פאַשיסטן האָבן קימאַט געהאַט כאָרעוו געמאַכט.

דאָס איינציקע, מיט וואָס דער הויף פון דער אַמאָליקער באַלניטשנער קלויז האָט דערמאָנט נאָכמענען אין די יִינגלשע יאָרן און אים פאַרהאַלטן לעבן זיך, איז דער געפילדער פון די קינדערשע קעלעכלעך, וואָס האָט זיך דערטראָגן פון דאָרט צו דער גאַס. ס'איז גאָר אינגאַנצן אַן אַנדער געפילדער און אַן אַנדער טומל. עס הערט זיך ניט אין אים דער אומעטי־קער ניגון, מיט וועלכן ער און אלע כיידער־יִינגלעך פון זײַן קיטע פלעגן אַף פאַרשיידענע קוילעס אויסזינגען דעם „אָמאַר אבײַע״ און דעם „אָמאַר ראַוו פּאָפּאָ״[1].

שטייענדיק בא דער אָפענער קאַליטקע, פּרוווט נאָכמען זיך דערמאָנען: אָט די אים גוט באַקאַנטע פאַרקײַלעכיקטע פענצטער, וואָס שטייען צע־פראַלט, האָט ער דעמלט געזען ווען־ניט־איז אָפן? און די זון, מיט וועל־כער ס'איז פול דער הויף, האָט דעמלט ארײַנגעקוקט אהער? נאָר ווי האָט ער געקאָנט עס דעמלט באַמערקן, אז זײַענדיק קימאַט אינעם זעלבן על־טער, אין וועלכן עס זײַנען די קינדער, וואָס קוקן ארויס פון די אָפענע פענצטער, וואָס טראָגן זיך אום האַלב־נאַקעטע איבערן הויף, ארײַנגעגע־טאָנענע אין דער קינדערישער שפּיל, איז ער גאָר געווען פאַרנומען מיט „שנאַ:ים אויכאַזין בעטאַליס״, מיטן בעגעד, אין וועלכן צווייען האָבן ווי מיט צוואַנגען זיך אײַנגעקלאַמערט און יעדער איינער פון זיי טײַנעט, אז דער בעגעד געהערט צו אים, ער האָט אים געפונען, אָדער ער איז געווען פאַרנומען מיט „בייצע שענוילדאָ בעיאָמטעוו״, מיטן איי, וואָס די הון האָט געלייגט אין א יאָמטעוודיקן טאָג...

ווען עמעצער זאָל געווען איצט צו אים צוגיין און פרעגן, צי געדענקט ער, אז דאָ איז געווען אַמאָל א מאָקעם־קאָדעש, וואָלט ער מיסטאָמע יענעם געענטפערט, אז פאַר אים, נאָכמענען, איז א מאָקעם־קאָדעש דאָרט, ווו קינדער זיצן בא אָפענע פענצטער און באָדן זיך אין דער זון.

מיט א פּאָר קוואַרטאַלן העכער, דאָרט, ווו די פּרונזע־גאַס ברייטערט זיך אויס, ווו דער ווינט האָט שטענדיק געהאַט צו טאָן מיט דער פאַנאַנ־דערגעשאָטענער שטרוי און היי אַפן ברוק, וואָס די פּויערשע וועגענער פלעגן נאָך זיך איבערלאָזן, האָט פאַר נאָכמענען שוין דעמלט געהייסן

---

[1] האָט געזאָגט אבײַע און ראַוו פּאָפּאָ (העבר.).

הינטערן שטאָט. „אהינצו" פלעגט מען שוין פאָרן אף דראָזשקעס און פאעטאָנען, ווי צום וואָקזאַל. זיך ווונדערן, וואָס איצט גייען אהין טראַליי־בוסן, האָט ער, פאַרשטייט זיך, ניט וואָס. ס'איז אים גלאַט אָבער ציקאווע, ווו ענדיקט זיך אָט דער „אהינצו". די אָנגעצויגענע עלעקטרישע דראָטן פאַר די טראַלייבוסן דערגרייכן אַזש ביזן האָריזאָנט. איז עפּשער... די גאַס האָט דאָך אַמאָל געהייסן קאָבעליאַקער. און כאָטש נאָכמען פאַרשטייט, אַז קיין קאָבעליאַקע וועט ער מיטן טראַלייבוס ניט פאָרפאָרן, פונדעסט־וועגן זעצט ער זיך אף אים אויף. ער וויל פּאַשעט זען די נײַע גרענעצן פון דער שטאַרק אַלטער שטאָט.

שוין זיצנדיק אין טראַלייבוס, דערוויסט זיך זעמער, אַז דער טראַליי־בוס גייט אין דער ריכטונג פונעם אַלמאַזנעם זאַוואָד, אף וועלכן עס אַר־בעטן, ווי ס'האָבן אים פאַרזיכערט ביילע מיט פייגען, שיר ניט גאַנץ נאָוועפּרעלאָזשענע. און אַז דער אַלמאַזנער איז נאָך אויך ניט די גרענעץ פון דער שטאָט. דער טראַלייבוס האָט נאָך דאָרט צו גיין און צו גיין.

ביילע מיט פייגען זײַנען אַוואַדע גערעכט. דאָס קלענסטע הויז איז דאָ, דאַכט זיך, גרעסער פון גאַנץ שאָלעם־אַליכעם־גאַס. אַזעלכע ברייטע, לאַנ־גע און שיינע גאַסן, ווי דאָ, און אַזעלכע מעסוקן גרויסע מויערן, ווי דאָ, זײַנען אין שטאָט, דאַכט זיך, ביכלאַל גאָר ניטאָ. ס'איז טאַקע זיך נאָר צו שפּיגלען אין זיי.

אָנגעזעטיקט זיך מיט אָט דער שיינקייט, וועלכע די נאָוועפּרעלאָזשע־נער האָט זיך אַפילע קיינמאָל ניט געכאָלעמט, האָט נאָכמען זיך אומגע־קערט מיטן טראַלייבוס צוריק אין שטאָט.

כאָטש ס'איז שוין ניט אַזוי פרי, נאָר אף דער שאָלעם־אַליכעם־גאַס האָט ער נאָך דערווײַל ניט וואָס צו גיין. אַפילע דער אוילעם, וועלכער איז באַשעפטיקט אף די זאַוואָדן און פאַבריקן, וואָס געפינען זיך גופע אין דעם אַלטן טייל שטאָט, וועט קומען פון דער אַרבעט ניט פריִער ווי אין אַ פאָר שאָ אַרום. און פאַר די פאָר שאָ קאָן ער דערווײַל באַווײַזן אַרײַנכאַפּן נאָך אַ פאָר גאַסן, אף וועלכע ער קלײַבט זיך זײַן. פילט ער זיך אָבער שוין גאַנץ מידלעך, און ניט אַזוי פונעם אַרומגיין, ווי פון דער זון, פון וועלכער ס'איז זיך ניט אויסצובאַהאַלטן אויך אף דער שאָטנדי־קער זײַט. אין האָטעל איז אויך ניטאָ פון איר קיין רעטונג. וואָס פאַר אַ ווערדע האָט באַ דער זון אָנגלײַען די אַראָפּגעלאָזטע שטאָרן אַפן פענצ־טער, וואָס פאַרנעמט אַ האַלבע וואַנט, אַז ס'זאָל פון זיי טראָגן אַ היץ, ווי פון אַן אָנגעהייצטער הרובע. און וואָס פאַר אַ זין האָט זיך שלעפן איצט אין האָטעל, אויב פונדאַנען, ווו ער איז אַרויסגעשטיגן פונעם טראַלייבוס, איז פיל נעענטער צו דער ווײַסער בעסעדקע, וואָס אין סאַמע עק פון דער צענטראַלער אָקטיאַבער־גאַס. פאַרייַנס וועט ער שוין פאַרגיין אינעם דאָר־פישן שטיבל, ווו ס'האָט געלעבט דער באַשעפער פון „נאַטאַלקע פּאָלטאַוו־קע" איוואַן קאָטליאַרעווסקי, און זען פון דער נאָענט דעם ספּאַסקן קלויס־טער, פאַרבײַ וועלכן די רוסישע אַרמיי האָט פּײַערלעך דורכגעמאַרשירט נאָכן זיג איבער די שוועדן.

אַז אין שכיינעס מיט דער האַלב־פאַרמאַכטער ווײַסער בעסעדקע, וואָס הענגט אַראָפּ איבער דער גרין־גרינער נידעריקער אומגעגנט, ווי אַ באַל־

קאָן פון א הימלקראצער, און אין וועלכער ער האָט ייִנגלווײַז זיך ניט איין מאָל פארקליבן און פון וועלכער פאַרליבטע פּאָרלעך האָבן אים ניט איין מאָל געבעטן זיך פון דאָרטן פארנעמען, איז צוגעקומען נאָך א בעסעדקע און אויך פּונקט אזא ווײַסע, נאָר אין אָן א שיר מאָל א גרעסערע, און אז אין דער דאָזיקער בעסעדקע קאָן מען זיך מעכאבעד זײַן מיט די באַרימטע פּאָלטאַווער געריכטן, וועלכע גאָגאָל האָט נאָך באַשריבן, — וועגן דעם האָט נאכמען זיך דערוווּסט לאכלוטן צופעליק. ארויסגעגאנגען פון קאָטליארעווסקיס דאָרפיש שטיבל מיט דער דאָרפישער קרענעצע אין הויף, איז ער, אומדרייענדיק זיך נאָכדעם ארום דעם ספּאסקן קלויסטער, פּאַשעט ארוף אומבאמערקט אף אן אנדער סטעזשקע, וואָס האָט אים געבראכט צו פירן צו אָט דער נײַער בעסעדקע, וועלכע איז פון אינווייניק ענלעך אף א פּאלאץ. פון די מארמאָרנע זײַלן און פונעם מארמאָרנעם דיל האָט געטראָגן א קילקײַט, וואָס בא אזא היץ איז עס ניט אָפּצושאצן.

די האלב־אָפּענע גאלערייע אין דער בעסעדקע דרייט זיך ניט ארום איר אקס, ווי די זײַלן פונעם „זיבעטן הימל" אף דעם אָסטאנקינער טורעם אין מאָסקווע, ווו נאכמען איז א פאָר מאָל געווען. און דאָך דערמאָנט אים די האלב־אָפּענע גאלערייע דעם זאל אפן „זיבעטן הימל", כאָטש די אומגעגנט אין דער טיפער נידער איז דאָ מיט גאָרניט ענלעך אף דעם, וואָס ער האָט געזען פון די פענצטער אינעם אָסטאנקינער טורעם. אָנשטאָט אספאלטירטע שאָסייען, איבער וועלכע עס טראָגן זיך אום הין און הער אווטאָמאָבילן, ענלעכע פון דער מעסוקענער הייך אף קינדערשע שפּילעכלעך, און די פילשטאָקיקע מויערן — אף קעסטלעך שוועבעלעך, קוויקט זיך דאָ דאָס אויג מיט די געדיכטע סעדער, מיט די זאפטיקע גרינע לאָנקעס, מיטן לויטערן וואסער פונעם שטילן טײַך וואָרסקלע, מיטן לײַכט פארנעפּלטן האָריזאָנט...

די זון איז געשטאנען נאָך גאנץ הויך, נאָר די היץ האָט זיך שוין ניט אזוי שטארק געפילט, ווען זעמער האָט זיך אראָפּגעלאָזט פונעם היגן „זיבעטן הימל" און זיך געלאָזט מיט דער לאנגער פאריזשער־קאָמונע־גאס, דער אמאָליקער דוואָריאנסקער, אף וועלכער עס וווינט איצט ביילע די נאָוועפּרעלאָזשענערן.

ווי גרויס זי איז ניט, די פאריזשער־קאָמונע־גאס, איז פאר א האלב שאָ צײַט קאָן מען זי דורכמאכן, אפילע נאָך פאר ווייניקער, אָבער בלויז דעמלט, ווען מע איז א היגער. נאָר פאר אזעלכן, וואָס איז, ווי ער, נאכמען, בלויז אין די ייִנגלשע יאָרן געווען א היגער און וואָס איז אראָפּגעקומען אהער צוגאסט אין אזויפיל יאָרן ארום, וועט דער טאָג אויך זײַן צו קליין. נאכמענען דאכט זיך, אז ס'איז ביכלאל ניטאָ דאָ אין שטאָט די גאס, וואָס מע זאָל זי קאָנען דורכגיין, ניט אָפּשטעלנדיק זיך. נו, ווי קאָן ער, גייענדיק מיט דער דאָזיקער גאס, דורכלאָזן די בילדער־גאלעריי און זיך ניט פארהאלטן דאָרטן ווייניקער פון א צוויי־דרײַ שאָ. און ווי פארהאלט מען זיך עס ניט בא דעם בראָנזענעם דענקמאָל, וואָס שטייט אפן זעלבן פלאץ, אף וועלכן ס'איז געשטאנען קעלינס, דעם קאָמענדאנטס פון דער שטאָט, הויז, ווו ס'האָט אָפּגערוט נאָך דער זיגרײַכער שלאכט איבער די שוועדן פּיאָטער דער ערשטער. מיטאמאָל דערוויסט ער זיך,

נאכמען, אז אין דער דערבײַיִקער שטוב, וואָס קוקט ארויס צום דענקמאָל מיט אירע אָפענע פענצטער, האָט מיט פיל־פיל יאָרן צוריק, ווען ער איז נאָך אף דער וועלט ניט געווען, זיך אָפּגעשטעלט, קומענדיק אהער אין שליכעס פון לענינען, נאדעזשדע קרופּסקע. נאכמען וווּנדערט זיך, וואָס ביז איצט, זײַענדיק שוין אין אזא עלטער, קאָן ער זיך נאָך אלץ ניט פאָרשטעלן, אז ס'איז געווען א צײַט, ווען ער איז ניט געווען, און אז ס'וועט זײַן א צײַט, ווען ער וועט ניט זײַן.

ווײַזט אויס, אז ביילע די פאַריקמאכערן, וואָס האָט זיך געקליבן פירן הײַנט נאכמענען באווײַזן די שאָלעם־אלייכעם־גאס, האָט זיך שוין אף אים ניט געריכט. אף דער טיר פון איר צימערל אינעם שמאָלן פינצ־טערן קאָרידאָרל איז געהאנגען א שלעסל. האָט ער, זעט אויס, מיט זײַן פארהאלטן זיך אין דער בילדער־גאלעריי, בא דעם דענקמאָל און בא דעם דערבײַ־שטייענדיקן הויז מיטן מעמאָריאלן ברעטל פארשפּעטיקט צו איר. זיך ערגערן דערפון האָט ער ניט וואָס, ביפראט, אז ער ווייסט ניט, צי האָט ער דערמיט קלאל עפּעס אָנגעווירן. ווו־ווו, נאָר אף נאָוועפרעלאָ־זשסנע, ווי ער איז געווינט רופן די שאָלעם־אלייכעם־גאס און פון וואָס ער קאָן בעשום־אויפן זיך נאָך ניט אָפּגעווינען, נייטיקט ער זיך ניט איבעריקס, מע זאָל אים באגלייטן. אים איז דאָרט געווען באקאנט ניט נאָר יעדער הויף, יעדעס שטיבל מיט יעדן גאנעק, נאָר אפילע יעדעס ביימל, כאָטש ער האָט דאָרט, אייגנטלעך, קימאט ניט געלעבט. ס'איז אָבער ניט געווען דער טאָג, ער זאָל דאָרט ניט געווען זײַן. נאָוועפרעלאָ־זשסנע האָט זיך דאָך אָנגעהויבן צוויי־דרײַ טריט פונעם הויף אף דער קאָטליארעווסקי־גאס, ווו ער האָט ייִנגלווײַז געוווינט.

נאכמען זעמער איז שוין אָפּגעגאנגען א היפּשע שטיק וועג, אָנגעשפּארט אזש דאָרט, ווו די וואסער־קאָלאָנקע איז אמאָל געשטאנען, נאָר קיין גרויסע ענדערונגען, ווי ס'האָט אים אָנגעמאָלט ביילע, זעט ער דאָ דער־ווײַל ניט. פון וואָס, אשטייגער, וויל זי, זאָל ער כאפּן היספּײַלעס? פון דעם, וואָס ער זעט שוין דאָ ניט קיין הילצערנע צעשפּאָלטענע טראָטוארן און קיין צעקרישלטן שטיינערנעם ברוק, נאָר אספאלטירטע טראָטוארן מיט אן אספאלטירטן שאָסיי? פון דעם, וואָס אין שעמיאקינס הויף איז קיין זייכער ניט פארבליבן פונעם טיפן אָפּגרונט, ווו עס זײַנען געווען זײַנע זומער־בעדער און וואָס איצטער בליט דאָרט א גאָרטן מיט פילפּאָר־ביקע בלומען? קאָן ער איר, ביילען, דערציילן, אז נאָך מיט א היפּש ביסל יאָרן צוריק האָט ער שוין געשפּאַנט איבער אספאלטירטע טראָטוארן אין די פריִערדיקע ייִדישע יִשוּבֿים פונעם קרימער סטעפּ, ווו אמאָל האָט מען נאָך א מינדסט רעגנדל ניט געקאָנט א פוס ארויסשלעפּן פון דער פעטער קלעפּיקער בלאָטע, און אז פאַרפאַרנדיק מיט יאָרן צוריק, בייס זײַן ארומ־רײַזן איבער די שטעטלעך, אין דער געבענטשטער קאסרילעווקע, ווי שאָלעם־אלייכעם האָט אָנגערופן דאָס שטעטעלע וואָראָנקאָווע, וואָס האָט אמאָל געהערט צו דער פּאָלטאַווער גובערניע, האָט ער שוין ניט געפונען קיין זייכער פונעם בארג, וואָס האָט געגרייכט „העכער די וואָלקנס“.

נאכמענען כידעשט אפילע ניט, וואָס באַ איינעם פון די הויפן, פון וועלכן עס פלעגן זיך אין די באַגינענס אַ לאָז טאָן צום מאַרק באַלעגאָלעס און טאַטשקעניקעס, האָט ער דערזען שטיין אַן אווטאָמאָביל. דאָס איינציקע, וואָס נאַכמענען כידעשט דאָ די גאַנצע צײַט און צו וואָס ער קאָן זיך ניט צוגעוווינען, — איז די שטילקייט, וועלכע גייט אים נאָך. עס געדענקט זיך אים ניט, אַז דאָ זאָל ווען־ניט־איז ביכלאַל געווען זײַן שטיל, דערצו נאָך זומער־לעבן, ענדע טאָג, ווען די באַלעגאָלעס מיט די טאַטשקעניקעס מיט די קאַטערינשטשיקעס פלעגן זיך אומקערן פון מאַרק. נאַכמענען געדענקט זיך אויך ניט, אַז זומער־לעבן זאָלן די הײַזער דאָ שטיין מיט צוגעמאַכטע טירן און פענצטער און די הויפן מיט פאַרמאַכטע טויערן און קאַליטקעס. זומער־לעבן, געדענקט זיך אים, איז אָט די אַראָפּבאַרגיקע גאַס געווען ווי איין גרויסע אָפענע שטוב און ווי איין גרויסער אָפענער הויף, ווו דורכן טאָג האָט זיך געראַשט, ווי אויף אַ יאַריד. וועגן דעם, אַז אָט די גאַס האָט מיט אַ צײַט נאָך פאַר דער מילכאָמע שוין ניט געהאַט מער צו טאָן מיטן מאַרק און אַז אין די באַגינענס האָט מען זיך געלאָזט פונדאַנען אויף די זאַוואָדן און פאַבריקן, ווייסט זעמער פון זײַנע דעמלטי־קע נעסיִעס אַהער. אָבער ווי ווײַט די זאַוואָדן מיט די פאַבריקן זאָלן פונדאַנען ניט זײַן, דאַרף דער אוילעם, לויט אַלע כעזשבוינעס, שוין לאַנג זײַן אין דער היים. איז פונוואַנען, אויב אַזוי, נעמט זיך פאַרט די דאָזיקע שטילקייט? און צו דעם, וואָס ער זעט קיינעם ניט זיצן אויף די גאַנעקעס און פריזבעס, איז ער אויך ניט געוווינט. ווו איז עס פאַרט דער אוילעם, פאַרשטייט ער ניט. טאָמער באַגעגנט זיך אים שוין עמעצער, איז ער אויף אַזויפיל ניט ענלעך אויף קיין נאָוועפּרעלאָזשענער — און אַ נאָוועפּרע־לאָזשענער וואָלט ער, דאַכט זיך, דערקענט פאַר אַ מײַל, — אַז ער האָט אים ניט וואָס אָפּצושטעלן און פאַנאַנדערפרעגן וועגן דעם צי יענעם פון זײַנע אַמאָליקע באַקאַנטע. איצט פאַרשטייט ער שוין, פאַרוואָס האָט ביילע אים געוואָלט באַגלייטן. מיט יעדן ווײַטערדיקן טראָט, וואָס ער מאַכט, פילט ער, ווי ביילע פעלט אים אויס. אפּאָנעם, אַז קיין אַנדער אויסוועג ווי אָנקלאַפּן אין אַ פּאָר טירן, ביז ער וועט סאָפּקאָלסאָף אָנטרעפן אויף אַן עכטן נאָוועפּרעלאָזשענער, בלײַבט אים ניט.

די ערשטע טיר, וווהין ער וועט אָנקלאַפּן, וועט, פאַרשטייט זיך, זײַן די טיר פונעם אַמאָליקן לייען־שטיבל, ווו זײַן ברודער עליע פלעגט פאַר־לייענען אויף אַ קאָל פאַרן צונויפגעזאַמלטן אוילעם שאָלעם־אַליי־כעמס אַ מײַסע. נאָר איידער ער וועט אָנקלאַפּן אַהין, מוז ער זיך פריִער אַראָפּלאָזן אין דערבײַיקן ביסטראָווסקי־געסל, ווו ס׳האָבן זיך באַגעגנט און אויף שטענדיק זיך צעשיידט זײַנע קינדערשע און יינגלשע יאָרן.

דאָס זעלבע, וואָס איז זיך פאַרלאָפן מיט די סקווערן, מיטן מאַרק, מיטן רויטן מויער פון דער אַפּטייק, איז זיך אויך פאַרלאָפן מיטן ביסט־ראָווסקי־געסל. אויך דאָס דאָזיקע געסל איז פאַר דער צײַט, וואָס נאַכמען איז דאָ ניט געווען, עפּעס ווי קלענער און שמעלער געוואָרן. נאַכמען באַוויַזט ניט אַרײַנשטעלן אַהין אַ פוס, ווי ער איז שוין באַם הילצערנעם שטיבל מיטן הויכן ציגלנעם צאָקאָל. אין אַ פײַכט צימערל מיט אַ ברעקל פענצטערל, אין וועלכעס ס׳האָט קיינמאָל ניט אַרײַנגעקוקט די זון, זײַנען

אדורך די לעצטע צוויי־דריי יאָר פון זײַן קינדהייט. נאַכמען איז נאָך ניט איינגאַנצן זיכער, צי איז עס טאַקע יענץ שטיבל. קיין זייכער ניטאָ פון די עטלעכע טרעפּלעך, פונעם שטיקל גאַנעק, פון דער טיר. ער זעט איצט פאַר זיך בלויז א טויבע פאַרמויערטע וואַנט. עפּשער וועט ער עפּעס דערקענען אין הויף? איז אים פאַרלאָפן דעם וועג די לײַכטע מאַשין, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט בא דעם הויכן שכיינעסדיקן גאַנעקל.

דערהערט פונעם מיליטערמאַן, וואָס איז אַרויס פון דער מאַשין, אַז דאָרט, ווו ער, נאַכמען, ווײַזט אָן, זײַנען נאָך ביז ניט לאַנג צוריק געווען אי טרעפּלעך, אי א גאַנעק, אי א טיר, דערציילט אים נאַכמען, וואָס האָט אים אַראָפּגעבראַכט אהער. נעמט דער מיליטערמאַן דעם גאַסט פאַר דער האַנט און פירט אים אַרויף מיט די טרעפּלעך צו זיך אין שטוב.

אין אָט דעם גרויסן צימער מיט די אינוויייניקסטע גרינע לאָדן און מיטן געפאַרבטן דיל איז נאַכמען זיכער קיינמאָל ניט געווען. און אַז די הויכע פרוי מיטן גוטמוטיקן געזיכט, וואָס האָט באַגאָסן די בלומען־טעפּ־לעך אף די פענצטער, האָט ניט קיין שײַכעס צו דער אָנגעכמורעטער באַלעבאָסטע, בא וועלכער זיי האָבן געהאַט געדונגען דאָס צימערל, — האָט נאַכמען זיך פאַרגעשטעלט, נאָך איידער זי האָט אים געזאָגט, אַז זיי האָבן זיך אַרײַנגעקליבן אהער ערשט נאָך דער מילכאָמע. נאָר יענעם אַרײַנגאַנג האָבן זיי פאַרמויערט ניט לאַנג צוריק. דאָס צימערל, אף וועלכן ער פרעגט זיך נאָך, האָבן זיי אויך עטוואָס איבערגעבויט: אַרויסגעוואָרפן דעם גרויסן רוסישן אויוון, וואָס האָט פאַרנומען קימאַט דאָס גאַנצע צי־מערל, און געמאַכט גרעסער דאָס פענצטער.

— איך ווייס ניט, צי איר געדענקט, — האָט זיך אָנגערופן דער מאַן אירער, דער באַיאָרטער קאַפּיטאַן, — דאָרט איז דאָך, אייגנטלעך, ניט גע־ווען קיין פענצטער. א שײַבעלע די גרייס ווי א פויסט.

וואָס פאַר א ווערט קאָן שוין האָבן פאַר נאַכמענען דאָס צימערל אָן דעם רוסישן אויוון, אף וועלכן ער איז געשלאָפן מיטן ייִנגערן ברודערל, לייבקען, אָן דעם ברעקל פענצטער, בא וועלכן ס'איז געשטאַנען א קיך־טיש, אף וועלכן ס'איז געשלאָפן, די פּיס אַראָפּגעהאַנגען קימאַט ביזן דיל, דער עלטערער ברודער, עליע, און אָן דער, סײַ זומער, סײַ ווינטער, פאַרשוויצטער טיר, ווו אנטקעגניבער איז געשטאַנען א פאַרלאַטעט און איבערגעלאַטעט טאָפּטשאַנדל, אף וועלכן ס'זײַנען געשלאָפן די מאַמע מיטן שוועסטערל פייגעטשקע.

פון אַלץ, וואָס איז זיך פאַרלאָפן אין אָט דעם צימערל, ווויהין זיי האָבן זיך אַרײַנגעקליבן נאָכן פּאָגראָם אין שטעטל, פונוואַנען זיי זײַנען געקומען אהער צו לויפן, האָט זיך נאַכמענען מיטאַמאָל דערמאָנט דער פּראָסטיקער ווינטער־טאָג, ווען די מאַמע האָט געבראַכט צו טראָגן אײַנ־געוויקלט אין א שמאַטקעלע א געל פּלעצל, וואָס זי האָט געפונען אין גאַס, ניט ווײַט פון דער טשעקאַ. צי דאָס פּלעצל אינעם שמאַטקעלע האָט עמעצער צופעליק פאַרלוירן, גייענדיק צו דער אַרבעט, צי ס'איז אָן אָפּ־געסאַמטס און עמעצער האָט עס בעקיוון אונטערגעוואָרפן? אין יענע יאָרן האָט אַזעלכעס זיך געקאָנט פאַרלויפן. באַנאַכט פּלעגט מען זיך ניט איין מאָל אופכאַפּן פון א שיסערײַ אף דער גאַס.

מיטאמאָל ברעכט אָפּ די מאמע פונעם פּלעצל א ביסן, מאכט צו די אויגן, ווי זי זאָל זיך אָפּגעזעגענען מיט די קינדער, וואָס שטייען אויסגעהונגערטע ארום איר, און א בלייכע, ווי קרײַד, לייגט זי פּאַרזיכטיק אַרײַן דעם ביסן אין מויל. דאָס געוויין ביז הימל עפּן זיך פון די פיר קינדער האָט אויסגעבראָכן שוין נאָכדעם, ווי די מאמע האָט אַראָפּגעשלונגען דעם ביסן. דאָס איז געווען א געוויין פון קינדער, וואָס קומען צו לויפן אין בעסמעדרעש און פאלן צו צום אָפּענעם אַרנקוידעש, נאָכדעם ווי די דאָקטוירים האָבן זיך אָפּגעזאָגט פונעם כוילע.

אן אייביקייט איז דורך, ביזוואנען די מאמע האָט אופגעעפנט די אויגן און באדאנקט דעם אייבערשטן פארן כעסעד, וואָס ער האָט צוגעשיקט פאר אירע פיר יעסוימימלעך ניט קיין אָפּגעסאמט קוקורוזן פּלעצל אף אָפּצופאסטן זיך נאָך א הונגעריקן טאָג. זי האָט צעטיילט דאָס פּלעצל אף פיר גלײַכע כאלאָקים און זיך געשווירן דערבײַ, אז זי איז ניט הונגעריק.

— ווו האָט איר זיך דאָ אָפּגעשטעלט? — טוט אים א פרעג די באלעבאָסטע. — אויב איר ווילט, קאָנט איר אף די עטלעכע טעג, וואָס איר קלײַבט זיך דאָ זײַן, פארנעמען דאָס צימערל.

— א דאנק, — ענטפערט נאכמען און גיט דערבײַ גלײַך צו, — ווי ליב ס'איז ניט יעדן מענטשן די קינדהײַט זײַנע, איז אָבער מײַן קינדהײַט, וואָס איז דורך אינעם דאָזיקן צימערל, ניט פון די, מיט וועלכער מע וויל בלײַבן אויג־אף־אויג. גענוג פאר מיר די עטלעכע מינוט, וואָס כ'האָב מיט איר דאָ איצט פארבראכט...

ער הייבט טאקע בעפיירעש ניט אָן צו פארשטיין, וואָס איז געוואָרן מיט אָט דער גאס? פונוואנען האָט זיך צו איר גענומען די סטאטעטשנע שטילקײַט פון די אמאָליקע באלעבאטיש־טשינאָווניִשע גאסן און געסלעך, וואָס אף יענער זײַט קאָרפּוסנעם סאָד און ארום דעם זוניקן און דעם בערעזעווע סעדלעך? אפילע אינמיטן דער נאכט, ווען טיר־און־טויער זײַנען צו, איז דאָ אויך ניט געשטאנען אזא שטילקײַט. זעט אויס, אז ביילע און פייגע־לעבן זײַנען נאָך מער ווי גערעכט: ניט נאָר א האלבע גאס, ווי זיי זאָגן, האָט זיך אריבערגעצויגן פונדאנען אין די מיקראָראיאָנען, נאָר, דאכט זיך, אז די גאנצע גאס. גלוסט זיך נאכמענען טאקע פרעגן בא דער זעלבער ביילען און בא דער זעלבער פייגע־לעבן: פארוואָס האָט מען, אריבערקלײַבנדיק זיך פונדאנען אין די מיקראָראיאָנען, ניט מיטגענומען מיט זיך אהין דעם נאָמען פון דער גאס און ניט אָנגערופן מיט שאָלעם־אלייכעמס נאָמען א גאס אין די מיקראָראיאָנען, ווי דאָס האָבן, צום בײַשפּיל, געטאָן, ווי ער האָט געהערט, די קיִעווער?

דאָס אלץ אָבער שטערט ניט נאכמענען, אז ער זאָל זיך אײַנקוקן אין איטלעך איינעם, וואָס קומט אים אָן אנטקעגן. עפשער וועט ער פּאָרט אָנטרעפן אף א באקאנטן, און אויב נאכמען וועט אים ניט דערקענען, איז עפשער וועט יענער אים דערקענען. עס קאָן פּאָרט דאָך ניט זײַן, אז פון די פּאָטאָמסטווענע נאָוועפּרעלאָזשענער זאָל קיין איינער דאָ ניט פארבלײַבן, אז אלע זאָלן זיך האָבן פונדאנען אריבערגעקליבן און איצט וווינען דאָ נאָר אָנגעפּאָרענע, מענטשן מיט גאָר אן אנדער אופירעכץ און

מיט גאַר אַנדערע מינהאָגים. און אַז ער זאָל אַף דער אַמאָליקער דורכויס ייִדישער גאַס ניט אָנטרעפֿן קיין איין ייִדן, קאָן דאָך ווידער ניט זײַן, ביילע וואָלט דאָך עס אים נעכטן געוויס געזאָגט.

— וויפֿל איז דער שיר סאָפּקאָלסאָף אַזוי צו בלאָנקען? — פֿרעגט נאַכמען באַ זיך און גייט אַרוף אַפֿן געפּאַרבטן גאַנעקל פֿונעם אַמאָליקן לייען־שטיבל.

נאַכמען האָט שוין געהאַלטן באַם אָנקלאַפּן אַהין — אויב ער וועט דאָרט ניט אָנטרעפֿן אַף קיין באַקאַנטע, וועלן זיי אים עפּשער אָנווײַזן, צו וועמען זאָל ער אָנקלאַפּן, — ערשט ער דערזעט, ווי פֿון אַן אַנטקעגנדיקן הויף איז אַרויסגעלאָפֿן אַ ייִנגעלע און געלאָזט נאָך זיך האַלב אָפֿן די קאַליטקע.

— ע, — האָט זעמער אַ מאַך געטאָן צו זיך, — איך בין דאָך עפּעס אויך געווען אַמאָל אַ שטיקל נאָוועפּרעלאָזשענער, וועל איך פֿאַרגעסן אַף אַ רעגע אין עטיקעט... — און ניט לאַנג געטראַכט, שטעלט זיך נאַכמען אַרײַן אין דער האַלב־אָפֿענער קאַליטקע.

דער מאַנספּאַרשוין מיט דער געדיכט אַרומגעוואַקסענער גראָוולעכער באָרד, וואָס האָט זיך געייסעקט מיט אַ פּרימוס אַף אַ זײַטיק טישל, האָט זיך אומגעקוקט ניט אַזוי צו דעם אַרײַנגעקומענעם, ווי צו דעם באַ־קיינטן ווײַבל מיט די יונגע אויגן, וואָס איז געזעסן אַף דער פּריזבע און געכאַפּט פֿרישע לופֿט. אַז דאָס ווײַבל איז אַ היפּש ביסל ייִנ־גער פֿונעם מאַנצבל, זעט נאַכמען גלײַך, אָבער ניט אַף אַזויפֿיל, אַז ער זאָל זי אָנעמען פֿאַר יענעמס אַ טאָכטער. דער מאַנספּאַרשוין מיטן ווײַבל קוקן זיך שווײַגנדיק איבער, וואָרטן, ווי צו זען, דער גאַסט זאָל זיך אָנרופֿן, וואָרעם וויבאַלד ער איז אַזוי היימיש אַרײַן צו זיי אין הויף, איז מיסטאָ־מע קער ער זיך מיט זיי עפּעס אָן.

ענדלעך רופֿט זיך אָן דער מאַנצבל:

— אַ ביסל אַ קענטלעכער זײַט איר מיר, זע איך, כ׳קאָן זיך אָבער ניט דערמאָנען, פּונוואַנען, אַשטייגער. עפּשער וועסטו מיר, שיפֿרע, זיך העלפֿן דערמאָנען?

— דאַכט זיך, אַז זיי זײַנען מיר אויך קענטלעך. אײַזיק, ס׳איז ניט, נו, ווי האָט מען זיי גערופֿן...

— בעקיצער, כאַווער, זאָגט שוין בעסער אַליין, און לאָמיר אופֿהערן טרעפֿן.

דערהערט פֿון דעם אַרײַנגעקומענעם, אַז ער איז ניט אינגאַנצן קיין נאָוועפּרעלאָזשענער, קוקן זיי שוין אַף אים אַ ביסל אַנטוישט, ווי אַף אַ מענטשן, וואָס האָט זיי אונטערגעפֿירט — זיך אַרויסגעגעבן פֿון אָנפֿאַנג פֿאַר גאָר אַן אַנדערן. אָבער דעם עלטערן ברודער זײַנעם קענען זיי.

— און ווער האָט אים דאָ באַ אונדז ניט געקענט?

קוים האָט נאַכמענען אָפּגעגליקט און ער האָט סאָפּקאָלסאָף אָנגעטראָפֿן אַף צוויי פּאַטאָמסטווענע נאָוועפּרעלאָזשענער, איז נעמט ער זיך באַ זיי נאָכפֿרעגן אַף דעם, אַף יענעם, און וועמען ער געדענקט ניט לויטן נאָמען, איז לויטן צונאָמען, לויטן טועכץ. איז אָבער קיינער פֿון זיי, אַף וועמען ער פֿרעגט זיך נאָך, ניט פֿאַרבליבן: דער איז אומגעקומען אַפֿן פֿראָנט, דעם

האָבן די פאשיסטן דאָ אומגעבראכט, און די, וואָס זײַנען ארויס פונעם פײַער מיטן לעבן, די האָבן זיך שוין לאנג אריבערגעקליבן פון זייערע כאלופּעס אין די מיקראָראיאָנען.

— אלע ביז איינעם? — פרעגט נאכמען, און עס כאפּט אים ארום דאָס זעלבע געפיל, וואָס נעכטן אין אָוונט, ווען ער איז געבליבן שטיין בא דעם ארומגעצוימטן פארקן, פון הינטער וועלכן ס'האָט ארויסגעשטארצט דער לאנגער האלדז פונעם הייבקראן, און ניט געוווּסט, ווען עמען זאָל ער מעקאַ־נע זײַן — די, וואָס האָבן געוווינט אף דער זײַט גאס, וועלכע מע טראָגט אראָפּ, צי יענע, וואָס ווינען אנטקעגניבער, ווו אלץ איז פארבליבן ווי געוועזן.

— נו, און אז ס'איז דאָ נאָך פארבליבן א צען מישפּאָכעס, הייסט עס דען ניט אלע?

— פארוואָס מיינסטו, אײַזיק, אז צען? — שטעלט זיך אײַן פאר דער גאס די באכיינטע שווארץ־אויגיקע שיפרע. — כ'וועל דיר באלד מאכן א כעזשבן, וועסטו זען, אז מער.

— און אז מיט א דרײַ־פיר געזינדלעך מערער, נו, איז וואָס? מיט דער צײַט וועלן זיך אלע פונדאנען ארויסציִען און מע וועט אויסבויען דאָ איינגאנצן א נײַע גאס, און ס'וועט זײַן איינגאנצן אויס מיט נאָוועפּרעלאָ־זשענע.

— מער קיין צאָרעס, זעסטו, זאָלן מיר מיט דיר ניט האָבן.

— זאָלסט אָבער געוועזן זײַן, שיפרע, איינגאנצן אן אונדזעריקע, וואָלסטו אזוי ניט גערעדט. וויפל, אשטייגער, איז שוין, אז דער שאָכן אונדזערער האָט זיך אריבערגעקליבן אפן אלמאזנעם? גייט אָבער ניט דורך די וואָך, ער זאָל ניט אראָפּקומען אהער אין געסט און זיך ניט דורכגיין מײַסע־באלעבאָס איבער דער גאס. ס'איז דיר ניט דאָס קארפּאָווסקע געסל. נאָך נאָוועפּרעלאָזשענע בענקט מען.

— קאָנסט מיר ניט זאָגן, נאָך וואָס איז פאראן דאָ אזוי צו בענקען? נאָך די כאלופּעס מיטן באלקן אפן קאָפּ? אבי סע הייסט, מע איז א באלע־באָס פון אן אייגענער שטוב מיט אן אייגענעם הויף. צוויי טריט פון צענטער, און מע פילט ניט, אז מע לעבט אין שטאָט, און ביכלאל... אײַ, וואָס איז דאָ צו ריידן, דו זאָג מיר בעסער, אײַזיק, וויפל איז דער שיר זיך וואָזיען מיטן פרימוס? מע דארף אים אָפּטראָגן צוריק אין קלייט און נעמען אן אנדערן, און נאָך בעסער, אויב ווילסט מיך פאָלגן, איז נעמען א קעראָגאז.

— אף דעם, זעט איר, האָב איך זיך שוין ניט געריכט, — רופט זיך אָן נאכמען.

קוקן זיי ביידע אים אָן, פארשטייען ניט, זעט אויס, וואָס האָט ער דער־מיט געוואָלט זאָגן. דערקלערט ער זיי:

— ווי קומט עס, וואָס מע האָט דאָ נאָך ביז איצט ניט דורכגעפירט קיין גאז, דעמלט ווען אפילע אין א סאך דערפער...

שלאָגט אים אײַזיק גלײַך איבער, אײַלט אים אָפּהיטן פון אן אווייִרע, וואָס ער וואָלט געקאָנט באגיין מיט זײַן טרײַבן רעכילעס אף זייער גאס.

— וואָס הייסט, ס׳איז ניטאָ קיין גאַז? אַף אונדזער שאָלעם־אַלייכעמסקע איז פאַראַן אַלץ, וואָס אַף אַלע גאַסן.

וויַיטער זעצט שוין פאָר שיפּרע:

— נאָר ווער קאָן עס אין אַזעלכע מעסוקענע היצן שטיין בא דער פּליטע? האָט די שנור אונדזערע געקויפט א פּרימוס, מע זאָל קאָנען קאָכן אין דרויסן. וויל ער׳ אָבער ניט ברענען. אָן אַנדערער אַף מיַין מאַנס אָרט וואָלט אים שוין לאַנג געווען אָפּגעטראָגן צוריק אין קלייט. איז מיַינער דאָך עפּעס א מעכאַניקער, שטייט עס אים ניט אָן. נו, איז וואָזיעט ער זיך מיט אים. א באַלאַנעס, זאָג איך איַיך, פון א מענטשן.

קלאָר, ווי דער טאָג. ער האָט אָנגעטראָפן, נאַכמען, אַף אַן אַמאָליקן קוסטאַר, וואָס מעלאָכעוועט מיסטאַמע שטילערהייט אונטער אַף דער זיַיט, אין דער היים, הייסט עס, בא זיך. אַן איבעריקע קאָפּעקע גייט קיינמאָל ניט אין ניוועץ, קומט שטענדיק צוניץ. ניט צוליב אָט דער איבעריקער קאָפּעקע, וואָס ער קאָן דאָ מאַכן, האַלט זיך אַזוי איַיזיק פאַר דער כאַלופּע מיטן נאַקעטן הויפל? גיי ריכט זיך, אַז אַפילע אין יענע וויַיטע יאָרן, ווען אַרום־און־אַרום, מאַמעש אַף טריט און שריט, האָט געווימלט מיט קוסטאַרן, איז איַיזיק אויך ניט געווען קיין קוסטאַר, נאָר א מעכאַניקער אַף א זאַוואָד.

— און איר האָט מיסטאַמע געמיינט, — רעדט שיפּרע אויס נאַכמענען, — אַז נאָוועפּרעלאָזשענע איז געווען א גאַס בלויז פון לומפּנפּראָלעטאַרסקע עלעמענטן. ווען איַיזיק זאָל ניט געווען זיַין קיין ריינער פּראָלעטאַריאַט, וואָלט דער טאַטע מיַינער, ער זאָל האָבן א ליכטיקן גאַניידן, דערלאָזט, איך זאָל כאַסענע האָבן פאַר מיַין מאַן און זיך אַריבערקליַיבן צו אים אַהערצו פונעם פּראָלעטאַרסקן קאַרפּאָווסקן געסל?

— די ליבע דיַינע, שיפּרע, האָט דיך אַריבערגעצויגן אַהערצו, — שמייכלט צו זיך איַיזיק אין דער געדיכט־אַרומגעוואַקסענער באָרד.

— מע קאָן טאַקע מיינען... ווי פלעגט דאָרטן זאָגן דער טאַטע מיַינער וועגן דער פּראָלעטאַרסקער און בורזשואַזנער ליבע, האַ, איַיזיק? מיַין טאַטע איז געווען שטאַרק אין פּאָליטיקע, כאָטש ער איז ניט געווען אין דער פּאַרטיע.

— ווי קומט א פרומער ייִד צו זיַין אין פּאַרטיע...

אָפּענטפערן דעם מאַן אירן, וואָס האָט זיך מיטאַמאָל צעווערטלט, האָט שיפּרען ניט געלאָזט דער שלאַנקער באָכער אין דער שטיַיף אָנגעצויגענער מיַיקע אַפּן פאַרברוינטן בראָנזענעם ליַיב, וועלכער איז פּונקט אַרויסגעקומען פון שטוב, מיט זיַין געבן א פרעג:

— מאַמע, האָסט ניט געזען סוועטעס ביגודי?

— גיב, טאָליק, א קוק אין אַלקער. מיר דאַכט זיך, אַז כ׳האָב זיי דאָרטן געזען ליגן אין אַלמערל.

— א שיינער באָכער, — האָט זיך בא נאַכמענען אַרויסגעכאַפּט. קיין נײַס פאַר שיפּרען און איַיזיקן, האָט נאַכמען פאַרשטאַנען, איז עס ניט, נאָר אַז ס׳האָט זיך בא אים פּאָרט פון זיך אַליין אַרויסגעכאַפּט. — און אויך א מעכאַניקער?

— ווי דען? אָבער שוין ניט ווי דער טאַטע זײַנער, אָן בילדונג, נאָר מיט א דיפּלאָם. און די שנור אונדזערע איז אויך א מעטאַליסטקע. פֿאַרענדיקט דעם טעכנאָלאָגישן פֿאַקולטעט.

— הערט, — טוט נאָכמען סאָפֿקאָלסאָף זיי ביידן א פֿרעג, — איר קאָנט שוין טאַקע אינגאַנצן ניט קיין ייִדיש? — און איז בעעמעס צופֿרידן, וואָס ביילע איז ניטאָ דערבײַ און ס'איז ניטאָ, ווער עס זאָל אים דערמאָנען, וואָס האָט ער איר נעכטן געענטפֿערט, ווען זי האָט אים געפֿרעגט וועגן זעלבן.

— טשעהאָ? — פֿרעגט איבער שיפֿרע. — וואָס הייסט, מיר קאָנען ניט קיין ייִדיש?

— א שיינע זאַך, — רופֿט זיך באַלד נאָך איר אָן אײַזיק. — בא אונדז שטייט, אויב איר ווילט וויסן, א גאַנצער קאַסטן מיט ייִדישע פּלאַסטינקעס.

עס גייט אָבער ניט דורך קיין דרײַ מינוט, ווי זיי נעמען שוין ווידער מיט אים ריידן אויף דעם באַזונדערס קלינגעוודיקן האַלב־רוסיש — האַלב־אוקראַיִניש.

נאָר גראָדע איצט קאָן נאָכמען צו זיי קיין טײַנעס ניט האָבן, אויב מע קאָן ביכלל האָבן צוליב דעם טײַנעס. אים געדענקט זיך: אין אָנוועזנהײַט פֿון א מענטשן, וועלכער פֿאַרשטייט ניט קיין ייִדיש, האָבן ניט זײַנע טאַטע־מאַמע, ניט ער אַליין, ניט דאָס ווײַב זײַנס, ניט קיינער פֿון זײַנע נאָענטע און באַקאַנטע נישט גערעדט צווישן זיך אויף ייִדיש. דאָס איז שוין, אפֿאָנעם, א לאַנגיאָריקער מינהג בא ייִדן. און אז די יונגע שנור, וואָס איז אַרויסגעקומען פֿון שטוב, ניט דערוואַרטנדיק זיך, קענטיק, אויף איר באַשערטן, וועלכן זי האָט געשיקט זיך דערוויסן בא דער שוויגער, ווו איז די ביגודי, געהערט צו די, אין וועמענס אָנוועזנהײַט מע רעדט ניט צווישן זיך, פֿאַשעט פֿון אָנשטענדיקײַט וועגן, אויף א שפּראַך, וואָס יענער פֿאַרשטייט ניט, איז דאָך גלײַך צו זען. דער נאָמען אַליין אירער, סוועטלאַנע, זאָגט אונטער, אז איר ניט פֿאַרשטיין די שפּראַך פֿון שוואַער־און־שוויגער איז גאָר אַן אַנדערער, ווי טאָליקס, כאָטש מעגלעך, אז טאָליק פֿאַרשטייט אויך ניט קיין וואָרט פֿון דעם, וואָס טאַטע־מאַמע ריידן, מיסטאַמע, צומאָל צווישן זיך. ווי האָט אים געזאָגט ביילע וועגן איר שנור: „אָט ווי די מאָדע איז הײַנט".

צי דורך דער אָפֿן־געבליבענער טיר איז צו דער יונגער שנור דערגאַנגען, וואָס אַזעלכעס האָט געפֿרעגט בא אירע שוואַער־און־שוויגער דער אומבאַקאַנטער גאַסט, צי ווײַל בייס איר באַווײַזן זיך אין דער טיר האָט די שוויגער אופֿגעהערט ריידן ייִדיש, נאָר ווען אײַזיק האָט געפֿרעגט בא דער שנור, אין וועלכער קראָם האָט זי געקויפֿט דעם פּרימוס, האָט די שנור, צו נאָכמענס גרויס פֿאַרכידעשונג, אָפּגעענטפֿערט דעם שוואַער גראָדע אויף ייִדיש, נאָר מיט דער זעלבער באַזונדערער קלינגעוודיקײַט, מיט וועלכער שוואַער־און־שוויגער ברענגען אַרויס דעם האַלב־רוסיש — האַלב־אוקראַיִניש:

— מע קאָן אים טאַקע ניט פֿאַריכטן?

ווען דאָס יונגע פּאָרפֿאָלק איז צוריק אַרײַן אין שטוב, האָט נאָכמען א זאָג געטאָן ווי צו זיך גופֿע:

— און איך האָב געמיינט, אז זי איז ניט קיין ייִדישע, ווי די מאָדע איז, זאָגט מען, היַינט.

— וואָס הייסט, ווי די מאָדע איז היַינט? ווער האָט עס איַיך געזאָגט?

ער וועט דאָך ניט גיין זיך פארופן אף ביילען, ביפראט, אז ער האָט עס געהערט, ווי ער דערמאָנט זיך, ניט בלויז דאָ, און איטלעך איינער אף זיַין אויפן האָט עס אים אויסגעטיַיטשט. אויב שוין יאָ פארפירן וועגן דעם אלעם א רייד, איז גייט אים, נאכמענען, צום בײַשפּיל, פיל מערער אָן, פארוואָס האָבן זיי ווידער אופגעהערט ריידן מיט אים אף ייִדיש, בייס ער ווייסט, אז אפילע די יונגע שנור קען ייִדיש.

און אז ער פרעגט עס זיי, ענטפערט אים שיפרע אָפּ מיט איר קלינגעוודיקן „טשעהאָ?", וואָס דארף דאָס מאָל, קענטיק, באטיַיטן: „זעט, און מיר האָבן עס אפילע ניט באמערקט, ווי מע באמערקט ניט אן אלטע געוווינהיַיט". אָדער „איַיך גייט עס אזוי שטארק אין לעבן, וואָס איר פרעגט זיך אף דעם אזוי נאָך?" צי עפּשער גאָר... זעמער באוויַיזט אָבער ניט דערטראכטן זיך, וואָס שטעקט אין דעם „און עפּשער גאָר...", וויַיל גלײַך נאָכן „טשעהאָ?" טוט אים שיפרע א פרעג:

— זאָגט מיר, איר זיַיט ניט קיין שוועדסקער טוריסט?

— וואָס דיר קאָן איַינפאלן, — פארגייט זיך איַיזיק פון געלעכטער, — האָסט דאָך געהערט, אז דער מענטש איז א נאָוועפּרעלאָזשענער, איז וואָס...

— און אז א נאָוועפּרעלאָזשענער, — שלאָגט אים שיפרע איבער, — איז וואָס? האָט ער בא היַינטיקע צײַטן ניט געקאָנט ווערן קיין אינטוריסט?

— געקאָנט, — גיט איר זעמער נאָך. — כ'פארשטיי נאָר ניט, פארוואָס איז איַיך מיטאמאָל איַינגעפאלן מיך עס פרעגן.

— פּאָשעט און פּראָסט. אנומלטן האָט אונדז דאָ אָפּגעשטעלט א שוועדסקער טוריסט און געפרעגט אן ערעך דאָס זעלבע, וואָס איר. אָט וועט איַיך מיַין איַיזיק דערציילן, ט'איר הערן א שיינס. איַיזיק!

איַיזיק, וועלכער נעמט זיך איבער, ווי צו זען, מיט זיַין געבילדעט און אָנגעלייענט וויַיבל און וועלכער האָט, דאכט זיך, א ביסל אגמעסנעפעש פון איר זיַין שוין צופיל אף דער וואך, איַילט זיך איבעריקס ניט צו מיט דעם „שיינס", וואָס שיפרע פארלאנגט, ער זאָל דערציילן דעם גאַסט. איַיזיק גייט בעהאדראָגעדיק זיך דורך מיט דער האנט איבער דער געדיכט ארומגעוואקסענער באָרד זיַינער, ווי ער זאָל זיך מיט איר מעיאשעוו זיַין, כאָטש וואָס איז דאָ פאראן זיך צו מעיאשעוו זיַין, אז דאָס וויַיבל נעמט ניט אראָפּ פון אים די אויגן, ווארט, ער זאָל אָנהייבן. נאכמען ווארט אויך, ער וויל טאקע וויסן, וואָס אזעלכעס האָט זי געפרעגט דער שוועדישער אינטוריסט, וואָס שיפרען איז איַינגעפאלן פארגלײַכן אים, נאכמענען, מיט יענעם.

ווידער זיך דורכגעגאנגען בעהאדראָגעדיק מיט דער האנט איבער דער באָרד, נעמט איַיזיק דערציילן דאָס „שיינס":

— קומט דער ליבער זומער, אזוי הייבן אָן צו אונדז אראָפּפאָרן טוריסטן פון דער גאנצער וועלט. בא אונדז איז דאָך א היסטאָרישעסקע שטאָט.

— פּיאָטער דער ערשטער, קאָראָלענקאָ, גאָגאָל, שוועדסקע מאָגילע, שאָלעם־אליַיכעם, לונאטשארסקי, קאָטליארעווסקי...

— עהע, — שטימט אײַזיק אײַן מיט זײַן געבילדעט און אָנגעלייענט ווײַבל און זעצט פאָר: — נאָר מער פון אנדערע קומען אהער די שוועדן. מע קומט אהער, ווי זאָגט זיך עס, אף קייוועך־אָווער. איז זיצן מיר זיך אזוי אנומלטן אינעם זוניקן סעדל בא שעוטשענקאָס דענקמאָל אנטקעגן דעם מוזיי און קאָנען זיך, ווי זאָגט מען עס, מאמעש ניט אָנשפּיגלען אין אים, גלײַך מיר זאָלן זען דעם מוזיי צום ערשטן מאָל. איך בין אף מײַן לעבן, בייס דער מילכאָמע, אויסגעוועזן א וועלט, כוץ פּאריזש. נאָר די, וואָס זײַנען געווען אין פּאריזש, די זאָגן, אז אזא בילד־שיינהײַט, ווי אונדזער מוזיי, איז דאָרט ניט צו געפינען.

— ער איז שענער פונעם לוווער מיטן נאָטער־דאַם.

— עהע, — קוועלט אײַזיק ווידער אָן פון זײַן ווײַבל, אף וועמען ער פאַרלאָזט זיך אין אזעלכע זאכן, און דערציילט ווײַטער, — מיר האלטן שוין באַם גיין אהיים, רופט זיך אָן צו אונדז דער יונגערמאן, וואָס האָט מיט א ווײַלע פריִער זיך געהאט צוגעזעצט צו אונדז אף דער באנק, און אזוי שטיל, ווי ער זאָל פאַרטרויען א סאָד: „יידן?” — ענטפערן מיר אים: „און אליין זעט איר ניט?” רופט ער זיך ווידער אָן: „און איר קענט ייִדיש?” ענטפערן מיר אים ווידער: „און פאַרוואָס זאָלן מיר ניט קענען?”

— און אליין, הערט איר, רעדט ער א ייִדיש, אז ס'איז טאקע נאָר צום לאכן. א פול מויל מיט בולבעס, — שטעלט זיך פונסנײַ ארײַן שיפרע און טוט בעשאסמײַסע א הייב אוף אפן מאן אירע גרויסע שווארצע אויגן. — הערט זשע ווײַטער.

— בא אונדז אין טאָראָנטאָ, מאכט ער...

— אין קאנאדע, הייסט עס, און ניט אין שוועדן, — גיט שיפרע גלײַך צו.

— בא אונדז אין קאנאדע, מאכט ער, דערציילט מען, אז אײַערע ייִדן קענען שוין ניט קיין ייִדיש, ווילן עס ניט קענען, און אז א ייִדישע כאַסענע איז בא אײַך אינגאנצן א זעלטנהײַט. פרעג איך אים, דעם יונגנמאן: „וואָס הייסט בא אײַך א ייִדישע כאַסענע?” מאכט ער: „א ייִדישע כאַסענע הייסט בא אונדז, אז דער כאָסן איז א ייִדישער באָכער און די קאלע איז א ייִדיש מיידל, און ניט ווי די מאָדע איז הײַנט בא אײַך”. דאָ האָט אים מײַן שיפרע ארויסגעלייגט א דאָקלאַד פּאָליטיקע מיט אינטערנאציאָנאליזם, אז ס'איז, זאָג איך אײַך, ווערט געווען, מע זאָל עס פאַרשרײַבן אף א מאג־ניטאָפאָן, ווי איר זעט מיך, הערט איר, א לעבעדיקן.

— סט'עפשער זאָגן, אז כ'בין געווען ניט גערעכט? — הייבט שיפרע אוף אפן מאן אירע יונגע שווארצע אויגן.

— פאָטער. האָסט אים געזאָגט, ווי דער רעכטער עמעס איז.

— און אין וואָס באשטייט דער רעכטער עמעס? — וויל נאכמען בא זיי דערגיין.

קוקן זיך מאן־און־ווײַב איבער, ווי מע זאָל זיך אָן אייצע האלטן אייגער מיטן צווייטן, ווער פון זיי זאָל ענטפערן דעם גאסט, אין וועמען שיפרע האָט, דאכט זיך, ווידער דערזען, ווײַזט זיך נאכמענען אויס, אָן אינטוריסט, און פון די, וואָס גלייבן ניט די אייגענע אויגן פונדאנען אהין.

— דער רעכטער עמעס איז אין דעם, — ציילט שיפרע די ווערטער, —

וואָס די צײַט איז איצט אַן אַנדערע, און די מענטשן, אויב איר ווילט וויסן, זײַנען איצט אויך אַ ביסל אַנדערע. מע דאַרף קוקן מיט אָפענע אויגן. האַ, אײַזיק? ניט אַזוי?

— נו, אַוודאי אַזוי. וואָס דאַרפן מיר ווײַט גיין? מיט וועמען, זאָגט מיר, האָב איך דאָ אַרײַנצוכאַפּן אַ ייִדיש וואָרט, אַז קימאַט דער גאַנצער אוילעם איז זיך צעפאָרן איבער די מיקראָראַיאָנען? און אַפן זאַוואָד איז דאָך אויך דאָס זעלבע. כ׳וועל דאָך ניט אַרומלויפן איבער די צעכן זוכן, ווי סע פלעגט אַרומלויפן אַמאָל אַ פרומער ייִד זוכן אַ צענטן צום מיניען, מיט וועמען אויסצורײדן אַ ייִדיש וואָרט, כאָטש כ׳ווייס, אַז אַפן זאַוואָד בא אונדז אַרבעט אַ פײַן ביסל ייִדן. גיי אָבער זוך זיי אַף אַזאַ גרויסן זאַוואָד. איז פאָ אינערציע רייד איך שוין אויך אין שטוב זעלטן־ווען ייִדיש. מע ווערט פאָ אינערציע אָפּגעוווינט. מע דאַרף קוקן אַף דעם, ווי מײַן שיפּרע זאָגט, מיט אָפענע אויגן.

— ס׳איז ניט אינגאַנצן אַזוי נאָך, ווי דו זאָגסט, אײַזיק.

— וואָס, אַשטייגער, איז ניט אינגאַנצן אַזוי? — פרעגט אײַזיק זי פאַרכידעשט איבער.

— אָט טאַקע אַנטקעגן דעם, וואָס דו זאָגסט פאָ אינערציע. קאַרג מאָל כאַפּסטו זיך אַרײַן פון אָוונט אינעם קאָרפּוסנעם הערן אַ ייִדיש וואָרט? — דערזען, ווי דער גאַסט גלאָצט אַף איר פאַרכידעשט די אויגן, פאַרגעסט שיפּרע אין אײַזיקן און נעמט זיך פאַר נאַכמענען. — פונוואַנען זײַט איר אַהער געקומען, וואָס פאַר אײַך איז עס אַלץ אַ נײַס? בא אײַך אין שטאָט קלײַבט זיך דען ניט דער עלטערער אוילעם אין די סעדלעך, ווי בא אונדז אינעם קאָרפּוסנעם, אַרײַנכאַפּן אַ ייִדיש וואָרט?

— דאָס איז אויך פאָ אינערציע, — באַשטייט אײַזיק אַף זײַנס און זעצט פאָר איבערזאָגן זײַן ווײַבס „דאָקלאַד פּאָליטיקע", וואָס זי האָט אײַנגעקנעלט מיטן קאַנאַדער אינטוריסט און וואָס איז ווערט געווען פאַרשריבן צו ווערן אַף אַ מאַגניטאָפאָן. — מע דאַרף דאָך ניט זײַן בלינד. ס׳איז דאָך שוין אַ וועלט מיט יאָרן, ווי אונדזער שטאָט איז ניט די, וואָס געווען. אַמאָליקע יאָרן, נו אָט פאַר דער מילכאָמע, ווען די שטאָט אונדזערע איז ניט געווען אַזוי גרויס און דער אוילעם אונדזערער איז ניט געווען אַזוי פאַנאַנדערגעוואָרפן איבער דער שטאָט, אַז מע זאָל דאַרפן פאָרן אײנער צום אַנדערן ווער ווייסט וויפל, פלעגן פון אָוונט זיך אַרויסשיטן אַף דער אָקטיאַבערסקע־גאַס אַלע ייִדישע כאַסאַנים מיט קאַלעס פון דער שטאָט. און איצט ווו קאָן זיך באַגעגענען אַ באָכער מיט אַ מיידל? אָדער אַפן זאַוואָד, אָדער אינעם זאַוואָדסקאָי קלוב. ווייסט דאָך ניט נאָכגיין נאָכן באָכער צי נאָכן מיידל און אונטערזאָגן, אין וועמען זיך יאָ פאַרליבן און אין וועמען זיך ניט פאַרליבן, ווער איז יאָ דײַן זיווועג און ווער איז ניט דײַן זיווועג... פאַראַן, פאַרשטייט זיך, טאַטע־מאַמעס און באָבעס און זיידעס, וואָס מישן זיך יאָ אַרײַן אין אָט די דאָזיקע זאַכן. מע זוכט אויס צווישן די פּענסיאָנערן שאַדכאָנים... איך מיט מײַנער האָבן פאַר אונדזער טאָליקן קיין שאַדכאָנים ניט געזוכט. ער האָט אַליין זיך אָפּגעזוכט זײַן זיווועג. דעריקער איז, אַז דער מענטש זאָל זײַן אַ מענטש.

— ווי סע זאָגט טעוויע דער מילכיקער בא שאָלעם־אַלייכעמען.

— עהע! — כאַפּט אונטער איַיזיק דער מעכאַניקער.

שיך ניט באַ דער זעלבער שטוב אַפן ראָג גאַס, באַ וועלכער זעמער האָט נעכטן אָנגעטראָפן ביַילען, האָט אים באַם אומקערן זיך פון איַיזיקן אָפּגעשטעלט אַ הויכער שטאַלטנער מענטש מיט אַ לענגלעך טונקל פּאָנעם און מיט אַ געדיכטן געקריַיזלטן קאָפּ האָר און אים אַריַינגעשטעקט די האַנט:

— זעמער? נאַכמענקע? — און איידער נאַכמען האָט זיך נאָך אָפּגערופן, איז שוין יענער איבערגעגאַנגען מיט אים אַף „דו". — געווינט אַנטקעגן דער באָד? פון וועלכע קאַנטן קומסטו עס אָן? אָט דאָס הייסט אַ באַגעגע־ניש! ניין, בעעמעס, דערקענסטו מיך טאַקע ניט? געדענקסט שוין ניט גאַוראַשן, וואָס איז געווען מיט דיר אין דער ספּאַרטאַקאָווסקער אָרגאַניזאַ־ציע? — און גאַוראַש האָט אים גענומען אויסרעכענען עפּשער אַ האַלבע שטאָט ייִנגעלעך און מיידעלעך — ספּאַרטאַקאָווצעס און ספּאַרטאַקאָווקעס, וואָס קימאַט איטלעכער פון זיי האָט, כּוץ דעם אייגענעם נאָמען, וואָס טאַ־טע־מאַמע האָט געגעבן, געהאַט נאָך אַ נאָמען, וואָס מע האָט אַליין פאַר זיך צוגעקליבן: מאַרקס, ענגעלס, ליבקנעכט, וואָלאָדלען, איסקרע, מאַראַט... ער, אַרטשיק, מאָטל דעם שניַידערס, האָט געהאַט צוגעקליבן פאַר זיך דעם נאָמען גאַוראַש.

— און דו האָסט גאָר ניט געהאַט קיין אַנדער נאָמען, ווי כּוץ נאַכמען? ווי קומט עס? און דעם ספּאַרטאַקאָוועץ פון איַיער קינדערהיים, קאַמאַ, האָסטו אין ערגעץ ניט באַגעגנט? ווי איז געווען זיַין עמעסער נאָמען, גע־דענקסטו ניט?

פאַרשטייט זיך, אַז ער געדענקט. טעווקע האָט מען אים גערופן. און די געשיכטע, וואָס איז זיך פאַרלאָפן מיט דעם טעווקען, געדענקט נאַכמען, ווי נעכטן זאָל עס געווען פאַרקומען: אין אַ וואָכן צוויי צי דריַי אַרום, ווי טעווקע האָט זיך אַ נאָמען געגעבן קאַמאַ, האָט ער פּלוצעם פאַרלאָרן דאָס לאָשן, איינגאַנצן אופגעהערט ריידן, שטום, ווי די וואַנט. ער, נאַכמען, איז אויך געווען צווישן די, וואָס האָבן אין דעם ניט געגלייבט און וואָס האָבן עטלעכע מאָל געוועקט טעווקען אינמיטן דער נאַכט פון שלאָף — עפּשער וועט ער אַ שלאָפנדיקער זיך אַרויסכאַפּן כאָטש מיט אַ וואָרט. נאָר אויסער פאַרשטיקטע קלאַנגען פון אַן עכטן שטומען האָבן זיי פון אים ניט געהערט. עמעצער פון די קינדער, וואָס איז געשלאָפן מיט טעווקען אין איין צימער, האָט זיך געשווירן, אַז ער האָט איינמאָל אַליין געהערט טעווקען זינגען פון שלאָף. איז נאַכמען ווידער געווען צווישן די, וואָס פלעגן אינמיטן דער נאַכט זיך אונטערגאַנווענען און וועקן טעווקען, ביז מע איז, ענדלעך, געקומען צום אויספיר, אַז דעם, וואָס האָט זיך געשווירן, האָט זיך פּאָשעט עס אויסגעוויזן. און טאַקע. ווי קאָן מען עס אַ יאָר ציַיט ניט אַרויסריידן קיין איין וואָרט, אויב מע איז ניט קיין שטומער. דער דאָקטער, וואָס האָט עטלעכע מאָל באַטראַכט טעווקען, האָט אויך געזאָגט דאָס זעל־בע. און מיטאַמאָל, קימאַט אין אַ יאָר אַרום, האָט טעווקע אָנגעהויבן ריידן, און זיַינע בלויע אויגן האָבן געשיַינט פון פרייד, וואָס ער האָט זיך געקאָנט אַזוי פאַרשטעלן פאַר אַ שטומען, אַז אפילע די דאָקטוירים זאָלן אין דעם גלייבן. און ווען מע האָט אים געפרעגט, צוליב וואָס האָט ער עס באַדאַרפט,

האָט טעווקע געענטפערט, אַז דאָס האָט ער געוואָלט זיך אויספרווון, צי וועט ער קאָנען זײַן אַזאַ, ווי קאַמאַ, וועגן וועמען ער האָט אויסגעלייענט ערגעץ אין אַ ביכל, — זיך פאַרשטעלן פאַר וועמען נאָר ער וויל, ווען ער וועט אַרײַנפאַלן צו די סאָנים פון דער אַלוועלטלעכער רעוואָליוציע אין די הענט.

ווי קאָן ער עס, נאַכמען, אַזאַ טעווקען ניט געדענקען! און אַרטשיקן, וואָס גייט לעבן אים, געדענקט ער שוין איצט אויך. בײַ דעם שלאַנקן און שיינעם אַרטשיקן איז געווען אַ הילכיק קעלכל, און אויף אַלע מיטינגען און פאַרזאַמלונגען פלעגט ער זיך לאָזן הערן פון די הינטערשטע רייען מיט זײַן קלינגעוודיק קעלכל: „זאָ־ל ל־ע־בן די אַל־וועלט־לע־כע רע־וואָ־ליו־צי־ע".

דערמאָנענדיק זיך וועגן דעם, וועגן יענעם, פאַרגעסן זיי אויף אַ ווײַל, אי נאַכמען, אי אַרטשיק־גאַוראַש, אַז זיי זײַנען פון לאַנג שוין ביידע זייער דעס, און טראָגן זיך ביידע אַריבער אין די ווײַטע ייִנגלשע יאָרן, וואָס זײַנען בײַ זיי אַוועק אין איבערמאַכן די וועלט — אין ברעכן די שוין צעבראָכענע וואַנט, וואָס איז „געמויערט גאָר פעסט און גאָר דיק", וואָס פאַרצוימט „די וועגן צום לעבן, צום גליק", און אין אַראָפּוואַרפן די שוין אַראָפּגעוואָרפענע קירכן־גלאָקן, וואָס האָבן געוואָלט „די וועלט פאַרוויגן מיט אַ שוואַרצן, טויטן ניגון..." — אין יענע ווײַטע ייִנגלשע יאָרן, וואָס האָבן אין איטלעכן פון זיי ביז איצט נאָך עפּעס איבערגעלאָזט פון יענע באַזונדערס־באַזונדערע טעג — אין אַרטשיקן נאָך מער ווי אין נאַכמענען. זעמער הערט ניט אויף זיך צו וווּנדערן, ווי קאָן מען עס אַזויפיל פאַרגעדענקען. אָט וועמען ער וואָלט באַדאַרפט האָבן פאַר אַ באַגלייטער איבער דער שטאָט.

כידעשט זיך אַרטשיק:

— ווען איך זאָל אפילע קיין איין מאָל ניט געווען דאָ זײַן פון יענער צײַט אָן, איז שטעל איך זיך אויך ניט פאָר, אַז כ'זאָל דאַרפן צו עמעצן אָנקומען, מע זאָל מיך פירן באַווײַזן די שטאָט.

ענטפערט אים נאַכמען:

— דאָס דאַכט זיך דיר. דו ביסט די גאַנצע צײַט אַ היגער, באַמערקסטו ניט, וויפל ס'האָט זיך דאָ פאַר דער צײַט געענדערט און נאָך ווי־אַזוי געענדערט. נעם, אַשטייגער, אונדזער נאָוועפּרעלאָזשסנע.

— אונדזער שאָלעם־אַלייכעם־גאַס, — פאַריכט אים אַרטשיק. — נו, וואָס איז פאַראַן, אייגנטלעך, וואָס צו באַווײַזן און וואָס צו דערציילן. אַ שטאָט, ווי אַלע הײַנטצײַטיקע שטעט.

— פונדעסטוועגן? — טרעט ניט אָפּ נאַכמען.

נאָר אַרטשיק־גאַוראַש איז שוין פאַרנומען ניט מיט אים. ער איז פאַרנומען מיטן מענטשן, וואָס איז אָנגעקומען אַנטקעגן, אויסבאַהאַלטנדיק זיך פון דער שוין האַלב־פאַרגאַנגענער זון אונטער אַ בונטן פּילפּאַרביקן שירעם.

— וויפל? — טוט אַרטשיק אים אַ פרעג.

— הונדערט זיבעציק אויף אַכציק. און בײַ דיר?

— האַלעוויַ אויף ווײַטער. הונדערט דרײַסיק אויף זעכציק.

אין רעכטן מיטן דערמאָנען זיך וועגן די ספּאַרטאַקאָוועס און ספּאַר־

טאקאָווקעס שטעלט אַרטשיק ווידער אַף אַ פאַרבײַגײענדיקן מאַנצבל, דער־נאָכדעם אַ דריטן און אַלץ מיט דער זעלבער פראַגע:

— וויפל?

און ווען דער דריטער מאַנצבל, וועמען אַרטשיק־גאַוורוש האָט פאַר־האַלטן, ראַפּאָרטירט אים אָפּ: „קימאַט ווי די נאָרמע", רופט זיך דאַן נאָכ־מען אָן צו אַרטשיקן:

— דו אַרבעטסט מיט זיי אַף איין זאַוואָד?

בלײַבט אַרטשיק שטיין און קוקט אַף נאָכמענען, ווי ער זאָל אים אופ־הערן מיטאַמאָל דערקענען.

— נו, איך זע, דו פרעגסט זיך בא זיי אַלעמען נאָך אַפּן פּלאַן, איז מיסטאַמע...

— אַ שיינער פּלאַן, — עטעמט אַרטשיק שווער אָפּ, — דאָס פרעג איך זיך בא זיי נאָך וועגן בלוטדרוק. די מילכאָמע, מײַן טײַערער, לאָזט זיך נאָך פילן. פאַר אַזעלכע, ווי מיר, וועט זי זיך לאָזן פילן ביזן לעצטן טאָג אונדזערן, מיסטאָמע. דער פערטער טאָג ערשט, ווי איך בין אופגעשטאַנען נאָך אַ שווערן קריזיס. בא מיר איז אַ קריזיס, בא דעם אַן אינפאַרקט, בא יענעם... איז וויפל, זאָגסטו, ביסטו שוין דאָ ניט געווען, — שלאָגט אַרטשיק זיך אַליין איבער, — וואָס דו פרעגסט זיך וועגן יעדערן אַזוי נאָך?

און ווידער פאַרגעסן זיךביידע אַף אַ ווײַל, אַז זיי זײַנען פון לאַנג שוין זיידעס, און ביידע טראָגן זיך צוריק אַריבער אין די ווײַטע ייִנגלשע יאָרן, וואָס האָבן אין איטלעכן פון זיי ביז איצט נאָך עפּעס איבערגעלאָזט פון יענע באַזונדערס־באַזונדערע טעג.

פונקט צען אינדערפרי, ווי ס'איז געווען אָנגעוויזן אינעם בריוו, וועלכן זעמער האָט נעכטן געקראָגן פון טײַבלען, איז ער שוין געווען אַף דער פּאָסט. נאָר קיין פּרוי, וואָס זאָל געווען האַלטן אין דער האַנט זײַן ביכל „נעכטן און הײַנט", האָט ער דערווײַל ניט באַגעגנט. זיך דורכגעגאַנגען איין מאָל און אַ צווייט מאָל איבער די באַלעבטע זאַלן, האָט ער זיך צוגע־זעצט אַנטקעגן דעם פענצטערל, פונוואַנען מע גיט אַרויס די בריוו. אַ שאָ אָנדערהאַלבן־צוויי וועט ער פונדעסטוועגן אַף איר וואַרטן. מאַלע וואָס מיט יענעם קאָן צומאָל פּאַסירן, ביפראַט נאָך אונטערוועגנס. פון קאָבעליאַקע האָט זי פאָרט דאָך צו פאָרן גאַנצע זעכציק קילאָמעטער. נאָר לאַנג אײַנ־זיצן אינעם טומל קאָן ער ניט. דרייט ער זיך אום איבערן וועסטיביול.

צי האָט ער, אַרײַנקומענדיק אַף דער פּאָסט, שוין געהאַט געטראָפן אין וועסטיביול די פּרוי מיטן אַש־קאָלירקן קאָפּ האָר, וועלכע שמייכלט צו זיך עפּעס מאָדנע, געדענקט ער פּאָשעט ניט. און וואָס האָט ער געהאַט זי צו פאַרגעדענקען, אַז אויסער דעם רידיקיול האָט זי אין דער האַנט מער גאָרניט געהאַלטן. עפּשער וואַרט זי אויך אַף עמעצן, און פאַר יענעם, אויב ער האָט אויך באַקומען אַן ערעך אַזאַ בריוו, ווי ער, נאָכמען, דאַרף דער דאָזיקער טונקל־ברוינער רידיקיול דינען פאַר אַ סימען זי צו דער־קענען. איצט שמייכלט די פּרוי, ווי נאָכמענען דאַכט זיך, שוין ניט אַזוי צו זיך, ווי צו אים. ער פילט, ווי אירע אונטערשמייכלענדיקע אויגן גייען אים

מאמעש נאָך, כאָטש נעם און פֿארפֿיר מיט איר א רייד, ס'זאָל זיי ביידן ניט זײַן אזוי לאנגווײַליק דאָסווארטן.

נאָר אָנגעהויבן דעם געשפּרעך האָט גראדע זי, אָפּשטעלנדיק זעמערן מיט איר מאָדנעם שמייכל בא דער דרויסן־טיר, ווען ער האָט שוין אָנגעהויבן פֿארלירן די האָפֿענונג, צי וועט ער זיך הײַנט דערווארטן אף זײַן קאָבעליאקער אומבאקאנטער „שוועסטער".

— וווהין זשע גייט איר עס אוועק? — האָט זי זיך אָנגערופֿן, דערלאַנגענדיק אים די האנט. — דאָס בין איך עס די טײַבל, וועלכע איר זוכט ארום. כ'האָב אײַך גלײַך דערקענט.

נאכמענס פֿארכידעשטער בליק איז געפֿאלן אף איר רידיקיול. זי האָט דאָך אָנגעגעבן אינעם בריוו גאָר אן אנדער סימען.

— אײַך ווונדערט, פֿארשטיי איך, פֿארוואָס האלט איך ניט אין דער האנט אײַער ביכל. איך בין פּאָשעט געווען נײַגעריק, צי וועל איך אײַך אזוי אויך דערקענען. און צווייטנס, צי וועט איר מיך דערקענען. נאָר פֿונוואנען, אז ס'איז שוין א היפּש ביסל יאָרן, זינט איר זײַט דאָס לעצטע מאָל געווען בא אונדז אין קינדערהיים צוגאסט. איך בין נאָך דאן געווען א קליינינק מיידעלע, און איצט בין איך שוין א באָבע מיט גראָווע האָר. אָבער אײַער „נעכטן און הײַנט" האָב איך מיט זיך. — טײַבל נעמט ארויס פֿון רידיקיול נאכמענס ביכל מיט די העל־גרינע טאָוועלעך און מיט זײַן פֿאָרטרעט אפֿן שארבלעטל.

אין עטלעכע מינוט ארום זײַנען זיי שוין געזעסן אין שאָטן אף א זײַטיקער אלייע אינעם קאָרפֿוסנעם סאָד און ניט באמערקט, ווי די זון האָט דורכגעמאכט א היפּשן מעהאלעך און זיך דערקליבן מיט איר טאמעזדיקן פֿלאמפֿײַער צו זייער באנק, ווי אונטערזאָגנדיק מיט דעם, אז זיי זאָלן זיך וועלן אלץ דערמאָנען, וועט קיין טאָג מיט קיין נאכט זיי אויך דערוף ניט קלעקן. אָבער ווי דערמאָנט מען עס ניט טאטע־מאמע, די ברידערלעך און שוועסטערלעך, ווען עס באגעגענען זיך נאָך אזויפֿיל יאָר, און אזעלכע יאָר, א נאכמענקע מיט א טײַבעלען פֿון דער גרויסער מישפּאָכע „יידישער קינדערהיים". און צוויי טעג מיט צוויי נעכט וועט דערוף דען קלעקן, אויב ניט אלעמען, אין ווּעמען זי דערמאָנט זיך, קען ער, און ניט אלעמען, אין וועמען ער דערמאָנט זיך, קען זי, כאָטש זיי זײַנען ביידע שוין פֿון לאנג א באָבע מיט א זיידן. ער איז אָבער פֿאָרט עלטער פֿון איר אף א יאָר צען. איז זי דאָך טאקע געווען נאָך גאָר א קליינינק מיידעלע, ווען ער איז אין יאָרן ארום, שוין ווויינענדיק אין אן אנדער שטאָט, געווען אין קינדערהיים דאָס לעצטע מאָל צוגאסט. דאָך לאָזן זיי קיינעם ניט דורך און זײַנען די גליקלעכסטע צווישן די גליקלעכסטע, ווען זיי דערוויסן זיך איינער פֿונעם צווייטן, ווער עס לעבט, און גרויסן זיך מיט איטלעכן, ווי מיט לײַבלעכע ברידער און שוועסטער, וואָס האָבן ניט פֿארשעמט זייער מישפּאָכע.

און ווען נאכמען מיט טײַבלען נעמעןריידן וועגן זייערע איבערגעגעבענע טאטע־מאמע — וועגן דעם כאווער אווראָמען און דער כאווערטע ווערע, — דערמאָנט זיך נאכמענען:

א קורצע צײַט פֿאר דעם, ווי ער איז דאָס לעצטע מאָל דאָ געווען, האָט ער דערהאלטן א בריוול פֿון דער מומע ווערען, ווי מע האָט נאָכדעם, שוין

ניט אין זײַנע צײַטן, געהאַט געערופן די פּאַרוואַלטערן פון קינדערהיים. דער שנײַדער, באַ וועמען די אַלטיטשקע מומע ווערע איז אײַנגעשטאַנען אָף קוואַרטיר, האָט נאַכמענען עפּעס מאָדנע באַטראַכט. ס׳האָט אים געוווּנדערט, וואָס נאַכמען ווייסט ניט, אַז די מומע ווערע ברודנאָ איז בלויז צוגעשריבן דאָ אין שטאָט, טאַקע באַ אים, באַם שנײַדער, איז זי צוגעשריבן, אָבער וווינען וווינט זי, אין װעלכער שטאָט מע זאָל נאָר ניט אָנרופן!

— און דו האָסט עס דען ניט געוווּסט? — וווּנדערט זיך נאָך מער אָף אים זײַן אָפּגעזוכטע קאָבעליאַקער „שוועסטער“, און אירע אומעטיקלעך־שמייכלענדיקע אויגן אַפן טונקל־מאַטעוון געזיכט צעלײַכטן זיך העלער. — יעדערער פון אונדז האָט זי געערופן צו זיך וווינען. באַ מיר איז זי אויך געווען אַ פּאָר וואָכן צוגאַסט. ווער פון אונדזער קינדערהיים זאָל ניט קומען אַהער צו פאָרן, איז גייט ער צו דער מומע ווערען אָף קייווער־אָוועס. מיר האָבן זיך אַלע צונויפגעלייגט און געשטעלט איר אַ מאַצייווע, ווי ס׳איז ווערט אַ טרײַע איבערגעגעבענע מאַמע.

— ווּעסט מיט מיר צופאָרן אַפן בעסוילעם? — פרעגט שטיל נאַכמען.

— ווי קאָן איך? הײַנט איז דאָך ניט שאַבעס און ניט זונטיק. איך פאַרשפּעטיק אַזוי אויך שוין. כ׳האָב זיך אָפּגעבעטן פון דער אַרבעט אָף אַ האַלבן טאָג. ביז כ׳וועל זיך נאָך דערקלײַבן אַהיים... און ווייסט, וווּהין נאָך אונדזערע אײַלן זיך זײַן, ווען מע קומט אַהער צו פאָרן? אינעם רויטן צווייִשטאָקיקן מויער אָף שעווטשענקאָ־גאַס, ווו ס׳איז געווען דער קינדערהיים. איצט איז דאָרט אַ ביבליאָטעק. הער, — גיט זי אים אַ נעם אָן, ווי אַ קינד פאַר דער האַנט, — עפּשער וואָלסטו זיך גאָר אַראָפּגעכאַפּט צו מיר קיין קאָבעליאַקע אָף אַ פּאָר טעג אין געסט?

אוואַדע וואָלט זיך אים וועלן אַראָפּפאָרן קיין קאָבעליאַקע צו זײַן אָפּגעזוכטער „שוועסטער“ טײַבל, נאָר ווי קאָן ער, אַז מיט יעדן טאָג קומען צו אַלץ נײַע ענגע, וועלכע ער קאָן ניט אָפּלייגן, פון וועלכע ער קאָן זיך ניט אָפּזאָגן. ווער ווייסט, ווען קאָן אים ווידער דאָ אויסקומען זײַן, און צי וועט אים ביכלאַל אויסקומען נאָך ווען־ניט־איז דאָ זײַן? און יעדער גאַנג נעמט אָפּ באַ אים שיר ניט אַ האַלבן טאָג.

דער הײַנטיקער גאַנג זײַנער אַפן „שוועדישן קייווער“ — ווי סע הייסט דאָס גרויסע פעלד הינטער דער שטאָט, ווו דאָס רוסישע כאַיִל פון פּיאָטער דעם ערשטן האָט זיך געשלאָגן מיט דער שוועדישער אַרמיי פון קאַרל דעם צוועלפטן, — האָט אַפילע אָפּגענומען באַ אים אַ גאַנצן טאָג, ווײַל ווי איז מען עס דאָרט און מע לאָזט זיך ניט מיטן פעלד צו די היפּש דערווײַטערטע איינער פונעם צווייטן רעדוטן — צו די הויכע מאַרמאָרנע אָבעליסקן.

מיט איינער פון די אויסגעטראָטענע סטעזשקעס גייט נאַכמען צו צו דעם גרוי־רויטלעכן גראַניטענעם דענקמאָל, וועלכן די רוסישע אַרמיי האָט געשטעלט די שוועדן. ער לייענט ווידעראַמאָל איבער די אויסגעקריצטע שורעס אַפן צוגעשרויפטן בראָנזענעם טאָוול: „אייביקער אָנדענק די העלדישע שוועדישע זעלנער, וואָס זײַנען געפאַלן אין שלאַכט הינטער פּאָלטאַווע אין דעם זיבן־און־צוואַנציקסטן טאָג פון כוידעש יון טויזנט זיבן הונדערט נײַנטן יאָר“, און ענטפערט שוין ניט אַזוי זיך, ווי דעם באָכער

מיטן מיידל, וואָס זײַנען צוגעקומען און אויך אויסגעלייענט אַף א קאָל די אויסגעקריצטע שורעס:

— בלויז אַן ארמיי, וואָס ווייסט ניט פון קיין אייביקער סינע, קאָן אָפּ־געבן קאָוועד די געפאלענע זעלנער פון איר קעגנער אַפן שלאכט־פעלד.

נאָכדעם ווי זעמער איז געווען בא דער הויכער גראניטענער הליבע — בא דעם דענקמאָל, וועלכן די שוועדן האָבן געשטעלט זייערע געפאלענע שלאכטלײַט, האָט ער זיך ווידער אופגעהויבן מיט די פילצאָליקע גראני־טענע טרעפּ אַפן הויך־אָנגעשאָטענעם בארג, אונטער וועלכן ס'האָבן געפו־נען זייער אייביקע רו טויזנט דרײַ הונדערט פינף און פערציק רוסישע סאָלדאטן און אָפיצערן, געפאלענע דאָ אין שלאכט. צווישן די אויסגע־קריצטע עטלעכע נעמען פון גענעראלן און אָפיצערן האָט ער קיין ייִדישע נעמען ניט געזען. נאָר ער איז זיכער: ווען עס זאָלן געווען זײַן אויס־געקריצט אויך די נעמען פון די געפאלענע סאָלדאטן, וואָלט ער צווישן זיי אָנגעטראָפן די עלטער־עלטערזיידעס פון די נאָוועפּרעלאָזשענער, די ווּקסיקע קרעפּטיקע שמידן, באלעגאָלעס, טרעגער, קאַצאָווים, ייִדן דעמבן...

אינעם בלעטער־געריויש פון דער הויכער טונקעלער בעריאָזע, וואָס שטייט אָנגעגייגט איבערן ברודער־קייווער, דערהערט נאכמען מיטאמאָל:

Надо мной, чтоб, вечно зеленея,
темный дуб склонялся и шумел[1].

ער קוקט זיך אום. לעבן אים שטייט דער זעלבער באָכער, מיט וועמען ער איז פריִער געשטאנען בא דעם רוסישן דענקמאָל די שוועדן, און געהאט אי זיך, אי אים פארטײַטשט דעם זין פון די אויסגעקריצטע שו־רעס אַפן בראָנזענעם טאָוול...

דערוף, אַז ווי נאָר ער וועט זיך דערנעענטערן צו דער שעוועשענקאָ־גאס וועלן פון דער ווײַטער קינדהײַט ארויסלויפן אים אנטקעגן די „ברײ־דערלעך" און „שוועסטערלעך" זײַנע פונעם קינדערהיים, אים ארײַנעמען צו זיך אין א קרײַז און שוין ניט ארויסלאָזן, האָט נאכמען זיך געקאָנט ריכטן. און אַז איטלעך איינער פון זיי וועט נעמען אים מיט עפּעס דערמאָ־נען וועגן דעם רויטן צווײשטאָקיקן מויער אַפן ראָג, דערוף האָט ער זיך אויך געקאָנט ריכטן.

דאָס דאָזיקע געפיל, וואָס האָט ארומגעכאפּט זעמערן, ווי נאָר ער איז ארויף אַף דער לאנגער און גרינער שעוועשענקאָ־גאס, — א געפיל, צו וועלכן מע דארף אין זײַנע יאָרן האָבן א מער שטארקער הארץ, מיט מער שטארקערע לונגען, — האָט אים פוסטריט באגלייט, ווען ער האָט ארײַנגע־קוקט אין די פענצטער פונעם מויער, זיך ארומגעדרייט איבערן הויף, זיך אופגעהויבן מיט די קילע מירמלנע טרעפּ אַפן אנדערן שטאָק און געעפנט די הויכע טיר. אין דער ערשטער רעגע האָט ער ניט קלאָר נאָך באנומען,

[1] אַן אייביק־גרינענדיקער, זאָל איבער מיר
אָנבייגן זיך און רוישן דער טונקעלער דעמב.
(לערמאָנטאָוו)

פארוואָס איז אַזוי שטיל אין אַט דעם גרויסן ליכטיקן זאַל, ווו ס'האָט זיך שטענדיק געטומלט. ניט געווען, דאַכט זיך, אין קינדערהיים קיין איינער, וואָס זאָל צען מאָל א טאָג זיך ניט אונטערגאַנווענען צו דער פּיאַנע, וועל־כע איז געשטאַנען אַנטקעגניבער בא דער וואַנט, און זיך ניט דורכגיין כאָטש מיט איין פינגער איבער אירע פּערלמוטערנע ווײַסע און שוואַרצע קלאַווישן. נאַכמען הערט בלויז דאָס שאָרכען פון צײַטונגען און ביכער, דאָס שעפּטשען זיך פון די לייענער בא די טישלעך. אים איז ביז גאָר מאָד־נע — אַרײַנקומען אהער אין זאַל און ניט טרעפן דאָ קיין איין קינד! אים ווילט זיך פרעגן די לייענער בא די טישלעך, צי ווייסט כאָטש עמעצער פון זיי, אַז אינעם דאָזיקן מויער איז געווען אַמאָל א יידישער קינדערהיים. עפּשער וועט אים דערוף ענטפערן דאָס קאַרטאָטעקע־קעסטעלע, וואָס ער האָט אַרויסגערוקט פונעם קאַטאַלאָג? אין קיין איין ביבליאָטעק האָט ער אַזוי ניט געגאַרט דערזען צווישן די ביכער אויך זײַן בוך „נעכטן און הײַנט". ער זאָל זיך גלײַך ניט אַנטווישן, האָט זעמער ניט געײַלט איבער־קוקן די קאַרטלעך. און ווען ער האָט אָנגעטראָפן אַף זײַן ביכל, אָנגעטראָפן אַף א שטיקל זייכער פון דעם, וואָס דאָ איז אַמאָל געווען, האָט ער שיר ניט אויסגעשריִען פון פרייד: אין זײַן „נעכטן און הײַנט" דערציילט ער דאָך וועגן די, וואָס האָבן אָנגעפילט די ליכטיקע צימערן פון אַט דעם מויער, ווו ס'איז אַצינד די ביבליאָטעק, מיט זייערע הילכיקע קינדערשע קעלעכ־לעך.

נאַכמען בעט די בלאָנדע ביבליאָטעקערן מיט די דורכזיכטיק־בלויע אויגן, זי זאָל אים געבן א קוק טאָן דאָס ביכל. ענטפערט זי אים, אַז ס'איז אַף די הענט, עמעצער לייענט עס, און פאַרשטייט ניט, פאַרוואָס איז ער אַזוי צופרידן פון דער דאָזיקער בסורע. נאַכמען פרעגט זי אָבער מער גאָר־ניט. ער זאָל זיך ניט געווען שעמען פאַר זיך אַליין, וואָלט ער, אַרויסגיי־ענדיק פון ביבליאָטעק, זיך אַרופגעכאַפּט, ווי אין די ייִנגלשע יאָרן, אַפן בראַנזענעם לייב, וואָס ליגט באַם צופוסנס פונעם אָבעליסק דעם קאָמענ־דאַנט פון פאָלטאַווער פעסטונג בייס דער מילכאָמע מיט די שוועדן, דעם פאָלקאָווניק קעלין...

צי האָט עמעצער בא זיי אין קינדערהיים, וואָס האָט אין יענע ווײַטע יאָרן זיך געשפּילט דאָ, ווי ער, נאַכמען, מיטן אויסגעבויגענעם עק און מיט דער גאָדיכטער הריווע פונעם צערייצטן בראָנזענעם לייב, געוווּסט, וואָס איז אַזוינס א דענקמאָל און ווּעמען האָט מען געשטעלט עס דעם דענקמאָל? און צי האָט עמעצער פון זיי געוווּסט, אַז אַפן זעלבן פּלאַץ, עטלעכע טריט פונעם קינדערהיים, איז געווען די פעסטונג, וועלכע די שוועדישע אַרמיי האָט באַלאַגערט, געשטורעמט און זי ניט אײַנגענומען? ער, אַלנפאַלס, נאַכמען זעמער, האָט זיכער וועגן דעם אַלץ ניט געוווּסט, פּונקט ווי ער האָט דעמלט ניט געוווּסט, אַז אַף דער נאָענטער שכיינעסדיקער גאַס קליין־סאַדאָווע האָט געוווינט קאָראָלענקאָ, נאָך וועמענס אָרן ער איז נאָכגעגאַנגען אינעם כמורנעם שנייִיקן ווינטער־טאָג, און ווער ער איז אַזוינס געווען דער פאַרשטאָרבענער, אויסער דעם, אַז ער איז געווען א גוטער מענטש, אַז די מאַמע זײַנע, נאַכמענס, האָט אים ביטער באַוויינט, און אַז אין די באָטע־מעדראָשים האָבן יידן געזאָגט נאָך אים טילים, ווי נאָך א גרויסן צאַדיק.

און פונוואַנען האָט ער געקאָנט דאַן וועגן דעם אַלץ וויסן, ער, אַ ייִנ־געלע, וואָס איז מיט אַ יאָר פֿאַר דעם געקומען אַהער אין שטאָט פֿון אַ קליין שטעטעלע, און אויסער דעם כּומעש מער גאָרניט געלערנט, און אויסער מאָטקע כאַבאַדס מײַסעס, וועלכע טאַטע־מאַמע פֿלעגן אין די ווינטערדיקע פֿרײַטיקצונאַכטסן דערציילן, קיין אַנדערע מײַסעס ניט געהערט, און ניט געוווּסט נאָך, אַז אַכוץ ספֿאָרים זײַנען דאָ אויך ביכער.

ווען ער נעמט און דערציילט עס, אַשטייגער, אַלץ איבער אָט די ייִנ־געלעך, וואָס שפּילן זיך דאָ דערבײַ, — האָט נאַכמען אַ קלער געטאָן בײַ זיך, — וואָלטן זיי אים מיסטאַמע ניט געגלייבט. ער אַליין גלייבט דאָך שוין, אייגנטלעך, אויך ניט אין דעם. איז ווי וועט ער וועגן דעם שרײַבן? פֿריִער פֿון אַלץ, ווען ער זעצט זיך צום שרײַבטיש, דאַרף ער אַליין גלייבן אין דעם, וואָס ער קלײַבט זיך דערציילן, אויב ער וויִל, אַז דער לייענער זאָל אים טרויען און גלייבן...

שוין אַ וועלט מיט יאָרן, ווי זעמער איז צום ערשטן מאָל אַריבערגע־טראָטן די שוועל פֿון אָט דעם איינשטאָקיקן ליכטיקן שטיבל, וואָס קוקט אַרויס מיט זײַנע פֿענצטער צו דער שטילער גרינער גאַס, און דאָך געדענקט ער יענעם טאָג, ווי דאָס זאָל נעכטן ערשט געוועזן זײַן, געדענקט אַפֿילו, אַז ס'איז געווען פּונקט אַזאַ הייסער זוניקער טאָג, ווי הײַנט. איבער די באַשיידן מעבלירטע צימערן מיט די האַלב־צוגעמאַכטע לאָדן האָט אים דעמלט באַגלייט אַ מיטלוועקסיקע באַיאָרטע פֿרוי, וועלכע האָט נאָך מיידל־ווײַז זיך געכאַוועט מיט קאָראָלענקאָס טעכטער און געוועזן דאָ אין שטוב, ווי אַן אייגענע. די דאָזיקע ייִדישע פֿרוי, וועלכע דאַרף שוין זײַן אַ טיפֿע זקיינע, האָט נאַכמען שוין דאָ איצט ניט געטראָפֿן, נאָר איר געשטאַלט האָט אויך הײַנט אים באַגלייט, אַרומגעפֿירט פֿון צימער צו צימער, פֿון סטענד צו סטענד, פֿון בילד צו בילד, אים פֿאַרהאַלטן לאַנג אין צימער, וווּ עס דערציילט זיך וועגן קאָראָלענקאָס צונישט מאַכן אַפֿן צאַרישן געריכט דעם בילבל אַפֿן אודמורטער פֿאָלק — אויף די פּויערים פֿונעם דערפֿל גרויס־מולטאַן, און אין קנאַפּע צוואַנציק יאָר אַרום דעם בילבל אויף די ייִדן — אויף דעם קיִעווער מענדל בייליסן... שטייענדיק איצטער אינעם דאָזיקן צימער, דאַכט זיך זעמערן, אַז ער הערט, ווי די פֿרוי, וואָס האָט זיך דאָ אופּגע־האַלטן ווי אַן אייגענע, דערציילט אים מיט איר שטיל קאָל:

„...איז גיי איך מיר אַזוי איינמאָל אַפֿן מאַרק עפּעס אײַנקויפֿן, און אין יענע טעג, ווען ס'האָט זיך געטומלט מיטן צאַרישן מאַניפֿעסט, איז גיין אַפֿן מאַרק געווען שוין געפֿערלעך. מע האָט זיך געריכט אויף אַ פּאָגראָם. די אונטערוועלט האָט שוין געשאַרפֿט די מעסערס, און אויף נאָוועפּרעלאָ־זשענע האָט מען זיך געגרייט באַגעגענען די פּאָגראָמשטשיקעס. איז ווי איך גיי מיר אַזוי איבערן מאַרק, דערזע איך פּלוצעם אַן אָנגעלאָף פֿון מענטשן. אויף אַ וואָגן, אַרום וועלכן ס'האָט זיך פֿאַרזאַמלט אַ גרויסער עולם, שטייט אַ יונג מיט אַ צעפּאַטלטן קאָפּ האָר און פֿאָכט מיט די הענט, ווי בײַ אַ געשלעג. ער איז שוין הייזעריק פֿונעם שרײַען, אַז מע דאַרף אָנ־לערנען די ייִדן, ווי מע האָט זיי שוין אָנגעלערנט אין אַנדערע שטעט. און דאָ דערהער איך לעבן זיך, ווי איינער אַ פּויער אינעם רעדל רופֿט זיך אָן: „קאָראָלענקאָ האָט אַנומלטן, ווען ער איז געווען אַפֿן מאַרק, זיך מיט מיר

צערעדט, מיר געגעבן צו פאַרשטיין, ווער ס׳איז שולדיק, וואָס אונדז איז אַזוי שווער צו לעבן, און, געזעגענענדיק זיך, דערלאַנגט מיר די האַנט. נייען, די האַנט מײַנע, וועלכע ס׳האָט געדריקט קאָראָלענקאָ, וועט קיין אומ־שולדיק בלוט ניט פאַרגיסן! הערט איר ניט, פּראַוואָסלאַוונע!״ — האָט דער פויער אויסגעשריִען און אָנגעוויזן אויפן יונג מיטן צעפּאַטלטן קאָפּ האָר, וואָס איז געשטאַנען אויפן וואָגן.

אין שטאָט בײַ אונדז האָבן קינד־און־קייט געוווּסט, אַז ווי נאָר ס׳פלעגט זיך אין יענע טעג נעמען טומלען אויפן מאַרק, פלעגט וולאַדימיר גאַלאַק־טיאָנאָוויטש גלײַך קומען אַהין צו גיין און ניט דערלאָזן, ס׳זאָל פאַרגאָסן ווערן אומשולדיק בלוט. אונדזער שטאָט איז קימאַט די איינציקע אויף אוקר־ראַיִנע, וווּ ס׳איז אין יענער צײַט ניט געווען קיין פּאָגראָם, און דאָס האָבן די פּאָלטאַווער ייִדן אַ סך צו פאַרדאַנקען אויך דעם אַוטאָר פון דעם באַ־רימטן ווערק וועגן דעם קעשענעווער פּאָגראָם, „דאָס הויז נומ. 13״.

און אַז זעמער איז אַרײַנגעקומען אינעם צימער, וווּ בײַ דער וואַנט שטייט אַ פאַרבעט אײַזערן בעטל, אויף וועלכן קאָראָלענקאָ האָט אויסגע־הויכט די נשמה, און בײַ דער אַנטקעגנבערדיקער וואַנט לעבן פענצ־טערל — אַ נידעריק שוסטער־בענקעלע, דערהערט ער אין זיך ווידער דאָס שטילע קאָל פון דער פרוי: „וולאַדימיר גאַלאַקטיאָנאָוויטש האָט זייער ליב געהאַט די שוסטערשע אַרבעט. זי האָט אים געשפּײַזט, בײַס ער איז גע־ווען אין פאַרשיקונג. מײַנע שיך האָט ער אויך ניט איין מאָל פאַריכט. אינ־דערפרי, אַז מיר פלעגן זיך אויפכאַפּן, האָט יעדערער פון אונדז געטראָפן זײַנע שיך שוין אויסגעפּוצטע, מײַנע אויך. איר ווילט נאָכאַמאָל איבער־לייענען שאָלעם־אַליכעמס בריוו צו וולאַדימיר גאַלאַקטיאָנאָוויטשן? ברענג איך זיי אײַך באַלד צו טראָגן״.

ווער איז נאָך געזעסן אונטער דעם אַקאַציע־בוים אין הויף, אויסער קאָראָלענקאָס ביידע טעכטער, ווען זייער לאַנגיאָריקע כאַווערטע האָט ווידער געבראַכט אים צו טראָגן די בריוו און געבעטן, אַז ער זאָל זיי דאָס מאָל פאָרלייענען אויף אַ קאָל, — געדענקט ער שוין איצט ניט.

די סטעזשקע בײַם זײַטיקן אַרײַנגאַנג אינעם דערבײַיִקן שטאָטישן גאָרטן האָט צוגעפירט נאַכמענען צו דער נידעריקער מאַצייווע פון רויטן גראַניט אויף קאָראָלענקאָס קייווער... ווי הויך ס׳איז ניט געשטאַנען די זון און געבלענדט די אויגן, האָט עס ניט געשטערט נאַכמענען, אַז ער זאָל דערזען איצט פאַר זיך דעם גרויען ווינטערדיקן טאָג, ווען דער רעבע האָט געהייסן צומאַכן די געמאָרעס און גיין אויף דער לעווײַע פונעם גרויסן צדיק זכרונו ליוורכה, וואָס איז ניפטער געוואָרן. נאַכמענען האָט זיך דורכגעשטופּט דורך דעם המון, וואָס האָט פאַרפולט די גאַסן, און זיך דערקליבן צום אָרן, אין וועלכן ס׳איז געלעגן מיט אַ ברייט צעקעמטער באָרד דער מענטש, וועמען ס׳האָט אַרויסבאַגלייט אין זײַן לעצטן וועג די גאַנצע שטאָט, נאָך וועמען מע האָט געזאָגט טילים אין די באָטעמעדראַ־שים, וועמען עס האָט מיט ביטערע טרערן באַוויינט זײַן, נאַכמענס, מאַמע, דער מענטש, וועמען די דעלעגאַטן פונעם נײַנטן אַלרוסלענדישן ראַטן־צוזאַמענפאָר האָבן באַערט זײַן אָנדענק מיט אויפשטיין...

...מעשונע מאָדנע גיך, ווי אונטערטרײַבנדיק איינער דעם אנדערן, זײַנען דורכגעלאָפן די טעג, וואָס נאכמען איז דאָ געווען, און ס׳איז אָנגעקומען דער טאָג, ווען ער האָט זיך געדאַרפט שיידן מיט דער שטאָט פון זײַנע ווײַטע יינגלשע יאָרן. דער צוג, וואָס וועט אים הײַנט אָפפירן אין דער שטאָט פון זײַן יוגנט, קיין קרעמענטשוק, גייט אָפּ אינעם צווייטן האלבן טאָג. און ווײַל ער ווייסט ניט און קיינער קאָן אים ניט זאָגן, צי איז אים באַשערט נאָך ווען־ניט־איז זײַן אין אָט די ליבע היימישע קאַנטן, האָט ער געזען וואָס מער ארײַנצוכאַפּן. און ווי מיד ער איז ניט געווען פון די אלע גענג, האָט ער ניט דורכגעלאָזט דעם טאָג, ער זאָל זיך גלאַט ניט דורכשפּאצירן איבער דער שטאָט, זיך אָנזעטיקן מיט איר, ווי איינער, וואָס וויל פארן כוידעש צײַט, וואָס ער איז באַם יאַם, זיך אָנעמען מיט זון אַף א גאנץ יאָר.

אַף הײַנט אָבער, כאָטש צום אָפּגיין פון זײַן צוג האָט נאכמען נאָך א וועלט מיט צײַט, האָט ער אָבער איבערגעלאָזט פאַר זיך בלויז איין־און־איינציקן גאנג, א גאנג, וואָס ניט מע טאָר און ניט מע קאָן אים צונויפפאָרן מיט אנדערע גענג. ווערגן דעם, אז אַפן בעסאלמען, ווּהין ער פאָרט, וועט ער ניט געפינען זײַן מאַמעס קייווער און אז ער האָט אים ניט וואָס דאַרט צו זוכן, האָט נאכמען געוווּסט פון מיט יאָרן נאָך צוריק, ווען ער איז אינגיכן נאָך דער מילכאָמע געקומען אהער צו פאָרן און באַוויזן נאָך זען דעם גרויסן כורבן, וואָס די דײַטשישע ראָצכים האָבן נאָך זיך איבערגעלאָזט אויך אַפן בעסאלמען. נאָר פון דעם, וואָס ער ווייסט ניט, ווו ליגט זײַן מאַמעס געביין, איז דאָס פעלד פאַר אים ניט ווייניקער הייליק. וואָס קאָן זײַן הייליקער פונעם פעלד, ווו ס׳האָט געפונען איר אייביקע רו די מאַמע? פאַר נאכמענען איז דאָס פעלד, ווּהין ער פאָרט, הייליק מיט נאָך איינעם א קייווער.

„צי קאָן זיך אַמאָל ניט מאכן, — טוט נאכמען בא זיך א קלער, ווען דער אווטאָבוס איז שוין אויסער דער שטאָט, — אז בא דער מאַציייווע, וועלכע די קינדער פונעם קינדערהיים האָבן געשטעלט דער מומע ווערען, זאָל ער אָנטרעפן אַף א ברודערל צי א שוועסטערל, ווי דאָס איז זיך בא אים פארלאָפן דאָ מיט טײַבלען?"

„וואַרט, וואַרט! — ווילט זיך אים מיטאַמאָל אויסשרײַען צו זיך. — אויב איך האָב ניט קיין טאָעס, איז הײַנט, דאַכט זיך..."

ניין, נאכמען זעמער האָט ניט געהאַט קיין טאָעס. ס׳איז הײַנט טאַקע מאָנטיק, ערעוו טישעבאָוו. ער האָט דאָך געהאַט אָפּגערעדט מיט ביילען און פייגע־לעבן, אז טאָמער וועט ער זיך פארהאַלטן ביז מיטוואָך, איז פאַרגייט ער נאָך זיי און מע פאָרט צוזאַמען אַפן הייליקן פעלד. זיי ווען זיך פרווון אים העלפן אָפּזוכן זײַן מאַמעס קייווער, אויב ער געדענקט, ווען זי איז ניפטער געוואָרן. אָנזאָגנדיק אים, ווען איז טישעבאָוו, האָט ביילע געכאַפּט דערבײַ א קוק אינעם לוּעכל, וואָס איז געלעגן בא איר אונטער דער הויכער וואַזע אַפן סערוואַנטל. צי האָט ביילע ניט ארײַנגעקוקט אין קיין פאַראיאָריקן לוּעך, וואָס אויסער אים, נאכמענען, איז אינעם אווטאָבוס, וואָס גייט אין דער ריכטונג פונעם בעסאלמען, ניטאָ קיין איין ייִד? און זיך פאָרשטעלן, אז אַף גאנץ שטאָט איז פאַראַן בלויז איין לוּעך, אָט

דער, וואָס ליגט בא ביילעָן אונטער דער וואזע אפן סערוואנטל, איז דאָך געוויס ניט שײַעך. עפשער האָט דער אוילעם זיך געפעדערט אף קיוועראָוועס, ווען ער איז נאָך געשלאָפן? הײַנט איז דאָך מאָנטיק, ניט זונטיק. גיכער פון אלץ, אפּאָנעם, גייט דער אוילעם אין אזא טאָג, ווי הײַנט, אף קיוועראָוועס נאָך דער ארבעט, ווען ער, נאכמען, וועט שוין זײַן אף יענער זײַט קאָבעליאקע.

אין דעם, אז אויסער אים, איז איצט מער קיינער ניט געפאָרן אפן הייליקן פעלד, האָט נאכמען ניט געהאט קיין טאָעס. פונעם אווטאָבוס, וואָס איז אוועק ווײַטער, איז בלויז ער איינער ארויסגעשטיגן אפן ראָג פון דער שטויביקער ניט־ברוקירטער גאס, וואָס לאָזט זיך אראָפּ ווי אין א טאָל און הייבט זיך נאָכדעם אוף אף א בארג מיט ענג צונויפגערוקטע מאַציוועס.

אינעם אָפּענעם טויער פונעם בעסוילעם, ארוף־בארג, האָט זעמער נאָך פונדערווײַטן דערזען עמעצן שטיין. דאכט זיך, דאָס קוקט מען ארויס אף אים: צי איז עס ניט טאקע די זעלבע פייגע־לעבן פונעם אלמאזנעם? נאכמען האָט ניט באוויזן נאָך רעכט זיך אָפּעטעמען פון דעם קלעטערן ארוף־בארג, ווי דער מאנצבל אין טויער איז צוגעלאָפן צו אים, דערלאנגט אים די האנט און הילכיק, ניט לויט די יאָרן נאָך, געגעבן פון זיך א זינג ארויס:

— נאָך וועמען וועט איר אזוי גוט זײַן באשטעלן בא מיר א מאָלע?

אויב אזוי, איז האָט שוין ניט נאכמען וואָס צו פאנאנדערפרעגן דעם מענטשן מיט די ארומלויפנדיקע אויגן אונטער די שיטערע ברעמען, וועלכער האלט אים נאָך אלץ פאר דער האנט, ווי ער זאָל מוירע האָבן, אז נאכמען קאָן זיך ארויסרײַסן און אנטלויפן, — ווער ער איז און וואָס ער איז. און וואָס איז דער מענטש אויסן געווען מיט זײַן געבן גלײַך א זאָג, אז הײַנט באנאכט איז טישעבאָוו, האָט נאכמען בא אים זיכער ניט וואָס צו פרעגן, ביפראט נאָך, אז יענער האָט עס אים אליין אויסגעטײַטשט:

— איר ווייסט, וואָס איז אזוינס קעהי־אויר? איז קעהי־אויר בין איך שוין געווען דאָ, און ביז איצט נאָך קיין פּאָטשין אפילע ניט געהאט. איר זענט עפשער אויך פון יענע ייִדן?

— פון וועלכע, אשטייגער?

— אָט פון די, — ענטפערט יענער אָפּ מיט צוגעמאכטע אויגן, ווי א הון בייסן טרינקען, — וואָס אף קיוועראָוועס ערעוו טישעבאָוו און ערעוו יאָמים־נויראָים קומט מען גראדע צו גיין, נאָר מאכן אן אייל מאָלע ראכמים זאָל גאָט שוימער און מאצל זײַן.

ווי א יונגער הירש, טוט דער מענטש זיך א לאָז צו דער פרוי, וואָס באווײַזט זיך אין טויער, און גייט איר נאָך א שטיקל וועג צווישן די קוואָרים, אײַנטײַנענדיק מיט איר עפּעס גאנץ הייס. מיסטאמע זײַנע א באקאנטע, — טראכט נאכמען, — בא וועלכער ער מאָנט אוף אן אלטן כויוו...

צוריק גייט דער מענטש שוין א סאך פּאמעלעכער און זעט שוין ניט אויס אזוי סאָלדאטיש אויסגעמושטרירט, ווי פריִער.

— אן אומזיסטע טירכע געווען. הײַנטיקע ייִדן און הײַנטיקע ייִדענעס. זי האַלט ניט, זאָגט זי, דערפֿון. רעב ייִד, — גיט ער זיך א זעץ אראָפּ צו נאַכמענען אף דער באַנק אונטער דעם אַלטן אויסגעקרימטן בוים, — איר ווילט פֿאַרדינען א מיצווע, איז גיט מיר אף א פּאַטשין. ווּעמען האָט איר דאָ?

— א מוטער.

— איז וואָס זשע זיצן מיר מיט אײַך? קומט.

— ווּהין, — שטעלט אים נאַכמען אָפּ, — אַז איך ווייס ניט, ווּוּ איז איר קייוועֶר.

אף דעם, ווי צו זען, האָט דער מענטש זיך שוין לאַכלוטן ניט געריכט. און ווײַבאַלד נאַכמען איז ניט קיין קונד זײַנער, איז הערט ער אים אוף אָנגיין. ער רוקט זיך אָפּ פֿון נאַכמענען אפֿן צווייטן ברעג באַנק און קוקט זיך אײַן אין דער זוניקער ווײַט, צי פּאַרט ניט און צי גייט ניט קיינער אהער, קעדיי ער זאָל באַצײַטנס זיך לאָזן אַנטקעגן, ווי א יונגער הירש. מיטאַמאָל גיט ער זיך א הייב אוף פֿון באַנק און א פּאַך צו נאַכמענען מיט ביידע הענט:

— מענטש איר איינער! אינעם טילים קאַפּיטל טעס ווערט געזאָגט, אַז אויב מע קומט אף א בעסאַלמען און מע ווייסט ניט, ווּוּ דער קייוועֶר איז, דאַרף מען דעמלט מאַכן א מאָלע אינמיטן פֿעלד. פֿרעגט בא א ראָוו, ט׳איר הערן, וואָס ט׳ער אײַך זאָגן.

בא די ווערטער טוט דער מענטש הילכיק א ניס, פּונקט ער זאָל דערמיט ווען זאָגן „צום עמעס געזאָגט״, און כאַפּט בעשאַסמײַסע אָן דעם רעכטן אויער מיט דער לינקער האַנט, שפּרינגט א פּאָר מאָל אונטער, ווי באַם זאָגן קאָדעש, און שעפּטשעט דערבײַ עפּעס שטיל פֿאַר זיך. דאַכט זיך, אַז ער הערט דעם מענטשן שעפּטשען די זעלבע ווערטער, וואָס עס פֿלעגט אים, נאַכמענען, זאָגן די מאַמע זײַנע, אָלעהאַשאָלעם, באַם ניסן: „צו געזונט, צו קוועלן, צו דער כופּע צו שטעלן״. ווי שטאַלטנע און אויסגעמושטרירט דער דאָזיקער מאַנצבל איז ניט, זעט ער אָבער ניט אויס ווי א מענטש, וואָס זאָל אויסרעכענען, אַז ער קאָן נאָך שטיין אונטער דער כופּע. אויב ניט אַלע אַכציק, איז א יאָר פֿינף־זעקס און זיבעציק דאַרף אים שוין זיכער זײַן. דאָס, וואָס עס באַהאַלט אויס זײַן יונגער טראָט, גיט אַרויס דער אויס־געצויגענער צעקנייטשטער האַלדז. די מיליטערישע אויסמושטרירונג זײַנע איז ניט פֿון קיין סאַלדאַט פֿון דער לעצטער מילכאָמע. אף דער פּאַטערלענ־דישער מילכאָמע, נאַכמען ווייסט עס לויט זיך, איז ניט געווען קיין צײַט אף מושטרירן, און ס׳איז קיינעם אין קאָפּ ניט געלעגן זיך פֿאַרנעמען דער־מיט. עפּעס צו לאַנג האַלט זיך דער מענטש פֿאַרן אויער און שעפּטשעט. זעמער איז ניט פֿון די שריפּטשטעלער, וואָס זאָל נעמען יענעם פֿאַנאַנ־דערפֿרעגן וואָס און ווען. ער גייט מיט דעם גאַנג, אַז אויב א מענטש איז געניגט צו דערציילן און האָט וואָס צו דערציילן, וועט ער דערציילן אָן דעם, מע זאָל אים אויספֿרעגן און פֿאַנאַנדערפֿרעגן. נאָר הײַנטיקס מאָל, ער ווייסט אַליין ניט פֿאַרוואָס, איז ער אָפּגעגאַנגען פֿון דעם און דערצו נאָך זיך אַרויסגעכאַפּט מיט א פֿראַגע, מיט וועלכער ער האָט זיך גע־

קאָנט ביכלאַל קאַליע מאַכן, וואָרעם ס׳איז אויסגעקומען, ווי ער זאָל דער־מיט פון אים אָפּלאַכן, און נאָך ווי, אפן הייליקן אָרט:

— דאָס האָט איר געדאַוונט שאַכרעס?

— וואָס פאַר א שאַכרעס? דאָס האָב איך געזאָגט טילים, קאַפּיטל מעם טעס.

וויבאַלד דער מענטש לאָזט זיך ריידן, איז גיט אים נאַכמען ווידער א פרעג, אָבער שוין מער געהיטער, ער ווייסט, אז מיט איין ניט פּאָרזיכטיק וואָרט קאָן מען אַמאָל אײַנלאָזן א געשטאַלט, וואָס ניט יעדער וואָך און ניט יעדן כוידעש טרעפט מען אָן אף אַזעלכן.

— און שטענדיק, בייס איר ניסט, זאָגט איר א קאַפּיטל טילים?

— וואָסי, איך האָב קיין צײַט ניט? און אַשער יאָצאַר, אז מע זאָגט, נעמט עס אָפּ, מיינט איר, ווייניקער צײַט? און אַשער יאָצאַר קומט אויס זאָגן פאַרן טאָג עטוואָס אָפטער, ווי דאָס קאַפּיטל מעם טעס. נו, איז גייען מיר מאַכן א מאָלע. גיט, רעב ייִד, אף א פּאָטשין.

— איר האָט דען ניט קיין פּענסיע? — פרעגט נאַכמען און היט זיך נאָך מער מיט אַן איבעריק וואָרט.

— און אז איך האָב, איז וואָס? — ענטפערט דער מענטש שוין א ביסל מיט רוגזע. — די שיינע פּענסיע, וואָס מע האָט עס פון די ייִדישע מעלאָ־כעס.

— לעמאָשל?

— וואָס לעמאָשל? וויפל קריג איך?

— ניין, ניין, — פאַרלויפט אים נאַכמען דעם וועג, — כ׳מיין, וואָס הייסט בא אײַך, לעמאָשל, ייִדישע מעלאָכעס?

— און אליין ווייסט איר ניט?

איז ווי אַפּצולאָכעס אָנגעפאָרן מיטאַמאָל א מאַשין, און דער מענטש האָט ווידער באַקומען פלינקײַט אין די פיס. דערזען, אז ער איז פאַר־שוווּנדן צווישן די ביימער צוזאַמען מיטן יונגנמאַן, וואָס איז אַרויס פון דער מאַשין, האָט נאַכמען זיך אפילע דערפרייט, וואָס דער פאַרשוין זײַנער וועט באַלד האָבן א פּאָטשין. נאָר עפּעס צו גיך האָט נאַכמען אים דערזען אַרויסגיין פון צווישן די געדיכט צעוואַקסענע ביימער, און דער גאַנג איז שוין געווען פון א זאַקן.

— הײַנטיקע ייִדן, — האָט ער, שווער אַראָפּלאָזנדיק זיך לעבן זעמערן אף דער באַנק, זיך אָנגערופן, — זשאַלעווען א קערבל אף א מאָלע. — ער שליסט ווידער צו די אויגן, ווי א הון בייסן טרינקען, און רעדט אײַנ־גאַנצן שוין צו זיך. — די שיינע פּאַרדינסטלעך, וואָס מע קאָן האָבן פון די הײַנטיקע ייִדן, און די גרויסע פּענסיע, וואָס קומט אַרויס פון די אַמאָ־ליקע ייִדישע מעלאָכעס.

נאַכמען וויל פּאָרט דערגיין בא זײַן געשטאַלט, מיט וועלכן ער וועט — ער זעט עס פּאָרויס — האָבן צו טאָן באַם שרײַבטיש, — וואָס הייסן בא אים ייִדישע מעלאָכעס.

— א מעשוירער בא א כאַזן און א זעצער פון סידורים און מאַכזיירים איז בא אײַך וואָס? א סאָוועטסקע מעלאָכע, פאַר וועלכער מע גיט נאָכדעם פּענסיע? און אַזויפיל יאָר אָפּגעוועזן בא יאַמפּאָלסקין דעם כאַזן א מעשוי־

רער! און ניט גלאַט אַ מעשוירער, נאָר דער ערשטער אַלט, און דער ערש־טער אַלט באַ אַ כאַזן איז ווי דער ערשטער פידל אין אַן אָרקעסטער.

— ווען האָט איר באַ אים געזונגען?

— באַ יאַמפּאָלסקין? אַלע יאָרן, וואָס ער איז געווען כאַזן אין קאָרשול.

דאָ כאַפּט זיך שוין אַרויס באַ נאַכמענען דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט אים נאָך פריִער פרעגן:

— מאַ שמייכעם, ווי רופט מען איַיך?

— אווראָם־מייער. וואָסידען?

— אַ שיינע זאַך, — דערפרייט זיך נאַכמען, — מיר זײַנען דאָך מיט איַיך, קאָן מען זאָגן, שטיקלעך קרויווים. איך בין אויך געווען אַ ביסל ציַיט אַ מעשוירער באַ יאַמפּאָלסקי דעם כאַזן. און אומאַנסקין דעם כאָר־מייסטער געדענקט איר? ער האָט מיט מיר איַינגעקנעלט די סאָלאָ „יאַאלע טאַכאַנונייינו״...

נאַכמענען זעמער איז געווען זיכער, אַז דער ערשטער אַלט וועט זיך באַלד וואַרפן צו אים קושן. ביידע האָבן געזונגען אין איין כאָר, באַ איין כאַזן. און אַזױפיל יאָר זיך ניט געזען. ערשט מיטאַמאָל האָט אווראָם־מייער זיך געגעבן אַ רוק אָפּ און בייז אַ קוק געטאָן מיט די אַרומלויפנדיקע אויגן. אווראָם־מייער האָט ניט גערעדט, נאָר אַרויסגעשריִען פון זיך די ווערטער:

— כ׳האָב גלײַך דערזען, אַז איר זײַט יענץ שטיקל סכוירע. זעט נאָר, ווי ער האָט עס מיך אויסגעטאַפּט! רעב ייִד, אויב איר מיינט, אַז איר וועט דאָ מאַכן געשעפט, האָט איר אַ גרויסן טאָעס. איר האָט, דאַכט זיך, געזען, ווי ס׳פליִען אין דער האַנט אַרײַן די פאַרדינסטלעך. אָנגעפּאַקט פולע קעשענעס מיט לופט. נאַט זעט. וואָס קוקט איר אַזוי אָף מיר? רעב ייִד, דאָ וועט איר מיט מיר ניט זיצן. זוכט זיך אָפּ אַן אַנדער באַנק. דאָ איז מײַן שטאָט. פרעגט איטלעכן, וועט מען איַיך זאָגן. דער אייבערשטער פאַרלאָזט מיך ניט. פאַראיאָרן צו יאָמים־נוירױאָים האָב איך אויך געהאַט צו טאָן מיט אַ קאָנקורענט. ער האָט זיך אויך אָנגעגעבן פאַר אַ מעשוירער, און נאָך באַ וועמען, באַ קוואַרטינען אַזש. פּאָטער געוואָרן פון איין קאָנקורענט, האָט מיר דער בוירע־אוילעם צוגעשיקט אַ צווייטן.

— דאָס מיינט איר מיך? — נאַכמען האַלט קוים איַין אין זיך דעם שמייכל, וואָס שפּאַרט פון אים אַרויס.

— און וועמען דען? דעם רעשעטילאָווער ראָוו?

פאַרפאַלן. ער וועט אווראָם־מייערן שוין מיט גאָרנישט ניט דערוויַיזן, אַז ער איז אים ניט קיין קאָנקורענט. ער וועט אים שוין ניט איבערשפּאַרן ניט מיט דערציילן אים, אַז ס׳איז שוין אַ וועלט מיט יאָרן, ווי ער איז דאָ ניט געווען, און ניט מיטן באַוויַיזן אים דעם בילעט, אַז ער פאָרט הײַנט פונדאַנען אַוועק. אפילע דאָס דרײַערל, וואָס ער האָט אים געגעבן אָף אַ פּאָטשין און וואָס אווראָם־מייער האָט דרײַ מאָל באַשפּיגן, זאָגנדיק דערבײַ עפּעס אַ שפּרוך ציַי אַ פּאָסעק פון טילים, האָט אויך ניט געהאָלפן דערצו.

אווראָם־מייער איז זיך געבליבן באַ זײַנס. דאָס איז געווען צו זען, ווי ער האָט באַם אָנקומען פון אַ צווייטער מאַשין אַ מאַך געטאָן צו אים,

נאכמענען, מיט צעשפרייטע הענט — ער זאָל ניט וואגן א ריר טאָן זיך פון אָרט, ווײַל דער אָנגעקומענער מיט דער מאשין איז זײַן קונד.

אײַנגאנצן זיך בארויִקט האָט אווראָם־מייער ערשט דעמלט, ווען נאכ־מען האָט אים געפרעגט, צי האָט ער צופעליק ניט געקענט ווערע ברודנאָ, די מומע ווערע, וועלכע איז געווען א מאמע פאר די קינדער פונעם יִדישן קינדערהיים, און צי קאָן ער אים ניט אָנווײַזן, וווּ איז איר קייווער.

— הערט, זײַט איר דאָך, אויב אזוי, שוין טאקע א שאָק מיט יאָרן פונדאנען, וויבאלד איר ווייסט ניט, אז מיר פארמאָגן, באַרעכהאשעם, שוין פון לאנג נאָך א בעסאלמען, א געמישטן. אײַער מומע ווערע ליגט דאָרט. ס׳איז גאנץ ווײַטלעך, אהין גייט אויך אן אווטאָבוס, — ער זאָל ניט בלײַבן, אפּאָנעם, קיין באלכויוו, ערלעך פארדינען דאָס דרײַערל, טוט ער א ווונק צו נאכמענען. — איר זײַט א באלן אָנקוקן א ציקאווע זאך? איז קומט.

דורכשלאָגנדיק זיך א וועג צווישן די ענגע קוואָרים און די פאנאנ־דערגעוואקסענע ביימער מיט די געדיכטע אראָפּגעהאנגענע צווײַגן, האָט אווראָם־מייער צוגעפירט זעמערן צו אן ארומגעצאמטער נידעריקער מאצײ־ווע.

— נו? — האָט ער זיך ווי איבערגענומען. — ווּ נאָך, אשטייגער, האָט איר אזעלכעס? איר זעט? אינעם זעלבן טאָג, וואָס דער דאָזיקער יִיד רעב הירשע נעמיראָווסקי איז געבוירן געוואָרן, איז ער פּינקטלעך אין הונ־דערט יאָר ארום ניפטער געוואָרן.

וויאזוי האָט עס אווראָם־מייער פון צווישן דעם געדיכטן צווײַגן־געװ־פלעכטס דערזען דאָס מיידל מיטן בוקעט בלומען אין דער האנט, וואָס ער האָט אָנגעיאָגט, האָט נאכמען ניט אָנגעהויבן באנעמען. דאָס מאָל איז נאכמען שוין ניט געבליבן ווארטן, מיט וואָס וועט זיך פארענדיקן אווראָם־מייערס נאָכלויפן און אײַנטײַנען, און צי וועט דער „פּאָטשין״, וועלכן ער האָט אים געגעבן צו פארדינען, זײַן א סגולע דערצו, אז דער ערשטער אלט, וואָס איז געגליכן צו דעם ערשטן פידל אין אן אָרקעסטער, זאָל סאָפּקאָלסאָף באווײַזן, אז עפּעס איז אים נאָך פארבליבן פון יענער שטים.

אין גרויס אײַלעניש — עפּשער וועט ער פונדעסטוועגן נאָך באווײַזן צופאָרן, זאָל זײַן כאָטש ניט אף לאנג, אפן געמישטן בעסאלמען, ווּ עס ליגט די מומע ווערע, — האָט נאכמען ניט באמערקט, אז ער האָט זיך אופגעזעצט ניט אף דעם אווטאָבוס. געכאַפּט האָט ער זיך, ווען ער האָט דערזען אין פענצטערל פארבײַלויפן די לאנגע ציגלנע וואנט, וואָס צאמט ארום דעם גרויסן הויף פונעם מעדיצינישן אינסטיטוט. ארויסשטײַגן דאָ האָט ער שוין ניט באוויזן, איז ער ארויסגעשטיגן מיט א פּאָר קוואר־טאלן ווײַטער. און אלץ ניט געקאָנט נאָך פארשטיין, מיט וואָסערע גאסן איז ער עס געפאָרן, וואָס ער האָט אפילע ניט באמערקט, ווי דער אווטאָ־בוס איז ארײַנגעקומען אין שטאָט. ער האָט אויך ניט גלײַך דערקענט דעם ראָג גאס, ווּ ער איז ארויסגעשטיגן. נאָר אין א ווײַלע ארום איז אים דאָס אלץ שוין ניט אָנגעגאנגען. עס האָט אים א צי געטאָן צו זיך דער רויטער צווישטאָקיקער מויער, וועלכן ער האָט אומדערוווארט דער־זען מיטאמאָל פונדערווײַטן. ס׳איז אויסגעקומען, ווי דער אווטאָבוס זאָל

אים געוועזן, נאָכמענען, בעקיוון פאַרפירן אַהער און דערמיט ווען אים זאָגן: „האָסט ניט באַוויזן זײַן בײַ דער מומע ווערען אויפן קייווער, זײַן בײַ דער מאַצייווע, וואָס דײַנע ברידערלעך און שוועסטערלעך פונעם קינדער־היים האָבן איר געשטעלט, איז האָב איך געבראַכט דיך צו פירן צו איר דענקמאָל...״

צו איר דענקמאָל... ווען טײַבל זאָל ניט געוועזן אַזוי אָנרופן דעם דאָזיקן מויער, וואָלט נאָכמענען אים איצט מיסטאָם אַזוי אָנגערופן. ער קוקט אויך שוין איצט אויף דעם, ווי אויף אַ דענקמאָל, נאָר ניט בלויז איר איינער, דער מומע ווערען...

ביזן צוג האָט נאָכמענען נאָך געגנוג צײַט, אַז ער זאָל קאָנען, שוין ניט אַזוי געײַלט ווי דעמלט, זיך דורכגיין איבער די צימערן פון ביידע שטאָקן, שטיין אַ ביסל אויפן באַלקאָן, דורכקוקן מער גענויער די קאַרטאָטעקע פון די ביכער. און אויב מע האָט שוין אומגעקערט זײַן בוך און עס נאָך דערווײַל קיינעם ניט אַרויסגעגעבן, וועט ער בעטן די ביבליאָטעקערן, זי זאָל אים געבן אַ קוק טאָן. און אַז די בלאָנדע ביבליאָטעקערן מיט די בלויע דורכזיכטיקע אויגן וועט אים פרעגן, צוליב וואָס דאַרף ער עס, וועט ער שוין ניט אויסבאַהאַלטן פון איר, ווי דענסטמאָל, אַז ער איז דער אויטאָר פונעם בוך „נעכטן און הײַנט״, און יעדער אויטאָר, ווען ער קומט אַרײַן אין אַ ביבליאָטעק, וויל ער וויסן, צי די לייענער פרעגן זיך נאָך אויף זײַנע ווערק. פאַריינס וועט ער איר שוין זאָגן, אַז אין דעם דאָזיקן בוך זײַנעם האָט ער באַשריבן אָט דעם מויער, אויף וועלכן די, וואָס האָבן דאָ אַמאָל געוווינט, ווי ס׳האָט אים דערציילט טײַבל, קוקן ווי אויף אַ דענקמאָל! ער, נאָכמענען זעמער, קוקט שוין אויך איצט אויף אים, ווי אויף אַ דענקמאָל, און ניט בלויז דער מומע ווערען אליין...

און כאָטש נאָכמענען זעמער האָט געהאַט אויף דעם אַלץ נאָך געגנוג צײַט, איז ער אָבער אין הויז ניט אַרײַן. ער האָט זיך צוגעזעצט אין שאָטן פונעם טאָפּאָל אויף דער באַנק, פּונקט אַנטקעגן די פענצטער פונעם צימער, אין וועלכן ער איז דאָ ייִנגלווײַז געשלאָפן. ער וואָלט געקאָנט אפילו אָנווײַזן דאָס אָרט, ווו ס׳איז געשטאַנען זײַן בעטל. די לעוואָנע פלעגט מער ווי צו עמעצן אַנדערש אין צימער אַרײַנקוקן צו אים. פונעם זעלבן הויכן טאָפּאָל פלעגט זי, דאַכט זיך, אַרײַנקוקן צו אים אין בעטל.

ניט ווײַל ער איז מיד, און ניט ווײַל די לופט, וואָס עטעמט פון זיך אַרויס דער דערבײַיִקער שטאָט־גאָרטן, האָט אים פאַרשיקערט, האָבן בײַ נאָכמענען זיך אין אַ ווײַלע אַרום צוגעשלאָסן די אויגן. מיט צוגעמאַכטע אויגן איז עפּעס לײַכטער מאַכן פאַר זיך אַ שטיקל כעזשבן פאַר די אַלע טעג, וואָס ער איז דאָ געוועזן, קיינער שטערט אים ניט דערבײַ זיך אַרײַבערטראָגן פונדאַנען אינעם זײַטיקן צימער פון זײַן וווינונג אויפן צענטן שטאָק און זיך פאָרשטעלן, אַז דאָס זיצט ער איצט אַזוי מיט צוגעמאַכטע אויגן ניט דאָ, נאָר בײַ זײַן שרײַבטיש. זיצט און וואַרט, ס׳זאָלן זיך צונויפּקומען זײַנע פאַרשוינען. ביז ער רעדט זיך מיט זיי ניט דורך, רירט ער זיך קיינמאָל ניט צו מיט דער פען צום פּאַפּיר. אייגנטלעך קאָן מען שוין אָנהייבן. קימאַט אַלע זײַנען זיך צונויפגעקומען, ווער אַליין, ווער זאַלבעצווייט, זאַלבעדריט, און ווער מיט דער גאַנצער מישפּאָכע. מיט וועמען

איז עס פייגע־לעבן געקומען צו גיין? אפֿאַנעם, מיט איר לייזערן. נאָר עפּעס איז איר לייזער אינגאַנצן ניט ענלעך אַף קיין פילאָסאָף. ער שפּאַרט אַזש אונטער די סטעליע מיט זײַן געדיכטן קאָפּ האָר, וואָס זיצט פעסט אַף אַ פּאָר ברייטע טרעגערישע אַקסלען. ביילע איז אויך ניט געקומען אַליין. זי האָט געבראַכט מיט זיך צו פֿירן דעם בעניאָכיד אירן — אַ הויכן, שלאַנקן מאַיאָר, און די שנור. דאָס איז ביילע, זעט אויס, באַשטאַנען, אַז די שנור אירע — דאָס כּיעסדיקע ווײַבל מיט די פריילעכע אויגן און זאַפּטיקע ליפּן — זאָל זיך אויספּוצן אינעם אויסגעבייטן מיט אוקראַיִנישע בלימעלעך קאָפּטל און זאָל אָנטאָן דעם בונטן בײַטש קאָרעלן — דער גאַסט, הייסט עס, זאָל גלײַך דערזען, אַז די שנור אירע איז „ווי די מאָדע איז הײַנט"... אײַזיק דער מעכאַניקער איז געקומען מיט דער גאַנצער מישפּאָכע — מיטן ווײַב, מיטן זון, מיט דער שנור, וואָס איז ניט פֿון די „ווי די מאָדע איז הײַנט", נאָר אַלע ווייסן, אַז אים, אײַזיקן, איז עס לאַכלוטן אַלציינס, אַבי דער מענטש זאָל זײַן אַ מענטש. סעמיאָן נאַומאָוויטש, דער דאָצענט פֿון דער מוזיקאַלער שול, וואָס קומט יעדער טאָג אין בערעזעווע סעדל אַרײַנכאַפּן אַ יידיש וואָרט, און דער שנײַדער ראָמאַן דאַנילאָוויטש, וועלכער האַלט באַם אַריבערפֿאָרן אין אַ מיקראָראַיאָן, זײַנען אויך געקומען. מיט וועמען טײַנעט זיך עס אויס דאָרט אַזוי אין ווינקל טײַבל? דעם דאָזיקן יונגנמאַן אין די גרויסע ברילן זעט נאַכמען פאַר זיך צום ערשטן מאָל. אַליין האָט ער ניט געקאָנט קומען אַהער. עמעצער האָט אים מיט זיך געבראַכט. זאָל זײַן, אַז טײַבל? וואָלט זי דאָך אים וועגן דעם געזאָגט. אָ! ס'איז דאָך דער קאַנאַדער. ער האָט טאַקע אַ פֿול מויל מיט בולבעס, בייס ער רעדט. אַר־טשיק־גאַוורעש און אוורעמל־קאַמאַ זײַנען אויך דאָ. איז אַף וועמען וואַרט מען נאָך? אַף יאַמפּאָלסקיס ערשטן אַלט? יענער וועט ניט קומען. ס'איז ערעוו טישעבאָוו. ער קאָן ניט פאַרלאָזן די „שטאָט" זײַנע אַף דער באַנק לעבן טויער, ביפֿראַט, אַז דער, וואָס לעבט אייביק, וואַרפֿט אים שטענדיק אונטער אַ קאָנקורענטל, וואָס גיט זיך אַרויס פאַר אַ מעשוירער באַ די גרעסטע כאַזאָנים, אַפֿילע באַ קוואַרטינען...

— ווי מיינט איר, מע קאָן אָנהייבן? — פרעגט באַ די פאַרזאַמלטע אַר־קע־גאַוורעש.

— נו, אַוואַדע, — ענטפערט אים אָפּ הויך און קלינגעוודיק דער „שטור־מער" אוורעמל־קאַמאַ.

— עפּשער וועסטו אונדז פּונדעסטוועגן זאָגן, וועגן וואָס האָסטו זיך עס שוין ווידעראַמאָל אַזוי פאַרטראַכט? — ווענדט זיך אַרקע־גאַוורעש צו נאַכמענען. — עפּן אויף די אויגן און טו אַ קוק אַרום זיך. זע, וויפֿל פאַרשוי־נען ס'האָבן זיך הײַנט פאַרזאַמלט באַ דײַן שרײַבטיש, און אַלע ווילן דאָך, זאָלסט וועגן זיי דערציילן, זיי זײַנען עס ווערט. פֿון יעדן איינעם קאָן מען דאָך מאַכן אַ בוך.

— דו זעסט דען ניט, — רופֿט זיך אָפּ אײַזיק דער מעכאַניקער מיט דער געדיכט־אַרומגעוואַקסענער באָרד, — אַז ניט וועגן דעם האָט אונדזער אַמאָ־ליקער נאָוועפּרעלאָזשענער זיך פאַרטראַכט. אָט דאָס אַלץ, וואָס דו האָסט אים נאָרוואָס דאָ געזאָגט, ווייסט ער גאַנץ גוט אַליין. ער האָט אַנומלטן אַליין וועגן דעם געשריבן: אַז ס'איז דאָ, האָט ער געשריבן, וועגן

ווען צו דערציילן, דאָס ווייסט ער. ער ווייסט אָבער ניט, צי האָט ער פאַר וועמען צו שרײַבן, צי האָט ער ווער עס זאָל אים לייענען, וואָרעם ער איז דאָך אַ ייִדישער שרײַבער, וואָס שרײַבט אויף ייִדיש.

— אָט־אָט־אָט, — כאַפּט זיך אין דעם גלײַך אָן דער יונגערמאַן אין די גרויסע ברילן. שיפרע אײַזיקס קוקט אים בעשאָסמײַסע אין מויל, ווי זי זאָל ווירקלעך זיך ריכטן דערזען דאָרט אַרומשפּרינגען אַ בולבע.

— נו, און איך? — שטעלט אים אָפּ ביילע.

— איר לייענט דאָך, ביילע, נאָר היסטאָריטשעסקע ראָמאַנען, — ענט־פערט איר ראָמאַן דאַנילאָוויטש דער שנײַדער.

— און דאָס, וואָס דער גאַסט אונדזערער שרײַבט, איז דען ניט קיין היסטאָריטשעסקע זאַכן?

— אַ מאָשל.

— כ׳פאַרשטיי ניט, — איז צוגעגאַנגען צום טיש טײַבל און אַרויסגע־נומען פון איר רידיקיול אַ זשורנאַל, וועלכן אַלע האָבן לויט די דרײַ־פאַרביקע ווייכע טאָוועלעך גלײַך דערקענט, — צו וואָס האָבן מיר ווידער פאַרפירט אַ רייד וועגן דעם, אויף וואָס אונדזער גאַסט האָט קלאָר און דײַט־לעך געענטפערט אַ זיך, אַ אונדז: „ניין, מיר זײַנען ניט די לעצטע”. אָט הערט...

— אַנטשולדיקט. ווען האָט ער עס געשריבן?

— פאַרפינפיאָרן. נו, איז וואָס?

— און אַליין ווייסט איר ניט, וואָס איז אַזוינס אין אונדזערע צײַטן פינף יאָר? ביפראַט, אַז דעמלט איז עס שוין אויך ניט געווען אינגאַנצן קיין ענטפער, — שפּאַרט זיך מיט איר פייגע־לעבנס מאַן, לייזער דער פּי־לאָסאָף.

— און וואָס פאַר אַן ענטפער האָט איר דערוואַרט פון אים הערן?

— טייקו.

אַלע האָבן זיך אומגעקוקט צו דער טיר.

— טייקו, — האָט מיט צוגעמאַכטע אויגן, ווי אַ הון בייסן טרינקען, אַרויסגעזונגען אווראָם־מייער, וואָס איז אַ פאַרסאָפּעטער געקומען צו לויפן.

— וואָס איז דער טײַטש פון דעם?

— דער טײַטש פון דעם איז, — ברענגט אווראָם־מייער אַרויס מיט אַ ניגן, — אַז די קאַשע בלײַבט אַ קאַשע. ניט ס׳איז דאָ אויף דעם אַן ענטפער, און ניט ס׳איז דאָ ווער עס זאָל אויף דעם ענטפערן.

— כ׳ווייס ניט, רעב ייִד, ווי מע רופט אײַך, — מישט זיך אַרײַן דער דאָצענט, וואָס האָט געהאַט אַ טאַטן אַ מעלאַמעד, — נאָר איר טײַטשט ניט ריכטיק. טייקו הייסט ניט, אַז ס׳איז ניטאָ דערויף קיין ענטפער און אַז ס׳איז ניטאָ ווער עס זאָל אויף דעם ענטפערן! טייקו הייסט, אַז ס׳איז דערווײַל נאָך ניטאָ דערויף קיין ענטפער, קיין פולער ענטפער, הייסט עס, נאָר ווער עס זאָל געבן אויף דעם אַ פולן ענטפער, איז דאָ.

— עליִאָהו האַנאָווי וועט איר זאָגן?

— די צײַט וועט ענטפערן! די צײַט, באַ וועמען מיר זײַנען אַלע צו־גאַסט אויף אַ ווײַל, וועט מיט דער צײַט אויף אַלץ ענטפערן.

— נו, און וואָס וועט אַף דעם זאָגן אַליין דער מעכאַבער? ווי טײַטשט ער אויס זײַן זאָגן „ניין, מיר זײַנען ניט די לעצטע"? ער וויל דערמיט טרייסטן אַי זיך, אַי אונדז, צי ער גלייבט טאַקע אין דעם?

נאַכמען האָט ברייט צעעפנט די אויגן און זיך ארומגעקוקט. ער האָט קיינעם ניט געזען גיין אהער. דאָס האָט, קענטיק, דער טאָפּאָל זיך א שפּיל געטאָן א רעגע מיט זײַנע בלעטער. די זון אנטקעגנ־יבער אין פענצטער איז שוין געשטאַנען עטוואָס העכער, נאָר א האלב שאָ קאָן ער נאָך רויִק דאָ זיצן אין שאָטן. ער וועט נאָך באַווײַזן זיך אָנברענען אַף דער זון, וואָס אפילע צו אָוונט קילט זי זיך, דאכט זיך, ניט אָפּ.

ווען נאַכמען האָט ווידעראַמאָל צוגעמאַכט די אויגן און זיך ווידעראַ־מאָל פאָרגעשטעלט, ווי ער קומט אַרײַן צו זיך אין זײַטיקן צימער, וואָס גייט ארויס מיטן פענצטער אין הויף, און זעצט זיך צום שרײַבטיש, האָט ער לעבן זיך שוין קיינעם ניט געטראָפן. אַלע זײַנען זיך צעגאַנגען; קיי־נער איז ניט געבליבן אויסהערן, וואָס האָט ער פונדעסטוועגן געוואָלט דעמלט זאָגן מיט זײַן „ניין, מיר זײַנען ניט די לעצטע", און ווי דאַרף מען עס איצט פארשטיין. איינס איז אים קלאָר: זיי דערוואַרטן פון אים איצט אַן אַנדער ענטפער. אַוועלכן?

דער טאָפּאָל האָט ווידער זיך א שפּיל געטאָן מיט זײַנע בלעטער און דערמאָנט מיט דעם נאַכמען זעמערן, אַז ס'איז צײַט זיך לאָזן אין וועג, אַז אין דער שטאָט פון זײַן ווײַטער יוגנט, וווהין ער פאָרט פונדאַנען, און אין די שטעטלעך, אין וועלכע ער קלײַבט זיך פון דאָרט אַראָפּכאַפּן, וואַרטן אויך אַף אים פארשוינען.

# נאָכן געוויטער

לאָזט זיך אויס, אַז איבער דעם, וואָס דער שאַרגאָראָדער אווטאָבוס איז דורכגעגאַנגען די סטאַנציע יאַראָשענקע מיט צוויי שאָ פריִער, ווי נאָכמען זעמער איז אַהין אָנגעקומען פון קריזשאָפּאָל מיטן קעשענעווער צוג, און ער וועט ניט האָבן מיט וואָס זיך דערקלײַבן קיין קראַסנע, וועט עס פאַר אים גאָר זײַן א געווינס. אין וואָס איז באַשטאַנען דאָס געווינס — האָט ער זיך דערוווּסט העט־העט שפּעטער, ווען ער האָט פאַרלאָזט די שטילע שלעפעריקע סטאַנציע, די הויכע זון אין הימל און איז אַרײַן אין געדיכטן וואַלד.

און וואָס נאָך האָט ער געזאָלט טאָן, ווי לאָזן זיך צופוס, וויבאַלד קיין אווטאָבוסן וועלן שוין הײַנט פונדאַנען קיין קראַסנע ניט גיין? דער טאָג שטייט ניט, ער זאָל זיך אוועקזעצן וואַרטן — עפשער וועט זיך מאַכן א צופעליקע מאַשין. מע קאָן אַזוי אָפּזיצן ווער ווייסט וויפל. סאָפּקאָלסאָף זײַנען נײַן־צען קילאָמעטער ניט אַזאַ מעהאַלעך, וואָס זאָל קאָנען אָפּשרעקן, כאָטש די טראָלייבוסן מיט די אווטאָבוסן מיט די טאַקסי האָבן א ביסל אַנטוויינט דעם שטאָטישן מענטשן שפּאַנען צופוס.

ציקאַווע, דער שטעטלשער אוילעם האָט זיך שוין אויך אָפּגעוווינט גיין צופוס, וואָס קיין איין קראַסנער איז ניט געקומען צו פאָרן מיטן קעשענעווער צוג? מער ווי צוויי־דריטהאַלבן שאָ דאַרף דאָך דער וועג ניט געדויערן. קיין פּעק מיט קיין קערב, ווי אין די פריִערדיקע יאָרן, פירט מען דאָך מיט זיך איצט ניט פון שטאָט, און אויב בא עמעצן מאַכט זיך שוין יאָ א שווערער טשעמאָדאַן, איז אויך אָן סאַקאָנעס. ניטאָ, דאַכט זיך, די סטאַנציע, ווו עס זאָלן ניט זײַן קיין אווטאָמאַטן פאַרן האַנט־באַגאַזש. אַראָפּגעלאָזט דעם אווטאָמאַט אינעם מײַלעכל א גילדן, און מע איז פרײַ. מע דאַרף בלויז פאַרגעדענקען די פיר ציפערן, וואָס מע האָט צוגעקליבן פאַרן געהיימען שלאָס, וואָרעם אָן דעם דאָזיקן שפּרוך וועט דאָס פאַרהאַקטע טירל פונעם שטאָלענעם קעסטל זיך ניט עפענען, וויפל מע זאָל מיט אים ניט אײַנטײַנען. קיין סאַקאָנע, פאַרשטייט זיך, איז עס ניט. די אווטאָמאַטן האָבן איבער זיך א באַלעבאָס, וואָס אים הערן זיי שוין יאָ. מע דאַרף נאָר געבן דעם מעכאַניקער א פּאָר סימאָנים, ער זאָל זען, אַז דער באַגאַזש איז דײַנער. אַזויווי נאָכמען זעמער רײַזט אָבער אָפט אַרום איבער שטעט און שטעטלעך און האָט צו טאָן מיט די דאָזיקע

אווטאָמאטן, האָט ער זיך אויסגעקליבן פיר שטענדיקע ציפער: 2671, וואָס לויטן ייִדישן אַלעפבייס באַטײַטן זיי — „בוזי”. און דער נאָמען פון זײַן באַליבטן דיכטער, וואָס איז יונגערהייט געפאַלן אין שלאַכט, דעם באַזינגער פון דעם ייִדישן שטעטל, בוזי אָליעווסקי, — איז פאַר אים שוין אַזאַ שפּרוך, וועלכן ער קען ניט פאַרגעסן, וועט ניט פאַרגעסן, קיינמאָל ניט, ווי די שורעס פון זײַן ליד: „אין ווײַטן וואַלד אַ ווײַטע זון גייט אויס, אַ ווײַטער שטערן ווערט אין נאַכט געבאָרן...”, מיט וועלכע נאַכמען זעמער האָט באַגעגנט דעם געדיכטן יאַראָשענקער וואַלד.

נאַכמען האָט ניט געדאַרפט ווײַט אַוועקשפּאַנען פונדאַנען, ער זאָל דערזען, וואָס פאַר אַ טאָעס ער האָט געהאַט אין כעזשבן, וואָרעם ס'איז שווער זיך פאָרשטעלן דעם מענטשן, וואָס זאָל, אַרײַנקומענדיק אין יאַראָשענקער וואַלד, ניט נעמען זיך צאַמען די אייגענע טריט. דורכשפּרינגען דעם דאָזיקן וואַלד אויף אַן אווטאָבוס און נאָך אין אַזאַ לינדן זוניקן טאָג, ווי הײַנט, איז פּאָשעט אַ זינד, אַ גרויסע זינד. אומזיסט האָט דער קרײַזשאָפּאָלער באַל־מענאַגן זיך באַקלאָגט, אַז ס'איז דאָרט ניטאָ איצט באַ זיי ווו צו פאַרדינען אַ מיצווע. נו, און דאָס, וואָס ער האָט אים צוגערעדט פאָרן אהער מיטן קעשענעווער צוג, איז דען ניט קיין מיצווע? נאַכמען זאָל זיך געוועגן לאָזן אהער מיט אַן אַנדערן, וואָלט ער דאָך ניט געהאַט דאָס פאַרגעניגן גיין איבערן וואַלד און טאָן אַלץ, אַז דער וועג זאָל באַ אים דויערן און דויערן.

טאַקע מאַמעש אַ געווינס, וואָס דער שאַרגאָראָדער אווטאָבוס, וועלכער גייט קיין וויניצע דורך די שטעטלעך קראַסנע און טיוורעוו, איז פאַרבײַגעגאַנגען די סטאַנציע יאַראָשענקע צוויי שאָ פאַר דעם, ווי ער, נאַכמען, איז אהין אָנגעקומען.

דער יאַראָשענקער וואַלד איז אָנהייב האַרבסט...

נאַכמען זעמער האָט געזוכט ווערטער אים צו באַשרײַבן מיט דער שפּראַך פון פּראָזע און האָט קיין ווערטער ניט געפונען. האָט ער זיך געווענדט נאָך ווערטער צום רײַכסטן אוצער, צו דער שפּראַך פון פּאָעזיע, און האָט זיי דאָרט אויך ניט געפונען. וואָס פאַרא ווערטער ער זאָל ניט געוועגן צוקלײַבן, האָט דער וואַלד זיך פון זיי אָפּגעזאָגט, געשאָקלט צו אים מיט די קרוינען און צווײַגן: ניין, ניין, ניין. און אים געבייט, ער זאָל זוכן ווײַטער. און ער האָט געזוכט. שווער און אײַנגעאַקשנט געזוכט, ווי די גאָלדגרעבער אין דער יעניסייער טײַגע, מיט וועמען ער האָט אין דער יוגנט צוזאַמען געוואַנדערט, האָבן געזוכט גרײַפּעלעך גאָלד אינעם איבערגעוואַשענעם זאַמד, אין די צעדרויבלטע שטיינער.

וויפל אָנגעוואַלגערטע בערג ווערטער האָט זעמער איבערגעקליבן אינעם קילן טונקעלן טאָל און וויפל האָט ער זיי איבערגעקליבן, קלעטערנדיק מיטן געדיכט פאַרוואַקסענעם אַרופּבאַרג, וואָס האָט מיט זײַן שפּיץ שיר ניט געגרייכט צום בלויען טעלערל פון הימל, ביז די פייגל האָבן אים ניט אונטערגעזאָגט מיט זייער געזאַנג, אַז ער האָט זיך פון סאַמע אָנהייב אַראָפּגעשלאָגן פון וועג, אַז די גרויסקײַט, און שיינקײַט, און פּרעכטיקײַט פונעם יאַראָשענקער וואַלד אין אַלע צײַטן פון יאָר לאָזט זיך ניט איבערגעבן מיט ווערטער, מע קאָן עס בלויז איבערגעבן מיט געזאַנג. צײַטנווײַז

האָט זיך אים געדאַכט, אַז די פייגל זינגען דאָ אַנדערש, ווי ער האָט זיי געהערט זינגען אינעם מעדזשיבעזשער און רוזשינער וואַלד, און דער מעדזשיבעזשער מיטן רוזשינער זײַנען אויך פֿון די וועלדער, וואָס וועגן זייער שיינקײַט און מעכטיקײַט איז ניט איבערצודערציילן מיט ווערטער. בלויז דער אַספּאַלטירטער שאָסיי, וואָס האָט געקלעטערט אַרויף און אַראָפּ צווישן די הויכע מעכטיקע דעמבעס, האָט ניט געלאָזט, ער זאָל זיך פֿאַר־שטעלן, אַז ביז אים האָט דאָ נאָך קיינער קיין פֿוס ניט געשטעלט, און אים מאַכן פֿאַרגעסן, אַז ער איז שוין אַמאָל דאָ געווען. עטלעכע און דרײַסיק יאָר שוין דערין. און וואָס קאָן מען אין אַזויפֿיל יאָרן אַרום פֿאַרגעדענקען וועגן אַ וואַלד, דורך וועלכן מע האָט זיך געשלעפּט אַף אַן אונטערקרעכצנ־דיק פֿורל אין אַ קאַלטער פֿינצטערער נאַכט? אין קראַסנע אָבער און אין טיווראָוו האָט ער דעמלט פֿאַרבראַכט עטלעכע טעג, און אים שײַנט, אַז ער וועט דאָרט איצט דערקענען יעדעס געסל, יעדעס גאַנעקל...

אין טיווראָוו, וואָס איז נאָכן כורבן, ווי אַ סאַך שטעטלעך, געוואָרן אַ דאָרף, וועט ער דאָס מאָל, מיסטאמע, ניט זײַן, ביפּראַט אַז די געשיכטע מיטן טיווראָווער באָכער איז זיך גאָר פֿאַרלאָפֿן אין קראַסנע, און צוליב דער דאָזיקער געשיכטע, וועלכע ס׳האָט אים בעכיפֿאָזנדיק, אַף איין פֿוס, דערציילט דער קאַזאַטינער זישע „אַדמיראַלטייסטוואָ״, איז ער דאָך, נאָכ־מען, אייגנטלעך, געקומען איצט אַהער.

לויט וועלכע סימאָנים האָט ער דערקענט דעם קראַסנער שאָסיי באַם אַרויסגאַנג פֿון וואַלד, ווייסט ער אַליין ניט. נאָכמען האָט זיך מיט אים דערפֿרייט, ווי מע דערפֿרייט זיך מיט דער היים, נאָך יאָרן וואָגלען און וואַנדערן. גיכער פֿון אַלץ איז עס דערפֿאַר, וואָס קראַסנע קען ער פֿון פֿריִער און ווייסט, אַז ער וועט דאָרט ניט טרעפֿן קיין נײַעם בעסוילעם, קיין פֿאַרשאָטענע, פֿאַרוואַקסענע גרוב...

די זון, וועלכע נאָכמען זעמער האָט איבערגעלאָזט אַף יענער זײַט וואַלד, האָט אים אָנגעיאָגט באַ דער לאָנקע, וואָס איז מיטגעגאַנגען אַ שטיק וועג מיטן שאָסיי. די עטלעכע ווערבעס אַף דער לאָנקע, אונטער וועלכע עס פֿלעגן אין די זומער־אָוונטן זיך שווײַגעוודיק דורכריידן יונגע פֿאַרליבטע פּאָרלעך, האָבן פֿאַר די דורכגעגאַנגענע יאָרן זיך היפּש געעל־טערט — זייערע אויסגעבויגענע צווײַגן גרייכן קימאַט דעם אייגענעם שאָטן. אומקערנדיק זיך פֿון דער לאָנקע צוריק אַפֿן ברוק, האָט זעמער זיך דער־פֿרייט מיט די צעשאָטענע שטרויעלעך, וואָס אַ דורכלויפֿנדיקע פֿור האָט פֿאַרלוירן. ער איז געגאַנגען און זיך אָפּגעשטעלט, אַלץ געזוכט די אַמאָ־ליקע סימאָנים פֿון דעם דאָזיקן שטילן, גרינעם, פֿאַרוואָרפֿענעם שטעטעלע, און דאַכט זיך, אַז ער האָט אַ פּאָר מאָל אופגעכאַפּט אין דער לופֿט דעם ליבן רייעך פֿון פֿרײַטיקדיקע פֿרישע הרעטשענע לאַטקעס...

מיטאַמאָל איז נאָכמען זעמער אָבער געבליבן שטיין. דער שטעג, וואָס האָט אים אַרויסגעלאָזט פֿון וואַלד, האָט ניט געהאַט קיין טאָעס, אים ניט אַרויסגעפֿירט אַף אַ שליאַך פֿון אַן אַנדער שטעטל? ווי קומט אַהער אָט דער ברייט פֿאַנאַנדערגעגאָסענער טײַך, וואָס האָט פֿאַרנאַרט צו זיך די סאָפּטאָגיקע זון? אין קראַסנע, געדענקט ער, איז געווען אַ קליין שמאָל טײַכל, און געפֿלאָסן איז עס גאָר אַרופּצו, הינטערן הילצערנעם בריקל, ווו

די קוזיניעס זײַנען געשטאנען. איז ניטאָ ניט דאָס בריקל, ניט די קוזיניעס, ניט דער קלויסטער אפן בערגל, ניט דאָס ציגלנע שטיבל פונעם פאָטאָגראַף הינטערן בערגל, און דאָס בערגל אליין איז, דאכט אים, אויך אן אנדערס. עפּעס האָט עס אים אויסגעוויזן קלענער, נידעריקער. נאכמען איז נאָך גע־שטאנען באַם צופוסנס פונעם בערגל און האָט שוין געזען פאר זיך דעם מארק מיט אלע זײַנע שטעלעכלעך און טישלעך, און אפן מארק־פלאַץ די הײַזער מיט די רויטע לאָדנס און נידעריקע גאנעקעס. איצט האָט ער שוין ניט געהאט וואָס צו קווענקלען זיך, אז ער איז אין קראסנע. ער דערקענט זיי, די הײַזלעך, זיי שטייען ווי דעמלט, הארט איינס לעבן אנדערן. בלויז אפן מארק־פלאַץ זײַנען זיי אָפּגעזונדערט, ווי מע זאָל זײַן צעקריגט צווישן זיך. און קריגן זיך יענע יאָרן איז בא זיי געווען צוליב וואָס: פון די פינף לענגלעכע הײַזער אפן מארק־פלאַץ זײַנען דרײַ געווען אכסאניעס. אינעם אײַנפאָר־הויז, ווו ער איז דעמלט אײַנגעשטאנען, האָט דער הילצערנער לעכערדיקער טויער פון שטאל נאָך ביז איצט, דאכט זיך אים, פארהיט זײַן קאָליר — ער איז א טונקל־גרינער. וואָס קאָן דאָ איצט זײַן? עפּשער אויך אן אכסאניע, א קאָמונאלע, פארשטייט זיך. זעמער האָט אָנגעקלאפּט אין די פארהאנגענע פענצטערלעך. קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופן. ער האָט ארײַנגעקוקט אין הויף — אויך קיינער ניטאָ. אף א צעבראָכענעם וואָגן אָן רעדער איז געלעגן א צעטריקנט, צעשפּאָלטן פעסעלע און א האלב־צעפויל־טער כאָמוט.

זעמער איז ניט געווען הונגעריק, ער האָט אָבער ניט געקאָנט פארבײַ־גיין דאָס רעסטאָראנדל — די מיטלסטע שטוב אפן פלאַץ — און ניט ארײַן אהין. אין דער דאָזיקער שטוב האָבן זיך דעמלט געשפּײַזט די אײַנשטייער פון די אכסאניעס, און צום טיש האָט דאָרט דערלאנגט דער באַלעבאָסטעס טאָכטער — א מיידל מיט טיפע טונקל־בלויע אויגן.

— קאָנט איר מיר ניט זאָגן, — האָט נאכמען זיך געווענדט צו דעם יונגן ווײַבל אינעם קורצן פארטעכל מיטן ווײַסן מיצל אפן קאָפּ, וועלכע האָט דערלאנגט דאָס עסן, — עמעצער איז פארבליבן פון דער מישפּאָכע, וואָס האָט אמאָל געוווינט אין דער דאָזיקער שטוב?

— אין אָ דער־אָ שטוב האָט קיינמאָל קיינער ניט געוווינט.

— וואָס הייסט קיינער האָט קיינמאָל ניט געוווינט, אז איך בין אליין דאָ וויפל מאָל געווען! זאָל זײַן, איך זאָל האָבן איבערגעפּלאָנטערט? מיר געדענקט זיך דאָך אָבער פּאָרט, אז אין דער מיטלסטער שטוב.

— ווען זײַט איר דאָ בא אונדז געווען? — האָט דאָס ווײַבל געפרעגט, צוזעצנדיק זיך צו זײַן טישל.

— אן ערעך מיט א יאָר פיר־פינף און דרײַסיק צוריק.

— סאכאקל? — האָט זי זיך צעלאכט, באהאלטנדיק די נאקעטע הענט אונטערן פארטעכל. — נו, איך ווייס שוין, אף וועמען איר פרעגט זיך נאָך. אף די פערצאָווסקיס. בא זיי איז געווען, דערציילט מען, זייער א שיינע טאָכטער, עפּעס אזוינס ווי אזעלכעס. נעכע האָט מען זי גערופן. מע דער־מאָנט נאָך ביז איצט איר שיינקײַט. אָט דאָ טאקע איז געשטאנען זייער שטוב. זי האָט אָבער אָפּגעברענט. ס'איז שוין דערין א פּײַן ביסל יאָר.

האָט דער קאַלווירט אויסגעבויט אויפֿן זעלבן אָרט דאָס דאַזיקע הויז און געעפֿנט אַ רעסטאָראַן.

— און ווו איז זי איצטער, נעכע?

דאָס ווײַבל האָט אַ קוק געטאָן אויף אים, ווי אויף אַ מענטשן, וואָס איז אַראָפּגעקומען אַהער זוכן די פֿאַרגאַנגענע יוגנט.

— דאָס דאַרפֿט איר פֿרעגן די עלטערע מענטשן, וואָרעם ווען די פּער־צאַווסקיס זײַנען פֿונדאַנען אַרויסגעפֿאָרן, בין איך נאָך דעמלט אויף דער וועלט ניט געווען.

צי דאָס ווײַבל האָט שוין באַוויזן דורך עמעצן איבערגעבן, אַז ס׳איז געקומען אַ מענטש, וועלכער איז דאָ אַמאָל שוין געווען און אַז ער פֿרעגט זיך נאָך אויף די פּערצאַווסקיס, צי ווײַל ס׳איז אונטערגעשפּרונגען די אָונ־טיקע שאָ, ווען סע זיצט זיך ניט אין שטוב און די צײַט גייט אַוועק אין רייד, וואָס שעפּן זיך קיינמאָל ניט אויס, — נאָר ווען זעמער האָט פֿאַר־לאָזט דאָס רעסטאָראַנדל, איז בײַ דער אָפֿענער טיר פֿון דער שערערײַ אויפֿן מאַרק־פּלאַץ געשטאַנען אַ רעדל מענטשן און זיך וועגן עפּעס געאַמפּערט. די צוויי אויסגעפּוצטע פֿרויען, וועלכע ער האָט געזען דורכן פֿענצטער זיך אַרומדרייען, זײַנען אויך דאָרט געשטאַנען. קענטיק, אַז דעם דאַזיקן פּאָרל טאַקע האָט דאָס ווײַבל געגעבן צו וויסן וועגן אים, וואָרעם ער האָט ניט באַוויזן נאָך זאָגן אַ וואָרט, האָט דער אוילעם אים שוין אַ נעם געטאָן אויפֿן פֿאַרהער, ער זאָל זיך מאַטריזעך זײַן זאָגן, וויבאַלד ער איז שוין דאָ אַמאָל געווען בײַ זיי, ווען, אַשטייגער, קען ער נאָך. מע האָט אים אַפֿילע צו־געהאַלפֿן זיך דערמאָנען, אָנגערופֿן דעם, אָנגערופֿן יענעם, און דערבײַ גע־קוקט אויף אים ווי אויף איינעם, וואָס וויל זיך אויסגעבן פֿאַר אַ קראַסנער.

באַזונדערס האָט אים געמאַכט אָן „עקזאַמען״ מוישע־אַרן דער זייגער־מאַכער, — אַזוי האָט זיך פֿאָרגעשטעלט פֿאַר אים אַ מאַנצבל מיט באַלעכע־וואַטע אויגן, וואָס שטייען קיין רעגע ניט אײַן אויף אײן אָרט: אַלץ זעען זיי, אַלץ באַמערקן זיי און אַלץ גייט זיי אָן. געשוויגן האָבן בלויז די צוויי אויסגעפּוצטע פֿרויען. נאָר וואָס זאָל באַטײַטן דאָס סוידעספּולע שמייכ־לען זייערס?

— שאַט! אָט דעם ייִדן, אויב איר זענט, ווי איר זאָגט, טאַקע בעעמעס שוין אַמאָל געווען בײַ אונדז, דאַרפֿט איר זיכער קענען, — האָט מוישע־אַרן זיך אָנגערופֿן צו זעמערן, אָנווײַזנדיק אויף אַ קליינוואוקסיקן עלטערן מענטשן מיט אַ פֿאַרשטעקט בײַטש־שטעקל אין די פֿאַרשטויבטע כאָלע־וועס פֿון די שטיוול, — ער הייסט קאַלמען סידער. געווען אַמאָל אַ פּרימאַ באַלעגאָלע, איצט איז ער אַ פּרימאַ פּאָסטעך בײַ אונדז אין קאַלווירט. ווי קומט עס, איר זאָלט אים ניט קענען, אויב איר זענט, ווי איר זאָגט, טאַקע געווען אַמאָל בײַ אונדז?

וואָס איז עס אָט דער מוישע־אַרן אויסן מיט זײַן טאָן צו אים יעדעס מאָל אַ זאָג: „אויב איר זענט טאַקע שוין אַמאָל געווען בײַ אונדז״? ס׳קאָן דאָך ניט זײַן, ער זאָל אים ניט גלייבן, נאָכדעם ווי ער האָט אים אָנגע־וויזן פּינקטלעך דאָס אָרט אויפֿן פּלאַץ, ווו ס׳איז געשטאַנען דאָס קלייטל מיט די אָנגעמאָלטע שוימיקע קופּלען ביר אויף די פֿענצטער. שטראָפֿט אים, הייסט עס, מוישע־אַרן מיט זײַן אַפּיקאָרסעס פּאַשעט ־דערפֿאַר, וואָס

אַרײַנקומענדיק אין שטעטל, האָט ער פאַרקערעוועט אין רעסטאָראַנדל. אַ קראַסנער וואָלט געוויס אַזוי ניט געטאָן. אַ קראַסנער וואָלט זיך גלײַך געלאָזט אַהער. אַזוי צי אַנדערש, נאָר קיין אָפּנהאַרציקער געשפּרעך מיטן אוילעם, ווי אין אַנדערע שטעטלעך, האָט זיך בא נאַכמען זעמערן ניט באַקומען.

אַרופגעפירט אַף אַ וועג האָט קאַלמען סידער מיט זײַן אַרײַנפאַלן מױ־שע־אַרענען אין די רייד:

— ווי קומען זיי מיך צו געדענקען? עס האָבן אויסגעפעלט באַלעגאָ־לעס אין שטעטל, וואָס זיי האָבן געדאַרפט פאָרן בלויז מיט מיר? די גוטע יאָר אונדז, וויפל מאָל איך פלעג זיך אומקערן פון דער סטאַנציע אַ ליי־דיקער. און ביכלאַל איז עס דאָך שוין אַ מײַסע, ווי איך האָב געהערט, פון אַ פײַן ביסל יאָרן צוריק. נאָר מייער באַבירער, דער „וועסאָוושטשיק", בא וועלכן זיי זײַנען דעמלט אײַנגעשטאַנען אינעם אײַנפאָר־הויז, זאָגט, אַז ער געדענקט דעם דאָזיקן מענטשן. איך האָב מיט מייערן נאַרוואָס גע־רעדט. ער ווייסט, מיסטאַמע, באַלד צוקומען. אויב דער גאַסט, זאָגט מייער, האָט זיך נאָכגעפרעגט אַף די פּעטשערסקיס, רעדט אַ ליטווישן יידיש, שרײַבט ייִדישע ביכלעך און איז געווען אין בירָאָבידזשאַן און אין קרים, איז עס זיכער ער.

— שטייט, קאַלמען, שטייט, — בא מוישע־אַרענען האָט זיך פאַרזשמור־רעט דאָס רעכטע אויג, ווי ער וואָלט נעמען קוקן אין אַ שפּאַקטיוול, — זענט איר עס דער, וואָס איז אַמאָל צו אונדז געקומען דערציילן וועגן בירָאָבידזשאַן און קרים? האַלעוויי וואָלטן מיר אײַך דעמלט געהערט און געפאָרן אין דער ייִדישער אווטאָנאָמיע. די, וואָס זײַנען געפאָרן קיין כערסאָנשטשינע אָדער קיין קרים, האָבן געהאַט דעם זעלבן שרעקלעכן סאָף, וואָס די טיוראָוווער ייִדן. ס'איז ווי אין אונסאַנע־טויקעף ווערט גע־זאָגט: מי באַכאַים אומי באַמאָוועס...

— אָך־און־וויי צו דעם מי באַכאַים, אַז מע איז געווען פאַרשפּאַרט, ווי אין אַ שטײַג, און טאָג ווי נאַכט געזען פאַר זיך דעם כאַלעף, — האָט פון דער שערערײַ זיך דערהערט אַ שטים.

— זאָגט עס ניט, — האָט מוישע־אַרן אָפּגעענטפערט. — ווי עס זאָל אונדז ניט געווען זײַן ביטער און פינצטער, זײַנען מיר פונדעסטוועגן געבליבן מיטן לעבן, בייס אין טיוראָוו... און וויפל איז פון אונדז קיין טיוראָוו? צופוס פלעגן מיר דאָך אַהין גיין. איז אָבער דאָרטן געווען דער דײַטש.

— ער איז דאָ בא אונדז אויך געווען, ניט לאַנג, נאָר געווען. אַף מײַן פינצטערן מאַזל האָב איך זיך דער ערשטער געפּאַקט די דײַטשן אונטער דער האַנט, און זיי האָבן מיר באַפוילן, איך זאָל אין אַ שאָ אַרום צושטעלן ייִדישע מיידלעך, — בא דעם, וואָס האָט עס דערציילט, האָט פון בושע געפלאַמט דאָס פּאָנעם, אָט־אָט וועט זיך אָנכאַפּן זײַן ברייטע רויטלעכע באָרד. — דאָס העמד פון לײַב האָבן מיר פון זיך אויסגעטאָן, ווו אַ צירונג אָפּגעגעבן, נאָר ניט דערלאָזט שענדן אונדזערע ייִדישע טעכטער.

— מע זאָל זיך ניט געווען דעמלט אָפּקויפן, וואָלטן מיר אַ האַנט אַף זיך אַרופגעלייגט, ווי מאַלקעלע אונדזערע, — האָט זיך אָנגערופן איינע

פון די צוויי פרויען, וועמען זעמער האָט צוליב איר קורץ און ענג קליידל געהאַט אָנגענומען פאַר א יונגער, וואָס נייטיקט זיך, מע זאָל איר דערציילן, וואָס האָט זיך געטאָן אף דער וועלט מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר צו־ריק. — פון אונטער דער כופּע איז מאַלקעלע אוועק צו דער שכיטע...

— ווען איך זאָל דאַן געווען זײַן הי, — האָט זיך אָנגערופן די אַנדערע, קענטיק, שוין אויך ניט קיין איבעריקס יונגע, — וואָלט איך צו דעם ניט דערלאָזט, פאַר קיין שום פאַל וואָלט איך צו דעם ניט דערלאָזט.

— קי אזאָ קאַמאָוועס אהאוואָ, ווײַל שטאַרק ווי דער טויט איז די ליבע, זאָגט שלוימע האַמעלעך אין שיר־האשירים, און געדאַרפט האָט דאָרטן זײַן, יויסער מימאָוועס אזאָ אהאוואָ, שטאַרקער פון טויט איז די ליבע, — האָט ארויסגעבראַכט מיט א ניגן דער ייִד מיט דער ברייטער רויטלעכער באָרד. — וואָס וואָלט איר געטאָן? ניט געלאָזן זי גיין צו דער כופּע? צעשיידט זי מיט איר כאָסן? וואָס?

— איך וואָלט זיי ביידן אוועקגעשיקט אין וואַלד. אין יאַראָשענקער וואַלד זײַנען פאַראַן אַזעלכע ערטער, וואָס קיין פויגל וועט אהין ניט טרעפן.

— ווי אָבער, אז דאָס גאַנצע שטעטל איז געשטאַנען אין געפאַר? מיטן מאַלכאַמאָוועס שפּילט מען זיך ניט. ווען מע קערט ניט אום צו דער און דער שאָ מאַלקעלעס כאָסן צוריק קיין טיווראָוו, גייט קראָסנע אף עטלעכע טעג אריבער פון די רומענער צו די דײַטשן. איז וואָס זאָל מען געווען טאָן?

אף דעם האָט געענטפערט דער שערער — א מיטלוווּקסיקער טונקעלער יונגערמאַן מיט אַן אויסגעכאָליעט שפּיצעכיק בערדל, וועלכער האָט זיך באַוויזן אין דער טיר. אינעם ווײַסן כאַלאַט האָט ער געכאַפּט דעם אָנבליק פון א שטעטלשן רויפע.

— מע האָט ניט באַדאַרפט וואַרטן, ביז דער מאַלכאַמאָוועס וועט קומען. געדאַרפט באַצײַטנס אוועקגיין אין וואַלד. דאָס גאַנצע שטעטל! אַלע ביז איינעם!

— געדאַרפט! געדאַרפט! — איז מוישע־אַרן אָנגעפאַלן אפן שערער. — איצט זײַנען אַלע כאַכאָמים, מוסערזאָגער. אַלע קומען מיט טײַנעס — פאַר־וואָס, פאַר ווען? דו געפין מיר דעם מענטשן, וואָס זאָל געווען, ביז דער אומגליק האָט ניט געטראָפן, גלייבן, אַז אַזעלכעס קאָן זיך פאַרלויפן. די וועלט, באָרעכהאַשעם, האָט שוין אַלץ געזען, אַפילע ווי מע ברענט מענטשן אף שײַטערס, נאָר דאָס, וואָס די היטלעראָווצעס, יימאַך שמאָם וועזיכראָם לעדויר דוירעס, האָבן אָפּגעטאָן מיט דער וועלט... דער מענטשלעכער סייכל איז ניט בעקויעך געווען עס צו באַנעמען, און דאָס האָט אָפּגעקאָסט יאַמען מיט בלוט. ווייניק מענטשן, וואָס וואָלטן געקאָנט זיך עוואַקויִרן, זײַנען געבליבן זיצן אף די ערטער? אָט איך אַליין, לעמאָשל. גרינג צו זאָגן: לויפן אין וואַלד. מיט ברעקלעך קינדער אף די הענט וועסטו אין וואַלד ניט לויפן, נאָר מע איז געלאָפן. ווער ס'האָט אָנגעטראָפן אף פּאַר־טיזאַנער און ווער אף דײַטשן.

— איר האָט, דאַכט מיר, געהאַט געזאָגט, — האָט זעמער דערמאָנט

מוישע־ארענען, — אז איר האָט אויך איבערגעוואנדערט אַף ערד, זיך באַזעצט אפֿן קרימער סטעפּ...

מוישע־ארן האָט ווידער פֿארזשמורעט דאָס אויג, ווי ער זאָל אַרײַנ־קוקן אין א שפּאקטיוול.

— נו, יאָ, אפֿן אכציק נײַנטן יישעוו האָב איך געוווינט, לעבן קורמאַן. מיר איז דאָרט געוועזן ניט שלעכט, גאָר ניט שלעכט, נאָר גיי טו עפּעס, אז ס׳איז אין מיר אַרײַן א דיבעק, ס׳האָט מיך פּלוצעם א צי געטאָן אהיים, מאַמעש ביז אויסצוגיין. גאָט איז אַן איידעס, ווי איך האָב זיך געבאָרעט מיט זיך. דער סאָף איז געווען, אז איך האָב אַלץ אויסגעפּארקויפֿט און געקומען צוריק אהער. ס׳איז געווען א פּאָר יאָר פֿאר דער מילכאָמע. וואָס איר זאָלט אײַך ניט זאָגן, נאָר אַזאַ שיין שטעטל, ווי אונדזערס, מעגט איר אויספּאָרן א וועלט, וועט איר ניט באַגעגענען. הײַנט דער וואלד! דער יאראָשעװקער וואלד! — און מיטאמאָל א זאָג געטאָן צום פּאסטעך: — רעב קאַלמען, איר ווילט פּארדינען א מיצווע?

דער פּאסטעך האָט אופגעהויבן אַף מוישע־ארענען זײַנע קליינע פּריי־לעכע אויגן.

— דאָס בײַטש־שטעקל, זע איך, איז מיט אײַך, פּעלט אײַך נאָר אויס א פֿערד־און־וואָגן, איר זאָלט מײַסע־באַלעגאָלע, ווי אמאָליקע יאָרן, זיך דורכפּאָרן מיטן גאַסט דורכן יאראָשעװקער וואלד. טוט א בעט דעם פּאר־זיצער פֿון קאָלווירט, וועט ער אײַך געבן א פֿערד. איר וועט פּארדינען, רעב קאַלמען, א מיצווע, א גרויסע מיצווע, ווײַל וואָס, מישטיינסגעזאָגט, קאָן מען זען דורך א פֿענצטער פֿון אַן אווטאָבוס, וואָס פֿליט דורך דעם וואלד, אז מע באַוויײַזט זיך ניט ארומצוקוקן?

דערהערט פֿון נאכמען זעמערן, אז ער האָט דורכגעמאכט דעם וועג פֿון דער סטאַנציע אהער צופֿוס, איז מוישע־ארן אים, קענטיק, מויכל גע־ווען, וואָס ער האָט ניט געגעבן קאַלמענען פּארדינען די מיצווע. נאָר ווי מאכט מען, אז מוישע־ארן זאָל אים זאָגן, ווער איז עס דער הויכער פּאר־וואקסענער מענטש, וואָס שטייט די גאַנצע צײַט אָן א זײַט אָנגעשפּארט, ווי א מעשולעך, אַף א גראָבן דאָרפֿישן שטעקן און שווײַגט? וואָס זאָל באַטײַטן זײַן שווײַגן? זאָל זײַן, אז ער האָט אים צו דערציילן וועגן דעם קראַסנער מיידל מיטן טיוראָוּוער באָכער אַזוינס, וואָס קיינער האָט אים דאָ דערווײַל נאָך ניט דערציילט, און דאָס וואַרט ער, אז ער זאָל זיך צו אים ווענדן? האָט נאכמען זיך געווענדט. ער האָט ווידער פּארפֿירט א רייד וועגן דער כאַסענע אין דער נאכט פֿאר דער טיוראָוּוער שכיטע.

— ס׳איז טאַקע געווען א כאַסענע?

ער האָט עס איבערגעפֿרעגט, ווײַל אַן ענלעכע געשיכטע וועגן א באָ־כער, וואָס איז געקומען פֿון דער דײַטשישער זאָנע צו זײַן קאַלע אין שכיינעסדיקן שטעטל, ווו ס׳האָבן באַלעבאַטעוועט די רומענער, און דאָס מיידל איז נאָכדעם געגאַנגען צוזאַמען מיטן כאָסן צו דער גרוב, ווײַל די דײַטשן האָבן אים געפּאָדערט צוריק, — האָט זעמער שוין געהערט דער־ציילן אין עטלעכע שטעטלעך. צי האָט די דאָזיקע געשיכטע ניט פּאר־בלאָנדזשעט פֿונדאַנען אהין? און עפּשער פּארקערט?

געענטפֿערט האָט אים אַף דעם דער ייִד מיט דער רויטלעכער באָרד:

— א כאַסענע, פֿרעגט איר? א כאַסענע — א לעווײַע איז עס געווען, מיט יעלאָלעס, הימל עפֿן זיך. נאָר מיט א כופּע, און א פֿידל האָט גע־שפּילט. אין קלויז איז זי געווען, די כאַסענע, אין קלויז, ווו דער צאַדיק האָט אַמאָל אַרויסגעטריבן דעם דיבעק פֿון דעם נאַגידס טאָכטער, וואָס האָט זיך געהאַט פֿאַרקאָכט אין אַן אָרעמען יעשיוועבאָכער.

— אַנ־סקי איז דען געווען א קראַסנער?

— אַנסקי? וועלכער אַנסקי? רעב קאַלמען, — האָט מוישע־אַרן צוגע־רופֿן דעם פּאַסטעך, וואָס האָט פֿאַנאַנדערגעשאַרט מיטן בײַטש־שטעקל דאָס גראָז, — איר דאַרפֿט דאָך בעסער געדענקען. בא אונדז איז געווען אַן אַנסקי?

קאַלמען האָט זיך פֿאַרטראַכט:

— וואָס איז געווען זײַן טועכץ?

— א שרײַבער.

— א שרײַבער? — האָט דער שערער זיך א כאַפּ געטאָן. — רופֿט מען דאָך אים גאָר שיקע. שיקע דריז. נו, פֿאַרשטייט זיך, אַז ער איז אַן אונדז־זעריקער, א קראַסנער. ווער קען אים דאָ ניט? און אַרן סטרעלניק, דער קאָרעקטאָר פֿון די ייִדישע ביכער, אָט דער, וועלכער זעט, אַז ס׳זאָלן זיך ניט אַרײַנכאַפּן קיין גרײַזן, איז דאָך אויך א קראַסנער. האָט צײַט. קאָל־דוניע בא די מאָסקווער אַרטיסטן האָט איר געזען? ווייסט איר, ווער סע האָט דאָרט געשפּילט האַצמאַכן? אויך אונדזערער א קראַסנער. פֿאַר דער מילכאָמע, כאָטש קראַסנע איז שוין דעמלט ניט געווען די, וואָס אַמאָל, נאָר אַז סע פֿלעגט צו אונדז אַראָפּפֿאָרן א ייִדישער טעאַטער, איז דער קלוב געווען צו קליין. און איצט, אַז ס׳זאָלן קומען ייִדישע אַקטיאָרן, האָבן זיי ניט פֿאַר וועמען דאָ צו שפּילן. אָט איז דאָך, אייגנטלעך, דער גאַנצער אוילעם אונדזערער.

— סראָליק, צו וואָס מאַכן זיך אָרעמער ווי מע איז?

— סראָליק גוויר בלײַבט סראָליק גוויר. א ייִד א קאַמצן.

— נו, איז נאָך א האַלבער מיניען, — האָט דער שערער זיך אונטער־געגעבן.

— אַזוי זאָגט איר, — האָט זיך אַרײַנגעמישט די עלטערע פֿון די צוויי פֿרויען, — איך אַרבעט אָף דער פּאָטשט, ווייס איך בעסער פֿון אײַך דעם כעזשבן. איר זײַט דאָך, אייגנטלעך, שוין מער א וויניצער ווי א קראַס־נער. אָט נעמט אָף ציקאַווועסט א ריין בייגעלע פּאַפּיר, וועל איך אײַך באַלד מאַכן א פּינקטלעכן כעזשבן. מירן אָנהייבן פֿון אונדזער געסל. שרײַבט...

עפּשער א מאָל צען האָט סראָליק דער שערער אונטערגעפּירט א סאַ־כאַקל, און יעדעס מאָל האָט מען זיך דערמאָנט נאָך א פֿאַמיליע און נאָך א פֿאַמיליע. דערזען, אַז דאָס בייגעלע פּאַפּיר וועט ניט קלעקן, האָט סראָ־ליק א מאַך געטאָן:

— מישטיינסגעזאָגט, מישפּאָכעס. צוויי מענטשן הייסט בא זיי אויך א מישפּאָכע!

— אַפֿילע איין מענטש איז הײַנטיקע צײַטן אויך א מישפּאָכע, — האָט זיך אָפּגערופֿן דער שווײַגער, וואָס איז נאָך אַלץ געשטאַנען אָן א זײַט

אַנגעשפּאַרט, ווי א מעשולעך, אַף זײַן גראָבן דאָרפֿישן שטעקן. — אײַן מענטש איז אויך א מישפּאָכע, — האָט ער איבערגעכאַזערט און זיך גע־לאָזט גיין פּאַזע די טישלעך און שטעלעכלעך פֿונעם אויסגעליידיקטן מערקל.

ערשט איצט איז מוישע־אַרן אָנגעפֿלויגן אַפֿן שערער:

— כ'האָב גאָר ניט געוווּסט, אַז איר זענט אַזאַ צולאָכעסניק. אײַך איז גוט צו ריידן, אַז איר זיצט אין ווינִיצע און האָט זיך אונטער דער האַנט אַן אינסטיטוט, מיט א זאַוואָד, מיט א טעאַטער, אַלץ, וואָס א יונגער מענטש דאַרף.

— און ווער לאָזט אײַך ניט אַריבערפּאָרן אין שטאָט? איר זײַט, שײַנט מיר, מוישע־אַרן, שוין ניט אין די יאָרן, אַז דער קאָלווירט זאָל אײַך ניט וועלן אָפּלאָזן.

דאָ איז מוישע־אַרענען געקומען צוהילף קאַלמען דער פּאַסטעך, ער האָט זיך נאָך מער אַרופֿגעוואָרפֿן אַפֿן שערער.

— און פֿאַרוואָס פּאָרסטו ניט איבער אינגאַנצן אין שטאָט? זיצט אַף צוויי יאַרידן. באַטאָג א קראָסנער און באַנאַכט א ווינִיצער. האַ?

— קראָסנע, מײַן ליבער רעב קאַלמען, און וואָראָשילאָווקע, און זשמע־רינקע, און אַפֿילע נעמיראָוו זײַנען הײַנט, אויב איר ווילט וויסן, א מין פֿאַרשטאָט פֿון ווינִיצע, נו, אָט ווי באַיאַרקע, אַשטייגער, מיט קיִעוו. פֿאַר א קנאַפּער שאָ צײַט בין איך מיר מיטן אויטאָבוס אין ווינִיצע.

— כ'פֿאַרשטיי אָבער ניט דעם סייכל פֿון דעם, — איז קאַלמען פֿון אים ניט אָפּגעטראָטן, — אַז א וואָראָשילאָווקער, לעמאָשל, שלעפּט זיך יעדן טאָג קיין ווינִיצע, ווײַל אין דער היים האָט ער ניט די אַרבעט, וואָס ער וויל, פֿאַרשטיי איך נאָך.. אָבער שלעפּן זיך יעדן טאָג פֿון ווינִיצע אַהער... וואָסי, אין ווינִיצע זײַנען שוין פֿאַר דיר ניטאָ קיין פֿאַריקמאַ־כערסקעס?

—ניטאָ, רעב קאַלמען, ניטאָ. פֿון וואָס קען איך דאָרט מאַכן דעם פּלאַן, אַז א שטאָטישער מענטש לאָזט אַפֿילע קיין טראָפּן אָדעקאָלאָן אַף זיך ניט פֿאַלן, ער האָט פֿײַנט, זאָגט ער, ס'זאָל פֿון אים שמעקן בסאָמים. און דאָ מאַך איך מיר דעם פּלאַן שפּילנדיק. און כוץ אַלעם, וואָס שטערט מיר, אַז איך האָב א שטוב אין קראָסנע און די קינדער האָבן ווו צו פֿאַרברענ־גען זומער די קאַניקולן? קאַרג שטאָטישע מענטשן האָבן דאַטשעס? און זאָגן אײַך דעם עמעס? איך האָב מוירע, מוישע־אַרן, אַז ס'זאָל מיט מיר ניט טרעפֿן דאָס זעלבע, וואָס מיט אײַך אין קרים, איך זאָל ניט קאָנען גויווער זײַן אין זיך די בענקשאַפֿט. רעב קאַלמען, וווהין פֿליט איר? איר זײַט שוין בא מיר לאַנג ניט געזעסן אַפֿן טראָן. ביז דער ראַכניִער אויטאָ־בוס וועט קומען, וועל איך אײַך מאַכן יינגער אַף א צוואַנציק יאָר.

אוועקגעזעצט דעם פּאַסטעך אַפֿן שערערישן טראָן, האָט יאָסל דער שערער זיך אָנגערופֿן צו נאַכמענען:

— אָט דאָס צעטל נעמט מיט זיך. ס'קאָן אַמאָל צוניץ קומען. איר פֿאָרט דאָך, הער איך, אַרום איבער דער וועלט, איז טאָמער וועט זיך אײַך טרעפֿן א קראָסנער, זאָלט איר אים קאָנען איבערגעבן א גרוס פֿון זײַנע לאַנדס־לײַט.

...די צוויי פרויען האָבן ווירקלעך געקאָנט קלערן, דערזעענדיק, ווי נאכמען זעמער האָט זיך ווידעראמאָל פארהאלטן בא דעם גרויען הויז פונעם רעסטאָראנדל, אז ער איז אהער אראָפּגעקומען זוכן זײַן לאנג־פארגאנגענע יוגנט... ער קאָן אָבער פאָרט ניט פארבײַגיין דאָס דאָזיקע אָרט און זיך ניט אָפּשטעלן, כאָטש די שטוב, וואָס שטייט דאָ, איז ניט די, וואָס דעמלט, און דאָס ווײַבל מיטן ווײַסן מיצל אפן קאָפּ, וואָס דערלאנגט צום טיש, איז מיט גאָרניט ענלעך אף דער שלאנקער נינען מיט די טיפע טונקל־בלויע אויגן, געדיכטע שווארצע ברעמען, וואָס פלעגט ניט גיין, נאָר שוועבן... פרווו זיך ווערן, ווען דעם זיקאָרן באפאלט מיטאמאָל א בענקעניש און עס הייבט זיך אָן איבערמישן א בלעטל נאָך א בלעטל. דער זיקאָרן זײַנער האָט זיך דערפרייט, וואָס ענדלעך האָט זיך אָפּגעזוכט א שטעטל, ווו ער דארף אים ניט ארומפירן און ווײַזן, וואָס איז געווען דאָ, וואָס איז געווען דאָרט, ווי ער האָט עס מיט אים געטאָן אין די כאָ־רעווע שטעט און שטעטלעך פון זײַן נאָוועגאָדיקער קינדהײַט און יוגנט. זאָל עס זײַן, הייסט עס, א שטיקל טרייסט, אויב קיין גרעסערע איז ניטאָ, פאר דעם גרויסן טרויער, וואָס טרעט ניט אָפּ און וואָס וועט פון איין דאָר אריבער צום צווייטן...

ער זאָל זיך געווען איינגאנצן אונטערגעבן דעם אויסגעבענקטן זיקאָרן און זיך לאָזן פון אים פירן, וואָלט ער, מיסטאמע, זיך אראָפּגעלאָזט מיטן בערגל צום שאָסיי, ווו יונגע פּאָרלעך פלעגן אין אזא אָוונטיקער שאָ שוין לאנג ארומשפאצירן, און ניט פארקערעוועט אהער, אינעם שמאָלן געסל, ווו די הײַזלעך קוקן ארײַן איינער דעם אנדערן אין די שײַבלעך. קימאט אפן ראָג געסל האָט אים אָפּגעשטעלט דאָס שטעפּן פון א ניי־מאשין, באגלייט פון א דאָרפיש־צעצויגענעם, שטעטלש־דווייקעסדיקן ניגן.

אפאָנעם, זײַן נײַגעריקײַט האָט זיך צו שטארק געוואָרפן אין די אויגן, ווײַל די פרוי, וועלכע האָט זיך באוויזן אין אָפענעם פענצטער, האָט זיך צו אים געווענדט:

— איר זוכט דאָ עמעצן?

— ניין, גלאַט אזוי זיך אָפּגעשטעלט, — און קעדיי פאָרט זיך מיט עפּעס פארענטפערן, וואָס ער שטייט דאָ, געפרעגט: — קאָן מען בא אײַך קריגן א קאלטן טרונק וואסער?

— ביטע, מיטן שענסטן פארגעניגן. קומט ארײַן אין שטוב.

דאָס געזאנג צוזאמען מיטן שטעפּן פון דער ניי־מאשין האָט זיך איבערגעריסן.

אויסער דעם מאנצבל אינעם ווײַסן אויבערהעמד מיטן שווארצן שניפּס און אינעם העלן גאָרניטער, וואָס איז אף אים געלעגן ווי אויסגעגאָסן, איז אין צימער מער קיינער ניט געווען. דאָך האָט זיך עפּעס אלץ ניט גע־גלייבט, אז דאָס האָט ער געשטעפּט. מעגלעך, אז ס'איז דערפאר, וואָס אין א שטעטל האָט מען אין א געוויינלעך וואָכעדיקן טאָג געקאָנט זען יאָמ־טעווודיק געקליידט בלויז א דאָקטער. דער קירזשנער האָט, ווײַזט אויס, זעמערס פארכידעשטן בליק אויסגעטײַטשט אנדערש, אָן ערעך אזוי: וואָס, אשטייגער, זאָל עס באטײַטן, וואָס ער, א מענטש, בא וועמען דער טיש איז אין א וואָכעדיקן טאָג פארשפּרייט מיט אן אויסגענייטן פּליושענעם

טישטעך, זאָל אזוי שפּעט נאָך אַרבעטן? דאָס איז געווען געדרונגען דער־
פון, וואָס ער האָט זיך פאר אים באַלד פאַרענטפערט:

— איך האָב געגעבן איינעם א קאַלווירטניק דאָס וואָרט, אז מאָרגן גאַנצפרי וועט זײַן פאַרטיק דאָס היטל, איז מעג דונערן און בליצן. א וואָרט דאַרף זײַן א וואָרט. איך האָב אף מײַן לעבן קיינעם ניט אונטער־געפירט.

— שוין לאַנג, ווי איר פאַרנעמט זיך מיט קירזשנערײַ?

— פון קינדווײַז אָן. אנטקעגן וואָס, אַנטשולדיקט, פרעגט איר עס?

שעמט זיך ניט זעמער און זאָגט אים אין דער אָנוועזנהײַט פון זײַן פרוי, וועלכע האָט געבראַכט אף א שעלעכל א פאַרהויכטע גלאָז קאַלטע וואַסער, אז בא אים איז דאָס פּאָנעם ווי בא אן אַרטיסט און דער שטערן ווי בא א געלערנטן.

נאָכמען זעמערן איז שווער געווען זיך פאָרשטעלן, אז דער מענטש זאָל זײַן א קירזשנער, אויך דערפאר, ווײַל די שטעטלשע באַלמעלאָכעס האָבן זיך אים פאַרגעדענקט ווי מענטשן מיט פאַרדײַגעטע און פאַרזאָרגטע פּע־נעמער. דאָס איינציקע, וואָס קאָן אויסגעבן, אז ער געהערט צו די עמעס־דיקע שטעטלשע באַלמעלאָכעס, וועלכע זײַנען לעצטנס אזוי ארײַן אין דער מאָדע, אז ס'איז גאָר ניט צוצוטרעטן צו זיי, איז דאָס צוזינגען זיך בא דער אַרבעט א ניגן אָן ווערטער. זעמער זאָגט עס אים אויך און גיט דערבײַ צו, אז אין דער יוגנט האָט ער, קענטיק, דער קירזשנער, פאַרמאָגט א פײַן קאָל נעגינע.

— קראָסנע, — ענטפערט דער קירזשנער, — איז ביכלאַל געווען א נע־גינעסדיק שטעטל.

נאָכמענס בליק איז ווידער געפאַלן, ווי באַם ארײַנקומען אהער, אף די פאַרגרעסערטע פאָטאָגראַפיעס פון דרײַ באָכערים און א מיידל, וועלכע האָבן אראָפּגעקוקט פון דער וואַנט. אַלע דרײַ באָכערים זײַנען געווען אין פּילאָטקעס און מיט אָפּיצערישע פּאָגאָנעס.

— אײַערע? — האָט זעמער געפרעגט דעם קירזשנער.

— אָלעהאַשאָלעם, ווינד איז מיר, — און די פרוי, אף וועלכער ס'איז ווי צוויי טראָפּן וואַסער ענלעך דאָס מיידל מיט די שטילע שעמעוודיק אראָפּגעלאָזטע אויגן, האָט פאַרבראָכן די הענט.

— סימע...

— איך בין דאָך א מאַמע, יאַנקל. דאָס האַרץ, יאַנקל...

— סימע! — דער קירזשנער האָט אויסגעצויגן די האַנט צו די בילדער אף דער וואַנט. — איילע טוילדעס יאַנקעוו, אָט דאָס איז מיר פאַרבליבן פון מײַנע קינדער. די זין זײַנען אומגעקומען אף דער מילכאָמע, און די טאָכטער אין ווינ־יצער געטאָ.

מיט וואָס קאָן מען טרייסטן א טאַטן מיט א מאַמען, וואָס האָבן געהאַט דרײַ זין און א טאָכטער און ס'זײַנען פון זיי בלויז פאַרבליבן די ביל־דער — פיר בילדער אונטער גלאָז אײַנגעפאַסט אין רעמלעך? און אז נאָכ־מען וועט זיי דערציילן וועגן דעם באַיאָרטן קאַמענעצער ייִדן מיטן אָר־דענבענדל אף דער ברוסט, וואָס איז געקומען קיין פּאָגרעבישטשע זוכן אין די רעגיסטראַציע־ביכער פון זאַגס א זייכער פון זײַנע אומגעקומענע

קינדער, פון וועלכע עס זײַנען אים אפילו קיין בילדער ניט פארבליבן, און אז דער קאמענעצער האָט אין די ביכער ניט אָפּגעזוכט קיין שפור, אז ער איז געווען אמאָל א טאטע, — וועט עס פארן קירזשנער מיט זײַן ווײַב דען זײַן א טרייסט? „אויב דאָס איז דאָס גרעסטע, וואָס קאָן שוין דאָ קליין זײַן?“[1]

— סימע, גרייט צום טיש. ניין, ניין, מיר וועלן אײַך אזוי פון שטוב ניט ארויסלאָזן...

יאנקל דער קירזשנער איז ניט דער ערשטער און ניט דער איינציקער, וואָס זוכט צו פארגעסן זיך בײַ דער ארבעט, און ס'איז לאכלוטן געווען איבעריק צוטראכטן אָן ענטפער, לעמײַ זיצט ער אזוי שפעט בײַ דער מא־שין. ווען נאכמען האָט זיך אופגעהויבן פון טיש, האָט ער פארשטאנען, אז יאנקל האָט גאָרניט צוגעטראכט, אז אָט דער מענטש איז פון די, וועל־כע האָבן בײַס דער גרעסטער צאָרע ניט פארשטערט קיין יאָמטעוו, געפו־נען אין זיך קויעך אף צו זאָגן: הײַנט טאָר מען ניט טרויערן!

יאנקל דער קירזשנער, דאכט זיך זעמערן, טוט זיך אָן יאָמטעוודיק אײַנ־דערוואכן, ער זאָל קאָנען זאָגן אויך אנדערע דאָס זעלבע, וואָס ער זאָגט זיך: דער מענטש דארף זיך שטארקן.

די צוויי האלבע טירן פון דער שערערײַ זײַנען שוין געווען צוגעמאכט, ווען נאכמען זעמער איז ווידער געקומען צום מארק־פּלאַץ און פון דאָרט פארקערעוועט אין א געסל, וואָס האָט אים געבראכט צו פירן צו אָן ארומגעצאמטן הויף מיט א שילדל: „קאָלווירטישע מעכאנישע ווארשטאטן“. די לענגלעכע געבײַדע אין הויף, וואָס האָט ארויסגעקוקט מיט אירע הויכע פענצטער פון צווישן די רייען טראקטאָרן און קאָמבײַנען, האָט אים אויס־געוויזן ביז גאָר קענטלעך.

— אָט איצט טאקע זאָ איך, אז מייער „וועסאָוושטשיק“ האָט ניט גע־האָט אין אײַך קיין טאָעס, וויבאלד איר האָט דערקענט אונדזער אמאָליקן קלוב. איר געדענקט, וואָס פאר אן אוילעם עס פלעגט זיך אהער צונויפ־קומען?

זעמער האָט אים ניט גלײַך דערקענט, קאלמענען, ווען סראָליק דער שערער האָט געמאכט יינגער אף גאנצע צוואנציק יאָר און וואָס האָט דערצו נאָך באוויזן ארויפצוארפן פון זיך די פאסטעכישע בגאָדים.

— מייער באבירער, דער קאָלווירטישער „וועסאָוושטשיק“ אונדזערער, זוכט אײַך ארום. ער האָט מיך געבעטן זאָגן, איר זאָלט צו אים קומען נעכטיקן. ער וועט אף אײַך ווארטן. ער ווױנט אינעם זעלבן אײַנפאָר־הויז, לעבן מארק, אין וועלכן איר זײַט אמאָל אײַנגעשטאנען. נאָר אויב איר ווילט, קאָנט איר האלטן קווארטיר בײַ מיר. אָט דאָ אראָפּ ווױן איך. א דירע בײַ מיר — א פעלד, א וויהאָן. און פרעגט, צו וואָס האָב איך גע־קויפט אזא נאכלע, אז בעסאכאקל זײַנען מיר זאלבעצווייט. נאָר גיי מאך עפּעס, אז מײַנער האָט זיך פלוצעם פארגלוסט פראָסטאָר. עמעס, די שטוב האָב איך געקויפט פאר האלב אומזיסט. איצט וואָלט מען זי מיר פאר אזא מעקעך ניט אָפּגעגעבן, ווײַל פון זינט דער קאָלווירט האָט אָנגעהויבן צאָלן

---

[1] פון ד. האָפשטיינס א ליד.

פאַר דער אַרבעט מיט מעזומאָנים, איז צוריק געוואָרן אַ יאַקרעס אויף דיי־רעס. דער אוילעם האָט אופגעהערט אַרויספּאָרן.

— און ווו איז איצט בא אײַך דער שטעטלשער קלוב?

— צו וואָס דאַרף קראָסנע אַ שטעטלשן קלוב, אַז ס׳איז פאַראַן אַ קאָל־כאָזנער? ווען איר זײַט געגאַנגען פון דער סטאַנציע, האָט איר אים גע־דאַרפט זען. אַ פײַנער קלוב, זייער אַ פײַנער און אַ פּראָסטאָרנער. איר האָט, דאַכט זיך, געוואָלט, מע זאָל אײַך ווײַזן די קלויז, ווו דער צאַדיק האָט אַרויסגעטריבן דעם דיבעק פונעם מיידל. דאָס איז געווען שוין ניט פאַר מײַנע צײַטן און ניט פאַר מײַן טאַטנס צײַטן. נאָר דאָס בערגל בא דער קלויז, ווו מע האָט מעקאַבער געווען, ווי מע האָט דערציילט, דעם אָרעמ־באָכער מיטן מיידל, קאָן מען נאָך איצט זען. דאָרט טאַקע, בא דער קלויז, איז פאָרגעקומען די כאַסענע פונעם קראָסנער מיידל מיטן טיוראָווער באָכער. איך בין יענע נאַכט ניט געווען אין דער היים, איך האָב געלאָדן געהילץ אויף דער סטאַנציע. נאָר די, וואָס זײַנען דאָרט געווען, דער־ציילן...

אַז נאַכמען זעמער איז אַרויס פון קאַלמענס נאַכלע, וואָס איז די גרייס ווי אַ פעלד און שמעקט מיט פעלד, פונוואַנען קאַלמען מיט זײַן טומלדי־קער ייִדענע האָבן אים ניט אָפּגעלאָזט, ביז ער האָט זיי ניט געגעבן פאַר־דינען די מיצווע פון האַכנאָסעס־אָרכים און ניט אויסגעהערט די בריוו פון די אייניקלעך, וועלכע לערנען זיך אין די אינסטיטוטן, — איז אין דרויסן שוין געווען נאַכט, אַ כוישעך מיט די הענט אים מאַמעש אָנצוטאַפּן. קיין איין שטערנדל אין הימל. די עטלעכע בלייכע פײַערלעך אין די פענצטער האָבן צוגעהאָלפן דעם כוישעך אויסבאַהאַלטן דעם וועג. נאַכמען האָט עט־לעכע מאָל שוין צוגעמאַכט אויף אַ רעגע די אויגן, קעדיי צוגעוווינען זיי זען אין דער פינצטער. אָט דאָ ערגעץ דאַרף זײַן די קלויז, וועלכע קאַלמען האָט אים, פירנדיק צו זיך אַהיים, אָנגעוויזן. נאַכמען געפינט זי אָבער ניט. קערט ער זיך אום אַ שטיקל וועג צוריק, שטעלט זיך אָפּ לעבן יעדער שטוב.

אין דער פינצטערניש האָט ער דערפילט, ווי ס׳האָט גענומען מאַראַקען אַ רעגן, אַ שטיל, דריבנע רעגנדל, וואָס אָט גייט עס און אָט הערט עס אויף. פּלוצעם, ווען עס האָט שוין געהאַלטן באַם אָפּשטעלן זיך, איז אוועק אַ שלאַקסרעגן — דעם קאָפּ ניט אופצוהייבן. עס שמײַסט אין פּאָנעם און לאָזט ניט גיין.

און ווי ער איז אַזוי געשטאַנען און געזוכט ווו צו אויסבאַהאַלטן זיך פונעם רעגן, האָט אַ בליץ צעשניטן דעם הימל אַפּצווייען, אַרויסגעכאַפּט פונעם כוישעך דאָס דערבײַיִקע געסל מיט דער קלויז, און באַם בלענדנדיקן פלאַם פונעם בליץ האָט ער דערזען אַ כופּע — אַ בלוטיק־רויטן פּאָרהאַנג אויף שטאַנגען. אונטער דער כופּע, אָנגעטאָן אין אַ זייבער־ווײַס קלייד — אַ מיידל מיט טיפע טונקל־בלויע אויגן און אַ באָכער, וואָס טוט איר אָן אַ פינגערל. אַרום זיי דרייען זיך ייִדן אין ווײַסע קיטלען מיט ברענענדיקע ליכט אין די הענט... דער דונער, וואָס האָט זיך דורכגעקײַקלט איבעם הימל, האָט פאַרטויבט דאָס פידעלע און דאָס שויפער־בלאָזן פון די לייבן איבערן צעעפנטן אָרנקוידעש...

און ווידער האָט אַ בליץ צעשפּאָלטן דעם הימל און אַרויסגעכאַפּט פֿונעם כווישעך די קלויז. פֿון אַ הויכן פּאָטערשטול האָט זיך אויפֿגעהויבן דער מיראָפּאָלער צאַדיק און מיטן לאַנגן צויבער־שטעקן געגומען מאַכן אַרום לייען אַ קרײַז נאָך אַ קרײַז, און באַשווערן, אַז דער דיבעק זאָל פֿון איר אַרויס...

און נאָכדעם זײַנען בליצן באַפֿאַלן דעם טיוּוראָוווער שליאַך, מיט וועלכן עס איז באַם אויפֿגאַנג פֿון טאָג געגאַנגען אין זייער לעצטן וועג דאָס קראַסנער מיידל מיט איר באַשערטן...

דאָס רוישיקע וואַסער, וואָס איז געלאָפֿן פֿון די געסלעך און פֿאַרפֿלייצט דעם מאַרק־פּלאַץ, האָט אָפּגעשניטן דעם צוטריט צו דעם אײַנפּאָר־הויז, ווו ער איז אַמאָל אײַנגעשטאַנען און ווו ס'האָט אויף אים איצט געוואַרט דער פֿרײַערדיקער באַלעבאָס, דער קאָלווירטישער „וועסאָוושטשיק" מייער באַבירער. צו קאַלמענען דעם פּאַסטעך וועט ער זיך איצט אויך ניט דערקלײַבן, קוים וואָס ער שלעפּט אַרויס די פֿיס פֿון דער בלאָטע. און דער רעגן הערט ניט אויף איבערקערן אויף אים עמער וואַסער. האָט נאָכמען זעמער ניט לאַנג געטראַכט און אָנגעקלאַפּט אינעם שטיבל, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פֿון אַ דערבײַיִקן הויף מיט אַ בלייך באַלויכטן פֿענצטערל.

די פֿרוי מיט די ברילן אויפֿן שטערן, וואָס האָט אים געעפֿנט די טיר, איז צעטומלט אָפּגעטראָטן אויף צוריק און אַ פּליעסקע געטאָן מיט די הענט:

— גאָט ליבער, פֿונוואַנען גייט מען עס אין אַזאַ מאַבל?!

— הינדע, גיב דעם מענטשן עפּעס איבערטאָן. פֿרעגן וועסטו נאָכדעם. נעם מײַנע שטעקשיך, — האָט זיך געלאָזט הערן די געדיכטע שטים פֿונעם מאַנספּאַרשוין, וואָס איז געזעסן אויבנאָן באַם טיש, ווי אויף אַ העסעבעט, און ווי מוירע געהאַט זיך אַ הייב טאָן פֿון אָרט, ער זאָל, כאָלילע, ניט אַרויסשפּאַרן די סטעליע. דער יונגערמאַן, וועלכער איז געזעסן לעבן אים, איז, קענטיק, אַ זון. באַ אים איז אויך אַ פּירקאַנטיק אויסגעצויגענער קאָפּ און אַקסלען פֿון אַ טרעגער. אויפֿן טיש איז געשטאַנען אַן אָנגעהויבענע פֿלאַש בראַנפֿן.

— איר זײַט געקומען פּונקט צו דער צײַט. הינדל, גיב אונדז, אַבעט דיך, נאָך אַ קויסע, און מירן מאַכן קידעש. עפּשער אײַך אויך אָנגיסן אין אַ גלאָז, איר זאָלט זיך דערוואַרעמען? איז קידאַלטאָ ווערקידאַשטאָ, מע זאָל זײַן געזונט! — ער האָט זיך נאָר צוגערירט מיט די ליפּן, איז די גלאָז שוין געווען ליידיק. — נו, און איצט לאָמיר הערן, ווער זײַט איר און ווי־אַזוי האָט איר פֿאַרבלאָנדזשעט צו מיר... הערט נאָר הערט, וואָס זשע האָט איר גלײַך ניט געזאָגט, אַז איר זײַט עס דער, וואָס איז הײַנט אַראָפּגעקומען צו אונדז אין געסט? אויב אַזוי, איז גיט אהערצו, אַבעט אײַך, אײַער פֿינגערהוטל, און מירן נאָכאַמאָל מאַכן קידאַלטאָ ווערקידאַשטאָ.

— אוראָם, עפּשער וואָלט געווען גענוג קידאַלטעווען. און דו, שלוימע, לערנסט זיך שוין אויך פֿונעם טאַטן?

— ס'איז דאָך אַ פֿינגערהוט, מאַמע.

— דאָס עפּעלע פֿאַלט ניט ווײַט פֿונעם ביימעלע.

אוראָם האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון טיש — אַ דעמב פֿונעם יאַראָשענקער וואַלד האָט זיך גערירט פֿונעם אָרט.

— און מיט וואָס, הינדעלע מײַנע, איז עס דיר פּלוצעם אַזוי ניט געפעלן דאָסביימעלע, וואָס דו ווילסט ניט, דער זון זאָל פון אים אראָפּנעמען א מוסטער? אויב איך האָב ניט קיין טאָעס, האָט דאָס דאָזיקע ביימעלע קיינמאָל ניט געהאַט צו טאָן מיט קיין נעגידישע סעדער. פון קליינוויַיז אויף געווען א האָרעפּאָשניק. איַי, כ׳האָב פאַרדינט קוים וואַסער אַף קאַשע, אין די צײַט דאָך געווען אַזאַ.

און אוורהם האָט זיך געווענדט צו דעם אַרײַנגעקומענעם נאָכמען זעמערן:

— איר קוקט אָן אָט דאָס ביימעלע, האָט עס געהאַט צו טאָן מיט ערד, נאָך איידער ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די איבערוואַנדערונג. איך בין שוין דאַן געווען א קאָלווירטניק אין דערבײַיִקן דערפל, וואָס איז שוין איצט אויך קראָסנע. נאָך דער מילכאָמע איז זיך קראָסנע צעוואַקסן, ווי אַלע קאָלווירטן.

— אײַער קראַסנע איז שוין ניט קיין שטעטל, נאָר א קאָלווירט?

— און וואָס האָט איר געמיינט? נאָר אַז מע וויל, קען מען נאָך איצט אויך זאָגן, אַז ס׳א שטעטל, אָבער א דאָרפיש שטעטל. זאָלן אונדזערע ווײַבער טאַקע זײַן געזונט. דאָס האָט זי דאָך, מײַן הינדע, מיך דעמלט צוגערעדט, איך זאָל אופהערן קוסטאַרעווען בא די לעבערדיקע עמער מיט די קאַפּריזנע פּרימוסן און גיין הי אין קאָלווירט. באַשערט געווען בלײַבן לעבן. איך זאָל זי ניט געווען פאָלגן, וואָלט איך זיך דאָך געווען פאַרשריבן קיין כערסאָנשטשינע אָדער קיין קרים...

— אָדער קיין ביראָבידזשאַן, — האָט אונטערגעזאָגט דער זון.

— אהינצו, זעסטו, ניט. דעמלט האָט עס מיר אויסגעוויזן צו ווײַטלעך פון דער היים. נאָר גיי זײַ א נאָווי און טרעף, ווו עס וואַרט אַף דיר דײַן גורל. ווער וואָלט זיך עס געלאָזט קיין קרים און כערסאָן, כאָטש געלעבט האָט זיך דאָרט דעם אוילעם, ווי מע האָט געשריבן, אַז בעסער קאָן שוין גאָר ניט געמאָלט זײַן. דער סאָף אָבער פון דעם... האַלעוויַי וואָלטן דעמלט אַלע געפאָרן קיין ביראָבידזשאַן, וואָלט מען ניט אַרײַנגעפאַלן צו היטלערן אין די הענט.

— וואָס איז איצט פאַראַן צו ריידן וועגן דעם? — האָט הינדע אראָפּגענומען די ברילן. — פאַרשטייט זיך, מע זאָל געווען וויסן...

— ע, ווען מע זאָל געווען וויסן... — אוורהם האָט אָפּגערוקט פון זיך די פלאַש, — צופוס וואָלט מען אהין געגאַנגען, איך דער ערשטער, ווײַל דאָס, וואָס מיר זײַנען פאַר די דרײַ יאָר מילכאָמע דאָ אויסגעשטאַנען... און אונדז האַלט מען נאָך פאַר די גליקלעכע, און מיר זײַנען דאָך טאַקע גליקלעכע, אַז מיר זײַנען אַרויס מיטן לעבן פון אַזאַ פײַער...

דער רעגן איז שוין געגאַנגען שטילער, נאָר דער כווישעך אַף יענער זײַט פענצטער איז נאָך אַלץ געווען אַזאַ, וואָס לאָזט זיך אָנטאַפּן מיט די הענט.

— פונדעסטוועגן איז קראָסנע נאָך איצט אויך א לעבעדיק שטעטל, איאָ? — האָט הינדע געפרעגט. — אָבער ניט דאָס, וואָס אַמאָל. ס׳פילט זיך, אַז ס׳איז א דאָרפיש שטעטל, איאָ?

איז אווראָם פאַרלאָפן דעם וועג, ווי ער זאָל מוירע האָבן, אז נאכמען קאָן ענטפערן הינדען ניט אזוי ווי מע דאַרף.

— וואָדען, סע פילט זיך ניט? כ׳ווייס ניט, צי ס׳וועלן זיך בא אונדז איצט אָנקלײַבן א צענדליק באלמעלאָכעס. דער איבעריקער אוילעם איז אָדער אויסגעדינטע פענסיאָנערן, אָדער קאָלווירטניקעס. דער איז א טראַקטאָריסט, יענער א מעכאַניקער, א שמיד, א שאָרניק... אַרבעט קלעקט פאַר יעדן, און האַלעוואַי אַף ווײַטער ניט ערגער. קיין דרײַערל אַף שאַבעס דאַרף מען ניט גיין אנטלײַען.

— ווי סע שרײַבט זיך בא שאָלעם־אַלייכעמען, — האָט צוגעגעבן דער זון, אָנווײַזנדיק אַפן דערבײַליגנדיקן אָפענעם ביכל, פון וועלכן הינדע האָט, אפּאָנעם, געהאַט זיי פאַרגעלייענט אַף א קאָל. די ברילן, וועלכע זי האָט בא זײַן אַרײַנקומען אהער אויסגעטאָן און אוועקגעלייגט אַפן ביכל, האָבן געגעבן זעמערן א סמאַך אזוי צו קלערן.

— איין זאַך נאָר, — האָט אווראָם פאַרגעזעצט, — עס בענקט זיך נאָך די קינדער. קוים וואָס מע דערוואַרט זיך דעם זומער, די קינדער מיט די אייניקלעך זאָלן זיך צונויפפאָרן. די וואָך האָב איך אַרויסבאַגלייט פונדאַנען די טאָכטער מיט דרײַ קינדערלעך קיין סווערדלאָווסק. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די לימודים אין שול. און דאָס איז דער ייִנגערער זון אונדזערער. ער וווינט ניט אזוי ווײַט, אין זשיטאָמיר. אים מיטן ווײַב גיט דער זאַוואָד נאָך דערווײַל ניט קיין אורלויב. דאָס איז ער געקומען אָפּנעמען די קינדער, וואָס האָבן דעם זומער פאַרבראַכט בא אונדז. זומער איז דאָס שטעטל פול מיט קליינוואַרג. הערט איר, ניטאָ קיין גרעסערע פרייד און קיין גרעסערע טרייסט אַף דער עלטער ווי אייניקלעך. זיי, די אייניקלעך, וועלן נאָך וויסן, וואָס איז אזוינס א ייִדיש שטעטל. נאָר צי וועלן זייערע אייניקלעך וויסן, וואָס איז אזוינס א שטעטל, — אין דעם, זעט איר, סאָפּעק איך שוין.

— צו יענער צײַט, טאַטע, וועלן שוין אזעלכע שטעטלעך, ווי קראָסנע, ניט זײַן.

— און אַוועלכע וועלן זײַן?

— אזעלכע, ווי זשיטאָמיר.

— ווי זשיטאָמיר? — האָט נאכמען זעמער פאַרוווּנדערט איבערגעפרעגט, כאָטש ער הערט עס שוין ניט ס׳ערשטע מאָל.

— יאָ, אזעלכע, ווי זשיטאָמיר, ווי כמעלניצקי, ווי וויניצע, ווי ביכלאַל די שטעט, וועלכע האָבן אַרום זיך שטעטלעך. וואָס איז אזוינס זשיטאָמיר? א שטאָט, וואָס איז ווי צונויפגעשטעלט פון עטלעכע שטעטלעך. די גאַס, אַשטייגער, ווו איך וווין, באַשטייט פון א שטיקל טשערניכאָוו, פון א שטיקל רוזשין, פון א שטיקל בראַצלאַוו... אפילע אינמיטן שטאָט קאָנט איר באַגעגענען א גאַס, ווו די הײַזער שטייען זומער, ווי אין די שטעטלעך, מיט אָפענע טירן און פענצטער, וואָס זײַנען פאַרהאַנגען מיט א מאַרליע. אין יעדער שטוב איז איצט פאַראַן גאַז, נאָר אײַנגעמאַכטס פרעגלט מען סײַ־ווי אַף א טרינישקע אין הויף. קומט אָוונט, נעמען זיך צונויף רעדלעך בא די שטיבער און מע רעדט וועגן דער היים, פונוואַנען מע

איז. איר זאָלט הערן, מיט וואָס פאַר א בענקשאַפט מע דערמאָנט דאָס שטעטל.

איז אָט פאַרוואָס דער דעראַזשנער אײַנבינדער סענדער האָט אים געיי־צעט זיך אַראָפּכאַפּן קיין כמעלניצקי, אויב ער וויל אַפּאַנעמעסן אָנקוקן א הײַנטצײַטיק שטעטל! איצט אָבער, ווען נאָכמען זעמער ווייסט שוין, אַז דאָס עכטע הײַנטצײַטיקע שטעטל קאָן מען אויך זען אין וויניצע, אין זשיטאָמיר, קאַמענעץ־פּאָדאָלסק, פּאָלטאַווע און אין פיל אַנדערע שטעט, ווו ער איז געווען, מעג ער דאָך שוין געוויס זאָגן, אַז ער האָט געזען דאָס הײַנטצײַטיקע שטעטל. קראַסנע איז פאַר אים אויך אַן עכט הײַנטצײַטיק שטעטל, כאָטש ס'איז שוין א דאָרפישס.

— דאַכט מיר, דער רעגן האָט שוין אינגאַנצן אויפגעהערט, און מע וועט מאָרגן קאָנען הייבן דעם זיאב.

אוראָם האָט אויפגעעפנט דאָס פענצטער. צוזאַמען מיט דער פרישער באַנאַכטיקער קילקײַט האָט זיך אַרײַנגעריסן אין שטוב דער אָטעם פונעם היימישן יאַראָשענקער וואַלד און פונעם היימישן אויפגעאַקערטן פעלד.

# ליכט

## א

שוין לאנג האָט זיך אזוי ניט געטומלט אין דאָרף, ווי אינעם טאָג, ווען מע האָט ארויסגעהאנגען דאָס צעטל פון ביכער, וועלכע מע וועט קאָנען קויפן, אויב פאר יעדער בוך וועט מען צושטעלן צוואנציק קילאָגראם פאפיר־מאקולאטור: צײַטונגען, זשורנאלן, אויסגעשריבענע העפטן, בראָשורן, פארעלטערטע פלאקאטן און אזוי ווײַטער. אין דעם צעטל זײַנען געווען אויסגערעכנט אלץ אזעלכע ביכער, וואָס דערווײַל זײַנען זיי נאָך ניטאָ פרײַ אין פארקויף, ווי אווטאָמאָבילן, אשטייגער, צי ווי מיט יאָרן צוריק אײַז־קאסטנס. ווי נאָר ס'האָט זיך באוויזן דאָס צעטל, האָבן קימאט אלע קינדער פונעם דאָרף זיך פארזאמלט בא דער קלייט, כאָטש מע האָט געוווּסט, אז פארקויפן די ביכער וועט מען ערשט אָנהייבן מאָרגן, מעגלעך אפילע, אז איבערמאָרגן. בלויז אנטאָשען, מיטראָפאן דעם בריוטרעגערס יינגל, האָט מען ניט געזען בא דער קלייט. אנטאָשע סאַוועליעוו פונעם זעקסטן קלאס איז אין אָט די אינדערפריִעדיקע שאָען געווען אין פעלד — צוגעהאָלפן דעם עלטערן ברודער אפן קאָמבײַן, און פון קיין זאך ניט געוווּסט.

ווען אנטאָשע האָט ווײַט נאָך האלבן טאָג זיך אומגעקערט פון סטעפּ, איז אין דאָרף שוין ניט געווען די שטוב, וווּ עס זאָל געווען בלײַבן א זייכער פון פאפיר: אויסגערייניקט וווּ נאָר א ווינקל. און אז ס'איז שוין ניט געווען מער וואָס צו זוכן, האָט מען אף די בעזמענס, ווי אף אפּטייקערשע וואָגשאָלן, געוויגן און איבערגעוויגן דאָס אָנגעזאמלטע פאפיר. בא איינעם האָט זיך באקומען עטוואָס מער פון צוואנציק קילאָגראם, בא א צווייטן עטוואָס ווייניקער, בא א דריטן שוין גאָר ווייניק — ס'וועט קוים קלעקן אף א האלבן בוך.

אזויווי אף קיין צוויי ביכער האָט זיך בא קיינעם ניט אָנגעקליבן, און דאָס צעטל, ווי ס'האָט פארזיכערט דער פארוואלטער פונעם אופנאם־פונקט, טערענטי ניקאָלײַעוויטש וואָלגין, האָט מען ארויסגעהאנגען ניט אף איין טאָג און ניט אף איין כוידעש, נאָר, ווי ער האָט געהערט זאָגן, אף א גאנץ לענגערער צײַט, האָבן די קינדער, נאָכדעם ווי מע האָט אָפּגעטומלט א האלבן טאָג בא דער קלייט, זיך ענדלעך דערעדט צווישן זיך, אז דער, וואָס האָט מער ווי אף איין בוך, זאָל אויסלײַען יענעם, וועמען עס פעלט אויס צו דער וואָג.

באַ קיינעם אָבער האָט ניט אויסגעפּעלט אַזויפיל צו דער וואָג, ווי באַ אַנטאָשען, און דאָס איז שוין געווען אינגאַנצן אומדערוואַרט, וואָרעם ווער נאָך האָט אין דאַרף אַזוי צו טאָן מיט צײַטונגען און זשורנאַלן, ווי אַ בריוווטרעגער? ווען עמען האָט געקאָנט קומען אָפּן זינען, אַז מיטראָפאַן פּעטראָוויטש סאַווועליעוו, באַ וועמען מע קאָן זיך דערוויסן, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט, פרי̇ער און גענויער, ווי באַ עמעצן אַן אַנדערן אין דאַרף, זאָל ניט אויסשרײַבן פאַר זיך קיין איין צײַטונג אַפילו, און אַז די אַלע נײַס, וועלכע ער דערציילט איבער, דערוויסט ער זיך פון די צײַ־טונגען און זשורנאַלן, וואָס אַנדערע שרײַבן אויס? ער דאַרף זיי גאָר צו־ליב דעם איבעריקס באַ זיך ניט פאַרהאַלטן. ער באַווײַזט זיי דורכלייענען אויף דער פּאָסט.

אויסער דעם, וואָס באַ אַנטאָשען, נאָכדעם ווי ער האָט דורכגעגנישטערט די גאַנצע שטוב, האָט זיך אָנגעקליבן פּאַפּיר ניט מער ווי אויף אַ דריטל בוך, האָט ער נאָך דערצו שוין ניט געהאַט באַ וועמען צו לײַען. די איינ־ציקע האָפענונג זײַנע איז איצט געווען אויפן פּאָטער. מאָרגן וועט ער שוין ניט גיין מיטן ברודער אין פעלד, ער וועט פאָרן מיטן טאַטן אויף דער פּאָסט, וואָס געפינט זיך אינעם גרויסן ווײַטלעכן דאַרף. דער טאַטע האָט אים שוין אַ פּאָר מאָל געהאַט מיטגענומען מיט זיך אַהין. וויפל צײַטונגען מיט זשור־נאַלן האָט ער דאָרט דעמלט געזען אויף די פּאָליצעס, אויף די טישן, אונטער די טישן, און וווּ ניט!

— האָסט ניט וואָס צו שלעפּן זיך מיט מיר אין אַזאַ היץ אויף דער פּאָסט, — האָט דער אונטערהינקעדיקער מיטראָפאַן פּעטראָוויטש אײַנגעע־טײַנעט מיט זײַן באָכערל, — מיינסט, מיסטאָמע, אַז דאָרט האָט מען ניט אַרויסגעהאַנגען אַזאַ צעטל, און קיינער ווייסט נאָך דאָרט פון גאָרניט? מע ווייסט, מעגסט זײַן רויק. אויב אויף דער פּאָסט האָט זיך פאַרוואַלגערט ער־געץ אַ שטיקל פּאַפּיר, האָט מען עס שוין לאַנג אויסגעכאַפּט. — אַ ביסל שולדיק איז ער, פאַרשטייט זיך, אין דעם, וואָס זײַן אַנטאָשע האָט ניט אָנגעקליבן אַפילו אויף קיין האַלבן בוך. — וועסט האָבן, וועסט האָבן אויף אַ ביכל, — באַרויקט ער דאָס באָכערל זײַנס, — מיט ליידיקן וועל איך ניט קומען. וויבאַלד איך זאָג, מעגסטו זײַן זיכער. איך פאַרשטיי נאָר ניט, וואָס איז עס מיטאַמאָל געוואָרן אַזאַ אויסכאַפּעניש אויף ביכער! — דאָס האָט מיטראָ־פאַן פּעטראָוויטש זיך שוין געווענדט צו דעם עלטערן זון, וואָס איז פונקט אונטערגעקומען. — אַנומלטן בין איך געווען אין ראַיאָן. האָסטו געדאַרפט זען, וואָס עס האָט זיך דאָרט אָפּגעטאָן באַ דער קראָם. ס'איז אָנגעקומען עפּעס אַ ביכל, איך געדענק ניט ווי סע הייסט. נו, נו. מע האָט דאָך שיר די קראָם ניט צעטראָגן. דו דאַרפסט מיר ניט דערציילן, פאַרוואָס האָט מען אײַנגעפּירט, אַז מע זאָל צושטעלן צו צוואַנציק קילאָגראַם פּאַפּיר פאַר איטלעך ביכל, וואָס אין צעטל. איך פאַרשטיי אַליין עס גאַנץ גוט. ס'איז אַ פּאַשעטער סייכל. נו, טאַקע, צו וואָס זאָל מען אַרויסוואַרפן אָפּן מיסט וואַגאָנען פּאַפּיר, אויב מע קאָן עס איבעראַרבעטן און האָבן דערפון אַ נוץ. איך פאַרשטיי נאָר ניט, וואָס איז עס מיטאַמאָל געוואָרן אַזאַ יאָגעניש נאָך אָט די ביכער? וואָס, דו קענסט שוין טאַקע ניט אויסקומען אָן זיי? — האָט סאַווועליעוו זיך ווידער געווענדט צום ייִנגערן. — כ'האָב דאָך דיר,

דאכט זיך, געזאָגט, אז כ׳וועל מיט ליידיקע הענט ניט קומען. האָסט ניט וואָס צו שלעפּן זיך מיט מיר מאָרגן אָף דער פּאָסט.

און מיטראָפאַן פּעטראָוויטש איז אָף מאָרגן טאַקע ניט געקומען פֿון דער פּאָסט מיט ליידיקן. נאָר וויפֿל אַנטאָשע האָט ניט געוויגן און אי־בערגעוויגן די אָנגעזאַמלטע צײַטונגען, האָט זיך בא אים סײַווי מער ווי אָף א האַלבן בוך ניט באַקומען, און ער האָט ניט וואָס צו גיין זיך שטעלן אין דער ריי צו דעם גוואַרדייעץ, ווי מע האָט גערופן דאָ אין דאָרף דעם פאַרוואַלטער פֿונעם אופּנאַם־פּונקט טערענטי ניקאַלײַעוויטש וואַלגינען. גע־רופן האָט מען אים אזוי ניט פאַר זײַן שטאַלט און אויך ניט פאַר זײַן הויכן וווּקס. וואַלגין איז געווען דער איינציקער צווישן די געוועזענע פראָנטאָ־וויקעס אין קאָלווירט, וואָס האָט ביז איצט נאָך ניט אויסגעטאָן דעם גוואַרדייִישן צייכן, גלײַך ער וואָלט בא אים געשטאַנען העכער פֿון אַלע אָרדענס און מעדאַלן, וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך פֿון פראָנט און וועלכע ער טוט אָן בלויז אין א יאָמטעוו.

דערזען דורכן פענצטער די לאַנגע ריי, האָט אַנטאָשע א קלער געטאָן, אז ווען ער זאָל זיך נעכטן געווען דערוויסן וועגן דעם, נו, כאָטש אָף איין שאָ פריִער, אפילו אָף א האַלבער שאָ פריִער, ווי מע האָט אַרויסגע־האַנגען דאָס צעטל, וואָלט ער אויך נאָך געקאָנט באַווײַזן אָנקלײַבן א זאַק מיט אַלטע צײַטונגען און זשורנאַלן. איצט וועט די שול זיי שוין מער ניט שיקן פאַרגרייטן מאַקולאַטור. די זעלבע קאָלווירטניקעס, וואָס האָבן קיינ־מאָל ניט אַרויסגעלאָזט מיט ליידיקע הענט די שילער, ווען זיי פלעגן זיך געבן א צעשאָט איבערן דאָרף קלײַבן מעטאַל־ברוכוואַרג און אויסגענוצט פאַפּיר, וועלן איצט זיי באַגעגענען מיט פאַנאַנדערגעפּירטע הענט.

— איז וויפֿל, זאָגסטו, פעלט דיר נאָך אויס צו דער וואָג? — האָט מיטראָפאַן געפרעגט דעם זון, וואָס איז געשטאַנען אָן אומעטיק־פאַרטראַכטער באַם פענצטער און אַרויסגעקוקט צו דער טומלדיקער גאַס. — נאָך גאַנצע צען מיט א האַלבן קילאָגראַם? הי־פּשלעך א ביסל. פאַר איין טאָג מאַכט זיך עס ניט. ס׳קאָן אָמאָל געדויערן א וואָך, און צוויי, און דרײַ אויך.

— אין דרײַ וואָכן אַרום וועט שוין ניט זײַן וואָס צו קויפן. מע וועט אויסכאַפּן די בעסטע ביכער.

— און נאָך וואָס פאַר א ביכל יאָגסטו זיך עס אזוי?

— נאָך דער „קיניגן מאַרגאָ“.

— הם־הם... נאָך דער „קיניגן מאַרגאָ“, זאָגסטו. הם־הם... — מיטראָפאַן האָט א שמייכל געטאָן אין דער האַלב־גראָוער באָרד און אוועקגעהונקען פאַנאַנדערטראָגן די פּאָסט.

פאַרבײַגייענדיק די טומלדיקע ריי, האָט ער שטײַפער צוגעדריקט צו זיך דעם אָנגעפּאַקטן לעדערנעם בײַטל, ווי ער זאָל מוירע האָבן, מע זאָל בא אים ניט אָפּנעמען די צײַטונגען מיט די זשורנאַלן, וועלכע ער גייט פאַנאַנדערטראָגן. קיין עלטערע מענטשן אין דער ריי האָט ער קימאַט ניט באַגעגנט. די עטלעכע עלטערע לײַט, וואָס ער האָט דאָ געזען, זײַנען פּונקט ווי ער געשטאַנען בא דער זײַט און זיך צוגעקוקט צו די פילדערנדיקע קינדער, וואָס זײַנען ניט אָפּגעטראָטן פֿון זייערע פּעק.

די לאַנגע טומלדיקע ריי האָט אים דערמאָנט אין די רייען נאָך א שטיקל ציץ אין די ערשטע יאָרן נאָך דער מילכאָמע. ווי נאָר ער האָט דערמאָנט אַף א קאָל יענע פארגאנגענע צײַט, אין מען אים גלײַך ארײַנגעפאלן אין די רייד:

— אָט דאָס הייסט בא אײַך א ריי? אין שטאָט, דערציילט מען, שטעלן זיך אויס רייען צו די אופנאם־פונקטן נאָך קאיאַר, אנדערש וועט מען ניט באוויַזן אָפּגעבן דאָס פּאפּיר. עפּעס געדענקט זיך ניט, אז אפילע נאָך ברויט זאָלן אמאָל געווען זיַן אזעלכע רייען און מע זאָל דארפן אזוי לאנג אָפּשטיין.

— צײַטן בײַטן זיך, — מישט זיך ארײַן א יונגע שטים.

— צײַטן בײַטן זיך טאקע, נאָר מעשוגע דארף מען דאָך ניט ווערן, — ענטפערט יענעם אָפּ דער בריווטרעגער, — וואָסי? מע קאָן שוין ניט אויס־קומען אָן דער קיניגן... נו, ווי הייסט זי דאָרט...

— מארגאָ. „די קיניגן מארגאָ".

דאָס מיידעלע מיטן בּרייטלעכן נעזל, וואָס האָט עס אים אונטערגעזאָגט, איז געזעסן רײַטנדיק אַף א הויכן פּאק פּאפּיר און פריילעך געהוידעט מיט די פיסלעך. קיין וועגעלע, ווי בא א סאך אנדערע קינדער, איז לעבן איר ניט געשטאנען. וויאזוי זשע רוקט זי איבער אזא הויכן פּאק? — האָט מיטראָ־פאן א קלער געטאָן. — עמעצער פון די עלטערע טוט עס, צי די קינדער אליין העלפן איינס דעם אנדערן? גיכער פון אלץ איז עס, מיסטאמע, אזוי, ווײַל ווער פון די עלטערע האָט עס צײַט אָפּשטיין דאָ א טאָג?

מיטראָפאן פעטראָוויטש, וואָס האָט אריבערגעוואָרפן דעם שווערן אָנ־געפּאקטן בײַטל פון דער ברוסט צוריק אַפן רוקן און זיך שוין געלאָזט גיין, האָט אומגעריכט דערזען זיך אומדרייען בא דער ריי זײַן מיזינקע, אנקען. ער האָט זי א רוף געטאָן מיטן פינגער:

— און וואָס, אשטייגער, טוסטו דאָ?

— איך זוך מאקולאטור.

— וואָס, זאָגסטו, זוכסטו? — האָט ער זי פארוווּנדערט איבערגעפרעגט.

— איך זוך מיט וועמען זיך צו בײַטן.

— און וואָס, אשטייגער, בײַטסטו?

אנקע האָט ווי ארויסגעזוּנגען:

— אָט די פילפעדער בײַט איך, גיב זי אַף פּאר צען מיט א האלבן קי־לאָגראם פּאפּיר.

— און מיט וואָס וועסטו אליין דערנאָך שרײַבן?

— סײַווי קאָן איך מיט איר ניט שרײַבן. איז ווער בײַט זיך מיט מיר?! — האָט זי זינגעוודיק אויסגעשריִען און זיך געלאָזט גיין לענגויס דער ריי, באוויַזנדיק איטלעכן די שיינע פּערלמוטערנע פילפעדער.

ווי ער האָט ניט געײַלט, דער היפּש באיאָרטער שוין, נאָר גאנץ קרעפּ־טיקער פּארוואלטער פונעם אופנאם־פונקט טערענטי ניקאָלײַעוויטש וואָל־גין, האָט ער פּאָרט ניט באוויזן צונעמען בא אלעמען די געבראכטע פּעק. פאריבל האָבן אַף אים האָט קיינער ניט געקאָנט. ער האָט ניט איין מאָל געוואָרנט, אז ער וועט ניט באוויַזן פאר איין טאָג צונעמען אזויפיל פּאַ־פּיר, ביפראט אז אין שפּײַכלער, וואָס דער קאָלווירט האָט צוליב דעם אויס־

געטיילט, ווען סײַדן נישט קלעקן קײן אָרט פֿאַרן פּאַפּיר. וואָרענענדיק וועגן דעם, האָט ער דערבײַ ניט איין מאָל אויסגערעדט די קינדער, לעמײַ מע איז געקומען אַלע מיטאַמאָל:

— כ׳האָב, דאַכט מיר, קלאָר און דײַטלעך געזאָגט, אַז דאָס צעטל איז ארויסגעהאנגען ניט אף איין טאָג און ניט אף איין כוידעש. איר וואָלט גאָרניט אָנגעוואָרן, אויב איר זאָלט קומען אפילע אין דרײַ כאַדאָשים ארום. וואָס איז אַזוי דאָס יאָגעניש? אויסער דעם, האָב איך שוין באַלד ניט וווּ צו לייגן די מאַקולאַטור. איר זעט? — דער שפּײַכלער איז שוין קימאַט ביז דער סטעליע געוועזן פֿאַרוואַלגערט מיט די אָנגעשלעפּטע פּעק פּאַפּיר. — אויב מע וועט מיר מאָרגן ניט געבן קײן מאַשין אף ארויסצופירן עס, איז האָט איר ניט, קינדער, וואָס צו שטעלן זיך מאָרגן אין דער ריי.

די אַלע וואָרענישן, וועלכע וואָלגין האָט ניט פֿאַרגעסן איבערכאַזערן באַם צושליסן דעם שפּײַכלער, האָבן אַלצײַנס צו גאָרנישט ניט געבראַכט. אף מאָרגן, ס׳האָט נאָר אָנגעהויבן שאַריַען, איז באַם שפּײַכלער שוין ווי־ דער געשטאַנען א ריי שיר ניט אזא ווי נעכטן.

— אוי, ווייסט, וואָס כ׳האָב זיך דערמאָנט? — האָט אַנקע, אופּראַמענדיק אין שטוב, זיך אָנגערופן צו אַנטאָשען, וואָס האָט זיך געײַלט גײן צום ברו־ דער אין פּעלד. ס׳איז שוין געוועזן ניט פרי. דער טאַטע איז פֿון לאַנג שוין געוועזן אף דער פּאָסט, די מאַמע אף דער פֿערמע. — געדענקסט, אַנטאָשע, מײַן אַלגעמײנעם העפט?

— וועלכן העפט?

— וואָס דו האָסט פֿאַרוואָרפֿן אַפֿן בוידעם, ווען מיר האָבן זיך מיט דיר אַנומלטן צעקריגט. כ׳האָב אים דאָרט נאָכדעם געזוכט, נאָר ניט געקאָנט געפֿינען. אַפֿן בוידעם באַ אונדז איז אַזוי אָנגעוואַלגערט, אַז מע קאָן קײן טראָט ניט מאַכן. און דער העפט איז א שווערער, וועגט עפּשער צוויי קילאָ.

— נו יאָ, צוויי קילאָ. קײן האַלבע קילאָ, מיסטאַמע, אויך ניט. — ער האָט א קוק געטאָן אַפֿן איבערגעבונדענעם פּעקל צײַטונגען, וואָס ליגט דעם דריטן טאָג דאָ אין ווינקל, ווי אף א לעבעדיק וועזן, וואָס וואַרט אף זײַן הילף, און זיך א לאָז געטאָן צו דער שטאַל, ווו אַלץ, אַפֿילע דער לייטער, האָט פֿאַרהיט אין זיך פֿון די ווײַטע יאָרן, ווען מע האָט נאָך גע־ האַלטן אייגענע בעהײמעס, דעם אויסגעמישטן רייעך פֿון ווײַניקן היי און זיסלעכער מילך.

האַסטיק, גלײַך ער זאָל מוירע האָבן, אַז עמעצער קאָן אים פֿאַרלויפֿן דעם וועג, איז אַנטאָשע, איבערהיפּערנדיק די טרעפּלעך פֿונעם גרויען, ווי מאַקוכע, איבערגעטריקנטן לייטער, ארופֿגעקראָכן אַפֿן בוידעם.

פֿאַר דער צײַט, וואָס זיי ווױנען אינעם דאָזיקן דאָרף, וווּהין זײַנע על־ טערן האָבן אין עטלעכע יאָר ארום נאָך דער מילכאָמע צוזאַמען מיט פֿיל אַנדערע מישפּאָכעס איבערגעוואַנדערט אַהער פֿון דער וואָלגע, האָט דער קאָלווירט זיי שוין דרײַ מאָל געביטן די דירעס. פֿונדאַנען, זאָגט דער טאַטע, וועלן זיי זיך שוין אין ערגעץ ניט אריבערקלײַבן. אַנטאָשען איז אויך געפֿעלן אָט די גרויסע געראַמע שטוב מיטן ברייטן אויוון. דאָס, וואָס די שטוב איז שטאַרק אַן אַלטע און אין א ווינטיקן טאָג זיפֿט זיך פֿון דער סטעליע זאַמד מיט קאַלך, מאַכט זיי ניט אויס. פֿאָרט בעסער, ווי וווּינען

אין די פיר־ און פינפשטאָקיקע הײַזער, וועלכע מע האָט אָנגעבויט אף דער אנטקעגנדיקער גאַס. זיי זאָלן וועלן, וואָלטן זיי זיך אויך געקאָנט ארײַנציִען אהין. דער טאַטע זײַנער וואָלט נאָך עפּשער אײַנגעגאַנגען אף דעם, וויל אָבער די מאַמע דערפון ניט הערן. זי וווינט אין דאָרף און ניט אין שטאָט. וואָס איז מען עס פאר א קאָלווירטניק, אויב מע האָט ניט קיין שטעלכל פאר די אויפעס, קיין גערטנדל בא דער שטוב, קיין שטיקל קעלער? דאָס איינציקע, מיט וואָס עס קאָנען זיך אויספּײַנען קעגן זיי די, וואָס וווינען אין די פיר־ און פינפשטאָקיקע הײַזער, זײַנען די באַלקאָנען. האָבן זיי אָבער דערפאר ניט קיין בוידעמער, און נאָך אזא גרויסן בוידעם, ווי די דאָזיקע שטוב האָט. פונעם פענצטערל אונטערן דאַך זעט זיך אויך דאָס גאַנצע דאָרף מיט אלע הײַזער, פעלדער און גערטענער. אין א לויטערן באַגינען קאָן מען פונדאַנען אפילע זען די ווײַטע בלוילעך־פארנעפּלטע בערג, פון הינטער וועלכע עס גייט אויף די זון. ווײַזט אויס, ער איז דאָ אפן בוידעם, ווי סע געהער צו זײַן, קיינמאָל ניט געוועזן, כאָטש ער האָט זיך אהער ניט איין מאָל געהאַט פארקליבן. אַנקע האָט פּאַשעט אויסגעטראַכט, אז זי האָט געזוכט דעם העפט אירן, וואָס ער האָט אַנומלטן אהער פארוואָרפן. מע קאָן דען דאָ עפּעס אָפּזוכן, אז ס'איז ניטאָ אפילע א פוס וווּ צו שטעלן. ווי האָט ער עס פריִער ניט באַמערקט, ווי אָנגעוואָרפן דאָ איז. מע זאָל אלץ דאַרפן פונדאַנען אַראָפּטראָגן, וואָלט, דאַכט זיך, די שטוב מיט דער שטאַל געוועזן צו קליין. וואָס קאָן מען דאָ ניט געפינען: בענקלעך און שטולן אָן פיסלעך, ציכלעך מיט ניט קיין געפליקטע פעדערן, א פאַרייכערטן סאַמאָוואַר אָן א קרענטל, אן אַלטן כאָמוט, א באַרג מיט פאַרדאַרטע שיך, א זעקל קלײַען, טשוהונענע טעפּ, א לאַמטערן מיט צעבראָכענע גלעזער, און וואָס ניט! וווּהין האָט ער עס פונדעסטוועגן פארוואָרפן אַנקעס העפט, וואָס ער קאָן אים אלץ ניט געפינען?

זיך דערקליבן צום סאַמע ווײַטסטן ווינקל פון בוידעם, האָט ער זיך פאַרטשעפּעט פאר א ראָגאָזשע און שיִר ניט אומגעפאַלן. אונטער דער צעפליקטער און פאַרשטויבטער ראָגאָזשע, וואָס האָט זיך אים נאָכגעשלעפּט, האָט ער דערזען צוויי קאַסטנס. די דעקלעך זײַנען ניט געוועזן אינגאַנצן צוגעמאַכט, מע זאָל, אַפּאָנעם, גלײַך באַמערקן, אז דאָרט ליגן די זעלבע טראַנטעס און שקראַבעס, וואָס וואַלגערן זיך דאָ אף טריט און שריט.

אהער, אין אָט די קאַסטנס, האָט דער העפט געוויס ניט געקאָנט פארפליִען. אַנטאָשע האָט שוין געוואָלט צומאַכן דאָס דעקל אויך פונעם אַנדערן קאַסטן, גאָר מיטאַמאָל האָט זיך אים אויסגעוויזן, אז פון צווישן די טראַנטעס שטאַרצט אַרויס עפּעס ענלעכס אף אן אַלגעמיינעם העפט. די טאָוולען פונעם גרויסן שווערן בוך, וואָס ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון קאַסטן, זײַנען געוועזן ליכטיקע, ווי די טאָוולען פון אַנקעס פאַרוואָרפענעם העפט, זיי זײַנען אָבער א סך גרעבערע און האַרטערע, דאַכט זיך גאָר, אז פון לעדער.

די שוואַכע שײַן, וואָס האָט קוים דערגרייכט אהער אין ווינקל פונעם בוידעם־פענצטערל, איז געוועזן פאר אַנטאָשען איבערגענוג, אז ער זאָל דערזען: די אויסיִעס פונעם דאָזיקן לאַנגן און שווערן בוך זײַנען אים אינ־

גאַנצן אומבאַקאַנט, און ער האָט ניט וואָס אַרײַנצוקוקן מער אַהין. וויפֿל, אַן ערעך, קאָן וועגן אַזאַ בוך? נאָך איינעם אַזאַ, ווען ער האָט... אויסבאַ־האַלטן צוויי אַזעלכע ביכער צווישן די צײַטונגען אינעם פּעקל איז ניט אַזוי פּאַשעט. אַן אַנדער זאַך איז, אויב דאָס בוך איז אַן אַלטס, אַ פֿאַנאַנ־דערגעשאָטנס, צי אַ לערנבוך, וואָס מע ניצט עס שוין ניט. דאָס דאָזיקע בוך, וויבאַלד מע האָט עס צוזאַמען מיט אַנדער אַלטוואַרג אַרופֿגעשלעפּט אַהער, אַפֿן בוידעם, ניצט מען שוין זיכער ניט. די גלײַכסטע זאַך איז נע־מען און צעפּליקן עס אויף באַזונדערע בלעטלעך. ווער וועט זיך גיין צוקוקן צו דעם? ווען מען גייט עס אָן? פֿריִער פֿון אַלץ דאַרף מען אַראָפּרײַסן די טאָוולען. דערצו אָבער דאַרף מען אַ שאַרף מעסער.

— אַנטאָשע, ווו ביסטו עס דאָרט? — האָט זיך דערטראָגן צו אים פֿון שטאַל אַנקעס הילכיק קעלכל. — האָסט געפֿונען דעם העפֿט?

— געפֿונען! געפֿונען!

— נו וואָס? ער וועגט ניט קיין צוויי קילאָ?

— מערער, אַנקע, מערער. גיי אין שטוב. איך קריך באַלד אַראָפּ.

נאָר אַנטאָשע איז אַזוי גיך נאָך פֿון בוידעם ניט אַראָפּ. ער האָט זיך פֿאַרהאַלטן בײַ די צוויי קאַסטנס. אונטער די שמאַטעס און שקראַבעס זײַנען אין ביידע קאַסטנס געווען צונויפֿגעלייגט ביכער פֿון קאָלערליי פֿאַרנעם און וואָג — גרויסע און קליינע, גראָבע און דינע, מיט געוויינלעכע און לעדערנע טאָוולען, עטלעכע אינגאַנצן אָן טאָוולען, און היפּש שוין צע־פּליקטע. קענטיק, זיי זײַנען איבערגעוווען אין פֿיל הענט. ער זאָל אַרײַנ־רוקן צווישן די צײַטונגען אָט די דאָזיקע צוויי ביכער, וועט טערענטי זיכער ניט באַמערקן. סאַראַ מעסוקענע שווערע קאַסטנס! פֿון אָרט ניט צו רירן. פֿאַנאַנדערפּליקן די אַלע ביכער אויף באַזונדערע בלעטלעך, קאָן קלעקן פּאַפּיר אויף אויסצוקויפֿן אַלע ביכלעך פֿונעם צעטל און סע וועט נאָך בלײַבן אויף אויסצולײַען די, ווען עס פֿעלט אויס צו דער וואָג. וועגן די געפֿונענע קאַסטנס וועט ער קיינעם ניט זאָגן, בלויז אַנקען. פֿון איר וועט ער זיך סײַווי ניט קאָנען אויסבאַהאַלטן, און אויסער אַלעמען, קאָן אַנקע, ווייסט ער, האַלטן אַ סאָד.

אַנטאָשע האָט צוריק אַרופֿגעוואָרפֿן אויף די ביכער די טראַנטעס און שקראַבעס, צוגעמאַכט די דעקלעך און אײַנגעדעקט ביידע קאַסטנס מיט דער ראָגאָזשע. מיט זיך האָט ער דערווײַל מיטגענומען בלויז צוויי ביכער, איינס אַ גראָבס, דאָס אַנדערע — אַ דינערס. ביידע אָן טאָוולען און היפּשלעך שוין צעפּליקט.

— אַנקע, — אים האָט אַזש פֿאַרשלאָגן דער אָטעם פֿון דער נײַס, וואָס ער האָט איר צו דערציילן, — נעם דעם בעזמען און קריך געשווינד אַהער!

— נאָך וואָס? — זי איז געבליבן שטיין אין דער טיר פֿון שטוב, וועל־כע פֿירט אין שטאַל.

— וועסט נאָכדעם זען. דער בעזמען איז מיט דיר?

ניט דאָס בוך, וואָס דאָס ברודערל האָט, זיצנדיק באַם פּענצטערל, גע־האַלטן אויף די קני, און ניט דאָס אַנדערע, וואָס ער האָט איבערגעמישט בלעטל נאָך בלעטל, ווי ער זאָל דאָרט עפּעס זוכן, זײַנען אינגאַנצן ניט

געווען ענלעך אַף איר אַלגעמיינעם העפט. אנקע האָט דאָס דערזען, ווי נאָר זי איז אַרויף אַפן בוידעם.

— און וווּ איז דער העפט? — זי האָט זיך צוגעזעצט לעבן ברודערל און פאַרכידעשט געקוקט אַף די צוויי ביכער.

— ווער דאַרף שוין איצטער דײַן העפט! גיב נאָר אַהערצו דעם בעזמען. ווי מיינסטו, צען אַ האַלבע קילאָ וועט זײַן?

— וואָס זײַנען עס פֿאַרא ביכער? וווּ האָסטו זיי גענומען?

— איכ׳ל דיר דערנאָך דערציילן. העלף מיר זיי אָפּוועגן. ט׳האָסטו דיר! ס׳פעלן נאָך גאַנצע דרײַ קילאָ, — ער האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט און שטיל געפרעגט, — ווּעסט קיינעם ניט דערציילן? זע זשע. קום מיט מיר.

ער האָט פאַרזיכטיק אַראָפּגעצויגן די ראָגאָזשע פון די קאַסטנס, אויפגעהויבן די דעקלעך און גענומען אַרויסוואַרפן פון דאָרט די שקראַבבעס און טראַנטעס.

— אוי, וויפל! — אנקע האָט גענומען בלעטערן אַ בוך נאָך אַ בוך. — זע, און אַלע יידישע.

— פונוואַנען נעמסטו עס? — האָט פאַרכידעשט געפרעגט אַנטאָשע, וועלכער האָט ענדלעך געפונען אַ בוך, וואָס וועגט דרײַ קילאָגראַם. אפילע מיט הונדערט גראַם מער. דאָס מאַכט אויס, מיסטאַמע, אַ צען צײַטונגען. ער וועט אָבער קיין איין צײַטונג אויך ניט אַרויסנעמען פונעם פעקל. אַז ס׳וועט זײַן אַ ביסל מער, וועט דער גוואַרדייעץ זיך וויי‌ניקער צו־קוקן.

— דאָ איז דאָך פריִער געווען אַ יידישער קאָלווירט. נו, ביז דער מילכאָמע. וואָס, דו ווייסט דען ניט? איך פאַרשטיי שוין. דאָס האָבן די יידן אויסבאַהאַלטן דאָ די ביכער פון די פאַשיסטן.

— אַפן בוידעם?

— און וווּ דען זאָל מען באַהאַלטן? די דײַטשן זאָלן געווען געפינען די ביכער אין שטוב, וואָלטן זיי עס פאַרברענט. און אַז אַפן בוידעם איז ניטאָ וואָס צו זוכן, זעט מען דאָך גלײַך. איך פאַרשטיי שוין. דאָס האָבן די יידן אומיסטן אָנגעטראָגן אַהער אַזויפיל כלאָם.

— דו מיינסט אַזוי?

אין דער געדיכטער אַלייע פון די שטרענגע שלאַנקע טאָפּאָלן, וואָס האָט זיך געצויגן פונעם קאָלווירטישן קאָנסערוון־זאַוואָד ביז צו דער ווײַטער סטאַנציע, האָט זיך באַוויזן אַ רײַטער אַף אַ ווײַס פערד. אַנטאָשע מיט אַנקען זײַנען צוגעפאַלן צום פענצטערל. ס׳האָט זיך זיי אויסגעוויזן, אַז דאָס רײַט שוין פון דער פאָסט דער טאַטע. נאָך איידער דער רײַטער האָט פאַרלאָזט די אַלייע און פאַרקערעוועט צום קאַנאַל, אָנפּאַיען, אַפּאַנעם, דאָס פערד, איז אַנטאָשע שוין געווען זיכער, אַז דער מענטש איז ניט קיין היי־גער, אַז ער איז פון אַן אַנדער קאָלווירט. דאָס וואַסער אין קאַנאַל, וואָס פליסט פונעם ווײַטן דניעפּער, איז דורכזיכטיק־לויטער. ווי טיף דאָרט זאָל ניט זײַן, זעט מען דעם זאַמדיקן דעק. און דער זאַמד אַפן ברעג איז ווי איבערגעקליבן. אַ זעמדעלע צו אַ זעמדעלע, אָן איין שטיינדל, ער לויכט זיך אַנטקעגן דער זון, ווי ריין גאָלד. ער, אַנטאָשע, און אַנקע זײַנען גע־

בוירן שוין הי. פאַרשטייען זיי ניט, פאַרוואָס בענקט אַזוי די מאַמע נאָכן דאָרף, פונוואַנען זי איז מיט אַ סאַך יאָרן צוריק אַריבערגעפאָרן אַהער. דער טאַטע בענקט אויך נאָך יענעם דאָרף, אָבער ניט אַזוי שטאַרק. אים איז דאָ מער געפעלן. און אַז די מאַמע פרעגט בא אים: „מיט וואָס?” — הייבט ער אָן אויסרעכענען: „דאָרט איז ניטאָ אַזא זון, אַזא בלויער הימל, און די פעלדער זײַנען דאָ אין קאַלווירט אויך אַ סאַך גרעסערע. פאַר איין טאָג וועט מען זיי אַף אַ וועלאָסיפּעד ניט אַרומפאָרן”. נאָר מער פון אַלץ זײַנען געפעלן דעם טאַטן די ווײַנגערטנער. אים, אַנטאָשען, זײַנען זיי אויך שטאַרק ליב. ער אַף אַנקעס אָרט וואָלט אין די קאַניקולן געאַרבעט נאָר אַפן ווײַנגאָרטן און ניט אַף דער פערמע, ווי די מאַמע. וועגן וואָס האָט זיך עס אַזוי פאַרטראַכט אַנקע, וואָס זי ענטפערט אים ניט? קוקט אַרויס דורכן בויךדעם־פענצטערל און שווײַגט.

— אַנקע, — ווענדט ער זיך ווידער צו איר, דאָס מאָל שוין ווי צו אַ פיל עלטערער און דערפאַרענער פון זיך, — פאַרוואָס איז קיינער פון זיי ניט געקומען נאָך דער מילכאָמע אָפּנעמען די ביכער?

און דאָס עלפיאָריקע שוועסטערל זײַנס ענטפערט ווי אַ דערוואַקסענע:

— מיסטאָמע זײַנען זיי אַלע אומגעקומען.

— פונוואַנען נעמסטו עס?

— און אַליין ווייסטו דען ניט?

איבערגעבונדן די צײַטונגען אַזוי, אַז עס זאָלן זיך ניט אַרויסזען די דרײַ אַרײַנגעשפּאַרטע ביכער, האָט אַנטאָשע מיט אַנקען אַרופגעלייגט דאָס פּעקל אַפן נידעריקן פלאַכן וועגעלע, אַף וועלכן מע פלעגט אַמאָל פירן פון דעם אַרטעזיאַנער ברונעם פעסלעך וואַסער, און געלאָזט זיך צום שפּײַכלער, ווו ס׳איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַ ריי, נאָר שוין ניט אַזא, ווי דעם ערשטן טאָג.

— ווו האָט איר עס מיטאַמאָל געגומען אַזויפיל פּאַפּיר? — איז מען נײַגעריק געווען וויסן. באַזונדערס נײַגעריק זײַנען געווען די, בא וועמען אַנטאָשע האָט ערשט נעכטן נאָך געהאַט געבעטן אים אויסלײַען אַלטע צײַטונגען שיר ניט אַף אַ גאַנצן בוך און וועמען אַנקע האָט פאַר די צען מיט אַ האַלבן קילאָגראַם מאַקולאַטור, וואָס ס׳האָט זיי אויסגעפעלט, געוואָלט אָפּגעבן איר וווּנדער־שיינע פּילפּעדער, וועלכע איז איר געווען אַזוי טײַער, אַז זי האָט זיך נאָך מיט איר אינגאַנצן ניט גענוצט.

— דער טאַטע האָט געבראַכט צו פירן פון דער פּאָסט, — האָט אַנקע געענטפערט, באַווײַזנדיק דערמיט דעם ברודערל, אַז זי קאָן האַלטן אַ סאָד. — דער טאַטע וועט אונדז נאָך ברענגען אַזויפיל צײַטונגען, אַז מירן קאָנען קויפן אַלע ביכער, וואָס אינעם צעטל. איאָ, אַנטאָשע? — און געקוקט אומשולדיק מיט אירע פּריילעכע אויגן.

ענדלעך איז דערגאַנגען זייער ריי. טערענטי ניקאָלײַעוויטש האָט אַ נעם געטאָן דאָס פּעקל און עס אַ וואָרף געטאָן אַף דער וואָג.

— אַהאָ־האָ! אַזא קליין קלומעקל, און אַזא שווערס. איר האָט ניט אַרײַנגעלייגט אַהין קיין שטיינער? איך וועל זיך דאָך סײַווי דערוויסן. ניין,

טאַקע אָפּגעמעסן פֿרעג איך. וואָס האָט איר דאָרט נאָך אויסער צײַ־טונגען?

— אַלטע זשורנאַלן. איר קאָנט אַ קוק טאָן, — האָט זיך אַרײַנגעשטעלט אין דער האַלב־אָפֿענער טיר אַנקע.

— נו, יאָ, מער האָב איך טאַקע ניט וואָס צו טאָן, ווי פֿאַנאַנדערבינדן די פּעקלעך. אַ מענטשן, אַנקע, דאַרף מען גלייבן אױפֿן וואָרט. וויבאַלד דו זאָגסט, אַז דאָרטן ליגן אַלטע זשורנאַלן און ניט קיין שטיינער, גלייב איך דיר.

# ב

אָוונט־צײַט, ווען אין דאָרף האָבן שוין געברענט די לעמפּ אױף די סלופּעס, איז צום בריוטרעגער אַרײַנגעקומען דער פּאַרוואַלטער פֿונעם אופּנאַם־פּונקט טערענטי ניקאָלײַעוויטש וואָלגין און אַרויסגעלייגט אױפֿן טיש צוויי גראָבע ביכער אין האַרטע טאָוולען און איינס אַ קלענערס, אײַנגאַנצן אין טאָוולען:

— אײַערע, מיטראָפֿאַן פּעטראָוויטש?

דער בריווטרעגער האָט ניט געאײַלט אָנגעטאָן די ברילן, צוגערוקט צו זיך נעענטער אַלע דרײַ ביכער, געגעבן אַ מיש איינעם, אַ צווייטן און פֿאַרכידעשט אַ קוק געטאָן אױפֿן גוואַרדייעץ, וועלכער האָט אַפֿילו זיצנדיק שיר ניט אונטערגעשפּאַרט מיטן קאָפּ דעם באַלקן.

— וואָס איז אײַך מיטאַמאָל עפּעס אײַנגעפֿאַלן מיך פֿרעגן, צי איז עס מײַנע? איך האָב ניט נאָר קיינמאָל ניט געהאַט בײַ זיך אַזעלכע ביכער, נאָר קיינמאָל אין לעבן אַזעלכע אויסיעס אין די אויגן ניט געזען. עפּ־שער, האַ? — ער האָט ווידער געגעבן אַ מיש אַ פּאָר זײַטלעך. — ניין. אױף יאַפּאַניש און כינעזיש, וואָס כ׳האָב זיך אָנגעזען בײַס דער מילכאָמע אין מאַנדזשוריע, זײַנען די בוכשטאַבן ניט ענלעך. גאָר ניט ענלעך, — און ווי ער זאָל זיך ריכטן דערהערן באַלד פֿונעם גוואַרדייעץ אַ גרויסן סאָד, וועלכן יענער האָט אים צו אַנטפּלעקן, האָט סאַוועליעוו זיך נידעריק אָנגעבויגן צו אים איבערן טיש, — ס׳האָט עפּעס פּאַסירט, וואָס איר פֿרעגט זיך אַזוי נאָך אױף דעם?

— ווי זאָל איך אײַך זאָגן... נאָר פֿאַרבײַגיין עס דאַרף מען ניט, — פֿון אונטער די געדיכטע אַראָפּגעהאַנגענע ברעמען האָבן זיך קוים אָנגעזען זײַנע גרויסע העלע אויגן. — כ׳האָב געמיינט, אַז איך וועל זיך בײַ אײַך עפּעס דערוויסן. איז ווייסט איר, זע איך, אויך גאָרנישט ניט.

— אַנו, גיט מיר נאָר נאָכאַמאָל אַ קוק טאָן, — מיטראָפֿאַן פּעטראָוויטש האָט צוריק אָנגעטאָן די ברילן, נאָר שוין אַ סאַך לאַנגזאַמער, ווי פֿריִער, געבלעטערט און איבערגעבלעטערט די ביכער, — וואָס־וואָס, נאָר קיין יאַפּאַנישע און כינעזישע זײַנען עס זיכער ניט. דאָס וועט אײַך זאָגן יעדע־רער, וואָס האָט מילכאָמע געהאַלטן קעגן די סאַמורײַען. איך בין, ווי איר ווייסט, ניט איינער אַזאַ אין דאָרף. העכער אַ האַלב יאָר בין איך דאָרט אָפּגעוועזן. שוין געקאָנט אַפֿילו...

— אַז ס׳איז ניט אױף יאַפּאַניש און ניט אױף כינעזיש — דאָס זע איך, —

האָט וואָלגין אים אָפּגעשטעלט, — גיכער פון אַלץ, ווי איך פאַרשטיי, דאַרפן עס זײַן ייִדישע ביכער. דאָ האָבן דאָך ביז דער מילכאָמע געוווינט ייִדן. א ייִדיש דאָרף געווען. נאָר ניט וועגן דעם בין איך איצט צו אײַך אַרײַן, מיטראָפּאַן פּעטראָוויטש. איך וועל געפינען וועמען צו פרעגן. אין לעצטן פאַל כאַפּ איך זיך אַראָפּ צו דאַנילאָ איוואַנאָוויטשעס זון. וואָסיע זײַנער האָט זיך דאָך געלערנט דאָ אין שול, ווען זי איז געווען נאָך א ייִדישע, פאַר דער מילכאָמע, הייסט עס. מיר גייט איצט אָבער גאָר אין עפּעס אַנ־דערס. זאָגט איר, אַז ס'איז ניט אײַערע?

— איר גלייבט מיר ניט, צי וואָס? — מיטראָפּאַן פּעטראָוויטש האָט זיך געגעבן האַסטיק א הייב אויף פון טיש.

— גאָט איז מיט אײַך! וואָס הייסט, איך גלייב אײַך ניט? איר פאַר־שטייט אָבער... — וואָלגין האָט אַרויסגענומען א פּאַפּיראָס, פאַררייכערט און, נאָכפאָלגנדיק נאָך די שנירלעך טונקל־בלויען רויך, וואָס האָבן זיך גע־וויקלט אַרום דעם לעמפּל אונטערן באַלקן, ענדלעך געזאָגט, פאַרוואָס ער איז געקומען גראַדע צו אים, צו סאַוועליעוון, און ניט צו קיין אַנדערן זיך נאָכפרעגן. — באַם אָנלאָדן די מאַשין, וואָס איז געקומען נאָך דער מאַקולאַטור, האָבן זיך צעשאָטן עטלעכע פּעקלעך. דאָס פּעקל אָבער, פונ־וואַנען עס זײַנען אַרויסגעפאַלן די דרײַ ביכער, האָט זיך מיר גראַדע פאַר־געדענקט. ס'האָבן מיר געבראַכט עס צו טראָגן אײַערע כעוורע. מיר גייט ניט אין דעם, וואָס אײַער אַנטאָשע מיט אַנקען האָבן מיר געזאָגט, אַז דאָס פּעקל זייערס איז דערפאַר אַזאַ קליינס, ווײַל דאָרט ליגן מער זשורנאַלן ווי צײַטונגען, און אויסגעלאָזט האָט זיך גאָר... איבעריקס, קיין טײַנעס האָב איך ניט צו זיי דערפאַר. קימאַט אַלע קינדער אין דאָרף האָבן גע־קויפט זיך „די קיניגן מאַרגאָ" צי „דאָס גאָלדענע קעלבל", איז פאַרוואָס זאָלן זיי בלײַבן אָן אָט די ביכער? אין ראַיאָן אָבער, ווּהין איך פיר אַרויס די מאַקולאַטור, וויל מען דערפון ניט וויסן. פאַר יעדן טאָלאָן, וואָס איך גיב אַרויס, דאַרף איך צושטעלן צוואַנציק קילאָגראַם פּאַפּיר, קיין גראַם ניט ווייניקער. און אונטערוקן אָנשטאָט פּאַפּיר א ביכל, וואָס אַפן קוק איז עס ניט גאָר קיין אַלטס, ניט קיין צעשאָטנס, און דערצו נאָך ווייסטו ניט, וואָס פאַר א ביכל דאָס איז, גייט דאָרט ניט אָן. נו און אַזויווי אײַערע כעוורע האָבן מיר געזאָגט, אַז די מאַקולאַטור האָט איר זיי געבראַכט צו פירן פון דער פּאָסט...

— איך האָב זיי געבראַכט פון דער פּאָסט צײַטונגען און ניט קיין בי־כער מיט קיין זשורנאַלן, — האָט סאַוועליעוו אים איבערגעשלאָגן, ניט באַ־נעמענדיק נאָך אַלץ, פאַרוואָס קימערן אַזוי דעם גוואַרדייעץ אָט די דרײַ ביכער, אויב סע גייט אים ניט, ווי ער זאָגט, אין דעם, וואָס סע פעלט אים אויס צו דער וואָג, — אַז איך פאַרשטיי ביכלאַל ניט. נעכטן האָט זיי אויסגעפּעלט, געדענקט זיך מיר, נאָך גאַנצע צען קילאָ. הײַנט האָב איך זיי פון דער פּאָסט גאָרניט געבראַכט. פונוואַנען איז עס באַ זיי מיטאַמאָל גאָר געוואָרן צוואַנציק קילאָגראַם? אַנטאָן, אַנקע, אַנו קומט נאָר ביידע אַהער!

דערזען אַפן טיש די דרײַ ביכער, וואָס ער האָט אויסבאַהאַלטן אינעם

פעקל צײַטונגען, איז אנטאָשע געבליבן שטיין בא דער טיר מיט אראָפּגע־לאָזטע אויגן.

טערענטי ניקאָלײַעוויטש האָט נאָך ניט באוויזן א וואָרט ארויסצוברענ־גען, ווי אנקע איז אים שוין פארלאָפן דעם וועג:

— אָט די דרײַ יידישע ביכער זײַנען ניט אונדזערע און מיר ווייסן פון גאָרניט ניט. איאָ, אנטאָשע?

— וואָרט, וואָרט, פּונוואָנען, זאָג מיר נאָר, אנקע, האָסטו עס גענו־מען, אז זיי זײַנען יידישע?

— דאָ האָבן דאָך פריער געוווינט יידן. וואָס, איר ווייסט ניט, אז פאר דער מילכאָמע איז דאָ געווען א יידיש דאָרף?

— איז ווו, זאָגסטו, האָט איר געגומען די דאָזיקע ביכער? — איז טע־רענטי ניקאָלײַעוויטש שוין פון איר ניט אָפּגעטראָטן און געוואָרפן דערבײַ א בליק אף אנטאָשען, וואָס איז געשטאַנען בא דער טיר. געשטאַנען און געוואָרט אף דער שטראָף, וואָס ער וועט באלד באקומען פונעם טאַטן אין דער אָנווועזנהײַט פונעם גוואַרדייעץ.

— אוועלכע? אָט אָ די־אָ? — האָט אנקע איבערגעפרעגט און ווי א דער־וואַקסענע א קנייטש געטאָן די אַקסלען און ברייט צעפירט מיט די הענט. — ס׳איז ניט אונדזערע.

מיטראָפאַן פעטראָוויטש איז נאָך אלץ געזעסן באם טיש, ווי א זײַטי־קער, און ניט געקאָנט באַנעמען, וואָס וויל אויסברײַען דער גוואַרדייעץ מיט אָט די דרײַ ביכער, וויבאלד ער זאָגט, אז סע גייען אים ניט אָן די צען קילאָגראַם פּאַפּיר, וועלכע אנטאָן מיט אנקען האָבן ניט דערגעבן? און וואָס איז אים אזוי דער כילעק, צי די ביכער זײַנען יידישע צי ניט־יידישע, וואָס ער מאכט דערפון אזא וועזן? עפּעס, פארשטייט זיך, שטעקט, מיסטא־מע, דערין, וואָס ער פרעגט זיך אזוי נאָך בא אנקען. סאַוועליעוון איז גראָדע געפעלן, ווי זײַן טעכטערל לאָזט זיך ניט כאַפּן אין דער נעץ, אין וועלכער דער גוואַרדייעץ וויל זי פארנארן. ווי קונציק זי דרייט זיך ארויס! ער נעמט זיך דערמיט אפילע איבער, אָבער ער ווײַזט עס פאר די קינדער ניט ארויס. פארקערט, זײַן בליק, וואָס ער וואַרפט פון מאָל צו מאָל אף זײַן יינגל, קאָן, אָן ערעך, באטײַטן: „איך בין דיר ניט טערענטי ניקאָלײַעוויטש. איך וועל זיך מיט דיר א ביסל אנדערש דורכריידן”. אָדער: „וואָס איז עס פּלוצעם אף דיר אָנגעפאלן א הוסט? האָסט מוירע, אז אנקע זאָל זיך ניט ארויסכאַפּן מיט אָן איבעריק וואָרט? וואָס? ס׳איז טאַקע אזא גרויסער סאָד, וואָס מע טאָר אים ניט אויסגעבן?”

דער פארוואַלטער פונעם אופּנאַם־פּונקט טרעט אָבער אלץ ניט אָפּ פון אנקען, גלייבט, אפּאָנעם, אז זי וועט זיך פּאָרט ארײַנפּאַקן, אז בא איר וועט ער פונדעסטוועגן מערער דערגיין, ווי בא דעם אַקשאָנעסדיק־שווײַגנ־דיקן אנטאָשען. וואָלגין פרעגט איבער נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל איינס און דאָס זעלבע, ווי ס׳זאָל גיין א רייד וועגן א גנייווע. נאָר אז אנטאָשע מיט אנקען האָבן די דאָזיקע ביכער ניט געגאַנוועט, אין דעם איז דער פּאַטער זייערער לאַכלוטן זיכער. גיכער פון אלץ האָט עמעצער זיי די ביכער געגעבן אָדער בא עמעצן אף עפּעס אויסגעביטן זיי, און יענער וויל ניט, מע זאָל דערפון וויסן. מאַלע פון וואָס א מענטש מאכט אמאָל א סאָד. נאָר

אויב יענער האָט געבעטן, זיי זאָלן וועגן דעם קיינעם ניט זאָגן, איז מעג דער גווארדייעץ מיט זיי טײַנען ביז מאָרגן, וועט ער זיך סײַווי גאָרניט דערוויסן. ס׳איז ארויסגעוואָרפענע מי. איך דעם זײַנען ביידע כעוורע אינ־גאנצן ענלעך אף אים, אפן פאָטער. הײַנטיקע קינדער זײַנען, דאכט זיך, אלע אזוי. מע האָט זיך אָנגעהערט און זיך אָנגעלייענט וועגן אויסשפּירער און מע וויל זײַן ענלעך אף זיי. בא אן אויסשפּירער, ווייסן זיי, איז דאָס סאמע ערשטע — קאָנען האלטן א סאָד, אָט ווי ער, מיטראָפאן פעטראָוויטש, האָט אים געהאלטן, ווען ער איז, גייענדיק אין אויסשפּיר, ארײַנגעפאלן אין געפאנגענשאפט, און קיין וואָרט פון זיך ניט ארויסגעבראכט, וויפל מע האָט אים ניט געפּײַניקט. ער זאָל ניט געווען אין דער זעלבער נאכט אנטלויפן, וואָלט מען אים דעמלט אף געוויס צעשאָסן.

— און מער אזעלכע ביכער האָט איר ניט? — טוט טערענטי מיטאמאָל א פרעג בא אנקען.

— וועלכע ביכער? — פרעגט איבער דאָס מיידל, פּונקט זי הייבט ניט אָן צו וויסן, וועגן וואָס עס גייט א רייד.

ער איז א בלינדער צי וואָס, ער זעט דען ניט, טערענטי ניקאָלײַעוויטש, אז ער וועט זיך בא איר גאָרניט דערשלאָגן? און בא אנטאָשען האָט ער דאָך געוויס ניט וואָס צו פרעגן. דאָס אָבער, וואָס דער גווארדייעץ טרעט פאָרט ניט אָפּ, וויל אלץ דערגיין, ווו קאָן מען קריגן נאָך אזעלכע ביכער, און איז שיר ניט גרייט פאר יעדעס ביכל ארויסגעבן א טאלאָן אין קלייט, פּונקט ווי פאר צוואנציק קילאָגראם פּאפּיר, און זאָגט ניט אויס פארוואָס, פירט ביסלעכווײַז ארוף דעם בריוועטרעגער אפן געדאנק, צי זײַנען עס ניט פון יענע ביכער, וועלכע ער האָט אנומלטן, ווען ער איז געווען אין שטאָט, געזען ליגן אין קראָם אונטער א גלאָז. ס׳ערשטע מאָל אין לעבן זעט ער, אז א ביכל, און גראדע אן אלטס, אפילע א ביסל א צעשאָטנס, זאָל קאָסטן פופציק און הונדערט רובל.

— און פאר צוויי הונדערט און דרײַ הונדערט, מיינט איר, זײַנען ניי־טאָ? — האָט אים געענטפערט די פארקויפערן, צוזעענדיק, ווי ער שטייט בא דער וויטרינע און הערט ניט אוף זיך צו כידעשן.

עפּשער שאצן זיך אזוי טײַער אויך אזעלכע ייִדישע ביכער, און אוי־סער דעם גווארדייעץ ווייסט דאָ קיינער ניט דערפון? אויב אזוי, איז עס דאָך א גאנצער אויצער. דערפאר, אפּאָנעם, וויל ער טאקע ניט זאָגן און האלט אין איין נאָכפרעגן זיך בא אנקען, ווו קאָן מען דאָ קריגן אזעלכע ביכער.

האָט מיטראָפאן פעטראָוויטש, וואָס איז ביז אהער געזעסן, ווי א זײַטי־קער, זיך ענדלעך ארײַנגעמישט:

— איר זעט דען ניט, טערענטי ניקאָלײַעוויטש, וואָס פאר אן אנטיקל דאָס איז, אז איר וועט בא איר גאָרניט דערגיין? האָט אָנגענומען א מויל מיט וואסער און שווײַגט. בא מיר וועט זי אָבער ניט שווײַגן, איך וועל מיט איר זיך דורכריידן א ביסעלע אנדערש, מיטן רימען. אנו, מארש אין דרויסן! — און אז דאָס טעכטערל איז ארויס, האָט ער זיך אָנגערופן צו אנטאָשען: — קענסט מיר ניט זאָגן, וויפל איז דער שיר שטיין אזוי און

שוויַיגן? מיילע, ווילסט ניט זאָגן, איז ניט. געגאַנגוועט, פאַרשטיי איך, האָסטו זיי ניט. אָבער ווו האָסטו זיך עס אויסגעלערנט אָפּנאַרן יענעם? ווערסט, מיסטאַמע, באַלד זאָגן, אַז האָסט ניט געוווּסט, וועלכע ביכער מעג מען יאָ אָפּגעבן און וועלכע ניט. האַ?

— כ'האָב געוווּסט.

— האָט טערענטי ניקאָליַיעוויטש, הייסט עס, ניט געהאַט קיין טאָעס, אַז אָט די דריַי ביכער האָט ער געפֿונען אין דײַן פּעקל? פֿאַרוואָס זשע, אויב אַזוי, האָסטו געהייסן זאָגן אַנקעגן, אַז ס'איז ניט אײַערע? בנו און ווי־באַלד ס'איז אײַערע, איז עפּשער וועסטו פֿאָרט אונדז זאָגן, ווו האָט איר זיי גענומען?

— געפֿונען.

— ווו?

אַנטאָשע האָט נאָך נידעריקער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— עמעצער האָט זיי דיר אונטערגעוואָרפֿן? איך פֿאַרשטיי ניט. וויבאַלד קיינער האָט זיי דיר ניט געגעבן, האָסט זיי באַ קיינעם ניט אויסגעביטן, נאָר פּאַשעט געפֿונען, איז פֿאַרוואָס זאָלסטו מאַכן דערפֿון אַ סאָד? שוויַיגסט ווידער? — און שוין מיט אַן אַנדער שטים, וועלכע איז דערגאַנגען אויך צו אַנקעגן אין הויף, האָט מיטראָפֿאַן פּעטראָוויטש באַפֿוילן, — די מינוט קער אום דאָס ביכל, וואָס דו האָסט געקויפֿט אָפּן טאַלאָן. די מינוט!

דער גוואַרדייעץ האָט אָפּגעשטעלט אַנטאָשען:

— מע דאַרף ניט. איך וועל ווי־ניט־איז געפֿינען אַן אויסוועג. איך מיין, אַז פֿאַר די צען קילאָגראַם פּאַפּיר, וואָס סע פֿעלן, וועט מען מיך ניט קעפּן. אין וועלכן קלאַס ביסטו אַריבער? אין זיבעטן? ביסטו דאָך, אויב אַזוי, שוין אַ גרויסער באָכער. איז טראַכט זיך נאָר גוט אַרײַן. די מאַקולאַטור, וואָס מע גיט אָפּ, גייט אַוועק אונטערן מעסער און פֿאַלט אַרײַן אין אַ קאָכעדיקן קעסל. און פֿונוואַנען ווייסן מיר, אַז אַזעלכע ביכער, ווי דו האָסט גע־בראַכט, מעג מען לייגן אונטערן מעסער און אַרײַנוואַרפֿן אין קעסל? פֿאַר ביכער, אַנטאָשע, דאַרף מען זיך אויך אײַנשטעלן. בייס דער מילכאָמע האָט מען אַרויסגעפֿירט פֿון אונטערן פּײַער אין טיפֿן הינטערלאַנד ניט נאָר מענטשן און זאַוואָדן, נאָר אויך ביבליאָטעקן. און וויפֿל סאָלדאַטן האָבן, אַוועקגייענדיק אָף דער מילכאָמע, מיטגענומען מיט זיך פֿון דער היים ביכ־לעך און זיך מיט זיי ניט געשיידט, שיר ניט ווי מיט דער ביקס. מיט מיר אין דער ראָטע איז אויך געווען איינער אַזאַ, כ'געדענק שוין ניט, ווי ער האָט געהייסן. ס'איז פֿאָרט שוין אַ געשיכטע פֿון עטלעכע און דרײַסיק יאָר. מיר דאַכט זיך, אַז דאָס ביכל, וואָס ער האָט געהאַט באַ זיך און זיך מיט דעם ניט געשיידט, איז געווען ענלעך אָף די, וואָס דו מיט אַנקעגן האָבן מיר געבראַכט צו טראָגן. איידער מע לייגט אַוועק אַ ביכל אונטערן מעסער, דאַרף מען ווייסן, וואָס איז עס פֿאַר אַ ביכל. מע דאַרף זיך אַפּריִער גוט פֿאַרטראַכטן וועגן דעם. ביסט דאָך שוין ניט קיין קינד. דו דאַרפֿסט עס פֿאַרשטיין.

„ווי מע קאָן עס אַמאָל אַ טאָעס האָבן אין אַ מענטשן!" — האָט אַ קלער געטאָן מיטראָפֿאַן פּעטראָוויטש וועגן דעם גוואַרדייעץ, אַרויסבאַגלייטנדיק אים פֿון שטוב מיט די דרײַ ביכער אונטערן אָרעם.

# ג

אינעם נאָענטסטן זונטיק האָט טערענטי ניקאָלײַעוויטש זיך אופגעזעצט אַף זײַן אלטינקן וועלאָסיפּעד מיטן אײַנגעמאָסטעטן מאָטאָרל, און אין קנאַפּע צוויי שאָ ארום איז ער שוין געווען אינעם ווײַטלעכן דאָרף פון דעם שכיינעסדיקן ראַיאָן, וווהין דאנילאָ אפאנאסיעוויטש, דער שמיד פון זייער קאָלווירט, איז מיט אַן אַנדערהאלבן יאָר צוריק אריבערגעפאָרן צו דעם זון זײַנעם, צו וואסילין.

דעם באַיאָרטן דאנילאָ אפאנאסיעוויטשן איז אויסגעקומען א ביסל מאָדנע, וואָס דער גווארדייעץ, וועלכער איז שוין אויך ניט קיין גאָר יונגער מענטש, קימאט אין איינע יאָרן מיט אים, זאָל צוליב אזא זאַך זיך שלעפּן אזש אהער. נאָר ווײַבאלד ער זאָגט, אז אים גייט עס זייער אָן, וועט אים אויסקומען צוּוואַרטן ביז פארנאַכט, ביז וואסילי וועט זיך אומקערן פון פעלד. וואסילי זײַנער איז א מעכאַניקער, און די טעכניקע האַלט מען זומער ניט אין דאָרף — מע פירט זי נאָך וועסנע ארויס אין פעלד.

— און די הײַנטיקע טעכניקע, טערענטי ניקאָלײַעוויטש, איז ניט דאָס, וואָס אין די פריִערדיקע יאָרן. אז כ׳ווייס גאָר ניט, צי א סאַך פון אונדז געדענקען נאָך גאָר די לאָבאָגרייקעס. כ׳וועל אײַך זאָגן דעם עמעס, מיר דאכט זיך, אז די הײַנטיקע קאָלווירטניקעס ווייסן שוין גאָר אפילע ניט, וויאַזוי סע וואַקסט ברויט, וואָרעם ניט זיי זייען עס, ניט זיי שנײַדן עס. מע גיט א לאָז ארײַן אין פעלד די טעכניקע, און שוין: צו דער צײַט פאַרזייט און צו דער צײַט אראָפּגענומען. די עמעסע קאָלווירטניקעס, אויב איר ווילט וויסן, זײַנען איצטער, ווייסט איר ווער? די טראַקטאָריסטן און די קאָמבײַניאָרן. אָט זיי ווייסן שוין גראַדע יאָ, וואָס איז אזוינס ברויט. איר ווילט טאַקע צופאָרן צו מײַן וואסילין אין פעלד? כ׳האָב אָבער מוירע, אז איר וועט אים דאָרט ניט געפינען. די פעלדער זײַנען דאָך אויך שוין ניט די, וואָס פריִער. אינעם קלענסטן קאָלווירט ציִען זיך די פעלדער אַף היפּשע עטלעכע קילאָמעטער, און דאָ בא אונדז וועט איר זיי פאר א טאָג אויך ניט דורכפאָרן. וואָס ערגערט איר זיך אזוי? איר וועט אַף דער גאַס ניט נעכטיקן.

נאָכאַמאָל א בלעטער געטאָן די ביכער, וועלכע דער גווארדייעץ האָט געבראַכט מיט זיך צו פירן, האָט דאנילאָ אפאנאסיעוויטש ארײַנגענומען אין דער האַנט די געדיכטע גראָווע באָרד זײַנע, וואָס איז נאָך ערטערווײַז געבליבן צונטער־רויט, ווי זי זאָל געווען פארהיטן אין זיך דעם אָפּשײַן פונעם פאנאַנדערגעבלאָזענעם האָרן, און זיך אָנגערופן:

— זאָגן אײַך אַף זיכער, אז ס׳זײַנען ייִדישע, קאָן איך ניט, כאָטש איך האָב גערעדט ייִדיש ניט ערגער פון א ייִדן. די קאָלווירטניקעס האָבן מיך אפילע געהאַט גערופן רעב דאנילאָ. אָבער לייענען און שרײַבן אַף ייִדיש — דאָס האָב איך ניט געקענט. וואסילי מײַנער, זעט איר, ער האָט געקענט אי לייענען, אי שרײַבן, און טאַקע גוט געקענט. ער האָט ניט איין יאָר געלערנט דאָרט אין דער ייִדישער שול. פאַר דער צײַט האָט ער שוין, פאַרשטייט זיך, א סאַך פאַרגעסן, אָבער ניט אַף אזויפיל, אז ער זאָל ניט קענען איבערלייענען און זאָגן, וואָס זײַנען עס פארא ביכער.

וואסילי האָט זיך אומגעקערט פון פעלד, ווען די פארגייענדיקע זון האָט מיט איר פלאם גענומען אָנצינדן פײַער אין די שויבן.

— אָט דאָס הייסט א גאסט! — איז וואסילי אזש אונטערגעשפרונגען, דערזעענדיק דעם גווארדייעץ. — נאסטיע, ווו ביסטו? זע, ווער ס׳איז געקומען! טאטע, פאראן בא אונדז וואָס צו דערלאנגען צום טיש, צי מע דארף זיך צוכאפן אין קלייט? נאסטיע! קינדער, ווו איז דאָס די מאמע? — האָט ער ארויסגעשריִען דורכן אָפענעם פענצטער צום קליינווארג, וואָס האָט זיך געשפילט אין הויף. — אנו, טוט נאָר א שפרונג און געפינט מיר די מאַמע! — און ווידער פארוואָרפן דעם גאסט מיט רייד. — איז וואָס הערט זיך דאָרטן עפּעס בא אײַך אין אונדזער אמאָליקן ייִשעוו? ביז איצט נאָך בענקט זיך מיר אהין. טאטע, גרייט דערווײַל צום טיש. איך וועל זיך גיין אײַנוואשן, — ער האָט אראָפּגעצויגן פון זיך דאָס פארשטויבטע אויסגעברענטע העמדל. — ע, ווען מיר האָבן דאָ אזא טײַך מיט אזא פּליאזש ווי בא אײַך! דער קאנאל איז צו אונדז ניט דערגאנגען. נאָר מיט וואסער זײַנען מיר באזאָרגט. מע דארף זיך ניט שלעפּן מיט די פּעסלעך צום ארטעזיאנער, ווי אין יענע יאָרן, און ציטערן איבער א טראָפּן. אין יעדן הויף איז דאָ א קראנט. צאפּ וויפל דאָס הארץ גלוסט. סע קלעקט וואסער אי פארן פעלד, אי פאר די גערטענער, אי אף אײַנצוואשן זיך. איר זעט, סארא ביימער דאָ וואקסן בא אונדז?

— געפונען מיט וואָס זיך צו איבערנעמען, — כאָטש דאנילאָ דער שמיד וווינט שוין דאָ דאָס אנדערע יאָר, האלט ער זיך נאָך אלץ מער פאר א דאָרטיקן, ווי פאר א היגן. — האָסט פארגעסן, סארא פּארק איז דאָרט בא אונדז! און די אלייע טאָפּאָלן, וואָס ציט זיך פונעם זאוואָד ביז דער סטאנציע...

— וואָס עפּעס פארגעסן? אָט דו, טאטע, זע איך, נעמסט שוין יאָ פארגעסן, וואָס איז געווען, ווען מיר האָבן זיך דאָרט באזעצט. מער ווי צוויי־דרײַ ביימלעך אין א הויף איז, דאכט מיר, בא קיינעם ניט געווען. אָן וואסער, פון זון אליין וואקסן קיין סעדער מיט קיין טאָפּאָלן ניט אויס. און מיין ניט, טאטע, אז איך בענק ווייניקער נאָכן ייִשעוו, ווי דו. און וויפל איז שוין, אז איך בין אוועקגעפאָרן פון דאָרט? א יאָר פופצן, הא?

— אויב ניט מער. באלד נאָך דער כאסענע האָסטו זיך דאָך אריבערגעקליבן אהער. זע, פארגעסן דערציילן דיר. א קורצע צײַט פאר דעם, ווי איך בין אריבערגעפאָרן צו דיר, איז געווען בא אונדז צוגאסט אָן אלטער קאָלווירטניק. דארפסט אים געדענקען. לייווי האָט מען אים גערופן. ער האָט געוווינט אף אונדזער גאס, די דריטע שטוב פון ברעג.

— לייווי נאָרשטיין?

— נאָרשטיין? יאָ, לייווי נאָרשטיין. ער איז ערגעץ געפאָרן, כ׳געדענק שוין ניט וווהין, האָט ער, פארבײַפאָרנדיק אונדזער סטאנציע, זיך אראָפּגעכאפּט אף א טאָג א קוק טאָן אפן ייִשעוו. א שפּילעכל! אָפּגעלעבט דאָ אזויפיל יאָר. איז אָבער קיינער פון די אלטע קאָלווירטניקעס, אויסער מיר, ניט פארבליבן. וואָס זאָל איך דיר זאָגן, אז לייווי האָט מיך דערזען, איז ער מיר ארופגעפאלן אפן האלדז און זיך צעוויינט מאמעש ווי א קינד. „רעב דאנילאָ, — מאכט ער צו מיר, — איך דערקען ניט דעם ייִשעוו. גע־

וואָרן ווי אין א שטאָט. מע דאַרף שוין מער ניט שלעפּן קיין וואַסער פון אַרטעזיאַן, קלײַבן קוריי, קנעטן די בלאָטעס. איר האָט דאָ איצט אין שטוב וואַסער, גאַז, און טראָטואַרן אַפילו. רעב דאַנילאָ, — און צעווייַנט זיך ווידער, — פאַרוואָס קומט עס אונדז? פאַרוואָס, אַז ס'איז געקומען צום לעבן, איז קיינער ניט פאַרבליבן פון די, וואָס האָבן אויסגעבויט דעם יישעוו? דאָ איז דאָך געווען א הוילער סטעפּ". ס'איז אוואַדע א גרויסער ווייטעק.

— וועגן זײַן זעליקן האָט ער דיר גאָרניט דערציילט? א גרויסער שטי־פער געווען. איך בין מיט אים געזעסן אין שול אויף איין פּאַרטע.

— הער, וועסט זיך גיין אַמאָל אײַנוואַשן? טערענטי ניקאָלײַעוויטש איז דאָך געקומען צו דיר, און קיין איבעריקע צײַט האָט ער ניט.

אין א ווײַלע אַרום האָט פון הויף זיך דערהערט א כליופּען פון אָפּ־געדרייטן קראַנט און וואַסיליס הילכיק פאָרשקען אונטערן קאַלטן שטראָם וואַסער.

שוין באַם ערשטן זײַטל פונעם גרויסן גראָבן בוך אין די לעדערנע טאָוולען, וואָס וואַסילי האָט אויפגעמישט, האָט ער זיך אָנגעבויגן איבער דעם, ווי איבער אַן אַלטער אויסגעצוויטעטער פאָטאָגראַפיע, אין וועלכער מע פּרוּווט זיך דערקענען די היימישע פּנעמער. די גרויסע אויסיעס זײַנען אים קימאַט אַלע געווען באַקאַנט.

— ווי קומען צו אײַך אָט די ביכער? — האָט וואַסילי, איבערמישנדיק בלעטל נאָך בלעטל, געפרעגט. — די פּאַשיסטן, אַז זיי זײַנען אַרײַן צו אונדז אין יישעוו, האָבן זיי ניט איבערגעלאָזט קיין איין יידיש ביכל. גע־נומען און אַלץ פאַרברענט.

— זאָגט איר, הייסט עס, אויך, אַז אָט די ביכער זײַנען יידישע? — דער גוואַרדייעץ, וואָס איז ביז אַהער אויך געווען קימאַט אין דעם זיכער, האָט, דערהערנדיק עס איצט פון וואַסילין, זיך דערפילט, ווי א מענטש, וואָס האָט אַרויסגעראַטעוועט פון פײַער עפּעס זייער ווערטפולס.

— נו, פאַרשטייט זיך. איבערלייענען אָבער קאָן איך ניט. עטלעכע און דרײַסיק יאָר, ווי איך האָב קיין יידישן אָס ניט געזען אין די אויגן. — ער האָט זיך ווידער איבערגעבויגן איבער די אויפגעמישטע זײַטלעך און זיך געכידעשט אויף א קאָל, אָפּשאַרנדיק פון מויל די לאַנגע צונטער־רויטע וואָנצן, — א מאָדנע זאַך פונדעסטוועגן, די גרויסע אויסיעס זײַנען קימאַט אַלע יידישע, און איך קען קיין וואָרט ניט איבערלייענען. די קליינע אויסיעלעך, אָט די, וואָס באַ דער זײַט און פון אונטן, זײַנען מער ענלעך אויף דעם דײַטשיש־גאָטישן שריפט. — מיטאַמאָל, א נעם טוענדיק אין די הענט דאָס קלענערע ביכל מיט די אָפּגעריסענע טאָוולען, איז וואַסילי א שײַנענדיקער אויפגעשפּרונגען פון אָרט, — אָט דאָס קען איך לייענען. „מיט א טראַסק אין די רעדער איז שעפּטל קאַבילעץ...". מיר האָבן עס געלערנט אין שול. כ'קאָן זיך נאָר ניט דערמאָנען, ווי סע הייסט און ווער עס איז. כ'פאַרשטיי אָבער ניט, פאַרוואָס קאָן איך אָט דאָס דאָזיקע ביכל יאָ לייע־נען און יענע צוויי ניט. נאַסטיע! — האָט ער זיך אָנגערופן צו דעם אַרײַנ־געקומענעם ווײַב. — ווו ביסטו עס געווען? זע, סאַראַ גאַסט מיר האָבן, און אויפן טיש באַ דיר איז פּוסט.

אז די פרוי זײַנע איז ארויס אין קיך, האָט וואסילי אופגעמישט אלע דרײַ ביכער און זיי גענומען פארגלײַכן צווישן זיך.

— נו, בעעמעס, איך הייב ניט אָן צו פארשטיין, — האָט ער ווידער איבערגעכאַזערט פאר זיך, — פארוואָס קען איך אָט דאָס ביכל יאָ לייענען. און די צוויי ניט. די אויסיעס זײַנען דאָך איינע און די זעלבע. כאַפּט, טער־רענטי ניקאָלײַעוויטש, אַף ציקאוועסט אליין א קוק. אָט דאָס איז אַן אלעף. נו, שיידן זיי זיך מיט עפּעס אונטער צווישן זיך? און דאָס איז א לאמעד...

— יאָ, טאקע, די זעלבע אויסיעס אי דאָ אי דאָ, — האָט דער גווארדייעץ צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, — איז וואָס זאָל עס באטײַטן?

— וויבאלד דו זאָגסט, אז די אויסיעס זײַנען אי דאָ אי דאָרט יידישע, — האָט זיך ארײַנגעמישט דאנילאָ אפאנאסיעוויטש, וואָס האָט געהאָלפן דער שנור גרייטן צום טיש, — איז דארף מען זיך אָנפרעגן בא א יידן. ס'קאָן דאָך ניט זײַן, אז אין די אמאָליקע יידישע דערפער זאָלן אינגאנצן ניט זײַן שוין קיין יידן. און אין ראיאָן איז דאָ געוויס בא וועמען צו פרעגן.

— דאָס זײַנען אָבער אלץ אזעלכע יידן, טאטע, וואָס קענען יידיש מיסטאמע נאָך ווייניקער פון מיר. נאָר ווי קומען די דאָזיקע ביכער צו אײַך, טערענטי ניקאָלײַעוויטש, פארשטיי איך נאָך ניט.

— איך האָב זיי געפונען אינעם פעקל מאקולאטור, וואָס דעם בריוו־טרעגערס כעוורע האָבן מיר געבראכט צו שלעפּן. איך זאָל זיך ניט געוועזן כאַפּן, וואָלטן אָט די ביכער אוועק אונטערן מעסער.

— שטייט, שטייט. אין וועמענס דירע וווינט ער, דער בריווטרעגער?

— אין פײַבוסאָוויטשעס שטוב וווינט ער, — האָט אונטערגעזאָגט דער פאָטער.

— אויב אזוי, פארשטיי איך שוין. דאָרט האָט דאָך אויך געוווינט פײַ־בוסאָוויטשעס איידעם, דער לערער אונדזערער, יאקאָוו סאָלאָמאָנאָוויטש באס. איז דאָס געוועזן א מענטש! די גוטסקײַט איז אים געלעגן אפן פּאָנעם. מיר האָבן אים ליב געהאט ווי דאָס לעבן, — וואסילי האָט צוגעמאכט די אויגן, עס זאָל די אויסגייענדיקע זון אין פענצטער אים ניט שטערן דער־זען פאר זיך דעם לערער מיטן גוטמוטיקן שמייכל אפן לענגלעכן געזיכט. — אין דער האלבער שטוב, וואָס ס'האָט פארנומען יאקאָוו סאָלאָמאָנאָוויטש, איז געשטאנען א גרויסע שאפע מיט ביכער. ניט געוועזן אין ייִשעוו דער מענטש, וואָס זאָל געוועזן קומען צו אים נאָך א ביכל און ער זאָל אים געוועזן אָפּזאָגן. וויפל מאָל האָב איך בא אים גענומען ביכער צום לייענען, יידישע און רוסישע... אזא ליבער און טײַערער מענטש, ווי ס'איז געוועזן דער לערער באס... אוי, — איז וואסילי זיך אליין ארײַנגעפאלן אין די רייד, — איך שטויס מיך שוין אָן, וואָס זײַנען עס פארא צוויי ביכער. ס'איז דעם שווערס זײַנעמס. בא פײַבוסאָוויטשן אין דער צווייטער האלבער שטוב איז אויך געשטאנען אן אלמער מיט ביכער. ספאָרים האָבן זיי בא אים געהייסן. רעב מאָרדכע פײַבוסאָוויטש איז געוועזן שטארק א פרומער, שאבעס ניט געארבעט. א ציקאווער מענטש געוועזן. ווי ער זאָל זיך ניט געוועזן אָנהאָרעווען פארן טאָג, האָט ער שטענדיק געפונען צײַט ארײַנצו־קוקן אין א סייפער. געדענקסט, טאטע?

— נו, אוואדע, געדענק איך.

— אין א יאָמטעוו, — האָט וואסילי פאַרגעזעצט זיך דערמאָנען, — פלעגט בא רעב מאָרדכען זיך צונויפקלײַבן א צענדליק עלטערע מענטשן, א מיניען האָט עס געהייסן, און מע פלעגט דאוונען. אפילע א סייפערטוירע איז געשטאנען בא אים. נאָר די סייפערטוירע האָט ער מיטגענומען מיט זיך אין עוואקואציע און צוזאמען מיט איר, ווי ס׳האָבן נאָכדעם דערציילט די, וואָס האָבן זיך געראטעוועט, אומגעקומען אין וועג, פון א באָמבע. יאקאָוו סאָלאָמאָנאָוויטש איז אויך אומגעקומען. נאָר שוין אפן פראָנט. מיך האָבן די דײַטשן דאָך אויך געהאט פארנומען צוזאמען מיט די פארבלײַבענע ייִדן. איינער א פאָליצײַ, וואָס האָט זיך דערוווּסט, אז איך קען ייִדיש, האָט מיך פארמאסערט פאר די דײַטשן, אז מיסטאמע בין איך א ייִד. אָט דאָס קענען ייִדיש, ווי איר זעט, האָט מיך געקאָסט גאנץ טײַער. הערט, ס׳קאָן דאָך ניט זײַן, אז דער לערער מיטן שווער זײַנעם זאָלן געווען אויסבאהאלטן בלויז דרײַ ביכער. און ווידער. אויב זיי האָבן אין אזא צײַט, ווען דער טויט האָט זיך נאָכגעיאָגט נאָך זיי, געקאָנט האָבן אין זיינען די ביכער, געזען, ווי צו אויסבאהאלטן זיי, אז די דײַטשן זאָלן זיי ניט געפינען, הייסט עס, אז פון אלץ, וואָס זיי האָבן פארמאָגט, איז דאָס סאמע טײַערסטע געווען פאר זיי די ביכער. איז ווי קאָן מען נעמען און אָפּגעבן זיי אף מאקולאטור? דאָס וואָלט דאָך געווען, ווי די עלטערע מענטשן אין ייִשעוו פלעגן זאָגן, א כילעשעם, א גרויסע זינד הייסט עס, א פארברעכן. אָבער פינקטלעך אײַך זאָגן, וואָס זײַנען עס פארא ספאָרים, וועט מען אײַך קאָנען נאָר אין שטאָט. דאָרט זײַנען נאָך געוויס פאראן ייִדן, וואָס וועלן אײַך דערוף ענטפערן.

— איר זאָלט ניט דארפן לאנג זוכן, טערענטי ניקאָלײַעוויטש, איז כאפט זיך צום אלעם ערשטן אראָפּ אפן מארק.

— איך זע, טאטע, אז דו ביסט א ביסל אָפּגעשטאנען פונעם לעבן. הײַנטיקע צײַטן וועסטו קיין ייִדן ניט טרעפן ניט נאָר אפן מארק אין די קלייטלעך, נאָר אפילע אין די גרויסע געשעפטן.

— איז ווו אייצעסטו זיי זוכן, וויבאלד אזוי, אף דער גאס?

— איך אף אײַער אָרט, טערענטי ניקאָלײַעוויטש, וואָלט זיך אראָפּגעכאפּט מיט די דאָזיקע ספאָרים אין סינאגאָגע. דאָרט וועט מען אײַך געוויס שוין זאָגן, וואָס און ווען. נאָר אָט דאָס דאָזיקע ביכל, וואָס כ׳האָב געלערנט אין שול, לאָזט מיר איבער, כ׳זאָל אינגאנצן ניט פארגעסן לייענען. דאָס קומט אמאָל, ווי איר זעט, צוניץ, זייער צוניץ. — און וואסילי דאנילאָוויטש האָט ארײַנגעשטעלט דאָס ביכל מיט די אָפּגעריסענע טאָוולען אויבנוף אין דעם גלעזערנעם שראנק.

קימאט אין דער זעלבער רעגע, ווי טערענטי ניקאָלײַעוויטש איז ארײַנגעפאָרן צו זיך אין דאָרף און אויסגעשלאָסן דאָס מאָטאָרל פונעם וועלאָסיפּעד, וואָס האָט מיט דער טומלדיקער קלאפּערײַ פארטויבט דעם אָוונטיקן גערויש פון די שלאנקע טאָפּאָלן אין דער אלייע, האָט ער בא דער שײַן פונעם דרויסנדיקן לאָמפּ, אנטקעגניבער די פענצטער פון זײַן שטוב, דערזען זיך עמעצן ארומדרייען. אף וועמען קאָן עס יענער ווארטן? אף אים, אלנפאלס, אף טערענטיקן, געוויס ניט, כאָטש דאָס ווײַב זײַנס, וועלכע האָט פונקט, ווי וואסיליס נאסטיע, ניט אָנגעהויבן באנעמען, פארוואָס ער

מאכט אזא ווערן פון אַט די ביכלעך און פּארוואָס זיי גייען אים אזוי אָן, אַז צוליב זיי האָט ער זיך געלאָזט פאָרן אזא ווײַט, האָט געקאָנט זאָגן דעם מענטשן, אויב יענער האָט זיך בא איר אָף אים נאָכגעפרעגט, אַז ער דאַרף אָט־אָט קומען. ער וואָלט, אייגנטלעך, שוין טאקע פון לאנג געווען אין דער היים, ווען וואסילי זאָל אים ניט געווען פארהאַלטן מיט די געשיכטעס, וועלכע ער האָט אים באַם אָוונט־ברויט אָנגעדערציילט וועגן דעם דאָרף, וואָס איז געווען אמאָל א ייִדישס, און וועגן דעם לערער יאַקאָוו סאָלאָמאָנאָוויטש באַס. יאָ, דאָס ווארט מען אָף אים. צי עפּשער אָף זײַנע, טערענטיס, זין? איז וואָס עפּעס אין דרויסן? די טיר פון זײַן שטוב איז דאָך פאר קיינעם ניט פארמאכט.

שטארק פארוואונדערט האָט עס ניט דעם גוואַרדייעץ, ווען ער האָט, צופאַרנדיק נעענטער, דערקענט דעם בריוטרעגערס באָכערל, אַנטאָשען.

— אָף וועמען ווארטסטו עס דאָ? — האָט, אראָפּקריכנדיק פונעם וועלאָסיפּעד, געפרעגט טערענטי.

אַנטאָשע האָט פארשעמט אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און אויסגעשטרעקט טערענטין דאָס ביכל, וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט. לויט די טאָוועלעך מיטן געמעל האָט ער גלײַך דערקענט די „קיניגן מארגאָ".

— דאָס האָט דער טאַטע דיר געהייסן עס מיר אומקערן?

אַנטאָשע האָט האַסטיק א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, און ווי ער זאָל ניט זײַן אײַנגאַנצן נאָך זיכער, אַז דער גוואַרדייעץ גלייבט אים, ארויסגעבראַכט אָף א קאָל:

— ערנוואָרט, אַז ניין.

— כ'גלייב דיר אָן אָן ערנוואָרט. כ'ווייס, אַז דו ביסט אן ערלעך ייִנגל, און דערפאר טאקע וווּנדערט מיך אזוי אָף דיר, וואָס דו ווילסט ניט זאָגן, ווו' האָסטו גענומען די ביכער. איצט ווייס איך שוין באַשטימט, אַז דאָס זײַנען ייִדישע. איך האָב דיר נאָך דעמלט געזאָגט, אַז די „קיניגן מארגאָ" זאָלסטו לאָזן בא זיך. איך וועל ווי־ניט־איז אויסקומען אָן די צען קילאָגראַם. ניט אין דעם גייט עס. עס גייט אין גאָר עפּעס אנדערס.

און ווי ער זאָל האָבן פאר זיך זײַנס א גלײַכן, האָט וואָלגין גענומען אים אויסדערציילן, ווו' איז ער עס הײַנט געווען, נאָך וואָס איז ער געפאָרן, וואָס האָבן אים דערציילט וועגן דעם דאָזיקן דאָרף דאַנילאָ מיטן זון, וועלכע האָבן דאָ אלעמען געקענט. דערציילט אים, אַז אין דער זעלבער שטוב, ווו' ער וווינט אַצינד, האָט ביז דער מילכאָמע געוווינט א לערער, וועלכן אלע קינדער האָבן ליב געהאַט פאר זײַן גוטסקײַט און ערלעכקײַט, יאַקאָוו סאָלאָמאָנאָוויטש באַס האָט מען אים גערופן, ער איז אומגעקומען אָף דער מילכאָמע, און אַז קיין זאַך אין דער וועלט איז אים ניט געווען אזוי טײַער, ווי א בוך, און אַז די ביכער, וועלכע אַנטאָשע האָט אויסבאַהאַלטן צווישן די צײַטונגען אינעם פּעקל, זײַנען דעם לערערס. אין רעכטן מיטן דערציילן איז דער גוואַרדייעץ מיטאַמאָל אנשוויגן געוואָרן. ער האָט לויטן בליק פונעם באָכערל פּלוצעם פארשטאַנען, אַז ניט צוליב אומקערן די „קיניגן מארגאָ" איז ער געקומען. טערענטי ניקאָלײַעוויטש האָט נאָך ניט באַוויזן רעכט א טראַכט טאָן, ווי אַנטאָשע האָט שטיל צו אים א זאָג געטאָן:

— קיינער האָט מיר די ביכער ניט געגעבן. כ׳האָב זיי בא קיינעם ניט אויסגעביטן. כ׳האָב זיי געפונען...

טערענטי ניקאָלײַעוויטש, וואָס איז אויך שוין געשטאַנען אונטערן זעלבן לאָמפּ, אײַנגאַנצן אַ פאַרשטויבטער פון זײַן העלער שײַן, האָט נאָכ־געפּאָלגט נאָכן ייִנגל, וואָס האָט, ווי טערענטי ניקאָלײַעוויטשן האָט זיך אויסגעוויזן, נאָך אַלץ געוואָרט זיך: זאָגן צי ניט זאָגן, און אַ סאַך גיכער, ווי וואָלגין האָט זיך דערויף געריכט, האָט ער דערהערט דעם ייִנגלס סוי־דעספּולע שטים:

— בא אונדז אויפן בוידעם האָב איך זיי געפונען. צוויי קאַסטנס מיט ביכער שטייען דאָרט. מער ווי די דרײַ ביכער האָב איך פון דאָרט ניט גענומען. ערנוואָרט.

— איך גלייב דיר. האָסט זיך ניט וואָס צו שווערן, — טערענטי ניקאָ־לײַעוויטש האָט זיך פאַרטראַכט. — זאָגסטו, אַז צוויי פולע קאַסטנס...

— ניט אײַנגאַנצן קיין פולע. פון אויבן זײַנען אויף זיי אָנגעוואָרפן טראַנטעס מיט שקראַבעס. די קאַסטנס זײַנען איבערגעדעקט מיט אַן אַל־טער ראָגאָזשע. אין סאַמע ווײַטסטן ווינקל שטייען זיי. מע זעט זיי אײַנ־גאַנצן ניט אַרויס. אויפן בוידעם בא אונדז איז אַזוי אָנגעשלײַדערט, אַז ס׳איז ניטאָ וווּ אַ פוס צו שטעלן.

— איז זאָגסטו, אַז צוויי קאַסטנס מיט ביכער שטייען בא אײַך אויפן בוידעם, — דער גוואַרדייעץ האָט זיך ווידער געווענדט צו דעם באָכערל, ווי צו אַ פולקאָם דערוואַקסענעם מענטשן, וועלכער קען און דאַרף שוין אַלץ באַנעמען, — דו פאַרשטייסט כאָטש, אַנטאָשע, וואָס דו האָסט געפונ־נען? האָסט דאָך געוויס געהערט, וואָס די פאַשיסטן האָבן געטאָן מיט די ייִדן, וועלכע האָבן ניט באַוויזן זיך עוואַקויִרן. און די, וואָס האָבן זיך עוואַקויִרט, האָבן ניט געהאַט קיין צײַט זיך אַפילע אַרומצוקוקן. מע האָט אין אײַלעניש געכאַפּט, וואָס עס האָט זיך געמאַכט אונטער די הענט, און אַלדאָס איבעריקע געלאָזט אויף הפקר. איז טראַכט זיך אײַן: אין אַזאַ צײַט, ווען דאָס לעבן הענגט אויף אַ האָר, ס׳איז טײַער יעדע רעגע, האָט מען אין זינען די ביכער. אַלץ לאָזט מען איבער אויף הפקר, נאָר זיי באַהאַלט מען אויס. איצט פאַרשטייסטו, סאַראַ שווערע זינד מיר וואָלטן מיט דיר באַגאַנגען, ווען מיר גיבן זיי אַוועק ווי מאַקולאַטור און זיי פאַלן אַרונטער אונטערן מעסער. דאָס וואָלט געווען, ווי וואַסילי דאַנילעס זאָגט, דער גרעסטער כילעשעם, די גרעסטע זינד הייסט עס... — דער גוואַרדייעץ האָט אַוועקגעלייגט זײַן שטײַפע האַנט אויפן ייִנגלס אַקסל און מיט אַ לײַכטן געמיט פון אַ מענטשן, וואָס האָט אָפּגעראַטעוועט פון פײַער גרויסע אשירעס, וועלכע מע האָט אים אָנגעטרויט, געזאָגט, — כאַפּ זיך צו מיר אַרײַן קומענדיקע וואָך אויפן סקלאַד. כ׳וועל צו יענער צײַט מיסטאָמע שוין באַקומען נײַע טאַלאָנעס, וועל איך דיר געבן טאַלאָנעס אויף אַלע ביכער, וואָס אײַנעם צעטל...

שטאַרק זיך אָנשטרענגען, ער זאָל דערקענען פונדערווײַטנס, ווער איז דאָס מיידעלע, וואָס לויפט צוזאַמען מיט אַנטאָשען לענגויס דער גאַס, האָט טערענטי ניקאָלײַעוויטש ניט באַדאַרפט. ער האָט זיך גלײַך אָנגע־

שטויסן, אז ס'איז אנקע, וואָס האָט זיך ניט געלאָזט דעמלט פארנארן צו אים אין דער נעץ.

באַגינען, די זון איז נאָך ניט ארויס אינגאנצן פונעם נעפּל, וואָס האָט איינגעהילט די וויַטע בערג, איז צו דעם בריוועטרעגערס שטוב צוגעפאָרן א לאַסטמאַשין און צוזאמען מיטן יונגינקן שאָפער, יורע, איז ארויס פון דער קאבינע דער פארוואלטער פונעם אופנאם־פּונקט טערענטי ניקאָליַיע־וויטש וואָלגין.

מיטראָפאַן פּעטראָוויטש, וואָס האָט שפּעטער נאָך פונעם גווארדייעץ זיך דערוווּסט וועגן די צוויי קאסטנס בא זיך אפן בוידעם, איז פּונקט ביַיגעווען אין קאַנטאָר, ווען דער פארוואלטער פונעם אופנאם־פּונקט איז געקומען זיך נאָכפרעגן, צי גייט היַינט ניט צופעליק אין שטאָט קיין מאַשין.

ווען דער גווארדייעץ מיטן יונגינקן שאָפער האָבן אראָפּגעטראָגן פו־נעם בוידעם די צוויי קאסטנס, האָט ארום דעם בריוועטרעגערס שטוב זיך שוין געהאט פארזאמלט א היפּש רעדל מענטשן.

דערזען, ווי פאַרזיכטיק דער גווארדייעץ מיטן שאָפער לייגן ארויף די קאסטנס אף דער מאַשין און ווי אנטאָשע מיטן בריוועטרעגער העלפן זיי דערביַי צו, האָט איינער פונעם רעדל, א דארער מאנצבל מיט א לענגלעך־פארשפּיצטער נאָז, וואָס לויכט זיך דורך, א זאָג געטאָן:

— פונדעסטוועגן וואָלט ניט געשאדט א קוק טאָן, וואָס טוט זיך דאָרט אפן דעק. אונטער די ביכער קאָן אמאָל ליגן אן אוצער. דאָ האָבן דאָך געוווינט ייִדן.

— איז דעריבער? — האָט געפרעגט דער שאָפער.

— פונדעסטוועגן גיב א קוק. וואָס ארט עס דיך?

— ער מיינט, מע האָט געווארט אף זיַינע אייצעס, — די פארדומפּענע שטים איז געקומען פון די הינטערשטע רייען, — מיטראָפאַן איז ניט דער מענטש, וואָס זאָל אפּריַער ניט געווען א קוק טאָן. איאָ, פּעטראָוויטש?

— נו, אויב אזוי, איז עפּעס אנדערש...

— ווי שעמט איר זיך ניט אזעלכעס צו זאָגן? — איז מען באַפאלן דעם דארינקן מאנצבל מיט דער לאַנגער דורכזיכטיקער נאָז, וועלכער האָט באוויזן אויסבאַהאלטן זיך הינטער עמעצנס פּלייצע.

אז די מאַשין איז פארשווּנדן אין דער אלייע, האָט אנטאָשע צוגע־מאכט די צוויי האלבע טירן פון דער ליידיקער שטאל.

## ד

דער בעסמעדרעש, וווהין טערענטי ניקאָליַיעוויטש האָט געבראכט צו פירן די צוויי קאסטנס ביכער, איז געשטאַנען טיף אין הויף אף איינער פון די גאסן אין רעכטן מיטן שטאָט.

דורך דער האלב־גלעזערנער טיר פון פּאָליש האָט וואָלגין דערזען זיצן בא דער אנטקעגנדיקער וואנט א גראָוון אלטיטשקן, וואָס איז געווען מאָדנע געקליידט. אופגעעפנט שטיל די טיר, איז טערענטי ניקאָליַיעוויטש געבליבן שטיין, ווי ער זאָל אויסווארטן, ביז די אויגן זיַינע, וואָס האָבן

אַקאָרשט געהאט צו טאָן מיט דער בלענדנדיקער זון אין דרויסן, זאָלן זיך צוגעווינען צו דער האלב־טונקלקייט, וואָס איז געקומען אים אנטקעגן.

— א גוט־העלף אייַך, זיידע, — האָט וואָלגין באַגריסט דעם אלטן, דעם איין־און־איינציקן מענטשן, וועלכן ער האָט דאָ געטראָפן, און איז אָפּגעטראָטן פון דער טיר. נאָר דער זאָקן האָט אף שטומלאָשן אים גלייַך אָפּגעשטעלט, באוויזן מיט דער האנט אפן קאָפּ. טערענטי ניקאָלייַעוויטש האָט ניט אָנגעהויבן באַנעמען, וואָס באטייַט דאָס מאכן צו אים מיט די הענט. האָט ער איין מאָל און א צווייט מאָל איבערגעפרעגט און אויך קיי־מאט ווי אף שטומלאָשן. ענדלעך האָט ער זיך אָנגעשטויסן, אז דער אל־טער פארלאנגט פון אים, ער זאָל צודעקן דעם קאָפּ, ווייַל אין א סינאגאָגע טאָר מען, קענטיק, ניט ארייַנקומען אָן א היטל. האָט ער אויסגעטאָן דאָס רעקל און ארומגעבונדן דערמיט, ווי מיט א טשאלמע, דעם קאָפּ.

— שאָלעם־אלייכעם. אז מע טאָר ניט ארייַנקומען אין א מאָקעם־קאָ־דעש אָן א היטל, דאָס, לעכאָלהאפּאָכעס, וואָלט איר פונדעסטוועגן געמעגט וויסן, רעב ייִד. — דער אלטיטשקער האָט פאריכט דעם שעלראָש, וואָס האָט זיך אראָפּגעגליטשט אפן שטערן ביז איבער די אויגן. דערזען, אז דער ארייַנגעקומענער קוקט אים עפּעס מאָדנע אָן, פונקט ער זאָל קיין וואָרט ניט פארשטיין פון דעם, וואָס ער האָט אים געזאָגט, האָט דער אל־טיטשקער עס אים איבערגעכאזערט אף רוסיש און ניט אויסבאהאלטן פון אים דערבייַ זייַן פארוווּנדערונג, וואָס א ייִד אין אזא עלטער זאָל ניט פארשטיין קיין וואָרט ייִדיש.

— זיידע, איך בין ניט קיין ייִד. איך בין א רוס.

— הא? ניט קיין ייִד, זאָגט איר? א קריסט גאָר?

דעם אלטיטשקן האָט ניט איבעריקס געוווּנדערט, וואָס ער האָט עס לע־כאטכילע ניט געהאט באמערקט. ער האָט אויך איצט, צוקוקנדיק זיך שוין נעענטער צו אים, נאָך אויך גאָרניט אויסגעפונען אינעם דאָזיקן מענטשן אזוינס, אז ער זאָל אים פון סאמע אָנפאנג ניט געוועזן אָנעמען פאר קיין ייִדן. ס׳איז דאָך ניט די אמאָליקע יאָרן, ווען א ייִדן, ביפראט אין אזא עלטער, האָט מען נאָך פונדערווייַטן געקאָנט דערקענען לויט דער באָרד נאָך. אצינדער פארלאָזן זיך בערד דאפקע די ייִנגערע מענטשן. ער גע־דענקט שוין באלד ניט די צייַט, ער זאָל געוועזן באגעגענען אָן עלטערן ייִדן מיט א באָרד. מע וויל, אפּאָנעם, אויסזען ייִנגער, אָפּנארן דערמיט דעם מאלעכהאמאָוועס. און אזעלכע אויג־מעלעך־האבאָשנס און שימשן־האגי־בערס, ווי דער ארייַנגעקומענער, פעלן, דאנקען גאָט, צווישן הייַנטיקע ייִדן ניט אויס. דער איינציקער סימען, דאכט זיך, לויט וועלכן עס לאָזט זיך דערקענען, אז דער ארייַנגעקומענער איז ניט קיין ייִד, איז דאָס ריידן זייַנס. איצט, אז ער הערט זיך צו אים שוין אנדערש צו, פילט ער טאקע, אז דאָס רעדט א רוסישער מענטש. ס׳איז עפּעס גאָר אָן אנדער ארט ריידן. בא א ייִדן, ווי ריכטיק ער זאָל ניט ריידן אף רוסיש, לאָזט זיך מיט עפּעס פאָרט דערקענען, אז דאָס רעדט ניט קיין רוס. פארקערט, וואָס שארפער ער ברענגט ארויס דעם רייש, אלץ מער פילט זיך, אז עס רעדט א ייִד.

— איז וואָס, אויב אזוי, האָט אייַך געבראכט אהערצו, אין סינאגאָגע?

— איך בין פון א ייִדישן דאָרף, זיידע.

דער, ווען מען דער גוואַרדייעץ האָט געגרופּן זיידע און וועלכער איז געווען דער איינציקער מענטש אין בעסמעדרעש ניט נאָר אין די באַטאַ־גיקע שאָען, נאָר אָפּטמאָל אויך אין די אינדערפריִעדיקע שאָען צו שאַכ־רעס און אין די אָוונטיקע צו מײַרעוו, איז געווען דער היגער ראָוו, וועמען מע האָט ניט לאַנג צוריק אַראָפּגעבראַכט אהער פון א ווײַטלעכער שטאָט אף דער וואָלגע, ווו אפילע אין א יאָמטעוו האָט מען די לעצטע יאָרן שוין ניט געקאָנט צונויפקלײַבן קיין מיניען.

— פון א יידיש דאָרף, זאָגט איר? — האָט דער ראָוו איבערגעפרעגט און אָנגעוויזן דעם גאַסט אף דער שטאָט לעבן זיך בא דער מיזרעך־וואַנט.

— ס'איז געווען אמאָל א יידיש דאָרף. פאַר דער מילכאָמע, זאָגט מען, זײַנען דאָ געווען א סאַך אזעלכע דערפער. מיסטאמע ווייסט איר עס בע־סער פון מיר. איך בין ניט קיין היגער. פאַר דער מילכאָמע האָב איך גע־וווינט אין אַריאָלער געגנט. אהער בין איך איבערגעפאָרן מיט א יאָר צוואַנציק צוריק.

— איך בין אויך ניט קיין היגער. פון דער ליטע בין איך. באַשערט געווען מיר בלײַבן לעבן. ווען ניט די רוסן, די סאָוועטן, הייסט עס, וואָלט איך שוין לאַנג געווען דאָרט, ווו עס זײַנען אלע אונדזערע דרינקעשאָ־קער, וואָס האָבן ניט באַוויזן זיך עוואַקויִרן. נו יע, געווען אויך אזעלכע, וואָס וואָלטן עפּשער באַוויזן זיך עוואַקויִרן, נאָר זיי האָבן ניט געוואָלט. און ווייסט איר פאַרוואָס? גלייבט ניט יענע, וואָס זאָגן, אז ס'איז דערפאַר, ווײַל מע האָט ניט געוואָלט זיך שיידן מיטן פאַרמעגן. וואָס פאַר א פאַר־מעגן האָט געקאָנט האָבן אין אזא ברעקל שטעטל ווי אונדזערס א וואַ־סערפירער צי אפילע א שוסטער, אשטייגער? און איך, וועלכער האָט זיך שוין יע עוואַקויִרט, האָב דען ניט געטראַכט, פּונקט ווי אלע, וואָס זײַנען פאַרבליבן, אז עס קאָן ניט זײַן, מענטשן זאָלן אָן א פאַרוואָס, אָן א פאַר־ווען שעכטן איינער דעם צווייטן, פאַרטיליקן א גאַנץ פאָלק. דער עלטע־רער זון מײַנער, אָלעווהאַשאָלעם, זאָל ניט געווען אזוי צושטיין, וואָלט איך, מיינט איר, זיך געריהרט פון אָרט? עוואַקויִרט האָבן מיר זיך אזש אף דער וואָלגע, קיין סיזראַן. מיסטאמע האָט איר געהערט פון אזא שטאָט. פון דאָרט האָבן די היגע יידן, ווען ס'איז ניפטער געוואָרן זייער ראָוו, מיך אַראָפּגעבראַכט אהער. אז דאָ זײַנען פאַר דער מילכאָמע געווען יידי־שע דערפער און א סאַך יידישע דערפער, האָב איך נאָך געהערט, זײַענדיק אין סיזראַן. איר קוקט זיך די גאַנצע צײַט צו, זע איך, צו מײַן האַנט?

וואָלגין האָט ווירקלעך ניט אָפּגעווענדט זײַן פאַרכידעשטן בליק פון דעם ראָווס האַנט מיט די צוויי אָפּגעהאַקטע מיטלסטע פינגער.

— דאָס איז בא מיר ניט פונעם לערנען, — האָט דער אלטער זיך ווי פאַרענטפערט, — באם לערנען פאַרלירט מען ניט קיין פינגער, — און עפּעס מיט א באַזונדער שטאָלץ, ווי וואָלגינען האָט זיך אויסגעוויזן, א זאָג גע־טאָן: — דאָס איז מיר א זייכער פון דער זעגמאַשין. ווי קומט א ראָוו, וועט איר פרעגן, צו א זעגמאַשין? שטעלט זיך פאָר, אז כ'האָב געהאַט צו טאָן מיט א סטאָליערשער זעג און מיט א סטאָליערשן הובל, נאָך זײַענ־דיק אין דער יעשיווע. ס'איז שוין א כאַלאַס אזא בא מיר, מעלאָכעווען. אפילע ווען כ'האָב שוין געהאַט סמיכעס אף ראַבאָנעס, פאַרטיידיקט א

דיסערטאציע, הייסט עס, ווי מע רופט איצט, האָב איך זיך ניט געיאָגט ווערן א ראָוו. נאָר ניט, כאָלילע, ווײַל כ'האָב זיך אײַנגעקריגט מיט גאָט. כ'האָב פאָשעט ניט געוואָלט מאכן דערפון א פארנאָסע. מע קאָן זייער פײַן דינען גאָט און זײַן א באלמעלאָכע, א סטאָליער, אשטייגער. מעלאָכע — מעלוכע, זאָגט מען בא ייִדן. מע זאָל ניט געווען צושטיין צו מיר פון אלע זײַטן, וואָלט איך מיסטאמע געווען א סטאָליער. און ניט קיין שלעכטער. אָבער אנטקעגן וואָס דערצייל איך עס אײַך, קאָנט איר מיר ניט זאָגן? נו, יע. איר זײַט דאָך פון א ייִדישן דאָרף.

— פון א געוועזענעם ייִדישן דאָרף, — האָט וואָלגין שטיל ארויסגע־בראכט, און זײַן בליק איז ווידער געפאלן אף דעם אלטנס אָדערדיקער האנט מיט די צוויי אָפגעהאקטע פינגער. ווײַזט אויס, אז פאר דעם אלטן האָט עס א סאך וואָס צו זאָגן, וויבאלד ער האָט וועגן דעם פארפירט פלו־צעם א רייד מיט א ווילד־פרעמדן מענטשן. און עפשער ווײַל ער האָט זיך פאָשעט אויסגעבענקט נאָך א מענטשן, פאר וועמען ער זאָל זיך קאָ־נען אויסריידן.

— נו, יע, פון א געוועזענעם ייִדישן דאָרף. איך בין בייס דער מיל־כאָמע און א שטיקל צײַט אפילע נאָך דער מילכאָמע אויך געווען א גע־וועזענער, א געוועזענער ראָוו, הייסט עס. איך מיט מײַן אלטיטשקער, זאָל האָבן א ליכטיקן גאניידן, אז מיר זײַנען געקומען קיין סיזראן, זײַ־נען מיר אוועק ארבעטן. זי — אף דער ניי־פאבריק, גענייט שינעלן מיט וואטניקעס פארן פראָנט, און איך אף דער מעבל־פאבריק, ווּו מע האָט געמאכט ליזשעס און נאָך עפּעס... פאר עלטערע מענטשן, ווי איך, איז אין יענע יאָרן ניט געווען קיין גרעסערע מיצווע ווי אָפשטיין א טאָג, און אז מע האָט געדארפט, איז א טאָג מיט א נאכט, בא דער מאשין, פונקט ווי פאר די ייִנגערע פון מיר איז אין יענע יאָרן ניט געווען קיין גרעסערע מיצווע, ווי זײַן אפן פראָנט. שטייענדיק בא דער מאשין, האָב איך קיין איין מאָל ניט אויסגעפעלט דאוונען. שטיין אין אזא צײַט בא א מאשין און דאוונען איז אין אָן א שיר העכער, ווי שטיין און דאוונען באם אָמעד. אָפגעהאקט די פינגער אין דער זעגמאשין האָט מיך ניט בייסן דאוונען... נאָר וואָס איז דאָ איצט וועגן דעם צו ריידן? ס'איז שוין א געשיכטע פון אייסעך ווען... יע, זײַט איר, הייסט עס, פון אן אמאָליקן ייִדישן דאָרף. — ער האָט ווידער פאריכט דעם שעלראָש, וואָס האָט זיך ארויסגעגליטשט פון אונטערן טאלעס, און געפרעגט: — מא־שמייכעם? — נאָר זיך גלײַך פארכאפט און איבערגעפרעגט שוין אף רוסיש. — ווי הייסט איר?

— טערענטי ניקאָלײַעוויטש. און אײַך ווי רופט מען?

— מענדל. נאָר רופן רופט מען מיך רעבע. א ראָוו בא ייִדן רופט מען, געוויינלעך, ניט באם נאָמען. מע רופט אים רעבע. איז וואָס האָט אײַך, טערענטי ניקאָלײַעוויטש, געבראכט אהערצו צו מיר?

א קוק געטאָן נעענטער אפן גרויסן צעעפנטן בוך, וואָס איז געלעגן דערבײַ אפן שטענדער, האָט וואָלגין שוין אינגאנצן א זיכערער אין דעם, וואָס עס האָט אים געזאָגט וועגן די געפונענע ביכער וואסילי דאנילעס, געענטפערט:

— מיר האָבן אײַך געבראַכט צו פירן ביכער. צוויי קאַסטנס מיט ייִדי־שע ביכער.

— ספאָרים?

— בא איינעם אונדזערן א קאָלווירטניק אפן בוידעם האָט מען זיי געפונען. אין דער דאָזיקער שטוב האָט פאר דער מילכאָמע געוווינט א לערער. דאָס האָט ער זיי, פארשטייט זיך, אויסבאַהאַלטן. אונטער א ראָ־גאָזשע מיט טראַנטעס האָט ער זיי אויסבאַהאַלטן. איך גיי זיי ארײַנטראָגן.

אין עטלעכע מינוט ארום האָט דער גוואַרדייעץ צוזאַמען מיטן שאָפער ארײַנגעטראָגן אין בעסמעדרעש די צוויי קאַסטנס ביכער. בא יורען, דעם יונגינקן שאָפער מיטן ווייכן געקרײַזלטן בערדל, איז דער קאָפּ געווען צוגעדעקט מיט א נאָזטיכל.

— וויבאַלד בא אײַך אין דאָרף, ווי איר זאָגט, זײַנען, ראַכמאָנע־ליצ־לאָן, ניטאָ שוין איצט קיין ייִדן, — האָט געפרעגט דער ראָוו, וואָס איז געשטאַנען אין טאַלעס־און־טפילן צווישן דעם גוואַרדייעץ און דעם שאָ־פער און ארײַנגעקוקט מיט האַלב־אויסגעלאָשענע אויגן אין די ספאָרים, וואָס זיי האָבן ארויסגעלייגט פון די קאַסטנס אפן טיש, — איז ווי האָט איר זיך דערוווּסט, אז די דאָזיקע ספאָרים זײַנען ייִדישע?

— וואַסילי האָט עס אונדז געזאָגט. נאָר מיר האָבן אליין זיך שוין געהאַט אָנגעשטויסן.

— א ייִד, און זאָל הייסן וואַסילי?..

— ער איז ניט קיין ייִד, רעבע. ער האָט זיך נאָר געלערנט אין א ייִדישער שול. דער טאַטע זײַנער, דאַנילאָ דער שמיד, האָט זיך באַזעצט אין אונדזער דאָרף, ווען דער קאָלווירט איז נאָך געווען א ייִדישער און די שול איז געווען א ייִדישע. דאָס האָט טאַקע וואַסילי אונדז געראַטן, מיר זאָלן אָפּפירן די ביכער אהערצו. נאָך גוט, וואָס מיר האָבן זיך גע־כאַפּט צו דער צײַט און ניט געלאָזט, עס זאָל אוועקגיין אין מאַקולאַטור. דאָס וואָלט דאָך געווען דער גרעסטער כילעשעם!

— ווי, ווי? ווי האָט איר געזאָגט? — פון פארכידעשונג האָט דער שעל־ראָש בא רעב מענדלען זיך אינגאַנצן ארויסגעגליטשט פון טאַלעס.

— א כילעשעם וואָלט עס געווען, ווי סע זאָגט וואַסילי, א גרויסע זינד הייסט עס.

רעב מענדל האָט אוועקגעלייגט זײַנע ברייט צעשפּרייטע הענט אף די צוויי קאַסטנס און, ווי באַם בענטשן, זיך אָנגערופן עטוואָס מיט א ניגן צו די ארײַנגעקומענע:

— וואָס זאָל איך אײַך זאָגן, מײַנע ליבע לײַט. איר זעט אָט די שראַנ־קען בא די ווענט? זיי זײַנען פון אונטן ביז ארויף אָנגעפּאַקט מיט ספאָרים. ניטאָ שוין באַלד ווו צו לייגן. נאָר איין זאַך איז, ווען ייִדן ברענגען צו טראָגן ספאָרים, און גאָר עפּעס אנדערש איז, ווען עס ברענגען זיי צו טראָגן ניט קיין ייִדן. — ער האָט זיך צוגעזעצט אף דער לאַנגער באַנק, וואָס איז געשטאַנען בא דעם פּראָסטן טיש, נאָר זיך גלײַך אופגעהויבן, ווי בא א טפילע, וואָס מע דאַרף זאָגן נאָר שטייענדיק. — מיט א פּאָר יאָר פאר דעם, ווי מע האָט מיך אראָפּגעבראַכט אהער פון סיזראַן פאר א ראָוו, בין איך צוגעפאָרן אף עטלעכע טעג קיין דרינקעשאָק. ס'האָט זיך פאר־

בענקט אַף דער עלטער כאַטש א קוק טאָן אַף דער היים. און וואָס זאָל איך אײַך זאָגן? כ׳האָב קימאַט ניט דערקענט דאָס שטעטל — א שטאָט א גאַנצע געוואָרן. נאָר קיין ייִדן זעט מען דאָרט קימאַט ניט. אויסגעהאַר־געט. אפּצוריקוועגס האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אַף א טאָג אין קאָוונע. כ׳האָב דאָרט אמאָל געלערנט אין דער סלאָבאָדקער יעשיווע. דוכאָוונע סעמינאַריע הייסט עס בא אײַך. ס׳איז שוין אויך ניט דאָס, וואָס אמאָל, נאָר א מיניען קלײַבט זיך נאָך דאָרטן אָן אפילע אינדערוואָכן. כ׳ווייס ניט, ווי האַלט עס אין אַנדערע שטעט, ווו ס׳איז געווען דער קוילער פון דער וועלט, ייִמאַך שמוי וועזיכרוי, נאָר אין דער קאָוונער שול באַנאַנד מיטן אָרנקוידיעש הענגט א גרויסע מירמלנע ברעט, און אַף איר זײַנען אויסגע־קריצט די נעמען פון אַלע שטעט און שטעטלעך פון דער ליטע, און וויפל זײַנען אין יעדער שטאָט און שטעטל געווען הארוגים. אונטער דעם דאָ־זיקן גרויען מירמלנעם טאָוול ברענט דורכן מעסלעס א נייער־טאָמיד, א רויט עלעקטריש לעמפּל. מיט דער צײַט וועלן מיר דאָ אויך אַרויסהענגען לעבן אָרנקוידיעש אזא טאָוול מיט די נעמען פון אַלע היגע שטעט און שטעטלעך און דערפער. עטלעכע און אכציק ייִדישע דערפער, זאָגט מען, זײַנען דאָ געווען. און פון דער אַנדערער זײַט פונעם אָרנקוידיעש וועט מיט דער צײַט עפּשער הענגען אויך א טאָוול מיט די נעמען פון אַלע די, וואָס האָבן אײַנגעשטעלט דאָס לעבן און אָפּגעראַטעוועט ייִדן פון די ראָצכישע הענט. ראַטעווען ספאָרים איז געגליכן צו ראַטעווען מענטשן.

מיטאַמאָל האָט רעב מענדל געגעבן א כאַפּ צו די הענט פונעם קאַסטן, פון וועלכן דער שאַפער האָט שוין באַוויזן אַרויסלייגן אַפן טיש א היפּש ביסל ביכער, און אים געהייסן, ער זאָל זיי צוריק אַרײַנלייגן אין קאַסטן און אַרויסטראָגן פון שול. דער שאַפער האָט פאַרווונדערט א קוק געטאָן אַפן גוואַרדייעץ, דער גוואַרדייעץ אַף אים און ניט אָנגעהויבן פאַרשטיין, וואָס איז פּלוצעם געשען.

— רעבע, וואָס האָט געטראָפן? — האָט טערענטי פאַרלוירן געפרעגט.

— כ׳האָב דאָך אײַך געזאָגט. די ביכער פון אָט דעם קאַסטן לייגט צוריק צונויף און טראָגט זיי אַרויס פון שול.

— וואָס האָט פונדעסטוועגן געטראָפן, רעבע? — האָט טערענטי ניקאָ־לײַעוויטש נאָך מער פאַרווונדערט איבערגעפרעגט. ער האָט ניט אָנגעהויבן צו באַנעמען, וואָס איז דער כילעק צווישן די ביכער, וועלכע ער האָט אַרויסגעלייגט אַפן טיש, און יענע, וועלכע יורע האָט אַרויסגעלייגט פונעם אַנדערן קאַסטן. — די ביכער פונעם דאָזיקן קאַסטן זײַנען דען ניט קיין ייִדישע?

— ייִדישע, אָבער... נו ווי זאָל איך עס אײַך געבן צו דערקלערן? נו, דאָס זײַנען ניט קיין ספאָרים. ס׳איז ניט פאַר קיין מאָקעם־קאָדעש. מיס־טאָם האָט איר געהערט וועגן אזא מעכאַבער, ווי שאָלעם־אַלייכעם. נאָר אפילע זײַנע ביכער האַלט מען ניט אין קיין סינאַגאָגע, פּונקט ווי מע האַלט ניט מיסטאָמע פּושקינס ביכער אין קיין קלויסטער. וואָס אָבער יע? וויבאַלד מע האָט אין אזא געפערלעכער צײַט, ווען מענטשן האָבן אַלץ געוואָרפן, ניט פאַרגעסן אויסבאַהאַלטן אָט די ביכער, איז מיסטאָמע זײַנען

זיי, ווי איר זאָגט, עפּעס ווערט. איז נעמט און גיט זיי אָפּ עמעצן פון די ייִדן.

— און איר, רעבע, זײַט דען ניט קיין ייִד, וואָס איר הייסט אונדז אָפּגעבן זיי אַן אנדערן? — האָט געפרעגט דער שאָפער, וואָס האָט באַוויזן אַרײַנלייגן צוריק די ביכער אין קאַסטן.

— כוץ דעם, קינד מײַנס, וואָס איך בין א ייִד, בין איך נאָך א ראָוו, און א ראָוו האָט ניט צו טאָן מיט אַזעלכע ביכלעך. שאַט, ווייסט איר גאָר וואָס? פאַראַן דאָ בא אונדז אין שטאָט א קלייט, ווו עס פאַרקויפן זיך, ווי כ'האָב געהערט, אויך ייִדישע ביכער. איז אַהינצו פירט זיי אָפּ. אויב מע וועט זיי דאָרט ניט וועלן נעמען בא אײַך, וועט מען אײַך אָנווײַזן וועמען איר קאָנט זיי שענקען. גייט געזונט און זײַט מאַצליִעך, — און דער זאָקן אינעם טאַלעס־און־טפילין, רעב מענדל, האָט מיט שאַרנדיקע טריט אַרויסבאַגלייט די צוויי שעלוכים פונעם אַמאָליקן ייִדישן דאָרף ביז דער טיר.

# ה

דערהערט, וועגן וואָס זײַנען עס געקומען אין ביכער־קראָם די צוויי קאָלווירטניקעס פונעם געוועזענעם ייִדישן דאָרף, האָט די פאַרוואַלטערן, אַן עלטערע פרוי אין ברילן, זיי געענטפערט, אַז זי פאַרשטייט זייער גוט, אין וואָס דאָ גייט און וואָס פאַרא ביכער דאָס זײַנען, אָבער נעמען בא זיי דעם קאַסטן ביכער קאָן זי ניט. זי טאָר עס ניט. זיי דאַרפן אליין עס פאַר־שטיין. אָט פונקט ווי סע טאָר ניט פעלן אין קלייט קיין סכוירע אפילע אַף קיין רובל, אַזוי טאָר זיך אויך ניט געפינען אין קלייט קיין סכוירע אַף קיין רובל מער, און זיי האָבן דאָך געבראַכט צו פירן ביכער, ווי זיי זאָגן אליין, עטוואָס מער ווי אַף א רובל. ניט וויכטיק, וואָס זיי בעטן דערפאַר קיין געלט ניט, גיבן עס אָפּ אומזיסט. דאָס איינציקע, מיט וואָס זי קאָן זיי באַהילפיק זײַן, וויבאַלד עס גייט, ווי זי פאַרשטייט פון זייערע רייד, דעריקער אין פאַרהיטן די דאָזיקע ביכער, — זי קאָן פאַרבעטן אַהער עמעצן פון די, וואָס קומען פון צײַט צו צײַט קויפן א ייִדיש ביכל. פאַראַן צווישן זיי אַזעלכע, וואָס האָבן איבערגעלאָזט אין קראָם זייערע אַדרעסן און טעלעפאָנען, קעדיי מע זאָל באַצײַטנס געבן זיי צו וויסן, ווען עס קומט אָן א נײַ פעקל סכוירע. מער פון אַלעמען פרעגט זיך דערוף נאָך איינער א יונגערמאַן. אַן אינזשעניער איז ער, דאַכט זיך. אָט איז זײַן אַדרעס מיטן טעלעפאָן. זי וועט אים גלײַך אָנקלינגען. טאָמער טרעפט זי אים ניט אין דער היים, וועט זי קלינגען א צווייטן.

ווײַזט אויס, אַז די פאַרוואַלטערן האָט אַף יעדן פאַל אָנגעקלונגען אי דעם, אי יענעם, ווײַל געקומען זײַנען צוויי — איינער, אַן ערעך, אין זײַן, טערענטי ניקאָלײַעוויטשעס, עלטער, א מיטלוווּקסיקער באַדאַכטער מאַנצבל מיט טיף אַרײַנגעזעצטע אויגן, דער אַנדערער נאָך גאָר א יונגער, אַף א יאָר צי צוויי עלטער פונעם שאָפער, פון יורען.

— גיט נאָר א קוק טאָן דעם אויצער אײַערן, — האָט זיך אָנגערופן

דער ייִנגערער, אָנבייגנדיק זיך איבערן קאַסטן, וועלכן דער גוואַרדייעץ האָט צוזאַמען מיטן שאַפֿער אַרײַנגעטראָגן אין קאַבינעט.

וואָלגין האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן שאָפֿער, דער שאָפֿער אויף אים, ווי מע זאָל איינער דעם אַנדערן פֿרעגן: „דו ווייסט ניט, וואָס בלעטערן עס די אַרײַנגעקומענע אַזוי די ביכלעך, וועלכע זיי האָבן אַרויסגענומען פֿון קעסטל, און וואָס דרייט דערבײַ דער ייִנגערער אַזוי מיטן קאָפּ, גלײַך מע זאָל אים וועלן פֿאַרהאַנדלען אַ זאַך, וואָס גייט אים ניט אונטער?״.

דער אויצער, וועגן וועלכן די פֿאַרוואַלטערן פֿון קלייט האָט איבערגעגעבן דורכן טעלעפֿאָן דעם ייִנגערן, און ער, דער ייִנגערער, האָט שוין וועגן דעם אָנגעזאָגט דעם עלטערן, מיט וועמען ער איז געקומען צוזאַמען, איז,ווירקלעך, זיי ביידן ניט אונטערגעגאַנגען. ניט דער עלטערער, וועלכער האָט נאָך פֿון מיט יאָרן לאַנג צוריק געקענט לייענען און שרײַבן ייִדיש, און ניט דער יונגער, וואָס האָט זיך עס אויסגעלערנט ערשט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, האָבן, פּונקט ווי וואַסילי דעם שמידס, קיין וואָרט ניט געקאָנט איבערלייענען פֿון די ביכער, וועלכע זיי האָבן געהאַלטן אין איין בלעטערן, כאָטש קימאַט אַלע אויסיעס זײַנען זיי געווען באַקאַנט. די איינציקע אייצע, וואָס זיי האָבן געקאָנט געבן די צוויי קאָלווירטניקעס, וועלכע זײַנען געשטאַנען אָן אַ זײַט און ניט אָנגעהויבן צו באַגרײַפֿן, וואָס אַזעלכעס קומט דאָ פֿאָר, איז געווען די זעלבע, וואָס ס'האָט אים געגעבן, טערענטין, וואַסילי דאַנילעס — אָפּפֿירן עס אין סינאַגאָגע.

— מיר זײַנען שוין דאָרטן געווען, איבערגעלאָזט דאָרט אַ גאַנצן קאַסטן. נאָר פֿון דעם האָט דער ראַבין זיך אָפּגעזאָגט. זיי זײַנען ניט פֿאַר קיין סינאַגאָגע, האָט ער געזאָגט. פֿירט עס אָפּ אין קלייט, ווו עס פֿאַרקויפֿן זיך ייִדישע ביכער.

— ווי האָט ער געקאָנט אַזעלכעס זאָגן, — האָט זיך אָנגערופֿן דער עלטערער, — ער זעט דען ניט, דער ראַוו, אַז דאָס זײַנען סידורים מיט מאַכזיירים. ס'איז דאָך קלאָר אָנגעשריבן, — און ווי ער זאָל אינגאַנצן פֿאַרגעסן, אַז די צוויי קאָלווירטניקעס קאָנען אַפֿילו קיין איין אָס אויך ניט איבערלייענען, האָט ער זיי ביידן אונטערגעטראָגן דאָס צעעפֿנטע ביכל, — אָט גיט אַ קוק.

טערענטי ניקאָלײַעוויטש האָט פֿאַרהאַלטן זײַן בליק אויפֿן קאַסטן, ווי אויף אַ שיפֿל, וואָס קאָן זיך ניט צושלאָגן צו קיין ברעג. כאָטש נעם און טראָג די ביכער צוריק אַרויף מיטראָפֿאַן פּעטראָוויטשן אויפֿן בוידעם און דעק זיי דאָרט צוריק אײַן מיט דער פֿאַרשטויבטער ראָגאָזשע. וואָלגין וויל פֿאָרט אָבער פֿאַרשטיין, פֿאַרוואָס האָט דער לערער זיי אויסבאַהאַלטן פֿון די מערדער, אויב די דאָזיקע ביכער גייען קיינעם ניט אונטער, ניט די ייִדן, וואָס קומען אין סינאַגאָגע, און ניט די ייִדן, וואָס ווייסן, מיסטאָמע, אַפֿילו ניט, ווו די סינאַגאָגע איז.

— מיכאַיִל לאַזאַרעוויטש, קומט נאָר גיכער אַהער! זעט, וואָס דאָ טוט זיך! אונטער די עטלעכע ספֿרים ליגט אַ גאַנצער אויצער מיט ייִדישע ביכער.

דער פארלוירענער טערענטי ניקאָלײַעוויטש האָט א בליק געטאָן פון דער זײַט אף יורען, וואָס האָט זיך, אפּאָנעם, אויך שוין אָנגעשטויסן, אז צונויפלייגנדיק אין סינאגאָגע צוריק די דאָזיקע ביכער אין קאסטן, האָט ער אין אײַלעניש פארכאפּט אויך עטלעכע ספאָרים פונעם אנדערן קאסטן.

— וויפל, זאָגט איר, זײַנען זיי אָפּגעלעגן אפן בוידעם? פון דער מילכאָמע אָן? — האָט געפרעגט דער עלטערער, וועמען דער יונגער האָט גערופן מיכאיל לאזארעוויטש. — און ווי האָט געהייסן דער לערער?

— באס. יאקאָוו סאָלאָמאָנאָוויטש באס. ער איז אומגעקומען אף דער מילכאָמע. דער שווער זײַנער איז אויך אומגעקומען. די פאשיסטישע עראָפּלאנען האָבן באשאָסן דעם צוג, מיט וועלכן ער האָט זיך עוואקוירט.

— איר וועט מיר אנטשולדיקן, — מיכאיל האָט זיך פארקלערט: פרעגן צי ניט פרעגן? זײַנע קארע טיף־ארײַנגעזעצטע אויגן האָבן זיך אף א רעגע צוגעמאכט. — ס'וואָלט זיך מיר וועלן גרײַלעך וויסן, וואָס גייען אײַך אזוי אָן די דאָזיקע ביכער, וואָס איר האָט צוליב זיי זיך געשלעפּט אזא ווײַט און געהאט נאָך דערבײַ, ווי איך זע, היפּש קאָפּדרייעניש.

— ווער דען זאָל וועגן דעם זאָרגן? ניט פארבליבן דאָך אין דאָרף קיין איין ייִד!

מיכאיל האָט דערלאנגט טערענטי ניקאָלײַעוויטשן די האנט און זי שטײַף א דריק געטאָן:

— איר קאָנט זײַן רויִק, מײַן פרײַנט. קיין בלעטל וועט ניט פארלוירן גיין פון אָט די ביכער. איר גיט זיי איבער אין זיכערע הענט. אנטשולדיקט, ווי, זאָגט איר, האָט מען גערופן דעם לערער פון אײַער דאָרף? יאקאָוו סאָלאָמאָנאָוויטש באס? וואָלאָדיע, וועסט אין דער היים זיי דורכקוקן, — האָט ער זיך אָנגערופן צום יונגן, וועלכער האָט שוין קימאט באוויזן אויסליידיקן דעם קאסטן. — ווייסט, וואָס מיר איז אײַנגעפאלן? באשטעלן א שטעמפּל מיט דעם לערערס נאָמען און אָפּשטעמפּלען די אלע ביכער. זאָל עס זײַן אים א דענקמאָל. נו, און די דאָזיקע עטלעכע ספאָרים, — האָט מיכאיל זיך ווידער געווענדט צום גווארדייעץ, — וועט מען דארפן אומקערן אין בעסמעדרעש. דאָס זײַנען ליכט פון אן אנדער לײַכטער.

— א טײַך האָט צוויי ברעגן, — האָט עס געגעבן צו דערקלערן דער יונגער.

— וויפל זײַט איר אלט? — וואָלאָדיע, דער, צו וועמען וואָלגין האָט זיך געווענדט, איז פון דער ערשטער רעגע אים געפעלן מיט דער ניט ענלעכקײַט זײַנער אף א סאך יונגעלײַט פון זײַן עלטער. דער שווארצער קאָפּ האָר איז קורץ אונטערגעשוירן, די פייעס אונטערגעהאקט, דאָס ליכטיקע געזיכט — ריין אויסגעראזירט, און אָנגעטאָן איז ער אויך ניט ווי א סאך אנדערע פון זײַן עלטער. אף אים איז א געוויינלעך טונקל רעקל מיט געוויינלעכע טונקעלע הויזן, אָן אָט די מעשונע ברייטע קעשענעס פון פאָרנט און אָן די מעשונע קאָלירטע לאטעס פון הינטן, — א יאָר צוויי, דרײַ און צוואנציק? געטראָפן?

— קימאט. דאָס פינף־און־צוואנציקסטע שוין. אנטקעגן וואָס פרעגט איר?

— זאָגט מיר, אײַך וווּנדערט ניט, וואָס כ'בין ניט געקומען גלײַך אהער, נאָר פֿאַרפֿאָרן אַפֿרי'ער אין דער סינאַגאָגע?

קענטיק, זיי ווייסן אים ניט וואָס צו ענטפֿערן, זיי האָבן זיך דערוף נאָך אַפֿילו ניט פֿאַרטראַכט. וואַלגין האָט עס אַרויסגעזען פֿון זייער איבער־קוקן זיך איינער מיטן צווייטן. האָט ער אַליין זיי עס פֿאַרענטפֿערט:

— דאָס האָט וואַסילי, וואָס האָט פֿאַר דער מילכאָמע זיך געלערנט אין אַ יי'דישער שול, מיר אַזוי געראָטן, ווײַל ס'קאָן זיך מאַכן, האָט ער מיר געזאָגט, איך זאָל זיך אַ גאַנצן טאָג אומדרייען איבער דער שטאָט און ניט באַגעגענען קיין יי'דן, וועלכער זאָל מיר קאָנען זאָגן, וואָס פֿאַרא ביכער דאָס זײַנען. איז די בעסטע זאַך — פֿאַרפֿאָרן גלײַך אין סינאַגאָגע. האָב איך אַזוי געטאָן. אַז אַ מענטש אין אַ ײַערע יאָרן, מיכאַ'יל לאַזאַרעוויטש, קאָן לייענען יי'דיש — דאָס וועט וואַסילי אונדזערער גלייבן, אָבער איך זאָל אָנטרעפֿן אַף אַ באָכערל אַף אַזאַ, ווי איר, וואָס זאָל לייענען יי'דיש...

— מיינט איר עפּשער, אַז אײַער וואַסילי איז ניט אינגאַנצן גערעכט? דערציילט אים, וואַלאָדיע, ווי די זאַך איז. דעם דאָזיקן מענטשן, ווי איך זע, גייט עס אָן.

— יאָ, מיר גייט עס אָן.

— וואָס גייט אײַך אָן? ווי קומט עס, וואָס אַזאַ יונגערמאַן, ווי איך, קאָן נאָך לייענען יי'דיש? צו דעם האָט אַ ביסל אַ שײַכעס, און עפּשער טאַ־קע אַ גרויסע שײַכעס, מיכאַ'יל לאַזאַרעוויטש. מיט אַ יאָר דרײַ צוריק, איך האָב ניט לאַנג פֿאַר דעם געהאַט פֿאַרענדיקט דעם אינסטיטוט און אָנגעג־קומען אַרבעטן אַפֿן מעטאַלורגישן זאַוואָד, ברענגט מיר איינמאָל צו טראָגן מײַנער אַ כאַווער, אויך אַן אינזשעניער, אַ מעסוקן גראָבן בוך, איבערגעג־דרוקט אַף אַ מאַשינקע, און דערציילט מיר דערבײַ אַ ציקאַווע געשיכטע: בײַ זיי אין צעך, אַפֿן כימישן זאַוואָד, אַרבעט איינער אַן עלטערער מענטש, וואָס פֿאַרנעמט זיך אין דער פֿרײַער צײַט מיט איבערזעצן אַף רוסיש קי־מאַט אַלץ, וואָס סע גייט בײַ אונדז אַרויס אַף יי'דיש. ער דרוקט עס נאָכ־דעם איבער אַף זײַן אייגענעם כעזשבן אין עטלעכע עקזעמפּליאַרן אַף אַ מאַשינקע און גיט עס לייענען זײַנע באַקאַנטע, וואָס קאָנען ניט לייענען קיין יי'דיש, נאָר ווילן וויסן, וואָס שרײַבט זיך אין די יי'דישע ביכער.

איך האָב אַ לייען געטאָן איין מאָל, אַ צווייט מאָל, אַ דריט מאָל, און אַ טראַכט געגעבן בײַ זיך: וויפֿל איז דער שיר צו זיצן אַף קעסט? וויבאַלד דו ווילסט אַזוי וויסן, וואָס ס'דערציילט זיך אין די יי'דישע ביכער, איז נעם און לערן זיך אויס יי'דיש. און כ'האָב זיך אויסגעלערנט. כ'בין ניט דער איינציקער אַזאַ דאָ אין שטאָט. פֿון דעמלט אָן לאָז איך ניט דורך קיין איין יי'דיש ביכל, וואָס קומט אָן אין קלייט. איז ווי נאָר איך האָב דער־הערט, אַז ס'איז אָנגעקומען אַ גאַנצער אויצער אַף צום לייענען, האָב איך, פֿאַרשטייט זיך, גלײַך אָנגעקלונגען מיכאַ'יל לאַזאַרעוויטשן. איר קאָנט זײַן רו'יק. מירן אָפּהיטן דעם אויצער פֿון אײַער לערער, ווי ער האָט עס פֿאַר־דינט.

— און אויב בײַ אײַך אין דאָרף וועט זיך בײַ עמעצן צופֿעליק אָפּזוכן נאָך אַזאַ אויצער, איז פּירט אים גלײַך צו מיר אָדער צו אָט דעם יונגנמאַן.

דער באַדאַכטער מיכאַיל לאַזאַרעוויטש האָט גענומען פון טיש א בלעטל פּאַפּיר און מיט די זעלבע גרויסע דײַטלעכע אויסיעס, מיט וועלכע ער זעצט איבער די יידישע ביכער אף רוסיש, אָנגעשריבן זײַנעם און וואָלאָ־דיעס היימישן אַדרעס און עס דערלאַנגט טערענטי ניקאָלײַעוויטשן.

אין שטרויענעם הוט, וועלכן דער גוואַרדייעץ האָט, פאַרנדיק צוריק אין בעסמעדרעש, זיך געהאַט געקויפט אין א דערבײַיקער קלייט, ער זאָל ווידעראַמאָל ניט דאַרפן צודעקן דעם קאָפּ מיטן רעקל, האָט דער ראָוו אים ניט גלײַך דערקענט.

— זענט איר עס גאָר?! — רעב מענדל האָט זיך אופגעהויבן פון זײַן שטאָט בא דער מיזרעך־וואַנט, ווי באַם אָפּגעבן קאָוועד, צו וועלכן קיינער נייט ניט, נאָר וועלכער קומט פון זיך אליין. — וואָס זײַנען עס פאַרא ספאָרים?

— ס׳איז פון יענעם־אָ קאַסטן, — וואָלגין האָט אָנגעוויזן אפן פוסטן קאַסטן, וואָס איז געשטאַנען אונטערן טיש. — דאָס האָט דער שאַפער אין אײַלעניש זיי צופעליק אַרײַנגעלייגט אינעם קאַסטן, וואָס מיר האָבן, ווי איר האָט אונדז געראַטן, אָפּגעפירט אין קלייט.

— אך, אזוי גאָר! נו, און וואָס האָט מען אײַך דאָרט געזאָגט?

— אז ס׳איז א גאַנצער אויצער. און מיר האָבן דעם אויצער גוט באַ־שטאַט, אים איבערגעגעבן אין זיכערע הענט. נאָר אָט די דאָזיקע עטלעכע ביכער גייען זיי ניט אונטער. דאָס זײַנען ליכט, זאָגן זיי, פון אַן אַנדער לײַכטער. האָב איך זיי געבראַכט אײַך צוריק אהער. איך פאַרשטיי שוין איצט אליין, אז דאָס, וואָס עס גייט ניט אונטער זיי, גייט אונטער אײַך, און דאָס, וואָס סע גייט ניט אונטער אײַך, גייט אונטער זיי. יעדער טײַך האָט צוויי ברעגן.

— דאָס האָבן זיי אײַך אזוי געזאָגט, אז דער לײַכטער איז ניט איינער און דער זעלבער, און די ליכט זײַנען אַנדערע? איך פאַרגעס אלץ, ווי מע רופט אײַך...

— ניקאָלײַ טערענטיעוויטש וואָלגין.

— נו יע, וואָלגין. איר האָט הײַנט פאַרדינט א גרויסע מיצווע, גאָר א גרויסע מיצווע.

— מיר טוען עס, רעבע, ניט צוליב געצאָלטס. וואָלט איך עס ניט געטאָן, וואָלט א צווייטער עס געטאָן.

— מיר ווייסן עס. מיר האָבן א גוטן זיקאָרן. מיר פאַרגעסן ניט דאָס גוטס, ניט דאָס שלעכטס. דאָס גוטס פאַרגעדענקען מיר נאָך מער, און אין דעם איז אונדזער גליק און עפּשער אויך אונדזער אומגליק.

די זון איז שוין אינגאַנצן אָפּגעגאַנגען פון די שמאָלע פענצטער, וואָס זײַנען ביז העכער האַלב פאַרשטעלט מיט שראַנקען ספאָרים, און איבער־געלאָזט נאָך זיך לאַנגע אומעטיקע שאָטנס. וואָלגין האָט א קוק געטאָן אפן זייגער. ס׳איז שוין געוועזן ווײַט נאָך האַלבן טאָג. דער שאָפער, וועל־כער איז געבליבן זיצן אין דער מאַשין, האָט מיט דער סירענע שוין עט־לעכע מאָל געלאָזט צו הערן, אז ס׳איז צײַט פאָרן אהיים. טערענטי האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. ווען רעב מענדל האָט ענדלעך איבערגעבלע־טערט די עטלעכע אומגעקערטע ספאָרים, האָט טערענטי ניקאָלײַעוויטש,

א ווײַז טועגדיק אפן גרויסן אָפענעם סייפער, וואָס איז געלעגן אפן שטענ־דער, געפרעגט:

— א גאנצן טאָג זיצט איר אזוי און לייענט?

— איך לייען ניט. איך לערן.

— און וואָס לערנט איר, רעבע?

— עס זאָלן נאָר קלעקן יאָרן. פאראן וואָס צו לערנען. קאָלזמאן א מענטש לעבט, דאַרף ער לערנען.

— זיצט איר דאָ אזוי אָפּ גאנצענע טעג?

— ס'איז ווי סע קומט אויס. אמאָל ענדיק איך פריִער, אמאָל שפּעטער. צוויי מאָל זיך שלעפּן אהער איז שוין ניט פאר מײַנע קויכעס. איך ווין גאנץ ווײַטלעך, העכער א שאָ פאָרן פונדאנען מיטן טראמווײַ.

— און איך האָב געמיינט, אז איר ווינט דאָ אין הויף צי ערגעץ נאָענט ארום, — טערענטי ניקאָלײַעוויטש האָט מיטאמאָל ראכמאָנעס גע־קראָגן אף דעם איינזאמען זאָקן, וואָס גייט, דאכט זיך, קיינעם דאָ ניט אָן. — איז ווײַבאלד איר ווינט אזוי ווײַט, קומט דאָך, הייסט עס, אויס, אז איר זיצט אָפּ גאנצענע טעג א הונגעריקער.

— כאָלילע. ווער הונגערט עס הײַנטיקע צײַטן בא אונדז? ס'איז דאָך ניט אמאָל, ניט הײַנט געדאכט. די אלטיטשקע מײַנע, זאָל געזונט זײַן, גיט מיר שטענדיק מיט זיך עפּעס מיט. מישטיינסגעזאָגט, וויפל דאַרף איך עס בא די יאָרן. ס'איז אונדז איבערגענוג די פּענסיע, וואָס מיר קריגן. ניטאָ קיין גרעסערע שטראָף פאר עלטערן, ווי איבערלעבן זייערע קינדער. דאָס קריגן מיר פּענסיע פאר די קינדער. איך פאר מײַנע צוויי אומגעקו־מענע זין, און די פלוינעסטע מײַנע, זי איז בא מיר די אנדערע, פאר איר דערהארגעטן בעניאָכיד. די ערשטע פרוי מײַנע איז פון צאָרעס אוועק פאר דער צײַט פון דער וועלט. ניטאָ קיין גרעסערער בראָך, ווי איבער־לעבן די אייגענע קינדער.

— איך בין אויך געווען אף דער מילכאָמע. דרײַ מאָל געווען פאר־וואונדעט...

— איך זע נאָך אײַך, אז איר זײַט געווען אף דער מילכאָמע. א מענטשן, וואָס איז געווען אף דער מילכאָמע, דערקענט מען גלײַך. אים טוט פאר יעדערן וויי.

— איר וואָלט זיך צוגעזעצט, רעבע.

— ס'מאכט ניט אויס, איך זיץ זיך גענוג אָן פארן טאָג, — זײַנע קליינע מידע אויגן האָבן זיך אף א רעגע צוגעשלאָסן. — דער ייִנגערער מײַנער, זאָל האָבן א ליכטיקן גאניידן, האָט אפילע ניט געוואַרט, מע זאָל אים רופן. אליין אוועק זיך בעטן אף דער מילכאָמע. זעכצן יאָר איז ער אינגאנצן אלט געווען, און דערצו נאָך ניט איבעריקס קיין געזונטער. „טאטע, — האָט ער מיר דערבײַ געזאָגט, — ניטאָ קיין גרעסערער קיבעד־אָוו ווי זיך גיין שלאָגן מיטן רעצייעך פון דער וועלט, היטלער יימאך־שמוי". וואָס האָב איך געקאָנט אים דערויף ענטפערן? „גיי און זײַ מאצליעך", — האָב איך אים געזאָגט. אײַ ס'איז ניט מעקוייעם געוואָרן מײַן בראָכע און מיר האָבן אין א יאָר ארום באקומען די פינצטערע בסורע, איז עס א גאָט־זאָך. איך בין באם ריבוינעשעלוילעם ניט קיין בעניאָכיד... ס'איז, ווי ס'ווערט

געזאָגט באַ אונדז אין די ספאָרים, ניטאָ די שטוב אָן א קאָרבן. די מעלוכע אונדזערע קוקט ניט דערויף, וואָס איך בין א ראָוו. זי גיט מיר אָפּ דעם זעלבן קאָוועד, וואָס אלע טאַטעס, וועלכע האָבן ארויסבאַגלייט זייערע זין און טעכטער אין דער הייליקער מילכאָמע. כ'קאָן זיך, כאָלילע, ניט באַקלאָגן. א דירע האָב איך אויך א גאַנץ פיַינע, א דירע מיט א באַלקאָן, מיט א ליפט, מיט אלץ וואָס מע דאַרף. איין זאַך נאָר. ס'איז א ביסל וויַיטלעך. ס'איז אין א נײַעם מיקראָראַיאָן, און שלעפּן זיך יעדן טאָג מיטן טראַמוויַ באַ א שאָ אהער און א שאָ צוריק איז, פאַרשטייט איר אליין דאָך, שוין ניט פאַר מיַינע קויכעס.

דער שאָפער אין דער מאַשין האָט ווידער דערמאָנט מיט דער סירענע, אז מע דאַרף פאָרן אהיים, נאָר דער גוואַרדייעץ האָט געהאַט נאָך א סאַך וואָס צו פרעגן רעב מענדלען, נאָכדעם ווי ער האָט זיך דערוווּסט, אז ער איז א טאַטע פון צוויי אומגעקומענע זין.

— וויפל, זאָלט איר לעבן און געזונט זײַן, זײַט איר עס אלט, רעבע?

— א סאַך, זייער א סאַך. דער אייבערשטער האָט מיך, זעט אויס, באַ־שאָנקען מיט מיַינע קינדערס ניט אויסגעלעבטע יאָרן. מיר איז שוין דאָס צוויי־און־אכציקסטע.

— און איר שלעפּט זיך יעדן טאָג אזאַ וויַיט?

— אז מע דינט גאָט, קוקט מען דערויף ניט. וויפל מאָל טרעפט, אז מע פאַרהאַלט זיך ביז אין דער נאַכט. ס'וואָלט זיך אוואַדע ניט וועלן אוועק־גיין פון אזאַ דירע, ווי מיר האָבן, עס וועט אָבער אויסקומען זי בײַטן נעענטער אהער, צום בעסמעדרעש. ניט צוליב די סכירעס, כאָלילע! וואָס האָב איך דאָ? אונדז קלעקט די פּענסיע. כ'וואָלט זיך שוין לאַנג אָפּגעזאָגט זײַן דאָ דער ראָוו. לאָזט מען מיך אָבער ניט אָפּ!

וואָלגין האָט אים אָנגעקוקט מיט ברייט צעעפנטע אויגן:

— וואָס הייסט, מע לאָזט אײַך ניט אָפּ? ווער לאָזט אײַך ניט אָפּ? מע גיט אָן א מעלדונג, און אין צוויי וואָכן ארום, צי מע וויל יאָ, צי מע וויל ניט, מוז מען אײַך אָפּלאָזן. איר ווייסט עס דען ניט?

— און ווי איז, אז ס'איז ניטאָ מיט וועמען צו פאַרבײַטן? דער מענטש קאָן דאָך ניט טראַכטן נאָר וועגן זיך און טאָן אלץ, וואָס אים גלוסט זיך. ווו, אשטייגער, וועלן זיי נעמען אן אנדערן אף מײַן אָרט? הײַנטיקע צײַטן איז א ראָוו, ווי מע רופט עס, א דעפיציטע זאַך, און א בעסמעדרעש קאָן לאַנג ניט בלײַבן אָן א ראָוו, — ער האָט אויסגעטאָן דעם טאַלעס, אקוראַט אים צונויפגעלייגט און, אויסדרייענדיק דעם קאָפּ צו דער וויַיבערשער שול, געפרעגט באַ זיך: — ווו איז עס דער שאַמעס, וואָס מע זעט אים ניט? מע דאַרף דאָך צושליסן די שול, — צוגעמאַכט דעם סייפער אפן שטענדער, האָט רעב מענדל האַלב אף א קאָל ניט זיכער א זאָג געטאָן צו זיך, ווי ער זאָל דאַרפן באַ זיך אליין באַקומען דערויף א העסקעם, — איכ'ל, דאַכט זיך, גאָר באַלד פאָרן אהיים.

אף וואָלגינען האָט די ניט זיכערקײַט, מיט וועלכער דער ראָוו האָט עס ארויסגעבראַכט, געמאַכט דעם אײַנדרוק, ווי ער זאָל געוועזן כאָראָטע האָבן, וואָס ער האָט עס געזאָגט, און וואַרט, אז עמעצער זאָל אים דערפון אָפּריידן.

איז טערענטי ניקאָלײַעוויטש אים פאַרלאָפן דעם וועג:

— מיר זײַנען דאָ, ווי איר ווייסט, מיט א מאַשין, מיט א פּאָלוטאָר־קע, — האָט ער זיך צו אים אָנגערופן, — פאַר א פערטל שאָ פירן מיר אײַך אָפּ אהיים.

— איר ווילט, ווי איך זע, פאַר איין מאָל אַרײַנכאַפּן אַלע טאַריאַג מיצוועס.

— וואָס באַטײַט עס, רעבע, טאַריאַג מיצוועס?

— יעדער מענטש דאַרף פאַר זײַן לעבן פאַרדינען זעקס הונדערט דרײַצן מיצוועס, זעקס הונדערט דרײַצן גוטע מײַסים דאַרף ער אופּטאָן אַף זײַן לעבן.

— און ווי איז מיט די, וואָס באַווײַזן עס ניט אופּטאָן, זיי זײַנען, ווי אײַערע זין, פרײַ ארויסגעריסן געוואָרן פונעם לעבן?

— גראַדע זיי האָבן באַוויזן פאַרדינען גאַנץ טאַריאַג. ניטאָ קיין גרע־סערע און העכערע מיצווע, ווי מאַקריוו זײַן דאָס לעבן פאַרן לאַנד. ניטאָ און ניט געווען, זינט עס שטייט די וועלט.

די מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט בא איינעם פון די העל־גרויע מויערן אינעם ווײַטלעכן מיקראָראַיאָן פון דער גרויסער פאַנאַנדערגעוואַקסענער שטאָט. וואָלגין איז ארויסגעשפּרונגען פונעם קוזאָוו, געעפנט דאָס טירל פון דער קאַבינע און פאַרזיכטיק, ווי ער האָט עס געטאָן בייסן אַרײַנזעצן רעב מענדלען אין דער מאַשין, האָט ער צוזאַמען מיטן שאָפער אים גע־האָלפן פון דאָרט ארויסקריכן און באַגלייט אים ביזן ליפט.

נאָר רעב מענדל איז אין ליפט ניט אַרײַן.

— האכנאָסעס־אָרכים, מײַנע ליבע מענטשן, — האָט ער צו זיי געזאָגט און עס גלײַך פאַרטײַטשט אַף רוסיש, — איז אויך איינע פון די זעקס הונ־דערט דרײַצן מיצוועס, וואָס א מענטש דאַרף פאַרדינען פאַר זײַן לעבן. איז ווי קאָנט איר מיר אָפּזאָגן אין דעם?

— איך פאַרשטיי עס, רעבע, — האָט טערענטי זיך פאַרענטפערט, — ס'איז אָבער שניט־צײַט. מע וואַרט אין קאָלווירט אַף דער מאַשין, און מיר האָבן צו פאָרן איבער הונדערט קילאָמעטער. מירן עס אָפּלייגן אַף אן אַנדערשמאָל. מיר זײַנען דאָך ניט א לעצט מאָל דאָ אין שטאָט, און ווו צו געפינען אײַך ווייסן מיר שוין.

— נו, נו, אַדעראַבע. איר וועט בא מיר ס'אַנדערע מאָל אויך זײַן אָנ־געלייגטע געסט. ס'איז אָבער ניט לויט אײַער דין און ניט לויטן ייִדישן דין דורכלאָזן די מיצווע פון האכנאָסעס־אָרכים. די וועלט וועט, כאַלילע, ניט אונטערגיין דערפון, וואָס איר וועט קומען אהיים מיט א האַלבער שטונדע שפּעטער. און אײַך דאַרף איך זאָגן, יונגערמאַן, — האָט ער זיך געווענדט צו דעם שאָפער, — איר פירט די מאַשין, אַז מע פילט אפילע ניט, צי מע פאָרט.

נאָך רעכט ניט צוגעמאַכט הינטער זיך די טיר, האָט רעב מענדל זיך אָנגערופן צום ווײַב, וואָס איז ארויס צו אים פון קיך:

— לייג, גרייט, זײַ מויכל, צום טיש, ווי פאַר די סאַמע געהויבנסטע געסט. אָבער טאַקע קעהערעף־אײַן, וואָרעם זיי האָבן קיין צײַט ניט. ווער

און וואָס זיי זײַנען, וועל איך דיר שוין דערנאָך דערציילן. גיב אַהער, זײַ אַזוי גוט, א ריינעם האַנטעך. — באַוויזן די געסט, ווו דער וואַש־צימער איז, האָט ער זיך אָנגערופן צו וואָלגינען: — דאָ איז ניט קיין בעס־מעדרעש, און איר מעגט אויסטאָן דעם הוט.

ווען דער גוואַרדייעץ מיטן שאָפער זײַנען אַרויס פון וואַש־צימער, איז דער טיש שוין געווען פאַרשפּרייט מיט א ווײַסן טישטעך, און לייע, ניט קיין איבעריקס אַלטע פרוי, האָט פאַנאַנדערגעשטעלט די טעלער מיטן צובײַסן.

דערזען דעם באַלעבאָס זיצן באַם טיש אין א יאַרמלקע, האָט וואָלגין צוריק אָנגעטאָן דעם הוט און פאַריינוועגס שוין פאַרכאַפּט פונעם הענגער אַן אַלט היטל, פאַרן שאָפער.

— צו וואָס? — האָט רעב מענדל א מאַך געטאָן צו אים מיט דער האַנט. — ס׳איז ניט נייטיק. נעם, לייע, זײַ אַזוי גוט, הענג עס אויף אַף צוריק. — נאָר אַז דער גוואַרדייעץ מיטן שאָפער זײַנען פאַרט געבליבן זיצן באַם טיש מיט צוגעדעקטע קעפּ, האָט רעב מענדל זיך אָנגערופן צום ווײַב: — ווייסטו כאַטש, ווער די דאָזיקע געסט אונדזערע זײַנען? זיי האָבן פאַרדינט, אַז זייערע נעמען זאָלן זײַן אויסגעקריצט אַפן טאָוול לעבן אַרנקוידעש.

ערשט איצט האָט טערענטי ניקאָלײַעוויטש באַמערקט די קליינע פאָ־טאָגראַפיע, וואָס איז געהאַנגען אונטער א גלאָז אין א רעמל אַנטקעגנ־בער אַף דער וואַנט. האָט ער אײַנמיטן עסן, ווען רעב מענדל האָט גע־האַלטן אין דערציילן דער פרוי זײַנער די געשיכטע מיט די צוויי קאַסטנס ביכער, זיך געגעבן א הייב אויף פון אָרט און געבליבן שטיין בא דעם פּאָטאָ־בילדל פונעם יונגן באָכערל אין דער פּילאָטקע מיטן גוואַרדייִשן צייכן אַף דער סאָלדאַטסקער גימנאַסטיאָרקע.

— אײַערער? — האָט טערענטי, ניט אײַנגאַנצן נאָך זיכער אין דעם, וואָס אים האָט זיך אין די דאָזיקע רעגעס אויסגעוויזן, שטיל גע־פרעגט.

— יע. דאָס איז דער ייִנגערער, ער זאָל האָבן א ליכטיקן גאַניידן, דער, וואָס האָט אַליין זיך געבעטן, מע זאָל אים שיקן אַף דער מילכאָמע. פונעם עלטערן, אָלעוואָהאַשאָלעם, איז מיר גאָרניט פאַרבליבן. אַפילע קיין שטיקל בילדל.

— רעבע, — האָט וואָלגין זיך נאָך שטילער אָנגערופן, ווי מוירע האָבנדיק אַרויסצוברענגען אַף א קאָל דאָס, וואָס ער וויל פרעגן, — ווי האָט ער געהייסן?

— איך קענט אים עפּשער, האַ? — בא רעב מענדלען האָט זיך אָפּגע־האַקט דער אָטעם. — שויעלקע האָט ער געהייסן. שויעל ספּעקטאָר. שויעל אַף רוסיש איז סאַול.

— אַף וועלכן פראָנט איז ער געווען? פון וועלכן פראָנט האָט ער אײַך צוגעשיקט אָט דאָס בילדל זײַנס?

— איך געדענק ניט, ער זאָל עס מיר געווען שרײַבן. איך געדענק נאָר, אַז דאָס איז געווען אַפן אַנדערן יאָר פון דער מילכאָמע. איר האָט

אים ערגעץ באגעגנט? — ער האָט צוגעמאַכט מיט דער האַנט די אויגן. — ווייסט איר עפּשער אויך, ווו האָט מען אים מעקאַבער געווען?

— איך קאָנט מיר ניט זאָגן, וואָס האָט איר אים, רעבע, מיטגעגעבן מיט זיך פון דער היים? טוט זיך דערמאָנענען.

— מײַן בראָכע, ער זאָל בעשאָלעם צוריקקומען פון דער מילכאָמע, האָב איך אים מיטגעגעבן.

— דאָס פאַרשטיי איך. כ׳פרעג אָבער... נו, א ביכל האָט ער מיטגע־נומען מיט זיך פון דער היים? כ׳מיין, א יידיש ביכל.

בא רעב מענדלען האָבן זיך ווידער צוגעמאַכט די מידע האַלב־אויסגע־לאָשענע אויגן. ער איז אײַנגאַנצן אַרײַן אין זיך און גערעדט ווי צו זיך:

— דער עלטערער, מוישע, ער האָט מיטגענומען מיט זיך, געדענקט זיך, א סייפער. מוישע איז נאָך געגאַנגען אין מײַנע דראָכים. קיין ראָוו וואָלט שוין פון אים ניט געוואָרן, נאָר טאַלעס־און־טפילן, ער זאָל געווען לעבן, וואָלט ער, מיסטאָמע, אָנגעטאָן. דער ייִנגערער איז שוין געווען מער פון די הײַנטיקע, נאָך איידער די סאָוועטן זײַנען אַרײַן צו אונדז אין דער ליטע. ניין, שויעלקע האָט קיין סייפער מיט זיך ניט מיטגענומען. נאָר א ביכל פון די הײַנטיקע יידישע ביכלעך האָט ער געקאָנט בא זיך האָבן.

— דער עלטערער אײַערער, מאָזסיי, איז אויך געווען א גוואַרדייעץ?

טערענטי ניקאָלײַעוויטש וואָלגינען, וואָס איז ביז זײַן אַרײַנקומען אַהער געווען קימאַט זיכער, אַז דער סאָלדאַט פון זייער ראָטע, וואָס האָט געהאַט בא זיך א ביכל מיט פּונקט אַזעלכע אויסיִעס, ווי די ביכער פון די צוויי קאַסטנס, וואָס אַנטאָשע האָט געפונען אפן בוידעם, איז ניט קיין אַנדערער ווי דער לערער, וועלכער האָט אויסבאַהאַלטן די קאַסטנס, האָט שוין איצט זיך אויסגעוויזן, אַז דער דאָזיקער סאָלדאַט איז געווען אָט דער יונגינקער גוואַרדייעץ, וואָס אפן בילד.

און דעמלט, ווען רעב מענדל האָט זיך געגרייט הערן, וואָס עס האָט אים צו דערציילן וועגן זײַן שויעלן אָט דער פרעמדער מענטש, וועלכער איז אים מיטאַמאָל געוואָרן נאָך מער נאָענט, האָט טערענטי ניקאָלײַעוויטש איבערגעריסן די שווערע שטילקײַט:

— ניין. ס׳איז ניט ער... יענער איז געווען א סאַך אַן עלטערער...

צוריקוועגס — די מאַשין איז שוין געווען ווײַט אויסער דער שטאָט — האָט יורע זיך אָנגערופן צו דעם שווײַגעוודיק־פאַרטראַכטן טערענטי ני־קאָלײַעוויטשן, וואָס איז געזעסן לעבן אים אין דער קאַבינע:

— איר האָט אים טאַקע ניט געקענט?

די מאַשין איז אָפּגעפאָרן נאָך א שטיק וועג, אַרײַן אין פעלד, וואָס האָט זיך געכוואַליעט אונטער דער פאַרגייענדיקער זון ביזן ווײַטן האָרי־זאָנט, נאָר וואָלגין איז אַלץ נאָך געזעסן מיטן זעלבן סוידעספולן אויסזען, מיט וועלכן ער האָט זיך געהאַט אופגעהויבן פון טיש און צוגעגאַנגען צו דעם בילדל אף דער וואַנט. פון דער דאָזיקער מינוט אָן האָט טערענטי ניקאָלײַעוויטש וואָלגין זיך אײַנגאַנצן ווי געענדערט. יורע האָט אים נאָך אַזאַ, דאַכט זיך, קיינמאָל ניט געזען. עפּעס, פאַרשטייט זיך, שטעקט אין דעם, וואָס טערענטי ניקאָלײַעוויטש האָט אויסבאַהאַלטן פונעם אַלטן, אַז

ער קען זיך מיט זײַן ייִנגערן זון, נאָר פאַרוואָס באַהאַלט ער עס אויס אויך פון אים, פון יורען, קאָן שוין דער שאָפער ניט פאַרשטיין.

דאָס ווינטל, וואָס האָט זיך אַרײַנגעריסן אינעם אופגעעפנטן פענצ־טערל, האָט ווי אומגעקערט טערענטי ניקאָלײַעוויטשן פון א ווײַטער ווײַט צוריק אהער אין דער קאַבינע, און ערשט איצט, דאכט זיך, האָט ער באַמערקט דאָס צעכוואַליעטע פעלד, וואָס לויפט אָן אנטקעגן, די סאָפּטאָ־גיקע זון באַם פאַנאַנדערגעפלאַמטן האָריזאָנט און אויך אָט די פריילעך ארומלויפנדיקע אויגן באַם שאָפער, וואָס פאַרגיבן אים ווידער די זעלבע פראַגע, אף וועלכער ער, וואָלגין, קאָן נאָך דערווײַל זיך אליין ניט ענט־פערן. זיצט ער און קלאָרט עס אויס פאַר זיך שוין אף א קאָל:

— פאַרוואָס האָב איך אים אזוי געענטפערט, דעם אלטן? ניט וועגן יעדן, וועמען מע האָט אַנגעווירן אין שלאכט, קאָן מען און מע דאַרף איצט דערציילן זייערע אייגענע. צו וואָס קומען אין דרײַסיק יאָר ארום און דערציילן א טאַטן, אז זײַן זון איז לעבעדיקערהייט פאַרברענט גע־וואָרן אין אן אונטערגעשאָסענעם טאַנק און מיר האָבן אים אפילע ניט געקאָנט ברענגען צו קווורע, ווײַל געשען איז עס אין די כאַדאָשים, ווען מיר זײַנען נאָך אלץ אָפּגעטראָטן און אָפּגעטראָטן? און עפשער איז עס געווען ניט ער? מאַלע וואָס עס דאכט זיך דיר אמאָל אויס. דרײַסיק יאָר דאָך אריבער. ווער קאָן עס פאַרגעדענקען אלעמען, מיט וועמען מע איז געגאַנגען אין שלאכט און וועמען מע האָט אַנגעווירן אין שלאכט? אָט ווען איך קאָן אָנווײַזן דעם אלטן, ווו צו שטעלן א מאַצייווע דעם זון זײַנעם! אָבער גיין אים דערציילן, וו׳אזוי זײַן זון איז אומגעקומען... צו וואָס, הא?

— איר האָט אים אָבער געקענט, פעטער טערענטי?

— איך האָב אנדערש ניט געקאָנט אים ענטפערן, יורי.

ווען דער יונגינקער שאָפער איז שוין געווען אינגאַנצן אַרײַנגעטאָן אין דעם, אז ער זאָל ניט פאַרשפּעטיקן אפן אָוונטיקן שפּאַציר, האָט טע־רענטי ניקאָלײַעוויטש וואָלגין איבערגעכאַזערט פאַר זיך:

— איך האָב אים אנדערש ניט געקאָנט ענטפערן...

זאָגנדיק עס, האָט דער גוואַרדייעץ טערענטי ניקאָלײַעוויטש וואָלגין א טראַכט געטאָן דערבײַ פאַר זיך, אז מיטן ברענגען צו פירן הײַנט די צוויי אָפּגעראַטעוועטע קאַסטנס ביכער, וועלכע ער האָט איבערגעגעבן אין זיכערע הענט, האָט דאָס דאָרף זײַנס געשטעלט דערמיט א מאַצייווע אף די אומבאַוווּסטע קוואָרים פונעם אומגעקומענעם לערער און פונעם אומ־געקומענעם יונגן באַכערל מיטן גוואַרדייִשן צייכן אף דער אויסגעברענ־טער סאָלדאַטישער גימנאַסטיאָרקע.

# מעכילע

## 1

אויך נאָכדעם ווי אורי גאוורילאָוויטש אַנשין האָט איין מאָל און א צווייט מאָל געעפנט די אויגן און ביידע מאָל געזען פאַר זיך איינע און די זעלבע געקווייטלטע שטאָרן אף די פענצטער און אף יענער זײַט פענצטער — איינעם און דעם זעלבן געלבלעך־בלייכן לאָמפּ אפן סלופּ, איז ער אלץ ניט געווען נאָך זיכער, צי דאָס, וואָס סע קומט מיט אים פאָר אין די דאָזיקע רעגעס, געשעט אף דער וואָר, צי דאָס ציט זיך נאָך אלץ דער שווערער פארפלאָנטערטער כאָלעם. אזעל־כעס, — ער זאָל זיך אופכאפּן פון שלאָף, און ליגנדיק דערנאָך האלב א וואכער, מיט צוגעמאכטע אויגן דערפירן דעם איבערגעריסענעם כאָלעם ביזן סאָף, — איז זיך מיט אים שוין ניט איין מאָל פארלאָפן. עס געדענקט זיך אים אפילע: ווי מעשונע־ווילד און פארפלאָנטערט עס זאָלן ניט געווען זײַן די ווײַטערדיקע געשעענישן, האָט ער זיי דערנאָך לײַכט געקאָנט איבערדערציילן מיט די מינדסטע איינצלהײַטן, אזוי קלאָר און דײַטלעך האָט ער עס אלץ געהאט געזען. און שטענדיק: צוקוקנדיק זיך מיט פאר־מאכטע אויגן צו דעם, וואָס עס קומט פאָר מיט אים און ארום אים, האָט דער האלב־וואכער אורי׳על אף קיין רעגע דערביי ניט פארגעסן, אז דאָס אלץ קומט פאָר אין שלאָף, נאָר ארײַנמישן זיך, אָפּשטעלן עס, האָט ער ניט געקאָנט, כאָטש ער האָט, ווי ער געדענקט, זיך שוין ניט איין מאָל עס געפּרווט טאָן. אפּאָנעם, אז ניט ער פירט אָן מיט די ווײַטערדיקע געשעענישן פונעם איבערגעריסענעם כאָלעם, נאָר זיי פירן אָן מיט אים, אפילע אין די רעגעס, ווען ער לאָזט ניט, זיי זאָלן אים צומאכן די אויגן, נאָר האלט די אויגן בעקיוון ברייט צעעפנט.

דאָס זעלבע פארלויפט זיך מיט אים, דאכט זיך, אויך איצט. שוין א היפּשע ווײַלע, ווי ער ליגט מיט אָפענע אויגן, נאָר דער שווערער פאר־פלאָנטערטער כאָלעם לאָזט אים נאָך אלץ ניט אָפּ פון זיך. ער האלט אים ווי פריִער פארקוועטשט אין א פּרעס, און וואָס א רעגע, קלעמט ער אים אלץ שטארקער צונויף. נאָך איין מינדסטן קלעם, און עס וועלן בא אים נעמען פּלאצן די ריפּן. ניין, מער קאָן ער ניט וואַרטן. ער מוז זיך ארײַנ־מישן, איבערײַסן אָט דעם צו לאנג פארצויגענעם שווערן כאָלעם.

אורי גאוורילאָוויטש זעצט זיך האסטיק אוף, לאָזט אראָפּ די פיס פון געלעגער, רירט מיט זיי אָן דעם קילן דיל, זוכט אָפּ אין דער פינצטער די ברילן אפן דערבײַשטייענדיקן נאכט־טישל, טוט זיי אפילע א פּאָר מאָל

אָן, ווי ער וואָלט נאָך אַלץ ניט גלייבן, אַז ענדלעך האָט ער זיך שוין אײַנגאַנצן באַפרײַט פון שלאָף און אַז סע שטייט אים שוין מער ניט פאָר צו קלעטערן איבערן שפּיציקן פעלדז און, פליִענדיק פון דאָרט אין טיפן טאָל, אַרײַנפאַלן אונטער א פרעס, פון וועלכן ער קאָן זיך ניט אַרויס־קלײַבן. ער קאָן ניט פאַרשטיין, פאַרוואָס קלעמט מען אים די גאַנצע צײַט צונויף די לינקע זײַט, און פאַרוואָס אַזוי שטאַרק. ער קאָן שוין באַלד דעם אָטעם ניט איבערכאַפּן.

איצט איז דאָך שוין זיכער ווילד צו קלערן, אַז דאָס געשעט ניט אַף דער וואָר. ער האָט אָן א שיר סימאָנים דערצו: אָט איז דאָ נאַרוואָס גע־ווען פינצטער, און אָט האָט ער אויסגעשטרעקט די האַנט צום שאַלטער, און ס'איז גלײַך געוואָרן ליכטיק. ער האָט זיך גערירט דערזען אַף די אַראָפּגעהאַנגענע שטאָרן אויסגענייטע בונטפאַרביקע קווייטן, פריילעכע בעריאָזע־ביימלעך אַף די טאַפּעטן, קרישטאָלענע וואַזעס און באָקאַלן אין גלעזערנעם סערוואַנט, רויטע און בלויע און גרינע ליכט אין די בראָנ־זענע קאַנדעליאַברעס אַף די ווענט, ווייכע שטולן מיט הויכע ווענטלעך אַרום דעם פּאָלירטן טיש און נידעריקע פאָטעלן אין די ווינקלען — האָט ער עס אַלץ דערזען. אוריִעל שליסט אַפילע אײַן דעם טראַנזיסטאָר און הערט זיך א ווײַלע צו צו דעם טויבמאַכנדיקן שפּילן, וואָס האָט זיך אַרײַנגעריסן אין צימער. אין שלאָף וואָלט ער דאָך געוויס ניט געוועזן געזאָגט צו זיך: „שליס אים די רעגע אויס. נאָך עלף אין אָוונט דאַרף זײַן שטיל", און ער וואָלט דערבײַ זיכער ניט געוועזן פרעגן בא זיך אַף א קאָל: „צו וואָס טראַנסלירט מען עס אַפילע אינמיטן דער נאַכט אַזאַ מוזיק, פון וועלכער עס שפּרינגען אַזש אונטער די שויבן?" — אין שלאָף וואָלט ער דאָך ניט געהערט דעם אָפּהילך פון זײַנע שטילע טריט און ניט געפילט די עטוואָס פײַכטלעכע קילקײַט פון דער האַלב־גלעזערנער טיר פון באַלקאָן, צו וועלכער ער האָט צוגעטוליעט דעם שטערן.

נו, פאַרשטייט זיך, אַז ער שלאָפט ניט. אינגאַנצן אָבער וואַך איז ער, אַפּאָנעם, נאָך אויך ניט, אויב דער ווייטעק, וואָס האָט אים אָנגעכאַפּט אין כאָלעם, לאָזט אים נאָך אַלץ ניט אָפּ. אָט דאָס וועלן זיך אײַנריידן, אַז ער איז נאָך ניט אינגאַנצן וואַך, איז איצט די אייַנציקע האָפענונג זײַנע אַף צו באַפרײַען זיך פון אָט דעם אומדערטרעגלעכן ווייטעק.

אָפּגעשטאַנען אַזוי א ווײַלע באַם באַלקאָן, לעשט אורי גאוורילאָוויטש אויס די שײַן, לייגט זיך צוריק אַוועק, מאַכט שטײַף צו די אויגן און פּרוּווט צונויפקניפּן דעם פאָדעם פונעם איבערגעריסענעם כאָלעם, דער־פירן אים ביזן סאָף. און כאָטש אוריִעל געדענקט פּינקטלעך, בא וואָס ער האָט זיך איבערגעריסן, דער פאָדעם, קאָן ער אים אָבער בעשום־אויפן שוין צוריק ניט צונויפקניפּן, און ווייסט, אַז ער וועט אים שוין ניט צו־נויפקניפּן, ווײַל ער, אוריִעל, איז אייַנצײַטיק פאַרנומען גאָר מיט עפּעס אַנדערש — ער וויל באַנעמען, וואָס איז עס פאַר א ווייטעק. עפּעס איז ער אינגאַנצן ניט ענלעך אַף קיין איינעם פון די, וועלכע איז אים ווען־ניט־איז אויסגעקומען איבערטראָגן. יעדעס מאָל, אַף וויפל ער געדענקט, האָט ער געקאָנט אָנווײַזן, ווו טוט אים ווי, און זאָגן, וואָס איז עס פאַר א ווייטעק, ווײַל ער איז געווען אַן אינערלעכער, ער איז געגאַנגען פון

אינווייניק, און דער, וואָס האָט אים איצט ארומגעכאפּט און לאָזט ניט אָפּ, איז אינגאנצן עפּעס אַן אנדערער, ניט קיין אינערלעכער. ער איז אזא, וואָס קומט פון אויסן. ס'איז געגוג, מע זאָל אים באַפרײַען, אוריזעלן, פונעם פּרעס, ווי אלץ וועט גלײַך דורכגיין. דער פּרעס לאָזט אים אָבער פון זיך ניט ארויס. ער פארקלאַמערט אים, דאכט זיך, נאָך שטארקער. אוריזעל מאכט שוין מער ניט צו די אויגן.

עס גייען דורך עטלעכע מינוט, נאָר אורי גאוורילאָוויטש קאָן אלץ נאָך ניט באַנעמען, וואָס עס קומט מיט אים הײַנט אזעלכעס פאָר. פאר די צוויי כאַדאָשים, וואָס ער איז אַף דער דאטשע, האָט ער זיך קיין איין מאָל ניט באקלאָגט אַפן געזונט. ער האָט זיך ביכלאל זעלטן וועגן באַ־קלאָגט אַפן געזונט, באזונדערס די לעצטע עטלעכע יאָר, ווען דאָס פארנע־מען זיך יעדן אינדערפרי, א האלב שאָ אַפן זייגער, מיט פיזקולטור־איבונגען איז בא אים געוואָרן שוין א געוווינהײַט, ווי בא זײַן טאטן אָלעווהאשאָלעם אמאָליקע יאָרן דאָס דאווגען. ארויסגעפאָרן פון דער דאטשע איז ער, אוריזעל, פונקט זיבן אין אָוונט. אין דעם אָנגעפּיקעוועטן וואגאָן פון דער בײַשטאָטישער עלעקטרישער באן איז געווען מעסוקן הייס. דערצו איז אים דעם גאנצן וועג, בא אַן אָנדערהאלבן שאָ, אויס־געקומען שטיין אַף די פיס.

ניט ווײַט פון זײַן נײַער וווינונג אין עק שטאָט, וווהין ער האָט זיך ניט לאנג צוריק אריבערגעצויגן, האָט ער זיך ארײַנגעכאפּט אין א קאפע און אויסגעטרונקען א קופל ביר. ארום צוועלף באנאכט, נאָך דעם ווי ער האָט דורכגעבלעטערט זײַן אייגענעם לערנבוך, לויט וועלכן די סטודענטן, וואָס זײַנען דורכגעפאלן אַף דער פרילינגדיקער סעסיע, וועלן מאָרגן זיך בא אים איבערעקזאמענירן, האָט ער זיך געלייגט שלאָפן. וויפל איז ער עס אָפּגעשלאָפן?

דאָס מאָל האָט אוריזעל, אראָפּגייענדיק פון געלעגער, שוין די שײַן ניט אָנגעצונדן. באנאכט איז די עלעקטרישע ליכט ביז צום בלינד ווערן העל. ער האָט פארהויבן די שטאָרן אַפן פענצטער און פארכידעשט א קוק געטאָן אַפן וואנט־זייגער. ס'איז געגאנגען ערשט די דריטע שאָ.

דאכט זיך, אז שטייענדיק איז אים לײַכטער. און עפּשער פילט ער ניט אזוי די ווייטעקן, ווײַל ער הערט זיך צו זיי שוין ניט אזוי צו. ער איז איצט אינגאנצן ארײַנגעטאָן אינעם באנאכטיקן דרויסן.

פונדאנען, פונעם אכטן שטאָק, זעט זיך דער נײַער היפּש־צעוואקסענער מיקראָראַיאָן אזש ביזן בלײַך אויסגעשטערנטן האָריזאָנט, וועלכער, ווי עס גיט זיך אים אויס, שפּארט זיך דאָרט אָן אַף די פּילשטאָקיקע מויערן, וואָס כאפּן פונדערווײַטן דעם אָנבליק פון שטארצנדיקע פעלדזן. ניט לאנג צוריק, גיט אוריזעל בא זיך א טראכט, זײַנען אונטערן זעלבן האָריזאָנט מיסטאמע געלעגן פונקט אזעלכע דערפלעך, ווי דאָס דערפל אנטקעגנ־בער, וואָס ליגט מיטן אייניציקן שטיקל גאס שיר ניט באם סאמע צופוסנס פונעם מויער, אין וועלכן ער וווינט. איצט זעט שוין אוריזעלן ניט אויס אזוי מאָדנע דאָס, וואָס די באלעבאטים פון אָט די נידעריקע הילצערנע שטיבלעך אײַלן ניט זיך אריבערציִען אין די נײַע דירעס, וועלכע מע האָט, ווי ער האָט געהערט זאָגן, שוין קימאט יעדן פון זיי געגעבן. פון

אַנפאַנג אָבער, ווען ער האָט זיך איבערגעקליבן אהער פון צענטער שטאָט, האָט עס אים שטאַרק געווונדערט. ער האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס האַלט זיי דאָ אַזוי צו? דאָס שלעפּן אַף זיך צען מאָל א טאָג וואַסער פון ברונעם, צי דאָס האָבן צו טאָן אום ווינטער מיט די הרוּבעס?

אורי גאָווריליאָוויטש האָט וועגן דעם אַנומלטן געהאַט געפרעגט איינעם פון זיי. דאָס איז געווען אַף דער דריטער צי אַף דער פערטער וואָך, ווי אוריִעל האָט זיך דאָ באַזעצט. צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע מענטשן פון זײַן הויז איז ער געגאַנגען אויסגראָבן די ביימלעך פונעם הויפל, פונוואַנען ס'איז מיט אייניקע טעג צוריק אַריבערגעפאָרן אין א נײַער וווינונג דער פריִערדיקער באַלעבאָס, און פאַרפלאַנצן די דאָזיקע עטלעכע ביימלעך אונטער די פענצטער פון זייער נאָקעט־שטאַרצנדיקן צוועלפשטאָקיקן מויער. אוריִעל האָט ניט באַוויזן נאָך אָוועקשטעלן דעם פוס אַפן גראָבײַזן, ווי אין הויפל איז אַרײַנגעלאָפן א צעשויבערטער מאַנצבל מיט פאַרבײַלטע פויסטן און געדראָעט, אַז טאָמער פאַרנעמען זיי זיך ניט באַלד אַלע פונדאַנען, לאָזט ער אַראָפּ דעם הונט פון דער קייט.

אין יענע רעגעס האָט אוריִעל ניט געהאַט מיט וואָס צו דערווידערן די, וועלכע האָבן זיך אַרופגעוואָרפן אַפן געוועזענעם אייגנטימער פונעם הויפל, אים געמאַכט מיט דער בלאָטע גלײַך, אויסגעוואָרפן, אַז בא אים איז א באַלעגופישע נעשאָמע, אַז כוץ דער אייגענער קעשענע גייט אַזעלכע, ווי ער, קיין זאַך ניט אָן, זיי וואָלטן, אַפּאָנעם, וועלן, אַז אויסער די נײַע וווינונגען מיט אַלע באַקוועמלעכקײַטן, וואָס מע גיט זיי אומזיסט, זאָל מען זיי אויך איבערלאָזן די הײַזלעך, קעדיי קאָנען אַף זומער זיי פאַרדינגען, די שטאַלן מיט די שטעלכלעך, זיי זאָלן דאָרטן קאָנען האַלטן בעהיימעס און הינער, ניט אָנרירן, גאָט באַהיט, די סעדלעך און גערטנדלעך, איבערלאָזן זיי דאָ אַלץ, פון וואָס מע קאָן מאַכן געלט.

אָט דעם דאָזיקן מאַנצבל, וועלכער איז נאָכן אַריבערציִען זיך אין א נײַער דירע סײַווי פאַרבליבן דערווײַל אין דער פריִערדיקער וווינונג זײַנער, אין דעם איבערגעטריקנטן טונקל־גרויען, ווי מאַקוכע, הילצערנעם שטיבל מיט די ברעקלעך פענצטער, האָט אוריִעל לאַנג ניט געקאָנט פאַרגעסן. צײַטנווײַז האָט זיך אים אויסגעגעבן, אַז ניט צוליבן געלט, וואָס יענער קאָן אויסשלאָגן פון זײַן געוועזענעם שטיקל באַלעבאַטישקײַט, האַלט ער זיך אַזוי פאַר דעם. די בענקשאַפט צום פיצל ערד, אַף וועלכן ער איז געבוירן, האַלט אים דאָ אַזוי צו.

וויִאַזוי האָט ער עס, אוריִעל, באַלד ניט פאַרשטאַנען, אַז אפילע נאָך דעם ווי דער בולדאָזער וועט אַראָפּטראָגן אָט דאָס פאַרבליבענע שטיקל דאָרפישע גאַס, וועלן אירע פריִערדיקע אײַנוווינער נאָך לאַנג־לאַנג קומען אהער צו גיין? ער ווייסט עס לויט זיך: דער וויפּלטער כוידעש שוין, ווי ער האָט זיך באַזעצט אין דעם דאָזיקן מיקראָראַיאָן; ס'איז אָבער ניט געווען נאָך, דאַכט זיך, דער פאַל, ער זאָל זײַן אין צענטער שטאָט און ניט אַראָפּכאַפּן זיך א קוק טאָן אַפן רויטן צווייגאָרנדיקן מויערל, ווו ער האָט פריִער געוווינט. אפילע איצט, ווען מע האָט דאָס מויערל שוין

אראָפּגעטראָגן און אויף זײַן פּלאַץ פאַרפּלאָנצט אַ סקוועראַל, כאַפּט ער זיך אויך פון מאָל צו מאָל אהין אראָפּ. איז וואָס איז דער וווּנדער, אויב אַ מענטש קאָן ניט צוזען, ווי מע וואַרפט פאַנאַנדער זײַן נעסט, ווי מע גראָבט ארויס פון דער ערד, אַף וועלכער ער איז געבוירן און געוואַקסן, די ביימלעך, וועלכע ער האָט אַליין פאַרפלאַנצט?..

בענקשאַפט איז עפּעס דאָס שטאַרקסטע און דויערהאַפּטסטע, וואָס ס׳איז דאָ אינעם מענטשן. ער נעמט עס, אוריִעל, פון זיך אַליין. ס׳איז געווען אַ שטייגער, ער זאָל די ערשטע נאַכט אין דער נײַער דירה פּלוצעם דערהערן אַ קרייען פון הענער, אַז עס זאָל אים גלײַך אַריבערטראָגן פונדאַנען אינעם ווײַטן שטעטעלע פון זײַן ווײַטער קינדהייט, כאָטש ער האָט זיכער ניט וואָס צו בענקען נאָך יענע ווײַטע יאָרן, וועלכע זײַנען דורך אין אַ האַלב־אײַנגעפאַלן שטיבל מיט פאַרשימלטע ווענט און אַ נאַסער סטעליע, וואָס איז געשטאַנען פאַרוקט אין אַ קרום בלאָטיק געסל...

און דאָך טרײַבט ער זי פון זיך ניט אָפּ, די בענקשאַפט, וועלכע עס ברענגט מיט זיך יעדעס מאָל אַהער צו טראָגן, אַפן אַכטן שטאָק, דאָס קרייען פון די הענער אין די שטעלעכלעך פון דער אַנטקעגנליגנדיקער דאָרפישער גאַס, וואָס קוקט אַהער אַרויף מיט אומעטיקע נאַקעטע שײַב־לעך. מערע אַרקאַדיעוונע, די פרוי זײַנע, איז דאָ איצט ניטאָ. זי איז אַף דער דאַטשע, און ער האָט ניט פאַר וועמען מוירע צו האָבן עפענען די טיר פון באַלקאָן. ווען מערע איז אין שטוב, וואָלט זי אים, מיסטאָמע, ניט געלאָזט עפענען אַפילע די פאָרטקע. די פענצטער פון זייער פריִער־דיקער וווינונג אין צענטער שטאָט האָבן אַרויסגעקוקט צו דער גאַס. טאָג און נאַכט האָט זיך דאָרט געטומלט פון די טראַמווײַען און מאַשינעס. און גאַרניט. ס׳האָט זי ניט געקימערט. זי האָט געקאָנט שלאָפן בײַ אָפענע פענצטער. נאָר צום באַנאַכטיקן קרייען דאָ פון די הענער קאָן זי ביז איצט זיך ניט צוגעוווינען. זי כאַפּט זיך גלײַך אויף און קאָן שוין דערנאָך ניט אײַנשלאָפן. צוליב איר מוז ער שוין אויך שלאָפן בײַ פאַרמאַכטע פענצטער — ווי הייס און דושנע סע זאָל ניט זײַן.

מיט אַ באַזונדער מין צולאָכעס, וואָס פאַרשאַפט פאַרגעניגן, האָט אוריִעל אַ ציִ געטאָן די טיר פון באַלקאָן, נאָר צומאַכן אײַנגאַנצן זי צוריק האָט ער שוין ניט געקאָנט. ס׳האָט אים קוים געקלעקט קויעך אַף צו דערשלעפּן זיך צום געלעגער. דער ווייטעק, וועלכן ער האָט, שטייענדיק באַם באַלקאָן, געהאַט עטוואָס פאַרטויבט מיטן אַרײַנטאָן זיך אינעם באַ־נאַכטיקן דרויסן, האָט זיך ווי אָפּגערעכנט מיט אים דערפאַר. ער האָט זיך אַף אים אַרופגעוואָרפן מיט אַ מעשונעדיקער צערייצטקייט און אַזוי צונויפגעפּרעסט די לינקע זײַט, אַז ער קאָן אַפילע ניט וויינען, כאָטש ער האָט ניט פאַר וועמען זיך דאָ צו שעמען, ער איז איינער אַליין אין דער גאַנצער דירה. אָט איצט פאַרשטייט ער, פאַרוואָס לויכטן זיך ניט אין די אָוונטן אַלע פענצטער באַ זיי אין הויז. די דירעס זײַנען דאָ פון לאַנג שוין אַלע פאַרנומען, נאָר ניט אין אַלע דירעס וווינט מען שוין. דער, וואָס קאָן אָפּציִען מיטן אַריבערקלײַבן זיך אײַנגאַנצן אַהער, דער ציט אָפּ, און מער פון אַלץ דערפאַר, וואָס אינעם הויז זײַנען נאָך ניטאָ קיין טעלעפאָ־נען. סע זאָל געווען זײַן דאָ באַ עמעצן אַ טעלעפאָן, וואָלט ער, אוריִעל,

צו אים אָנגעקלאַפּט און געבעטן אַרויסרופן אַ דאָקטער. דאַכט זיך, אַז דער ווייטעק לאָזט אים ביסלעכווײַז אָפּ. ניין, דאָס לאָזט ער אים פּאַשעט איבערכאַפּן דעם אָטעם.

נאָך דעם ווי אוריִעל האָט שוין אַלץ אויסגעפּרוווט אַף צו באַפרײַען זיך פון די שרעקלעכע ווייען, וואָס האָבן אים צונויפגעקוועטשט, ווי ער זאָל ווירקלעך געווען ליגן אונטער אַ פּרעס — זיך אומגעטראָגן הין און הער פון צימער צו צימער און אַ צונויפגעקאָרטשעטער אײַנדרײַען זיך אַ וואַלגער געטאָן אַפן געלעגער מיטן פּאָנעם אין קישן, צעבײַסנדיק זיך ביז בלוט די ליפּן, — איז ער אָנגעקומען צו דעם שטענדיקן מיטל זײַנעם, מיט וועלכן ער האָט ניט איין מאָל פאַרטויבט אין זיך ווייטעקן: ער האָט זיך פאַרטראַכט, וואָס איז אַזוינס ווייטעק. אין אַ ווײַלע אַרום איז דאָס סאַמע וויכטיקסטע שוין פאַר אים געווען — געפינען דערויף אַן ענט־פער.

דער דאָצענט פונעם באַרג־אינסטיטוט, אורי גאָורילאָוויטש אַנשין, וואָלט אַף אייניקע געגנשטאַנדן, וועלכע ער האָט געלערנט אין שול, מיס־טאָמע געווען איצט איינער פון די אָפּגעשטאַנענסטע צווישן די שילער פונעם אַכטן צי אַפילע פונעם זיבעטן קלאַס. אַלנפאַלס, אַף אַנאַטאָמיע וואָלט ער זיכער געווען דער אָפּגעשטאַנענסטער, און פאַרענדיקט האָט ער דאָך די שול דורכויס אַף „גאַנץ באַפרידיקט", ווי סע האָט דעמלט געהייסן דער איצטיקער באַל „פינף". ווען מע זאָל צו יענער צײַט געווען צוריק אײַנ־פירן אין די שולן מעדאַלן, ווי מע האָט עס אײַנגעפירט אין יאָרן אַרום, וואָלט ער באַשטימט געקראָגן אַ מעדאַל, מעגלעך אַפילע אַ גאָלדענע. מיס־טאָם איז ער, אוריִעל, ניט דער אייניציקער צווישן די קאַנדידאַטן פון טעכנישע וויסנשאַפטן, און עפּשער אַפילע אויך צווישן די, וואָס טראָגן דעם טיטל דאָקטאָר, וועלכע האָבן אַף אַזויפיל פאַרגעסן פון דעם, וואָס זיי האָבן געלערנט אין די יִינגלשע יאָרן אין שול, אַז זיי געדענקען שוין, דאַכט זיך, ניט, וויפל ריפּן עס פאַרמאָגט אַ מענטש, צי, אַשטייגער, ווי איז געבויט דאָס אויג, דער אויער. ווי אַזוי איז דאָס זעלבע געשען מיט אים, וועלכער האָט אַף אַנאַטאָמיע אויך געהאַט די העכסטע אָפּשאַצונג, פאַר־שטייט ער אַליין ניט. מעגלעך, אַז שולדיק דערין איז דער לערער, וואָס האָט דערציילט וועגן דעם מענטשלעכן קערפּער ווי וועגן אַ געוויינלעכער מאַשין, און עפּשער איז ער, אוריִעל, אַליין גאָר שולדיק, וואָס ער האָט פאַנאַנדערגעטיילט די געגנשטאַנדן אַף נייטיקע און ניט נייטיקע. אַף אָנ־צוקומען אין אַ טעכנישן אינסטיטוט, — דאָס האָט ער געוווּסט, נאָך זײַענ־דיק אין זעקסטן צי זיבעטן קלאַס, — וועט ער מיט אַנאַטאָמיע צי זאָאָלאָ־גיע ניט דאַרפן האָבן צו טאָן. איז צו וואָס זאָל ער זיך מיִען עס פאַרגעס־דענקען? און וואָס סאָפּקאָלסאָף קומט אַרויס דערפון דעם, וואָס ווייסט דעם געבוי פונעם מענטשלעכן קערפּער אָט ווי ער, אורי גאָורילאָוויטש, ווייסט דעם געבוי פון די האָריזאָנטן אין שאַכטע? דאָס פאַרהיט דען פון ווייטעקן דעם, וואָס היילט אַנדערע, צי די ווייטעקן זײַנען בײַ אים קלע־נערע?.. דעם מענטשלעכן קערפּער, זאָל אַפילע זײַן, אַז דער סאָף זײַנער איז, אייגנטלעך, דער זעלבער, וואָס בײַ דעם פּלאַסט שטיינקוילן, קאָן מען אים אָבער פאָרט ניט פאַרגלײַכן צום האָריזאָנט אין דער שאַכטע. אַפילע

צו דער סאמע קליגסטער מאשין מע זאָל אים פאַרגלײַכן, וועט עס אויך זײַן ביז גאָר איינפאַך. און די, וועלכע פּרוּוון עס טאָן, דערווײַזן בלויז דערמיט, ווי ווייניק דער מענטש ווייסט נאָך וועגן זיך. וויפל דוירעס וועלן נאָך אוועקגיין און וויפל דוירעס דאַרפן נאָך קומען, ביז דער שאַרבן וועט אופהערן ווערן פאַרן מענטשן א סוידעספולע הייל. ניין, דער מענטשלע־כער שאַרבן וועט, ווײַזט אויס, קיינמאָל ניט אַנטפּלעקן אַלע זײַנע סוידעס. דאָס אָבער ווייסט דער מענטש אַף זיכער: יעדעס קעמערל פון זײַן לײַב, מעג עס זײַן אין הונדערט צי אין טויזנט מאָל קלענער פונעם שפּיץ פון א נאָדל, האָט אין דער סוידעספולער הייל זײַן באַזונדערן שאַליעד, וועל־כער גיט אויגנבליקלעך איבער די מינדסטע און קלענסטע געשעעניש, וואָס פאַרלויפט זיך מיטן קעמערל. און כאָטש אוריִעל פאַרשטייט, אַז מע קאָן דעם מענטשן מיט גאָרנישט ניט פאַרגלײַכן, פונדעסטוועגן זוכט ער יעדעס מאָל פאַר אים א פאַרגלײַך, ער זאָל האָבן בא וואָס זיך אָנצוהאַלטן אינעם גערודער מיט די ווייען, וועלכע עס גלוסט אים דערמיט אַף א שטיקל צײַט צו לינדערן.

דאָס מאָל האָט אורי גאַווריליאָוויטש צוגעזוכט פאַר זיך א פאַרגלײַך — די פּיאַנע, וואָס שטייט אין שכיינעסדיקן צימער. רירסט זיך צו צו אירן א קלאַוויש, גיט וועגן דעם באַלד צו וויסן די אָנגעצויגענע סטרונע. דאָס זעלבע קומט, אייגנטלעך, איצט פאָר אויך מיט אים. און פּונקט ווי מע קאָן פאַרטויבן דעם קלאַנג פון איין סטרונע מיטן קלאַנג פון א צווייטער, א מער שטאַרקערער, אַזוי קאָן מען אויך פאַרטויבן אין זיך די ווייען, זאָל אפילע זײַן, אַז נאָר אַף א קורץ שטיקל צײַט. מע דאַרף בלויז קאָנען אָפּ־זוכן אין זיך אָט די נייטיקע סטרונע, די נייטיקסטע און שטאַרק־סטע.

נאָר וויפל אורי גאַווריליאָוויטש האָט ניט איבערגעקליבן אין זיך די אָנגעצויגענע סטרונעס, האָט ער צווישן זיי נאָך אַלץ ניט געקאָנט געפֿי־נען די נייטיקסטע און שטאַרקסטע. אפילע דאָס דערמאָנען זיך אינעם בריוול, וואָס ער האָט מיט יאָרן צוריק, זײַענדיק א סטודענט, געשריבן דער אַלטער קראַנקער מאַמען זײַנער, אַז זי זאָל גיין אַרבעטן אַף א זאַ־וואָד, ער דאַרף עס צוליב דער אַנקעטע זײַנער, אַניט וועט מען אים מיס־טאַם ניט איבערלאָזן אין דער אַספּיראַנטור, — אפילע די דאָזיקע דערמאָ־נונג, פון וועלכער ער האָט צום ערשטן מאָל פאַר די אַלע יאָר זיך ניט אָפּגעקערט, ווי ער פלעגט עס קעסיידער טאָן, קוים נאָר האָט דער זי־קאָרן א דערמאָן געטאָן וועגן דעם, און צום ערשטן מאָל פאַר די אַלע יאָרן ניט איבערגעשלאָגן דעם זיקאָרן זײַנעם, וואָס האָט זיך אַזוי אָנגעװאָרפן איצט אַף אים, אַז פון בושע וועט זיך, דאַכט זיך, באַלד אָנכאַפּן דער קישן אונטער אים, איז נאָך אויך ניט געווען די סטרונע, וועלכע זאָל קאָנען פאַרטויבן מיט זיך זײַנע ווייען. צוליב דעם דאַרף ער, אַפּאָנעם, אָנציִען עטלעכע סטרונעס מיטאַמאָל. נאָר דער זיקאָרן לאָזט אים איבעריקס זיך ניט אַרײַנמישן. ער איז איצט באַלעבאָס און צווינגט אויסהערן ביזן סאָף אַלץ, וואָס ער האָט אים צו זאָגן וועגן יענעם בריוול, און זאָל ער, אוריִעל, נאָכדעם אַליין אַרויסטראָגן איבער זיך דעם פּסאַק. די גרעסטע שטראָף פאַרן מענטשן איז די, וועלכע דער מענטש טראָגט זיך אַליין

ארויס, בלײַבנדיק מיט זיך אויג־אױף־אויג, אַט ווי ער, אורי־על, אַצינד־דער.

דער זיקאָרן לאָזט גאָרניט דורך. ער הייבט אָן פונעם פּאָגראָם אין שטעטל, נאָך וועלכן אורי־על איז פאַרבליבן א האַלבער יאָסעם, פונעם געקוויטשלטן פאַרלאַטעטן ציכל, מיט וועלכן ער פלעגט פּרײַטיק אומגיין איבער די הײַזער, אָנטעמענדיק זיך הינטער די טירן מיטן וואַרעמען רייעך פון הרעטשענע פּידפּאָלקעס, פון די אָרעמע מאָלצײַטן אױף נעגידישע כאַסענעס, פון אויסבעטן באַם דאַוונען כאַנעקע־געלט בא די באַלעבאַטים אין בעסמעדרעש... דערנאָך שפּרינגט אַריבער דער זיקאָרן צו די יינגלשע יאָרן, ווען ער, אורי־על, האָט שוין געוווינט אין שטאָט, — צו דעם טונקעלן קעראָסין־לעמפּל אױף דער פּײַכטער וואַנט, צום אומעטיק־אויסגעשטערנטן הימל, וואָס פלעגט אַרײַנקוקן דורך די פאַרלאַטעטע שײַבלעך אינעם הינטער־שטיבל באַם אָפּטריט, ווו זומער איז ניט געווען ווו צו אַהינטאָן זיך פון די פליגן און ווינטער פון דער פּײַכטער קעלט... דער זיקאָרן זײַנער לאָזט גאָרניט דורך, ער דערמאָנט, ווי האַלבע נאַכט פלעגט די מאַמע זײַנע אופשטיין, נעמען אױף די אַקסלען די צוויי גרויסע געפלאָכטענע קערב און שטיל, ווי א שאָטן, זי זאָל, כאָלילע, ניט אופוועקן די קינדער, זיך אַרויסגליטשן פון שטוב. און אַזוי נאַכט אין נאַכט, יאָר נאָך יאָר, פון זינט זיי האָבן נאָכן פּאָגראָם, צוזאַמען מיט א סאַך אַנדערע פּלייטים, זיך אַריבערגעקליבן אין שטאָט. ערגעץ אױף א ווײַטער באַרגיקער גאַס איז געווען די בעקערײַ, ווו זײַן מאַמע פלעגט נעמען אױף באָרג צוויי קוישן געבעקס און עס פאַנאַנדערגעטראָגן איַרע קונדן אױף באָרג איבער דער גאַנצער שטאָט. דאָס גאַנצע פאַרמעגן אירס, וואָס האָט באַטראָפן, — אורי־על האָט עס פאַרגעדענקט ביז איצט, — זיבן און דרײַסיק רובל, איז געווען צעשטעקט צווישן איַרע קונדן, וועלכע פלעגן מיט פּאַסיקלעך, די מאַמע זײַנע זאָל פאַרשטיין, אליין אַרײַנשרײַבן זייערע כויוועס און באַם צעכעזשבעגען זיך אליין אויסמעקן די פּאַסיקלעך אין איר צעקנייטשט און פאַרפלעקט העפטל.

מעגלעך דערפאַר האָט זיך אים אַזוי פאַרגעדענקט, וויפל עס האָט צו יענער צײַט באַטראָפן דער מאַמעס פאַרמעגן, ווײַל ווען ער האָט איינמאָל געהאָלפן צונויפציילן די פּאַסיקלעך אינעם העפטל, האָט זי א זאָג געטאָן צו זיך: „אפילע קיין האַלבע קו מאַכט עס ניט אויס”. אַז די מאַמע זײַנע האָט אין עטלעכע יאָר אַרום נאָך דער כאַסענע געקויפט פאַרן אָפּגעשפּאָרטן געלט א קו און באַצאָלט פאַר איר פינף און זיבעציק ניקאָלײַעווער רובל, און אַז פון דעם, וואָס זי פלעגט פאַנאַנדערטראָגן מילך איבער די נעגידישע הײַזער, האָט זי געצויגן די כאַיונע, האָט ער ניט איין מאָל געהערט זי עס דערציילן. נאָר דעמלט, ווען די מאַמע זײַנע האָט אין די פריַע קאַיאָרן געשלעפּט אױף זיך די קאַנען מילך, איז זי נאָך געווען א יונגע, זי האָט נאָך ניט געהאַט אױף זיך קיין פּאָגראָם, זי איז נאָך דעמלט ניט געלאָפן מיט די ברעקלעך קינדער אינמיטן דער נאַכט פון א נײַעם פּאָגראָם. די קוישן געבעקס אָבער האָט זי געשלעפּט אױף זיך, ווען זי איז שוין געווען אין זײַן איצטיקן עלטער, עלטער אפילע אױף עטלעכע יאָר. אורי־על ווייסט, אַז ער זעט אויס נאָך ווײַט פון א מענטשן, וואָס איז

האיאַר שוין אַרײַנגעפּאָרן אין זעקסטן יאָרצענדליק. ער פּײַנט זיך אַמאָל דערמיט אויס פאר זיך אַליין און פאַרגעסט דערבײַ, אַז אים איז אפילע אין דער יוגנט ניט אויסגעקומען שלעפּן אַף זיך נאַכט נאָך נאַכט שווערע קערב מיט געבעקס פאר יענעם, און אַז אים איז קיינמאָל ניט נאָכגעלאָפן זײַנס אַ קינד, ווי ער איז נאָכגעלאָפן דער מאַמען און געשריִען איבער דער גאַנצער גאַס: „כ׳וויל עסן!“, — און די טרײַע, איבערגעגעבענע מאַמע זײַנע האָט ניט געהאַט אים וואָס צו געבן.

אָט אַזוי, אָן אָנגעזאָטלטע מיט די שווערע קערב אַף די פּלײיצעס, האָט מען זי אין איינעם אַ באַגינען געטראָפן ליגן אַ געכאַלעשטע אין אַ גראָבן. אין אַ קנאַפּן כוידעש אַרום איז זי אויסגעגאַנגען.

ווי:אַזוי האָט ער עס געקאָנט, מאָגט איצט דער זיקאָרן בא אים אָן ענט־פער, שרײַבן דער עטלעך־און־פופציקיאָריקער קראַנקער מאַמען זײַנער, אַז זי זאָל בא אַזאַ עלטער אָנקומען אַרבעטן אַף אַ זאַוואָד, זאָל אפילע זײַן, אַז מיטן פאַנאַנדערטראָגן דאָס געבעקס האָט זי געהאַט אַ שטיקל שײַכעס צום האַנדל, געקאָנט אפילע בלײַבן אָן וואַלרעכט, און דאָס האָט אים אין יענע יאָרן עפּשער געוועזן געשטערט אָנקומען אין אַספּיראַנ־טור.

דער זיקאָרן זײַנער מאָנט פון אים טײַער אויף פאַר לינדערן עטוואָס די ווייען — ער ציט אין אים אָן איין סטרונע נאָך דער אַנדערער, זוכט אויס פון דער ווײַטער פאַרגאַנגענהײַט און פון דעם, וואָס איז זיך פאַרלאָפן ניט איבעריקס לאַנג צוריק, אַלץ אַזעלכעס, איבער וואָס ער האָט אײנעם דאָזיקן עלטער זיך וואָס צו פאַרטראַכטן. און ווען ס׳איז אים סאָפּקאָלסאָף געלונגען זיך אַרײַנמישן און אָפּשוואַכן דעם ווייטעק מיטן דערמאָנען זיך, ווי ער האָט זיך געטרונקען, פאָרסירנדיק דעם דניעפּער, האָט ער זיך פּלוצעם צעלאַכט.

ניט צו באַנעמען. וואָס האָט זיך עס מיטאַמאָל אַרײַנגעמישט אין דעם אַלץ, וואָס ער האָט נאַרוואָס געהאַט פאר זיך געזען אין דער פינצטער, ליגנדיק מיטן פּאָנעם פאַרגראָבן אין קישן, דער פּראָפעסאָר מיטן געגאָלטן קאָפּ, וועלכער איז געקומען אָנגעבן זײַנע דאָקומענטן אַף אָנטייל־צונעמען אינעם אָפענעם קאָנקורס, וואָס דער אינסטיטוט האָט גע־מאָלדן.

ער, אורי גאַוורילאָוויטש, איז דעמלט פונקט געווען באַם רעקטאָר, ווען דער פאַרוואַלטער פון דער קאַטעדרע פון געזעלשאַפטלעכע וויסנ־שאַפטן איז אַרײַנגעקומען אין קאַבינעט צוזאַמען מיט אַ מיטלוווּקסיקן, עטוואָס אײַנגעהויקערטן מאַנצבל און אים פאָרגעשטעלט ווי זײַנעם אַ גוטן באַקאַנטן. זיי האָבן זיך אַמאָל צוזאַמען געלערנט. ווען דער פאַרוואַל־טער פון דער קאַטעדרע — אַ הויכער, שטאַלטנער מאַן מיט אָן אָנגענעמער ברוסטיקער שטים האָט פאָרגעלייענט דאָס צעטל ווערק, וואָס זײַן באַ־קאַנטער האָט פאַרעפנטלעכט, און דערבײַ צוגעגעבן, אַז אייניקע פון אָט די ווערק זײַנען דערשינען אין עטלעכע אופלאַגעס און אין פאַרשיידענע פאַרלאַגן, און אַז קימאַט אַף איטלעכס פון זײַנע ווערק זײַנען געווען אין דער פרעסע גוטע אָפּרופן, האָבן באַם אַרײַנגעקומענעם פּראָפעסאָר זיך מאָדנע געלויכטן די שיטערלעך־גרינע אויגן אַפן גליקלעך־שמייכלענדיקן

געזיכט מיט די דינע פארקאשערטע ליפּן און קורצן אונטערשטן קין. דער פארוואלטער פון דער קאטעדרע האָט אויך ניט פארגעסן צוגעבן, אז דער פּראָפעסאָר האָט א שטיקל צײַט אפילו געארבעט אין דער רעפּובליקאַנישער הויפּטשטאָט. דאָ האָט דער גאסט זיך אופגעשטעלט, ווידער דערלאנגט דעם רעקטאָר די האנט און מיט א באזונדער שטאָלץ, ווי דאָס וואָלט געווען דאָס סאמע וויכטיקסטע פון דעם, וואָס דער פארוואלטער פון דער קאטעדרע האָט אויסגעלייענט פונעם צעטל און דערציילט וועגן אים, זיך אָנגערופן:

— אין אינסטיטוט, ווּו כ'האָב פריִער געארבעט, בין איך א שטיק צײַט געווען דער פארטרעטער פונעם פּאָרזיצער פון דער שטייגער־קאָמיסיע.

אוריִעל האָט באמערקט, ווי דער רעקטאָר האָט קוים באוויזן באהאלטן דעם שמייכל אין דער שיינער געדיכטער באָרד און ווי דער פארוואלטער פון דער קאטעדרע האָט פארשעמט אָפּגעקערט די אויגן. בלויז ער איינער, דער מענטש מיטן שמייכל אפן גליקלעך־צופרידענעם פּאָנעם, האָט ניט פארשטאנען, אז ער האָט שוין ניט וואָס אָנצוגעבן אהער די דאָקומענטן, אז מיט אָט דעם איין זאָג זײַנעם האָט ער ווי צונישט געמאכט די ווערט פון אלע זײַנע וויסנשאפטלעכע ארבעטן, אז ס'איז פּאָשעט שווער זיך פּאָרשטעלן, אז א מענטש, פאר וועמען דאָס סאמע גרעסטע, דאָס סאמע וויכטיקסטע און סאמע העכסטע איז די שטעלע, וועלכע ער פארנעמט, זאָל קאָנען שאפן עכט וויסנשאפטלעכע ווערק.

ווי א שטראָף פאר דעם, וואָס ער האָט נאָרוואָס געזינדיקט קעגן א מענטשן, אָפּגעלאכט פון א מענטשן, זאָל אפילו זײַן, אז הינטער די אויגן, און איז שיר ניט גרייט געווען צונישט מאכן דעם פּראָפעסאָר ווי א געלערנטן בלויז דערפאר, ווײַל יענער האָט זיך פּאָרגעשטעלט אויך אלס א פארטרעטער פון א פּאָרזיצער פון א קאָמיסיע, זײַנען אין אוריִעלן אָנגעשוויגן געוואָרן אלע סטרונעס, וואָס האָבן א שטיקל צײַט געהאט פארטויבט מיט זיך יענע, וועלכע האָט אים אופגעוועקט פון שלאָף און ארומגעטריבן הין און צוריק פון צימער צו צימער. די סטרונע האָט זיך אזוי אָנגעצויגן, אז אָט־אָט וועט זי פּלאצן און מיטן פארשארפטן שפּיץ אים דורכעגבערן דעם שארבן. דער ווייטעק איז זיך מיטאמאָל אזוי צעוואקסן, אז ניט ער לאָזט אײַנליגן און ניט ער לאָזט אראָפּגיין פון געלעגער. און ווי פריִער, קאָן ער, אוריִעל, פּינקטלעך ניט אָנווײַזן, ווּו טוט אים וויי, ווי צומאָל בא ציינווייטעק, ווען סע דאכט זיך, אז אלע ציינער אין מויל רײַסן אוף דעם מויעך.

דער ווייטעק איז שוין איצט ניט קיין אויסערלעכער, וואָס קומט פון ליגן פארקוועטשט אונטער א פּרעס, ווי ס'האָט זיך אים פון אָנפאנג אויסגעגעבן, ער איז שוין איצט אינגאנצן אן אינערלעכער. ערגעץ טיף אין אים האָט ער זיך פארקליבן און פון דאָרטן פּײַניקט ער... פונוואנען האָט זיך מיטאמאָל אהער גענומען אָט די אופגעריסענע בריק און די צוויי שווערע אָנגעלאָדענע קערב? אין קאָפּ האָט זיך אלץ צונויפגעמישט, צונויפגעפּלאָנטערט אין איין קנויל. ער הערט זיך צו, ווי דײַטלעך קלאָר עס שלאָגן אויס די שלייפן: דאָס איז דער סאָף. דאָס איז דער סאָף... אזעלכע ווייטעקן קאָן א מענטש לאנג ניט אויסהאלטן...

## 2

ניט ווײַל דאָס איז שוין דער סאָף און אױף דעם ענדיקט זיך אַלץ, האָט אורי גאָורילאָוויטש זיך צעווײנט. צו הונדערט און צוואַנציק יאָר וויל מיסטאַמע אויך קײנער ניט שטאַרבן, נאָר קײן איבעריקע טײַנעס, אויב מאַכן אַ כעזשבן, קאָן ער צום לעבן ניט האָבן. זײַן פאָטער איז קײן פערציק יאָר נאָך ניט אַלט געווען, ווען מע האָט אים צעשיידט מיטן לעבן, און ער, אוריִעל, האָט פונדעסטוועגן באַוויזן בײַזײַן אױף זײַן אײגענעם פּופּציקיאַריקן יוּיוול, און דערמיט אַליין שוין געהערט ער צו די מאַזלדיקסטע פון זײַן דאָר. אוריִעל האָט זיך צעווײנט פונעם אומדערטרעגלעכן ווײטעק באַם אַראָפּלאָזן די פיס פון געלעגער. ביזוואַנען די סוידעספּולע הייל זײַנע וועט זיך פאַרוואַנדלען אין אַ געוויינלעכן פּוסטן שאַרבן, וואָס טיילט זיך שוין מיט גאַרניט אונטער פון דער סאָלדאַטישער קאַסקע, וועלכע ער האָט געטראָגן אױף דער מילכאָמע, דאַרף ער זיך צווײַלן. ער האָט נאָך פיל וואָס צו טאָן. צום אַלעם ערשטן — אופשליסן די טיר. מערע וועט זיך איבעריקס ניט באַאומרויקן, אויב ער וועט זיך הײַנט ניט אומקערן אױף דער דאַטשע, ווי ער האָט צוגעזאָגט. מיסטאַם האָט ער זיך פאַרהאַלטן אין אינסטיטוט, וועט זי קלערן. מיט אים האָט שוין ניט אײן מאָל געטראָפן אַזעלכעס בייסן אורלויב. ביזוואַנען מערע וועט קומען פון דער דאַטשע זיך דערוויסן, וואָס זאַמט ער זיך דאָס מאָל אַזוי לאַנג, קאָנען אַוועקגײן עטלעכע טעג, און פאַר די עטלעכע טעג וועט ער שוין ניט זײַן ענלעך אױף זיך. סאַראַ נאַרישקײַטן עס גײען אים אָן. אים איז דען ניט אַלציינס, וויאַזוי וועט ער דעמלט אויסזען, צי וועט ער נאָך מיט עפּעס זײַן ענלעך אױף זיך, צי ניין.

ווײַזט אויס, אַז ניין, אויב ער האָט, אָנהאַלטנדיק זיך פאַר דער וואַנט, ער זאָל ניט אומפאַלן, זיך דערקליבן צו דער טיר און זי אופגעשלאָסן. איצט האָט ער שוין מער ניט וואָס צו טראַכטן דערפון. דער אינסטיטוט וועט דאָך זיכער צושיקן עמעצן אַהער זיך דערוויסן, וואָס איז געשען, פאַרוואָס איז ער ניט געקומען אױף די עקזאַמענעס. עפּשער לאָזן די טיר אינגאַנצן שטיין אָפן? קײנער וועט עס סײַווי ניט באַמערקן. די דרײַ שכײנים זײַנע אָפן שטאָק זײַנען נאָך ניט אינגאַנצן אַריבערגעפאָרן אַהער. ווי פיל אַנדערע פונעם דאָזיקן הויז, ווױנען זיי נאָך אַלץ אין די אַלטע דירעס, קאָנען זיך ניט צוגעוווינען בלײַבן אױף אַ שטיקל צײַט אָן אַ טעלעפאָן. אַהער כאַפּן זיי זיך אַראָפּ זעלטן. מעגלעך, ער וואָלט צוליב דעם טעלעפאָן זיך אויך געווען פאַרהאַלטן אױף דער אַלטער ווױנונג, ווען מע זאָל ניט געווען אַראָפּטראָגן זײַער מויערל.

אופגעשלאָסן די טיר און אָנהאַלטנדיק זיך אַלץ נאָך באַ דער וואַנט, האָט אוריִעל זיך דערשלעפּט צום שרײַבטיש אינעם שכײנעסדיקן צימער און געבליבן דאָרט שטיין, ווי ער זאָל מיטאַמאָל פאַרגעסן, וואָס האָט ער זיך אָקאָרשט געקליבן אָנשרײַבן דער פרוי מיט די קינדער. אײגנטלעך, האָט ער דאָך טאַקע ניט איבעריקס וואָס זיי צו שרײַבן. אַלץ, וואָס ער האָט יעדן פון זיי געהאַט צו זאָגן באַם לעבן, האָט ער זיי עס, דאַכט זיך, אַרויסגעזאָגט, און אויב ער האָט עפּעס דאָך אויסבאַהאַלטן אין זיך, ווי

דאָס טרעפט געוויס מיט יעדן איינעם, זעט עס אים איצט אויס, אַז דאָס אויסבאַהאַלטענע אין זיך, שוין ניט אַזוי באַדײַטנד און וויכטיק, ווי דעמלט, ווען ער האָט אַף גאַנצע צוויי יאָר זיך אָוועקגעלאָזט צוליב דעם אין אַ געאָלאָגישער עקספּעדיציע. דער איינציקער מענטש, וואָס האָט, מעגלעך, זיך אָנגעשטויסן, פאַרוואָס האָט ער זיך פּלוצעם אַוועקגעלאָזט עק־וועלט אין דער טונדרע, איז געווען די ייִנגערע טאָכטער זײַנע, ליליע, וואָס האָט אַ קורצע צײַט זיך געהאַט געכאַוועורט מיט זײַן געוועזענער אַספּיראַנטן ריטען. ליליע האָט אים אָבער קיינמאָל וועגן דעם ניט געפרעגט, און אויב זי האָטווירקלעך עפּעס דערפון געוווּסט, ווייסט זי דאָך אויך, אַז נאָך זײַן צוריקקערן זיך פון דער עקספּעדיציע האָט ער מיט ריטען זיך, אייגנטלעך, שוין מער ניט באַגעגנט. ער איז זיך סאָפקאָלסאָף בײַגעקומען, און דאָס זעלבע, מיסטאָמע, אויך זי, כאָטש נאָך דעם ווי ריטע איז זיך פאַנאַנדער־געגאַנגען מיטן מאַן, האָט זי שוין מער ניט כאַסענע געהאַט.

מאָדנע. שוין דאָס וויפלטע יאָר, אַז זיי באַגעגענען זיך ניט, נאָר, דאַכט זיך, אַז אַלץ, וואָס איז זיך מיט איר פאַרלאָפן פאַר די דאָזיקע יאָרן, ווייסט ער. ער איז אַפילע זיכער, אַז פאַר איר וואָלט ניט געווען אינגאַנצן אומדערוואַרט, ווען זי דערהאַלט אָט דאָס בריוול, וואָס ער האָט זיך גע־זעצט איר שרײַבן און, אָנשרײַבנדיק עס, באַלד צעריסן. סײַווי האָט ער ניט מיט וועמען עס איר איבערשיקן. און לאָזן עס ליגן דאָ אַפן טיש...

און עפּשער, באַגעגענענדיק אין דער שטאָטישער אָוונט־צײַטונג זײַן נאָמען אין אַ שוואַרץ רעמל, וועט זי זיך אַליין אָנשטויסן, אַז זי דאַרף ניט קומען אַף זײַן לעוויִע, אַז דעם געשטאָרבענעם, וועלכער הערט שוין גאָרניט און זעט שוין גאָרניט, איז דאָך ניט אַלציינס, וואָס עס קומט פאַר בא זײַן אָרן. וויפל מענטשן האָבן אין זייערע צוואָעס באַצײַטנס אָנגע־זאָגט די לעבעדיקע וועגן דעם...

ער, אוריִעל, האָט ניט וואָס צו שרײַבן קיין צוואָע. דאָס גאַנצע געלט, וואָס מע וועט בא אים געפינען אינעם טישקעסטל, וועט קוים קלעקן אַף אַ האַלבער קו. פאַרוואָס פלעגט ער פון צײַט צו צײַט אָפּלייגן פונעם פאַר־דינסט עטלעכע רובל און עס באַהאַלטן בא זיך אין טישקעסטל, וואָלט ער, דאַכט זיך, אַליין ניט געקאָנט זאָגן. דאָס איז שוין בא אים, זעט אויס, אַ געוווינהײַט, און די דאָזיקע געוווינהײַט — אָפּשפּאָרן פונעם הײַנט אַף מאָרגן און איבערמאָרגן, — וועלכע ער קאָן אין זיך ניט בײַקומען, איז צו אים, אַפּאָנעם, אַריבער בעיערושע פון זײַנע עלטערן, וואָס זײַנען, פּונקט ווי זייערע עלטערן, אויך קיינמאָל ניט געווען זיכער מיטן מאָרגעדיקן טאָג. נאָר אָפּשפּאָרן מער וויפל ער האָט אָנגעקליבן וואָלט אוריִעל סײַווי ניט געקאָנט, ווײַל פונעם דאָזיקן געלט פלעגט ער נעמען אַף מאַטאָנעס פאַר די אייניקלעך. און מוירע האָבן, אַז צווישן דער פרוי מיט די קינ־דער קאָן צוליב דער דאַטשע און צוליב דער באַלעבאַטישקײַט זיך פאַר־פירן אַ קריג, ווי דאָס טרעפט צומאָל אין אייניקע מישפּאָכעס, אַז ער זאָל צוליב דעם זיך זעצן שרײַבן איצט אַ צוואָע, דאַרף ער אויך ניט. די אויסגעגעבענע עלטערע טאָכטער מיטן זון וווינען אין אַנדערע שטעט און האָבן אַליין שוין אייגענע דאַטשעס. די ייִנגערע טאָכטער ווױנט שוין אויך

ניט מיט אים, און אויב די קינדער ברענגען אים אף זומער צו פירן אף דער דאטשע די איינִיקלעך, איז ווײַל ער האָט אליין זיי עס געבעטן. די פרוי זײַנע האָט ער באַזאָרגט, אז ס׳וועט איר קלעקן ביז הונדערט און צוואנציק יאָר.

און וועגן דעם, וויאזוי און ווו זאָל מען אים מעקאבער זײַן, פאר־שפּאָרט ער אויך שרײַבן א צוואָעע. ס׳איז אוואדע ווילד און נאריש וועגן דעם צו טראכטן, ער איז אָבער צופרידן, וואָס בא זיי אין שטאָט איז נאָך ניטאָ קיין קרעמאטאָריע און מע וועט אים מעקאבער זײַן ווי מע איז מע־קאבער געוועזן זײַן טאטן, זײַן זיידן, זײַן עלטערזיידן. עס וואָלט געוויס אויסגעזען מעשונע ווילד, ווען ער שרײַבט ארײַן אין דער צוואָעע, אז מע זאָל אים ניט באגלייטן מיט קיין בלומען און אויך ניט פלאנצן קיין בלומען אף זײַן קייווער. ער, אלנפאלס, איז קיינמאָל ניט געקומען אף קיין לעווײַע מיט בלומען. מיט בלומען, געדענקט זיך אים פון דער קינד־הײַט, פלעגט מען קומען בלויז אף א כאסענע. די לעצטע יאָרן איז ער אויך קיינמאָל ניט געגאנגען צו קיינעם אף „פּאָמינקעס״, ניט געקאָנט זיך צוגעוווינען, מע זאָל גלײַך נאָך דער לעווײַע מאכן „יזקער נעשאָמעס״ בא געדעקטע טישן. אוריִעלן וווּנדערט, ווי רויִק ער קאָן וועגן דעם אלץ טראכטן, אפילע וועגן דעם, וויאזוי מע זאָל אָפּריכטן נאָך אים טרויער. אין אזעלכע מינוטן, ווען דער מענטש איז אינגאנצן ארײַנגעטאָן אין זיך, קאָן ער זיך צומאָל לײַכט אונטערגעבן און נעמען סאָפּעקן דערין, אין וואָס ער איז דאָס גאנצע לעבן געוועזן זיכער. ניין, ער פארלאנגט ניט פון דער פרוי מיט די קינדער, זיי זאָלן אָפּריכטן נאָך אים טרויער, ווי מע האָט אָפּגעריכט נאָך זײַן טאטן: געריסן קריִע, געלאָזט א וואָך צײַט ברענען אפן קאָמאָד דאָס קעראָסין־לעמפּל און זיבן טעג נאָכאנאנד אָפּגעזעסן אין זאָקן אף נידעריקע בענקעלעך שיווע. נאָר אז מע זאָל אָפּזיצן נאָך אים שיווע איין טאָג, וואָלט ער פון זיי דאָך פארלאנגט. ווען נאָך פארטראכט זיך אזוי דער מענטש וועגן זיך און ווען נאָך דערזעט ער אזוי קלאָר און בוילעט, וואָס איז וויכטיק אין לעבן און וואָס איז נישטיק, וואָס בלײַבט איבער פון דעם מענטשן אף דער ערד און וואָס לאָזט נאָך זיך אפילע קיין שפּור ניט איבער, ווי אין די שטומע שאָען פון זיצן שיווע.

ווען און אף וועמענס לעווײַע פון זײַנע באקאנטע איז בא אים, אור־ריִעלן, אופגעקומען אָט דער מאָדנער געדאנק — באגעגענען די לעצטע שאָ ניט בא זיך אפן געלעגער, נאָר ערגעץ ווײַט פון דער היים, אז קיינער פון זײַנע אייגענע זאָלן ניט בײַזײַן, — געדענקט ער שוין איצט ניט פּינקטלעך. ער האָט עס נאָכדעם אפילע געהאט איינמאָל ארויסגעזאָגט מערען האלב אין שפּאס, אז דאָס איינציקע, וואָס קאָן אים אָפּהאלטן עס צו טאָן, — זי זאָל אים צוזאָגן, אז זי וועט אים ארויסבאגלייטן אין לעצטן וועג שטיל, אָן יעלאָלעס, אָן גוואלדן. ער האָט באם לעבן, האָט ער צוגעגעבן שוין אָן שפּאס, ניט געקאָנט פארטראָגן קיין געשרייען, קיין הויך געוויין. דער פײַנפולסטער געוויין איז דער שטילער געוויין, און דער טיפסטער טרויער איז דער, וועלכן מע שרײַט פון זיך ניט ארויס, נאָר מע טראָגט אים פאר־באָרגן אין זיך. דערמיט איז דער מענטש טיילווײַז געגליכן צו א שטילן טיפן טײַך.

מערע איז צופיל אַרײַנגעטאָן אין קליינלעכקײַטן, אַז זי זאָל געווען עס פאַרשטיין. צו איר איז זיכער אויך ניט דערגאַנגען דאָס דערמאָנען איר, ווי טומלדיק עס איז אינעם אויטאָבוס באַם צוריקקערן זיך פון בעסאַלמען. דער געשפּרעך, וועלכן עס פירן צווישן זיך אינעם זעלבן אויטאָבוס די זעלבע מענטשן, וואָס האָבן זיך נאַרוואָס אַף שטענדיק צעשיידט מיט איינעם פון זייערע נאָענטע, האָט שוין צו דער לעווײַע גאָר א קנאַפּן שײַכעס. יעדערער איז שוין פאַרנומען מיט זיך, און מער פון אַנדערע זײַנען פאַרנומען מיט זיך, האָט אים טײלמאָל זיך אויסגעוויזן, גראָד יענע, וועלכע האָבן זיך אָנגעגעבן פאַר די נאָענטסטע און איבערגעגעבנסטע פרײַנט פונעם פאַרשטאָרבענעם און וואָס ווען, מיסטאָמע, געבן וועגן דעם אויך אָנצוהערן אַף די „פּאָמינקעס". ס'האָט אויסגעזען, ווי איינער פאַרן אַנדערן וואָלט וועלן אַראָפּנעמען דערמיט פון זיך דעם פאַרדאַכט, אַז מער פון אַלץ גייט אים אָן אין די דאָזיקע מינוטן, ווער פון זיי וועט פאַרנעמען די באַפרײַטע שטעלע. אַף זײַן, אוריעלס, לעווײַע וועט דאָך אויך זײַן אַזוי. ווען ער זאָל אָבער די הײַנטיקע נאַכט געווען באַגעגענען ניט בא זיך אין שטוב, נאָר ערגעץ ווײַט פונדאַנען, צווישן פרעמדע, זײַטיקע מענטשן, וואָלט ער דאָך דערמיט באַפרײַט אייניקע פון זײַנע באַקאַנטע, וואָס גיבן זיך אָן פאַר זײַנע נאָענטסטע פרײַנט, ריידן וועגן אים אַנדערש ווי זיי טראַכטן.

און עפּשער האָט ער אין דעם אַלעם א טאָעס? עפּשער ווײַזט זיך עס אים נאָר אויס? אַלנפאַלס, פון דעם אַלץ, וואָס ער האָט נאַרוואָס איבערגעטראַכט, האָט ער אויסער מערען עס מער קיינעם ניט געזאָגט, און מערע איז צופיל פאַרנומען מיט די קליינלעכקײַטן פון לעבן, אַז זי זאָל עס געווען פאַרגעדענקען, ביפראַט, אַז ער האָט עס איר דערמלט געזאָגט האַלב אין שפּאַס און זי האָט עס אופגענומען, האָט ער געזען, ווי א שפּאַס.

צי ווײַל אורי גאַווורילאָוויטש האָט ניט דערוואַרט, אַז דער סאָף קאָן אָנקומען אַזוי גיך און אומגעריכט, צי ווײַל ערגעץ טיף אין זיך האָט ער ביכלאַל ניט געקאָנט זיך פאָרשטעלן, אַז מיט אים קאָן ווען־ניט־איז געשען דאָס זעלבע, וואָס געשעט סאָפקאָלסאָף מיט איטלעכן, האָט ער לעצטנס אויסגעמיטן גיין אַף לעווײַעס אַפילע פון זײַנע נאָענטסטע פרײַנט, און ווען ער איז צומאָל שוין געגאַנגען אַף א לעווײַע, האָט ער, אַרופקומענדיק אַפן בעסאַלמען, אָפּגעווענדט זײַן בליק פון די מאַצייוועס, וועלכע דערמאָנען אים אינעם כעזשבן, וועלכן ער האָט געמאַכט דערבײַ פאַר זיך, אַז ער איז שוין היפּש פאַרלאָפן פאַרויס, און ניט געצײלט פאַרבײַגייען די מאַצייוועס, וואָס לויטן כעזשבן, וואָס ער האָט געמאַכט, קומט אים נאָך א היפּש ביסל אַרויס. אַזוי צי אַנדערש, נאָר וויפל מאָל ער האָט לעצטנס זיך ניט געהאַט פאַרטראַכט וועגן באַגעגענען די לעצטע שאָ זײַנע ערגעץ אין דער פרעמד, האָט ער זיך דערוויײַל נאָך קיין איין מאָל ניט פאַרקלערט, ווו־הין זאָל ער זיך פאַרקלײַבן.

און פונקט דאָס זאָל פאַר אים איצט האָבן וועלכן־ס'איז־ניט זין, האָט אוריעל געוואָלט איבערקלײַבן אין קאָפּ די ווײַטסטע און פאַרוואָרפנסטע ייִשוווים, ווו אים איז די לעצטע יאָרן אויסגעקומען זײַן, און בא וועמען פון זײַנע דאָרטיקע באַקאַנטע וואָלט ער זיך געקאָנט אָפּשטעלן. ווי נאָר

צווישן די דאָזיקע אַלע יִישוּווים האָט זיך אַרײַנגעשטעלט דאָס צאַפּנדיקע שאַכטיאָרן־שטעטל אין דער ווײַטער טונדרע מיטן הילצערנעם שטיבל אין געסל באַם טײַך און דער באַלעבאָס פֿונעם שטיבל, איליא סאַוועליעוויטש לעסאָוו, איז דער ווייטעק, וואָס האָט אוריִעלן געהאַלטן ביז אַהער ווי צוגע־שמידט צום בענקל באַם שרײַבטיש, גלײַך אָפּגעטראָטן, אָט ווי ניט געווען. איליא סאַוועליעוויטש איז געווען די סטרונע, וועלכע האָט קימאַט אין־גאַנצן פֿאַרטויבט אין אוריִעלן דעם ווייטעק, וואָס פּײַניקט אים שוין די אַנדערע שאָ.

און כאָטש אַנשין ווייסט, אַז נאָר אין דעם איז איצט די אויסלייזונג זײַנע, דאָך האָט ער זי געוואָלט אַרויסרײַסן פֿון זיך, די דאָזיקע צעשפּילטע סטרונע, און זאָל דער ווײ זיך צוריק אין אים באַזעצן.

פֿאַר אים וואָלט עס איצט געווען די גרעסטע פֿאַרלײַכטערונג.

## 3

ווען אורי גאַווריל־אָוויטש אַנשין זאָל זיך וועלן דערמאָנען, מיט וואָס, אַשטייגער, איז ער נעכטן צי אײערנעכטן געווען פֿאַרנומען באַ זיך אויף דער דאַטשע, וואָלט ער זיכער געדאַרפֿט זיך דערויף לאַנג פֿאַרטראַכטן. ער וואָלט נאָך דערבײַ מיסטאָמע עפּעס דורכגעלאָזט אויך, עפּשער אַפֿילו דאָס סאַמע וויכטיקסטע, ווי דאָס טרעפֿט צומאָל מיט מענטשן פֿון זײַן עלטער. דערפֿאַר אָבער וואָלט ער געקאָנט גענוי איבערדערציילן שיר ניט אַלץ, וואָס איז זיך מיט אים פֿאַרלאָפֿן מיט אַ יאָר דרײַסיק און פֿערציק צוריק, אויב ניט מער. און כאָטש פֿון זינט ער האָט זיך אומגעקערט פֿון דער עקס־פּעדיציע, איז דורכגעגאַנגען אַ סאַך ווייניקער צײַט, און פֿיל דערפֿון, וואָס איז געשען קורץ פֿאַר זײַן פֿאָרן און נאָך זײַן צוריקקומען, האָט ער שוין פֿאַרגעסן, דאָך האָבן זיך אים מיט אַלע אײנצלהײַטן פֿאַרגעדענקט די צוויי יאָר, וואָס ער האָט אַרומגעוואַנדערט מיט די געאָלאָגן איבער דער ווײַטער טונדרע, ווי ס׳האָבן זיך אים פֿאַרגעדענקט די קינדערשע און יִינגלשע יאָרן. מיסטאָם, האָט אוריִעל באַ זיך געקלערט, איז עס מיט איטלעכן אַזוי: דאָס, וואָס מע וויל פֿאַרגעדענקען, פֿאַרגעסט זיך טיילמאָל, און דאָס, וואָס מע וואָלט וועלן גראָדע פֿאַרגעסן, דאָס דאַפֿקע פֿאַרגעדענקט זיך, ווי דאָס האָט געטראָפֿן מיט ריטעס אַדרעס.

אַז אים וועט אויסקומען, זײַענדיק אין דער עקספּעדיציע, זיך צווינגען פֿאַרגעסן ריטעס אַדרעס, דערויף האָט אוריִעל זיך לאַכלוטן ניט געריכט. מע קאָן דאָך ניט פֿאַרגעסן דאָס, וואָס מע האָט ניט געוווּסט, און ער האָט דאָך טאַקע ווירקלעך ניט געוווּסט איר אַדרעס. ער האָט אים קיינמאָל באַ זיך ניט פֿאַרשריבן. פֿונעם ערשטן אָוונט, ווען ער האָט צוזאַמען מיט רײ־טען זיך אופּגעהויבן צו איר אין דער ווינונג אויפֿן דריטן שטאָק פֿונעם טונקל־גרויען מויער אויפֿן ראָג גאַס, האָט ער פֿאַרגעדענקט דעם וועג אַהין. ער וואָלט אָבער קיינמאָל ניט געקאָנט פּינקטלעך אָנרופֿן ניט דעם נומער פֿון איר הויז און ניט דעם נומער פֿון איר ווינונג. און מיטאַמאָל האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער ווייסט אַפֿילו דעם אינדעקס פֿון דער פּאָסט־אָפּטיי־לונג. ער האָט זיך אים, אַפּאָנעם, צופֿעליק פֿאַרגעדענקט צוזאַמען מיטן אַד־

רעס אפֿן קאָנווערט, וועלכן ער האָט איינמאָל געטראָפֿן ליגן בא איר אפֿן
סעקרעטער. פֿונוואַנעט און פֿון וועמען איז געווען דער בריוו, דאָס גע־
דענקט ער שוין ניט. ער געדענקט בלויז, אַז ניט פֿון איר געוועזענעם מאַן.
אייגנטלעך איז אורי׳על געווען דערנאָך אפֿילו צופֿרידן, וואָס ער האָט
געהאַט מיט זיך ריטעס אדרעס. אָן דעם וואָלט אים געווען א סאַך שווערער
זיך ביַיקומען. ער איז ניט געווען אינגאַנצן זיכער, צי וואָלט ער דעמלט
ניט געפּרוּווט אים קריגן דורך עמעצן און וואָלט ניט געגעבן איר וועגן
זיך צו וויסן. און דאַן וואָלט דער דאָזיקער איינציקער בריוו זייַנער גע־
קאָנט צונישט מאַכן זיַין אַנטלויפֿן פֿון זיך אין דער טונדרע אף גאַנצע
צוויי יאָר... דאָס, וואָס האָבנדיק בא זיך איר אדרעס און פֿאַר דער גאַנצער
צייַט, וואָס ער איז געווען אין דער עקספּעדיציע, ניט אָפּגעשיקט קיין איי־
נעם פֿון די אָנגעשריבענע צו איר בריוו, וועלכע האָבן זיך בא אים צונויפֿ־
געקליבן אינעם טשעמאָדאַן, האָט אורי׳עלן ניט איין מאָל דערמאָנט אין
דעם אויפֿן, וויאַזוי ער האָט מיט איייניקע יאָר פֿאַר דעם זיך אָפּגעוווינט
רייכערן.
דער ערשטער טאָג, געדענקט ער, איז דורך בא אים לייַכט, נאָר אינ־
מיטן דער נאַכט האָט אים א הייב געטאָן פֿון געלעגער. ווי א דולער איז
ער אַראָפּגעשפּרונגען פֿון בעט, איבערגעקערט די גאַנצע שטוב, געזוכט אין
אַלע ווינקעלעך, אפֿילו אינעם עמער פֿאַר מיסט, וואָס אין קיך, עפּשער
האָט זיך דאָרט צופֿעליק פֿאַרוואַלגערט א פּיצל ציגאַר פֿון די, וועלכע ער
האָט באַטאָג צעריסן און אַרויסגעוואָרפֿן. א האַלב־נאַקעטער איז ער דער־
נאָך אַרויסגעלאָפֿן אף דער גאַס און אָפּגעשטעלט פֿאַרביַיגייער, גרייט
געווען באַצאָלן פֿאַר א ציגאַר וויפֿל מע זאָל ניט אָנבאָטן.
אף מאָרגן האָט ער געקויפֿט עטלעכע פּעקלעך סיגאַרעטן און קעסטעלעך
שוועבעלעך, און נאָכדעם ווי ער האָט זיך אָנגערייכערט ביז פֿאַרשיקערט
צו ווערן, האָט ער די אַלע פּעקלעך סיגאַרעטן און קעסטלעך שוועבעלעך
פֿאַנאַנדערגעלייגט אויבנוף איבער דער גאַנצער שטוב, זיי זאָלן אף טריט
און שריט ליגן אים פֿאַר די אויגן. אפֿילו אין די קעשענעס פֿון אַלע רעק־
לעך אַרייַנגעלייגט. אויפֿכאַפּנדיק זיך אינמיטן דער נאַכט פֿון שלאָף, האָט ער
שוין ניט געדאַרפֿט נישטערן איבער אַלע ווינקעלעך, אָפּשטעלן די פֿאַר־
ביַיגייער אין גאַס. פֿון אַלע ווינקעלעך אין שטוב האָבן אף אים געקוקט
אָפֿענע פּעקלעך סיגאַרעטן, וועלכע האָבן פֿאַרשפּרייט אַרום זיך יענעם
באַזונדערן רייעך, וואָס דעם עכטן טאַם זייערן קאָן אויפֿכאַפּן בלויז דער,
וואָס האָט, ווי ער, אורי׳על, עטלעכע צענדליק יאָר געררייכערט. אפֿילו אין
א שטיק צייַט אַרום נאָכדעם ווי ער האָט געוואָרפֿן רייכערן, איז זיך מיט
אים ניט איין מאָל פֿאַרלאָפֿן, אַז ער פֿלעגט אַרויסנעמען פֿון א געעפֿנטן
פּעקל א סיגאַרעט, פֿאַרקוועטשן אים צווישן די פֿינגער, אונטערטראָגן צום
מויל, נאָר אין דער סאַמע לעצטער רעגע זיך אָפּקערן, פֿילנדיק זיך דערביַי
יעדעס מאָל דערפֿון ווי א זיגער. פֿון אַלע זיגן, וועלכע דער מענטש האַלט
אָפּ אף זיַין לעבן, האָט אין אַזעלכע מינוטן געטראַכט בא זיך אורי׳על, איז
דער גרעסטער, אפּאָנעם, דער, וועלכן דער מענטש האַלט אָפּ איבער זיך
אַליין. יעדן בריוו, וואָס אורי גאַווריל אָוויטש האָט אָנגעשריבן ריטען, האָט
ער אַרייַנגעלייגט אין א קאָנווערט, אויפֿגעשריבן אף דעם איר אדרעס. זיי

זײַנען בא אים געלעגן אינעם טשעמאָדאַן איבנוף, ווי מיט אײניקע יאָר פריִער די פעקלעך סיגארעטן בא אים אין שטוב, און דערמיט, וואָס, האָבנ־דיק בא זיך איר אדרעס, האָט ער דאָך קײן אײנעם פון די אלע אָנגעשרי־בענע בריוו איר ניט אוועקגעשיקט, איז אוריִעל געווען זיכער, אז ער איז זיך בײַגעקומען, און דאָס איז פאר אים געווען עפשער דער גרעסטער זיג זײַנער איבער זיך.

און אָט זײַנען דורך באלד דרײַ יאָר, ווי ער האָט זיך אומגעקערט פון דער עקספעדיציע. נאָר מיט א צײַט נאָך פאר דעם, ווי ער האָט אנומלטן, אין אײנעם א רעגנדיקן אָוונט, צופעליק צי ניט צופעליק, פארבלאָנדזשעט אף דער זײַטיקער גאס מיט די אומעטיקע טאָפּאָלן און זיך אָפּגעשטעלט באם טונקל־גרויען מויער אפן ראָג, האָט ער פארשטאנען, אז ער איז בײַ־געקומען זיך בלויז אף ניט צו באגעגענען זיך מיט איר און וועט, ווײַזט אויס, קײנמאָל ניט קאָנען בײַקומען זיך, אז ער זאָל ניט בענקען נאָך איר.

געווען טעג, ווען פון בענקשאפט איז ער גרייט געווען זיך ווידער אוועקלאָזן ערגעץ אין אן עקספעדיציע — אין א סאך א ווײַטערער און אף א סאך א לענגערער צײַט. דערפאר האָט ער זיך אזוי אָנגעכאפּט פאר דעם, וואָס דער פארוואלטער פון דער קאטעדרע האָט אים פאָרגעשלאָגן: אָנפירן מיט דער ווינטערדיקער פּראקטיק פון די סטודענטן אף די שאכטעס פונעם עקסטן צאָפן, און צוליב דעם איז נײטיק, אז ער זאָל אין די זומער־כאדאָ־שים צופאָרן אהין אף עטלעכע טעג א קוק טאָן וואָס און ווען און באַ־צײַטנס געגנוי וועגן אלץ זיך דערריידן דאָרט מיט דער דירעקציע פונעם שאכטקאָמבינאט.

...אפן דריטן טאָג, ווען דער צוג האָט געלאָזט הינטער זיך די געדיכטע רוישיקע וועלדער און זיך געטראָגן איבער דער טונדרע פארבײַ שטילע הילצערנע וואָקזאלכלעך מיט נידעריקע פּלאטפאָרמעס און פארלאָזטע אויסגעלאָשענע טעריקאָניקעס, איז אינעם וואגאָן, מיט וועלכן אנשין איז געפאָרן, אויסער אים פארבליבן בלויז נאָך אײן פּאסאזשיר: א וווּקסיקער באיאָרטער מאנצבל. געפאָרן זײַנען זיי אין פארשיידענע קופּע, און פאר דער גאנצער צײַט, וואָס זיי זײַנען געבליבן זאלבעצווייט, ניט אויסגערעדט צווישן זיך נאָך קײן אײנציק וואָרט, ווי מע וואָלט אײנער דעם אנדערן ניט באמערקט.

דערפון, וואָס נאָך אײנער א סטאנציע איז אוריִעל געבליבן אלײן אין קופּע און קימאט אלײן אפן גאנצן וואגאָן, איז ער אפילע געווען צופרידן. קײנער שטערט אים ניט זיצן באם פענצטערל און אויסגעפינען אין דער פארבײַשווימענדיקער טונדרע אלץ אזוינס, וואָס זאָל אים קאָנען קומען צוהילף, ווען ער וועט ענדלעך באשטימען זיך ווידער אוועקלאָזן אין אן עקספעדיציע, דאָס מאָל שוין ניט ווייניקער ווי אף א יאָר דרײַ, און ער וועט ענדלעך דארפן באשטימען, וווּהין זאָל ער האלטן דעם וועג. זיצנדיק באם פענצטערל, האָט אנשין עטלעכע מאָל איבערגעציילט, וויפל בײמלעך לויפן פארבײַ אף א שטרעקע פון צװן טעלעגראפישע סלופּעס, אויסגע־מאָסטן אפן אויג די הייך און די גרעב פון די בײמלעך און געקומען צום אויספיר, אז זיי וואקסן דאָ געדיכטער, ווי אין דער טונדרע, ווו ער איז

געוועזן, און אז זיי זײַנען אי העכער אי גרעבער ווי דאָרט. דאָרטן האָט דאָס העכסטע ביימל אים קוים געגרייכט ביזן אקסל. און דאָס גראָז, ווי צו זען, איז דאָ אויך זאַפטיקער און ווייכער, פּרוזשינעט ניט, אַפּאָנעם, אונטער די פיס ווי צונויפגעדרייטע קנוילן דראָט. און פֿויגלען באַגעגענען זיך דאָ אויך אי אָפטער אי מער. אַ שאָד, וואָס ער האָט ניט באַמערקט די צײַט, ווען די זון איז אַרײַן אינעם לײַכטן נעפּל באַם האָריזאָנט. מער ווי אַ האַלבע שאָ איז זי דאָרט, דאַכט זיך, ניט פֿאַרזעסן זיך. ער האָט קימאַט ניט באַוויזן באַמערקן איר פֿאַרגיין, ווי זי האָט שוין ווידער אַרײַנגעקוקט אַהער אין פֿענצטערל, נאָך מער אַ ליכטיקערע און פֿריילעכערע, ווי זי זאָל זיך אויסלאַכן דערפֿון, וואָס ער האָט זיך צוריק שוין פֿאַרטראַכט וועגן זעלבן, וואָס פּײַניקט אים די אַלע יאָר.

ווי שוין פֿיל מאָל ביז אַהער, האָט אַנשינען אויך איצט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס אַלץ איז אַ סך פּאָשעטער און פּראָסטער, ווי ער טראַכט וועגן דעם. ער האָט דערצו געגנוג בײַשפּילן, אַז ער זאָל אַזוי קלערן. קאָן זײַן, ס'איז געווען אַ גרויס נאַרישקײַט, וואָס ער איז דעמלט אַוועקגעפֿאָרן אָף גאַנצע צוויי יאָר, און נאָך מער נאַרישער וועט זײַן, אויב ער וועט ווידער פּרוּוון אַנטלויפֿן. איצטער ווייסט ער דאָך, אַז פֿון זיך קאָן מען ניט אַנטלויפֿן, ס'איז ניטאָ וווּהין צו אַנטלויפֿן. זיך קאָן מען בלויז בײַקומען, און אויב דאָס האָט זיך אים ביז איצט ניט אײַנגעגעבן, איז עס מיסטאָמע דערפֿאַר, וואָס פּונקט ווי פֿיל אַנדערע, וועלכע קאָנען ניט צי ווילן ניט בײַקומען זיך, האָט ער אויך מיט וואָס דאָס צו באַרעכטיקן. ער וואָלט, אַלנפֿאַלס, געפֿונען מיט וואָס זיך צו באַרעכטיקן פֿאַר זיך אַליין, אַז ער זאָל ניט דאַרפֿן זיך אַרומקוקן באַם אָנקלינגען צו ריטען אין דער טיר, ווי ער האָט עס געטאָן פֿריִער.

וואָס האָט אים דאַן אָפּגעהאַלטן, אַז אָנשטאָט פֿאַרשווינדן אין דער טונדרע אָף גאַנצע צוויי יאָר זאָל ער געווען אַלץ וואַרפֿן און איבערפֿאָרן מיט ריטען ערגעץ אין אַ ווײַטער שטאָט? אין יעדער געגנטלעכער שטאָט, און ניט נאָר אין די געגנטלעכע, זײַנען פֿאַראַן אינסטיטוטן, ווו זיי וואָלטן בײדע געקאָנט אַרבעטן. וואָס האָט אים פֿונדעסטוועגן אָפּגעהאַלטן דערפֿון? פֿריִער וואָלט ער, מיסטאָמע, ניט געקאָנט דערוף ענטפֿערן. איצט, דאַכט זיך אים, ווייסט ער שוין, פֿאַרוואָס ער האָט זיך מיט איר צעשיידט און פֿון דאַן אָן זיך מיט איר קימאַט ניט באַגעגנט. אַלנפֿאַלס איז עס ניט דערפֿאַר, וואָס אים איז שוין געווען עטלעכע און פֿערציק יאָר און איר, דער געוועזענער אַספּיראַנטן זײַנער, ווען ער האָט זיך מיט איר באַקענט, איז ערשט געגאַנגען דאָס זעקס־און־צוואַנציקסטע, און וואָס ס'וועלן זיך אָפּזוכן אַזעלכע, וואָס וועלן הינטער די אויגן אים אויסלאַכן און זי באַדויערן. ער האָט אויך דערוף געהאַט פֿאַר זיך געגנוג בײַשפּילן, אַז ער זאָל פֿאַרפֿריִער קאָנען אַפֿילע אויסרעכענען, וויפֿל צײַט וואָלט געדויערט אָט דאָס איבערשעפּטשען זיך און אָט דאָס איבערווינקען זיך הינטער זײַנע פּלייצעס, ביז מע זאָל עס געווען אינגאַנצן פֿאַרגעסן, ווי דאָס איז געשען מיט אייניקע פֿון זײַנע באַקאַנטע. דאָס איינציקע, וואָס האָט אים דערפֿון אָפּגעהאַלטן פֿאַר זײַן אַוועקלאָזן זיך אין דער עקספּעדיציע און די אַלע יאָרן נאָך זײַן צוריקקערן זיך פֿון דאָרט, איז, אַפּאָנעם, דאָס, וואָס ער איז פּאָרט אין דעם

עלטער, ווען דאָס געפּיל איז שוין ניט אינגאַנצן דער הערשער איבער אים, כאָטש ער קאָן אויך איצט ניט זאָגן, מיט וואָס האָט ריטע אים אַזוי פאַרליבט אין זיך, פּונקט ווי ער האָט מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר צו־ריק ניט געקאָנט זאָגן, מיט וואָס האָט מערע זיך אויסגעטיילט פון אַלע אַנדערע זײַנע באַקאַנטע מיידלעך, וואָס זי האָט אים פון דער ערשטער באַגעגעניש פאַרצויבערט. ער גלייבט ביכלאַל ניט, צי ס׳איז דאָ דער מענטש, וועלכער זאָל קאָנען זאָגן, וואָס האָט ער דערזען אין עם צווייטן אַזעלכעס, וואָס יענער האָט דערמיט מיט זיך פאַרשטעלט פון אים אַלע אַנדערע, אויב נאָר דער מענטש איז אַף זײַן לעבן ווען־ניט־איז געווען אין עמעצן אַזוי פאַרליבט, ווי ער, אוריִעל, איז געווען פאַרליבט אין מע־רען. דער מענטש קאָן דערוף ניט ענטפערן, ווײַל ער אַליין איז דעמלט אַן אַנדערער: אי ער זעט אַנדערש, אי ער הערט אַנדערש, אי ער פילט אַנדערש.

און נאָך אַן אויספיר האָט ער געמאַכט פאַר זיך, אוריִעל: קוים הייבט אָן דער זעלבער מענטש דערזען אינעם אַנדערן אַזוינס, וואָס ער האָט אין אים פריִער ניט באַמערקט צי ניט געוואָלט באַמערקן, איז עס דער ערשטער אָנזאָג, אַז אינעם מענטשן איז עפּעס פאַרלוירן געגאַנגען, אָפּגעשטאָרבן. באַ איינעם גייט עס צו זייער גיך, באַ אַ צווייטן זייער לאַנגזאַם, פון אָנ־פאַנג אַפילע קימאַט אומבאַמערקט, ווי דאָס האָט געטראָפן מיט אים. נאָר ווײַבאַלד דאָס איז שוין געשען, וועט אים אויך אויסקומען, ווי אייניקע אַנ־דערע, צוטראַכטן מיט וואָס זיך צו באַרעכטיקן באַם פאַנאַנדערגיין זיך, אי פאַר מערען, אי פאַר זיך. לויט זײַן כעזשבן האָט ער איבערגענוג מיט וואָס זיך צו באַרעכטיקן, און פריִער פאַר אַלץ פאַר זיך אַליין. ער וועט אָבער, ווייסט ער, קיינמאָל ניט פּויעלן באַ זיך עס אַלץ אַרויסזאָגן מערען. אים וועט אָפּהאַלטן דערפון ניט זײַן שוואַכקײַט, נאָר די אייגענע שולד זײַנע קעגן איר, — אָט דאָס, וואָס ער האָט דערלאָזט, אַז זי זאָל אָפּלעבן אַ לעבן ווי באַ פאַרמאַכטע לאָדן. אויסער דער שטוב איז איר ווייניק וואָס אָנגע־גאַנגען אַפילע דעמלט, ווען זי איז נאָך געווען יונג און האָט נאָך ניט געהאַט פאַרלאָזט די אַרבעט אין אַפּטייק. די אָנגעשטאָפּטע שאַפעס אין שטוב האָבן אים דערמאָנט אין געקאָוועטע אײַזערנע קאַסטנס אין די אַמאָ־ליקע סאָכרישע הײַזער. אַפילע דעם שרײַבטיש באַ אים אין קאַבינעט האָט זי ניט פאַרפעלט — קימאַט אַ האַלבן טיש האָט זי פאַרכאַפּט באַ אים מיט דעם קאָלירטן קרישטאָלענעם אַש־בעכער און מיטן אַלטמאָדישן שרײַב־געצ־שיר. און זי ווייסט דאָך, אַז ער האָט שוין לאַנג געוואָרפן רייכערן און אַז ער שרײַבט בלויז מיט אַן אייביקער פּען.

וויפל די רעדער פון עם לויפנדיקן צוג דערווידערן אים ניט דערוף, האַלטנדיק אין איין אויספּויקן: „ס׳איז ניט אַזוי, ס׳איז ניט אַזוי״, דאָך קאָן ער זיך ניט באַפרײַען פון עם געדאַנק, צי ניט דערין, וואָס דער מענטש, ווען ער איז אין עמעצן פאַרליבט, ווייסט ניט, פאַרוואָס האָט ער זיך אין אים פאַרליבט, און וואָס באַם פאַנאַנדערגיין זיך דאַכט זיך יעדן אויס, אַז ער ווייסט, פאַרוואָס מע גייט זיך פאַנאַנדער, זוכט ער, אוריִעל, אַ באַרעכ־טיקונג פאַר דעם, וואָס ס׳איז געשען, און אַ וואָרענונג פאַר דעם, וואָס קאָן געשען.

און ווידער נעמט ער זיך פאר א בײַשפּיל: אויב ער, אורי׳על, וועלכער איז געווען זיכער, אז ביז אים איז קיינער נאָך קיינמאָל ניט געווען אין עמעצן אזוי פארליבט, ווי ער אין מרען, האָט געקאָנט זיך פלוצעם פאר־ליבן אין א צווייטער און אזוי, אז ביז איצט נאָך, אין אזויפיל יאָרן ארום, פארטראכט ער זיך צומאָל, צי וועט אים ניט אויסקומען זיך ווידער אוועק־לאָזן ערגעץ מיט אן עקספּעדיציע, — איז פארוואָס קאָן דאָס זעלבע, ווען ער זאָל זיך געווען צונויפגיין מיט ריטען, ניט פּאסירן אויך מיט איר און אין פיל ווייניקער יאָרן ארום, ווי דאָס האָט געטראָפן מיט אים? זי איז פאָרט דאָך אין דעם עלטער, ווען דאָס געפיל באהערשט צײַטנווײַז אינעם מענטשן דעם פארשטאנד. זי האָט עס אליין אים דערוויזן. וויפל איז דורך בא איר נאָך דער כאסנע, ווען זי איז זיך צעגאנגען מיטן מאן?

און ריטע לייקנט דאָך ניט, אז ביז זי האָט זיך באקענט מיט אים, אורי׳עלן, איז זי געווען פארליבט אין איר מאן. ווען דער מענטש איז אין דעם עלטער, ווען עס הערשט נאָך איבער אים מער דאָס געפיל, קאָן ער זיך צומאָל לײַכט לאָזן פון אים פארפירן, און וועגן דעם האָט אורי׳על זיך שטענדיק פארטראכט און ניט איין מאָל זיך געפּרוווט דערמיט ווערן, ווען עס פלעגט אים מיטאמאָל באפאלן א נאָגנדיקע בענקשאפט, ווי זי איז אים באפאלן אויך איצט, טרעפנדיק אים זיצן באם טויזיקן פענצטערל פון קופּע.

אין אזעלכע מינוטן דערמאָנט זיך אים אָפט דער אָוונט בא זיי אין אינסטיטוט, אין שײַכעס מיטן זעכציקיאָריקן געבוירנטאָג פונעם געוועזע־נעם רעקטאָר, וואָס איז מיט עטלעכע יאָר פאר דעם געשטאָרבן פון א הארץ־אטאק אין דער זעלבער הויכער אאודיטאָריע בייס איינער זײַ־נער א לעקציע פאר די סטודענטן. פון אלע רעדעס אפן דאָזיקן אָוונט האָט אורי׳עלן זיך פארגעדענקט דאָס קורצע וואָרט פונעם מיליטערמאן, וואָס איז געזעסן אין דער הינטערשטער ריי פונעם פּרעזידי׳ום און זיך מיט גאָר ניט אויסגעטיילט, אז מע זאָל אים באמערקן. אפילע דעמלט ווען דער פאָרזיצער האָט אָנגערופן זײַן נאָמען און דערבײַ דער ערשטער אָנגע־הויבן אפּלאָדירן, האָט אורי׳על אויך גאָרניט אויסגעפונען אינעם מיליטער־מאן עפּעס ענלעכס צו דעם, וואָס ער האָט וועגן אים געהערט און גע־לייענט. ס׳ערשטע מאָל אין לעבן באגעגנט ער א מיליטערמאן, וואָס זאָל אויסזען אזוי ניט מיליטעריש אין מיליטערישע קליידער, ווי אָט דער דארלעכער שעמעוודיקער מאנצבל מיטן לאנגן אויסגעצויגענעם האלדז און מיט די קורצזיכטיק פארזשמורעטע אויגן. צוקוקנדיק זיך צו אים, איז אורי׳עלן שווער געווען זיך פאָרשטעלן, ווי קאָן עס א מענטש מיט אזא גוטמוטיק שמייכלענדיקן פּאָנעם און ווייכע ווארעמע אויגן באפוילן, פירן נאָך זיך אין שלאכט, זיך שלאָגן אײנער קעגן צען, ווי דאָס האָט מיט אים, ווי מע שרײַבט, געהאט פּאסירט.

דער פארשטאָרבענער רעקטאָר איז געווען א לייטענאנט בא אים אין באטאליאָן. געזאָגט האָט עס דער מיליטערמאן ווי פארבײַגייענדיק, צוליב דעם, אפּאָנעם, אז די פארזאמלטע זאָלן וויסן, וואָס האָט אים געבראכט הײַנט אהער צו זיי. אויסגעוואָרט א רעגע, איז ער אָפּגעגאנגען פונעם מיקראָפאָן, און ווי שטיל ער האָט ניט גערעדט, האָט אים קיינער פון זאָל

ניט דערמאָנט וועגן מיקראָפאָן, ווײַל דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט, קאָן מען אין א מיקראָפאָן ניט זאָגן. עס וועט ניט דערגיין. אַזוינס קאָן מען אַרויסברענגען בלויז שטיל, מיט א באַזונדער אָטעם, ווי ער האָט עס אַרויסגעבראַכט:

— אינגיכן ווערט מיר אויך זעכציק יאָר, און כ׳האָב מוירע, אַז צו יענער צײַט וועל איך שוין ניט האָבן וועמען פון מײַנע כאַווײרים פון מײַן דאָר פאַרבעטן צו זיך. וועגן וועמען איך טו זיך ניט א דערמאָן, איז ער שוין ניטאָ צווישן אונדז. מיט יעדן טאָג ווערט מײַן דאָר אַלץ קלע־נער און קלענער. זייער ווייניק פון אונדז, ווי אײַער געוועזענער רעקטאָר, וועלן בײַזײַן אויף זייערע זעכציקיאָריקע יובילייען. אָפּטמאָל פיל איך זיך דערפון עפּעס ווי ניט באַקוועם, שעם זיך אַפילע, וואָס איך בין מער מאַזל־דיק!

צווישן די פאַרזאַמלטע אין דער אַאודיטאָריע, האָט אוריִעל געפילט, איז ניט געווען קיין איינער, וועלכער זאָל געווען אַנדערש אָופנעמען די רייד פונעם מיליטערמאַן, ווי ער, אוריִעל, האָט זיי אָופגענומען, צי עמע־צער זאָל געווען כוישעד זײַן דעם מיליטערמאַן, אַז דאָס פײַנט ער זיך אויס מיט זײַן באַשיידנקײַט. איטלעכער פון די פאַרזאַמלטע, איז אוריִעל געווען זיכער, האָט פונקט ווי ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס איינציקע, וואָס אָט דער מענטש איז דערמיט אויסן געווען — דערמאָנען דער יוגנט, וועלכע וועט באַווײַזן בײַזײַן אויף זייערע אַכציקיאָריקע און נײַנציקיאָריקע יובי־לייען, וועגן דעם דאָר, צווישן וועלכע אַפילע א פופציקיאָריקער קוקט שוין אויף זיך ווי אויף א מאַזלדיקן.

אייגנטלעך, וואָלט אויך ער, אוריִעל, געקאָנט זאָגן וועגן זיך דאָס זעל־בע. ער וועט שוין באַלד אויך ניט האָבן וועמען פון די כאַווײרים פון זײַן דאָר פאַרבעטן צו זיך אויף זײַן פופציקיאָריקן געבורטסטאָג. וועגן וועמען ער טוט זיך ניט א דערמאָן צי פרעגט זיך ניט נאָך, קומט איינער אויס דער זעלבער ענטפער: ניטאָ. פונקט ווי פאַר זײַן דאָר וואָלט נאָך אַלץ דויערן די מילכאָמע. און ווילנדיק, ניט־ווילנדיק האָט אוריִעל צײַטנווײַז אויך געגומען קוקן ווי דער מיליטערמאַן, אַז יעדער דורכגעלעבטער טאָג איז א געשאָנקענער. נאָר דערפון האָט אוריִעל זיך אַפילע אויף קיין איין טאָג ניט געפילט עלטער. און פונקט ווי דעמלט, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל באַגלייט ריטען אַהיים, וואָלט אים קיינער ניט געגלייבט, אַז ער איז שוין אַרײַנגעפאָרן אינעם פינפטן יאָרצענדליק, אַזוי וועט אים איצט, ווייסט ער, קיינער ניט גלייבן, אַז ער האַלט שוין באַם פאַרענדיקן מיטן פינפטן יאָרצענדליק. מע זאָל אים ניט געווען אָנעמען פאַר אַזעלכן, וואָלט דער אינסטיטוט אים, מיסטאַם, ניט געשיקט אָנפירן מיט דער ווינטערדי־קער פּראַקטיק פון די סטודענטן אויף די שאַכטעס אַזש הינטערן פּאָליאַר־קרײַז. אוריִעל איז אַפילע זיכער, אַז אויב עס וועט בא אים ווידער דער־גיין דערצו, אַז ער וועט דאַרפן זיך אויסבאַהאַלטן פון זיך אַליין און פונסנײַ זיך אָוועקלאָזן מיט די געאָלאָגן אין א ווײַטער און לאַנגער נעסיִע, וועט עס אין אינסטיטוט בא זיי קיינעם ניט פאַרוווּנדערן און קיינעם וועט ניט אײַנפאַלן אים פרעגן, וויפל, מיינט ער, איז ער עס אַלט, וואָס סע שטעלט אים ניט אָפּ ניט דאָס קלעטערן איבער די בערג, ניט דאָס

נעכטיקן אין א בײַדל, און דערצו גאנץ אָפּט ניט דערעסן און ניט דער־שלאָפן. ס'איז אים אָפּטמאָל אליין גאָר מאָדנע. פּלוצעם, ניט ער ווייסט פאַרוואָס, ניט ער ווייסט פונוואנען, גיבן זיך בא אים אזוי א צעשפּיל די קויכעס, אז סע נעמט זיך אים דאכטן, מע האָט ניט ריכטיק פארשריבן דאָס יאָר פון זײַן געבוירן, ווי דאָס פלעגט טרעפן אמאָל אין די שטעטלעך. אינדערעמעסן דארף ער זײַן ייִנגער און געהערט צו די סאמע ייִנגסטע פונעם דאָר, וועגן וועלכן עס האָט דאן גערעדט אָפּן אָוונט דער מילי־טערמאן.

דער ווייטעק האָט ווי געמאכט מיט אים א טנײַ: ווי נאָר ער קערט זיך אום צוריק אהער, צום שרײַבטיש, אזוי לייגט ער אים ארונטער ווידער אונטערן פּרעס. אנטלויפנדיק פונעם אומדערטרעגלעכן ווייטעק, האָט אור־ריִעל זיך צוריק אומגעקערט פונעם שרײַבטיש אין קאבינעט בא זיך אפן אכטן שטאָק צום פענצטערל פון קופּע פון דעם האסטיקן צוג.

## 4

זיצנדיק באם פענצטערל מיט האלב־צוגעשלאָסענע אויגן, האָט אוריִעל זיך געהאט אזוי ארײַנגעלאָזט אין זיך, אז ער האָט אינגאנצן ניט באַ־מערקט, ווי די זון האָט ביסלעכווײַז פארפילט מיט זיך די קופּע, זי פאַר־גאָסן מיט א העלער ליכטיקער שײַן, כאָטש נעם און קלײַב זיך אריבער מיטן געלעגער אין קאָרידאָר. אהינצו האָט אויך קיין שטערן הײַנט ניט ארײַנגעקוקט, נאָר קילער ווי דאָ איז דאָרט זיכער.

ארופגעכאפּט אף זיך דעם שלאָף־אָנצוג מיט די שטעקשיך, האָט אוריִעל געעפנט די טיר פון קופּע און זיך שיר ניט אָנגעשטויסן אפן הויכן מאנצבל מיט די גוורעדיקע אקסלען, וועלכער האָט ניט געײַלט זיך דורכגעשפּאַ־צירט איבערן קאָרידאָר. שוין דערפון אליין, וואָס אוריִעל האָט אים אין דער דאָזיקער באנאכטיקער שאָ געטראָפן אף די פיס, איז געווען קלאָר, אז דער מענטש איז אויך ניט קיין היגער. קענטיק, ער האָט זיך אויך אין עפּעס שטארק פארטיפט, — פארבײַגעגאנגען און אים, דאכט זיך, אפילע ניט באמערקט. ער זאָל אים ניט שטערן, האָט אוריִעל זיך אומגעקערט צו־ריק אין קופּע.

אין א קורצער ווײַלע ארום האָט דער אומבאקאנטער אָנגעקלאפּט אין דער עטוואָס אָפן געבליבענער טיר און געבעטן אנטשולדיקן, וואָס ער האָט מיט זײַן ארומשפּרײַזן איבערן קאָרידאָר אופגעוועקט, אפּאָנעם, אוריִעלן פון שלאָף.

אוריִעל האָט, צעעפענענדיק אינגאנצן די טיר, באַרויִקט דעם אומבאַ־קאנטן:

— איר האָט מיך ניט געקאָנט אופוועקן, ווײַל כ'האָב, קאָן מען זאָגן, זיך נאָך הײַנט ניט געלייגט.

— אײַך לאָזט ניט שלאָפן די זון, ווי ס'זעט אויס.

— מיר שײַנט, אז ניט בלויז מיך איינעם. אײַך, ווי איך זע, לאָזט זי, ווײַזט אויס, אויך ניט שלאָפן.

— איר נעמט עס דערפון, וואָס איך בין אַף די פּיס? באַ מיר איז עס פון גאָר עפּעס אַנדערש, — ער האָט אויסגעוואַרט א רעגע, און ווי אוריִעלן האָט זיך אויסגעגעבן, האָט דער מענטש, דאַכט זיך, געוואַרט, ער זאָל אים פרעגן, אין וואָס באַשטייט אָט דער „גאָר עפּעס אַנדערש". ניט דערוואַרט זיך אַף דעם, האָט דער אומבאַקאַנטער זיך אָנגערופן: — מיר שטערן ניט די ווײַסע נעכט שוין א היפּש ביסל יאָרן.

אוריִעל האָט זיך אָפּגערוקט, געמאַכט א מער פרײַערן פּלאַץ לעבן זיך אַפן דיוואַן און פאַרבעטן דעם אומבאַקאַנטן אין קופּע.

— א דאַנק. אין קאָרידאָר איז קילער. דער קאָנדוקטאָר האָט מיר געזאָגט, אז מיר שטײַגן מיט אײַך ארויס אַף איין סטאַנציע. איר פאָרט מיסטאָם צו אונדז, פאַרשטיי איך, אין א קאָמאַנדירונג. זייער א גוטע צײַט האָט איר אויסגעקליבן. איצט איז באַ אונדז די רעכטע צײַט אַף כאַפּן פיש און גיין אַף יאַגד.

אוריִעלן איז אויסגעקומען עפּעס א ביסל מאָדנע, וואָס דער אומבאַקאַנטער האָט פאַרפירט מיטאַמאָל א רייד וועגן כאַפּן פיש, גיין אַף יאַגד, אויסרעכענענדיק דערבײַ באַ די נעמען שיר ניט אַלע מינים פיש, וואָס באַגעגענען זיך דאָ אין די טײַכן און אָזערעס, און שיר ניט אַלע מינים פויגלען, וועלכע האַלטן זיך באַ זיי אויף אין דער טונדרע. ניט אַנדערש, האָט אוריִעל באַ זיך א קלער געטאָן, אז דער דאָזיקער מענטש וויל אים פאַרליבן אין דער טונדרע, מאַכן אַזוי, אז ער זאָל דאָ פאַרבלײַבן. אז מע פאָרט ניט איבעריקס אהער און אז סע דאַרף דאָ באַ זיי זײַן א גרויסער נאָכפרעג אַף מענטשן, דאָס זעט אוריִעל אַליין. אַף א גאַנצן וואָגאָן זײַנען זיי בלויז צוויי. אוריִעל האָט אים אָבער ניט איבערגעשלאָגן, כאָטש קימאַט אַלץ, וואָס יענער האָט דערציילט וועגן דער טונדרע מיט אירע זוניקע נעכט אינעם קורצן זומער און מיט אירע אויסגעשטערנטע טעג אינעם מעסוקן לאַנגן ווינטער, האָט אוריִעל געוווסט. די טונדרע, ווי ער זעט, איז, אַן ערעך, אומעטום איינע און די זעלבע. עטוואָס שפּעטער האָט אוריִעלן זיך אָנגעהויבן דאַכטן, אז דעם דאָזיקן מענטשן, ווען ער צערעדט זיך, איז אים שווער אָפּצושטעלן. אוריִעל ווייסט בלויז ניט, צי דאָס נעמט זיך באַ יענעם דערפון, ווײַל ער האָט זיך צערעדט וועגן דער טונדרע, אין וועלכער ער איז, פילט זיך, פאַרליבט, צי ער איז פּאַשעט פון די פּאַסאַזשירן, וואָס קאָנען קיין מינוט ניט אויסקומען אָן מענטשן. אַזעלכן האָבן די עטלעכע שאָ, וואָס ער איז געבליבן איינער אַליין אין קופּע, זיך געקאָנט אויסגעבן א גאַנצע אייביקײַט. אַזוי צי אַנדערש, נאָר דער אומבאַקאַנטער באַהאַלט ניט אויס, אז ער איז ביז גאָר צופרידן, וואָס ער האָט אָנגעטראָפן אַף א מענטשן, פאַר וועמען מע קאָן זיך אויסריידן און וועלכער קאָן אויסהערן. דאָס איינציקע, וואָס אוריִעל האָט פון מאָל צו מאָל זיך דערלויבט, איז אַרײַנשטעלן א וואָרט, וואָס דאַרף געבן יענעם צו וויסן, אז ער האָט אויך וואָס צו דערציילן וועגן דער טונדרע.

ווען אַנשין האָט זיך אַרײַנגעשטעלט מיט א וואָרט, אז אין ערגעץ, דאַכט זיך, האָט מען ניט אַזאַ פאַרגעניגן פון כאַפּן פיש, ווי אין דער טונדרע, האָבן באַ דעם אומבאַקאַנטן א לויכט געטאָן די אויגן, ווי באַ א שאַכמאַטיסט, וועלכער האָט אונטערוועגנס צופעליק אָנגעטראָפן אַף פונקט

אזא פארברענטן שפּילער, ווי ער. דעם דאָזיקן פארגלײַך האָט אוריִעל, וועלכער איז געווען אין דער יוגנט א הייסער שפּילער אין שאָך, געמאכט פאר זיך נאָכדעם, ווי דער אומבאקאנטער האָט זיך אָנגערופן, אז זיי קאָנען נאָך היינט באווײַזן זיך אראָפּכאפּן צום טײַך, און געהאט אים פאָרגעלייגט אנטלײַען אַף דער צײַט, וואָס ער וועט דאָ זײַן, א ווענטקע מיט הויכע גומענע שטיוול, וואָרעם ער איז ניט איבעריקס זיכער, צי בא זיי אין די קראָמען קאָן מען עס איצט קריגן.

אוריִעל האָט אים באדאנקט, באמערקנדיק דערבײַ, אז, צום באדויערן, וועט אים ניט אויסקומען זיך דערמיט באנוצן. ער פאָרט אהער בלויז אַף עטלעכע טעג און אז אפילו אין די רו־טעג וועט ער אויך זײַן פארנו־מען.

— אָט, אז איך וועל אראָפּקומען אהער מיט מײַנע סטודענטן, וועל איך שוין דעמלט, קלער איך, ניט זײַן אזוי געענגט אין צײַט.

דער אומבאקאנטער האָט מיטאמאָל צוגעשלאָסן די אויגן, ווי ער וואָלט אין דער פארבײַשווימענדיקער טונדרע אַף יענער זײַט פענצטערל דערזען עפּעס אזעלכעס, וואָס ער באמיט זיך עס אויסבאהאלטן פון זיך. אין א רעגע ארום האָבן זיך בא אים שוין ווידער געלויכטן די העל־ברוינע אויגן אפן ברייטלעכן געזיכט מיט די בלויע שפּרענקעלעך אַף די קינבאקן.

— מיט א יאָר דרײַ צוריק האָב איך אויך געהאט צו טאָן מיט סטו־דענטן, — האָט דער אומבאקאנטער, שטייענדיק אלץ נאָך אין דער טיר פון קופּע, זיך אָנגערופן מיט זײַן שטילער געדיכטער שטים, — זיי זײַנען דורכגעגאנגען די פּראָדוציר־פּראקטיק בא מיר אין דער בריגאדע. מיר האָבן דעמלט פאנאנדערגעארבעט דעם פּערטן האָריזאָנט. וואָס, איך בין ניט ענלעך אַף קיין שאכטיאָר, וואָס איר באטראכט מיך אזוי?

אפילו נאָכדעם ווי איליא סאוועליעוויטש לעסאָוו, ווי מע האָט גערופן דעם אומבאקאנטן, האָט דערציילט וועגן דער שאכטע, אַף וועלכער די סטודענטן פון איינעם א בארג־אינסטיטוט זײַנען דורכגעגאנגען די פּראָ־דוציר־פּראקטיק, ווי עס קאָן דערציילן וועגן א שאכטע בלויז דער, וואָס האָט זי געמאָסטן און איבערגעמאָסטן אין דער לענג און אין דער ברייט ניט איין יאָר, האָט ער עפּעס אויך ניט געמאכט אַף אוריִעלן דעם אײַנ־דרוק פון א שאכטיאָר, אליין ניט וויסנדיק פארוואָס. גיכער פון אלץ, מיס־טאמע, דערמיט, וואָס לעסאָוו זשמורעט ניט איבעריקס די אויגן, ווי דאָס טוען געוויינלעך מענטשן, וועלכע פארברענגען דעם טאָג מער אין די טונקל־באלויכטענע לאוועס און שטרעקן ווי אַף דער דרויסנדיקער שײַן, און וואָס ער האלט ניט דעם קאָפּ ארײַנגעצויגן אין די אקסלען ווי גע־וויינלעך בא שאכטיאָרן, בא וועמען דאָס נעמט זיך פון אויסהיטן זיך א קלאַפּ טאָן אין די נידעריק־אראָפּהענגענדיקע קראָוולעס און באלקנס.

— פארוואָס זעצט איר זיך ניט צו? — אוריִעל האָט אים אָנגעוויזן אפן פרײַען האלב־ווייכן דיוואַן. — מיר האָבן דאָך נאָך מיט אײַך צו פאָרן און פאָרן. א גלעזל טיי וועט איר טרינקען? כ'האָב פון אָוונט פארקאָכט אין טערמאָס פרישע טיי. קראַסנאָדארער. און צו דער טיי וועט זיך בא מיר אויך עפּעס געפינען.

— איין רעגע. איך קום באלד צוריק.

אין א מינוט ארום האָט לעסאָוו זיך אומגעקערט, האַלטנדיק אין דער האַנט א פאַרכאַסמעט פלעשל בראַנפן.

— איר ווילט מיר דערמיט דערוויַיזן, אַז איר זיַיט אַן עכטער שאַכ־טיאָר? — האָט אוריִעל האַלב אין שפאַס געפרעגט.

— שטעלט איַיך פאָר, — האָט איליא סאַוועליעוויטש, פאַנאַנדערכאַס־מענדיק דאָס פלעשל, אים דערויף געענטפערט, — אַז ווען כ'האָב געאַרבעט, האָב איך געטרונקען א סאַך זעלטענער ווי איצט. נאָר פון זינט איך בין אַוועק אַף פענסיע... לאָמיר זיַין געזונט, — און לעסאָוו האָט אין איין אָטעם אויסגעטרונקען די פול אָנגעגאָסענע גלאָז בראַנפן, ניט צורירנדיק זיך צום פאַרביַיסן, וואָס אוריִעל האָט אַרויסגעלייגט אַפן טיש.

— אָט איצטער זע איך, אַז כ'האָב צו טאָן מיט אַן עכטן שאַכטיאָר, — האָט אוריִעל, אָפּזופנדיק עטלעכע טראָפּן פונעם גלעזל, א שמייכל געטאָן, און דערביַי זיך ווי פאַרענטפערט, — אַנומלטן האָב איך איינער אַליין אויסגעטרונקען קימאַט א גאַנץ פלעשל. אַרײַנקערן אָבער אין זיך מיט איין שלונג א גאַנצע גלאָז, דאָס וואָלט איך קיינמאָל ניט געקאָנט.

— און איך וואָלט קיינמאָל ניט געקאָנט טרינקען אָט ווי איר. אַזוי טרינקט מען נאָר טיי פון א זודיקן סאַמאָוואַר אָדער איַיז־קאַלטע וואַסער פון ברונעם אין א ברענענדיקן פראָסט, — לעסאָוו האָט אָפּגערוקט פון זיך די גלאָז. — אַלץ! מער ווי איין מאָל טרינק איך ניט.

— און אויב פון א קעלישעקל? — האָט אוריִעל געפרעגט, ווי דאָס זאָל אים געוווען אָנגיין.

— אַלציינס. צוויי מאָל טרינק איך קיינמאָל ניט אפילע פון א קעלי־שעקל. איר באַטראַכט מיך נאָך אַלץ, ווי איך זע.

אורי גאָווריִלאָוויטש אַנשין האָט ניט אויסבאַהאַלטן, אַז אים האָט ווירקלעך פאַרוווּנדערט דערהערן פון אָט דעם וווּקסיקן קרעפטיקן מענטשן, אַז שוין דאָס אַנדערע יאָר, ווי ער איז אַף פענסיע. כוץ דעם, וואָס ער זעט אויס א סאַך יִינגער פונעם עלטער, ווען א מענטש, וואָס אַרבעט אונטער דער ערד, קאָן באַקומען פענסיע, האָט אוריִעל נאָך, דאַכט זיך, ביכלאַל ניט באַגעגנט קיין שאַכטיאָר, וועלכער זאָל צו עטלעכע און פופציק יאָר אויפהערן אַרבעטן. זאָגנדיק עס לעסאָוון, האָט אַנשינען זיך מיטאַמאָל אויס־געגעבן, אַז איליא סאַוועליעוויטש הערט אים, דאַכט זיך, ניט. א וויַילע שפּעטער האָט זיך אים געהאַט אויך אויסגעגעבן, אַז לעסאָוו באַמערקט אים אפילע ניט. איליא סאַוועליעוויטש זאָל אים געוווען איצטער זאָגן דאָס זעלבע, אַז ס'איז שוין א פּאָר יאָר, ווי ער איז אַרײַנגעפאָרן אינעם זיבעטן יאָרצענדליק, וואָלט ער אים שוין דערמיט ניט פאַרוווּנדערט. אַרום זיַינע העל־ברוינע אויגן זיַינען זיך מיטאַמאָל צונויפגעלאָפן טיף פאַרקאַרבטע קנייטשן, און די אויגן אַליין זיַינען שוין אויך געוווען ניט די זעלבע, זיי האָבן זיך אַנדערש געלויכטן. אפאָנעם, ער האָט ניט געהאַט קיין טאָעס, אוריִעל, ווען, דערזעענדיק לעסאָוון זיך אומדרייען איבערן קאָרידאָר, האָט ער אים אָנגענומען פאַר א מענטשן, וואָס קאָן קיין רעגע ניט בליַיבן אַליין. ער מוז שטענדיק האָבן עמעצן לעבן זיך, אַז ער זאָל זיך קאָנען פאַר אים אויסריידן. אַליין דער גאַנג זיַינער — א שטילער און א פאַרזיכ־טיקער — איז פון א מענטשן, וואָס טראָגט אַף זיך א שווערע מאַסע, פון

װעלכער ער קאָן זיך ניט באַפרײַען. ער האָט אַלײן געגעבן אָנצוהערן װעגן דעם, נאָך שטײענדיק אין דער טיר. אוריִעל האָט זיך געװוּנדערט אַף זיך אַלײן, װי קומט עס, װאָס ער האָט זיך גלײַך ניט אָנגעשטויסן פרעגן לעסאָװן, פאַרװאָס האָט ער גענומען אָפּטער טרינקען, נאָכדעם װי ער האָט פאַרלאָזט די אַרבעט. ס׳איז אָפּגעגאַנגען אַ רגע, אַז אוריִעל זאָל עס אים פרעגן, נאָר איליאַ סאַװעליעװיטש איז אים װי פאַרלאָפן דעם װעג. זײַנע אויגן האָבן זיך שוין װידער געלויכטן, װען ער האָט, אַװעקלײגנדיק די האַנט אַף דער לײדיקער גלאָז, געפרעגט:

— איר װײסט שוין, אַף װעלכער שאַכטע װעלן פּראַקטיקירן אײַערע סטודענטן, צי איר דאַרפט זיך נאָך דערײדן מיטן שאַכטקאָמבינאַט? בעט, מע זאָל אײַך שיקן אַף דער נײַנטער שאַכטע צו יאָסיף פּאָסטינסקין אין דער בריגאַדע. פּאָסטינסקי איז געװען מײַן געהילף. ער איז אויך געװען מיט מיר אין דער שאַכטע, װען דער אומגליק איז געשען.

איליאַ סאַװעליעװיטש איז אַנשװיגן געװאָרן. מעגלעך, ער האָט געװאַרט, אוריִעל זאָל אים פאַנאַנדערפרעגן, װאָס האָט אַזעלכעס געטראָפן מיט אים אין דער שאַכטע, װאָס ער קאָן ניט, זעט אויס, ביז איצט עס פאַרגעסן. נאָר אוריִעל האָט אויך געשװיגן. דאָס אײנציקע, מיט װאָס ער האָט אַרויסגעװיזן, אַז ער האָט זיך צוגעגרײט הערן, — איז דאָס פאַרהענגען ס׳פענצטערל, אַז די זון זאָל אַזוי ניט קריכן אין די אויגן. און איליאַ סאַװעליעװיטש לעסאָװ, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אינעם װענטל, האָט אָנגעפאַנגען דערצײלן, פריִער שטיל, װי פאַר זיך, נאָר װאָס װײַטער, אַלץ העכער, איבערשלאָגנדיק זיך פון צײַט צו צײַט מיט אַ זיפץ, מיט אַ הײזעריקלעכן הוסט:

— צװײ מעסלעס זײַנען מיר אָפּגעלעגן אין דער פאַרשאָטענער לאַװע. אַכט מאָן זײַנען מיר דאָרט געװען, און אַלע זײַנען מיר אַרויס מיטן לעבן, און זי, מאַריִע מײַנע, װאָס האָט אַף איר לעבן זיך קײן אײן מאָל אַפילע ניט אַראָפּגעלאָזט אין דער שאַכטע, איז אומגעקומען. און אַזױ שרעקלעך און אומגעלומפּערט. אײַך מאַכט ניט אויס, אויב כ׳װעל פאַרײכערן? — לעסאָװ האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ פּעקל פּאַפּיראָסן און עס אויסגעשטרעקט אוריִעלן.

— אַ דאַנק. איך רײכער שוין ניט אַ היפּש ביסל יאָרן. אויב איר װילט, קאָן איך אײַך אויסלערנען, װיִאַזױ זיך אָפּצעװױנען פון רײכערן.

— צוליב װאָס? — זיך פאַרצויגן און לאַנגזאַם אַרויסגעלאָזט דעם רויך צוזאַמען מיטן טיפן זיפץ, האָט לעסאָװ פאָרגעזעצט. — דאָס שטעטל אונדזערס איז ניט קײן גרויס. טרעפט, כאָלילע, עפּעס אַף די שאַכטעס, דערװיסט מען זיך דערפון באַלד און עס װערט גלײַך אַן אָנגעלויף, דעריקער, פאַרשטײט זיך, פון די פרויען. איטלעכע פון זײ האָט דאָך עמעצן אין דער שאַכטע, און אַ שאַכטע איז ניט קײן זאַװאָד. באַ אַ סרײפע צי אַן אַנדער אומגליק װעסטו די טיר ניט אויסברעכן און דורכן פענצטער ניט אַרויסשפּרינגען. דערהערט, אַז אַף דער נײַנטער שאַכטע, װוּ איך האָב געאַרבעט, האָט פּאַסירט אַן אומגליק, איז מײַנע גלײַך געקומען אַהין צו לויפן און זיך אַ װאָרף געטאָן צום װערטיקאַלן סטװאָל. פּינקטלעך װײסט קײנער ניט, װיִאַזױ איז עס געשען. גיכער פון אַלץ האָט מאַריִע מײַנע, פון צע־

טומלטקייט, מיסטאמע, ניט באמערקט, אז די שטייג, מיט וועלכער מע לאָזט זיך אראָפּ אין שאכטע, איז ניטאָ, זי איז אונטן, און אז דאָס טירל פונעם סטוואָל שטייט אָפן. עמעצער האָט אין איילעניש פארגעסן עס, ווייזט אויס, צוּמאכן. און אפן סטוואָל איז בא אונדז שטענדיק האלב־טונקל. אין דער ערשטער מינוט, אז מע קומט אהין ארײַן פון דרויסן, זעט מען קימאט גאָרניט. זיבן הונדערט מעטער איז זי געפלויגן... איך בין אף איר לעוויִיע ניט געווען. איך בין געלעגן אין שפּיטאָל.

ס׳האָט נאָך געטליִעט דער ניט־דערייכערטער פּאפּיראָס אינעם אש־בעכער, נאָר איליא סאוועליעוויטש האָט שוין געהאט ארויסגענומען פונעם שאכטל א צווייטן פּאפּיראָס און ניט באמערקט, ווי ער האָט אים צע־דרויבלט צווישן די פינגער.

— איר האָט מיך עפּעס געפרעגט? — האָט לעסאָוו זיך געגעבן א כאפּ אויף. ניט דערוואַרט זיך אף קיין ענטפער, האָט ער צוריק אָנגעשפּארט דעם קאָפּ אינעם ווענטל און נאָך אָפּטער זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן ריידן. — בא א האלב יאָר בין איך נאָך דער אוואריע אין שאכטע אָפּגע־לעגן צו בעט. ווען איך בין ארויס פון שפּיטאָל, האָט מיך קיינער קימאט ניט דערקענט, אזוי אלט בין איך געוואָרן פארן דאָזיקן האלבן יאָר. איר טויט האָט מיך אינגאנצן צעבראָכן. איך האָב נאָך געפּרוּווט א פּאָר כאדאָ־שים ארבעטן. כ׳האָב אָבער געפילט, אז ס׳איז שוין ניט פאר מײַנע קויכעס. כ׳ווייס ניט, קאָן זײַן, ווען ס׳זאָל מיר געווען אויספּעלן סטאזש, צי מיר וואָלט געווען נאָך פאר די פופציק יאָר, וואָלט איך עפּשער איבערגע־גאנגען אף אן אנדער ארבעט, כאָטש פאר א מענטשן, וואָס האָט, אָט ווי איך, אָפּגעארבעט א לעבן אונטער דער ערד, איז ניט אזוי פּאָשעט פאר־לאָזן די שאכטע און איבערגיין ארבעטן אף דער אויבערפלאַך. ס׳איז ווי זאָל איך עס אייַך זאָגן, נו, דאָס זעלבע ווי פאר א מאטראָס זיך צעשיידן מיטן יאם. נאָר קיין סטאזש האָט מיר ניט אויסגעפּעלט, און לויטן עלטער האָב איך מיט א היפּש ביסל יאָר נאָך צוריק געקאָנט אוועקגיין אף פּענ־סיע, און זאָרגן זיך וועגן פארדינסט האָב איך אויך ניט וואָס. עס וועט מיר קלעקן צום לעבן, ווען איך זאָל אפילע קריגן א קלענערע פּענסיע, ווי איך באקום. איר פארשטייט דאָך אליין, אז מע ארבעט אָפּ אזויפיל יאָר אפן עקסטן צאָפן אין א שאכטע, פארדינט מען, מיסטאמע, עטוואָס מער פון א דאָצענט און עפּשער מער אפילע פון א פּראָפעסאָר.

— קאָן זײַן, — האָט אורי גאווריליאָוויטש אים נאָכגעגעבן, באמערקנדיק דערביי, אז דאָס סאמע לוינבארסטע איז איצט, אויב סע גייט אין פאר־דינסט, צו זײַן אן ארבעטער.

— פונדעסטוועגן איז אף ארבעטער, ווי כ׳האָב געהערט, א סאך א גרעסערער נאָכפרעג, ווי אף דאָצענטן און פּראָפעסאָרן. איז אָט: אז מע ארבעט אָפּ אף א שאכטע, וויפל איך האָב אָפּגעארבעט, איז קלײַבט זיך ווילנדיק, ניט־ווילנדיק אָן א שטיקל קאפּיטאל. און אויב כ׳זאָל מער ניט ארבעטן, איז וואָס פאר א זין האָט מיר צו זיצן דאָ אין דער טונדרע? צאָפן בלײַבט צאָפן. ניט אומזיסט צאָלט מען אפן עקסטן צאָפן א העכערן געהאלט, מע האָט א גרעסערן אורלויב און אנדערע להאָטעס. האָב איך אויך, ווי אייניקע אונדזערע שאכטיאָרן, וואָס זײַנען שוין אף פּענסיע און

וואָס גייען אוועק אַף פּענסיע, זיך פאַרשריבן אַף א קאָאָפּעראַטיווער דירע אינעם הויז, וועלכעס דער שאַכטקאָמבינאַט אונדזערער קלײַבט זיך בויען אין איינעם פון די דאָרעמדיקע שטעט. דערווײַל האַלטן מיר נאָך אַלץ אין צוקלײַבן זיך א שטאָט. עס ווילט זיך, אי דער קלימאַט זאָל זײַן א פּאַסיקער, אי די שטאָט זאָל זײַן א שטאָט. נו, און וויבאַלד איך בין א פרײַער מענטש, האָט מען מיך אויסגעקליבן אין דער פאַרוואַלטונג און געמאַכט פאַר אַן אַרומפאָרער. דאָס קער איך זיך איצט אום פון א קאָמאַנדירונג, געפאָרן אָנקוקן נאָך א פּאָר שטעט און פאַרייַנוועגס א רעד טאָן דאָרט מיט וועמען מע דאַרף, וואָס און ווען. — לעסאָוו האָט ווידער אַרויסגענומען פון שאַכטל א פּאַפּיראָס און ווידער ניט באַמערקט, ווי ער האָט אים צעדרויבלט צווישן די פינגער. — אַזוי צי אַנדערש, נאָר אין א פּאָר יאָר אַרום וועלן מיר אויסבויען דאָס הויז. צי וועל איך דאָרט וווינען, דאָס, זעט איר, ווייס איך נאָך אַליין ניט, כאָטש איך בין אין דער פאַרוואַלטונג און וועל זיך נאָך ניט איין מאָל דאַרפן שלעפּן הין און צוריק, ווען מע וועט צוטרעטן בויען דאָס הויז. איך בין פאָרט מער פרײַער פון אַנדערע, איין מענטש אינגאַנצן. כ׳ווייס, עפּשער טאַקע דערפאַר, וואָס איך בין געבליבן איינער אַליין, האָט דער קאָאָפּעראַטיוו מיך בעקיוון אַזוי אײַנגעשפּאַנט אין דער אַרבעט.

דער צוג, וואָס איז א לענגערע צײַט געשטאַנען אַף א קליינער סטאַנציע, האָט זיך ענדלעך גערירט, נאָר ביידע, ניט אַנשיין, ניט לעסאָוו, האָבן עס אין דער ערשטער מינוט ניט באַמערקט.

— פאַרוואָס קלערט איר, אַז אײַך וועט ניט אויסקומען דאָרטן וווינען? עס וועלן ניט קלעקן פאַר אַלעמען קיין דירעס? — האָט אוריִעל געפרעגט דעם מיטאַמאָל אַנשוויגן געוואָרענעם לעסאָוון, ווען די רעדער פונעם וואַגאָן האָבן אַלץ העכער זיך געלאָזט הערן מיט זייער שטענדיקן אַלצייִנעם ניגון, צו וועלכן עס לאָזן זיך צוקלײַבן וועלכע ווערטער מע וויל און אַף וועלכער שפּראַך מע וויל.

איליאַ סאַוועליעוויטש האָט א קוק געטאָן אַף אוריִעלן מיט עטוואָס צוגעשלאָסענע אויגן. פון דעם דאָזיקן בליק זײַנעם האָט אוריִעל פאַרשטאַנען, אַז לעסאָוו האָט ניט דערוואַרט, מע זאָל אים אַזעלכעס פרעגן, און דערפאַר האָט אוריִעלן זיך אויסגעוויזן, אַז ניט אים, נאָר זיך אַליין ענטפערט ער עס, לעסאָוו:

— דאָ בלײַבט איבער מײַן מאַריִעס קייווער. ווי לאָזט מען עס איבער א קייווער פון א נאָענטן ליבן מענטשן און מע פאָרט אַף שטענדיק אוועק? — און גלײַך ער זאָל מוירע האָבן, אַז אוריִעל וועט אים דערוף באַלד ענטפערן דאָס זעלבע, וואָס ער, לעסאָוו, האָט שוין ניט איין מאָל עס געהערט פון זיך אַליין, אַז דאָס לעבן קומט אַלץ בײַ, אַז אָט האָט ער דאָך מיט מאַריִען זיך ניט אונטערגעגעבן דעם בראָך, ווען זיי האָבן דערהאַלטן דאָס שרעקלעכע בריוול, אַז אויך דער פערטער און דער לעצטער זון זייערער איגאָר איז אומגעקומען אין שלאַכט, האָט לעסאָוו געענטפערט אוריִעלן מיט א שטים, וואָס האָט קיין שום שײַכעס ניט דערצו, וואָס ער האָט ביז אַהער דערציילט וועגן זיך. — פאַרשרײַבט פונדעסטוועגן, ווו איך וווין. ס׳קאָן זיך פונקט מאַכן, אַז עס זאָלן ניט זײַן קיין פרײַע ער-

טער אין האָטעל. קוקט ניט, וואָס מיר זײַנען פאַרבליבן צווייען אף א גאַנצן וואַגאָן. דאָס איז פּאָשעט א צופעליקייט. קיין פּאַסאַזשירן אַהער, צו אונדז, פעלן קיינמאָל ניט אויס, און ביז מע וועט אַרויסענדיקן דעם נײַעם האָטעל, וואָס מע בויט... און אויסער אַלעם, זײַנען אינעם אַלטן האָטעל, דאַכט מיר, גאָר ניטאָ קיין צימערן פאַר איינצלנע. אינעם קלענסטן צימער, אף וויפל איך ווייס, שטייען אײַן צו דרײַ־פיר מענטשן. מיך וועט איר מיט גאָרנישט ניט פאַרשווערן. סײַווי פּאָסטעוועט בא מיר א צימער.

...פאַרוואָס איז אוריִעל ניט פאַרפאָרן צו לעסאָוון, מיט וועמען, ווי אים האָט זיך אויסגעוויזן, ער איז שוין יאָרנלאַנג באַקאַנט, נאָר זיך אָפּגעשטעלט אינעם פאַררייכערטן האָטעלכל, ווו ער איז געווען דער פערטער אינעם ניט גרויסן אומעטיקן צימער מיט די פאַרפלעקטע טאַפּעטן, האָט ער אַליין ניט געוווּסט. ווי פאַרנומען ער איז אָבער ניט געווען די פּאָר וואָכן, וועלכע ער איז געווען אף די שאַכטעס, איז ניט געווען קימאַט דער אָוונט, ער זאָל זיך ניט אַראָפּכאַפּן צו לעסאָוון אינעם הילצערנעם שטיבל מיטן געפלאָכטענעם פאַרקנדל און זיי זאָלן זיך ניט אַראָפּלאָזן ביידע צום טײַך. זיי פלעגן דאָרט אָפּזיצן צומאָל מיט די פאַרוואָרפענע ווענטקעס ביז טיף אין דער נאַכט, ביז דער הימל פלעגט אף א קורצער צײַט זיך אָפּרוען פון דער זון, פאַרשיקנדיק זי אף יענער זײַט טעריקאָניקעס.

אין איינער פון אָט די ליכטיקע זוניקע נעכט, ווען זיי זײַנען קורץ פאַר זײַן אָפּפאָרן געזעסן אפן ברעג טײַך מיט די פאַרוואָרפענע ווענטקעס אין וואַסער, האָט אוריִעל זיך געקליבן פרעגן איליאַ סאַוועליעוויטשן, צי וואָלט ער ניט אײַנגעגאַנגען אים קאָנסולטירן, אויב ער, אוריִעל, וועט זיך ווידער נעמען גרייטן די דאָקטאָרסקע דיסערטאַציע, אף וועלכער ער האָט אָנגעהויבן אַרבעטן א קורצע צײַט פאַר דעם, ווי ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין דער עקספּעדיציע, און פון דאַן אָן זיך צו איר מער ניט צוגערירט. נאָר אָנשטאָט פרעגן עס און זאָגן, פאַרוואָס ווענדט ער זיך דערמיט דאַפקע צו אים, — ער האָט אף זײַן לעבן נאָך ניט באַגעגנט קיין מענטשן, וואָס זאָל קענען אַזוי די שאַכטע, ווי ער, לעסאָוו, — האָט זיך בא אוריִעלן פּלוצעם אַרויסגעכאַפּט, וואָס וואָלט איליאַ סאַוועליעוויטש, אַשטייגער, געטאָן, ווען מיט אים פאַרלויפט זיך דאָס זעלבע, וואָס איז זיך פאַרלאָפן מיט איינעם, זײַנעם, אוריִעלס, א באַקאַנטן. אָט דער באַקאַנטער זײַנער, א טאַטע פון דערוואַקסענע קינדער און א זיידע שוין פון אייניקלעך, האָט זיך מיטאַמאָל פאַרליבט אין א פיל ייִנגערער פון זיך. ס׳איז אים אַליין געווען מאָדנע, וואָס ניט דערוואַרטנדיק זיך, וואָס וועט לעסאָוו דערויף ענטפערן, האָט אוריִעל גענומען אויסדערציילן שיר ניט אַלץ, וואָס איז זיך פאַרלאָפן מיט זײַן נאָענטן באַקאַנטן, נאָכדעם ווי ער האָט זיך באַגעגנט מיט דער זעקס־און־צוואַנציקיאָריקער שיינער געבילדעטער פרוי. פאַרענדיקט האָט אוריִעל דערמיט, אַז שוין דאָס וויפלטע יאָר, ווי דער באַקאַנטער זײַנער אַנטלויפט פון זיך און קאָן אַלץ ניט אַנטלויפן, און כאָטש יענער פאַרשטייט אַליין זייער גוט, אַז פון זיך קאָן מען ניט אַנטלויפן, און ווייסט, אַז ס׳איז ניטאָ אַזא אָרט, ווו מע זאָל זיך קאָנען אויסבאַהאַלטן פון זיך אַליין, דאָך גיט ער זיך ניט אונטער. ער קלײַבט זיך אַפילע אַרײַ־

בערפאָרן אין אן אנדער שטאָט. אים איז אלציינס וווהין, ער וואָלט גע־
קאָנט אריבערפאָרן אפילע אהער...

דערציילנדיק עס אלץ איליא סאוועליעוויטשן, האָט אוריִעל ניט דער־
ווארט, אז אים וועט נאָכדעם אויסקומען זיך אזוי אײַנשטעלן פאר זײַן
„באקאנטן”. ביז איצט האָט אוריִעלן דערווײַל נאָך קיינער ניט אויסגע־
וואָרפן, אז ער איז א שוואכמוטיקער, א לײַכטזיניקער, אז אויסער זיך
גייט אים אין לעבן קיין זאך ניט אָן. צי האָט זיך אים ענדלעך אײַנגע־
געבן דערווײַזן, אז זײַן „באקאנטער” האָט קיין שום שײַכעס ניט דערצו,
אין וואָס לעסאָוו האָט אים באשולדיקט, איז אנשין ניט געווען אינגאנצן
זיכער, און איבעריקס פארוווּנדערט וואָלט עס אים אויך ניט. ס׳איז, דאכט
זיך, געווען לײַכטזיניק פון זײַן זײַט אָט דאָס נעמען און דערציילן א
לאכלוטן זײַטיקן מענטשן שיר ניט אלץ, וואָס איז זיך פאר די אלע יאָרן
געהאט פארלאָפן צווישן אים, אוריִעלן, און ריטען. לעסאָוו, אלנפאלס,
איז דאָך זיכער ניט דער מענטש, וואָס קאָן אין אזא פאל עפּעס אונטער־
זאָגן. און וואָס, אייגנטלעך, וואָלט אים געקאָנט אונטערזאָגן אפילע דער,
וואָס האָט, זײַענדיק אינעם זעלבן עלטער, וואָס ער, אוריִעל, געפּרווּוט
אנטלויפן פון זיך און, ווי ער, אוריִעל, זיך געפּײַניקט וויפל יאָרן פון
בענקשאפט. צו לעסאָוון איז, אפּאָנעם, ביכלאל ניט אלץ דערגאנגען פון
דעם, וואָס אוריִעל האָט אים דערציילט. און עפשער איז עס צו אים ניט
דערגאנגען, ווײַל ער קוקט דערוף אנדערש, א סאך פּאָשעטער.

צי דאָס האָט אָפּגעהאלטן אורי גאוורילאָוויטשן, צי עפּעס אנדערש,
נאָר ניט דעמלט, ווען ער איז געזעסן מיט לעסאָוון אפן ברעג טײַך מיט
די פארוואָרפענע ווענטקעס אין וואסער, ניט נאָכדעם, ווי ער איז אראָפּ־
געקומען אהער מיט די סטודענטן אף דער פּראָדוציר־פּראקטיק און פאר
די לאנגע צוויי ווינטער־כאדאָשים זעלטן ווען דורכגעלאָזט אן אָוונט, ער
זאָל ניט זײַן בא לעסאָוון, געפינענדיק יעדעס מאָל וועגן וואָס צו ריידן,
אז ס׳האָט זיי קיינמאָל ניט געקלעקט דערוף קיין צײַט, האָט אוריִעל מיט
קיין וואָרט ניט דערמאָנט וועגן דעם לאנגאָניקן פארטראכט זײַנעם, וואָס
לאָזט אים פון זיך ניט אָפּ שוין דאָס וויפלטע יאָר: פארקלײַבן זיך בא־
צײַטנס וואָס ווײַטער פון דער היים, ניט צוצוקומען אהין ניט מיט דער
יאבאָשע, ניט מיטן וואסער, אז קיינער פון זײַנע אייגענע און נאָענטע
זאָלן אים ניט ארויסבאגלייטן אין זײַן לעצטן וועג. אנשין האָט ניט
פארפירט מיט לעסאָוון קיין רייד וועגן דעם ניט דערפאר ווײַל לעסאָוו,
האָט אוריִעל מוירע געהאט, וועט אים אויסלאכן, ווי סע האָט אים אויס־
געלאכט מערע, ווען ער האָט איר, ער געדענקט שוין ניט אין צוזאמענ־
האנג מיט וואָס, עס איר איינמאָל געזאָגט. איליא סאוועליעוויטש, האָט
אוריִעלן זיך אויסגעוויזן, וואָלט אים פּאָשעט ניט פארשטאנען. און אויסער
אלעם, ווי פארפירט מען עס אזעלכע רייד מיט א מענטשן, בא וועמען
דער טויט האָט אזוי אומגעריכט און גרויזאם צוגענומען דעם סאמע
נאָענטסטן פרײַנט זײַנעם.

דאָס אָבער איז פאר אוריִעלן לאכלוטן שוין קלאָר: אויב צו יענער
צײַט, אף וועלכער ערווארט ניט, נאָר וועלכע וועט, ווי צו יעדן איינעם,
אומבאדינגט קומען אויך צו אים, ווי ס׳קומט אָן דער הארבסט פאר אלע

ביימער, און אַט דער אײַנגעאַקשנטער פּאָרטראַכט זײַנער וועט זיך פון אים ניט אָפּטאָן און אים סאָפּקאָלסאָף אוועקפירן פון דער היים, וועט ער שוין ניט דאַרפן קלערן וווהין זיך פאַרקלײַבן. ער וועט זיך באַזעצן בײַ איליא סאַוועליעוויטשן אין עם הילצערנעם שטיבל מיט די נידעריקע פענצטערלעך, וואָס קוקן אַרויס צום טײַך, און זיי וועלן נאָך ניט איין מאָל זיך אומקערן צום געשפּרעך, וועלכן זיי האָבן אָנגעפאַנגען אין צוג און וועלכער וועט זיך בײַ זיי, ווײַזט אויס, קיינמאָל ניט ענדיקן. איליא סאַוועליעוויטש, פילט אַנשין, איז דער מענטש, וועלכער באַהאַלט ניט אויס פון יענעם, וואָס ער טראַכט וועגן אים, און וועלכער האָט פאַר קיינעם ניט מוירע, אַז ער זאָל דאַרפן זאָגן וועגן עמעצן איינס, בײַס ער טראַכט וועגן יענעם גאָר עפּעס אַנדערש, ווי דאָס טרעפט צומאָל מיט אייניקע אויך בײַ זיי אין פאַקולטעט. דערווײַל איז נאָך ניט צו זען, אַז עס זאָל זיך געוועזן בײַ זיי איבעריקס שטאַרק ענדערן, נאָכדעם ווי דער נײַער דעקאַן פון פאַקולטעט האָט געגעבן דײַטלעך אָנצוהערן, אַז ער פאַרטראָגט ניט קיין מענטשן, וואָס האָבן פאַרלוירן די מענטשלעכע ווירדע און אייגנליבע, ער קאָן ניט אַכטן דעם, וועלכער אַכטעט זיך אַליין ניט. און אויב עמעצער מיינט, אַז דערמיט, וואָס ער וועט אַן איבעריקס מאָל אים טראָגן דעם שמייכל אַנטקעגן, אַן איבעריקס מאָל זיך מיט אים באַגריסן, און יעדעס מאָל דערמאָנען צום שלעכטן דעם פריִערדיקן דעקאַן, וועמען דער זעלבער מענטש האָט מיסטאַמע ניט לאַנג צוריק געליבט, פּונקט ווי ער ליבט איצטער אים, דעם נײַעם, איז קאָן ער דערפון עפּעס אויסשפּילן, — האָט יענער אַ גרויסן טאָעס. ער וואָלט אַזאַ איינעם פּאַשעט געראָטן ווערן אַף אַ שטיקל צײַט אַ געוויינלעכער אַרבעטער אַף אַ זאַוואָד. צווישן געוויינלעכע אַרבעטער וועט אַזאַ איינער זיך זייער גיך אָפּגעוווינען זאָגן וועגן דעם אַנדערן איינס, בײַס ער טראַכט וועגן אים גאָר אַ צווייטס.

עמעצער פון די, וואָס האָט זיך, אַפּאָנעם, באַזונדערס געפילט דערפון געטראָפן, האָט אַף איינער אַ פאַרזאַמלונג, אַף וועלכער דער נײַער דעקאַן האָט ווידער און מיט נאָך מער אַקשאָנעס פאַרפירט אַ רייד וועגן זעלבן, ווי דאָס וואָלט פאַר אים געוועזן דאָס סאַמע וויכטיקסטע אין לעבן, אים אונטערגעוואָרפן בישטיקע אַ צעטעלע. אַנשין האָט זיך, אַן ערעך, פאַרגעשטעלט, וועמענס איז דאָס צעטעלע, ווער האָט עס געקאָנט שרײַבן, אַז אים וווּנדערט, וואָס דער דעקאַן, אַ דאָקטאָר פון מאַטעמאַטישע וויסנשאַפטן, זאָל אָנווענדן איינע און די זעלבע מאָס צו צוויי פאַרשיידענע קעגנשטאַנדן, וואָס ווידערשפּרעכט די באַוווּסטע עלעמענטאַרע געאָמעטרישע טעאָרעמע, וועלכע איז באַקאַנט יעדן איינעם נאָך פון זיבעטן ציִ אַכטן קלאַס. וויִאַזוי קאָן מען עס צוגיין מיט איין מאָס צו אַן אַרבעטער אַף אַ זאַוואָד און צו אַ וויסנשאַפטלעכן מיטאַרבעטער אין אַן אינסטיטוט? דער אַרבעטער באַווײַזט נאָך ניט צומאַכן הינטער זיך די טיר, ווי עס וואַרטן אַף אים צען, צוואַנציק אַנדערע זאַוואָדן. און וויפל אינסטיטוטן זײַנען פאַראַן בײַ זיי אין שטאָט, אַז דער, וואָס וועט זיך שוין אָנעמען מיט מוט און וועט ניט זאָגן איינס און טראַכטן דערבײַ אַ צווייטס, זאָל זיך ניט דאַרפן פאַרפריִער פאַרקלערן, וואָס וועט זײַן מיט אים נאָכדעם?

אפן דאָזיקן צעטעלע, געדענקט זיך אים, האָט דער דעקאַן געענטפערט אָפּגעהאַקט און קורץ:

— דער, וואָס פאַרטראַכט זיך פאַרפריִער, וואָס וועט זײַן מיט אים נאָכדעם ווי ער וועט אופהערן ריידן איינס און טראַכטן דערבײַ א צווייטס, דער האָט ניט וואָס צו טאָן אין אינסטיטוט. אזא איינער קאָן ניט און טאָר ניט זיך פאַרנעמען מיט דער יוגנט...

דער דאָצענט אורי גאָורילאָוויטש אנשין האָט אף זײַן לעבן נאָך קיינעם פון די, פון וועמען ער איז ווען־ניט־איז געווען אָפּהענגיק, ניט געטראָגן דעם שמייכל אנטקעגן און קיינמאָל זיך פאַר זיי ניט פאַרנייגט נידעריקער, ווי ער האָט זיך פאַרנייגט פאַר יעדן איינעם באַם באַגריסן זיך. און דאָס קאָן ער אויך זאָגן וועגן זיך אף זיכער: ווו ער זאָל ניט געווען אַרבעטן און וואָס פאַר א שטעלע ער זאָל ניט געווען פאַרנעמען, האָט ער קיינמאָל ניט דערלאָזט, אז די, וועלכע האָבן געמיינט, אז זיי זײַנען אָפּהענגיק פון אים, זאָלן עס פאַר אים מיט עפּעס אַרויסווײַזן. און אז עס פלעגט זיך אים טרעפן אזא איינער, האָט ער זיך פון אים פּאַשעט אָפּגעקערט, צומאָל אפילע ניט געענטפערט אף זײַן באַגריסן זיך. אלע, מיט וועמען אים איז אויסגעקומען ווען־ניט־איז אַרבעטן צוזאַמען, האָבן עס געוווּסט, און ווען ס׳האָט זיך געמאַכט, אז ער איז געווען ניט גערעכט, האָט קיינער ניט מוירע געהאַט עס אים אָנווײַזן דערויף, אים דערווידערן. דאָך געדענקט ער ניט, אז עמעצער זאָל זיך ווען־ניט־איז געווען אזוי אָפּן אַרויסזאָגן וועגן אים, ווי דאָס האָט געטאָן איליאַ סאַוועליעוויטש, וואָס האָט זיך, קענטיק, גלײַך אָנגעשטויסן, אז דער „געהיימניספולער באַקאַנטער", וועגן וועלכן אוריִעל האָט אים דערציילט, איז עס ער, אוריִעל. פאַר לעסאָוון זײַנען אלע גלײַך, ער מעסט אלעמען מיט איין און דער זעלבער מאָס. מעגלעך דערפאַר האָט אים אזוי געצויגן צו דעם דאָזיקן מענטשן. נאָר וואָס האָט לעסאָוו אויסגעפונען אזעלכעס אין אים, וואָס ער האָט אים יעדעס מאָל באַגעגנט, ווי זיי וואָלטן זיך ווער ווייסט וויפל צײַט ניט געזען, האָט אנשין ניט אײַנגאַנצן פאַרשטאַנען. צײַטנווײַז האָט זיך אים אפילע אויסגעוויזן, אז לעסאָוו האָט אין אים פּאַשעט געפונען א מענטשן, פאַר וועמען ער קאָן זיך אויסריידן און וועלכער קאָן געדולדיק יענעם אויסהערן. אלנפאַלס, פונקט ווי אוריִעלן האָט ניט געוווּנדערט, וואָס איליאַ סאַוועליעוויטש איז אין דער פּראַקטיקער ווינטער־נאַכט געקומען אים אַרויסבאַגלייטן אף דער ווײַטלעכער סטאַנציע, אזוי האָט אויך איליאַ סאַוועליעוויטשן ניט געוווּנדערט, וואָס, געזעגענדיק זיך, האָט אורי גאָורילאָוויטש אים פאַרבעטן צו זיך, עטלעכע מאָל אָנגעזאָגט, ער זאָל ניט פאַרגעסן, אז זײַן טיר איז פאַר אים שטענדיק אָפּן, ווען ער זאָל ניט קומען און אף וויפל ער זאָל ניט קומען.

ווי אוריִעל האָט זיך ניט געווערט, האָט ער דאָך ניט געקאָנט זיך בײַקומען, און אין דער סאַמע לעצטער מינוט, ווען ער איז שוין געשטאַנען אף די טרעפּלעך פון וואַגאָן, זיך אַרויסגעגעבן, א זאָג טוענדיק, אז ער פאָרט בלויז צײַטווײַליק אוועק פונדאַנען. ער וועט נאָך אהער קומען, און אף זייער, זייער לאַנג, קאָן זײַן, אז אף שטענדיק.

...אין אן אָנדערהאלבן יאָר ארום אן ערעך, — אנשין איז שוין געשטאנען אין מאנטל און געײַלט אין אינסטיטוט, — האָט זיך מיטאמאָל צעקלונגען דער טעלעפאָן. אורי גאורילאָוויטש איז געווען אזוי ארײַנגעטאָן אין דער לעקציע, וועלכע איז אים פאָרגעשטאנען באלד לייענען פאר די סטודענטן פון עלטערן קורס, אז ער האָט ניט גלײַך דערקענט די שטילע געדיכטע שטים, וואָס ער האָט דערהערט אין טרײַבל. אויך נאָכדעם ווי דער מענטש האָט זיך אָנגערופן, איז צו אוריִעלן ניט אינגאנצן נאָך דערגאנגען, אז דאָס רעדט לעסאָוו, אזוי אומדערווארט איז געווען פאר אים דערהערן מיטאמאָל זײַן שטים. פון פרייד האָט אוריִעל שיר ניט אראָפּגעשלעפּט צוזאמען מיטן שנור דעם טעלעפאָן פון טישל און זיך דערבײַ האסטיק ארומגעקוקט, פּונקט ער וואָלט ניט געווען אינגאנצן זיכער, אז אויסער אים איז אין שטוב איצט מער קיינער ניטאָ. אורי גאורילאָוויטש איז אין דער דאָזיקער מינוט זיך אליין געווען דערווידער, וואָס ער קאָן ניט פארבעטן איליא סאווועליעוויטשן קומען גלײַך צו גיין. ווי אפּצולאָכעס איז קיינער ניטאָ אין שטוב, און אין א האלבער שאָ ארום מוז ער שוין זײַן אין אינסטיטוט. דערצו האָט ער נאָך הײַנט עטלעכע לעקציעס.

וואָס טוט מען?

די דאָזיקע פראגע האָט אנשין פארגעבן ניט אזוי זיך, ווי איליא סאווועליעוויטשן, צו וועמען ער איז געווען געווינט זיך ווענדן ווי צו א מער דערפארענעם פון זיך, און געווארט, עפּשער וועט לעסאָוו פאָרט געפינען אן אויסוועג, וויבאלד ער קאָן זיך דאָ ניט פארהאלטן ביז אָוונט.

— ניין, ניין. איך וויל עס אפילע ניט הערן. דאָס איז אויסגעשלאָסן! אויס־גע־שלאָסן! — האָט אוריִעל, קוקנדיק, ווי די צײַט טרײַבט מעסוקן האסטיק אונטער דאָס גרויסע ווײַזערל פונעם האנטזייגערל, אויסגעשריִען. — וואָס הייסט, מיר וועלן זיך ניט זען? פארשרײַבט דעם אדרעס פון אינסטיטוט און קומט שוין צו פאָרן. כ׳ווייס נאָר ניט, צי מיר וועלן זיך קאָנען דאָרטן זען. צווישן איין לעקציע און דער אנדערער זײַנען געציילטע מינוטן, און דערצו איז מען אין די דאָזיקע מינוטן אויך ארומגערינגלט מיט סטודענטן. אף יעדן פאל וועל איך בא דער דעזשורנע באם ארײַנגאנג איבערלאָזן פאר אײַך די שליסלען פון מײַן וווינונג. ניין, ניין, ניין! ס׳איז אויסגעשלאָסן! איך וועל אײַך הײַנט ביכלאל ניט אָפּלאָזן. כ׳פארשטיי ניט, איר זײַט דאָך ניט אף קיין שטעלע, וואָס איר קאָנט זיך ניט פארהאלטן. איר זײַט דאָך א פרײַער מענטש.

ס׳ערשטע מאָל עפּשער אין לעבן האָט אנשין באדויערט, וואָס ער האָט ניט קיין אייגענע מאשין און קאָן ניט פארזיכערן איליא סאווועליעוויטשן, אז איבערמאָרגן פּונקט צוויי אזייגער באטאָג וועט ער קאָנען בײַזײַן אף דער זיצונג פונעם אויספירקאָם אין דער ווײַטלעכער דאָרעמדיקער שטאָט. פון דער דאָזיקער זיצונג, אף וועלכער ס׳האָט אים, לעסאָוון, קאָמאנדירט די פארוואלטונג, איז זייער פיל געווענדט, אז די בויונג פון זייער קאָאָפּעראטיוון הויז זאָל זיך ניט פארציִען. צוליב דעם, ער זאָל זיך זען מיט אורי גאורילאָוויטשן, איז ער ארויסגעפאָרן, לעסאָוו, אף א טאָג פריִער און מיט אן אנדער צוג, געמאכט א קרײַז פון איבעריקע פינף הונדערט קילאָמעטער, און ס׳איז אים, פארשטייט זיך, א

גרויסער שאָד, וואָס זיי וועלן זיך דאָס מאָל ניט קאָנען באַגעגענען. מער ווי דרײַ, אמהעכסטנס דרײַ א האלבע שאָ קאָן ער זיך ניט פארהאלטן, ווײַל אין קנאפּע פיר שאָ ארום גייט אָפּ זײַן צוג און ער דארף נאָך באַוויַזן פארקאָמפּאָסטירן דעם בילעט.

— ניט באַשערט, זעט אויס, אורי גאוורילאָוויטש, מיר זאָלן זיך דאָס מאָל זען.

— און ווען וועט איר ווידער זײַן אין אונדזערע קאַנטן? — אַנשין האָט אָפּגעקערט די אויגן פונעם האַנטזייגערל, גלײַך ווי פון דעם איז אָפּהענגיק, ס׳זאָל ניט לויפן אַזוי די צײַט.

— שווער צו זאָגן. איך בין ניט איינער אין דער פארוואלטונג פון קאָאָפּעראַטיוו. פאראן וועמען צו שיקן, אויב מע וועט דארפן, אויסער מיך. איר האָט זיך, דאַכט זיך, געקליבן, אורי גאוורילאָוויטש, אַף א לענגערער צײַט צו אונדז.

— איך וועל קומען. איך וועל אומבאַדינגט קומען. כ׳קאָן אײַך נאָר איצטער פּינקטלעך ניט זאָגן ווען. עפּשער וועט איר זיך פּאָרט פארהאלטן כאָטש אַף איין טאָג? אויסגעשלאָסן? אָבער דעם זיבעצעטן נאָיאַבער, זאָלט איר ניט פארגעסן, ווארט איך אַף אײַך.

— הײַנט איז דאָך שוין דער ˙דרײַ־און־צוואַנציקסטער נאָיאַבער. אהא, איך פארשטײ. דעם זיבעצעטן נאָיאַבער קינפטיקן יאָר. א קײַלעכיקע דאַטע מיסטאמע. וויפל?

— א קאוואַלער פון פולע פופציק יאָר. האָבן מיר זיך דערעדט? אין טרײַבל איז געווען שטיל.

— וואָס האָט איר זיך עס דאָרט פארטראַכט? איז זאָגט איר מיר צו? לעסאָוו האָט געענטפערט, ווי ער זאָל זיך געווען פילן שולדיק, וואָס ער קאָן עס אים אַף זיכער ניט צוזאָגן.

— איך וועל זיך, פארשטייט זיך, באַמיִען קומען, אויב מע וועט מיך אָפּלאָזן. פון נײַ־יאָר גיי איך צוריק ארבעטן אין דער שאַכטע.

ווען אַנשין האָט אוועקגעלייגט דאָס טרײַבל, האָט זיך אים אויסגעוויזן, און וועגן דעם האָט ער געטראַכט דערנאָך דעם גאַנצן טאָג אויך אַף די לעקציעס, אַז איליא סאַוועליעוויטשעס אומקערן זיך צוריק אין דער לאַווע האָט מיט עפּעס א שײַכעס צום געשפּרעך, וועלכן זיי האָבן דעמלט געפירט צווישן זיך אַפן ברעג טײַך וועגן זײַן, אוריִעלס, „געהייען באַקאַנטן“. לעסאָוו האָט אים דערמיט ווי געוואָלט זאָגן, אַז דער וועג, מיט וועלכן דער מענטש פרוווט אַנטלויפן פון זיך, ברענגט אים סײַוווי צו פירן צוריק צו זיך, ווי דאָס האָט געטראָפן אָט, צום בײַשפּיל, מיט אים, לעסאָוון. זײַן אַנטלויפן פון זיך נאָכן אומגעריכטן טויט פון מאַריִען, דער פרוי זײַנער, איז באַשטאַנען דערין, וואָס ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיטן אויסבויען דאָס קאָאָפּעראַטיווע הויז, ניט ווייסנדיק, צי וועט ער דאָרט וווינען, און דער˙ דאָזיקער וועג האָט אים צוריק געבראַכט אין דער לאַווע. ער, אוריִעל, האָט דאָך אויך עפּעס אויפגעטאָן אין דער טונדרע מיט זײַן אַנטלויפן דעמלט פון זיך, און פאר אים גילט אויך די זעלבע מאָס, וועלכע גילט פאר לעסאָוון. די זעלבע?

— גענוג! — אוריעל האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט פאַרן שרײַב־טיש און זיך געגעבן א הייב אויף פון בענקל. נאָר דער ווייטעק, וועלכן ער האָט געהאַט אין זיך פאַרטויבט מיט זײַן אריבערטראָגן זיך פונדאַנען אינעם נידעריקן הילצערנעם שטיבל אפּן ברעג טײַך און צום לעצטן געשפּרעך זײַנעם מיט לעסאָוון דורכן טעלעפאָן, האָט אינעם זעלבן אויגנ־בליק, ווי נאָר אוריעל האָט זיך געוואָלט אָפּקערן דערפון, וואָס איז געשען ווײַטער, זיך אַף אים גלײַך ארופגעוואַלגערט, און אין א רעגע ארום איז ער שוין צוריק געלעגן פאַרקוועטשט אונטערן פּרעס. ארויסרײַסן זיך פון אים אַף א שטיקל צײַט האָט אוריעל געקאָנט בלויז מיט אומקערן זיך צו דעם, וואָס איז געשען אינעם טאָג, ווען ער איז געוואָרן א קאַוואַלער פון פּולע פופציק יאָר.

## 5

אזוי פּינקטלעך אויסמעסטן, וויפל מענטשן וועלן זיך קאָנען אויס־זעצן ארום די ענג־צונויפגערוקטע טישן, ווי דאָס האָט אויסגעמאָסטן מערע, קאָן מען, דאַכט זיך, ניט אפילו מיט קיין מיקראָמעטער.

צוקוקנדיק זיך, ווי מערע מיט איר קליינוווקסיקער דאַרלעכער שוועס־טער, וועלכע זי האָט מיט א וואָך צײַט נאָך צוריק ארויסגערופן אהער אזש פון אוראַל, זעצן זיך עס אלע ווײַלע צו הארט איינע לעבן דער אנדערער אַף די אנטליענע אינעם רויטן ווינקל פון דער הויז־פאַרוואַל־טונג לאַנגע שמאָלע בענק, מיט וועלכע מע האָט צוליב שפּאָרעוודיקײַט אין פּלאַץ פאַרביטן די שטולן, און וויאזוי ביידע געפינען יעדעס מאָל אויס, אז זיי זיצן צו געראַם, אז מע קאָן זיך נאָך א ביסל ענגער צונויפ־רוקן, האָט אוריעל, — ווען מע האָט איינגאַנצן געהאַט באַזײַטיקט פון דעם אלץ, וואָס סע טוט זיך אַף די לעצטע פאַר וואָכן בא אים דאָ אין שטוב, — זיך פונדעסטוועגן ארײַנגעמישט און געפרעגט:

— די געסט האָבן אײַך צוגעשיקט די מאָס פון זייערע גאַבאַריטן, וואָס איר מעסט אויס מיט זיך די בענק ווי מיט א מיקראָמעטער? — און ווײַל אנשין האָט געוווּסט, וואָס וועלן זיי אים דערויף ענטפערן, האָט ער באַ־צײַטנס א מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי איינער, וואָס ווייסט אפריער, אז ער קאָן שוין דאָ גאָרניט ענדערן און אז אויסער ווי צו זיך אליין קאָן ער צו קיינעם ניט האָבן קיין טײַנעס, אָט ווי א מוטער, וואָס האָט צו־ליבן אייגענעם פאַרגעניגן זיך צו לאַנג פאַרשפּילט מיט איר קינד און דערמיט דורכגעלאָזן די סאַמע רעכטע צײַט, ווען דאָס קינד דאַרף דער־פילן, אז ס׳האָט איבער זיך אַן אויג.

מיט אים, אוריעלן, איז, אייגנטלעך, אויך געשען דאָס זעלבע, און ווען ער האָט זיך עס געכאַפּט, איז שוין געווען שפּעט עפּעס צו ענדערן. מערע האָט עס געוווּסט, און אין דעם, אפּאָנעם, האָט געשטעקט איר קראַפט, וואָס האָט אים געמאַכט נאָכגיביק און סאָפּקאָלסאָף דערפירט דערצו, אז ער האָט ניט באַמערקט, ווי ער אליין האָט דערלאָזט, אז זי זאָל נעמען איבער אים געוועלטיקן, שיר ניט ווערן איבער אים א הער־שערן. אוריעלן, נאָכדעם ווי ער האָט צוזאמען מיט דעם אָנגעטרויט לע־

סאָוון אויך דאָס, וואָס האָט געבראַכט זײַן „באַקאַנטן“ דערצו, אַז ער זאָל אַנטלויפֿן פֿון זיך און מיט וואָס האָט זיך געענדיקט זײַן אַנטלויפֿן פֿון זיך, האָט ניט איבעריקס געוווּנדערט, וואָס לעסאָוו גלייבט, דאַכט זיך, ניט דערין, וועגן וואָס ער האָט אים דעמלט ווײַטער געהאַט דער־ציילט וועגן דעם זעלבן „באַקאַנטן“ זײַנעם.

נאָר וועגן יענער שלאַכט, ווען זײַן „באַקאַנטער“ איז אַרויסגעקראָכן פֿון טראַנשיי און אויפֿגעריסן דעם דײַטשישן טאַנק און אַ שווער־פֿאַר־וווּנדעטער אָנגעיאָגט די פֿאָדערשטע רייען פֿון זײַן טייל, וואָס איז אַרײַ־בער אין אָנגריף, איז געווען געגעבן באַשריבן אין דער אַרמיי־שער צײַ־טונג. אויב עס גייט אין ברענגען באַווײַזן, האָט אוריִעל דאָן געזאָגט לעסאָוון, וואָלט ער אים געקאָנט ברענגען אַ סאַך אַנדערע בײַשפּילן פֿון דעם, ווי־אַזוי אינעם שטאַרקסטן מענטשן באַזעצט זיך צומאָל אַ שוואַכ־קײַט, פֿון וועלכער ער קאָן זיך ניט באַפֿרײַען, ווי עס קאָן זיך פֿון איר ניט באַפֿרײַען זײַן „באַקאַנטער“. די דאָזיקע שוואַכקײַט האָט לאַכלוטן ניט צו טאָן מיט פּאַכדאָנעס, ווי לעסאָוו האָט עס פֿון אָנפֿאַנג אָנגענומען. זיך ניט לאָזן פֿאַרפֿירן בלויז פֿונעם געפֿיל, ווי דאָס האָט געטאָן זײַן „באַ־קאַנטער“, איז עפּשער דאָס סאַמע שטאַרקסטע, וואָס ס'איז דאָ אינעם מענטשן, כאָטש ס'קאָנען זיך געפֿינען אַזעלכע, וואָס וועלן דערין אײַנזען די זעלבע שוואַכקײַט, וואָס האָט געבראַכט זײַן „באַקאַנטן“ דערצו, אַז ער זאָל האָבן איבער זיך אַ הערשער, וואָס האָט אים צײַטנווײַז געמאַכט נאָכגיביק ווי אַ געהאָרכזאַם קינד. ער אָבער, אוריִעל, ווייסט, אַז די דאָ־זיקע שוואַכקײַט זײַנע איז אינגאַנצן גאָר אַן אַנדערע, זי שטאַמט פֿון עפּעס אַנדערש — פֿון מוירע אַפֿילע פֿאַר אַ הויך וואָרט, וואָס זי קאָן אים אין עמעצנס אָנוועזנהײַט זאָגן, און דער איינציקער שולדיקער אין דעם איז בלויז ער, מיט זײַן ניט קעגנשטעלן זיך צו דער צײַט קעגן אַלץ, וואָס איז אים געווען פֿרעמד און דערווידער. קענטיק, ער האָט זי שטאַרק ליב געהאַט, מערען, אויב ער האָט אַזויפֿיל יאָרן געקאָנט עס פֿאַרטראָגן. ער ווייסט אָבער אויך, אַז די דאָזיקע ליבע זײַנע צו איר האָט זיך פֿון אים אָפּגעטאָן נאָך מיט אַ צײַט פֿאַר דעם, ווי ער האָט זיך באַגעגנט מיט ריטען. נאָר וואָס האַלט אים איצט אָפּ, אַז ער זאָל זיך קעגנשטעלן אָט דער דאָזיקער שוואַכקײַט זײַנער? ס'איז דאָך ניט שפּעט נאָך איצטער אויך, אַז ער זאָל ערעוו צי אַפֿילע אינעם טאָג פֿון זײַן פֿופֿציקיאָריקן יובילײַ זיך אויפֿהייבן און אוועקפֿאָרן ערגעץ אַף אַ שטיקל צײַט, קיינער זאָל ניט וויסן וווּהין. אָט דער גאַנצער טומל, וועלכן ס'האָט מיט אַ וואָכן צוויי נאָך צוריק אויפֿגעהויבן מערע, איז דאָך ניט אַזוי צוליב זײַן יובילײַ, ווי צוליב זיך אַרויסשטעלן מיט די סערוויזן און געריכטן, ווי די סאָכרים אַמאָל. דער איינציקער אונטערשייד צווישן איר און זיי, וואָס זי האָט פֿאַרביטן דעם סאָכרישן אַלטמאָדישן קאַסטן און קאָמאָד אַף אַ הײַנטצײַ־טיקן סערוואַנט און שאַפֿעס, וועלכע זײַנען דורכגעזאַפּט מיט נאַפֿטאַלין. אַפֿילע פֿון די קרישטאָלענע פּוזשערן שמעקט שוין, דאַכט זיך, נאַפֿטאַלין.

אָט דער פֿאַרלאַנג זײַנער — נעלעם ווערן אַף אַ שטיקל צײַט אינעם סאַמע טאָג פֿון זײַן יובילײַ — איז אויפֿגעקומען בײַ אים נאָכדעם, ווי ער האָט צופֿעליק אונטערגעהערט, ווי מערע מיט איר שוועסטער מאַכן אַ

כעזשבן, ווער וועט בלײַבן אין העזעק: זיי, צי די געסט. און ווען די שווסטער אירע האָט דערבײַ א זאָג געטאָן, אז מע וואָלט אף די יובי־לייען געדאַרפט אײַנפירן דאָס זעלבע, וואָס מע האָט אײַנגעפירט אף די כאסענעס — אָנשטאָט געשאנקען אונטערטראָגן אין פארכאסמעטע קאָנ־ווערטן געלט און זאָל דער באלסימכע זיך אליין אײַנשאפן פאר דעם, וואָס אים געפעלט, — האָט מערע גלײַך אפן אָרט אויסגערעכנט, ווער וואָס אן ערעך ס'קאָן ברענגען און וויפל אן ערעך קאָן עס ארום־און־ארום באטרעפן, ביפראט, אז צווישן אירע אײַנגעלאַדענע באקאנטע זײַנען פאַ־ראַן אזעלכע, וואָס קאָנען קריגן אזוינס, וואָס אָן באקאנטשאפט איז עס איצט גאָר ביכלאל ניט צו קריגן. אפאָנעם, אז לויט דעם, ווער וואָס עס קאָן ברענגען, האָט מערע צונויפגעשטעלט דאָס צעטל פון די געסט. איי־ניקע פון זיי האָט אוריעל, דאכט זיך, גאָר אינגאנצן ניט געקענט. באם צונויפשטעלן דאָס צעטל, ווען מען פארבעטן פון אינסטיטוט, ווו ער אר־בעט, איז מערען, דאכט זיך, מער אָנגעגאנגען, ווער וואָס פאר א שטעלע עס פארנעמט.

ענדלעך איז אָנגעקומען דער זיבעצעטער נאָיאבער, ווען ער האָט אָן איבעריקן כיישעק אָנגעטאָן דעם נײַעם שווארצן גארניטער, דאָס נײַע ביילאָגענע העמדל מיטן בונטן האלדזטוך, ארופגעשלעפט אף די פיס די שוין האלב אויסגעטריקנטע, פון לאנג ליגן אין שאפע, נאָך ניט גענוצטע לאקירטע טופל און זיך געשטעלט בא דער טיר באגעגענען די געסט. מערע, אינעם קורצן קלייד מיטן אָפענעם האלדז, האָט אויסגעזען נאָך גאנץ יונג, און אויב זיך איבעריקס ניט צוקוקן צו די אײַנגעוואקסענע קנייטשעלעך אף דער אייבערשטער ליפ און ארום די אויגן, וואָלט זי אין דער ערשטער מינוט געקאָנט אָנגיין פאר זײַנער א טאָכטער. צוזא־מען מיט אָט דער יונגקײַט האָט זי אויך היפש פארהיט פון איר פריער־דיקער שיינקײַט, אף וועלכער מע פלעגט זיך פארקוקן און אף וועלכער, ווי זי פארזיכערט אים, מע פארקוקט זיך נאָך אויך איצט, און צו וועל־כער ער איז שוין לאנג גלײַכגילטיק. נאָר וווּנדערן וווּנדערט אים ניט, וואָס פון דער ערשטער באקאנטשאפט האָט ער זיך אין איר פארליבט, און וואָס ניט דעמלט און ניט אין יאָרן ארום שפּעטער האָט ער ניט באַ־מערקט, אז אין דעם בלענדנדיקן שמייכל פון איר קליין מײַלכל און אי־נעם פלאם פון אירע גרויסע שווארצע אויגן איז פאראן עפּעס אזוינס, וואָס גייט ניט פון אינווייניק, נאָר ס'איז ווי אן אנטליענס, און דערמיט שיידט זיך אונטער איר שיינקײַט פון ריטעס.

נאָך איידער אלע געסט זײַנען זיך צונויפגעקומען, האָט אוריעל פאר־שטאנען, אז ווי ענג מע זאָל זיך ניט אויסזעצן, וועט סײַווי ניט קלעקן פאר אלעמען קיין אָרט. האָט ער אָפּגערופן מערען אין א זײַט און שטיל געפרעגט, צי וואָלט ניט געווען גלײַכער, מע זאָל באצײַטנס סערווירן א טיש אויך אינעם שכיינעסדיקן צימער.

— ווילסט מיך פארשעמען פאר מענטשן, מע זאָל מיך דערנאָך באַ־ריידן? — האָט זי אים אָפּגעשטעלט, שמייכלענדיק דערבײַ מיט איר קליי־נעם מײַלכל, וועלכעס ער האָט, ער ווייסט אליין ניט פארוואָס, באזונ־דערס פײַנט באקומען. — ווי קאָן מען עס ארײַנלאָזן מענטשן אין א צימער

מיט הוילע באקעטע ווענט, אָן איין בילד, אָן א טעפּיך, אָן א לײַטישער ליוסטרע אַפילע? און אַלץ איבער דיר! קיין זאַך, זאָגסטו דאָך, דאַרפסטו ניט. און וועמען קלײַבסטו זיך עס דאָרטן באַזוצן? סײַדן זיך אַליין.

זי ווייסט גאָר אַליין ניט, ווי זי האָט אים דערמיט צוגעטראָפן. ער וואָלט דערמיט זיכער געוועזן עמעצן פאַרשפּאָרט זאָגן וועגן אים איינס און, ניט באַווײַזנדיק נאָך צומאַכן הינטער זיך די דרויסן־טיר, זאָגן לאַכלוטן א צווייטס.

ווען מע האָט אויסגעלאָשן די שײַן און מערעס שוועסטער, אַדע אַר־קאַדיעווגע, וועלכע איז, ווי א שוימער, געשטאַנען פון אָוונט באַם אַרײַנ־גאַנג און אָפּגענומען בא די געסט די געבראַכטע מאַטאַנעס, פאַרוואַנד־לענדיק מיט זיי דעם זײַטיקן צימער אין א מין קאָמיסיאָנער קלייט, האָט אַרײַנגעטראָגן אַף א טאַץ א גרויסן קײַלעכיקן טאָרט מיט פּופּציק אַרײַנ־געשטעקטע אין אים פאַרשיידנפאַרביקע ברענענדיקע ליכטלעך,— האָט אינעם טומל און פּליעסקערײַ זיך אַרײַנגעמישט א קלונג פונעם טעלעפאָן.

עמעצער פון די געסט, וואָס איז געזעסן נעענטער צו דער טיר, האָט אַראָפּגענומען דאָס טרײַבל.

— ניין, ניין, ס׳איז ניט אורי גאַווריליאָוויטש. צורופן אורי גאַווריליאָ־וויטשן? באַלד.

— פרעגט, זײַט אַזוי גוט, ווער בעט אים צום טעלעפאָן?— האָט מערע זיך געווענדט צום גאַסט, וואָס איז געשטאַנען מיטן טרײַבל אין דער האַנט.— א מאַנספּאַרשוין? זאָגט אים, ביטע, ער זאָל אָנקלינגען מאָרגן. אורי גאַווריליאָוויטש איז איצט זייער פאַרנומען. וואַרט. איך וועל עס אים אַליין זאָגן.

נאָר אורי׳על איז איר פאַרלאָפן דעם וועג. ער האָט שוין באַוויזן זיך אַרויסקלײַבן פון דער מעסוקענער ענגשאַפט באַם טיש און אָפּנעמען בא מערען דאָס טרײַבל.

— ווער רעדט עס? ווער?— האָט אורי׳על העכער איבערגעפרעגט.— לעסאָוו? איליא סאַוועליעוויטש? א דאַנק, טײַערער. א גרויסן דאַנק. יאָ, פּופּציק. פונוואַנען קלינגט איר עס? וואָס? פונדאַנען?

מערע האָט א ווונק געטאָן צום מאַן, ער זאָל צודעקן מיט דער האַנט דאָס רערל פון טרײַבל, און געפרעגט:

— ווער קלינגט עס?

— מײַנער א באַקאַנטער, א שאַכטיאָר,— און צונעמענדיק די האַנט פון רערל, אַרײַנגעשריען אַהין:— ווו זײַט איר? נאַרוואָס געקומען צו פאָרן?

— קלער ניט אים אײַנלאַדן הײַנט אַהער. לאַד אים אײַן אַף מאָרגן. זעסט דאָך אַליין, אַז ס׳איז דאָ ניטאָ זיך ווו א קער צו טאָן. און נאָך בע־סער, זאָלסט אים פאַרבעטן אַף איבערמאָרגן. יאָ, טאַקע אַף איבערמאָרגן.

— איליא סאַוועליעוויטש,— האָט אורי׳על פאַרלוירן און עטוואָס שטי־לער געפרעגט,— וויפל קלײַבט איר זיך דאָ בא אונדז אין שטאָט פאַר־האַלטן? איבערמאָרגן וואָלט איר געקאָנט צו אונדז קומען?

— אַנטשולדיקט, וואָס איך שטער אײַך,— און באַגריסנדיק נאָכאַמאָל אורי גאַווריליאָוויטשן מיט זײַן פּופּציקיאָריקן געבוירנטאָג, האָט לעסאָוו אָוועקגעלייגט דאָס טרײַבל.

אנשין האָט זיך אומגעקערט צום טיש און, ווי פריִער, ניט איבערגע־שלאָגן קיינעם פון די געסט, וועלכע האָבן, האלטנדיק א טאָסט, אויסגע־רעכנט, וואָס פארא מײַלעס האָבן זיי נאָך אנטדעקט אין אים, מײַלעס, פון וועלכע ער, אוריִעל אליין, האָט ביז הײַנטיקן אָוונט, לאָזט זיך אויס, גאָר דערפון ניט געוווּסט. ער האָט, ווי פריִער, אופגעהויבן דעם באגיל־דעטן בעכער ווײַן יעדעס מאָל, ווען מע האָט געטרונקען לעקאָוועד אים.

און מיטאמאָל, ווי עמעצער זאָל געווען צונעמען פון אונטער אים דאָס בענקל, האָט אוריִעל זיך געגעבן א כאפּ אָן מיט ביידע הענט פארן טיש, ארײַנגעצויגן דעם קאָפּ אין די אקסלען און אויסער די ציטעריקע פלעמלעך פון די צאנקענדיקע ליכטלעך, וועלכע האָבן אים אין דער דאָ־זיקער רגע דערמאָנט אין יאָרצײַט־ליכט, האָט ער פאר זיך מער גאָרניט געזען. איינער פון די געסט, וואָס איז געזעסן אנטקעגניבער באַם טיש, האָט מיט זײַן הילכיקער שטים פארטויבט דעם שעפּטשענדיקן רויש פון די ברענענדיקע ליכטלעך, נאָר וועלכע מײַלעס האָט דער דאָזיקער גאסט אנטדעקט אין אים, האָט אוריִעל שוין ניט געהערט.

די העלע שײַן פון דער צוריק אָנגעצונדענער ליוסטרע און פון די ברא אף די ווענט האָט אוריִעלן נאָך מער דערווײַטערט פונעם יאָמטעווו־דיקן טומל ארום אים. אײַנגאנצן זיך דערווײַטערן דערפון האָט ער ניט געהאט וווּהין. קוים האָט ער אראָפּגעלאָזט נידעריקער די וויִעס, האָט ער באלד פאר זיך דערזען איליא סאוועליעוויטשן, ווי ער דרייט זיך אום אינעם טיף־הארבסטיקן פארשנייטן דרויסן מיט א פארוויקלט קלומעקל אין דער האנט. אוריִעל איז קימאט זיכער, אז אינעם קלומעק איז פאר־וויקלט א סאמאָוואר, און ניט קיין עלעקטרישער, נאָר א געוויינלעכער, אזא, וואָס מע זידט אים אוף אף קוילן. אויב לעסאָוו האָט פאר די עלף כאדאָשים, וואָס ער איז דאָ ניט געווען, געקאָנט האלטן אין זינען, אז אוריִעלן ווערט הײַנט פופציק יאָר, האָט ער דאָך געוויס ניט פארגעסן, וואָס האָט אים אוריִעל געזאָגט, ארײַנכאפּנדיק זיך אף דער שאכטע מיט אים איינמאָל פון פראָסט אין בופעט, ווו מע האָט דערלאנגט הייסע טיי פון אָן עמעסן סאמאָוואר: ער געדענקט שוין ניט די צײַט, — האָט אוריִעל אים דעמלט געזאָגט, — אז ער זאָל געווען טרינקען טיי פון אָן עמעסן סאמאָוואר, און אז ווען עס מאכט זיך אים צו קויפן אָן עמעס סאמאָווארל, ניט קיין עלעקטרישעס, וואָלט ער זיך געלאָזט קאָסטן, וויפל מע זאָל ניט אָנבאָטן.

דאָס רעדט נאָך אלץ דער זעלבער, צי דאָס ווענדט זיך צו אים שוין אָן אנדערער? און וואָס פארא מײַלעס, וועלכע ער, אוריִעל, האָט ניט בא־מערקט אין זיך, האָט אָ־דער אָפּגעזוכט אין אים? צי דען וועט זיך ניט געפינען קיין איינער דאָ באַם טיש, וואָס זאָל זיך אופהייבן און א קלאפּ טאָן מיט דער טיר, ווי דאָס וואָלט זיכער געטאָן ריטע? און מיט וואָס וואָלט ער זיך פאר איר פארענטפערט און געקאָנט זיך פארענטפערן? דער־מיט, וואָס ער האָט פארגעסן זאָגן דער פרוי זײַנער, ווען זי האָט צוזאמען מיט איר שוועסטער געמאָסטן און איבערגעמאָסטן די בענק, זיי זאָלן האָבן אין זינען נאָך איין מענטשן? צי ווײַל ער האָט זיך פּאָשעט ניט גערעכט, אז לעסאָוו וועט אָנעמען ערנסט די אײַנלאדונג, וועלכע ער האָט אים געמאכט

דורכן טעלעפֿאָן שיר ניט מיט א יאָר צוריק? אָדער דערמיט, וואָס ער האָט ניט דערוואַרט, אַז יענער וועט צוליב אים זיך גיין שלעפּן דרײַ מעסלעס אהער, דרײַ מעסלעס צוריק, ביפּראַט, אַז לעסאָוו האָט, באַדאַנקענדיק פֿאַר דער אײַנלאַדונג, אים דעמלט געענטפֿערט, אַז ער קאָן עס אים ניט צוזאָגן אַף זיכער, וואָרעם פֿון נײַ־יאָר שטעלט ער זיך צוריק אַרבעטן?

האָט ער, איליא סאָוועליעוויטש, צוליב אים, הייסט עס, אַלץ געוואָרפֿן און געקומען זיך צו שלעפּן פֿון אַזאַ ווײַט. ער וועט, דאַכט זיך, אַליין באַלד, אוריִעל, א קלאַפּ טאָן איבערן טיש, און ווי פֿל ס'איז אין אים נאָר דאָ קויעך אויסשרײַען: „וואָס מאַכט איר זיך דאָ אַלע ווי איר וואָלט גאָר ניט געזען און גאָר ניט געהערט?! וויִאַזוי קאָנט איר, נאָכדעם וואָס דאָ איז אָקאָרשט פֿאָרגעקומען, נאָכדעם ווי איך האָב פֿאַרהאַקט די טיר פֿאַר א מענטשן, וועמען איך האָב דעם ערשטן געהאַט פֿאַרבעטן צו זיך, ווי דעם ערשטן און געהויבנסטן גאַסט מײַנעם, זיצן מיט מיר בא איין טיש?!"

„און דו? וויִאַזוי האָסטו געקאָנט, נאָכדעם ווי לעסאָוו האָט דיך געבעטן אים אַנטשולדיקן, וואָס ער האָט מיט זײַן קלונג געשטערט דיר די סימכע און אַוועקגעלייגט דאָס טרײַבל, זיך אומקערן צוריק צום טיש און נאָך דערלאָזן, מע זאָל דיר ווידער נעמען אויסרעכענען די מײַלעס, וואָס מע האָט פֿאַרדײַנעטוועגן הײַנט צוגעטראַכט? ווי איז דיר עס גאָר אײַנגעפֿאַלן פֿרעגן, וויפֿל קלײַבט ער זיך דאָ פֿאַרברענגען, ווען דו ווייסט, אַז אויסער דיר האָט ער דאָ מער קיינעם ניט, אַז געקומען איז ער אהער בלויז צוליב דעם, ער זאָל דיך באַגריסן, און וויבאַלד ער האָט בלויז צוליב דעם זיך אָפּגעבעטן פֿון דער אַרבעט, וועט ער אַף מאָרגן מיטן ערשטן צוג זיך אומקערן צוריק?!"

אוריִעל איז ניט אינגאַנצן זיכער, צי האָט ער אָט דאָס אַלץ ניט אַרויסגעבראַכט אַף א קאָל, ווי דאָס טרעפֿט צומאָל מיט אים, ווען ער פֿאַרשולדיקט זיך פֿאַר זיך אַליין. די געסט זײַנען געווען אַזוי אַרײַנגעטאָן אינעם געשפּרעך, וואָס זיי האָבן געפֿירט צווישן זיך און וועלכער האָט צו אים, אַנשינען, ניט געהאַט שוין די מינדסטע שײַכעס, און געווען אַזוי פֿאַרנומען מיט די געריכטן, וועלכע די שטוביקע האָבן געהאַלטן אין איין דערלאַנגען צום טיש, אַז ווען ער זאָל עס אַפֿילע געווען אַרויסברענגען אַף א קאָל, וואָלט אויך קיינער ניט געהערט.

„ווי קאָנסטו אײַנזיצן באַם טיש? גיי זוך אים אָפּ און ברענג אים די רעגע אהער!"

נאָר דאָס קאָל, וואָס שרײַט אין אים ביז טויב צו ווערן, קאָן אָבער אַפֿילע לעפּיערעך ניט אונטערזאָגן, ווּהין זאָל ער אים גיין זוכן, לעסאָוון. ס'איז ניטאָ אין שטוב די זאַך, וואָס אוריִעל וואָלט ניט אָפּגעגעבן דעם, וועלכער וואָלט אים געקאָנט אָנווײַזן, ווו קאָן ער איצט טרעפֿן לעסאָוון, צי אָנרופֿן דעם נומער פֿון טעלעפֿאָן, ווּהין ער קאָן אים אָנקלינגען. ער וואָלט זיך דעמלט קיין רעגע מער ניט פֿאַרהאַלטן. אַף די קני וואָלט ער פֿאַר אים געשטאַנען און געבעטן מעכילע.

און אויב ער האָט, זיצנדיק דאָ באַם טיש, דורכגעלאָזט די צײַט און איליא סאָוועליעוויטש איז שוין אַוועקגעפֿאָרן?

קיינער האָט, דאַכט זיך, ניט באַמערקט, ווי אוריִעל איז אַרויס פון טיש און איבערגעטראָגן דעם טעלעפאָן פון קאָרידאָר אינעם זײַטיקן צימער. פון וואָקזאַל האָט מען אים געענטפערט, אַז אין יענער ריכטונג וועלן שוין הײַנט קיין צוגן ניט גיין. דער נאָענטסטער צוג אַהין וועט ערשט זײַן מאָרגן עלף אַזייגער אינדערפרי; פון דאָרט קומט אָן אַהער דער צוג אַרום אַכט אָוונט. אוריִעל האָט אַ קוק געטאָן אויף די דרײַ זייגערס אין צימער און זיך דערפרייט. ס'איז קיין שאָ נאָך ניט דורך, ווי לעסאָוו איז געקומען צו פאָרן. ער דרייט זיך דאָרט מיסטאָמע איצט אום איבערן וואָקזאַל.

שוין אַן אָנגעטאָנענער אין זײַן פוטערנעם מאַנטל מיטן ווי מיט שניי פאַרפּאָראָשעטן באָבראָוון קאָלנער האָט אוריִעל געבעטן די געסט אים פאַר־צײַען, וואָס ער פאַרלאָזט זיי אויף אַ קורץ שטיקל צײַט, אַמהעכסטן אויף אַ שאָ, ניט מער.

— וווּהין איז עס? — האָט מערע אַ פאַרוווּנדערטע און דערשראָקענע אים אָפּגעשטעלט אין קאָרידאָר.

— אין אינסטיטוט. כ'האָב זיך דערמאָנט, אַז איך האָב פאַרגעסן פאַר־שליסן דאָס טישקעסטל, און דאָרט ליגן זייער וויכטיקע פּאַפּירן. גיי צו די געסט. איך קום באַלד צוריק.

אויפן וואָקזאַל האָט זיך שוין געפילט די דערנעענטערונג פון דער נאַכט. אַלע בענק אינעם גרויסן און הויכן זאַל זײַנען געווען פאַרנומען.

מיט אַן אויסזען פון אַ מענטשן, וואָס איז געקומען עמעצן באַגעגענען און פאַרשפּעטיקט צום אָנקום פון צוג, איז אורי אַנשין זיך דורכגעגאַנגען איין מאָל און אַ צווייט מאָל פאַרבײַ די בענק, אײַנקוקנדיק זיך אין איט־לעכן פון די פּאַסאַזשירן. דערנאָך האָט ער זיך אַרײַנגעכאַפּט אינעם טומל־דיקן אָנגערייכערטן בופעט, אומגעדרייט זיך אַ שטיקל צײַט באַ די קאַ־סעס, אויפגעהויבן זיך אויפן אַנדערן שטאָק, עפּשער האָט לעסאָוו זיך אָפּגע־שטעלט אויף נאַכט אינעם אָפּרו־צימער פאַר טראַנזיט־פּאַסאַזשירן. אויך אין די צוויי האָטעלן אין צענטער שטאָט, ניט ווײַט פון זײַן וווינונג, האָט מען אַנשינען געענטפערט דאָס זעלבע: לעסאָוו איליאַ סאַוועליעוויטש שטייט באַ זיי ניט אײַן. אויף יעדן פאַל האָט אוריִעל אומעטום, ווו ער איז געווען, איבערגעלאָזט דעם נומער פון זײַן טעלעפאָן און געבעטן די דע־זשורנע, אַז אויב עס וועט זיך באַ זיי אָפּשטעלן דער, וועמען ער זוכט, זאָלן זיי אים גלײַך געבן צו וויסן, אַפילו אינמיטן דער נאַכט זאָלן זיי אים אָנקלינגען.

אַ פאַרפלאַמטער פון דער קעלט, איז אַנשין אַרײַנגעלאָפן אין שטוב, און דאָס ערשטע, וואָס ער האָט געפרעגט מערען, וועלכע איז אַרויסגעש־שפּרונגען צו אים פון קיך אים אויסריידן, לעמײַ ער האָט זיך אַזוי לאַנג געזאַמט, — צי האָט אין זײַן אָפּוועזנהײַט אים קיינער ניט געקלונגען. ער האָט זיך געביטן מיט דער ייִנגערער טאָכטער מיט די פלעצער באַם טיש, קעדיי זײַן נעענטער צום טעלעפאָן. אוריִעל האָט זיך צוגעהערט צו אים, ווי מע הערט זיך צו צו אַן אַנשלאָפנדיק קינד.

ענדלעך האָט אוריִעל זיך דערוואַרט, דער טעלעפאָן האָט אָנגעקלונגען. אוריִעל איז צוגעשפּרונגען און מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם אַראָפּגענומען דאָס

טרײַבל. עמעצער האָט זיך, קענטיק, טויע געווען מיטן נומער, זיך נאָכגע־פרעגט אױף אײנער א טאטיאנע אנדרײיעװנע.

מערע מיט דער שװעסטער אירער, קוים דערוואַרט זיך, די געסט זאָלן זיך צעגיין, האָבן גענומען איבערקלײַבן דעם אָנגעוואָרפענעם באַרג מאַטאָ־נעס, אָפּשאַצנדיק דערבײַ, וויפֿל אַן ערעך קאָן באַטרעפֿן איטלעך געשאַנק, און לויט דעם, ווי אוריִעלן האָט זיך אויסגעוויזן, געשאַצט די ווערט פֿון יעטווידן גאַסט, — זיי האָבן ניט געקאָנט פֿאַרשטיין, וואָס ערגערט ער זיך אַזוי, אוריִעל, פֿון וואָס איז ער אַזוי צערודערט, אַז ער וויל אַפֿילע ניט אַ קוק טאָן אױף די מאַטאָנעס.

— גאָט מײַנער, — האָט זיך צעטײַנעט מערע, זוכנדיק אין צימער אַן אָרט פֿאַרן פֿערטן טיש־זייגער, — נו, וואָס איז דאָ אַזעלכעס געשען? האָסט דאָך אים אײַנגעלאַדן קומען. וואָס איז דאָ אַזוינס דער מער, אַז אױף איבער־מאָרגן?

— איך האָב אים דאָך אָבער אײַנגעלאַדן אױף הײַנט. אױף הײַנט! און מיט אַ יאָר נאָך קימאַט צוריק! און ער האָט פֿאַרגעדענקט און געקומען צו פֿאָרן. זיך געשלעפּט אַהער פֿון אַזאַ ווײַט.

— צו וועמען, פֿאַרשטיי איך ניט, האָסטו עס איצטער טײַנעס?

— צו וועמען? צו זיך.

— נו טאַקע. צו וועמען האָסטו עס איצטער טײַנעס? האָסט מיך דען געוואָרנט, אַז צו דיר דאַרף קומען אַ גאַסט, און איך האָב דערווידערט? זאָג פֿאַשעט, אַז האָסט פֿאַרגעסן.

ניין, אוריִעל האָט ניט פֿאַרגעסן. ער האָט זיך פֿאַשעט ניט געריכט, אַז לעסאָוו זאָל קומען. איז וואָס פֿאַר אַ זין האָט געהאַט זאָגן מערען, זי זאָל אױף יעדן פֿאַל איבערלאָזן פּלאַץ נאָך פֿאַר איין מענטשן, צוקוקנדיק, ווי זי מעסט די בענק שיר ניט מיט אַ מיקראָמעטער.

— ער איז דאָך אָבער געקומען! — האָט אוריִעל קוים אײַנגעהאַלטן אין זיך דעם צאָרן.

— און ווו האָב איך אים געזאָלט באַזעצן? ס׳איז אַזוי אויך געווען גע־נוג ענג. נאָך אַ גליק, וואָס ניט אַלע זײַנען געקומען.

— און וואָס טוסטו, ווען אַלע קומען?

— אַזוינס טרעפֿט קיינמאָל ניט, — האָט זיך אַרײַנגעשטעלט אַדע מיט איר פֿאַרלעגערט קאָל, — און דערויף רעכנט מען דאָך טאַקע אויס, ווען מע לאַדט אײַן מער מענטשן ווי מע קאָן אופֿנעמען. איר ווייסט עס דען ניט?

— כ׳וועל דאָך ניט גיין סערווירן פֿאַר דײַן גאַסט אַ באַזונדער טיש אין אַ באַזונדערן צימער. און אויב דײַן גאַסט איז אַזאַ, וואָס אים וואָלט עס ניט געאַרט, איז אָן סאַקאָנעס, אויב האָסט אים פֿאַרבעטן אױף איבערמאָרגן. גלייב מיר.

אױף מאָרגן, קימאַט אױף אַ גאַנצער שאָ פֿריִער ווי ס׳איז אָפּגעגאַנגען דער צאָפּנדיקער צוג, איז אַנשין שוין ווידער געווען אױפֿן וואָקזאַל, זיך אומגע־דרייט איבער דער פֿאַרשנייטער פּלאַטפֿאָרמע, אויסקוקנדיק זיך די אויגן, צי זעט מען דאָ ערגעץ ניט גיין איליאַ סאַוועליעוויטשן. און ווען דער צוג איז פֿאַרשווונדן אין דער נעפּלדיקער ווײַט, האָט אוריִעל זיך אומגעקערט אױפֿן וואָקזאַל און, ווי נעכטן אָוונט, זיך דורכגעגאַנגען אַ פּאָר מאָל פֿאַרבײַ

די בענק אינעם גרויסן טומלדיקן זאַל מיט די הויכע פענצטער, זיך ווידער פאַרהאַלטן אַ שטיקל צײַט לעבן די קאַסעס, אַרײַנגעקוקט אין דעם שטענ־דיק אָנגערייכערטן בופעט און צולעצט אָנגעקלונגען אַהיים, זיך אָן איבע־ריקס מאָל דערקונדיקן, צי מערע איז אין ערגעץ ניט אַוועק, נאָר זיצט און וואַרט, עפּשער וועט איליאַ סאַוועליעוויטש פּאָרט געבן וועגן זיך צו וויסן.

אָט דאָס אויסנעמען מיט דער פּרוי זײַנער, אַז זי זאָל דיביידע טעג, אי הײַנט אי מאָרגן, אַפילו אויף קיין מינוט ניט פאַרלאָזן די שטוב, ביז־וואַנען ער, אוריִעל, וועט ניט צוריק קומען פון אינסטיטוט, איז געווען דאָס איינציקע, מיט וואָס ער האָט באַשטראָפט מערען, וועלכע ער האָט געמאַכט פאַר זײַנער אַ מיטשולדיקערן אין דעם, וואָס איז זיך נעכטן אָונט מיט אים פאַרלאָפן.

אַנשטאָט האָט אויך ניט פאַרפעלט צום אָוונטיקן צוג, ניט אַרויסגעלאָזט פון אויג אַפן וואָקזאַל און אַפן פּעראָן קיין איינעם, וואָס האָט פונדער־ווײַטנס געכאַפּט מיט עפּעס דעם אָנבליק פון לעסאָוון. און כאָטש אוריִעל איז געווען קימאַט זיכער, אַז ער וועט אויך מאָרגן ניט אָנטרעפן דאָ לע־סאָוון צווישן די פּאַסאַזשירן פונעם אינדערפריִעדיקן און פונעם אָוונטיקן צאָפּנדיקן צוג, אַז איליאַ סאַוועליעוויטש קער שוין זײַן גאַנץ ווײַטלעך פונדאַנען, דאָך האָט אוריִעל ניט דורכגעלאָזט אויך די דאָזיקע צוויי צוגן, געקומען אַפילו מיט אַ היפּשער צײַט פריִער און, אומקערנדיק זיך אַהיים, געקלונגען שיר ניט אין אַלע האָטעלן פון שטאָט, צי האָט זיך באַ זיי ניט אָפּגעשטעלט איליאַ סאַוועליעוויטש לעסאָוו.

— זעט נאָר, וואָס מיט דעם מענטשן טוט זיך עס אָפּ. מע קאָן מיינען כ׳ווייס אַליין ניט וואָס. געפונען פון וואָס צו מאַכן אַ וועזן, — האָט מערע מיט איר דײַטלעך קלינגעוודיק קאָל אים אויסגערעדט. — ווער איז ער עס אַזוינס, אָט דער לעסאָוו, וואָס מע דאַרף זיך פאַר אים בוקן? נעכטן גע־וואַרט אויף אים אַ טאָג, הײַנט אַ טאָג. סע טוט זיך כווישעך. וואָס, ווער, וועמען... איך פאַרשטיי דיך פּאַשעט ניט, אורי.

— מיר דאַכט זיך, אַז דו פאַרשטייסט מיך שוין לאַנג ניט. — ער זאָל ניט דאַרפן אויסהערן, וואָס וועט זי אים דערויף ענטפערן, האָט אוריִעל זי איבערגעלאָזט אינעם גרויסן העל־באַלויכטענעם צימער, וועלכן זי רופט אי זאַל, אי גאַסטצימער און אין וועלכן זי האָט די ביידע טעג געהאַלטן אין איין פאַנאַנדערשטעלן און איבערשטעלן די אָנגעבראַכטע מאַטאָנעס, און זיך פאַרשפּאַרט אינעם קליינעם ניט צוגעקליבענעם קאַבי־נעט.

צי ווײַל דער שאָטן אויף דער וואַנט פון דער וואַזע מיט די ניילאָנענע בלומען איז טיילווײַז געווען ענלעך אויף אַ סאַמאָוואַרל, צי ווײַל פון מיד־קײַט האָבן זיך אים צוגעמאַכט די אויגן, נאָר אוריִעל האָט בוילעט דער־זען פאַר זיך לעסאָוון זיצן באַם נאַקעטן פענצטערל פונעם טונקל באַ־לויכטענעם וואַגאָן. מיטאַמאָל האָט לעסאָוו זיך אויפגעהויבן, געעפנט דאָס פענצטערל און אַרויסגעוואָרפן אין דער נאַכט דעם קלומעק. פונעם פליִענ־דיקן סאַמאָוואַרל האָבן זיך געשאָטן אינעם כווישעך טליִענדיקע קוילן.

די ווײַזערס פון אלע זייגערס אף דער וואנט און אפן שרײַבטיש האָבן זיך דערנעענטערט צו האלבער נאכט. איצט איז שוין זיכער ניט געווען אף וואָס צו ווארטן און זיך ריכטן. איז ער, הייסט עס, אוועקגעפאָרן, לע־סאָוו. ער האָט געקאָנט אוועקפאָרן צוריק נאָך אינעם זעלבן אָוונט. איז ער שוין, קומט אויס, דעם דריטן מעסלעס אין וועג. וואָס האָט איליא סאָווע־ליעוויטש פאר דער דאָזיקער צײַט שוין ניט איבערגעטראכט און איבער־געקלערט, פײַניקנדיק זיך פון אָט דעם אומגעריכטן קלאפּ. נאָר ווי לאנג דער קלאפּ זאָל ניט פארגיין און ווי אומדערטרעגלעך ס'איז ניט דער ווײ־טעק, וואָס ער האָט נאָך זיך געלאָזט, וואָלט אוריִעל זיך מיט אים געביטן, מיט לעסאָוון. אים, אוריִעלן, איז אומגעהייער שווערער, שוין אפילו דער־מיט אליין, וואָס איליא סאָוועליעוויטש ווייסט ניט, וויאַזוי ער, אוריִעל, פײַניקט זיך איצט. ווען ער איז זיכער, אז איליא סאָוועליעוויטש וועט ניט פארהאקן פאר אים די טיר, ווי ער, אוריִעל, האָט עס, אייגנטלעך, מיט אים געטאָן, וואָלט ער זיך אופגעהויבן און צוגעפאָרן אהין.

פאר די צוויי דורכגעגאנגענע מעסלעס, האָט אנשין געפילט, איז ער עלטער געוואָרן אף עטלעכע יאָר, כאָטש אויסערלעך האָט ער זיך ניט געביטן, זעט אלץ נאָך אויס ווי אזעלכער, וואָס קאָן זיך אויסגעבן פאר א מענטשן פון די מיטעלע יארן. ער האָט זי אָבער געפילט, די געעלטערט־קײַט, אין זיך, געפילט זי ווי א זאך, וואָס לאָזט זיך אָנטאפּן, וואָס האָט א וואָג און קאָן מיט איר שווערקײַט אים אומבאמערקט אײַנברעכן. ער מוז זי פון זיך אראָפּווארפן, אָט די אָנוואקסנדיקע שווערקײַט, אויב ניט מיטא־מאָל, איז ביסלעכווײַז. מיטאמאָל און אינגאנצן, האָט אוריִעל געוווּסט, וועט ער זיך פון איר ניט באפרײַען, ווען ער זאָל אפילו זיך אראָפּכאַפּן צו לע־סאָוון.

די ערשטע פארלײַכטערונג האָט אוריִעל דערפילט נאָכן אוועקשיקן לעסאָוון דעם גרויסן בריוו, וווּ ער האָט אים אויסגעדערציילט אלץ, וואָס איז זיך געהאט פארלאָפן נאָכדעם, ווי איליא סאָוועליעוויטש האָט אוועק־געלייגט דאָס טרײַבל. אוריִעל האָט גענוי באשריבן, וויאַזוי ער האָט איבער־געלאָזט די געסט און איז אוועקגעלאָפן אפן וואָקזאל, פון דאָרט אין די האָ־טעלן, וויאַזוי ער האָט אין די דאָזיקע צוויי טעג אים ארומגעזוכט צווישן די פאסאזשירן פון די צאָפנדיקע צוגן, און אז מערע ארקאדיעוונע, די פרוי זײַנע, איז אין די דאָזיקע צוויי טעג פון שטוב ניט ארויס, טאָמער וועט ער אָנקלינגען. וואָס אָנבאלאנגט דעם געשפרעך זייערן אין טעלעפאָן, איז עס פּאָשעט געווען א מיספארשטייעניש. כאַפּן אף צוריק איז שוין גע־ווען צו שפּעט. לעסאָוו האָט צו האסטיק אוועקגעלייגט דאָס טרײַבל, און גיין אים זוכן האָט ער ניט געוווּסט וווהין.

און דאָך איז ער געלאָפן אים זוכן, און אויב ער גלייבט אים ניט, לע־סאָוו, קאָן ער עס אים דערווײַזן. ער האָט מיט וואָס עס אים צו דער־ווײַזן. די קאָנדוקטאָרן פון די צוגן קאָנען עס באשטעטיקן.

די מיספארשטייעניש איז באשטאנען דערין, — האָט אורי גאוורילאָוויטש אים געשריבן אין א פאָר וואָכן ארום, ניט באקומענדיק קיין ענטפער אף זײַן ערשטן בריוו, — וואָס אף יענעם אָוונט, און דאָס האָט ער אים אין טעלעפאָן ניט געקאָנט זאָגן, זײַנען געווען פארבעטן בלויז זײַנע קאָלעגן

פון אינסטיטוט, ווו ער, לעסאָוו, וואָלט זיך געפילט ווי א זײַטיקער. נאָר אלציינס האָט ער, אורזיעל, אלעמען איבערגעלאָזט און געלאָפּן אים זוכן. ער וואָלט אלץ אָפּגעגעבן, ווען עמעצער זאָל געווען זאָגן, ווו קאָן ער אים געפינען.

אָט די דאָזיקע בארעכטיקונג, ווי אויך אלע אנדערע בארעכטיקונגען, וואָס זאָלן אין לעסאָווס אויגן לינדערן זײַן שולד, וויבאלד אורזיעל פּײַניקט זיך אזוי, האָט צוגעטראכט מערע. סאָפּקאָלסאָף וועט זי אליין אים אָנ־שרײַבן, לעסאָוון, כאָטש זי קען אים ניט, און נעמען די גאנצע שולד אף זיך.

נאָר אויך אף איר בריוו האָט איליא סאוועליעוויטש זיך ניט אָפּ־גערופן.

— מע דארף אָנווערן דאָס לעצטע ביסל אייגנליבע, — האָט מערע אויס־געמוסערט דעם מאן, — אז מע זאָל נאָך אָט דעם אלעם ווען־ניט־איז שרײַבן דײַן לעסאָוון.

נאָר אורי גאָווורילאָוויטש האָט פאַרגעזעצט אים שרײַבן, אויסבאהאלטנ־דיק עס פון מערען, און מיט יעדן אָפּגעשיקטן בריוו אראָפּגעוואָרפן פון זיך עטוואָס פון דער מאסע, וואָס האָט אים מוירעדיק געדריקט. דערבײַ האָט ער אָפּגעמאכט בא זיך, און עס אויך אויסבאהאלטן פון מערען, אז דעם קומענדיקן זיבעצעטן נאָיאבער, זײַן איין־און־פופציקסטן געבוירנטאָג, באַ־געגנט ער בא לעסאָוון, ער זאָל אפילע וויסן, אז איליא סאוועליעוויטש וועט אים ניט איבעריקס גערן עפענען די טיר.

דעם לעצטן בריוו האָט אנשין אוועקגעשיקט לעסאָוון שוין פון דער נײַער דירע, אז איליא סאוועליעוויטש זאָל אף יעדן פאל האָבן זײַן איצטיקן אדרעס.

אף דעם האָט זיך געענדיקט זײַן פארענטפערן זיך שוין ניט אזוי פאר לעסאָוון, ווי פאר זיך אליין, און דערמיט האָט ער זיך ביסלעכווײַז באַ־פרײַט פון דער שווערקײַט, וואָס האָט זיך אף אים אזוי אומגעריכט ארופּ־געוואלגערט.

מיטאמאָל האָט זיך ארויסגעוויזן, אז די פארלײַכטערונג, וועלכע ער האָט דערפילט נאָך אָט די אלע אָפּגעשיקטע בריוו, איז געגליכן צו דער פארלײַכטערונג, וועלכע עס ברענגט מיט זיך אף א שטיקל צײַט א רעפּוע. ווי נאָר עס גייט דורך דאָס דאָזיקע שטיקל צײַט, אזוי הייבט זיך אלץ אָן פון אָנהייב, ווי דאָס האָט געטראָפן מיט אים. ער האָט מיט זײַנע בריוו ניט אראָפּגעוואָרפן די שווערקײַט, ער האָט זי בלויז פארטריבן אף א קורצער צײַט אין זיך, און איצט איז זי אים ווידער באפאלן, פארביטן מיט זיך די איבערמענטשלעכע ווייען, וואָס האָבן זיך ארײַנגעריסן צו אים אין סאמע רעכטן שלאָף. זי האָט אים ארויסגעשלעפּט פון אונטערן פּרעס, ווען ער האָט שוין קוים געקאָנט איבערכאפּן דעם אָטעם, און דער־מיט, וואָס איז זיך פארלאָפּן צווישן אים און לעסאָוון אין יענעם טיף־הארבסטיקן אָוונט, האָט זי פארטויבט אין אים די ווייטעקן, וועלכע זײַנען באשאפן ניט פארן מענטשן. זיי זײַנען איבער די מענטשלעכע קויכעס.

## 6

די פּריַיז, וואָס די אָנגעוואַלגערטע שווערקייט האָט געפּאָדערט פֿאַר אָפּ־טויבן אין אים נאָך אויף עטלעכע מינוט די פּיַינלעכע ווייען, איז געווען צו אַ גרויסע, אַז אוריִעל זאָל דערויף אײַנגיין. האָט ער זיך געגעבן האַסטיק אַ הייב אונטער פֿון בענקל, וויסנדיק פֿאַרפֿריִער, אַז דערמיט לייגט ער זיך אונטער צוריק אונטערן פּרעס, נאָר ווי שטאַרק דער פּרעס זאָל אים ניט צונויפֿקוועטשן, וועט ער מער ניט אָנקומען צו דער סטרונע, וועלכע קאָן מיט זיך, ווי ער האָט הײַנט זיך עס דערוווּסט, פֿאַרטויבן אין אים אַלע סטרונעס מיטאַמאָל. אוריִעל איז, דאַכט זיך, גרייט געווען בעטן אויף זיך אַלע ליידן, וועלכע זײַנען איבער די מענטשלעכע קויכעס, אַבי אָפּצוטרײַבן מיט זיי פֿון זיך די דערמאָנונגען וועגן יענעם אָוונט, און געווען צופֿרידן, וואָס די ווייטעקן האָבן אים ווידער דורכגענומען אויף דורך און דורך, אים אַזוי צונויפֿגעדריקט, אַז ער האָט זיך קוים אַראָפּגעלאָזט צוריק אויפֿן בענקל באַם שרײַבטיש. זיי האָבן אים אַפֿילו ניט געלאָזט זיך אויפֿהייבן אַ קוק צו געבן, וויפֿל איז דער זייגער. פֿון זינט ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, האָט געדאַרפֿט דורכגיין אַ וועלט מיט צײַט, נאָר אין פֿענצטער האָט נאָך אַלץ אַרײַנגעקוקט די נאַכט, ס׳האָט זיך נאָך אַלץ געוויגט אַנטקעגנאיבער דער מילכיק־בלויער לאָמפּ אויפֿן סלופּ.

...ווו איז ער עס אָקאָרשט געווען, וואָס אַלץ פֿון דעם, וואָס ער זעט איצט פֿאַר זיך אין צימער און פֿון יענער זײַט פֿענצטער, איז מיטאַמאָל פֿון אים פֿאַרשוווּנדן און אָנשטאָט דעם אַלץ איז געשטאַנען אַ מאָדנע פּוסטקײַט? ניין, אים האָט זיך עס ניט אויסגעוויזן. ער האָט ווירקלעך אָט דאָס אַלעס פֿאַר זיך ניט געזען. ער האָט בכלל קיין זאַך ניט געזען. אים האָט אַרומגערינגלט אַ פֿינצטערע פּוסטקײַט.

מאָדנע. ער, וועלכער האָט אַפֿילו אין עטלעכע טעג אַרום געקאָנט אויפֿשטעלן פֿאַר זיך די מינדסטע אײַנצלהײַטן פֿונעם סאַמע פֿאַרפּלאָנטערטסטן כאַלעם, קאָן זיך גיט ענטפֿערן, ווו איז ער עס נאָרוואָס געווען און וואָס האָט ער אויסער דער פֿינצטערניש נאָך דאָרט געזען.

פֿונעם געדאַנק, וואָס האָט אין אים מיטאַמאָל אַ בליץ געטאָן, אַז ער האָט, קענטיק, זיצנדיק אַ צונויפֿגעקנוילטער באַם טיש, פֿאַרלוירן דעם באַוווּסטזײַן, און אַז דאָס איז געווען אָן אָנזאָג פֿונעם גלעקל, וואָס פֿאַרגעסט אין קיינעם ניט, ווער מע זאָל ניט זײַן און ווו מע זאָל ניט זײַן, האָט אוריִעל זיך ניט דערשראָקן. ער איז שוין פֿון לאַנג ג̃עווען געווינט דערצו, אַז ער געפֿינט זיך אינעם קוואַדראַט, אויף וועלכן ס׳איז געריכטעט דאָס פֿיַיער. און מיטן פֿיַיער, וואָס איז אָנגעריכטעט אויפֿן דאָר, צו וועלכן ער, אוריִעל, געהערט, האָט ער זיך שוין ניט איין מאָל געטראָפֿן אויג־אויף־אויג. פֿיר יאָר נאָכאַנאַנד איז דער טויט אים נאָכגעגאַנגען פּוסטריט, נאָר יעדעס מאָל, ווען ער איז אים באַפֿאַלן, איז אוריִעל אים בײַגעקומען. ניין, אורי גאַוורילאָוויטש האָט ניט געשראָקן, וואָס דאָס מאָל וועט ער זײַן דער באַזיגטער. פֿריִער צי שפּעטער געשעעט עס מיט יעדן איינעם, און ווי אומגעריכט דאָס זאָל איצט פֿאַר אים ניט זײַן, איז ער פֿאַרט פֿון די גליקלעכס־

טע פון זײַן דאָר. ער האָט פּאָרט דערלעבט צו דעם, אַז ער לאָזט איבער נאָך זיך פֿאַר זײַנע קינדער און אײניקלעך אַ רויִקע ערד, אַ רויִקן הימל, וואָס ביז זיי האָט עס נאָך קײנער קײנמאָל אַזוי לאַנג ניט געהאַט, און איבערלאָזנדיק זיי עס אַלץ, איז ער זיכער, אַז די ערד און דער הימל וועלן אױף לאַנג און עפּשער אױף שטענדיק שוין פֿאַרבלײַבן רויִקע. דער טויט, וואָס איז אים פּוסטריט נאָכגעגאַנגען אױף דער מילכאָמע און אים ניט געקאָנט בײַקומען און וואָס איז אים איצט, אַ שלאָפֿנדיקן, אַזוי אומגע־ריכט באַפֿאַלן, אָפּשנײַדנדיק אַלע וועגן, ער זאָל ניט קאָנען פֿון אים אַנט־לויפֿן, איז אַנשינען געוועזן שרעקלעך דערמיט, וואָס ער האָט ניט באַוויזן זיך זען מיט לעסאָוון. אוריִעל האָט פֿאַרטויבט אין זיך די שטים, וואָס האָט אַלץ העכער און העכער זיך געלאָזט הערן מיט אײנעם און דעם זעלבן:

„דיר איז דען איצט שוין ניט אַלצײנס, וואָס וועט דאָרט טראַכטן בא זיך וועגן דיר אײנער אַן איליאַ סאַוועליעוויטש לעסאָוו? וואָס קאָן דיר שוין אָנגײן, וואָס לעסאָוו וועט, מעגלעך, שאַצן לויט דיר אויך אַנדערע און עס וועט ניט זײַן ווער ס׳זאָל אים אָנווײַזן, אַז ער ניצט זיך מיט אַ צופֿעליקער און ניט קײן ריכטיקער מאָס?"

נײן, אים איז ניט אַלצײנס, וואָס וועלן דערצײלן און ריידן וועגן אים די לעבעדיקע, ווען ער וועט זיך שוין ניט קאָנען אָנעמען פֿאַר זיך. ביז־וואַנען דער פּרעס לאָזט אים נאָך אָטעמען, דאַרף ער באַווײַזן אויסבעסערן אין זײַן לעבן עפּעס פֿון דעם, וואָס עס לאָזט זיך נאָך אויסבע־סערן.

דאָס מאָל וועט ער שוין ניט דערלאָזן דעם פֿעלער, וועלכן ער האָט דערלאָזט אין זײַנע פֿריִערדיקע בריוו. אין דעם בריוו, וואָס ער האָט איצט געשריבן לעסאָוון, האָט אַנשין שוין ניט געזוכט מיט וואָס זיך צו פֿאַרענט־פֿערן, אױף וועמען אַרופֿצוּוואַרפֿן די שולד. די גאַנצע שולד פֿאַר דעם, וואָס איז געשען, האָט ער גענומען אױף זיך, בלויז אױף זיך. געענדיקט האָט ער דעם בריוו דערמיט, אַז ווען איליאַ סאַוועליעוויטש וועט אים לײענען, וועט עס שוין דעמלט קאָנען הײסן, אַז דער געשטאָרבענער בעט מעכילע באַם לעבעדיקן. אַנשין האָט דערמאָנט דערבײַ לעסאָוון, אַז טויטע האָבן נאָך קײנמאָל ניט געבעטן בא די לעבעדיקע מעכילע. שטענדיק האָבן די לעבעדיקע געבעטן מעכילע בא די טויטע.

פֿאַרקלעפּנדיק דעם קאָנווערט, האָט ער אינגאַנצן אַרויסגעלאָזט פֿון זינען, אַז ניט לעסאָוו, נאָר אַנדערע, קאָן זײַן, וועלן גאָר אויפֿעפֿענען אָט דעם בריוו, וועלכן מע וועט געפֿינען דאָ בא אים אױפֿן שרײַבטיש, און סע וועט זיך זיכער אָנהײבן דערנאָך אַן אויספֿאָרשונג, פֿאַרוואָס האָט ער, אַנשין, געשריבן וועגן זיך ווי וועגן אַ טויטן און פֿאַרוואָס בעט ער עס אַזוי בא לעסאָוון מעכילע.

דער אויספֿאָרשער, וואָס וועט זיך פֿאַרנעמען דערמיט, קאָן באַווײַזן דאָס דאָזיקע בריוול נאָך עמעצן, אויסער לעסאָוון, און אַלץ, וואָס איז זיך פֿאַרלאָפֿן יענעם אָוונט און וואָס ער, אוריִעל, האָט ביז איצט אויסבאַהאַלטן אין זיך, וועט אין אײנעם אַ טאָג דורך אָט דעם עמעצן ווערן באַוווּסט אויך אַנדערע, און דעמלט... דעמלט, ווען עמעצער וועט ווען־ניט־איז דערמאָנען ערגעץ זײַן נאָמען, קאָן זיך אָפּזוכן אַזױנער, וואָס וועט אַ זאָג טאָן: „לאָמיר

בעסער וועגן דעם שוויַיגן״ און דערנאָך פילדיַיטיק צוגעבן: „וועגן אוועק־געגאַנגענע רעדט מען אָדער גוטס, אָדער מע רעדט אינגאַנצן ניט״.

ווי ער זאָל מוירע האָבן, אַז מע קאָן באַלד אָפּנעמען בא אים דאָס בריוול, ציִ ער אַליין קאָן עס מיטאַמאָל צערײַסן, האָט אַנשין באַהאַלטן דעם פּאַרכאַסמעטן קאָנווערט אין טישקעסטל, אונטער די אָנגעוואָרפענע אין אַן אומאָרדענונג פּאַפּירן. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער עס פון דאָרט אַרויס־גענומען. ער מוז אָפּשיקן לעסאָוון דאָס בריוול. עפּשער אַרויסוואַרפן עס דורך דער פאָרטקע אַפן ברוק? דער, וואָס וועט געפינען דעם בריוו, וועט דאָך זיכער פאַרשטיין, אַז עמעצער האָט אים פאַשעט צופעליק פאַרלוירן און ער וועט אַראָפּלאָזן דעם בריוו אין אַ פּאָסטקעסטל. ער דאַרף נאָר אויסמעקן אַפן קאָנווערט דעם צוריק־אַדרעס זײַנעם. און טאָמער פאַרטראָגט דאָס ווינטל דעם בריוו אַפן ברוק און ער פאַלט אַרונטער אונטער די רע־דער פון די שווערגעלאָדענע מאַשינעס און בולדאָזערס?

און דעם בריוו מוז ער דאָך אָפּשיקן. ער מוז!

אומדערוואַרט פאַר זיך אַליין האָט אַנשין זיך געגעבן האַסטיק אַ הייב אויף פון שטול. אין די עטלעכע מינוט, וואָס האָבן בא אים געדויערט, ער זאָל, אָנהאַלטנדיק זיך בא דער וואַנט, זיך דערקלײַבן צו זײַן געלעגער, האָט אוריִעל זיך פאַרגלײַכט מיט זיך אַליין, ווען ער האָט אַ שווער־פאַר־ווּנדעטער געפּונען קויעך זיך אָפּצורײַסן פונעם שנייִקן פעלד און דער־לויפן צום בערגל.

אַפן וועג צום געלעגער האָט ער געמאַכט עטלעכע איבעריקע טריט און אופגעעפנט עטוואָס די טיר, — עפּשער וועט עמעצער צופעליק פאַרביי־גיין, באַנאַכט אַרבעט דאָ נאָך ניט דער ליפט.

זיצנדיק אַ צונויפגעדרייטער אַפן געלעגער מיט פאַרקריצטע ציין, ער זאָל פון ווייטעק ניט נעמען שרײַען, אַז מע זאָל דערהערן זײַן קאָל אַפן לעצטן שטאָק, האָט אוריִעל פלוצעם ווידער אופגעהערט זען פאַר זיך דעם צימער... ס׳האָט זיך אַף אים ווידער אָנגערוקט אַ געדיכטע פינצ־טערניש.

דאָס פאַרלירן דעם באַוווסטזײַן האָט בא אים, אַפּאָנעם, דאָס מאָל גע־דויערט אַ סאַך לענגער. ווען ער איז געקומען צו־זיך, האָט אין פענצטער שוין אַרײַנגעקוקט אַן אויסגעבלייכטער הימל מיט איינצלנע שטערן. איז שוין, הייסט עס, געוועזן דער צווייטער, דער פאַרלעצטער קלונג, און וויפל האָט ער נאָך ביזן דריטן? אַ שאָ? צוויי? ציִ עפּשער גאָר געציילטע עט־לעכע מינוט?

אים האָט ניט געוווּנדערט, וואָס ער קאָן אַזוי רויִק טראַכטן דערפון, און וואָס אויסער דעם, וויִאַזוי אָפּשיקן איליִאַ סאַוועליעוויטשן דעם בריוו, גייט אים איצט, דאַכט זיך, מער קיין זאַך ניט אָן. דעם בריוו מוז ער אָפּשיקן. ער וועט זיך ניט אונטערגעבן, ביז ער וועט אים ניט אָפּשיקן. ביזן פּאָסטקעסטל אַפן ראָג גאַס איז נעענטער ווי פונעם אָפּענעם פאַר־שנייטן פעלד ביז צום בערגל, וווּהין ער איז אַ פאַרוווּנדעטער דאַן דער־לאָפן. איצט איז פאַר אים דאָס בערגל, צו וועלכעס ער דאַרף זיך און מוז זיך דערקלײַבן, — דאָס פּאָסטקעסטל אַפן ראָג. ער מוז זיך צו דעם דער־

קלײַבן! בלויז וועגן דעם האָט אורי גאַווריליאָוויטש געטראַכט, ווען ער האָט, צונויפקריצנדיק שטאַרקער די ציין, ער זאָל פון ווייטעק ניט אופהייבן מיט זײַן געשריי דאָס גאַנצע הויז, גענומען ארופציִען אף די פיס די שקאַרפעטן. באם אויסגלײַכן זיך האָט זיך פון אים פאַרט ארויסגעריסן דער פאַרשטיקטער געשריי, פאַר וועלכן ער האָט אליין זיך דערשראָקן.

צי פונעם געשריי, וואָס האָט זיך בא אים ארויסגעריסן, צי ס׳איז אים געוואָרן לײַכטער דערפון, וואָס ער האָט שוין מער ניט אײַנגעהאַלטן אין זיך די טרערן, נאָר באם פאַרשנורעווען די טופל אף די פיס האָט ער זיך שוין ווייניקער אָפגערוט ווי באם אָנטאָן די הויזן מיטן העמדל.

האָבנדיק שוין צוגעשלאָסן די טיר, האָט אנשין זיך געכאַפט, אז ער האָט ניט בא זיך קיין איין דאָקומענט. אפילע די צײַגעניש, אז ער איז א דאָצענט פון אינסטיטוט, האָט ער, לאָזט זיך אויס, אויך פארגעסן מיטנעמען מיט זיך פון דער דאַטשע. אָבער וועלכער־ניט־איז פון זײַנע דאָקומענטן דארף דאָך זײַן אין שטוב, ער האָט דאָך ניט אלע מיטגענומען מיט זיך אף דער דאַטשע. נאָר אורי גאַווריליאָוויטש, וועלכער האָט אף דער מילכאָמע ניט מוירע געהאַט דער דריטער פאַרייכערן פון איין שוועבעלע, און דער איינציקער טאַליסמאַן, אין וועלכן ער האָט געגלייבט, אז ער קאָן אים אויסהיטן, איז געווען בלויז דער אווטאָמאַט זײַנער, האָט זיך אָבער ניט אומגעקערט צוריק אין שטוב. ער האָט ארויסגענומען פון קעשענע די אייביקע פען, ארויסגעריסן פון נאָטיץ־ביכעלע א בלעטעלע פאַפיר און, שטייענדיק אף די טרעפ, אָנגעשריבן זײַן פאַמיליע־נאָמען און אדרעס.

אײַנגעבויגן, ווי באם איבערלויפן אן אָפן פעלד, וועלכעס עס באַשיסט דער סוינע, האָט אנשין, האַלטנדיק זיך נעענטער בא די ווענט פון די הײַזער, געציילט די טריט. האַלב וועג איז ער שוין איבערגעקומען. ער מוז זיך דערקלײַבן צום פאָסטקעסטל! ער וועט זיך ניט אונטערגעבן!

ווען די ווייטעקן האָבן אים צוגעדריקט צו דער וואַנט, דעם אָטעם ניט צו כאַפן, האָט ער ארויסגענומען פון דער אייבערשטער קעשענקע פונעם רעקל דאָס צעטעלע, צוגעשריבן אף דעם, אז ער איז לאַכלוטן א ניכטערער, און עס צוריק ארײַנגעלייגט אהינצו, אין קעשענקע, נאָר אזוי, אז טאָמער וועט ער דאָ גייענדיק אומפאַלן, זאָל מען קאָנען גלײַך דערזען דאָס צעטעלע. ווו האָט ער עס געלייענט, צי מעגלעך געהערט, וועגן דעם, אז ס׳איז אויסגעגאַנגען א מענטש אף דער גאַס, ווײַל די פאַרבײַגייער האָבן אים אָנגענומען פאַר א שיקערן און אָנשטאָט ארויסרופן די גיכע הילף, ארויסגערופן צו אים א מיליצייִשן מאָטאָציקל...

אומגעריכט, ווען אים איז געבליבן דורכצומאַכן נאָך עטלעכע טריט, האָבן אים אָפגעלאָזט די ווייטעקן. אוריִעל האָט זיך דערפון דערפילט אזוי, ווי ער זאָל אינגאַנצן האָבן פארגעסן, וואָס איז מיט אים געווען א רעגע פריִער. ער איז געבליבן שטיין א פאַרלוירענער. ס׳איז אים אויסגעקומען מאָדנע, וואָס ער קאָן זיך אויסגלײַכן, שטעלן א ברייטערן טראָט, זיך אומקוקן. ער האָט ניט באַוויזן אָפגיין נאָך פון דער וואַנט, אָן וועל־

כער ער האָט נאָרוואָס זיך אָנגעהאלטן, ווי ער האָט זיך שוין געהאט פארכלינעט פון דער אָנגעלאָפּענער כוואליע פרייד, וואָס האָט אים פארפלייצט און פארוואנדלט אין א גליקלעך זאָרגלאָז ייִנגל, פאר וועמען די ערד, דער הימל, אלץ ארום זעען אים גאָר אנדערש אויס. ער האָט דאָך טאקעווירקלעך נאָך קיינמאָל ניט געזען איבער זיך אזא טיפן, בלויען הימל, און קיינמאָל איז נאָך ניט אופגעגאנגען אזוי גאָלדיק די זון. ער האָט אויך קיינמאָל ניט געזען אזא גרין און זאפטיק גראָז, ווי דאָס, וואָס וואקסט דאָ הינטער די פענצטער.

פארוואנדלענדיק זיך וואָס ווײַטער אלץ מער אין א פארשײַט גליקלעך ייִנגל, האָט אוריִעלן זיך מיטאמאָל פארגלוסט אָנקלאפּן אין די פארהאנגענע פענצטער פון די אונטערשטע שטאָקן, מע זאָל ארויסגיין א קוק טאָן, ווי ווונדערלעך שיין ס׳איז הײַנט דער באגינען. אָדער גאָר. אָט דאָ ערגעץ ניט ווײַט דארף זײַן א טעלעפאָן־אווטאָמאט. ער וועט אָנקלינגען ריטען. ווען האָט ער איר געקלונגען דאָס לעצטע מאָל? ער געדענקט בלויז, אז דאָס איז געווען לאנג, זייער לאנג צוריק. ווי קומט עס, וואָס ער האָט פאר דער הײַנטיקער נאכט, דאכט זיך, קיין איין מאָל ניט א טראכט געטאָן וועגן איר און וואָס אויסער לעסאָוון האָט ער מער קיינעם ניט געוואָלט האָבן לעבן זיך? פאר ריטען האָט ער זיך דען מיט גאָרנישט ניט פארשולדיקט, אז ער זאָל ניט דארפן בעטן בא איר מעכילע? גענוג. ער וויל וועגן דעם איצט ניט טראכטן. ער וויל איצטער קוקן אף דער אופגייענדיקער זון, וואָס שפּיגלט זיך אינעם טויִקן גראָז.

און פונקט אזוי אומגעריכט ווי זיי האָבן אים פון זיך אָפּגעלאָזט, די איבערמענטשלעכע ווייטעקן, אזוי אומגעריכט זײַנען זיי אים ווידער באפאלן, און נאָך מער גרויזאמער, ווי זיי זאָלן זיך וועלן אָפּרעכענען מיט אים פאר די עטלעכע מינוט, וואָס ער האָט זיך פון זיי ארויסגעריסן, פאר זײַן אָפּגעבן זיך אזוי דער פרייד, אז ער האָט פארוקט דעם בריוו צוריק אין קעשענע און זיך געלאָזט שפּאנען צוריק אהיים.

אנשין האָט שוין געהאט אויסגעשטרעקט די האנט צום פארהאנגענעם פענצטער, בא וועלכן ס׳האָט אים אָנגעיאָגט דער דריטער קלונג, און געוואָלט בעטן, מע זאָל ארויסרופן די גיכע הילף, ווען ער האָט דערזען פאָרן אפן שאָסיי א מאשין. אוריִעל האָט א מאך געטאָן צו איר מיט דער האנט, בייס די מאשין איז שוין געהאט פארבײַגעפאָרן, נאָר, קענטיק, דער שאָפער האָט עס באמערקט און אָפּגעשטעלט די האסטיק־לויפנדיקע מאשין א שפּאן פערציק־פופציק פון אוריִעלן.

איצט איז די דאָזיקע מאשין געווען פאר אנשינען דאָס בערגל, נאָר דאָס מאָל דארף ער זיך אהינצו דערקלײַבן ווי א סאָלדאט אף א פאראד: די ברוסט פאָרויס, די אקסלען גלײַך, דער טראָט א ברייטער און א מונטערער. איין ניט פאָרזיכטיקער שפּאן, און דער שאָפער קאָן זיך אָפּזאָגן פאָרן. ניט יעדערער וועט ארײַנעמען צו זיך אין דער מאשין א מענטשן, אף וועמען עס ווארט צי, מעגלעך, ס׳איז שוין געווען דער דריטער קלונג. פאר אזעלכע, ווי ער, קאָן זאָגן דער שאָפער, דארף מען ארויסרופן די גיכע הילף.

וויזוי איז ער בײַגעקומען די ווייטעקן און זיך א לאָז געטאָן צו דער מאשין ווי א סאָלדאט אף א מארש, און עפּענענדיק דאָס טירל פון דער מאשין זיך אפילע שמייכלענדיק באגריסט מיטן שאָפער, האָט אורי גאוור־רילאָוויטש אליין ניט באנומען. בא יעדן איינעם, זעט אויס, טרעפן זיך אזעלכע מינוטן, ווען ער קאָן אלץ. נאָר ווען די דאָזיקע עטלעכע מינוטן זײַנען אריבער, האָט דער יונגער שאָפער אים דערשראָקן געפרעגט:

— וואָס איז מיט אײַך?

אנשין האָט אָפּגעקערט אָן א זײַט די צוגעשלאָסענע אויגן און שטיל ארויסגעשעפּטשעט:

— כ׳ווייס ניט.

אין א רעגע ארום האָט דער שאָפער נאָך מער דערשראָקן געפרעגט:

— דאָס הארץ?

— ניין,— אורי גאוורילאָוויטש האָט באוויזן אף דער לינקער זײַט, וואָס האָט ניט געלאָזט כאפּן דעם אָטעם. דאכט זיך, ער האָט דערמיט עטוואָס בארויִקט דעם שאָפער.

— איך וועל אײַך אָפּפירן אין שפּיטאָל.

— ניין, ניין,— האָט אורי גאוורילאָוויטש אים איבערגעשלאָגן און געבעטן אָפּשטעלן אף א ווײַלע די מאשין.

דער שאָפער האָט עטלעכע מאָל אָפּגעשטעלט די מאשין און געדולדיק געווארט, ביז דער פּאסאזשיר זײַנער האָט אָפּגעזוכט לעבן אים אין דער קאבינע א ווינקל, ווו ער זאָל זיך קאָנען מער צונויפדרייען.

— עפּשער פאָרט אײַך אָפּפירן אין א שפּיטאָל?— האָט געפרעגט דער שאָפער, ווען די מאשין איז שוין געשטאנען באם טונקל־גרויען מויער און ער האָט געהאָלפן זײַן פּאסאזשיר ארויסקריכן פון קאבינע.

## 7

פאָרזיכטיק, ווי די טרעפּ אונטער אים זאָלן זיך וויגן איבער אן אָפּ־גרונט, האָט אוריִעל זיך אופגעהויבן אפן דריטן שטאָק און מיט נאָך מער אקשאָנעס, ווי פריִער, באם ארײַנזעצן זיך אין דער מאשין, זיך צוגעגרייט צו די עטלעכע מינוט, וועלכע ווערן פון צײַט צו צײַט געגעבן דעם מענטשן אף קאָנען אלץ אין זיך בײַקומען. ער האָט זיך עס איצט דערוויזן מיט דער באזונדערער רויִקײַט, מיט וועלכער ער האָט זיך אויסגעגלײַכט און אָנגעקלונגען.

די דאָזיקע עטלעכע מינוט האָבן אים אויך געקלעקט אף אויסצובאַ־האלטן אין זיך די מינדסטע סימאָנים פון דעם, וואָס האָט אים אין אָט דער פריִער שאָ פלוצעם אראָפּגעבראכט אהער, ווען ריטע האָט, עפּענענ־דיק די טיר, דערשראָקן געפרעגט, וואָס איז געשען, און אויך אף דורכ־גיין דאָס שמאָלע לענגלעכע קאָרידאָרל פון איר איינצימערדיקער דירע מיט לאנגזאמע געמאָסטענע טריט. נאָר קוים האָבן די דאָזיקע עטלעכע מינוט זיך געענדיקט און אוריִעל האָט, ארײַנקומענדיק אין צימער, זיך אראָפּגעלאָזט אפן פּאָטעל, ניט באמערקנדיק אפילע, אז ער האָט זיך גע־זעצט אף איר אָנטאָן, האָט ריטע אים שוין קימאט ניט דערקענט. פאר

איר אין איצט געזעסן אן אנדערער, ניט דער, וועלכן זי האָט נאָרוואָס אהער אריַינגעלאָזט. דער איז געווען פיל אן עלטערער און א סאך א נידעריקערער. אין זיַין זיצן, דעם קאָפּ אָנגעלענט אָן הויכן ווענטל פון פאָטעל, איז געווען אי עפּעס זקייניש, אי קינדעריש. אויך די גרויסע העלע אויגן זיַינע, נאָך וועלכע זי האָט געבענקט די אלע יאָרן, אָט די מילדע, העלע אויגן, וואָס האָבן שטענדיק געשטראַלט מיט א באַזונדער גוטסקייט און דערמיט אים גלײַך אויסגעטיילט פון אלע אירע פריערדיקע באַקאַנטע, האָבן זיך בא אים איצט גאָר אנדערש געלויכטן. נאָר ניט אָט דאָס זיצן אן איַינגעשרומפּענער אפן פאָטעל און ניט די מיטאמאָל אָנגע־לאָפענע קנייטשן אפן בלאסן אויסגעצויגענעם געזיכט און די בלויע פּאַרטריקנטע ליפּן האָבן דערשראָקן ריטען, — דאָס פיַיער אין זיַינע אויגן, וואָס האָט פון רעגע צו רעגע זיך אלץ מער צעפלאַקערט, ווי דאָס פיַיער פון א צאַנקענדיק ליכט פארן אויסגיין, האָט זי דערשראָקן.

זיַין בליק האָט זיך א פּאָר מאָל אָפּגעשטעלט אף איר, נאָר ער האָט זי ווי ניט באמערקט. ס'איז געווען א בליק פון א מענטשן, וואָס איז אינ־גאנצן אריַינגעטאָן אין זיך און וועלכער זעט פאר זיך אזוינס, וואָס איז ביז אהער געווען פון אים פארהוילן.

— טיַיערער... וואָס איז מיט דיר? — ריטע האָט פאַנאַנדערגעשפּיליעט דעם קאָלנער פון זיַין העמדל. — וואָס איז געשען? ווו טוט דיר וויי? דאָס הארץ? יאָ? דאָס הארץ? בא מיר דארף ערגעץ זיַין ניטראָגלי־צערין.

אוריעל האָט זיך אויסגעגליַיכט. צוזאמען מיט אָט דער האַסטיקער באַוועגונג, וואָס האָט אים מיטאמאָל אינגאנצן געענדערט, האָט זיך אויך געביטן דער בליק אין זיַינע אויגן. ריטע האָט דערזען אין זיי דעם זעלבן קינדעריש־פארליבטן און דערשראָקענעם בליק, מיט וועלכן ער האָט גע־קוקט אף איר, טרעפנדיק זי איינמאָל צו בעט. דאָס איז געווען קורץ פאר זיַין אָפּפאָרן מיט דער געאָלאָגישער עקספּעדיציע אין דער טונדרע. אין דעם דאָזיקן בליק זיַינעם איז איצט געווען אלץ, וואָס האָט געמאכט זי פארגעסן, אז זיי האָבן זיך דעמלט צעשיידט אף שטענדיק, און ווי מוירע האָבנדיק, אז עס קאָן ווידער פארשווינדן, ווי דעמלט, אָט די דאָזיקע מינוט, האָט ריטע פיבערדיק אריַינגענומען זיַין קאָפּ אין אירע הענט און, צוטוליענדיק זיך מיט איר פארפלאמטער באַק צו זיַינער, א גליק־לעכע געשעפּטשעט:

— כ'האָב פארגעסן, אז מע טאָר דיר גאָרניט זאָגן. ווי נאָר עפּעס, נעמסטו גלײַך איבערקלערן, — זי האָט צוגעדריקט זיַין קאָפּ צו איר שטיַיפער וואַרעמער ברוסט, ער זאָל הערן, ווי הילכיק עס קלאַפּט בא איר דאָס הארץ, אז דאָס הארץ אירס האָט נאָך דערוויַיל ניט געהאַט צו טאָן ניט מיט וואַלידאָל און ניט מיט ניטראָגליצערין. — בא מיר איז דאָ אנומלטן געווען מיַינע א קרויווע צוגאַסט. זי ליַידט מיטן הארץ. האָט זי מיטגעבראַכט מיט זיך פון דער היים א גאנצע אַפּטייק, דאָרט דארף אויך זיַין אַנאַלגין. געבן דיר?

זיַין פּאָנעם האָט זיך ווידער אויסגעצויגן, זיך באַדעקט מיט קנייטשן, די גרויסע העלע אויגן, וואָס האָבן א וויַילע פריער געקוקט אף איר קינ־

דערש פאַרליבט, האָבן זי, דאַכט זיך, ווידער אופגעהערט זען. ער איז שוין צוריק געווען אַרײַנגעטאָן אין זיך, געזען דאָרט אַזוינס, וואָס פריִער איז עס געווען פון אים פאַרהוילן. ריטע האָט פּאַרזיכטיק אָוועקגעלייגט זײַן קאָפּ אָפן ווענטל פון פּאָטעל און, אָנבייגנדיק זיך נידעריק איבער אים, געפרעגט:

— פאַרוואָס שווײַגסטו? וואָס איז געשען? וווּ טוט דיר וויי? פאַרוואָס שווײַגסטו?

קימאַט מיט צוגעמאַכטע ליפּן האָט אוריִעל אַרויסגעבראַכט:

— די זײַט, — און אָנגעוויזן מיט דער האַנט בײַ די לענדן, — לאָזט ניט אָפּעטעמען...

— איך וועל אַרויסרופן די גיכע הילף, — ריטע האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צום טעלעפאָן אָפן טישל. — פאַרוואָס האָסטו מיר גלײַך ניט אָנגעקלונגען? אַך יאָ, פאַרגעסן, אַז אין דער נײַער דירע איז בײַ דיר ניטאָ קיין טעלעפאָן. האָסט דאָך אָבער געקאָנט בעטן עמעצן פון די שכיינים אָפן שטאָק, מע זאָל מיר געבן צו וויסן. — זי האָט שוין געהאַט אַ פּאָר מאָל אַ דריי געטאָן דעם דיסק פונעם טעלעפאָן, ווען אוריִעל האָט זי אָפּגעשטעלט:

— וואַרט צו אַ ווײַלע. ניט צוליב דעם בין איך איצט צו דיר געקומען... זעץ זיך צו... דו הערסט מיך?

— יאָ, טײַערער.

— זעץ זיך צו נעענטער... מיר איז שווער צו ריידן...

ריטע האָט נאָך נידעריקער זיך אָנגעבויגן צו אים. אירע שטײַפע און קײַלעכיקע יונגע בריסט האָבן זיך אַרויסגערוקט פון טיפן אויסשניט פונעם קורצן כאַלאַטל, וואָס זי האָט אין אײַלעניש, גייענדיק עפענען אים די טיר, אַרופגעוואָרפן אָף זיך, און ניט באַוויזן עס פאַרשפּיליען. זי האָט האַסטיק זיך אָפּגעקערט און פאַרשפּיליעט אַלע קנעפּ פונעם כאַלאַטל. ווען זי האָט אַ פאַרשעמטע זיך צוריק אויסגעדרייט צו אים, האָט זי דערזען אין זײַנע הענט אַ בריוו.

עפענענדיק עטוואָס די אויגן, אין וועלכע ס'האָט ווידער געפלאַקערט דער פלאַם־פײַער פון אַ ליכט פאַרן אויסלעשן זיך, האָט אוריִעל, גלײַך ס'וואָלטן אים מיטאַמאָל אויסגעפעלט ווערטער און ער דאַרף זיך זיי דערמאָנען, לאַנגזאַם אַרויסגעבראַכט:

— זאָג מיר צו, אַז וועסט אָט דעם בריוו איבערגעבן... ניט איבערשיקן, נאָר איבערגעבן אים אַליין אין די הענט. דער, צו וועמען איך שרײַב, וווינט זייער ווײַט פון דאַנען. דיך וועט עס ניט אָפּשטעלן? מע ז'אַרף צו אים פאָרן איבער דרײַ מעסלעס. ס'איז אין דער טונדרע, הינטערן פּאָליאַר־קרײַז. זאָגסטו מיר עס צו? איך אַליין וועל עס שוין ניט באַווײַזן. בײַ מיר איז...

— ווער האָט עס דיר געזאָגט? גלייב ניט! — האָט ריטע אים איבערגעשלאָגן, ניט לאָזנדיק אים אַרויסברענגען דאָס שרעקלעכע וואָרט. — פונוואַנען האָסטו עס גענומען? דער דאָקטער האָט דאָך ניט געקאָנט דיר עס זאָגן. דו האָסט אַליין זיך עס אײַנגערעדט. ווי טראַכט מען עס אַזעלכעס אויס אָף זיך? איך דערקען דיך ניט, אורי. אָט וועסטו זען...

— מיר זײַנען שוין ניט קיין קינדער, ריטע. צו וואָס אָט דאָס אײַנ־רײדן מיך? כ׳זאָל ניט געווען פאַרשטײן, ווו איך האַלט, וואָלט איך צו דיר איצט ניט געקומען.

— פונוואַנען האָסטו עס אָבער גענומען? — האָט ריטע קימאַט אויס־געשריִען.

אין איר שטים איז שוין אָבער ניט געווען יענע זיכערקײַט, וואָס פריִער, און זי האָט ניט ווילנדיק גענומען אויסגעפינען אַף זײַן בלײכן אויסגעצערטן פּאָנעם עטוואָס דערפון, וואָס זי האָט באַמערקט אַף אירן אַ קאָרעוו, וועלכן זי האָט פון צײַט צו צײַט באַזוכט אין אָנקאָלאָגישן שפּיטאָל. אַפילע אין דעם, ווי זי האָט איבערגעכאַזערט: „דו רעדסט זיך עס אַלײן אײַן, אָט ווּעסטו זען", — האָט זיך שוין ניט געהערט די זי־כערקײַט, מיט וועלכער זי האָט עס אים פריִער געזאָגט. אוריִעל האָט עס דערפילט, נאָך אײדער ריטע האָט אָפּגעקערט פון אים די פולע פאַרלאָ־פענע אויגן. זיך האָט ער ניט וואָס צו באַרויִקן. אָבער פאַר איר וואָלט ער געפונען מיט וואָס זי צו באַרויִקן: ער האָט פאָרט דערלעבט צו זײַן באַ זיך אַף זײַן אײגענעם פופציקיאָריקן געבוירנטאָג. אין פאַרגלײַך מיט פיל אַנדערע פון זײַן דאָר האָט דאָך אים זיכער אָפּגעגליקט. אוריִעלן איז אָבער געווען פרעמד און דערווידער די פאַלשקײַט, פאַר וועלכער אײניקע האָבן געפונען אַ באַרעכטיקונג, אָנרופנדיק עס „דער הײליקער ליגן". און מיט דער גאַנצער האַרבקײַט, וואָס ער האָט עס געזאָגט שוין הײַנט זיך, האָט ער איצט געענטפערט אויך איר:

— פונוואַנען האָב איך עס גענומען, פרעגסטו? בלויז באַ דער דאָזיקער קרענק באַפאַלן אַזעלכע איבערמענטשלעכע ווײען און לאָזן אים פון זיך שאָענלאַנג ניט אָפּ. ווײסט, וואָס ס׳האָט מיר אַנומלטן געזאָגט אײנע מײַנע אַ באַקאַנטע? און פרויען, צי זײ זײַנען אַנדערש באַשאַפן, צי זײ זײַנען פּאָשעט שטאַרקער פון אונדז, נאָר זײ טראָגן אַ סאַך לײַכטער איבער ווײ־טעקן, ווי מיר, מאַנצבלען. „ווען איך דערוויס זיך, — האָט זי מיר גע־זאָגט, — אַז מיט עמעצן פון מײַנע נאָענטע האָט, כאָלילע, געטראָפן דאָס זעלבע, וואָס מיט מיר, וואָלט איך אים געראָטן ניט וואַרטן, ביז עס וועלן אים באַפאַלן די ווײטעקן, וואָס לאָזן זיך מיט גאָרנישט ניט פאַרגלײַכן, אַפילע מיט די סאַמע שווערסטע געבורט־ווײען, נאָר אַלײן באַצײַטנס זיך באַפרײַען פון זײ, וויבאַלד מע ווײסט נאָך ניט, וויִאַזוי צו אויסהײלן פון אָט דער קרענק. איך פאַרשטײ ניט, — האָט זי צו מיר געטײַנעט, — פאַר־וואָס מאַכן די דאָקטוירים אַן אויסנאַם פאַר דער דאָזיקער שלאַפקײַט, באַ־האַלטן זי אויס פונעם קראַנקן? פאַרוואָס? ווען זײ זאָלן עס ניט געווען אויסבאַהאַלטן פון מיר, וואָלט איך זיך שוין לאַנג באַפרײַט פון אָט די איבערמענטשלעכע פּײַניקונגען".

אוריִעל האָט פאַרביסן די ליפּן, זײ זאָלן ניט דורכלאָזן דורך זיך דעם געשרײ, וואָס האָט זיך פון אים געריסן, ווען ער האָט, בײַקומענדיק די לײדן, געפרווּט זיך ארופרוקן העכער אַפן פּאָטעל, און פאַרגע־זעצט:

— ווי דו זעסט, האָב איך זי ניט געפאָלגט. כ׳ווײס ניט, צי דאָס נעמט זיך פון שוואַכקײַט צי פון שטאַרקײַט. קײנער ווײסט, דאַכט זיך, ניט, וואָס

נעמט אין אַזוינע רעגעס די איבערהאַנט אינעם מענטשן, ווײַל אין יענע רעגעס איז דער מענטש גאָר אינגאַנצן אַן אַנדערער. מיר איז שוין איינ־מאָל אויסגעקומען עס אויספּרוּוון אַף זיך, ווען איך בין אַ שווער־פאַרוווּנ־דעטער שיר ניט אַרײַנגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט. און אויב איך בין דעמלט געבליבן לעבן, איז ניט דערפאַר, ווײַל כ'האָב זיך דערשראָקן פאַרן טויט. כ'ווייס ניט, פונוואַנען דאָס נעמט זיך צו מיר, נאָר כ'האָב פאַרן טויט ניט מוירע. אָט האָט ער הײַנט באַנאַכט אָנגעקלאַפּט צו מיר, מעגלעך, ער וועט מיך נאָך הײַנט אַוועקפירן מיט זיך, און כ'האָב פאַר דעם ניט מוירע. איך האָב מוירע פאַר עפּעס אַנדערש, — ער האָט זיך אָנ־געבויגן צו איר ווי באַם אײַנרוימען אַ סאָד. — איך האָב מוירע פאַרבלײַבן אַ באַלקויוו. דעם, וועמען דו וועסט איבערגעבן אָט דעם בריוו, בין איך פאַרבליבן אַ גרויסער באַלקויוו. ס'איז ניט דער ערשטער בריוו מײַנער צו אים. ער האָט מיר אָבער אַף קיין איינעם פון זיי ניט געענטפערט. קאָן זײַן, ער וועט דיר ניט גלייבן, אַז דאָס איז דער לעצטער בריוו, וואָס איך שרײַב אים. איז פאַרכאַפּ מיט זיך די צײַטונג מיטן שוואַרצן רעמל אַף דער לעצטער זײַט. ערגעץ וועט דאָך מיסטאָמע זײַן דערמאָנט וועגן מיר. דעם בריוו לייען איבער. ניט איצט! נאָכדעם ווען איך וועל שוין ניט זײַן. מע דאַרף ניט וויינען. זע, ווי רויִק איך רייד דערפון. צו פופ־ציק יאָר איז מען ניט קיין זאַקן, מע איז שוין אָבער אויך ניט קיין יונ־גערמאַן. זייער ווייניק פון מײַן דאָר האָבן דערלעבט צום דאָזיקן עלטער. יעדער אָנהייב האָט זײַן סאָף...

ריטען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אים ווערט לײַכטער, ווען ער רעדט. ער מאַכט דעמלט אַזוי אָפּט ניט צו די אויגן און סע שנײַדן זיך אים ניט אײַן אַזוי טיף די אָנגעלאָפענע קנייטשן אָפּן געזיכט. אוריִעלן האָט, דאַכט זיך, שוין אויך זיך אויסגעגעבן, אַז דערפון, וואָס ער האָט איצט פאַר ווע־מען אַרויסצוברענגען אַף אַ קאָל דאָס, וועגן וואָס ער האָט געטראַכט דעם גאַנצן וועג אַהער, ניט געפינענדיק זיך קיין אָרט אין דער מאַשין, האָט ער אויפגעהערט פילן אַזוי די ווייען. און עפּשער נעמט זיך עס דערפון, וואָס ער האָט באַוויזן זיך שוין אַ ביסל צוגעוווינען צו זיי. אים איז אָבער פאַרט אויסגעקומען אַ רעכטע ווײַלע איבערוואַרטן, ביז ער האָט צוריק געעפנט די אויגן און געקאָנט פאַרזעצן:

— איך האָב ניט מוירע פאַרן טויט!..

איר איז נאָך אַלץ שווער געווען באַנעמען, צי דאָס כאַזערט ער איבער צום וויפלטן מאָל שוין, ווײַל ער איז ניט אינגאַנצן גרייט נאָך דערצו און ער דאַרף דערמיט נאָך עפּעס אין זיך בײַקומען, צי דאָס זוכט ער אַלץ אַן ענטפער, וואָס איז אַזוינס דער טויט, און וואַרט, עמעצער זאָל עס אים אונטערזאָגן? צי ניט פון איר דערוואַרט ער דערויף אַן ענטפער? איז אָבער ריטע געווען אַזוי ווײַט דערפון, וואָס פאַר אים, קאָן זײַן, איז עס איצט געווען דאָס סאַמע וויכטיקסטע און נייטיקסטע, אַז זי האָט ניט גלײַך באַמערקט, ווי ס'האָט זיך געענדערט דער בליק אין זײַנע האַלב־פאַר־גלאָזטע אויגן און דאָס קאָל זײַנס, וואָס האָט איר פאַרטרויט, ווידעראַמאָל איבערכאַזערנדיק:

— איך האָב ניט מוירע פאַרן טויט. איך בין שוין הײַנט געווען טויט,

כ׳בין געלעגן א דערשאָסענער אפן גראָז. קוק ניט אזוי אף מיר. איך בין באם פולן זינען, — און גלײַך ער זאָל עס איר דארפן דערווײַזן, האָט אנ־שין מער ניט צוגעשלאָסן פון פײַן די אויגן, נאָר געהאַלטן זיי די גאַנצע צײַט ברייט צעעפנט, זי זאָל קאָנען ארײַנקוקן אין זיי. — כ׳ווייס בלויז ניט פינקטלעך, ווען איז עס מיט מיר געשען, צי בייס איך האָב פארלאָרן דעם באוווסטזײַן, צי אין די רעגעס, ווען ס׳האָבן מיך אָפּגעלאָזט די ווייען און איך בין אנדרעמלט געוואָרן. נאָר וואָס איז מיט מיר פאָרגעקומען אין די דאָזיקע רעגעס, געדענק איך קלאָר. איך געדענק אפילע, אז די וואַנט, בא וועלכער מע האָט מיך צעשאָסן, איז געווען א געקאַלכטע און אז אין סאַמע מיטן האָבן געפעלט דרײַ ציגל. פון אָנפאַנג, ווען מע האָט מיך צוגעפירט צו דער וואַנט, איז מיר געווען שרעקלעך. כ׳האָב פון שרעק, געדענק איך, שטײַף צוגעמאַכט די אויגן און פארשטאָפּט מיט די פינגער די אויערן, כ׳זאָל ניט הערן דעם שאָס. נאָר ווען מע האָט אָנגעשטעלט אף מיר די ביקס, האָב איך שוין די שרעק ניט געפילט. כ׳האָב זיך אפילע אָפּגעזאָגט זיך אויסדרייען מיטן פּאָנעם צו דער וואַנט. נאָר ניט וועגן דעם וויל איך דיר דערציילן, — אוריִעל האָט אָפּגעקערט פון איר דאָס פּאָנעם, ריטע זאָל ניט זען, ווי ער ראַנגלט זיך מיט זיך. ער זאָל זיך ניט אונטער־געבן די ווייען, וואָס וועלן, דאַכט זיך, באַלד אָפּנעמען בא אים דאָס קאָל, און פון מוירע, אז דאָס קאָן באַלד געשען, האָט ער גענומען אײַלן, גע־רעדט שוין קימאַט אָן אָפּשטעל, — עטלעכע מאָל האָט מען אין מיר אויס־געשאָסן, ביז איך בין אומגעפאַלן. ליגנדיק א דערשאָסענער בא דער וואַנט, האָב איך אָבער אף קיין רעגע ניט אופגעהערט פילן דאָס לעבן אין זיך, כאָטש כ׳האָב ניט געקאָנט רירן מיט קיין אייווער. אַלץ איז אין מיר גע־ווען אָפּגעשטאָרבן, נאָר כ׳האָב געלעבט. איך האָב פארשטאַנען, אז כ׳בין טויט, אז דאָס, וואָס ס׳איז געשען, קאָן מען שוין ניט פאַריכטן, ס׳איז פארפאַלן, ס׳איז דער סאָף. און דאָך, ווייסנדיק עס אַלץ, האָב איך ניט גע־פּרוווט זיך אפילע פרעגן, וואָס גייט מיר אזוי אָן, וואָס איז אזוינס לעבן און וואָס איז אזוינס טויט, וואָס איך פּײַניק זיך אזוי, זוכנדיק דערוף אָן ענטפער. און איך האָב געפונען, געדענקט זיך מיר, דערוף אָן ענטפער. כ׳קאָן זיך אים אָבער איצט ניט דערמאָנען. ווי נאָר מיר דאַכט זיך, אז איך האָב אים געפונען, אזוי ווער איך אים גלײַך אָן און פּײַניק זיך ווידער...

נאָכדעם ווי אוריִעל האָט זי אָפּגעשטעלט, בייס זי האָט א דערשראָ־קענע און פארלוירענע זיך א וואָרף געטאָן צום טעלעפאָן ארויסרופן די גיכע הילף, און זי געהאַט געבעטן זיך צוזעצן נעענטער צו אים, האָט ריטע פארשטאַנען, אז ער וועט זי שוין פון זיך ניט אָפּלאָזן, ביז ער וועט איר אַלץ ניט ארויסזאָגן, און אז ער האָט איר א סאַך נאָך וואָס צו זאָגן.

— ווײַזט אויס, אז יעטווידער איינער, ווען ס׳קומען אָן די לעצטע מינוטן, פּײַניקט זיך, ווי איך אַצינד, זוכנדיק אף דעם אַלץ אָן ענטפער, — האָט אנשין, אָנהאַלטנדיק זיך שטײַף מיטביידע הענט פאַר די הענטלעך פונעם פּאָטעל, ווי ער זאָל מוירע האָבן זיך אראָפּגליטשן אפן דיל, פאַר־געזעצט, — אפּאָנעם, אז דעם מענטשן איז עס ניט אַלצייַנס, אויב ער פּײַ־

ניקט זיך אזוי דערפון אין די לעצטע מינוטן זײַנע. ער פארשטייט, אז פון דעם, צי ער וועט געפינען צי ניט געפינען דערויף אַן ענטפער, וועט זיך שוין פאַר אים גאָר ניט ענדערן און עס קאָן זיך שוין גאָר ניט ענדערן. דער מענטש וויל אָבער וויסן, צוליב וואָס האָט ער געלעבט, וואָס איז דער זין פונעם לעבן און וואָס דערוואַרט אים נאָכדעם, ווען דאָס לעבן וועט אים אין א רעגע־צוויי ארום פארלאָזן. און ווי איך זאָל ניט פארשטיין, אז נאָכדעם דערוואַרט מיך שוין גאָרניט, אז אלץ הייבט זיך אָן בלויז דאָ און ענדיקט זיך בלויז דאָ, קאָן איך זיך אָבער ניט פאַרשטעלן מײַן ניט ווערן אנדערש, ווי איך האָב עס געזען הײַנט בא דער געקאַלכטער ציגלנער וואַנט. איך בין געווען טויט, כ'האָב עס אָבער ניט געפילט אין זיך. טויטערהייט בין איך מיט עפּעס געבליבן פארבונדן מיטן לעבן. אין די לעצטע מינוטן שטעלט זיך, מיסטאמע, איטלעכן אזוי פאַר זײַן סאָף. זע, ווי קלוג דאָס לעבן האָט עס צוגעטראַכט, אז דער מענטש זאָל ניט באמערקן, ווי סע פליִען אָן אָט די לעצטע מינוטן. דאָס לעבן האָט צוליב דעם צוגעטראַכט א פּרעס, אז דער מענטש זאָל זיך אײַנגאַנצן אַרײַנטאָן אין געראַנגל מיט זײַנע ווייען, פאַרוואַנדלט אים אין א סאָלדאַט, און א סאָלדאַט אַפן שלאַכטפעלד טראַכט ניט וועגן טויט. ער האָט צוליב דעם קיין צײַט ניט. ער איז פארנומען מיט שלאָגן זיך פאַרן לעבן. נו און דער, וואָס לויטן עלטער טויג שוין ניט פאַר קיין סאָלדאַט, טויג שוין ניט אַף צו ראַנגלען זיך, דער, פאַר וועמען ס'איז בלויז געבליבן זיצן און אַרויס־קוקן אַפן נאָענטן סאָף, דעם פארוואַנדלט דאָס לעבן אין אַן אומבאַהאָלפן קינד, וואָס באַנעמט שוין גאָרניט. טו מיט דעם, וואָס דו ווילסט. אים איז עס שוין אַלצאיינס. איך בין אָבער צו יונג, אז דאָס לעבן זאָל זיך מיט מיר באַגיין אזוי מילד. איך וועל ניט פאַרבײַטן דעם פּרעס, אונטער וועלכן איך ליג איצט, אַף אָט דער אכזאָריעסדיקער בארעמהאַרציקײַט, וואָס דאָס לעבן שענקט דעם מענטשן אַף דער עלטער, אז ער זאָל פארלירן דעם כעזשבן, ווו ער האַלט, און ניט דאַרפן זיך שרעקן פאַר דעם, וואָס עס דערוואַרט אים. דער זין פונעם מענטשנס לעבן איז אין דעם, אז ער זאָל ביז דער לעצטער מינוט פארבלײַבן א מענטש... און א סאָל־דאַט...

וואָס איז מיט אים פּלוצעם געשען, האָט ריטע געוואָלט דערגיין, קוקנ־דיק אַף אוריִעלן, וועלכער איז געזעסן אנטקעגן איר צונויפגעקאָרטשעט אַפן פּאָטעל? פונוואַנען האָט צו דעם אָפּגעשוואַכטן און אויסגעמאַטערטן פון די ליידן אוריִעלן זיך מיטאמאָל גענומען אָט די שטײַפע, קרעפטיקע שטים, מיט וועלכער ער האָט דאָס אלץ אַרויסגעגעבן פון זיך, גלײַך ער זאָל זיך געווען געפינען ניט אין קיין געוויינלעך צימער און ניט האָבן פאַר זיך בלויז איין צוהערערן, נאָר ער זאָל זיך געווען ווענדן פון דער בינע צו א זאַל מענטשן? עפּעס איז ער אין די דאָזיקע מינוטן גאָר אינ־גאַנצן ניט געווען ענלעך אַף זיך. זי האָט אים קיינמאָל ניט געהערט אזוי ריידן, קיינמאָל פון אים ניט געהערט אזעלכע הויכע, ניט געוויינלעכע ווערטער, און זי האָט געוווּסט, אז ער האָט מעסוקן ניט ליב געהאַט, ווען עמעצער האָט אזוי גערעדט. אפילע אין טעאַטער האָט ער ניט געקאָנט פאַרטראָגן, ווען מע האָט גערעדט אזוי פון דער בינע. איר, ריטען, פלעגט

אויסקומען אים לאנג אײַנבעטן, ער זאָל גיין מיט איר אױף שעקספּירס א פאָרשטעלונג. זיצנדיק מיט אים אין טעאטער, האָט זי ניט געקאָנט באַ־גרײַפן, ווי קאָן מען עס בלײַבן אזוי גלײַכגילטיק צו די ליידן פונעם קיניג ליר, פונעם פרינץ האמלעט, פון אָטעלאָ... „ווער דער מענטש זאָל ניט זײַן, ער מעג אפילו זײַן העכער פון א קיניג, — האָט אוריזל איר דערויף געענטפערט, — בלײַבט ער אלציינס א מענטש, און מענטשן ריידן אומע־טום אױף א געוויינלעכער מענטשלעכער שפּראך. בא שעקספּירן ריידן אָבער די העלדן ניט אױף קיין נאטירלעכער געוויינלעכער שפּראך. אלע ריידן זיי בא אים מיט הויכע ווערטער".

ריטע האָט געוואָלט עס אים איצט דערמאָנען און פרעגן, פאַרוואָס האָט ער עס מיטאמאָל גענומען צו איר ריידן מיט הויכע, ניט געוויינלע־כע ווערטער? זי איז אָבער געווען זיכער, אז ער אליין האָט ניט באמערקט דעם דאָזיקן איבערגאנג. דאָס האָט זיך בא אים באקומען נאטירלעך, פון זיך אליין, ווי בא שעקספּירס געשטאלטן. זי, ריטע, האָט עס שוין לאנג באנומען: ווען געוויינלעכע טאָגטעגלעכע פּאַסירונגען, וואָס גייען אָן איינעם ניט צוויי, רעדט מען זיך אויס אױף א געוויינלעכער טאָגטעגלע־כער שפּראך. נאָר ווען די געשעענישן זײַנען ניט קיין געוויינלעכע, האָבן ניט צו טאָן מיט דער וואָכעדיקער טאָגטעגלעכקײַט און גייען אָן ניט בלויז איינעם ניט צוויי, דאן ווערן די זעלבע געוויינלעכע ווערטער שוין אנ־דערש ארויסגערעדט, זיי באקומען אן אנדער קלאנג, אן אנדער באטײַט, ווי זיי וואָלטן שטאמען פון אן אנדער שפּראך, ווי בא פארליבטע, בא וועמען געוויינלעכע ווערטער באטײַטן צומאָל אי טיפע יאמען, אי הויכע בערג, און קיינער פון די פארליבטע באמערקט ניט אין זיך דעם דאָזיקן איבערגאנג. עס באקומט זיך בא זיי פון זיך אליין און זעט זיי אויס לאכלוטן נאטירלעך. אלנפאלס פאר איר, ריטען, איז געווען ביז גאָר נאטירלעך, וואָס אוריזל האָט זיך ווידער געווענדט צו איר אױף אָט דער זעלבער שפּראך.

— קיינער האָט נאָך פאַרפריִער קיינעם ניט געפרעגט, צי וויל מען קומען אױף דער וועלט, כאָטש א סאך וואָלטן געוויס זיך געווען אָפּגעזאָגט דערפון, ווען זיי זאָלן פאַרפריִער וויסן, וואָס עס דערוואַרט זיי, וואָס ווערט צומאָל געטאָן מיטן מענטשן, אז איינער קאָן דעם צווייטן אײַנ־שפּאנען ווי א פערד אין וואָגן, אים פארוואנדלען אין א קנעכט, שטעלן אױף די קני, מאכן צונישט, דערשטיקן און פארברענען און צעשטויבן נאָכ־דעם זײַן אש אפן ווינט, ס'זאָל קיין שפּור פון אים ניט בלײַבן. דער וועלט גייט אָבער ניט אָן און עס קאָן איר ניט אָנגיין, וואָס דער מענטש ווערט געבוירן אָן זײַן אייגענעם ווילן, אָן זײַן אייגענעם פארלאנג און אויס־וואל. די וועלט פארגיט ניט דעם מענטשן אין זכות פון דעם קיין איין כויוו, וואָס ער איז איר שולדיק. יעדערער פון אונדז קומט דאָך אױף דער וועלט ווי אירער א גרויסער באלכויוו, און דער זין פונעם מענטשנס לעבן באשטייט, אייגנטלעך, דערין, ער זאָל באוויזן זיך צעצאָלן מיט די כויי־וועס, ניט בלײַבן קיין באלכויוו דער וועלט, וועלכע האָט אים אונטער־געטראָגן אלץ, וואָס עס האָבן פאר אים פארגרייט און פארהיט אלע דורי־רעס ביז אים. יעדער דאָר האָט פאַרוואָס צו צאָלן די פריִערדיקע דורעס,

וואָס ביז אים, און וואָס אופּצומאָגנען בא די קינפטיקע דוירעס, וואָס נאָך אים. אונדזער דאָר האָט באַזונדערס וואָס אופּצומאָגנען. די איינציקע פּרײַז, וועלכע מיר באָטן אָן פאַר אַלץ, וואָס מיר האָבן פאַרהיט פון פריִער און פאַרגרייט אף ווײַטער,— אז קיינער זאָל אין ערגעץ מער ניט קאָנען פאַרוואַנדלען דעם אַנדערן אין א קנעכט און טאָן מיט אים, וואָס ער וויל: דערנידעריקן, דערווערגן, פאַרברענען; אז צווישן די, וואָס וועלן קומען נאָך אונדז, זאָל זיך מער ניט געפינען קיין איינער, וועלכער וואָלט זיך אָפּגעזאָגט קומען אף דער וועלט, ווען מע זאָל פאַרפריִער אים קאָנען פרעגן וועגן דעם,— אוריִעלס שטים האָט מיטאַמאָל אָנגעוואָרן איר פריִערדיקע שטײַפקײַט. צו ריטען זײַנען קוים דערגאַנגען די ווערטער, וועלכע ער האָט אַרויסגעבראַכט מיט די בלוילעכע ליפּן, נאָך אַלץ ניט אָפּלאָזנדיק זי פון זיך,— איך בין פאַרבליבן א גרויסער באַלכויוו, און דאָס סאַמע שרעקלעכסטע דערין איז דאָס, וואָס איך וועל שוין ניט באַווײַזן זיך צעצאָלן. בלויז פאַר דעם האָב איך מוירע, און ניט פאַרן טויט. שלאָג מיך ניט איבער.

ריטען האָט זיך ווידער אויסגעוויזן, אז דאָס ווענדט ער זיך שוין ניט צו איר, און זי האָט ניט ווילנדיק זיך אומגעקוקט, ווי זי זאָל זיך ריכטן דערזען הינטער זיך דעם, בא וועמען אוריִעל האָט געבעטן, ער זאָל אים ניט איבערשלאָגן. איר איז שווער געוואָרן אײַנהאַלטן אין זיך די טרערן, וואָס האָבן זי געשטיקט אין האַלדז.

— זאָגסטו מיר צו איבערגעבן אים דעם בריוו? העלף מיר זיך באַפרײַען פונעם גרויסן כּיוו, וואָס איך בין געבליבן שולדיק דעם דאָזיקן מענטשן, איליא סאָוועליעוויטש לעסאָוו רופט מען אים. ניטאָ קיין גרעסערע שולד ווי דערנידעריקן, באַליידיקן א מענטשן. ער וועט מיר עס קאָנען פאַרגעבן? טויטע, גלייבט מען, פאַרגיבן די לעבעדיקע, ווען זיי בעטן בא די טויטע מעכילע. און לעבעדיקע פאַרגיבן די טויטע, ווען די טויטע בעטן בא זיי מעכילע? אים אין די הענט אַרײַן זאָלסטו איבערגעבן דעם בריוו. בעט בא אים פאַר מיר מעכילע...

די בלוי־געלבלעכע פלעקן אף זײַנע אויסגעצערטע באַקן האָבן זיך שוין דערקליבן צו די אויערן, צו די אויגן־לעפּלעך, נאָר אוריִעל האָט זיך ניט אונטערגעגעבן די ווייטעקן, וואָס האָבן אַרײַנגענומען צו זיך אונטערן פּרעס שוין בלויז, דאַכט זיך, דעם קאָפּ זײַנעם. דער שאַרבן האַלט ניט אויס אָט דעם שרעקלעכן דרוק. אוריִעל פילט, ווי דער שאַרבן זײַנער שפּאַלט זיך. אָט האָט ער נאָרוואָס נאָך אין איין אָרט געפּלאַצט. אוריִעל האָט אָבער געפונען אין זיך קויעך אף אָנצוכאַפּן זיך פאַר די הענטלעך פון פאָטעל, ער זאָל זיך ניט אַרויסגליטשן און אז זײַן קאָל זאָל דערגיין צו ריטען:

— איך בין געקומען צו דיר ניט בלויז צוליב דעם. איך בין געקומען דיך בעטן, זאָלסט מיר פאַרגעבן...

— איך האָב דיר ניט וואָס צו פאַרגעבן,— האָט ריטע, אויסבאַהאַלטנדיק פון אים אונטער די אַראָפּגעלאָזטע לאַנגע וויִעס די פאַרלאָפּענע אויגן, אים אָפּגעשטעלט,— דו ביסט מיר גאָרניט שולדיק. עס האָט אַנדערש ניט געקאָנט זײַן.

אויסערן דרעלן פונעם עגבער, וואָס האָט זיך אײַנגעשרויפּט טיף אין שאַרבן, האָט אוריזעל מער גאָרניט געהערט, און אומקערן דעם שאַרבן די ווערטער, וועלכע ער האָט באַוויזן פון דאָרט ארויסכאַפּן, איז געווען צו שפּעט. ס׳האָט אים אויסגעפּעלט קויעך דערויף. האָט ער זיי ארויסגעגעבן פון זיך מיט קימאַט צוגעשלאָסענע ליפּן, ניט זײַענדיק זיכער, צי דער־גייען זיי צו ריטען:

— ניט פון דיר האָב איך זיך אויסבאַהאַלטן אין דער טונדרע — פון דער שוועל, וואָס איז געווען צווישן אונדז, האָב איך זיך אויסבאַהאַלטן, כ׳זאָל זי ניט אריבערטרעטן. דאָס לעבן באַשטייט דורכויס פון שוועלן, נאָר ניט אַלע, וועלכע מע וויל און מע קאָן אריבערטרעטן, דאַרף מען און מע מעג אריבערטרעטן. און אונטערזאָגן יענעם, וועלכע מע טאָר און וועלכע ניט, קאָן פריִער פון אַלץ דער מענטש אליין. איצט האָב איך שוין ניט וואָס אויסצובאַהאַלטן פון דיר און קאָן דיר עס זאָגן. אין דער לעצ־טער מינוט, ווען דער צוג, וואָס האָט מיך אוועקגעפירט אויף לאַנגע צוויי יאָר אין דער טונדרע, האָט זיך גערירט, האָב איך געוואָלט ארויסשפּרינ־גען פון וואַגאָן, און איך וואָלט ארויסגעשפּרונגען. דו ווייסט עס. נאָר אין דער זעלבער מינוט האָב איך ווי דערהערט אין זיך אַן אינערלעך קאָל: „טרעטסטו אריבער די דאָזיקע שוועל, פאַרלירסטו דערמיט דאָס סאַמע טײַערסטע, וואָס האָסט געהאַט אין לעבן. דו קענסט זי שלעכט, אויב דו מיינסט, אַז זי וועט אײַנגיין דערויף, זאָלסט צוליב איר זיך שיידן מיט דער פאַמיליע. און ווען סטו עס טאָן, וועט זי עס דיר דערנאָך קיינמאָל ניט פאַרגעבן. מיטן דאָזיקן שריט דײַנעם קאָנסטו זי בלויז פאַרלירן...” האָב איך פאַרוואַנדלט די שוועל צווישן אונדז אין אַ הויכן באַרג, וועלכן מע קאָן ניט אריבער.

ס׳איז אָפּגעגאַנגען אַ רעגע, אַז ריטע, וואָס איז געזעסן לעבן אים מיט פאַרשעמט אראָפּגעלאָזטע אויגן און צוהערנדיק זיך צו זײַן שטיל שעפּ־טשענדיק קאָל, זאָל באַלד אינגאַנצן פאַרגעסן, וואָס האָט אים פּלוצעם געבראַכט הײַנט אַהער, און זי זאָל, ווי מיט יאָרן פריִער, צופאַלן צו אים און באַהאַלטן זײַן קאָפּ בײַ זיך אויף דער ברוסט. נאָר פּונקט דעמלט האָט זי דערהערט:

— רוף ארויס די גיכע הילף.

נאָכפאָלגנדיק נאָכן רויש פונעם עגבער, וואָס האָט זיך אַלץ טיפער און טיפער אײַנגעשרויפּט אינעם שאַרבן, האָט אוריזעל, ווען ריטע האָט שוין געהאַט אָנגעקלונגען, זיך אָנגערופן צו איר:

— זאָג מיר צו, אַז וועסט מיך ניט באַגלייטן אין מײַן לעצטן וועג... פאַרגעדענק מיך אַזאַ, ווי דו זעסט מיך אַצינד. זאָג עס מיר צו.

דער יונגער דאָקטער פון דער גיכער הילף, ווי נאָר ער איז ארײַן און דערזען דעם קראַנקן, האָט ער אַ ווונק געטאָן צו די צוויי סאַניטאַרן, וועלכע זײַנען געשטאַנען מיט די טראָגבעטלעך בײַ דער טיר, זיי זאָלן ארײַנברענגען פון דער קאַרעטע די מאַסקע, און גענומען באַטראַכטן אוריזעלן, וואָס איז האַלב געלעגן אין פאָטעל מיט בלוי־פאַרביסענע ליפּן.

— לויט אַלע סימפּטאָמען איז עס גיכער פון אַלץ אַ נירן־קראַנקײַט, — האָט דער דאָקטער זיך מער געווענדט צו דער דערשראָקענער און פאַר־

לוירעגער ריטען, ווי גופע צום כוילע, — נירן־קראנקײַט גיט אָפּט אזעלכע ווייען, — און אויספרעגנדיק אוריִעלן, ווען און וויִאזוי האָט זיך עס אלץ באַ אים אָנגעהויבן, געזאָגט: — איך וואָלט געקאָנט אײַך מאכן אן איניעקציע און פארלײַכטערן די ווייען. דאָס קאָן אָבער דערנאָך פארשווערן שטעלן דעם ריכטיקן דיִאגנאָז.

— צו וואָס טוט איר מיר עס אָן? — האָט אוריִעל געפרעגט, אָפּשטויסנדיק פון זיך דעם דאָקטערס האנט מיט דער מאסקע.

— אײַך וועט פון דעם ווערן לײַכטער. וואָס טיפער און אָפטער איר וועט עטעמען, אלץ גיכער וועט איר אײַנשלאָפן.

— מע דארף מיך ניט פארשלעפערן. און דאָס טראָגבעטל דארף מען אויך ניט. כ׳וועל אליין, — און באזײַטיקנדיק פון זיך די סאניטארן, האָט אוריִעל זיך געלאָזט צו דער מאשין. אויך איר, ריטען, האָט ער ניט געלאָזט, זי זאָל אים אונטערהאלטן. אין דרויסן בא דער פאראדנע טיר האָט ער איר פארצאמט דעם וועג צו דער מאשין, — מע דארף מיך ניט באגלייטן. פארגעס ניט אָנקלינגען אין אינסטיטוט, אז איך וועל ניט קאָנען קומען איבערעקזאמענירן די סטודענטן. זאָל זיי עמעצער אנדערש אָנשטאָט מיר עקזאמענירן. קלינג אָן באצײַטנס, די סטודענטן זאָלן אומזיסט אף מיר ניט ווארטן.

ווען די מאשין איז שוין געווען ווײַט אָפּגעפאָרן, האָט אנשין, פילנדיק, ווי ער פארלירט באלד פון ווייטעק דעם באוווסטזײַן, זיך אָנגערופן צום דאָקטער, וואָס האָט זיך ארײַנגעלאָזט אין א געשפרעך מיטן באיאַרטן שאָפער:

— דאָקטער, פארוואָס באהאלט מען אויס פונעם קראנקן דעם דיִאגנאָז פון זײַן קרענק? דאָס איז ניט מענטשלעך.

— איך פארשטיי אײַך ניט.

— פארוואָס האָט איר מוירע מיר אָנרופן די עמעסע קרענק מײַנע? איר מיינט, איר וועט מיך דערמיט דערשרעקן, וואָס איר וועט מיר זאָגן, אז בא מיר איז...

— אנטשולדיקט, — האָט דער דאָקטער אים איבערגעשלאָגן, — אײַך ווײַזט זיך ניט אויס, אז דערפון, וואָס אייניקע קראנקע זאָגן אונטער דעם דאָקטער, וואָס פאר א קרענק בא זיי איז און וועלכע רעפועס דארף מען דערצו אויסשרײַבן, נעמען זיך בא דעם הײַנטיקן מענטשן ניט ווייניק שלאפקײַטן? אָט דאָס אָנמעסטן אף זיך די געפערלעכסטע קראנקײַטן, ווי נאָר עס נעמט אינערלעך עפעס וויי טאָן, איז דער כאלאס פון אונדזער צײַט. אומזיסט קלערט איר, אז נאָר יענע געפערלעכע קרענק גיט אזעלכע ווייטעקן. בא נירן־קראנקײַט זײַנען די ווייטעקן ניט קיין קלענערע... גיט מיר אהער די מאסקע, — האָט דער דאָקטער אויסגעשריִען צום סאניטאר און, אָנטועגדיק די מאסקע אוריִעלן אפן בלייכן געלבלעכן געזיכט, אים באפוילן אָפטער און טיפער עטעמען.

ווען אורי גאוורילאָוויטש אנשין איז סאָף טאָג ארויס פון שפּיטאָל, האָט ער אף איינעם פון די בענק אין בײַליגנדיקן סעדל געטראָפן זיצן ריטען.

## 8

קיינער, אויסער ריטען, האָט ניט געוווּסט, וווּהין איז עס מיטאַמאָל אוועקגעפֿאָרן אורי גאוורילאָוויטש אַנשין. אין אינסטיטוט באַ אים, וויבאַלד ער האָט זיך באַצײַטנס דערעדט אין דעקאַנאַט, אַז מע זאָל אַריבערטראָגן זײַנע עטלעכע לעקציעס אַף אַ טאָג צען שפּעטער, איז ביכלאַל קיינעם ניט אָנגעגאַנגען, וווּהין און נאָך וואָס איז ער עס געפֿאָרן. אין דער היים באַ אים וואָלט עס, מעגלעך, אויך קיינעם איבעריקס ניט אָנגעגאַנגען. מע איז שוין דאָרט געוווינט צו זײַנע אומגעריכטע רײַזעס, און ניט אַף קיין צען טעג, ווי דאָס מאָל, נאָר אַפֿילע אַף גאַנצע צוויי יאָר. אָבער נעמען און אוועקפֿאָרן ערעוו זײַן געבורטסטאָג, ווײַסנדיק, אַז מערעהאָט נאָך פֿאַראיאָרן, אַף זײַן פֿופֿציקיאָריקן יובּילײַ, זיך געהאַט צונויפֿגערעדט מיט די געסט, אַז איטלעך יאָר, דעם זיבעצעטן נאָיאַבער, קלײַבן זיי זיך אַלע אַהער צונויף אָן קיין שום באַזונדערע אײַנלאַדונגען, און אַז זי האָט דערבײַ דערמאָנט די געסט: עכטע פֿרײַנט וואַרטן ניט אין אַזאַ טאָג אַף קיין אײַנלאַדונגען. עכטע פֿרײַנט קומען אַליין!

נאָר סײַווי. אוריִעל זאָל אַפֿילע געווען זײַן זיכער, אַז אַלע ביז אייינעם, וואָס זײַנען דאַן בײַגעווען אַף זײַן יובּילײַ, האָבן פֿאַרגעדענקט דעם טאָג פֿון זײַן געבוירן, און אַז אַלע ביז איינעם וועלן אויך היאָר זיך באַ אים פֿאַרזאַמלען, וואָלט עס אים אויך ניט אָפּגעשטעלט. ער וואָלט אָבער דעמלט באַצײַטנס געגעבן צו וויסן זײַנע עכטע פֿרײַנט, אַז ער וועט אינעם דאָזיקן טאָג ניט קאָנען זײַן אין דער היים, ער וועט זײַן ערגעץ אונטערוועגנס. אָדער ער וואָלט אין לעצטן פֿאַל צוגעשיקט פֿון וועג אַ טעלעגראַם און געבעטן אים אַנטשולדיקן.

אויב זײַן אוועקפֿאָרן סאַמע ערעוו זײַן געבורטסטאָג איז נאָך ווייניק, אַז מערעזאָל אָפּשאַפֿן דעם מינהעג, וועלכן זי האָט זיך גענומען, וויפֿל ער האָט איר דערויף ניט דערווידערט, אַקשאָנעסדיק אײַנפֿירן באַ זיי אין שטוב, וועט ער זען צוטראַכטן עפּעס אַזוינס, אַז ער זאָל אויך קומענדיק יאָר אינעם דאָזיקן טאָג ניט זײַן אין דער היים. פֿאַר אים איז עס, אָפּאָנעם, דאָס איינציקע, וואָס קאָן אים באַפֿרײַען דערפֿון, אַז ער זאָל ניט דאַרפֿן אויסהערן די אַלע באַגריסונגען און ניט דאַרפֿן זיך צווינגען, פֿון העפֿלעכקײַט וועגן, מיט גאָרנישט ניט אַרויסווײַזן, ווי דערווידער עס זײַנען אים די אַלע רייד באַם געדעקטן טיש; אָט דאָס אויסגעפֿינען פֿלוצעם אין אים אַלץ אַזוינס, וואָס פֿאַרוואַנדלט אים שיִר ניט אין קיין מלאך, ווי דאָס איז געשען אַף זײַן יוביוול. אוריִעל האָט דערנאָך אַ שטיק צײַט זיך געוווּנדערט אַף זיך אַליין, וואָס איז מיט אים דעמלט געשען, וואָס ער האָט קיינעם פֿון זיי ניט אָפּגעשטעלט. דאָס אַליין שוין האָט אים געצווּנגען, אַז ער זאָל, באַדאַנקענדיק די געסט, נעמען אַף זיך די גאַנצע שולד, ווײַל דער איינציקער שולדיקער דערין, וואָס מע האָט אים דאַן פֿאַרגעשטעלט פֿאַר אַזעלכן, איז דאָך ער, בלויז ער אַליין. יעדער איינער, וואָס גיט זיך אונטער, וואָס גייט אײַן, אָט ווי ער, מע זאָל אים אָפּריכטן אַ יובּילײַ, ווייסט דאָך אָפּריִער, אַז ווער ער זאָל ניט זײַן, וועט מען וועגן אים ריידן

נאָר ווי וועגן א מאלעך. זאָגנדיק עס דאָן די געסט, האָט זיך איז גענוואָלט דערבײַ א פּאָך טאָן מיט די הענט, ווי מיט פליגל.

אורי גאווריליאָוויטש געדענקט שוין ניט פּינקטלעך, צי דעם אויספיר, וועלכן ער האָט פאַר זיך דעמלט געמאַכט, — אויב מע וויל ניט אָט, ווי ער, זיך אײַנגאַנצן אָפּזאָגן פונעם מינהעג אָפּריכטן יובילייען, איז זאָל מען אים איבערלאָזן פאַר זיך בלויז באַם פּראַוועון קײַלעכיקע דאַטעס, — האָט ער אַרויסגעבראַכט מיט א פולן מויל, צי בלויז געגעבן וועגן דעם אָנצו־הערן.

אזוי צי אַנדערש, נאָר מערען האָט זײַן אָנפאַלן אפן מינהעג — אָפּ־ריכטן יעדעס יאָר דעם טאָג פון געבוירן, בא וועלכן ס׳האַלטן זיך, ווי זי האָט אים פאַרזיכערט, אלע אירע באַקאַנטע, — לאַכלוטן ניט געשטערט, אַז זי זאָל גלײַך אפן אָרט געוווען נעמען בא די געסט דאָס וואָרט, אַז פון הײַנט אָן און ווײַטער, ניט וואַרטנדיק אף קיין באַזונדערע אײַנלאַדונגען, קלײַבן זיי זיך יעדעס יאָר אינעם דאָזיקן טאָג צונויף אלע אַהער.

ווי מערע האָט דערבײַ דאָן ניט באַטאָנט, אַז עכטע פרײַנט וואַרטן ניט, מע זאָל זיי אײַנלאַדן, עכטע פרײַנט קומען אין אַזאַ טאָג אליין, האָט אוריִעל פונדעסטוועגן שטאַרק געסאָפּעקט, צי וואָלט ער עמעצן פון זײַנע עכטע פרײַנט הײַנט געטראָפן בא זיך. נאָר אַז ס׳וועלן זיך הײַנט צו־נויפקומען צו אים אין שטוב געסט, דערין האָט אַנשין ניט געסאָפּעקט. ער האָט פאַרפריִער געוווסט, אַז מערע וועט זיך ניט פאַרלאָזן בלויז דע־רויף, וואָס זי האָט דאָן געגומען בא די געסט דאָס וואָרט. אלנפאַלס אירע באַקאַנטע האָט זי זיכער דערמאָנט וועגן דעם, כאָטש מעגלעך, אַז גראַדע זיי האָבן זיך ניט געגייטיקט, מע זאָל זיי עס דערמאָנען. זיי האָבן אליין עס פאַרגעדענקט. פאַר די דאָזיקע געסט האָט ער זיך ניט וואָס צו אַנט־שולדיקן, אַז ער זאָל דאַרפן זיי שיקן פון זועג א טעלעגראַם. ער קען, אייגנטלעך, קימאַט קיינעם ניט פון זיי, אפילע די, וועלכע ער האָט א פּאָר מאָל געטראָפן בא זיך אין שטוב. אים איז אָבער קיינמאָל ניט אָנגעגאַנ־גען, ווער און וואָס זיי זײַנען און וואָס האָט מערע אין זיי אַזעלכעס גע־פונען, וואָס זי האָט זיי פאַרבעטן דעמלט.

נאָכפאָלגנדיק, ווי מערע האָט דעם גאַנצן אָוונט זיך געייסעקט דעמלט אַרום אָט די געסט, האָט אוריִעל פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָבן זיי אַרײַנגע־בראַכט צו אים אין שטוב דעם מינהעג פון אָפּריכטן די טעג פון געבוירן און אַז זיי קלײַבן זיך אַרײַנברענגען צו אים נאָך א סאַך אַנדערע מינהאָגים.

צי ניט אין דעם, וואָס מיט יעדן איינעם פון די צוגעקומענע מינהאָגים קומען צו טעג, ווען מע קאָן זיך צונויפזאַמלען און זיך אויספײַנען איינער פאַרן צווייטן מיטן מעבל, מיט די סערוויזן, מיט די שאַפעס קליידער, און אַרויסרופן דערמיט איינער באַם אַנדערן קינע, געפינען זיי דעם זין פון לעבן? אויב צוליב דעם, אַז מערע זאָל זיך קאָנען אויספײַנען מיט די קרישטאָלענע בראַ איבערן צוקאָפּנס אין שלאָפצימער, וועלכע זי האָט ניט לאַנג צוריק געקויפט, האָט זי פאַרבעטן אף הײַנט אירע באַקאַנטע, איז וואָס האַלט אים דעמלט פאַרט אָפּ אַריבערצוטרעטן די שוועל, וואָס צווישן אים און ריטען און וואָס יעדעס מאָל, ווען ער פאַרטראַכט זיך וועגן דעם,

פאַרוואַנדלט ער זי אין אַ מעסוקן הויכן באַרג? געפֿינען דערויף אַן ענט־פֿער האָט ער אויך איצט ניט געקאָנט און ווייסט ניט, צי וועט ער ווען־ניט־איז געפֿינען דערויף אַן ענטפֿער. ער ווייסט בלויז, אַז דאָס נעמט זיך באַ אים ניט פֿון שוואַכקייט. ריטע ווייסט עס אויך. און דאָס איז פֿאַר אים געוועזן דאָס סאַמע וויכטיקסטע.

קעדיי אויסמײַדן די קריג, וואָס וועט זיכער אויסברעכן צווישן אים און מערען, אַ קריג, וועלכע וועט אַלציינס צו גאָרניט ברענגען, — וויפֿל ער זאָל מיט איר ניט אײַנטײַנען, וועט זי פֿונעם מינהעג, באַ וועלכן עס האַלטן זיך, ווי זי זאָגט, אַלע אירע באַקאַנטע, סײַווי ניט אָפּטרעטן, — האָט אַנשין ביזן לעצטן טאָג אויסבאַהאַלטן פֿון איר, אַז ער פֿאָרט אוועק. געזאָגט האָט ער עס איר אין אָוונט, אַ פֿאַר שאָ פֿאַרן אָפּגיין פֿון צוג, ווען אין אינסטיטוט איז שוין קיינער ניט געוועזן, צו וועמען זי זאָל זיך קאָנען ווענדן, אַז מע זאָל אָפּלייגן זײַן רײַזע אויף אַ פֿיר־פֿינף טעג שפּע־טער. אויסהערנדיק, ווי מערע באַקלאָגט זיך אויף אים דורכן טעלעפֿאָן פֿאַר דער ייִנגערער טאָכטער, פֿאַר ליליען, לעמיי האָט ער ניט געזאָגט אין אינסטיטוט, אַז אין דרײַ טעג אַרום איז זײַן געבורטסטאָג, אי לעמיי ער וויל ניט צוטראַכטן עפּעס אַזוינס, אַז ער זאָל זיך קאָנען פֿאַרהאַלטן אויף די פֿיר־פֿינף טעג, און ווי זי כאַזערט דערבײַ איבער פֿאַר דער טאָכטער דאָס זעלבע, אין וואָס זי האָט אים פֿאַרזיכערט, אַז זי האָט קיינעם ניט פֿאַר־בעטן, נאָר זי קאָן גאַראַנטירן, אַז מע וועט אַליין קומען, ווי סע פֿירט זיך הײַנטיקע צײַטן צווישן עכטע פֿרײַנט און ביכלאַל אין אינטעליגענטע הײַזער, — האָט אוריִעל ברייט צעפֿירט די הענט, וואָס האָט געזאָלט באַ־טײַטן, אַז פֿאַר אים אַליין איז עס געוועזן עפּשער נאָך מער אומדערוואַר־טער ווי פֿאַר איר, און אַז ס׳איז אומעגלעך דאָ עפּעס צו ענדערן. אַלס אַ באַווײַז, אַז ס׳איז ווירקלעך אַזוי, איז דאָס, וואָס ער קאָן איר אַפֿילע ניט אָנרופֿן דאָס אָרט, וווּהין ער פֿאָרט. ער קאָן איר בלויז זאָגן, אַז דאָס איז ווײַט אויף צאָפֿן. ער פֿאָרט אַהין ניט אויף לאַנג, אַמהעכסטן אויף נײַן־צען טעג. ער נעמט מיט זיך ניט אַפֿילע קיין טשעמאָדאַן, בלויז דעם פּאָרטפֿעל. גייען אים באַגלייטן איז ניטאָ וואָס, דערצו נאָך אין אַזאַ וועטער. אָט שנייט, און אָט רעגנט.

אַרויף אויפֿן פּעראָן, איז אוריִעל געבליבן שטיין ווי געפּלעפֿט. „ווער דרייט זיך עס דאָרטן אום באַם וואַגאָן, ניט ליליע?״ — האָט ער אַ טראַכט געטאָן באַ זיך, אָפּגייענדיק וואָס ווײַטער אָן אַ זײַט פֿון דעם געדיכטן ליכ־טיקן שטויב, וואָס איז סנאָפּעסווײַז אויף אים געפֿאַלן פֿון אונטער דעם העל־צעשײַנטן לאָמפּ אויפֿן אַספֿאַלט. דעם איינציקן אויספֿיר, וואָס ער האָט גע־קאָנט דערפֿון מאַכן, — אַז די טאָכטער האָט צוליב געטאָן דער מוטער און זיך דערקלונגען צום דעקאַן אַהיים, און עפּשער צו אים אַליין, צום רעק־טאָר, און זיך דערוווּסט, אַז זי האָט זיי ניט וואָס צו בעטן, מע זאָל אָפּלייגן דעם פֿאָטערס רײַזע. קיינער האָט אים אין ערגעץ ניט געשיקט, און קיי־נער פֿון זיי ווייסט ניט, אַז ער פֿאָרט און וווּהין ער פֿאָרט.

ס׳איז פּאַשעט אָן אומזין צו קלערן, אַז נאָכן געשפּרעך, וואָס ליליע האָט מיט אוועלכער שאָ צוריק געהאַט מיט אים אין טעלעפֿאָן, זאָל זי קו־מען אַהער פֿאַרפֿירן אַפּסנײַ דעם זעלבן געשפּרעך, עפּשער וועט איר פֿאָרט

געלינגען אים איַנבעטן, ער זאָל צוליב טאָן דער מוטער און אָפּלייגן זײַן רײַזע אַף די עטלעכע טעג. ווי ניט באַדאַכט ס׳איז געווען פון זײַן זײַט, וואָס ער האָט אויך פון דער טאַטער אויסבאַהאַלטן זײַן פּאָרן. פון ליליען, וועלכע האָט געוווּסט, ווּהין איז ער עס פּאַראיאָרן, אַף זײַן יובילייִ, פּלוצעם אַנטלאָפן אינמיטן דער סימכע, איבערלאָזנדיק די געסט קימאַט אַף גאַנצע צוויי שאָ אַליין, און וועלכע האָט אים געהאָלפן דערנאָך זיך דערקלינגען שיר ניט אין אַלע האָטעלן פון שטאָט און זיך דערוויסן, צי האָט זיך דאַרט ניט אָפּגעשטעלט לעסאָוו, האָט ער זיכער ניט געדאַרפט אויסבאַהאַלטן, אַז ער פאָרט צום זעלבן לעסאָוון און נאָך וואָס ער פאָרט צו אים איצט אַהין. ער פאָרט בעטן, אַז איליאַ סאָוועליעוויטש זאָל אים פאַרגעבן, און צוזאַמען דאַרט אָפּריכטן דעם ערשטן געבורטסטאָג פונעם זעקסטן יאָרצענדליק, וואָס הייבט זיך בא אים אָן אין דרײַ טעג אַרום. איז ווי קאָן ער אָפּלייגן זײַן רײַזע אַף אַן אַנדער טאָג? צו וואָס האָט ער נאָך געדאַרפט צוטראַכטן, אַז פון דער לעצטער סטאַנציע, ווּהין ס׳גייט דער צוג, וועט אים נאָך אויסקומען אַ פּאָר שאָ פליִען מיט אַן אַעראָפּלאַן? ליליע זאָל עס געווען אַלץ וויסן, וואָלט זי דאָך אים זיכער ניט אָפּגערעדט.

און איצט, נאָכדעם ווי ליליע האָט דאָ געטראָפן ריטען, האָט ער ניט מיט וואָס זיך פאַרענטפערן פאַר דער טאַטער. וואָס ער זאָל איר ניט זאָגן, וועט זי אים שוין ניט גלייבן, קיינמאָל ניט. זי האָט זיך דאָ געוויס באַגעגנט מיט ריטען, צי עפּשער האָט ריטע אויך, אָט ווי ער, באַוויזן זיך אַרויסכאַפּן פונעם ליכטיקן שטויב, וואָס די לאָמפּן האַלטן אין איין שנייען און שנייען אַפן טונקעלן פעראָן.

נאָר די פּרוּוי אינעם קורצן מאַנטל מיטן פוטערנעם היטעלע אַפן קאָפּ איז געווען ניט ליליע. ער האָט עס דערזען, נאָך איידער פון וואַגאָן איז אַרויס אַ הויכער מיליטערמאַן און, נעמענדיק די פּרוּוי אונטער דער האַנט, זיך געלאָזט מיט איר שפּאַצירן הין און צוריק לענגויס די פאַרהאַנגענע טונקל־באַלויכטענע פענצטערלעך, און נאָך איידער ווי מיט עטלעכע רעגעס פריִער האָט בא די טרעפּלעך פונעם זעלבן וואַגאָן זיך באַוויזן ריטע. און כאָטש אוריִעל האָט זיך צו איר אַ לאָז געטאָן און פון פרייד זי שיר ניט אַ כאַפּ געטאָן אַף די הענט, איז די פרייד שוין געווען בא אים היפּש אַ צעשטערטע.

דאָס אַרומקוקן זיך די גאַנצע צײַט האָט אַנשין אָנגענומען ווי אַ שטראָף פאַר אויסבאַהאַלטן פון דער טאַטער, ווּהין און נאָך וואָס ער פאָרט. ריטע האָט, קענטיק, באַמערקט די דאָזיקע ענדערונג אין אים, און די עטלעכע מינוט, וואָס זײַנען געבליבן ביזן אָפּגאַנג פון צוג, האָבן זיך פאַר איר מאָדנע לאַנג געצויגן. זי האָט ניט געוווּסט מיט וואָס זיי צו פאַרפילן. צום ערשטן מאָל האָט זי אַזוי בוילעט דערזען, ווי די שוועל צווישן זיי, וועגן וועלכער אוריִעל האָט איר דערמלט באַגינען דערמאָנט, פאַרוואַנדלט זיך אין אַ הויכן באַרג. דער באַרג איז ניט פאַרשווונדן פון אירע אויגן אויך נאָכדעם, ווי אוריִעל איז געבליבן מיטאַמאָל שטיין און געזאָגט:

— פאָר מיט מיר.

ריטע האָט פאַרשטאַנען, אַז ניט דאָס האָט ער זיך געקליבן איר זאָגן און

געוואָלט עס איר זאָגן, און דאָס איז געווען צו באַמערקן אין איר בליק, מיט וועלכן זי האָט אים ארויסבאגלייט אין ווײַטן וועג.

אָט די אלע דערמאָנונגען, וואָס האָבן באגלייט אורי גאוורילאָוויטשן די דרײַ טעג, וועלכע ער האָט זיך געלאַנגווײַליקט אין צוג, זײַנען פון אים ניט אָפּגעטראָטן אויך נאָכדעם, ווי ער האָט אויף דער פּארשנייטער סטאנציע זיך איבערגעזעצט פון צוג אינעם איבערגעפּולטן אווטאָבוס און, ארויסשטײַגנדיק באַם טײַך, פארקערעוועט אין געסל, ווו ס׳האָט געווינט איליא סאוועליעוויטש לעסאָוו.

אנשין האָט זיך קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט, אז דערמאָנונגען קאָנען האָבן איבער אים אזא קראַפט, אז ער זאָל זיך דארפן קעגן זיי אזוי ווערן. זיי האלטן אים די גאנצע צײַט אין איין אָפּוועגדן דערפון, וואָס סע שטייט אים דאָ באלד פאר, פּונקט ווי דאָס סאמע וויכטיקסטע וואָלט באשטאנען ניט דערין, נאָך וואָס ער איז געקומען אהער צו פאָרן, נאָר אין דעם, ווי אזוי ער האָט זיך געזעגנט מיט ריטען אפן פעראָן. די דערמאָנונגען וועגן דעם האָבן אָפּגעשטויסן פון זיך אלץ, וואָס האָט זיי געשטערט אים אינגאנצן צו באהערשן. זיי האָבן אפילע ניט דערלאָזט אופשטעלן די ווערטער, וועלכע ער האָט פארפר׳ער געהאט צוגעגרייט און מיט וועלכע עס דארף זיך אָנהייבן זײַן געשפּרעך מיט לעסאָוון, זיי אלע ביז איינעם פאנאנדערגעשאָטן און איבערגעמישט...

און דאָס היימישע פײַערל, וואָס האָט זיך געלויכטן אין נידעריקן שטיבל, האָט זיך אלץ דערנעענטערט...

ניט דערגייענדיק עטלעכע טריט צום פארוויינטן הויפל מיטן געפלאָכטענעם פארקנדל, איז אנשין געבליבן שטיין. ער מוז פאָרט אופשטעלן בא זיך די עטלעכע פון פר׳יער צוגעגרייטע, דורכגעטראכטע און אײַנגעכאזערטע ווערטער. ער איז דאָך געקומען אהער ניט צוליב דעם, אז ער זאָל זיך לאָזן באהערשן פון אָט די דערמאָנונגען, וואָס האָבן פון סאמע אָנפאנג ווי אויסגענומען מיט אים א טנאַי — ניט אָפּטרעטן, ביז ער וועט זיי ניט ענטפערן, צי האָט ניט באטײַט זײַן געבן א זאָג צו ריטען אפן פעראָן: „פאָר מיט מיר״, אז ער האָט אופגעהערט זען אין דער שוועל, וואָס צווישן זיי, א בארג, וועלכן ער טאָר ניט אריבער. נאָר פּונקט ווי ער האָט ניט געקאָנט ענטפערן זיך דערוף דאן אפן פעראָן, האָט ער ניט געקאָנט ענטפערן זיך נאָך אויך איצט. און ווי דערפילנדיק, אז קיין אנדער ענטפער האָבן זיי נאָך דערווײַל ניט פון אים וואָס צו דערוואַרטן, זײַנען די אלע דערמאָנונגען, וואָס האָבן אים באגלייט אהער פון דער היים, ענדלעך אָפּגעשטאנען.

וויפל אורי גאוורילאָוויטש האָט אָבער נאָכדעם ניט געפּרווּט אופשטעלן די ווערטער, מיט וועלכע עס דארף זיך באלד אָנהייבן זײַן באגעגעניש מיט איליא סאוועליעוויטשן, האָט דערפון זיך שוין אלציינס גארנישט ניט באקומען. דאָס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אז די ווערטער זײַנען גאָר ניט די, און דאָס — אז זיי קלינגען גאָר עפּעס אנדערש. סאָפעקאָלסאָף האָט ער א מאך געטאָן דערוף מיט דער האנט, ווי ער האָט עס שוין איינמאָל געהאט מיט זיך געטאָן בייסן לייענען פון פאפיר די פון פר׳יער אָנגעשריבענע רעדע זײַנע אף דער ראיאָנער פארזאמלונג פון די פראָפּאַריינען.

אין רעכטן מיטן לייענען האָט ער דאָן פּלוצעם דערפילט, אַז עפּעס רעדט ער ניט מיט זײַנע אייגענע ווערטער, כאָטש די רעדע האָט ער אַליין אָנגעשריבן. קאָן זײַן, אים האָט זיך דערפּאַר עס אַזוי אויסגעוויזן, ווײַל ער איז ארויסגעטראָטן שוין נאָכן צופאַל, וואָס איז זיך פאַרלאָפן מיטן יונגן אַרבעטער פונעם מעטאַלורגישן זאַוואָד. אוריִעל איז געזעסן אין די פאַרדערשטע רייען און געזען, ווי דער פאָרזיצער פון דער פאַרזאַמלונג האָט זיך פאַרלוירן, נאָכפאָלגנדיק, ווי דער יונגערמאַן אויף דער טריבונע זוכט בא זיך אין אַלע קעשענעס און קאָן ניט געפינען די אָנגעשריבענע רעדע. און אָט דעמלט, ווען אוריִעל, פּונקט ווי אַלע אַנדערע, מיסטאָמע, אין זאַל און אין פּרעזידיום, איז געווען זיכער, אַז דער יונגערמאַן וועט, ניט ארויסברענגענדיק קיין וואָרט, פאַרשעמט פאַרלאָזן די טריבונע, און דער פאָרזיצער, גלײַך ער וואָלט דערין, וואָס איז פאַרלאָפן, באַזונדערס גאָרניט אײַנגעזען, וועט געבן דאָס וואָרט דעם פאָלגנדיקן רעדנער, האָט דער יונגער אַרבעטער פונעם מעטאַלורגישן זאַוואָד געגעבן אַ מאַך מיט דער האַנט און זיך אָנגערופן צום פּרעזידיום:

— איך האָב, ווײַזט אויס, איבערגעלאָזט דאָס אָנגעשריבענע אין דער היים. ס'מאַכט ניט אויס, אויב איך וועל ריידן ניט פון פּאַפּיר, נאָר אַזוי?

וועגן וואָס האָט יענער דעמלט גערעדט, האָט אוריִעל ניט פאַרגעדענקט. ער געדענקט אָבער, אַז דער יונגערמאַן איז לאַנג ניט אַראָפּ פון דער טריבונע, אַז אין זאַל איז געווען מאָדנע שטיל, און אַז ווען דער פאָרזיצער האָט דערמאָנט דעם יונגן אַרבעטער, אַז עס האָט זיך שוין לאַנג געענדיקט דער רעגלאַמענט זײַנער, האָט מען פון זאַל געשריִען, מע זאָל אים פאַרלענגערן די צײַט, און קיינער האָט נאָך זײַן ארויסטרעטונג ניט פאַרגעלייגט, מע זאָל מאַכן אַן איבעררײַס. אוריִעלן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די, וואָס זײַנען ארויסגעטראָטן אויף דער זעלבער פאַרזאַמלונג נאָכדעם, האָבן זיך עפּעס ווי געשעמט ארויסלייגן פון די קעשענעס די פון פריִער אָנגעשריבענע רעדעס, און אַז אייניקע פון זיי האָבן ארײַנגעקוקט אין די פּאַפּירן בלויז, דאַכט זיך, דעמלט, ווען זיי האָבן געדאַרפט אָנרופן עפּעס אַ ציפער.

מיט אים, אַנשינען, קומט איצט, אייגנטלעך, פּאָר דאָס זעלבע, וואָס אויף יענער פאַרזאַמלונג, ווען ער האָט אין סאַמע מיטן לייענען אויפגעהערט זיך באַנוצן מיט דער פון פריִער צוגעגרייטער רעדע. קענטיק, ער האָט צוגעגרייט פאַרן געשפּרעך, וואָס סע שטייט אים פאָר מיט לעסאָוון, ניט די סאַמע נייטיקסטע און פּאַסיקסטע ווערטער, וויבאַלד ער קאָן זיי צוריק ניט אויפשטעלן בא זיך. צוגרייטן זיך פאַרפריִער, וואָס צו זאָגן, דאָס, ווײַזט אויס, קאָן מען שטענדיק, נאָר ניט שטענדיק קאָן מען פאַרפריִער צוגרייטן פאַר דעם די פּאַסיקע ווערטער. די פּאַסיקע ווערטער, אויב מע האָט וואָס צו זאָגן, קומען צו דער נייטיקער צײַט אַליין צו גיין.

פונוואַנען האָט זיך צו אים מיטאַמאָל גענומען דאָס געפיל, אַז ניט ער אַליין, נאָר עמעצער אַ צווייטער גאָר האָט אים אַראָפּגעבראַכט הײַנט אַהער, און אַז אָט דער עמעצער גייט אים די גאַנצע צײַט נאָך, ווי אַ קאָנוואָיִר, וואָס פירט דעם באַשולדיקטן אויפן געריכט? דאָס איינציקע, מיט

וואָס ער וואָלט געקאָנט, אוריעל, זיך פאַרטיידיקן אױף אַזאַ געריכט, — אַז ער איז ניט נאָר דער באַשולדיקטער, ער איז אויך דער קאָנוואָיִר איבער זיך. נאָר ער בעט ניט דערפֿאַר קיין באַגנעדיקונג, פּונקט ווי ער בעט ניט קיין באַגנעדיקונג פֿאַר זיך דערמיט, וואָס ער איז דאַן צוויי טעג נאָכאַנאַנד געלאָפֿן אױפֿן וואָקזאַל, וואָס ער איז אויסגעוווען אין אַלע האָטעלן פֿון שטאָט, פֿאַרגעזעצט שרײַבן אַהער בריוו, ניט קריגנדיק אױף זיי קיין ענטפֿער, און אויך ניט דערמיט, וואָס ער איז איצטער דאָ און ניט צווישן די געסט, וועלכע האָבן זיך אין אָט דער שאָ פֿאַרזאַמלט בײַ אים אין דער היים אױף זײַן געבורטסטאָג...

מיט אָט דעם דאָזיקן געפֿיל פֿון אַ מענטשן, וואָס האָט זיך אַליין געבראַכט צו פֿירן אױפֿן געריכט און וועלכער איז גרייט, קעדיי זיך ענדלעך באַפֿרײַען פֿון דער אומדערטרעגלעכער שווערקייט, וואָס פּײַניקט אים, אָנעמען פֿאַר ליב דעם האַרבסטן פּסק, איז אורי גאָווריִלאָוויטש אַנשין אַרײַן אינעם פֿאַרשנייטן הויפֿל און אָנגעקלאַפּט אין דער טיר.

— ווער איז עס דאָרט? — האָט אוריעל דערהערט פֿון יענער זײַט טיר אַ פֿאַרשלאָפֿענע שטים, נאָכדעם ווי ער האָט שוין מער זיכערער און פֿעסטער אַ צווייט מאָל געהאַט אָנגעקלאַפּט. — ס׳איז דאָך אָפֿן.

אורי גאָווריִלאָוויטש האָט אַליין זיך שוין דערמאָנט, אַז איליאַ סאַוועליעוויטש, ווי אַ סך אַנדערע דאָ אינעם שטעטל, וואָס וווינען אין באַזונדערע הײַזער, האָבן בלויז אױף באַנאַכט פֿאַרקייטלט די טיר פֿון אינווייניק. באַטאָג און אין אָוונט זײַנען די טירן געווען אָפֿן. אַלנפֿאַלס, ער, אוריעל, געדענקט ניט, אַז אים זאָל ווען־ניט־איז געווען אויסקומען אָנקלאַפּן צו לעסאָוון.

און דאָך, דערמאָנענדיק זיך עס איצט, האָט אוריעל ניט אַ שטויס געטאָן די טיר, נאָר געוואַרט, מע זאָל זי אים עפֿענען. ער איז ניט אינגאַנצן זיכער, צי דער געשפּרעך זײַנער מיט לעסאָוון קאָן ניט פֿאַרקומען אױף דער זײַט טיר, אױף יעדן פֿאַל דער אָנהייב פֿון זייער געשפּרעך.

— אַנטשולדיקט, כ׳האָב, דאַכט מיר, פֿאַרבלאָנדזשעט ניט אַהין, — האָט אַנשין, דערזעענדיק אין דער טיר אַן עלטערע פֿרוי, זיך אָנגערופֿן, — מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָ... אַנטשולדיקט, — האָט ער זיך אַליין איבערגעשלאָגן אינמיטן די רייד, אָנווײַזנדיק אױפֿן שכנישעסדיקן הויף, — און ווער וווינט דאָרט?

— וואָלאָווין. דעניס אַפֿאַנאַסיעוויטש וואָלאָווין. און צו וועמען דאַרפֿט איר?

— צו איליאַ סאַוועליעוויטש לעסאָוון.

די פֿרוי האָט מאָדנע אַ קוק געטאָן אױף אים פֿון אונטער דער נידעריק אַראָפּגערוקטער פּאַטשיילקע אױפֿן שטערן און איז אָפּגעטראָטן פֿון דער טיר:

— גייט אַרײַן. איר האָט ניט פֿאַרבלאָנדזשעט. ס׳איז אַהער.

אָפּקלאַפּנדיק אין פֿירהויז דעם שניי פֿון די שיך, האָט אוריעל געפֿרעגט:

— דער באַלעבאָס איז אין דער היים, צי אױף דער אַרבעט?

קענטיק, ער האָט עס צו שטיל געפֿרעגט, און איבערפֿרעגן, ווען ער

איז פונעם טונקעלן פירהויז אַרײַן אין שטוב, האָט ער שוין ניט געהאַט צו וואָס. אנשין האָט שוין איצט אַליין געזען, אַז אויסער איר איז אין שטוב מער קיינער ניטאָ. בײַ דער שײַן פונעם נידעריק אַראָפּגעהאָנגענעם עלעקטרישן לעמפּל האָט ער אויך באַוויזן באַמערקן, אַז די פרוי איז אַ סאַך ייִנגער, ווי עס האָט זיך אים געהאַט אויסגעוויזן מיט אַ מינוט פריִער אינעם האַלב־טונקעלן פירהויז. בײַ איר זײַנען גרויסע בורשטין־אויגן און בלוטפולע ליפּן. זי קער מיסטאָמע זײַן,— האָט אוריִעל אַ טראַכט געטאָן,— לעסאָווס אַ שנור. איינער פון זײַנע דרײַ אומגעקומענע זין, ווי לעסאָוו האָט אים דעמלט דערציילט, איז געווען אַ כאַסענע געהאַטער. און עפּשער איז זיך מיט איליאַ סאָוועליעוויטשן פאַרלאָפן אויף דער עלטער דאָס זעלבע, וואָס מיט איִם, אוריִעלן? אויף וויפל קאָן זי זײַן ייִנגער פון לעסאָוון? נאָר דערין איז אוריִעל זיכער: צווישן איר און איליאַ סאָוועליעוויטשן איז ניט געווען קיין שוועל, וועלכן ער האָט געדאַרפט פאַרוואַנדלען אין אַ באַרג, אַז ער זאָל אים ניט קאָנען אַריבער.

אַזוי צי אַנדערש, נאָר אַז אין שטוב איז דאָ אַ באַלעבאָסטע, איז צו זען פון אַלץ. דאַכט זיך, די זעלבע שטוב, וואָס דעמלט, און ניט די זעלבע. ער האָט שוין דאָ, אייגנטלעך, קימאַט גאָרניט געטראָפן פונעם פריִערדיקן. אַפילו די ווענט זײַנען ניט צו דערקענען. זיי זײַנען אויסגעקלעפּט מיט העל־פריילעכע טאַפּעטן און זען עפּעס אויס העכער. פונעם מעבל, וואָס איז דאָ דאַן געשטאַנען, דערקענט ער בלויז דעם נידעריקן ברוינעם קאָמאָד אין ווינקל.

— איר זײַט, זע איך, ניט קיין היגער, נאָרוואָס געקומען, ווײַזט אויס, צו פאָרן?— האָט, מאָדנע צוקוקנדיק זיך אַלץ נאָך צו אים, געפרעגט די פרוי.— און ווער קערט איר זיך אָן מיט לעסאָוון? אַ פרײַנט זײַנער?— און ווידער פאַרכידעשט אַ בליק געטאָן אויף אים מיט די גרויסע בורשטין־אויגן פון אונטער דער אַראָפּגערוקטער פאַטשיילקע.

פאַרוואָס האָט זיך אים אין דער דאָזיקער רעגע אויסגעוויזן, אַז אָט די אַנטקעגנזיצנדיקע פרוי ווייסט אי ווער ער איז אי נאָך וואָס איז ער אהער געקומען, וואָלט אוריִעל ניט געקאָנט זיך דערויף ענטפערן. נאָר עפּעס גיט זיך אים אויס, אַז לעסאָוו האָט דער דאָזיקער פרוי אַלץ אויסדערציילט וועגן אים, אַפילו געגעבן איר דורכלייענען אַלע זײַנע בריוו, און בלויז פון איר איז איצט געווענדט, אַז איליאַ סאָוועליעוויטש זאָל אים באַפרײַען פון דער שווערער מאַסע, וואָס ער, אוריִעל אַליין, האָט אָנגעוואַלגערט אויף זיך, און אַז איליאַ סאָוועליעוויטש זאָל צוזאַמען מיט אים אָפּריכטן הײַנט בײַ דעם דאָזיקן טיש זײַן אייגן־און־פופציקסטן געבורטסטאָג. און דערפאַר האָט אורי גאַוורילאָוויטש באַזונדערס באַטאָנט:

— איליאַ סאָוועליעוויטש איז מיר פיל נעענטער ווי אַ פרײַנט.

— מאָדנע.

— כ׳פאַרשטיי אײַך ניט.

— און ביז איצטער ווייסט איר ניט, אַז איליאַ סאָוועליעוויטש...— די פרוי האָט אָפּגעקערט פון אנשינען דאָס פּאָנעם און ווי ניט אים, נאָר עמעצן אַ צווייטן, וועלכן זי זעט דאָרט פאַר זיך, שטיל פאַרטרויט,— שוין דער דריטער כוידעש, ווי מיר האָבן אים באַערדיקט.

אנשין איז נאָך אַלץ געזעסן מיט שטײַף צוגעמאַכטע אויגן, וווהין ער האָט, אויסער דעם לעבעדיקן איליא סאָוועליעוויטשן, מער קיינעם אַהין ניט אַרײַנגעלאָזט, ווען ער האָט, קוים הערנדיק די אייגענע שטים, גע־פרעגט:

— ער איז אומגעקומען אין דער לאַווע?

— וואָס עפּעס אומגעקומען? כ׳האָב אײַך דען געזאָגט, אַז ער איז אומ־געקומען? איליא סאָוועליעוויטש איז געשטאָרבן בא זיך אַפן בעט. צוויי טעג איינגאַנצן איז ער קראַנק געווען, זאָגט מען. דאָס האַרץ האָט בא אים געפּלאַצט, ניט אויסגעהאַלטן. קאַרג איז ער אָף זײַן לעבן׳ אויסגעשטאַנען? אַלע זײַנע זין, ווי איר ווייסט, זײַנען אומגעקומען אָף דער מילכאָמע. מיט אַ יאָר דרײַ־פיר צוריק איז בא אים געשטאָרבן דאָס ווײַב. אַ האַרץ איז ניט קיין זייגער, וואָס מע קאָן אָף דעם אָנהענגען געוויכט און געוויכט. אַ זיי־גער האַלט אויך אויס ביז אַ מאָס... אַ זעלטענער מענטש געווען איליא סאָוועליעוויטש. קיין שלעכט וואָרט האָט מען פון אים קיינמאָל ניט גע־הערט. נאָר געטאָן יענעם גוטס. פאַרוואָס שטאַרבן אָפּט אַזעלכע מענטשן פאַר דער צײַט? ער האָט דאָך געקאָנט נאָך לעבן און לעבן...

דער ווייטעק, וואָס עגבערט דורך דעם שאַרבן און שפּאַלט אים פאַנאַנ־דער, — אוריעל ווייסט עס לויט זיך, — קומט ניט איינצײַטיק מיטן קלאַפּ, נאָר שטענדיק עטוואָס שפּעטער. דאָס מאָל איז דער אומדערטרעגלעכער ווייטעק פונעם קלאַפּ, וועלכן ס׳האָט אים אַזוי אומגעריכט דערלאַנגט אָט די פרוי, דערגאַנגען מיט אַ היפּשער פאַרשפּעטיקונג, ווי אין אים וואָלט עפּעס אָפּגעטעמפּט געוואָרן און דער ווייטעק האָט געדאַרפט אָפּזוכן אַן אַנדער שאָליעך, דורך וועמען איבערגעבן וועגן זיך אין דער סוידעספּולער הייל פון זײַן שאַרבן. דערווײַל זײַנען אַהין דערגאַנגען בלויז די קלאַנגען פון די ווערטער, וואָס די פרוי האָט אים געזאָגט, נאָר ניט דער באַדײַט זייערער. דער פולער באַדײַט זייערער איז געבליבן ערגעץ שטעקן אין וועג, און קעדיי דורכשלאָגן פאַר זיי אַ וועג, האָבן אָן אופּהער געגומען פויקן, ווי מיט האַמערס איבערן שאַרבן, די טײַנעס פון דער פרוי: „פאַר־וואָס שטאַרבן אָפּט אַזעלכע מענטשן פאַר דער צײַט? זיי האָבן דאָך געקאָנט נאָך לעבן און לעבן...“

„דאָס האָט זי דאָך דיר, דיר אַרויסגעשטעלט די דאָזיקע טײַנעס!“ — האָבן מיטאַמאָל געגומען אויסקלאַפּן איבערן שאַרבן די זעלבע האַמערס. זיי זײַנען פון אים ניט אָפּגעטראָטן אויך באַם פענצטערל, ווו ער איז געשטאַ־נען און געבלאָנדזשעט מיטן פאַרנעפּלטן בליק איבערן קאַלטן אויסגע־שטערנטן הימל.

— איר ווייסט ניט, — האָט די פרוי אין אַ ווײַלע אַרום זיך אַפּסנײַ אָנ־געררופן צו אוריעלן, — בא איליא סאָוועליעוויטשן זײַנען געבליבן ערגעץ אייגענע? ווען מיר האָבן אין אַ שטיקל צײַט נאָך זײַן טויט זיך אַרײַנגע־קליבן אַהער, האָבן מיר אַלץ, וואָס דאָ איז געווען, אויסגעפּאַרקויפט און דאָס אויסגעלייזטע געלט אָפּגעגעבן אין שאַכטקאָם. זאָל עס דאָרט ליגן. עפּשער וועט מיט דער צײַט זיך עמעצער לאָזן הערן פון לעסאָווס נאָענ־טע. פונעם גאַנצן מעבל האָבן מיר בלויז איבערגעלאָזט דעם קאָמאָד. מיר

האָבן אהין צונויפגעלייגט אלע זײַנע פּאַפּאָס, גראַמאַטעס און א בינטל בריוו.

— פון וועמען זײַנען עס די בריוו? — האָט אוריזל געפרעגט, פילנדיק, ווי דער ווייטעק פונעם אומגעריכטן קלאַפּ דרינגט אלץ טיפער און טיפער אין אים אריין, א ווייטעק, פון וועלכן ער וועט זיך שוין קיינמאָל ניט באַפרײַען און פון וועלכן ס'איז ניטאָ מיט וואָס זיך צו באַפרײַען.

— פון איינעם זײַנעם א באַקאַנטן. יענער האָט זיך, זעט אויס, מיט עפּעס שטאַרק פאַרשולדיקט פאַר לעסאָוון, וואָרעם אין דעם בריוו, וואָס איז אָנגעקומען שוין נאָך לעסאָווס טויט, בעט זיך בא אים יענער, אז סאַ־ווועליטש זאָל אים מוחל זײַן, און שרײַבט, אז ער קלײַבט זיך אהער קו־מען. אז מיר האָבן דורכגעלייענט דעם בריוו, האָט מײַן מאַן אָנגעשריבן יענעם, אז ער האָט ניט וואָס צו קומען שוין אהער. יענער האָט, אפּאָנעם, ניט דערהאַלטן אונדזער בריוו, ווײַל מיט א פּאָר וואָכן צוריק איז ווידער אָנגעקומען פון אים א בריוו פאַר אילי סאָוועליעוויטשן.

ווען אוריזל זאָל זײַן זיכער, אָט ווי די פרוי, וואָס זיצט אנטקעגניבער באַם טיש, אז דער בריוו, וועלכן ס'האָט אים געשריבן איר מאַן, איז ניט אָנגעקומען!.. צי פאַרשטייט זי, מערע, ווי וויכטיק דאָס איז איצט פאַר אים צו וויסן, איצט, ווען ער שטייט באַם צופוסנס פונעם באַרג און פרוווט נאָך אלץ אויסגעפינען אין זיך אזוינס, וואָס זאָל אים אָפּהאַלטן אריבערטרעטן די שוועל.

— איר קאָנט מיר זיי געבן א קוק טאָן?

צווישן די בריוו, וואָס די פרוי האָט אים דערלאַנגט, זײַנען עטלעכע געווען ניט קיין געעפנטע. הייסט עס, דער אורטייל, וועלכן אילי סאָווע־ליעוויטש האָט ארויסגעטראָגן איבער אים, איז אַן ענדגילטיקער. און זי, מערע, האָט געמיינט, אז דערמיט, וואָס זי האָט אויסבאַהאַלטן דעם ענט־פער, האָט זי אים באַפרײַט פון די שווערע אָנגעהאַנגענע געוויכטן.

— איך ווייס שוין, ווער ס'האָט געשריבן די בריוו. איך קען אים, דעם מענטשן. אויב איר דאַרפט זיי ניט, קאָן איך זיי מיטנעמען מיט זיך און זיי אים אָפּגעבן.

— נעמט זיי, — און ווי זי זאָל מיטאמאָל כאַראָטע האָבן, וואָס זי האָט אים אָפּגעגעבן די בריוו, וועלכע אוריזל האָט שוין באַוויזן ארײַנלייגן צו זיך אין פּאַרטפעל, געפרעגט, — וואָס איז עס פאַר א מענטש אָט דער באַ־קאַנטער אײַערער?

די פרוי איז, דאַכט זיך, כוישעד, אז דאָס האָט ער זיך פאַרשולדיקט פאַר לעסאָוון. אוריזל ווייסט ניט, צי וואָלט ער עס אָפּגעלייקנט, ווען זי זאָל עס אים פרעגן. יעדערער קאָן איצטער זײַן איבער אים דער ריכטער. ער האָט איר, דאַכט זיך, געענטפערט, ווי א באַשולדיקטער, מיט אַן אראָפּ־געלאָזטן קאָפּ:

— כ'ווייס ניט, כאָטש איך קען אים שוין א וועלט מיט יאָרן, — אוריזל איז צוגעגאַנגען צו דער אָפענער טיר פונעם שכײַנעסדיקן צימער, וווהין אילי סאָוועליעוויטש האָט אים דעמלט אין צוג געהאַט געבעטן פאַרפאָרן און וווהין אוריזל האָט זיך געקליבן פאַרפאָרן און, מעגלעך, זיך עפּשער באַזעצן, אויב ער וועט אין יאָרן ארום, ווי ער טראַכט, פּלוצעם נעלעם

ווערן אין איינעם א טאָג אַף שטענדיק פון דער היים און אויסער ריטען וועט קיינער ניט וויסן, ווו ער איז אנטרונען געוואָרן, ווי עס ווייסט ניט קיינער, אויסער ריטען, ווו איז ער איצט.

שטייענדיק דאָ בא דער טיר, האָט ער זיך אָנגערופן ווי צו זיך:

— אינעם טויט פון יעטווידן איינעם, וואָס גייט אוועק פאר דער צײַט, איז, אפּאָנעם, שטענדיק שולדיק עמעצער פון די לעבעדיקע, און אָנשטאָט פרעגן, פון וואָס איז דער מענטש געשטאָרבן, וואָלט מען אָפּט געדאַרפט פרעגן, פון וואָס איז ער אומגעקומען...

— ווּהין אײַלט איר עס זיך אזוי? — האָט, דערלאַנגענדיק אים דעם מאנטל, געפרעגט די פרוי. — באַלד דאַרף קומען דער מאן מײַנער. ער אַרבעט אַף דער זעלבער שאַכטע, ווו איליא סאַוועליעוויטש האָט געאַרבעט. איך אַרבעט אויך דאָרט, נאָר אַף דער אויבערפלאַך, אפן קאָנווייער, באַם אָפּקלײַבן די פּאָראָדע. איר קאָנט איבערנעכטיקן בא אונדז, אויב איר האָט זיך נאָך ניט באַשטאַט מיט קיין אָרט אין האָטעל. איר וועט דאָך, מיסטאָמע, וועלן מאָרגן צוגיין אפן צווינטער. וועט אײַך מײַן מאַן באַגלייטן. אליין וועט איר ניט געפינען. דאָרט איז נאָך ניטאָ קיין מאַצייווע. די שאַכטע האָט געוואָלט באַשטעלן, זאָגן די אַרבעטער, אַז זיי ווילן אליין, אַף זייער אייגענעם קאָסט, שטעלן אים א מאַצייווע.

די אויסגעשליפענע פּונעם פּראָסט האַלבע לעוואָנע האָט זיך געלויכטן איבערן טײַך, ווי א פּאַנאַנדערגעגליטער פּלאַטשיקער שטיין, וואָס דער ווינט האָט פּאַרטראָגן אין דער הייך פון די טליִענדיקע טעריקאָניקעס. צום ווײַפלטן מאָל שוין אַף זײַן לעבן זעט ער זיי, אוריִעל, אָט די פּילפּאַרביקע פּײַערלעך פון די טעריקאָניקעס, און יעדעס מאָל בלײַבט ער שטיין א פּאַרגאַפטער פון זייער שיינקײַט, ווי באַם אויפבליצן פון די קראַנצן פייערווערק אין הימל בייס די יאָמטעוודיקע סאַליוטן. אינעם לויכטן זיך פון די פּילפּאַרביקע פּײַערלעך אַף אָט די הויכע פּיראַמידעס איז אויך פאַראַן עפּעס יאָמטעוודיקס און דערהויבנס. אוריִעל וואָלט געקאָנט שאָענלאַנג שטיין אזוי פּאַרגאַפט און קוקן אַף די טליִענדיקע טעריקאָניקעס, ניט פילנדיק, ווי סע שטאַרקט זיך דער פּראָסט, ווי ער פּרעסט אַלץ שטײַפער צונויף דעם שנייאונטער זיך. נאָר דער ווינט האָט ניט געלאָזט האַלטן אָפן די אויגן, ער האָט געשטויבט מיט שנייעלעך, שטעכיקע און שאַרפע, ווי גרײַפּעלעך שטיינקוילן.

שוין באַם אַרויסגיין פון שטוב האָט דער ווינט זיך אָנגעוואָרפן אַף אים, געריסן פון די הענט דעם פּאָרטפעל, געמאַכט אים שווער, ווי אָנשטאָט די בריוו זאָל ער געוועזן, אוריִעל, אַרײַנלייגן אהין שטיינער, שווערע, וואָגיקע שטיינער. און ווידער איז אים באַפאַלן דאָס זעלבע געפיל, וואָס פריִער. איצט אָבער קאָנוואָזירט ער, אוריִעל, זיך, דעם באַשולדיקטן, שוין ניט אפן געריכט, נאָר פונעם געריכט...

דערפון וואָס ער וועט צערײַסן די בריוו און דער ווינט וועט זיי פאַרטראָגן אין דער פאַרשנייטער און פאַרווייעטער טונדרע, וועט זיך סײַווי שוין גאָר ניט ענדערן. ער וועט דערמיט ניט אויסבאַהאַלטן דאָך פון זיך דעם אורטייל, וועלכן ער אליין, אוריִעל, האָט א ווײַלע פריִער זיך אַרויסגעטראָגן, אָנרופנדיק זיך פאַרן אוועקגיין צו דער פרוי מיט דער

אראָפּגערוקטער פּאטשיילע, וואָס האָט אים אומגעקערט אלע זײַנע בריוו: „אינעם טויט פון יעטווידן, וואָס גייט אוועק פאר דער צײַט, איז שטענ־דיק עמעצער שולדיק, און אָנשטאָט פרעגן וועגן עמעצן, פון וואָס איז ער געשטאָרבן, וואָלט מען אָפט געדאַרפט פרעגן, פון וואָס איז ער אומגעקו־מען".

ווי־אזוי האָט ער עס, נאָכדעם ווי ער האָט זיך ארויסגעטראָגן דעם דאָזיקן אורטייל, געקאָנט ווענדן זיך צו דער זעלבער פרוי, אז זי זאָל אים אָנווײַזן, ווהין קאָן ער ארײַנטראָגן זײַן צושטײַער אַף דער מַאציייווע, וועלכע די ארבעטער קלײַבן זיך שטעלן אַף זייער אייגענעם קאָסט איליא סאוועליעוויטשן? ווי־אזוי האָט ער עס באלד ניט פארשטאנען, אז מיטן ארײַנטראָגן זײַן צושטײַער וואָלט ער זיך, אייגנטלעך, מיט גאָרניט אונ־טערשיידט פון די, וואָס מיינען, אז מיטן אראָפּלאָזן א מאטבייע אין דער פּושקע ווערט זיי פארגעבן די זינד?

דער ווינט, וואָס האָט געטראָגן אין זיך דעם רייעך פון די טעריקאָני־קעס, — א רייעך פון אָפּגעפרישטן קאָרנברויט, — האָט, ארויסגייענדיק פון געסל, זיך א יאָג געטאָן פאָרויס, ווי אָנווײַזנדיק אוריִעלן דעם וועג צו דער שאכטע, ווהין ס'האָט אים מיט יאָרן צוריק צום ערשטן מאָל געהאט אראָפּ־געבראכט איליא סאוועליעוויטש. נאָר נאָך וואָס גייט ער, אוריִעל, אצינ־דער אהין?

דערזען שטיין אונטער די בונקערס נאָך ניט קיין אָנגעלאָדענעם עשע־לאָן, האָט אנשין א טראכט געטאָן בא זיך, צי וואָלט ניט געווען גלײַכער, ער זאָל מיטן דאָזיקן עשעלאָן זיך דערקלײַבן ביז דער סטאנציע און מיטן פארנאכטיקן צוג זיך אומקערן אהיים. וואָס האָט ער, אייגנטלעך, צו טאָן דאָ אין שטעטל? צוגיין אפן בעסאלמען? אויב איליא סאוועליעוויטש איז אים ניט מויכל געווען באַם לעבן, איז וואָס האָט ער, אוריִעל, צו בעטן בא אים מעכילע אצינד?

ס'איז אים בלויז א שאָד, וואָס ער וועט ניט קאָנען אָנשרײַבן די נײַע באלעבאטים פון לעסאָווס שטיבל, וועלכע וועלן אַף אים מאָרגן זיכער וואַרטן, זיך אנטשולדיקן, וואָס ער האָט זיך מיט זיי ניט געזעגנט. ווייסט ער אָבער ניט, ווי מע רופט זיי. ער זאָל געווען וויסן, וואָלט ער זיי זיכער אָנגעשריבן. דורך אָט דעם דאָזיקן ארײַנגעשיקטן בריוול וואָלט ער פאר־שפּאָרט זיך דערנאָך פאר זיי פארענטפערן, אויב אים וועט נאָך ווען־ניט־איז אויסקומען דאָ זײַן, אז די בריוו, וועלכע זיי האָבן אים אומגעקערט, האָט געשריבן לעסאָוון ניט זײַן, אוריִעלס, לאנגיאָריקער באקאנטער, נאָר ער, אוריִעל. זיי וואָלטן זיך אליין עס אָנגעשטויסן, ווען זיי באקו־מען זײַן בריוול. לויטן קסאוו זײַנעם וואָלטן זיי זיך עס אָנגע־שטויסן.

ווירקלעך, וואָס האָט ער איצטער צו טאָן דאָ אַף דער שאכטע און אין שטעטל? און אוריִעל האָט זיך געלאָזט לענגויס דעם אויסגעצויגענעם עשעלאָן זיך דערליידן מיטן מאשיניסט.

אפן ווערטיקאלן שאכטע־ברונעם האָט זיך געלויכטן א גרויסער פינפ־עקיקער שטערן. מיט זײַן צונטער־רויטן פײַער האָט ער נאָך פונדערווײַטן אָנגעזאָגט, אז די שאכטע, ווו ס'האָט געארבעט איליא סאוועליעוויטש און

צו וועלכער אויך ער, אנשין, האָט מיט אייניקע יאָר צוריק געהאַט א שטיקל שײַכעס, איז ניט קיין באַלכויוו, אז זי געהערט צו די שאַכטעס, וואָס דינען אנדערע פאַר א מוסטער, ווי:אזוי צו אַרבעטן. דערזעענדיק דעם פלאַמפײַערדיקן שטערן איצט פון דער נאָענט, איז אורי:עלן מיטאַמאָל אײַנ־געפאַלן א געדאַנק, אז מע וואָלט אומעטום געדאַרפט אַרויסהענגען אַף דער זעלבער הייך און פון דער זעלבער גרייס נאָך צו איין שטערן, נאָר אָנצינדן זאָל מען זיי בלויז דעמאָלט, ווען דאָרט, ווו זיי וועלן זיך לויכטן, וועט ניט זײַן קיין איינער, וועלכער זאָל זיך האָבן פאַרשולדיקט פאַר א צווייטן, אז ער זאָל דאַרפן נאָכדעם בעטן בא יענעם מע־כילע.

דער דאָזיקער געדאַנק זײַנער איז וואָס א רעגע זיך פאַנאַנדערגע־וואַקסן און געבראַכט אים דערצו, אז ער האָט, דאַכט זיך, אָנגעהויבן גלייבן דערין, אז צווישן די שטערן, וואָס זייער שײַן איז נאָך ניט דערגאַנגען אַהער, געפינט זיך אויך יענער ווײַטער שטערן, וועגן וועלכן ער האָט קינדווײַז ערגעץ געלייענט צי געהערט, און אז זײַן העלע שײַן, וואָס איז ליכטיקער פון דער זון, וועט דערגיין צו די מענטשן נאָר דעמאָלט, ווען מענטשן וועלן אופהערן שטאַרבן פאַר דער צײַט און די לעבעדיקע וועלן ניט האָבן פאַר וואָס צו בעטן בא די אוועקגעגאַנגענע מעכילע. אין דעם, וואָס די שײַן פון אָט דעם זוניקן שטערן פאַרהאַלט זיך אין וועג, איז אויך דאָ זײַן שולד, אורי:עלס...

אינעם טויבמאַכנדיקן טומל פון די שטיינקוילן, וואָס האָבן זיך א שאָט געטאָן פון די אָפענע בונקערס אין די וואַגאָנען, האָט זיך אַרײַנגעריסן א הילכיק דערצאָרנט קאָל. דער אָנגעווייעטער באַרג שניי אנטקעגניבער באַם סקיפּ האָט אויסבאַהאַלטן הינטער זיך אי דעם, וואָס האָט געשרי:ען, אי דעם, אף וועמען מע האָט געשרי:ען.

שוין פון די ערשטע ווערטער, וואָס זײַנען דערגאַנגען צו אורי:עלן, האָט ער פאַרשטאַנען, אז דאָרטן גייט אָן א קריג וועגן אָט דעם צונטער־רויטן שטערן אפן ווערטיקאַלן שאַכטע־ברונעם, אז דער, וועלכער האָט זיך אזוי הויך און צאָרנדיק צעשרי:ען, באַשולדיקט דעם צווייטן, אז צוליב אזעלכע ווי ער לויכט דאָ ניט שטענדיק דער אַרויסגעהאַנגענער שטערן.

בא דעם, וואָס פאַרענטפערט זיך, איז אָן אײַנגעבראָכענע שטים. ווײַזט אויס, ער איז שוין ניט קיין יונגערמאַן, מעגלעך אפילע עלטער פון יע־נעם, וואָס שרײַט אף אים. מיסטאַמע האָט דער מענטש זיך מיט עפּעס פאַר־זינדיקט בא דער אַרבעט, וואָס ער האָט אזוי אופגעבראַכט קעגן זיך דעם צווייטן. מע קאָן דאָך אָבער דאָס זעלבע אַרויסזאָגן אַנדערש, אָן אָט די אַלע באַליידיקונגען און דערנידעריקונגען, מיט וועלכע איינער איז אָנ־געפאַלן אפן צווייטן, זאָרגנדיק זיך וועגן דעם שטערן אפן שאַכטע־ברונעם.

פּאַמעלעך, ווי אויספּרוּווּנדיק אונטער זיך די רעלסן, האָט דער לאָקאָ־מאָטיוו אַרויסגעפירט פון אונטער די בונקערס דעם לעצטן אָנגעלאָדענעם וואַגאָן קוילן און, אָן אײַנגעהילטער אין בלוילעכע קנוילן דאַמף, געבליבן שטיין באַם פאַרמאַכטן סעמאַפאָר. נאָר אויך אפילע דעמאָלט, ווען דער לאָ־

קאַמאַטיוו האָט מיט זײַן אַקשאַנעסדיקער סירענע פרײַ געמאַכט פאַר זיך דעם וועג צו דער סטאַנציע, האָט אורי̂על נאָך געקאַנט זיך אַרופכאַפּן אויף אים. דער געשריי אָבער הינטער דעם אַנגעווייעטן שניי־באַרג באַם סקיפּ האָט ניט געלאָזט אורי̂עלן זיך רירן פון אָרט.

אורי גאַוורילאָוויטש אַנשין איז ניט געווען זיכער, צי אַלץ, וואָס איז זיך דאָ מיט אים הײַנט פאַרלאָפן, און אַלץ, וואָס ער האָט דאָ הײַנט איבער־געטראַכט, וועט ער איבערדערציילן דעם, וועלכער זאָרגט אַזוי וועגן דעם שטערן, וואָס פלאַטערט מיט זײַן צונטער־רויטן פלאַם, מע זאָל זען נאָך פונדערווײַטן, אַז די שאַכטע, אויף וועלכער דער דאָזיקער מענטש אַר־בעט, איז ניט קיין באַלכויוו. נאָר אַז אין געשפּרעך, וועלכן ער וועט באַלד האָבן מיטן דאָזיקן מענטשן, וואָס קאָן דערגיין באַ זיי ביז צו אַ קריג, וועט ער ניט פאַרפעלן אים דערציילן אויך וועגן דעם ווײַטן זוניקן שטערן, וואָס זײַן שײַן פאַרהאַלט זיך אַלץ נאָך אין וועג, — דאָס האָט אורי גאַוורילאָ־וויטש אַנשין שוין געווּוסט אויף זיכער, ווען ער האָט זיך געלאָזט אַניאָגן דעם לאַנגן שאָטן, וואָס האָט זיך אַוועקגעגליטשט איבערן אַנגעווייעטן שניי.

# אינהאלט

די אײביקע מאָס (ראָמאַן) . . . . . . . 5


## דערציילונגען

דעם באַלשעמס געסל . . . . . . . . . . . . . . 211
די אײנציקע . . . . . . . . . . . . . . . . . 271
דאָס אײניקל . . . . . . . . . . . . . . . . . 351
צוגאַסט אַף אַ ווײַל... . . . . . . . . . . . . 364
נאָכן געוויטער . . . . . . . . . . . . . . . . 419
ליכט . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 437
מעכילע . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 475

שמועל גאָרדאָן

# די אייביקע מאָס

מ., „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“, 1979 י., 552 זײַטן
ארויסלאָז־פּלאַן פון 1979 י. נומ. 220

קינסטלער יע. קאָגאַן

רעדאקטאָר ט. גען
קינסטלערישער רעדאקטאָר וו. מאָראָזאָוו
טעכנישער רעדאקטאָר ט. קאַזאָווסקאַיא
קאָרעקטאָרן א. סטרעלניק, כ. פּאָטאַשניק

אינפאָרמאציע־ביולעטען נומ. 1811

אָפּגעגעבן אין זאץ 20.09.78. אונטערגעשריבן צום דרוק 27.02.79. פאָרמאט $84\times108^{1}/_{32}$. טיפּאָגראפיש פּאפּיר נומ. 1. הויכדרוק. באדינגלעכע דרוקבויגן 28,98. פארלעגערישע דיסקאָנט־בויגן 34,85. טיראזש 3600 עקז. באשטעלונג נומ. 676. פּרײַז 2 רוב. 50 קאָפּ. פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל“, 121069, מאָסקווע, וואָראָווסקי־גאַס, הויז נומ. 11, באלוינטע מיטן אָרדען פון דער רויטער ארבעטס־פּאָן מאָסקווער טיפּאָגראפיע נומ. 7 „איסקרא רעוואָליוציִי“ פון „סאָיוזפּאָליגראפּ־פּראָם“ פונעם מעלוכע־קאָמיטעט פון פססר איבער די איניאָנים פון די פארלאגן, פּאָליגראפיע און בוך־האנדל. 121019, מאָסקווע, אקסאקאָוו־געסל, הויז נומ. 13

*Самуил Вульфович Гордон*

ВЕЧНАЯ МЕРА

*(на еврейском языке)*

М., «Советский писатель», 1979, 552 стр.
План выпуска 1979 г. № 220

Художник *Е. И. Коган*

Редактор *Т. Г. Ген*
Худож. редактор *В. И. Морозов*
Техн. редактор *Т. С. Казовская*
Корректоры *А. Б. Стрельник, Х. Е. Поташник*

ИБ № 1811

Сдано в набор 20.09.78. Подписано к печати 27.02.79. Формат 84×108¹/₃₂. Бумага тип. № 1. Высокая печать. Усл. печ. л. 28,98. Уч.-изд. л. 34,85. Тираж 3600 экз. Заказ № 676. Цена 2 р. 50 к. Издательство «Советский писатель», 121069, Москва, ул. Воровского, 11. Ордена Трудового Красного Знамени Московская типография № 7 «Искра революции» Союзполиграфпрома Государственного Комитета СССР по делам издательств, полиграфии и книжной торговли, Москва, 121019, пер. Аксакова, 13